ISBN:0-657-10820-0
108205

G825

OFFICINA DE
ENCADERNAÇÃO
E DOURAÇÃO
Natale Salatêo
PONTE PRETA
Rua Victoriano dos Anjos
N. 58
Telephone, 2-1-6
CAMPINAS
Confeccionam-se Pastas

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10820

SHRIFTN
V. 1

Permanent preservation of this book was made possible
by Sandra Serebin
In honor of Jadyn Paige Serebin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלוקראַאינישער וויסנשאַפט־
לעכער אַקאַדעמיע. — ליטעראַרישע און פילאָלאָגישע סעקציעס.

שריפטן

ערשטער באַנד

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“
קיעוו — 1928

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון
דעם בוך און די ציפערן פאַר ביבליאָ-
טעק-קאַטאַלאָגן זיינען אָפּגעדרוקט אין
„צייט-שריפט פון דרוק“ און אין דעם
„קאַרטן-רעפּערטואַר“ פון דער אוקראַי-
נישער בוך-פּאַלאַטע

מעלוכע-טרעסט „קיעוו-דרוק“,
4-טע דרוק. וואָראָווסקי גאַס 42.
באַשט. 2805 №. געדרוקט 2000.
אָקרליט 822.

דעם ערשטן באַנד פון אירע „שריפטן" איז דער קאַטעדרע אויסגעקומען צוזאַמענצושטעלן באַ זייער שווערע באַדינגונגען. די הויפּט־אופגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער קאַטעדרע אין מעשעך פון די ערשטע צוויי יאָר פון איר פאַקטישער עקזיסטענץ (אָפיציעל עקזיסטירט די קאַטעדרע בלויז א ײ ן יאָר), איז געווען אָרגאַניזאַציע, און ניט פאָרשונג. איבער גאַנץ פאַרשטענדלעכע סיבעס איז דער קאַטעדרע אויסגעקומען אָפּצוגעבן איר הויפּט־ענערגיע ניט אַזוי דער דירעקטער פאָרשונג־אַרבעט, ווי דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בויונג אירער. און דאָ האָט טאַקע די קאַטעדרע צו פאַרצייכענען זייער באַדייַטנדיקע רעזולטאַטן. אַרום דער קאַטעדרע און אירע קאָמיסיעס זייַנען איצט קאָנצענטרירט קימאַט אַלע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע קויכעס פון אוקראַיִנע. לויט איר איניציאַטיוו איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי ייִדישע הילפס־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי די ביבליאָגראַפישע צענטראַלע, דער צענטראַלער פרעסע־אַרכיוו, ייִדאָפּטיילונג פון צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו, ייִדאָפּטיילונג פון אַלוקראַיִנישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק א. א. וו. מיט אַ קורצער צייַט צוריק האָט די קאַטעדרע אויך אָרגאַניזירט אירע אַ פיליע אין אָדעס.

ניט געקוקט אָבער אַף דערדאָזיקער אָנגעשטרענגטער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייַט, האָט די קאַטעדרע דאָך באַוויזן דורכצופירן אויך אַ גאַנץ באַדייַטנדיקע אַרבעט אַפן געביט פון אומיטלבאַרער פאָרשונג. פאַר די צוויי יאָר, זינט די קאַטעדרע עקזיסטירט, האָט זי צוגעגרייט צום דרוק אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. עס זייַנען שוין דערשינען צוועלף נומערן „ייִדישע שפּראַך" און איצט גייען אַרויס, אַלס צווייטע אָפיציעלע אויסגאַבע פון דער קאַטעדרע, די „שריפטן". לעכאַטכילע האָבן די „שריפטן" געזאָלט זייַן אַן אַלגעמיינע אויסגאַבע פון אַלע דרייַ סעקציעס פון דער קאַטעדרע, פון דער ליטעראַרישער, פילאָלאָגישער און היסטאָרישער. די ראַמען פון דער אַרבעט זייַנען זיך אָבער אַזוי צעוואַקסן, אַז אין די 25 דרוקבויגן, וואָס זייַנען באַשטימט געוואָרן פאַרן ערשטן באַנד „שריפטן", האָט דער גאַנצער מאַטעריאַל ניט געקאָנט אַרייַן. דעריבער האָט די ביוראָ פון קאַטעדרע באַשלאָסן אויסצוטיילן די היסטאָרישע אַרבעטן און אַרויסגעבן אַ באַזונדערן באַנד „היסטאָרישע שריפטן". דערדאָזיקער באַנד ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק.

אָבער אַפילע פאַר די צוויי סעקציעס, פאַר דער ליטעראַרישער און פילאָלאָגישער, איז 25 בויגן געווען ווייניק. די „שריפטן" האַלטן דעריבער קאָרעוו צו 35 דרוקבויגן, אי דאָס זייַנען אינעם באַנד ניט אַרייַן אייניקע אַרבעטן (לעמאָשל, פון די כ"כ באָראָוואָי, רימיניק א. אַנד.). איבערן מאַנגל אין פּלאַץ איז אויך אַרויסגעפאַלן די גאַנצע פאָלקלאָר־אָפּטיילונג (באַ 6 דרוקבויגן), איבערהויפּט לידער־זאַמלונגען פון די כ"כ קופּערשמיד, סקודיצקי, זשו־

קאָווסקי א. אַנד. (די קאַטעדרע וועט פאַרעפנטלעכן דידאַקטישע אָפטיילונג צוזאַמען מיט אַנ־דערע מאַטעריאַלן אין פאָרם פון אַ באַזונדערער אויסגאַבע).

די „שריפטן" גיבן אָפּ אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט דער מענדעלע־פאָרשונג. אַכוץ די אַרטיקלען פון די כ"כ גורשטיין און נוסינאָוו, ווערן פאַרעפנטלעכט 63 מענדעלעס בריוו. דאָס איז ניט צופעליק. דער 10־ער מענדעלע־יאָרטאָג האָט זייער פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו דער שאַפונג פונעם ערשטן יידישן קלאַסיקער. די קאַטעדרע האָט געהאַלטן פאַר איר כויוו אַרייַנצוטראָגן אויך איר צושטייַער צום אַלגעמיינעם מענדעלע־שטודיום.

פאַר דער רעדקאָלעגיע:

י. ליבערבערג.

נ. אויסלענדער

דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם און זיין ראָמאַן „סטעמפעניו“.

(מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג).

I

מיט דעם ראָמאַן „סטעמפעניו“, ווי ביכלאַל מיט דעם יאָר 1888, ווערט געשלאָסן דער ערשטער פעריאָד פון שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן, די צייט פון זיינע יוגנטלעכע פּרוּוון און געוואַגטע, אומזיכערע שריט. ניט אַלץ, מיט וואָס דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם צייכנט זיך אויס אין אָט דעם ערשטן פעריאָד, לאָזט זיך געפינען אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק. אייניקע שטריכן, וואָס מאַכן אַזוי אייגנאַרטיק די פיגור פונעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען, פאַרשווינדן אין גאַנג פון זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

שאָלעם-אַלייכעם טרעט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ גרויסע סענסאַציע[1]. ער איז אַן איבעראַשונג מיט אַלץ און פאַר אַלעמען. דער יידישער לעזער פון די 80־ער יאָרן, וואָס ווערט פון טכילעס אָן אינטים פאַרבונדן מיט שאָלעם-אַלייכעמען, הייבט ניט אָן צו וויסן אַף קלאָר, ווּהין פירט אים (און פאַרפירט אָפטמאָל!) אָט דער אומגעוויינלעך־זאָרגלאָזער און אומגעוויינלעך־באַגייסטערטער יונגער שרייבער. פון וואָס ווערט דען שאָ־לעם־אַלייכעם אין יענע יאָרן ניט באַגייסטערט: אָט שרייבט ער אָן אין איין אָטעם, פול מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם זיין קינדער־מייסעלע „דאָס מעסערל“, און אָט נעמט ער זיך דורכפירן די גרעסטע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אַקציע פון יענער צייט — „שאָמערס מישפּעט“; אָט וויל ער שאַפן אַ סעריע ברייט־געפלאַנטע ראָמאַנען וועגן דער פאַמי־ליע בלאַנק (לויט דעם טיפּ פון זאָלאס רוגאָנען־עפּאָפּייע, ווי עס מיינט אין יענער צייט שאָלעם־אַלייכעם), און אָט שרייבט ער בעשוטפעס מיט אַ פּראָסטן גוטן פריינט שלעזן פעליעטאָנען, אין פלוג נאָך האַלב־פּריוואַטע בריוולעך, וואָס ווערן גלייך פאַרעפנטלעכט אין „יידישן פאָלקסבלאַט“.

1 „שאָלעם-אַלייכעם איז שוין דעמאָלט געווען אַ מעפורסעם—דערציילט י. כ. ראַווניצקי וועגן 1886-טן יאָר— עמעס, סאַכאַקל דריי יאָר, אַז ער האָט געשריבן יידיש (העברעיש האָט ער פריער אָנגעהויבן שרייבן), נאָר ער איז געווען איינער פון די גליקלעכע שריפטשטעלער, וואָס האָבן באַקומען אַ נאָמען באַלד נאָך זיין ערשטן אַרויס-טריט“ („צ. א. פון ש“א“ ז. 44).

דאָסזעלבע ווערט אָנגעוויזן אויך אין מ. ספּעקטאָרס „אַ קאַפּיטל זיכרוינעס“ („צ. א. פון ש“א“ ז. 34). די גרויסע פּאָפּולערקייט, וואָס שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען האָט באַקומען נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, לאָזט זיך באַזונדערס דייטלעך זען אין „יידישן פאָלקסבלאַט“. עס איז קעדיי צו דערמאָנען, אַז אויך אין דער העברעישער ליטעראַטור האָט מען שאָלעם-אַלייכעמס ערשטע יידישע ווערק אופגענומען גאַנץ וואַרעם. אַזוי טרעפן מיר אין „כנסת ישראל“ פון 1887 אַ ברייטערע רעצענזיע וועגן דעם ראָמאַן „קינדער-שפּיל“, ווו דער רעצענזענט—אַ. סיראָטקין שרייבט, אַז די דערציילונג איז א דערפרייענדיקע דערשיינונג אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און איר מעכאַ-בער האָט פאַרדינט אַ גרויסן נאָמען.

שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך אין יענער צייט ניט קיין באַשטימטן וועג, ער קאָן זיך נאָך וויניק באַהערשן, ער שווימט נאָך מיט אַסאַך שטראָמען, אָבער אין אָט די אַלע צע־לאָזענע שטראָמען פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז שוין פאַראַן אַ גרוס פון אַן אופגע־וואַכטער קינסטלערישער קראַפט, אַ גרוס פון אַן אופגעוואַכטער ליטעראַטור.

עס איז גענוג אַ בלעטער טאָן די געציילטע זייטלעך פון דער דעמאָלטיקער קריטיק, וואָס האָט זיך גאַנץ פיל אָפּגעגעבן מיט שאָלעם־אַלייכעמען, קעדיי צו זען, ווי שווער אָט דער קריטיק איז געווען זיך צו אָריענטירן צווישן די אַלע סורפּריזן, מיט וועלכע דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם איבעראַשט פון מאָל צו מאָל די יידישע ליטעראַטור[1].

עס איז אָבער נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז די אומופּהערלעכע זיגזאַגן פון זיין ליטעראַ־רישן וועג האָבן טיילמאָל געבראַכט אין פאַרלעגנהייט אויך דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען גופא. אָט שרייבט ער אין די 80־קער יאָרן אין אַ בריוו צו ראַווניצקי:

„מיר, שאָלעם־אַלייכעמען, האָט קיינער ניט געזאָגט, אין וואָס באַשטייט מיין זאַ־דאַטשע, בין איך געגאַנגען און האָב אָנגעשריבן אַ קריטיק אַף שאָמערס פּאַסקודסטווע, בין איך געגאַנגען און האָב געוואָלט אויסבויען אַ גרויסן טורעם ביזן הימל אונטער דעם נאָמען „בלאַנק" (איך מיין אַלע דריי ראָמאַנען: ר׳ סענדער, מאַרקוס בלאַנק דער צווייטער און דער לעצטער פון די בלאַנקס, וועלכן איך שרייב נאָך). ראָמאַנען שרייבן איז ביכלאַל ניט קיין מיסכער און פאַר מיר ביפראַט[2].

אין דעמדאָזיקן בריוו, ווו עס הערט זיך שוין אַ געוויסע קריטישע באַציִונג צו זיך אַליין, איז געווען אויסגעדריקט ניט קיין צופעליקע שטימונג. שאָלעם־אַלייכעמס אָנשטרענ־גונג צו געפינען פאַר זיך דעם ריכטיקן וועג האָט זיך דעמאָלט דורכגעריסן ניט נאָר אין אַ פּריוואַטן בריוו. אין 1887 יאָר דרוקט ער אין „יידישן פאָלקסבלאַט" אַ ליד, וואָס הייסט „עפנטלעכע אנטוואָרט". עס איז דאָ געגעבן אַ מין ענטפער דעם רעדאַקטאָר פון „יידישן פאָלקסבלאַט", וואָס בעט, אַז שאָלעם־אַלייכעם זאָל צושיקן לידער פאַרן זשורנאַל. און שאָלעם־אַלייכעם, וואָס פלעגט ווירקלעך גאַנץ אָפט דרוקן זיינע לידער אין „יידישן פאָלקס־בלאַט", שרייבט דאָסמאָל אין זיין „עפנטלעכער אַנטוואָרט":

„קיין „באַדכען" אין „פאָלקסבלאַט" וויל איך ניט זיין
(האַגאַם איך בין דאָך אַ קנאַפּער פּאָעט!).
איך האָב זיך מיט דער פּאָעזיע געזעגנט גאַנץ פיין,
דער לירע האָב איך געגעבן אַ געט[3].

---

1 מיר וועלן ברענגען דאָ נאָר איין ביישפּיל.

קריטיקוס (ש. דובנאָוו), וואָס האָט, ווי באַוווּסט, אין 1887 יאָר צוגעצויגן די געזעלשאַפטלעכע אופמערק־זאַמקייט צו שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן, שרייבט אין 1888 יאָר ווידער וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. ער באַהאַנדלט די ראָמאַנען „סענדער בלאַנק" און „קינדער־שפּיל" און קומט צום באַשלוס, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז אַ מייסטער צו שילדערן דאָס לעבן פון אונזער גרויס־בורזשואַזיע, „וואָס איר לעבן איז אים, אַפּאָנים, באַקאַנט ביז אין די קלענ־סטע פּראָטים". אינעם זעלבן אַרטיקל קומט אים אָבער אויס צו באַהאַנדלען נאָך צוויי אַנדערע ביכלעך, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעדרוקט אין דערזעלבער צייט: „דאָס בינטל בלומען" און „שאָמערס מישפּעט". דידאָזיקע ביכלעך אונטערשיידן זיך אַזוי פון די פריער־דערמאַנטע ראָמאַנען, אַז קריטיקוס איז געצוווּנגען מאַכן אַ באַמערקונג:

„מיר וועלן פאַרצייכענען אין אונדזער היינטיקן איבערזיכט נאָך צוויי נייע קליינע ביכלעך פון שאָלעם־אַלייכעם, וואָס זייער אינהאַלט גייט אַרויס פון די ראַמען פון דעמדאָזיקן שרייבערס געוויינלעכער טעטיקייט (קורסיוו אונזערער— ב. א.).

עס איז אָבער וויניק צו מאַכן אויך אַזאַ באַמערקונג, וואָרום באַלד ווי קריטיקוס גייט איבער צו באַהאַנד־לען די „נייע קליינע ביכלעך", קומט אים אויס ווידער צו קאָנסטאַטירן, אַז צווישן זיי איז ניטאָ „גאָרניט געמיינ־זאַמעס" (B.—1888 X).

2 „צ. א. פון ש״א" ז. 49.

3 פ״ב 1887, 18 №.

אַרויסטרעטן מיט אַזאַ דערקלערונג עפנטלעך אין יענע יאָרן, ווען „דיכטן“ איז געווען קימאט ווי אַ פליכט באַ יעדן איינציקן שרייבער, האָט געקענט זיך דערלויבן נאָר שאָלעם־אַליכעם, וואָס איז געווען גענוג זיכער אין די סימפּאַטיעס פון גאָר ברייטע לעזער־קרייזן. נאָר ווי ס'זאָל ניט זיין דרייסט אָט־אָ די צעשיידונג מיט דער „פּאָעזיע“, האָט אָבער שאָלעם־אַלייכעם באַדאַרפט אין זיינע יוגנט־ווערק אַנטשיידן נאָך אַנדערע פראַגן, אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָלט באַשטימען דעם ווייטערדיקן וועג פון דער גאַנצער ליטעראַטור. געבן אַן ענטפער אַף די פראַגן האָט שאָלעם־אַלייכעם געמוזט, דאָס האָט געפאָדערט דיזעלבע לעזער־סוויווע, וואָס האָט, ניט וויסנדיק נאָך אַף קלאָר, וווּהין עס ציט שאָלעם־אַלייכעם, דאָך באַשאָנקען אים מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע און אַנערקענונג.

אין ערשטן באַנד „הויז־פריינד“, וואָס איז אַרויס אָנהייב 1883 יאָר, האָט י. דינעזאָן, שרייבנדיק אַ ליטעראַטור־איבערזיכט, גאָר ניט צוויידייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז „פיל פון די, וואָס זיינען היינט סאָפרים און מעוואַקרים געוואָרן צו אורטיילן עפנטלעך יעדן מעכאַבער מער ווי זיין כיבער, זיינען נאָך יונגע לייט, וואָס ליבן יונגן פרישן ווין מער ווי גוטן אַלטן ווין“[1]. אין דער ליטעראַטור האָט זיך בעעמעס דערפילט דאָס יורן פון „פרישן יונגן ווין“, מע האָט דאָס אָבער באַדאַרפט באַווייזן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט, מע האָט דאָס מאַזל פונעם יונגן ליטעראַרישן דאָר געדאַרפט פאַרבינדן מיט דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער ליטעראַטור. אַז דאָס גייט דערצו האָט מען באַמערקט נאָך גאַנץ פרי. אַזוי, לעמאָשל, האָט קריטיקוס (ש. דובנאָוו) אין 1888־טן יאָר שוין געשריבן, אַז עס האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע שריפטשטעלער, וואָס וויל אַנשטאַט די פריערדיקע „איינצלנע אָפּגעזונדערטע, גלייך ווי צופעליקע ליטעראַרישע פענאָמענען“[2] שאַפן אַ פרישע, באַנייטע און נאָרמאַל־עקזיסטירנדיקע ליטעראַטור[3]. אין דער שפּיץ פון דערדאָזיקער גרופּע, ווייזט אָן קריטיקוס, שטייען מ. ספּעקטאָר און שאָלעם־אַלייכעם. געוויס האָט קריטיקוס ניט אומזיסט דערמאַנט דאָ אויך מ. ספּעקטאָרן. מ. ספּעקטאָר האָט אָנגעפירט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון „יידישן פאָלקסבלאַט“, ער האָט אויך אָרגאַניזירט אַ בינטל נייע שרייבער אַרום דעם „הויז־פריינד“ — מ. ספּעקטאָר האָט ביכלאַל געהאָלפן צו אָרגאַניזירן יענע נייע „ליטעראַרישע גרופּע“, וואָס אַף איר האָט אָנגעוויזן קריטיקוס. אָבער דער אידעיִשער און קינסטלערישער אָנפירער פון דערדאָזיקער גרופּע איז בעלי־סאָפעק געווען שאָלעם־אַלייכעם. ער האָט דער ערשטער אריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר קינסטלערישע אָנשווינגען, ער האָט דער ערשטער — אין זיין באַציִונג צו מענדעלען, — גענומען אונטערשטרייכן, אַז די ליטעראַטור האָט שוין איר קאַנאָן און פאַר דעם קאַנאָן דאַרף מען קעמפן; גלייכצייטיק האָט ער אָבער, באַצייכנדיק מענדעלען אַלס אַ „זיידן“, גענומען אָפּראַמען דעם פּלאַץ פאַרן יונגן דאָר שרייבער, פאַר זייערע פאַרלאַנגען און זייערע אינטערעסן[4]. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלעס האָט שוין באַטייט מער איידער עס איז געזאָגט געוואָרן אין די ציטירטע שורעס פון דער „עפנטלעכער אנטוואָרט“. אין דעם מאָמענט, ווען די זיגזאַגן פון שאָלעם־אַלייכעמס אייגענעם וועג האָבן אָנגעהויבן צונויפפאַלן מיט דער נייער ווענדונג, צו וועלכער עס איז גע־

1 י. דינעזאָן: „די יידישע שפּראַכע און אירע שרייבער“, „הויז־פריינד“ I ב.

2 ז. 13, B. 1888/x

3 אומדירעקטע אָנצוהערענישן אַף דערזעלבער גרופּע יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין די 80-ער יאָרן, טרעפן מיר אין „יידישן פאָלקסבלאַט“ נאָך אין 1884-טן יאָר. זע וועגן דעם אין מיין אַרטיקל „נאָטיצן וועגן מענדעלען“ (רויטע וועלט 1928, № 1).

4 וועגן שאָלעם־אַלייכעמס באַציִונג צו מענדעלען אין די 80-ער יאָרן, ווי אויך וועגן דעם אינהאַלט פון דער טראַדיציע, וואָס איז צו יענער צייט פאַרבונדן געווען מיט מענדעלעס נאָמען, זע אין מיינע „נאָטיצן וועגן מענדעלען“ (רויטע וועלט 1928, № 1).

קומען די גאַנצע ליטעראַטור, האָט מען זיך ניט געקאָנט שוין באַנוגענען מיט דער „עפנט־לעכער אנטוואָרט" פון 1887 יאָר. דער „יונגער ווײַן", די פרישע קויכעס, וואָס האָבן דורך שאָלעם־אַלייכעמען אַ רעד געטון אין דער ליטעראַטור, האָבן געמוזט באַקומען זייער אויס־דרוק אין אַ גרעסערן קינסטלערישן ווערק. און דאָסדאָזיקע ווערק האָט געוואָלט זיין שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „סטעמפעניו".

II

אין „סטעמפעניו" איז שאָלעם־אַלייכעם טכילעס גענויגט געווען צו זען אַן איבער־בראָך־מאָמענט אין זיין שאַפן. ער האָט וועגן דעם אָפן גערעדט אין זיינע דעמאָלטיקע בריוו צו ראַווניצקין און דובנאָוון[1]; דאָסזעלבע האָט ער געוואָלט באַטאָנען אין זיין פאָר־וואָרט צו „סטעמפעניו" און אויך שפּעטער, אין א יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי עס איז אַרויס דער ראָמאַן „סטעמפעניו", האָט שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעדרוקט אין צווייטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „א בריוו צו א גוטן פריינט" און דער אַרטיקל איז, אייגנטלעך, געווען ניט מער ווי אַ מין נאָכוואָרט צו „סטעמפעניו". אין דעמ־דאָזיקן נאָכוואָרט [2] באַקומען מיר איניקע גאַנץ וויכטיקע יעדיעס.

מיר הערן דאָ שאָלעם־אַלייכעמען דערציילן: „אַז מיין ערשטער יידישער ראָמאַן איז אַרויס אַף דער וועלט, איז צווישן מיינע כאַווירים שרייבער געוואָרן אַ שטיקל גערודער". מיר דערוויסן זיך אויך, אַז דיזעלביקע „כאַווירים־שרייבער" האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאַט אין אויג, בעשאַס ער האָט געפרווווט אינעם פאָרוואָרט צו „סטעמפעניו" פאָרמולירן די אופגאַבן פונעם „יידישן ראָמאַן".

„איך האָב אַפילע דאָרט, באַ סטעמפעניו — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם — אין מיין בריוו צום זיידן ר' מענדעלען שיחיה, דאַכט מיר, אַביסל פאַרענטפערט דידאָזיקע קאַשע, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָבן די שרייבער יענע האַקדאָמע פאַרזען, אָדער זיי האָבן עפשער גע־פונען, אַז דער טערעץ איז קיין טערעץ ניט".

וועגן דיזעלבע „כאַווירים־שרייבער" ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען דערמאָנט אויך אינעם אַלגעמיינעם אַריינפיר צו דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

„אינעם יידישן מוראַווייניק", — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם, — דאָס הייסט, אין אונדזער קליין ליטעראַריש וועלטל האָט די „פאָלקס־ביבליאָטעק" אָנגעמאַכט אַ שטיקל דולעניש"...[3]

---

[1] ז. ז. 242, 243, 244 Письма Шолом-Алейхема. Ев. Ст. 1916.

י. כ. ראַווניצקי ציטירט שאָלעם־אַלייכעמס אַ בריוו פון סאָף זומער 1888, ווו עס ווערט געשריבן: „... אַלעס, וואָס איך האָב געשריבן ביז איצט, האָב איך קיינמאָל ניט איבערגעשריבן אַף ריין, ווי עס איז אייך באַוווסט, און קימאַט ניט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע. אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט, אָפּגעדרוקט און אַן עק, א סאָף. דאָס לעצטע ווערק, וואָס איך שרייב יעצט, איז שוין ניט אַזוי, ד. ה. איך פאָליר עס, איך פייל עס א. אז. וו.". („צ. א. פ. ש"א" 43).

דאָס ווערק, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז, לויט ראַווניצקין, געווען דער ראָמאַן „סטעמפעניו". דערזעלבער ראַווניצקי דערמאָנט אויך וועגן אַן אַנדערן בריוו, ווו שאָלעם־אַלייכעם „שמועסט אַרום ברייטלעך וועגן די טיפן און כאַראַקטערן פונעם ראָמאַן „סטעמפעניו". מיט דידאָזיקע בריוו צו ראַווניצקין האָבן מיר ביז אַהער, ליידער, ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקאַנען.

[2] פון קורצקייט וועגן וועלן מיר ווייטער אומעטום מיטן נאָמען „נאָכוואָרט" באַצייכענען שאָלעם־אַלייכעמס אַרטיקל „אַ בריוו צו אַ גוטן פריינט", געדרוקט אין „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק", II באַנד, ז. 310—304.

[3] י. ד. בערקאָוויטש דערציילט אין שאָלעם־אַלייכעם־בוך (ז. 183) וועגן אָט דער „דולעניש", ווי ווייט זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ ריי בריוו, וואָס פאַרשיידענע שרייבער האָבן צו יענער צייט געשריבן שאָלעם־אַלייכע־מען. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָבער געמיינט מיט אָט דער „דולעניש" ניט נאָר אָט די פריוואַטע בריוו, נאָר אויך די פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אַ היפּשע צייט געפירט אין „המליץ" אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון דער „יידי־שער פאָלקס־ביבליאָטעק".

ווי מיר הערן דאָ, ווענדט אָן שאָלעם־אַלייכעם פאַר דער סוויווע פון די „כאַווײרים־שרייבער" גאָר א קליינעם מאַסשטאַב: „מוראַווייניק", „קליין ליטעראַריש וועלטל". און דאָך האָט די מיינונג פון דעם „וועלטל" געהאַט פאַר שאָלעם־אַלייכעמען דעמאָלט אַזאַ באַדייטונג, אַז ער האָט געמוזט פאַר אָט דעם „ליטעראַריש־וועלטל" אָפּגעבן אַ דינוועכעשבן און ניט איינמאָל, נאָר עטלעכע מאָל. מיר וועלן זיך דאָס מאָל ניט אָפּשטעלן אַפּן כאראַקטער פונעם דינוועכעשבן, וואָס שאָלעם־אַלייכעם גיט אָפּ פאַר די „כאַווײרים-שרייבער", אונדז אינטערעסירט אין דעם פאַל אויך ניט דער „גערודער" אינעם „ליטעראַרישן וועלטל" גופע. פאַר אונדז איז דאָס דערווייל וויכטיק נאָר אף אַזויפיל, אף וויפל עס גיט אונדז א דייטלעכע אָנצוהערעניש דערוף, אז שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דער צייט פון „סטעמפעניו" זיך געפונען אין א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אידייען און שטימונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געשוועבט אין דער סוויווע פון דער יידישער אינטעליגענץ. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אין אונדזער צוגאַנג צו „סטעמפעניו" וועלן מיר פריער מוזן באַלייכטן די סוויווע פון דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ, באַזונדערס יענץ „ליטעראַריש וועלטל", וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אַף שאָלעם־אַלייכעמס אַנטוויקלונג.

———

„אין די לעצטע יאָרן האָבן די יידן איבערגעלעבט זייער אַ ביטער שטיקל צייט; פיל נייס, פיל פאַרענדערונגען, פיל צאָרעס, פיל שלעק — מיט איינעם וואָרט, אַ ביטער שטיקל צייט, וואָס אַפּן שרייבער האָט זיך עס געמוזט אָנרופן נאָך פריער, ווי אף אן אַנדערן און עס האָט זיך טאַקע אָנגערופן, זייער שטאַרק אָנגערופן"... [1]

מיט דידאָזיקע ווערטער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין 1888־טן יאָר אין „שאָמערס מישפעט", פירט אונדז שאָלעם־אַלייכעם אַריין אין דער באַטראַכטונג פון די 80־ער יאָרן. מיר באַקומען דאָ שוין די ערשטע אָנווייזונג אַפּן כאַראַקטער פון אָט דער איבערבראָך־צייט, ווען עס האָט אַ ווימל געטון מיט „פיל נייס, פיל פאַרענדערונגען" אין דער יידישער סוויווע, מיר דערוויסן זיך, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט דייטלעך געזען, ווי די עוואָלוציע פונעם יידישן שרייבער אין די 80־ער יאָרן איז ענג פאַרבונדן מיט די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַרום אים. דערביי קומט באַ אונדז אוף א וויכטיקע פראַגע: וואָס פאַר א פאַרהעלטעניש האָבן מיר צווישן אָט די „פיל נייס, פיל פאַרענדערונגען" אין דער יידישער סוויווע (ניט־יידישן) און דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן ווידעראַנאַנד פונעם דעמאָלטיקן צאַרישן רוסלאַנד? אַף דער פאַרהעלטעניש מוז מען זיך אָפּשטעלן פריער פאַר אלץ, ווען מע האָט צו טון מיט דער יידישער ליטעראַטור פון די 80־ער יאָרן. מיר קאָנען דערביי אָבער ניט אַרויסגיין פון די ראַמען פון אַ ענג־ליטעראַרישער באַטראַכטונג. דעריבער וועלן מיר פרווון געבן אַן ענטפער אף אונדזער פראַגע, דורכפירנדיק נאָר אַ טיילווייזן פאַרגלייך צווישן אייניקע געציילטע דערשיינונגען פון דער יידישער און רוסישער ליטעראַטורן פון די 80־ער יאָרן.

באַזונדערס בעט זיך דאָ א פארגלייך צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און אַנטאָן טשעכאָוון, וואָס האָבן קימאַט אין איין צייט אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט. ניט געקוקט אַף אַ גאַנצער ריי אייגנשאַפטן, וואָס מאַכן דידאָזיקע צווי קינסטלער ענלעך איינעם צום צווייטן, לאָזט זיך אין זייערע שאַפונג־וועגן דערקענען דער פאַרשיידענער כאַראַקטער פון די איינדרוקן, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די 80־ער יאָרן [2].

---

1 ש. מ. 68.

2 ביז אַף היינטיקן טאָג האָט מען נאָך באַ אונדז קימאַט ווי ניט אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַ גאַנצער ריי דערשיינונגען פון אונדזער ליטעראַטור אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט און יענער אַנטוויקלונג, וואָס עס האָט אין דערזעלבער צייט דורכגעמאַכט די רוסישע ליטעראַטור. בענעגייע צו שאָלעם-אַלייכעמען וועלן מיר אָנווייזן נאָר פאָלגנדיקס. אין די 80-ער יאָרן איז שאָלעם-אַלייכעם מער ווי

עס איז באַוווסט, אַז אַף טשעכאָווס קינסטלערישן שאַפן האָבן די 80־ער יאָרן אַרופגעלייגט אַזאַ קאָנטיקן שטעמפל, אַז טשעכאָוו איז אַפילע אַנערקענט געוואָרן, ווי דער אויסדריקער פון די 80־ער יאָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור. דער הויפט־שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט דערביי דאָס בילד פון די 80־ער יאָרן אין טשעכאָווס ווערק, איז די געשעענישלאָזיקייט, דער מאָנאָטאָנער גאַנג פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער עפּאָכע, דער טויטער באַלאַסט פון פאַרגליווערטן לעבנשטייגער, וואָס ציט צו גרונט יעדע מער־ווייניקער טעטיקע פיגור באַ טשעכאָוון. ווי עס ווערט אָנגעוויזן באַ קאָראָלענקאָ, האָט טשעכאָוו די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן געוואָלט סימוואָליזירן אין זיין דערציילונג „סטעפּ״ (1888)—מיט דערזעלבער ראַכוועס און ליידיקייט, מיט דערזעלבער מאָנאָטאָנער גרויקייט, מיט פאַרבלאָזע געשטאַלטן, אָן באַדייטנדיקע געשעענישן—האָט זיך טשעכאָוו אויסגעמאָלט די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן.

אין דערדאָזיקער אַטמאָספער פון רעאַקציאָנערן דרוק איז אויסגעוואקסן אין ברייטע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ די „טעאָריע פון קליינע מייַסים״, וואָס האָט אַזוי געשטימט מיט דער „לאַנגווייליקער געשיכטע״ (1889), וועלכע טשעכאָוו האָט, אייגנטלעך, ניט אופגעהערט צו שרייבן ווייל ער האָט געלעבט.

די אַרויסטרעטונגען פון דער אָקאָרשט־געשאַפענער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע („די באַפרייונג פון אַרבעט״ פון 1883) זיינען נאָך ניט אימשטאַנד געווען וועזנטלעך צו

ווען עס איז שפּעטער געשטאַנען נאָענט צו דער רוסישער ליטעראַטור. ווי עס איז באַוווסט, האָט ער פון צייט צו צייט גענומען זיך שרייבן בעלעטריסטישע זאַכן אין רוסיש (שאָלעם-אַלייכעמס אַריינטריט אין דער רוסיש-יידישער ליטעראַטור—דאָס איז ביכלאַל אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל!), און דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, נאָך מער געשטויסן נאָכצושפּירן נאָך דער רוסישער ליטעראַטור. באַזונדערס גערן פלעג שאָלעם-אַלייכעם אָפּערירן מיט זיין קענען די רוסישע ליטעראַטור אין זיינע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור. אַזוי דערוויסן מיר זיך וועגן א „גרויסן שרייבער״ דעם רוסישן סאַטיריקער שטשעדרין („ייד. פאָלקסבלאַט״ 1888 ביילאַגע צו נום. 42). מיר הערן, ווי שאָלעם-אַלייכעם פאַרגלייכט טורגעניעוון מיט גאָנטשאַראָוון און איז גענויגט שעצן העכער טורגעניעוון („ייד. פאָלקסבלאַט״ 1887 № 1). פון טורגעניעוון האָט דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם ביכלאַל זייער שטאַרק געהאַלטן. אין „שאָמערס מישפּעט״ ווערט טורגעניעוו אָנגערופן ניט אַנדערש, ווי דער „אומשטערבלעכער טורגעניעוו״. שאָלעם-אַלייכעם דערציילט, אַז צווישן יידישע אינטעליגענטן איז דעמאָלט געווען א מאָדע צו האַלטן פון טורגעניעוון („סענדער בלאַנק״ ז. 38). אָבער כוץ דעם אַלעמען איז אין שאָלעם-אַלייכעמס באַגייסטערונג פאַר טורגעניעוון געווען נאָך עפּעס אייגנס, וואָס האָט געשטימט מיטן אַלגעמיינעם געמיט-צושטאַנד פונעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען. דאָס האָט זיך אַרויסבאַוויזן באַזונדערס אין „בינטל בלומען״ (1888), וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט געשריבן אונטער דער דירעקטער האַשפּאָע פון טורגעניעוון. טורגעניעווס האַשפּאָע איז פאַראַן אויך אין אייניקע עפּיזאָדן פון „סטעמפּעניו״ (אייניקע שטריכן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר טורגעניעווס העלדן ליזאַ קאַליטינא (Дворянское гнездо), זיינען בעליסאָפּעק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַף דער שילדערונג פון ראָכעלען). דאָס אָבער האָט ניט געשטערט דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען אַריינפלעכטן אין זיינע ווערק די אָדער יענע מאָטיוון פון אַנדערע רוסישע שרייבער. אַזוי דערקענען מיר, לעמאָשל, אין סענדער בלאַנק אייניקע וויכטיקע שטריכן פון גאָגאָלס סאָבאַקעוויטש, מיר געפינען בא שאָלעם-אַלייכעמען אויך פאַרשיידענע אָפּקלאַנגען פון אָסטראָווסקיס און שטשעדרינס ווערק.

ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן דערויף גענויער, ווילן מיר אָנווייזן, אַז די פראַגע וועגן דער ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אַף שאָלעם-אַלייכעמען קאָן באַהאַנדלט ווערן נאָר צוזאַמען מיט דער פראַגע וועגן דער ווירקונג פון דער מייערעוו-אייראָפּעישער ליטעראַטור אַף שאָלעם-אַלייכעמען. אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט אין די 80-ער יאָרן געמוזט אין געוויסע מאָמענטן באַווירקט זיין פון דער מייערעוו-אייראָפּעישער ליטעראַטור באַווייזט שוין דער פאַקט, וואָס די סעריע ראָמאַנען וועגן דער פאַמיליע בלאַנק איז געפּלאַנט געוואָרן, ווי שאָלעם-אַלייכעם דערציילט, לויטן מוסטער פון ע. זאָלאַס ראָמאַנען. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס גראַדע שאָלעם-אַלייכעם האָט אין 1888-טן יאָר אָנגעוויזן, אַז מענדעלעס „פישקע דער קרומער״ האָט פאַר זיך א פּראָטאָטיפּ באַ דעם פראַנצויזישן שרייבער וויקטאָר הוגאָ („ייד. פאָלקסבלאַט״ ביילאַגע צום נומ. 39, 1888). שאָלעם-אַלייכעמס באַזונדערער אינטערעס צו בערנע און היינע, דאָס אָפטע פאַרופן זיך אַף זיי (שאָלעם-אַלייכעם האָט אַפילע געגעבן אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק״ אַן אַרטיקל וועגן בערנע און היינע)—דאָס וואָלט געוויס געקענט דינען ווי א ריכטשנור באַם אויספאָרשן די ווירקונג פון דער מייערעוו-אייראָפּעישער ליטעראַטור אַף שאָלעם-אַלייכעמען.

ענדערן די אַטמאָספער פון אַפּאַטיע, וואָס האָט געהערשט אין די ברייטערע קרייזן פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין די 80־ער יאָרן.

עס איז נייטיק געווען, אַז אָנהייב 90־ער יאָרן זאָל רוסלאַנד דערשיטערט ווערן פונעם שרעקלעכן הונגער און דער כאָליערע־עפּידעמיע, קעדיי די „לאַנגווייליקע געשיכטע" זאָל ווערן פאַרביטן אַף יענעם נייעם האַסטיקן טעמפּ, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס דאָס רוסישע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די 90־ער יאָרן.

ווי עס איז באַוווּסט, האָט טשעכאָוו דאָך ניט באַוויזן קיינמאָל זיך צו באַפרייען פון יענע איינדרוקן, מיט וועלכע עס האָט אים געשפּייזט די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן. די עפּאָכע, וואָס האָט דערצויגן זיין קינסטלערישן ווּזן, איז פאַרבליבן אויך אַף שפּעטער דאָס פאָרבילד פאַר זיין גאַנצן שאַפן.

ווען מע פאַרגלייכט דאָס מיט שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג, וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס באַזונדערע, וואָס דיזעלבע עפּאָכע פון רעאַקציִע האָט געבראַכט אין דער יִידישער סוויווע.

אינמיטן דעם אומענדלעך־ליידיקן „סטעפּ" פון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט ברעכט אויס אין די 80־ער יאָרן די „גרויסע בעהאָלע" פון די יידישע פּאָגראָמען. אין פלוג איז דאָס ניט מער ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער רעאַקציע, אָבער אַליין דער פאַקט, וואָס די רעאַקציע-עפּאָכע האָט אין דער יידישער סוויווע אויסגעבראָכן אין אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, דאָס האָט אַף א באַזונדערן אופן באַפאַרבט די יידישע ליטעראַטור פון די 80־ער יאָרן. עמעס, אין אייניקע דערשיינונגען פון דער יידישער ליטעראַטור צו יענער צייט לאָזט זיך גרינג אָנטאַפּן דערזעלבער אידעאָלאָגישער דורכשניט פון אַ רעאַקציאָנערער טקופע, וואָס האָט געוועלטיקט אין גאַנצן דעמאָלטיקן רוסלאַנד — עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז צו גלייכער צייט באַקומט אין דער יידישער ליטעראַטור אָט דער אַלגעמיינער דורכשניט פון אַ רעאַקציאָנערער טקופע אַ גאַנצע ריי וויכטיקע נעבן־שטריכן, און גראַדע אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט וועגן א ניי־אויפגעקומענער, מער פּראָגרעסיווער שטרעמונג אין דער ליטעראַטור. און אָט דערין איז באַשטאַנען די אייגנאַרטיקייט פון יענעם עטאַפּ, וואָס מיר באַצייכענען מיט די 80־ער יאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַנטשטאַנען פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, איז די יידישע ליטעראַטור פון דערדאָזיקער צייט געקומען צו דער אומפאַרמיידלעכקייט אַריינצוברענגען אין דער געזעלשאַפט נייע איניציאַטיוו, נייעם ווילן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די „פּיל נייעס, פּיל פאַרענדערונגען", וואָס האָבן אַ פלייץ געטון פון אַרום און אַרום.

„דאָס יאָר אָדער די צוויי פון די פּאָגראָמען—האָט געשריבן אין 1886־טן יאָר מ. ספּעקטאָר—האָט געמאַכט א גאַנצע איבערקערעניש אין דער יידישער וועלט, וואָס, דאַכט זיך, קיין צוויי יאָרהונדערט וואָלטן אַזאַ פאַרענדערונג ניט געקאָנט אָנמאַכן"[1].

דער איינדרוק פון די געשעענישן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָך אין 1889 יאָר האָט מען אין שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" געשריבן: „די שרעקלעכקייט פון די פּאָגראָמען זיינען גענוג פריש איטלעכן אין זיקאָרן און דערום רעכענען מיר פאַר איבעריק זיי דאָ צו באַשרייבן"[2]. עס איז געווען א מין שטילער אָפּמאַך בײַ דעם נייעם דאָר שרייבער ניט צו שילדערן יענע צייט, און ניט שאָלעם־אַלייכעם, ניט פּערעץ

1 מ. ספּעקטאָר: „יודיש". אויסגאַבע 1886 ז. 64.

אין אונדזער אַרבעט שטעלן מיר זיך ניט דעם ציל צו געבן אַן אַלגעמיין-היסטאָריש בילד פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין די 80-ער יאָרן. פאַר אונדז איז וויכטיק צו באַווייזן, ווי אָט די פאַרהעלטענישן האָבן זיך ליטעראַריש אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון יענעם שרייבער-קרייז, מיט וועמען עס איז געקומען אין נאָענטן באַריר דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם. דערפאַר וועלן מיר אויך ווייטער אין דער באַלויכטונג פון די 80-ער יאָרן אָנקומען מער צו די „ליטעראַרישע" קוועלן איידער צו די „היסטאָרישע".

2 ב. בראַנט: „צייטן בייטן זיך", „פ. ביב." II ז. 14.

האָבן דידאָזיקע געשעענישן ווירקלעך ניט געשילדערט[1]. נאָר איין מ. ספּעקטאָר, וואָס האָט אָפּטמאָל גענומען אַף זיך די פליכט פון אַ בעלעטריסט־ אַ היסטאָריאָגראַף, האָט דאָ און דאָרט זיך אומגעקערט צו די פּאָגראָם־געשעענישן. עמעס, אויך ער האָט געשריבן אין 1886־טן יאָר:

„עס איז איצט שווער צו ריידן דערפון אין אַן ערציילונג, ווייל דאָס איז ערשט ניט לאַנג געשעען פאַר אונדזערע אויגן, דאָס אַלעס קלינגט נאָך אונדז אין די אויערן, מיט דעם אַלעמען זיינען אונדז נאָך פאַרשלאָגן די קעפּ, פון דעם אַלעם גייען מיר אַרום ווי פאַרטומלטע, — ווי־זשע קאָן מען אַזאַ לאַגע עפּעס איבערגעבן. עפּעס זאָגן, עפּעס דערציילן“...

ספּעקטאָר האָט אָבער גענומען זיך שילדערן יענע צייט. און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער שילדערונג לייענען מיר באַ ספּעקטאָרן:

„מיט איין וואָרט, די יידישע וועלט דרייט זיך, מע קלינגט, מע ראַשט, מע וועקט, מע לויפט, מע פליט, מע שרייט, מע פּילדערט, עס קאָכט זיך, עס טאַראַראַמט זיך און כייקל, כייקל די רירעוודיקע נעשאָמע רירט זיך אויך“...[2]

לעכאַטכילע דאַכט זיך אונדז, אַז עס איז אַ ציטאַטע פון שאָלעם־אַלייכעמען, געשריבן האָט עס אָבער דער רויקער ספּעקטאָר, געשריבן אין טאָן פון דער אופרודערונג, וואָס האָט זיך אַסאָצייִרט מיט דער פאָרשטעלונג פון די פּאָגראָם־געשעענישן[3]. אָט דעם טאָן דערקענען מיר באַ פיל אַנדערע שרייבער פון די 80־ער יאָרן — אַפילע באַ דעם פּובליציסט, — ווען עס קומט אים אויס צו ריידן וועגן די געשעענישן פון דער צייט. „יידן זיינען געלאָפן — דערציילט ב. בראַנט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ — פון דערפער אין די שטעט, פון די שטעט אין אַנדערע שטעט; דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, ווהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן: קיין בראָדי, קיין האַמבורג, קיין אַמעריקע, פּאַלעסטינע... דער אוילעם איז געלאָפן ווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן, ווייל ס'איז אים געווען שלעכט, ווייל בלייבן אַף דעם אייגענעם אָרט איז געווען נאָך ערגער. ער איז געלאָפן, ווי מע לויפט פון אַ סרייפע, פון אַ געוויסער, פון אַ מילכאָמע — און האָט קיין שיילעס ניט געפרעגט, פאַרוואָס ער לויפט, צי איז קעדיי צו לויפן“...[4]

שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט אומזיסט געדרוקט באַ זיך אין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ די ערשט־ציטירטע שורעס. זיי האָבן גערעדט מיט דער שפּראַך פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, מיט דער שפּראַך פון יענער אימפּעטפולער עפּאָכע, וואָס האָט דערצויגן שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישע נאַטור.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי שאָלעם־אַלייכעם פּאַסט־צו צו דער צייט זיין ערשטן ליטעראַרישן זשאַנר — „די איבערגעכאַפּטע בריוו“. אָט דערדאָזיקער זשאַנר, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אַזשיאָטאַזש פון מענאַכעם־מענדלס פיגור, מיט

---

1 מענדעלע האָט אין זיין „בסתר רעם“ (1886) געגעבן גאַנץ־קנאַפּע שטריכן פון דער פּאָגראָם־צייט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז מענדעלע שרייבט דאָרט: „איר דאַרפט וויסן, אַז היינטיקע ביטערע יאָרן, ווען סע שטייען אַף אונדז אויף אַזויפיל מאַזיקים און בייזע מעכאַבלים, וואַקסן קיין איינאָרע אין די יידישע צייטונגען נייע שרייבערס, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. אַזוי איז באַ אונדז שוין אַ מאָדע, אַז יעדע נייע געשעעניש, וואָס סע טרעפט זיך דעם קלאַל איסראָעל, סיי צו גוטן, סיי צו שלעכטן, רופט אַרויס באַזונדערע פּאָעטן און שרייבערס, דאַרשאָנים און שטאַדלאָנים...“ („צוריק אַהיים“. מענדעלעס אַלע ווערק באַנד 16, ז. 88). אַגעוו, האָט מענדעלע אין זיין קינסטלערישער ווענדונג סאָף 80־ער יאָרן זיכער געהאַט עפּעס וואָס צו פאַרדאַנקען אָט די „נייע שרייבער“, וועגן וועלכע ער רעדט דאָ אין אַזאַ איראָנישן טאָן. אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך.

2 מ. ספּעקטאָר: „יודיש“ ז. 15.

3 1886 שרייבט מ. ספּעקטאָר: „לעזער! די צייט פון די יידישע פּאָגראָמען איז יעדן באַקאַנט... נאָר נאָך מער פון אַלע ווייסן די, וואָס האָבן זיך אין דער פ ל י ע נ ד י ק ע ר, ל ו י פ נ ד י ק ע ר צייט געפונען אין אָדעס“ (קורסיוו אונדזערער — ג. א.) „יודיש“ 1886 ז.59.

4 ב. בראַנט „פ. ביב.“ II ז. 15—14.

דער גאַנצער אופגערודערקייט פון זיין, מענאַכעם־מענדלס, צייט, איז דאָך, אייגנטלעך, באַשאַפן געוואָרן בא שאָלעם־אלייכעמען נאָך באַם אָנהייב פון זיין שאַפן. נאָך דעמאָלט הייבט אָן שאָלעם־אלייכעם נוצן דעם זשאַנר פון בריוו, ווי אַ מין קינסטלערישע רעגיסטראַציע פון די „פיל נייעס, פיל פארענדערונגען”, וואָס פלייצן פון גאַנצן ארום. מיר ווייסן, אַז דער כיישעק צו פיקסירן אַלדאָס נייע און פריש־צאַפּלדיקע, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער סוויווע, האָט זיך שפעטער איינגעוואָרצלט אין שאָלעם־אלייכעמס נאַטור. שטאַמען שטאַמט אָבער דידאָזיקע אייגנשאַפט פון דער אַטמאָספער פון די 80־ער יאָרן, וואָס האָבן ארייַנגעטראָגן אין דער יידישער סוויווע אן אומגעווייַנלעכע באַוועגלעכקייט, אַ טרייב געטון די געשעענישן מיט אַ נייעם אימפעט.

אָט דער גאַנג פון די געשעענישן האָט גוירעם געווען דערצו, אַז די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן זאָל אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרלויפן ניט אונטערן צייכן פון יענער געזעלשאפטלעכער פאַרגליווערטקייט, וואָס דיזעלבע עפּאָכע האָט געבראַכט אין דער רוסישער ליטעראטור. די פּאָגראָם־קאַטאַסטראָפע האָט אריינגעבראַכט אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן נייע פאַקטן און נייע אידייען. די האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע, וואָס איז געקומען צו איר „טויטן פונקט” נאָך אין די 70־ער יאָרן, ווערט נאָך די פּאָגראָם־געשעענישן פולשטענדיק דיסקרעדיטירט [1]. אַ טייל פון אירע דעמאָקראטישע קאַוואָנעס נעמט איבער די ניי־אופקומענדיקע כיבאס־ציין־באַוועגונג. אָבער דאָס קומט שוין פאָר בא גאָר נייע באַדינגונגען. די יידישע גרויס־בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ הייבן אָן צייכענען פאר זיך אן אייגענע אידעאָלאָגישע ליניע, זיי קאָנען שוין באגיין זיך אָן יענער קלוימערשט־דעמאָקראטישער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע האָט ווי־ניט־ווי געמוזט גילטן אויך פאַר דער יידישער בורזשואַזיע אין יענע צייטן, ווען ס׳האָט געהערשט די האַסקאָלע־טראַדיציע.

אין דערזעלבער צייט הייבט זיך אָן אַ דיפערענצירונג־פראָצעס צווישן די דעמאָלטיקע יידן־סאָציאַליסטן. אַ טייל פון זיי, די, וואָס זיינען פאַרבליבן טריי דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויונג, זוכט אונטערן דרוק פון די פּאָגראָם־געשעענישן צו פארטיפערן און אָך אַ נייעם אויפן פאָרמולירן דעם ניכטערן קוק אף די ארומיקע געשעענישן. אַ צווייטער טייל, די, וואָס פאר זיי איז גענוג געווען דאָס ביסל דעמאָקראטישע קאַוואָנעס, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אָנקניפּן אין דער נאַציאָנאַליסטישער כיבאַס־ציין־אידייע, זאָגן זיך אָפּ פון זייער

1 די אויסגעשעפּטקייט פון דער האַסקאָלע-אידעאָלאָגיע האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן שוין סאָף 70-ער יאָרן. די איראָנישע באַציונג צו די קאַנאָניזירטע האַסקאָלע-אידייען, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין מענדעלעס „קליאַטשע” (1873), איז בא אייניקע שרייבער פון די 70-טער יאָרן באַזונדערס בא די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער און שאַרף-אונטערייסנדיקער קריטיק בענעגייע צו דער גאַנצער האַסקאָלע-באַוועגונג. אַזוי לייענען מיר אין „קול לעם” פון 1879, № 11 אַן אַרטיקל פון בן-נץ (מ. ווינטשעווסקי): „אין אונדזער צייט, וואָס די אַלגעמיינע אויסבילדונג האָט זיך מער און מער איינגעפלאַנצט בא דעם קרעמער-פאָלק, איך מיין בא אונדז אידן — האָבן זיך אָנגעפאַנגען די אַמאָליקע פוסטע באַלעבאַטישע יינגלעך (וואָס נאָך דער כאַסענע זיינען זיי קעדערעך האַטעווע געוואָרן פוסטע באַלעבעסלעך און האָבן ווייטער קעדעררעך האַטעווע געגעסן קעסט און געזאָרגט „פיר די פּאָרטפלאַנצונג דער מענטשהייט”, ווי די דייטשן זאָגן)—האָבן זיי אָנגעפאַנגען פון טאָג צו טאָג מעגולגל צו ווערן אין מאַסקילים — — — אונדזערע מאַסקילים האַלטן זיך פאר פרייגייסטער גלייך ווי זיי הערן אוף צו דאַוונען. דאָס וואָלט נאָך קיין בייז ניט געווען, זיינען זיי אָבער צייטנווייז אַזוי פוסט, אז דער אייבערשטער זאָל זיך מעראַכעם זיין — — אונדזערע פוסטע יידישע פרייגייסטער האָבן געהערט ריידנדיק פון נייע מענטשנפריינטלעכע אידייען און וויל ס׳איז ניטאָ וואָס צו טון, האָט מען זיך דערצו געכאַפּט. צייט, לאַנד, מענטשן—דאָס איז בא זיי אָ זייטיקע מייסע, דעריבער ריידן זיי גאָרניט”...

גאָר אף אַן אנדער אויפן איז געקומען צו זיין קריטיק פון דער האַסקאָלע (אין דערזעלבער צייטונג) עליאָקום צונזער אין אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט זיך געדרוקט אונטערן נאָמען „אויסגעשווייַנקט די שיסל און ווידער אריינגעגאָסן באָרשט”, דאָ האָט זיך שוין געפילט צוזאמען מיט דער קריטישער באציונג צו האַסקאָלע אויך דער נאַציאָנאַליסטישער טאָן פון „טשואווע”.

גענויער וועגן דעם אין מיין אַרבעט: „מענדעלעס מיטגייער אין די 70-ער יאָרן”.

„סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט" און מאַכן דורך אַ בעהאַדראָגעדיקן וועג פון אַ רעאַק־ציאָנערער אומוואַנדלונג.

צווישן אָט די שאַרף־אויסגעשפּראָכענע גרופּן פון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטע־ליגענץ געפיגט זיך נאָך אַ גאַנץ ברייטער צווישן־שיכט. דאָס זיינען געווען דאָסראָוו די, וואָס האָבן קיין „פאַרגאַנגענהייט" נאָך ניט געהאַט, זיי זיינען אקאָרשט אריין אינעם גזעזעל־שאַפטלעכן לעבן און זייער גאָרע געזעלשאַפטלעכע פונקציע איז פון אָנהייב אָן געקומען ווי אַ מין רעזולטאַט פון די „פיל נייעס, פיל פאַרענדערונגען". דאָ האָט מען נאָך ניט געוואַגט צוגיין נאָענט צו דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, מ'האָט אָבער אויך ניט אַלעמאָל געקאָנט באַפרידיקן זיך מיטן אָרעמען ביסל דעמאָקראַטישע קאָוואָנעס פון דער „כיבאַס־ציען". פאַר אָט דעם ניי־אופקומענדיקן, נאָך ווייניק־דיפערענצירטן צווישן־שיכט — און צו איר האָט געהערט אויך די נייע גרופּע שרייבער מיט דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען בעראָש — איז די „כיבאַס־ציען"־אידייע ניט געווען דער סאָף פון אַ געוויסן וועג, נאָר בלויז דער ערשטער שריט אַף אַזאַ וועג, וואָס מ'באַטרעט מיט דער גרייטקייט צו בויען און איבערבויען זיך און אנדערע.

דער שטויס פון דער קאַטאַסטראָפע האָט געוועקט נייעם ווילן, געוואָרפן זוימען פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָפן, אַז דער נייער שרייבער האָט דעם אומגעוויינלעכן גאַנג פון די געשעענישן ניט געקענט אַף אַ נייעם אופן באַזיניקן, ער האָט זיך אָבער דורכגעדרונגען מיטן אימפּעט פון דער נייער עפּאָכע, וואָס האָט געשטויסן צו אַקטיווקייט, צו נייע זוכונגען. און אָט די זוכונגען זיינען אָפּגעשטעמפּלט אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכע ווערק, אָט דער אימפּעט האָט אים געבראַכט נאָך אין דער יוגנט צום ליטעראַרישן זשאַנר פון „איבערגעכאַפּטע בריוו". און דאָס האָט אויך אָפּן בעסטן אויפן אָנגעצייכנט דעם אונטערשייד צווישן אים, שאָלעם־אַלייכעמען, און זיין בען־דאָר דעם גרויסן דיכטער פון דער „לאַנגווייליקער געשיכטע" — אַנטאָן טשעכאָוו.

III

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז נאָך ניט אזוי ווייט געגאַנגען, אז מ'זאָל פון איר קאָנען אַרויסקריגן אַ פאַרטיק בילד פון די פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער יידישער סוויווע אין די 80־ער יאָרן. מיר האָבן אין דעם געביט, אייגנטלעך, מער פראַגן איידער ענטפערס אף זיי. אָבער אפילע די אַלגעמיינע ידיעס, וואָס מיר האָבן וועגן דער צייט, לאָזן אונדז וויסן, אַז אין שאָלעם־אַלייכעמס רייד וועגן „פיל נייס, פיל פאַרענדערונגען" איז ניט געווען קיין גוזמע. די צייט איז בעעמעס געווען אַזאַ, אַז מע האָט פאַרשפּאָרט האָבן שאָלעם־אַלייכעמס שאַרפע ריע, קעדיי צו דערזען אָט דאָס „נייס".

די עמיגראַציע, וואָס האָט מיטאַמאָל גענומען פלייצן אָן שום פּלאַן און אין פאַרשיי־דענע ריכטונגען, די געוואַלדיקע אָנשטרענגונג פון די פאַראָרעמטע מאַסן צו דערהאַלטן זיך באַם לעבן אינמיטן דעם עקאָנאָמישן כורבן, וואָס האָט זיך נאָך פאַרשווערקט דורך די „שטילע פּאָגראָמען" (די „צייטווייליקע געזעצן" פון 1882 א. א. וו.) — דאָס אַליין האָט שוין אַריינגעטראָגן אן אומגעוויינלעכע דינאַמיק אינעם לעבן פון דער יידישער סוויווע. די באַדייטנדיקייט פון דערדאָזיקער עפּאָכע האָט זיך בוילעט אויסגעדריקט דערין, וואָס אין די 80־ער יאָרן באַקומען מיר די ערשטע ברייטערע אַרויסטרעטונגען פון דער ניי־אויס־געבילדעטער יידישער גרויס־בורזשואַזיע — פון איין זייט, און די ערשטע שריט אַפן וועג צו אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג — פון דער צווייטער זייט. אַפילע די יעניקע פּאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן קיין באַשטימט אָרט אין די ערשט־אָנגעוויזענע צוויי לאַגערן ניט פאַרנומען, האָבן דאָך געמוזט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אַריינגעצויגן ווערן

אינעם קרייז פון נייע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. די אַלגעמיינע אופטרייסלונג, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט קומען אין דער צייט פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע, דער ווילן אויב ניט פאַריכטן, איז יעדנפאַלס מיט עפּעס וואָס פאַרגיטיקן די שווערע קלעפּ, וואָס האָבן דער־שיטערט די יידישע סוויווע — דאָס האָט אין יענער צייט געמוזט פילן יעדער יידישער שרייבער, און באַזונדערס, דער יונגער דאָר, וואָס האָט אינמיטן דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפּע געדאַרפט אָנהייבן זוכן פאַר זיך אַ וועג אין דער צוקונפט. דאָס „טשוווע טאָן", וואָס האָט אין דער צייט פאַרכאַפּט די הערצער פון אייניקע עלטערע שריפטשטעלער סיי די געוועזענע מאַסקילים, סיי די געוועזענע סאָציאַליסטן (יהל״ל, קאַמינער), האָט ווייניק־וואָס געקאָנט אויסנעמען בא דעם נייעם ליטעראַרישן דאָר, ווי שאָלעם־אַלייכעם, ספּעקטאָר, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט אָן וואָס צו כאַראָטע האָבן. מ׳האָט געמוזט אַף אייגענער אַכראַיעס זוכן וועגן ווי צו אָריענטירן זיך אין דער אַרומיקייט. און מיר זעען ווירקלעך, ווי די יונגע שרייבער הייבן אָן דורכמאַכן אַזאַ אָריענטיר־אַרבעט אינמיטן די געשעענישן פון די 80־ער יאָרן.

י. סאָסיס ווייזט אָן אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן די 80־ער יאָרן [1] אַ גאַנץ וויכטיקע דעטאַל פון די פאַרהעלטענישן אין דער יידישער סוויווע צו יענער צייט. די אומגעהייערע מאַטעריעלע נויט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע יידישע מאַסן אין רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען, — די יידישע בורזשואַזיע האָט, ווי באַוווּסט, געליטן אין אַ פיל קלענערער מאָס, — האָט אַרויסגערופן אין די 80־ער יאָרן אַ פאַרשאַרפטן אַנטאַגאָניזם צווישן דער יידישער בורזשואַזיע און דער אָרעמער מאַסע. אַרויסבאַוויזן האָט זיך דערדאָזיקער אַנטאַגאָניזם באַזונדערס אין אַ קאַמף פון דער יידישער פּראָווינץ מיט די בורזשואַזע „פאָלקס־פירער" פון דער הויפּט־שטאָט. דער קאַמף איז פאַרגעקומען ארום דער פּראָבלעם פון עמיגראַציע.

„די פאָרשטייער פון די עמיגראַציע־קרייזלעך אין דער פּראָווינץ — דערציילט סאָסיס — האָבן באַ דער געלעגנהייט אויסגעדריקט זייער צאָרן, זיי האָבן אַנטקעגנגעשטעלט די אינטערעסן פון דער מאַסע, וואָס איר רעטונג האָבן זיי געזעען אין דער עמיגראַציע, אַנקעגן די שטרעבונגען פון די גווירים, וואָס ווילן ניט פאַרלאָזן זייערע וואַרעמע ערטלעך".

דידאָזיקע דערשיינונג האָט באַקומען אַזאַ ברייטע פאַרשפּרייטונג, אַז עס האָבן אין יענער צייט שוין געהערט זיך אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע שטימען, וואָס האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז דער „צענטער פון אידעאָלאָגישן שאַפן" ווערט אריבערגעטראָגן פון די הויפּט־שטעט אין דער פּראָווינץ, ווו די אידייע פון עמיגראַציע האָט ארויסגערופן אַ גרויסע זעלבסטעטיקייט און אַקטיווקייט [2].

י. סאָסיס ווייזט אָן אַף דערדאָזיקער דערשיינונג, אַף וויפל זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע פון די 80־ער יאָרן. מיר באַגעגענען זיך אָבער מיט דער־זעלבער דערשיינונג אויך אין „יידישן פאָלקסבלאַט" פון די 80־ער יאָרן. מיר זעען, לעמאָשל, ווי מ. ספּעקטאָר פּרוּווט אין 1884 יאָר אָפּן פּראָקלאַמירן די רעכט, וועלכע ס׳האָט לויט זיין מיינונג דאָס קליינע שטעטל.

„איך מוז אייך דערוף זאָגן דעם עמעס, — שרייבט מ. ספּעקטאָר — אַז מיך האָבן שטענדיק די קליינע שטעטלעך אינטערעסירט מער פון אלע גרויסע שטעט, אַזוי, אַז איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן אַ פּאָר טאָג אָנקוקן דאָס קליינע שטעטל. יאָ, שוין פון לאַנג אינטערעסירן מיך די קליינע יידישע שטעטלעך מיט די איינגעהויקערטע קליינע שטיבלעך און לעכער, מיט די קוויטיקע פאַרדאַרטע יידן, פאַרסערעכטע, פאַרדריפּעטע יידענעס... די שטעטלעך זיינען די „טשערטאַ", ווו עס וווינט דאָס יידישע פאָלק, אונדזער יידישע מאַסע!...

1 ז. 197 И. Сосис: Период кризиса. Ев. Ст. 1916

2 ז. 50 Ев. Ст. 1916.

זייט מיר האָבן אונדזערע גאַזעטן, האָט מען אָנגעהויבן שרייבן פון יידן נייס, אָבער פון וועלכע יידן שרייבט מען? פון ראָטשילדן, פון מאָנטעפיאָרען און פון אנדערע רייכע יידן פון גרויסע שטעט, מ׳שרייבט אפילע פון אַנדערע גרויסע מענטשן: פון ביסמאַרקן, גלאַדסטאָן, פון דעם טערק, דעם אַראַבער און פון וועמען איר ווילט, אפילע ווי אזוי״מ׳מאַכט שוואַרצע טינט און וואָס מע דאַרף איינעמען, אַז מ׳האָט קאַדאָכעס; אָבער פון דער יידישער מאַסע — געפינט איר זייער זעלטן עפעס אין די גאַזעטן, מ׳פאַרגעסט גאָר אין זיי, מ׳וויל גאָרניט וויסן, אַז דריי מיליאָנען פון די 4 מיליאָן רוסישע יידן לעבן אין די קליינע שטעטלעך, דאָס זיינען די יידישע דערפער, דאָ ליגט אונדזער נאַראָדנאָסט... [1]

דערדאָזיקער דעוויז פון „נאַראָדנאָסט״ האָט געזאָלט גילטן ניט נאָר פאַר ספעקטאָרס זשורנאַליסטישער טעטיקייט. מ. ספעקטאָר האָט נאָך אין זעלבן 1884־טן יאָר באמיט זיך אַריינצופירן זיין „נאַראָדנאָסט״ אין אַ קינסטלעריש ווערק: אין זיין „ר׳ טרייטל״. נאָך דעם „ראָמאַן אָן א נאָמען״, ווו מ. ספעקטאָר האָט זיך פארנומען צו שילדערן זיינע העלדן אפן פאָן פון גרויסשטאָטישן לעבן, האָט דער „ר׳ טרייטל״ פאָרגעשטעלט אַ פרווו ווידער צו ווענדן די געזעלשאַפטלעכע אופמערקזאַמקייט צו יענעם קליינעם שטעטל, „ווו עס וווינט דאָס יידישע פאָלק, אונדזער יידישע מאַסע״. און דאָסזעלבע זעען מיר אין יענער צייט אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען. אין די 80־ער יאָרן טראָגט זיך שאָלעם־אַלייכעם אַרום מיט פלענער פון ראָמאַנען, וואָס זאָלן שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער גרויסשטאָטישער בורזשואַזיע, טיילוויז טרעט ער שוין אַפילע צו צו דער שילדערונג און דאָך, ווען עס קומט אים אויס אין „וואָסכאָד״ צו פירן אַ פּאָלעמיק מיט פרוגן, שרייבט שאָלעם־אַלייכעם מיט שטאָלץ וועגן זיך, אַז ער איז „אַ באַאָבאַכטער פונעם פראָווינציעלן לעבן פון דער יידישער מאַסע״ [2]. אַפּאָנים, אַז די ראָמאַנען פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשואזיע, מיטן גרויסשטאָטישן קאָלאָריט פון דער האַנדלונג, מיט די העלדן, וואָס פאָרן אום איבער אויסלאַנד — דאָס אלץ האָט דאָך ניט געקאָנט פארטונקלען אין שאָלעם־אַלייכעמען דעם געדאַנק, אַז זיין בארוף איז פאַרבונדן מיטן „פראָווינציעלן לעבן פון דער יידישער מאַסע״. און דאָס זעען מיר אויך אין זיינע קינסטלערישע ווערק פון יענער צייט. אין 1888־טן יאָר קומט אלס ביילאַגע צום „יידישן פאָלקסבלאַט״ דער ראָמאַן „סענדער בלאנק״. שאָלעם־אַלייכעם קאָן זיך ניט איינהאַלטן ניט ארויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם העלד פון זיין ראָמאַן און ער קומט צום באַשלוס, אַז סענדער בלאנק איז דער יידישער „קיט־קיטיטש״ (אַ נעגאַטיווע פיגור באַם רוסישן דראמאטורג אָסטראָווסקי). כאַראַקטעריסטיש איז די באמערקונג, וואָס שאָלעם־אַלייכעם מאַכט דערביי.

„מערסטנטיילס — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם — געפינט איר אזעלכע יידישע קיט־קיטשעס אין די קליינע שטעטלעך, ווו דער גוויר פון דער שטאָט זעט ניט קיין בעסערס פון זיך, און מיינט, אז קיין קליגערס פון אים איז ניטאָ אף דער גאַנצער וועלט, קיין גרעסערס, קיין קליגערס, קיין רייכערס, קיין עלטערס...״ [3]

---

1 מ. ספעקטאָר „אין וועג״ פ״ב 1884, 29 №. אין מ. ספעקטאָרס רייזע-באשרייבונגען לאָזט זיך, אַגעוו, ערטערוויז דערקענען דער מוסטער, לויט וועלכן י. ל. פּערעץ האָט נאָכדעם געשריבן זיינע „בילדער פון אַ פראָווינץ-רייזע״.

2 Хроника Восхода 1888 № 35.
דעמזעלבן טאָן פון איינעם, וואָס האָט די רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער פראָווינץ, די קליינע שטעטלעך, הערן מיר אויך אין שאָלעם-אַלייכעמס אַ ווענדונג צו ראַווניצקי. שאָלעם-אַלייכעם שרייבט:
— „אַ, גליקלעכער רבי קצין לעב! איר זיצט זיך דאָרט אין דעם שיינעם אָדעס, באַם שיינעם שוואַרצן יאַם און כאַלעמט אייך אַ זיסן כאָלעם... כאַפּט זיך אראָפּ צו אונדז אין דער פראָווינץ, אין די קליינע שטעטלעך אריין, וועט איר זען ווי בא אונדז, אַפּן ליטעראַרישן מארק איז פריילעך... („פ. ביב.״ I באנד ז. 351).

3 „ר׳ סענדער בלאנק״ — סעפּאַראַט-אויסגאבע פון „פ״ב״ פון 1888 ז. 27. אין דער שפּעטערדיקער באאַרבעטונג פון „סענדער בלאנק״ האָט שאָלעם-אליכעם די שטעל אַרויסגעוואָרפן.

פֿאַרגעסן אָן די „קליינע שטעטלעך" האָט שאָלעם־אַלייכעם, אַפּאָנים, ניט געקאָנט אויך דעמאָלט, ווען ער האָט, אין פלוג, געהאַט צו טון מיטן גרויסשטאָטישן לעבן. דער פֿאָלקיזם פון סאָף 80־ער יאָרן האָט אָבער געשטויסן גיין ווייטער פון אָט דעם שטענדיקן דערמאָנען אָן דעם „קליינעם שטעטל". און דאָס זעען מיר אין שאָלעם־אליכעמס „בילדער פון דער בארדיטשעווער גאַס".

אין 1887—1888 דרוקט שאָלעם־אַלייכעם אין „יידישן פֿאָלקסבלאַט" אַ סעריע „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס". אַהער קומען צו אויך „בילדער פון דער זשיטאָמירער גאַס" און דיזעלבע אַנטקעגנשטעלונג פון גרויסער און קליינער שטאָט, וואָס מיר האָבן פריער געהאַט געזען באַ ספּעקטאָרן, שווימט דאָ אויף ווידער, האַגאַם אין אַ געענדערטער פאָרם. אויסערלעך זיינען די באַרדיטשעווער און זשיטאָמירער גאַסן — גאַסן פון איין שטאָט. עס ליגט אָבער צווישן זיי גאָר אַ גרויסער מעהאלעך.

„בין איך ווידער אראָפּ אַף דער באַרדיטשעווער גאַס — דערציילט שאָלעם־אַלייכעם — עס איז שוין געווען אָוונט־צייט, ווינטער, קאַלט און פינצטער און אַ מאָרעשכוירע איז געלעגן אף אלע הייזער... הייזער? כליוון, זעמליאַנקעס, דורכגענעצטע, שווארצע, קאַלטע, מיט ערד געדעקט, די פענצטער ארומגעשטעקט מיט געלע קישעלעך, רויטע קאָלדרעס און שוואַרצע שמאַטעס — מיט איינעם וואָרט, ליבּער לעזער, דו ווייסט זי, דו קאָנסט זי, די באַרדיטשעווער גאַס אין היינטיקע צייטן, אין היינטיקע ביטערע יאָרן"[1].

אַף דער זשיטאָמירער גאַס ליגט שוין דער גלאַנץ פון ציוויליזאַציע. אין איר וואוינען די רייכערע, מער אופגעקלערטע יידן: דידאָזיקע גאַס איז לויט איר כאַראַקטער מער אַ גרויסשטאָטישע גאַס. די באַרדיטשעווער גאַס איז אין שאָלעם־אַלייכעמס שילדערונג דאָס טיפּישע קליינשטעטל. און אָט וועגן אָט דער באַרדיטשעווער גאַס שרייבּט שאָלעם־אַלייכעם:

„דידאָזיקע וויסטע, פינצטערע גאַס, וועט איר מיר גלויבּן? — איז מיר טייער, ליבּ, איינגעבּאַקן אין האַרצן, עפּעס ווי אַ נעבּעכל, ווי אַ יעסוימעלע, ווי אַן אומגליקלעך קינד... אַ נעבּעכל, אומשטיינס געזאָגט, וואָס סע דרייט זיך אומעטום און איז גרויס באַ יעדערן אין די אויגן און דערפאר טאַקע, סע הייסט מייטאַמע, ווייל עס לעבּט, ווייל עס רודערט זיך, און ווייל עס דרייט זיך פאַר די אויגן, הארגעט מען עס, מע מיימעסט דאָס... איך האָבּ זי ליבּ די באַרדיטשעווער גאַס, איך האָבּ זי ליבּ מיט מיין גאַנצן כיעס, אָן כאָכמעס, אָן כניפע, אָן קאָמפּלימענטן, כאָטש ניט איינמאָל קומט מיר אויס צו לאַכן אויס איר, אויס אירע ווילדע מעשונע אַנטיקלעך, וועלכע געפינען זיך נאָר באַ איר און טאַקע ווידער מייטאַמע האָבּ איך זי ליבּ, אַדעראבּע, מיט די אַנטיקלעך אירע, מיט אירע כעסרוינעס, מיט אירע דומהייטן, מיט אירע ספּלעטניעס, מיט אירע אָריגינאלנע טיפּן, מיט אירע איינפאַלן, מיט אירע העפלעך, מיט אירע שטיקלעך, מיט אירע דריידלעך..."[2].

עס איז קלאָר פון דידאָזיקע שורעס, אַז דאָ האָבּן מיר ניט נאָר דעם אויסדרוק פון מיטלייד צו דער באַרדיטשעווער גאַס, נאָר אויך אַ געוויסע פארליבּטקייט, אַ מין באַגייסטערונג פאר די „אָריגינאַלנע טיפּן" פון דער אָרעמער גאַס. מ. ספּעקטאָרס „נאראָדנאָסט" ווערט דאָ באַרייכערט מיט אַ נייעם אינהאלט. ארויסגייענדיק פון אַן אויסגעשפּראָכן־נעגאַטיווער באַציִונג צו די „קיט־קיטישעס", ווערט שאָלעם־אַלייכעמס פֿאָלקיזם אייגנארטיק באַפאַרבּט דורך אָט דער פאַרליבּטקייט אין די געשטאַלטן פון דער אָרעמער גאַס. באַנאַנד מיט אַ גאַנץ ניכטערן קוק אַף די „כעסרוינעס" און „דומהייטן" פון אָט דער אָרעמער גאַס גייט באַ שאָלעם־אַלייכעמען אַ געוויסע נעטיע צו זוכן אַ באַגעגעניש מיט די געשטאַלטן פון באַרדיטשעווער גאַס, שטודירן זיי, צוקוקן זיך צו זיי און עפּעס וואָס אָפּלערנען דערבּיי פאַר זיך, פאר זיין אייגענעם געדאַנקענגאנג.

1 פ״ב 1887, № 12.

2 פ״ב 1887, № 45.

אין 1888־טן יאָר דרוקט שאָלעם־אַלייכעם אַ סעריע „פונעם וועג״, ער וויל, קענטיק,
נאָכגיין דעם וועג פון ספּעקטאָרס רייזע־באַשרייבונגען (ספּעקטאָרס רייזע־באַשרייבונגען האָבן
געהייסן „אין וועג״). שאָלעם־אַלייכעם דערציילט דאָ, אַז זיין וועג „פירט דורך קליינע
שטעטלעך, ווו עס איז קיין אייזנבאַן לעסאַטע ניטאָ״ און אָט דאָ אין וועג שפּילט זיך אָפּ
אַן עפּיזאָד, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. אַרום, אין
דער בויד, זעט שאָלעם־אַלייכעם די אייגנאַרטיקסטע געשטאַלטן פון קליינעם שטעטל, דאָ
איז אַפילע שוין פאַראַן אַ יידיש ווייבל, וואָס האָט באַלייט אירע קרויווים קיין אַמע־
ריקע — אַ נייע געשטאַלט פאַר דער ליטעראַטור פון די 80־ער יאָרן, — אָבער מער ווי אַלץ
ציט צו שאָלעם־אַלייכעמען איינער אַ ייד אַ „יודע מחשבות״. און מערקווירדיק: פאַר
אָט דעם „ייד פון אַ גאַנץ יאָר״ האָט שאָלעם־אַלייכעם מאָדנע אָפּשיי, ער לאָזט אים אויס־
טיילן ווען אַלעס, וואָס ציט צו שאָלעם־אַלייכעמס אופמערקזאַמקייט, ער איז גרייט פון
אים אויסצוהערן אַ קריטישע מיינונג אַפילע וועגן זיין, שאָלעם־אַלייכעמס, אייגענער ליטע־
ראַרישער טעטיקייט. — ווער דאַרף דאָס? — פרעגט דער איד, אָנווייזנדיק אָף שאָלעם־
אַלייכעמס קסאָווים, און אַז שאָלעם־אַלייכעם נעמט רעדן וועגן „טובת הכלל״, וועגן „פאָלק״,
שלאָגט דער ייד אים איבער:

„וואָס מיר פאָלק? ווער מיר פאָלק? דאָס הונגעריקע פאָלק? דאָס פאָלק איז הונ־
געריק, הונגעריק, הונגעריק! און איר טוט דאָס טויוועס, איר האָדעוועט זיי מיט מייַסעלעך
און לידעלעך, מיט כאָכמעס און מיט ווערטלעך? איר גיט זיי אייצעס און זאָגט זיי מו־
סער?... ברויט גיט זיי! איר הערט וואָס איך זאָג אייך? ברויט גיט דעם הונגעריקן פאָלק!
אַ שטיקל ברויט!״ [1].

אין דעמדאָזיקן עפּיזאָד ציט צו אונדזער אופמערקזאַמקייט דער פאַקט, וואָס שאָלעם־
אַלייכעם טרויט אָן דעמדאָזיקן פּראָסטן יידן אויסצודריקן זיינע אייגענע, שאָלעם־אַלייכעמ־
שע, מאַכשאָוועס פון יענער צייט, מאַכשאָוועס, מיט וועלכע עס האָט אין אַ געוויסער צייט
פריער אומגעטראָגן זיך אויך מענדעלע מויכער־ספאָרים. עס פילט זיך, אַז לאָזנדיק
זיך אין וועג „דורך קליינע שטעטלעך, ווו ס׳איז קיין אייזנבאַן לעסאַטע ניטאָ״,
נעמט מיט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם אַ מין פאַרבאָרגענע האָפענונג צו געפינען
דאַפקע אין קליינעם שטעטל אַן ענטפער אָף פיל פראַגן, וואָס באַשעפטיקן אים.
עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קליינע שטעטל איז ניט געווען קיין נייס אין דער יידישער
ליטעראַטור פון יענער צייט. עס איז אָבער גענוג צו דערמאָנען זיך אָן מענדעלעס סאַטי־
ריש־פאַרשפּיצטער באַציונג צו „טונעיאַדעווקע, דאָס קליינע שטעטל אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל,
אין דער זייט פון אַ פּאָטשטאָוון טראַקט, קימאַט אָפּגעריסן פון דער וועלט״ („מאַסאָעס
ביניאָמין האַשלישי״) קעדיי צו זען, אַז ספּעקטאָרס און שאָלעם־אַלייכעמס ווידערופ־
געוואַכטער אינטערעס צום שטעטל איז געקומען אַלס אויסדרוק פון זייער „נאַראָד־
נאָסט״, דער ערשט־אופקומענדיקער אידעאָלאָגיע פון פאָלקיזם״ [2]. ווען מע לייענט באַ זיי

1) פ״ב 1888, 43 №.

2) די באַציונג צום קליינשטעטלדיקן שטייגער האָט באַ מענדעלען אָנגעהויבן זיך אָנמערקן נאָך אין „קליינעם
מענטשעלע״, האַגאַם דאָרט איז זי נאָך ניט גענוג באַשטימט. „די קליינשטעטלדיקע מענטשן — שרייבט מענדעלע —
זיינען עפּעס גאָר כ׳לעבן אנדערע מינע מענטשן, ניט קליינע ניט גרויסע, ניט קלוגע ניט נאַראָנים, ניט גוטע ניט
שלעכטע, ניט פיש ניט פלייש, עפּעס גלאַט מענטשן...״ („דאָס קליינע מענטשעלע״ אויסגאַבע 1865 ז. 34).
זיין עמעסע באַציונג צום קליינשטעטלדיקן האָט מענדעלע אויסגעדריקט ערשט אין „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי״ (1878),
ווו די הויפּט - העלדן גילטן ווי די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון טוניעיאַדעווקער אָפּגעשטאַנעקייט און גייסטיקן
דאַלעס. מענדעלעס שפּעטערדיקע מער פאָלקיסטיש-באַפאַרבטע באַציונג צום קליינעם שטעטל, וואָס האָט
זיך באַוויזן אין דער נייער רעדאַקציע פון „ווינשפינגערל״ און „פישקע דעם קרומען״, קומט דאָ ניט אין באַ־
טראַכט מאַכמעס דאָס איז געקומען צו דער עפנטלעכקייט ערשט 1888, ד. ה. גלייכצייטיק מיט שאָלעם-אַלייכעמס
„סטעמפּעניו.

אלע שטעלן, וואָס ווילן אלעמאָל באַטאָנען, אז זיי רעדן ניט אזוי סטאַם וועגן יידישן לעבן, נאָר וועגן יידישן לעבן אין שטעטל, זעען מיר, אַז דאָ האָבן מיר אייגנטלעך דאָסזעלבע, וואָס אין י. ל. פּערעצעס „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע". — „צווישן אנדערע זאכן איז געבליבן — דערציילט פּערעץ אין דער האקדאָמע צו די „סקיצן און בילדער" (דער שפּעטערדיקער נאָמען פון די „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע") — אַז מע דאַרף זיך באקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן יידישן לעבן; זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך; אף וואָס מע האָפט, פון וואָס מע לעבט, וואָס מע טוט... וואָס זאָגט דאָס פּאָלק?..."

אָט אַזוי האָט פּערעץ אין 1890 יאָר פאָרמולירט די אופגאַבן פון יענער „נאַראָדנאָסט", וואָס האָט אין מעשעך פון די 80־ער יאָרן אָנגעפירט מיט דעם נייעם ליטעראַרישן דאָר, צו וועלכן ס'האָבן צוזאַמען מיט פּערעצן געהערט אויך שאָלעם־אַלייכעם און ספּעקטאָר. עס פאַרשטייט זיך, אז דערביי האָבן אפן באַוווסטזיין פון דידאָזיקע שרייבער געקאָנט ווירקן גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע דערשיינונגען[1], און אויך די רעזולטאַטן האָבן דערביי געמוזט גיין אין פאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער דאָס אַלגעמיינע איז דאָך באַשטאַנען דעריִן, וואָס פאר די ניי־צוגעקומענע שרייבער פון די 80-ער יאָרן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיט אַזאַ אומפאַרמיידלעכער האַרבקייט די פּראָבלעם פון יידישן מאַסן־לעבן, אַז דאָ האָט מען זיך ניט געקענט מער פאַרלאָזן ניט אף די גאַנגבאַרע כיבאַס־ציען-אידייען פון אַרום, ניט אַף דעם איינגעכאַזערטן האַסקאָלע־שאַבלאָן פון אַמאָל. אַפילע ווען איינער פון די שרייבער, ווי שאָלעם־אַלייכעם, לעמאָשל, האָט זיך אָפּיציעל גערעכנט פאר אן אָנהענגער פון דער כיבאַס־ציען־אידייע, האָט עס אים דאָך ניט באַפרייט פון די אַלע נייע פראַגן, וואָס דאָס אַרומיקע לעבן האָט פון טאָג צו טאָג אַרויסגערוקט[2]. דאָס יידישע מאַסן־לעבן האָט אין יענער צייט צום ערשטן מאָל זיך א ווייז געטון ניט אין דער אַלטבאַקאַנטער סטאַטיק, נאָר אין אן אומגעריכט געקומענער דינאַמיק. דאָס אַלץ, וואָס האָט ביזאַהער געגאָלטן ווי דער אָביעקט פון דער ווילהערציקער מאַסקילישער האַשגאָכע—די יידישע מאַסע—האָט מיטאַמאָל זיך א ווייז געטון אין גאָר א נייער שיין.

אויב מענדעלע האָט באם שיין פון לעבן־פּראָצעס פון זיין פאָרמירונג־פּעריאָד באַקומען דעם גאַנץ־אומבאַשטימטן פאָרגעפיל, אַז די יידישע מאַסע קאָן פונעם אָביעקט פאַרוואַנדלט ווערן אינעם סוביעקט פון דעם, וואָס האָט געהייסן „יידיש לעבן", האָט איצט באַם נייעם דאָר שרייבער פון דעם פאָרגעפיל אָנגעהויבן ווערן א געפיל, אזא געפיל, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די אומשטענדן פון דער נייער עפּאָכע און האָט שוין ניט געקענט איינפּאַסן זיך אין די ענגע ראַמען פון מענדעלעס אידעאָלאָגיע. ענג האָט דעם נייעם דאָר שרייבער געמוזט ווערן אין מענדעלעס אידייען־וועלט דערפאַר, ווייל עס האָט באַ מענדעלען געפעלט דער כוש צו די שאַפנדיקע קויכעס פון דער פאָלקס־מאַסע. מענדעלע האָט אין בעסטן פאַל געקאָנט זיך אָנשטויסן, אַז ערגעץ מוזן אין דער יידישער מאַסע אַזעלכע קויכעס זיך געפינען. אָבער גראָדע דידאָזיקע אונטערבאַוווסטזיניקע אַנונג האָט ניט געפונען קיין אויסדרוק אין די קינסטלערישע ווערק מענדעלעס, וועלכע זיינען דערשינען ביז די

---

1 די פאַרשיידנאַרטיקייט אינעם צוגאַנג צו דער אַרומיקער סוויווע לאָזט זיך באַזונדערס פילן, ווען מע פאַרגלייכט דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען מיט י. ל. פּערעצן, וואָס האָט נאָך אין דער צווייטער העלפט 70-ער יאָרן (אין די העברעישע ווערק) אָנגעהויבן זיין אידעישע עוואָלוציע. מע דאַרף אָבער פאַרצייכענען, אַז אין פּערעצעס העברעישער פּאָעמע „העיר הקטנה" (1886) האָבן מיר קימאַט דעמזעלבן פאַרשאַרפטן אינטערעס און נייעם צוגאַנג צום קליינעם שטעטל, ווי מיר האָבן עס אַקאָרשט געזען באַ מ. ספּעקטאָרן און שאָלעם-אַלייכעמען.

2 1888 שרייבט שאָלעם-אַלייכעם אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען:

„איך ווייס וויפל אַזעלכע אינדיקעס, וואָס שרייען און ליאַרעמען אַף פּאַפּיר: „עד מתי? שטייט אוף, מענטשן! ווו נעמט מען מענטשן? איך שרייב מיטן בלוט פון מיין האַרצן און מיטן מאַרך פון מיינע ביינער! לכו ונלכו. קומט מיט מיר! אַהין! פּאַלעסטינע! פאָטערלאַנד!" א. אז. וו. און צום סאָף איז דער שרייבער אַליין אַ קליין ברעקעלע מענטשעלע, מיט קליינטשיקע, נידעריקע האַסאָגעלעך"... (פ"ב 1888, נומ. 3).

80־ער יאָרן. די געשטאַלטן פונעם קינד און דעם באַלמעלאָכע, וואָס האָבן שפעטער אין „ווינשפינגערל" און באַזונדערס אין „שלוימע ר' כאַיעמס" געזאָלט זיין דער אויסדרוק פון מענדעלעס אינסטינקטיווער אָריענטירונג אַף א באַהאַלטענעם שעפערישן קויעך פון דער ברייטער מאַסע, זיינען געקומען שוין נאָכדעם, ווי די גרופּע יונגע שרייבער פון די 80־ער יאָרן האָט זיך אָפגעזאָגט פון דעם מאַסקילישן צוגאַנג צו דער פאָלקס־מאַסע. דיזעלבע קינד־און באַלמעלאָכע־געשטאַלטן בעייס זיי זיינען אופגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין מענ־דעלעס ווערק האָבן זיי געהאַט גאָרניט אַזאַ פאָעטישע באַאַרבונג, ווי דאָס איז געקומען באַ מענדעלען אין די שפעטערדיקע וואַריאַנטן פון זיינע ווערק. די מאַסן־געשטאַלטן פון דער „טאַקסע" האָבן ווייניק־וואָס געקאָנט איידעס זאָגן וועגן מענדעלעס גלויבן אין די שאַפנדיקע קויכעס פון דער אומבאַהאָלפענער פאַרדולטער מאַסע. און וואָס איז נעגייע צו „פישקע דעם קרומען" האָט דאָך מענדעלע נאָך אין דער אויסגאַבע פון סאָף אַכציקער יאָרן אונטערגעשטרייכט (אין דער ווענדונג צו מענאַשע מארגוליסן), אַז דער שווערפונקט פון דעם ווערק ליגט אין די „שמאַטעס און פוילער סכוירע", וואָס ווערט דאָ באַוויזן.

דאָס נייע, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכנט די נייע ווענדונג צום „פאָלק" באַם יינגערן דאָר שרייבער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער, דער נייער שרייבער, איז געגאַנגען אין „פאָלק" ניט נאָר קעדיי צו באַווייזן די שטריכן פון אָפגעשטאַנענקייט און פאַרקריפלונג, נאָר אויך קעדיי צו זוכן אין דער טיף פון דער פאָלקס־מאַסע פאַרבאָרגענע קרעפטן, שאַפנ־דיקע קויכעס. ווי שווער עס זיינען ניט געווען פערעצעס איינדרוקן אין זיינע „בילדער פון א פראָווינץ־רייזע", האָט ער דאָך אין דער זעלבער צייט געשריבן זיין „וואָס הייסט נע־שאָמע?" (1890), „א טויט פון א קלעזמער" (1891) און „שאָלעם באַיעס" (אָנגעהויבן נאָך אין די 80־ער יאָרן). ווען מע פאַרגלייכט אָט די ווערק מיט שאָלעם־אַלייכעמס „בינטל בלומען" (1888), לעמאָשל, דערפילט מען גלייך דעם געמיינזאַמען טאָן פון אָפטימיזם, וואָס קוועלט דאָ באַהאַלטענערהייט און רופט צו זוכן ערגעץ אין דער אַרומיקייט פאַרבאָרגענע שיינקייט, באַהאַלטענע קרעפטן[1]. אַזוי איבעראַשנדיק, ווי עס איז געווען פאַר פערעצעס העלד פון „וואָס הייסט נעשאָמע?" צו דערוויסן זיך, אַז די „נעשאָמע", וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוווסט באַם נאָמען אָנצורופן, הייסט גאָר לויטן נאָמען פון זיין געליבטער — גיטל, אַזוי איבעראַשנדיק איז דאָס מאָל פאַר שאָלעם־אַלייכעמען געווען צו געפינען באַ זיך אין שטעטל, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען נאָר דער אָביעקט פון סאַטירע, מאָטיוון פאַר ליריש־הומאָריסטי־שע בילדער. און דעמזעלבן וועג, ווי פערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, מאַכט דורך מ. ספעק־טאָר אין די 80־ער יאָרן.

„— וואָס ?— שרייבט ספעקטאָר אין „ר' טרייטל"—אין זלידניוווקע שפילט מען אויך ראָ־מאַנען מיט פאַרליבענישן ? עס כאַלעמען זיך דאָ אויך כאַלוימעס פון פאַרליבענישן ?— וועט געוויס פרעגן דער גרויסשטעטלשער לעזער. יאָ, אין זלידניווקע אויך ! ניט ערגער, ווי באַ אייך אין די גרויסע שטעט ! זיי האָבן אויך הערצער און אויגן, וואָס פילן און זעען, זיי פאַרליבן זיך אויך, זיי פירן גאַנץ לאַנגע ראָמאַנען, זיי ווייזט זיך אויך אויס, אַז ווען זייערע טייערע געליבטע הייבן אָן דאָ צו רעדן, איז דאָס ניט קיין רעדן פון א פראָסטן מענטשן, נאָר עס גיסט זיך פון זייערע מיילער זיסער האָניק. די לעוואָנע לייכט זיי אויך צו, די

1 פערעצעס בען-דאָר ש. אשקענאַזי דערציילט : „פערעץ האָט זיך שוין דעמאָלט (אין די 80-ער יאָרן) שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. ער האָט בעעמעס געליבט זיין פאָלק, איבערהויפט די אָרעמע און נידעריקע שיכטן פונעם פאָלק. ער האָט מיר שטענדיק געזאָגט : „מיט די אַלטע טאַלמודיסטן און בורזשואַזיע איז גאָרניט צו מאַכן. פון זיי איז ניטאָ וואָס צו האָפן, נאָר דער פעבל, די אַרבעטער-מאַסע—דאָס איז א פעלד צו אַר-בעטן, דאָס איז אַן אומגליקלעך פאָלק, אָבער א פעיקס. דאָ געפינט זיך פיל אידעאַליזם, נאָר מע דאַרף זיי בילדן, מע האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט...״

(ציטירט לויט ז. רייזענס לעקסיקאָן II באַנד).

ליבע זון שמייכלט זיי אויך צו, די ביימער קוקן אויך אף זיי מיט זייערע גרינע אייגעלעך, און די פייגעלעך זינגען זיי אויך צו אפן באַרג לעבן דער באָד, גלייך ווי באַ אייך אין די גרויסע שטעט אַף די בולוואַרן, לעבן די פאָנטאַנען און גערטנער. דאָס קאָפּיקענע כיילעוונע ליכטל לייכט זיי אויך אַרויס פון די קליינע שטיבעלעך, פון די נידעריקע פענצטער, פונקט ווי באַ אייך דאָס זונלעך־ליכט פון דעם עלעקטרישן פייער [1].

מיר באַקומען דאָ ווידער א מין ענטפער אף דער פראַגע: „וואָס הייסט נעשאָמע?", אָבער דאָסמאָל איז דער דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישער צוגאַנג צום קליין שטעטל נאָך דייט־לעכער, און ספעקטאָר איז ניט פאַרבליבן באַ הוילע רייד אין דער הינזיכט. נאָך אין מיטן די 80־ער יאָרן האָט ער גענומען זוכן די קוואַלן פון יידישן פאָלקס־שאַפן [2], צום ערשטן מאָל צוגעצויגן די געזעלשאַפטלעכע אופמערקזאַמקייט צום יידישן פאָלקלאָר. ווי קליין עס זיינען ניט געווען די ערשטע דערגרייכונגען אין דעם געביט, איז עס דאָך געווען די מאַ־ניפעסטאַציע פון א נייער באַציִונג צום לעבן און שאַפן פון דער ברייטער מאַסע, א נייער אַקט פון דער דערנעענטערונג צום יידישן מאַסן־לאַבן אין די 80־ער יאָרן. און אַזעלכע מאָמענטן לאָזן זיך אין יעדער צייט פאַרצייכענען לערנען [3].

אין יענער צייט, ווען דער יונגער דאָר שרייבער האָט דורכגעמאַכט זיין פאָלקיסטישן עטאַפּ, איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס מ. ספעקטאָר האָט אין 1886־טן יאָר אין האַלב־איראָנישן טאָן גענומען שילדערן די „דריי פאַרשוין"—דעם „פּאַלעסטינעץ", דעם „אַסימיליאַטאָר" און דעם „גלאַט אַזוי"—און האָט איבער דעם אַלעמען געשטעלט א מאָטאָ:

לאַכן הייסט ניט כויזעק מאַכן,
לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט...

(נאָכגעזאָגט פון א פראָסטן יידן [4].)

דידאַזיקע אַפּעליאַציע צום „פּראָסטן יידן" וואָלט עפּשער געקאָנט אויסזען צופעליק, ווען ספעקטאָר זאָל זיך ניט אומקערן צו דעם ווידער. ספעקטאָר שרייבט אָבער אינעם עפּי־לאָג צום זעלבן „דריי פאַרשוין":

„דער וואָס אינטערעסירט זיך פאַר פּאַלעסטינע און וויל וויסן ווי עס שטייט די פּאַ־לעסטינישע באַוועגונג, זאָל זיך אַמבעסטן צוהערן וואָס דער אוילעם זאָגט וועגן דעם, וועט ער פיל ריכטיקער וויסן ווי פון דעם לייענען פאַרשיידענע באַשרייבונגען מיט פּאָלעמיקעס פון איינצלנע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך פאַרפירן פון זייער פאַנטאַזיע אין דעם נאָמען פון דעם גאַנצן פאָלק, כאָטש קיינער האָט זיי ניט געהייסן...[5]

מיר זעען דאָ, אז דאָס פאַרופן זיך אַפן „פּראָסטן יידן" איז ניט געווען קיין צופאַל. אַפּעלירן צום „גאַנצן פאָלק", צום „פּראָסטן יידן" האָט מ. ספעקטאָר געפּרוווט סיי דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט וועגן „נאַראָדנאָסט" און גערופן צו באַשרייבן דאָס לעבן פון קליי־

---

1 „ר׳ טרייטל". דערשינען צום ערשטן מאָל אַלס ביילאַגע צום „פ"ב" פון 1884. ווערט באַ אונדז צי־טירט לויט דער אויסגאַבע פון „הויז-פריינד" 1895 ז. 14.

2 וועגן שאָלעם-אַלייכעמס אינטערעס צום יידישן פאָלקלאָר איז ביזאַהער געווען באַוווּסט נאָר פון זיין „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק", (1892), ווו ש"א האָט פאַרעפנטלעכט אַן אינסטרוקציע, ווי צו זאַמלען פאָלקלאָר. מיר דערוויסן זיך אָבער איצט אין ש"א׳ס אַ בריוו צו נעפּע (זע ווייטער אין דער אָפּטיילונג: „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן"), אַז ש"אַ האָט נאָך אין 1888-טן יאָר געזאַמלט יידישע פאָלקס-לידער.

3 דערביי האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַף אַ נייעם אופן פאַרענטפערט ווערן אויך די שפּראַך-פּראַגע. אי פערעץ, אי שאָלעם-אַלייכעם האָבן זייער נייע שטעלונג צו אָט דער פראַגע געגוג קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט אין די 80-ער יאָרן. דאָס איז אָבער אַ טעמע, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

4 „יודיש" (פּעטערבורג 1886). די דערציילונג איז, אַגעוו, געגאַנגען מיט אַן אונטערקעפּל „געווידמעט מיין טייערן כאַווער שאָלעם-אַלייכעם".

5 מ. ספעקטאָר: „יודיש" ז. 67.

נעם שטעטל, סיי דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין קריטישע באַציִונג צו די גאַנגבאַרע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אידייען פון אַרום („פּאַלעסטינעץ", „אַסימיליאַטאָר") און האָט אינסטינקטיוו געצויגן זיך צו עפּעס אַ נייעם וועג—דעם וועג צום „פּאָלק". און דידאָזיקע אינסטינקטיווע באַוועגונג צום „פּאָלק" האָט פאַרבונדן דעמאָלט פּערעצן, שאָלעם־אַלייכעמען און ספּעקטאָרן.

IV

מיר האָבן ביזאַהער געפּרוווט סקיצירן אייניקע עפּיזאָדן אינעם לעבן פונעם „ליטעראַרישן וועלטל", וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען, מיר האָבן דערביי באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דאָס געמיינזאַמע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם נייעם דאָר שרייבער, נעמלעך: זיין נייע באַציִונג צום „פּראָסטן יידן"[1]. מ'דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס הייסט א „פּראָסטער ייד", האָט געקענט זיין גאָר פאַרשיידן בא די שרייבער פון די 80־ער יאָרן. באַ מ. ספּעקטאָרן, לעמאָשל, האָט געקענט טרעפן, אַז אין זיין „ר' טרייטל" האָט ער גענומען אידעאַליזירן דעם העלד בערל פּלאָסטער—אַ געמיש פון שטריכן, וואָס זיינען באַ מענדעלען פאַרקערפּערט אין די הויפּט־העלדן פון „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי". בערל פּלאַסטער, איינער פון די פּאַראַזיטישע געשטאַלטן, וועמען מענדעלע וואָלט געוויס געמאַכט פאַרן אָביעקט פון סאַרקאַסטישער אָפּלאַכונג — ווערט באַ ספּעקטאָרן גענומען קימאַט אין אַן אידילישער באַלויכטונג.

אין אַזעלכע פאַלן האָט דער אינטערעס צום „פּראָסטן יידן", נאַטירלעך, געמוזט אָנווערן דעם כאַראַקטער פון א פּראָגרעסיווער דערשיינונג. דאָס האָט געהייסן, אַז מע זאָגט זיך אָפּ פון א קריטישער באַציִונג צו דער אַרומיקער סוויווע און אונטערן צייכן פונעם אינטערעס צום „פּראָסטן יידן" קומט צום וואָרט די קאָנסערוואַטיוו־באַלעבאַטישע האַסאָגע פון דעם אָדער יענעם מעכאַבער. אַזעלכע פאַלן האָבן אָבער פּאַסירט דעמאָלט נאָר זעלטן. עס וואָלט זיין א טאָעס צו מיינען, אַז צוליב די נייע פּאָלקיסטישע שטימונגען, וואָס זיינען טיילווייז געווען אַן אָפּווייכונג פון די קעמפערישע האַסקאָלע־טענדענצן, האָבן די יונגע שרייבער פון די 80־ער יאָרן אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון א קריטישער באַציִונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט. ס'איז גענוג איבערצולייענען דעמזעלבן „ר' טרייטל" ספּעקטאָרס, שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק, „געט", „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס", אָדער גאָר די ליד „יידישע טשינאָווניקעס" קעדיי צו זען, ווי אָפט עס האָט פּאַסירט, אַז דער שרייבער פון די 80־ער יאָרן האָט אופגענומען א מאַסקילישן מאָטיוו און געפירט אים צו א ווייטערדיקער, נייער פאַרקערפּערונג. איז דען ניט פונעם מאַסקילישן „קריטיציזם" אויסגעוואַקסן ספּעקטאָרס נעגאַטיווע באַציִונג צום יידישן הענדלער און טענדלער, צו דער „קרעמערשער וועלט", ווי מ. ספּעקטאָר רופט עס אָן אין זיין „ר' טרייטל"—א באַציִונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געלאָזט וויסן אויך בא שאָלעם־אַלייכעמען? דער שרייבער פון די 80-ער יאָרן האָט דעם „קריטיציזם" פונעם מאַסקילישן דאָר אופגעפּאַסט ווי דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון יענער ליטעראַרישער טראַדיציע, וועלכע ער, דער יונגער שרייבער האָט איבערגענומען. אַוועקגיין פון אָט דערדאָזיקער טראַדיציע האָט ער קיינמאָל ניט געאיילט זיך. ווי ווייט דאָס איז געווען א שטיק טראַדיציע האָט עס אַפילו ניט געפאָדערט קיין גרויס אָנשטרענגונג באַם נייעם דאָר שרייבער. פיל שווערער איז אָבער געווען צו שאַפן זיך אַן אייגענעם צוגאַנג צום „פּראָסטן יידן", וואָס האָט זיך גאָר אין א נייער שיין אַוועקגעשטעלט פאַר דעם יינגערן

1 אַף אָט דער נייער באַציִונג צום „פּראָסטן יידן" האָט זיך דערצויגן אַוראָם רייזענס דיכטונג. זיינע ערשטע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אָנהייב 90-ער יאָרן, האָבן נאָר אַנטוויקלט ווייטער די נייע באַציִונג צום „פּראָסטן יידן", וואָס האָט זיך אָנגעמערקט אין די 80-ער יאָרן. (וועגן דעם, ווי די ליטעראַטור פון די 80-ער יאָרן האָט געווירקט אַף אַ. רייזענען—זע אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן"—„פרייהייט" 1927).

שרייבער. בעיס שאָלעם-אַלייכעם האָט אין זיינע נאָטיצן „פונעם וועג" דערציילט וועגן דעם יידן, דעם „יודע מחשבות", האָט ער סאָפּקאָלסאָף מער ווי אַ סכעמאַטישע פיגור פון א „פּראָסטן יידן" ניט באַוויזן צו געבן. דעסגלייכן אין די „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס". שאָלעם-אַלייכעם האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן די „אָריגינאַלנע טיפּן" פון אָט דער „וויסטער, פינצטערער גאַס", דער גאַס פון דער יידישער אָרעמקייט. ער האָט אָבער אויך דאָסמאָל מער ווי א סכעמע פון אָט דער גאַס ניט געגעבן.

באַפרייען זיך פון סכעמאַטישקייט איז שאָלעם־אַלייכעמען געלונגען נאָר אין זיין דערציילונג „דאָס מעסערל" (1887). אָט־די דערציילונג האָט דערפאַר טאַקע באַטייט אַן איבערבראָך־מאָמענט אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג, ווייל דאָ אינעם „מעסערל" האָט זיך צום ערשטן מאָל אַ שרייבער פון די 80־ערן יאָרן איינגעגעבן צו וויזן אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וועלכע טראָגט אין זיך עפּעס אַ סימען פון געזונטקייט, האַרמאָנישקייט, אַ פונק פון אַ פאַרבאָרגענעם שעפערישן קויעך, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס־מאַסע. דאָס האָט געשטימט מיט שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקיסטישע סימפּאַטיעס פון יענער צייט, אָבער באַוויזן איז עס דאָך געוואָרן ניט מער ווי אין דער געשטאַלט פון אַ קינד. און שאָלעם־אַלייכעם האָט געמוזט ווייטער זוכן דעם פּאַסיקן העלד.

ס'איז באַוווּסט דער פאַקט, אַז פּערעץ האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט געהאַט געשריבן אַ פּאָעמע אונטערן נאָמען: „ווו נעם איך אַ העלד?" עפּעס ענלעכס דערצו האָט געמעגט אופשרייבן אַף זיין ווערק פון די 80־ער יאָרן שאָלעם־אַלייכעם אויך.

———

ס'איז נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז שוין אין דער צייט שטויסט זיך שאָלעם־אַלייכעם אָן אַף דער פּראָבלעם פון יידישן באַלמעלאָכע־לעבן. פאַר אַ פאָלקיסט פון די 80־ער יאָרן איז עס געווען קימאַט ווי אומפאַרמיידלעך.

„אין די 80־ער יאָרן—שרייבט י. צינבערג—האָט די אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן יידן, אַלס אַ פאָלק פון הענדלער, הויפּטזאַכלעך, גענומען אָפּטרעטן דאָס אָרט דעם דורכויס נייעם קוק, וואָס האָט מער געשטימט מיט די פאַקטן פון דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט. די אויספאָרשונגען פון אייניקע אָביעקטיווע עקאָנאָמיסטן, באַזונדערס פון סובאָטינען, האָבן אַפן איבערצייגנדיקסטן אויפן דערוויזן, אַז דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד—איז אַן אַרבעט־פאָלק, וואָרום די גרעסטע מערהייט זיינע באַשעפטיקט זיך קימאַט מיט אַלע געביטן פון פיזישער אַרבעט. דער ייד דער שוואַרצאַרבעטער, דער ערדגראָבער, דער שטיינקלאַפּער, דער פורמאַן א. אַז. וו.,—אָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ביז יענער צייט אינגאַנצן פאַרטושירט אַפן האָריזאָנט פון דער יידישער פראַגע (?), האָט זיך אַרויסגעוויזן אין סובאָטינס בוך אין זיין גאַנצער גוואַלדיקער אָרעמקייט און פאַרוואָרלאָזקייט"[1].

ווי קריטיש מיר זאָלן איצט זיך ניט באַציען סיי צו די יעדיעס פון דעם „אָביעקטיוון עקאָנאָמיסט" סובאָטין, סיי צו דער טראַקטירונג פון זיינע יעדיעס בא צינבערגן, איז עס א פאַקט אָבער, אַז דידאָזיקע יעדיעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1887־טן יאָר, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רוישעם. אַזעלכע יעדיעס האָבן סאָף 80־ער יאָרן אָנגעהויבן אָנקומען אויך פון אַנדערע קוועלן[2]. אינעם באַוווּסטזיין פון די יידישע שרייבער פון די 80־ער יאָרן, באַזונדערס די, וואָס האָבן גערעדט וועגן „פאָלק", הייבט אָן פאַרנעמען אַן אָרט

1 ז. 45. С. Цинберг: Жаргонная литература и ея читатели. В. 1903/IV

2 אין „Восход" פון י. 1889 געפינען מיר אַ סטאַטיסטישן איבערזיכט פון די יידן-באַלמעלאָכעס אין קאָוונער גוב. ווי עס ווערט אין דעם איבערזיכט אָנגעוויזן, זיינען אין 1887 יאָר אופגעקליבן געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם טכום גענויע יעדיעס וועגן דער צאָל יידישע באַלמעלאָכעס. דער „Восход" באַרויערט נאָר, וואָס דידאָזיקע יעדיעס זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אָט די נייע סאָציאַלע פיגור—דער באַלמעלאָכע, וועלכן מע איז געניגט צוצוגעבן א גרויסע באַדייטונג. אף איין פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט, וועלן מיר דאָ אָנווייזן. אין 1886־טן יאָר האָט אין „יידישן פאָלקסבלאַט" זיך געדרוקט א סעריע אַר־טיקלען, וואָס האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן „באַלמעלאָכישע שוטפעסן" (אַרטעלן). די־דאָזיקע אַרטיקלען זיינען אין 1887־טן יאָר דערשינענ אין דער פאָרם פון אַ ביכל, וואָס האָט געהייסן: „אַ נוצלעך קעשענע־ביכל פאַר יעדן באַלמעלאָכע און אַרבעטער", און אָט־דאָס ביכל האָט אין מעשעך פון אַ פּאָר יאָר ניט אופגעהערט צו זיין דער אָביעקט פון אופמערקזאַמקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. דער ערשטער ווער עס שרייבט וועגן דעם ביכל, איז ראַוויניצקי אין שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק". רעצענזירנדיק דאָס דערמאָנטע ביכל, שרייבט ראַוויניצקי:

„דאָס קליינע קעשענע־ביכל, מעג מען זאָגן, איז א גרויסער צייכן פון דער צייט: עס ווייזט, ווי אונדזער יונגע פאָלקס־ליטעראַטור האָט זיך אין דער לעצטער צייט אופגעמונ־טערט און אופגעהויבן (קורסיוו בא ראַוויניצקין — נ. א.) צו אַ נייעם פרישן לעבן...[1].

י. כ. ראַוויניצקי ווייזט אָן אַף די מיילעס פונעם ביכל, וואָס רעדט „מיטן פּראָכטן אוי־לעם אַזוינע פּראָסטע ריינע ווערטער, וואַרעמע און פאַרצוקערטע מייַסעלעך", ער זעט אין דעם פאַרדינסט פונעם ביכל דערין, וואָס עס איז נוצלעך פאַר יעדן באַלמעלאָכע און אַרבעטער. מ׳דאַרף אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן,—שרייבט ער — אַז דער ייד איז אין דער־זעלבער צייט אַ מענטש־אויך, גלייך מיט אַלע מענטשן און דעריבער האָט דער יידישער אַרבעטער „אויך פונקט די אייגענע אינטערעסן, וואָס אַלע אַרבעטער ביכלאַל". ראַוויניצקי האַלט דעריבער, אַז די ביישפּילן פון אויסלאַנד, וואָס ווערן געבראַכט אינעם ביכל, קאָנען גוט דינען אויך דעם יידישן באַלמעלאָכע.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז גראָדע דערדאָזיקער פונקט פונעם „קעשענע־ביכל" רופט אַרויס מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (1891) דעם שאַרפסטן אָנפאַל מיצאַד י. ל. פּערעצן. רעצענזירנדיק דאָסזעלבע „קעשענע־ביכל", שטעלט זיך פּערעץ אָפּ געניי אַף די פעלערן, וואָס דער מעכאַבער איז באַגאַנגען, אָבער מער פון אַלץ איז ער געשטימט קעגן דעם ביכל דערפאַר, וואָס עס אָפּערירט ניט מיט די פאַקטן פון אַרומיקן לעבן, פון רוסלענ־דישן לעבן.

„מיר מיינען—שרייבט פּערעץ—אַז עס וואָלט גלייכער געוועזן אונדזערע מעכאַברים זאָלן וויניקער רעדן פון אויסלאַנד (געוועזן אָדער געלעזן), בעסער באַטראַכטן, וואָס אין דער היים טוט זיך. אויב זיי ווילן שרייבן איבער דער אַרבעטער־פראַגע, זאָלן זיי פריער די פראַגע שטודירן, די ליטעראַטור און דעריקער דאָס לעבן!"[2].

און דאָך, ניט געקוקט אַף אַזאַ אָפּשאַצונג, קומט אויך פּערעץ צום אויספיר, אַז דער מעכאַבער פונעם „קעשענע־ביכל" האָט אַ גרויסן פאַרדינסט: „ער איז (דוכט זיך) דער ער־שטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן (אָדער איבערזעצן שטיקלעך) פאַר באַלמעלאָכעס". אין דערדאָזיקער רעצענזיע האָבן מיר אַ וויכטיקן שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פון פּערע־צעס שטימונג סאָף 80־ער און אָנהייב 90־ער יאָרן.

מיר זעען ווירקלעך, ווי פּערעץ פירט איין אין זיין ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק" פון 1891 אַ באַזונדערע „אָפּטיילונג פאַר באַלמעלאָכעס". אין דעם אַריינפיר צו דערדאָזיקער אָפּטיילונג פּרוווט י. ל. פּערעץ פאַרענטפערן די פראַגע: פאַרוואָס זאָרגט די „יידישע ביב־ליאָטעק" פאַר באַלמעלאָכעס מער איידער פון „אַנדערע קלאַסן אידן?", און ער קומט צום באַשלוס: „דער האַנדל ביכלאַל און מיקאָלשקן דאָס פאַקטאָריי מוז פאַלן און אונדזער גאַנצע טיקווע אַף שפּעטער זיינען נאָר באַלמעלאָכעס" (קורסיוו בא

[1] „פ. ביב." I באַנד ז. 336.

[2] פּערעצעס „יידישע ביבליאָטעק" I באַנד, 1891.

פּערעצן). מיר זעען ווי די באַציִונג צום באַלמעלאָכע ווערט דאָ באַוווסטזיניק מאָטיווירט, און ענלעכס דערצו געפינען מיר אין יענער צייט אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

שאָלעם־אַלייכעם, ווייסן מיר, האָט נאָך מיט יאָרן שפּעטער אין „פריינד" פון 1903 יאָר פאַר זיינע קאָרעספּאָנדענצן ניט געפונען קיין אַנדער אונטערשריפט ווי א „באַלמעלאָכע". סאָף 80־ער יאָרן איז די פיגור פונעם באַלמעלאָכע שאָלעם־אַלייכעמען באַזונדערס נאָענט. אין צווייטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" פון 1889 דרוקט שאָלעם־אַלייכעם זיינעם אַ האַלב־בעלעטריסטישן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „א פּאָר ווערטער וועגן אונדזער באַלמעלאָכע". ער גיט עטלעכע סילועטן פון שטעטלשע באַלמעלאָכעס, אָבער דער הויפּט־אינטערעס פונעם אַרטיקל ליגט אין דער אידייע פון א „באַלמעלאָכישן פּאָדראַד", וואָס „באַ דער וועלט הייסט עס אַסאָציאַציע. באַ אונדז אין רוסלאַנד ווערט עס אָנגערופן אַרטעל". אינטערעסאַנט איז דער נאָכוואָרט פונעם אַרטיקל, וואָס הייסט: „עטלעכע וואַרעמע ווערטער צו אונדזערע שרייבער".

„ס'וואָלט געווען א גרויסער יושער — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם — אַז אונדזערע יידישע שרייבער, וואָס אַף זייער מאַזל איז אויסגעפאַלן צו זיין לערער פאַרן פאָלק, זאָלן זיך נעמען צו דער שיילע, זי דורכלערנען, ווי עס דאַרף צו זיין, ניט פאַרגעסן, אַז אין דעם ליגט א גליק קימאַט פאַר א גרויסן צאָל יידישע רעמעסלעניקעס, אָרעמעלייט, נעבעך, וואָס פאַלן פראָסט מיטן פּאָנים צו דער ערד אין דער לעצטער צייט באַ היינטיקע ביטערע יאָרן!.. געלערנטע האָבן מיר אַסאַך, מאַסקילים נאָך מער, נאָר עפּעס הערט מען ניט באַ אונדז, אַז לייטישע מענטשן זאָלן זיך אָוועקזעצן לערנען אַזעלכע זאַכן; עפּעס איז מען זיך מעפּאַלפּל אין הויכע איניאָנים, אין הימל־זאַכן, און, אַז איינער לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד גאַנץ נידעריק, ווערט צווישן די שרייבער די אַריסטאָקראַטן א סומאַטאָכע: „אַהאַ, די שוסטער־גאַס"!.. אונדזערע אַריסטאָקראַטן פאַרגעסן, אַז אַן ע מ ע ס ע ר מאַסקיל הייסט דער, וואָס קאָן זיך אַראָפּלאָזן צום פאָלק און אויסלערנען אַלע זיינע באַדערפענישן, דאָס לעבן זיינס, מיט אַלץ, וואָס אים פעלט, און וואָס נוצלעך איז"[1].

דאָ האָבן מיר ווידער אַ פאַל, ווען אַרום דער געשטאַלט פונעם באַלמעלאָכע ווערן גרופּירט די אינטערעסן פונעם פאָלקיסטיש־געשטימטן יידישן שרייבער פון די 80־ער יאָרן.

דידאָזיקע אינטערעסן האָבן, עמעס, געהאַט אַ שמאָל־באַגרענעצטן פאַרנעם. צו אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס זאָל די פאָלקיסטישע שטימונגען פירן צו קאָנקרעטע מייַסים, איז קיינמאָל אין די 80־ער יאָרן ניט דערגאַנגען. דער פאָלקיזם פון דער נייער גרופּע שרייבער איז געווען צופיל פרימיטיוו, אַז ער זאָל וואַגן אַף עפּעס גרעסערס. אויב דאָ האָט מען שוין אופגעהערט גלויבן אין די כסאָדים פונעם „קייסער", ווי דאָס האָט געטון דער פריערדיקער דאָר מאַסקילים, איז מען אָבער ווייט מיט אָט דעם אומגלויבן ניט געגאַנגען, פאַרזיכערנדיק זיך, אַז „אין די גרויסע צאָרעס קאָן נאָר גאָט אַרויסהעלפן"[2], אָבער אויב אין דער באַציִונג צו דעם אַלגעמיין רוסלענדישן רעזשים פון די 80־ער יאָרן זיינען די נייע שרייבער ניט געגאַנגען פיל ווייטער פון די מאַסקילים, האָבן זיי דאָך געוויס געמאַכט אַ שריט פאָרויס אין דער אָפּשאַצונג פון דעם אינערלעכן רעזשים פון דער יידישער סוויווע. דאָס האָט זיך גאַנץ בולעט אַרויסבאַוויזן אין דער באַציִונג צום באַלמעלאָכע, דאָס האָט זיך אַרויסבאַוויזן אויך אין דער באַציִונג צו דער געשטאַלט פונעם יידישן גוויר.

אַפן וועג צום „פּראָסטן יידן" האָט נאָך יעדער איינער פונעם נייעם דאָר שרייבער דורכגעמאַכט זיין פעריאָד פון אָריענטירן זיך אין דעם שטייגער, וואָס עס האָט גענומען

---

1 „פ"ביב". II באַנד ז. 111.

2 „ייד. פ"ב" 1883 מ. ספּעקטאָר: „פון שטוב און גאַס".

איינפירן די ניי אופגעקלערטע יידישע בורזשואַזיע פון די 80־ער יאָרן. אויב מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער האָט פּערעץ געהאַט שוין די מעגלעכקייט צו שרייבן אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן (אין זיינע „פיר דוירעס—פיר צאַוואָעס״) וועגן דער ליידיקער נעשאָמע פון מאָריץ בענדעטזאָן — דעם יינגסטן פאָרשטייער פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע — איז דאָך זיכער דידאָזיקע אופּאַסונג געקומען נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער דערפאַרונג, וואָס עס האָט געבראַכט די ערשטע ווערק ספּעקטאָרס און שאָלעם־אַלייכעמס. ספּעקטאָר האָט אין זיין „ראָמאַן אָן אַ נאָמען״ — אין פלוג נאָר אַ האַלב־קינסטלעריש ווערק — פאַרמאָסטן זיך צו געבן אַ שאַרף בילד פון יענער פּוסטקייט, וואָס לויערט איבער דעם לעבנשטייגער פון דער יידישער בורזשואַזיע. אַרויסשטעלנדיק אַלס „פּאָזיטיוון״ העלד יאַקאָבזאָנען, וואָס איז נאָך אַלע זיינע אינטעליגענטישע איבערלעבונגען געקומען צום באַוווסטזיין, אַז „מיין בר̤עג איז אַרבעט״, באַטאָנט ספּעקטאָר אָף שריט און טריט די נעגאַטיווע שטריכן פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשואַזער סוויווע (זי ווערט באַוויזן אַרום דער פאַמיליע כאַרקאָווסקי).

שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמדאָזיקן פּעריאָד פון אָריענטירן זיך אינעם לעבן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע דורכגעמאַכט נאָך מער אינטענסיוו. באַזונדערס אין די יוגנט־לעכע ראָמאַנען, געשריבן פאַר „סטעמפּעניו״. דידאָזיקע ראָמאַנען („נאַטאַשע״, „קינדער־שפּיל״, „סענדער בלאַנק״) האָבן, ווי באַוווסט, געהאַט געשאַפן דעם יונגען שאָלעם־אַליי־כעמען אַ באַשטימטע רעפּוטאַציע פון אַ שרייבער, וואָס איז באַרופן צו שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע [1]. און אָט גראַדע דידאָזיקע ראָמאַנען האָבן דייטלעך אָנגעצייכנט פאַר שאָלעם־אַלייכעמען די נייטיקייט צו „אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק״.

די הויפּט־טענדענץ פון זיינע יוגנטלעכע ווערק פון נעגידישן לעבן האָט שאָלעם־אַלייכעם טרעפלעך אויסגעדריקט אין דעם פינאַל פון דער קאָמעדיע „אַ דאָקטער״ (1887), ווו דער שאַדכן רופט אויס, מיינענדיק די נעגידים:

„— זיי דאַרפן אַלע אַ דאָקטער, דאַרפן זיי... ווי אין לעבן אַריין אַ דאָקטער...״

און ווירקלעך: אַלע שאָלעם־אַלייכעמס בילדער פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשו־אַזיע האָבן דערציילט וועגן אַזאַ פאַרדאָרבנקייט פון דער סוויווע, אַז דעם שאַדכנס אויסרוף האָט געמוזט קלינגען מער ווי נאַטירלעך, דערביי איז די אייגנאַרטיקייט פון שאָלעם־אַליי־כעמס קינסטלערישן צוגאַנג באַשטאַנען דערין, וואָס ער פלעג אַרויסגיין אין דער שיל־דערונג פון דער נעגידישער שטוב ניט אויסשליסלעך פון איר קאָהאָלשער פונקציע, ווי דאָס פלעג טון מענדעלע אין דעם פאַל, ווען ער האָט געשילדערט אַ „קליין מענטשעלע״. פאַר מענדעלען איז דער יידישער גוויר, דער אָביעקט פון מענדעלעס ליידנ־שאַפטלעכן האַס, געווען דאָך אַ מעטושטעשדיקע פיגור, אין וועלכער מענדעלע האָט געקענט אונטערשיידן נאָר די שטריכן פונעם קאָהאָלישן רעדלפירער, אָבער ניט דעם גאַנצן סכום פון סאָציאַלע און אינדיווידועל־מענטשלעכע אייגנשאַפטן. באַ שאָלעם־אַלייכעמען טרעפט אַמאָל, אַז ער גיט זיך ניט אָפּ לאַכלוטן מיט די קאָהאָלשע פונקציעס פון דעם אָדער יע־נעם גוויר. זיין העלד סענדער בלאַנק, וואָס איז געווען אַמאָל „אַ קליין מענטשעלע, גאָר אַ קליין מענטשעלע״ (ז. 28), נעמט שאָלעם־אַלייכעם אינגאַנצן ארויס פון קאָהאָלשן לעבן. און אַזוי טוט ער אויך מיט זיינע העלדן פון ראָמאַן „קינדערשפּיל״. זיי זיינען גענומען שוין אָף אַ נייעם פאַן, מענדעלעס צוגאַנג צום גוויר ווי צום קאָהאָלשן רעדלפירער קאָן מער ניט דינען. עס איז נייטיק צו געפינען אַ נייעם קינסטלערישן קריטעריִ, און דער יונ־גער שאָלעם־אַלייכעם זוכט אַזאַ קריטעריִ מיט גרויס אָנשטרענגונג. עמעס, זיין פּאָלקיזם איז נאָך צופיל פּרימיטיוו און ליגט נאָך מער אין שאָלעם־אַלייכעמס אינסטינקט, איידער

[1]) זע אויבן ז. 6, באַמערקונג 1.

אין זיין באַוווסטזיין, אָבער דער אינסטינקט איז אַ געווּג זיכערער און שאָלעם-אַלייכעם וויל אים ניט לאָזן שווייגן.

מיר זעען, לעמאָשל, ווי שאָלעם-אַלייכעם שרייבט שוין אין דער ערשטער אופלאַגע פון „סענדער בלאַנק”: „ר׳ סענדער — דאָס איז נאָך אונדזער מיינונג אַ יידישער קיט-קיטיטש, (אַ געוויסער טיפּ פון דעם רוסישן דראַמאטורג אָסטראָווסקי), נאָר אַף דעם יידישן שניט, אַף דעם יידישן פאַסאָן”.

מיט דעמדאָזיקן זאַץ (פאַר דעם זאַץ איז מען אַף שאָלעם-אַלייכעמען, אַגעוו, זייער שאַרף אָנגעפאַלן דעמאָלט. וועגן דעם — שפּעטער) האָט שאָלעם-אַלייכעם דורכויס געוואָלט אונטערשטרייכן די באַוווסטזיניקייט פון זיין נעגאַטיווער באַציִונג צום יידישן גוויר, סענדער בלאַנק. דידאָזיקע באַציִונג האָט אָבער געלאָזט זיך וויסן אין אַלע יוגנטלעכע ווערק שאָלעם-אַלייכעמס[1]. ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף די, וואָס זיינען באקאַנט, וועלן מיר דאָ אָנווייזן אַף די ווייניק-באַקאַנטע פיגורן פון די פאַמיליעס פיינפּליגעלגאָלד און שאַרפשטיין אין דער „וועלט-רייזע” (זע דריטע טייל: „די בעסטע יאָרן”). מיר האָבן דאָ אַ מייסטערישן גראָטעסק, צו וועלכן שאָלעם-אַלייכעמען האָט זיך נאָר זעלטן-ווען איינגעגעבן צו דערלאַנגען אין די 80-ער יאָרן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס שאָלעם-אַלייכעם גראָטעסקירט אויך די געשטאַלטן פון דער פאַמיליע פיינפּליגעלגאָלד ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דאָ האָט ער צוטון מיט אַ גוויר אַ יוירעד, וואָס וואָלט באַ אַן אַנדערן, ווי ספּעקטאָר, לעמאָשל, אַרויסגערופן גיכער אַ ראַכמאָנעס-געפיל. שאָלעם-אַלייכעם טראָגט אריין אין דער שילדערונג פון אָט דעם יוירעד דעמזעלבן טאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין „סענדער בלאַנק”. ער לאָזט אויך דאָ הערן יענעם פאַרשפּיצטן קריטיציזם, וואָס פלעגט זיך דערוועקן אין אים אַלע־מאָל, ווי נאָר עס פלעג אים אויסקומען שילדערן די נעגידישע סוויווע.

אָט דעם קריטיציזם איז באַזונדערס נייטיק אונטערצושטרייכן בעיס מיר כאַראַקטערי־זירן שאָלעם-אַלייכעמס שטימונגען פון סאָף 80-ער יאָר. אין דער צייט פון שאָלעם-אַליי־כעמס אומרוּיִקן זוכן „ווּ נעם איך אַ העלד?”, האָט דער קריטיציזם ניט אופגעהערט צו באַלויכטן פאַר אים זיין וועג פאָרויס. איבערגייענדיק פון שיכט צו שיכט, האָט שאָלעם־אַלייכעם באַם שיין פון פאַרשאַרפטן קריטיציזם אָפּגעשאַצט דעם סאָציאַלן ווערט פון די אָדער יענע געשטאַלטן אין דער יידישער סוויווע. אָבער צום סאָף 80-ער יאָרן הייבט אָן שאָלעם-אַלייכעמס קריטישע באַציִונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט אַרויסבאַווייזן קענטלעכע סימאָנים פון וואַקלעניש און אומאַנטשלאָסנקייט. און דאָס מישט אוף אַ ניי קאַפּיטל אין שאָלעם-אַלייכעמס יוגנטלעכער אנטוויקלונג.

V

מאָריס ווינטשעווסקי, וואָס האָט דורכגעמאַכט די עפּאָכע פון די 80-ער יאָרן אין אויסלאַנד, דערציילט איבער אין זיינע „ערינערונגען”: „מיר האָבן אַפּילע, זייענדיק אין ענגלאַנד די פּאָגראָמען אין יעליסאַוועטגראַד, אין סמילע, אין קיעוו און קאַטערינאָסלאַוו, אין באַלטע און אַנדערשווו דורכגעלעבט, מיטגעמאַכט און מיטגעליטן, דערפאַר האָבן מיר פונקט אַזוי געפילט אין אלע ביינער דעם קומענדיקן קאַדאָכעס-אָנפאַל”[2]. און ווינטשעווסקי דערציילט ווייטער וועגן זיין אייגענעם „נאַציאָנאַל־שמערץ”, וואָס האָט באַקומען דעם שאַרפסטן אויס־דרוק אין אַ געוויסער ליד פון 1884-טן יאָר.

1 דאָס ראָוו וואריאירט שאָלעם-אַלייכעם דאָ צוויי מאָטיוון. אָדער ער לאַכט אויס די „ציוויליזירטקייט”, וואָס איז א געמיש פון אומגעלומפּערטער נאָכקרימעריי און ליידיקגייערישע האַסאָגעס (באַזונדערס באַ דער נעגידי-שער יוגנט—די „פינאַנץ-פרינצן”, ווי שאָלעם-אַלייכעם רופט זיי אָן), אָדער ער באווייזט די אומגעהייערע „געלט-זוכט”, וואָס דערשטיקט אינעם גוויר די עלעמענטאַרע געפילן פון „מענטשלעכקייט”.

2 מ. ווינטשעווסקי: ערינערונגען ז. 213. מאָסקווע 1926.

אויסערלעך ווען מען פאַרגלייכט די ליד, וואָס ווינטשעוסקי ווייזט אָן, מיט די לי־
דער, וואָס עס האָט צו יענער צייט געשריבן שאָלעם-אַלייכעם, קאָן זיך אויסווייזן, אַז ניט
געקוקט אַף די פאַרשיידענע לאַגערן, צו וועלכע די צוויי שרייבער האָבן געהערט, האָט
דאָך דער „נאַציאָנאַל-שמערץ" בא ביידן באַקומען אַ גאַנץ ענלעכן ליטעראַרישן אויסדרוק.
אינדערעמעסן איז עס אָבער אַזוי ניט געווען. בא מ. ווינטשעווסקין איז דער „נאַציאָנאַל־
שמערץ", ווי ווייט ער זאָל ניט ווערן פאַרשאַרפט, דאָך געצוימט און אָנגעפירט געוואָרן
דורך דעם פעסט-באַשטימטן סאָציאַליסטישן גדאַנק. בא שאָלעם-אַלייכעמען האָט דידאָזיקע
גאַנצע און אויסגעשפּראָכענע וועלט־אַנשויונג געפעלט. די אַלע נויגונגען און סימפּאַטיעס,
וואָס מיר האָבן ביז אהער פאַרצייכנט אַלס אויסדרוק פון פּרימיטיוון, נאָך ניט אויסגע־
קריסטאַליזירטן פאָלקיזם, האָבן ווייניק-וואָס געקענט באשיצן דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען
פונעם דרוק פון די אַלערליי נאַציאָנאַליסטיש־אַפּאָלאָגעטישע און סטאַם קאָנסערוואַטיווע
שטימונגען, וואָס האָבן אונטער דעם אָנזעען פון „נאַציאָנאַל־שמערץ" גענומען אַריינרייסן
זיך אין דער ליטעראַטור אַריין [1]. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין אייניקע לידער שאָלעם־
אַלייכעמס, דאָס איז קלאָר אויך פון אייניקע אַפּאָלאָגעטישע שטעלן אין „שאָמערס מישפּעט",
אין געוויסע ערטער פון שאָלעם-אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" פון 1888
און 1889.

[1] קעדיי ריכטיק אָפּשאַצן די ווירקונג פון אָט די שטימונגען, דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם ברייטן
קרייז פון ליטעראַרישע פאַרבינדונגען, וואָס האָט זיך אין די 80-ער יאָרן — באַזונדערס צום סאָף 80-ער יאָרן —
געשאַפן אַרום יונגן שאָלעם-אַלייכעמען. געגנוג בוילעט מאָלט זיך דאָס אַלעס אין שאָלעם-אַלייכעמס בוך „יידישע שריי-
בער". ניט בלויז די גרופּע „חכמי קיעוו" (שאַצקעס, יהל"ל און אַנד.) האָט, זעט אויס, געמוזט צו יענער צייט
ווירקן אַף שאָלעם-אַלייכעמען (ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער באַציט זיך אין די שפּעטער-געשריבענע זיכרוינעס
גאַנץ קריטיש צו זיי) — אויך לעווינסקי, בן-עמי, פרישמאַן, ראַווניצקי—זיי אַלע האָבן געשאַפן אַרום שאָלעם-
אַלייכעמען יענע אַטמאָספער, ווו דער „נאַציאָנאַל-שמערץ" האָט באַקומען אַ באַזונדער-קאָנסערוואַטיוון אויסדרוק.
דאָס בוך „יידישע שרייבער" רוקט, אַגעוו, אַרויס די פראַגע וועגן דער ווירקונג פון דער העברעישער ליטעראַטור
אַף שאָלעם-אַלייכעמען. ווען מיר זאָלן אָנהייבן פון דעם, וואָס שאָלעם-אַלייכעם ווייזט אָן אַליין, וואָלט מען דאַרפן
פריער פאר אַלץ פאַרצייכענען דעם נאָמען ד. פרישמאַן. עס איז אָבער קימאַט דער איינציקער פאַל, ווען שאָלעם-
אַלייכעם רעדט אין אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן וועגן דער ווירקונג פון אַ העברעישן שרייבער. עס איז מערקווירדיק, וואָס
אין „שאָמערס מישפּעט", ווו מיר באַקומען, אַזוי צו זאָגן, די ענציקלאָפּעדיע פון שאָלעם-אַלייכעמס ליטעראַטור-
קענטעניש און ווו עס פיגורירן אַזוי אָדער אַזוי אַלע באַדייטנדיקע נעמען פון דער יידישער ליטערא-
טור, איז י. ל. גאָרדאָן דער איינציקער, מיט וועמען עס איז דאָ פאָרגעשטעלט — און דאָס נאָר דערעך אַגעוו —
די העברעישע ליטעראַטור. די העברעישע ליטעראַטור פיגורירט אויך ווייניק אין די ביז איצט-באַקאַנטע בריוו
שאָלעם-אַלייכעמס (בלויז אין איינעם אַ בריוו דערמאָנט ער מאַפּוס „אהבת ציון" „וואָס מיר און אונדזערע טאַטעס
האָבן געלייענט"). דאָס איז באַזונדערס מערקווירדיק, ווען מע נעמט אין אַכט, אַז אין 1889-טן יאָר האָט
שאָלעם-אַלייכעם אָנגעהויבן דרוקן אייניקע דערציילונגען אַף העברעיש („המליץ" 137, 134, 122) און מיט אַ פּאָר יאָר
שפּעטער (1892) האָט ער גענומען דרוקן אין „המליץ" נומ. 237, 66—263 צוזאַמען מיט י. כ. ראַווניצקין אונטערן
פּסעוודאָנים אלדד ומידד אַ סעריע ביבליאָגראַפישע אַרטיקלען.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ערשטע צוויי אַרטיקלען פון דער. סעריע, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט
אין „המליץ", זיינען געווידמעט ניט וועלכע עס איז וויכטיקע דערשיינונגען פון דער העברעישער ליטעראַטור. עס
רעדט זיך דאָרט וועגן איינעם אַ מוישע וויינבערג און אַ צווייטן, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אונטערן נאָמען „יהל"ל
השני". ביידע האָבן זיי „באַנומען" שאָלעם-אַלייכעמס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" און עס לאָזט זיך גלויבן, אַז
שרייבנדיק וועגן די צוויי העברעישע ביכער, איז שאָלעם-אַלייכעם אייגנטלעך אויסן געווען נאָר אַן איבעריק מאָל
צוציען די אויפמערקזאַמקייט צו אַ דערשיינונג פון דער יידישער ליטעראַטור—צו דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף די אַלע פאַקטן דערפאַר, ווייל דאָס שטעלט פאַר אונדז די פראַגע וועגן שאָ-
לעם-אַלייכעמס קנאַפּע פאַרינטערעסירטקייט אין די גרונט-פּראָבלעמען פון דער העברעישער ליטעראַטור. דאָס קאָן אָבער
בישט אָפּשוואַכן די וויכטיקייט גענוי אויסצופאָרשן די ווירקונג, וואָס די העברעישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַף
שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישן שאַפן — אַ פראַגע, וואָס איז נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּראָבלעם פון לי-
טעראַרישע ווירקונגען בא דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען.

אין אייניקע פאַלן האָט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם אַפילע געפּרוּווט ווערן זיך קעגן אָט דעם דרוק פון נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק[1]. דאָס זיינען אָבער געווען גאָר זעל־טענע פאַלן. פיל אָפטער זעען מיר, ווי שאָלעם־אַלייכעמען קומט אויס זיך צו פאַרענטפערן פאַר די נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגעטיקער פונעם „ליטעראַרישן וועלטל". און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן פונקט אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. די נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגעטיק פון די 80־ער יאָרן האָט מער ווי אלץ געצילט אין איין פינטל: זי האָט גע־זאָלט פאַראַליזירן דעם קריטיציזם, אַף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן די טראַדיציע פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור. מיט דערדאָזיקער טראַדיציע איז אָרגאַניש געווען פאַרבונדן — אַלנ־פאַלס אין די 80־ער יאָרן — שאָלעם־אַלייכעמס קוק אַף זיין אייגענעם הומאָריסטישן קונסט־שטייגער. איצט האָט עס געהייסן, אַז דער יונגער הומאָריסט דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין רעכט צו לאַכן, פונעם „לעצאָנעס", ווי ער האָט דאָס אין די 80־ער יאָרן גענומען אָנרופן.

שוין אין 1884־טן יאָר דערציילט שאָלעם־אַלייכעם אין „יידישן פאָלקסבלאַט" וועגן די טיינעס, וואָס מע האָט צו אים, שאָלעם־אַלייכעמען. מע זאָגט אים:

„— סטייטש, געוואַלד, אין אַזאַ צייט... אין אַזאַ צייט, ווען קעגן יידן ווערן געמאַכט פּאָגראָמען, שרייבסטו צו מעשוגאָים און שרייבסט פון זיי אין גאַזעטן!... פאַרוואָס זאָלסטו אין אַזאַ צייט ניט שרייבן פון ערנסטע זאַכן?"

און שאָלעם־אַלייכעם גיט דערביי צו פון זיך:

„דער יידישער לעזער גלויבט גאָר ניט, אַז שרייבן סאַטירע אָדער הומאָר דאַרף מען אויך קענען, דער ייד רופט גאָרניט אָן אַזאַ שרייבן סאַטירע, עס הייסט באַ אים קיין אַנדערן נאָמען, ווי „כויזעק מאַכן", „שפּעטן", לעצאָנעס"...[2]

און אָט דידאָזיקע באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס" הענגט איבער שאָלעם־אַלייכעמען קי־מאַט ווי פון די ערשטע טריט זיינע. וועלכע מיטלען פּרוּווט שאָלעם־אַלייכעם ניט אויס, אַבי נאָר אָפּצוּוואַרפן אָט די באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס"?[3] אין אַ פּעליעטאָן אין „יידישן פאָלקסבלאַט" פון 1887 שרייבט ער:

„עס וווּנדערט מיך נאָר דאָס, וואָס ער (דער קאָרעספּאָנדענט פון „יידישן פאָלקס־בלאַט" — נ. א.) האָט אין אַלע בילדער פון שאָלעם־אַלייכעם געפונען נאָר „לעצאָנעס" — און ניט מער. דערוף טוט קלאָגן מיין האַרץ און מיינע געדערים טוען ברומען אַף מיר, וואָס מיין דאָר טוט מיך ניט פאַרשטיין און זעט ניט די טרערן אַף מיינע אויגן, ווען איך לאַך און פילט ניט מיינע שמערצן, וואָס איך טראָג טיף־טיף אין האַרצן. נאָר פאַרבאָרגן,

1 מיר וועלן דאָ אָנווייזן אַף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. אין איינעם פון זיינע בריוו צו דובּ־אָוון שרייבט שאָלעם-אַלייכעם, אַז ער האָט קיין כיישעק ניט צו דרוקן אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק" דעם אַרטיקל פון א. קאַלמענסאָן „וואָס זאָגן באַרימטע מענטשן וועגן יידן". קאַלמענסאָנס אַרטיקל איז דורכגעדרונגען מיט „אַטאָבעכאַרטאָנו"-מאָטיוון און דאָס איז, לויט שאָלעם-אַלייכעמס מיינונג, אַ שעדלעכע זאַך. מיר ווייסן ניט, וואָס עס האָט געענטפערט דערויף דובנאָוו, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז קאַלמענסאָנס אַרטיקל איז נאָכדעם געדרוקט געוואָרן אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק".

2 פ"ב 50 №, 1884.

3 ווי מע האָט אין די 80-ער יאָרן זיך געשראָקן פאַר אַזאַ באַשולדיקונג, באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט. אין 1886 יאָר איז דערשינען מ. ספּעקטאָרס „יודיש", אַ דערציילונג, וווּ עס ווערט אין אַ איראָנישן טאָן געשריבן וועגן די דעמאָלטיקע שטרעמונגען אין דער אינטעליגענץ. מ. ספּעקטאָר געפינט פאַר נייטיק זיך באַוואָרענען מיט אַ ספּעציעלער מאָטאָ:

„לאַכן הייסט ניט כויזעק מאַכן,
לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט".

און ערשט נאָכדעם שרייבט ער אין דער האַקדאָמע צו דעם ווערק:

„וויינען וויל איך, מיין טייערער און ליבער לעזער, וויינען!... ניט פאַר דיר, לעזער, וואָס דו לייענסט מיין בוך און זאָגסט דערנאָך: עט, אַ ביכלמאַכער, אַ לעץ, אַ מאַרשאַלעק, אַ גאַזעטשיק, ער קאָן גוט כויזעק מאַכן פון יידן" א. אז. וו.

גוט באַהאַלטן, אונטער אַ ווערטל, אונטער אַ שמייכעלע, אַ קאַטאָוועסל א. ד. גל. מאַכמעס וואָס? מאַכמעס דער רעבע האָט געהייסן:

פריילעך זיין
און טרינקען וויין
ביזן ווייסן טאָג אַריין"[1].

ווי גרינג עס איז ניט דער טאָן, ווי פעליעטאָניסטיש עס איז ניט פאַרשלייערט דער גאַנצער עפּיזאָד, סוביעקטיוו פאַר שאָלעם־אַלייכעמען האָבן דאָך געמוזט האָבן אַ גאַנץ מאַ־מאַשעסדיקן באַטייט די ווערטער: „מיין דאָר טוט מיך ניט פאַרשטיין". דאָס האָט געשטויסן שאָלעם־אַלייכעמען ווידער און ווידער צו טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין געלעכ־טער. זאָל עס דען בעעמעס אָנגענומען ווערן פאַר אידייענלאָזע טרייבערייען, פאַר „לעצאָנעס"? [2]

מיר באַקומען דעריבער נאָך אין זעלבן 1887־טן יאָר שאָלעם־אַלייכעמס „עפּנטלעכע אַנטוואָרט", ווו ער פּרוווט איבערצייגן דעם לעזער, אַז זיין מוזע איז „אין שוואַרצן גע־קליידט":

נאָר די מוזע דיזעלבע איז געבליבן מיט מיר,
אַ שוואַרץ קלייד איז אַף איר אָנגעצויגן;
געאַרמט, געבונדן גיי איך מיט איר —
זעט איר טרערן באַ איר אַף די אויגן?
באַם גרעסטן געלעכטער הערט איר אַ געוויין?
אַ זיפץ און אַ קרעכץ פונעם האַרצן?
זי לאַכט אַזוי לאַנג ביז זי צעוויינט זיך אַליין,
מע זאָגט דאָס מאַכט גרינגער די שמערצן..." [3]

מעגלעך, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך געקאָנט מיינען מיט דערדאָזיקער „שוואַרץ־געקליידטער" מוזע גאַנץ ערנסט: פּאָרט איז דאָך די רעד געווען וועגן דעם, אַז „זי לאַכט אַזוי לאַנג ביז זי צעוויינט זיך אַליין", אָבער דער נאַציאָנאַליסטישער דרוק פונדרויסן האָט אויך דאָס ניט געקענט דערלויבן שאָלעם־אַלייכעמען. מיט איין יאָר שפּעטער האָט דאָך ד"ר י. קאַמינער אינעם אַריינפיר צו שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" געפאָדערט:

„אין איצטיקער קאַלטער געשיכטע־צייט דאַרף מען אונדזער פאָלק געבן מער וואַרעמס, וואַרעמס פון אַ רעפוע וועגן, צוביסלעך ווייַן אויך. נישקאָשע, מיט וויין — מיט פאַנטאַזיע, מיט פּאָעזיע, מיט האָפענונג קאָן מען אַביסל שטאַרקן דאָס שוואַכע פאַרכלינעט האַרץ. היט אייך אָפּ פון קאַלטע מייכאָלים, אייז־קאַלטע קריטיק איבער אַ יידישער זאַך — גאָט זאָל אייך היטן! עס איז ניט די צייט אַצינד. אויך זויערס זאָל ניט קומען אין אייער מאָגן: זויערע סאַטירע איבער אַ יידישער קאַפּאָטע, זויערע וויצן איבער יידישן לימוד, הזהר והשמר, ניט אַצינד! אַפילו אָט די ווייַניקע צוקערלעקעך, די רעפאָרמעס מיט די פּאָרמעס, ניט אַצינד, ניט אַצינד!.." [4]

---

1) פ"ב 1887, 33 № פעליעטאָן: „פון ווייטע מעדינעס".

2) אין שאָלעם-אַלייכעם-בוך איז פאַרעפנטלעכט שאָלעם-אַלייכעמס אַ ניט-געדרוקטע רעצענזיע פון 1884, וואָס באַווייזט אונדז זייער בוילעט, ווי שאָלעם-אַלייכעם איז אין יענער צייט געווען באַשעפטיקט מיט דער פּראָבלעם פון סאַטירע און הומאָר (שאָלעב-אַלייכעם-בוך ז. 326).

3) פ"ב 1887, 18 №.

4) „אַ בריוו צום אַרויסגעבער", פ"ביב. I באַנד ז. III.

אַזאַ פּראָגראַם האָט געמוזט אין די 80־ער יאָרן באַקומען אַ באַזונדער באַדייטונג נאָך מער דערפאַר, ווייל זי איז געשריבן געוואָרן פון אַ „מענטשן מיט אַ פאַרגאַנגענהייט" — דעם געוועזענעם סאָציאַליסט — י. קאַמינער. אין דעם „ליטעראַרישן וועלטל", וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן שאָלעם־אליכעמען, האָט די פיגור פון „געוועזענעם סאָציאַליסט" פאַרנומען ניט דאָס לעצטע אָרט. צו דער קאַטעגאָריע „געוועזענע סאָציאַליסטן" האָט געהערט אויך יהל"ל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", און אויך מ. ל. ליליענבלום, וואָס האָט, ווי ס'איז צו זען פון שאָלעם־אליכעמס מעלדונג, אויך געזאָלט נעמען אַן אנטייל אין ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק". קאַמינערס „בריוו צום ארויסגעבער" איז געדרוקט ווי אַ מין פּראָגראַם־אַרטיקל און דערפון איז צו זען, אַז שאָלעם־אליכעם האָט געהאַלטן דעמאָלט פאַר אַ היפּשן קאָווֹעד צו סאָלידאַריזירן זיך מיט אָט דעם „געוועזענעם סאָציאַליסט", וואָס האָט אין דעם אַזאַרט פון „טשוווע" אָפּגעגעבן די לעצטע פּאָזיציעס פון קריטיציזם, פאַר וועלכע ס'האָט אַזוי שווער געקעמפט אַ גאַנצער דאָר האַסקאָלע־שרייבער.

אין 1888־טן יאָר, ד. ה. דעמאָלט, ווען שאָלעם־אליכעם האָט זיך דירעקט באַשעפטיקט מיט זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו", איז אין „יידישן פאָלקסבלאַט" (ביילאַגע צום נום. 29) דערשינען אַן אַרטיקל פון י. הערדנער (י. לערנער), וואָס האָט געהייסן „לעבעדיקע מייסים". גערעדט האָט זיך אין דעם אַרטיקל וועגן שאָלעם־אליכעמס „סענדער בלאנק", וואָס איז לויט דעם רעצענזענטס מיינונג געווען פול מיט כעסרוינעס. דעם הויפּט־כיסאָרן ווייל י. הערדנער זען דערין, וואָס שאָלעם־אליכעם פאַרמעסט זיך אין „סענדער בלאנק" געבן אַ געשטאַלט ענלעך צו אָסטראָווסקיס „קיט־קיטיטש". וועגן דעם שרייבט י. הערדנער פאָלגנדיקס:

„איך ווייס, ניט צי איז ה. שאָלעם־אליכעם וויניק באַקאַנט מיט דעם טיפּ „קיט־קיטיטש", וואָס דער באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער אָסטראָווסקי האָט אַזוי קינסטלעך אויסגעאַרבעט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק. נאָר אויב יאָ, מוז איך אָפן זאָגן, אַז ער האָט זיך דערמיט שטאַרק פאַרזינדיקט, ווייל באַשאַפן יידישע „קיט־קיטיטשעס" הייסט אַזוי פיל ווי באַליידיקן דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן, אַ רעכילעס זאָגן אף דער יידישער הויזלעכקייט, וואָס אַפילע די גרעסטע סאָנים זיינען אונדז מעקאַנע דערוף".

י. הערדנער שטעלט זיך ווייטער אָפּ אַף דעם טיפּ „קיט־קיטיטש", ווי ער איז פאָר־געשטעלט בא אָסטראָווסקין, און לאָזט אויס אַזוי:

„נו, דאַרף מען נאָך, פרעגט זיך, באווייזן, אַז דאָס יידישע לעבן איז פרעמד פון אַזעלכע דערשיינונגען? ווער ס'קאָן דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן און ווייסט וועלכע פרייהייט און צערטלעכקייט די יידישע פרויען און קינדער געניסן בא זייערע מענער און פאָטערס, דער מוז מוידע זיין, אַז קיין יידישע „קיט־קיטישעס" האָבן מיר ניט".

אין דער ערשט־געבראַכטער ציטאַטע האָבן מיר אַ קלאָרן אויסדרוק פון די פאָדערונגען, וואָס די אַרומיקע ליטעראַרישע סוויווע האָט געשטעלט פאַר דעם יונגן שאָלעם־אליכעמען. דער דרוק פון דרויסן איז געווען שוין צו שטאַרק, אַז שאָלעם־אליכעם זאָל אים קאָנען בייקומען. און מיר זעען ווירקלעך, ווי שאָלעם־אליכעם שרייבט אינגיכן אין אַ בריוו צו דובנאָוון פון 1889־טן יאָר:

„בא מיין גאַנצער נויגונג צום פריילעכן הומאָר, פעלט מיר אויס מוט אין דער איצטי־קער אונדזערער סאָציאַלער לאַגע צו טרייבן לעצאָנעס, ווער שמועסט, אַז אינעם לעבן, וואָס איך באַשרייב, געפין איך און גראָב אויס אַזעלכע פערל, ווי פערעלע אָדער ראָכעלע אין „סטעמפעניו" [1].

און דערין קאָנען מיר זען אַ מין ענטפער אַף קאַמינערס „בריוו צום אַרויסגעבער". דאָס האָט געזאָלט זיין דער אויסוועג פון שאָלעם־אליכעמס ספייקעס אין זיינע רעכט צו „לאַכן".

---

[1] Ев. Ст. 1916 ,244 .ז

וואָס פאַר אַ מאָדנע עוואָלוציע האָבן צום סאָף 80־ער יאָרן דורכגעמאַכט שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישע סימפּאַטיעס! אָנגעהויבן זיך פון דעם פאָלקיסטישן גלויבן אין די פאַרבאָרגענע קויכעס פון דער ברייטער פאָלקס־מאַסע, אַזאַ גלויבן, וואָס האָט זיך דאָך ניט געוואָלט אָפּזאָגן מ׳נעם קריטיציזם, אַף וועלכן ס׳איז דערצויגן געוואָרן די עלטערע האַסקאָלע־ליטעראַטור, קומט שאָלעם־אַלייכעם צו אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז מער ניט אימשטאַנד פאַר זיך צו באַרעכטיקן זייַ אייגענעם הומאָריסטישן קונסט־שטייגער, ער קומט צום געדאַנק, אַז די קריטישע באַציִונג צום ייִדישן לעבנשטייגער מוז פאַרשוויגן ווערן און איר אָרט דאַרף פאַרנעמען די אידעאַליזאַציע פון געשטאַלטן און דערשיינונגען אין דער אַרומיקער ייִדישער סוויווע. איין אָדער שלאָגט נאָר שטאַרק אין דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען — דאָס איז די אינסטינקטיווע איבערגעגעבנקייט צום רעאַליזם. ווי שטאַרק ער איז ניט אָנגעשראָקן פון די באַשולדיקונגען אין „לעצאָנעס“, ווי פעסט ער איז ניט איבערצייגט אין דעם, אַז די „לעצאָנעס“ (און מאַשמאָעס אויך זיין אייגענער הומאָר, ווי ס׳זעט זיך פונעם בריוו צו דובנאָוון) האָט אָפּגעלעבט איר צייט — דעם געבאָט פון רעאַליזם פאַרבלייבט ער דאָך אף ווייטער אויך געטריי.

„אַלעס, וואָס ריכטיק איז — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אין 1888־טן יאָר אין „שאָמערס מישפּעט“ — איז גוט, איז רעאַלנע. און דאָס פאָדערט די עסטעטיק, די פּאָעזיע, די קונסט. אַזוי דאַרף מען שרייבן און באַשרייבן, אַזוי איז מעכויעוו יעדער בעלעטריסט געבן אין זיין ראָמאַן נאָר דאָס, וואָס מעגלעך איז, וואָס אינעם לעבן געפינט זיך, וואָס ס׳קאָן זיך געפינען... [1].

דער גלויבן אינעם רעאַליזם איז פאַרבליבן באַ שאָלעם־אַלייכעמען גאַנץ אויך נאָכדעם, ווען דער „נאַציאָנאַל־שמערץ“ האָט געבראָכן אינעם יונגן הומאָריסט דעם גלויבן אין זיינע רעכט צו „לאַכן“. גייענדיק מיטן וועג פון אָט דעם רעאַליזם, האָט שאָלעם־אַלייכעם געגלויבט אופצושטעלן דעם ביניען פון „ייִדישן ראָמאַן“, וואָס האָט אים סאָף 80־ער גענו-מען שטאַרק באַשעפטיקן. דערמיט איז ער צוגעטראָטן צו שרייבן „סטעמפּעניו“. אָבער דאָ האָבן זיך שוין אָן זיין וויסן דורכגעריסן צום וואָרט גאָר נייע מאָטיוון און טענדענצן. און דאָס גייען מיר אַצינד באַטראַכטן [2].

VI

„סטעמפּעניו“ איז אַ ווערק, צו וועלכן שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעגאַנגען נאָך לאַנגע טעאָרעטישע האַכאָנעס. שאָלעם־אַלייכעם האָט געשאַפן זיין „סטעמפּעניו“ ניט נאָר מיט אַ „פּלאַן“, ווי ער האָט אליין געזאָגט, נאָר אויך מיט אַ גאַנצער טעאָריע.

די ערשטע שריט צו אַזאַ טעאָריע זעען מיר אין שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו דובנאָוון. „סטעמפּעניו“ — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם — איז מיין ע ר ש ט ע ר ר אָ מ אַ ן, וואָס איך האָב אייך לאַנג געהאַט צוגעזאָגט. „סטעמפּעניו“ איז אַ ווערק אַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש און פון זיין דערפאָלג הענגט אָפּ דאָס גאַנצע ווייטערדיקע מאַזל פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט. פירנעמענדיק זיך דעם געדאַנק צו שרייבן אַ ייִדישן ראָמאַן פאַרן פ אָ ל ק, האָט איך זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, צום פ אָ ל ק. איך האָב גענומען באַ אים זיינע אויסגעצייכנטע לעגענדן וועגן דער־

1 ש. מ. 85.

2 ווי יעדער זעלבשטענדיק קינסטלעריש ווערק, פאַרדינט אויך דער ראָמאַן „סטעמפּעניו“, אַז מ׳זאָל קוידעמקאָל אָפּשאַצן זיין אַלגעמיינעם קינסטלערישן ווערט, מיר וועלן אָבער דערמיט דאָ זיך ניט באַשעפטיקן. אין אונדזער איצטיקער אַרבעט, ווו מיר באַטראַכטן די פּראָבלעם פון שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישער אַנט-וויקלונג, אינטערעסירט אונדז „סטעמפּעניו“, בלויז ווי דער שיידוועג צווישן שאָלעם-אַלייכעמס יונגנטלעכן פעריאָד און זיין רייפערער, קלאַסישער שאַפונג-צייט. דערפאַר גייט עס אונדז ניט אַזוי אינעם אָפּשאַצן דעם אלגעמיינעם קינסטלע-רישן ווערט פון „סטעמפּעניו“, ווי אינעם געפינען יענע — טיילמאָל נאָר רעלאַטיוו-וויכטיקע — עלעמענטן, פון וועלכע ס׳האָט זיך אַנטוויקלט שאָלעם-אַלייכעמס שפּעטערדיקע קונסט.

דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישער פּערזענלעכקייט". (קורסיוו בא שאָלעם־אליי־כעמען — נ. א.).

שאָלעם־אלייכעם מאַכט אין דעם בריוו דעם ערשטן פּרווו צו דערקלערן זיין קינסט־לערישע אופגאַבע אין „סטעמפּעניו". ווי אַלעמאָל אָבער בא שאָלעם־אלייכעמען, שטעלט ער זיך דערביי ניט אָפּ אַפן האַלבן וועג. און אין אַ צווייטן בריוו אינגיכן שרייבט ער ווידער וועגן „סטעמפּעניו":

„דאָס איז שוין ניט קיין קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט, נאָר אַ קינסטלעריש בילד, וואָס דערהויבט די ווירקלעכקייט דורך דער באַהעפטונג פון האַרמאָנישע און בוילעטע געשטאַלטן און שטריכן. דאָס איז מיין ערשטער פּרווו צו באַשאַפן אַפן פאָלקס־באָדן עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין. איר וועט דאַרפן אָפּשאַצן, צי האָב איך ריכטיק אָדער ניט ריכטיק אויסגעפילט אָט די קינסטלערישע אופגאַבע... אין די ווייטערדיקע ווערק קער איך זיך אום צו מיין געוויינלעכן זשאַנר — צו דער שילדערונג פון לעבנשטייגער".

ענדלעך, קומט דער דריטער בריוו, וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט. שאָלעם־אלייכעם דערקלערט דאָרטן, פאַרוואָס ער מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין „פריילעכן הומאָר" און פאַרוואָס ער זוכט אַזעלכע העלדן, ווי ראָכעלע[1].

אין דידאָזיקע בריוו איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ גאַנצער געדאַנקענגאַנג. מיר וועלן זיך דערווייל נישט אָפּשטעלן אפן טאָך פון דעמדאָזיקן געדאַנקענגאַנג. מיר וועלן פריער זען, ווי אַזוי דער יונגער שאָלעם־אלייכעם מאָלט זיך אויס די פאַרקערפּערונג פון זיינע נייע ליטעראַרישע אַנשויונגען.

שאָלעם־אַלייכעם מאָלט זיך אויס, אַז דאָס איז מעגלעך נאָר אין דער פאָרם פון אַ סעריע „יידישע ראָמאַנען". שאָלעם־אלייכעם שרייבט דאָרטן וועגן „סטעמפּעניו":

„דאָס איז די ע ר ש ט ע און די ג ר אָ ב ס ט ע מאַדרייגע פון פּאָעזיע: ווער ס'וועט לייענען מיין צווייטן י י ד י ש ן ראָמאַן, דער וועט אַרויסזעען, אַז דער צווייטער העלד מיינער „יאָסעלע סאָלאָוויי" שטייט שוין פיל העכער פון „סטעמפּעניו" אין אַסאַך אויפאַנים און יענער דריטער העראָי, דער עמעסער פּאָעט, וואָס איז נאָך בא מיר בעמאַכשאָווע פאַר מיין ד ר י ט ן י י ד י ש ן ר אָ מ אַ ן, באַדאַרף זיין נאַטירלעך אַסאַך העכער פון יאָסעלען כהנה וכהנה. דערפון איז גרינג אַרויסצוזעען, אַז שרייבנדיק מיינע ראָמאַנען, האָב איך עפּעס אַ מ י י ן ד ר י נ ע ן; איך האָב מיר פריער אָנגעצייכנט אַ וועג, אָנגעגרייט אַ פּלאַן צו גיין אַלץ ווייטער און ווייטער[2].

מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער דערשיינונג. דער יונגער שאָלעם־אלייכעם, וואָס האָט ניט לאַנג ערשט געשריבן, אַז נאָך דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו" קערט ער זיך אום צו זיין געוויינלעכן זשאַנר, — דער שילדערונג פון לעבנשטייגער, באַמיט זיך שוין איצט אינעם נאָכוואָרט צו „סטעמפּעניו" דערווייזן, אַז דער וועג, וואָס ער האָט באַטראָטן אין „סטעמפּעניו" („עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין"), איז ניט קיין דער־ווייליקער, דאָס איז ביכלאַל יענער וועג, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט אַף „צו גיין אַלץ ווייטער און ווייטער".

אין וואָס־זשע באַשטייט דער וועזן פונעם „יידישן ראָמאַן", מיט וועלכן שאָלעם־אַלייכעם וויל פאַרבינדן זיין ווייטערדיקן ליטעראַרישן וועג?

ווען מ'פּרווט פאַרסאַכאַקלען דאָס, וואָס שאָלעם־אלייכעם זאָגט אין זיינע בריוו, אינעם פאָרוואָרט און אין „נאָכוואָרט" צו „סטעמפּעניו", באַקומט זיך אַ גאַנץ ווידערשפּרעכיקער ענטפער אַף דער ערשט־געשטעלטער פראַגע. שאָלעם־אלייכעמען איז גאַנץ שווער צו פאַר־

---

1 ז. 252—234 Ев. Ст. 1916 די בריוו זיינען געשריבן אף רוסיש.

2 „נאכוואָרט" ז. 308.

מולירן זיינע קינסטלערישע אַנשויונגען (באַזונדערס אינעם „נאָכוואָרט"), אָבער דער קערן פון שאָלעם־אַלייכעמס געדאַנקען וועגן „יידישן ראָמאַן" באַשטייט בעערעך דערין, וואָס „יעדער ראָמאַן באַדאַרף האָבן אין זיך זיין אייגענע מארע, זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע, ביכדיי מיר זאָלן געפינען אין אים אן עמעסן אָפּשיין פונעם פאָלקס־לעבן". און דאַן: „ווי באַלד די הויפּט־פּאַרשוינען אָדער ווי מ'רופט זיי די העראָיען, וועלן זיין גענומען פונעם עמעסן יידישן לעבן, וועלן זיי מוזן האָבן זייער אייגענעם יידישן אָנבליק, וועט שוין דער ראָמאַן, דאָס הייסט, דאָס פּאַרליבעניש בא זיי מעמיילע אויסקומען יידיש[1].

אָט אַף דעם גרונט־געדאַנק איז געבויט אויך דאָס פאָרוואָרט צו „סטעמפּעניו". שאָלעם־אַלייכעם דערציילט דאָ, ווי אַזוי ער האָט אונטער מענדעלעס ווירקונג „אָנגעהויבן צו פּאַרשטיין אַף וויפל אַ יידישער ראָמאַן דאַרף זיין אַנדערש פון אלע אַנדערע ראָמאַנען, מאַכמעס דאָס יידישע לעבן ביכלאַל און די אומשטענדן, בא וועלכע דער ייִד קאָן ליב האָבן, זיינען גאָרניט גלייך, ווי בא אלע אנדערע פעלקער. היינט אויסער דעם האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין אייגענעם יידישן גייסט מיט באַזונדערע מינהאָגים און רעגילעסן, וואָס זיינען גאָר פאַרענדערט ווי באַ אַנדערע אומעס. אָט די נאַציאָנאַל־סימאָנים אונדזערע, וואָס בלייבן טאָמיד עכט־יידיש, מוזן זיך אַרויסווייזן אין אַ יידישן ראָמאַן, אויב ער איז נאָר גענומען פונעם לעבן"... (קורסיוו באַ שאָלעם־אַלייכעמען—נ.א.)[2].

ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן די אָקאָרשט־ציטירטע שטעלן פון דעם פאָרוואָרט און „נאָכוואָרט" מיט די פריער־געבראַכטע בריוו צו דובנאָוון קעדיי צו באַמערקן אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישע דעטאַל אין שאָלעם־אַלייכעמס צוגאַנג צו זיין „ערשטן יידישן ראָמאַן". אין די בריוו צו דובנאָוון ווערט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט ניט די „נאַציאָנאַל־סימאָנים אונדזערע", ניט דער „יידישער גייסט" און ניט דער באַזונדער „יידישער אָבליק" פון די העלדן. דאָרט, אין די בריוו, וויל שאָלעם־אַלייכעם זען דעם הויפּט־וווערט פון „סטעמפּעניו" גראָדע דערין, וואָס דער ראָמאַן איז „דער ערשטער פּרווו צו באַשאַפן אַפּן פאָלקס־באָדן עפּעס עכט־שיינס פון פאַנטאַסטישן מין" און באַזונדערס דערין, וואָס דאָ האָט דער מעכאַבער זיך אַראָפּגעלאָזט צום פאָלק און גענומען באַם פאָלק זיינע אויסגעצייכנטע לעגענדן וועגן דעם באַרימטן קלעזמער סטעמפּעניו. וועגן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער „פּאַרליבעניש" ווערט אין די בריוו צו דובנאָוון ניט גערעדט.

מיר קאָנען אַפילע אָננעמען, אַז די בריוו צו דובנאָוון, געלויפיקע, איילנדיקע בריוו, ווי שאָלעם־אַלייכעם פלעג זיי שרייבן, האָבן געקאָנט אויסדריקן נאָר צופעליקע, פאַרבייגייענדיקע שטימונגען. אָבער אַפילע ווען מיר זאָלן דאָ האָבן אַ צופאַל, איז עס ביז גאָר אַ כאַראַקטעריסטישער צופאַל. מיר באַקומען דאָ אַן אָנצוהערעניש דערויף, אַז אין זיין אינטימער באַציִונג צו „סטעמפּעניו" האָט שאָלעם־אַלייכעם דאַפקע ווייניקער ווי אַלץ געלייגט אַכט אַף דעם, וואָס ער האָט זיך באַמיט באַזונדערס צו באַטאָנען אין זיין עפנטלעכער, אָפּיציעלער האַקדאָמע צו „סטעמפּעניו". די אינטימע באַציִונג צום ראָמאַן „סטעמפּעניו" האָט זיך געהאַלטן אַף דער באַגייסטערונג פון דער מעגלעכקייט „צו שאַפן עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין", פון די מייסעס און לעגענדעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן „סטעמפּעניו". קורץ, פון יענע ראָמאַנטישע מאָטיוון, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָנקניפּן אין דעם סוזשעט פון „סטעמפּעניו". באַגייסטערט איז שאָלעם־אַלייכעם אין „סטעמפּעניו" פון דער איבעראַשנדיקער אַנטדעקונג, אַז דאָס „אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק" פירט דעם שרייבער צו נייע, ראָמאַנטישע פיגורן[3]: עס גיט אים די מעגלעכקייט צו געפי־

1 „נאָכוואָרט" ז. 304.

2 סט. ז. V.

3 דאָסזעלבע האָט, ווי באַוווּסט, געשטויסן פערעצן מיט דריי יאָר שפּעטער (1891) אָנצושרייבן „אַ טויט פון אַ קלעזמער".

נען אין דער יידישער סוויווע אַזעלכע אויסגעשפראָכענע ראָמאַן־העלדן, ווי די „היסטאָרי־שע פערזענלעכקייט"—סטעמפעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי און אַנדערע. ווי מיר דערוויסן זיך פונעם נאָכוואָרט צו „סטעמפעניו", איז דאָס ראָוו אָנפאַלן אַף דעמדאָזיקן ראָמאַן געווען פאַרבונדן מיט אָט דער „נידעריקער" אָפשטאַמונג פונעם הויפט־העלד, דעם קלעזמער סטעמ־פעניו. אָבער שאָלעם־אַלייכעם פרווט אין דעם פאַל אָפן שטעלן זיך אַנטקעגן און ער שרייבט אין „נאָכוואָרט": „וועך עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אַז העלדן געפינען זיך צווישן אונדזער האַמוין־אַם אַסאַך מער, אַלס באַ אונדזער העכערער קלאַסע, וואָס מע רופט דאָס אָן „אינטעליגענציע"[1].

דאָ איז געגעבן געוואָרן אַ קלאָרער און דייטלעכער ענטפער אַף פערעצעס פראַגע: „ווו נעם איך אַ העלד?". און אָט אַף דעם ראָמאַנטיש־באַפאַרבטן פאָלקיזם האָט זיך גע־האַלטן שאָלעם־אַלייכעמס באַציִונג צו „סטעמפעניו". מע האָט געדאַרפט האָבן געגנוג מוט און טיפע איבערצייגונג קעדיי דאָס צו זאָגן אָפן סאָף 80־ער יאָרן. ניט אַלעמאָל אָבער האָט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם אַזויפיל מוט פאַרמאָגט. און דערפון האָט זיך גענומען דער היפשער „מעהאַלעך", וואָס האָט אָפטמאָל אָפגעטיילט שאָלעם־אַלייכעמס אינטימע באַ־ציִונג צו זיין ראָמאַן „סטעמפעניו" פון יענער אָפיציעלער באַציונג, וועלכע ער האָט פראָק־לאַמירט אין „נאָכוואָרט" און פאָרוואָרט. דערפון האָבן זיך גענומען אויך אייניקע וואַקלע־נישן אין דער אופבויונג פונעם ראָמאַן. געשריבן האָט שאָלעם־אַלייכעם אין פאָרוואָרט, אַז דעם „יידישן גייסט", די „נאַציאָנאַל־סימאָנים אונדזערע" האָט ער געוואָלט באַווייזן אין דער געשטאַלט פון דער „יידישער טאָכטער ראָכעלע די שיינע, וואָס שפילט די גרעסטע ראָליע אין דאָזיקן ראָמאַן", אָבער אַ נאָמען געגעבן האָט ער דאָס ווערק לויטן נאָמען פונעם קלעזמער סטעמפעניו, וואָס האָט דאָך געוויס ניט געזאָלט פאַרקערפערן דעם „יידישן גייסט" אינעם ראָמאַן. ער האָט אויך אין „נאָכוואָרט" ניט געקענט בייקומען אָט דעם גרונט־ווי־דערשפרוך אין זיין טעאָריע פון „יידישן ראָמאַן". פון איין זייט דערקלערט ער, אַז ער שרייבט אַ סעריע יידישע ראָמאַנען מיט דעם ציל צו „דורכפירן פאַרביי זיי (די לעזער פון האַמוין־אַם—נ. א.) איינס נאָכס אַנדערע אַזעלכע מינים פאַרשוינען, וואָס אַפן ערשטן קוק זיינען זיי, דאַכט זיך, פאָשעטע, גאָר געוויינלעכע מענטשלעך, נאָר אין טאָך אַריין, אַז מע וויל זיך צו זיי רעכט צוקוקן, זעט מען ערשט, אַז זיי זיינען ווי באַשאַפן עפעס פון אַן אַנדער מין מאַטעריע". און נאָך דאָ, אין זעלבן „נאָכוואָרט" קאָן מען הערן, אַז דער „יידישער ראָמאַן" האַלט זיך אַף דער אַפאָלאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער" מיט איר „יידישער בעריעשאַפט", מיט איר „יידישן העראָיִזם".

און אָט צווישן דידאָזיקע צוויי טענדענצן וואַקלט זיך אַלעמאָל שאָלעם־אַלייכעם, ווען ער וויל באַשטימען, ווער איז דער הויפט־העלד פון זיינע „יידישע ראָמאַנען".

דידאָזיקע וואַקלענישן האָט שאָלעם־אַלייכעם, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרענטפערט ניט מיטן פאָרוואָרט, ניט מיטן „נאָכוואָרט" צו „סטעמפעניו". געבוירן געוואָרן אין דער קרי־זיס־צייט פון שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכן פעריאָד, ווען דער יונגער קינסטלער האָט נאָך ניט געקענט פאַרענטפערן ניט פאַר זיך, ניט פאַר יענעם זיין קינסטלערישן מעטאָד — דעם הומאָר — האָט דער „יידישער ראָמאַן" געגעבן אונדז נאָר די פאָרזעצונג פון אָט דעם קרי־זיס, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט שוין פון דער פראַגע וועגן מעטאָד געמוזט איבערגיין צו דער פראַגע וועגן עצעם־אינהאַלט פון זיין שאַפן. שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקיזם איז נאָך אין

---

1 „נאָכוואָרט" ז. 307.

אין זעלבן יאָר, ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט דאָס געשריבן, האָט ער אָפגעדרוקט זיין גראָטעסק „די אַכיפע", וואָס זעט אויס ווי אַ מין קינסטלערישע אילוסטראַציע צו די ערשט-ציטירטע ווערטער וועגן „אונדזער העכערן קלאַס, וואָס מע רופט דאָס אָן: „אינטעליגענציע". עס איז, אַגעוו, אויך די בייסיקסטע סאַטירע אַף די טוער פון דער כיבאַס-ציען-באַוועגונג.

יענער צייט געווען צופיל פרימיטיוו, אַז ער, דער פֿאָלקיזם, זאָל קאָנען פּרעטענדירן אַף גרויסע רעכט. דעריבער האָט זיך באַקומען, אַז אין שאָלעם־אַלייכעמס טעאָריע פונעם „יידישן ראָמאַן" האָט דאָס „פֿאָלקיסטישע", דאָס, וואָס האָט דיקטירט די באַגייסטערטע באַציִונג צום קלעזמער סטעמפּעניו, ניט בייגעשטאַנען דעם דרוק פון נאַציאָנאַלער אַפּאָלאָ־געטיק, וואָס האָט געפאָדערט עס זאָל אַפן ערשטן אָרט געשטעלט ווערן די „יידישע טאָכ־טער" — ראָכעלע. און עס האָבן זיך באַקומען צוויי פּאַראַלעלע, אויסערלעך ניט־געבונדענע עלעמענטן פונעם „יידישן ראָמאַן": די פּאַרקערפּערונג פון דער „מאַטעריע ייד" — ראָכעלע די שיינע, און די פּאַרקערפּערונג פון „עפּעס אַן אַנדער מין מאַטעריע", ווי שאָלעם־אַלייכעם דריקט זיך אויס — דער קלעזמער סטעמפּעניו.

אָבער אַזוי איז עס געווען נאָר אין שאָלעם־אַלייכעמס טעאָריע פונעם „יידישן ראָמאַן". שאָלעם-אַלייכעם האָט באַוויזן אין דער קינסטלערישער פּראַקטיק פון זיין ערשטן „יידישן ראָמאַן" צו געפינען אַן אַנדער פּאַרהעלטעניש צווישן די צוויי הויפּט־העל־דענצן פון זיין ראָמאַן. ער האָט דידאָזיקע פּאַרהעלטעניש געפונען אין גאַנג פון דער האַנד־לונג, וואָס האָט גאָר אַף אַן נייעם אויפן פּאַרבונדן די הויפּט־געשטאַלט פון „יידישן ראָמאַן". און אָט פון דער האַנדלונג דאַרפן מיר אָנהייבן אונדזער אַנאַליז פון „סטעמפּעניו".

VII

דער ראָמאַן „סטעמפּעניו" איז, ווי מיר ווייסן, געפלאַנט געוואָרן אַף אַזאַ אויפן, אַז די האַנדלונג האָט ניט געזאָלט האָבן צו טון מיט יענע וויכטיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אין די 80־ער יאָרן אָפּגעשפּילט אין דער יידישער סוויווע. ווען מע פּאַרגלייכט „סטעמ־פּעניו" מיט ספּעקטאָרס „ראָמאַן אָן אַ נאָמען", „דער יידישער מוזשיק", אַפילע מיט שאָ־לעם־אַלייכעמס אייגענע ערשטע ראָמאַנען, דערזעט מען גלייך, אַז דאָ אין „סטעמפּעניו" האָט שאָלעם־אַלייכעם בעקיוון זיך אָפּגעזאָגט פון דעם מאַטעריאַל, מיט וועלכן עס האָט זיך באַשעפטיקט אין יענער צייט דער יידישער ראָמאַניסט. דער ראָמאַן „סטעמפּעניו" האָט געזאָלט שטיין אינגאַנצן אויסער דעם שטראָם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון די 80־ער יאָרן. שאָלעם־אַלייכעם וויל פּאַרגעסן סיי אין די „אַסימיליאַטאָרס", סיי אין די „פּאַלעסטינצעס". ער איז אין יענער צייט געווען איבערצייגט, אַז „יעדע אידיי, ווי הייליק זי זאָל ניט זיין, קוים פּאַלט זי אַריין צו אונדז מענטשן אין די הענט אַריין, אַזוי הייבט מען זי אָן צו קנעטן און קנייטשן, אַז זי מוז באַקומען אַ נאַרישע, לעכערדיקע זייט"[1].

און ער מאַכט דערביי אַ גאַנץ אַנטשיידענעם שריט. ער נעמט זיך אונטער שרייבן וועגן דעם קלעזמער סטעמפּעניו, וואָס איז, ווי ער שרייבט צו דובנאָוון, אַ „היסטאָרישע פּערזענלעכקייט". ער וויל בּיכלאַל שרייבן דעם ראָמאַן אין דעם סטיל פון אַ ראָמאַן וועגן פּאַרצייטנס. ער שטרייכט עס גאַנץ אָפּט אונטער אין טעקסט פונעם ראָמאַן. אין איין אָרט טרעט דידאָזיקע קאַוואָנע אַרויס באַזונדערס בוילעט. שאָלעם־אַלייכעם שילדערט די יידישע קלעזמער און שרייבט: „די יידישע קלעזמער — באַזונדערס אין יענע יאָרן, ווען יעדע יידי־שע מישפּאָכע האָט זיך געלעבט אין גאָטספּאָרכטיקייט און אין יידיש פרומקייט — קאָן מען גלייכן צו אַ מין ציגיינער, אַ באַזונדער פּאָלק"[2].

ווי מיר זעען, ווערט די גאַנצע האַנדלונג דאָ באַוווסטזיניק אָפּגערוקט אין דער פּאַר־גאַנגענהייט. עמעס, שאָלעם־אַלייכעם גיט אַפילע אָנצוהערן אין אַ בריוו צו דובנאָוון, אַז דאָס מיינט ער די צייט צוריק מיט אַ 20 יאָר, אָבער וויכטיק איז געווען ניט די ווייטע פּאַרגאַנגענהייט, נאָר פּאַרגאַנגענהייט איבערהויפּט. און דאָס איז בּיז גאָר כאַראַקטעריסטיש

1 בריוו צו ראַוניצקי. „צ. א. פון ש"א" ז. 45.

2 סט. ז. 55.

פאַר שאָלעם־אַליכעמס שטימונגען אין דער צייט פון „סטעמפעניו“. ער רייסט אָפּ פון דער קעגנוואַרט די האַנדלונג פונעם ראָמאַן, און אַף אַזאַ אויפן גלויבט שאָלעם־אַליכעם זיך צו באַפרייען סיי פון דער „קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט“ און סיי פון דער „אידייי“, וואָס הערשט אין אַרומיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיין דאָרשט נאָך „פּאָעזיע“, נאָך „פּאַנטאַזיע“ איז אַזוי גרויס, אַז ער וואָלט ביכלאַל איצט עפשער וועלן באַהערשן די קונסט צו שאַפן „אָן אַ אידייי“. אָבער קיין קונסט אָן אַ אידייי עקזיסטירט ניט אין דער וועלט. און דאָס לאָזט זיך גאַנץ גיך פילן אין דער האַנדלונג פונעם ראָמאַן „סטעמפעניו“. אָבער וועגן דעם — שפּעטער. דערווייל לאָמיר נאָכשפּירן ווייטער, ווי שאָלעם־אַליכעם גייט שאַפן אַ ווערק, וואָס זאָל פירן „אינעם וועלטל, וואָס מע רופט: פּאָעזיע“ [1].

אָפּגעריסן זיך פון אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, בויט שאָלעם־אַליכעם די האַנדלונג פון „סטעמפעניו“ לויטן מוסטער פונעם „לירישן ראָמאַן“, וועלכן ער האָט זיך פירגענומען. עס דאַרף זיין אַ מין אידילישע פּאָעמע, ווו די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ אין פּאַרצייטנס, אַפן פאָן פון אַ פּאַטריאַרכאַלן לעבנשטייגער.

פאַראַן אָבער אַ געפאַר, אַז אָט די אידיליע זאָל זיך צעפאַלן — דאָס קאָן געשעען דעמאָלט, ווען שאָלעם־אַליכעם וועט זיך אָנשטויסן אָן דעם בילד פונעם „יידישן דאַלעס“, וועלכן ער האָט נאָר וואָס געווידמעט אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג („דער יידישער דאַלעס אין די ווערק פון אונדזערע בעסטע פאָלקס־שריפטשטעלער“ — געדרוקט אין „ייד. פאָלקסבלאַט“ 1888). דער יונגער שאָלעם־אַליכעם וויל אָט די געפאַר פאָרויסזען. ער מאַכט דעם צווייטן אַנטשיידענעם שריט אין „סטעמפעניו“. ער וויל אין „סטעמפעניו“ אויסמיידן צו געבן דעם עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון די דערשיינונגען, וואָס ווערן דאָ געשילדערט.

„מאַזעפעווקע איז אַ יידישע שטאָט, אַ שטאָט פון מיסכער, אַ פּאַרנאָסע־שטאָט“ — דאָס איז דער איינציקער זאַץ, וואָס האָט געזאָלט אין דעם ערשטן וואַריאַנט פון „סטעמפעניו“ שילדערן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון יענער שטאָט, ווו עס קומט פאָר די האַנדלונג פון „סטעמפעניו“. אָבער דעמדאָזיקן זאַץ געפינען מיר ניט אין דעם שפּעטערדיקן וואַריאַנט פון „סטעמפעניו“, דעם, וואָס איז איצט פון אַלעמען אָנגענומען. קאָנטיק, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט זיך אַליין אַרומגעזעען, ווי אומבאַדייטנדיק עס איז דערדאָזיקער זאַץ, ווי ווייניק ער שטימט מיטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פונעם דערציילערישן נוסעך אין „סטעמפעניו“ און ער האָט דעם זאַץ אַרויסגעוואָרפן.

וואָס־זשע נאָך האָבן מיר פאַר שטריכן צו דער שילדערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון מאַזעפעווקע? גאָרניט, אויב מ׳זאָל ניט רעכענען אַ פּאָר צופעליקע שמועסן פון די מאַזעפעווקער קרעמער וועגן זייער פּאַרנאָסע אָדער איין צופעליקע באַמערקונג צום סאָף פון ראָמאַן, ווו עס ווערט געשילדערט אַ שאַבעס־פּאַרנאַכט: „אַלע מאַזעפעווקער יידן האָבן אָפּגעמאַכט האַוודאָלע און האָבן געזונגען, ווי דער שטייגער איז, די „אליהו׳ס“, געזיפצט און געטראַכט, געדאַרט דעם מויעך אַף דער וויסטער פּאַרנאָסע...“ [2]

קלאָר, אַז דאָס, וואָס דאָ איז געזאָגט וועגן פּאַרנאָסע, שטאַמט מער פון דער שפּראַך־אינערציע, פון דער אַלגעמיין־אָנגענומענער ריידנסאַרט, איידער פון אַ קאָנקרעטער שילדערונג פון מאַזעפעווקע. און דאָס זעען מיר אין דער שילדערונג פון אַלע עפּיזאָדן פונעם ראָמאַן [3].

---

1 „נאָכוואָרט“ ז. 307.

2 סט. ז. 73.

3 אין דער הינזיכט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די סצענע פון דער כאַסענע, מיט וואָס עס הייבט זיך אָן „סטעמפעניו“. אַן ענלעכע שילדערונג פון אַ יידישער כאַסענע האָט שאָלעם־אַליכעם געגעבן אין זיינע „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס“ (1887), ד. ה. סאַכאַקל מיט איין יאָר פאַר דעם, ווי ער האָט אָנגעשריבן „סטעמפעניו“, ווען מע פאַרגלייכט אָט די צוויי שילדערונגען, זעט מען, אַז די מאַניר צו געבן דעם אומגעלומפּערטן „הו־האַ“ פון אַ קליינשטעטלדיקער כאַסענע באַהערשט שאָלעם־אַליכעם שוין אין 1887 יאָר. אָבער דער שווערפּונקט פון דער כאַ-

דערקלערן דידאָזיקע דערשיינונג קאָן מען נאָר דאַן, ווען מע נעמט אין אַכט שאָלעם־אַלייכעמס שטימונגען סאָף 80-ער יאָרן און זיין בריוו צו דובנאָוון, ווו ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין, שאָלעם־אַלייכעמס, „פריילעכן הומאָר". אָט דער „פריילעכער הומאָר" האָט פון לאַנג אָן שוין, נאָך פון מענדעלעס אָנהייב־צייטן, באַטייט ניט מער און ניט ווייניקער ווי קריטיק פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין דער יידישער סוויווע. און שאָלעם־אַלייכעם, וואָס האָט אָקאָרשט אין דער האַקדאָמע צו „סטעמפעניו" געשוואָרן זיך צו זיין דעם „זיידנס" אַ טרייער אייניקל, איז אַזוי שטאַרק פאַרהיפּנאָטיזירט פון י. קאַמינערס וואָרענונג פון „קריטיק", אַז ער וויל אויסשליסן פון „סטעמפעניו" די קריטיק פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין מאַזעפּעווקע.

מע קאָן מיט רעכט זאָגן: שאָלעם־אַלייכעמס גאַנצע קינסטלערישע עקזיסטענץ איז דאָסמאָל געהאַנגען אַף אַ האָר. וואָרום: די ראָמאַנטישקייט פונעם „בינטל בלומען" (1888), וואָס איז נאָך מער־ווייניקער געווען פאַרענטפערט דורך דעם ספּעציעלן זשאַנר פון לירישע מיניאַטורן, האָט דאָ, אין „סטעמפעניו" — אַף אַ ברייטערן שעטעך פון אַ ראָמאַן — געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צעשווומענער, סענטימענטאַלער „אידיליע", אַן אויסדרוק פון גע־זעלשאַפטלעכער איזאָלירטקייט און קינסטלערישער באָדנלאָזיקייט. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָבער אויסגעמיטן אָט די געפאַר. אַוועקגייענדיק פון מענדעלעס שטייגער צו שילדערן אָפן און דייטלעך די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין דער יידישער סוויווע, האָט ער דאָך באַ־צייטנס אַריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט אַף דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער שילדערונג, דאָרט ווו די קריטיק האָט אויסערלעך באַצויגן זיך נאָר אַף פּערזאָנען און האָט אינדערעמעסן באַרירט דעם גאַנצן אינערלעכן רעזשים פון דער יידישער סוויווע.

די בוילעטסטע פיגור אינעם ראָמאַן „סטעמפעניו", אַף וועמען שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעווענדעט די שאַרף פון אָט דער נייער אַרט שילדערונג, איז געווען פריידל, סטעמפעניוס ווייב.

———

„סטעמפעניו, ראָכעלע און פריידל — דאָס זיינען מיינע פאַרשוינען, די מעיוכאָסים, וואָס זיצן אויבן אָן אין בויד" — אַזוי שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אין זיין האַקדאָמע צו „סטעמפעניו". דאָס ציט שוין צו פון טכילעס אָן אונדזער אופמערקזאַמקייט: ווי אַזוי איז עס פריידל, אַ דורכויס־נעגאַטיווע פיגור, אַריין צווישן די „מעיוכאָסים", די הויפּט-העלדן פון אָט דעם ראָמאַן, וואָס וויל געבן עפּעס „העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין"? אַן אַנ־דער פיגור, ווי ראָכעלעס מאַן, לעמאָשל, האָט שאָלעם־אַלייכעם אַזאַ געהויבן אָרט אינעם ראָמאַן ניט געוואָלט אָפּגעבן. דאָ קומען מיר אָבער צו אַ וויכטיקן פונקט אין שאָלעם־אַליי־כעמס צוגאַנג צו די העלדן פון זיין ראָמאַן.

סענע-שילדערונג אין די „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס" ליגט דאָך ניט אין אָט דעם „הו-האַ", נאָר אין עפּעס אַנדערש.

„— וואָס איז דאָס ? וואָס הייסט דאָס ? ווו בין איך ? — פרעגט שאָלעם-אַלייכעם אין דער כאַסענע-שיל-דערונג פון 1887 — אָט דאָס הייסט אַ כאַסענע, אַ לעבנס-פאַרבינדונג פון צוויי יונגע מענטשן, וועלכע מע נעמט און מע לאָזט זיי אַרויס אַף דער גרויסער וועלט און מע זאָגט זיי : „פּרו ורבו ומלאו את הארץ"—פרוכטעט און מערט אייך און פילט אָן דאָס לאַנד מיט קאַפּצאָנימלעך, מיט אומגליקלעכע באַשעפענישלעך, מיט איבעריקע מענטשלעך, וועלכע וועלן פון זייער זייט אויך צונעמען אַלע מיטלען צו פרוכטן זיך און צו מערן זיך און אָנצופילן דאָס לאַנד..."

פון דערדאָזיקער שטעלע, ווו עס פילט זיך נאָך אַזוי דייטלעך די ווירקונג פון מענדעלע מויכער-ספאָרים (זע „די קליאַטשע" קאַפּיטל XI), איז קלאָר, אַז מער ווי אַלץ ציט דאָ צו שאָלעם-אַלייכעמס אופמערקזאַמקייט די פּראָבלעם פון „קאַפּצאָנימלעך", וואָס שטייט אין הינטערגרונט פון אַלע דערשיינונגען אַף באַרדיטשעווער גאַס-אומזיסט וועלן מיר זוכן אַזעלכע שטעלן אין „סטעמפעניו". האָבנדיק צו טון אָפּטמאָל מיט די זעלבע דערשיינונ-גען, — וואָרום די באַרדיטשעווער גאַס איז אין פלוג דאָך ניט ווייט אַוועקגעגאַנגען פאָרויס פון דער מאַזעפּעווקער גאַס—מיידט שאָלעם-אַלייכעם סיסטעמאַטיש אויס אין „סטעמפעניו" צו שילדערן דעם עקאָנאָמישן הינטערגרונט פונעם מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער.

שאָלעם־אַלייכעם כאַראַקטעריזירט פריידלען גאַנץ קורץ: „דאָס יידישע ווייבל פריידל, מיט איר סאָכרישן גייסט און מיט איר ציטערן איבערן קערבל". ווען מע קוקט זיך אָבער צו צו שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכע ווערק, זעט מען, אַז צו אָט דעם „סאָכרישן גייסט" האָט ער אַרויסבאַוויזן א גאַנץ באַזונדערן אינטערעס. שוין אין די „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס" (1886) נעמט זיך שאָלעם־אַלייכעם שילדערן אָט דעם „סאָכרישן גייסט" פון אַ יידישער פרוי — צירעלע די צעלניקערן, וואָס ווערט באַ אים געשילדערט אין נעגאַטיווע טענער[1]. שאָלעם־אַלייכעם ווייזט אָן אין דערזעלבער סקיצע, אַז באַזונדערס בולעט האָט אַזאַ פרוי געשילדערט „אונדזער געוויסער זשאַרגאָניסט" מ. ספעקטאָר אין דער געשטאַלט פון שפרינצעלען אין „ר׳ טרייטל" (דערשינען 1884). אוןווירקלעך, מיר געפינען אין מ. ספעקטאָרס שפרינצעלען דעם עמעסן פראָטאָטיפּ פון שאָלעם־אַלייכעמס פריידל פון ראָמאַן „סטעמפעניו". ספעקטאָר פרוווט אַפילע באַזונדערס באַטאָנען זיין נעגאַטיווע באַציונג צו שפרינצעלען און ער גיט צו אין איין אָרט אַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, ווו ער וויל פאַרבינדן שפרינצעלעס כאַראַקטער מיט דער פאַרדאָרבנקייט פון דער גאַנצער „קרעמערשער וועלט", ווי ער דריקט זיך דאָרט אויס[2].

שאָלעם־אַלייכעם באַמערקט אויך: „אונדזער פריידל האָט ביסלעכווייז איינגעפּירט אַ גאַנצע קראָם באַ זיך אין שטוב און איז געוואָרן אַ רעכטע סויכערטע גלייך מיט אַלע מאַ־זעפּעווקער קרעמערקעס..."

באַ שאָלעם־אַלייכעמען ווערט פריידל אַף אַן אַנדער אויפן—אַף אַ מער קינסטלערישן— אויך אַ מין צענטער פון דער „קרעמערישער וועלט" אין „סטעמפעניו". דאָס פילט זיך אין דעם, ווי אַזוי שאָלעם־אַלייכעם פירט זי צונויף מיט פאַרשיידענע פיגורן פון זיין ראָמאַן. די ערשטע, וועלכע טרעט צו נאָענט צו פריידלען, איז ראָכעלעס שוויגער, דוואָסי־מאַלקע. די פסיכאָלאָגישע דערנעענטערונג פון די צוויי געשטאַלטן איז דורכגעפירט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, אַז ווו דוואָסי־מאַלקע זאָל נאָכדעם ניט דערשיינען, דערזעט מען שוין אַף איר דעם אָפּגלאַנץ פון יענעם „סאָכרישן גייסט", וואָס איז אָקאָרשט געגעבן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון פריידלען[3].

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן גענוי אַף די אַלע עפּיזאָדן, וואָס באַווייזן וואָס פאַר אַ גרויסן קאָנצענטרישן קרייז שאָלעם־אַלייכעם האָט געפּרוווט אָנצייכענען אַרום דעם „סאָכרישן גייסט" אין „סטעמפעניו". פאַר אונדז איז נאָר וויכטיק געווען אָנצוווייזן, אַז איגנאָרירנדיק די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן פון מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער, האָט שאָלעם־אַלייכעם דאָך ניט געקאָנט אויסמיידן אָנצורופן באַם נאָמען יענעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן דורכשניט, אַף וואָס ס׳האָט זיך געהאַלטן די טראַדיציע פון מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער. געהייסן האָט דאָס אַף שאָלעם־אַלייכעמס דעמאָלטיקער שפּראַך: „דער סאָכרישער גייסט".

---

1 שאָלעם־אַלייכעם: בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס" ייד. פ״ב 4 № 1886.

2 „ר׳ טרייטל" ז. 73. אין 1886-טן יאָר קומט מ. ספעקטאָר ווידער צו מאָלן אַזאַ געשטאַלט פון א „סאָכרישן גייסט". דאָס איז לייטשע אין דער דערציילונג „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" (פעטערבורג 1886). פונקט ווי אין „ר׳ טרייטל" ווערט אויך דאָ אָקעגנגעשטעלט די „פּאָזיטיווע" געשטאַלט פונעם שוואַכלינג—דעם מאַן, אַנקעגן דעם „סאָכרישן גייסט" פון דער פרוי. דיזעלבע סכעמע האָט, ווי באַוווּסט, שאָלעם־אַלייכעם געלייגט אין גרונט פונעם ראָמאַן „סטעמפעניו".

3 מיר האָבן דאָ, אַגעוו, איינס פון די באַליבטסטע מיטלען באַ שאָלעם־אַלייכעמען, ווען ער ציט ווייטע פּאַראַלעלן פון דער אָדער יענער צענטראַלער פיגור אין אַ גרעסערן ווערק. געוויינלעך טוט ער עס אַזוי. ער מערקט אָן די צענטראַלע פיגורן, די „מעיוכאָסים", ווי ער רופט זיי אָן אין דער האַקדאָמע צו „סטעמפעניו", ער זוכט צו פאַרקערפּערן אין יעדן פון די „מעיוכאָסים" א בולעטע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע און נאָכדעם, ווען עס קומט אויס צו שילדערן אין דעם ווערק פיגורן פון צווייטן ראַנג, טוט שאָלעם־אַלייכעם ניט מער נאָר ער מאַכט זיי ענלעך צו דעם אָדער יענעם פון די „מעיוכאָסים". אַזוי אַרום באַקומען מיר אַ ריי פּאַראַלעל־געשטאַלטן, וואָס פאַרפילפאַכיקן די וויכטיקסטע מאָטיוון פונעם ווערק.

פאַר אונדז איצט, ווען מיר האָבן שוין פאַר די אויגן שאָלעם־אַלייכעמס קלאַסישע מע־נאַכעם־מענדל־געשטאַלט, ווי אויך די גאַנצע גאַלעריי געשטאַלטן, וואָס דאַרפן פאַרקערפערן דעם „סאָכרישן גייסט“, איז עס געוואָרן קימאַט ווי נאַטירלעך צו זען אין שאָלעם־אַלייכעמס קונסט דעם שטענדיקן גראַנגל מיטן „סאָכרישן גייסט“. מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז שוין אין „סטעמפעניו“ („קאַנטאָר־געשעפט“ איז אין דער הינזיכט געווען בלויז אַ שוואַכער עסקיז) האָט זיך שאָלעם־אַלייכעם באַגעגנט מיט אָט דער וויכטיקער, מע קאָן זאָגן, לעבנסבאַשערטער טעמע זיינער.

און אָט פון דעם „סאָכרישן גייסט“ הייבט שאָלעם־אַלייכעם אָן אויך אין דער שיל־דערונג פון דער צווייטער קאַטעגאָריע געשטאַלטן, די אייגנטלעכע העלדן פונעם ראָמאַן: ראָכעלע און סטעמפעניו.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, קעדיי פסיכאָלאָגיש צו מאָטיווירן ראָ־כעלעס ליבהאָבן סטעמפעניון, און אין גאַנג פונעם ראָמאַן האָט ער אָפּטמאָל אומגעקערט זיך צו איין וויכטיקן מאָמענט. ער האָט געזוכט פסיכאָלאָגיש צו דערנעענטערן די צוויי גע־שטאַלטן דורך זייער באַגאַבטקייט. די מיטלען זיינען דערביי באַ שאָלעם־אַלייכעמען גאַנץ פרימיטיוו. ראָכעלע ווערט געשילדערט ווי אַ רייכער געמיט, מיט צוגעלאָזנקייט צו מענטשן, מיט אַ כוש פאַר פרעמדע ליידן — דאָסזעלבע ווייסן מיר אויך וועגן סטעמפעניו. מיר זעען אויך אַף שריט און טריט, ווי ביידע העלדן ווערן דערנעענטערט דורך אַ געוויסער ראָ־מאַנטישער באַציונג צום לעבן (סטעמפעניו האָט ליב דערציילן מייסעס — ראָכעלע האָט ליב הערן מייסעס), ענדלעך, ווערט אויך אונטערגעשטראָכן דאָס אַרטיסטישע אין ביידע העלדן (ראָ־כעלע האָט געזונגען, מ'האָט אַפילע געשמועסט פון אַ „טאַלאַנט“). כאַראַקטעריסטיש איז דאָס אַלעס, ווי אַ באַווייז, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט זיין ראָמאַן געבויט אַף דער האַנדלונג צווישן צוויי באַגאַבטע נאַטורן. נאָר אָט טרעטן די צוויי באַגאַבטע נאַטורן אַרויס ניט אין זייער באַציונג צווישן אַנאַנדער, נאָר אין דער באַציונג פון יעדן איינעם צו זיין סוויווע. און שאָלעם־אַלייכעם גייט אויך דאָ לויט זיין ליניע פון פסיכאָלאָגישער דערנעענטערונג. ער דערנעענטערט זיינע הויפּט־העלדן אויך דערמיט, וואָס ביידע געפינען זיי זיך אונטערן דרוק פונעם מאַזעפּעווקער אַרום[1]. און אָט דערפון שטאַמט דער דראַמאַטיזם אין דער האַנדלונג פון „סטעמפעניו“: ס'זיינען דאָ געגעבן געוואָרן צוויי באַגאַבטע נאַטורן, וואָס ווערן אונטערגעדריקט אין דער מאַזעפּעווקער סוויווע, ווו עס הערשט דער „סאָכרישער גייסט“.

VIII

אינעם פאָרוואָרט צו „סטעמפעניו“ דערציילט אונדז שאָלעם־אַלייכעם, ווי ער האָט אין מענדעלעס אַ ווערק („דער פריזיוו“) „באַגעגנט פאַרבייגייענדיק דעם נאָמען סטעמפעניו מיט אַ פלעשעלע ליבע־טראָפּן“, ווי דאָס האָט אַף אים, שאָלעם־אַלייכעמען, געווירקט און וויאַזוי ס'איז אַדאַנק דערדאָזיקער אָנצוהערעניש אין מענדעלעס אַ ווערק באַשאַפן געוואָרן דער

1) דערדאָזיקער מאָמענט איז באַזונדערס בוילעט אויסגעדריקט אין דער ערשטער רעדאַקציע פון „סטעמ־פעניו“, זוו מיר הערן ווי סטעמפעניו רעדט צו זיך אַליין:

„לאָז זי נאָר אַרויסגיין, ראָכעלע, אַהער צו מיר, איך וועל מיט איר איבערשמועסן מיקויעך אַלץ, איך וועל איר אופדעקן מיין פאַרביטערט האַרץ... מיר וועלן שוין צוטראַכטן אַן אייצע, ווי אַזוי צו מאַכן, אַז מיר זאָלן ביידע באַפרייט ווערן און פאַרבינדן זיך אַף אייביק — אייביק! איך וועל זי אָנלערנען, מיין צאָרע, מיין פוראָניעס, איך וועל איר ווייזן, ווי אַזוי צו טרעטן יענעם מיט די פיס... לאָז זי נאָר קומען אַהער, ראָכעלע, זי וועט געוויס קומען. איך וועל איר באַלד אויסזאָגן אַלעס, וועל קיין שיעס ניט מאַכן און איר אַן אייצע געבן, וויאַזוי צו פּאָטער ווערן פון איר כניאָק מיטן סאַמעטן קאַשקעטל און וויאַזוי צו זיין מיינע, מיינע!“ (סט. 73).

בעייסן איבעראַרבעטן „סטעמפעניו“ אין 1903-טן יאָר האָט שאָלעם-אַלייכעם דורכויס אויסגעמיטן לענגערע מאָנאָלאָגן — האָט ער אויך דעם מאָנאָלאָג אַרויסגעוואָרפן.

ראָמאַן „סטעמפּעניו". דערדאָזיקער עפּיזאָד פירט אונדז אַפּן בעסטן אויפן אַריין אין דער באַטראַכטונג פון שאָלעם־אַלייכעמס סטעמפּעניו־געשטאַלט.

ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט עס באַמערקט, האָט מען די סטעמפּעניו־געשטאַלט באַ מענדעלען געקאָנט באַגעגענען נאָר „פאַרבייגייענדיק"[1]. סטעמפּעניו אין מענדעלעס אופאַסונג האָט ביכלאַל ניט געקאָנט ווערן אַ הויפּט־העלד פון אַ גרעסערן ווערק. אונטער סטעמפּעניוס געשטאַלט שטייט ניט באַ מענדעלען קיין שום באַדייטנדיקע לעבנס־דערשיינונג. עמעס, מענדעלע האָט אַמאָל געקאָנט אָפּשטעלן זיין אופמערקזאַמקייט אַף אַ געשטאַלט פון אַזאַ „נידעריקער" אָפּשטאַמונג, ווי פישקע דער קרומער. אָבער פישקע דער קרומער האָט דער־מיט דאָך געמוזט אויסנעמען באַ מענדעלען, וואָס ער האָט סימוואָליזירט די גרויסע, די אַלמעכטיקע „יידישע טאָרבע", דעם גאַנצן סאָציאַל־עקאָנאָמישן דורכשניט פונעם פאַרצייטיקן יידישן לעבנשטייגער. פאַר שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנטיש־באַפאַרבטע שטימונגען פון די 80־ער יאָרן איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש, ווען ער האָט אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער ערשטער אויסגאַבע פון „פישקע דער קרומער"[2] (ווי ס'איז באַוווסט, זיינען אין יענער אויסגאַבע די נאַטור־שילדערונגען ווי ביכלאַל דער „פּאָעטישער" עלעמענט נאָר קאָם־קאָם געווען אָנגעמערקט) געוואָלט דערווייזן, אַז אין דעם בוך געפינט זיך „ליבע און פּאָ־עזיע". אַנדערש אָבער האָט זיך פאָרגעשטעלט די זאַך מענדעלע, וואָס האָט אַלעמאָל גע־טראַכט, אַז אין „פישקע דעם קרומען" ליגט דער שווערפּונקט אין די „שמאַטעס און פּוי־לער סכוירע" און ניט אין דער פּאָעטיזירטער פישקע־געשטאַלט. נאָך ווייניקער האָט באַ מענדעלען געקענט אויסנעמען שאָלעם־אַלייכעמס פּרוּוו צו פּאָעטיזירן דעם קלעזמער „סטעמ־פּעניו". די געשטאַלט סטעמפּעניו האָט אין מענדעלעס אויגן ניט געהאַט קיין שום באַדיי־טנדיקע קינסטלערישע פונקציע. דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם האָט, לעמאָשל, געהאַלטן, אַז דאָס וויכטיקסטע אינעם ראָמאַן איז סטעמפּעניוס ליבע, אַרום דעם האָט ער געוואָלט אופ־בויען די גאַנצע פּאָעטיזאַציע פון דער קלעזמער־געשטאַלט. מענדעלע האָט אָבער נאָך באַלד באַם דערשיינען פון „סטעמפּעניו" געשריבן וועגן דעם ווערק אין אַ בריוו צו שאָלעם־אַליי־כעמען: „ווּ איר באַשרייבט דאָס לעבן איז אַ פאַרגעניגן צו לייענען. ס'איז דאָ וויץ, הומאָר. אָבער ווּ איר שפּילט א ליבע—קומט אויס גאָרניט"[3]. און אָט די מיינונגספאַרשיידנ־קייט האָט זייער פיל צו זאָגן וועגן דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען.

דאָס האָט באַטייט, אַז שאָלעם־אַלייכעם מוז, גייענדיק צו זיין אייגענער „סטעמפּעניו"־געשטאַלט, אָפּראַמען פון וועג די אופאַסונג, וואָס האָט געהערשט באַ מענדעלען.

וואָרום מענדעלע האָט נאָך געקענט פאַרבלייבן אייניק מיט שאָלעם־אַלייכעמען קאָלזמאַן דער לעצטער האָט גערדרונגען, אַז קיין עמעסע העלדן פאַר אַ יידישן ראָמאַן לאָזט זיך ניט געפינען אין דער יידישער אינטעליגענץ. דידאָזיקע באַציִונג צו דער יידישער אינטעליגענץ איז אָבער באַ שאָלעם־אַלייכעמען אין די 80־ער יאָרן געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין די שאַפנדיקע קויכעס פון דער פאָלקס־מאַסע. און אַזוי ווייט האָט מענדעלע דעמאָלט ניט געקאָנט גיין.

מאַכן אַזאַ געשטאַלט ווי סטעמפּעניו פאַרן הויפּט־העלד פון אַ גרעסערן ווערק, אָנרופן דאָס ווערק לויט זיין נאָמען האָט געהייסן אַוועקשטעלן אין צענטר פון דער אַלגעמיינער אופמערקזאַמקייט אַ נייע פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון שאַפנדיקע קויכעס, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין דער „נידעריקסטער" שיכט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע. און אָט דערפון

1 צו דער סטעמפּעניו-געשטאַלט האָט מענדעלע זיך אומגעקערט נאָכאַמאָל אין זיין „בעמק הבכא", וואָס האָט זיך גענומען דרוקן שוין אין אָנהייב XX י"ה. אויך דאָרט איז סטעמפּעניו פאַרבליבן ניט מער ווי אַן עפּיזאָ־דישע געשטאַלט.

2 „דער יידישער דאָלעס"..... פ"ב. ביילאַגע צו 39 № 1888.

3 זע ווייטער אין דער אָפּטיילונג „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן"—מענדעלעס בריוו.

הייבט זיך אָן דאָס אייגענע אין שאָלעם־אַלייכעמס צוגאַנג צו דער „היסטאָרישער פּערזענ־לעכקייט" — דעם קלעזמער סטעמפּעניו.

ס׳וואָלט געוויס זיין אַ גוזמע, ווען מיר וואָלטן אָנגענומען, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעגאַנגען צו דער הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שטייט הינטער דער געשטאַלט פון סטעמפּעניו, דורכויס באַוווּסטזיניק און אַנטשלאָסן. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך ניט געהאַט גענוג מוט און אינערלעכע איבערצייגונג צו שטעלן דעם טראָפּ פונעם „יידישן ראָמאַן" אויסשליסלעך אַף דער געשטאַלט פונעם קלעזמער סטעמפּעניו. דער פאַקט גופא, וואָס סטעמפּעניו איז אַ געשטאַלט, וועלכע שטייט אַפן שוועל פון אונטערוועלט, שרעקט נאָך אָפּ דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעם האָט מוירע אָנטרויען זיין העלד „סטעמפּעניו" יענע קריטישע באַציִונג צום מאַזעפּעווקער לעבנ־שטייגער, וועלכע ער האָט, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, אָנגעטרויט ראָכעלען. שאָלעם־אַלייכעמס פּאָלקיזם האָט נאָך דערויף ניט געוואַגט. דערפאַר קומט אויס, אַז סטעמפּעניו ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען גענומען קימאַט אויסער זיינע באַציִונגען צום מאַזעפּעווקער אַרום. מיר האָבן אינעם ראָמאַן נאָר איינצלנע שטריכן, וואָס דאַרפן כאַראַקטעריזירן די סאָציאַלע פאַרהעלטעניש צווישן דער קלעזמער־סוויווע און דער איבעריקער מאַזעפּעווקער באַפעלקערונג [1]. אָבער אויך אין דער קליינער מאָס, ווי דאָס איז אין „סטעמפּעניו" געשילדערט געוואָרן, האָט עס דאָך געמוזט פירן צו אַ קינסטלערישע אַנטקעגנשטעלונג פון סטעמפּעניוס סוויווע און ראָכעלעס סוויווע. אין גאַנג פון דער האַנדלונג קומט פאָר אַזוי, אַז מיר זעען פאַר זיך מער ווי אַלץ ניט די איזאָלירטע געשטאַלטן פון ראָכעלען און סטעמפּעניון, נאָר גראַדע דאָס, וואָס פאַרבינדט זיי, וואָס דערנעענטערט זיי אין פיל פּסי־כאָלאָגישע באַריר־פּונקטן. די אַנטוויקלונג פונעם ראָמאַן האָט אַנטבלויזט פריער פאַר אַלץ דעם סאָציאַלן מאָמענט אין די באַציִונגען צווישן ראָכעלען און סטעמפּעניון. און אָט דער סאָציאַלער מאָמענט האָט זיך מאַניפעסטירט דערין, וואָס די טראַדיציאָנעלע פיגור פון דער נעגידיש־באַלעבאַטישער סוויווע מוז אין איר קאָנפליקט מיטן רעזשים פון איר אייגענער סוויווע זיך סאָלידאַריזירן מיט די פאַרלאַנגען פונעם העלד פון „האַמוין־אַם". ווי פלייסיק שאָלעם־אַלייכעם זאָל ניט האָבן פאַרטושירט אינעם פינאַל פונעם ראָמאַן אָט די פאַרהעלטע־ניש צווישן ראָכעלען און סטעמפּעניו, איז דאָך אין זיין קינסטלערישן באַוווּסטזיין פון דעם

---

1 אין ערשטן וואַריאַנט פון „סטעמפּעניו" איז געווען אַ קאַפּיטל (XXI), ווו שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך געפּרוּווט אָפּשטעלן אַף די באַציִונגען צווישן סטעמפּעניו און די מאַזעפּעווקער שטאָט-באַלעבאַטים.

מייסטנס — דערציילט שאָלעם-אַלייכעם וועגן סטעמפּעניון — איז אים געגאַנגען גוט צוליב זיין נאָמען, וואָס ער האָט זיך געקויפט באַ דער וועלט און צוליב זיין גוט האַרץ מיט זיין מילדן כאַראַקטער. אַ יידן אַ טויווע טון: העלפן אַ גוטן ברודער — דאָס איז באַ סטעמפּעניון געווען דאָס כאַיעס; ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט קיין מענטשן אין קיין זאַך, סיי ער האָט יאָ געקאָנט, סיי ניט — צוזאָגן האָט ער צוגעזאָגט יעדן. — סטעמפּעניו, — בעט אַ ייד באַ אים אַ באַקאָשע — ר׳ סטעמפּעניו, סערצע! איר זיינט דאָך יאָ אַ כאָשעוו באַם פּאָרעץ, טאָמער וואָלט איר געפּויעלט באַ אים די אַרענדע פון מיין איידעמס וועגן?

— אָך, מיטן גרעסטן קאָוועד! ס׳אַ שיילע אַביסל, צי איך בין כאָשעוו באַם פּאָרעץ? יענער וועט פאַר מיר קיין זאַק באָרשטש ניט אַוועקגעבן. און ווער שמועסט — די פּריצע — זי איז גאָר נאָך מיר די קאַפּאָרע! זייט זיכער, ס׳וועט זיין רעכט!

און אויב סטעמפּעניו האָט נאָר ניט פאַרגעסן, האָט ער געוויס געפּויעלט באַם פּאָרעץ די אַרענדע און אַנדערע טויוועס פאַר יעכידים און אַמאָל פאַרן קלאַל אויך. דער כיסאָרן איז נאָר געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַ קורצן זיקאָרן, זייער אַ קורצן זיקאָרן, און מאַכמעס ער האָט אַלעמען צוגעזאָגט. דערום האָט ער ניט יעדן מעקאַיעם געווען..." (סט. 71).

קאָנטיק, אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט שפּעטער, אין 1903-טן יאָר, אַרומגעקוקט זיך, ווי אומבאַהאָלפן ס׳איז דאָ די אידעאַליזאַציע פון סטעמפּעניוס „גוט האַרץ מיט זיין מילדן כאַראַקטער" און ער האָט די גאַנצע שטעל אַרויס-געוואָרפן.

מאָמענט אָן איינגעשניטן געוואָרן אַ נייער און גענוג טיפער קאַרב. דער פּרימיטיווער „פּאָלקיזם" האָט אומבאַמערקטערהייט געררוקט זיך פּאָרויס, געגאַנגען צו נייע פּרווון.

און דערין באַשטייט די גרויסע באַדייטונג, וואָס די געשטאַלט פונעם קלעזמער סטעמפּעניו האָט געהאַט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן.

מ׳טאָר דערביי אָבער ניט פאַרזען, אַז דער גרעסטער טייל פון די קינסטלערישע מאָטיוון, וואָס האָבן זיך געשפּינט אַרום דער געשטאַלט פון סטעמפּעניו, האָבן באַקומען זייער פאַר־קערפּערונג ערשט אין די שפּעטערדיקע ווערק באַ שאָלעם־אַלייכעמען. מיר ווייסן, אַז שאָלעם־אַלייכעם אַליין ווייזט אָן אַף „יאָסעלע סאָלאָוויי" און „בלאָנזנדע שטערן", ווי אַף דער ווייטערדיקער פאַרקערפּערונג פון יענעם טיפּ ראָמאַן, וואָס ער האָט זיך צום ערשטן מאָל פירגענומען צו שאַפן אין „סטעמפּעניו". פאַר אונדז איז אָבער אינטערעסאַנט דאָ אומ־צוקוקן זיך אויך אַף אַ ווערק, וואָס איז דירעקט געשריבן „אַלאַ סטעמפּעניו". שאָלעם־אַלייכעם האָט אַזאַ ווערק אָנגעשריבן אין 1903־טן יאָר. ס׳האָט געהייסן „מאָשקעלע גאַנעוו"[1]. די ענלעכקייט צווישן „סטעמפּעניו" און „מאָשקעלע גאַנעוו" זעט זיך קוידעמקאָל אינעם צוגאַנג צו די העלדן פון „האַמוין־אַם".

ביידע ראָמאַנען האָבן געזאָלט דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי דאָרטן, באַ דער שוועל פון אונטערוועלט אָדער שוין גאָר „אַפן דעק" בליט אוף דער געפיל פון ליבע, וואָס איז אַזוי פרעמד דעם גאַנצן מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער[2], מיט איין אונטערשיד נאָר: אין „מאָשקעלע גאַנעוו" איז דער עלטערער שאָלעם־אַלייכעם שוין אימשטאַנד געווען טיפער איינטראַכטן זיך אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אַרום זיין העלד.

אַלס רעזולטאַט דערפון איז געקומען דאָס קאַפּיטל, וואָס הייסט: „ער טראָגט אַ סינע אַף די מאַזעפּעווקער יידן און איז גערעכט". מיר דערוויסן זיך אין דעם קאַפּיטל, אַז מאָשקע גאַנעוו איז באַ זיך אין מאַזעפּעווקע „ניט מער ווי אַ „לא יבא בקהל", וואָס קיי־נער וויל זיך מיט אים ניט מעשאַדעך זיין, נאָר אַז מ׳האָט באַדאַרפט צו אים אָנקומען, פלעגט מען אים כאַנפענען, קריכן אונטער די נעגל". מיר דערוויסן זיך אויך וועגן מאָשקע גאַנעוו, אַז „אַלע מאַזעפּעווקער יידן מיטן נאָגיד איניינעם האָבן באַ אים געהאַט אַ ווערט, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, פון איין אויסגעבויגענעם צוואָק אין אַן אַלטער פּאָדקאָווע. פונדעסטוועגן האָט ער געטראָגן אַף זיי אַסאַך פאַרדראָסן"[3].

שאָלעם־אַלייכעם שטעלט זיך געגנוי אָפּ אף די „פאַרדראָסן", וואָס דער אונטערוועלט־מענטש, מאָשקע גאַנעוו, — אין פלוג, דער עמעסער פּראָטאָטיפּ פון שאָלעם אַשס „מאָטקע גאַנעוו" — האָט צום מאַזעפּעווקער קאָהאָל.

מיר זעען דאָ, ווי די סאָציאַלע אידייע רייסט זיך צום אויסדרוק — האַגאַם אין אַ גאַנץ פּרימיטיווער פאָרם — דורך אַלע באַוועגונגען פון דער אונטערוועלט־געשטאַלט, מאָשקעלע גאַנעוו. אָבער דאָס איז שוין געווען אין 1903־טן יאָר. דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם איז

1 אין אַ בריוו צו ספּעקטאָרן פון 1903 שרייבט שאָלעם-אַלייכעם: „זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ מאַטאָנע איך שיק דיר — ביסט עס גאָרניט ווערט! אַ נייעם ראָמאַן, אַלאַ „סטעמפּעניו". נאָר אַסאַך קירצער, צעשלאָגן אַף 18 קלייזע קאַפּיטלעך מיטן נאָמען „מאָשקעלע גאַנעוו" („ש״א בוך" ז. 198).

2 אין „מאָשקעלע גאַנעוו" האָט שאָלעם-אַלייכעם דידאָזיקע טענדענץ אויסגעדריקט אָפן:

„אויב ס׳איז געווען אין מאַזעפּעווקע, שרייבט שאָלעם-אַלייכעם, צווישן יידן איינער אַזעלכער, וואָס האָט ליב געהאַט בעעמעס אָן שום כעשבן און אָן שום האָפענונג — איז דאָס געווען מאָשקעלע גאַנעוו".

אין „סטעמפּעניו" פילט זיך דידאָזיקע טענדענץ — האַגאַם ניט אַזוי שאַרף אַרויסגעזאָגט — אין פיל שטעלן פונעם ראָמאַן, באַזונדערס אינעם לעצטן קאַפּיטל. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער ערשטער רעדאַקציע האָט זיך דער ראָמאַן „סטעמפּעניו" אויסגעלאָזט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אויב סטעמפּעניו האָט אַמאָל ליב געהאַט בעעמעס, איז זיין ליבע צו ראָכעלען געווען זיין איינציקע ליבע, די ערשטע און די לעצטע".

3 מ. ג. 15.4

אין דער שילדערונג פון סטעמפעניו, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך געווען אַ „לא יבא בקהל״ אין מאַזעפּעווקע, אַזוי ווייט ניט געגאַנגען. ער האָט נאָר באַוויזן מיט זיין גרויסער אינטו־איציע צו געפינען אין דער יידישער מאַסע אַזאַ געשטאַלט, ווי סטעמפעניו, פאַרקערפערן זי אין דער פּולער מאָס האָט זיך דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען נאָך ניט איינגעגעבן. די נאָוואַטאָרישקייט, וואָס האָט געשטעקט אין דער אידייע צו נעמען אַ העלד פון „המוין־אַם״, איז, קאָנטיק, געווען נאָך איבער די קויכעס פאַר דער יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. באַ זיינע דעמאָלטיקע ראָמאַנטישע שטימונגען האָט זיך שאָלעם־אַלייכעמען געדאַכט, אַז זיין צוגאַנג צו סטעמפעניו דאַרף זיך האַלטן אַף באַגייסטערונג, באַוואונדערונג, מיט איינעם וואָרט, באַ דער אידעאַליזאַציע פון סטעמפעניון, דעם „יידישן פּאַגאַניני״, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט אים שפּעטער געוואָלט אַ נאָמען געבן. שאָלעם־אַלייכעם האָט אין אַזאַ טאָן פון אידעאַליזאַציע גענומען שילדערן סטעמפעניון. ער האָט אים געגעבן „שוואַרצע ברענענדיקע אויגן״, אַ „לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע״, אַ „ליכטיק פּאָנים״, וואָס האָבן געדאַרפט שטימען מיט זיינע „קישעפדיקע געזאַנגען און וואונדערלעכע מעלאָדיען״, אָבער שוין גאָר גיך נאָך אין אָנהייב פונעם ראָמאַן הייבט זיך אָן ברעכן שאָלעם־אַלייכעמס טאָן אין דער שילדערונג פון סטעמ־פעניו. שאָלעם־אַלייכעם האַלט זיך ניט איין באַ דער אופאַסונג פון אידעאַליזאַציע. שאָלעם־אַלייכעמס איינגעבוירענער הומאָר מאַכט כאָרעוו די געפּלאַנטע אידעאַליזאַציע פון סטעמ־פעניון, רייסט אַרונטער דעם פּאַטעטישן טאָן.

צוגיין צו סטעמפעניון, דעם העלד פון „המוין־אַם״, אַזוי ווי ער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו טעוויען דעם מילכיקן, קאָן נאָך דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם ניט. ער קאָן נאָך ניט געפינען דעם קינסטלערישן אויסדרוק פאַר יענער באַזונדערער אַרט העלדישקייט פון „פּאָשעטע, גאָר געוויינלעכע מענטשלעך״, וואָס קאָן זיך אַרויסווייזן אין טאָגטעגלעכן האַנדלען און וואַנדלען, אין אויסערלעך־אומבאַמערקטע מייַסים. דער כאַראַקטער פון אַ פאָלקסמענטשן, אַ מאַסנמענטש, איז נאָך מיט זיבן שלייערן פאַרשטעלט פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעם קאָן פון זיין סטעמפעניו ניט מאַכן עפּעס מער, ווי אַ כאַסענע־העלד, אַ געגנטלעכן, אַזוי צו זאָגן, עטנאָגראַפישן העלד. און אַלס אַזעלכער טרעט אַרויס די געשטאַלט פון סטעמפעניו אינעם ראָמאַן. דידאָזיקע געשטאַלט פירט אָן מיט דער האַנדלונג פונעם ראָמאַן, זי פירט אַריין אינעם ראָמאַן דעם מאָטיוו פון ראָכעלעס קאָנ־פליקט מיט דער נעגידיש־באַלעבאַטישער סוויווע — סטעמפעניו אַליין ווערט אָבער ניט די פאַרקערפּערונג פון די אַלע מאָטיוון, וואָס זיינען אין שאָלעם־אַלייכעמס פאָרשטעלונג פאַר־בונדן געוואָרן מיט דער סטעמפעניו־געשטאַלט. און דאָך האָט די געשטאַלט פון דעם קלעז־מער סטעמפעניו אַף אַ נייעם אויפן באַלויכטן שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם, וואָס האָט זיינע ערשטע ראָמאַנען געווידמעט דער שילדערונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, האָט אין „סטעמפעניו״ געמאַכט דעם אַנטשלאָסנעם שריט צו דער ברייטער שילדערונג פונעם יידישן מאַסן־לעבן, אַ שריט צו דער געשטאַלט פונעם פאָלקס־מענטש, דעם מאַסנמענטש. אַוועקגייענדיק פון דער סוויווע פון די „יידישע קיט־קיטישעס״ מיט דעם פּראָטעסט־מאָטיוו, וואָס האָט געקלונגען אין „סענדער בלאַנק״, האָט שאָלעם־אַלייכעם גלייכצייטיק געווענדט זיין אופמערקזאַמקייט צו דעם „האַמוין־אם״, ווו ער האָט פאַרנומען דעם לעבעדיקן אָפּקלאַנג אַף זיין פּראָטעסט קעגן די „קיט־קיטישעס״. אין זיין באַציִונג צום העלד פון „האַמוין־אַם״ האָט שאָלעם־אַלייכעם נאָך ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון יענע וואַקלענישן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע קינסטלערישע אַנטוויקלונג פון די 80־ער יאָרן. אָבער די שילדערונג פון דעם קלעזמער סטעמפעניו האָט באַוויזן, אַז שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן אָנטאַפּן דעם קאָנטאַקט מיט די שאַפנדיקע קויכעס פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, אַ מאָמענט, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער אויסגאַנג־פּונקט פון שאָלעם־אַלייכעמס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

געפינענדיק זיך אונטערן היפנאָז פון מענדעלעס „יידישער טאָרבע״ — פון איין זייט, אונטערן דרוק פון דער נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק פונעם אַרומיקן „ליטעראַרישן וועלטל״ — פון דער צווייטער זייט, אָנטאָפּן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די פאַרבאָרגענע שאַפנדיקע קויכעס, וואָס געפינען זיך „אַפן דעק״ פון דער פאָלקס־מאַסע — דאָס האָט געהייסן געפינען די קינסטלערישע האַשלאָמע פון יענעם ליבעראַלן פאָלקיזם, וואָס האָט — מיט פאַרשיידענע איבערשלאָגן — אָנגעפירט מיט שאָלעם־אַלייכעמס גאַנצער יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. און דאָס גופע האָט געקענט שוין באַשטימען דעם ווערט און די באַדייטונג פונעם ראָמאַן „סטעמפּעניו״.

IX

מיט דער צווייטער הויפּט־געשטאַלט פון „סטעמפּעניו״ — מיט ראָכעלען — האָט שאָלעם אַלייכעם אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן נאָך גאָר פרי, אין 1884 יאָר, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט אין „יידישן פאָלקסבלאַט״ אַ ליד אונטערן נאָמען „אַ יידישע טאָכטער״[1]. ווי דאָס ראָוו שאָלעם־אַלייכעמס לידער, איז עס אַ דערציילערישע ליד און אינעם גאַנג פון דער ליד הערן מיר:

איך געדיינק דיין געוויין, דיינע ביטערע טרערן,
(כאָטש פון מיר האָסטו דאָך זיי טאָמיד פאַרבאָרגן...)
קיינער האָט ניט געוואָלט דיינע טיינעס אויסהערן:
אַלע האָבן געוואָלט דיין טאַכלעס פאַרזאָרגן!...
צי דו ווערסט האָבן אַ מאַן אַ גוטן צי אַ שלעכטן —
דאָס האָבן דיינע עלטערן ניט געוואָלט קלערן:
דיין פאָטער האָט געזוכט אַ מעכוטן אַ רעכטן,
און דיין מוטער האָט געוואָלט אַ שוויגער שוין ווערן.
איינגעטונקען אין ייִכעס איז דיין מענדל געווען,
ראַבאָנים, שיינע יידן אין זיין מישפּאָכע אָן אַ שיר;
און פרום איז ער געווען — עס זאָל גאָרניט געשען!
אַ קיילעכיק יאָר האָט ער גאָרניט גערעדט מיט דיר![2]

מיר האָבן פאַר זיך אין דעם געבראַכטן פראַגמענט אַ רעאַליסטיש געמעל, וואָס נעמט אַרום אַ גאַנצע ריי שטריכן פון ראָכעלעס סוויווע אין „סטעמפּעניו״. מע קאָן אויך אָנעמען, אַז פון דעם „מענדל״, וואָס ווערט אין דעם ליד דערמאָנט, איז מיט געוויסע אומענדערונ־

---

1 שאָלעם־אַלייכעמס ליד „די יידישע טאָכטער״ איז, קאָנטיק, געשריבן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון י. ל. גאָרדאָנס „קוצו של יוד״. דער אינטערעס צו דער „יידישער טאָכטער״ איז אָבער געווען זייער פאַרשפּרייט אויך צווישן די יינגערע שרייבער, ווי ספּעקטאָר און פּערעץ. מ. ספּעקטאָר האָט ניט אופגעהערט ווענן דעם צו דערמאָנען אין זיינע ערשטע ראָמאַנען. אין זיין „יידישן מוזשיק״ האָבן מיר די העלדן — ראָכעלע די קראַסאָוויצע, וואָס פיגורירט אין אַ קאַפּיטל מיטן נאָמען: „אַן אומגליקלעך באַשעפעניש״. אין ראָמאַן „יידישע טעכטער״, וואָס האָט זיך געדרוקט גלייכצייטיק מיט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו״, שרייבט ספּעקטאָר וועגן זיינע העלדנס:

„צו 18 יאָר זיינען די צוויי כאַווערטעס אַלט געווען. 18 יאָר זיינען זיי אין טורמע געזעסן. זייערע כסידישע פרומע עלטערן — די שטרענגע טשינאָווניקעס, גאָטס סטראַפּטשעס, האָבן זיי אין גאַנצע 18 יאָר צו איין קאַפּל פרישע לופט קיינמאָל צוגעלאָזט״. (הויז־פריינד I באַנד ז. 16).

אויך פּערעץ האָט ניט פאַרגעסן אין זעלבן יאָר, ווען עס איז דערשינען „סטעמפּעניו״, אין זיין פּאָעמע „מאָניש״ צו דערמאָנען מיט עטלעכע שורעס די „יידישע טעכטער״. פּערעצעס דערציילונג „אין דיליזשאַנס״ (1891) איז שוין געווען דורכויס געווידמעט דער לאַגע פון דער יידישער פרוי און דאָ זעט מען שוין אַ גאַנץ קענטלעכע ווירקונג פון שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו״.

2 „ייד. פ. ב.״ 1884, נומ. 42.

געָן נאָכדעם אויסגעוואָקסן די געשטאַלט פון ראָכעלעס מאַן, מוישע־מענדל. אָבער ווען מע קוקט זיך צו נעענטער, דערזעט מען דעם אונטערשייד צווישן די העלדן פון דער ליד די „יידישע טאָכטער" און דעם ראָמאַן „סטעמפעניו".

אין דער שילדערונג פונעם קלויזניק מענדל גייט דאָ דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם מיטן אַלטן וועג פון דער מאַסקילישער דיכטונג און אויך אין דער שילדערונג פונעם קלויזניקס ווייב, דער „יידישער טאָכטער" וויל ער נאָך אין 1884־טן יאָר גיין מיטן מאַסקילישן וועג.

די „יידישע טאָכטער" האָט פריער ליב געהאַט אַ „סטודענט", זי איז געווען פון די פאָרגעשריטענע, — אַ „העלדן", וואָס האָט אין אַלע הינזיכטן געדאַרפט זיין דער אַנטיפּאָד פון דעם קלויזניק, איר מאַן. ביידע העלדן האָבן זייער באַזונדערן ייִכעס: פון זיין צאַד — „ראַבאָנים, שיינע יידן", פון איר צאַד — די האַסקאָלע, דער „סטודענט".

אין „סטעמפעניו" גייט שאָלעם־אַלייכעם אַוועק פון דעמדאָזיקן אַרט העלדן. ראָכעלע און איר מאַן שטאַמען פון איין און דערזעלבער נעגידיש־באַלעבאַטישער סוויווע. וועגן ראָכעלע ווערט דערציילט, אַז זי שטאַמט פון אַ „שיינעם גראַד, פון הוילע ייִכעס", אָבער עס איז דערזעלבער ייִכעס, מיט וועלכן עס קאָן זיך איבערנעמען אויך איר מאַן: עס איז דער ייִכעס פון אַ נעגידישער אָפּשטאַמונג, אַ געלט־ייִכעס. קעגן וואָס־זשע זיינען געווענדעט די „טיינעס", וועלכע מיר הערן פון ראָכעלען, פונקט ווי פון דער „יידישער טאָכטער" פון 1884־טן יאָר?

דעם ענטפער דערויף קאָן מען געבן ערשט דעמאָלט, ווען מע קוקט זיך איין אין שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן צוגאַנג צו דער געשטאַלט פון זיין העלדן ראָכעלע.

צווייערלייאיקע שטריכן טרעפן מיר אין דער שילדערונג פון ראָכעלען. פון איין זייט ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען באַטאָנט, אַז ראָכעלע איז אַ רייכע, באַגאַבטע נאַטור, פון דער צווייטער זייט איז שאָלעם־אַלייכעם געגויגט דאָ און דאָרט צו דערמאָנען, אַז ראָכעלע איז געווען „אַ פּאָשעט יידיש ווייבל, אָן שפּיצלעך, אָן אויבערקעפּלעך, מיט איינעם וואָרט, דאָס, וואָס מע רופט אָן באַ אונדז אַ יידישע טאָכטער". אַז די לעצטע באַהויפּטונג דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אין בוכשטעבלעכן זינען, דערויף גיט שאָלעם־אַלייכעם גענוג דייטלעך אָנצוהערן מיט דעם פאַרגלייך צווישן ראָכעלען און כאַיע־עטלען. אין כאַיע־עטלען האָבן מיר אַ דורכשניטלעכע געשטאַלט פון אַ מיידל אַ „יעסוימע", מיט אַ מומע אַ מאַרשאַס, אַ פעטער אַ רויצייעך און אַן אָפּגענאַרטע ליבע, וועלכע פירט נאָר צו זיפצן און געוויין. אָט די פאַראַלעל־געשטאַלט (כאַיע־עטל די יעסוימע) אילוסטרירט אַמבעסטן די באַגאַבטקייט פון ראָכעלעס נאַטור. אָבער שאָלעם־אַלייכעם ברענגט נאָך אַנדערע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן ראָכעלעס געשטאַלט.

צום ערשטן מאָל זעען מיר ראָכעלען אַף דער כאַסענע באַ בענציען גלאָק. אַרום ראָ־כעלען טומלט מען, מיר זעען שוין דאָ יענע כאַראַקטעריסטישע, גוילעמדיקע, אומנוציקע באַוועגונגען, מיט וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט שפּעטער אַלעמאָל געשילדערט די סוויווע פון „קליינע מענטשעלעך". און דאָ ווערט געשאַפן די ערשטע דיסטאַנץ צווישן ראָכעלען און איר סוויווע. עס וואַרפט זיך אין די אויגן ראָכעלעס שטענדיקע צוריקגעהאַלטנקייט. און שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן ווייטער אַנטוויקלען ראָכעלעס כאַראַקטער, אַרויסגייענדיק פון אָט דעם הויפּט־שטריך: פון דער צוריקגעהאַלטנקייט אירער. שאָלעם־אַלייכעם גיט דערביי ניט קיין „איבערלעבונגען" סטאַם, ער גיט שילדערונגען. און ער הייבט אָן פון דעם „ערשטן און בעסטן", אַף וואָס עס פאַלן ראָכעלעס בליקן — פון אירע באַגעגענישן מיטן מאַן. ראָכעלעס בליקן האָבן אָבער אַזאַ טעווע: זיי רייסן אַראָפּ דעם צודעק פון אַלטע געוויינהייטן און גיבן אַ קוק אַף יעדער זאַך פון דאָס ניי, ווי צום ערשטן מאָל. און אָט אַזוי גלייך ווי צום ערשטן מאָל דערזעט ראָכעלע איר מאַן.

„די לעוואָנע שיינט אַריין דורך אַ פענצטער און אַ לאַנגע ווייסע פּאַסמע פון איר ליכטיקייט פאַלט אַפן בעטל, אַף וועלכן מוישע־מענדל ליגט צעוואָרפן מיטן פּאָנים אַרוף, דאָס מויל אָפן, די אויגן פאַרגלאָצט, דער האַלדז פאַריסן און אַ קנאָפּ, אַ שאַרפער קנאָפּ שטייט אַרויס פונעם גאָרגל, אַז עס איז אַ מיעסע זאַך צו קוקן...

ראָכעלע וויל ניט קוקן—און קוקט פאָרט,—קיינמאָל האָט איר מוישע־מענדל ניט אויס־געוויזן אַזוי העסלעך, ווי אין דערדאָזיקער נאַכט״... [1]

שאָלעם־אַלייכעם וויל צוגעבן דעמדאָזיקן מאָמענט אַ באַזונדערע באַדייטונג, ער פאַר־שאַרפט דאָס בילד ביז אַ גראָטעסק, ער לייגט, אַפּאָנים, אַזאַ גרויס געוויכט אַף דערדאָזיקער סצענע, אַז אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל קערט ער זיך אום ווידער צו דעם, ווי אַזוי ראָכעלע זעט מוישע־מענדלס העסלעכקייט. איז עס נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע דעטאַל? מעג מען דאָ זוכן אויך אַ געוויסע פאַראַלגעמיינערונג? שאָלעם־אַלייכעם וויל דאַפקע געבן אַ פאַראַלגע־מיינערונג. שוין מיט עטלעכע זייטלעך וויטער פרווט ער אַרויספירן ראָכעלען פון דער שטוב־סוויווע, ער שטעלט ראָכעלען אַוועק פּאָנים על פּאָנים מיט אַ גאַנצער שטאָט־סוויווע און מיר פאַרנעמען דאָ קימאַט דיזעלבע טענער, וואָס אין דער שילדערונג פון איר באַגע־געניש מיטן מאַן. אָט איז דערדאָזיקער מאָמענט:

„אַנטקעגן ראָכעלען שטייט דער מאַרק. ער איז ברייט און פּוסט. די קלייטן מיט די רויטע פאַרטעכלעך זײַנען אָפן און ווייבער זיצן אַף פירעקעדיקע ביינקלעך און אַרבעטן אַ זאָק מיט אַ שרעקלעך געשווינדקייט, באַ דער זייט שטייען מולטערלעך מיט יאַגעדעס, מיט קיכלעך און מיט קאָרזשעקלעך און אַ ציג גאַנוועט זיך אונטער און האָט כיישעק צו מאַכן אַ שטיקל אומגליק, נאָר מע דערלאָזט זי ניט. ווייט־ווייט גייען אַ פּאָר אָקסן מיט אַ גרוי־סער פור סנאָפּעס קאָרן, די פור מאַכט אַ מוירעדיקן פּאָראָך אַרום זיך און פון אונטן גייט נאָך אַ קליין שייגעצל מיט אַ גרויס וואַרעם היטל מיט אַ טאָרבע, מיט אַ לאַנגער בייטש און באָרוועס און אַ גרויסער הונט לויפט אים נאָך מיט אַרויסגעשטעלטן צונג. ראָכעלע שטייט און באַטראַכט דאָס גאַנצע וואָכעדיקע אויסזיכט און פאַרגלייכט דאָס מיט איר בלוי־זיידן מאַלבוש, הימל־קאָליר און מיט די פּערעלעך, בראָסלעטן, בראָסלעטקעס, אוירינגלעך, פינ־גערלעך און זי פילט, אַז זי איז עפּעס גאָר ווילד־פרעמד מיט דעמדאָזיקן בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור. עפּעס ניט אַהין, ניט אַהער, ניט מאַרק־יידענע, ניט גראַפינע—גלאַט אַ יידיש קינד, אַ יידישע טאָכטער, פאָטער פון אַלעם. אָט האָט זי זיך אַ מאַן, עסט קעסט באַ די שווער און שוויגער, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, דער מאַן איז אָדער אין בעס־מעדרעש, אָדער אין מאַרק, גייט אַרום מיטן שטעקעלע און זאָגט ווערטלעך. אַצינד שטייענ־דיק אָט דאָ נאָענט צו דער נאַטור, און ווען אפן הארצן איז עפּעס געוועזן אַזוי, ווי קיינ־מאָל ניט, האָט זי זיך קימאַט דאָס ערשטע מאָל אַף איר לעבן גענומען רעכט באַטראַכטן, ווער זי איז, און וואָס זי איז און ס׳איז איר אַרופגעקומען אַפן זינען אַ נייע מאַכשאָווע, אַז ס׳פעלט איר עפּעס, וואָס—ווייסט זי ניט, נאָר עפּעס פעלט איר, עפּעס גייט איר אָפּ״ [2].

אין דערדאָזיקער שטעל, וואָס קומט נאָך גאָר פרי, קימאַט אין אָנהייב פונעם ראָמאַן, וואַרפט זיך אין די אויגן דער ברייטער פאַרמעסט פון דער שילדערונג. שאָלעם־אַלייכעם איז גרייט מיט אָט דעם בילד סימוואָליזירן אַ גאַנצן לעבנס־דורכשניט, דעם גאַנצן שטעטלשן לעבנשטייגער.

אַ כאַראַקטעריסטישע דעטאַל. אין דעם ערשטן וואַריאַנט פון „סטעמפעניו״ הייבט זיך אָן די ערשט־געבראַכטע ציטאַטע מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „מאַזעפּעווקע איז אַ יידישע שטאָט פון מיסכער, אַ פּאַרנאָסע־שטאָט״ און ערשט נאָך דידאָזיקע ווערטער גייט דאָס בילד,

---

1 סט. 30.

2 סט. 24.

וואָס סימוואָליזירט די אינערלעכע פוסטקייט פון מאַזעפעווקער אַרום. שפעטער אין דער „סטעמפעניו״־אויסגאַבע 1903־טן יאָר וואַרפט שאָלעם־אַלייכעם יענע ווערטער אַרויס. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי שאָלעם־אַלייכעמס פאַרלאַנג אונטערצושטרייכן, אַז דאָס, וואָס ס'ווערט געשילדערט אין דעם בילד, האָט ניט צו טון מיט דער עקאָנאָמישער אָרעמקייט פון יידישן לעבן, פונקט ווי שאָלעם־אַלייכעם וואָלט דערמיט וועלן איבערטראָגן דעם שווער־פונקט אַף דער אינערלעכער, אַזוי צו זאָגן, פסיכאָלאָגישער אָרעמקייט פון יידישן לעבן[1]. דער פסיכאָלאָגישער דורכשניט פונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער האָט זיך באַוויזן פאַר ראָכעלען מיט דער גאַנצער „וואָכעדיקער אויסזיכט״, מיט דער אינערלעכער פוסטקייט און פאַרגליווערטקייט. אין דערדאָזיקער „וואָכעדיקער אויסזיכט״ האָט שפעטער מיט פיל יאָרן, מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטן בליק איינגעקוקט זיך ד. בערגעלסאָנס מירעלע[2]. זי האָט פון דערדאָזיקער „אויסזיכט״ איר גאַנץ לעבן די אויגן ניט געקאָנט אָפרייסן, שאָלעם־אַלייכעמס ראָכעלע האָט די ערשטע די „וואָכעדיקע אויסזיכט״ דערזעען, זי האָט אָבער אויך, ווי דער עכטער פראָטאָטיפ פון בערגעלסאָנס מירעלע, דערפילט, אַז זי איז „עפעס ווילד־פרעמד מיט דעמדאָזיקן בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור״.

פון דעם מאָמענט אָן איז שוין די פאַראַלגעמיינערונג אין דער באַלויכטונג פון ראָכעלעס געשטאַלט אַריינגעטראָגן און אויסמיידן עס קאָן שוין שאָלעם־אַלייכעם מער ניט. פאַרקערט, די לאָגיק פון דער האַנדלונג, וואָס שפילט זיך אָפ אינעם ראָמאַן, איז אַזאַ, אַז זי שטויסט שאָלעם־אַלייכעמען נאָך ברענגען נייע און נייע אילוסטראַציעס דערצו, ווי ראָכעלע ווערט „ווילד־פרעמד דער גאַנצער נאַטור״ פון איר אַרומקייט. אַזאַ אילוסטראַציע באַקומען מיר אין קאַפיטל 11. מיר האָבן דאָ ראָכעלעס ערשטע באַגעגעניש מיט דוואָסי־מאַלקע, דער פאַראַלעל־געשטאַלט פונם „סאָכרישן גייסט״ אינעם ראָמאַן. שאָלעם־אַלייכעם גיט דאָ א גראָטעסקיש בילד פון אַ „מאַרק־יידענע״. ער פאַרשאַרפט דאָס בילד ווידעראַמאָל פונקט ווי פריער אין דער שילדערונג פון ראָכעלעס מאַן.

אַזוי־אַרום האָט שאָלעם־אַלייכעם דורכגעפירט די ראָכעלע־שילדערונג דורך דריי וויכטיקע מאָמענטן: דורך דער באַגעגעניש מיטן מאַן, מוישע־מענדל, דורך דער באַגעגעניש מיטן מאַזעפעווקער מאַרק, און ענדלעך, מיט דוואָסי־מאַלקען, אַ בוילעטע פאַרקערפערונג

---

1 קעדיי ווי געהעריק אָפשאַצן דידאָזיקע טענדענץ באַ שאָלעם-אַלייכעמען איז קעדיי צו פאַרגלייכן דאָס מאַרק-בילד, וואָס מיר האָבן נאָר-וואָס ציטירט, מיט אַ מאַרק-בילד אין מענדעלעס „קליאַטשע״. מענדעלע שטעלט אָן זיין אופמערקזאַמקייט אויסשליסלעך אַף די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און ער פאַרענדיקט דאָס בילד אַזוי:

„אָ, ווי שרעקלעך דער מאַרק איז, וויפל צאָרעס, דייגעס, לייד און פוראָניעס, וויפל דערנידערונגען, כאַרפעס, ביזיוינעס, וויפיל פאַלשקייט, שווינדל, שפיצלעך, קנייטשלעך פאַר דעם זינדיקן שטיקל ברויט! אַך: שווער שווער, ביטער קומט אָן דעם מענטשנס פאַרנאָסע!״

(„קליאַטשע״ קאַפּ. XI).

2. ס'איז קעדיי צו באַמערקן, אַז מיר באַגעגענען באַ ד. בערגעלסאָנען אין „נאָך אַלעמען״ אַפילע א גאַנץ ענלעכן אויסדרוק. אין דריטן טייל, ווען מירל פאָרט אַראָפ אַף אַ טאָג צו זיך אין שטעטל אַריין און באַגעגנט זיך ווידער מיט דער שטעטלשער סוויווע, לייענען מיר:

„... אַרום איינס אַזייגער, ווען די אומגעריכטע באַלעגאָלישע פור איז מיט איר אין אָנהייב שטעטל אַריינגעפאָרן, האָט איר פון די אַלטע-באַקאַנטע פאַרמאָרעשכוירעטע הייזער מיטן אַמאָליקן ייעש א בלאָז געטון און דערפילט האָט זי אין זיך צוריק די מיידלשע וואָכעדיקע פוסטקייט, גלייך זי איז קיינמאָל פונדאַנען ניט אַרויסגעפאָרן און איז איצט אַהער ניט געקומען״.

די „וואָכעדיקע פוסטקייט״ — קימאַט ווי דער סינאָנים פון שאָלעם-אַלייכעמס „וואָכעדיקער אויסזיכט״—פיגורירט אונטער פאַרשיידענע נעמען אין אַלע שטעטל-שילדערונג פון „נאָך אַלעמען״. מיר ווילן דאָ אָנווייזן נאָר אַף איין אינטערעסאַנטע שטעטל-שילדערונג באַ בערגעלסאָנען: „נאָך אַלעמען״ ז. 46—45. מיר האָבן דאָרט א צווייפאַכן לייטמאָטיוו: פון איין זייט די מאַרק-פוסטקייט, פון דער צווייטער — די אָפגעפרעמדקייט, וואָס איז דער גרונט-טאָן פון מירעלעס באַציונג צו דער „וואָכעדיקער פוסטקייט״ פון שטעטל. דידאָזיקע צוויי מאָטיוון ווערן אָבער אונטערגעשטראָכן אויך באַ שאָלעם-אַלייכעמס 1) „ער (דער מאַרק) איז ברייט און פוסט״ 2) ראָכעלע איז „גאָר ווילד-פרעמד מיט דעמדאָזיקן בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור״.

פונעם מאַזעפּעווקער מאַרק־שטייגער. אין אַלע דריי פאַלן איז ראָכעלעס פריערדיקע צוריקגעהאַלטנקייט פאַרביטן געוואָרן אַף אַן אינסטינקטיוון ווידערווילן צום מאַזעפּעווקער אַרום, אין אייניקע מאָמענטן, אַפילע אַף אַ באַהאַלטענעם פּראָטעסט.

די געשטאַלט פון דער „פּראָטעסטירנדיקער״ ראָכעלע שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פונעם ראָמאַן, וואָס קאָן שוין איצט ניט פאַרדעקן דעם טיפן דראַמאַטיזם פון דער האַנדלונג.

„ס׳וועט איר נימעס אַזאַ לעבן״[1]—דערציילט שאָלעם־אַלייכעם וועגן זיין העלדין און ער גיט אַכטונג נאָך יעדער רעגע, ווען עס וואַקסט די אַקטיווקייט פון איר נאַטור, דער אומרו פון אירע איבערלעבונגען. פון בילד צו בילד פאַרשטאַרקט זיך איר ווידערווילן צום אַרום און ס׳קומט דערצו, אַז מיר באַקומען אין דעם בוך, וואָס דאַרף דערציילן, ווי ראָכעלע האָט ליב געהאַט, אייגנטלעך, מער אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ראָכעלע האָט פיינט געהאַט.

דער פאַרשאַרפטער ווידערווילן צו דער אַרומיקער סוויווע פאַרכאַפּט אַזוי ראָכעלעס גאַנצע פּסיכיק[2], אַז די ליבע צו סטעמפעניו קומט, אייגנטלעך, ווי אַ מין העכסטער פּונקט פון אָט דעם ווידערווילן צו דער טראַדיציאָנעלער מאַזעפּעווקער סוויווע, ווי דער מאָמענט פון איר, ראָכעלעס, באַפרייונג.

„. . . וואָס ווייטער ציט דאָס זי אַלץ מער אַהין, אַזוי, אַז זי האָט שוין מער קיין זאַך ניט אין זינען; זי זעט פאַר זיך קיין זאַך ניט, נאָר די ביימער פונעם מאָנאַסטירסקע גאָרטן, נאָר סטעמפעניו מיט זיינע פלאַם־פייערדיקע אויגן, הערט קיין זאַך ניט אַכוץ דאָס שיינע זינגען פון די פייגל, וואָס דאָרטן אין גאָרטן, און דאָס געטלעכע שפּילן—סטעמפעניוס. אין דער מינוט איז ראָכעלע אינגאַנצן איבערגעגעבן צו איין געדאַנק—אַהין צו סטעמפעניון, מיט סטעמפעניון, און קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנד זי איינצוהאַלטן אין דערדאָזיקער צייט...״[3]

שאָלעם־אַלייכעם שטעלט זיך אָפּ מיט אַ גרויסער גענויִקייט אַף דידאָזיקע מאָמענטן, ווען ראָכעלע ווערט אינערלעך גלייך ווי באַפרייט שוין פונעם דרוק פון אַרום. אין דעם באַשטייט דאָך דער לירישער כאַראַקטער פון דעם ראָמאַן, וואָס שאָלעם־אַלייכעם פּיקסירט אין אים מער ווי אַלץ די מאָמענטן פון ראָכעלעס אינערלעכער באַפרייונג. און דעם וועג צו אָט דער באַפרייונג גיט איר דער געפיל צו סטעמפעניון.

„אַף דער גאָיִשער גאַס, און אָט דאָ לעבן סטעמפעניון האָט זיך ראָכעלע געפונען אין אַזאַ מין נייער לאַגע, אַז זי האָט זיך גאָר פאַרגעסן, ווער זי איז און וואָס זי איז. דאָ אַף דער שיינער, פרעכטיקער נאַטור האָט זיך ראָכעלע געפילט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין איר לעבן. דער פאַכעד, וואָס איז אַף איר געפאַלן בעשאַס זי איז אַהער געגאַנגען, האָט פלוצים אָפּגעטראָטן פון איר און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס זיינען באַ איר אויסגעוואַקסן פליגל, און זי איז פריי, ווי אַ פייגעלע, און קאָן פליען...״ [4]

מיט דערדאָזיקער סצענע ווערט שאָלעם־אַלייכעמס ראָכעלע, אייגנטלעך, צוגעפירט שוין צום ענדגילטיקן מאָמענט פון איר אינערלעכער באַפרייונג. און דערמיט שליסט זיך אָפּ דער

---

1 סט. 72

2 שאָלעם־אַלייכעם גיט אונדז אין איין אָרט זייער א כאַראַקטעריסטישע דעטאַל: „ראָכעלע וואָס איז בעטעווע ניט געווען קיין בייזע, קיין קאַיסנטע, האָט דעם גאַנצן טאָג געפּייערט אַף אַלעמען און נאָך מער אַף מוישעמענדלען״. (פּט. 69) דערזעלבער איבערגאַנג פונעם עלעמענטאַרן געפיל פון „נימעס״ אין אַ מער אַקטיווער פאָרם איז געגעבן געוואָרן אויך אין קאַפּיטל „אַ שווערע נאַכט״, ווו די גאַנצע פּסיכיק ראָכעלעס לעבט שוין מיט דעם ווידערווילן צו דעם אַרום.

3 סט. 74

4 סט. 69

ערשטער, אַזוי צו זאָגן, העראָישער קאַפּיטל אין „ראָכעלעס ביאָגראַפיע", ווי שאָלעם־אַליי־כעם רופט עס אָן.

ווען מיר זאָלן איצט פּרוּוון פאַרסאַכאַקלען די אַלע שטריכן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אָט דעם ערשטן קאַפּיטל פון ראָכעלעס לעבנס־געשיכטע, וואָלטן מיר דאַרפן קאָנסטאַ־טירן, אַז דאָ שטייט פאַר אונדז א געשטאַלט, וואָס האָט דיזעלבע רעכט צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, ווי דאָס האָט פאַרנומען אין דער רוסישער ליטע־ראַטור די הויפּט־העלדן פון אָסטראָווסקיס דראַמע „דאָס געוויטער"—קאַטערינע. די ענלעכ־קייט באַשטייט הויפּטזאַכלעך דערין, וואָס מיר זעען אין ראָכעלעס לעבן, (און דאָס באַווייזט אַף איר אויפן בענעגייע צו דער רוסישער סוויווע אויך קאַטערינעס לעבן) ווי ס׳האָט פון אינעווייניק גענומען ברעכן זיך דער אייזנפעסטער רעזשים פון דער נעגידיש־באַלעבאַטישער שטוב. ראָכעלעס באַציִונג צו דער נעגידיש־באַלעבאַטישער סוויווע, וואָס רינגלט זי אַרום, ווערט אָביעקטיוו באַ שאָלעם־אַלייכעמען פאַרוואַנדלט אין דעם אויסגאַנג־פּונקט פון אַ קרי־טישער באַציִונג צום גאַנצן פּסיכאָלאָגישן דורכשניט פון מאַזעפּעווקע, צו די אַזויגערופענע „מאָראַלישע יעסוידעס" פון דעם מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער. שאָלעם־אַלייכעמס ראָכעלע האָט די ערשטע דערהייבן איר שטים קעגן אָט דער טראַדיציאָנעלער מאָראַל און דאָס דער־נעענטערט זי טיילוויז צו אָסטראָווסקיס העלדן, קאַטערינע[1].

אָבער דידאָזיקע נאָענטקייט, וואָס קאָן באַשטעטיקט ווערן דורך אַ גאַנצער ריי עפּי־זאָדן און פּסיכאָלאָגישע שטריכן, האַקט זיך אָפּ באַ דעם פינאַל פון די צוויי לעבנס, וואָס פ׳מאַכן דורך ראָכעלע און קאַטערינע. קאַטערינעס פּראָטעסט פאַרענדיקט זיך מיט אַ קאַ־טאַסטראָפע. קאַטערינע קומט אום, זי וואַרפט זיך אַריין אין דער וואָלגע, נאָכדעם, ווי זי איז זיך מיט גרויס כאַראָטע מיסוואַדע פאַרן מאַן אין איר „זינד". ראָכעלע, וואָס מאַכט דורך דעמזעלבן וועג פון כאַראָטע, בלייבט נאָכדעם לעבן, זי קערט זיך אום אין די רייען פון די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס" זי פאַרבלייבט אַ „יידישע טאָכטער".

און אָט דער פינאַל האָט, אייגנטלעך, באַשטימט ניט נאָר דעם גוירל פונעם ראָמאַן „סטעמפּעניו", נאָר אויך שאָלעם־אַלייכעמס אַנטוויקלונג אַף אַ גאַנצן עטאַפּ ווייטער — ביז דער אַנטשטייִונג פונעם בוך „טעוויע דער מילכיקער" (1895). וואָרום געהאַנדלט האָט זיך עס אינעם פינאַל פון „סטעמפּעניו", ניט אָן אַזאַ אָדער אַנדערער ווענדונג אינעם סוזשעט פונעם ווערק. געגאַנגען איז עס אָן עפּעס מער און וויכטיקערס[2].

1 „פּראָטעסטירנדיקע געשטאַלטן" האָט אַף זיין אויפן, ווי ס׳איז באַוווּסט, געפּרוּווט געבן אויך מענדעלע. ווי, לעמאָשל, וועקערן אין דער „טאַקסע". מענדעלע האָט דערביי אָבער קלאָל ניט געוואָלט איינרייסן מיט דער טראַדיציאָנעלער מאָראַל און איר לעבעדיקער פאַרקערפּערונג—דער באַלעבאַטישער אידישער שטוב.

2 אַף דער געצווּנגענקייט פון דעם „פאַרפאַסערס סכעמע", וואָס איז פאַראַן אינעם פינאַל פון „סטעמ-פעניו", האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגעוויזן ש. ניגער. ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן יענעם אויסגע-שפּראָכן-אידעאָלאָגישן מאָמענט, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט געוואָלט באַטאָנען אינעם פינאַל פון „סטעמפּעניו". ש. ניגער פּרוּווט זיך דעם גאַנצן איניען צוריקפירן צו דער פראַגע וועגן שאָלעם-אַלייכעמס קאַמף מיט שאָמערן, „וואָס ווי א שאַרפן קלייזאַיען קעגן אים (שאָמערן), וויל ער (ש"א) שאַפן א ראָמאַן, וואָס זאָל זיין וואָס איינפאַכער און וואָס נעענטער צום לעבן"... (וועגן יידישע שרייבער ז. 79).

אויך דאָ אינעם „פאָרמעלן" צוגאַנג צו „סטעמפּעניו" איז ש. ניגער ווידער אומגערעכט. „סטעמפּעניו", וואָס האָט געזאָלט געבן „עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין", האָט גאָרניט געזאָלט, לויט שאָלעם-אַלייכעמס אופאַסונג, זיין „וואָס איינפאַכער און וואָס נעענטער צום לעבן". ווי עס זעט זיך פון שאָלעם-אַלייכעמס בריוו, האָט ער דאַפקע ניט געהאַלטן, אַז דער ראָמאַן „סטעמפּעניו" איז דורכויס געבויט אַף דעם „עמעס פון לעבן". אַזוי לייענען מיר, לעמאָשל, אין אַ בריוו פון 1905, ווו שאָלעם-אַלייכעם פאַרגלייכט צוויי פּיעסן („צעזייט און צעשפּרייט" און „סטעמפּעניו"): „איך דאַרף אייך זאָגן אָפּריער, אַז בענעגייע דער פּיעסע („צעזייט און צעשפּרייט"—נ. א.) וועט אייך מיסטאַמע אויסקומען אויסשטיין אַ קאַמף דערפאַר, וואָס זי פאַרמאָגט ניט קיין

וועגן אָסטראָווסקיס קאַטערינע האָט דאָבראָליובאָוו אַמאָל געשריבן, אַז איר אומקום „מאַכט אַן אָפּפרישנדיקן איינדרוק“[1].

אין קאַטערינעס אומקום האָט דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט־לעכקייט אין די 60־ער יאָרן פאַרנומען דעם רוף צו אַ גרויסער אַקציע, צו געזעלשאַפט־לעכער טאַט, וואָס פאָדערט קאָרבאָנעס, און באַקומט דאָך אַלץ מער פרישע סטימולן פון די פאָלקס־טיפעניש. געוויס האָט מען אין דער געשטאַלט פון קאַטערינען געזען דעמאָלט מער אַ סימוואָל איידער אַ לעבנשטייגער־פיגור, אָבער פון אָט דער סימוואָלישער געשטאַלט האָט מען פאַרנומען דעם רוף צו רעאַלע מײַסים, צו נייעם געזעלשאַפטלעכן ווילן און איניציאַטיוו.

מער ווי ווען עס איז פריער האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין די 80־ער יאָרן געקאָנט פאַרלאַנגען פון דער ליטעראַטור אַזאַ רוף צו נייעם ווילן, צו אַקטיוו-קעמפערישער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. זיינען דאָך שוין די ערשטע שפּראָצונגען פון אַזאַ ווילן אופגעגאַנגען אין די ערשטע שריט צו אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין די 80־ער יאָרן, אַפילע אין די ווייניק־דיפערענצירטע דעמאָקראַטישע קאַוואָנעס פון אַ טייל פאָלקיס־טיש־געשטימטער אינטעליגענץ האָט זיך געלאָזט פילן דאָס שטייגן פון אַ נייער געזעל־שאַפטלעכער איניציאַטיוו. דאָס האָט מען געפילט אויך אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכע ווערק ביז „סטעמפּעניו“. לויט דעם, ווי דער „העראָיִשער“ טייל פון ראָכעלעס לעבנס־געשיכטע האָט זיך אַנטוויקלט אין אָנהייב פון „סטעמפּעניו“, האָט זיך געלאָזט דערוואַרטן, אַז דאָ באַקומען מיר אַ ווערק, וואָס ווייזט אונדז דאָס יוירן פון פרישע קויכעס אין דער יידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט פון די 80־ער יאָרן און פירט די זוכונגען און דערוואַרטונגען צו אַ געוויסער האַשלאָמע. דאָס איז אָבער ניט געקומען. נאָך מער: דער פינאַל פון „סטעמ־פעניו“ האָט גלייך ווי געזאָלט פאַרטושירן יענעם באַפרייונג־מאָטיוו, וואָס האָט זיך געהערט אין דער גרעסטער העלפט פונעם ראָמאַן. שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך באַמיט אונטערצושטרייכן דעם אידעאָלאָגישן באַטייט פונעם פינאַל. ער האָט אין „נאָכוואָרט“ אַף דעם געבויט די טעאָריע וועגן „יידישן העראָיִזם“. דער ראָמאַן „סטעמפּעניו“ האָט געזאָלט צוריקגעפירט ווערן צו דער אַפּאָ־לאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער“, צו יענער נאַציאָנאַליסטישער סכעמע, וואָס איז אין די 80־ער יאָרן געווען אַ מוז פאַר „אַ שרייבער אַ פּאַטריאָט“[2]. און דאָס אַלעס האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט צו באַשטימען ניט נאָר דעם גוירל פונעם ראָמאַן „סטעמפּעניו“. דאָס האָט געהייסן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געפאַר צו בלייבן באַ דער זייט פון דער גאָרער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם ווייטן אָפּ־קלאַנג פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג אין אַמעריקע און איז מיט זיכערע טריט געגאַנגען צו פערעצעס „יאָנטעוו־בלעטלעך“, צו ד. פינסקיס אַרבעטער־העלדן[3].

עפעקטן... אין איר איז פאַראַן מער עמעס פון לעבן איידער אין דער פריערדיקער („סטעמפּעניו“—נ. א.) האַגאָם אויך ווייניקער פּאָעזיע, ווי אין „סטעמפּעניו“. („ש״א בוך“ ז. 209)

געגאַנגען איז עס, קאָנטיק, ניט אַזוי אינעם „עמעס פון לעבן“, ווי אין אַ באַשטימטער אידעאָלאָגישער ווענדונג באַ דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען: אַוועקגייענדיק פון „לעצאָנעס“, געבן די אַפּאָלאָגיע פון „אידישן גייסט“. און דאָס האָט ש. ניגער ניט פאַרשטאַנען.

1 דאָבראָליובאָוו שרייבט דערביי:

Мы уже сказали, что конец этот кажется нам отрадным; легко понять почему: в нем дан страшный вызов самодурной силе, он говорит ей, что уже нельзя итти дальше, нельзя далее жить ея насильственными мертвящими началами. В Катерине видим мы протест против кабановских понятий нравственности, протест, доведенный до конца, провозглашенный и под домашней пыткой и над бездной, в которую бросилась бедная женщина (Современник 1860 № 10)

2 וועגן „אַ שרייבער אַ פּאַטריאָט“ לייענען מיר באַ שאָלעם-אַלייכעמען אין „שאָמערס מישפּעט“ ז. 57. א. אַנד.

3 ד. פינסקיס העלדן פון אַרבעט-פאָלק, ווי אויך זיין באַוווסטזיניקן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון ארבעט-עקספּלואַטאַציע געפינען מיר שוין אין די 80-יאָרן באַ ש. אַנ—סקי אין זיין גרעסערער דערציילונג „די געשיכטע פון א פאַמיליע“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין 1884 Восход. ווי עס איז באַוווסט, איז דידאָזיקע דערציילונג געשריבן

פאַר אונדז איצט, ווען מיר באַטראַכטן דאָס אָרט פון „סטעמפּעניו" אין שאָלעם־אַליי־כעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג, איז באַזונדערס וויכטיק פעסטצושטעלן, צי האָט די אָנגע־וויזענע סכעמע, די אַפּאָלאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער", אויסגעדריקט עפּעס וועזנטלע־כעס אין שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן שטייגער, אָדער עס איז געווען נאָר אַ צייטווייליקע טענדענץ, וואָס האָט געשטאַמט פון אייניקע זיינע נאַציאָנאַליסטיש־אַפּאָלאָגעטישע שטימונגען אין די 80־ער יאָרן.

ווי ווייט עס לאָזט זיך אורטיילן פון שאָלעם־אַלייכעמס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, איז קלאָר, אַז די אַפּאָלאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער" איז געווען נאָר אַ עפּיזאָד אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. שאָלעם־אַלייכעם האָט אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אַפּאָלאָגעטיק גאַנץ גרינג זיך באַפרייט. אַ באַפרייטער פון די סכעמעס, וואָס זיינען אַלע מאָל אופגעקומען ווי אַ געשפּענסטער פאַר „אַ שרייבער אַ פּאַטריאָט" פון די 80־ער יאָרן, האָט שאָלעם־אַלייכעם שפּעטער באַוויזן צו שאַפן די געשטאַלטן פון טעוויע דעם מילכיקנס טעכטער, וואָס האָבן געצויגן ווייטער דעם באַפרייונג-מאָטיוו פון ראָכעלעס פּראָטעסט. עס איז אָבער קעדיי צו באַמערקן, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט געבראַכט באַ שאָלעם־אַלייכעמען אַ ווערק, וואָס וויל זיין אַ דירעקטע אָפּלייקענונג פון דער אַמאָליקער אַפּאָלאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער". דאָס איז געווען „מאָשקעלע גאַנעוו"—יענער ראָמאַן „אַלאַ סטעמפּעניו", וועגן וועלכן מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט. די אַנאַלאָגיע צווישן די צוויי ראָמאַנען איז ווירקלעך זייער אויסגעשפּראָכן.

אין „מאָשקעלע גאַנעוו" האָבן מיר פאַר זיך ווידער אַ „יידישע טאָכטער", ציר־רעלע, וואָס שטאַמט אויך פון אַזאַ שטוב ווי ראָכעלע פון ראָמאַן „סטעמפּעניו", לויט זייער סאָציאַלן מעהוס זיינען דאָס ווירקלעך ענלעכע פיגורן [1]. אָבער אַנשטאָט די אַמאָליקע סענ־טענציעס וועגן „יידישן הערויִזם" און „יידישער ליבע" פון דער „סטעמפּעניו"־צייט הערן מיר אין „מאָשקעלע גאַנעוו":

„דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס פרעגט ניט קיין קאַשעס, וואָס ווייסט ניט קיין איבערשלאָג, וואָס דאַרף ניט קיין פּיירעש. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס רייסט אייזערנע קייטן, וואָס ברעכט שטאַרקע מויערן, וואָס צעשיידט די נאָענטסטע און בינדט צונויף די ווייטסטע. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס טוט „מעשים אשר לא יעשו"...

און דאָס איז ניט געווען קיין מעליצע. די האַנדלונג פאַרלויפט דאָ, אין „מאָשקעלע גאַ־נעוו" אַף אַזאַ אויפן, אַז דער מאָטיוו פון ליבע, וואָס „צעשיידט די נאָענטסטע און בינדט צונויף די ווייטסטע", אָט דער מאָטיוו, וואָס רייסט זיך דורך צום ערשטן מאָל אין „סטעמ־פּעניו", באַקומט זיין פולשטענדיקע פאַרקערפּערונג. צירעלע, כאַיִם כאָסידס טאָכטער, מאַכט דורך אַ ריי עפּיזאָדן, וואָס זיינען אַלע „מעשים אשר לא יעשו", זי האָט כאַסענע מיט מאָשקעלע גאַנעוו און אין איר לעצטן בריוו צו די עלטערן—ווידער אַ מין אַנאַלאָגיע צו

געוואָרן אַף יידיש (איבערזעצט אַף רוסיש האָט מען זי דערפאַר, ווייל עס האָט זיך ניט געפונען קיין פּאַסיקער פאַרלעגער), און זי בלייבט פאַר אונדז דער איינציקער באַדייטנדיקער קינסטלערישער דאָקומענט, וואָס דערציילט וועגן די סאָציאַליסטיש-באַפאַרבטע שטימונגען אין דער יידישער ליטעראַטור פון די 80-ער יאָרן אין רוסלאַנד.

1 שאָלעם-אַלייכעם דערציילט:

„ניט איינמאָל פלעג זיך צירעלע פאַרטראַכטן אַף דער דאָלע פון אַ יידישער טאָכטער, וואָס האָט אויסגע-זען באַ איר אין די אויגן ווי די דאָלע פון אַ הון אַ קוואָקע, וואָס זיצט אַף די אייער, וואַרעמט זיי אויס ביז סע פּיקן זיך אויס הינדעלעך. נאָכדעם הייבט זי אָן ווידער קוואָקען, טראָגן פרישע אייער...

... און עס האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז מע האָט איר שוין געגעבן אַזאַ מאַן ווי אירע עלטערע שוועס-טער, קעמוי ווי אַ מין עלי-נויעך, אַ שיינער באַל-לאָשן און באַל-טאַנאַך, מיט אַ זיידענעם קאַשקעט אין דער וואָכן און שנייצט די נאָז בעריעש מיט איין פינגער, און זי האָט שוין כאַסענע געהאַט פאַר אים, און זי האָט שוין אָנ-געהויבן קינדלען" (א. אז. וו. מ. ג. 43)

ראָכעלעס לעצטן בריוו פון יעהופעץ — שרייבט זי צו די עלטערן: „און איך בין גליקלעך, עפשער נאָך גליקלעכער פון אַלע מיינע שוועסטער״[1].

אָט אַזוי האָט שאָלעם־אַלייכעם אין 1903־טן יאָר אַף אַ רעטראָספעקטיוון אויפן באַלויכטן די געשטאַלט פון דער „יידישער טאָכטער״ און זיך באַפרייט פון יענע אַפּאָלאָגעטישע מאָטיוון, וואָס זיינען אין 1888־טן יאָר אָנגעקניפּט געוואָרן אין ראָכעלעס געשטאַלט. ניט אומזיסט, אַפּאָנים, האָט שאָלעם־אַלייכעם נאָך אין 1909־טן יאָר נאָך אַ צוואַנציקיעריקער האַפּסאָקע צוטרעטנדיק שרייבן דעם דריטן ראָמאַן פון דער סעריע „יידישע ראָמאַנען״ — „די בלאָנזנדע שטערן״ — געשריבן אין אַ בריוו:

„נאַטירלעך האָבן זיך די אומשטענדן פאַר די צוויינצוואַנציק יאָר שטאַרק געענדערט. עס זיינען אויסגעוואַקסן אויך נייע אידייען. צוגעקומען נייע געטער. געבוירן געוואָרן נייע טיפּן. קורץ, איך האָב קיין כאַראָטע ניט, וואָס איך האָב מיט מיין דריטן ראָמאַן אָביסל פאַרשפּעטיקט. האַלעוויי וואָלט איך איצט געהאַלטן באַ שרייבן יענע ערשטע צוויי ראָמאַנען („סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״—נ. א.) וואָלטן זיי אַנדערש אויסגעזען״[2].

און אַזוי איז עס ווירקלעך געוועזן: אין גאַנג פון זיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג, ווען „עס זיינען אויסגעוואָקסן נייע אידייען״, האָט זיך שאָלעם־אַלייכעם באַפרייט אויך פון דער אַפּאָלאָגיע פון דער „יידישער טאָכטער״. עס איז אָבער געווען אין „סטעמפּעניו״ אויך אַזוינס, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט דירעקט געמוזט פאָרזעצן אין זיין ווייטערדיק שאַפן. דאָס איז געווען יענע ליניע, וואָס האָט זיך אָנגעמערקט אין דער ערשטער „הערצאָגשער״ טייל פון ראָכעלעס לעבנס-געשיכטע. הינטער שאָלעם־אַלייכעמס לייכטער, זאָרגלאָזער קונסט האָט זיך דאָ צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט דער שווערער לעבנס־גאַנג, די פּאָעטישע רייכקייט פון ראָכעלעס נאַטור, דער דראַמאַטיזם פון איר צוזאַמענשטויס מיט דער אַרומיקייט, די אינסטינקטיווע באַוועגונג אַרויסצורייסן זיך פון אָט דעם אַרום. דערפאַר האָט דער אָפּקלאַנג פון דער ראָכעלע־שילדערונג נאָך היפּשע יאָרן שפּעטער ניט אופגעהערט זיך פילן אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן. דערפאַר האָט די ראָכעלע־געשטאַלט באַקומען אויך אַזאַ קענטלעכן אָפּקלאַנג אין אונדזער יונגער ליטעראַטור. באַזונדערס בוילעט קאָן מען דאָס באַמערקן איז ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״.

פאַרביטן איז אין בערגעלסאָנס ראָמאַן דער מאַסשטאַב פון דער האַנדלונג, די געשטאַלט פון דער הויפּט־העלדין מירעלע איז אַריינגעפּאַסט געוואָרן אין אַ ברייטן עפּאָכע־בילד, מיט גאָר נייע פאַקטן און פאַרהעלטענישן, דאָס, וואָס האָט אין ראָכעלען גערעדט מיט דער שפּראַך פון אינסטינקטיווע, אָפּטמאָל־אונטערבאַוווסטזיניקע פאָרגעפילן, האָט אין בערגעלסאָנס מירעלע גערעדט שוין מיט דער שפּראַך פון אומפאַרמיידלעך־קלאָרן און טראַגישניכטערן באַוווסטזיין. עס איז אָבער פאַרבליבן אין בערגעלסאָנס העלדין דער הויפּט־שטריך פון שאָלעם־אַלייכעמס ראָכעלע: די רייכע נאַטור, וואָס האָט איבערגעוואַקסן איר סאָציאַלן אַרום, דער אומרויִקער געמיט, אין וועלכן עס האָט זיך דערהערט דער רוף צו אינערלעכער באַפרייונג, דער גרונט־מאָטיוו פון שאָלעם־אַלייכעמס לירישן ראָמאַן „סטעמפּעניו״.

X

דער ראָמאַן „סטעמפּעניו״, וואָס גיט אַזוי פיל מאַטעריאַל פאַר דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעם, גיט אויך אַ גענוי בילד פון דעם, ווי ווייט עס איז אין דער צייט געגאַנגען זיין מייסטערשאַפט, ווי גרויס עס איז געווען יענער סכום פון קינסטלערישע מיטלען, וואָס האָבן זיך געפונען אין רעשוס באַם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען אין דער צייט פון „סטעמפּעניו״.

---

1 מ. ג. 60.

2 ש״א-בוך, ז. 232.

„סטעמפעניו“ איז דאָס ערשטע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכן פּעריאָד, ווו די פּראַקטיק פון קינסטלערישן שאַפן גייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ „גליקלעכן צופאַל“ און שטרעבט שוין דאָ און דאָרט זיך דערהייבן צו אַ מאַדרייגע פון אַ פּרינציפּ, אַ מין געזעץ פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן שטייגער. אין „סטעמפעניו“ פילט זיך פּלאַנירונג, די ליניען פונעם קינסטלערישן געבייַ זיינען געמאָסטן געוואָרן, ווי מיט אַ צירקול אין די הענט, און אין דידאָזיקע ליניען וויל שאָלעם־אַלייכעם אומבאַדינגט אַריינפּרעסן דעם גאַנצן קינסטלערישן שטאָף. דערבייַ זעט מען, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם אָדער יענעם עפּיזאָד, אָפּטמאָל פון אַ גאַנצער רייַ עפּיזאָדן, אַבי נאָר פאַרהיטן די אינערלעכע גאַנצקייט פונעם ווערק. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס האָט גלייך באַם דערשיינען פון „סטעמפעניו“ באַמערקט די קריטיק. שרייבנדיק אין 1889 יאָר וועגן „סטעמפעניו“, האָט קריטיקוס (ש. דובנאָוו) צום סאָף פון זיין רעצענזיע אין אַ גאַנץ קאַטעגאָרישן טאָן געפאָדערט, אַז אין דעם ראָמאַן זאָל אַריינגעפירט ווערן „וואָס מער עפּיזאָדן און לעבנשטייגער־פּראָטים“ [1]. שאָלעם־אַלייכעם איז אָבער אַף דעם ניט איינגעגאַנגען. ער האָט אויך שפּעטער, ווען עס איז אים אין 1903־טן יאָר אויסגעקומען צו באַאַרבעטן „סטעמפעניו“, ניט פאַרמערט די צאָל עפּיזאָדן, נאָר פאַרקערט, נאָך מער געקירצט, געפּרעסט און געבונדן דאָס, וואָס אין „סטעמפעניו“ איז פאַראַנען. דאָס איז אָבער אין קיין שום פאַל נישט געווען קיין סטירע צום ערשטן אָנפאַנגלעכן פּלאַן פון „סטעמפעניו“. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ נאָר פאָרגעזעצט ווייטער די טענדענץ, וואָס איז געלעגן אין גרונט פון זיין יוגנטלעכן „סטעמפעניו“. פונוואַנען־זשע האָט זיך גענומען דידאָזיקע טענדענץ אין 1888־טן יאָר און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט זי געהאַט פאַר שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג, אינגאַנצן גענומען?

צווייערליי מוסטערן פון יידישן דערציילערישן זשאַנר האָבן אין דער צייט פון „סטעמפעניו“ געקאָנט שטיין פאַר שאָלעם־אַלייכעמס אויגן: פון איין זייט דער מוסטער פון דינעזאָנען און ספּעקטאָרן, וואָס האָבן לעפאָנים זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון „ראָמאַן“ און דערמיט געזאָלט זיין נאָענט צו יענעם טיפּ פון אַ ווערק, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געוואָלט געבן אין „סטעמפעניו“; פון דער צווייטער זייט מענדעלעס ווערק (די, וואָס זיינען דערשינען ערעוו די 80־ער יאָרן), וואָס האָבן איגנאָרירט די געזעצן פונעם אָנגענומענעם ראָמאַן־שטייגער, און האָבן דאָסראָוו זיך געהאַלטן באַ דעם גאַנץ־אומבאַשטימטן זשאַנר פון אַ „לעבנס־באַשרייבונג“.

דער דערציילערישער זשאַנר פון מענדעלעס „לעבנס־באַשרייבונג“ [2], ווו ס'פילט זיך נאָר קאַם־קאַם די אַנטוויקלונג פון אַ לעבעדיקער האַנדלונג, האָט אַמבעסטן געשטימט מיט מענדעלעס אופאַסונג פון דער יידישערווירקלעכקייט. וואָרעם: אויב אונטער האַנדלונג ווערט שטענדיק פאַרשטאַנען דאָס, וואָס געשעט, דאָס, וואָס קומט פאָר, ווערט מענדעלעס האַנדלונג אַלעמאָל דערשטיקט פון דעם באַוווסטזיין, אַז אין דער יידישער סוויווע געשעט גאָרניט, ס'קומט גאָרניט פאָר. מענדעלעס שטרעבן אַריינצוטראָגן האַנדלונג אין זיין ווערק ווערט פאַראַליזירט פון דעם געדאַנק, אַז ס'איז ניטאָ קיין נייס אונטער... דער „יידישער טאָרבע“...

די ראָמאַנען, וואָס ס'האָבן שפּעטער געשריבן דינעזאָן און באַזונדערס ספּעקטאָר מיט שאָלעם־אַלייכעמען, ברענגען טאַקע די ערשטע בסורע, אַז עפּעס „קומט פאָר“ אין יידישן

---

1 ז. B. 28/VII 1889.

2 ענלעך ווי בא מענדעלען, אַנטוויקלט זיך די „לעבנס-באַשרייבונג“ אויך באַ לינעצקין אין „פּוילישע יינגל“. מיר ווילן דאָ אָנווייזן נאָך אַף אַ טיפּישן מוסטער פון אַ „לעבנס-באַשרייבונג“, וואָס איז ביז אַהער, ליידער, געווען ווייניק באַקאַנט. דאָס איז דאָס אַנאָנימע ביכל „דער פאַרבלאָנזעטער אָדער דאָס לעבנס-באַשרייבונג פון וויגדערל בען וויגדערל“, וואָס איז דערשינען 1870 אין וואַרשע (אַרויסגעגעבן פון יויעל מיכל קופּערמאַן המכונה פלמ"ו). זע וועגן דעם אין מיין אַרבעט: „מענדעלעס מיטגייער אין די 70-ער יאָרן“.

לעבן פון סאָף 70 און אָנהייב 80־ער יאָרן. ניט אומזיסט האָט דעמאָלט מ. ספּעקטאָר, וועלנדיק באַווייזן די באַדייטנדיקייט פון זיין צייט, געשריבן:

„ניט נאָר צווישן די מענטשן איז דאָ אַ גרויסער כילעק, נאָר אַפילע צווישן יאָרן. ס'זיינען דאָ אַזוינע יאָרן, אין וועלכע ס'קומען פאָר אַף דער וועלט מיט מענטשן, פעלקער, לענדער אַזוינע נייסן, אַזוינע איבערקערעניש, אַז מ'קאָן קימאַט זאָגן, אַז אַדאַנק די און די יאָרן איז די וועלט געוואָרן גאָר אַ נייע וועלט. ווידער זיינען דאָ אַזוינע פּוסטע יאָרן (אַזוי ווי פּוסטע מענטשן), וואָס ברענגען גאָרנישט און מ'האָט פון זיי מער ניט געזעען ווי קאַלטע, וואַרעמע, שיינע און מיעסע טעג"[1]. מ. ספּעקטאָר האָט דערביי געשטרעבט צו דערווייזן, אַז זיין צייט איז בעשום אויפן ניט די צייט פון „פּוסטע יאָרן". און דערין איז ווירקלעך געווען אַ שטיק עמעס. דער פאַקט גופע, וואָס ניט געקוקט אַף זייער ווידער־ווילן צו שאָמערס ראָמאַנען, האָבן דאָך אי ספּעקטאָר, אי שאָלעם־אַלייכעם געמוזט אָנע־מען דעם טיפּ פון אַ ראָמאַן מיט „העלדן" און מיט אינטענסיווע געשעעניש, — דאָס אַליין האָט געזאָגט אײדעס, אַז עפּעס „קומט פאָר" אין דער אַרומיקייט[2]. דער ניי־איינגעפירטער טיפּ פון אַ ראָמאַן האָט דערציילט וועגן דעם, אַז ס'פאַרשטאַרקן זיך אין דער יידישער סוויווע יענע פּראָצעסן, ווען די סאָציאַלע ענערגיע פון מער־ווייניקער דיפערענצירטע שיכטן הייבט אָן זיך אַקומולירן אין באַשטימטע פיגורן, אויסגעשפּראָכענע אינדיווידוומס. און אין העסקעם מיט אָט די פּראָצעסן האָט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם פּלאַנירט די קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו". שאָלעם־אַלייכעמס קאָמפּאָזיציע האָט שוין דערמיט גופע געמוזט אונטער־שיידן זיך פון מענדעלעס „לעבנס־באַשרייבונג", וואָס דאָ, באַ שאָלעם־אַלייכעמען, האָבן מיר פריער פאַר אַלץ צוויי הויפּט־העלדן — פאָרשטייער פון פאַרשיידענע שיכטן — וואָס פון זייער דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס שאַפט זיך די האַנדלונג פונעם ראָמאַן „סטעמפּעניו"[3]. צווישן די „לעבנס־באַשרייבונגען" פון דידאָזיקע צוויי הויפּט־העלדן — ראָכעלע און סטעמ־פּעניו — מוז איינגעהיט ווערן אַ שטענדיקער גלייכגעוויכט, אַזאַ מין פּאַרהעלטעניש, וואָס זאָל באַווייזן דעם לעזער, ווי נאַטירלעך, ניט געצוווּנגענערהייט ס'אַנטוויקלט זיך דאָס לעבן פון יעדן איינציקן העלד באַזונדער און ווי אומפאַרמיידלעך זיי גייען צו יענער קאָליזיע, וואָס אַנטשטייט פון זייער געווייינטלעכן רעאַלן לעבן. שאָלעם־אַלייכעם האָט אומבאַדינגט געוואָלט איינהיטן דידאָזיקע רעאַלע פּאַרהעלטעניש צווישן ראָכעלען און סטעמפּעניו. דאָס האָט געפאָדערט פון שאָלעם־אַלייכעמען סיי זיין איבערגעגעבנקייט צו רעאַליזם, סיי דער ווידערווילן צו די אומגעלומפּערטע אויסטראַכטעניש פון שאָמערס ראָמאַנען. אָבער דאָס האָט געפאָדערט, אַז די קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" זאָל געבויט ווערן אַף אַ נייעם אויפן, און שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך ווירקלעך מיט גרויס מייסטערשאַפט איינגעגעבן צו געפינען אַזאַ קאָמפּאָזיציאָנעלע פאָרם פאַר זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו". די קאָמפּאָזיציע איז דאָ געבויט אַף אַ שטרענג־אויסגערעכנטער סימעטריע צווישן די באַזונדערע „לעבנס־באַשרייבונגען". לעפּאָנים באַשטייט דער ראָמאַן פון איין גאַנצן שטיק. אינדערעמעסן אָבער איז גרינג צו

1 מ. ספּעקטאָר. „דער יידישער מוזשיק", אויסגאַבע 1921, ז. 199

2 מיר האָבן דאָ ניט די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן אַף דעם עצעם פון דער אַזויגערופענער שאָמער־פּראָבלעם. דאָס וואָלט געפאָדערט פון אונדז א גענויערן אַנאַליז פון אייניקע ליטעראַטור־דערשיינונגען, וואָס גע־הערן מער צו די 70־ער יאָרן. מיר ווילן דאָ נאָר אָנווייזן, אז ס'איז שוין צייט די שאָמער־פּראָבלעם זאָל אופהערן באַטראַכט ווערן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. דאָס איז א פּראָבלעם, וואָס האָט א שייכעס צו א גאַנצן ליטעראַטור־פּעריאָד (דאָס האָט פאַרשטאַנען שוין דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם בעיס ער האָט גע־שריבן זיין „שאָמערס מישפּעט")

3 אין „פּישקע דעם קרומען", ווו מענדעלע האָט שוין געהאַט געפּרווּוט געבן צוויי העלדן—פּישקען און דאָס האָרבאַטע מיידל—זיינען עס דאָך געווען צוויי פיגורן פון איין און דערזעלבער סאָציאַלער שיכט. די שילדערונג האָט זיך געהאַלטן אַף דער עלעמענטאַרער אַנאַלאָגיע פון די לעבנספּאַקטן, און צו קיין ברייט־אַנטוויקלטער „האַנד־לונג" איז אויך דאָס מאָל באַ מענדעלען ניט געקומען.

באַמערקן, אַז דאָס קאַפּיטל „ראָכעלעס ביאָגראַפיע" (9) איז ווייניק פאַרבונדן מיט דער האַנדלונג פונעם ראָמאַן, ס'איז נאָר אַף אַ געלונגענעם אופן איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם ווערק („ראָכעלעס ביאָגראַפיע" פאַרנעמט גאַנצע 4 קאַפּיטלען 9, 10, 11, 12). דאָסזעלבע לאָזט זיך זאָגן אויך וועגן דעם טייל ראָמאַן, וואָס גיט איבער סטעמפעניוס ביאָגראַפיע (דאָס זיינען די קאַפּיטלען 14, 15, 16, 17). אין ביידע פאַלן קומט עס פאָר אַפן זעלבן אופן. אינמיטן דער האַנדלונג שטעלט שאָלעם־אַלייכעם אַריין די „ביאָגראַפיע" פון זיינעם אַ העלד און ער טוט עס דערביי אַזוי, אַז ס'זאָל בלייבן די סימעטריע צווישן ביידע „ביאָגראַפיעס": ביידע פאַרנעמען זיי צו פיר קאַפּיטלען.

מערקווירדיק איז נאָך אַ צווייטער מאָמענט פון סימעטריע אין „סטעמפעניו": די שילדערונג פון אַ וועלכער ס'איז געשטאַלט אין ראָכעלעס סוויווע ווערט אַלעמאָל פאַרבונדן מיט דער שילדערונג פון אַן ענלעכער געשטאַלט אין סטעמפעניוס סוויווע. אַזוי ווערן געפּאָרט קימאַט אַלע פיגורן, וואָס רינגלען אַרום ראָכעלען און סטעמפעניון (די שוויגער־געשטאַלט אַרום ראָכעלען און די שוויגער־געשטאַלט אַרום סטעמפעניו, די קרעמער אַף דער מלאָווע־מאַלקע אַרום ראָכעלעס געשטאַלט און די קלעזמער מיט זייער פאַרברענגען — אַרום סטעמפעניוס געשטאַלט). אַף אַזאַ אופן שטרעבט שאָלעם־אַלייכעם צו שאַפן די נאַטירלעכע פאַרהעלטעניש פון די צוויי לעבנס, וואָס גייען איינס אַנטקעגן אַנדערן ניט געצוווּנגענערהייט, ניט לעשעם „אינטריגע" — נאָר מיטן וועג פון זייער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג. אָבער די אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג האָט אין „סטעמפעניו" נאָך אַ צווייטן גרונט־שטריך: די האַנדלונג ווערט נאָך גאָר פון אָנהייב פונעם ראָמאַן דורכגעדרונגען מיט דראַמאַטיזם. און דאָס האָט ווידער געווירקט אַף דער קאָמפּאָזיציאָנעלער פאָרם פון „סטעמפעניו".

אין דינעזאָנס און ספּעקטאָרס ראָמאַנען האָט די האַנדלונג אויך געפירט צו געוויסע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. זייערע ראָמאַנען זיינען אַפילו באַוואָרנט מיט שוידערלעכע עפּיזאָדן און קאַטאַסטראָפעס, אָבער דאָס אַלעס האָט געשטאַמט פון איין מאָקער: פון מעלאָדראַמע. קיין עמעס־דראַמאַטישע קאָליזיעס האָבן ניט דינעזאָן און ניט ספּעקטאָר — צוליב אַ גאַנצער ריי סיבעס — ניט געקענט אָנטאַפּן אין דער יידישער סוויווע פון זייער צייט. און דערמיט האָט געשטימט אויך די קאָמפּאָזיציאָנעלע צעשוווּמענקייט פון זייערע ראָמאַנען. די איינגלידערונג פון פאַרשידענע זייטיקע דערציילונג־עלעמענטן, ווי דאָס „טאַגעבוך" פונעם הויפּט־העלד („שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" צווייטער טייל, ז. ז. 24—30), די בריוו, וואָס גייען בינטלעכווייז (אין זעלבן ראָמאַן דריטע טייל, ז. ז. 4—17), אָדער אַזעלכע ספּעציפישע „זשאַנרען", ווי „מאַכשאָווועס אין אַ שטילער שמינע־עסרע" (צווייטער טייל, ז. 45) אָדער „אַ לאַנגער ראַזגאָוואָר" (ערשטער טייל, ז. 29) — דאָס אַלעס איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין דינעזאָנס ראָמאַן מיט די געשוווירענע „פיר טיילן". ספּעקטאָרס ראָמאַנען זיינען, אין פלוג, פאַרבליבן באַ דערזעלבער „קאָמפּאָזיציע"[1]. דער „ראָמאַן אָן אַ נאָמען" איז אין דעם זינען אַ גאַנץ גוטער באַווייז. די פאַרבינדונג צווישן די „פיר טיילן" איז שוואַך ביז גאָר. דער העלד וואַנדערט, טאַנצט מיט ניסים פון איין סוויווע אין אַ צווייטער, פון איין לאַנד אין אַ צווייטן און ספּעקטאָרס דערציילונג טאַנצט אויך נאָך, זי היפּערט איבער מער, ווי זי גייט, זי איז פול מיט עפּיזאָדן, וואָס לויפן דורך אָן אַן אינערלעכער פאַרבינדונג, געטריבן פון דעם מעכאַבערס איינציקן פאַרלאַנג: צוגרייטן אַלעס, וואָס איז נייטיק

1 מיר וועלן דאָ אָנווייזן אַף אַ ווערק, וואָס איז דערשינען סאַכאַקל מיט צוויי יאָר פאַר דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק", און האָט פאַרמאָגט אַלע סימאָנים פון שטייפער אייגנאַרטיקער קאָמפּאָזיציע. דאָס איז אַ ווייניק־באַוווּסטע גרעסערע דערציילונג פון שלשום בר יענטע (ש. בערנשטיין), געדרוקט אין זשורנאַל „ישראליק" פון 1875. די דערציילונג הייסט „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך". זע וועגן דעם אין מיין אַרבעט: „מענדעלעס מיטגייער אין די 70-ער יאָרן".

פאַר אַ שיינעם עפּילאָג. די „קאָמפּאָזיציע" פון אַזאַ ראָמאַן האָט, אייגנטלעך, מער ווי אַלץ זיך פאַרלאָזט אַף דעם עפּילאָג, וואָס ווערט אַלעס, וואָס ס'איז פריער דערציילט געוואָרן, פאַרבינדן, באַזיניקן און באַרעכטיקן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אין זיינע ערשטע ראָמאַנען („קינדער־שפּיל", „סענדער בלאַנק") אויך פאַרהיט פיל געוווינהייטן פון דינעזאָנס און ספּעקטאָרס ראָמאַן־שטייגער. מיר געפינען, לעמאָשל, אין „קינדער־שפּיל" אַ גאַנץ גרויסן טייל, וואָס באַשטייט אויסשליסלעך פון בריוו און איז טאַקע אַזוי אָנגערופן: „קאָרעספּאָנדענץ" (דאָס 20 קאַפּיטל)[1]. שאָלעם־אַלייכעם קומט נאָך אָן צום געשוואָרענעם מיטל, ווי אַזוי צו מאַכן לעבעדיק די האַנדלונג: ער לאָזט דעם העלד וואַנדערן. די מעלאָדראַמע איז נאָך אויך היפּש פאַרטראָטן אין דידאָזיקע ווערק און ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלעס האָט זיך געלאָזט וויסן אויך אין דער קאָמפּאָזיציע פונעם ראָמאַן. ערשט אין „סטעמפּעניו" האָט שאָלעם־אַלייכעם צום ערשטן מאָל געפונען די מעג־לעכקייט צום בויען די האַנדלונג פונעם ראָמאַן אַף אַ ברייט־אַנטוויקלטן דראַמאַטישן קאָנ־פליקט און מיט אָט דעם עכטן דראַמאַטיזם פון דער האַנדלונג האָט געשטימט אויך דער נייער טיף פון אַ שטרענגער קאָמפּאָזיציע אין „סטעמפּעניו".

ווען מ'באַטראַכט נאָכאַנאַנד די דערציילערישע עלעמענטן פון „סטעמפּעניו", איבעראַשט אונדז די אויסגערעכנטקייט פון די עפּיזאָדן, וואָס ווערן דאָ געגעבן נאָר אין אַזאַ צאָל און גרויס, אַף וויפל דאָס איז נייטיק פאַר דער האַנדלונג פונעם ראָמאַן. קוים האָט שאָלעם־אַלייכעם געלייגט אין גרונט פון דער האַנדלונג די ליבע, וואָס „צעשיידט די נאָענטסטע און בינדט צונויף די וויטסטע", האָט ער שוין די לעבנשטייגער־בילדער געגעבן נאָר אַף אַזוי פיל, אַף וויפל זיי האָבן געזאָלט געבן די מעגלעכקייט צו אונטערשיידן די „נאָענטע" און „וויטע", ד. ה. די דיפערענצירונג פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן אין דער יידישער סוויווע. מ'זעט אָבער, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט מוירע, אַז די לעבנשטייגער־בילדער זאָלן ניט שטערן דער דראַמאַטישער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג, און די גאַנצע קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" ווערט באַרופן איבערצוגעבן אָט דעם דראַמאַטיזם פון דער האַנדלונג. שאָלעם־אַלייכעם בויט דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו" אין דער פאָרם פון קורצע קאַפּיטלעך, טיילמאָל מאַמעש מיניאַטורן, וואָס פאַרמאָגן די גרעסטע עלאַסטישקייט און בויגיקייט. ווען ס'איז נייטיק צוליב דער בוילעטערער אַנטוויקלונג פון דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט, ווערט דאָס גאַנצע קאַפּיטל פאַרוואַנדלט אין איין שטימונגס־בילד, אַ מין לירישע מיניאַטור. אַנשטאָט די מעכאַבערשע אָנשטעלן פון זיינע פריערדיקע ראָמאַנען (די שמועסן מיטן לעזער א. אַז. וו.) פירט דאָ שאָלעם־אַלייכעם איין קורצע לירישע ווענדונגען. דער טעמפּ פון דער האַנדלונג ווערט דורך דעם פאַרשטאַרקט, פאַרגיכערט און שאָלעם־אַלייכעם באַקומט די מעגלעכקייט אָפּצוּוואַרפן דעם שאַבלאָן פון אַ ראָמאַן אין „פיר טיילן". שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך דאָס מאָל מיט אַ גרינג האַרץ געקענט אָפּזאָגן אויך פונעם „טאָגבוך", פון דער „קאָרעספּאָנדענץ" און פון אַסאַך אַנדערע פרימיטיווע אָנשטעלן פונעם דינעזאָניש־ספּעק־טאָרישן ראָמאַן. מ'פאַרשפּאָרט שוין צווינגען דעם העלד צו וואַנדערן. דער „וואַנדערנדיקער" העלד, וואָס דאַרף מאַכן געשפּאַנט די האַנדלונג, ווערט איבעריק אין „סטעמפּעניו", ווו שאָלעם־אַלייכעם האָט אַנשטאָט דער אויסערלעכער געשפּאַנטקייט פון דער „אינטריגע" צום ערשטן מאָל באַוויזן די ליידנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון אַן עכט דראַמאַטישער קאָליזיע. געבויט אַף דער סימעטרישער פאַראַלעלטעניש צווישן די באַזונדערע „ביאָגראַפיעס" פון די

1 כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז שאָלעם-אַלייכעמס „וועלט-רייזע". דער דריטער טייל פון דער „וועלט-רייזע" איז אַרויס אין 1887-טן יאָר אין אַ באַזונדער ביכל אונטערן נאָמען „די בעסטע יאָרן" און דאָרט טרעפן מיר אַ קאַפּיטל אונטערן נאָמען „אַריע לייבס טאָגביכל", וואָס בילדעט די גרעסערע העלפט פון דער דערציילונג. ווען מיר לייענען אָט דאָס „טאָגביכל", הייבן מיר באַלד אָן צו פאַרשטיין דעם קריטישן מיין פונעם „דנעוונִיק", וואָס איז דאָ נאָר אַ מיטל צום פאַראָדירן די אומגעלומפּערטע „ליטעראַרישקייט" פונעם העלד.

הויפּט־העלדן, האָט די קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" פון די קורצע קאַפּיטלעך געוווּנען די גרעסטע פרייהייט און עלאַסטישקייט. דידאָזיקע קורצע קאַפּיטלעך זיינען אָבער געווען אונטערגעוואָרפן דער איינהייטלעכער דראַמאַטישער קאָליזיע פונעם גאַנצן ווערק, און דאָס האָט געהאָלפן, אַז „סטעמפּעניו" זאָל שאַפן דעם איינדרוק פון אַ שטייפן און פאַרגאַנצטן מייסטערווערק — דעם ערשטן ראָמאַן מיט אַ שטרענגער, אויסגעהאַלטענער קאָמפּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

XI

די שטייפע קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" האָט איידעס געזאָגט, אַז ס'ווערט ביכלאַל מער פאַרשטייפט און דיסציפּלינירט שאָלעם־אַלייכעמס קונסט, זיין אַרט שילדערן און דער־ציילן. און, ווי אַלעמאָל באַ שאָלעם־אַלייכעמען, האָט אויך דידאָזיקע נייע ווענדונג פריער פאַר אַלץ זיך אָפּגעשפּיגלט אַף דעם כאַראַקטער פון זיין הומאָר.

מיר ווייסן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען אין דער צייט פון „סטעמפּעניו" צו פעסטן באַשלוס: אופהערן „אָפּלאַכן" פון יידישן לעבן. אָבער שוין אין אָנהייב פונעם ראָמאַן, ווו די דיסטאַנץ צווישן ראָכעלען און איר סוויווע הייבט אָן אַרויסטרעטן דייטלעך און קלאָר, קאָן שאָלעם־אַלייכעם ניט פאַרמאַכן די אויגן אף די „קליינע מענטשעלעך און די קליינע האַסאָגעס", וואָס רינגלען אַרום זיין הויפּט־העלדן, ס'קומט דערצו, אַז די שיל־דערונג פון ראָכעלען ווערט דער אויסגאַנג־פּונקט פון שאָלעם־אַלייכעמס קריטיש־הומאָריסטי־שער באַציִונג צו מאַזעפּעווקע. אויב שאָלעם־אַלייכעם האָט פריער געקאָנט מוירע האָבן פאַר דער באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס" אָדער אין „אייזיקאַלטער קריטיק", איז איצט אין דער באַגאַבטקייט פון ראָכעלעס נאַטור און איר אויסדערוויילטקייט צווישן די „קליינע מענטשע־לעך מיט קליינע האַסאָגעס" געפונען געוואָרן אַ נייע באַרעכטיקונג פאַר שאָלעם־אַלייכעמס הומאָריסטישן צוגאַנג צום מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער. אָבער דאָס גופא האָט שוין אויך באַטייט, אַז שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר מוז אין „סטעמפּעניו" דורכמאַכן אַ נייע ווענדונג. ביז „סטעמפּעניו" האָט שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר גאַנץ אָפט צוזאַמענגעלעבט מיטן פּעליעטאָ־ניסטשן נוסעך. אין שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע ווערק האָט דאָס פּעליעטאָניסטישע גאַנץ אָפט גערעדט ניט נאָר פונעם טעקסט גופע, נאָר אויך צווישן די שורעס[1]. דאָס האָט זיך געמערקט אויך אין די ראָמאַנען („סענדער בלאַנק", „קינדער־שפּיל"). „סטעמפּעניו" איז קימאַט פריי פון דעמדאָזיקן פּעליעטאָניסטישן בייגעמיש. דאָס באַטייט ניט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ „ערנסטן" שרייבער, וואָס זאָל דער־שטיקן אין זיך די שטים פון זיין „פריילעכן הומאָר". פאַרקערט, שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו" געלאָזט הערן די שטים פון זיין געמיט מער ווי אומעטום. ער האָט זיך דאָ דערלויבט פיל פרייע ווענדונגען (צום לעזער, צו דער „יידישער טאָכטער", צו סטעמ־פּעניון, צו זיך אַליין), אָבער די ווענדונגען זיינען דאָסמאָל ניט געווען אַזוי וואָרליונגעריש, „זאַפּאַניבראַטיש" און אויבערפלעכלעך, ווי אין פיל פון זיינע פריערדיקע ווערק[2]. זיי האָבן אופגעהערט צו זיין פּעליעטאָניסטיש, זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן אימפּרעסיאָניסטיש. אַזעלכע ווענדונגען האָט שאָלעם־אַלייכעם אַריינגעפירט אין „סטעמפּעניו" גאַנץ פיל, זיי

---

1 אין די 80-ער יאָרן האָט נאָך שאָלעם-אַלייכעם אַליין ניט אופגעהערט צו רעדן וועגן זיך, ווי וועגן אַ פּעליעטאָניסט. זע, לעמאָשל, אין פ"ב 1888 № 3.

2 אין אַ פּאָר ערטער פון „סטעמפּעניו" איז דאָך פאַרבליבן אַ קענטלעכער שפּור פון דעם פּעליעטאָניסטישן נוסעך: לעמאָשל, אין דעם קאַפּיטל „דאָס פייער ברענט" (אין דער צווייטער אופלאַגע: „די שווערע נאַכט"), ווו שאָלעם-אַלייכעם באַשרייבט דעם איינדרוק פון סטעמפּעניוס שפּילן אינמיטן דער נאַכט. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז דעראָזיקער טאָן רייסט זיך דורך אין אַ נאַטור-שילדערונג. שאָלעם-אַלייכעם האָט, ווי באַוווּסט, נאָך פיל יאָר שפּעטער געפּיקט זיך אומבאַהאָלפן אין די נאַטור-שילדערונגען.

האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט פריי צו „מאַנעווירירן” מיט עפיזאָדן בילדער און געשטאַלטן. און שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפעניו” ווירקלעך אָפטמאָל געמוזט „מאַנעווירירן”. ער איז דערצו געצוווּנגען געווען דורך דעם, וואָס אין טעקסט פון „סטעמפעניו” איז פאַראַן היפש עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס וואָלט באַ אַן אַנדער קינסטלער געקענט דריקן אַף דעם גאַנג פון דער האַנדלונג. און אָט דאָס ראַנגלען זיך מיטן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אין דעם שאַפן פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען.

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז איינהיטן זיך פון עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל אין אַ קינסטלעריש ווערק איז אין די 80־ער יאָרן געווען נאָך גאַנץ שווער. ס׳איז נאָך פאַר די אויגן דעמאָלט געשטאַנען דער מוסטער פון מענדעלעס ערשטע ווערק, ווו דאָס עטנאָגראַפישע האָט נאָך פאַרנומען אַזאַ אָנגעזעען אָרט. דערצו האָט אין דעם ראָמאַן „סטעמפעניו” דאָס עטנאָגראַפישע געקענט באַרעכטיקט ווערן אויך דורך דעם, וואָס דאָס ווערק האָט געזאָלט, ווי שאָלעם־אַלייכעם ווייזט אָן, געבויט ווערן אַף די „אויסגעצייכנטע לעגענדן”, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געהערט אין פאָלק וועגן דעם קלעזמער סטעמפעניו. ס׳איז געווען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנטיש־באַפאַרבטן פאָלקיזם פון די 80־ער יאָרן — אָנצוהייבן בויען אַ ראָמאַן אַפן גרונט פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל. אָבער דאָס האָט געשטויסן דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אָפגעריסן פון איין געפאַר — פונעם פעליעטאָניסטישן נוסעך, צו אַ צווייטער געפאַר — צו דעם עטנאָגראַפישן נוסעך[1]. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ און דאָרט זיך געראַטעוועט פון עטנאָגראַפישקייט דורך די לירישע ווענדונגען. אָבער דערמיט גויווער זיין די עטנאָגראַפישקייט האָט מען ניט געקענט. און שאָלעם־אַלייכעם קומט דעמאָלט אָן צו זיין שטאַרקסטן געווער — צום פאַרשאַרפטן פסיכאָלאָגישן אַנאַליז.

דאָס ערשטע געבאָט פון שאָלעם־אַלייכעמס פסיכאָלאָגישן אַנאַליז איז די שטרענגע אינדיווידואַליזאַציע. פאַרקערפערט ווערט דאָס אַפן בוילעטסטן אויפן אין דער שילדערונג פון ראָכעלעס געשטאַלט. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין דער שילדערונג פון ראָכעלען האָט זיך די אייגנאַרטיקייט אַלעמאָל אָנגעהויבן פון דעם, וואָס די באַגאַבטע ליידנשאַפטלעכע נאַטור ווערט אַנטפלעקט אין אַ געוויינטלעכער דורכשניטלעכער פרוי, אַ „ווייבל פון טייטש־כומעש”, ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט זי אָן. שאָלעם־אַלייכעם אָבער געפינט דאַפקע פאַר אָט דעם „ווייבל פון טייטש־כומעש” די געהעריקע שפראַך פון טיפע און פאַרוויקלטע פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען. שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן — דער ערשטער — איינפירן דעם מעטאָד צו איבערגעבן פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען מיט דער שפראַך פון פאַרשפיצטער רעפלעקסיע — אַ מעטאָד, וואָס איז נאָכדעם אַזוי ברייט אַנטוויקלט געוואָרן באַ ד. בערגעלסאָנען. ראָכעלעס איבערלעבונג קומט אַלעמאָל ווי אַ „מאַכשאָווע”, אָבער ווי רייך און פילפאַרביק ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען דער פסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון אָט דער „מאַכשאָווע”. אין פלוג, באַטייט דידאָזיקע „מאַכשאָווע” שוין אַ דערוואַכונג־מאָמענט אין דער גאַנצער פסיכיק פון דער העלדין. דער שטענדיקער עפילאָג פון אַזאַ „מאַכשאָווע”

1 דער עטנאָגראַפישער עלעמענט אין „סטעמפעניו” ליגט אויבנויף און לאָזט זיך זייער גרינג צו דערקענען. אַזוי דערוויסן מיר זיך שוין פונעם ערשטן קאַפיטל אַז: 1) באַ יידן, צווישן אונדז ריידנדיק, שעמט זיך דער באַל־מעלאָכע מיט זיין גראַד; 2) א זכיע איז געווען באַ יידן, אַז מ׳האָט געהערט ניסי בעלזער; 3) יידן האָבן ליב מוזיק און פאַרשטייען נעגינע; 4) צאָרעס דאַרף אַ ייד ניט גיין לייען; 5) „דאָס יידישע האַרץ איז אַ פידעלע”; 6) ריידן, טיינען, זינגען מיט אַ געוויין הייסט „אפן יידישן שטייגער”. מיר האָבן בעקיוון געבראַכט דאָ פון ערשטן קאַפיטל עטלעכע מוסטערן פון אַ גאַנץ פאַרשיידענעם כאַראַקטער. זיי פאַרבינדט אָבער איין און דערזעלבער צוגאַנג, וואָס ווערט באַצייכנט מיט די ווערטער „באַ יידן”, „אַפן יידישן שטייגער”. ווי דערדאָזיקער צוגאַנג זאָל ניט וואַריאירט ווערן (שאָלעם-אַלייכעם וואַריאירט אים אין „סטעמפעניו” גאַנץ ברייט), האָט ער אין זיך דאָך אַלעמאָל באַשטימטן עטנאָגראַפישן מאָמענט.

איז דאָס ווענדן זיין צו זיך אַליין, דאָס מאָנען פון זיך אַליין. און אָט אַף דעם האַלט זיך די אינדיווידואַליזאַציע פון דער ראָכעלע־שילדערונג. אַ כאַראַקטעריסטישן מוסטער פון אַזאַ שילדערונג באַקומען מיר אין קאַפּיטל 7:

„און ראָכעלע קערט זיך איבער אַף דער אַנדערער זייט, מיטן פּאָנים צום וואַנט, און טראַכט וועגן דעם גאַנץ שטאַרק. דאָס ערשטע מאָל איז איר אַרוף אַפן קאָפּ אַזאַ מאַכשאָווע".

עס הייבט אָן זיך אַנטוויקלען די „מאַכשאָווע" און דער ריין־לאָגישער עלעמענט, וואָס איז אַריינגעלייגט אין דער „מאַכשאָווע", ווערט פאַרביטן אַף אַן אויסגעשפּראָכן עמאָציאָ־נעלן. די „מאַכשאָווע" באַקומט אַ לירישע באַפאַרבונג, דאָ און דאָרט רעדט זי שוין מיט דער שפּראַך פון אָנגעשטרענגטער רעפלעקסיע.

„אוי, ניט דאָס האָט ראָכעלע געמיינט קאַלעווייז! ראָכעלע, אַז זי איז אַ קאַלע גע־וואָרן, האָט זיך איר אויסגעוויזן... און צום סאָף? צום סאָף זעט זי, אַז אירע אַלע כאַווערטעס לעבן טאַקע אַ גוטן טאָג... און זי?.. און ראָכעלע? עך, ניטאָ וואָס צו רעדן... [1] (געקירצט, קורסיוו אונדזערער — נ. א.)

אַן ענלעכע אַנטוויקלונג פון ראָכעלעס „מאַכשאָווע" האָבן מיר אויך אין קאַפּיטל 13. ראָכעלע זעצט זיך אַוועק באַם פענצטער און באַטראַכט די שאַבעסדיקע מאַזעפּעווקע. עס הייבט זיך אָן אַנטוויקלען ראָכעלעס „מאַכשאָווע":

„דאָס גייען זיי, די יונגוואַרג, אַהין, אַפן שפּאַציר, אַף דער באַרדיטשעווער גאַס. דאָרט וועלן זיי וויזן איינע די אַנדערע זייערע רויטע סטענגעלעך ... דאָרט וועלן זיי כאַפּן אַ קוק... דאָרט וועלן זיי מיט גרויס צניעס אַראָפּלאָזן די אויגן... ראָכעלע ווייסט עס גאַנץ גוט. פאַרוואָס זאָל זי דאָס ניט וויסן? זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ מיידל מיט רויטע און בלויע סטענגעלעך אין די צעפּ... אָבער איצט? ראָכעלע קוקט זיך אַרום. אַלע שלאָפן און כראָפּען געשמאַק, אַלע! נאָר זי אַליין זיצט דאָ, ווי צווישן טויטע, ווי צווישן עמעסע מייסים! (געקירצט, קורסיוו אונדזערער — נ. א.) [2].

דאָ האָבן מיר פאַר זיך דעם שטענדיקן וועג פון ראָכעלעס „מאַכשאָווע". זי פאַרקוקט שטענדיק אין דער פאַרגאַנגענהייט, זי זעצט פאָר דאָס, וואָס זי זעט פאַר זיך, זי ציט עס צו עפּעס אַ סינטעטישן אויספיר, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פרעג־צייכן.

די „מאַכשאָווע" פירט אָפּטמאָל צו אַזאַ מאָמענט, ווען ראָכעלע ווערט אימשטאַנד באַ־טראַכטן זיך אַליין, ווי פונדערווייטנס, זען זיך באַם שיין פון רעפלעקסיע און רעדן וועגן זיך אין דריטער פערזאָן. אַזוי קומט עס פאָר אין דער סצענע, ווען ראָכעלע קוקט אָן די „וואָכעדיקע אויסזיכט" פון מאַזעפּעווקער מאַרק און הייבט אָן טראַכטן נאָכדעם וועגן זיך:

„אָט האָט זי זיך אַ מאַן, עסט קעסט באַ שווער און שוויגער, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, און דער מאַן איז אָדער אין בעסמעדרעש, אָדער אין מאַרק, גייט אַרום מיטן שטעקל און זאָגט ווערטלעך" [3].

באַם שיין פון רעפלעקסיע ווערט אַלעמאָל די „מאַכשאָווע" מער סינטעטיש פאַראַלגע־מיינערט, סאַכאַקלדיק. דערצו קומט נאָך דאָס כאַראַקטעריסטישע אויסלאָזן מיט אַ פרעג־צייכן, עס ווערט פיקסירט דער מאָמענט, ווען די רעפלעקסיע הייבט זיך אָן איבערברעכן אין אַן אַקטיווער דראַמאַטישער אַקציע. און באַם ראַנד פון אָט דער אַקציע גייט אַלעמאָל ראָכעלעס „מאַכשאָווע".

---

1. סט. 17

2. סט. 43—42

זייער אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלייכן אָט די סצענע מיטן אַן ענלעכער אין ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלע־מען" ז. 172. דאָרט האָבן מיר ניט נאָר דיזעלבע „מיזאַנסצענע" (דאָס זיצן איינע אַליין), נאָר אויך דעמזעלבן גאַנג פון דער „מאַכשאָווע", וואָס שטרעבט פאָרזעצן ווייטער דאָס, וואָס מירעלע זעט אַרום זיך.

3. סט. 24

דער פּאַרטיפּטער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, צו וועלכן שאָלעם־אַלייכעם מאַכט אַזעלכע
אַנטשיידענע שריט אין דער שילדערונג פון ראָכעלען, ווערט מיט דערזעלבער אַקשאָנעס—
עמעס ניט מיט דעמזעלבן דערפאָלג—אַריינגעפּירט אויך אין דער שילדערונג פון אַנדערע
פיגורן אין „סטעמפּעניו". ס׳זעט זיך, אַז דאָ האָבן מיר צו טון שוין ניט מיט אַ קאַפּריז פון אַ
יונגן קינסטלער, נאָר מיט אַ זיכערער האַנט פון אַ מייסטער. און אַ באַזונדערן אינטערעס
באַקומט שאָלעם־אַלייכעמס פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז אין „סטעמפּעניו", ווען מע דערמאָנט זיך
אָן דער גרונט־שטימונג, וואָס האָט שאָלעם־אַלייכעמען באַגלייט בעיסן שרייבן „סטעמ־
פּעניו": יענע ראָמאַנטישע שטימונג, וואָס האָט אים נאָכאַנאַנד געשטויסן אַפן וועג פון אי־
דעאַליזאַציע. אַזאַ שטימונג פאַרנעמען מיר גאַנץ אָפט אין „סטעמפּעניו". אַזוי, צום ביישפּיל,
האָט שאָלעם־אַלייכעם לעשעם אידעאַליזאַציע געפּרוווט איבערגעבן ראָכעלעס רעליגיעזקייט,
ער האָט געזוכט צו באַווייזן ראָכעלעס גאָטספאָרכטיקייט און ניט האָבנדיק קיין פּאַסיקע מיט־
לען קעדיי דאָס צו שילדערן (שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך ביכלאַל קיינמאָל ניט איינגעגעבן
צו שילדערן רעליגיעזע נאַטורן), האָט ער פאַרדאָרבן אייניקע סצענעס פונעם ראָמאַן. די
ראָמאַנטישע אידעאַליזאַציע האָט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט אויך די שילדערונג פון דעם
קלעזמער סטעמפּעניו. אָבער אין אייניקע איינגעגעבענע ערטער האָט דער יונגער שאָלעם־
אַלייכעם אין „סטעמפּעניו" געפונען די מעגלעכקייט אַפילע אָט די אופגעשרויפטע ראָמאַנ־
טישע שטימונג צו באַהערשן און פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּאָזיטיוון מאָמענט פון זיין שאַפן.
אַזעלכע פאַלן, ווען די ראָמאַנטישע שטימונג גיסט זיך אָרגאַניש צונויף מיט דער פּסיכאָ־
לאָגישער שילדערונג פון דער אָדער יענער געשטאַלט, טרעפן זיך אין „סטעמפּעניו" ניט
זעלטן. אַהער געהערן אַזעלכע סצענעס, ווי ראָכעלעס „שווערע נאַכט", דער מייסטעריש־
אויסגעפּירטער כאָלעם אירער, די שילדערונג פון סטעמפּעניוס שפּילן אַפן פידל, אייניקע
מאָמענטן פון סטעמפּעניוס וואַנדערונגען, באַזונדער דער אויסלאָז פון קאַפּיטל 15: „אַדיע,
ליכטיקער זומער־אָוונט מיט אַ ווייטן שפּאַציר אונטער דער שטאָט מיט דעם קלעזמערס
טעכטערל! אַדיע, לאַנגע שמעקנדיקע צעפּ, צעלאָזטע האָר, גרויסע קאַרע אויגן! אַדיע, זיל־
בערנע לעוואָנע!" מיר דערקענען דאָ שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנטישע שטימונג, יענעם צו־
גאַנג צום שטעטל־לעבן, וואָס איז נאָכדעם אופגעכאַפּט געוואָרן דורך שאָלעם אַשן. ס׳טוט
מיטאַמאָל אַ פּלייץ מיט נאַטור־בילדער, שאָלעם־אַלייכעמס וואָרט קריגט אַ פּאַטעטישן ביי־
קלאַנג, אָבער שאָלעם־אַלייכעם איז צופיל אַקטיוו קעדיי צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט
באַ אידילישער ראָמאַנטיק, און זי גילט באַ אים אַלעמאָל ניט מער ווי אַלס אַן אַריינפיר צו
אַ שטאַרקערן דראַמאַטישן עפּיזאָד. פון דער ראָמאַנטישער שטימונג פאַרבלייבן אָבער שפּורן:
דאָס איז דער האַלב־פאַנטאַסטישער, האַלב־לירישער קאָלאָריט פון אייניקע סצענעס אין
„סטעמפּעניו"[1]. און דאָס איז ניט געווען דאָס „שאָמערישע" אין שאָלעם־אַלייכעמען—
דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער אויסדרוק פון יענע ראָמאַנטישע שטימונגען, מיט וועלכע
ער איז צוגעטראָטן שרייבן „סטעמפּעניו".

---

1 אַף איינעם אַזאַ פאַל וועלן מיר דאָ אָנווייזן. שוין גאָר פון אָנהייב ראָמאַן, ווען ס׳באַווייזט זיך ראָ־
כעלע, וויל שאָלעם-אַלייכעם אַרום איר שאַפן אַ מין „ראָמאַנטישע ווייטקייט". „אירע שיינע בלאָע אויגן—דערציילט
שאָלעם-אַלייכעם—האָבן געקוקט ווייט - ווייט, ניט אַף סטעמפּעניון, און אירע אויערן האָבן אויסגעהערט פון אים
אַ גאַנץ לאַנגן שמועס". לעכאַטכילע קאָן זיך אויסווייזן, אַז דער מאָטיוו „ווייט-ווייט" איז דאָ אַ צופעליקער. שפּע־
טער אָבער ווערט קלאָר, אז דאָס איז קלאַל ניט קיין צופאַל. אָט קומט די סצענע, ווען ראָכעלע קערט זיך אום
פאַרטאָג אַן אופגערעגטע פון דער כאַסענע, ווו זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט סטעמפּעניון. זי קוקט
זיך אַרום אין דעם באַגינענדיקן שטעטל און שאָלעם-אַלייכעם טראָגט ווידער אַריין דעם מאָטיוו „ווייט-ווייט" („עס
שאַריעט אַף טאָג. ס׳טוט אַ קריי איין האָן און צען אַנדערע האָנען ענפערן אים. ווייט - ווייט לאָזט זיך הערן דאָס
בילן פון אַ הונט...), אָט קומט די סצענע, ווען ראָכעלע באַטראַכט דעם מאַזעפּעווקער מאַרק אין אַ טאַמעזדיקן טאָג
און מיר הערן ווידער: „ווייט - ווייט גייען אַ פּאָר אָקסן מיט אַ גרויסער פור קאָרן..." און אָט טראַכט שוין ראָכעלע
וועגן סטעמפּעניון. „איר פאַנטאַזיע—דערציילט שאָלעם-אַלייכעם—איז צעהיצט און ווידער דאַכט זיך אויס: סטעמ־

XII

אונז בלייבט נאָך זיך אָפּשטעלן אַף אייניקע דערשיינונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס סטיליסטיק אין „סטעמפּעניו“. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער סטיל פון „סטעמפּעניו“ האָט אָפּגעשפּיגלט אלע שאָלעם־אַלייכעמס סימפּאַטיעס און נויגונגען פון די 80־ער יאָרן, און פאָדערט דעריבער אַ גאַנץ ברייטערע אָפּהאַנדלונג. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אַף אַ פּאָר דערשיינונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס סטיל.

שאָלעם־אַלייכעמס סטיל האָט אין „סטעמפּעניו“ געדאַרפט איבערגעבויט ווערן אַף אַזאַ אויפן, אַז ער זאָל אין זיך קענען אַריינעמען דעם גאַנצן דראַמאַטיזם פון דער האַנדלונג, די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון ראָכעלעס געפילן־גאַנג. שאָלעם־אַלייכעם וויל דאָס אַלעס אויסדריקן דאַפקע אין דער טאָגטעגלעכער אומגאַנג־שפּראַך, אין דער שפּראַך פון דער ברייטער מאַסע. ער באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען אָט די שפּראַך צו פּאָעטיזירן, באַרייכערן זי מיט לירישע ניואַנסן, אַריינהויכן אין איר דעם פרישן אָטעם פון זיינע דעמאָלטיקע ראָמאַנטישע שטימונגען—אָבער ער וויל דערביי אַף קיין רעגע ניט אָנקומען צו דער הילף פון טויטע ליטעראַרישע זאַצן, ער וויל דורכויס פאַרבלייבן געטריי דער פאָלק־שפּראַך. די טיפּישע ריידאַרט, די פאָלקסטימלעכע מעטאַפאָרע, דאָס פאָלקסטימלעכע פאַרגלייכעניש, דאָס אַלעס ווערט גענוצט צוליב די צוועקן פון שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנטיש־באַפאַרבטן פאָלקיזם[1].

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו“ געוואָלט געבן עפּעס „העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין“, האָט ער דאָך געזוכט אויסצומיידן דעם סקאַרבאָוון ראָמאַן־לאָשן, די באַנאַלע טיראַדע פונעם „פיינעם באָכער“, דער געשוואָרענעם „העלד“. אים איז טייער געווען אָט דאָס „לעבלעך־וואַרעמע וואָרט“ פון דער אומגאַנג־שפּראַך, וואָס האָט פּערעצן אַזוי שאָקירט אין די 80־ער יאָרן („מאָניש“). אָבער די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך אין „סטעמפּעניו“ צופיל אייגנאַרטיק, אַז מע זאָל זיך קענען באַגיין מיט די רעסורסן פון דער אומגאַנג־שפּראַך, און שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן זוכן נייע אויסדרוק־מיטלען. ער גייט דערביי אַרויס ווידער פון דער אומגאַנג־שפּראַך, נאָר ער זוכט די וועגן ווי זי צו אַקטיווירן, פאַרשטאַרקן איר אויסדריקלעכקייט. ער זוכט מיטלען ווי צוצוגעבן דער שפּראַך אַ באַזונדערן פּאַטעטישן בייקלאַנג. מיר וועלן ברענגען עטלעכע ביישפּילן. אָט ווערט געשילדערט ווי דער אוילעם הערט סטעמפּעניוס שפּילן אַפן פידל. שאָלעם־אַלייכעם שרייבט:

...„פאַרטיפט זיך יעדער אין זיינע געדאַנקען, אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען“.

אָט ווערט געשילדערט סטעמפּעניו אַליין:

...„סטעמפּעניו האָט געהאַלטן אַ דראָשע אַפן פידל—אַ שיינע, לאַנגע דראָשע, אַ רירנדע דראָשע“.

אָט זיינען נאָך אַנדערע ביישפּילן:

...„עטלעכע שנירל פּערל אַפן האַלדז, אַפן ווייסן, אַפן שיינעם האַלדז...“

...„אַ פּאָר ווונדערשיינע, שוואַרצע אויגן, פייערדיקע אויגן, וואָס קוקן אַף איר און נעמען זי דורך ווי שפּיזן, ווי שאַרפע שפּיזן...“

פעניו נעמט זי מיט געוואַלד און פאַרפירט זי ווייט-ווייט (68). מע זעט, אַז שאָלעם-אַלייכעם קומט אָן צו דעם מאָטיוו „ווייט-ווייט“ קעדיי צו שאַפן אַרום ראָכעלען אַ „ראָמאַנטישע ווייטקייט“. גלייכצייטיק אָבער גיט עס צו דער שילדערונג אַ ברייטערן פאַרנעם און עס באַטאָנט אויסגעצייכנט ראָכעלעס אייגנשאַפט: האַלטן שטענדיק פאַר די אויגן אַ ברייטערע פּערספּעקטיוו, די פּערספּעקטיוו פונעם גאַנצן אַרום. אַגעוו, באַנוצט דעמדראָזיקן מאָטיוו „ווייט-ווייט“ גאַנץ אָפט אין „נאָך אַלעמען“ ד. בערגעלסאָן.

1) גענויער וועגן דעם—אין אן אנדער אָרט.

...„זי האָט ליב געהאַט צו הערן מייסעס דערציילן, שיינע, וווּנדערלעכע מייסעס".

...„די מיידלעך ווידער האָבן ליב געהאַט ראָכלען פאַר איר זינגען, פאַר איר שיין זינגען".

...„דער ווינט בלאָזט און פייפט און ס'הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריק געזאַנג".

...„ער איז צו איר געווען ווי אַ ברודער, ווי אַן אייגענער ברודער און צום סאָף איז ער אַוועקגעפאָרן, האָט זי איבערגעלאָזט אַף צאָרעס, ווי אַ פרעמדער, ווי אַ ווילד פרעמדער..."

...„נאָר זי אַליין זיצט דאָ, ווי צווישן טויטע, ווי צווישן עמעסע מייסים..."

... דער אוילעם כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ שלאָף, פון אַ טרויעריקן, נאָר זיסן שלאָף".

מיר וועלן דאָ ניט פאַרמערן די צאָל ביישפּילן — דאָס וואָלט מען געקאָנט טון גאַנץ גרינג — אָבער איין כאַראַקטעריסטישער שטריך וואַרפט זיך אין די אויגן אַפילע אין די געבראַכטע עטלעכע ביישפּילן. קעדיי צו פאַרשטאַרקערן די אויסדריקלעכקייט פון דער געווינלעכער אומגאַנג־שפּראַך, איז שאָלעם־אַלייכעם געניגט פריער פאַר אַלץ צו געבן אַן איבערכאַזערונג און דערביי ענדערן דעם דורכשניטלעכן ווערטער־סיידער. דערביי ווערט עס געטון אין אַלע געבראַכטע פאַלן אַף איין אויפן: אַלעמאָל ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אַף אַ מער אָנגעזעענעם אָרט דער עפּיטעט. דורכגעדרונגען מיט די פאָלקיסטיש־ראָמאַנטישע שטימונגען, וויל דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם אומבאַדינגט, אַז די אומגאַנג־שפּראַך זאָל דורכמאַכן דעם גילגל פון פּאָעטיזאַציע. איבערשטעלן דעם וואָרט־סיידער פונעם געווינלעכן זאַץ אַזוי, אַז אַפן אָנגעזעענסטן אָרט זאָל שטיין דער עפּיטעט — דאָס איז אין שאָלעם־אַלייכעמס אויגן דאָס בעסטע מיטל אַף צו פּאָעטיזירן די אומגאַנג־שפּראַך. שאָלעם־אַלייכעם איז ביכלאַל זייער פאַרגלויבט אין דער ווירקונג־קראַפט פונעם עפּיטעט, האַגאַם באַם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען (אין „סטעמפּעניו") טראָגט עס נאָך אַ גאַנץ פרימיטיוון כאַראַקטער.

ווען מע קוקט זיך צו צו די סינאָנימען, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אַזוי ליב צו באַנוצן — זעט מען, אַז א גרויסער טייל סינאָנימען בילדן די עפּיטעטן. שאָלעם־אַלייכעם איז אַזוי פאַרגלויבט געווען אין דער קראַפט פונעם עפּיטעט, אַז ער איז גרייט געווען אָנקומען צו אים באַ יעדער שווערקייט. און דערפון האָט זיך גענומען נאָך איין כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג, וואָס לאָזט זיך פאַרצייכענען אין שאָלעם־אַלייכעמס סטיליסטיק.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו" געלייגט פיל אַכט — מעגלעך, אַז אומבאַוווסטזיניקערהייט אַפילע — אַף דער ריטמיק פון זיין שפּראַך. די גאַנצע סטרוקטור פונעם ווערק, וואָס האָט געזאָלט זיין גלייכצייטיק אי אַ ראָמאַן, אי אַ פּאָעמע, האָט באַפוילן, אַז אויך אינעם איינצלנעם זאַץ זאָל דאָ אָפּגעהיט ווערן דער סימעטרישער בוי, די ריטמישע מאָס און וואָג, דער ווויִלקלאַנג. באַזונדערס נייטיק ווערט דאָס אין יענע פאַלן, ווען שאָלעם־אַלייכעם וויל איבערגעבן מיט די מיטלען פון דער געוויינלעכער אומגאַנג־שפּראַך דעם אימפּעט פון ראָכלעס געפילן־גאַנג, אָדער די באַגייסטערונג פאַר סטעמפּעניוס פידל־שפּילן. דער גאַנג פון דער שפּראַך הייבט אָן דעמאָלט זיך אונטערוואַרפן יענער ראָמאַנטישער שטימונג, וואָס שאָלעם־אַלייכעם וויל איבערגעבן, און אָט דעמאָלט פאַרנעמט דער עפּיטעט ווידער אַ באַזונדער אָרט אין שאָלעם־אַלייכעמס זאַץ. אָט איז אַ ביישפּיל. אין קאַפּיטל 5. שאָלעם־אַלייכעם גיט דאָ אַ לירישע ווענדונג צו דער יידישער פרוי. ער הייבט אָן מיט די ווערטער: „געבענטשט זייט איר, יידישע ווייבלעך"... ס'איז קלאָר, אַז דער זאַץ מוז זיין דורכגעדרונגען מיט פּאַטעטיק, און מיר לייענען ווירקלעך: ... „און ווי איז צו די מיידלעך,

עבעך, וואָס זיינען געבונדן און געפּענטעט, געהיט און אָפּגעהיט ביז מע דעקט זיי צו דעם קאָפּ און דאַן ווערן די מיידלעך אויך ווייבלעך, אופגעבונדענע, פרייע, גליקלעכע ווייבלעך..."[1] דאָ האָבן מיר ווידער אַ פאַל, ווען, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם זאַך, שטעלט שאָלעם־אַלייכעם אַוועק אַפּן אָנגעזועענסטן אָרט דעם עפּיטעט, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר ניט איינעם, נאָר גאַנצע דריי עפּיטעטן.

ענלעכס זעען מיר אויך אין אַן אַנדער אָרט, ווען שאָלעם־אַלייכעם רופט אויס:

„צו דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער ראָכעלע די שיינע—די שיינע, די רייכע, די ערלעכע ראָכעלע..."

אין אַנדערע פאַלן טוט שאָלעם־אַלייכעם דאָסזעלבע ניט נאָר מיטן עפּיטעט. עס טרעפט אָפּטמאָל, אַז שאָלעם־אַלייכעם פירט אַריין, קעדיי צו פאַרשטאַרקן די אויסדריקלעכקייט פון זיין שפּראַך, אַ דרייפאַכע וואַריאַציע (ווי פריער מיטן עפּיטעט) פון אַ גאַנצן בייזאַץ, און אַמאָל אַפילע פון גאַנצע זאַצן. דידאָזיקע דערשיינונג איז אַזוי פאַרשפּרייט אין „סטעמפּעניו", אַז מע וואָלט זי געמעגט אָנרופן „שאָלעם־אַלייכעם־טריאַדע".

אָט האָבן מיר פאַר זיך די שילדערונג פון ראָכעלעס כאָלעם — איינס פון די אָריגינעלסטע ערטער אין „סטעמפּעניו". ווי אָפט טרעפן מיר דאָ די „טריאַדע"!

...„ראָכעלע קוועלט, לאַכט און זינגט — און סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייטש קאַרעלן..."

...„דער ווינט בלאָזט און פייפט און עס הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריקער געזאַנג..."

...„עס הערט זיך, ווי אַ פידעלע שפּילט, שוין ווידער אַ באַקאַנט פידעלע, סטעמפּעניוס פידעלע."

...„דאָס ווײנט כאַיע־עטל... וואָס ער האָט זי פאַרביטן אַף אַן אַנדערע, פאַרגעסן כאַיע־עטלען, פאַרגעסן...„

...„זי ווײנט, זי יאָמערט, זי קלאָגט — און ווערט פאַרשוווּנדן..."[2]

שאָלעם־אַלייכעם איז, קאָנטיק, אַזוי פאַרגלויבט אין דער „טריאַדע", אַז אין איין פאַל בעסערט ער אַפילע אויס אין 1903־טן יאָר דער ערשטן וואַריאַנט פון 1888 אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען:

...„זי האָט זיך געפילט צווישן אייגענע פרעמד, צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טרייע — פאַרלאָזט..."

אין ערשטן וואַריאַנט פון „סטעמפּעניו" לייענט זיך דער זאַץ אַזוי:

„זי האָט זיך געפילט צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טרייע — פאַרלאָזט"[3].

באַזונדערס לאָזט זיך מערקן די „טריאַדע" אין די שטעלן, ווו שאָלעם־אַלייכעם שילדערט ראָכעלעס אופגערודערטן געמיט־צושטאַנד. מיר טרעפן עס, לעמאָשל, אינעם קאַפּיטאַל „אַ שווערע נאַכט":

...„וואָס האָט ראָכעלע געוויינט?... דאָס האַרץ איז איר שוין פון אַ צייט געווען שווער, זייער שווער. נאָר פלוצים האָט זיך עס צעווייקט, צעגאָסן און אויסגעגאָסן זיך דורך ריקעס טרערן..."

...„ראָכעלע האָט געפילט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז זי איז עלנט, אַז עס גייט איר עפּעס אָפּ, אַז עס פעלט איר עפּעס — נאָר וואָס פעלט איר, דאָס האָט זי ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן..."

---

1 פ"ביב. ז. 155

2 סט. 76.

3 פאַרגלייך נייסטע אויסגאַבע פון „סטעמפּעניו" ז. 176 און סט. 39.

...„וועאַל קולאָם איז ראָכעלע גלאַט געווען צעשרויפּט, צערודערט און פאַר־טומלט די לעצטע צייט״.

...„ראָכעלע... האָט אין זין אַ פרעמדן, באַקומט פון אים בריוו־לעך, באַגעגנט זיך מיט אים — און גאָרניט...״

...„ראָכעלע כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און הערט זיך צו, ווי די שלייפן קלאַפּן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט און די נעשאָמע ציט־ציט״.

...„זי... דערהערט פּלוצים זייער אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ באַקאַנט שפּילן פון אַ באַקאַנט פידעלע...״

...„צו דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער ראָכעלע די שיינע — די שיינע, די ריינע, די ערלעכע ראָכעלע...״

...„עס קלעמט דאָס האַרץ, ציט די נעשאָמע, נעמט אַרויס דאָס כאַיעס — און ראָכעלע שטייט אַ האַלב־נאַקעטע באַם פענצטער און הערט זיך צו...״

...„און עס ווילט זיך איר אין דעם מינוט אייביק שטיין נאָענט נעבן אים, שטיין און אייביק הערן זיין שפּילן, און אייביק זעען זיינע שיינע אויגן״.[1]

מיר האָבן בעקיוון געבראַכט אַזאַ היפּשן ציטאַט, ווייל גראַדע דידאָזיקע אָפּטע איבער־כאַזערונג פון איין און דערזעלבער סטיליסטישער פיגור אין איין קאַפּיטל באַווייזט, אַז דאָ האָבן מיר צו טון ניט מיט קיין צופעליקע דערשיינונג. שאָלעם־אַלייכעמס „טריאַדע״ געפינען מיר ניט נאָר אין די ציטירטע עטלעכע זייטלעך פון „סטעמפעניו״.

אַף דערזעלבער „טריאַדע״ איז אויך געבויט די שילדערונג פון סטעמפעניוס פידל־שפּילן. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ פּאַר זיך אַ מאָמענט פון א שטאַרקן געפילן־גאַנג און ער ווייסט קיין בעסער מיטל ניט, ווי די אָנגעוויזענע „טריאַדע״. די שילדערונג פון סטעמפעניוס פידל־שפּילן קומט אויף דריי מאָל אין פאַרלויף פונעם ראָמאַן, און אַלע דריי מאָל טרעפן מיר די „טריאַדע״. אין אייניקע פאַלן איז זי עטוואָס מאָדולירט, אָבער דאָס וויכטיקסטע — די ריטמישע פיגור, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער „טריאַדע״ — פאַרהיט שאָלעם־אַלייכעם אומעטום.[2]

שאָלעם־אַלייכעם האָט געפּרוווט ווירקן אַף דער שפּראַך פון אינעווייניק, אַריינציענדיק דאָס וואָרט אינעם גאַנג פון אַ נייעם אינטענסיוון ריטם. און אַף אַזאַ אויפן קומט שאָלעם־אַלייכעם אין „סטעמפעניו״ נאָך צו אַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק־מיטל: צו דעם איבערגעכאַ־זערטן רעפרען. אין „סטעמפעניו״ זיינען פאַראַן נאָר אַ פּאָר אַזעלכע פאַלן, ווען שאָלעם־אַלייכעם כאַזערט איבער נאָכאַנאַנד עטלעכע מאָל אַ באַשטימטן, ספּעציעל־אויסגעקליבענעם רעפרען, אָבער דידאָזיקע פאַלן זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם־אַלייכעמס סטיל פון די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז דעם איז קעדיי זיך אָפּשטעלן.

---

1) סט. 69-73.

2) אין „סענדער בלאַנק״, ווו דער פּאָעטיש־ראָמאַנטישער טאָן איז קימאַט ניט פאַראַן, טרעפט זיך זעלטן די „טריאַדע״. איין פאַל, ווען דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם באַנוצט זיין „טריאַדע״, האָבן מיר דאָך אין „סענדער בלאַנק״.

דאָס איז די באַגעגעניש פון רעוועקאַ זעמעל מיטן סטודענט (אין צוג). די באַגעגעניש איז ניט קיין דוי־ערנדיקע, אָבער שאָלעם־אַלייכעם וויל דאָך געבן דאָ אַ באַזונדערע עקספּרעסיע און ער שרייבט:

...„אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אירע אויגן געעפנט, אַ שיינע, א גרויסע, אַ ליכטיקע וועלט!..״

...„אין דער נאַטור האָט אַלעס געבליט, געזונגען, געלעבט — עס איז געווען דעם צענטן מאַי, איר פאַרשטייט?..״

...„רעוועקע... האָט אופגעהויבן אירע אויגן אַף דעם יונגן סטודענט און האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע פייערדיקע אויגן...״

...„אַפן האַרצן איז איר געווען אַזוי גוט, אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרעם, ווי אין דער נאַ־טור...״ (סענדער בלאַנק, אויסגאַבע 1888, ז. 58).

אַזאַ טיפּישן רעפרען באַקומען מיר אין דעם באַשרייבונג פון ראָכעלעס כאַלעם [1].

„ראָכעלע ווערט אַנטשלאָפן און עס כאָלעמט זיך איר, אַז סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייטש קאַרעלן... מוישע־מענדל איז טויט שיקער, פאַרט רייטנדיק אַף אַ קאָטשערע, מאַכט מעשוגענע האַוואַיעס און סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייטש קאַרעלן... ראָכעלע קוקט אַף די ליכט, ווי העל זיי ברענען און זיי לייכטן, און סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייטש קאַרעלן... ראָכעלע קוועלט, לאַכט און זינגט און סטעמפּעניו טוט איר אָן א בייטש קאַרעלן...” [2]

אַ צווייטן פאַל האָבן מיר אין דעם לעצטן קאַפּיטל פונעם ראָמאַן. שאָלעם־אַלייכעם וויל איבערגעבן דעם טרויעריקן פינאַל פון סטעמפעניוס לעבן און עס הייבט זיך אָן כאַזערן דורכאַנאַנד איין רעפרען:

„זי טוט מיר האַרציק־באַנק! — האָט זיך סטעמפעניו מוידע געווען פאַר זיין קאָמפּאַניע קלעזמער — זי טוט מיר האַרציק באַנק אָט דאָס ווייבל!”

ווייטער גייט די שילדערונג פון סטעמפעניוס נידערשלאָגן לעבן און עס שווימט ווידער אויף:

„זי טוט מיר האַרציק באַנק! — זאָגט סטעמפעניו צום הונדערטסטן מאָל פאַר זיין קאָמפּאַניע קלעזמער”.

אָבער דער עפּילאָג צו סטעמפעניוס „לעבנס־באַשרייבונג” איז נאָך ניט פאַרענדיקט, די שילדערונג פון סטעמפעניוס יערידע גייט ווייטער און אָט רייסט זיך שוין דורך ווי אַ געזעגנונג־אַקאָרד דער פריערדיקער רעפרען:

„זי טוט מיר האַרציק באַנק!” טראַכט זיך סטעמפעניו...

דער רעפרען האָט דערנאָך פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין שאָלעם־אַלייכעמס סטיל און דאָסראָוו האָט שאָלעם־אַלייכעם באַנוצט דעם רעפרען אין דער שילדערונג פון שטאַרקע, אינטענסיווע איבערלעבונגען [3].

---

1 אין „יאָסעלע סאָלאָוויי” אין אַן ענלעכער סצענע פון אַ כאָלעם באַגעגענען מיר אויך דעם רעפרען. יאָסעלע שלאָפט איין... „עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער קריכט אַפן באַרג, ער קלעטערט, ער דראַפּעט זיך העכער און העכער און צום שפּיץ באַרג איז נאָך ווייט... ער הייבט אָן צו קריכן אַף אַלע פיר גיך־גיך, טאַקע נאָר ווי אַ שרעטעלע, ער פליט, ער פליט אַלץ העכער און העכער און צום שפּיץ באַרג איז נאָך ווייט... ער כאַפּט א קוק און ווערט דערציטערט פאַר שרעק, דערזעענדיק, וואָס פאַר אַ מעהאַלעך ראָוו ער איז שוין אָפּגעגאַנגען און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ ווייט...” עס איז קאָנטיק, אז שאָלעם־אליכעם קומט אָן צו דעם רעפרען ניט צופעליק, נאָר ווי צו א זיכערן אויסגעפּרוּווטן קונסטמיטל.

2 סט. 75, געקירצט.

3 מיר וועלן ברענגען דאָ א ביישפּיל פון „מאָשקעלע גאַנעוו”. אין קאַפּיטל „טז” שילדערט דאָ שאָלעם־אַלייכעם, ווי אַזוי א יידיש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן אין מאָנאַסטיר אַריין, פאַרברענגט אין גרויס יעסורים א נאַכט. דער לייטמאָטיוו פון דער שילדערונג ווערט געגעבן אין דעם ערשטן זאַץ פונעם קאַפּיטל:

„און אַז זי איז געקומען אין מאָנאַסטיר אַריין האָט זי געוואָלט, אַז דאָס וואָס ס׳דאַרף געשעען, זאָל געשעען וואָס גיכער”.

נאָכדעם הייבט זיך אָן די עצעם־שילדערונג פון צירעלעס ערשטע מינוטן אין מאָנאַסטיר, אין דעם מאָמענט, ווען די שילדערונג ווערט אָנגעזעטיקט מיט א טיפן דראַמאַטיזם, פונקט ווי אין דער סצענע מיט ראָכעלעס כאָלעם אין „סטעמפּעניו”, הייבט אָן שאָלעם־אליכעם באנוצן דעם רעפרען, וואָס איז, אייגנטלעך, ניט מער, ווי יענער לייטמאָטיוו־זאַץ, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל:

„און צירעלע דערמאָנט זיך אין דער היים איטלעכן פּאָנים מיט זיין מינע, און עס פארקלעמט זי באַם הארצן און זי בעט גאָט — אַלץ איינס וואָסער גאָט — אז דאָס וואָס באדארף געשעען, זאָל געשעען וואָס גיכער און... און עס קומען צו איר אלע מאָל אנדערע מענטשן און גרייטן זי צו, זי זאָל זיין פארטיק, און זי בעט גאָט, אז דאָס, וואָס באדארף געשעען, זאָל געשעען וואָס גיכער... און מאקסים טשובינסקי קומט צו גיין... און זי פאלט אים אפן הארצן, וויינט, וויינט פאר גרויס גליק, און פאר שרעק און פאר דעם, וואָס זי טוט, און בעט גאָט, אז דאָס, וואַס דארף געשעען, זאָל געשעען וואָס גיכער”... (מ. ג. 40.) עס איז ניט שווער איינצוזעען, אז מיר האָבן דאָ פונקט דעמזעלבן מעטאָד צו באנוצן דעם „רעפרען”.

מיט די אויבנאָנגעוויזענע דערשיינונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס סטיליסטיק וועדט־ נאַטירלעך, ניט אויסגעשעפּט יענע אייגנאַרטיקייט פון סטיל, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו" אַפּן ערשטן אָרט צווישן אַלע שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכע ווערק. מיר האָבן געוואָלט אָנווייזן נאָר אַף אייניקע פון די מאָמענטן, ווען שאָלעם־אַלייכעמס סטיל, באַקומענדיק אַ שטויס פון די ראָמאַנטיש־פאָלקיסטישע שטימונגען פון „סטעמפּעניו", האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין יענער ריכטונג, וועלכע מיר זעען שפּעטער אין שאָלעם־ אַלייכעמס ווייטערדיקן שאַפן. עס זיינען אָבער געווען אין „סטעמפּעניו" אויך אַזעלכע סטיל־דערשיינונגען, וואָס האָבן ניט געקענט באַקומען קיין פאָרזעצונג אין שאָלעם-אַלייכעמס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אינעם סטיל פון „סטעמפּעניו" האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרט גע־ לאָזט מערקן די לעצטע שפּורן פון יוגנטלעכער רויקייט, ניט־געניטקייט. מאַשמאָעס, אַז דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם איז שוין אַליין אַפילע געווען אַ מייוון אַף דידאָזיקע דעפעקטן פון זיין ליבלינג־ווערק, אָבער באַזייטיקן זיי איז ער דאָך אין די 80־ער יאָרן ניט געווען אימשטאַנד. „סטעמפּעניו" איז דאָך נאָך אַלעמען גרויס דערמיט, וואָס דאָ זעען מיר שאָלעם־ אַלייכעמען ערשט אַף דער שוועל פון זיינע שפּעטער־פאַרווירקלעכטע גרויסע מעגלעכקייטן. שאָלעם־אַלייכעם האָט, אַפּאָנים, עפּעס אַזאַ פאָרגעפיל געהאַט, ווען ער האָט געשריבן אין פאָרוואָרט צו „סטעמפּעניו":

„איך ווייס, ליבער זיידע, איך פיל דאָס ווי נייטיק עס איז געווען איבערצולייטערן „סטעמפּעניו" אין עטלעכע וואַסערן"...

און ער האָט עסווירקלעך „איבערגעלייטערט"[1]. אָבער דאָס איז פאָרגעקומען ערשט אין 1903־טן יאָר, מיט גאַנצע פופצן יאָר שפּעטער נאָך דעם, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו" געזעגנט זיך מיט זיינע יוגנטלעכע שטימונגען און פאַרלאַנגען.

XIII

אין די ביזאַהעריקע קאַפּיטלען פון אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך באַמיט אָנצומערקן אייניקע וויכטיקע עטאַפּן פון שאָלעם־אַלייכעמס אַנטוויקלונג אין די 80־ער יאָרן. עס איז קלאָר, אַז די מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רעשוס באַ היינטיקן טאָג, פאַר־ ענטפערן נאָך ניט דעם גאַנצן סכום פראַגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער עפּאָכע פון שאָלעם-אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. עס לאָזט זיך אָבער שוין אַצינד מאַכן אייניקע אויספירן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אין די פאָריקע קאַפּיטלען.

פאַר אונדז ווערט קוידעמקאָל קלאָר, אַז דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישע טעטיקייט איז פאַרלאָפן ניט אַזוי, ווי מע איז געווינט געוואָרן צו שילדערן: „אָן קיין שום זייטיקע אידעיִשע קאַוואָנעס און טענדענצן"[2].

ווי מיר האָבן אויבן באַוויזן, האָט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם דורכגעמאַכט זיין יוגנטלעכע אַנטוויקלונג אין אַן אַטמאָספער פון אָנגעשטרענגטע זוכונגען[3]. אויסערלעך האָבן דידאָזיקע זוכונגען געקענט טראָגן אַ צופעליקן כאַראַקטער און גאַנץ אָפט זיך באַ־

---

1 זע וועגן דעם מיין אַרטיקל „וואָרט און פאָרם-ענדערונגען אין שאָלעם-אַלייכעמס „סטעמפּעניו" — „יידי־ שע שפּראַך" 2 № קיעוו. 1927 י.

2 י. ד. בערקאָוויטש — ש"א-בוך ז. 318

3 זאָל דאָ אַגעוו, אָנגעוויזן ווערן, אַז דעם ערשטן פּרווו צו באַטראַכטן שאָלעם-אַלייכעמס אידעאָלאָגישע זוכונגען פון די 80-ער יאָרן האָט געמאַכט י. נוסינאָוו אין זיין: „שאָלעם-אַלייכעם אין „יידישן פאָלקסבלאַט" („רויטע וועלט" 1926). ניט געקוקט דערוף, וואָס דער היפּשער מאַטעריאַל פון דעם אַרטיקל איז ניט אומעטום גענוג קאָנטראָלירס און דורכגעאַרבעט געוואָרן, געפינען מיר דאָ אַ גאַנצע ריי וויכטיקע שטריכן צו דער שילדערונג פון שאָלעם-אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג.

ציען נאָר אַף די אָדער אַנדערע פּראָטים [1]. קוקט מען זיך אָבער איין טיפער אין דידאָזיקע „פּראָטים", דערזעט מען שאָלעם־אַלייכעמס אָנשטרענגונג זיך צו אָריענטירן אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון די 80־ער יאָרן, זיין שטרעבן צו געפינען אַן אייגענעם ענטפער אַף די נייע צייט־פראַגן און צייט־איבערלעבונגען. מיר טרעפן דעריבער צו יענער צייט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען ניט נאָר דעם דערציילערישן זשאַנר פון „איבערגעכאַפּטע בריוו", נאָר אויך אַזאַ אויסגעשפּראָכן־דעקלאַראַטיוון „זשאַנר", ווי די „בריוו צו אַ גוטן פריינט" — דער נאָכוואָרט צו „סטעמפּעניו" — אַ מין פּראָגראַם־דאָקומענט, וואָס דערציילט אונדז, מיט וויפל מי שאָלעם־אַלייכעם האָט אין די 80־ער יאָרן געזוכט זיין „אידיי". און וויפיל נאָך ענלעכע דאָקומענטן — האַקדאָמעס צו קינסטלערישע ווערק, קריטישע אַרטיקלען, פּריוואַטע בריוו א. אַז. וו. — דערציילן אונדז וועגן שאָלעם־אַלייכעמס אידעאָלאָגישע זוכונגען, בלאָנדזונישן און אַנטפּלעקונגען פון יענער צייט?...

אין זיינע דעמאָלטיקע זוכונגען לאָזט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם גאַנץ אָפט זיך פירן דורך דער לאַנג שוין אויסגעפורעמטער מענדעלע־טראַדיציע און איר לעבעדיקער פאַרקערפּערונג — דעם „זיידן", צו וועמען ער, שאָלעם־אַלייכעם, פאַרשרייבט זיך פאַר אַ געטריי „אייניקל". אָבער פיל מער, ווי מיט דעם „זיידן", איז שאָלעם־אַלייכעם דעמאָלט אינערלעך פאַרבונדן מיטן דאָר ייִנגערע שרייבער, וועמען עס איז געווען באַשערט צוזאַמען מיט שאָלעם־אַלייכעמען איבערנעמען די איניציאַטיוו אין דער אויפבויונג פון דער יידישער ליטעראַטור נאָך די 80־ער יאָרן. דאָס זיינען געווען פּערעץ, ספּעקטאָר. עמעס, די צוזאַמענאַרבעט מיט זיי האָט ניט באַטייט אַזאַ אַרט פאַרייניקונג פון ליטעראַרישע קויכעס, וואָס שטעלט זיך באַשטימטע, שאַרף־אויסגעשפּראָכענע צוועקן. י. ל. פּערעץ האָט וועגן דער צייט אַנומעלטן דערציילט:

„אין יאָר 1890 איז קאַם געווען דער פונדאַמענט (פון דער יידישער ליטעראַטור — נ. א.). אַ הייפל מענטשן האָבן זיך צו אים געשטעלט, ניט אָפּגערעדט צווישן זיך. איינער האָט דעם צווייטן ניט געקענט, קיינער האָט נאָך קיינעם ניט גערופן. יעדערער איז פון זיך געקומען, זיך אין זיין ווינקל צו דער אַרבעט געשטעלט, ערשט בײַ דער אַרבעט — איינער דעם צווייטן דערזען, פאָרגעשטעלט זיך, די האַנט דערלאַנגט און אָפט — זיך אומגעקערט"... [2]

אָט די שילדערונג, וועלכע פּערעץ האָט (מעגלעך, אַז צוליב זיינע פאַרשאַרפטע באַציונגען מיט שאָלעם־אַלייכעמען) איבערגערוקט אַף אַ פּאָר יאָר פאָרויס, פּאַסט זיך פאַקטיש אויך צו דעם ליטעראַטור־צושטאַנד, וואָס מיר האָבן פאַר זיך סאָף 80־ער יאָרן, אין דער צייט, ווען עס איז דערשינען שאָלעם־אַלייכעמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק". וואָס־זשע האָט פאַראייניקט אָט דאָס „הייפל מענטשן" מיט גאַנץ־פאַרשיידענע קינסטלערישע סימפּאַטיעס און פאַרלאַנגען?

די 80־ער יאָרן, די צייט, ווען אינעם גאַנצן לאַנד אַרום און אַרום הייבט זיך אָן פילן דער אומופהערלעכער וווקס פונעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם, ברענגט אַריין אויך אין דער יידישער סוויווע אַ גאַנצע ריי פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס דיקטירן דעם ייִנגערן דאָר שרייבער נייע אינטערעסן און פאַרלאַנגען. ניט דאָ, אין דער אַרבעט, איז געווען דאָס אָרט נאָכצושפּירן יענעם וועג פון לאַנגזאַמער אָבער אומפאַרמיידלעכער פאַרענדערונג, וואָס קומט פאָר אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער סוויווע אינעם פּעריאָד

1 איינעם אַזאַ „פּראַט" גיט, אַגעוו, אָן י. ד. בערקאָוויטש גופע, ווען ער באַווייזט, ווי שאָלעם-אַלייכעם „וואַרפט זיך אַליין אויף דורכן באַראָן פּיפּערנאָטער, לעמיי ער פאַרשווענדט זיין „סאַטירע" אַף אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי טאַקסע, אַליעס, כסידים, שול-איניאָנים... (ש"א„בוך ז. 317) און דאָס אַלעס, וויל אונדז איינשמועסן י. ד. בערקאָוויטש, קומט בײַ שאָלעם-אַלייכעמען פאָר „אָן קיין שום זייטיקע אידעישע קאַוואָנעס און טענדענצן"...

2 פּערעץ: „געדאַנקען אין דער וועלט אַריין" „דער פריינד" 1911 י. 301 №

ערעוו און אין גאַנג פון די 80־ער יאָרן. מיר האָבן נאָר אָפּגעשטעלט זיך אַף איין וויכטיקסטער געשעעניש פון די 80־ער יאָרן, ווייל אָט די געשעעניש — די פּאָגראָם־קאַטאַסטראָפע — האָט אַף אַן אומגעריכטן אויפן באַלויכטן די „פּיק נייס, פיל פאַרענדערונגען", וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער יידישער סוויווע פאַר דער גאַנצער עפּאָכע, וועלכע מיר האָבן באַהאַנדלט דאָ. די פּאָגראָם־קאַטאַסטראָפע האָט אַף אַ נייעם אויפן באַלויכטן פאַר דעם יינגערן שרייבער דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דער ניט־לאַנג־אופגעקומענער יידישער גרויס־בורזשואַזיע און דער ברייטערער מאַסע פון יידישן קליינבירגערטום און די „אונטערשטע" פאָלק־שיכטן, באַוויזן אין אַן אַנדער שײַן די פאַרהעלטעניש צווישן גרויס־שטאָט און קליינעם שטעטל, צווישן דער „העכערער קלאַסע, וואָס מע רופט דאָס אָן: אינטעליגענציע" און דעם „האַמוין־אַם". שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך געמעגט מיט אַ באַזונדער נייגעריקייט אַרומפאָרן איבער „קליינע שטעטלעך, ווו עס איז קיין אײַזנבאַן לעסאַטע ניטאָ", אָבער אין דער „וועלט־רייזע" (שפּעטער: „דער ערשטער אַרויספאָר") האָט עס געשמעקט שוין מיטן ערשטן אַרויספאָר אין דער וועלט פון גרויסע ניסיוינעס און שטרויכלונגען, וועלכע עס האָט געשפּרייט אַרום דעם קליינעם שטעטל דער וווּקס פונעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם (מיט איין פּאָר יאָר שפּעטער, אָנהייב 90־ער יאָרן, האָט שוין וועגן דעם גאָר אָפּן גענומען ריידן פּערעץ אין זיין פּאָעמע „דער באַלעגאָלע"), נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט, באַ דער סאַמע שוועל פון דער יידישער סוויווע. און דאָס אַלעס האָט געוועקט נײַע פאָרגעפילן באַם יונגן דאָר שרייבער.

אַפּן פאָן פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע, וואָס האָט באַהערשט דאָס דעמאָלטיקע רוסלאַנד, און שטענדיק אונטערן דרוק פון יענע רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן נאָך די פּאָגראָמען אַ פלייץ געטאָן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט דאָס „הייפל מענטשן" געפורעמט דעם נײַעם יעסאָד פאַר דער יידישער ליטעראַטור פונעם נאָך־האַסקאָלע־פּעריאָד. דאָס איז געווען יענע צייט, ווען דער מאַסקיליש־דעמאָקראַטישער אינהאַלט פון דער מענדעלע־טראַדיציע האָט געמוזט וועזנטלעך באַנייט ווערן, אַף אַ נייעם אויפן דערגאַנצט און דערקלערט ווערן. פאַר אָט דער אַרבעט האָט זיך גענומען דאָס „הייפל מענטשן", צו וועמען עס האָט געהערט אויך שאָלעם־אַלייכעם [1]. זיי האָבן גענומען איבערפורעמען די מענדעלע־טראַדיציע אין גייסט פון אַ ניי־אופקומענדיקער עפּאָכע. שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך גאָר באַם אָנהייב פון זײַן טעטיקײַט גענומען זוכן די ריכטיקע אָנווענדונג פאַר זיינע פאָלקיסטישע טענדענצן, גענומען זוכן די נייע וועגן צום אָביעקט פון זיינע ראָמאַנטיש־באַפאַרבטע שטרעבונגען—צום „פאָלק". ער האָט דערביי ניט געקאָנט זיך באַפרידיקן מיטן אָרעמען ביסל דעמאָקראַטישע קאַוואָנעס פון דער כיבאַס־ציען־באַוועגונג, וווהין ער האָט זיך אָפיציעל אַריינגערעכנט. מיט דעם געדאַנק, אַז זײַן באַרוף איז צו שילדערן דאָס „פּראָווינציעלע לעבן פון דער יידישער מאַסע" ווערט באַ דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען שוין פאַרבונדן אַ נייע באַציונג צו דער ברייטער מאַסע, צו דער אָרעמער באַרדיטשעווער גאַס. דערביי קומט אויס שאָלעם־אַלייכעמען, ווי אויך די איבעריקע יינגערע שרייבער פון די 80־ער יאָרן, זיך פאַנאַנדערגיין אין זייער אַ וויכטיקן פונקט מיט מענדעלעס אופּאַסונג פון יידישן מאַסן־לעבן. דעם נייעם דאָר שרייבער הייבט אָן ווערן ענג אין מענדעלעס געדאַנקען־וועלט. דאָס נייע, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכענט די ווענדונג „צום פאָלק" באַם יינגערן דאָר שרייבער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער, דער נייער שרייבער, איז געגאַנגען אין „פאָלק" ניט

1 קימאַט גלייכצייטיק האָט זיך פאַר אָט דער אַרבעט גענומען נאָך אַן אַנדער „הייפל מענטשן" — די רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע. דאָרט האָט זיך עס שוין, עמעס, געהאַנדלט וועגן אַ ראַדיקאַלער איבערבויונג פון דער ליטעראַטור־טראַדיציע אַף נייע יעסוידעס. אָבער אויך באַ מ. ווינטשעווסקי, באַ מ. ראָזענפעלדן לאָזט זיך זען, וויפל אָנציונג־קראַפט עס האָט נאָך געהאַט פאַר זיי די טראַדיציע פון דער מענדעלע־שול אין דער יידישער ליטעראַטור.

נאָר קעדיי צו באַווייזן די שטריכן פון אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרקריפּלונג, נאָר אויך קע־דיי צו זוכן אין דער טיף פון דער פאָלקס־מאַסע פאַרבאָרגענע קרעפטן, שאַפנדיקע קויכעס. דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע געבאָט פון דעמאָלטיקן פאָלקיזם.

מענדעלעס דעמאָקראַטיש־מאַסקילישער צוגאַנג צו דער ברייטער מאַסע הייבט אָן פאַר־ביטן ווערן אַף דעם נייעם צוגאַנג, דעם דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישן, וואָס ווערט דײַטלעך פאָרמולריט ערשט באַ שאָלעם־אַלייכעמען, ספּעקטאָרן, פּערעצן. ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון דער קריטישער באַציִונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט, טראָגט זיך אַרום דער נייער שרײַבער מיט דער פראַגע: „ווו נעם איך אַ העלד?״ — אַ פראַגע, אַף וועלכער שאָלעם־אַלייכעם גיט אין די 80־ער יאָרן זײַן קאַטעגאָרישן ענטפער: „ווער עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אַז העלדן געפינען זיך צווישן אונדזער האַמוין־אַם אַסאַך מער, אַלס באַ אונדזער העכערער קלאַסע, וואָס מע רופט דאָס אָן „אינטעליגענציע״

און דאָס איז בעעמעס געווען אַן אַנטפּלעקונג פאַר דער ליטעראַטור פון די 80־ער יאָרן. מיר באַקומען דאָ שוין דעם אויסגאַנג־פּונקט פון שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקיסטישער ראָמאַנטיק, פון זיין אידעאַליזירנדיקער באַציִונג צו די העלדן פון „האַמוין־אַם״ (דאָס האָט זיך שפּעטער געלאָזט פילן אַפילע אין „טעוויע דעם מילכיקן״), אָבער צו גלייכער צייט שטאַמט פונדאַנען אויך שאָלעם־אַלייכעמס קריטיציזם בענעגייע צו אַנדערע שיכטן, ווי לע־מאָשל, די „קרעמער־וועלט״, דער יידישער גוויר, וואָס רופן אַרויס באַ שאָלעם־אַלייכעמען דעם פאַרשאַרפטן ווידערווילן, אָפטמאָל ביז צו אָפענעם סאַרקאַזם.

און גראָדע אַפן באָדן פון אָט דעם „קריטיציזם״ קומט שאָלעם־אַלייכעם צו אַ האַרבן קאָנפליקט מיט דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין דער יידישער סוויווע פון די 80 ער יאָרן. די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וואָס ווערט צו יענער צייט אויס־געדריקט דורך „געוועזענע סאָציאַליסטן״, „געוועזענע מאַסקילים״ (אַלערליי „געוועזענע״, וועלכע ווילן אין אַזאַרט פון „טשוווע טון״ איינבירגערן אין דער ליטעראַטור אַ גאַנצן סכום נאַציאָנאַליסטיש־אַפּאָלאָגעטישע און סטאַם־קאָנסערוואַטיווע טענדענצן) — זי וויל ניט פאַרליידן קיין „קריטיק״, קיין „סאַטירע״. זי באַצייכנט דאָס אַלעס ווי „לעצאָנעס״, און שאָ־לעם־אַלייכעם, וואָס זינדיקט צו יענער צייט מיט אַזאַ אַרט „לעצאָנעס״, קאָן ניט אויסמיידן דעם קאָנפליקט מיט דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

שאָלעם־אַלייכעם איז, ווי מיר האָבן אויבן געזען, פון אָט דעם קאָנפליקט אַרויס אַ האַלב־באַזיגטער: ער האָט סאָף 80־ער יאָרן גענומען אַרויסבאַווייזן די גרייטקייט זיך אָפּצו־זאָגן פון זיין הומאָריסטישן קונסט־שטייגער, ער איז גרייט צו ווידמען זיין קונסט אויס־שליסלעך דער אידעאַליזאַציע פונעם יידישן לעבנשטייגער.

דער ראָמאַן „סטעמפּעניו״ איז געווען דער בוילעטסטער אויסדרוק פון אָט דעם קרי־זיס, וואָס האָט זיך סאָף 80־ער יאָרן אָנגעמערקט אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. אינעם זעלבן ראָמאַן האָבן מיר אָבער שוין די וויכטיקסטע סימפּטאָמען פון דעם, ווי אַזוי שאָלעם־אַליי־כעם געפינט זיין אויסוועג פונעם שווערן יוגנט־קריזיס.

איינער פון אָט־די וויכטיקע סימפּטאָמען פון שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו״ איז באַ־שטאַנען דערין, וואָס זיין קריטישע באַציִונג צו די דערשיינונגען פונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער האָט ער אופגעהערט אָנצוטרויען דעם געוויסן מין „פּאָזיטיווע העלדן״ אין דער מאַסקילישער ליטעראַטור — די טויט־רעדנדיקע געשטאַלטן פון די וועקערס און פּיקהאָלצס. די ליטעראַטור האָט שוין דאַן לענגער ניט געקאָנט פאַרבלייבן בלויז באַם אָביעקט פון דער „קריטיק״, זי האָט געמוזט באַקומען אין אַ לעבעדיקער פאַרקערפּערונג אויך דעם סוביעקט פון אָטאָ דער „קריטיק״. און דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם מאַכט דעם ערשטן גע־וואַגטן שריט אַף דעם וועג צו אַזאַ אַרט „העלד״. אין דער צייט, ווען פּערעץ איז גרייט געווען אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור די „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייט״ אַפילע

דורך דער געשטאַלט פונעם „מעשוגענעם באַטלען" (1890) — אַבי נאָר דאָס זאָל זיין אַלע־בעדיקע געשטאַלט — האָט שאָלעם־אַלייכעם באַוויזן, ווי די שילדערונג פון ראָכעלען — אַ פולבלוטיקע, לעבעדיקע פיגור — קאָן ווערן דער אויסגאַנג־פונקט פאַר דער קריטיק פונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער[1].

דורך דעם איז אין אַ היפשער מאָס פאַרשטאַרקט געוואָרן די איבערצייגנדיקייט פון דער „קריטיק". זי איז געוואָרן ניט נאָר אַף אַ פובליציסטיש־פראָגראַמאַטישן, נאָר אויך אַף אַ קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישן אויפן איינגעבירגערט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ניט אַלעמאָל האָבן דערביי געקאָנט געניגן די אידעאָלאָגישע פּאָרויסזעצונגען פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמס האָפּערדיקן פּאָלקיזם, — דעמאָלט האָט זיך אינעם ווערק געפילט אַ היפשער בלויז, ווי אינעם פינאַל פון ראָכעלעס לעבן, — אָבער פון דער „קריטיק" גופע האָט זיך דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם שוין ניט געקאָנט אָפּזאָגן.

אין אונדזער אַנאַליז פון „סטעמפעניו" האָבן מיר באַוויזן, וואָס פאַר אַ פאַרוויקלטער קנויל פון סימפּאַטיעס און טענדענצן עס האָט זיך אריינגעוועבט אין אָט־דעם אויסערלעך־נאַיִוון און אידיליש־געפּלאַנטן ראָמאַן. מיר האָבן געזען, ווי שווער עס איז געוועזן דער פאָלקיסטישער ראָמאַנטיק קומען צום וואָרט איבער דער נאַציאָנאַליסטיש־אַפּאָלאָגעטישער טענדענץ, וואָס איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם ווערק. מיר האָבן געזען אויך, ווי אַזוי שאָלעם־אַלייכעם האָט דורכגעמאַכט זיין אָריענטיר־אַרבעט אַפּן וועג צום פאָלקס־מענטש, צום מאַסן־מענטש, ווי ער זוכט אָנצוטאַפּן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די שאַפערישע קויכעס פון דער מאַסע.

שאָלעם־אַלייכעמס אייגנאַרטיקייט איז דערין טאַקע באַשטאַנען, וואָס ער פלעג די אידעאָלאָגישע אָריענטיר־אַרבעט דורכמאכן ערגעץ טיף אין זיך און צום לעזער קומען מיט אַ פאַרטיקן, ליריש־באַגייסטערטן וואָרט, וואָס האָט גלייך ווי אָפּגעווישט פון שאָלעם־אַליי־כעמס ווערק די שפּורן פון אידעאָלאָגישע זוכענישן און בלאָנדזענישן. עס איז צייט אָבער, אַז אונדזער פאָרשונג זאָל גראדע אף אָט די מאָמענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפן ווענדן

---

[1] בעייס אונדזער גאַנצע אַרבעט איז שוין געווען אויסגעזעצט, האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו באַקענען זיך מיט יענעם בריוו צו ראווניצקי („היינט" 1923), ווו שאָלעם-אַלייכעם כאַראַקטעריזירט די העלדן פון „סטעמפעניו". שאָלעם-אַלייכעם שרייבט דאָרטן:

„אין אייער קליינעם איבערבליק האָט איר דורכגעלאָזט אַ פאַרשוין, וואָס זי פאַרנעמט באַ מיר אַן אָרט. איך מיין פריידלען, מיין איך. דען אין „סטעמפעניו" געפינען זיך דריי כאַראַקטערן, אָדער צוויי כאַראַקטערן מיט איין טיפּ: סטעמפעניו מיט ראָכעלען זיינען כאַראַקטערן, און פריידל איז אַ טיפּ פון אַ יידישער שאַכערקע, אַ באַר־דיטשעווער מאַכליאַרקע פאָ פריראָדיע, פאָ ווטוטרעניעמו סקלאַדו, פאָ פריזוואַניו. קלאָמפערשט שפּילט זי דאָרט באַ מיר אַ צווייטע ראָלע, נאָר געמיינט האָב איך זי זייער און זייער! פריידל איז אַ ט י פּ, מאַכמעס אַזעלכע יידישע ווייבלעך איז דאָ אַסאַך באַ אונדז. סטעמפעניו איז אָבער געווען איינער נאָר באַ אונדז, דערום איז ער אַ כאַראַקטער דאָס הייסט אַ יויצע מין האקלאל. אויך ראָכעלע, די ערלעכע נעשאָמע, וועלכער איך האָב אַוועקגעשיינקט אַלע מיינע סימפּאַטיען, איז אַ כאַראַקטער; ניט פיל איז דאָ אַזעלכע ווייבלעך; דאָס הייסט ערלעכע דריפקעס מיט קאָרבן־מינכעס, פאָזשאַלוי, וועט איר געפינען, אָבער אַזעלכע ווייבלעך מיט אַזעלכע געפילען, מיט אַזעלכע פּאָעטישע נייגונגען און מיט אַזאַ ליבלעך האַרץ און מיט אַזאַ פרומקייט, עמעס יידישע פרומקייט — איז נישטאָ קיין סאַך. דערום דאַרף מען זי באַטראַכטן ווי אַ כאַראַקטער „היוצא מן הכלל".

מיר האָבן דאָ ניט די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן געניַיער אַף אָט דעם וויכטיקן דאָקומענט. מיר ווילן נאָר אָנווייזן, אַז דאָ ווערט באַשטעטיקט אונדזער פריערדיקער אַנאַליז, ווו מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דעם: 1) אַז די געשטאַלט פון פריידלען האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו פאַראַלגעמיינערן, פאַר־שטעלנדיק פריידלען ווי אַ טיפּישע פאַרקערפּערונג פונעם „סאָכרישן גייסט" אין מאַזעפּעווקער סוויווע, 2) אַז זיין ראָמאַן „סטעמפעניו", ווו ער האָט געוואָלט געבן „עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין", האָט שאָלעם-אַליי־כעם געבויט אַף דער האַנדלונג צווישן „אויסדערוויילטע", באַגאַבטע נאַטורן, — ראָכעלע און סטעמפעניו — וואָס שטייען העכער פון דער אַרומיקער סוויווע און שטייגן אַריבער דעם געוויינלעכן דורכשניט פון מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער.

איר אופמערקזאַמקייט, וואָרעם אָן דעם וועט פאַר אונדז קיינמאָל ניט מעגלעך זיין ווי געהעריק צו פאַרענטפערן דעם גאַנצן סכום פראַגן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַלגע־מיינער פראָבלעם פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

קיעוו 1927—1926.

———

קירצונגען אין טעקסט.

צ. א. פון ש״א—זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שאָ-לעם-אליי‌כעמען״ פעטראָגראַד 1917.

B—Восход

פ״ב—„יידישעס פאָלקסבלאַט״.

Ев. Ст.—Еврейская Старина

ש. מ.—„שאָמערס מישפעט״ באַרדיטשעוו 1888

פ״ביב.—„יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ אונטער דער רעדאַקציע פון שאָלעם-אַלייכעם, ערשטער באַנד—1888, צווייטער באַנד—1889.

סט.—„סטעמפעניו״, ערשטער וואַריאַנט, געדרוקט אין „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ ערשטער באַנד.

מ. ג.—„מאָשקעלע גאַנעוו״, געדרוקט אין „יידי-שער פאָלקס-צייטונג״ 1903. ווערט בא אונדז ציטירט לויט דער אויסגאַבע „קולטור-ליגע״ (קיעוו 1927).

ש״א-בוך—שאָלעם-אַלייכעם-בוך (ניו-יאָרק, 1927)

———

מ. ווינער

די ראָל פון שפּראַך-פאָלקלאָר אין דער יידישער ליטעראַטור

(פון עטיודן צו אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שלוימע עטינגער)

1. אריינפיר. די פּראָבלעם־שטעלונג

אין שלוימע עטינגערס ווערק, וואָס באַטייטן אַ ווענדפּונקט אינעם איבערגאַנג פון נאַיִוו־שטייגערישן רעאַליזם צום קינסטלערישן רעאַליסטישן סטיל, וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס גראָד יענע פיגורן, צו וועלכע דער אַווטאָר האָט אַ נעגאַטיווע באַציִונג, און קימאַט נאָר אָטאָ די, לעמאָשל: סערקעלע, גאַוריל הענדלער, יויכענען שאַדכן, שמעלקע טרויניקס א. אז. וו. באַנוצן אין זייערע רעפּליקעס באַזונדערס אַסאַך שפּראַך־פאָלקלאָר [1], ד. ה. סטערעאָטיפּישע, פיקסירטע פראַזעאָלאָגיע: רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, קאַנאָנישע פאַרגלייכענישן א. אַז. וו. מיר זעען דאָס נישט בלויז אין „סערקעלע", נאָר אויך אין די „מעשאָלים" [2] עטינגערס. בא אָטאָ די פיגורן זיינען פאַראַן רעפּליקעס, וואָס באַשטייען אייגנטלעך אינגאַנצן פון אַ קייט קונציק צונויפגעפלאָכטענעם שפּראַך־פאָלקלאָר [3]. געוויינלעך קאָנסטאַטירן מיר דאָס באַ יענע פיגורן, וואָס זיינען זייער ספּעציפיש־עטנאָגראַפיש אויסגעפורעמט, יידישלעך־פרומלעכע, הינטערשטעליקע, אָדער בייזוויליקע אינדיווידן פון „אַלטן דאָר", פון וועלכע עטינגער וויל, מיט זיין קימאַט גוטמוטיקער איראָניע, קריטיקירנדיק אָפּשפּעטן. די „אופגעקלערטע", „געבילדעטע" פאַרשוינען און די אַנדערע פּאָזיטיווע פיגורן, לעמאָשל, די מעשאָרסים, באַנוצן זעלטן פאָלקלאָריסטישע פראַזעס.

שפּראַך־פאָלקלאָר אין דער ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנדטייל פון רעאַליסטישן נוסעך. אין אָנהייב איז דער כאַראַקטער פון אַ נייער אָדער באַנייטער ליטעראַטור געוויינלעך רעאַליסטיש. דיזעלבע סיבעס, וואָס פירן אַרופ אַ פאָלקסשפּראַך אין דער ספערע פון בוך־ליטעראַטור, דער איבערקערערישער דראַנג און די שטרעבונג אופצוהייבן עקאָנאָמיש און קולטורעל אַ באַשטימטן סאָציאַלן אָדער פּאָליטישן שיכט און אים אומאָפּהענגיק צו מאַכן פון די הערשנדיקע שיכטן — אָטאָ דיזעלבע סיבעס פירן מעמיילע אויך צום שטייגערישן, כאָטש דערווייל נאָך פרימיטיוון רעאַליזם, ווי צו אַ מיטל אַף קריטיקירן דעם סאָציאַלן אָדער מעלוכיש־פּאָליטישן סיידער. פון דער אַנדערער זייט אָבער פירן אין אָנהייב טאַקע אויך דיזעלבע סיבעס צו אַ פאָלקיסטישער, ראָמאַנטישער באַציִונג צו דער שפּראַכלעכער „עטנאָגראַפיע" מיט אַלע אירע פליטערלעך. נישט בלויז ווייל מע מוז אין אָנהייב שרייבן

1 זע די סטאַטיסטיק אין די „צוגאָבן און אָנמערקונגען" אפן סאָף פון דער אָפּהאַנדלונג (פון ז. 104 און ווייטער) I. „באַשטאַנד פון שפּראַך-פאָלקלאָר אין עטינגערס „סערקעלע".

2 זע דאָרט אָנמערקונג ז. 121

3 דאָרט.

אַזוי ווי מען רעדט און ווי די צונג לייגט זיך גראָד, קעדיי ביכלאַל קאָנען שרייבן אין אַ ליטעראַריש נאָך נישט אָדער וויניק פיקסירטער שפּראַך, נאָר אויך ווייל עס איז אַכוץ דעם טאַקע נאָר פאַראַן אַ בעפיירעשע סענטימענטאַלע נעטיע צו אָטאָ דעם פאָלקלאָריסטישן פאָלקס־האָבּ און פאַרמעג. דאָס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אלע ליטעראַטורן.

ווי נאָר אָבער דער פרימיטיוו־שטייגערישער רעאַליזם אַנטוויקלט זיך, לויטן גאַנג פון דער געשיכטע, ד. ה. פון דער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און קולטור צו אַ קינסטלעריש באַהערשטן רעאַליסטישן סטיל, ווענדט ער זיך מיט זיין דערציערישן־קריטישן טייל נישט בלויז אַקעגן דעם „דרויסנדיקן" סאָציאַל־פּאָליטישן סיידער, נאָר אויך שוין אַקעגן די „אינעווייניקע" כעסרוינעס אינעם שטייגער פונעם שיכט, וועלכן ער וויל דינען. און דעמאָלט ווערט אויך די באַציִונג צום שפּראַך־פאָלקלאָר דיפערענצירט. שוין בּאַ אַקסענפעלדן זעען מיר לעפאָכעס די טענדענץ, אין אַ געוויסער מאָס אויסצומיידן שפּראַך־פאָלקלאָר אין די רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע פיגורן[1]. בּוילעט ווערט דאָס אָבער אין עטינגערס „סערקעלע", ווו דער שפּראַך־פאָלקלאָר ווערט קימאַט אינגאַנצן רעזערווירט פאַר די נעגאַטיווע פיגורן.

אָטאָ דער פאַקט ווערט אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס שפּעטער אַלץ דייטלעכער — ביז נאָך מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען. און אַזוי ווי דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך־עלעמענט ביכלאַל האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ כאַראַקטער־באַשטימענדיקן באַטייט, לוינט עס זיך נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַ ווערק פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע צווישן די יידישע שרייבער אינעם באַנייונגס־פּעריאָד, „סערקעלע" פון שלוימע עטינגער, און דורך אַן אַנאַליז צו דערלערנען: 1) ווי דאַרף מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס גראָד די נעגאַטיווע פיגורן פון דעם ווערק באַנוצן באַזונדערס אַסאַך שפּראַך־פאָלקלאָר אין זייערע רעפּליקעס, 2) אריבערגייענדיק צו אַן אַלגעמיינער און מעמיילע נאָרמאַטיווער אָפּשאַצונג, — ווי ווייט איז ביכלאַל דאָס באַנוצן פון פאָלקלאָר־שפּראַך און רעדנסאַרטן אין דער ליטעראַטור אַ גוטע און נוצלעכע דערשיינונג.

2. גענעזיס און דעגענעראַציע פון דער רעדנסאַרט

עס איז קעדיי צו באַטראַכטן עטלעכע הויפּט־מאָמענטן אין דעם גענעזיס פון רעדנסאַרט, שפּריכוואָרט און ביכלאַל פון שפּראַך־פאָלקלאָר.

אַז דער פרימיטיווער אָדער קולטורעל אָפּגעשטאַנענער מענטש דאַרף אַרויסזאָגן אַ געדאַנקענגאַנג, אָדער דערציילנדיק רעאַגירן אַף געשעענישן, וואָס זיינען צו קאָמפּליצירט פאַר די פאַראַנענע דירעקטע אייגנשאַפטווערטער און אַנדערע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, העלפט ער זיך אַרויס מיט אַנטליענע בילדערישע באַשרייבונגען[2] אָדער דורך בילדערישע אפעקט־שפּרוכן[3]. אויב אַזאַ ווערטער־ריי, וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען אַ אימפּראָוויזירטע, ווערט אָפט און אין פאַרשידענע פאַלן באַנוצט, פאַרשטייפט זיך איר באַטייט; דער באַטייט ווערט קאָנזיסטענט. אָטאָ די ווערטער־ריי באַקומט אַ אונטערשטרייכנדיקע ווירקונג, און אויב זי איז אַ געראָטענע, ווערט זי אַריינגענומען אין אַלגעמיינעם געבּרויך. זי ווערט אַ „שטענדיקע רעדנסאַרט". מ'באַנוצט זיך מיט איר וואָס אַמאָל אַלץ

---

1 פאַרגלייך, לעמאָשל, די רעפּליקעס פון אַרן קלוגער, ייסראָעל אוקראַינער, פּינכעס דער רויטער — מיט די רעפּליקעס פון הערש־לייב, שלוימע פּסיאָכע, וועלוול גיליוואַטע, גאַווריל שעד א. א. וו. (אין „דער ערשטער יידישער רעקרוט").

2 פאַרגלייכענישן, רעטענישן, שפּריכווערטער, ווערטלעך, מעטאַפאָרן, אָפּשפּרעכענישן, רעדנסאַרטן א. א. וו.

3 אין אפעקטיווע פאַלן, קעדיי אויסצודריקן סינע, ליבע, פּראָטעסט, האַסקאָמע א. אז. וו. דורך קלאָלעס, לויב־שפּרוכן, זידלערייען, בראָכעס, ווינשעונישן, רעליגיעזע אויסרופן און ווענדונגען א. אַז. וו.

מער אויך אין אַזעלכע פאַלן, ווו זי פּאַסט נישט דורכויסיק אין אַלע פּראָטים צו דעם קאָנקרעטן מיין און אינהאַלט. זי ווערט אַלץ אָפטער אַריינגעצויגן אין געברויך, זאָל זיין צוליב אַ טייל פון איר באַטייט (צוליב דער דאָמינאַנטע), אָדער גאָר צוליב איר נעבנבאַטייט און אַפילע אַ טייל פון נעבנבאַטייט, וואָס דאַרף בוילעט מאַכן באַשטימטע אייגנשאַפטן פון קאָנקרעטע דערשיינונגען אָדער אונטערשטרייכן אַ געוויסן מיין. דורך אָפטן באַנוצן אין פאַלן, וואָס זיינען בלויז טיילוויַיז פּאַסיק, ווערט די רעדנסאַרט אויסגעשליפן. דערביי קומט איר אויס גויוועך צו זיין אַסאַך שווערקייטן. קעדיי עס זאָל באַנומען ווערן דער מיין און באַטייט פון אַ רעדנסאַרט, וואָס איז דאָס ראָוו בלויז טיילוויַיז פּאַסיק, מוז מען אָנקרמען צו אַ ריי אויסטייטשנדיקע געדאַנקלעכע פּראָצעסן: די רעדנסאַרט זאַפּט זיך אָן מיט אַ מענגע פאַרשידנאַרטיקע אַסאָציאַציעס. אַזוי אַרום ווערט די רעדנסאַרט פעיִק אויסצודריקן קאָנקרעטסטע פאַלן. געבוירן פון אומבאַהאָלפנקייט, ווערט די רעדנסאַרט אַ שאַרפער און פּלאַסטישער אויסדרוק־אינסטרומענט.

סע טרעפט זיך, אַז מע אימפּראָוויזירט אַ וואַריאַציע פון אַ רעדנסאַרט אָדער מע גיט צו צו איר אַ שיין פון שפּילערישן וויץ; אַזוי אַרום פורעמט זיך פון דער רעדנסאַרט אַ גלייכווערטל. אויב עס פאַרשפּיצט זיך אין איר דער באַלערעוודיקער מיין, און עס פאַרסאַכאַקלט זיך אין איר אַ באשטימטע לעבנסדערפאַרונג, וואַקסט דערפון ארויס אַ שפּריכוואָרט. זיין פונקציע איז: אַריינפּרעסן אין פּאָלקסבאַוווסטזיין די באַלפּע־כאָכמע און די דערפארונגען פון פּאָלקסלעבן, אַרומנעמען זיי אין אזעלכע זאַצן, וואָס לאָזן זיך גרינג איינכאַזערן. און ווידער: אויב אַן עמאָציע דריקט זיך אויס אין דער רעדנסאַרט לויט אַ באַשטימטער ריטמישער פאָרם און אין אנטיטעטישע בילדער, ווערט דאָס דער אָנהייב פון פרימיטיוון ליד[1]. אריבערגייענדיק צו דער פאָרם פון א ווערטל, שפּריכוואָרט אָדער לידאַרטיקן שפּרוך, געהערן די רעדנסאַרטן שוין נישט מער צום פּ אָ ש ע ט ן אויסדרוק־שטייגער, דעמאָלט ווערן זיי „רעד־פיגורן", דיכטערישע שפּראַך־צירונג. אין אַ העכערער סטאַדיע וואַקסט אַרויס פונעם ווערטל אָדער גלייכווערטל דורך ברייטערע צעוויקלונג פונעם געשילדערטן בילד און פונעם נימשלדיקן מיין — די פּאַראַבל; פונעם שפּריכוואָרט אַנטוויקלט זיך דורך צעציִען און אונטערשטרייכן די דערציילערישע אילוסטראציע — די פאַבל; פונעם לידשפּרוך — די פּאָעזיע אין אלע אירע פאָרמעס. מיר זעען: די רעדנסאַרט געהער פון אָנהייב אָן צו די ערשטע עלעמענטן פון דיכטעריש-געפורעמטן וואָרט. זי איז אַ וויכטיקער פּאָלקסשאפערישער אופטו.

דערווייל, אין א פרימיטיווער סטאַדיע, דאַרף די רעדנסאַרט דינען פאר גאַנץ פּאָשעטע קאָנקרעטע אויסדרוק־באַדערפעניִשן. זי דארף קלאָר מאכן, כאַראקטעריזירן זאַכן און פאַקטן אַף אָטאָ דעם אומבאהאָלפענעם, באשרייבערישן אויפן, ווייל עס פעלט נאָך א קאָנקרעטער, פינקטלעכערער שטייגער אָנצורופן זאַכן און פאַקטן באם נאָמען, איבערצוגעבן די כאַראַקטעריזירונג דורך א באַגריף. צעוואַקסט זיך די רעדנסאַרט אלץ מער אין דער שפּראַך, זי פאַרנעמט אלץ מער אָרט אין דער שפּראַך. אָבער די ווייטערדיקע שפּראַך־אנטוויקלונג קעמפט אומראכמאָנעסדיק מיט דידאָזיקע פּאָלקלאָריסטישע עלעמענטן, זיי ווערן פארביטן מיט נייגעפונענע און אויסגעאַרבעטע קאָנקרעטע נעמען, אייגנשאַפטווערטער און באַגריפן. די פרימיטיווע פאָרם פון שפּראַך־פּאָלקלאָר פאַרלירט איר אורערשטן פונקציאָנעלן באַטייט.

אָבער נישט שטענדיק גייט די אַנטוויקלונגס־געשיכטע אין אַזאַ גראָדער ליניע. עס מאַכן זיך געשיכטלעכע סיטואַציעס, ווען די געזעלשאפטלעכע פאָרמעס בייטן און קאָמפּ־

1 די פרימיטיווע לירישע צוויי-ביז-דריי-שורעסדיקע סטראָפעס פון די נעגערס, די פרימיטיווע אַלטערטימלעכע שפּרוך-ליריק (באַ גריכן און יידן) און אַפילע די יאַפּאָנישע טאַנקעס (פינפשורעסדיקע סטראָפן אין פרייע ריטמען) ווייזן גענוי זייער אָפּשטאַמונג פון אָטאָ דעם שוירעש. ס'איז פאַראַן נאָך אַ דעגענעראַטיווער אָפּנויג, ווען די רעדנסאַרט אַנטוויקלט זיך צו אַ מאַגישן קישעף-שפּרוך.

ליצירן זיך, נאָר דער אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט, די סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס דאַרף איבערפורעמען דעם געדאַנק און דאָס וואָרט, פאַרהאַלט זיך נאָך דערוויַיל איבער געוויסע סיבעס. די באַדינגונגען זיינען שוין אין ראָוו פּראַטים צייטיק, זיי ווערן אַפילו איבערצייטיק, אָבער יענע באַפרייענדיקע ווירקונג אפן געדאַנק און אַפן וואָרט, וואָס אַ איבערקערעניש וואָלט געבראַכט, — פעלט נאָך דערוויַיל. דעגענערירן ביידע, דער געדאַנק און דאָס וואָרט — אינײנעם מיטן לעבן. די פאַרהעלטענישן זיינען שוין פון לאַנג קאָמפּליצירטער איידער די פאַראַנענע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, וואָס זיינען לויט זייער מעהוס און פאַרנעם אַרויסגעקומען פון אַ פרימיטיווערער געזעלשאַפט־פאָרם און פּאָשעטערע באַדערפענישן. גייענדיק אַף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד — און דאָס איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזא פעריאָד — העלפט מען דער שטייגער־שפּראַך מיט עקלעקטישע קאָמבינאַציעס, מיט וואַרייִרן די געיאַרשנטע רעדנסאַרטן, פראַזעס, מעליצעס, ווערטלעך, אויסרופן. מע ניואַנסירט און ניצעוועט זיי איבער אָן אָן עק. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז א פאַרענדערונג פון קאָנטעקסט אָדער גאָר פון דער קלאַנג־מאָדולאַציע גיט אָנצוהערן אַ פאַרענדערונג פון באַטייט[1]. עס איז שווער זיך צו רירן אין דער ענג געוואָרענער שפּראַך, דערפירט דאָס די שטייפקייט צו ראַפינירטקייט, צו אַן אייגנאַרטיקן שפּראַך־כאָכמענען און שפּראַך־וויצלען[2]. צוליב עפּעס אַ ווייטן אָנצוהערעניש און קאָם דערהערבאַרער קלאַנגענלעכקייט, צוליב אַ פיינער אָבער ווייניק פרוכטבאַרער אַסאָציאַציע, מוז מען צוציען גאַנצע פראַזעס, ווי אין אַ קאַלאַמבור. אין די איבעריקע טיילן פון אָטאָ דער פראַזע, וואָס געהערן ניט צום איניען, מוזן אַריינגעטייטשט ווערן כריפּעסדיק צוגעטראַכטע באַציִונגען. אין דערדאָזיקער צונויפגעפּרעסטער, דורכויסיקער וואָרטשפּילערײַ פון אומגעהייערן מאַסשטאַב קאָן מען שוין נישט געפינען אַפילע קיין שפור פון שאַפערישן אופטו.

דערצו מוז מען נאָך נעמען אין אַכט דאָס באַוווסטזיין פון רעדנדיקן, אַז זיין רעדשטייגער איז אומזאַכלעך, אַז נישט דאָס איז ער אויסן. עפּעס שמייכלט ער דערביי, פילט זיך נישט איינגאַנצן גוט. דאָס שלעכטע „שפּראַך־געוויסן" באַווייזט זיך אין דער הומאָריסטישער באַציִונג צו דער פראַזעאָלאָגיע, וואָס מע באַנוצט זי פון שפּראַך־נויט און אָן וועלכער מען קאָן זיך נישט באַגיין. עס מישט זיך אריין אין די רייד אַ שמייכל, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטשולדיקן. דער שפּראַך־טאָן ווערט אַלץ מער און מער פאַראָדיסטיש געבויגן, פאַרגייט זיך אין טראַוועסיעס ביז צו גאַליקער זעלבסטאיראָניע[3]. די שפּראַך ווערט איראָניש פאַראָדיסטיש; זי יוירט ווי אויסוואַקסנדיקע קאַרטאָפל אין קעלער, וואָס שפּראָצן קרענקלעך אַפּסניי, ציענדיק זאַפטן נישט פון דער ערד, נאָר פון קעלערפייכטקייט און פון זיך אַליין.

און אַזוי מאַכט זיך עס, אַז אין אַ באַשטימטער צייט באַשטייט שוין די שפּראַך — באַזונדערס אויב זי געפינט זיך נאָך אין „פאַר־ליטעראַרישן" צושטאַנד, ד. ה. אין צושטאַנד פון אַ אידיאָם אָדער פון אַ געגנט־דיאַלעקט, אַ ווייניק אָנגעריירטן פון דער ליטעראַטורשפּראַך — פון לויטער אויסגעריבענע, געדיכט אָנגעדראָלענע רעדנסאַרטן, מעליצעס, גלייכווערטלעך, שפּריכוועורטער, פאָלקסליד־זאַצן, אומבאַטייטיקע „אָפּרו־ווערטער", אַפעקט־אויסרופן (קלאָלעס, בראָכעס, זידלערייען, ליבּ־שפּרוכן א. אַז. וו.) און פון אַנדערן שפּראַך־

---

1 ווי באַוווסט, איז אָטאָ דער מאָמענט דערפירט ביז צום עקסטרעם אין דער כינעזישער שפּראַך, וואָס איז טיפּיש געוואָרן מיט איר אָפּגעשטאַנענקייט איבער אייגנאַרטיקע געשיכטלעכע סיבעס. אין דער כינעזישער שפּראַך בייטן זיך אָן אַ עק די פאַרשידענע באַטייטן פון דעמזעלבן וואָרט, ריכטיקער, טראַף, לויט די מינדסטע אָפּנויגן אין מאָדולאַציע, טאָן און קאָנטעקסט. אָבער אויך אין אַלע אַנדערע שפּראַכן אין אַ אָפּגעשטאַנענעם פעריאָד באַמערקן מיר ענלעכע דערשיינונגען, כאָטש אין אַ ווייט קלענערער מאָס.

2 זע ווייטער, ז. 94—95.

3 אויך דאָרט.

פאָלקלאָר [1]. די שפּראַך דריקט שוין מער נישט אויס ,נאָרמאַל און זאַכלעך דאָס, וואָס דער רעדנדיקער וויל, נאָר דאָס, וואָס זי, די שפּראַך, וויל און קאָן. עס הערט זיך שוין פון איר אַרויס אַזאַ מין טאָן, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן אי פון טיפשעס, אי פון שיגאָען. די שפּראַך איז סיי אויסגעשעפּט און מאָגער מיט אירע אויסגעריבענע קאָמבינירטע טראַפּאַרעטן, סיי איבערראַפינירט מיט דער „געהויבענער" ווילד צעוואַקסענער געציקלטקייט, וואָס קאָן אַלץ ביז גאָר דיפערענצירט אַרויסזאָגן, נאָר נישט דאָס, וואָס מע דאַרף. פאַרשאַרפט ווערט דער כאַראַקטער פון אָטאָ אַזאַ רעדשטייגער, ערשטנס, איבער דעם וואָס דאָס דענקען פון אַ באַ־שטימטן אָפּגעשטאַנענעם שיכט איז צו פויל אַף צוצוטראַכטן נייע נעמען, עפּיטעטן, פּרע־דיקאַטן פאַר די נייע דערשיינונגען, וואָס האָבן אין זיך געפערלעכע מאָמענטן פאַר די עקזיסטענץ פון אָטאָ דעם שיכט, און דערפאַר באַנוגנט מען זיך מיט קאָמבינאַציעס און פאַרשטייפונג פון די אַלטע שפּראַך־פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן. צווייטנס — איבער דער סטירע צווישן דעם ברייטערן, אַמאָל אַפילו איבערגעשפּיצטן באַנעם, וואָס ווערט אויפגעצווונ־גען פון די נייע דערשיינונגען — און צווישן די קליינלעך נעבעכדיקע רעאַלע באַדינגונגען. דאָס פירט צו אַ מין שמאָלקעפּיקער, באַגרענעצט־נאַרישער כריפּעסדיקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין ווערטלדיקער שפּראַך [2].

און איצט קריכט אַרויס און באַווייזט זיך בוילעטער דער אורשפּרינגלעכער מעהוס פון שפּראַך־פאָלקלאָר, וואָס איז פון אָנהייב אָן געווען אַ נויט־הילף און האָט אָנשטאָט אָנצו־רופן זאַכן באַם נאָמען, אָנשטאָט צו כאַראַקטעריזירן דורך אַ פּינקטלעכן אייגנשאַפטוואָרט בלויז אומפּולקום באַשריבן אָדער אַרומגעשריבן די באַגריפן און בילדער. איצט באַווייזט זיך שוין אָטאָ דער כיסאָרן אין דער פולער מאָס, ניט געמינערט דורך דער פריערדיקער פּאָזיטיווער פונקציע פון פאָלקלאָר, וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן גערעדט. אָטאָ דער פאַקט, די אומגעניקייט פון דער רעדנסאַרט, ווערט איצט אויסגענוצט פון אַלע די, וואָס ווילן זייער געדאַנק דורך מעליצעס, סטערעאָטיפּישע פראַזעס און גאָרנישט באַדייטנדיקע שפּראַך־טנועס דאַפקע *גיכער באַהאַלטן איידער אַרויסזאָגן*, באַרעדעוויק רעדן און זיך נישט „אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט". אָטאָ די „וויציקע" ווערטלדיקייט און געפּרעסטע פראַזעאָלאָגיע האָט אין דעם פאַזיס שוין דורכויס קיין שום שייַכעס נישט מער צו „געזונטער פרי־מיטיווקייט", „פרישקייט" און „נאַיִווקייט", ווי מע מיינט אָפּט אַלפּי טאָעס, אַז דאָס איז די טעווע פון *יעדן* שפּראַך־פאָלקלאָר ביכלאַל. דער שפּראַך־שטייגער פון אַ „כיטרען פּויער", אָטאָ דער שפּראַך־שטייגער, וואָס איז געפורעמט געוואָרן פון אַן ענלעכער הינטערשטעלי־קער געשיכטלעכער סיטואַציע און וואָס מע האַלט אויך אַמאָל פאַר „נאַיִוו", דינט איינ־

---

1 דער אַרויסגעבער פון די "Mitteilungen für juedische Volkskunde„ ד״ר גרינוואַלד, האָט מיר דערציילט, אַז פאַרינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקלאָר האָט ער זיך צוליב אַזאַ צופאַל. צוריק מיט אַ דרייסיק יאָר האָט ער אַמאָל אין האַמבורג געהערט רעדן אַן אַלטיטשקע יידישע פרוי, וואָס האָט נאָך גערעדט אינעם אַלטן יידיש־טייטש פון יענעם קאַנט. עס האָט אים מאָדנע פאַרכידעשט, וויפל גלייכווערטלעך, רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער זי באַנוצט אין אירע רייד. גענויער צוהערנדיק זיך צו אירע ווערטער, וועלכע ער האָט אין אָנהייב וויניק פאַרשטאַנען, האָט ער באַ־מערקט, אַז אַלע אירע רייד זיינען קימאַט דורכויס אַ יין גרויסע קייט פון שפּראַך־פאָלקלאָר.—

אַז *דער* מין פאָלקלאָר־אַשירעס אין די רייד פון אָטאָ דער יידענע איז נישט געווען קיין סימען פון שפּראַך־אופבלי און „פרישקייט", נאָר פאַרקערט, פון שפּראַך־דעגענעראַציע און אָפּגאַנג, איז קלאָר. דידאָזיקע יידישע זקיינע האָט דאָך געהערט צו די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון יידיש אין יענעם דייטשן קאַנט, און זינט דעמאָלט איז יידיש דאָרט שוין אינגאַנצן און אַף שטענדיק אָפּגעשטאָרבן.

2 אָטאָ די קאָמבינאַציע פון באַגרענעצטער טיפשעס און קלאָמערשטער כריפּעס איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר אַ ווערטלדיקן יידיש פון אַ באַשטימטער צייט און אַ באַשטימטן שיכט, נאָר אויך פאַר אַ גאַנצער ריי דייטשישע דיאַלעקטן. לעמאָשל, פאַר די שווייצער־דייטשישע, ווינער, בערלינער, בעמישע, זאַקסישן דיאַלעקט, וואָס קלינגען אַמאָל אויך דורכויס ווי איין גרויסע קייט פון ווערטלעך, וויצן, באָן־מאָס. ענלעכע פּאָליטיש־סאָציאַלע באַ־דינגונגען, אין וועלכע עס לעבן באַשטימטע שיכטן (די אייגנטלעכע טרעגערס פון אָטאָ די דיאַלעקטן זיינען קיינ־מאָל נישט די אויבערשיכטן), האָבן דערפירט צו ענלעכע דערשיינונגען אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג.

עמעסן דעם סאָציאַל־ און פּאָליטיש־אונטערדריקטן פויער, וואָס פאַרקויפט אַליין זיינע פּראָדוקטן, אָדער פון נויט זיין פי און ערד, דערצו, אַז ער זאָל זיך קאָנען שטעלן אַקעגן אַ פלינקערן פון אים, כאָטש אַמאָל נישט קיין סאַך אַנטוויקלטערן (אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זינען) פויער־קויפער אָדער הענדלער. אַקוראַט אַזוי ווי אָטאָ דער שפּראַך־שטייגער דינט דעם באַלגופישן פויער, וואָס קויפט איין, קעדיי אָפּצונאַרן אַ שוואַכערן, דעם אָרעמען פויער [1].

די שפּראַך פונעם „כיטרען פויער" וויַזט לויט אירע אינעווייניקסטע טנועס און האַוואַיעס אין די וויכטיקסטע שטריכן אַ גרויסע ענלעכקייט מיט דער שפּראַך פון די נעגאַטיווע פיגורן באַ עטינגערן, אַקסענפעלדן, לינעצקין, מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען. און דידאַקטישע ענלעכקייט געפינען מיר סיי אין די גאָרנישט זאָגנדיקע פילוואָרטיקע טיראַדעס, סיי אין דער צעקראָכענער וואָרטאָרעמקייט, וואָס באַמערקט זיך אין יענע פאַלן, ווען עס פעלט אָטאָ די פיגורן זעלבסטזיכערקייט, און זיי באַהאַלטן זיך דערפאַר אונטער פילבאַטייטיקע, אינעמעסן האַלב־שטומע ווערטעלעך: „נו", „עט", „הם", „מאַלע־וואָס", „סטייטש", „ווי געשיקט זיך", „וואָס־שאַיעך", „האַ־יאָ", „ווייס־איך" א. א. וו. אַזאַ שטייגער רעדן איז נישט „נאַיִוו", פאַרקערט, ער איז אין העכסטן גראַד ראַפינירט, כאָטש אין טאָך באַגרעניצט און דעפעקטיוו. איבערגעשפּיצט און גרינטלעך אויסגעפּרוווט דורך געברויך אין מעשעך פון לאַנגע אָפּגעשטאַנענע צייטן, איז אָטאָ דער פאָלקלאָריסטיש באַוואקסענער רעד־שטייגער אַן אינסטרומענט פון פאַרקריפּלטן האַנדל־וואַנדל, פון זיך דינגען, אַ רעד־שטייגער ווי פאַר אַן אָפּמאַך. דער נעבעכדיקער קליינהענדלער און דער אַזויגערופענער „לופט־מענטש", בעקיצער, דער „לומפּן־קליינבירגער" פון פאַרוואָרפענעם, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פאַרקריפּלטן טונעיאַדעווקע, גלופּסק און קאַפּצאַנסק, באַמיט זיך, כריפּעסדיק נאַריש, איראָניזירנדיק פון זיך און פון דעם אַנדערן — וואָס קאָן די קונץ פּונקט אַזוי ווי ער,—מיט הילף פון זיין רעד־טאַקטיק, באַהאַלטנדיק זיך אונטער געגליווערטער ווערטלדיקייט, זיך דערשלאָגן צו וועלכע עס איז גינציקע פּאָזיציעס.

דערצו אָבער מוז מען נאָך צוגעבן: אויב דער איקער מיין פון אָטאָ דער ווילד־צעלאָזענער ווערטלדיקייט איז—זיך ניט פאַרעדן מיט אַ איבעריק וואָרט, ניט אַרויסצוגעבן פון דער האַנט קיין קאָזירן (טויזן), אויסצומיידן היסכייוועסן, זיך מיט גאָרנישט צו בינדן, אַזוי זיינען פאַראַנען אויך זעלטענערע פאַלן, ווען אָטאָ די ווערטלדיקייט ווערט באַנוצט אָן אַ דייטלעכן צוועק. דעמאָלט, ווען זי דאַרף באַפרידיקן באַם פּאָשעטן מענטשן אַ מין פּסעוודאָ־קינסטלערישע באַדערפעניש, וואָס קומט פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שפּיל־נעטיע. מיר באַמערקן אַמאָל, ווי אַ מענטש ציקלט זיך שפּילעריש מיט אָרנאַמענטאַלע פראַזעס, קוויקט זיך מיט סטאַם־רייד און האָט מעשונע האַנאָע זיך צוצוהערן צו זיינע אייגענע

1) וועגן דער שפּראַך פונעם „כיטרען פויער" באַמערקט טאָלסטאָי (זע גאָרקיס זיכרוינעס וועגן טאָלסטאָי, קאַפּיטל XVI):

(ד. ה. די טיפן פויערים, וואָס גאָרקי מאָלט און וועמענס שפּראַך טאָלסטאָי קריטיקירט—מ. וו.) „...в жизни они говорят глупо, несуразно,—не сразу поймешь, что он хочет сказать. Это делается нарочно,—под глупостью слов спрятано желание дать выговориться другому. Хороший мужик никогда сразу не покажет своего ума, это ему не выгодно. Он знает, что к человеку глупому подходят просто, безхитростно, а ему того и надо! Вы перед ним стоите открыто, он тотчас и видит все ваши слабые места. Он недоверчив, он и жене боится сказать заветную мысль..."

ווייטער, אַז טאָלסטאָי האָט טיינעס צו גאָרקען, לעמיי זיינע פויערים רעדן מיט לויטער אַ פ אָ ר י ז מ ע ן, כאָטש דער אַפאָריזם איז פרעמד אין דער רוסישער שפּראַך — פרעגט אים גאָרקי: А пословицы, поговорки?

און טאָלסטאָי ענטפערט: Это другое. Это не сегодня сделано.

די „ווערטלדיקייט", די „שפּראַך-פאָלקלאָריסטיק" אין אָפּגעשטאַנען-פויערישן רעדשטייגער פון אַלע לענדער איז באַקאַנט. זי ווערט שטענדיק באַנוצט אין אַלע בעלעטריסטישע ווערק, וואָס באַהאַנדלען פויערישן לעבנ-שטייגער.

צוועקלאָזע דריידלעך. מע מוז דערפֿאַר אויסטיילן צוויי קאַטעגאָריעס פֿון ווערטלדיקייט: אַזאַ, וואָס האָט אַ צוועק און אַ באַשטימטע פֿונקציע,—און אַ צוועקלאָזע, שפּילעוודיקע.

פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע, פֿון יענער וואָס האָט יאָ אַ באַשטימטע פֿונקציע, קאָן מען זאָגן, אַז אין דער יידישער סוויווע איז זי געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן „לומפּנקליינבירגער"[1]. די לעבנסבאַדינגונגען פֿון „לומפּן־קליינבירגער" און זיינע צוועקן האָבן צוליב באַשטימטע פֿונקציעס אויסגעפֿורעמט די איבערגעשפּיצטע ווערטלדיקייט פֿון שפּראַך. די ווערטלדיקייט איז לאַכלוטן נישט געווען דער קירצסטער וועג אַף אויסצודריקן פּינקטלעך אַ געדאַנק. פֿאַרקערט, זי איז דער שאַרפֿזיניקסטער אויסוועג ווי אַזוי זיך נישט אַרויסצוזאָגן איינדייטיק[2], ווי אַזוי זיך צו באַהאַלטן אונטער שפּראַך־טנועס, פֿון וועלכע מע קאָן זיך, אויב נייטיק, אַרויסדרייען און אָפּזאָגן, מיטן פֿאַרשטענדלעכן אויסרייד, אַז „עס רעדט זיך אַזוי". און דאָ ווערט קלאָר דער באַטייט און די פֿונקציע פֿון אָטאָ דער באַרעדעווודיקייט. אין איר האָבן די באַרופֿלאָזע לופֿטמענטש־מאַסן, דאָס פּאַופּעריזירטע יידישע קליינבירגערטום, וואָס האָט געלעבט אין אויסטערליש דעמפּיקער געדיכטקייט, געפֿונען דאָס פּאַסיקסטע מיטל איינצוהילן דערינען דעם איימעדיק־לעכערלעכן, קליינלעכן אָבער ביטערן „פֿאַרנאָסע־קאַמף". לעבנדיק אין דער קליינשטעטלדיקער בלאָטע, אָן צופֿלוס פֿון נייע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן און מעמיילע אויך אָן צופֿלוס פֿון אַ נייעם געדאַנק, אָן פּערספּעקטיוון, אָן אַ דייטלעך אַנטוויקלטער סאָציאַלער דיפֿערענציאַציע, דערצו נאָך אָנגעלאָדן מיט דעפּאָרמירטע רעשטלעך פֿון אַן אַלטער טעאָלאָגישער וואַנדער־הענדלער־קולטור—קאָנקורירן זיי מעוויעמדיק איינער מיטן אַנדערן, מיט גוטנס און מיט בייזנס, מיט מוירע און קלוגיטשקייט, מיט אומצוטרוי און פֿאַרביסענער פּאָרזיכטיקייט. די שפּראַך ווערט אויסגעאַרבעט אַף אַזאַ שטייגער, אַז מע זאָל נישט קאָנען „כאַפּן באַם וואָרט".

פֿון געוווינטקייט איז דער איבערגעלאָדענער „דיפּלאָמאַטישער" רעד־שטייגער פּאַמעלעך אַלץ מער אַריין אין דער טעווע פֿון רעדן ביכלאַל. אַפֿילע אין אינטימען און אין מישפּאָכע־שמועס, ווו ער איז אינגאַנצן נישט נייטיק. אַ מין פּעכט־שפּיל מיט ווערטער אויך דאָרט, ווו עס קאָן גאָרנישט דערמיט דערגרייכט ווערן. אַ פּיקטיוו סויכער־מויכערן און מאַסעמאַטן אַפֿילע באַ גלייכגילטיקסטע פֿראַגן און ענטפֿערן, אַ נאַריש־דיפּלאָמאַטיש אַרומרעדעניש דאָרט אַפֿילע, ווו עס גייט בלויז וועגן באַפֿרידיקן סטאַם נייגעריקייט. פּונקט אַזוי ווי ר׳ אַלטער יאַקנעהאָז און ר׳ מענדעלע הייבן אָן אין אַ הייסן זומערטאָג, פֿון הונגער און לאַנגווייליקייט, גלאַט אַזוי זיך, צוועקלאָז, ווייל קיין פּאַקטישע געשעפֿטן זיינען נישטאָ, בייטן צווישן זיך „מאַנע־לאָשנס", אַף „טויזנט און איין נאַכט", סליכעס אַף טאַלעסקאָטנס, קינעס אַף טילעמלעך, קעדיי כאָטש פֿאַר זיך אַליין מאַכן אַן אָנשטעל ווי מע וואָלט געהאַנדלט.

אויסגעטון פֿון צוועקמעסיקייט, באַקומט אָטאָ דער רעדשטייגער גראָטעסק־נאַרישע שטריכן. דעם מאָמענט האָט באַזונדערס שאָלעם־אַלייכעם אויסגענוצט מיט גרויס מייַסטערשאַפֿט. די ווירקונג פֿון זיינע לעכערלעכע פֿיגורן איז דעריקער אויפֿגעבויט אַף דער שילדערונג פֿון אָטאָ דעם פּאַקט: אַף דער דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם סכום אָנגעשטרענגטער כריפּעס און „דיפּלאָמאַטיע" אינעם רעדן און האַלטן זיך פֿון די פֿאַרשוינגען—און דעם נישטיקן צוועק, וואָס וויל דערמיט דערגרייכט ווערן. —

———

1 כאָטש מיר באַגעגענען אַמאָל אָטאָ דעם רעדשטייגער אויך אין יענע שיכטן (באַ מענדעלען, זע „די טאַקסע"), וואָס געהערן צו די „קאָהאָלשע טוערס", שטאָט-באַלעטויווס, באַלטאַקסעס, און אַנדערע פּיאַווקעס. זייער ספּעקוליאַנטישע סיטואַציע נייטיקט זיך אויך אין די „דיפּלאָמאַטישע" פֿונקציעס פֿון פּאָלקלאָריסטישן רעדשטייגער.

2 זע צוגאָב III „שפּראַך-פּאָלקלאָר באַ מענדעלען".

עטינגער וויל מיט דעם רעדשטייגער ווייזן, אַף וואָסער אויפן זיינע נעגאַטיווע פיגורן באַהאַלטן זייער נישטיקייט אָדער צוואַקישקייט אונטער דער ווערטלדיקער פראָזע־אָלאָגיע. אַנדערש מענדעלע, וועלכער מאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט דעם אויפן טראַכטן און באַנעמען פון טונעיאַדעווקער אַדער גלופּסקער ערנסט גענומען. אין מענדעלעס פּראָזע קומט זעלטן אַמאָל ש. י. אַבראַמאָוויטש מיט זיין *אייגענעם* נוסעך צום וואָרט. אין די דיאַלאָגן רעדן די פּאַרשוינען מיט *זייער נוסעך*, יעדער לויט זיין כאַראַקטער ניואַנסירט; אין די כראָניקאַליש באַריכטנדיקע שטעלן אָדער באַטראַכטערישע מאָנאָלאָגן רעדט דער פיקטיווער ר׳ מענדעלע, דער מויכער־ספאָרים, מיט זיין אייגענעם, ניט אַבראַמאָוויטשעס שפּראַך־נוסעך. אַבראַמאָוויטש נעמט נאָר אין יענע ערטער דאָס וואָרט, ווו ער אַנטוויקלט פּראָגראַמאַטישע געדאַנקען, ווו ער באַשרייבט פּאָזיטיווע פיגורן, קינדער, נאַטור און ביכלאַל „פּאָזיטיווע״ סיטואַציעס. דעמאָלט ווערט פלוצים מענדעלעס שפּראַך פּאָשעט, אופריכטיק־האַרצלעך, מיט זייער ווייניק אָדער איבערגעפורעמטן שפּראַך־פּאָלקלאָר, וואָס האָט שוין דאָסמאָל נישט מער קיין איראָנישע קאַוואָנע. דאָס ראָוו פיקטיווע רעפלעקסיעס און לירישע בקירעס, מיט וועלכע מענדעלע הייבט געווײנלעך אָן זיינע ווערק, זיינע קאַפּיטלען, די שילדערונג פון געוויסע געשעענישן (זיי טרעפן זיך אויך אין באַשטימטע „אָפּרו־פּונקטן״ אינמיטן דער דערציילונג) ווערן געפירט אַף ר׳ מענדעלעס, דעם פיקטיוון מויכער־ספאָרימס, שטייגער צו טראַכטן און צו רעדן, ווייל זייער מיין איז אַ סאַטיריש־איראָנישער. דערמיט ווערט פון אָטאָ דעם ר׳ מענדעלע אַליין אויך איראָניזירט. ש. י. אַבראַמאָוויטש מאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט דעם אויפן טראַכטן און באַנעמען פון קאַפּצאַנסקער יידן ערנסט גענומען. אַזוי שפּרייט ער אויס אין ר׳ מענדעלעס מאָנאָלאָגישע רעפלעקסיעס די קאַפּצאַנסק־גלופּסקער „פילאָזאָפישע בקירעס״ מיט אַלע ניין מאָס רייד, וואָס זיינען פאַר זיי כאַראַקטעריסטיש — אין דער געציקלטער גלייכווערטלדיקייט און מאַגידישער היפּערבאָליק. ער דעמאַסקירט אַזוי אַרום זייער „טיפערן באַטייט״, מאַכט פון זיי אַ טעל. דאָס אַכראַיעס פאַרן רעדשטייגער גייט איבער פון אַבראַמאָוויטשן — אַפן פיקטיוון ר׳ מענדעלע[1].

אבראַמאָוויטש לייגט אַריין אין די טונעיאַדעווקער בקירעס אַ קלאָמערשט „טיפערן באַטייט״, כאָטש אַ מעשונע־נאַרישן, שטעכיק־איראָנישן. אַזוי אַרום ווערט די לעכערלעכקייט בייסיקער, נישטיקער, אומעטיקער—ביז צו טראַגי־קאָמיזם. באַ עטינגערן איז סאַטירע און הומאָר פאַראַן בלויז אין דער פאָרם פון אַ קימאַט גוטמוטיק שמייכלדיקער איראָניע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צורירן צו די פרומלעך־צוואַקישע פיגורן. די צעפּוילטקייט פון דער אַלגעמיינער לאַגע, פון דער גרויסער מאַסע לופטמענטשן א. אז. וו. באַמערקט ער נישט און טשעפּעט נישט. ער (לעהייפעך צו י. ב. לעווינזאָן) זעט די סיבע פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אומגליקן — בלויז אין באַשטימטע איינצלנע פּאַרשוינען און אין זייער שלעכטקייט[2]. עטינגער האַלט ערשט באַם אָנהייב פון קינסטלערישער געזעלשאַפט־קריטיק. אָבער שוין אָטאָ דער אָנהייב דריקט זיך אויס אינעם סטיל אַף אַזאַ שטייגער, וואָס וועט שפּעטער, פאַרן ליטעראַרישן נוסעך ביז נאָך שאָלעם־אַלייכעם זיין ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש. —

מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע האַשפּאָע עס האָט אַף דער פורעמונג פון מענטשלעכן רעדן די שפּיל־נעטיע, דאָס צוועקלאָזע זיך צאַצקען מיטן וואָרט. שפּורן דערפון געפינען

[1] גענויער וועגן דער ראָל פון שפּראַך-פאָלקלאָר אין מענדעלעס סטיל—זע אין די „צוגאָבן און אָנמערקונגען״ III.

[2] „ליידער ווערדען דיעזעס איינען שעלמעס וועגען מעהרערע (געמיינט איז „פילע״ אָדער „די מעהרהייט״ ווייל „מעהרערע״ אין אייגנטלעכן באַטייט (עטלעכע) האָט אין דעם צוזאַמענהאַנג קיין זינען נישט; אַזעלכע סטיליסטישע פעלערן אין עטינגערס דייטשע זאַצן קומען זייער אָפט פאָר.—מ. וו.) עדל-דענקענדע יודען פאָן אַנדערען (נישט-יודן.—מ. וו.) פעראַכטעט״. (סערקעלע, קסאָווים בד. 2 ז. 424). אַזוי פאָרמולירט עטינגער די סיטואַציע.

מיר אומעטום: אָנגעהויבן מיט די אָפּט ריין גלאָסאָלאלישע[1] עלעמענטן פון זינלאָז צונויפגעשטעלטע אָנבאַטייטיקע ווערטער אין די אָנהייב־שורעס פון אַלטע פּרימיטיווע פאָלקס־און קינדער־לידער, און אויסגעלאָזן מיט די ראַפינירטסטע ליד־פאָרמען ביכלאַל און רעפרען־סטראָפעס ביפראַט. מע מוז אָבער פאַנאַנדערטיילן די וואָרטשפּילערייען פון צווייערליי אַנטוויקלונגס־פּאַזיסן. אָט די צוויי מינים וואָרט-שפּילן שטייען איינע צו דער אַנדערער אינעם זעלבן פאַרהעלטעניש, ווי די צווייערליי באַטייטן פונעם וואָרט „שפּיל", נעמלעך, ווי אַ קינסטלערישע טעטיקייט — צו אַ מער אָדער ווייניקער נישט ערנסטער פאַרווײַלונג. דער פּרימיטיווער מענטש שפּילט, אין ערנסטן באַטייט פון וואָרט, אַף יענע ווערטער, וואָס האָבן אים טייער געקאָסט, וואָס קלינגען אים אָנגענעם, ווייל זיי דערמאַנען אים עפּעס ליבס, אָדער, ווייל מיט די ווערטער שטרענגט זיך אָן אין אים אַ שטימונג, אַ געפיל, אַ געדאַנק, וואָס ווילן געפינען אַן אויסדרוק. אמאָל באַרימט ער זיך נאַיִוו מיט „קישעפדיקע", „וויכטיקע" אָדער קלינגענדיקע ווערטער. אַזאַ „שפּיל" איז שעפעריש און געהער צו די יעסוידעס פון דער פּרימיטיווער פּאָעזיע און וואָרטקונסט. אַזעלכע עלעמענטן פון שפּראַך־פאָלקלאָר ווערן פון די ליטעראַרישע מײַסטערס באַנוצט מיט אַ פּאָזיטיוון מיין, קעדיי לעבעדיק און קרעפטיק צו מאַכן דעם אויסדרוק און זיין בילדערישקייט. אַנדערש איז די וואָרט־שפּילערײַ פון אַ פּעריאָד, ווען די שפּראַך־אופגאַבן פון אַן אָפּגעלעבטער צייט זיינען שוין לאַנג איבערגעוואַליזירט געוואָרן און די שפּראַך ליידט שוין פון ווילדן איבערוווּקס. אָטאָ די שפּילערײַ קאָן דאַן שוין נישט מער פאַרגליכן ווערן מיטן קימאַט אומבאַוווסטזיניקן שפּילערישן צייכענען אין זאַמד, וועלכע האָט עפּשער אַמאָל דעם פּרימיטיוון מענטשן דערפירט צו דער דערפינדונג פון שריפט. פאַרגליכן ווערן קאָן די דאָזיקע שפּילערײַ נאָר מיט געצאצקעטער קאַליגראַפיע פון אַ פוסטן מענטשן, וואָס האָט נישט קיין געדאַנקען. זי שטאַמט נישט, אָטאָ די וואָרט־שפּילערײַ, פון דער אורשפּרינגלעכער האַנאָע פון שיינעם וואָרט, נאָר פון דעם כיישעק אויסצוסאַדערן צוועקלאָזע האַמצאָעס און דריידלעך, ווי אַ סוראָגאַט פון קאָנקרעטע געדאַנקען. אַ אויסדרוקפאָרם, וואָס האָט שוין איבערגעיוירן, ווערט פון דער געדאַנקען־אָרעמקייט אויסגענוצט, קעדיי מיט ווערטער מאַכן אַן אָנשטעל פון געדאַנק. עס פעלט דעם אינטעלעקט פון אַזאַ צייט אימפּולסן, קעדיי זיך „איבערצואָריענטירן". דאָס שטענדיקע מעכאַנישע אָנזאַמלען פון שפּראַך־פאָלקלאָריסטישע קאָמבינאַציעס און וואַריאַציעס דערפירט צו אַ שפּראַך־געשווילעכץ, צו אַ שפּראַך־פאָלקלאָריסטישער „עלעפאַנטיאַזיס" מיט גראָטעסקע פאָרמעס.

3. בוך־פּראַזעאָלאָגיע אינעם רעדשטייגער

די יידישע שפּראַך איז אין אָנהייב פון איר באַנײַונג (אָנהייב 19 יאָרה.) געוועזן אָנגעלאָדן נישט בלויז מיט אייגענער אַלטער שפּראַך־טראַדיציע, נײַערט אויך מיט אַ מענגע שפּראַך־מאַטעריאַל, פּראַזעאָלאָגיע, סינטאַקטישע פאָרמעס, וואָס האָבן נישט אָפּגעשטאַמט פון אייגענעם שפּראַך־באָדן. געמיינט זיינען יענע עלעמענטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון

[1] גלאָסאָלאַליע—„צונגען-רעדעניש" (גריכיש,—„נבא" העבר.), אורשפּרינגלעכער טייטש: אופגערעגט עקסטאַטיש שטאַמלען ווערטער אָדער סטראָפן אָן אַ באַשטימטן באַטייט, וואָס ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ פאַרהוילענע נעוואָע אין אַ אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך.—דיזעלבע דערשײַנונג איז באַקאַנט בענעגייע קינדער-לידער און ביכלאַל פאָלקסלידער. לעמאָשל:

ענאַ, בענאַ,	אָדער: ענטעלע
קאַטשקאַ שטענאַ,	פענטעלע
ראָזאַ ליפּקאַ,	שיקעלע שאַ א, אַז. וו.
קאַטשקאַ שטיפּקאַ...	

זע: „באַ אונדז יידן", זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר א. אַז. וו. ש. לעהמאַן, „די קינדער-וועלט" ז. 113 א. וו.,

דער געיאַרשנטער העברעיִשער קולטוס־ און קולטור־טראַדיציע. ביז צום סאָף 18 יאָרהונדערט האָט זיך דאָס קולטורעלע לעבן פון דער יידיש־רעדנדיקער סוויווע דעריקער באַוועגט אין די גרענעצן פון רעליגיע, קולטוס און טעאָלאָגיע. הייסט עס, אין ליטעראַרישן זינען— דאָס ראָוו לויטן גייַסט פון דער העברעיִשער שריפט־שפּראַך. זינט דעם 15־טן יאָרהונדערט (און אויך פריער) ווערן קולטישע, טעאָלאָגישע און מוסער־ביכער איבערגעזעצט אַף יידיש־טייַטש; מיר ווייסן אָבער אויך פון אַלע ענלעכע פאַלן אין אַנדערע שפּראַכן, ווי גענוי עס האַלטן זיך אַזעלכע איבערזעצונגען באַם כאַראַקטער פון דער אָריגינאַל־שפּראַך, ווי שטאַרק עס ווערן אָפּגעהיט אירע טנועס, איר סינטאַקסיס און־איר גאַנצער שטייגער[1]. דער פרישערער שפּראַך־טאָן אין דער לעפיערעך אָרעמערער וועלטלעכער ליטעראַטור אין אַלט־יידיש,— פון וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעהיט דאָקומענטן נישט קיין סאַך יינגערע ווי פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור — האָט ניט געקאָנט בייקומען אָטאָ די אַרכאַיִזירנדיק פרומלעכע איבערזעצונג־שפּראַך מיט איר קאַנאָניזירטן כאַראַקטער. די האַשפּאָע פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור האָט דאָמינירט אין דער יידישער שפּראַך און האָט דערלאַנגט אַפילע אינעם פאָלקסליד און טאָגטעגלעכן שמועס אַריין.

אַלטע הויכקולטורעלע ליטעראַטור־שפּראַכן, וואָס ווערן נישט באַצייטנס באַנייט דורך אימפולסן פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש (האַגאַם די סיטואַציע איז לויט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען שוין לאַנג צייטיק), באַקומען, אַפילע אינעם פּאָשעטסטן טאָגטעגלעכן שמועס, אַ שטאַרקע נעטיִע צו קאַנאָניש־פאַרגליווערטער פראַזעאָלאָגיע. יעדער אָפּנויג פון דער אויסגעטרעטענער מעליצע קומט אָן שווער; ער ווערט באַטראַכט ווי אַ פאַרשוועכונג פון סטיל און ווי אַ שעדיקונג פון דער שפּראַך. אָטאָ די נעטיִע פאַראַליזירט די אומיטלבאַרקייט פונעם אויסדרוק. די שפּראַך מאַכט זיך, אַזוי צו זאָגן, אומאָפּהענגיק פון לעבן און רעדט איצט שוין בלויז

[1] די האַשפּאָע פון דער ביבל-איבערזעץ-שפּראַך אַף דער דייטשישער, ענגלישער, קירכנסלאַווישער און אנדערע שפּראַכן איז באַקאַנט. „צוליב דער הייליקייט, וואָס האָט אַף דעם בוך, אַף דער ביבל גערוט, האָבן די איבערזעצער מוירע געהאַט צו פאַרמערן אָדער צו פאַרמינערן אַ וואָרט אין זייערע איבערזעצונגען (און אַפילע איבערצושטעלן דאָס מינדסטע אינעם סיידער פון די ווערטער—מ. וו.), דערפאַר האָבן זיי איבערגעזעצט וואָרט פאַר וואָרט און נישט געקוקט אַף דער פרעמדקייט און סטירע צווישן אַזאַ איבערזעץ-שטייגער און דעם כאַראַקטער פון דער שפּראַך, אַף וועלכער מע איבערזעצט. אַזוי, לעמאָשל, די באַקאַנטע אַקילאָס-איבערזעצונג, וואָס איז אין אַסאַך ערטער אומפאַרשטענדלעך צוליב דער גוזמעדיקער פּינקטלעכקייט. אויך אין דער איבערזעצונג פון דער ווולגאַטא אַף דייטש (דאָס אייגענע זעען מיר אין דער אולפילאַס-ביבל, דער עלטסטער ביבל-איבערזעצונג—אַף גאָטישער שפּראַך, אַז זי איז ביז גאָר וואָרט-געטריי איבערגעזעצט לויט דער גריכישער איבערזעצונג.—מ. וו.) זעען מיר דאָס אייגענע, אַז צוליב דער איבעריקער פּינקטלעכקייט זיינען אַסאַך ערטער אומפאַרשטענדלעך, (זע ביישפּילן אין גרינבוימס בוך „מיששפּראַכן א. א. וו.", „ווירכאָווס אַרכיוו", אויך באַ וואַלטער: „די ביבל-איבערזעצונג דעס מיטלאַלטערס", אין שאַטט: „געש. דער דויטשען ביבל-איבערזעצונגען" ז. 10 און באַ נאָך אַנד.). און אַפילע אַ שטיק צייט נאָך לוטערס איבערזעצונג זיינען געמאַכט געוואָרן אַט אַזעלכע פּינקטלעכע איבערזעצונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן געלעכטער צוליב זייער מעשונעדיקייט. לעמאָשל, די באַקאַנטע איבערזעצונג פון זויבערט (1665)..." (א. שולמאַן—„שפת יהודית אשכנזית וספרותה", ריגא תר"עג ז. 7). און אַפילע דערזעלבער לוטער, וואָס האָט אַזוי אָפּגעשפּעט פון אָטאָ דער פּינקטלעכקייט, האָט אַליין אויך אַריינגעבראַכט אין דער דייטשישער שפּראַך אָן אַ שיר העברעיסטישע עלעמענטן, (לעקסישע און גראַמאַטיקאַליש-סינטאַקטישע) אומאָרגאַנישע און פרעמדע צו דער איבערזעץ-שפּראַך.

עטלעכע ביישפּילן פון דער ערשטער יידיש-טייטשער ביבל-איבערזעצונג, פון וועלכער עס איז יאָ געבליבן אַ קאָפּיע ביז אַף היינטיקן טאָג (פון דער א. ג. קאָנסטאַנצער איבערזעצונג פון מיכאַעל אַדאַם, געדרוקט 1544): „טוב מאד" ווערט איבערגעזעצט: „גוט זעהר"; „יום אחד"—„טאָג איין"; בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ והארץ היתה..."—„איידען (ehe denn-איידער) ער האָט דר שאַפן גוט די הימל אונ' די ערד. אונ' די ערד אש (was-as-war) וואישט א. אַז. וו.". לויט דעם איבערזעצונגס-מיין האָט ריכטיק געדאַרפט זיין „איידען גוט האָט דר שאַפן די הימל (אַגעוו זע: „ד י" הימל, מערצאָל, צוליב פּינקטלעכקייט: השמים איז אין העבר. לשון רבים) און די ערד, אש די ערד וואישט א. אַז. וו.". דער איבערזעצער האַלט זיך אָבער פּינקטלעך לויטן וואָרטסיידער פון אָריגינאַל. אַזאַ מין געגליווערטע פּינקטלעכקייט איז אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אָטאָ דער איבערזעץ-ליטעראַטור און האָט באַווירקט אַף אַ וויכטיקן אויפן אויך די אויספורעמונג פון דער יידישער שפּראַך.

מיט דער אָנגעזאַמלטער רייכקייט פון אַסאָציאַציעס און מיינען. און וויפל דער רעדנדיקער באַמיט זיך נישט צו זאָגן דאָס נייע, לעבעדיקע, זאָגט זיך אָטאָ אַזאַ שפּראַך פון אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם פּעריאָד זעלבשטענדיק דאָס אירע, זי דריקט אויס איר אייגענעם היסטאָריש געיאַרשנטן אינהאַלט[1]. זי טיראַניזירט אַזוי שטאַרק, אַז די פּאָעטן, לעמאָשל, נעמען זיך דאַן אַמאָל בעקיוון קינסטלעך נאָכמאַכן פּאַשטעס און פּרימיטיווקייט דורך געדרייטע, געציקלטע, אומגעוווינטע קרומענישן (לעמאָשל, דאַדאַיסטן אין מיירעוו־אייראָפּע און די פוטוריסטישע заумь אין רוסלאַנד), קעדיי פּאָטער צו ווערן פון די נישט־געוווּנשענע מיטקלינגענדיקע נעבנבאַטייטן פון די ווערטער און זאַצן.

לאָמיר באַטראַכטן גענויער אַ טיפּישן ביישפּיל. איינע פון די עלטסטע אייראָפּעישע „נאַציאָנאַל־שפּראַכן"[2], די איטאַליענישע, איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט ליטעראַרישע מעליצעס, אַז אַפילע דאָס פּאָשעטע רעדן פונעם פּאָלקס־מענטש קלינגט אַמאָל ווי אַ קייט פון ציטאַטן. וואָס זיינען די סיבעס? עס איז קעדיי, צוליב אונדזער טעמע, זיך אָפּ אָטאָ די סיבעס אָפּצושטעלן.—די קולטור־ און שפּראַך־דערגרייכונגען פון די בליצייטן אין דער איטאַליענישער שפּראַך, דאָס ערשטע מאָל סאָף 13 און 14 יאָרהונדערט[3]—אַ רעזולטאַט פונעם וואַקסנדיקן באַטייט פון די סאָכריש־שטאָטבירגערלעכע קויכעס און אַ אָפּשפּיגלונג פון די קאַמפן אין קאָמונאַלן לעבן — און דאָס אַנדערע מאָל אין דער צייט פון 15 און 16 יאָרהונדערט[4] — פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג פון דער רעאַקציאָנערער אַווטאָקראַטיע — זיינען אינגאַנצן אַריין אין היינטיקן איטאַליענישן שפּראַך־אָרגאַניזם. אָבער מאַכמעס די אייגנאַרטיקע, אָפּטמאָל זיגזאַגיש־רעגרעסיווע באַוועגונגען אין דער געשיכטע פון איטאַליע: אופּבלי פון בירגערלעך־סאָכרישן שטאָטישן שיכט און פון זיין שטרעבן צו „פרייהייט", אַווטאָקראַטישע רעאַקציע אין דער צייט פון דער קלאַסיק, די שפּאַנישע הערשאַפט אין 17־טן ביז העלפט 18־טן יאָרהונדערט, די עסטרייכישע הערשאַפט, די דוירעס־לאַנגע צעריסנקייט פון די פּראָווינצן ביז צו דער „פאַרייניקונג", שפּעטער, דער איבערפלעכט פון אַזעלכע פאַקטאָרן ווי דער רוימישער קלעריקאַליזם מיטן ספּעציפיש־איטאַליענישן ליבעראַליזם, אַ בירגערלעכע רעוואָלוציאָנערישקייט און נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע רעאַקציע, און דאָס אַלץ אָפּן פאָן פון אַ רעלאַטיוו־אָפּגעשטאַנענער טעכניק און פּראָדוקציע,— האָט די שפּראַך נישט באַוויזן זיך ראַדיקאַל אָפּצופרישן. די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך האָט זיך אָפּטמאָל נישט בלויז אָפּגעשטעלט, זי איז צייטנווייז אויך צוריקגעגאַנגען. ווי דאָס עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־סאָציאַלע לעבן איז אין באַשטימטע פּעריאָדן אויך די שפּראַך פאַרקריפּלט געוואָרן[5]. די עפּאָכן פון דער אופקלער־באַוועגונג (סאָף 18 יאָרה.), פון דער „נאַציאָנאַלער באַוועגונג" און פון די „באַפרייונגס־קאַמפן" (ריזאָרגימענטאָ) אינעם 18 יאָרהונדערט האָבן געבראַכט גרויסע אופטוען אויך אַפן געביט פון שפּראַך־באַנייונג, אָבער אַזוי ווי די באַוועגונגען זיינען געבליבן שטעקן אין די גרענעצן פון נאַציאָנאַל־בירגערלעכע באַשטרעבונגען, וואָס זיינען אין איטאַליע טיילווייז שוין אַמאָל געקומען צום אויסדרוק נאָך אין 14—15 יאָרהונדערט, דעמאָלט ווען דער שטאָט־בירגערלעך סאָכרישער קאַפּיטאַליזם האָט זיך טיילווייז דערשלאָגן צו דער הערשאַפט,— האָבן אָטאָ די אופקלערערישע און נאַציאָנאַל־בירגערלעכע קאַמפן נישט געקאָנט ראַדי־

---

1 זע זייט 85 העאָרע 1.

2 אַזוי האָט מען גערופן אין אָנהייב רענעסאַנס-צייט און שפּעטער יענע פּאָלקס-שפּראַכן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון דער הערשנדיקער לאַטיינישער ליטעראַטור-שפּראַך און זיך דערהויבן פון „וואולגער-אידיאָמען" צו אַ שרייב-שפּראַך.

3 דעמאָלט, ווען דער פלאָרענטינישער (טאָסקאַנישער) אידיאָם איז דערהויבן געוואָרן דורך דאַנטע, פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ א. א. צו אַן אַלגעמיינער ליטעראַטור-שפּראַך.

4 מיט די פאָרשטייער: מאַקיאַוועלי, אַריאָסט, פּיעראָ אַרעטינאָ, טאַסאָ א. א.

5 אַזוי, לעמאָשל, אינעם אַזויגערופענעם „סעצענטיזם", אַ ליטעראַרישער סטיל, וואָס האָט געהערשט אינעם 17 יאָרה.

ק אַ ל בּאַנייען די קולטור און די שפּראַך[1]. די דערגרייכונגען פון אַזעלכע באַוועגונגען
האָט שוין די רענעסאַנס־צייט אין אַ באַשטימטער מאָס געהאַט רעאַליזירט. דער רעלאַטי־
ווער ליטעראַרישער אופבלי אין דער צייט אַרום דער אופקלערונג און אַרום דעם „ריזאָר־
גימענטאָ" האָט נישט געקאָנט ראַדיקאַל אופטרייסלען די שטייפקייט פון דער שפּראַך. בי־
כלאַל איז טאַקע די רייכע שפּראַך־ירושע אַריין אין „פלייש און ביין" פון פאָלקס־שפּראַך[2].
אָבער אַ ל אַ כ ל ו ט ן נייער קולטור־באַזיס אַף צו באַאַרבעטן דאָס געיאַרשנטע איז נישט צו־
געקומען. דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען נאָר אַ נייער קלאַס און זיין רעוואָלוציאָנערער שטרעבן—
דער פּראָלעטאַריאַט און די סאָציאַלע רעוואָלוציע. די עקאָנאָמישע און פּראָדוקציע־באַדינגונגען
האָבן זיך קאָמפּליצירט, אָבער אין פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן — און מעמיילע אויך אין דער
שפּראַך—האָבן אָטאָ די באַדינגונגען נאָך נישט באַקומען די נייטיקע רעאַליזאַציע. די לעבנס־נויט־
ווענדיקייטן שטויסן צו אַ קאָמפּליצירטערן אויסדרוק, וואָס איז נאָך נישט ווי געהעריק פאַראַן.
מוז מען זיך העלפן מיט געיאַרשנטע מעליצעס, אויסנוצן זיי אין פולער מאָס, מיט אַלע זייערע
געקינצלטע דריידלעך. לעכאַטכילע זיינען זיי באַשטימט געווען פאַר באַזונדערס געהויבענע
געלעגנהייטן. איצט ווערן זיי באַנוצט צוליב פּאָשעטע, טאָגטעגלעכע איניאָנים, כאָטש אין
טאָך קאָמפּליצירטערע ווי די אַמאָליקע געהויבענע געלעגנהייטן, וואָס האָבן די מעליצעס און
דריידלעך באַשאַפן. פון אַ ראַפינירטן פּאַלאַץ פאַר נאָבלע הוליאַקעס פּרווט מען מאַכן אַ
פאַבריק; אַ פאַבריק־געביי דאַרף אָבער זיין אי אַסאַך קאָמפּליצירטער, אי אַסאַך פּאָשעטער
ווי אַ רענעסאַנס־פּאַלאַץ. דעריבער איז דער איצטיקער איטאַליענישער שפּראַך־נוסעך אָרנאַ־
מענטאַל, מעליצעדיק, אויסגעפּיינט און ווידער אָבער צו פּראָסט פאַר אַ צייט פון קאַמף
צווישן פּראָלעטאַריאַט און קאַפּיטאַל, צווישן רעוואָלוציע און אימפּעריאַליזם, צווישן וויסנ־
שאַפטלעכן געזעלשאַפט-אופבוי און פאַרגליווערטער אָפּגעשטאַנענקייט. פּאַטעטישע גע־
בלימלטע, וויציק-ראַפינירטע ווערטער און פּראַזעס דאַרפן אויסדריקן זייער פּינקטלעכע,
שטרענג וויסנשאַפטלעכע אָבער פּראָסטע פאַקטן. און ווידער זיינען די איטאַליענישע מאַסן
מיט זייער לעבן־ און קולטור־שטייגער — כאָטש זיי זיינען לויט דער קאָמפּליצירטקייט אַרי־
בערגעוואַקסן די אַלטע האַסאָגעס — פּאָרט נאָך אין אַסאַך פּראָטים ווייט נישט אָנגעקומען
צו די ברייטע קולטור־מעגלעכקייטן, וואָס דאָס גרויסבירגערטום האָט פאַר זיך דערגרייכט,
לעמאָשל, אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס. וואָרעם: זיי האָבן זיך דאָך נאָך נישט דערשלאָגן
צו די מ אַ ט ע ר י ע ל ע מעגלעכקייטן פון יענעם קלאַס, וואָס האָט לויט זיינע באַדערפענישן
באַשאַפן די רענעסאַנס. אַ דיאַלעקטישע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. איז טאַקע די איצטיקע
מעליצעדיקע איטאַליענישע שפּראַך צו ענג און ערטערווייז צו ברייט, יעדנפאַלס נישט גע־
העריק צוגעפּאַסט צו דער צייט; אַזוי אַז אַפילע פּאָשעטע אויסדרוקן, פאַר וועלכע עס

[1] וועהאָראַיע: די ברייטע שפּראַך-דיסקוסיעס, וואָס ציען זיך אין איטאַליע זייט דעם 18 יאָרה., ווען די
פלאָרענטינישע אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן דאָס ווערטערבוך „קרוסקא"—האָבן ביז אַפן היינטיקן נישט אופגע-
הערט. דעמאָלט שוין האָבן די פּראָגרעסיווע פּאָלעמיקער געטייגעט, אַז „קעדיי אויסצודריקן די נייע אידייען, וואָס
זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פון די עקאָנאָמיסטן און פילאָזאָפן, געפינען זיך נישט גענוג מיטלען אינעם ווערטער-
באַשטאַנד פון די אַלטע אַווטאָרן" (אַנרי אָוועט: איטאַליענישע ליטעראַטור, רוס. אויסג. מאָסקווע—פּעטר. 1923 ז.
223). ווידער באַגעגענען מיר די דיסקוסיע סאָף 18 יאָרה. ווען מ. טשעזאַראָטי שטעלט די פאָדערונג „צוצופּאַסן די
איטאַליענישע שפּראַך צום פּראָגרעס פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד", און אינעם אָנהייב 19 יאָרהונדערט אין מאָנטיס קאַמף
קעגן די אַרכאַיזמען און מעליצעס אין דער איטאַליענישער שפּראַך און אין זיין פאָדערונג: מע זאָל לעבעדיקער מאַכן
די שפּראַך דורך וויסנשאַפטלעכע טערמינעס און נעאָלאָגיזמען. מיר באַגעגענען דיזעלבע טייגעס אין מאַנזאָניס
לינגוויסטישע אַרבעטן (צווייטע העלפט 19 יאָרה.)—און אויך אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע
באַוועגונגען פון די לעצטע יאָרצענדליק, לעמאָשל, אינעם פוטוריזם.

[2] עס איז באַקאַנט, אַז אַפילע צווישן אַנאַלפאַבעטישע איטאַליענער געפינען זיך אַזעלכע, וואָס קענען גאַנצע
געזאַנגען פון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע" אויסנווייניק און דעקלאַמירן און ציטירן פון איר באַ יעדער גע-
לעגנהייט.

זיינען אַמאָל געווען פאַרטיקע זאַצן, מוזן איצט נײַ באַשאַפן ווערן מיט הילף פון באַשרייבנדיקע פראַזעס.

כאָטש נישט אַזוי שטאַרק ווי אין דער איטאַליענישער, באַמערקן מיר פאָרט אַ ענלעכע סיטואַציע אין דער נאָך עלטערער פראַנצויזישער „נאַציאָנאַל־שפּראַך“ מיט איר אָפטמאָל סטערעאָטיפּישער פראַזעאָלאָגיע און ווערטלדיקער רעמאָזימדיקייט [1]. די פראַנצויזישע אופקלערונג און רעוואָלוציע אין 18 יאָרה. האָבן דער שפּראַך געגעבן אַ וויכטיקן שטויס אַף פאָרויס. זיי האָבן זי אַרויסגעריסן פון דער געגליווערטער קלאַסיק, זי אָפּגעפרישט און אופגעמונטערט צו אַ נייער איבערפורעמונג. אָבער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך געדרייט אין זיגזאַגן גאַנצע יאָרצענדליקן, צוריקגעקייקלט זיך צו מאָנאַרכיע, זיך אַ ריס געטון נאָכדעם אַף פאָרויס אין דער קאָמונאַרן־באַוועגונג, און שטיין געבליבן אינדערמיט וועג, באַ דער בורזשואַזער רעפּובליק. ווי באדייטנדיק און שטאַרק וויכטיק די האַשפּאָעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַף דער שפּראַך האָבן נישט געזאָלט זיין — אָבער קיין ל א כ ל ו ט ן נייעם קולטור־היסטאָרישן באַזיס האָט די שפּראַך נישט באַקומען; די ריין־בירגערלעכע באַשטרעבונגען זיינען אין אַ געוויסער מאָס שוין אין 17 און נאָכמער אין 18 יאָרהונדערט געקומען צום וואָרט. דער נייער קלאַס, דער אַרבעטנדיקער מיט ז י י נ ע פאָרמולירונגען וועגן מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור האָט זיך נאָך נישט דערשלאָגן צו אַן אַנטשיידנדיקער סיטואַציע. דערפאַר איז די שפּראַך־שעפערישקייט נאָך נישט געוואָרן ראַדיקאַל אופגערודערט, איבערגעבויט און צוגעפּאַסט אומיטלבאַר צום רעאַלן לעבן מיט זיינע נייע באַדינגונגען.

די יינגערע קולטור־שפּראַכן (לעמאָשל: די דייטשישע, פּוילישע, רוסישע, א. א.), וואָס זיינען אָנגעקומען צו ליטעראַרישער פיקסירונג אין אַ שפּעטערער צייט, אַ נעענטערער צו אונדזערער, — אַזוי אַז מיט אַלטע קלאַסישע שפּראַך־טראַדיציעס דאַרפן זיי שוין איצט נישט קעמפן — האָבן פונדעסטוועגן אויך צו קעמפן מיט דער נעטיע צו פאַרגליווערונג, אויב עס קומען נישט אָן נייע שעפערישע קויכעס פון אַ נייעם קלאַס [2]. נאָר אין דער

[1] לודוויק בערנע כאַראַקטעריזירט, עטלעכע יאָרצענדליק נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דידאַזיקע דערשיינונג אַף זיין שטייגער אַזוי: „די פראַנצויזן קאָנען נישט האָבן קיין סטיל, ווייל זייער שפּראַך אַליין פאַרמאָגט סטיל. ווער עס שרייבט אין פראַנקרייך, איז אָדער ער שרייבט ווי די גוטע פראַנצויזישע שרייבער — אָדער ער שרייבט שלעכט. פאַרגלייכט מען רוסאָ מיט וואָלטער, אַזוי זעט מען טאַקע, אַז זייער סטיל איז פארשיידן, אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי די מיינונגען פון אָטאָ די צוויי שרייבער זיינען פאַרשיידענע· דאָרט ווו רוסאָ טראַכט אַזוי ווי וואָלטער, שרייבט ער אויך פונקט אינעם אייגענעם סטיל ווי ער“.
(Ludwig Börnes gesammelte Schriften, Bemerkungen über Sprache und Styl. ב. I ז. 11

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט בערנע (נאָך דער יולי-רעוואָלוציע): „די פראַנצויזן האָבן זיך צו פרי אָנגעמאָסטן און פאַרטיק געמאַכט די שפּראַך, אָטאָ דעם לעוווש פונעם גייסט, און אַזוי ווי זיי, די פראַנצויזן, וואַקסן און אַנטוויקלען זיך פון טאָג צו טאָג, וועלן זיי איגגיכן נישט מער קאָנען רירן מיט קיין אייווער“. (Schilderungen aus Paris. דאָרט, ב. I ז. 483).

[2] א. סעלישטשעוו אין זיין בוך „Язык революционной эпохи.“ (מאָסקווע 1928) וויל אין טאָך באַווייזן, אַז די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט נישט געהאַט קיין שעפערישע, לעפּאָכעס נישט קיין נוצלעכע האַשפּאָע אף דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער שפּראַך. דערביי מאַכט ער אין זיין אויספאָרשונג אן ערנסטן מעטאָדאָלאָגישן פעלער. ער ווייזט נאָך, אף וואָס פאַרא אויפן די פּובליציסטישע צייטונג און בוך-שפּראַך, די פאַרזאַמלונג- און קאַנצעליאַריע-שפּראַך ווערן אופגענומען און פאַרקרימט פון באַשטימטע אָפּגעשטאַנענע שיכטן אין דער באַפעלקערונג און ווי „נעגאַטיוו“ דאָס ווירקט אף זייער שפּראַך און אויסדרוק-קויעך (די דערשיינונג, וועלכע מיר פאָרמולירן ווייטער ווי די „שטאַמלערישקייט“ פון אַ באַשטימטן אָנהייב-פעריאָד) — און מאַכט דערביי אַן אָנשטעל ווי עס וואָלט דעריקער אין דעם פאַקט באַשטאַנען די ווירקונג פון דער רעוואָלוציע אַף דער שפּראַך. אויסמיידנדיק די פראַגע, צי איז דאָס טאַקע, אַפילע פאַר יענע אָפּגעשטאַנענע שיכטן, אַזאַ שפּראַך-שעדיגנדיקער פּראָצעס, ווי סעלישטשעוו וויל אַרויסדרינגען פון די סאַמע ערשטע אָנהייב-רעזולטאַטן (וועגן דער דאָרפישער באַפעלקערונג דערציילט סעלישטשעוו:
„Поговоришь со стариком—сердце радуется. Речь искрится, цветет... Послушаешь молодого—удивляешься.—„Постольку-поскольку“, „в общем и целом“, „констатируем“ и прочая ненужная бессмыслица...“ ז. 213)
וויל איך בלויז אָנווייזן אַף דעם פאַקט, אז סעלישטשעוו נעמט קימאַט לאַכלוטן נישט אין אַכט די אַנדערע, אַסאַך

קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, ווי די דיאַלעקטישע סטירעס, וואָס שטאַמען פון קלאַסנקאַמף, וועלן אָפּפאַלן, וועט מעגלעך זיין אויך אין דער שפּראַך אַן אומופּהערלעך פּאָזיטיוו־וואַקסנדיקער שאַפונג־פּראָצעס דורך שטענדיקער צופּאַסונג צו דער מאַטעריעלער און קול־טורעלער אַנטוויקלונג.—

מיר וועלן נעמען אַ ביישפּיל פון גאָר אַן אַנדערן מין: די העברעיִשע ליטעראַטור־שפּראַך. זי איז אַריין אינעם גליוועך־פּאַזיס נאָך צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, אויב נישט מיט נאָך עטלעכע יאָרהונדערטער פריער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די אַנטיקע מיזרעכ־דיקע (פון אַשור, מיצראַיִם, פּאָראַס־מאָדאַי) און מיירעוודיקע (פון גריכנלאנד, רוים) באשטרע־בונגען צו וועלט־האַנדלספּאַרקער און וועלט־אימפּעריאַליזם. אַ סימען דערוף האָבן מיר אינעם מאָזאַיִק־סטיל, וועלכן מיר באַמערקן שוין אין די העברעיִשע ליטעראַרישע דאָקומענטן פון צווייטן און ערשטן יאָרהונדערט פּ. ד. ג. צייטרעכענונג. זינט דעמאָלט האָט זיך די אָרגאַ־נישע אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער שפּראַך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. זייענדיק אַמאָל די שפּראַך פון אַ פּעאָדאַל־פּויעריש־שקלאַווישער געזעלשאַפט, האָט זי באַם אונטערגאַנג פון אָטאָ דעם געזעלשאַפט־אָרגאַניזם אופגעהערט צו ווערן אַ רעד־שפּראַך. זינט דעמאָלט איז זי געבליבן בלויז אַ שרייב־שפּראַך פאר אַ וואנדערנדיק האַנדלס־פּאָלק בא לאכלוטן געביטענע באַדינגונגען. דער וויכטיקסטער קוואַל פון באַנייִונג, די רעד־שפּראַך האָט געפעלט. דער שוואַכער הויך פון אָפּפרישונג, וואָס עס האָבן געבראַכט אין מיטלאַלטער די ערשטע שטאָט־בירגערלעכע שפּראָצונגען אין דער מויריטאַנישער קאַסטיליע, דער ערשטער אַרויסזאָג פו הומאַניזם אין זיין אַראַבישער פּאָרמאַציע (10—12 יאָרה.)—האָט אפילע פאר דער לעבעדי־קער אַראַבישער קולטור און שפּראַך נישט געקלעקט, קעדיי אינגאַצן צו באַפרייען די קול־טור—פון טעאָלאָגישן גליוועך, און די שפּראַך—פון קאָראַנישע מאָזאַיִקן. און נאָך ווייניקער האָט עס געקאָנט קלעקן, קעדיי די העברעיִשע שפּראַך צו באַפרייען פון די מאָזאַיִקן אויס ביבלישע און אנדערע פּסוקים. אויך די האַסקאָלע מיט אירע קינסטלעכע באַמיִונגען אופצו־

וויכטיקערע זייט אין דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע אף דער שפּראַך: דאָס אריינשטראָמען פון דער געזונטער לעבעדיקער און רעאַל-נויטוועגדיקער מאַסן-שפּראַך (פּראָפעסיאָנעלע שפּראַך, ארבעטער-שפּראַך, שפּראַך פון נייעם לעבנשטייגער, פּויערשע און קאַנט-דיאַלעקטן א. א. ו.) אין די אַלגעמיינע רעד- און ליטעראַטור-שפּראַך. ווי געזונט, נוצלעך, נויטוועגדיק און „פּאָזיטיוו" באַרייכערנדיק (אַף א פּראָגרעסיוון שטייגער!) אָט-אָ דער פּראָצעס איז—באַווייזן אָפּשפּיגלענדיק די בעסטע שאַפונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צען יאָר. וועגן דעם שווייגט סעלישטשעוו. די פּאָליטישע שפּראַך איז צוגעגרייט געוואָרן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע,—סעלישטשעוו אַליין רעדט וועגן דעם,—נישט די רעוואָלוציע האָט זי ערשט באַדאַרפט באשאַפן. זי האָט אָט-אָ די פּאָליטישע שפּראַך געדאַרפט פאַרשפּרייטן אין די ברייטסטע מאַסן אַרבעטנדיקע. דערביי קאָנען אינאָנהייב נישט אויסגעמיטן ווערן פאַרשידענע פאַרקריפּלונגען מיצאַד יענע אָפּגעשטאַנענע שיכטן, וואָס באַגעגענען זיך מיט אָט-אָ דער הויך-אַנטוויקלטער שפּראַך צום ערשטן מאָל. אין זינען פון שפּראַך-אַנטוויקלונג ברענגט די רעוואָלוציע גאָר אַן אַנ-דערע גרויסע דערגרייכונג: דאָס אומיטלבארע צופּאַסן די שפּראַך צו דער רעאַליטעט און אירע נויטוועגדיקייטן. ד. ה. דאָס איבערבויען די שפּראַך לויט די באַדערפעניש און לויט דעם לעבנשטייגער פון די ברייטסטע מאַסן אַרבעטנדיקע, פון אַלע שיכטן (דאָרף, שטאָט) און פון אַלע קאַנטן און פּראָווינצן. ווען סעלישטשעוו וואָלט אַף דעם געלייגט אַכט, וואָלט ער אוואַדע געקומען צו אנדערע אויספירן בענגייע דער גרייס פון דער ווירקונג און צו אַן אַנדערער אָפּשאַצונג בענגייע דעם ווערט פון דער ווירקונג פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אף דער שפּראַך. ער באַהאַנדלט בלויז די פראַגע: ווי האָט זיך פאַרוואַנדלט די אינטעליגענטישע בוך-שפּראַך אינעם מויל פון די מאַסן, ער איגנאָרירט אָבער דאָס פּראָבלעם: וועלכע האַשפּאָע האָבן געהאַט, אין רעזולטאַט פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, די מאַסן-שפּראַך, פּראָפעסיאָנעלע שפּראַך, די פּויערישע און קאַנט-דיאַלעקטן אַף די פּאָזיטיווע באַרייכערונג פון דער אַלגעמיינער און קולטור-שפּראַך. און אַזוי האָט די פּראָבלעם געדאַרפט ריכטיק געשטעלט ווערן.

אגעוו: אַזאַ אויספאָרשונג בענגייע דער יידישער שפּראַך וואָלט זיך זייער געלוינט און וואָלט געבראַכט וויכטיקע רעזולטאַטן. עס וואָלט נישט געבליבן קיין שום סאָפעק, אַז די האַשפּאָע פון צען יאָר ראַטן-לעבן באַטייט אויך פאר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך (ביז אריין אין די איידלסטע געוועבן פון דער גראַמאַטיק) אַן אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט.

פרישן די העברעיִשע שפראַך האָט דאָך נישט געבראַכט די שפּראַך צו אַ מאַדרייגע פון נאָרמאַלקייט. פאַרקערט, די סטירע, וואָס איז געלעגן צווישן אָטאָ די באַמיִונגען און די עמעסע באַדערפענישן פון לעבן, האָט דערפירט צו אַ נאָך גרעסערער מעליצעדיקייט. די בירגערלעך־נאַציאָנאַלע, שאָוויניסטיש־רעליגיעזע באַוועגונגען פון די לעצטע צענדליק יאָר, וואָס האָבן זיך לויט זייערע רעגרעסיווע טענדענצן אַפּסניי אָנגעהויבן פאָרען אַרום דער באַלעבונג פון דער העברעיִשער שפּראַך — האָבן אינעמעסן בלויז געקאָנט פאַרבייטן די עלטערע ביבלישע מעליצעס מיט יינגערע מעליצעס פון טאַלמוד, פּאָסקים און אַנדערער ראַבאָנישער ליטעראַטור. און אַזוי איז די העברעיִשע שפּראַך געבליבן און געמוזט בלייבן אַ שרייב־שפּראַך, וואָס באַשטייט פון „פּסוקים און שטיקלעך פּסוקים״, אַ שפּראַך, וואָס קאָן זיך בא אַ קונציקסטער אָנשטרענגונג נישט באַפרייען: פון מעליצע, אַלציינס פון וועלכער צייט די מעליצע ווערט אַנטליגן, און פון דער אָדער יענער היסטאָרישער איבערגעלאָדנקייט[1], ווייל עס פעלט איר אַ קעגנוואַרט און אַ לעבעדיקע באַרעכטיקונג.

———

אף וויפל אָבער די יידישע שפּראַך איז געווען צוגעבונדן צו דער העברעיִשער שרייב־שפּראַך און צו אירע האַשפּאָעס יאָרהונדערטער לאַנג האָט אויך די יידישע שפּראַך אָנטייל גענומען אינעם גליוּער פון דער העברעיִשער. די האַשפּאָע איז געווען אַ טאָפּלטע: 1) אַ דירעקטע, דורך אַ שטענדיקן אַריבערשטראָמען פון רעליגיעזע, וועלטלעכע, באַזונדערס אַבסטראַקטע, טערמינעס, ווערטער, גאַנצע פראַזעס, ציטאַטעס, רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער, קלאָלעס, בראָכעס א. אז. וו. אין אָריגינאַלער, גאָרנישט אָדער ווייניק *איבערגעאַרבעטער* („*יידישיזירטער*״) *געשטאַלט*; און 2) אַ דירעקטע, דורך דער באַדייטנדיקער איבערזעצונג־ליטעראַטור, וואָס האָט שקלאַוויש־גענוי זיך „געהאַלטן באַם טעקסט״, איבערגענומען די אַרכאַיִשע פאָרם, דעם זאַצבוי און אָפּגעהיט מיט אַלע מיטלען דעם כאַראַקטער פון אָריגינאַל.

מיט דער אַקשאָנעס און ברייטקייט פון קאַנאָנישע פאָרמולעס האָבן אָטאָ די עלעמענטן ווילד געבושעוועט אין דער יידישער שפּראַך באַם אָנהייב פון איר באַנייִונג סאָף 18, אָנהייב 19 יאָרהונדערט. זיי האָבן געווירקט אָפּהאַלטנדיק. עס איז נייטיק געוואָרן אַ קאַמף, וואָס איז ענלעך געווען צו דעם קאַמף פון דער רוסישער ליטעראַטור־שפּראַך אינעם 18 יאָרהונדערט קעגן די אָפּהאַלטנדיקע האַשפּאָעס פון דער קירכנסלאַווישער, אָדער צו די קאַמפן פון די אייראָפּעיִשע נאַציאָנאַל־שפּראַכן אַקעגן דעם קירכלעכן לאַטיין. פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז געשטאַנען די אופגאַבע: צו באַפרייען די שפּראַך, פּאָרזיכטיק, אַזוי אַז וויכטיקע טיילן אירע זאָלן נישט באַשעדיקט ווערן, פון איבעריקן אייגענעם און העברעיִשן שפּראַך־פאָלקלאָר, פון וועלכן עס האָט אומנויטיק געווימלט אין דער רעד־ און שרייַב־שפּראַך. ריכטיקער: גויווער צו זיין, איינצונעמען אָטאָ די עלעמענטן, אַז נישט זיי זאָלן געוועלטיקן איבער דער שפּראַך, נאָר די שפּראַך איבער זיי.

די אופגאַבע איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: ערשטנס, האָט מען געמוזט בייַקומען די פייערלעכע פּאָמפּע פון דער פרומלעכער אָדער איבערגעשפּיצט קלוגיטשקער העברעיִזירנדיקער פראַזע; צווייטנס, איז דאָך יידיש אַליין, אָפּגערעדט פון די העברעיִשע האַשפּאָעס, געווען אין דער סיטואַציע פון אַן אַלטער ליטעראַטור־שפּראַך, מיט אַ באַדייטנדיקער געשריבענער ליטעראַרישער ירושע (בלי־צייט פון 16 און 17 יאָרהונדערט). און די אַלע עלעמענטן זיינען צום גרויסן טייל ביז אָנהייב 19 יאָרהונדערט און אַפילע שפּעטער געווען פּאָפּולער און

1 אַ לערנביכל פון פיזיק אין דער העברעישער שפּראַך שמעקט מיט דעם געהויבענעם געזעצגעבערישן פּאַטאָס פון מישנע-סטיל, אַ איבערזעצונג פונם סטאָיקער מאַרק אַורעליוס, האָט, כאָטש עס איז באַשיימפּערלעך אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן אַסאַך מי, דעם טאַם פון שבט מוסר אָדער חובת הלבבות. די שפּראַך קאָן נישט מער געבן ווי דאָס, וואָס זי האָט און דאָס וואָס זי קאָן.

האָבן באַווירקט די שפּראַך מיט צוריקפירנדיקע, אַרכאַיִזירנדיקע טענדענצן, פאַרמינערט איר פעיִקייט זיך פּינקטלעך און דייטלעך אויסצודריקן. דערמיט האָט מען זיך געמוזט ליטעראַ־ריש אָפּפאַרטיקן.

ווי מיר זעען, איז די יידישע שפּראַך געווען אין אַ צוויפאַכיקן צושטאַנד: פון איין זייט אין דער סיטואַציע פון אַן אָנהייבנדיקער ליטעראַטור־שפּראַך, מיט אַלע מייַלעס און כעסרוינעס פון נישט־פיקסירטער פּרימיטיווקייט, און פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט זי פּאַרט געהאַט רייכע ליטעראַרישע האַשפּאָעס פון אָוואַר, איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ שווערער ירושה פון באַלפּע און געשריבנס. דערפאַר האָט די שפּראַך געהאַט צו קעמפן נישט בלויז מיט די שוועריקייטן פון אַ ליטעראַריש נאָך נישט פאַרפעסטיקן אידיאָם, נייַערט אויך מיט די שוועריקייטן פון פאַרשקלאַפנדיקע איבערקולטיווירטע שפּראַך־טראַדיציעס אין דעגענערירטער פאָרם, פון שפּראַך־טראַדיציעס, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידנערליי קוואַלן. —

———

אין אָנהייב 19 יאָרה. האָט דער פאַראָרעמונג־ און פאַרקריפּלונג־פּראָצעס בא די יידישע מאַסן דערגרייכט גאָר אַ הויכן גראַד [1]. די שיכטן־דיפערענצירונג הייבט אָן ווערן דייטלעכער, באַזונדערס פאַר יענע שרייבער, וואָס האָבן זיך גענומען אַרויסשטעלן די פאָדערונגען פון די מאַסן: די דיפערענצירוגג צווישן „די פאַרשמאָדערטע נגידים", „טוער אין שטאָט, וואָס לעבן דערפון", און צווישן דעם „איבריגן אוילעם, וואָס האָרעוועט, רייסט קריע, פאַרדינט נעבעך מיט דעם ביטערן שווייס זיין גראָשן" און דאָס אַלץ „פאַר פרעמדע ווייב און קינ־דער", פאַר די גווירים. אויך אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון יידישן טכום איז געקומען די צייט, כאָטש אַביסל פאַרשפּעטיקט, פאַר די ווירקונגען פון דער אופקלערונג. און אויב מע האָט געוואָלט מיט דער אופקלערונג אָנקומען צום „איבריגן אוילעם"—האָט מען גע־מוזט שרייבן דאַפקע אין דער שפּראַך פון דעם „איבריגן אוילעם", יידיש, און לויט זיין נוסעך. אָנקומען צו יידיש—איז געווען אַן אינעווייניקע קאָנסעקווענץ פאַר די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער האַסקאָלע־באַוועגונג [2].

1 „ווער ס'איז (1) נעביך איין ערליכער מאַן (2) ליגט אין דער אדמה, וויפיל מיינט איר זיינען דען גאָר אָט די (3) וואָס בלישצען אין שטאָט? דרייסיק אָדער פערציק פאַרשוין דאָס איז (4) דער פער! דער כלל, ווער עס קען זיין עפּעס אַ טהוער אין שטאָדט, דער לעבט דער פון, דער איבריגער עולם האָריוועו, (5) רייסן קריעה, פאַרדינען (6) נעביך מיט דעם ביטערין שווייס זייער גראָשין; וואָס העלפט עס; זיי מוזן האָריוועו אויף פרעמדע ווייב און קינדער, זייער גאַנץ (7) דאָבער מזל (8) נעביך געהט אַריין אין די (9) פאַרשמאָדירטע נגידים: זיי זייגן זיי אויס (10) טאָג און נאַכט..." י. ב. לעווינזאָן: „די העפקער־וועלט" ייד. פאָלקסב. I ז. 142—143 (אַגעוו: אין אַכט דרוק־שורעס—10 רעדנסאַרטן!)

2 די האַסקאָלע, ווי ביכלאַל די אופקלער־באַוועגונג אין אייראָפּע, איז געווען די אידעאָלאָגיע פון דער צו־גרייטונג־צייט פאַר אַ בירגערלעך־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (די האַסקאָלע־פאָדערונגען טעאָרעטיש פאָרמולירט: בירגערלעכע עמאַנסיפּאַציע, וועלטלעכע בילדונג, באַפרייונג פון קאָהאָלש־גווירישן אָל, באַפרייונג פון קליי־קוידעש און רעליגיע, אַריבערפירונג פון די לופטמענטש־מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט). די האַסקאָלע האָט אָבער, ווי יעדע אופקלער־באַוועגונג, דערווייל נאָך אין איר קאַמף־פּאַזיס אַרומגענומען אויך די סאָציאַלע באַשטרעבונגען פון „אונ־טערשטן" האַמוין. האַגאַם אָטאָ די באַשטרעבונגען האָבן זיך נאָך נישט זעלבשטענדיק אַרויסקריסטאַליזירט. ווי יעדע בירגערלעך־רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע איז די האַסקאָלע גרייט געווען, טייקעף נאָך דער רעאַליזירונג פון די ריין־ביר־גערלעכע פאָדערונגען, זיך אָפּצוזאָגן פון די האַמוינישע באַשטרעבונגען און דאַן אַפילע קעגן זיי אַרויסצוטרעטן. אין צושטאַנד פאַר דער בירגערלעכער איבערקערעניש האָט זיך די אופקלערונג דערלויבט שטעלן אַזעלכע „האַ־מוינישע" פאָדערונגען, וואָס זיינען לויט זייער טאָך געווען אַ סטירע צו די בירגערלעכע פאָדערונגען. פון אָטאָ די טאָפּלטע טענדענצן אין דער האַסקאָלע קומען אַרויס די סטירעס אין אַלע אירע אַרויסטרעטונגען. פון איין זייט באַ־קעמפט די האַסקאָלע די גווירים און קאָהאָל־לייט, פון דער אַנדערער זייט שטעלט זי אַליין אַרויס פאַר אירע פאָר־שטייער אַ ריי אַזעלכע גווירים און קאָהאָלשע פּיאָוקעס (זע די געשיכטע פון דער האַסקאָלע, באַזונדערס אין גאַ־ליציע און פוילן). אַנדערע פון אירע פאָרשטייער פאַרבינדן זיך אַמאָל אַפילע מיט די רעאַקציאָנערע קויכעס גראָד קעגן די אָרעמסטע מאַסן און קעגן די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס. פון איין זייט דערפירט די האַסקאָלע ביז צו די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, פון דער אַנדערער זייט „צוריק אין שול אַריין", צו בירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע באַ־וועגונגען און צום ציאָניזם. פון איין זייט פירט זי צו אַ דייטלעכער קלאָרער שפּראַך פון די מאַסן און". פון דער

אָביעקטיוו גענומען האָט „יידיש" דעמאָלט באַטייט: אויפקלערן די מאַסן, אופרופן זיי צו קולטורעלער זעלבסטהילף, — אין קעגנזאַץ צו דער „לאַנדשפּראַך", מיט וועלכער מע האָט פאַרבונדן שטאַדלאָנישע קאַוואָנעס און אין קעגנזאַץ צו העברעיש, מיט וועלכן מע האָט זיך געווענדט צום באַלעבאָס, צו דער „קלויז־אינטעליגענץ". די קאַוואָנע פון י. ב. לעווינזאָנס „העפקער־וועלט" איז געווען אַ ריין געזעלשאַפטלעכע. ער האָט געוואָלט אויפקלערן[1], דערפאַר האָט ער געמוזט אויסמיידן אַלעס, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן אַ מעניע צו באַנעמען זיינע ווערטער. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ר׳ זאָרעך און אַ ר׳ פייטל און זיי געלאָזט רעדן מיט זייערע באַגריפן, מיט זייער רעדשטייגער און נוסעך[2]; אַבי עס איז אַרויסגעקומען זיין טענדענץ. קעדיי ביכלאל אָנהייבן רעדן — און באַנעמען — אַ געזעלשאַפטלעכן איניען אין יידיש, האָט מען דערווייל געמוזט רודערן מיט דער צונג אַזוי ווי זי איז געוווינט געווען. אָבער טייקעף האָבן זיך שוין די ערשטע שרייבער געמוזט אָנשטויסן אָן דער אומגעהייערער פאַרוואָרלאָזקייט פון דער שפּראַך. די שפּראַך פון די ר׳ זאָרעכס און ר׳ פייטלס איז באַשטאַנען פון אַ קייט יידישע און העברעיִשע ווערטלעך, איבערגעריסענע בלויז פון צווישן־ווערטער, וואָס האָבן אָטאָ די פראַזעס געדאַרפט צונויפבינדן און פירן צו אַ באַשטימטן אויסדרוק־ציל[3]. די שפּראַך האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט, מיט דעם שרייבערס אייגענעם נוסעך, סיידן נאָר אין אַזאַ פאָרם, ווי די זאָרעכס און פייטלס האָבן דעם געדאַנק געגעבן, לויט זייער באַנעם. אַכוץ דעם האָט די שילדערונג פון די פאַרקריפּלטע באַדינגונגען צומבעסטן געקאָנט איבערגעגעבן ווערן דורך דעם פאַרקריפּלטן רעדשטייגער פון די געשילדערטע פאַרשוינען. אַז לעווינזאָן האָט געוואָלט אַרויסזאָגן זיינע — פאַרן „האַמוין" צו קאָמפּליצירטע — געדאַנקען און טעאָריעס וועגן דער אויפקלערונג, איז ער אַוועק צו דער

אָרעמקייט, צו יידיש, פון דער אַנדערער זייט צו אַ קלאָמערשטער אופלעבונג פון העברעיש, — לויט די אינטערעסן פון רעאַקציאָנערן בירגערטום, — צו אומדייטלעכער פוסטער פראַזעאָלאָגיע, אַזוי אַז „האַסקאָלע" ווערט אַמאָל אַ סינאָנים פאַר געציקלטער, גאָרנישט־זאָגנדיקער מעליצע. גענויער וועגן דעם זע מיין אַרטיקל אין דער „רויטער וועלט" („פּראָבלעמען פון רעאַליזם באַ מענדעלען"). 1928, נומער 5—6.

1 דאָס אייגענע מוז מען זאָגן וועגן מענדל לעפינס איבערזעצונגען פון ביבלישע ווערק — אָגעוו, געהערן די ביכער, וואָס ער האָט איבערגעזעצט, צו די וועלטלעכסטע אין דער ביבל — ווי מאָדנע דאָס זעט פאַר אונדז היינט נישט אויס. די קאַוואָנע פון זיינע איבערזעצונגען איז געווען: אומאָפּהענגיק מאַכן די מאַסן פון „קולטורעלן" מאָנאָפּאָל פון באַשטימטע אויבערשיכטן.

בוילעטער זעט מען אַרויס אָטאָ די, מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניקע, קאַוואָנעס פון די ביבל־איבערזעצונגען אין דער צייט פון די פויערים־מילכאָמעס אין דייטשלאַנד. אין יענע צייטן איז אַ ביבל־איבערזעצונג געווען אַ וויכטיק קאַמף־מיטל—אין אַלע לענדער. נישט אומזיסט האָט זיך יעדע איבערזעצונג אין אַ פאָלקס־שפּראַך באַגעגנט מיט מעניעס און איז געווען שטרענג פאַרבאָטן (לעפינס איבערזעצונג האָט זיך דאָך טאַקע אויך באַגעגנט מיט שאַרפע אָנפאַלן). די דייטשע רעפאָרמאַציע, וואָס האָט אינעמעסן באַטייט דעם ערשטן וויכטיקערן זיג פון שטאָט־בירגערטום אין דייטשלאַנד (אינעם קאַמף־פאַזיס האָט זי אויך אַרומגענומען די פויערים־באַוועגונג, וועלכע זי האָט שפּעטער פאַראַטן), האָט באַהאַלטן אירע עמעסע סאָציאַל־פּאָליטישע קאַוואָנעס אונטער קלאָמערשטע רעליגיעזע טיינעס און האָט אַרויסגערוקט לוטערס ביבל־איבערזעצונג ווי איינע פון די וויכטיקסטע לאָזונגען.

2 אין דער „העפקער־וועלט", אַ ווערק, וואָס געהער נאָך לאַכלוטן צו דער קאַטעגאָריע „נאַיוועד רעאַליזם" (פאַר־קינסטלערישער), איז קיין דיפערענצירונג אינעם אויפן באַנוצן רעדנסאַרטן נאָך נישט פאַראַן: אַלע פאַרשוינען רעדן אָן אַ כילעק רעדנסאַרטן פונעם זעלבן כאַראַקטער. אז מע פאַרגלייכט „די העפקער־וועלט" מיט עטינגערס סערקעלע ווערט בוילעט דער כילעק צווישן נאַיוון און קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס הייבט זיך שוין אָן צו באַווייזן אין עטינגערס ווערק אַפילע אינעם אויפן ווי ער ניואַנסירט די רעדנסאַרטלעכקייט פון יעדן פאַרשוין באַזונדער.

3 ביישפּילן: „ר׳ פייטל: זאָגט זשע אַזוי (1) מיין לעבן, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, (2) מאַריך־יאָמים זיין זאָלן אייערע ראַבאָנים! באַ אונדז אָבער (3) ליגן די לאָמדים, די ראַבאָנים גאָר אין דער ערד (4) מיינע סאָנים. באַ אונדז (5) פירן אָבער כסידישע רעביים דאָס רעדל, (6) זיי קוקן נישט אין טאַכלעס אַריין, זיי זאָגן זיי (7) קוקן אין הימל אַריין, זייערע קינדער אַליין (8) האָבן אָפּט

העברעיִשער שפּראַך! אַ פּויעל־יוּיצע פון די דיאַלעקטישע סטירעס אין דער האַסקאָלע. די פּראָגרעסיווע טענדענצן פון דער האַסקאָלע שטויסן אים צו יידיש, צו די מאַסן, קעדיי אַרויסצורופן אין זיי דעם ווילן צו זעלבסטהילף. די באַגרענעצט־בירגערלעכע טענדענצן פון דער באַוועגונג פירן אים צו שטאַדלאָנעס און צו העברעיִש, ד. ה. אַז ער זאָל זיך ווענדן גראָד צו יענע שיכטן און קרייזן, פון וועלכע עס קומט די אונטערדריקונג.

אַנדערש שפּיגלט זיך אָפּ דידאָזיקע סטירע פון דער האַסקאָלע אין די ווערק פון שלוימע עטינגער. די האַמוינישע טענדענץ דערפירט אים צו יידיש בלויז ווי צו א מאַסן־שפּראַך, — נישט ווייטער. די סאָציאַלע קאָנפליקטן רירן אים ווייניק, זיין טראַכטן איז נישט דורכגעדרונגען דערמיט. ער שטייט מיט ביידע פיס אַפן באָדן פון בירגערטום און קריטיקירט עס פון בירגערלעכן שטאַנדפונקט. ער האָט געשריבן אין דער שפּראַך פון די מאַסן — אָבער דאַפקע פאר די מאַסן האָט זיין אויסגעפיינטע פאָרם נישט געקאָנט זיין צוגענגלעך[1]. ער האָט זיך קינסטלעריש אינגאַנצן געוואָלט אַרויסזאָגן בלויז אַף יידיש, און דאַפקע נישט אין זאָרעכס און פייטלס נוסעך, נייערט אין זיין אייגענעם אינטעליגענטישן בירגערלעכן סטיל פון יענער צייט. דערפאַר האָט ער זיך געמוזט נעמען, ער דער ערשטער, צו אַ באַוווסטזיניק קינסטלערישער שפּראַכפורעמונג. ער האָט זיך טייקעף אָנגעשטויסן אַף דער אופגאַבע, איבערצושטעלן די שפּראַך אַף אַ נייעם, ריכטיקער „מאָדערנעם”, קולטור־באַזיס, זי אָפּצוּרייניקן פון ווולגאַריטעט און אומדייטלעכקייט, דורך איראָניע צו דיסקרעדיטירן אַ גרויסן טייל אומנוציק אופגעשפייכלערטן שפּראַך־מאַטעריאַל, קורץ: די שפּראַך פונסניי צוגעווינען, אַז זי זאָל עפּעס „אויסדריקן”. די אידעאָלאָגיע פון זיין שאַפן, אין וועלכן די סאָציאַלע פּראָבלעמען פאַרנעמען רעלאַטיוו ווייניק אָרט, האָט אים דערלויבט זיך נישט שרעקן פאַר דער מעגלעכקייט, אַז דער ברייטער אוילעם[2] וועט די קינסטלערישע „פיינקייטן” פון זיין שפּראַך[3] נישט באַנעמען. אין זיין סטיל הייבט זיך אָן באַווייזן אַ באַשטימטע גראַמאַטיקאַלישע און סינטאַקטישע לאָגיק, וואָס צוימט איין די ביזדעמאָלטיקע באַאָטישע צעיוירנקייט. און דאָ קריסטאַליזירט זיך שוין אויס די דיפערענצירונג אינעם אויפן באַנוצן שפּראַך־פאָלקלאָר.

טשעקן-געלט אין פּעקל, (9) ס'טייטש, אַ פּעקל-מאַכער איז דאָך בא די רעביים גאָר (10) דאָס אויבערשטע פון דעם שטייסל..." ייד. פאָלקסב. (ז. 135, די העפקער-וועלט).

„ר' פייטל: (1) אַ געלעכטער, כלעבן, מיט דעם ליטוואַק! (2) סטייטש, איך האָב געהאַט אַ ברירע גיט צו זאָגן ווי מע הייסט? (3) מע וואָלט מיר די שמאַד אַרופגעלייגט, און מע וואָלט מיך (4) אויקער מין האַשוירש געווען". (דאָרט)

„ר' זאָרעך: וואָס (1) כאַפּט איר זיך גראָד אָן אים אָן? ער איז שוין (2) דאָס הינטערשטע פונם בענטשן, מע שמועסט אָבער (3) פון דער גילדענער פּאָן קלאָמערשט". (דאָרט ז. 142).

„אוירעך: אוי (1) געשעדיקט זאָלט איר ווערן! (2) עס איז גאָר פּורים מיט אייך";

„ר' פייטל: עס איז אָבער אַלץ עמעס, גלויבט מיר עס איז פונקט אַזוי (3) עס פעלט נישט קיין האָר..." (ז. 145).

פארגלייך אויך די שפּראַך פון וועלוול גיליוואַטע אין אקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט".

1 ס'איז דערפאַר קיין וווּנדער נישט, וואָס גראָד די הויכבירגערלעכע קרייזן האָבן זיך מיט זיין ווערק צומייגסטן פאַרינטערעסירט. (וועגן דעם אויספירלעכער—אין אַן אַנדער אָרט).

2 אַ שמאָלערער קרייז פון אינטעליגענטן האָט אָטאָ די פיינקייטן פון זיין שפּראַך טייקעף און נאָך בא זיין לעבן אויסגעצייכנט באַנומען און אופגענומען.

3 ווי באַוווסטזיניק עטינגער איז צוגעטראָטן צו דער שפּראַך-פורעמונג זעען מיר, לעמאָשל, פון אַזעלכע ווערטער: „... אין איינער וואָרטאַרמען שפּראַכע, פיר איינע נאַציאָן, דער עס אן מיטהאָלאָגיע, (לויטן קאָנטעקסט איז דאָ דערמיט אַנערעך געמיינט „קינסטלערישע און קולטורעלע טראַדיציע") וועלט- אונד נאַטורגעשיכטע מאַנגעלט עטוואַס געניערייכעס צו שרייבען, איזט איינע שוויעריגקייט די פיללייכט ערשט—נאך מיינעם פּלאַנע—אין איינִיגען יאַהרען געהאָבן זיין ווירד..." (בריוו נומ. 3. קסאָווים II, ז. 567).

צוגויפנעמענדיק, כאַזוערן מיר איבער. די יידישע שפּראַך איז אין אָנהייב פון איר לי־טעראַרישער באַנייונג געשטאַנען פאַר דער אופגאַבע זיך שאַפעריש־קריטיש פאַנאַנדערצוקלייבן אין אַ אומגעהייער ברייטער פּראַזעאָלאָגיע, וועלכע מע קאָן איינטיילן, לויט דער אָפּשטאַ־מונג, אין צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס: מינדלעכער רעדשטייגער און בוך־פּראַזעאָלאָגיע. אינעם מינדלעכן רעדשטייגער טיילן מיר אויס: 1) עלטערע און נייע געזונטע שאַפערישע בילדער, רעדנסאַרטן, אויסרופן א. אז. וו.; 2) היפּערטראָפיש צעוואַקסענער און צעיוירענער שפּראַך־פּאָלקלאָר, וואָס פאַרשטייפט און פאַרקריפּלט די שפּראַך אין דער צייט פון פּאָליטישן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטילשטאַנד; 3) רוי איבערגענומענער (נישט איבערגעזעצטער) שפּראַך־פּאָלקלאָר וואָס שטאַמט פון העברעיִש; 4) קינסטלעריש געפורעמטער פּאָלקלאָר פון אַלטן פאָלקס־ליד, פּאָלקס־מייַסע א. אז. וו.—אין דער בוך פּראַזעאָלאָגיע טיילן מיר אויס עלעמענטן פון דרייערליי קוואַלן: 1) פון דער עלטערער רעליגיעזער איבערזעץ־ליטעראַטור (ביבל־איבערזעצונגען, טייטש־כומעש, טפילעס, טכינעס, מוסער, מייַסעס, דינים א. אז. וו.), ד. ה. אומדירעקט פון העב־רעיִש; 2) פון דער וועלטלעכער איבערזעץ־ליטעראַטור, ד. ה. אומדירעקט פון פאַרשיי־דענע שפּראַכן; 3) פון דער אָריגינאַלער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

אַכוץ דעם האָט מען געדאַרפט בייקומען אַזעלכע שוועריקייטן ווי: ענגקייט פון אויס־דרוק; די סאַקאָנע פון מעכאַנישן נאָכמאַכן יענע פרעמדע שפּראַכן, וועלכע מע האַלט פאַר מוסטערן (ווייטער וועלן מיר די דערשיינונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אָנהייב־פּאַזיסן פון א שפּראַך־באַנייונג, אָנרופן „שטאַמלערישקייט"); די פאַראַרבעטונג פון די פאַר־שיידענע קאַנט־דיאַלעקטן (רעזשיאָנאַלע אידיאָמען) מיט זייער ווילדער שפּע און כאַאָטי־שער צעפּאָרנקייט.

אויסגעפּירט געוואָרן איז דאָס מיט דער הילף: 1) פון סאַטירע און קריטיק בענעגייע די אומנויטיקע שטערנדיקע שפּראַך־עלעמענטן[1]; 2) פון פּאָזיטיוון איבערנוצן א טייל יע־רושע־עלעמענטן[2], 3) פון קינסטלערישער דיסציפּלין בענעגייע דיאַלעקט און קאַנט־שפּראַך[3].

4. שפּראַך־פּאָלקלאָר אַלס מיטל פון קריטיק

דאָס אופקומען פון נייע ליטעראַטור־שפּראַכן, אָדער זייער באַנייונג איז—אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט — אַ אויסדרוק פון דיפערענצירונג־פּראָצעסן, וואָס זיינען געווענדעט אַקעגן דעם הערשנדיקן קולטור־רעזשים[4], איינס פון די איבערקערערישע קאַמף־מיטלען קעגן דעם הערשנדיקן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן סיידער. דערפון נעמט זיך די פּאָלקיסטישע באַ־

[1] מענדל לעפין פרווט אף א נאַיוון שטייגער בייצוקומען דעם געגליווערטן קאַנאָנישן טייטש־כומעש־סטיל— דורך שפּראַך־פּאָלקלאָר און באַזונדערס דורך וויניק דיסציפּלינירטער אידיאָמאַטיק, ד. ה. ער טרייבט אַרויס דעם טייוול דורך א דיבעק. ביישפּילן: „צומאָל איז אָבער אויך בעסער אַ זשמעניע נאַכעס, פוןביידע הענט פול מיט האָרע־וואַניע און קאָפּ־דרייעניש" (קהלת, זע רייזען „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" ז. 168); „דאָס איז אויך העוול און אומזיסטער קלאָפּאָט" („הבל ורעות רוח", דאָרט); „...אָבער איין איינציקער כיסאָרן איזבאַוועט פיל גוטס" (דאָרט ז. 176); „דער וואָס שלעפּט שטיינער אַהער, רייסט אַליין קריע פון זיך..." דאָרט ז. 177); „די האָרעוואַניע פון א נאַר מאָרדעוועט אים אָפּ..." (דאָרט); „...דאָס איז אויך העוול און אומזיסט קאָפּברעכעניש" (דאָרט ז. 169); „אַסאַך פּאָלק איז שיין פאַר אַ מעלעך, ווינציק פּאָלק, איז אַ שלימאַזל אף דעם פּאָריצל" (דאָרט) א. אז. וו.—יעדנפאַלס אָבער איז דאָ געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פרווו צו צעברעכן דעם שפּראַך־גליווער.

[2] דער נוצלעכער געברויך פון רעדנסאַרטן און פּראַזעאָלאָגיע צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס אָטאָ די עלע־מענטן הייבן אוף די בוילעטקייט און אויסדריקלעכקייט פון זאַץ אָן אַ באַרעדעוודיקן, פלוידערדיקן בייגעשמאַק. מע זעט קלאָר, אַז אין די פאַלן וואָלט מען, ווענלדיק דערגרייכן באַשטימטע ריין־קינסטלערישע (נישט עטנאָגראַפישע) עפעקטן, אָטאָ די ווערטער נישט געקאָנט פאַרבייטן מיט אַנדערע. דאָס איז דער כילעק צווישן שאַפעריש איבערגע־נוצטן און רוי־אומדיסציפּלינירטן, „אַריינגעריבענעם" שפּראַך־פּאָלקלאָר. וועגן אָטאָ דער פּאָזיטיווער באַנוצונג פון שפּראַך־פּאָלקלאָר — אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

[3] וועגן דיאַלעקטן זע „צוגאָבן און אָנמערקונגען", II.

[4] אין קעגנזאַץ צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, אָדער צו אַ געזעלשאַפט, וואָס שטייט אונטער דער דיקטאַ־

ציִונג צו דער שפּראַך אין אָנהייב אָדער באַ דער באַנייונג פון איר ליטעראַרישער פיקסירונג. דערפון אויך נעמט זיך די שטאַרק אונטערגעשטראָכענע געזעלשאַפט־קריטישע טענדענץ אין דער טעמאַטיק פון אַזאַ ליטעראַטור־טקופע. דיזעלבע סיבע, וואָס האָט געשטויסן צו באַשאַפן אַ ליטעראַטור אין אַ נייער שפּראַך, שטויסט אויך דערצו, אַז די ליטעראַטור־טעמאַטיק פון דער צייט זאָל זיך קאָנצענטרירן אַף דער קריטיק פון דער געזעלשאַפט און אירע אומשטענדן. ווייל ד אָ ס איז דערוויל דעריקער די פונקציע און דער מיין פון אָטאָ דער נייגעשאַפענער אָדער באַנייטער ליטעראַטור. אַלע ליטעראַרישע מיטלען, וואָס קאָנען אַמאָל דינען אויך צו אַנדערע, פונקט פאַרקערטע צוועקן, ווערן דערווייל באַנוצט לויט זייערע קריטיקיר־מעגלעכקייטן[1]. צו אָטאָ די מיטלען, צו די וויכטיקסטע פון זיי, געהער אויך די באַנוצונג פון שפּראַך־פאָלקלאָר[2].

דער שפּראַך־פאָלקלאָר אין דער ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנדטייל פון ר ע אַ ל י ס ט י ש ן נוסעך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פעריאָד. דער רעאַליזם דעמאַסקירט. דער ב אַ וו ע ר רעאַליזם פון וואָלפזאָן, לעווינזאָן, עטינגער און אַקסנפעלד,—אַסאַך יאָרצענדליקן פאַר דעם אייראָפּעיִשן קינסטלערישן רעאַליזם, איז פונקט אַזוי ווי דער לעצטער געבוירן געוואָרן פון דעם מיין צו קריטיקירן. די פאַרדומפּענע סוויווע האָט געמוזט אופגערודערט ווערן, קריטיש אָביעקטיווירט, דערציילעריש זיך אַליין אַקעגנגעשטעלט ווערן, קעדיי ס׳זאָל קאָנען קומען צום באַוווסטזיין איר „אומנאָרמאַלקייט״,— איר צעפוילטע הינטערשטעליקייט. מיט דער הילף און אינעם שפּיגל פונעם רעדשטייגער דעקט אָפּ דער אופטרייסלענדיקער נייער האַסקאָלע־געדאַנק דעם פאַרקריפּלטן לעבנשטייגער, אינײנעם מיט די פיגורן, וואָס זיינען אַף אים געוואַקסן און וואָס פאַרקערפּערן אים צום בוילעטסטן. אינײנעם מיט די מענטשן און באַדינגונגען ווערט אויך קריטיקירט און אופגעבונדן די שפּראַך, וואָס דאַרף זיך פונסניי אויסקריסטאַליזירן. דער רעדשטייגער פון אָטאָ דער סוויווע, באַוווסטזיניק באַנוצט אינעם קינסטלערישן שאַפן, האָט געלערנט זעען זיך און אַנדערע, ווייל ער האָט ניט רעפערירט, באַריכטעט, נאָר געגעבן אַ שטיק פון לעבן אַליין. כאַראַקטעריזירן צווייאַקישע, אויסזויגערישע קאָהאָל־לייט, דעם פאַרקריפּלטן הענדלער און לופטמענטשן־שיכט, זייער לעבן, טראַכטן און האַוואַיעס איז צומבעסטן מעגלעך געווען דורך אַ קינסטלעריש אופכאַפּן, מע קאָן זאָגן, נאָכשפּעטן, נאָכקרימען דעם געדיכטן, פון רעדנסאַרטלעכקייט און שפּראַך־פאָלקלאָר אָנגעגדראָלענעם רעדשטייגער. צוהערנדיק זיך מיט אַן איידל אויער צו אַלע טנועס, גרימאַסן און קרימענישן פון רעדשטייגער, האָט מען דורך רעפּראָדוקציע געקאָנט איבערגעבן די גאַנצע אומנאַיִוועטעט, די פאַרליגנערטקייט פון טראַכטן, פון זשעסטיקולאַציע און דעם אינעווייניקסטן באַטייט פון דעם אַלעמען.

עטינגער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט די דיפערענצירונג אין רעדשטייגער קינסטלעריש דערהערט און מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק, מיט איראָניע, אָפּגעשפּיגלט לויט דער פּאָזיטיווקייט און נעגאַטיווקייט פון די פיגורן—אין „סערקעלע״. צו דער העכסטער מאַדרייגע ווערט די מאַניר דערהויבן אין מענדעלעס ווערק. א בלעטל „פישקע דער קרומער״ אָדער „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי״ איז אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור דער אָנראַכמאָנעסדיקסטער אָפּשפּאָט איבער א שיכט יידן פון אַ באַשטימטן פעריאָד.

טור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָרט איז דאָס אופקומען און באַנייען פון ליטעראַטור-שפּראַכן אַן אויסדרוק פון פּאָזיטיווּ-שעפערישן אופבלי, פון נאַטירלעכער קולטור-אַנטוויקלונג ; אַ רעאַליזאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע צוזאָגן.

1 אין שפּעטערע צייטן, געזעלשאַפטלעך מער דיפערענצירטע, פאַלט אַמאָל דער שפּראַך-פאָלקלאָר אַריין אין די הענט פון סנאָביזם, וואָס איז אַן אומבאַהאָלפענער איבעראָריענטירונגס-פּרווו באַ באַשטימטע יעכידים פונעם הערשנדיקן קלאַס. דאָ דריקט זיך אויס אַ נישט-אַנטשלאָסענער פּרווו, אַרויסצוקומען פון די צייט-סטירעס און אַריבערצוגיין צום פּראָגרעסיוו-קעמפערישן קלאַס.

2 זע די באַמערקונג פערעצעס וועגן שאָלעם-אַלייכעם, ווייטער ז. 96.

עטינגער מישט ניט אַריין סטאַם, אָן אַ אָפּקלייב, ווערטלעך אין די רעפּליקעס, קעדיי
זיי עטנאָגראַפיש צו באַפאַרבן. יעדע פיגור באַזונדער האָט איר אייגענעם שפּראַך־נוסעך;
אַפילע די רעדנסאַרטלעכקייט איז באַ יעדער פיגור ניואַנסירט און דורכויס אויסגעהאַלטן.
וואָס פּאָזיטיווער אַ פיגור איז, אַלץ ווייניקער באַרעדעוודיק איז זי באַ אים, אַלץ ווייניקער
רעדנסאַרטן און העברעיזמען באַנוצט זי. דער פּרעמדער, הינדע, כאַווע, וואָס וויזן אין זיי־
ערע רעפּליקעס עטינגערס שפּראַך־אידעאַל, רעדן נאַטירלעך, האַרציק, מיט אַ מינימום פון
רעדנסאַרטן און העברעיזמען. און לויטן זעלבן פאַרהעלטעניש קערט זיך דאָס איבער באַ די
נעגאַטיווע פיגורן: וואָס „ערגער" אַ פיגור איז, אַלץ מער קלוגיטשקע ווערטלעך און פרומ־
לעכע העברעיזמען [1] באַנוצט זי. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז דאָרט, ווו די סיטואַציע
פאַרשפּיצט זיך באַזונדערס העסלעך (לעמאָשל: פאַר און בעיס דער גנייווע גאַווריל הענד־
לערס; אינעם פאַלשן שמועס סערקעלעס מיט הינדען נאָך דער גנייווע א. אז. וו), פאַרגרע־
סערט זיך אויך די צאָל פון אָטאָ די שפּראַך־עלעמענטן. אַפילע פּאָזיטיווע פיגורן, ווען זיי
רעדן עפּעס אַזוינס, מיט וואָס דער אַווטאָר איז בעפּיירעש נישט צופרידן (לעמאָשל, ווען
כאַווע זידלט, אָדער ווען כאַים לויבט אַלפּי טאָעס אַ „נעגאַטיוון" פאַרשוין), פאַרגרעסערט זיך
דער פאָלקלאָר־באַשטאַנד אין זייערע רייד. דער כאַראַקטער פון די רעדנסאַרטן איז באַ יע־
דער פיגור געניי דיפערענצירט און אויסגעהאַלטן. דעם שאַדכנס רעדנסאַרטן זיינען פרומ־
לעך ווינשנדיק, זיינע העברעיזמען—קלייקוידעשדיק און שטענדיק מיט אַ פאַלשער מישפּאָכע־
אינטימיטעט; גאַווריל הענדלערס — זיינען כוצפּעדיק ציניש, גנייוויש־ווילעריש און גראָב;
סערקעלעס — היסטעריש־שעלטנדיק און צוויאַקיש־צנועסדיק; כאַימס — נאַריש־טאַמעוואַטע;
שמעלקע טרויניקס — כיטרע־הענדלעריש א. אז. וו. באַ אַזאַ שפּראַך־דיפערענצירונג הערן מיר
נישט בלויז די מאָדולאַציע, דעם באַלייטנדיקן טאָן פון וואָרט, מיר זעען אויך קערפּערלעך־
בילדעריש די זשעסטיקולאַציע און פּאָזע, עס קומען ארויס אף דער אויבערפלאַך די פאַר־
באָרגנסטע קאַוואָנעס, מוירעס, האָפענונגען פונעם רעדנדיקן, זיין נאַרישע, פאַרומערטע
מענטשלעכקייט.

און דייטלעך פילט זיך שוין אין עטינגערס איראָניע, ווי שפּעטער באַזונדערס שטאַרק
באַ מענדעלען, אַ געזונטע זעלבסטקריטישע סינע־באַציונג צו די ספּעציפישע גרימאַסן,
צו דער זשעסטיקולאַציע פון פאַרקריפּלטן וואָרט. אָטאָ די סינע דערפירט ביז צו אַ קאַ־
ריקאַטוריסטישן נאָכקרימען. דער לייענער, פאַר וועמען יידיש איז אַ נאַטירלעכע שפּראַך־
אַטמאָספער, דערשפּירט דאָס נישט אַזוי שאַרף ווי אַן אָפּגעפרעמדטער אָדער ווי אַ נישט־
יידישער לייענער פילט דאָס פון אַן איבערזעצונג. אַזוי טאַקע האָבן די צייט־כאַווייירים
עטינגערס באַנומען די קאַוואָנע פון זיין אָפּשפּעטערישן שפּראַך־שטייגער. אַז אַנטאָני אייזנ־
בוים, עטינגערס פריינט, באַמיט זיך באַ דער צענזור צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַף
דרוקן „סערקעלע", שרייבט ער אין זיין באַקאָשע: „וואָרעם אַזעלכע שריפטן, זייענדיק צו־
טריטלעך פאַר אַלע קלאַסן יידן, שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע קאָלירן די כעסרוינעס און
לעכערלעכקייטן, מאָלן מוטיק און קאָמיש אַלע רעדשטייגערס פון זשאַרגאָניזם[2]
(קורסיוו מיינער—מ.וו.) און קאָנען האָבן א זייער גינציקע („אויסלייזנדיקע") האַשפּאָע אַף די אינטע־
לעקטן. אייזנבוים פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשידענע „רעדשטיי־

[1] אין דעם צוזאַמענהאַנג איז קעדיי אָנצוווייזן אַף דער וויכטיקער ראָל, וואָס העברעיזמען האָבן געשפּילט
אין די פאַרשידענע „גאַנאָווים־שפּראַכן". די אומפאַרשטענדלעכקייט פון אָטאָ די ווערטער, אונטער וועלכע מע האָט
זיך געקאָנט באַהאַלטן, איז דאָ געווען אַ הויפּט־גוירעם.

[2] „...wszystkie sposoby mówienia żargonizmu (a)" אייזנבוים באַמערקט ריכטיק, אַז דאָ איז
פאַראַן נישט איין רעדשטייגער, נאָר פאַרשידענע רעדשטייגערס. ווײנרייך איז נישט פּינקטלעך מיט זיין
איבערזעצונג פון די ווערטער: (בד. 1 XXXII) „דעם גאַנצן יידישן שטייגער־רעדן" — אין אייבצאָל. געוויס איז
דער פּוילישער סטיל און די גראַמאַטיק פון אייזנבוימס זאַץ אין אָריגינאַל גענוג אומגעלומפּערט און אומבאהאָלפן,
עס איז אָבער קלאָר, אַז אייזנבוים האָט בעפּיירעש געמיינט „פאַרשידענע רעדשטייגערס פון זשאַרגאָניזם";

גערס" אין יידיש און צווישן זיי אויך לאַכלוטן נישט קאָמישע, אַז די קאָמישע ווערן בלויז באַנוצט דערצו, קעדיי צו באַווייזן, ווי „אַ פאַרקרומטע און פאַסקודנע קלוגיטשקייט פאַרבינדט זיך אַקעגן אַ זעלטענער פראָסטקייט, אומשולד, אַניוועסדיקער שטרעבונג צו עמעסער בילדונג, אַקעגן א נישט־וואַקלדיקן באַשלוס צו פארבלייבן באַ ערלעכקייט" [1]. די פאַרקערפּערונג פון אָטאָ דער „זעלטענער פראָסטקייט, אומשולד... ערלעכקייט" איז הינדע (נעבן רעדליכן) און פונדעסטוועגן לאָזט זי עטינגער בעקיוון און באַוווסטזיניק רעדן יידיש, ווי א קאָנטראַסט צו אַלטעלעס „דייטש"; און דער פרעמדער, אויך אַ אידעאַל־פיגור אינעם שטיק, זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם איניען אַף אַ קלאָרן אויפן. (זע ב. II ז. 451). דאָס האָט דאָך אייזנבוים נישט געקאָנט פאַרזען. —

עס איז נישט קיין צופאַל, ווען לייענער פון איבערזעצונגען זעען אין מענדעלעס (און אַפילע אין „גוטמוטיקן" שאָלעם־אַלייכעמס ווערק) סינעדיקן כויזעק און בייזן אָפּשפּאָט. דאָס אַלעס איז אין זיי פאַראַן [2]. און אַז עס ווערט צערונען דאָס דינע הייטל פון מיטגעפיל, באַם איבערגיסן אין אַן אַנדערע שפּראַך, ווערט אויך בוילעטער די אָפּשפּאָטערישע דאָמי־נאַנטע. אַזוי ווייט, אַז עס זיינען געווען פאַלן, ווען נישט יידישע ליבעראַלן האָבן זיך, צוליב דעם מיספארשטייעניש, אַרויסגעזאָגט קעגן אָטאָ די איבערזעצונגען, האַלטנדיק זיי פאַר „אַנטי־סעמיטישע פאַמפלעטן" און זייער ווירקונג, פאַר „שעדלעך און דערנידערנדיק", אַקוראַט ווי די ווירקונג פון די באַקאַנטע „יידישע" וויצן און קאַבאַרעט־פּיעסעס. אַנדערע ווידער קערן איבער די אָפּשאַצונג פון דעם פאַקט און קומען צום אויספיר, אַז דער איקער קויעך פון דער יידישער ליטעראַטור ליגט אין דער פעיִקייט כויזעק צו מאַכן פון יידן! „פאַראַן... א יידישער ליטעראַרישער זשארגאָן, וואָס ציט זיך שוין פון 12 יאָרהונדערט אָן און האָט אַפילע אַ אייגענעם צווישן די מינענזענגער [3]; מען קאָן אָבער אין דער אַנטוויקלונג פון אָטאָ דער ליטעראטור באַמערקן, אז זי טויג קימאַט בלויז פאַר הומאָריסטישע, וויצמעסיקע, סאטירישע באַשרייבונגען. ערנסטע ווערק מיט א וויסנשאפטלעכן אינהאַלט פאַרלירן צוליב דער שפּראַך דעם כיין און ווערט, וואָס יענע באַשרייבונגען האָבן" [4]. צו אזא פאַרדרייטן אויספיר איז אָטאָ דער אַווטאָר געקומען מאַכמעס א טעאָריע, אַז די יידישע שפּראַך ביכ־לאַל האָט עפּעס גאָר אַ באַזונדערע נעטיע און פעיִקייט צו הומאָר. אַזוי, לעמאָשל, האַלט דערזעלבער אווטאָר, אז פאר דער אנטוויקלונג פון היינעס וויציקייט איז געווען אַנט־

דאָס באַווייזט באַזונדערס דאָס וואָרט wszystkie „אַלע", וואָרעם ער וואָלט דאָך געקאָנט פּונקט אזוי גוט אָדער שלעכט זאָגן: mówienia żargonem

אָדער סטאַם sposób mówienia żargonizma אָדער malując dzielnie i śmiesznie żargonizm..."

1 דעם טעקסט פון דער באַקאָשע זע: ד"ר שלמה עטינגערס כתבים, ארויסג. פון ד"ר מאקס וויינרייך, ווילנע 1925, ב. II, 589. אגעוו: א פאַרדינסטפולע עדיטאריאלע ארבעט, פאר וועלכע די ליטעראַטורפאָרשונג דאַרף וויינרייכן זיין דאַנקבאַר, כאָטש מע קאָן לאַכלוטן נישט מאַסקים זיין מיט פארשידענע ערטער אין זיין אריינפיר און אויך מיט אַסאַך עדיטאָריאַלע פראָטים.

2 דעם אַנדערער קעגנזאַץ, וואָס זאָגט זיך אַרויס אין אָטאָ די ווערק, דער שטאַרקער „פאָלקיזם", די „פאָלקסליבהאָבעריי" איז פונקט אַזוי באגרינדעט אינעם מעהוס פון דער צייט, פון דער האַסקאָלע ווי דער קריטיש־סאטירישער מאָמענט. אָן אָטאָ דער פאָלקסליבע וואָלט די קינסטלערישע סאַטירע ביכלאַל נישט מעגלעך געווען, עס וואָלט בלויז ארויסגעקומען אַ פּוסטע זידלעריי אָן טיפערע ווירקונגס-מעגלעכקייטן. אָטאָ די סטירע אינעם שאפן פון דער האַסקאָלע קאָן נאָר דערקלערט ווערן דורך אירע דיאַלעקטישע עלעמענטן. אויספירלעכער וועגן דעם—זע „רויטע וועלט": „פּראָבלעמען פון מענדעלעס רעאַליזם".— 1928, בוך 5—6.

יעדנפאַלס אָבער זעען מיר פון דערפארונג, אז דער „פאָלקסליבהאָבערישער" מאָמענט פאַרלירט זיך אין דער איבערזעצונג אינגאַנצן אָדער צום גרעסטן טייל.

3 געמיינט איז זיסקינד פון טרימבערג. אינעמעסן האָט ער געשריבן דייטש, נישט יידיש. אַלפּיטאָעס, צוליב דער האַשאָרע, אז ער איז געווען אַ ייד, ווערט ער אַמאָל צוגערעכנט צו דער יידישער ליטעראַטור.

4 ז. M. Bienenstock, Die juedieschen Elementen in Heines Wesen. Leipzig, 1910, 204—205

שיידנדיק דער פאַקט, וואָס היינע האָט אין דער יוגנט באַנוצט די ייִדישע שפּראַך „צו הומאָריסטישע צוועקן" (דאָ איז בעפּיירעש געמיינט אָפּשפּאָטערישע, סאַטירישע — מ. וו.). אַזוי פאָרמולירט איז אָבער די טעאָריע פאַלש. ווייל נאָר דאָס דעגענערירטע יידיש פון אַ באַשטימטן אָפּגעשטאַנענעם פעריאָד פון פאַר דער ליטעראַרישער און אידעיִשער באַנייונג קלינגט „קאָמיש", „הומאָריסטיש" און טויג באַזונדערס פאַר אַזעלכע און ענלעכע צוועקן. פונקט אַזוי, נישט ווייניקער און נישט מער, ווי לעמאָשל די אָפּגעשטאַנענע און פון בוך־קולטור ווייניק באַרירטע דייטשע דיאַלעקטן און אידיאָמען: שווייצער־דייטש, זאַקסישער דיאַלעקט, בערלינער [1], ווינער פאָלקס־אידיאָם און אַסאַך אַנדערע. אין דעם פּראַט איז דאָס יידיש פון פאַר דער באַנייונגסצייט, ווען עס איז נאָך צום טייל געווען אַ אידיאָם (ד. ה. ווייניק און נישט צייטמעסיק ליטעראַריש פיקסירט) גאָרנישט קיין באַזונדערער אויסנאַם. דאָס איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין אַלע שפּראַכן פון דעם פאַזיס, ווען אָפּגעשטאַנענע באַדינגונגען און זייער שפּראַך־אויסדרוק סטאָרטשען אַריין אין אַ מער אַנטוויקלטער צייט און איר מער אַנטוויקלטער שפּראַך אַקעגן וועלכער זי זעט אויס „קאָמיש". די אַנטוויקלטערע צייט און איר שפּראַך מוזן קריטיש גויוועַר זיין די אָפּגעשטאַנענע רודימענטן. זאָגן דאָס, וואָס בינענשטאָק זאָגט וועגן דער גאַנצער יידישער שפּראַך ביכלאַל און וועגן דער ליטעראַטור ביפּראַט, האָט מען נאָר געקאָנט מאַכמעס אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס באַווייזט, ווי שטאַרק עס דאָמינירט אין די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער דער קריטיש־אָפּשפּאָטערישער כאַראַקטער.

מיר געפינען אָבער, אַז אויך אַזאַ וויכטיקער אַווטאָריטעט ווי שאָלעם־אַלייכעם האַלט אויך אונטער — כאָטש טאַקע אינעם יוגנט־פּעריאָד פון זיין שאַפן — דיזעלבע מיינונג וועגן אָטאָ דער ספּעציפישקייט פון דער יידישער שפּראַך.

„דאָ מוזן מיר אַ באַמערקונג מאַכן, אַז אונדזער זשאַרגאָן — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אין 1884 יאָר — האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (לעצאָנעס) אַלס אַנדערע שפּראַכ[ן]; דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַכע; מיט אַ קנייטשעלע אין דער זייט, מיט אַ „מאמר המוסגר", מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטרעכעלע ווערט שוין די פראַזע סאַטיריש און רופט אַרויס אַ שמייכל באַם לעזער ניט ווילנדיק; און ווער שמועסט, אַז מע קאָן נאָך נאָכמאַכן יעדער מענטשן מיט זיין לאָשן (יעדער ייד קימאַט האָט זיך זיין לאָשן) און מיט דער זשעסטיקולאַציע (מאַכן מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די פּלייצעס בעשאַס ריידן..." [2] צו דעמדאָזיקן טאָעס, אַז אונדזער זשאַרגאָן האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (לעצאָנעס) אַלס אַנדערע שפּראַכען, איז שאָלעם־אַלייכעם געקומען, ווייל ער האָט פאַרגליכן דאָס דעמאָלטיקע יידיש (פון די 80־ער יאָרן) מיט פאַרטיק אויסגעבילדעטע, הויך־קולטורעלע שפּראַכן און נישט מיט אידיאָמען, באַ וועלכע דער פּראָצעס פון ליטעראַרישער פיקסירונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט. וואָלט ער געפּרוּווט די יידישע שפּראַך פאַרגלייכן מיט אַזעלכע אידיאָמען (און דאָס וואָלט לויטן דעמאָלטיקן שטאַנד פון דער ליטעראַרישער פיקסירונג פון דער יידישער שפּראַך געווען צום פּאַסיקסטן), וואָלט ער באַמערקט, אַז די אויבנדערמאָנטע דייטשישע אידיאָמען האָבן אין זיך נישט ווייניקער „שטאָף צו דער סאַטירע" איידער יידיש און אַז אָטאָ דער „שטאָף צו דער סאַטירע" פון די אידיאָמען איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן פון אַזעלכע שרייבערס ווי יערעמיאַס גאָטהעלף, פריץ רויטער, ראַימונד, נעסטרוי, ג. הויפּטמאַן, אַרנאָ האָלץ, ווילדנברוך א. א. וו.

די באַזונדערע פעיִקייט פון אַ שפּראַך אין אַ באַשטימטן פּעריאָד צו ווערן אַ מיטל פון סאַטירע באַווייזט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ס'קומט אָן די צייט, די נויטווענ־

1 Agathe Lasch: ,,Berlinisch‘‘. Eine berlinische Sprachgeschichte. 1928.

2 „אין מיסט צווישן שמאַטעס" (קריטישע עטיודן). דאָס שאָלעם-אַלייכעם בוך. ניו-יאָרק 1926. ז. 326.

דיקייט און דער ווילן סאַטיריש צו שילדערן אַ באַשטימטע געזעלשאַפט. אָן אָטאָ די האַנאָכעס קאָנען טאַקע דיזעלבע שפּראַך־עלעמענטן, וואָס גיבן „שטאָף צו דער סאַטירע" — געבן „שטאָף" צו אַ ראָמאַנטישן אַפּאָטעאָז אָדער צו סאַנטימענטאַלער אַפּאָלאָגיע.—

שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דער יידישער שפּראַך אַנטפּלעקט באַזונדערס איר פעיִקייט צו „סאַטירע", ווייל שאָלעם־אַלייכעם דער געזעלשאַפט־קריטיקער האָט זיך אין זיין שאַפן געמוזט אָנשטויסן גראָד אָן אָטאָ דער אייגנאַרטיקייט פון דער שפּראַך, וואָס איז צוגלייך אויך אַן אָביעקט פון קריטיק. „דער אָפּלאַכער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָלע — ער איז דער שימל־אָפּקראַצער. אָן אָפּלאַכער איז שאָלעם־אַלייכעם". אַזוי כאַראַקטעריזירט אים פּערעץ[1]. און אַ „שימל־אָפּקראַצער" איז שאָלעם־אַלייכעם אויך אין פראַט פון שפּראַך־איבערבוי — גלייכגילטיק, צי באַוווסטזיניק צי נישט, צי מיט זיין ווילן צי אַפילע קעגן זיין ווילן. די סאָציאַלע פונקציע פון זיין שאַפן איז געווען: גויוער צו זיין די פיגורן, וועלכע ער שילדערט אינייִנעם מיט זייער שפּראַך.

דער אָפּשפּאָטערישער הויפּט־שטריך איז נישט גלאַט אַ באַלייט־דערשיינונג פון אַ שפּראַך־שטייגער; ס'איז אַן אַלגעמיינע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג באַ אַ באַשטימטער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער סיטואַציע און אירע קריטיק־באַדערפעניש. דער דערמאָנטער בינענשטאָק ווייסט דאָס זייער ווויל בענעגייע דעם „יונגן דייטשלאַנד" (דער ליטעראַרישער קרייז, צו וועלכן היינע האָט געהערט) און בענעגייע דער נעטיע פון אָטאָ דעם קרייז צו כויזעקן און אָפּשפּאָטן פון זיך אַליין. ווייל ס'האָט אַ וויכטיקן שייַכעס צו אונדזער טעמע, לוינט זיך צו ברענגען עטלעכע ציטאַטעס, וואָס בינענשטאָק ברענגט וועגן דעם איניען. „ווען אַ זייער טאַלאַנטירט אָבער נישט אַנטשלאָסן פאָלק — ציטירט בינענשטאָק פון בראַנדעסן וועגן דעם „יונגן דייטשלאַנד" — קאָן נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַן אָל, רופט די אונטעדריקונג אַרויס אַ זעלבעטפאַראַכטונג, פון וועלכער ס'וואַקסט אַ מין פאַרצווייפלטע וויציקייט, אַ שטענדיקער גאַלגן־הומאָר"[2]. אויב מיר וועלן דעם זאַץ „אַ זייער טאַלאַנטירט... פאָלק"... פאַרבייטן, לויט אונדזער באַנעם, מיט „אַ פאָלקסשיכט אָדער קלאַס, וועמעס באַדינגונגען זיינען שוין צייטיק פאַר אַ סאָציאַלער איבערקערעניש", וועלן מיר קאָנען מאַסקים זיין מיט בינענשטאָקס מיינונג, אַז דער ציטירטער טעזיס פון בראַנדעסן קאָן אין אַלגעמיין גילטן פאַר אַלע ליטעראַטורן אין ענלעכע געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס. און אויב בינענשטאָק ווייזט אָן אַף אַריסטאָפאַנעס, סערוואַנטעס, שעקספּיר (סוויפט—מ. וו.) וואָלטער, (באָמאַרשע—מ. וו.) — אַזוי קאָנען מיר נאָך צוגעבן: גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל, מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם. אָטאָ די אַלע דיכטער האָבן געלעבט און געשאַפן אין אַ צייט, ווען דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סיידער האָט געהאַלטן אין פראָצעס פון צעפאַלונג, אין פאַזיס פון פאַר איבערקערעניש. דער באַוווסטער היינע־פאָרשער שטראָדטמאַן פאָרמולירט דעם אייגענעם געדאַנק אַזוי: „היינע האָט געלעבט אין דער איבערגאַנג־צייט צווישן דער רעאַקציע און אַבסאָלוטיזם פון 18 יאָרהונדערט—און דער עפּאָכע פון קאַמף און עלעקטרעציטעט ... און גראָד אין אַזאַ צייט, ווען אַ פאַרעלטערטע וועלט־אָנשויונג האַלט אין שטאַרבן, אָבער די נייע בסורע האָט נאָך נישט אינגאַנצן געזיגט, האָט דער קריטישער הומאָר אַ נישט־באַשטרייטבאַר רעכט". היינע אַליין זאָגט קורץ: „די הומאָריסטישע איראָניע איז בלויז אַ צייכן פון אונדזער פּאָליטישער נישט־רייפקייט"[3]. אָטאָ די פאָרמולעס פאַסן אויסגעצייכנט אויך פאַר דער כאַראַקטעריזירונג פון דער האַסקאָלע.

אויב אָבער די הומאָריסטישע איראָניע „איז בלויז אַ צייכן פון ... פּאָליטישער נישט־רייפקייט" באַציט זיך אָטאָ די קאָנסטאַטירונג לאַכלוטן נישט שטענדיק אַף די שרייבער,

1 פּערעץ: ב. X ז. 129, שאָלעם-אַלייכעם.

2 ציטירט לויט בינענשטאָק, דאָרט.

3 לויט בינענשטאָק, דאָרט.

וואָס באַנוצן די הומאָריסטישע איראָניע, נאָר אַף דער סיטואַציע, וועלכע זיי ווילן בייקומען און איבערקערן גראָד דורך אָטאָ דער קריטיק. גראָד זיי, די מייסטערס פון דער „הומאָריסטישער איראָניע" זיינען וויכטיקע קעמפער פאַר דער נייער באַוועגונג, געהערן צו די וויכטיקסטע מיטהעלפער אַפן וועג צו דער איבערקערעניש. די שרייבער, אָנהייבנדיק פון י. ב. לעווינזאָן ביז מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם, האָבן די „הומאָריסטישע איראָניע" באַנוצט, יעדער אַף זיין שטייגער און לויט זיינע באַדינגונגען, קעדיי אין דער יידישער סוויווע צו באַזיגן די הינטערשטעליקייט פון לעבן—און פון דער שפּראַך. דעריבער האָבן זיי אויסגעטיילט דאָס לעבעדיקע וואָרט פון דער פאַרגליווערטער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע ווערט באַנוצט ווי אַ מיטל פון קריטיק.—

דערמיט איז אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די פאָלקלאָריסטישע איבערגעלאָדנקייט אין דער יידישער שפּראַך. איניינעם מיטן שפּראַך־שטייגער ווערן דעמאַסקירט די פאַרקריפּלטע באַדינגונגען[1]. דיסקרעדיטירנדיק אַ היפּשן טייל פון אָנגעשפּייכלערטן אָבער אומנוציקן שפּראַך־מאַטעריאַל, האָבן אָטאָ די שרייבער עס אַף שטענדיק אָפּגעשטויסן און אַזוי אַרום געבראַכט דערצו, אַז די שפּראַך זאָל זיך אָנהייבן זאַכלעך צופּאַסן צום לעבן און אַנטוויקלען לויט דעם אייגנטלעכן ציל אירן: צו קלאָרער פאַרשטענדיקונג און צום איבערצייגנדיקן אויסדרוק.

5. שפּראַך־פאָלקלאָר אַלס באַרייכערונגס־מיטל פון אויסדרוק

אין א צייט, ווען עס קומען אָן באַנייונגס־אימפּולסן און צווינגען די שפּראַך אַפּסנייאָנצוהייבן נאָרמאַל און צייטמעסיק רעדן — באַגעגנט זי זיך אינאָנהייב מיט דער מעניע, וואָס מיר רופן זי אָן „שטאַמלעניש". די איבערגעלאָדענע פאָלקס־אידיאָמען, די פאַרשטייפטע דיאַלעקטן, דער איבערגעשפּיצטער רעדשטייגער, וואָס זיינען פריער געווען אַזוי פלוידעריש באַרעדעוודיק, הייבן פלוצים אָן, אין דער צייט פון איבערגאַנג, שטאַמלען. און וואָס טיפער און רייכער דער קויעך פונעם נייעם גדאַנק איז, אַלץ וויניקער קאָנען די ביז־איצטיקע שפּראַכמיטלען „באַדינען" די נייע באַדערפענישן. עס מאַכט זיך אַ מאָמענט, אַז מע קאָן זיך ביכלאַל נישט „אויסדריקן". פונקט אַזוי ווי דער אָפּגעשטאַנענער האַמויןמענטש, וואָס האָט זיך פריער אַף זיין שטייגער, לויט דעם אָפּגעשטאַנענעם אינהאַלט פון זיינע געדאַנקען פלינק און באַרעדעוודיק אויסגעדריקט, הייבט אָן אַף אַ צייט צו „שטאַמלען", ווען ער הייבט אָן פּאָליטיש און קולטורעל באַוווסטזיניק צו ווערן, ביז די שפּראַך באַווייזט אויסצוּוואַקסן לויטן פאַרנעם פון נייעם געדאַנק.

און מיר זעען: אַזוי אָפּט ווי עס קומט אויס עטינגערן[2] אויסצודריקן דורך די רייד פון אַ פּאָזיטיווער פיגור זיינע אייגענע, עטינגערס, געדאַנקען און אידעאַלן[3], ווערט לויט

[1] אויב ס'וואָלטן נאָך נייטיק געווען אַנדערע באַווייזן, אַז די „מיסיע" פון דער פאָלקלאָריסטישער איבערגעלאָדנקייט אין דער שפּראַך פון די קלאַסיקער איז געווען אָטאָ די איבערגעלאָדנקייט קריטיש צו באַזיגן איניינעם מיט די פאַרהעלטענישן, וואָס זי דריקט אויס — וואָלטן מיר אָנגעוויזן אַף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור-שפּראַך נאָך מענדעלען און שאָלעם-אַלייכעמען. די שפּראַך גייט דאַן אַוועק אף לאַכלוטן אַנדערע וועגן— אַפילע שוין אין א טייל פון פערעצעס ווערק—און האָט זיך אַף אַן ערנסט קיינמאָל נישט מער אומגעקערט צו דער פאָלקלאָריסטישער איבערגעלאָדנקייט. וואָלט אָבער דאָס געווען אַ פּאָזיטיווער מאָמענט, אַזוי וואָלט זיך די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך געדאַרפט אַף אָטאָ דער שפּראַך-פאָלקלאָריסטיק ווייטער בויען.

[2] דאָס אייגענע קאָן מען זען אויך באַ אַקסענפעלדן, גאָטלאָבערן און אַפילע אין מענדעלעס ערשטע ווערק, לעמאָשל, אין דער „טאַקסע".

[3] לעמאָשל: רעדליך, דער פרעמדער, וואָס פאָרמולירן אַמאָל עטינגערס געדאַנקען און מיינונגען אין אַבסטראַקטע, קימאַט טעאָרעטישע באַטראַכטונגען.

דעם גראַד פון פּאָזיטיווקייט, וואָס ער וויל פּאַרקערפּערן דורך דער פיגור, אָדער דורך אַ באַשטימטן מאָמענט אין דער אַקציע פון דער פיגור אַלץ גרעסער איר שפּראַך־אָרעמקייט און אומבאַהאָלפנקייט [1].

עס דערגייט אַמאָל ביז צו „שטומקייט״, ד. ה. עס דערגייט דערצו, אַז דער אַווטאָר זאָגט זיך לעסאָף אינגאַנצן אָפּ פון דער יידישער שפּראַך אין די רעפּליקעס פון אָטאָ די פיגורן. ער לאָזט זיי דאַן אַף אַ נאַיִוון אויפן רעדן דייטש [2], און דאָס קומט אים אויס פּאַסיקער לויט זייערע אופגעקלערטע געדאַנקען. ווי שפּראַך־געניט עטינגער איז נישט באַם מאָלן פון נעגאַטיווע פיגורן, וואָס זיינען שוין צופיל באַרעדעוודיק — באַם אַרויסזאָגן אַ צייט־געדאַנק ווערט אים די שפּראַך ענג [3]. אויך נאָך אַסאַך שפּעטער קומען פאָר אין דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע רעצידיוון פון „שטומקייט״, ד. ה. אַ טיילווייז אַנטלויפן אין דער דייטשער שפּראַך, אָדער אינעם דייטשמערישן נוסעך, אָנגעהויבן פון אַקסענפעלדן (זע: „מאַן, ווייב, ברודער און שוועסטער״) אָדער די געשמאַקלאָזע דייטשמערישע „מאַקאַראָניזמען״ אין אַסאַך ווערק פון א. מ. דיק ביז צו ספּעקטאָרס און באַזונדערס דינעזאָנס ווערק (און אַפילו אין די ערשטע ווערק מענדעלעס [4], „דאָס קליינע מענטשעלע״, גוטמאַן). עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצן עטאַפּ אינעם אָנהייב פון אַ שעפערישן שפּראַך־פּעריאָד: פונקט אַזוי פלינק ווי די פאָרשטייער פון דעם פּעריאָד זיינען אינעם קריטישן אויסדרוק, אַזוי אומבאַהאָלפן אין אומקלאָר זיינען זיי אינעם פּאָזיטיוון. און גראָד דאָס באַוווסטזיין פון אָטאָ דער „שטאַמלערישקייט״ און ענגקייט רייסט אוף און צעעפנט די גרענעצן פון דער שפּראַך, ברענגט צו וויכטיקע אופטוען. דאָס „אַלטע״ קאָן מען ווי עס ניט איז מיטן אַלטן וואָרט קריטיקירן, דאָס וואָרט פאַרן „נייעם״ ווערט ערשט איניינעם מיטן וווקס פון „נייעם״ געשאַפן. די נייע פאַרקערפּערונג און דאָס נייע וואָרט ווערן ערשט געשאַפן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם פּעריאָד, וואָס זיין אָנהייב ווערט כאַראַקטעריזירט דורך קריטיק און באַנייונגס־ווילן אין אַלע געביטן און אויך אין דער שפּראַך. דערווייל איז בלויז פאַראַן קריטישער ווילן און איבערקערערישע שטרעבונג; די פולע פּאָזיטיווע פאַרקערפּערונג אין לעבן און שפּראַך וועלן ערשט דאַן אויסוואַקסן, ווען די געשטעלטע פאָדערונגען וועלן דורך דער נייער צייט רעאַליזירט ווערן.

גרעסער נאָך ווי די סאַקאָנע פון „שטומקייט״ איז באַ אַן אָנהייב פון ליטעראַרישער שפּראַך־פיקסירונג אָדער שפּראַך־באַנייונג די לאָקערנדיקע סאַקאָנע פון מעכאַנישער שפּראַך־נאָכמאַכעריי. פאַר באַשטימטע פאַרטיקע באַגריפן און בילדער פון די מוסטער־ליטעראַטורן, לויט וועלכע מע לערנט זיך, פעלן געהעריקע אויסדרוקן, העלפט מען זיך דורך מעכאַנישע אומאָרגאַנישע איבערזעצונג. מע מאַכט נאָך באַגריף־זאַצן דורך קינסטלעך צונויפגעשטעלטע ווערטער־רייען. דערפון קומט אַרויס אַ נאָכגעמאַכטער, ווייניק פאַרשטענדלעכער בלוטלאָזער נוסעך. עס ווייזט זיך דאַן אַרויס, אַז דאָס אַריבערנעמען פרעמדע ווערטער אין אָריגינאַלער

1 אַגעוו: אינעם זעלבן גראַד פאַרמינערט זיך אויך די קינסטלערישע לעבעדיקייט פון אָטאָ דער פיגור.

2 די פּאָזיטיווע פיגור רעדליך, וועמענס מיסיע עס איז אַרויסצוזאָגן אַ היפּשן טייל פון עטינגערס אידעאַלן, ווערט בעקיוון געמאַכט פאַר אַ פּראַגער, קעדיי צו באַרעכטיקן זיין דייטש־רעדן. די אורערשטע סיבע איז: אַזעלכע נייע „איידעלע״ געדאַנקען און געפילן מוזן פאַר יעדן פּרייז גערעדט ווערן אַף דייטש. פונקט אַזוי ווי עס רעדט פּראַנצויזיש די דייטשע אינטעליגענץ פון 18 יאָרהונדערט און אויך די רוסישע פון יענער צייט ביז אין דער מיט 19 יאָרהונדערט, אַז עס קומט אויס אויסצודריקן אַן „איידלען״ נייעם געדאַנק. דערקלערן דעמדאָזיקן דייטש־מעריזם בלויז דורך אַ ביטל־באַציִונג צו יידיש מיצאַד די מאַסקילישע שרייבער קלעקט נישט ביכלאַל; ווער שמועסט באַ עטינגערן ביפּראַט, וועט זייער שווער זיין נאָכצוווייזן אַ ביטל־באַציונג צו יידיש.

3 זע ז. 90 העאָרע 3.

4 אין אַ קלענערער מאָס, אָבער פאָרט אָנזעעוודיק קלינגען אָטאָ די רעצידיוון נאָך באַ באָווּשאָווערן, עדעלשטאַטן, ווינטשעווסקין, מ. ראָזענפעלדן, באַ פרישמאַנען, אין זיינע יידישע ווערק, און אַמאָל אַפילו באַ פּערעצן און רייזענען.

געשטאַלט, דעמאָלט ווען מע קאָן זיי נישט מיט אַנדערע פאַרבייטן, איז טאַקע נאָך דער ק ל ע נ ס ט ע ר שאָדן. זייער אומאָרגאַנישקייט און נויט־כאַראַקטער בלייבט אופגעדעקט, נישט פאַרהילט; און אויב זיי לעבן זיך פאָרט איין אין דער שפּראַך, ווערט זייער האַשפּאָע, מאַכמעס דער דייטלעכער פּרעמדקייט, נישט שעדלעך. ערגער איז, ווען גאַנצע באַגריף־זאַצן ווערן געבונדן לויט אַ סינטאַקסיס, וואָס איז אָפּגעריסן פון נאַטירלעכן שפּראַך־באָדן און פון ספּעציפישן שפּראַך־כאַראַקטער.

און דאָ באַ דעם פּונקט קאָן דער שפּראַך־פּאָלקלאָר צו הילף קומען אַף אַ פּ אָ ז י ט י וו ן שטייגער, מיט זיין געוואַלטיקן פאַרמעג פון באַלעבנדיקן און געזונטן אויסדרוק־מאַטעריאַל, אָן וועלכן די שפּראַך וואָלט געבליבן שאָטנדיק און אַנעמיש. די קריטיש־אָפּקלויבערישע אַרבעט, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אין פריערדיקן קאַפּיטל, מאַכט ערשט מעגלעך איבערצונעמען דעם שפּראַך־פּאָלקלאָר אויך פאַר פּאָזיטיווע צוועקן. דורך אָטאָ דער אַרבעט ווערן ערשט אויסגעטיילט: די אינגאַנצן דעגענערירטע עלעמענטן פון אָנגעוואַלגערטן שפּראַך־פּאָלקלאָר — פאַר קריטיק און בעהאַדראָגעדיקער ליקווידאַציע; די לעבעדיקע, אויסדרוקספּעיִקע עלעמענטן — צו אַ נייער איבערפורעמונג לויט די נייע אינהאַלטן.

———

קעדיי צו געפינען דעם פּאַסיקן און פאַרשטענדלעכסטן אויסדרוק, וואָס גרילצט נישט אין אויער, ווערטער־רייען, וואָס לייגן זיך אַפּן סייכל און קאָנען מיט א קלענסטער מי אַריין אין שפּראַך־באַוווסטזיין פון די מאַסן, האָבן זיך די מייסטערס פון פּראָזע און דיכטונג (אַלציינס צי באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק) געווענדעט צום געשריבענעם און גערעדטן שפּראַך־פּאָלקלאָר, דעם אַלטן און דעם נייַ־ופקומענדיקן. פון דעם מאַטעריאַל האָבן זיי אַנטליגן זאַצן, האַלבע זאַצן אָדער ווערטער, אַמאָל אַפילע בלויז סינטאַקטישע טנועס אָדער דעם ריטם, שטיקלעך און טיילן אַזעלכע, וואָס זיינען גענוג היימיש און אָן וועלכע עס קלעפּן נאָך גענוג באַציונגען און אַסאָציאַציעס. מיט זייער היימישקייט פירן אָטאָ די ווערטער און ווערטער־רייען גרינג, פּלאַסטיש און קרעפטיק צום נייעם, אָפּט אומגעריכטן באַטייט. אַזוי באַקומט אַמאָל אַפילע אַ פאַרקריפּלטע רעדנסאַרט אין אַ איבערגעפורעמטער פּאָרם אַ נייעם „טיקן". אָן איבעריקער מי ווערט די אַלטע, היימישע טנוע אין דער נייער פּאַראַפראַזע דערקענט און פאַרשאַפט דעם לייענער, וואָס כאַפּט פּלוצים דעם נייעם אומגעריכטן באַטייט, אַכוץ אַלעם, נאָך אַן עסטעטיש פאַרגעניגן, מאַכמעס דער ווילגעראָטענער דענק־עקאָנאָמיע. דאָס וואָרט און אַ טייל פון זיינע אַסאָציאַציע־טענדענצן זיינען דעם לייענער שוין פון פריער באַקאַנט, פאַרשפּאָרט ער באַ דעם וואָרט, כאָטש עס איז איבערגעפורעמט און אין אַ נייער סוויווע, אַ היפּשן טייל אָנשטרענגונג, וואָס ער וואָלט געדאַרפט אויסגעבן באַם באַנעמען אַ שפּאָגל־נייע וואָרטבילדונג. אָטאָ די עסטעטישע האַנאָע איז ענלעך צו יענער האַנאָע, וואָס ווערט פאַרשאַפט דורך אַן איינגעגעבענעם, שוין פון פריעריקע סטראָפּעס באַקאַנטן רעפרען אין אַ ליד. דאָס געווינס פון אַזאַ געראָטן איבערגעפורעמטער רעדנסאַרט איז דאַן אַ טאָפּלטער: ערשטנס, די פּלאַסטישקייט און פרישקייט פונעם באַנייטן און לויטער קלינגענדיקן וואָרט; און צווייטנס, די דענק־עקאָנאָמיע, דאָס פאַרשפּאָרן פון איבעריקער דענק־ענערגיע, אַדאַנק דער האַסבאָרע דורך אַ גוט־באַקאַנטן, געווינטן וואָרט־מאַטעריאַל. און וואָס מער אַקטואַליטעט עס האָט אָנגעוואָרן דער אַ מ אָ ל י ק ע ר באַטייט פון דער באַנוצטער רעדנסאַרט, וואָס מער ער, דער אַלטער באַטייט, איז „פאַרשטומט" געוואָרן אין דער נייער באַנוצונג — אַלץ אומגעשטערטער און איבעראַשנדיקער האָט געקלונגען אין דער איבערגעפורעמטער רעדנסאַרט דער נייער באַטייט.

און טאַקע באַלד באַם אָנהייב באַנייונג פון דער יידישער ליטעראַטור זעען מיר שוין אין עטינגערס שאַפן די נעטיע, מיט גענוג באַוווסטזיניקייט צו באַנוצן שפּראַך־פּאָלקלאָר א ו י ך אַף דעמדאָזיקן פּ אָ ז י ט י וו ן אופן און פאַר פּאָזיטיווע צוועקן — אָפּוועגנדיק מיט קינסט־

לערישן געוויסן די פאַסיקייט און נויטיקייט פון פאָלקלאָריסטישן עלעמענט אין דער געליי־טערטער שפּראַך. ווי שטענדיק, ווו עס גייט ווענן קינסטלערישער מאָס און אויסגעהאַלטנקייט, איז עטינגער אויך אין דעם פּראַט ווייט אַריבער אַלע שרייבערס ביז מענדעלען. ער איז טאַקע נישט בייגעשטאַנען די סאַקאָנע פון „שטאַמלעניש״ און „שטומקייט״ באַ די (מער רעזאָניערישע) פיגורן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרמולירן עטינגערס „נייע״ (אַמאָל אַפילע „אַב־סטראַקט־טעאָרעטישע״) געדאַנקען, לעמאָשל: רעדליך, דער פרעמדער (ווו ער רעזאָנירט אַף דייטש). אָבער באַ יענע פיגורן, וואָס זיינען לויט עטינגערס מיינונג נאָך נישט די „נייע מענטשן״ און פאָרט „סימפּאַטישע״, פּאָזיטיווע און פאַרקערפּערן אין זיך, אין זייער מעהוס און טאַט, אַ היפּשן טייל פון עטינגערס אידעאַלן (הינדע, כאַווע און אַנדערע פיגורן אין „סערקעלע״ און אין די „דראַמאַטישע פראַגמענטן״), מיידט עטינגער אויס: פון איין זייט „שטומקייט״ (לעמאָשל: הינדע רעדט געוויינלעך יידיש, כאָטש זי קען דייטש), פון דער אַנדערער זייט די איבעריק־באַרעדעוודיקע ווערטלדיקייט. די שפּאָרעוודיק באַנוצטע פאָלקלאָר־עלעמענטן ווערן דאָרט אין די רעפּליקעס פון אָטאָ די פיגורן באַהערש און געפירט צו אַ דורכגעאַרבעטן, געלייטערטן שפּראַך־נוסעך. אַז מיר באַטראַכטן די פּאָשעטע, נאַטיר־לעכע און פאָרט קינסטלערישע שפּראַך פון הינדען, כאַוען, דעם פרעמדן (ווו ער רעדט יידיש), פון מאַלקען (דראַמאַטישער פראַגמענט: „דער פעטער פון אַמעריקע״) און אַנדערע „פּאָזיטיווע״ פיגורן עטינגערס, זעען מיר, אַז אַפילע די ווינציקע פאָלקלאָר־עלעמענטן אין זייערע רעפּליקעס זיינען שטרענג צוגעפּאַסט צום אויסדרוק־ציל. אַז זיי זענען נישט איבעריק. פאַרקערט, זיי פאַרשטאַרקן די פּלאַסטיק פון אויסדרוק, די קלאָרקייט פון געדאַנק, זיי קאָנען נישט מיט אַנדערע ווערטער פאַרביטן ווערן, ד. ה. זיי זיינען שפּאָ־רעוודיקע, נייטיקע באַשטאַנד־טיילן פון דעם, וואָס וויל אופריכטיק געזאָגט ווערן [1]. און דאָס איז דער הייפּעך פון דעם, וואָס מיר זעען אין די רעפּליקעס פון די נעגאַטיווע פיגורן, וואָס ווילן פאַרשלייערן און באַהאַלטן זייערע אינעווייניקסטע קאַוואָנעס גראָד מיט הילף פון דעם גוזמעדיק באַנוצטן פאָלקלאָר־עלעמענט.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט זאָגן, אַז אין עטינגערס שפּראַך איז שוין דערגרייכט געוואָרן די אידעאַלע פּאָזיטיווע איבעראַרבעטונג פון פאָלקלאָריסטיק; די וויכטיקסטע

1 זע „צוגאָבן און אָנמערקונגען״ I, באַזונדערס דעם אַריינפיר. פאַרגלייך אויך די פאָלקלאָר־עלעמענטן פון די פּאָזיטיווע פיגורן (הינדע, דער פרעמדער, כאַווע א. אז. וו.) מיטן קאָנטעקסט, אין וועלכן זיי ווערן גע־בראַכט אין די רעפּליקעס. אַזאַ פאַרגלייך קאָן גרינג באַווייזן די ריכטיקייט פון דעם טעזיס. באַזונדערס, אויב מע וועט אַקעגנשטעלן פונקט אַזאַ פאַרגלייך פון די פאָלקלאָר־עלעמענטן אין די רעפּליקעס פון די נעגאַטיווע פיגורן.

דאָס קינסטלערישע פאַראַרבעטן שפּראַך־פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן אַף אַ פּאָזיטיוון אופן איז אין באַשטימטע פעריאָדן אַ הויפּטמיטל די שפּראַך צו באַנייען. פון נעגאַטיוון באַנוצונג־שטייגער וואַקסט אויס דער פּאָזיטיווער. דערפאַר ווירקט אָפט אין יענע ליטעראַטור־פעריאָדן אויך דער נעגאַטיווער באַנוצונג־שטייגער אין א געוויסער מאָס אָפּפרישנדיק אַף דער שפּראַך. —

נאָכווייזן מיט ציטאַטעס, ווי אַזוי שפּראַך־פאָלקלאָר ווערט באַנוצט אַף אַ פּאָזיטיוון שטייגער, וואָלט באַ־טייט ציטירן די שפּראַכלעך בעסטע בלעטלעך פון דער יידישער ליטעראַטור פון אַ באַשטימטן פעריאָד (פאַרשטייט זיך, נאָר פון אַ באַשטימטן פעריאָד!) און וואָלט געפירט (וואָרעם עס איז נייטיק אויסצופאָרשן און נאָכצווייזן דאָס פאַרהעלטעניש פון יעדן באַזונדערן שפּראַך־פאָלקלאָריסטישן פאַל צום קאָנטעקסט אין דער ווערטער־סוויווע) צו אַזעלכע ברייטע שפּראַכלעכע אַנאַליזן, וואָס ליגן דאָס מאָל נישט אינעם געדער פון אונדזער אופגאַבע. אונדזער איקער קאַוואָנע אין אָטאָ דער אַרבעט איז אָבער געוועזן, צו באַווייזן די נעגאַטיווע זייט אינעם שפּראַך־פאָלקלאָר און די טאָעסן און סאַקאָנעס, וואָס קומען אַרויס פון אַ נישט־קריטישן צוגאַנג צו אָטאָ די שפּראַך־עלעמענטן. מיר האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן קעגן דעם איבערגעטריבן־ראָמאַנטישן, יידישיסטיש־פאָלקיסטישן צוגאַנג צו אָטאָ די אַלע עלעמענטן פון שפּראַכלעכן פאָלקס־שאַפן. אַזאַ צוגאַנג דערפירט דערצו, אַז אַלע כעסרוינעס און אומגעלומפּערטקייטן, די פאַרקריפּלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט אין דער שפּראַך ווערט פאַרענטפערט מיטן פאַקט פון דער פאָלקסטימלעכער אָפּשטאַמונג. אָטאָ די זיסלעך־ראָמאַנטישע, אַפּאָלאָגעטיש־פאַרליבטע באַציונג קאָן אויך פאַרן פראָצעס פון שפּראַך־אַנטוויקלונג ברענגען צו שעדלעכע רעזולטאַטן.

אופטועו אין דעם פּראַט הייבן זיך ערשט אָן באַ פּערעצן, באַ ניסטערן, באַ מאַני לייבן — כאָטש אָטאָ די אופטועו זיינען שוין היינט און זינט אַ שטיק צייט פאַר יעדערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אָבער עטינגער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַוווסטזיניק גענומען איבערצופורעמען אַף א פּאָזיטיוון אויפן דעם פאָלקלאָריסטישן שפּראַך־עלעמענט— אין די רעפּליקעס פון זיינע פּאָזיטיווע פיגורן און טיילווייז אויך אינעם סטיל פון זיינע לידער.

———

די קינסטלערישע געזעלשאַפט־קריטיק, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַ פּרימיטיווער אָפּגעשטאַנענער סוויווע, באַנוצט צו דעם צוועק פאָלקלאָר־שפּראַך און אידיאָטיזמען. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס כאַזערט זיך איבער אין אַלע ליטעראַטורן[1]. פאַר אָפּגעשטאַנענקייט פון אַ הויך קאָמפּליצירטער און דיפערענציִרטער געזעלשאַפט־פאָרם האָט אָטאָ דאָס קריטיק־מיטל, דאָס רעפּראָדוצירן אַ גוזמעדיק־געדיכטן שפּראַך-פאָלקלאָר פון אַ פאַרעלטערטער טקופע קיין באַטייט נישט, ווייל עס כאַראַקטעריזירט נישט די אָפּגעשטאַנענקייט און דעם מעהוס פון אַזאַ שפּעטערן מער דיפערענצירטן געזעלשאַפט־אָרגאַניזם. דער גוזמעדיק־געדיכטער שפּראַך־פאָלקלאָר ביכלאַל איז בלויז אַ אילוסטראַציע־מיטל פון פּרימיטיווער אָפּגעשטאַנענקייט. מיט מענדעלעס און שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז אין דער יידישער ליטעראַטור, אין העסקעם מיט דער היסטאָרישער סיטואַציע, פאַרענדיקט די קינסטלערישע קריטיק פון פּרימיטיווער קליינשטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייט ווי אַ צענטראַלע און אַקטועלסטע טעמע. דערמיט איז די ראָל פון איבערגעלאָדענעם פאָלקלאָר אין רויגעשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך פאַרענדיקט. אַפילע אין יענע טיילן פון פּערעצעס שאַפן, ווו ער דרייט איבער דאָס רעדל און מאַכט פון די פריער נעגאַטיווע פיגורן ראָמאַנטיש־פּאָזיטיווע, קאָן שוין דער צופיל איבערגעלאָדענער פאָלקלאָר־עלעמענט, צוליב דעם פּאָזיטיוון מיין פון אַוטאָר, נישט מער שפּילן יענע ראָל ווי אין די ווערק פון מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם, סיידן ער ווערט איבערגעאַרבעט לויטן מעכאַבערס פּאָזיטיווער און סטיליזירנדיקער קאַוואָנע. און אַפילע דעמאָלט בלייבט און פּילט זיך נאָך אַ רעשטל פון נישט אינגאַנצן ערנסטער שפּילערישקייט אין פּערעצעס באַציִונג צו די סטיליזיר־רעזולטאַטן, וואָס האָבן זיך באַקומען דורך דער קינסטלערישער דורכאַרבעטונג פון דעמדאָזיקן שפּראַך־עלעמענט.

דערפאַר איז דאָס אַ טאָעס, וואָס ברענגט צו נישט געווּנשענע רעזולטאַטן, ווען מע פאַרבייט די צוויי פאַרשיידענע אויפאַנים פון אויסנוצן פאָלקלאָר. ווען מע מיינט, אַז מע קאָן באַנוצן די פּרימיטיווע אויסדרוק־פאָרם, דעם איבערגעלאָדענעט שפּראַך־פאָלקלאָר אין רויער אָריגינאַלער געשטאַלט, קעדיי צו מאָלן פּאָזיטיווע פיגורן, וואָס פאַרקערפּערן דאָך אָדער דאַרפן שטענדיק פאַרקערפּערן דעם אידעאַל פון צוקונפט, לעפּאָכעס אַזוי ווייט ווי עס ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ טענדענץ אין די פיגורן פון דער קעגנוואַרט און אַפילע פון אָוואַר. עס איז אַ מיספאַרשטייעניש און קומט אַרויס פון אַ פאַרשפּעטיקטן „פאָלקיזם“, וואָס וויל אַפּאָלאָגעטיש, מיט לעהאַכעסדיקער פאַרליבטקייט רעאַבּיליטירן דאַפקע אָטאָ די אָפּגעשטאַנענע און אומגליקלעכע „רעדשטייגערס פון זשאַרגאָניזם“. דאָס איז אַ שעדלעכער גאַנג. אָן קריטישן אָפּקלייב און דיסציפּלינירטער איבערפורעמונג ווערט דאָס „קרומע“ פּראָקלאַמירט ווי „גראָד“, די קרענקלעכע אויסוווקסן—ווי אַ געזונטע „נאַציאָנאַלע“ פאָלקסטימלעכע ספּעציפישקייט. — נאָך שאָלעם־אַלייכעמען האָט די געזעלשאַפט־קריטיק שוין צו טון מיט קאָמפּליצירטערע פאַלן: קאָן יענער פאָלקלאָר־מאַטעריאַל, וואָס איז אַ טייל פון דער פּרימיטיווער אָפּגעשטאַנענקייט, נישט דינען פאַר אַ אָפּשפּיגלונג־אינסטרומענט פון אַ נייערער געזעלשאַפט.

1) אויב מ׳ר באַגרענעצן זיך בלויז מיט ביישפּילן פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועט קלעקן צו דערמאָנען די נעמען: טשולקאָוו, פאָן-וויזין, נאדעזשדין, גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל.

אַלע אַזעלכע פּרוּוון, ווי טאַלאַנטפול זיי זאָלן נישט זיין [1], מוזן ווירקן אַנאַכראָניסטיש און סטירעסדיק.—

אַפּן אייגענעם אופן ווי דער רעד־פאָלקלאָר (וואָס איז דער אויסדרוק פון דער פרימיטיוו־פּראַקטישער פאָלקס־כאָכמע) איז אויך אויסגענוצט געוואָרן די בוך־פראַזעאָלאָגיע פון דער עלטערער אָריגינאַלער און איבערזעץ־ליטעראַטור אין יידיש (דער אויסדרוק פון אַ מער ערודיציאָנעלער, געבילדעטער פאָלקס־כאָכמע). דעם יערושע־אָל פון בוך־פראַזעאָלאָגיע איז מען בייגעקומען: אָדער דורך אויסנוצונג ווי אַ מיטל פון קריטישער סאַטירע, דער־ווייזנדיק דעם אַבסורד פון אָטאָ דעם נוסעך, אָדער דורך קינסטלערישער איבערפורעמונג און צופּאַסונג צו וועלטלעכע און אַקטועלע באַדערפענישן. דער ערשטער אופן ווערט אָפּט באַנוצט, לעמאָשל, דאָרט, ווו מענדעלע פלעכט אַריין אין זיינע דערציילונגען ברייט־באַרע־דעוודיקע באַטראַכטונגען, וואָס זיינען מיט זייער קלאָמערשט פרומלעכער, טמימעסדיקער „טיפזיניקייט” אינעמעסן בייסיקע סאַטירעס קעגן אָטאָ דעם סאָרט באַטלאָניש־מאַגידישן, צו גאָרנישט דערפירנדיקן טראַכטן. אָדער, לעמאָשל, אין די סטיליזירטע האַקדאָמעס שאָלעם־אַלייכעמס צו זיינע דערציילונגען, אין די כקירעס פון טעוויע דעם מילכיקער א. אַז. וו. דער צווייטער אופן, די קינסטלערישע איבערפורעמונג און צופּאַסונג פון עלטערער געיאַר־שנטער בוך־פראַזעאָלאָגיע צו פּאָזיטיווע צוועקן ווערט צומיינסטן דייטלעך אין די ווערק פון פּערעץ, וואָס איז אין אַ באַשטימטן זינען דער וועלטלעכסטער פון די יידישע קלאַסיקער אַפילע אין זיינע סטיליזירטע פרומלעכע טעמעס, און אין די ווערק פון ניסטער, וואָס דערפירט אָטאָ דעם שפּראַך־נוסעך צו פולער וועלטלעכקייט. ניסטערס איבערפורעמונגען פון שפּראַך זיינען, וואָס שאַיעך עלטערע געיאַרשנטע בוך־פראַזעאָלאָגיע — אָפּשליסנדיק; איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווערט אַראָפּגענומען פון די בוך־טנועס דער ספּעציפיש־פרומלעכער גערוך, זיי ווערן איבערגעפורעמט צוליב וועלטלעכע צוועקן. דערמיט איז דער קינסטלערישער אויסנוצונג־פּראָצעס אויך פון אָטאָ דעם שפּראַך־פאַרמעג אַף אַ קלאַסישן אופן פאַרענדיקט.

6. סאַכאַקלען

צוריקגייענדיק צו אונדזער פּראָבלעם־שטעלונג, קומען מיר צו אַזעלכע אויספירן:

דער היפּערטראָפּירטער, גוזמעדיקער שפּראַך־פאָלקלאָר פון אַ באַשטימטן פּעריאָד איז דער שפּראַכלעכער אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער פאַרקריפּלטקייט. אינעם לעבן איז די אייגנטלעכע פונקציע פון אָטאָ דעם רעדשטייגער: ראַפינירט אויסצובאַ־

1 זע, לעמאָשל, די ווערק פון אַזעלכע שטאַרק באַגאַבטע, אָבער אַקעגן די קלאַסיקער, עפּיגאָנישע שרייבער, ווי אָנויכי, בערדיטשעווסקי (אין יידיש: „פון אַ ווייטן קאָרעוו”) א. א. וו. ווי סטירעסדיק און אַנאַכראָניסטיש ווירקן זייערע ווערק! דאָס וואָס עס איז געווען באַרעכטיקט באַ די קלאַסיקער, ווערט באַ זיי אויסטערליש. די סטיליזירטע שפּראַך פון אָנויכיס „ר׳ אבע” ווירקט אַף אונדז נישט איבערצייגנדיק און אַמאָל אַפילע פריקרע. פאַרוואָס? ווייל ר׳ אבע ווערט נישט קריטיקירט (דאָס איז שוין סייווי נישט נייטיק געווען), נאָר ראָמאַנטיש סטיליזירט, כאָטש מיט אַ פינטעלע איראָניע. ר׳ אבע אָבער וויל זיין באַ אָנויכי אַ פּאָזיטיווע פיגור. און דאָס געפינט זיך אין אַ שטענדיקער סטירע צו זיין גוזמעדיק פאָלקלאָריסטישן שפּראַך-נוסעך. דערפאַר ווירקט אָטאָ דער נוסעך פריקרע. בערדיטשעווסקיס עטנאָגראַפישע „שטייגער-פּאָטאָגראַפיעס” (אַזוי אַנערעך האָט בערדיטשעווסקי אַליין כאַראַקטעריזירט זיינע יידישע ווערק), אַכוץ דעם, וואָס זיי זיינען לויט זייער אינעווייניקסטן באַטייט פאַרשפּעטיקטע, ווילן נישט קריטיקירן, נאָר קלאָמערשט „אָביעקטיוו” פאַרשרייבן „לזכרון עולם”. אינעמעסן באַהאַלט זיך אין זייער „אָביעקטי-וויטעט” אַ סענטימענטאַלער ראָמאַנטיזם, אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו טעמע און פיגורן, כאָטש קלאָמערשט אַ „מאָדערניזירטע”. אָטאָ די „מאָדערנע” אָבער פּאָרט פּאָזיטיווע באַציִונג צו די פיגורן און געשעענישן שטייט אין אַ סטירע צו דער שפּראַך-פאָלקלאָריסטיק פון זיין נוסעך. דערפון נעמט זיך די אַנאַכראָניסטישע ווירקונג פון אָטאָ די אינטערעסאַנטע ווערק.

האַלטן די עמעסע קאַוואָנע פונעם רעדנדיקן. עס פילט זיך אין דעם רעדשטייגער אַ שפּי־לעוודיקער אומערנסט און זעלבסט-איראָניע; די דורכויסיקע געדיכטקייט פון פאָלקלאָרי־סטישע עלעמענטן הערט זיך אָפּטמאָל ווי איין גרויסער כויזעק און אָפּשפּאָט פון דער אייגענער געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער סיטואַציע. דערפאַר דינט אָטאָ דער שפּראַך־שטייגער אין דער ליטעראַרישער רעפּראָדוקציע (אין די ווערק פון וואָלפזאָן—לעווינזאָן ביז שאָלעם־אַלייכעם) ווי אַ מיטל פון סאַטירע, פון ק ר י ט י ק. אָטאָ דער שפּראַך־שטייגער גופע, צו וועלכן מע באַציט זיך צייטנווייז פאָלקיסטיש-סענטימענטאַל, ווערט אין אַ געוויסער מאָס אויך אַ אָביעקט פון קריטיק.

דיאַלעקט און אידיאָם-ווייזן אָפּטמאָל אַרויס אין לעבן, ווי אין דער ליטעראַרישער רעפּראָדוקציע, אַ מין הינטערשטעליקע ווילערישקייט און אַן אַקשאָנעסדיק שטאָלצירן מיט דער אייגענער אָפּגעשטאַנענער באַגרענעצטקייט. פּראָגרעסיווע שרייבער רעפּראָדוצירן אָפּט־מאָל נאַטורגעטריי אָטאָ די רעדשטייגערס קעדיי מיט זייער הילף סאַטיריש צו קריטיקירן די הינטערשטעליקייט פון דער פּראָווינץ און פון די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן[1].

דעריבער קאָן מען נישט זאָגן, אַז ביכלאַל י ע ד ע ר שפּראַך־פאָלקלאָר, יעדע שפּראַך־פאָלקסטימלעכקייט, יעדע קאַנט־און מאַסן־שפּראַך באַטייטן „געזונטע פרישקייט", „אורשפּרינג־לעכקייט און שאַפערישע נאַיִוויטעט". גרויסע טיילן פון אָטאָ דעם שפּראַך־מאַטעריאַל מוזן אין דער יידישער שפּראַך, פונקט אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע שפּראַכן און פאָלקס־אידיאָמען, וואָס האָבן לאַנג געליטן פון אונטערדריקונג און אָפּגעשטאַנענקייט, אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ דערשיינונג פון פאַרקריפּלונג און ווי אַן אָפּהאַלט פון נאָרמאַלער געדאַנקען־און שפּראַך־אַנטוויקלונג. זיי זיינען ניט בלויז נוצלאָז, זיי פאַרפירן אויך צו גאָרנישט־זאָגנדיקער רעד־מאַניע, צו קרענקלעכע אויסוווּקסן. אָטאָ די עלעמענטן מוז מען: אָדער אָ פּ ט י י ל ן און אָ פּ ש אַ פ ן; אָדער ק י נ ס ט ל ע ר י ש ג ו י ו ו ע ר ז י י ן, דערפירנדיק זיי צום אַבסורד ווי אַ קריטיקיר־מיטל (נעגאַטיווע באַנוץ־פאָרם); אָדער ב י י ק ו מ ע ן ד ו ר ך ג ר י נ ט ל ע כ ע ר ז אַ כ ל ע כ ע ר ד י ס צ י פּ ל י נ י ר ו נ ג און איבערפאָרעמונג (פּאָזיטיווע באַנוץ־פאָרם).

דערפון נעמט זיך די נויטווענדיקייט פון אַ קריטישער באַציִונג צום שפּראַך־פאָלקלאָר.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז אָטאָ די קריטיק מיט הילף פון גוזמעדיק־געדיכטן שפּראַך־פאָלקלאָר שוין אויסגעשעפּט געוואָרן באַ די קלאַסיקער. אַזאַ קריטיק פון פּראָווינץ און אונטערשטע אָפּגעשטאַנענע מאַסן קאָן, באַ די היינטיקע באַדינגונגען, וואָס גיבן אונדז קרעפטיקערע מיטלען, בלויז האָבן אַ סאָפּעקדיקן פאָלקלאָריסטישן באַטייט. סאָפּעקדיק, ווייל וואָס עס איז אין אַ פאָלקיסטישן פעריאָד באַרעכטיקט, קאָן זייער גרינג אין פעריאָד פון סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע ס י י ק י נ ס ט ל ע ר י ש, ס י י א י ד ע אָ ל אָ ג י ש באַקומען אַן אָפּגעשטאַ־נענעם טאַם. צוריקגיין, ווי עס געשעט אַמאָל אין דער ליטעראַטור, צום אַלטן שפּראַך־נוסעך איז איבעריק און אַנאַכראָניסטיש, ווי טאַלאַנטפול מע זאָל דאָס נישט אָפּטון. עס איז אַ מוסער־זאָגן דעם אָוואַר אַף צוריק און אַן איבערכאַזערן פונעם שוין אָפּגעטאָנענעם. דאָס געשעט אַמאָל, ווען שרייבער פון אָפּגעשטאַנענע קאַנטן קומען אַריין אין דער ליטעראַ־טור. עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן געמיינט, אַז מע דאַרף זיך נאָך פאָרען און באַמיען מיט יענע פאַקטן, קעמפן אַקעגן יענע נישט־אַקטועלע שוועריקייטן, מיט וועלכע מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם האָבן זיך שוין אַף אייביק אָפּגעפאַרטיקט. אין זייערע קלאַסישע פיק־סירונגען איז אויסגעשעפּט און באַזיגט געוואָרן דער שטאַרק־ספּעציפישער, באַגרענעצט־שטייגערישער מעהוס פון דער שפּראַך און עס האָט זיך געעפנט דער וועג פאַר אַן אַל־געמיין־מענטשלעכן, פרייען, אומיטלבאַרן אויסדרוק. עטינגער האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר אַ נאָרמאַלער שפּראַך־אַנטוויקלונג, מיט מענדעלעס און שאָלעם־אַלייכעמס ווערק איז דער קאַמף פאַרענדיקט.—

1) גענויער וועגן דיאַלעקטן און אידיאָמען זע „צוגאבן און אָנמערקונגען" II.

דערפון אַ אויספיר: קריטיק פון דער געזעלשאַפט מיט הילף פון „קלאַסישן" שפּראַך־פּאָלקלאָר, סיי רעדנסאַרטלעכן, סיי אידעאָלאָגישן, איז אין אונדזער היינטיקער צייט אַן אַנאַכראָניסטישע דערשיינונג.

נאָר יענע טיילן פון אַלטן און שטענדיק ניי־שפּראָצנדיקן שפּראַך־פּאָלקלאָר, פון בוך־פּראַזעאָלאָגיע, פון רעזשיאָנאַלער אידיאָטאָלאָגיע א.א.וו. וואָס קאָנען דינען, אויב זיי ווערן איינגעגעבן דיסציפּלינירט און איבערגעפורעמט, פאַר נאָך נישט געדעקטע אויסדרוק־באַדערפענישן, דאַרף מען אין קינסטלערישן זינען פּאָזיטיוו אָפּשאַצן. אַלעס איבעריקע איז פאַרמישפּעט צו צעפאַלונג און אונטערגאַנג, און האָט אַ באַטייט בלויז פאַר פילאָלאָגישער רעגיסטראַציע.

דאָס מוז היינטיקע צייטן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן, ווייל נייע שפּראַך־קוואַלן שפּרודלען פון האַמוין און פון די ביז איצט שווייגנדיקע פּראָווינצן און פאַרפירן מיט זייער פאַרפלייצנדיקער שעפע צו וואָרט־גיסעכץ, צו מיסברויך, צו קלאָמערשטע ניי־אַנטדעקונגען, וואָס זיינען אינעמעסען אָפּטמאָל רעצידיוון, צו נייער פאָרעמונג פון באַגריפן, וואָס זיינען שוין לאַנג שפּראַכלעך געראָטן פיקסירט. נייער שפּראַך־שטאָף מוז געצוימט ווערן פון שטרענג פורעמדיקער, אומראַכמאָנעסדיק קריטישער דיסציפּלין, וואָס וואַרפט אָפּ איבעריקע באַרעדעוודיקייט און שטעלט זיך אַ ציל: דורך שפּאָרעוודיקסטע מיטלען — אַ מאַקסימום פון פאַרשטענדיקונג־מעגלעכקייט, דורך אַ מינימום פון שפּראַך־טנועס — אַ מאַקסימום פון דייטלעכקייט, פּלאַסטישקייט, בויגעוודיקייט און ניואַנס־פעיִקייט פון אויסדרוק.

די פּאָלקסטימלעכע באַרעדעוודיקייט איז דער לעבעדיקער קוואַל פון דער שפּראַך. אָבער צוועקמעסיק און פרוכפּאַר אויסנוצן קאָן מען זי נאָר מיט דער הילף פון אַכראַיעס־פולער און זאַכלעכער באַהערשונג, וואָס ווייסט, ווי אַזוי אָפּצוטיילן דעם לעבעדיקן מאַטע־ריאַל פון פאַרעלטערטן פּסוילעס.

צוגאָבן און אָנמערקונגען

I

באַשטאַנד פון שפּראַך־פּאָלקלאָר אין עטינגערס „סערקעלע"

אַ וואָרט פריער

נישט בלויז צוליב די באַזונדערע צוועקן פון אָטאָ דעם עטיוד לוינט זיך דער פּרווו, אַרויסצושיילן די רעדנסאַרטלעכע, פּאָלקלאָריסטישע און פּראַזעאָלאָגישע באַשטאַנד־טיילן פון אַ ווערק, וואָס איז מאָסגעבנדיק פאַר אַ באַשטימטן ליטעראַרישן פּעריאָד. אַזאַ מין צונויפשטעלונג קאָן אויך קלאָר מאַכן פאַרשיידענע ליטעראַטור־וויסנשאַפט־לעכע פראַגן. דאָ אָבער שטעלן מיר זיך נישט די אויפגאַבע אין דער אַלגעמיינסטער ברייט, וואָרעם דעמאָלט וואָלטן מיר געמוזט לייגן אַכט אויך אַף די לעקסיקאָלאָגיע, אַפן אידיאָטיקאָן א. אַז. וו. פונעם ווערק. דער כאַראַקטער פון אָטאָ דער צונויפשטעלונג איז אַ שמאָלערער. איר צוועק איז צו זיין אַ באַווייז־אַפּאַראַט פאַר עטלעכע אַלגעמיינע באַהויפּטונגען, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער אָפּהאַנדלונג.

וועלכע שפּראַכלעכע באַשטאַנד־טיילן פאַלן אַרונטער אונטערן ענגערן[1] באַגריף פון שפּראַך־פּאָלקלאָר? אַ גענויערע דעפיניציע, ווי וויינִיק־אויסשעפּנדיק זי זאָל נישט זיין, איז נייטיק צוליב דער גרויסער צאָל פון גרע־נעץ־פאַלן, ווען די צוגעהעריקייט פון דעם אָדער יענעם זאַץ צום שפּראַך־פּאָלקלאָר ווערט באַדינגט דורך דער פּאָזי־ציע, וואָס ער פאַרנעמט אינעם קאָנטעקסט. אָפטמאָל איז אין אַזעלכע פאַלן דער פּאָלקלאָריסטישער, רעדנסאַרטלעכער כאַראַקטער פון זאַץ סאָפּעקדיק. אַזעלכע זאַצן דערנעענטערן זיך אַמאָל צו דעם מין „אימפּראָוויזירטע פּראַזעאָלאָגיע", אָדער זיי ווערן גראָד אין די באַשטימטע פאַלן אַזוי פּאַסיק זאַכלעך באַנוצט, זיינען אַף זייער אָרט אַזוי נייטיק

1 אין אַלגעמיינסטן, ברייטסטן באַגריף נעמט „שפּראַך־פּאָלקלאָר" אַרום אויך די עלעמענטן פון קאַנט־שפּראַך און פּאָלקס־שפּראַך, אין ענגערן זינען דאַרף מען אונטער „שפּראַך־פּאָלקלאָר" פאַרשטיין בלויז רעדנסאַרט־לעכקייט און סטערעאָטיפּישע פּראַזעאָלאָגיע.

און מיט אַנדערע נישט מעגלעך צו פאַרבייטן, אַז עס פאַלט פון זיי אַראָפּ דער כאַראַקטער פון טראַדיציאָ-נעלער טראַפאַרעטישקייט. די טיפּישע רעדנסאַרט האָט אָבער אין זיך אַ מין קאַנאָנישע געגליווערטקייט און פּרעטענ-דירט אינעם טעקסט אַף אַ זעלבשטענדיקן ווערט, אומאָפּהענגיק אָפּטמאָל פון דער ווערטער-סוויווע; וואָרעם אָטאָ דער פאַקט דאַרף דאָך באַרעכטיקן די באַנוצונג אויך אין אַזעלכע פאַלן, ווען די רעדנסאַרט אָדער אַ טייל פון איר האָבן בלויז אַ ווייטן שייכעס צום קאָנקרעטן איניען. —

רעדנסאַרט און סטערעאָטיפּישע פראַזעאָלאָגיע, קורץ, שפּראַך-פאָלקלאָר אין אַ ענגערן זינען איז:

1. אַ ווערטער-ריי, אַ פראַזע, אַ גענומענע פון רעדשטייגער אָדער פון בוך-שטייגער, וואָס דאַרפן בילדע-ריש-מאָשלדיק באַשרייבן, שילדערן, כאַראַקטעריזירן אַ זאַך, אַ מענטש, אַ סיטואַציע, קאָנקרעט-זאַכלעך אָדער ליידנ-שאַפטלעך-היפּערבאָליש, פּלאַסטיש, אָדער גוזמעדיק-מעטאַפאָריש, מיט אָדער אָן ווערט-אָפּשאַצונג. אַזא פראַזע איז נישט אָקאָרשט צוליב אַ געגעבענעם פאַל אימפּראָוויזירט געוואָרן, זי ווערט שוין פון לאַנג אָן אין ענלעכע און וויניקער ענלעכע פאַלן באַנוצט. אָפּט איז דער מיין פון אַזאַ זאַך נישט אידענטיש מיטן פּינקטלעכן באַטייט פון זיינע ווערטער, וואָס זאָגן אַמאָל גענוי דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס די גאַנצע פראַזע ווי אַזעלכע האָט די אויפגאַבע צו זאָגן. דער באַטייט פון אזא זאַך איז אַ קאָנווענציאָנעלער, אַלגעמיין אָנגענומענער לויט דער פאָלקלאָריסטישער מעסוירע.

2. ווערטער און פראַזעס, וואָס האָבן נישט פאַר זיך אַליין און נישט אינעם קאָנטעקסט קימאַט קיין שום באַטייט נישט, זיי קאָנען און ווילן גאָרנישט קאָנקרעטס זאָגן און זיינען בלויז אַ מין טנוע, גרימאַס, אָפּרו-אָרט, קעדיי דערוויל עפּעס באַטראַכטן, עפּעס באַהאַלטן (אַמאָל בלויז די אומגעלומפּערטקייט פון דערציייל-שטייגער), זיך אַרויסצודרייען פון אַ שווערקייט, „איינצושלעפערן" די אויפמערקזאַמקייט פונעם פאַרטנער אָדער אָפּצווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט פון אַ באַשטימטן פּונקט א. אז. וו. [1]

3. אַפעקט-אויסגעשרייען אין פיקסירטער פאָרם: פון ליידן, פון פרייד, פון איבעראַשונג [2] און אַנדערע געפילן. לעמאָשל: קלאָלעס, ווונטש-ווערטער, אומנויטיקע איבערעדערישע שוועס, לויב-שפּרוכן, זידלערייען, אויס-געשרייען פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער (אָבער אָן אַ רעליגיעזער קאַוואָנע), דראָונגען א. אז. וו.

4. שפּריכווערטער, פאָלקס-ליד-זאַצן, מאָשל-זאַצן, פיקסירטע גלייכענישן, העברעישע און אַנדער-שפּראַכיקע שטייגער-אָדער בוך-פראַזעס א. אז. וו.

———

אָפּטמאָל זיינען די פאָלקלאָר-זאַצן אַזוי פאַרפלאָכטן מיטן טעקסט, אַז זיי וואָלטן, אַרויסגעריסענע פון קאָנקרעטן פאַל, נישט פאַרשטענדלעך געווען אָדער פאַרלוירן דעם פאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער. אין אָטאָ די פאַלן ברענגען מיר די זאַצן אין דער צופעליקער פאָרם, אַזוי ווי זיי ווערן געבראַכט אינעם טעקסט. אַמאָל ווידער וואָלט דער זאַץ גראָד אין דער קאָנקרעטער אָבער צופעליקער געשטאַלט פאַרלוירן דעם פאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער — האָבן מיר אים ציטירט אין „אַבסאָלוטער" פאָרם, שטעלנדיק דאָס צייטוואָרט אינעם זאַץ אַף אינפיניטיוו. אונדזער פּרינציפּ איז געווען פאַרשטענדלעכקייט: עס זאָל קלאָר ווערן דער פאָלקלאָריסטישער כאַראַקטער פון דער פראַזע, כאָטש זי איז אַרויסגעריסן פון קאָנטעקסט. אָן אַנדער מין אויסגעהאַלטנקייט זיינען מיר דאָ נישט אויסן געווען.

אויך איז אַמאָל שווער געווען פעסטצושטעלן די גרענעץ צווישן רעדנסאַרט און אימפּראָוויזירטע רייד. אַזעלכע אימפּראָוויזירטע ווערטלעך האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, דורכגעלאָזן; אַמאָל אָבער האָבן זיך אַוואַדע, מאַכמעס דער שווערקייט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן, אין באַשטימטע פאַלן אויך אַזעלכע ווערטלעך אַרייַנגעכאַפּט אין אונדזער צונויפשטעל [3]. אַבסאָלוטע אויסגעהאַלטנקייט איז דאָ נישט מעגלעך געווען. —

דער מאַטעריאַל ווערט געבראַכט קעסיידער לויטן גאַנג פון די רעפּליקעס פון גאַנצן בוך. זאַצן, וואָס זיינען צונויפגעפלאָכטן פון צוויי רעדנסאַרטן — און אַזעלכע זיינען פאַראַן אַסאַך — האָבן מיר פאַרעכנט פאַר איין רעדנס-אַרט. עטלעכע פון די רעפּליקעס, וואָס באַשטייען אינגאַנצן פון לויטער רעדנסאַרטן, האָבן מיר באַזונדערס אַלס אַזעלכע אונטערגעשטראָכן. די אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל האָבן מיר פאַרביטן מיט דער נייער.

———

1. „שפּיץ-בעקיצער", „מיילע-וואָס", „כ׳לעבן", „קומט מיין שמוע אפיר", אָדער נישט נייטיקע העברעישע פראַזעס, וואָס האָבן אָפּטמאָל דיזעלבע פונקציע.

2. „איך בין אַוועק!" „געהאַרגעט בין איך געוואָרן!" „אוי וויי מיינע קויכעס!" א. אז. וו.

3. פאַראַן באַשטימטע ווערטער, וואָס האָבן אַ דייטלעכן פאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער, אָפּטמאָל אָבער ווערן זיי אַזוי „נאַטירלעך" אַריינגעפלאָכטן אין די רייד, זיינען אַף זייער אָרט אַזוי אומבאַדינגט נייטיק, אַז זיי פאַר-לירן קימאַט דעם פאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער. אַזעלכע ווערטער (ווי „נישקאָשע", „כלעבן", „אָסער" א. אז. וו.) האָבן מיר אַמאָל געבראַכט און אַמאָל נישט. אָן אַבסאָלוטע קריטעריע האָבן מיר דאָ נישט געקאָנט געפינען. מיר קאָנען דעריבער בלויז זאָגן, אַז אונדזער „צונויפשטעל" ברענגט אַנערעך און קימאַט אַלע רעדנסאַרטלעכע עלעמענטן. יערנפאַלס גענוג ברייט און אויספירלעך, קעדיי אויפצושטעלן אַ בילד פון דער פראָפּאָרציע אינעם באַ-נוצונג-גראַד פון יעדער פיגור באַזונדער. אַ גרעסערע און אַבסאָלוטע פּינקטלעכקייט איז נישט מעגלעך געווען.

די צאָלן-מעסיקע אויספאָרשונג, ווי ווייט באַשטימטע פיגורן באַנוצן אין זייערע רעפּליקעס רעדנסאַרטן, קאָן בלויז האָבן אַ שייכעס צו יענע פּאַרשוינען אין „סערקעלע״, וואָס רעדן יידיש און אַזוי לאַנג ווי זיי רעדן יידיש. די פּאַרשוינען, וואָס רעדן נאָר דייטש (רעדליך, דער דאָקטער), פאַלן, פאַרשטייט זיך, אַרויס פון דער אויספאָרשונג. דאָס אייגענע בענעגייע די דייטשישע רעפּליקעס פון באַשטימטע פּאַרשוינען, וואָס רעדן אַמאָל אויך יידיש: דער פּרעמדער, הינדע. די דייטשישע רעפּליקעס זייערע האָבן מיר אָפּגעזונדערט און ניט מיטגעציילט נישט אין דער צונויפגעשטעלטער סומע געדרוקטע שורעס פון אַלע זייערע רעפּליקעס און נישט לויט זייער רעדנסאַרטלעכן באַשטאַנד. אויך אַלטעלעס רעפּליקעס קאָנען אונדז אין דעם פּראַט נישט אינטערעסירן, ווייל זי רעדט אַ מעשונעדיק דייטשמעריש. פון אירע רעפּליקעס וועלן מיר בלויז אָנווייזן אַף אַ ריי יידישע אָבער פאַרדייטשמערישטע רעדנסאַרטן, וואָס זי פלעגט אַמאַראַציש אַריין אין איר דייטשישער שפּראַך. אַ טייל פון גאַווריל העגדלערס רעפּליקעס האָבן מיר אויך געמוזט אראָפּרעכענען, נעמלעך, יענע, אין וועלכע ער באַמיט זיך, נישט קאָנענדיק קיין וואָרט דייטש, זיך צוצופּאַסן צו אַלטעלעס לאָשן דורך אַ ווילדן קוידעריש.— אַזוי אַרום זיינען געבליבן בלויז די ריין יידישע רעפּליקעס פונעם בוך, וואָרעם נאָר די האָבן מיר צוגעצויגן אי צו דער צאָל שורעס פאַר דער סטאַטיסטיק, אי צו דער אויספאָרשונג פון זייערע שפּראַך-פאָלקלאָריסטישע באַשטאַנד-טיילן.—

צונויפשטעל

(„סערקעלע״ אַלע כתבים פון ד״ר שלמה עטינגער, ווילנע 1925, ב, II)

כאַים:

ז. 292 1. אָ וואַ כלעבן.

2. נישט אַמאָל די האָנט אין קאַלטן וואַסער אַריינגטועןֿ.

ז. 293 3. האַלעוואַי אף מיר כאָטש די העלפט געזאָגט געוואָרן!

4. באַנאַכט זיינען אַלע אָקסן שוואַרץ.

5. די גאַל גייט איבער.

6. כ׳לעבן קיין כיעס נישט (באַטייט: נישקאָשע).

סערקעלע:

1. אוי וויי מיר!

2. איך בין אַוועק! (באַטייט: איך פאַל אין כאַלאָשעס).

3. מעשוגע זאָלסטו ווערן!

ז. 294 4. מיין בייזער כאָלעם זאָל זיך צו דיין קאָפּ אָנהייבן און אויסלאָזן!

5. פּאָשייע-ייסראָעל.

6. האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר!

7. אוי וויי מיינע קויכעס! (פאַרקירצט: א. וו. מ. ק.)

8. דעם טויט מאַכן (מוטשען, פאַרמוטשען).

9. אז טאָג, אז נאַכט.

10. געבן פאר ס׳דייניקע (מייניקע, זייניקע א. אז. וו.).

11. ווייסט איין גאָט.

12. זיך דאָס געזונט מיט... (עמעצן) אָפּרייסן (האָבן מיט עמעצן צו טון).

13. א. וו. מ. ק.

כאַים:

7. נאָך דאָס שלימאַזל האָט מיר געפעלט.

8. אף מיינע צאָרעס.

סערקעלע:

14. אַ מיצווע גדוילע (רעכט געשעט דיר).

15. ווער געהאַרגעט פאַר אַלע יידישע קינדער.

16. וואָס האָסטו פון דעם זינדיקן שפּיגל געוואָלט... („זינדיקן״ אינעם באַטייט פון „נעבעכדיקן״).

17. קראַנק זיין עפּעס צו טון (זידלדיק: זיין אָפּגעהאַלטן דורך אַ מעניע עפּעס צו טון).

18. דאָס טעפּל צו פאַרזאָרגן (פאַרען זיך מיט דער אַרבעט אין קיך).

19. אומשטיינס-געזאָגט.

20. איין שלימאַזל גרעסער ווי דאָס אַנדערע.

21. אוי מיינע קויכעס!

22. כאָרעוו זיין (קראַנק זיין).

23. אַ גאַנצע לעכע טאָג (לעכע—פון „ליכטיקן״? אָדער פון ?lichy).

24. צאָרע, פּוראָניעס (זידל-ווערטער).

ז. 295 25. אוי מיינע קויכעס!

26—27. געשעדיקט זאָלסטו ווערן! (צוויי מאָל).

כאַים:

9. פאָלגן אַפילע אין פייער אַריין.

סערקעלע:

28. זיך נישט ווינטשן אין עמעצנס הויט צו שטעקן.

29. אָסער!

ז. 296 30. זוכן מיט ליכט.

31—32. אוי מיינע קויכעס! (פאַרקירצט א. מ. ק.).

33. דאָס פּוראָניעס.

34. ווער געשעדיקט!

35. איטלעכער נאַר האָט זיך זיין סייכל בא זיך.

גאַוריל:

1. אָן איינהאָרע.

סערקעלע:

ז. 297 36. פראַוודע (העו-עמעס).

37. אומשטיינס-געזאָגט.

38. נאָך עמעצן שטאַרבן („זיין די קאַפּאָרע״).

39. א. מ. ק.

40. עס זיינען שוין גאָרנישט די צייטן, וואָס זיינען געווען בא לייטן.

גאַווריל:

2. איר זאָלט נאָר געזונט זיין.

סערקעלע:

41. אומשטיינס-געזאָגט.

גאַווריל:

3. די גילדענע בסורע.

סערקעלע:

ז. 298 42. די שוואַרצע פינצטערע בסורע.

43. א. מ. ק.

44. אַ קאָשערע נעשאָמע.

45. א. וו. מ. ק.

גאַווריל:

4. זיין אַ לייט.

סערקעלע:

46. אַפילע נישט נעבן לייט (אַ ענטפער אף אַ פראַגע, צי עמעץ וועט זיין א לייט).

47. די צאָרע, דאָס פוראָניעס (זידל-ווערטער).

48. אומשטיינס-געזאָגט.

49. ...זאָל זיך מיען פאַר אונדז (דערמאַנענדיק אַ געשטאָרבענעם).

50. ווען... זאָל אופשטיין פון קייווער... וואָלט ... געשטאָרבן פאַר צאָרעס.

51. דאָס גילדענע טעכטערל (זידלדיק).

ז. 299 52. האָט נישט פאַריבל.

53. די צאָרע, די לייד.

54. אָך איז מיר!

55. קאָסטן געזונט.

56. האָט דאָס אַ שאַך? (קאָן מען עס אָפּ-שאַצן?).

57. קאָנען עפּעס... ווי אַ וואַסער.

גאַווריל:

5. ...זאָל לעבן.

סערקעלע:

58. אָן איינהאָרע.

גאַווריל:

6. אָן שאַבאָסים און יאָמים-טויווים.

סערקעלע:

59. א. וו. מ. ק.

60. פראַוודע.

61. אַ מויד ווי אַ שיינע סאָסנע.

ז. 300 62. לייכטן ווי די זון אום טאַמוז (שיין זיין).

גאַווריל:

7. כ׳לעבן.

8. אַז מע טוט מיט דעם שווער (אַ שידעך) זיצט מען דערנאָך מיט דעם בער.

סערקעלע:

63. דאָס זינדיקע ביסל קאווע (דאָס נע-בעכדיקע ביסל קאווע).

גאַווריל:

ז. 301 9. נישקאָשע.

סערקעלע:

64. אוי מיינע קויכעס!

גאַווריל:

10. געלויבט צו גאָט... פאָטער געוואָרן.

11. אז מען קריגט געלט ווערט מען... שיין, קלוג, פרום...

12. די גײַנע צאָרע (זידלוואָרט).

13. פון העלער הויט (פלוצלינג).

14. אין קויבער אריין קריגן (אריינעמען אין די „לאַפּעס". „קויבער" — קוישל, קאָרזינע).

ז. 303 15. פשיטע?

ז. 304 16. האָבן די נעכפּע פאַר עמעצן (מוירע האָבן).

יעראכמיל:

ז. 306 1. שעלטן מיט ביטערע קלאָלעס.

גאַווריל:

17. גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

18. שטומער הונט!

19. א קאַטאָוועס..? (עפּעס א קלייניקייט...?)

20. דער אכבראָש.

ז. 307 21. איך בין... אין דער ערד!

22. א קלוגער יונג קען זיך אן אייצע געבן.

23. מיין אייגנס זאָל איך האָבן, וואָס...

24. דער פּאַסקודניק, דער אלטער סאָבאַק!

25. דעם טויט מאַכן.

ז. 309 26. האָב דיר א שווארץ יאָר!

ז. 310 27. לעמאַנעשעם.

הינדע[1]:

ז. 312 1. גאָט איז מיין איידעס.

2. גאָט ווייסט.

ז. 313 3. גילדענער טאַטע.

כאַווע:

1. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביי-מעלע, ווי די מוטער אזוי דאָס טעכטערל.

ז. 314 2. אופשטיין אף דער לינקער זייט.

3. מיט עמעצן וואָיעווען (זיך קריגן).

4. מיין לעבן, מיין האַרץ! (ליב-ווערטער).

הינדע:

ז. 315 4. איינמאָל פאַר אלע מאָל.

5. א פינצטערער טאָג.

כאַווע:

5. די צאָרעס, די לייד.

6. א לאָדע פארך.

7. לאָמיר זיך נישט נאַרן.

ז. 316 8. רעדן פון א הויל פאַס.

הינדע:

6. אום גאָטעס ווילן!

כאַווע:

9. איך קוק צו דאָס גרייטע.

[1]) אינעם געשפרעך צווישן הינדע און כאַווע ז. 313—318 קומען דעריקער נאָר דאָרט רעדנסאַרטן, ווו כאַווע זידלט.

10. אָסער!
ז. 317 11. שטאַרבן נאָך עמעצן.
12. א בלינדער זעט דאָך אויך, אז...

הינדע:

7. ...איז... א פּאַטרעט (שיין).
8. רעדט ווי א בוך (קלוג).

כּאַווע:

ז. 318 13. קאָנען עמעצן פארקויפן און ער זאָל נישט וויסן (אז ער פארשטייט נישט די שפּראַך).
ז. 319 14. אַ שיף ... אונטערגעגאַנגען (איראָניש).

כּאַים:

10. היינט איז דיין צייט (היינט גילט דיר אָפּ).
ז. 320 11. פארשווארצטער...
12. וואָס פארא שטיק סכוירע דו ביסט...
13. דערציילן איטלעכס פּיצל.

כּאַווע:

15. אַזוי א יאָר זאָל איך האָבן!
16. זיך עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד („העט איך אַזוי באַטיעך געווען זיך על-טערן א. א. וו.").

מוישע:

ז. 321 1. דער שוואַרצער יאָר... האָט אָנגעטראָגן.
ז. 322 2. ווי מע שפּילט אזוי טאַנצט מען.
3. האָסט מיך געקוילעט!
4. האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר.
5. ציטערן ווי א פיש אין איטלעכן אייווער.
6. ס'ווערט אַזש קיל אין בויך.
7. אַן אויצער מיט ליכט (אַ סאַך ליכט).
8. ציטערן און פלאַטערן.
9. א מוירע צו קוקן.
ז. 323 10. פינצטער פאַר די אויגן.
11. בלייבן שטיין ווי א סלופּ (קלאָץ).

יויכענען[1]:

1. אָך איז מיר!
2. קומט מיין שמוע אַפּיר (ק. מ. ש. א.— פּאַרקירצט).
3. זיכרוינע ליווראָכע.
4. אָך איז מיר!
5. אָלאָוו-האַשאָלעם.
ז. 324 6. גלייך ער העט... פאר מיר געשטאַנען (איך זע עמעצן, אזוי, גלייך א. א. וו...).
7. זיין בעקאָוו-האַבריע.
8. א קאָשערער ייד.
9. האָבן א מעליגנע אין קאָפּ.

מוישע:

12. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.
13. ציטערן ווי א פיש.

[1] צו באַאָבאַכטן דעם פרומלעך-צוואַקישן, מיש-פּאָכעדיק-ווינשנדיקן ניואַנס אין כאַראַקטער פון יוי-כענענס רעדנסאַרטן און די גרויסע צאָל העברעיזמען, וואָס פּאַסטן צו דעם נוסעך.

יויכענען:

10—11. ק. מ. ש. א. (2 מאָל).
ז. 325 12—13. איינער זאָרגט זיך פאר א קוגל און דער אַנדער פאַר א גאַנצן טשאָלנט.
14. מיילע, בישלוימע איך...
15. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.
16. אָן אַן איינהאָרע.
17. ק. מ. ש. א.
18. אים-יירצע-האַשעם.

מוישע:

14. איר זאָלט מיר געזונט זיין...
15. נישט געשטויגן ניט געפלויגן.

יויכענען:

19. ק. מ. ש. א.
20. איר זאָלט לעבן!
21. געלויבט צו גאָט פאַר דעם.
ז. 326 22. אַן אויספּאַל פון א שידעך (אויס-פּאַל — צופאַל? (אָדער פון דייטש: Auswahl?).

סערקעלע:

65. אָך איז מיר!
66. געלויבט צו גאָט.

ז. 327 (מוסטערן פון גאַנצע רעפּליקעס, וואָס באַשטייען פון לויטער רעדנסאַרטן):

67—71. (1) „אַז זיי זאָלן רעדן אין גרויסע ליידן, (2) אוי מיינע קויכעס! (3) וואָס סאָנים קע-נען אַלץ אויסטראַכטן. (5—4) האלעוואַי העט איך, אָן זיין שאָדן, אַזוי געזונט געווען ווי ער" (דער לעצטער זאַץ איז קאָמבינירט פון צוויי רעדנסאַרטן).

יויכענען:

23—26. „נו, (1) קומט מיין שמוע אַפּיר, זייט פונמיינעטוועגן (2) געזונט און פריש, איר זאָלט אייך (3) עלטערן אין אוישער און קאָוועד, איר זאָלט (4) דערלעבן סימכעס, געדוילעס"...
27. ...זאָל לעבן...
28. ער איז אוועק (ער איז גאָר צופרידן, ס'געפעלט אים שטאַרק).
29. וואָס ... רעדט איז גערעדט.

סערקעלע:

72. אָמיין, ליבער גאָט!
73. אָן אַן איינהאָרע.
74. א גוטע דאָליע.
75. אומשטיינס-געזאָגט.
76. צווישן אונדז געשמועסט.
77. א גרויסער שלימעזאַלניק.
78. געבן פאַר עמעצנס לייב און לעבן כאָטש אַ קרייצער (פון צוויי רעדנסאַרטן קאָמבינירט).
79. א. מ. ק.
80. שווער און ביטער אַרבעטן.
81. שניידן קריע (האָרעווען).

יויכענען:

ז. 328 31—30. ק. מ. ש. א. (צוויי מאָל).

32. גייט שוין, גייט ... (א פאָרם פון פריינט-לעכער נעגאַציע).

33. אים-יירצע-האַשעם.

34. ערשט פון איי ארויסגעקראָכן.

35. דער שענקער דאַרף זיין וויין און דער שפּינער זיין פלאַקס (אלעס דאַרף זיין אף א פּאַסיקן שטייגער).

36. א קינצלעכע זאַך אף דער וועלט (א גע-ראָטענער איניען).

37. בענעמאָנעס גלויבן.

38. מין-האַשאָמאַים.

סערקעלע:

82. א. מ. ק.

83. פון שיינע לייט (א מעיוכעס).

יויכענען:

39. איינגעטונקט אין ייכעס.

ז. 329 40. געשוויבלט און געגריבלט.

41. קורץ, וואָס האָב איך דאָ אַסאך צו זאָגן...

42. פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן.

43. דעהיינע מאָלט אייך.

44. האַלעוואַי אף אַלע יידן געזאָגט!

45. מיין אייגנס זאָל איך האָבן וואָס...

46. ק. מ. ש. א.

47. אַז מען ווייזט א הונט א פינגער וויל ער די גאַנצע האַנט.

48. איך ווינש מיר צו פּאַרמאָגן, וואָס...

49. ער איז גאָר א סראָרע (רייך).

סערקעלע:

ז. 330 84. א. מ. ק.

85. גאָר קיין כיעס נישט (נישקאָשע).

יויכענען:

50. גאָר אויסגיין, גאָר אַוועק זיין („אַנטציקט" זיין).

סערקעלע:

86. רייטסט אף דעם פערד און זוכסט עס.

יויכענען;

51. כ׳לעבן, ק. מ. ש. א.

52. אויס קינדער ווערן לייט.

סערקעלע:

ז. 331 87. ...זאָל לעבן און געזונט זיין.

88. געבן פּאַר ס׳אייריקע (מייניקע, זייניקע— פּאַר אייער כיילעק).

יויכענען:

53. וואָס טייטש...

54. ק. מ. ש. א.

55. אָן אָן איינהאָרע.

סערקעלע:

89. זאָל לעבן און געזונט זיין.

יויכענען:

56. עס האָט נישט אף זיך (נישקאָשע, ס׳מאַכט נישט אויס).

57. אָסער!

ז. 332 58. א פיינע בעריע.

59. אדיר שעבעאדירים.

60. גוט און פרום.

61. ווי גאָט געבאָטן האָט.

62. קרוינעשי!

63. ק. מ. ש. א.

סערקעלע:

90. א גאַנצע לעכע טאָג.

ז. 333 91. מע זאָל זיין אויס אייזן—העט מען עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

92. אוי מיינע קויכעס.

93. די טיר רוט נישט.

94. דאָס מויל טוט ווי פון זאָגן.

95. ער טויג נישט א הונט אויס דער גרוב אַרויסצוטרייבן (גרוב—הרובע. זע: פּערעץ, רייזע-בילדער 29, דער לאַמעד-וואָווניק, ז. 293: „דער איקער פון גרובע-הייצן אין בעסמעדרעשׂ").

97—96 ... עסט מיר אָפּ די ביינער (צוויי מאָל)

98. דער שווארצער יאָר ווייסט.

99. ליגן איבער עמעצן (ווערן געשפּייזט פון עמעצן).

100. פּאַרוואָס און פאר ווען.

101. אין דער כעוורוסע אריינגעבן (צושטייער געבן).

102. ק. מ. ש. א.

103. אומשטיינס-געזאָגט.

יויכענען:

64. ק. מ. ש. א.

65. קיין יידיש קלויסטער איז נישטאָ (א יידיש מיידל מוז כאַסענע האָבן).

סערקעלע:

104. אָך איז מיר.

105. פּאַרוואָס, פּאַר ווען.

106. פּאַרזיצן ביז צום גרויען צאָפּ.

107. א. מ. ק.

108. קראַנק זיין... צו טון.

יויכענען.

66. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

סערקעלע:

ז. 334 109. זאָל מיך גאָט שטראָפן אף מיינע יונגע יאָר! (אָ שוווע).

110. כוץ שאָר-יעראָקעס.

111. דיר נישט, מיר נישט.

112. א. מ. ק.

113. איר זאָלט מיר געזונט זיין.

יויכענען:

67. ק. מ. ש. א.

68. נישט אלע מענטשן קענען האָבן איין דייע.

69. עס ווייסט קיינער נישט ווען עמען דער שוך קוועטשט, נאָר דער וואָס גייט אין אים.

סערקעלע:

114. מע מוז זיך שטרעקן נאָך די עקן (יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן).

יויכענען:

ז. 335 70. צווישן אונדז געשמועסט.

סערקעלע:

115. לאַכן פאַר צאָרעס.
116. א. מ. ק.
117. לייט זענען שוין אַזוי.
118. צוזאָגן גאָלדענע בערג.
119. אַז עס קומט צום סילעק איז נישטאָ קיינער אינדערהיים.
120. אומשטיינס-געזאָגט.
121. אָן דעם ערגסטן הונט קומט אָן דער בעסטער ביין („אָן"—צו).
122. א. מ. ק.
123. א רועך אין ... טאַטן אַריין.

יויכענען:

71. מיילע וואָס טויג מיר דאָס, וואָס שמועסט איר דאָ ...
72. ק. מ. ש. א.
73. זיך לאָזן מאַטיר-ניידער זיין (באַטראַכטן אָן איניען און אַנדערש באַשליסן).
74. איר וועט שוין בעסער ווערן (דאָס אייגענע).
75. וואָס טייטש...

ז. 336 76. טויט ווערן (זיך געוואַלטיק פאַרכידעשן).
77. א קאַטאָוועס... איז ער דאָס ? (א קליי-ניקייט עפּעס וואָס פּארא ... ער איז ?).
78. אָן אַן איינהאָרע.

סערקעלע:

124. שטאַרק און געזונט זיין.
125. כאַפּן א מעציע.
126. זען באַ ... געלט ארומוואַלגערן (זען, אז עמעץ איז זייער רייך).

יויכענען:

79. ק. מ. ש. א.
80. דעם סילעק באַלייגן (געבן פּאָרויס דעם נאַדן).

סערקעלע:

127. זיך לאָזן בייגן אַף... (זיך לאָזן צורעדן אַף מער).

יויכענען:

81. איך ווייס פּיל... (ווייס איך?)
82. ק. מ. ש. א.
83. פון געלט וועגן גייט קיין שידעך נישט אָפּ.
84. הונדערט אַרוף, הונדערט אַראָפּ.

סערקעלע:

ז. 337 128. שלעפּן זיך אין די לאַנגע יאָרן אַריין.

יויכענען:

85—86. ק. מ. ש. א. (צוויי מאָל).
87. דער מענטש לעבט דאָך נישט אייביק.
88. עס וועלן מיר נאָך גרינגע יוערים אָפּגיין.

סערקעלע:

129. זייט קיין גאַסט נישט! (קומט אָפּט אַריין).

ז. 338 130. גאָר קיין כיעס נישט (נישקאָשע).
131. זיך שטעלן באַ דער אלעף (פון אָנהייב אָן שטרענג זיין).
132. זיך לאָזן אפּן קאָפּ אַרומרייטן.
133. אים-יירצע-האַשעם.
134. אַ גוטע דאָליע.
135. רעדט צו זיך ווי אַן אָנגעבּונדענער (מעשוגענער).
136. אַ מאַראָכע כ׳לעבן (ס׳איז נאָך א גליק, וואָס...).
137. דער שווארצער יאָר ווייסט.
138. האָסט נישט געקענט שמעקן קיין פּול-ווער, האָסטו נישט געזאָלט גיין אין מיל-כאָמע אריין („קענסט נישט—נעם זיך נישט אונטער").

ז. 339 139. אין הונדערט יאָר ארום (נאָכן טויט).
140. געשטאָרבן—באַגראָבן.
141. אף דעם סייכל קומען.
142. פּאָזיען די פּראַצע (פּארלעבן, אויס-ברענגען דאָס אויסגעהאָרעוועט פּארמעג).
143. שוער און ביטער.
144. קריע רייסן (האָרעווען).
145. אַ נאַר איז נאָר גוט צו שיקן נאָך דעם מאַלעך-האַמאָוועס.
146. א. מ. ק.

כאַים:

14. אז מען דאַרף דעם פּאַרך צום מיניען האַלט ער זיך דערונטער.

ז. 340 15. אויך מיר א... (סאַרקאַסטיש).

סערקעלע:

147. דער אַלטער שקראַפּ ! (זידל-וואָרט).
148. גיי צו אַלדע שווארצע יאָר !
149. באַדאַרפן עמעצן אף קאַפּאָרעס.
150. א רועך אין דיין טאַטן אַריין !
151. א מאראָכע כ׳לעבן.
152. רייסן א קריע נאָך טעג און יאָרן.
153. א. מ. ק.

ז. 341 154. א רועך אין דיין פּאָטער און מוטער אַריין!
155. באַדארפן אף טישאָנצע קאַפּאָרעס.

כאַים:

16. א גאנצע לעכע טאָג.

סערקעלע:

156. געזונט ווי א ריז.
157. דער גאַלגאַן ! (זידל-וואָרט).
258. נישט וויסן פון לעבן צו זאָגן.
159. אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער דייטש ! (זידל-וואָרט).
160. וואָס איז די מער—Was ist die Mähr יעדיע, נייעס, לעגענדע, מאַיסעלע —

Mährchen. (באַטייט דאָ: „וואָס בלאָזט ער זיך אַזוי״).
161. ווייזן ווער עלטער איז („אָנלערנען דערעכערעך״).
162. קריגן אַזעלכע שיינע מעציעס ווי דו ביסט.
163. א. מ. ק.
ז. 342 164. פון עמעצן א שטיק אָפּבייסן (איראָניש, אַז מע האָט פאַר עמעצן מוירע און אומזיסט).
165. די לויכנדע צאָרע (איראָניש—קאַלאַמבור פון „לויכטנדיקע צורע״).
166. א פ אַ ר ש י ו ע מויד (זידל-וואָרט).
167. פינצטערע לייד זאָל נאָר די מאַמע אף דיר זעען!
168. א. מ. ק.
169. איז דאָס צום אויסהאַלטן?
170. כ׳לעבן.
ז. 343 171. א מיעסער מויד טאָר מען קיין גלעט נישט געבן, וועסט שוין שפּעטער פאַר-שוואַרצט ווערן.
172. זיך דאָס געזונט אָפּרייסן.
173. א. וו. מ. ק.
174. פאַרשוואַרצט ווערן.
175. קראַנק זיין עפּעס צו טון.
176. א מיסע מעשונע זאָלסטו איינעמען!
177. מאַכן דעם טויט.
178. איך בין פאַרביי! (איך גיי אויס, איך שטארב).

כ אַ י ם:
ז. 347 17. ס׳פּליען אַזש פונקען פאַר די אויגן.
ז. 348 18. אזוי ווי דאָ וועלן האָר וואַקסן, אַזוי... (ווייזנדיק אַף דער האנט).

י ע ר א כ מ י ל:
ז. 349 2. וואָרין איך וויל? (אז עס וועט זיך מיר גלוסטן).
ז. 350 3. זיבן נעמען, ווי ייסרע (יתרו).
4. א שווערע האַנט האָבן (נישט קענען שרייבן).

ג אַ וו ר י ל:
ז. 352 28. א מאַשקן זאָל מען פאַרזעצן און קלוג זאָל מען זיין.
29. אים-יירצע-האַשעם.
30. באַ דער נאָז אַרומפירן.
31. קענען א ציילעם פון א אַלעף (פאַנאַנדער-קלייבן).
32. גיין אין ספּאָדעק (אַ ווייב, וואָס הערשט איבערן מאַן).
33. נישט וויסן פון לעבן צו זאָגן.
34. א יונג מיט שפּאָרן.
35. אלץ רעכט, אלץ גוט ... (מיילע גוט).
36. פאַרשוואַרצטער...
ז. 353 37. א נאַר, וואָס ׳איז צען אום א גראָשן (וואָלוול).
38. אז א נאַר וואַרפט אריין א שטיין אין גאָרטן אריין קענען אים צען קלוגע אויך שוין נישט ארויסנעמען.
39. אופנייען א טאָרבע און גיין אין די הייזער.
40. נויט ברעכט אייזן.
41. א קוש אין פּיסקל געבן (לויבן).
ז. 354 42. בוידעק-כאָמעץ זיין (פון גאנאָווים-שפּראַך, נאָכקוקן אין זאַכן).
43. אַז מע שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס.
44. געשעדיקט זאָלסטו ווערן!

כ אַ י ם:
19. ...(א מיידל) פּ א ר ד ר יי ט אייך דעם קאָפּ.

ג אַ וו ר י ל:
45. זיך צו א מיידל צו מאַכן (דערנעענטערן זיך, באַמיען זי צוציען צו זיך).

כ אַ י ם:
ז. 355 20. עס קומט אָן עמעצן א מעשוגענע שאָ.
21. קורץ פון דער זאַך... (האַקיצער).
22. וואָס אין דער קאָרט שטייט.
23. א פ אַ ר ש וו אַ ר צ ט ע טעווע.

ג אַ וו ר י ל:
ז. 356 46. בלייבן שוויצן (בלייבן אָן אָפּגעשמי-סענער).

כ אַ י ם:
24. זאָל גאָט באָרוך-הו שוימער און מאַציל זיין.
25. איך זאָל וויסן אין די וועגעלעך צו אַרבעטן וועל איך... (שווערע אַרבעט, באַם אופלאָדן מאַסעס. מעגלעך, אַז מע מיינט קאַטאָרגע).
26. זאָגן אָמיין צו עפּעס (מאַסקים זיין).
ז. 357 27. ווי איר קוקט מיך אָן...
28. עמעצן אין זינען האָבן (צום גוטן גע-דיינקען).

ג אַ וו ר י ל:
47. מעגסט שוין שלאָפן געשמאַק (מעגסט שוין זיין באַטועך).
ז. 358 48. איך האָב געוואָלט זאָגן, וואָס קיין ליגנט איז (ווייל אז מע פאַרגעסט, איז עס, לויטן שפּריכוואָרט, א ליגן).

כ אַ י ם:
29. ליב האָבן ווי דאָס לעבן.

ג א וו ר י ל:
49. אָן אַן איינהאָרע.
ז. 359 50. איקער-שאָכאַכטי.

כ אָ י ם:
ז. 360 30. צעפּירן די הענט (שלאָגן).

ג אַ וו ר י ל:
51. עמעצנס פּאָטער ווערן (איך בין שוין ... זיינער פּאָטער געוואָרן).
52. דאָרט ליגט דער הונט באַגראָבן.
53. נאַ אָט האָסטו—יעסט פּיעס, ער איז

ווידער דאָ (יעסט פיעס — דער הונט איז דאָ).

ז. 362 54. גאָר קיין אכראַיעס נישט (נישקאָשע, ס'מאַכט נישט אויס, נישט געפערלעך).

55. שלאָפן ווי געהאַרגעט.

סערקעלע:

ז. 268 179. פּאַרפינצטערטע און פארשוואַרצטע דאָליע.

180. א. מ. ק.

181. דו דייטש מיט לונגען! (א זידל-וואָרט).

182. ווייזן ווער עלטער איז.

183. אָפּגעשליסענער אָפּגעריסענער נאַקעדי-קער דייטש! (זידל-וואָרט).

ז. 369 184. רוק און לענד צעברעכן (רוקן און לענדן...).

185. א. מ. ק.

186. זיך גוט דערלעבן (אָן אומגליק דער-לעבן).

187. א שלים-שלימאַזל.

188. כערפּעס און בושעס איינעמען.

189. א קריע רייסן נאָך ... יאָר און טאָג.

190. א. מ. ק.

191. אומשטיינס-געזאָגט.

192. פּרעסט און זויפט מיין בלוט.

193. האַלט דעם פּיסק! (שווייג!).

194. וויפל קומט דיר נאָך אין בייטל אַריין צו צאָלן? (וויפל קומט דיר נאָך ארויס?).

195. וויינען און קלאָגן אַף עמעצנס יאָר און טאָג, וואָס מע איז געבוירן געוואָרן.

ז. 370 196. האָב גאָט אין האַרצן!

197. באַ שיינעם העלן טאָג (עפנטלעך).

198. די טיר רוט נישט פון...

199. זכוס-אָוועס זאָלן... ביישטיין.

200—202. א. וו. מ. ק. (דריי מאָל).

ז. 371 203. א כאַרפּע און שאַנד.

204. קען גאָר קיין צווי נישט ציילן (א נאַיווער מענש, איראָניש).

כאַווע:

17. גאָט זאָל זיך מעראַכעם זיין!

סערקעלע:

205. א ... אהין, א ... אהער (נישט דאָס איז דער איקער).

גאַווריל:

ז. 372 56. אין איין אויער אריין און פון דעם אנ-דערן אַרויס.

סערקעלע:

206. איך האָב גענוג פאר ס'מייניקע.

207. א. מ. ק.

ז. 373 208. א קאַטשאַלאַפּ.

209. גיי שריי כאַי וועקאַיאָם.

210. וואָס זאָל איך אייך אסאַך ברייען...

211. שיר נישט איינגעזונקען (פון כאַרפּע).

212. אומשטיינס-געזאָגט.

213. גייען אין גרויסע גדוילעס אַריין (פאַר-גיין צו ווייט).

214. א. מ. ק.

215. נישט דערלעבן צו קומען.

ז. 374 216. א פאַרוואַשן פּאָנים (א מענטש אָן בושע).

217. קאָשערע אויגן.

גאַווריל:

57. ווער עס וויל האָבן זיין קינד זאָל זיין גוט, שלאָגט עס מיט דער רוט.

סערקעלע:

218. פון אייביק אָן, פון אָוועס-אווויסיינו.

219. פרום און גוט.

220. קומען אין לייטישע מיילער (אין א שלעכטן שעם).

221... זאָל זיין די קאַפּאָרע פאר אלע יידישע קינדער.

גאַווריל:

58. לאָזן עמעצן מיט דעם ווינט אליין (איינעם אַליין).

סערקעלע:

222... אָלאָוו-האַשאָלעם, זיין זכוס זאָל אונדז ביישטיין!

ז. 375 223. איך ווייס פיל... (ווייס איך?—עפּשער?).

גאַווריל:

59. איקער שאָכאַכטי.

60. היינט דאָ, מאָרגן דאָרט.

61. דאָס באָר אויסגיסן.

62. עס כאַלעמט עמעצן נישט, אַז... (איז זיך נישט מעשאַער, אז...).

63. היינטיקע צייטן איז: קאָזדען סאָביע! (każdy [kożden—פּויעריש] sobie), יעדער פאר זיך).

ז. 376 64. דער פייגער (דאָס געגאַנוועטע. גאַנאָווים-שפּראַך).

65. דערלעבן פאָטער צו ווערן.

66. עמעצן עפּעס אָנהענגען (אופלאָדן עפּעס אומאָנגענעמס).

67. אָסער-כאַזער.

68. מאַכן שיעס (שהיות).

69. קלער היינט, קלער מאָרגן.

70. אַז טאָג אז נאַכט.

71. אָפּרייסן די פּאָלעס (מאָנען).

ז. 377 72. פּאַסעך-שין! (פּתח-שין—שאַ!).

ז. 379 73. גיי צו אלרע שוואַרצע יאָר!

74. עמעצן אויסרייסן (טון שלעכטס).

ז. 380 75. דעם פּיסק פאַרשטאָפּן.

סערקעלע:

ז. 381 224. א. מ. ק.

גאַווריל:

ז. 382 76. זיך מאכן א הארץ (זיך אָנעמען מיט מוט).

סערקעלע:

ז. 383 225. פינצטער איז, מיין וועלט, פאַרוויסט איז מיין לעבן!

226. איך בין אַוועק.
227. מיין האָב, מיין פּראַצע.
ז. 384 228. הינט זאָלן ווינען אין אַזוי אַ שטאָט.
229. א. מ. ק.
230. אף אלע וויסטע וועלדער געזאָגט!
231. נישט וויסן ווו מע איז אף דער וועלט.
ז. 385 232. דאָס הייסט רעכט ... (אייגנטלעך).

גאַווריל:

77. האָט מיר נישט פּאַריבל.
78. ... רעדט ווי א קינד.
79. איך בין אייך באָטועך (איך פּאַרזיכער אייך, איך בין אייך אָרעוו).
80. ארויסקומען ווי בוימל אָפּן וואַסער (דער עמעס).

סערקעלע:

233. א. מ. ק.
ז. 386 234. וואָס טייטש...
235. דער פינצטערער גזאַר-דין.
236. אָפּטשיפּערן (זיך מעשאַער זיין. „דע-שיפּרירן”?)
237. אוי ווינד און וויי איז מיר!
238. שיר נישט מעשוגע ווערן פאר צאָרעס.
239. א. מ. ק.
240. ווען דער וואָגן פּאַלט, זיינען די רעדער צו שווער (בעייס פריער האָבן זיי גאָר געפירט דעם וואָגן, מוז מען זיי אַליין איצט פירן).
241. ווייסט איין גאָט.

גאַווריל:

ז. 387 81. געוויר ווערן, וואָס עמעץ האָט אונ-טער דער לעבער (סוידעס).
82. וואָס צוויי איז נישט איינער.
83. מאַכן שיעס (שהיות).
ז. 388 84. ער האָט דאָס נישט פיינט (ער האַלט דערפון).
85. איקער-שאָכאַכטי.
86. פאַר איר קויעך זאָל זי דאָס האָבן, וואָס...
ז. 389 87. אָנטון געברוינטע לייד (געוויינלעך: צו-ברוינען א געקעכטס, מאַכן ברוין דורך צופרעגלען).
88. אַ קריע רייסן (מוטשען).
89. א קיליקאָוועער מישפּעט (אָנשטאָט א פּאַרברעכער א שניידער הענגט מען אַ שוסטער, ווייל שוסטערס זיינען פּאַראַן צוויי און נאָר איין שניידער אין שטאָט).
90. עס וועט זיין א קערמעש (אייגנטלעך קירמעס-Kirchmesse, א מאַרקטאָג, וואָס געפאַלט אין כאָגע. געוויינלעכער באַטייט: פריילעכע פאַרווײלונג. דאָ באַטייט דאָס וואָרט :— א קאָמישער אָנבליק).
91. מאַכן א שוועך („דאָס האַרץ מיט עפּעס אונטערלענען”, איבערכאַפּן).
92. זיך מאַכן א האַרץ (זיך אָנעמען מיט מוט).

יויכענען:

ז. 390 89. ק. מ. ש. א.
90. קיין כיעס נישט פון א גלעזל מער... (נישקאָשע פון...)
ז. 391 91. פרעגט נישט דעם רויפע נאָר דעם כוילע.
92. ק. מ. ש. א. (דריי מאָל).
ז. 392 93. זיין פון שיינע לייט (אַ מעיוכעס).
94. איין רויטע קו איז פּאַראַן? (פּאַראַן אַסאַך ענלעכע מענטשן און נעמען).
95—97. ק. מ. ש. א. (דריי מאָל).
98. אָך איז מיר.
99. אַ גוויר אַ אַדיר.
100. א קאָשערער ייד.
101. ... האָט טויזנט טיימים (א מייכל איז געשמאַק).
102. איך געדענק אַזוי ווי היינט.
103. בענעמאָנעס שווערן.
104. דער טאַם ליגט מיר נאָך אין מויל.
105. שיטן מיט טוירע.
ז. 393 106. גיווהעל-ווענישטוימעס (נבהל-ונשתומם) ווערן.
107. מאָסעק מידוואָש (מתוק מדבש).
108. מעקאַבל טאַינעג זיין.
109. א אישע קשיירע.
110. נישט בענימצע.
111. פון העלער הויט (פּלוצלינג).
112. אַ קאָשערער ייד.
113. ראַכמאָנע ליצלאָן.
ז. 394 114. איך בין אַוועק.
115. ק. מ. ש. א.
116. שיר פּלאַצן פאַר אַגמעס נעפעש.
117. זאָלסט מיר געזונט זיין! (באַטייט אין גע-שפּרעך אַזויפיל ווי, איך בעט דיך).

גאַווריל:

ז. 396 93. לעמאַן האַשעם!
94. מאַך דיר א האַרץ (נעם זיך אָן מיט מוט).

יויכענען:

118—119. ק. מ. ש. א. (צוויי מאָל).

גאַווריל:

ז. 397 95. דאָס איז נישט קיין גרויסער מוירע מוירײנע (האָט נישט קיין ווערט).

יויכענען:

ז. 398 120. ק. מ. ש. א.
121. מעגאַלע (מגלה) זיין (אנטפּלעקן א סאָד).
122. נישט גוט אָפּשניידן (נעמען אַ שלעכטן סאָף).

גאַווריל:

96. מיילע, וואָס טויג מיר דאָס ... (וואָס איז דאָ צו רעדן).
97. קומען צו אן עק (פּאַרטיק ווערן).

98. אַפּקומען כיבעט-האַקייווער (ליידן יעסו-
רים).

יויכענען:

123. ק. מ. ש. א.

ז. 399 124. גיי פון וואַנעט דו ביסט געקומען.

125. טון, וואָס אין מיין יעכוילעס (יכולת) איז.

גאַוריל:

99. דעם פאַרשוואַרצטן קלאָפּאָט פּאָטער ווערן.

יויכענען:

126. ק. מ. ש. א.

127. קיינער איז נישט עמעצנס מעשאָרעס (ד.
ה. מ׳איז נישט מעכויעוו צו טון עפּעס
אומזיסט).

גאַוריל:

ז. 400 100. קענען אַרויס פון עמעצן (קלאָר ווערן אין
עמעצן, פון אים געווירע ווערן).

יויכענען:

128. וואָס זאָל איך אַסאַך דערציילן און אָנ-
ברייען ...

129. איך וועל אייך זאָגן בעקיצער און קיין
שיעס ניט מאַכן ...

130—131. קורץ, ק. מ. ש. א. (צוויי מאָל).

132. אַז מע וויל עמעצן אַ טויווע טאָן מוז
מען פּרוּוון אַף אַלע זייטן.

ז. 401 133. ווייסט נישט פון נישט צו זאָגן.

סערקעלע:

242. גאָר קיין קאַטאָוועס נישט.

243. אָ וואַ, עס גייט זיך גאָר אַ מוירע אָן
(איראָניש).

244. זיך גוט דערפרעגן (איראָניש: אָנקומען,
טרעפן אַף אַ נישט ריכטיק אָרט).

245. מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו
שאַרן.

גאַוריל:

101. דאָ העלפט שוין קיין טאַליען אויך נישט.

יויכענען:

134. ווינטשן בעטאָם-לייוו (בתם-לב).

סערקעלע:

ז. 402 246. א. מ. ק.

יויכענען:

135. ק. מ. ש. א.

גאַוריל:

102. אַריינגיין אין גרויסע דראָכים (אין פאַר-
וויקלטע איניאָנים).

103. איבער הונדערט יאָר (נאָכן טויט).

סערקעלע:

247. אָנטרעפן דעם רעכטן (איראָניש).

248. א. מ. ק.

מוישע:

ז. 403 16. פון אַלדע שוואַרצע יאָר.

סערקעלע:

249. האָבן צען קעפּ פון אויג-מעלעך-האַבאָשן
(עוג מלך הבשן).

250. א. וו. מ. ק.

251. איז דען אין דער וועלט אזוי א שטראָף
דערהערט געוואָרן? (שטראָף—אָן אומ-
גליק).

מוישע:

17. האָבן א בראָכע אין געלט.

18. זיך קויפן מאַפטיר (אַריינפאַלן אין א
שלעכטער לאַגע).

סערקעלע:

ז. 404 252. אים-יירצע-האַשעם.

253. איך ווייס פיל? (ווייס איך?)

254. א. מ. ק.

יויכענען:

136. ק. מ. ש. א.

137. א קאָשערער ייד.

סערקעלע:

255. דעם טויט מאַכן.

ז. 405 256. מיט אַ ייד איז נאָר גוט אין שול אַריין
צו גיין.

257. א. וו. מ. ק.

258. די גאַנצע וועלט פון מינכע און פון
מאַירעוו צונאַנד (ווייבעריש-אַמאַראַציש—
פון מיזרעך און פון מאַירעוו).

מוישע:

19. אַף דעם הימל איז אַ יאַריד.

סערקעלע:

259. א. מ. ק.

260. אומשטיינס-געזאָגט.

ז. 406 261. אַ מאַלעך האָט עפּעס פון הימל אַראָפּגע-
וואָרפן.

262. געזונט זאָל ער אַזוי אין זיך האָבן.

מוישע:

20. זאָגן ביז מאָרגן (רעדן דאָס אייגענע די
גאַנצע צייט).

סערקעלע:

263. עס פעלט נישט אַפּילע אף א האָר (ניט
דאָס מינדסטע).

264. מעגן פאַר עמעצן אומגעציילטע רענד-
לעך אַנידערלייגן.

365. קיין שום בען-אָדאָם.

ז. 407 266. א. וו. מ. ק.

267 פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט בין איך
געוואָרן.

268. עמעצן באַגראָבן (אומגליקלעך מאַכן).

מוישע:

21. זיך פון עפּעס די הענט אָפּוואַשן (דער-
קלערן, אַז מע וויל זיך נישט אַריינ-
מישן אין אַ שלעכטן איניען. דאָס באַ-
קאַנטע „פילאַטוס-וואָרט״ פון עוואַנ-
געליע).

22. די וועלט אויספירן (לעבן לויט אַ באַ-
שטימטן פרינציפּ).

ז. 408 23. זיין אין דער ערד (אומגליקלעך).

סערקעלע:

269. אַ שטיק אָפּבייסן פון עמעצן (אַ גרזמע, איראָניש).

270. איך ווינטש מיר, אָסער, נישט אין ...ס הויט צו שטעקן.

271. אויסרייסן ווי אַ הונט.

ז. 409 273—272. א. מ. ק. (צוויי מאָל)

ז. 410 274. מאַכן אַ מאַסקאָנע (באַשליסן, פּאַרנעמען).

275. „רעבע, די קו איז אייערע!" (א באַקאַנט שפּריכוואָרט:—פּאַסקנט אַנדערש בענעגייע דער קו, וואָרעם, ס'איז אייער קו, וועגן וועלכער מע האָט גערעדט).

276. זיין איינגעבאַקן אין האַרצן.

277. זיין ליבער הייליקער נאָמען.

278. איבערן דאַך שפּרינגען (טון עפּעס וואָס איז ניט מעגלעך).

ז. 411 279. זאָל מיך גאָט שטראָפן אַף מיינע יונגע יאָר!

280. א האָר געקרימט ווערן.

281. עס איז עפּעס כאַיעס (חיות—געפּערלעך).

282. דער מענטש איז קיין מאַלעך ניט.

283. האָט אָסער ניט אויפזיך (מאַכט נישט אויס).

284. דעם עמעס האָט גאָט ליב.

הינדע:

ז. 412 9. רעדן אויס דעם וועג.

10. כאַרעוו זיין (שווער קראַנק).

11. גאָר קיין קאַטאָוועס נישט.

ז. 413 12. זאָל גאָט היטן!

סערקעלע:

ז. 414 285. ווייזן, אַז איך הייס אַזוי און אַזוי... („אָפּלערנען דערעכערעץ").

286. דאָס קאָכעדיקע דאַם זאָל רינען ווי וואַסער.

287. פון עמעצן לאָזן רייסן שטיקווייז לעבעדיקערהייט.

288. דאָס קאָל וועט גיין ביז אין הימל אַריין.

289. פּאַרפוילן אין קרימינאַל.

290. פון עמעצן קופּעסווייז די ווערים אַראָפּשאַרן.

ז. 415 291. לייגן דאָס לעבעדיקע אַף דעם טויטן.

292. האָב און פּראַצע.

293. א. ו. מ. ק.

שמעלקע[1]:

ז. 417 1. גאָט באָרוך-הו באַשערט אַ גאַסט!

ז. 418 2. פּאַר א שפּאָט געלט.

[1] די ליטווישע אויסשפּראַך פון „ש" און „ס" ווערט דאָ געבראַכט אין אָרטאָגראַפיש ריכטיקן אויסלייג.—צו באַאָבאַכטן דעם סאָכריש-איבערעדערישן און קלויזנעריש - באַלעבאַטישן ניואַנס אינעם כאַראַקטער פון זייע רעדנסאַרטן!

3. מיין בייזער כאָלעם צו זיין קאָפּ זאָל זיך אָנהויבן און אויסלאָזן!

4. איך העט זיך געשוואָרן (איך בין געווען איבערצייגט).

ז. 419 5. בעכאַצי-כינעם (בחצי חנם).

6. א מייוון גאָדל אף קאָל מינע סכוירעס.

7. שלעכט פּאַרפאָרן (געהאַט אַ טאָעס).

8. נישקאָשע.

ז. 420 9. טאַרפאַט-אַלאָפים קערבלעך.

10. אָסער-כאַזוער!

11. אַ מינוט אַ שאָ, אַ שאָ — אַ טאָג, אַ טאָג — דאָס מינדסטע אַ רענדל.

פרעמדער:

ז. 421 1. צו עמעצן נישט צולייגן (דערלייגן — באַ עמעצן גוט פּאַרדינען).

שמעלקע:

12. א יידל צוליב מוז מען שוין אַלץ טון.

13. גאָר בעכינעם (וואָלוול).

14. נאַסע נעמאָנע! (נאַסע—nasza, בנאמנות שלי. א שוועע).

15. וואָס טוט מען נישט אַלץ פּאַר אַ יידלס וועגן?

16. די מאַטבייע (די אָפּגערעדטע סומע).

ז. 422. 17. איר זאָלט מיר מאַריך יאָמים וועשאָנים זיין.

18. מאַ שמעכאָ (מה שמך?).

פרעמדער:

2. איקער שאָכאַכטי.

שמעלקע:

ז. 422 19. גאָר א מאַסליס (? א לויבוואָרט פּאַר מאַכאָלים).

20. און כ'לעבן, קעסיידער אויך... (אומבאַבאַטייטיקע אָפּרו-ווערטער).

ז. 423 21. באַלד, זאַראַס, טייקעף...(זאַראַס—zaraz).

22. עס זיינען שוין גאָרנישט די צייטן, שוין גאָרנישט די יאָרן, וואָס פּלעגן דאָ זיין אַמאָל.

23. נישט קענען א שפּילקע צו דער ערד וואַרפן (זייער אסאך מענטשן).

24. פּערד ווי די לייבן.

25. געשוויבלט און געגריבלט.

26. געלט פליט פון איין קעשענע צו דער אַנדערער (מע פאַרדינט).

27. האָבן אָן עמעצן א פּענעץ (אָן—אין באַטייט פון an; גוט פאַרדינען באַ עמעצן).

28. מאַכן עמעצן מעשוגע (דולן א קאָפּ).

29. הוקען און סטוקען (זשומען).

30. דער בירנענקע כעשבן נעבעך.

31. אַ פּאָקאָרנינקע, א שטילינקע, א ספּאָקאָינינקע.

32. אוי די געלט, די געלט!

ז. 424 33. האָט מיר נישט פּאַריבל.

34. אַ בראָכע אין דער מעדינע.

35. אָפּוועגן עפּעס מיט רויטע רענדלעך (טייער קויפן).
ז. 425 36. זאָל מיך גאָט באָרוך-הו שטראָפן!
37. גאָר אַ מאַסליס (? א לויבוואָרט פּאַר מאַיכאָלים).
38. בענעמאָנעס שעלי.
39. אָסער-כאַזער!
40. פּאַרנאָסע בעקאָוועד.
41. מע מוטשעט זיך אַף דער וועלט (א אויסמיידנדיקער ענטפער אף א פראַגע, צי מע האָט פּאַרנאָסע. באַטייט: מע האָרע-וועט).
ז. 426 42. דער מאַלעך-האַמאָוועס האָט איבער שלעכטס קיין שליטע נישט.
43. אַף אַלע יידישע קינדער געזאָגט!
44. געשעדיקט זאָל זי ווערן!
45. פּאַרוואָס פאר א נויט זאָל... (צוליב וואָס).
46. גרויס באַ זיך ווי א שוואַרץ יאָר [1].
47. פּאַרוואָס, פּאַר ווען.
ז. 427 48. ווייסט דער שוואַרצער יאָר.
49. אָסער-כאַזער!
50. ... האָט נאָך נישט גאָט באַ די פיס אָנגע-נומען (... איז נאָך נישט פּאַרזיכערט אַפן גאַנצן לעבן, אַז עס וועט אַזוי בלייבן).
51. מע קאָן זיך נישט קיין פלעקעלע פּאַר-שלאָגן (דאָס אייגענע).
52. נישקאָשע.
53. דאָס רעדעלע קען זיך נאָך ווידער צוריקדרייען.
54. גאָר אַ צאַצקע.
55. מיינע אָוועס-אַוויסיינו.
56. מיין טאַטע דער צאַדיק אָלעוו-האַשאָלעם.
57. זיין זכוס זאָל אונדז ביישטיין!
58. טרייבן מאַסע-מאַטן (האַנדלען).
ז. 428 59. לעמאַזל כאַסענע האָבן.
60. אַ גרויסער אַדיר (גוויר).
61. פּאַרשטאָרבן בלייבט פּאַרשטאָרבן.
62. א שיין ביסל... (גענוג אַסאַך...).
63. אַ יוסטער נאָגיד.
64. מיילע בעקיצער גאָרנישט מאַריך צו זיין... (אומבאַטייטיקע אָפּרו-ווערטער).
65. אַ קאָשערער ייד.
66. מיילע בעקיצער, איך וועל אייך דאָ נישט לאַנג דערקוטשען... (רעד-פליטערלעך אין אַ דערציילנדיקן שמועס).
67. איך ווייס פיל ... (ווייס איך ?).
ז. 429 68. פּאַרגעסן איינס פּאַר ס׳אַנדערע.
69. מיפּי איש נעמען (מפי איש נאמן).
70. מאַטאָנעס און שאָר-יעראָקעס (מתנות און שאר ירקות).
71. מיילע בעקיצער.
72. אויך קיין סויפער נישט זיין (נישט זיין קיין לאַמדן).
73. וואָס איז די מער?
74.—75. מיילע שפּיץ בעקיצער (צוויי מאָל 1).
76. וואָס איז מיט... דער ייכעס? (די מער).
77. די קאָל-האַקלאָוּוימטע (כל הכלבימטע — זידלוואָרט).
78. אַ שטיקל לייט.
79. אויקער זיין (אַנטלויפן).
80. אַ מאַיסע שעהאָיע.
ז. 430 81. אַ צאָרע א לייד.
82. באַפּעלן קעהאי לישנע [כהאי לישנא] (צ ו ו י ס ן ט ו ן מיט אַזעלכע ווערטער).
83. אָסער-כאַזער!
84. גאָר אַ מאַסליס.
ז. 431 85. דאָס איז דער מאָשל און דאָס איז דער נימשל.
86. מעכאַלע זיין (מכלה — פּאַרניכטן).
87. זיך אַן אייצע געבן מיט עפּעס אָדער עמעצן (אָנפּאָרען זיך).
88. פּאַרדרייען דעם קאָפּ.

ג אַ ו ר י ל:

ז. 432 104. וואָס הערט מען עפּעס אין אייער ווינקל? (וואָס הערט מען נייס?).
105. האַנדלען איבער וועלטן (מיט אַסאך לענדער).
106. ווו מע זאָל נישט אָנכאַפּן... איז... (אַר-מעטום).
ז. 433 107. טרייבן קאַטאָוועס.
108. איר זאָלט לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר!

ש מ ע ל ק ע:

ז. 434 89—90. גאָר אַ מאַסליס (2 מאָל).

ג אַ ו ר י ל:

109. ער האָט דאָס נישט פיינט (האָט דערצו אַ שטאַרקע נעטיע).
110. שטעכעווען אף עפּעס (שפּעקוליאַנטן-שפּראַך: שפּעקולירן) 2.
111. גאָר אַ גנייווע (וואָלוול).
112. מעיאַטער (מיתר) זיין... מאָל עכאָד בע-עכאָד (אחד באחד: — פּאַרדינען ... מאָל הונדערט פּראָצענט).
113. ... זאָל לעבן!
114. אַף נעמאָנעס.
115. מאַכן אַ גוטן פעטשאָנטעק (אָנהייב).

1 אָטאָ די רעפּליקע שמעלקעס, ווי א סאך אַנ-דערע, באַשטייט אינגאנצן פון א קייט רעדנסאַרטן.

1 צווישן אָטאָ די צוויי „מיילע שפּיץ בעקיצער" פּרוווט שמעלקע אָפּנאַרן דעם פרעמדן מיט נאָך אַ בוי-טילקע וויין.

2 „מיר סטעכעווען". — מענדעלע: פישקע דער קרומער, ז. 42.

שמעלקע:

ז. 436 91. אוי ווי געשריגן!

ז. 400 92. דאָס קאָשערע יידל (איראָניש).

93. קויפן מיט די קאָשערע הענטלעך (גאַנ-ווענען).

פרעמדער:

3. נישט מאַכן קיין צערעמאָניעס.

4. גוט אָפּשניידן.

גאַווריל:

ז. 441 116. האָט גאָט אין האַרצן!

117. האָט ראַכמאָנעס אַף מיינע יונגע יאָר!

שמעלקע:

94. א רועך אין דיין טאַטן!

מוישע:

ז. 442 24. מיין נאַכעס, מיין גדולע!

פרעמדער:

ז. 443 5. אום גאָטעס ווילן!

6. פאר וואָס, פאר ווען?

סערקעלע:

ז. 444 294. א. וו. מ. ק.

שמעלקע:

95. מיט ליב אייך אייער גאַסט! (אַז מע גראַ-טולירט עמעצן לעקאָוועד זיין גאַסט).

סערקעלע:

295. געהאַרגעט בין איך געוואָרן! (אויסדרוק פון איבעראַשונג).

ז. 445 296. אין דער ערד בין איך! (אויסדרוק פון אומאָנגענעמער איבעראַשונג).

פרעמדער:

7. בייזע שלאַנג!

8. אַ האַלבע טרייסט (חצי נחמה).

9. געזונט און פריש.

ז. 446 10. כאַרפּעס און בושעס אָנטון.

11. נישט כאַלעמען זיך (נישט ברענגען אַפן גערעדנק).

מוישע:

25. גאָט באָרוך הו ובאָרוך שמוי.

26. פאַר וואָס, פאַר ווען?

27. עמעצן באַגראָבן (אומגליקלעך מאַכן).

28. פאַר גאָט און פאַר לייט.

גאַווריל:

118. זייט זשע הונדערט מאָל מויכל (זייט אַזוי גוט).

119. זיך אין דער ערד ארייַנלייגן (זיך אומ-גליקלעך מאַכן).

120. באַגראָבן (אומגליקלעך מאַכן).

ז. 447 121. זייט מויכל (איך בעט אייך).

יויכענען:

ז. 448 138. געלויבט צו גאָט, מע זעט זיך געזונטערהייט!

139. ק. מ. ש. א.

140. „קאָל אוירעוו לעמינוי״ („כל ערב למינו״ — איינס פּאַסט צום אַנדערן).

141. פון פּיצלווייז אוף (פון קליינערהייט אָן).

ז. 449 142. דער קאָשערער טאַטע אָלאָוו האַשאָלעם.

143. גרויסער פּיינער בעריע.

סערקעלע:

297. זיך צו קערן און צו ווענדן (נישטאָ צו ווענדן...).

ז. 450 298. שטאַרבן פאַר הונגער.

פרעמדער:

12. אַ ברייערע האָב איך?

שמעלקע:

96. פאַסעס רייסן פון עמעצן.

פרעמדער:

ז. 451 13. האָבן אַ פּסאַק.

יעראַכמיל:

ז. 452 5. אַ קריע שניידן (האָרעוון).

6. ליג אין דער ערד!

שמעלקע:

97. אַ רועך אין דיין טאַטן אריין!

98. אָסער-כאַזער!

יויכענען:

ז. 453 144. ק. מ. ש. א.

145. איינס קער נישט צום אנדערן (איינס איז נישט קיין מעניע פאַרן אַנדערן).

פרעמדער:

ז. 454 14—15. צושלאָגן (מאַסקים זיין). צוויי מאָל.

יויכענען:

ז. 455 146. ק. מ. ש. א.

147. איטלעכער מאַסע-מאַטן באַדאַרף אַ מעק-לער און איטלעכער שידעך אַ שאַדכן.

148—149. ק. מ. ש. א. (צוויי מאָל).

150. דעם עמעס מעג מען זאָגן איטלעכן אין די אויגן.

151. ... איז אַ שאַלשעלעס האַיאָכסין (אַ מע-יוכעס).

152. זיינע דוירעס דוירעס זיינען געווען... מופלאָגים און ראַבאָנים (אמאַראַציש).

153. אַ שיינע אַפּויטיקע.

154. צו מאַזל און בראָכע!

ז. 456 155. וואָס איז מין-האַשאָמאַים איז טאַקע מין האַשאָמאַים!

פרעמדער:

16. נישט טון קיין איבעריקס (מער ווי דער כויוו איז).

הינדע:

ז. 457 13. נישט קיין האָניק לעקן (שלעכט לעבן).

יויכענען:

156. ק. מ. ש. א.

157. איטלעכעס טעפּעלע געפינט זיין שטער-צעלע.

158. איך זאָג אייך בעהען שעליי! (בהן שלי).

דער סאַכאַקל שטעלט זיך אויס אין אזאַ סטאַטיסטישער טאָוול

פ אַ ר ש ו י ן	צאָל פולע דרוק-שורעס פונעם פאַרשוינס אַלע רעפּליקעס אין „סערקעלע“ [1]	צאָל רעדנסאַרטן פון איין פאַרשוין אין אַלע זיינע רעפּליקעס [2]	אַף וויפל שורעס קומט אויס איין רעדנסאַרט [3]	גענויער [4]	וויפל רעדנס-אַרטן קומען אויס אַף 100 שורעס
	די נעגאַטיווע פיגורן:				
יויכעגען דער שאַדכן	315	158	נאָך יעדער 2-טער שורע		50
סערקעלע	700	298	נאָך $2\frac{1}{3}$ שורעס	2.3	42
שמעלקע טרויניקס	240	98	נאָך אַלע $2\frac{1}{2}$ שורע	2.4	40
גאַווריל הענדלער[5]	510	121	נאָך אַלע 4 שורעס	4.2	23.7
דער דורכשניט באַ די נעגאַטיווע פיגורן	1765	677	נאָך אַלע $2\frac{1}{2}$ שורע	2 6	38.3
מוישע דאַנציגער[6]	155	28	נאָך אַלע $5\frac{1}{2}$ שורעס	5.5	18
	די פּאָזיטיווע פיגורן:				
יעראַכמיל	45	6	נאָך אַלע $7\frac{1}{2}$ שורע		13.3
כאַווע	125	17	נאָך אַלע $7\frac{1}{3}$ שורע	7.3	13.6
כאַים	195	30	נאָך אַלע $6\frac{1}{2}$ שורע		15.3
דער פרעמדער[7]	200	16	נאָך אַלע $12\frac{1}{3}$ שורעס		8
הינדע[8]	175	13	נאָך אַלע $13\frac{1}{2}$ שורעס	13.4	7 4
דער דורכשניט באַ די פּאָזיטיווע פיגורן	740	82	נאָך אַלע 9 שורעס		11

דורכשניטלעך באַנוצן די נעגאַטיווע פיגורן ארום 38 רעדנסאַרטן אין 100 דרוק-שורעס; די פּאָזיטיווע פיגורן—ארום 11 אין דערזעלבער צאָל שורעס.

אין די דייטשמעריש-קידערישע רעפּליקעס פון אַלטעלען, וואָס איז איינע פון די נעגאַטיווסטע פיגורן אין גאַנצן „טעאַטערשטיק“, געפינען מיר — אין קעגנזאַץ צו די דייטשישע רעפּליקעס פון רעדליך, הינדע און פון פרעמדן — אַ גאַנצע ריי יידישע און קלאָמערשט פאַרדייטשטע רעדנסאַרטן. דערביי ווערט בוילעט עטינגערס מיין, באַזונדערס אונטערצושטרייכן איר נעגאַטיוון כאַראַקטער מיט דער הילף פון אָטאָ די רעדנסאַרטן. עטלעכע ביישפּילן:

1 עס ווערן בלויז געציילט אַ נ ע ר ע ך די פ ו ל ע דרוק-שורעס; טיילן פון שורעס ווערן צונויפגעשטעלט מיט אנדערע טיילן אַף גאַנצע.

2 לויט די אויבן-אָנגעמערקטע יעסוידעס.

3 פארקיילעכיקט ביז אַף פערטלען.

4 פון די דעצימאלן בלויז די ערשטע שטעלע.

5 די פולע צאָל שורעס פון זיינע רעפּליקעס איז 570. ס׳מוזן אָבער אַראָפּגערעכנט ווערן 60 שורעס, אין וועלכע גאַווריל רעדט א מין דייטשמעריזירנדיק קידעריש („מיי שיין פריילייי״), וועלנדיק זיך צופּאַסן צו אַלטעלעס קאָמישן דייטשמעריש און נישט קאָנענדיק דערביי קיין איין וואָרט דייטש. אין אָטאָ די שורעס האָט זיך בעטעווע נישט געקאָנט אריינפּאַסן קיין רעדנסאַרט. ס׳וואָלט נישט געגעבן קיין ריכטיק בילד, אויב מיר וואָלטן זיי נישט אַראָפּגערעכנט.

6 מוישע שטייט אין דער טאַבעלע אַף דער גרענעץ צווישן די „גוטע“ און „שלעכטע“, זייענדיק א וואַקלדיקער שוואַכער כאַראַקטער. דערפאַר ווערט ער נישט צוגערעכנט נישט צו די פּאָזיטיווע, נישט צו די נעגאַטיווע פיגורן.

7 אַכוץ די אויסגערעכנטע צאָל שורעס זיינען נאָך באַ אים 40 שורעס אין דייטשישער שפּראַך, וועלכע ער באַנוצט בעיס ער ווענדט זיך צו רעדליכן דעם דייטש, אָדער ווען ער רעדט צו זיך, אָדער ביכלאַל מיט פּאַטאָס. אָטאָ די 40 שורעס זיינען אַראָפּגערעכנט געוואָרן.

8 אויך פון הינדעס צאָל שורעס ווערן אַראָפּגערעכנט 40 אין דייטשישער שפּראַך. דאָס זיינען די רעפּליקעס, מיט וועלכע זי ווענדט זיך צו רעדליכן.

ז. 309 דער קונדאס.

ז. 304 זאַג אים, ער זאָל מיך קאָממען וואַרגען (אָנצוהערעניש, אז עמעץ איז נישט אָנגעלייגט, אָדער אַז מע האָט פאַר עמעצן נישט קיין אָפּשיי).

ז. 304 געשעדיגט זאָלסטו ווערן!

ז. 311 זאָ איין יאַהר זאָלל שמעלקע ליטוואַק האַבען!

ז. 330 איינען קראַנקען פרעגט מאַן...

ז. 330 הונדערט אונד צוואַנציק יאַהרע זאָלל ער פאָר דאַס לעבען!

ז. 346 ביסטו מיך ק ר אַ נ ק צ ו רופן?

ז. 351. אַלס ווען איך מיט איהם צוזאַממען שווינע געווידעט העטטע.

מאַכמעס איר קוירעריש-דייטשמערישן לאָשן האָט עטינגער נישט געקאָנט אַריינברענגען אין אירע רעפּליקעס אַזויפיל רעדנסאַרטן, וויפל עס וואָלט געפּאַסט צו דער נעגאַטיווקייט פון איר כאַראַקטער. דאָס ווערט אָבער קאָמפּענסירט דורך אַ גאַנצע ריי קאָמיש-צעדרייטע בעלפער-דייטש-מעליצעס, וואָס האָבן דאָ אַן ענלעכע פונקציע ווי די העברעישע גלייכווערטלעך בא טעוויע דעם מילכיקן. לעמאָשל:

ז. 450 „איך געבע איהנען מיינען ליבסטען דאַנק פאָר אַללעם, וואַס זי האַבען די עהרע געהאַבט אַן מיינער צערטליכן מוטער צו פעררריכטן, אונד איר הערצליכעס הערץ, פאָר וועלכעם איך גראָס אַבשיי האַבע, אונד אירע גוטע גיטע לאַססען מיך ניכט רוהען, זי צו בעטען, דאַס זי מיינעם ברייטיגאַם, מיינעם געליבטען גאַבריעללע הענדלער די פאָגעל-פרייהייט שענקען מעכטען".

דאָ איז יעדעס וואָרט אַ וויץ, אַ קאַלאַמבור אָדער גלאַט אַ אומגעלומפּערטקייט. די קאָמישקייט פון אסאַך ווערטער באַשטייט דאָ דערין, וואָס אלטעלע „פאַרדייטשט" יידישע ווערטער, ד. ה. זי זאָגט זיי ארויס מיט „פּאַסאַכן"; אַף יידיש אָבער האָבן די ווערטער גאָר אַן אַנדערן באַטייט ווי אַף דייטש, באַקומען זיך די קאָמישסטע זאַצן (האַגאַם די קאָמישקייט ווערט אַמאָל שוין צו האַמעטנע און פּראָסט). לעמאָשל „דאַנק פאָר אַללעם", אָנשטאָט „פיר אַללעס" (פון יידיש: פאַר אַלעס); „פאָר וועלכעם איך גראָס אַבשיי האַבע" (אָפּשיי אף יידיש: דערעכערעץ, אַף דייטש—עקל-געפיל); „די פאָגעל-פרייהייט שענקען" (יידיש: פריי ווי אַ פויגל, אַף דייטש הייסט זיין פאָגעל-פריי, אַז יעדער מעג דעמדאָזיקן פאָגל-פרייען מענטשן האַרגענען אָן שטראָף, אַנערעך ווי מע זאָגט אף העברעיש ווענן אַ מענטשן, אַז מע האָט אים „מתיר דמו" געווען); „פעררריכטן", געוויינלעך אף דייטש — עפּעס אָפּטון, אָפּטמאָל אָבער אויך אינעם צוזאַמענהאַנג פון אָפּטוען די באַדערפעניש א. א. וו. א. א. וו.

———

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג. וועגן עטינגערס לידער קאָן מען דערעך-קלאַל זאָגן, אַז זיי פאַרמאָגן ביז גאָר ווייניק שפּראַך-פאָלקלאָר. זייענדיק דאָס רוב פאַראַפראַזעס און איבעראַרבעטונגען לויט פרעמדע מוסטערן — עטינגערס דיכטערישע „מיסיע" איז דאָך געווען אַ צוגרייטערישע, האַגאַם טאַקע אין בעסטן זינען פון וואָרט — האָט פאַר זיי דער ספּעציפישער שפּראַך-פאָלקלאָר ווייניק וואָס געפּאַסט. פונדעסטוועגן געפינען מיר אויך אין די לידער, באַזונדערס אין יענע ערטער, ווו עס מערקט זיך אָן ספּעציפישע שטייגער-שילדערונג, אַן אָנצוהערעניש אַף שפּראַך-פאָלקלאָריסטיק. לעמאָשל, אין דער פאַראַפראַזע פון שילערס „גלאָקע", „דאָס ליכט", כאַפּן זיך אַריין זאַצן ווי „אין אַ גוטער מאַזלדיקער שאָ", „ווײַ געשריגן איבער דעם כאָרבן", — דאָרט ווו ס'רעדט זיך וועגן אַ ספּעציפישן שטייגער-פאַקט, וועגן אַ „בריס" אָדער אַ יידישער לעוואַיע. דער איינציקער אָרט אין דעם ליד (און ביכלאַל אין עטינגערס לידער), ווו דער שפּראַך-פאָלקלאָר ווערט אַביסל געדיכטער, איז אַ איראָניש-קריטישע שטייגער-שילדערונג:

עס יאָגן זיך שוין די שאַדכאָנים,
זאָגן צו אַ גאַנץ סאַך מעזומאָנים,
שווינדלען מאַכן קאָל-האַפּאַסלאָנעס,
זאָגן צו מער קעסט און מאַטאָנעס
און שווערן זיך קייפל-קיפלאַים,

אַז דער שידעך איז מין-האַשאָמאַים...
איצט גייט שוין אַלץ צו גאָר ווי געשמירט,
דער שידעך איז לעמאַזל אויסגעפירט.
איצט טוט זיך ערשט ווי אַף אַ יאַריד...
(I 10).

אָבער אויך אין די מעשאָלים געפינען מיר — אַכוץ אויסנאַמען — ווייניק רעדנסאַרטלעכן שפּראַך-פאָלקלאָר. דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון אָטאָ דעם ליטעראַרישן זשאַנר וואָלט דורכויס דערלויבט אופנעמען שפּראַך-פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן. מיר זעען דאָס אין די אויסנאַמען, וועגן וועלכע מיר וועלן רעדן. אָבער די מעניע איז געלעגן אינעם פאַקט, וואָס דאָס רוב פון אָטאָ די מעשאָלים[1] זיינען ווידעראַמאָל איבערזעצונגען, פאַראַפראַזעס און איבעראַרבעטונגען לויט פרעמדע מוסטערן.

[1] אַכוץ די מעשאָלים, וואָס ווערן אין די „העאָרעס פון מאַקס וויינרייך" (II ז. 583—609) אָנגעוויזן ווי איבערזעצונגען, זיינען, ווי איך האָב ביז איצט פעסטגעשטעלט, נאָך אַ זייער היפּשע צאָל אַנדערע מעשאָלים איבערגעזעצטע און פאַראַפראַזירטע פון דייטש און פויליש. אויך „וויטעלע" און די „שיידים" זיינען איבערזעצונגען פון געלערטן, ווי איך וועל דאָס באַווייזן אין אַן אַנדער אָרט.

אין די זעלטענע ערטער פון די מעשאָלים, ווו מיר געפינען שפּראַך-פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן, האָבן זיי געוויינלעך אַ איראָנישן, שפּאָטנדיקן בײַטאַם. לעמאָשל: „דער האָן, דער פיינער יונג מיט שפּאָרן", „איך וועל אים שוין בעסער אָפּטון"; — אינעמעסן ווערט דעם האָנס ווילערישקייט און כיישעק דעם באַלעבאָס „בעסער אָפּ-צוטון" באַוויזן אינעם מאָשל ווי אַ נאַרישקייט. אָדער „צוויי אַלטע ציגן, די רעכטע נאַראָנים, וואָס דער נאַר ליגט זיי אַפּן פּאָנים" א. א. וו.

געדריכטער באַנוצט ווערט דער שפּראַך-פאָלקלאָר נאָר אין עטלעכע זעלטענע ערטער. לעמאָשל, אין די „פרומע בערן", וואָס זיינען אַן אָנצוהערעניש אַף קאָהאָלשער צוואַקישקייט און פרומלעכקייט (I 213—220):

„...ווי אַ פויק געשוואָלן..."
„...פרומע בערן... האָבן זיך די קעפּ צעבראָכן..."

די בערן רעדן אַמאָל ווי פרומע שאַמעסטעס:

„זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען... וואָס האָסטו געוואָלט פון אונדז נעבעך האָבן,
וויי איז אונדז און ווינד, דו האָסט דאָך אונדז אַלע גאָר באַגראָבן,
ווי טוט מען אַזוי אַ זינד ?! דורך דיר איז די צאָרע, די לייד !..."

די אַנדערע כאַיעס אָבער רעדן אינעם מאָשל קימאַט אינגאַנצן אָן רעדנסאַרטן.

אַן אײנציקער אויסנאַם פון אַלע מעשאָלים איז אינעם פּראַט פון שפּראַך-פאָלקלאָר „דעם לייבס טויט" (I 180—184). אין 122 שורעס האָב איך אָנגעציילט נישט ווייניקער ווי 33 רעדנסאַרטן. אָבער אויך אין דעם מאָשל, ווו דער הויפּט-העלד איז אַן אייזל, דינען 26 רעדנסראַטן דערצו, קעדיי צו קריטיקירן און אויסצולאַכן דעם אייזל, וואָס באַקומט כוצפּע נאָכן לייבס טויט[1].

II

פאָלקס־אידיאָמען און רעזשיאָנאַלע דיאַלעקטן אין דער ליטעראַטור־שפּראַך

מיט דער פיגור שמעלקע טרויניקס האָט עטינגער אריינגעפירט אין זיין „טעאַטערשטיק" סערקעלע דעם ליטוויש-יידישן דיאַלעקט, וועלכן ער האָט בעלי סאָפעק, לויטן נאַיִוו-סוביעקטיוון שפּראַכלעכן באַנעם פון אזא אָנהייב-צייט, באטראַכט ווי א זייטיקן אָפּנויג פון „צענטראַלן" שפּראַך-נוסעך, ד. ה. ווי אַ געמיינערן אָפּנויג פון פוילישן (ריכטיקער: פון פויליש-אוקראַיניש-גאַליציש) דיאַלעקט, אין וועלכן ער האָט געשריבן זיינע ווערק. סע פילט זיך דייט-לעך, אז עטינגער באַציט זיך מיט אַ באַשטימטער איראָניע צו שמעלקע טרויניקס ליטווישן דיאַלעקט, כאָטש די איראָניע איז אַ גוטמוטיקע און כאָטש עטינגער אַליין פאַרענטפערט דעם פאַרשוין אין איינער פון די רעפּליקעס, אַז ער איז דערינען נישט שולדיק און פאָרמולירט דערעך-אַגעוו א ברייטערן באַנעם אין דער דיאַלעקט-פראַגע[2]. עטינ-גערס ביטל-באַציִונג פילט זיך דייטלעך אין אַלע רעפּליקעס פון דער פיגור. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז שמעלקעס פיגור ווערט פון אַווטאָר באַטראַכט און געמאָלט געגוג בעגאַטיוו, ווי א אָפּגעשטאַנענע און פּראָווינציעלע, ווערט קלאָר, אַז דאָס אַריינפירן פון דעם, לויט עטינגערס שפּראַך-געפיל, פּראָווינציעלן דיאַלעקט (אין דער אָריגינאַלער נישט באַאַרבעטער געשטאַלט) דאַרף האָבן די פונקציע קינסטלעריש אָפּצושפּיגלען די פּראָווינציעלע פאַרקריפּלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט[3]. אַקוראַט ווי יעדע אַנדערע נישט איבערגעאַרבעטע שפּראַך-פאָלקלאָריסטיק.

ווי ווייט עטינגער האָט אַריינגעבראַכט עלעמענטן פון געגנט-דיאַלעקטן אין דער שפּראַך פון זיין שאַפן בי-כלאַל און ווי ווייט דאָס האָט באַווירקט די קוואַליטעט פון זיין שפּראַך קאָן מען נאָך נישט גענוי אָפּשאַצן, ווייל די אָפּגרענעצונג פון די דעמאָלטיקע דיאַלעקטן, דער געגנויער כילעק, וואָס איז געווען אין יענער צייט צווישן איינעם און דעם אַנדערן, לעמאָשל, צווישן דעם פוילישן דיאַלעקט עטינגערס און די אוקראַאינישע (אָדעסער) און מיזרעך-גאַליצישע (לעמבערגער) דיאַלעקטן, פון וועלכע עטינגערס שפּראַך איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן, איז נאָך נישט פינקטלעך אויסגעפאָרשט. עס קאָן פונדעסטוועגן נישט זיין קיין סאָפעק, אַז עטינגער, דער באַוווסטזיניקער שפּראַך-

---

[1] אַגעוו: אינעם פּראָזע-פראַגמענט צוויי נעגידים (ב. II ז. 553) פעלט ביכלאַל יעדער שפּראַך-פאָלקלאָר.

[2] „נו וואש איז, אז איך רעד זיך סוין יאַ די ליטוויסע ספּראַך? דאָ אין דער לעמבערג לאַכט מען זיך אויס די ליטוויסע ספּראָך, און באַ אונז אין דער ווילנע לאַכט מען זיך ווידער אויס די היגע ספּראָך, — איך האָב זיי, אָסער כאזער, די אַלע ספּראָכעס ניסט געמאַכט" (II ז. 430).

[3] פונקט אזוי ווי די פּראָווינציעלע פיגור פון ר׳ יויסעפכע אין וואָלפזאָנס „לייכטזין און פרעממעלייא" דאַרף באַווייזן די באַזונדערע פאַרקריפּלטקייט און צוואַקישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פוילישער פּראָווינץ. דער כילעק צווישן וואָלפזאָן און עטינגער אין דעם פּראַט איז, וואָס וואָלפזאָן באַטראַכט יידיש ביכלאַל ווי אַ סימען פון אָפּגעשטאַנענקייט (כאָטש ער פּרוווט צו ניואַנסירן דאָס יידיש פון פוילישן ר׳ יויסעפכע אַקעגן דעם יידיש פון די דייטשע יידן) און שטעלט עס אַקעגן צו דער דייטשער שפּראַך פון די געבילדעטע: מאַרקוס א. אז. וו. עטינגער אָבער האַלט — לויט אונדזער מיינונג — בלויז באַשטימטע „רעדשטייגערס" און דיאַלעקטן פון יידיש פאַר אָפּגעשטאַנען.

מײַסטער האָט, פּונקט אַזוי ווי אַלע בעסטע שרײַבער נאָך אים, אָנפּגענומען פאַרשײדענע עלעמענטן פון פאַרשײדענע דיאַלעקטן און זײ באַאַרבעט לויט זײַנע באַדערפענישן[1]. פון דער אַנדערער זײַט זעען מיר אָבער, אַז עטינגער פירט אַרײַן אַ פיגור (שמעלקע טרויניקס), וואָס רעדט דורכויס אינגאַנצן אין אַ „געגנט-דיאַלעקט"—לויט עטינגערס באַנעם (ליטוויש) — און אַז עטינגער איז אויסן מיט אָטאָ דער דיאַלעקט-רעפּראָדוקציע אַרויסצווײַזן א הומאָריסטיש-קריטישע קאַוואָנע. און קריטיק וויל דאָך שטענדיק עפּעס אײַנעמען, באַזיגן, גויווער זײַן. מיר לערנען פון דעם פאַקט, אַז די באַציִונג צו געגנט-דיאַלעקטן קאָן זײַן — און מיר וועלן פּרוּוון צו באַווײַזן, אַז דאַרף זײַן — אַ דיפערענצירטע, א דיאַלעקטישע.

די עקספּאַנסיע פון דיאַלעקטן אין דער ליטעראַטור-שפּראַך איז אָפט אַ פּראָגרעסיווע געשעעניש, אַמאָל אָבער אויך א רעגרעסיווע. דיאַלעקטן פרישן אָפּ און באַרײַכערן די ליטעראַטור-שפּראַך, אַמאָל אָבער קאָנען זײ די ליטעראַטור-שפּראַך שעדיקן. אין פאַרשײדענע מאָמענטן פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג קאָנסטאַטירן מיר פאַרשײדענע באַציִונגען מיצאַד די שרײַבערס צו די דיאַלעקטן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. בײדערלײ באַציִונגען קאָנען אָפּשטאַמען פון פאַרשײדענע קאַוואָנעס, פון פּראָגרעסיווע אָדער רעגרעסיווע. עס געווענדט זיך אָן דער צײַט און אָן די סאָציאַל-פּאָליטישע באַדינגונגען פון יעדן באַזונדערן פאַל.

———

מיר ווײסן: דער ביטל און די פאַראַכטונג צו די געגנט-דיאַלעקטן און פאָלקסאידיאָמען איז אָפטמאָל פּאַשעט אַ טײל פון דעם ביטל און דער פאַראַכטונג, וואָס דער מעלוכישער צענטער—(געווײנלעך דער קאַפּיטאַליסטיש-עקספּלואַטירנדיקער מעלוכישער צענטער)— און זײַן קולטור באַווײַזן צו די עקספּלואַטירטע פּראָווינצן און צו די אונטערשטע מאַסן, צו זײער עקאָנאָמישער, סאָציאַל-פּאָליטישער און קולטורעלער סיטואַציע. מע קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז דאָס איז שטענדיק און אומעטום די אײנציקע סיבע. מיר ווײסן, אַז אַכוץ אָטאָ דעם רעאַקציאָנערן ביטל צו דיאַלעקטן און אידיאָמען איז אויך פאַראַן אַ שטאַרק קריטישער און פאָרט פּראָגרעסיווער צוגאַנג צו אָטאָ די „שפּראַך-שטײגערס".

דיאַלעקטן מאַכן אָפטמאָל אַף מענטשן, וואָס רעדן אין אַן אַנדער דיאַלעקט אָדער אין דער ליטעראַטור-שפּראַך, א קאָמישן און לעכערלעכן אײַנדרוק. ס'איז באַוווּסט, אַז קאָמיק און לעכערלעכקײט ווערן געווײנלעך אַרויסגערופן דורך א דיספּראָפּאָרציע צווישן טאַט (אין דעם פאַל איז דאָס רעדן די טאַט) און רעאַלער נויטווענדיקײט. די קאָמיק און לעכערלעכקײט פון דיאַלעקט קאָנען זײַן אַ פּועל-יוצא פון דער באַמערקטער דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם „קינדישן, נאַיִוון און פּראָסטן" שטײגער פון דיאַלעקט — און דער קאָמפּליצירטער „דערוואַקסענער" מאַטעריעלער און גײַסטיקער קולטור פון דער עפּאָכע; פון דער דיספּראָפּאָרציע צווישן טמימעסדיקער אָפּגעשטאַנענקײט און דער „ראַפינירטקײט", צו וועלכער די צענטראַלע געגנטן האָבן דערפירט דעם קולטורעלן אויסדרוק. דער קאַמף קעגן אַלע פאָרמעס פון אָפּגעשטאַנענקײט ווענדט זיך אַמאָל, מיט גרויסן אימפּעט, אויך קעגן די דערשײַנונגען פון הינטערשטעליקײט אין די דיאַלעקטן און אידיאָמען. פאָלקלאָר האָט אין זיך אַסאַך פרישקײט, אָבער אויך אַסאַך פאַרלעגערטע און אָפּגעלעבטע פינצטערע עלעמענטן: אַבערגלויבנס, נאַרישקײטן און שעדלעך-באַגרענעצטע אײַנרעדענישן. טאַקע מאַכמעס דער עקאָנאָמישער און סאָציאַל-פּאָליטישער אונטערדריקונג ווערן מיט דער צײַט די פּראָווינץ און די „אונטערשטע מאַסן" (און אָטאָ די בײדע זײַנען דאָך די שאַפער פון פאָלקלאָר!) אָפּגעשטאַנען און פאַרקריפּלט. פאַראַנען באַשטימטע היסטאָרישע מאָמענטן, סײ אינעם אופקלער-פּעריאָד, סײ אינעם פּעריאָד פון פאַקטישן קאַמף, ווען באַשטימטע אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פון דער פּראָווינץ און פון די „אונטערשטע מאַסן" שטעלן זיך אַקעגן ווי א שווערע מעניע פאַר דער איבערקערעניש. דער קאַמף מוז זיך דאַן אָריענטירן אַקעגן צוויי פראָנטן: אַקעגן דעם אונטערדריקער אינדרויסן און אַקעגן דער אָפּגעשטאַנענקײט אינעווײניק, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם ביז-איצטיקן אַנטוויקלונגס-גאַנג. די פאַרקריפּלטקײט פון דער געזעלשאַפט דריקט זיך אויס אין באַשטימטע שפּראַכלעכע דערשײַנונגען, אַקעגן וועלכע עס מוז זיך ווענדן דער קאַמף.—ווײַטער: נאָך אַ רעוואָלוציאָנערן זיג רופן זיך אַמאָל אַקשאָנעסדיק אָפּ פאַרשפּעטיקטע קאַנטן מיט אָפּגעשטאַנענע פאַרקריפּלטע און אָפּגעלעבטע באַגריפן און שפּראַך-עלעמענטן, נישט נײטיקע און נישט צוגעפּאַסטע צו דער צײַט, וואָס היטן זיך בעסער אײַן אינעם דיאַלעקט אײדער אין דער הויפּטשפּראַך. אָן אַ דיסציפּלינירטן, קריטישן אָפּקלויב קאָן מען זיך דאָ נישט באַגײן. אויך זײַנען פאַראַן פאַלן נאָך אַ רעוואָלוציע, אַז באַשטימטע קרײַזן פאַרשלײַערן זײער רעאַקציאָנערע באַוועגונג אונטער פאַרשײדענע קלאָמערשט קולטורעלע, שפּראַכלעכע און אַפילו סטיליסטישע אויסרײדן. וואָרעם נישט אַלע פאָדערונגען אין דעם פּראַט מוזן שטענדיק זײַן אַ פּראָגרעסיוו און רעאַל באַדערפעניש לויט דער לאָגישער נויטווענדיקײט פון דער אַנט-

---

[1] עטינגער, אַלײן אַ פּוילישער, באַגעגנט זיך אין דער צײַט, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע פּאַר זײַן שאַפן, מיט די רײַכע און אינטערעסאַנטע אָפּנויגן פון אָדעסער יידיש, ווו די יידיש-רעדנדיקע באַפעלקערונג איז געווען אַ צונויפגעפּאָרענע פון פאַרשידענע קאַנטן: פון פּוילן, גאַליציע, וואָלין, רײַסן, ליטע, אוקראַינע א. אז. וו. שפּעטער באַגעגנט ער זיך מיט דעם מיזרעך-גאַליצישן דיאַלעקט אין לעמבערג, וואָס איז אַזוי אײגנאַרטיק באַפאַרבט מיטן קאָלאָריט פון עלטערן יידיש-טײַטש, מיט האַשפּאָעס פון פּויליש, אוקראַיניש און דײַטש. אָטאָ די שפּראַכלעכע פילפאַרביקײט פאַראַרבעט עטינגער מיט קינסטלערישן געשמאַק און שעפערישער זיכערקײט. דאָ האָבן מיר דעם ערשטן עטאַפּ פון קינסטלערישן אופנעמען רעזשיאָנאַלע שפּראַך-אײגנאַרטן און אידיאָטיזמען אין דער יידישער ליטעראַטור-שפּראַך.

וויקלונג[1]. רעשטלעך פון דער באַזיגטער אימפּעריאַליסטישער שטרעבונג קאָנען זיך פאַרשטעלן און אַרויסטרעטן מיט נייע, צו די אומשטענדן מער צוגעפּאַסטע אויסריידן. דאַרף מען אין זיי דערקענען דעם אַלטן באַגרענעצטן נאַציאָנאַל-שאָוויניזם און זיי דעמאַסקירן.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו באַשטימטע מינדערהייטן-שפּראַכן אָדער דיאַלעקטן און פאָלקס-אידיאָמען מוז נישט שטענדיק זיין אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג, פּונקט אַזוי ווי ס׳קאָן אַמאָל דאַפקע אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו אָטאָ די שפּראַכלעכע באַוועגונגען זיין אַ פּויעל-יוצא פון פּראָגרעסיוון און אַפילו רעוואָלוציאָנערן צוגאַנג.—

פון איין זייט זיינען די האַשפּאָעס, וואָס גייען פון די דיאַלעקטן אַף דער ליטעראַטור-שפּראַך, אַן אויסדרוק פון די מאַסן-אינטערעסן, וואָס מעלדן זיך צום וואָרט; זיי ברענגען נייע ווערטער און בילדער פאַר באַגריפן און באַדערפענישן (פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קולטורעלע און שטייגערישע), וואָס זיינען ביז איצט אונטערדריקט געוואָרן אָדער ביכלאַל נישט פאַראַן געווען. זיי ברענגען פּאַשטעס, פרישקייט, בילדערישקייט און אומפאַרדאָרבנקייט, ווייל זיי האָבן נישט געליטן פון יענער דעגענעראַציע, וואָס האָט צעפרעסן די שפּראַך פון די הערשנדיקע שיכטן. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אינעם דיאַלעקטאָלאָגישן און אידיאָמאַטישן שפּראַך-שטייגער, אינעם שפּראַכלעכן אויסדרוק פון די ביז איצט אונטערדריקטע מאַסן פאַראַן אַן אַנדער מין עלעמענט פון דעגענעראַציע: אַסאַך אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרקריפּלטקייט, אַ פּויעל-יוצא פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער אונטערדריקונג. דיאַלעקטן זיינען אָפּטמאָל פּרימיטיוו, ווייניק—אַמאָל אויך פאַלש—אַנטוויקלט. נישט קאָנטראָלירטע האַשפּאָעס פון אָטאָ די דיאַלעקטן קאָנען די ליטעראַטור-שפּראַך שעדיקן, צוריקאַנטוויקלען, קאָנען אַרויסשטויסן הויכאַנטוויקלטע באַגריפן צוליב אומגעלומפּערטע און אומפּולקומע אַרומשרייבונגען, זאַכלעכע באַצייכענונגען צוליב פּרימיטיווע אומפּינקטלעכע בילדער, אָדער צוליב אָפּגעלעבטער באַרעדעוודיקייט. דאָס זענען דאַן די רעזולטאַטן פון אַ הינטערשטעליקער שפּראַך-ראָמאַנטיק. דיזעלבע פּאָזיטיווע באַציִונג, וואָס איז אַמאָל, אין דער אופקלער- און קאַמף-צייט, אַ פּראָגרעסיווע, קאָן שפּעטער, ביפראַט נאָך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, הייסן אַ רעאַקציאָנערע.—

דיאַלעקט און אידיאָם ווערן אויסגענוצט אין דער ליטעראַטור אַף דרייערליי אויפן: דורך רעגיסטרירן, צוליב עטנאָגראַפיש-קינסטלערישע אינטערעסן, אַ גאַנצן דיאַלעקטאָלאָגישן שטייגער אין רויער געשטאַלט; דורך גרונטלעכער דורכויסיקער איבערסטיליזירונג פון דער שפּראַך לויטן גוסעך פון דיאַלעקט אָדער אידיאָם אין אַ קינסטלערישער פאָרם; דורך אויפנעמען פאַרשיידענעם לעקסילאָגישן רוי-מאַטעריאַל (איינציקע פּאַסיקע ווערטער). דעם צווייטן אויפן, וואָס מיר דערמאָנען דאָ, דאַרף מען צומייניסטן כוישעד זיין אין רעגרעסיווע, ראָמאַנטיזירנדיקע מאָטיוון. עס ליגט אַמאָל אין אים, אין דעם אויפן, באַהאַלטן אַ פּראָטעסט צו דער צייטמעסיק אַנטוויקלטער, לויט די צייט-טענדענצן צוגעפּאַסטער הויפּט-שפּראַך. אָטאָ דער שטייגער באַטייט אָפּטמאָל אַ מין אַנטלויפן פון דער קעגנוואַרט, פונעם היינט: אַ רעגרעסיווער „פאָלקיזם“.

וואָרעם עס ווענדט זיך, ווי מע באַנוצט אָטאָ די שפּראַך-עלעמענטן: צי נעמט מען פון זיי יענע נייטיקע טיילן, וואָס דריקן אויס עמעס פּראָגרעסיווע סאָציאַל-עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדערפענישן, פאַר וועלכע עס איז ביז איצט אין דער הויפּט-שפּראַך נישט פאַראַן געווען קיין באַגריפן, בילדער א. אַז. וו. אָדער צי נעמט מען פון זיי די רעשטלעך אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס וואַלגערן זיך נאָך פאַרשפּעטיקטע אין דיאַלעקטן און אידיאָמען און פון וועלכע די הויפּט-שפּראַך האָט זיך שוין לאַנג באַפרייט.

די נעגאַטיווע באַציִונג פון דער ליטעראַטור-שפּראַך צום דיאַלעקט איז פּראָגרעסיוו און נוצלעך אין דעם פאַל, אויב מיר באַקומען אין אַ סאַטיריש-קינסטלערישער רעפּראָדוקציע די קריטיק פונעם אָפּגעשטאַנענעם דיאַלעקט, פּונקט אַזוי ווי מיר זעען דאָס אין דער „נעגאַטיווער“ באַנוצונג פון שפּראַך-פאָלקלאָר. די ליטעראַטור-שפּראַך נוצט דאַן אויס דעם דיאַלעקט, קעדיי אים אַזוי אַרום גויווער צו זיין, צו באַזיגן. די נעגאַטיווע באַציִונג איז רעגרעסיוו אין יענע צייטן און סיטואַציעס, ווען זי דריקט בלויז אויס אַ טייל פון דער פאַראַכטונג און פונעם שפּאָט, וואָס די הערשנדיקע פילן צו די באַהערשטע און עקספּלואַטירטע.—די פּאָזיטיווע באַציִונג צו דיאַלעקטן און אידיאָמען איז פּראָגרעסיוו: אויב זי אָריענטירט זיך נאָר אַף יענע זייערע טיילן, וואָס זיינען נייטיק (ד. ה. וואָס לאָזן זיך נישט פאַרבייטן מיט אַנדערע) לויט דער עקאָנאָמישער און סאָציאַל-פּאָליטישער אַנטוויקלונג-טענדענץ, און וואָס קאָנען די הויפּט-שפּראַך פּאַקטיש באַרייכערן, אָפּפרישן, בילדערישער מאַכן, נישט אָפּציענדיק זי פון דער אַלגעמיינער נויטווענדיקער אַנטוויקלונג-ליניע. די פּאָזיטיווע באַציִונג איז רעגרעסיוו: אויב זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דורכויס סטיליזירטן נוסעך מיט באַהאַלטענע רעאַקציאָנער-סעפּאַראַטיסטישע, ראָמאַנטישע אָדער פאַרשפּעטיקטע „פאָלקיסטישע“ קאַוואָנעס.

———

1 ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן אין 17 ביז אָנהייב 18 יאָרהונדערט פאַר די קירכנסלאַווישע שפּראַך אין דער ליטעראַטור. אָטאָ דער קאַמף איז לאַכלוטן נישט געווען קיין פּראָגרעסיווער, פאַרקערט, אַ דורכויס פּאָליטיש-רעאַקציאָנערער. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן דער העברעיִש-באַוועגונג (עברי, דבר עברית!) אין באַשטימטע קליינבירגערלעכע יידישע שיכטן.

די ליטעראַרישע פיקסירונג פון אַ שפּראַך הייבט זיך אָן פון יענעם קאַנט, וואָס איז אויך דער אויסגאַנג-פונקט פון אַ נייער פּאָליטישער אָדער סאָציאַל-עקאָנאָמישער באַוועגונג. די שפּראַך-עסטעטישע אייגנשאַפטן שפּילן נישט קיין ראָל אין דער פראַגע, וועלכער קאַנט-דיאַלעקט זאָל דערהייבן ווערן צו דער ליטעראַטור-שפּראַך. ס׳איז נישט אָפּהענגיק דערפון, צי איז דער אָדער יענער געגנט-דיאַלעקט אין זיין ווערטער-באַשטאַנד דער רייכסטער, פאָנעטיש דער וווילקלאַנגלעכסטער, גראַמאַטיקאַליש דער בויגעוודיקסטער. דער געאָגראַפישער אויסגאַנג-פונקט פון דער נייער סאָציאַל-פּאָליטישער באַוועגונג פאַלט צונויף מיט דער געגנט, וועמעס דיאַלעקט עס ווערט דערהייבן צו שריפט-שפּראַך [1]. אַמאָל טרעפט זיך, אַז די ליטעראַרישע פיקסירונג הייבט זיך גלייכצייטיק אָן אין פאַרשיידענע קאַנטן, ד. ה. אין עטלעכע דיאַלעקטן, צוליב דער גלייכצייטיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אין פאַרשיידענע געגנטן. אָטאָ די פיקסירונגען אַנטוויקלען זיך דאַן אַ שטיק צייט פּאַראַלעל, ביז איינע איז גויוער אַלע אַנדערע. און שטענדיק זיגט דער דיאַלעקט פון ד ע ר געגנט, ווו עס קאָנצענטרירט זיך די באַשטימענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטיש-סאָציאַלע און מעמיילע אויך די אידעאָלאָגישע און קולטורעלע באַוועגונג, וואָס דאַרף לויט דער לאָגיק פון דער געשיכטע קומען צו דער מאַכט. וואָרעם אינעם דיאַלעקט פון יענער געגנט ווערן דאַן שפּראַכלעך אויסגעפורעמט די אידייען און בילדער, וואָס וועלן אַ צייט לאַנג הערשן. דער עקאָנאָמיש און מעמיילע געזעלשאַפטלעך און אידעאָלאָגיש שטאַרקסטער קאַנט רופט אַרויס אַלע באַהאַלטענע שאַפערישע קויכעס, קאָנצענטרירט זיי אַרום זיך און פונקט אַזוי ווי ער נעמט איין דורך זיינע נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַלע ביז איצט הערשנדיקע אידייען, איז ער אויך מיט זיין דיאַלעקט גויוער אַלע אַנדערע דיאַלעקטן, וואָס שלעפּן זיך דאַן בלויז נאָך נעבן דער הויפּט-שפּראַך און שטאַרבן אָפּ אין אַ לאַנגן פּראָצעס.

עס געשעט אַמאָל, אַז פון פּאַראַלעלע אַנטוויקלונגען אין עטלעכע קרייווישע דיאַלעקטן קריסטאַליזירט זיך אַרויס די איינהייטלעכע שפּראַך נישט דורך דעם, וואָס איין דיאַלעקט איז גויוער אַלע איבעריקע, נייערט דורך אַ פּאַסיוון צונויפפּאַסן און דורך אַ נאַטירלעכן אָפּקלייב צווישן עטלעכע דיאַלעקטן [2]. מיר זעען דאָס אין אַזעלכע פאַלן, ווען די דיאַלעקט-קאַנטן זיינען מעלוכיש פאַנאַנדערגעשיידט און האָבן נישט קיינשום סאָציאַל-פּאָליטישע האַשפּאָע איינער אַפן אַנדערן, ד. ה. באַ מעלוכיש-צעוואָרפענע און צעריסענע טיילן פון איין שפּראַך-שייוועט. לעמאָשל: פון די דריי יידישע הויפּט-דיאַלעקטן, אין וועלכע עס אַנטוויקלט זיך די ליטעראַרישע שפּראַך, דעם פּויליש-גאַליצישן, ליטווישן און אוקראַאינישן, האָט נאָך ביז איצט קיינער נישט בייגעקומען איינגאַנצן די איבעריקע צוויי. עס קומט אָבער אין גאַנג פון 19 יאָרהונדערט אַ טענדענץ פון איבערוואָג פון אוקראַאינישן יידיש. סיבעס זיינען פאַראַן עטלעכע. דער אוקראַאינישער קאַנט-דיאַלעקט איז פריער געווען צווישן די דערמאָנטע דריי קאַנט-דיאַלעקטן דער קולטורעל-אָפּגעשטאַנענסטער, און אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרופן—מאַכמעס דער נייער ווענדונג אין דער עקאָנאָמישער סיטואַציע—אויף די פּראָגרעסיווע געדאַנקען פון דער צייט איז דאָס געשעען מיטן גאַנצן אימפּעט, מיט דער גאַנצער פרישקייט פון אַ ביז איצט „שטומער״ פּראָווינץ. אוקראַאינער יידיש איז פון ריין דייטשע האַשפּאָעס [3] מער דערווייטערט געווען איידער דאָס פּוילישע און ליטווישע יידיש, איז די אַנטוויקלונג פון אָטאָ דעם דיאַלעקט געווען אַן אייגנאַרטיקערע, נאַטירלעכערע, אָרגאַנישערע, אין נויט-פאַלן האָט מען זיך נישט געקאָנט גרינג העלפן מיט אַנטלייונ-

[1] לעמאָשל. דער זאַקסישער געגנט-דיאַלעקט אין דער באַזונדערער פאָרם פון מעלוכישן „קאַנצליי״-סטיל האָט אין דער „נייערער״ צייט גויוער געווען אַלע איבעריקע דייטשע דיאַלעקטן און איז געוואָרן באַשטימענדיק פאַר דער א. ג. נייהויכדייטשער שפּראַך,—נישט דערפאַר ווייל אָטאָ דער זאַקסישער „קאַנצליי״ - דיאַלעקט איז געווען דער שענסטער, וווילקלאַנגלעכסטער, רייכסטער און פּאַסיקסטער. נאָר ווייל לוטער, דער טרעגער פון פּראָטעסטאַנטיש איבערקערערישן קאַמף קעגן רוים און פּויפּסט — און דאָס האָט לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען באַטייט דעם קאַמף קעגן פעאָדאַליזם און קלעריקאַליזם און אין אַ געוויסער מאָס אַפילע אויסגעדריקט דעם קאַמף פון פּויערטום פאַר פרייהייט — האָט איבערגעזעצט די ביבל גראָד אין אָטאָ דעם דיאַלעקט. אָטאָ אַזאַ איבערזעצונג איז אָבער לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געווען דער אויסרייד פאַר די אייגנטלעכע סאָציאַל-פּאָליטישע קאַוואָנעס. און אַזוי ווי די רעפאָרמאַציע האָט דורך עטלעכע יאָרהונדערט באַווירקט די דייטשע געשיכטע, איז אויך די שפּראַך פון דער רעפאָרמאַציע, לוטערס איבערזעץ-שפּראַך, געוואָרן די פירנדיקע צווישן אַלע דיאַלעקטן.

[2] עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין סאַמע אָנהייב פון ליטעראַרישער שפּראַך-פיקסירונג וועט דער שרייבער שרייבן אינעם באַגרענעצטן דיאַלעקט פון זיין קאַנט. אָבער אַזוי באַלד עס הייבט זיך אָן אַ באַוווסטזיניקע באַציונג צו דער ליטעראַרישער שפּראַך, הייבן זיך אויך אָן פאַרשיידענע פּרוּוון, כאָטש דערווייל נאָך אומבאַהאָלפענע, אָפּצושפּיגלען אין אַ באַשטימטער מאָס אויך דעם שטייגער פון אַנדערע קאַנט-דיאַלעקטן. (וואָלפזאָן פירט אַריין אין זיין דראַמע אַ פּוילישן ייד, יויסעפּכע; עטינגער אַ ליטווישן; אַקסנפעלד—אין „מאַן און ווייב״—אַ דייטשן א. אז. וו. אָטאָ די אַלע פיגורן רעדן קלאָמערשט די דיאַלעקטן פון זייער קאַנט, אַזוי ווייט ווי דער שרייבער איז עס ביכוילעס צו רעפּראָדוצירן). הייסט עס: פון איין זייט באַמיט זיך דער הויפּט-דיאַלעקט איינצונעמען און אַוועקצושטופּן אַלע אַנדערע דיאַלעקטן; פון דער אַנדערער זייט אָבער ווערט ער פון זיי באַווירקט. אַזוי אַרום בייט זיך אַמאָל זיין פיזיאָנאָמיע אין אַ גרויסער מאָס: די ליטעראַרישע שפּראַך ווערט אינטערדיאַלעקטיש. פון איין זייט מוז די הויפּט-שפּראַך סאָפּקאָלסאָף דערפירן צו דער פאַרניכטונג פון די קלענערע זייטיקע קאַנט-דיאַלעקטן, פון דער אַנדערער זייט נעמט זי איין זיך אויף די ווערטפולסטע און נייטיקסטע עלעמענטן, וואָס זיינען אין אָטאָ די זייטיקע דיאַלעקטן פאַראַנען, און קאָנסערווירט זיי אַזוי אַרום.

[3] די מעגלעכקייטן אופצונעמען דירעקטע און אומדירעקטע האַשפּאָעס פון דער דייטשער שפּראַך זיינען פאַר פּוילן און ליטע אומפאַרגלייכלעך גרעסער געווען איידער פאַר אוקראַאינע. די דירעקטע האַשפּאָעס — מאַכמעס דער געאָגראַפישער נאָענטקייט צום דייטשן שפּראַך-געביט (ליטע, צו מיזרעך-פּרייסן, פּוילן-גאַליציע—צו עסטרייך און

גען פון דער דייטשער שפּראַך. אָטאָ דער כאַראַקטער פונעם אוקראַאינישן דיאַלעקט מוז שפּילן אַ באַשטימטע פּאָזיטיווע ראָל בא דער פיקסירונג פון א שפּראַך, ווו דייטשמערישע אָפּנויגן זיינען נאָך אַלץ א גרויסע סאַקאָנע. יידיש האָט ווי א קולטור-מיטל פאר ברייטערע מאַסן אין ערגעץ ניט געהאַט אזאַ באַטייט ווי אין אוקראַינע, ס'איז אין ערגעץ נישט געווען אזאַ אויסשליסלעך און איינציק מיטל קולטורעל אָנצוקומען צו אָטאָ די מאַסן ווי אין אוקראַינע. פּוילישע יידן זיינען אַסאַך מער געווען באַקענט מיט דער העברעישער אָדער פּוילישער שפּראַך, ליטווישע מיט דער העברעישער, רוסישער און אַפילע דייטשער שפּראַך איידער די אוקראַאינישע יידן[1] מיט רוסיש. און אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרופן ברייטע יידישע מאַסן אין אוקראַינע אף די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס האָבן אופגערודערט גאַנץ רוסלאַנד, האָט זיך דער שאַפערישער קויעך פון אָטאָ די מאַסן, אַן ארויסגערופענער דורך דער באַוועגונג, מער ווי ערגעץ-חוו קאָנצענטרירט דאַפקע אין די גרענעצן פון דער יידישער שפּראַך. אין מעשעך פון די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליק זיינען דער גרעסטער טייל פון די וויכטיקסטע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אוקראַינער; דעריבער זיינען די קלאַסישע שפּראַכלעכע פיקסירונגען פון דער צייט געשאַפן געוואָרן דאָס ראָוו אין אוקראַינער יידיש. די פולע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידיש האָט באַקומען זינט דעם אָקטיאַבער, די מעלוכישע פּאַרזיכערקייט, ווייזט א פּערספּעקטיוו פון העגעמאָניע פּאַרן אוקראַאינישן יידיש איבער אַלע איבעריקע דיאַלעקטן. —

וואָס מער די באַדינגונגען פּאַרשפּיצן זיך מיט אַ פּראָגרעסיוו-געזעלשאַפטלעכן גאַנג, אַלץ מער עלעמענטן פון די געגנט-דיאַלעקטן און האַמוין-אידיאָמען קומען אריין אין דער געשיכטע און אין די געשיכטלעך-ווירקנדיקע ספּערע. אָבער די רעוואָלוציע רייסט אינגאַנצן אוף די טויערן גראָד פאר אָטאָ די שיכטן און זייער שפּראַך. אויב די טרעגער פון רעזשיאָנאַלע דיאַלעקטן האָבן זיך ביז איצט בלויז דערוועגט צו געבן קאָם-קאָם אַן אָנצוהערעניש אַף זייער אייגנאַרטיקייט — באַקומט איצט אָטאָ די אייגנאַרטיקייט גאָר אַן אַנדער כשיוועס און אָנזען. די אידיאָטיזמען און רעזשיאָנאַלע דיאַלעקטן סטאָרטשען אריין מיט זייער „אָנגעשיכטלעכער וועגעטאַציע” ווי איבערבלייבענישן פון אורוואַלד אין די הויכאָנטוויקלטע ליטעראַטור-צייט און ברענגען א שעפע פרישקייט. אַלץ מער און מער הייבן זיי אָן מיט זייער אייגענעם כאַראַקטער שאַפעריש אָנטייל צו נעמען אין דער ליטעראַטור. און אויב ס'האָבן זיך פריער, לעמאָשל, די יידישע שרייבער פון אוקראַינע, אין א שאַרפער מאָס באַמיט צו אונטערדריקן זייערע רעזשיאָנאַל-אידיאָטאָלאָגישע אָפּנויגן לעטויוועס דער אַלגעמיינער קאַנאָנישער ליטעראַטור-שפּראַך, אזוי שטראָמט איצט, זינט דעם אָקטיאַבער, מיט דרייסטערער זיכערקייט, אָפּטמאָל איינעמענדיק דעם קאַנאָן, דער רעזשיאָנאַלער אידיאָטיקאָן פון די אוקראַאינישע שרייבער, מיטן ספּעציפישן אַראָמאַט פון אָרטיקן פייזאַש, מיטן לייכטן אָנצוהערעניש אַף די שכיינעסדיקע **א ו ק ר אַ י נ י ש ע** שפּראַך לויט די ווילגעראָטענע שפּראַך-עלעמענטן, וואָס דער יידיש-אוקראַאינישער דיאַלעקט האָט אונטער דער האַשפּאָע פון דער אוקראַאינישער (אַגעוו: אויך פון רוסישער) שפּראַך אויסגעפורעמט.

די באַדייטונג פון די גרויסע שפּראַך-אופטועך, אַף וועלכע מע קאָן זיך ריכטן מיצאַד די נייע שיכטן און געגנטן, וואָס זיינען געקומען צו זייער וואָרט זינט דעם אָקטיאַבער, קאָן דאַן ערשט ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן, ווען מע נעמט אין אַכט די גרויסע שאַפערישע ראָל פון האַמוינישע האַשפּאָעס אף דער שפּראַך אַפילע דעמאָלט, ווען זיי קומען בלויז אַלס רעזולטאַט פון אַ פּאָלקיסטיש-בירגערלעכער באַוועגונג. גראָד יענע דיאַלעקטאָלאָגישע און אידיאָטאָלאָגישע אָפּנויגן אין דער שפּראַך פון די קלאַסישע מייַסטערס, וואָס זיינען בעשאַטאָם פון ניט פאַרשטאַנדיקע קריטיקער כאַראַקטעריזירט געוואָרן ווי אַ פאַרומוועדיקונג פון דער „שפּראַך-ריינקייט”, זיינען דאַן אָנערקענט געוואָרן ווי דער מאַרך און דאָס בלוט פון דער שפּראַך. לעמאָשל: אין פּושקינס שפּראַך וועט היינט אַוואַדע קיינער ניט פילן קיין גראָבקייטן און וווּלגאַריטעטן, און פּאָרט האָבן אים שרייבער פון זיין צייט אויסגעוואָרפן, אַז ער באַנוצט „די נידעריקע בורלאַקן-שפּראַך”, פּונקט אַזוי ווי מע האָט אויסגעוואָרפן (סענקאָווסקי) גאָגאָלן, אַז זיין שפּראַך איז „וווּלגאַר”[2]. מיצקעוויטש, דער גרעסטער פּוילישער דיכטער און איינער פון די גרעסטע ביכלאַל אינעם רייכן 19-טן יאָרהונדערט, האָט זיך קעגן אַזעלכע טײַנעס געמוזט ערנסט פאַרטיידיקן. „...מע באַשולדיקט מיך דעריקער, אַז איך פאַרדאַרב דעם פּוילישן סטיל דורך אַריינגעפירטע פּראָווינציאַליזמען און פרעמדע אויסדרוקן. איך בין זיך מודע, אַז ניט נאָר איך היט זיך פון זיי ניט אָפּ, נייערט איך באַנוץ זיי עפּשער גאָר בעקיוון .... אין באַלאַדעס, לידער און ביכלאַל אין אַלע פּאָעזיעס, וואָס זיינען געבויט אַף אַ פּאָלקסטימלעכער מעסוירע און וואָס טראָגן אָרטיקע שטריכן, האָבן גרויסע פּאָעטן, פאַרצייטיקע און היינטיקע, שטענדיק באַנוצט און באַנוצן נאָך אַלץ פּראָווינציאַליזמען, ד. ה. ווערטער און פראַזעס, וואָס זיינען אַנדערש ווי אינעם אַלגעמיין אָנגענומענעם בוך-סטיל. אָפּגערעדט פון די אַלטע גרי-

---

פרייסן), די אומדירעקטע האַשפּאָעס—דורך דער דייטשמערישער מאָדע פון דער האַסקאָלע, א מאָדע, וואָס האָט צוליב פאַרשיידענע סיבעס אין דער אוקראַינע נישט געקאָנט באַקומען קיין וויכטיקן און דויערנדיקן באַטייט. (סיבעס:—די ווירקונג פון דער דייטשער אופקלערונג איז אין אוקראַינע רעלאַטיוו גיך אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער ווירקונג פון דער רוסישער אופקלערונג; די פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט אין דער אוקראַינע געטראָגן א מער האַמוינישן כאַראַקטער; די ווייטקייט פון דייטשן שפּראַך-געביט האָט די דייטשמעריש-מאָדע געמאַכט פאַר אַן אומנאַטירלעכע דערשיינונג א. אז. וו.)

[1] וויכטיקע קולטור-האַשפּאָעס פון אוקראַיניש האָבן די אוקראַאינישע יידן לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען ניט געקאָנט אופנעמען.

[2] אָפּגערעדט פון די טײַנעס, וואָס מע האָט אין דעם פּראַט געהאַט צו קרילאָוון, קאָלצאָוון א. אז. וו.

כישע דיאַלעקטן, איז געגוג כאַפּן אַ קוק אַף די ווערק פון בערנס, הערדער, געטע, וואַלטער סקאָט, קאַרפּינסקי, באָגדאַן זאַלעסקי.... דאָס אַלעס איז געווענדט אין דעם, צי ס׳ווערט איינגעגעבן באַנוצט...״[1]

דעריקער איז טאַקע „געווענדט אין דעם, צי ס׳ווערט איינגעגעבן באַנוצט״. וואָרעם אַפּילע באַ איינעם און דעמזעלבן דיכטער קאָן דער שפּראַך-פאָלקלאָר (אויך „פּראָווינציאַליזמען״) אין פאַרשיידענע פאַלן און דורך פאַרשיידענעם אויפן פון באַנוצן האָבן פאַרשיידענע פונקציעס. באַ דעמזעלבן מיצקעוויטש, לעמאָשל, דריקן אויס אָטאָ די שפּראַך-עלעמענטן—לויט די סטירעס פון דער נאַציאָנאַל-בירגערלעכער באַוועגונג — אַמאָל פאָלקיסטישע און אַמאָל נאַציאָנאַליסטיש-ראָמאַנטישע טענדענצן, אַמאָל זיינען זיי אַן אַפּאָלאָגיע פונעם האָמין, אַמאָל אָבער אַזאַ גוזמעדיקער אַפּאָטעאָז, וואָס איז שוין אייגנטלעך בלויז אַן אויסרייד פאַר נישקאָשעדיק אויסגעוואַקסענע רעאַקציאָנער-שאָוויניסטישע שטרעבונגען.[2]

ווידער איז פאַראַן, אַז שרייבער שפּאַרן זיך אַמאָל איין, צוליב איינגערעדטע און דורכן פּאָליטישן גאַנג לאַכלוטן ניט באַרעכטיקטע סיבעס, אַריינצושטופּן דאַפּקע זייער צופעליקן, אָרטיקן דיאַלעקט אַזוי ווי ער גייט און שטייט אין דער ליטעראַטור-שפּראַך, איגנאָרירנדיק אינגאַנצן די אייגנטלעכע הויפּטשפּראַך און די אַלגעמיינע באַדערפעניש (די אַזויגערופענע דיאַלעקטשרייבער אין אַלע ליטעראַטורן). אַ שלעכט-באַנומענער פאָלקיזם, אַ זאַכלעך ניט-באַרעכטיקטער סעפּאַראַטיזם (אַמאָל טאַקע אויך פּאָשעטע שפּראַך-אַמעראַצעס) זאָגט זיך אַרויס אין אָטאָ דער קינדיש-אַקשאָנעסדיקער פאַרליבטקייט. ווי טאַלאַנטפול זייער שאַפן זאָל ניט זיין, גייען זייערע אופטועך אינגאַנצן פאַרלוירן פאַרן אַלגעמיינעם שפּראַך-קאָן. אין שפּראַכלעכן זינען (נישט אין קינסטלערישן) בלייבן אָטאָ די ווערק אַ פאָלקלאָריסטישער קוריאָז און ניט מער. —

מיר רעזומירן: דיאַלעקט און אידיאָם ווערן באַנוצט: 1) דורכויסיק, אַזוי ווי זיי גייען און שטייען אין אָריגינאַלער רויגעשטאַלט (דורך דיאַלעקט-שרייבער); 2) אין קונציק ראַפינירטער דורכסטיליזירונג; 3) בלויז טיילוויז, ד. ה. מע באַנוצט בלויז איינצלנע ווערטער, זאַצן און פאָרמעס לויט באַשטימטע מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניקע זאַכלעכע פּרינציפּן.

דער באַנוצונג-שטייגער 1 דינט — אויב ער גייט אין העסקעם צו פּראָגרעסיווע באַשטרעבונגען—ווי א מיטל, קריטיש-דערציילעריש צו מאָלן די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פּראָווינץ און פון באַשטימטע שיכטן. אַן אַנדער מאָל האָט ער אויך אַ ניט-ריין קינסטלערישן, פאָלקלאָריסטיש באַשרייבערישן (עטנאָגראַפישן) מיין. דאָרט, ווו די קאַוואָנע איז בלויז אַ סאָציאַל-פּאָליטיש ניט באַרעכטיקטער שפּראַכלעכער סעפּאַראַטיזם, דאַרף מען אָטאָ די באַשטרעבונג אָפּשאַצן ווי אַן אינדיווידועלן קוריאָז.

דער באַנוצונג-שטייגער 2 דינט: אינעם פ אָ ל ק י ס ט י ש ן פּעריאָד, קעדיי צו באַווייזן און אַרויסצוהייבן דעם ווערט און באַטייט פונעם מאַסן-מענטש, דורך דעם דיאַלעקט- און אידיאָם-קאָלאָריט צו איבערצייגן, אַז דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט וועגן דעם ווערט און באַטייט פונעם מאַסן-מענטש, איז נאַטור-געטריי, עמעס. אַמאָל אָבער האָט אָטאָ דער סטיליזירטער שטייגער דעם מיין, רעאַקציאָנער צו אַפּאָטעאָזירן דעם אָפּגעשטאַנענעם אינדיוויד און אים אַוועקצושטעלן ווי אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן אידעאַל-טיפּ אַקעגן דעם פּראָגרעסיוועך נייעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף-מענטש.— א גוטע קריטעריע וועגן דעם פּראָגרעסיוון אָדער רעגרעסיוון כאַראַקטער פון אָטאָ די צוויי באַנוצונג-שטייגערס האָבן מיר געוויינלעך אין דעם אידעאָלאָגישן פּויעל-יויצע פון די באַשטימטע ווערק. דאָרט, ווו דער מיין פון די ווערק איז (אין בירגערלעך-רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד) מיטצוהעלפן די פּראָווינצן אין זייער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אָדער (אינעם פּעריאָד פון סאָציאַלער רעוואָלוציע) צוצוגרייטן דעם זיג פון אונטערדריקטן קלאַס—דריקט זיך אָטאָ די

[1] Mickiewicz: O krytykach i recenzentach warszawskich. צו די נעמען, וואָס מיצקעוויטש רעכנט אויס, קאָן מען נאָך צוגעבן אַ גאַנצע ריי פון די גרעסטע ליטעראַרישע שפּראַך-פורעמער פון אַלע צייטן, לעמאָשל: דאַנטע, אַלפיערי, שעקספּיר, אָדער, פון דער דייטשער ליטעראַטור, ווילאַנד, היינע, בירגער, פאָס, מאַטיאַס קלאַודיוס א. אז. וו.

[2] עס טרעפט זיך, אַז אַזעלכע שפּראַכלעכע אופטועך, כאָטש זיי זיינען זייער וויכטיק געווען פאַרן שאַפן פון א באַשטימטן שרייבער, זיינען היסטאָריש ניט אַזוי פּרוכפּאַר געוואָרן, ווי זיי וואָלטן עס לויט זייערע מײַלעס אינעמעסן פאַרדינט. לעמאָשל דעמאָלט, ווען אַ באַדייטנדיקער שפּראַך-שאַפער געפינט ניט קיין פּאָרזעצער אין זיין קאַנט אָדער אַפּילע לאַנד, מאַכמעס ווייל די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור האָט זיך צוליב געזעלשאַפטלעכע סיבעס אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער לאַנד אײדער די אופטועך פון אָטאָ דעם שרייבער האָבן באַוויזן זיך אַלגעמיין צו באַפעסטיקן. עס מוז דאַן אָפּגעטון ווערן זיין אַרבעט באָכאַמאָל לויט יענעם קאַנטס דיאַלעקט, ווו די שאַפערישע קויכעס רופן זיך אַפּסניי אָפּ, ווייל די פריערדיקע פיקסירונגען זיינען ניט מער אַקטועל און די באַדערפענישן זיינען אַסאַך ווייטער אַוועקגעגאַנגען. עטינגער, לעמאָשל, האָט א לאַנגע צייט ניט געהאַט, ניט לויטן אינהאַלט, ניט לויט דער שפּראַך-אייגנאַרטיקייט קיין פּאָרזעצער, כאָטש לויט די קוואַליטעטן פון זיין וואָרט וואָלט, באַ אַן אַנדערער געזעלשאַפטלעכער קאָנסטעלאַציע, זיין ווערק געקאָנט ווערן אַן אויסגאַנג-פּונקט פון אַ ליטעראַטור-שפּראַך—פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך פאַקטיש געבויט, מאַכמעס די פּאָליטיש-היסטאָרישע אומשטענדן, אויפן שאַפן אַקסענפעלדס, גאָטלאָבערס, לינעצקיס, מענדעלעס און שאָלעם-אַלייכעמס. עטינגערס פּאָרזעצער אין שפּראַכלעכע, ווי אין אַסאַך אַנדערע פּראָטים, איז ערשט נאָך צענדליקער יאָרן געווען פּערעץ. צוליב אָטאָ דעם גוירל זיינען אַסאַך פון עטינגערס שפּראַך-אופטועך—און ער האָט געבראַכט וויכטיקע אופטועך—פאַר דער ליטעראַטור-שפּראַך פאַרלוירן געגאַנגען אַף שטענדיק. און עס איז שווער צו זאָגן, צי איז אָטאָ דער אָפּרייס אין דער אַנטוויקלונג-קאָנטינויטעט געווען אַן עסטעטיש געווינס. עס בלייבט אַ פאַקט: פאַרן גוירל פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג זיינען ניט מאָסגעבנדיק זעלבשטענדיקע ליטעראַטור-היסטאָרישע עסטעטישע סיבעס, נייערט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטיש-סאָציאַלער גאַנג.

קאַוואָנע אויך אויס אינעם אויפן באַנוצן דיאַלעקט און אידיאָם, וואָס ווירקט דאַן פּרוכפּאר אויך אין שפּראַכלעכן זינען. גייט אָבער די אידעאָלאָגישע קאַוואָנע קעגן די לעבעדיקע קאַמף-טענדענצן פון דער צייט, אזוי שפּרייזט אויך די הויפּט-שפּראַך אריבער איבער אָטאָ די שפּראַכלעכע באַשטרעבונגען און זיי זיינען פאַרמישפּעט צו בלייבן אויסער די גרענעצן פון דער אַלגעמיינער שפּראַך-אַנטוויקלונג. ווען דער שרייבער קלייבט זיך שלעכט פאנאַנדער אין דער אייגנטלעכער פונקציע פון אָטאָ די שטייגערס, איז א באַווייז, אַז ער קלייבט זיך שלעכט פאַנאַנדער אין די אידעאָלאָגישע פאַרהעלטענישן פון זיין צייט, אַז ער איז אידעאָלאָגיש צעמישט. די פונקציע פון דיאַלעקטאָלאָגישן נוסעך אין דער ליטעראַטור איז: איבערצוגעבן נאַטור-געטריי אָפּגעשטאַנענעם זייטיקן שטייגער. דער צוועק דערפון קאָן זיין: אָדער צו פארמישפּעטן אָטאָ דעם שטייגער אָדער אים צו אַנטשולדיקן, אים צו אפּאָטעאָזירן ווי א אידעאַל אָדער סטאַם פאָלקלאָריסטיש צו רעגיסטרירן. דער ערשטער און דער צווייטער צוועק זיינען פּראָגרעסיוו, דער דריטער איז רעאַקציאָנער, דער פערטער קומט אַרויס פון אַ מער וויסנשאַפטלעכן אינטערעס. עס פירט צו א סטירעסדיקן רעזולטאַט, אי אין אידעאָלאָגישן, אי אין קינסטלערישן און שפּראַכלעכן זינען, אויב מען וויל פאַרבינדן א רעוואָלוציאָנערן מיין מיטן אַפּאָטעאָז און מיט דער אידעאַליזירונג פונעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער לעבן און שפּראַך[1]. אָטאָ די סטירעס זיינען א פועל-יוצע פון דער סטירעסדיקער באַציונג פון באַשטימטע שרייבער צו דער רעוואָלוציאָנערער קעגנוואַרט.—

דער באַנוצונג-שטייגער 3 איז דער וויכטיקסטער פאר דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור-שפּראַך.—מע מוז אָבער אונטערשטרייַכן, אַז דיאַלעקטאָלאָגישע זאַצן און ווערטער אין אָריגינאַלער רוי-געשטאַלט, וואָס ווערן אריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור-שפּראַך כאָטש זיי זיינען לאַכלוטן ניט נייטיק און מע וואָלט זיך געקאָנט באַגיין מיט די געהעריקע זאַצן און ווערטער פון דער הויפּט-שפּראַך, קאָנען נאָר דעמאָלט האָבן א ווערט, אויב זיי האָבן דעם צוועק מיט הילף פון נאַטור-געטריישאַפט קריטיש סאַטיריש צו מאָלן באַשטימטע היגטערשטעליקייטן—זיי זיינען נעגאַטיווע אויסדרוק-מיטלען. שפּראַכלעך פּרוכפּאר און באַרייכערנדיק ווערן זיי ערשט אין דער קינסטלעריש לויט זאַכלעכער נויטווענדיקייט צוגעקליבענער און דיסציפּלינירטער איבערפורעמונג און איבערשטעלונג.

די קריטעריע איז דאָ: דער מאַקסימום פון דייטלעכקייט, אויסדרוקפעיקייט, פּאַסיקייט צום מיין, פלאַסטישקייט און פון מעגלעכקייט צו זיין אָדער גיך צו ווערן אַלגעמיין-פאַרשטענדלעך—באַ אַ מינימום פון וואָרט-הויצאָעס. ד. ה. אויב מע באַנוצט אָטאָ די עלעמענטן ניט גלאַט אַזוי, ווייל זיי זיינען פאַראַן, אָן אַ פּלאַן און צוועקלאָז, פון לאָקאַל-פּאַטריאָטיזם, פון פאַרליבטן אַקשאָנעס, פון באַקוועמלעכקייט אָדער פון אַמאַראַצעס — נייערט פון נויטווענדיקייט, דאָרט ווו עס פעלט אַ פּאַסיקערער אויסדרוק פאַר די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קולטורעלע און שטייגערישע באַדערפענישן און פאַקטן פון די נייע מאַסן, פון די נייע אומשטענדן. אויב זיי זיינען ניט קינצלעך און אומאָרגאַניש צובאַהעפט צו דער שפּראַך, נאָר נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך — פּראַקטיש און קינסטלעריש באַרעכטיקט. אויב זיי דערפירן ניט צו איבעריקער אומבאַהאָלפענער באַרעדעוודיקייט, כאַזערן ניט איבער אַף אַ פּרימיטיוון אויפן אַזעלכע פאָרמעס, וואָס זיינען שוין אין דער ליטעראַטור-שפּראַך אַסאַך פּאַסיקער און העכער אַנטוויקלט. דאָס וואָלט געווען אַ רעצידיוו, ווי אַ דערוואַקסענער זאָל אָן אַ סיבע אָנהייבן רעדן קינדיש. וויכטיק איז אויך דער פּאַקט, צי איז די פאַרשטענדלעכקייט פון אָטאָ די עלעמענטן אָדער די מעגלעכקייט גיך פאַרשטענדלעך צו ווערן ניט אַזוי לאָקאַל באַגרענעצט, אַז עס שטייט ניט אָן די דיספּראָפּאָרציע צווישן נוצן און שאָדן.

א עמפּירישע קריטעריע האָבן מיר דאָ נאָך אַ פּאָסטעריאָרי, אינעם פּאַקט, צי נעמען זיך אָן אָטאָ די אידיאָמען דיאַלעקט-אויפטוען מיט דער צייט אין דער ליטעראַטור-שפּראַך, צי נישט. אויב יאָ, איז דאָס מיינסטנס דער בעסטער באַווייז פאר זייער איינגעגעבנקייט. דעמאָלט פועלט ניט קיין שום קאַמף קעגן אָטאָ די „פּראָווינציאַליזמען" מיצאַד די „שפּראַך-רייניקער", ווייל דאָס איז אַ קאַמף קעגן די שפּראַך-נויטווענדיקייטן פון די נייע באַדינגונגען. מע מוז אים אָנווערן דעם קאַמף, די פרעמדקייט פון אָטאָ די עלעמענטן פאַרלירט זיך גיך און אויך די טייַנעס הערן מיט דער צייט אויף[2].

---

1 מע קאָן אָנווייזן אַף אַ גאַנצע ריי פון אַזעלכע ווערק אין דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור, סיי אין ראַטנפאַרבאַנד, סיי אין אויסלאַנד.

2 ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן טייַנעס פון עלטערע יידישע שרייבער, צווישן זיי אויך פון באַל-מאַכשאָוועס, אַז די שפּראַך פון די נייע סאָוועטישע שרייבער איז אַזוי אָנגעשפּיקעוועט מיט פּראָווינציאַליזמען, ביז אין סינטאַקס אַריין, אַז מע הערט לאַכלוטן אויף „צו פאַרשטיין". „פאַרוואָס האָט מען אין אַלע קאַנטן פאַרשטאַנען שאָלעם-אַלייכעמען און פּערעצן?" אַז די טייַנע איז געווען היסטאָריש און זאַכלעך אומריכטיק איז איצט, נאָך עטלעכע יאָר, אינגאַנצן קלאָר, ווייל די „אומפאַרשטענדלעכקייטן" האָבן זיך גענומען מאַכמעס פּאָליטיש-סאָציאַלע סיבעס און צוליב די באַדערפענישן פון די נייע פּראָווינצן. דער איינגעגעבענער טייל פון אָטאָ די אויפטוען איז שוין איצט אומעטום „פאַרשטענדלעך", ער הייבט שוין אַמאָל אָן אַפילע אַריינגיין אין די שפּראַך פון די אַנדערע קאַנטן. אַן אַנדערער איניען איז די פראַגע, צי דאַרף מען אָטאָ דעם נייעם שפּראַך-סטיל דאָגמאַטיש קאַנאָניזירן. אזאַ דעקרעט וואָלט געפירט צו אַ פאַרשמעלערונג פון שפּראַך-אַנטוויקלונג, ער איז אָבער אַכוץ דעם קיינמאָל ניט און אין קיין שום ליטעראַטור ניט דורכפירבאַר.

באַמערקונגען וועגן שפּראַך־פאָלקלאָר באַ מענדעלען

„... אַז זיי זענען נעבעך אומגליקלעך, אַז פון קאַמע שאָנים שטיקט מען זיי צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט ווי די שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך ניט קיין וועלט און קענען ניט אָטעמען קיין פרייע לופט. אַ מענטש מוז דאָך אָבער עסן... דעריבער זוכן זיי שעפּע איינער פון דעם אַנדערן, דער שטאַרקערער וויל דערקוועטשן דעם שלאָפערן, מע טראַכט אויס קאָל-מינע טאַכבולעס ווי אַזוי צו דערטאַפּן אַ שטיקל ברויט... די נאַטור איז שטאַרק, זי פאָדערט אירס, זי סטאַרעט זיך, זי זוכט קאָלע-מיטל זיך צו דערהאַלטן...“ („די טאַקסע“, אויסג. 1872, ז. 17). אַזוי מאָלט מענדעלע די סיטואַציע אין דער יידישער סוויווע אַף זיין אפּאָלאָגעטישן שטייגער, קעדיי צו דערוועקן דאָס ראַכמאָנעס פון דער רעגירונג, וואָס איז „גוט און באַרעמהערציק“, אַז זי זאָל „סליעדעווען“ און אָפּשאַפן די אומגערעכטיקייטן. אָבער אין טאָך איז דאָס געמעל ריכטיק און פּינקטלעך און צו די „קאָלע-מינע טאַכבולעס“, צו די „קאָלע-מיטל“, וואָס די „צונויפגעשטיקטע“ מאַסן טראַכטן אויס „ווי אַזוי צו דערטאַפּן אַ שטיקל ברויט“, געהער אויך די גוזמעדיק-געדיכטע ווערטלדיקייט פון אויסדרוק. דעמראָזיקן פאַקט נוצט מענדעלע באַוווסטזיניק אויס אין רעפּראָדוקציעס פון דעם רעדשטייגער, קעדיי קינסטלעריש צו באַווייזן די סיטואַציע, וואָס ווערט קאָנסטאַטירט אין דער ציטירטער באַטראַכטונג. —

„נאָך דעם ברייטן שאָלעם-אַלייכעם פון ביידע צדאָרים, נעמען מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסצופאָרשן, דאָס הייסט באַ אונדז יידן געוויינטלעך: אַ טאַפּ טון אין וואָגן, אָדער אַ שמעק טאָן, וואָס הערט זיך.

— וווּהין פאָרט עס אַ ייד? — גיב איך אַלטערן אַ טאַפּ.

— וווּהין עס פאָרט אַ ייד? ע ט... ענטפערט אַלטער צוריק מיט אַ פרעג, ווי דער שטייגער איז פון יידן נישט צו ענטפערן גלייך, אָפּצופּאַטערן יענעם מיט „עט“ און אָנצושטויסן זיך אַפן ווונק — די אַלע כאַכמעס, וואָס אין דער מעלאָכע אָנשמעקן, אַ טאַפּ טאָן שטעקן... אַ ייד פאָרט! *אין דער ערד מיטן קאָפּ פאָרט ער*... און ר׳ מענדעלע פאָרט עס וווּהין! טוט ער מיך אַ טאַפּ...“ (קורסיוו מיינער — מ. וו. „פישקע דער קרומער“ ז. 13)“.

דאָ האָבן מיר טיפּישע מוסטערן פון דער „רעד-דיפּלאָמאַטיע“, וואָס ווערט באַנוצט פון געוווינטקייט אויך אין פאַלן, ווו זי קאָן זיך לאַכלוטן צו גאָרנישט צונויפקומען. —

„— פולע קעשענעס, יאָ! *אַ האַרץ פול מיט מאַקעס* האָב איך — זאָגט אַלטער שטאַרק אָנגעברויגעזט — איך זאָג אייך, ר׳ מענדל ...*נאָר נישט מער גאָרנישט, אַ מענטש אָן מאַזל זאָל נישט געבוירן ווערן גלייכער*, אַסאָקים, עס האָט מיר זיך געגלוסט נייע אַסאָקים! אַן אַנדערער אַף מיין אָרט— *הע-הע-הע*! באַ מיר אָבער איז גאָרנישט. *מיט דער פוטער אַראָפּ*. אַזאַ אומגליק! אַ ווייטיק נאָר צו דערציילן, *שנייץ דיר די נאָז און שמיר דאָס פּאָנים. נישטמער וואָס, גאָרנישט*...“ (קורסיוו מיינער — מ. וו. זע פ. ד. ק. זייט 22)

אין 7 דרוק-שורעס (פון בוך) האָבן מיר דאָ 7 רעדנסאַרטן, ווערטלעך און גאָרנישט באַטייטנדיקע שפּראַך-טנועס („נישט מער וואָס, גאָרנישט“ א. א. וו.—באַשטאַנדטיילן פון דער אימנויטיקער רעד-דיפּלאָמאַטיע). אַף אַזאַ אויפן באַווייזט זיך אין דער שפּראַך ש. י. אַבראַמאָוויטשעס באַציונג צו דעם דערציילטן פאַקט וועגן דער נישט-איינגעגעבענער שאַדכאָנישער אַרבעט, און צו אָטאָ דעם גאַנצן לופט-מענטשן-שטייגער.

די פונקציע פון די אומבאַטייטיקע אָדער פיל-באַטייטיקע שפּראַך-טנועס דערקלערט מענדעלע זייער באַוווסטזיניק און קלאָר:

„... „בע“ איז באַ אונדז יידן אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טייטשן און איז אַ טערעץ אַף אַלע קאַשעס. „בע“ קען מען געברויכן אַלע צייט אין אַ שמועס און עס זאָל טאָמיד פּאַסן. אַ ייד קען מיט „בע“ זיך טאָמיד אויסדרייען, ווען ער איז נעבעך אין דער קלעם און שטייט שמאָל. מיט „בע“ סילעקט אַ שווינדלער, אַ אָנזעצער, אַז די באַלכויוועס טרעטן צו מיט שטאַרקע טיינעס. „בע“ שטייט אַ יידן ביי אין דער נויט, ווען עס באַווייזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער. מיט „בע“ קען מען אפּענטפערן יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צוויי שאָ נישט צו הערן, נישט צו פאַרשטיין אַפילע איין וואָרט פונעם גאַנצן שמועס. מיט „בע“ קומט אָפּ אַ שיינער, צעבראָכענער ייד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ ביס; אַ שיינע מויריינע, ווען ער טוט אָפּ אַ מיעסע מייסע; אַ דימענטיק מענטשל, אָן כאָכמעס, ווען עס לאָזט זיך גאָר אויס, ער איז געמעלאָכעט, האָט פיל פליי אין דער נאָז. האַקלאַל, „בע“ האָט אַלערליי טײַמים, מעשונע ווילדע פּיירושים, ווי אַשטייגער: רוף מיך קנאַקניסל, לאָד מיך צום ונסאַנע טויקעף, מעהייכעטייסע, קוימימיעס, געסמאַהע דיר פּאַרפּול און נאָך טייטשן אָן אַ צאָל. דאָס יידישע קעפּל שטויסט זיך טאָמיד אָן, וווּהין דאָס וואָרט „בע“ צילט, און פאַרשטייט דעם רעכטן פּשאַט דערפון, ווי עס פּאַסט צום איניען“ (פ. ד. ק. זייט 24).

—— —— ——

אין אַלגעמיין קאָן מען אויך וועגן מענדעלעס סטיל זאָגן: די גוזמעדיקע רעדנסאַרטלעכקייט דינט ווי אַ מיטל פון קריטיק. דאָרט ווו עס פאַרשטאַרקט זיך אין זיין דערציילונג דער קריטישער מיין, פאַרמערט זיך אויך-גוזמעדיק די ווערטלדיקייט, און פאַרקערט, דאָרט ווו ער מאָלט פּאָזיטיווע בילדער, פיגורן אָדער געשעענישן, פאַר-

מינערט זיך די צאָל באַנוצטע רעדנסאַרטן, וואָס דינען דאַן, שטרענג און דורכויס פּאַסיק צוגעקליבענע, קעדיי בוילעטער און לעבעדיקער צו מאַכן דעם אויסדרוק.

עטלעכע ביישפּילן:

אין דער שילדערונג פון זשוקל דעם הונט („ווינשפינגערל", אויסג. „קולטור-ליגע," ז. 18) געפינען מיר אין 15 דרוק-שורעס קאַם 2 רעדנסאַרטן — כאָטש עס ווימלט אין די פריערדיקע זייטלעך פון רעדנסאַרטן. — דאָרט ווו עס ווערט, ז. 16—23, געשילדערט דאָס ייִנגל הערשעלע, געפינען מיר אויך זייער ווייניק רעדנסאַרטן, אַנערעך 10 אַף 100 דרוק-שורעס. אין ערשטן קאַפּיטל אָבער, ווו מענדעלע שילדערט אין אַלגעמיין די סיטואַציע אין קאַפּצאַנסק, געפינען מיר אַנערעך 40 רעדנסאַרטן אין 100 דרוק-שורעס. אינעם צווייטן קאַפּיטל ווינשפינגערל, ווו עס ווערט דערציילט דער אומגליקלעכער גוירל פון ציפּע סאָסיען דער דינסט, פאַרמינערט זיך באַדייטנדיק די צאָל רעדנסאַרטן, ערשט דאָרט ווו עס ווערט כאַראַקטעריזירט די העסלעכע באַציונג פונעם באַלעבאָס צום אָרעמען מיידל, פאַרשטאַרקט זיך זייער אָנזעעוודיק זייער צאָל. דאָס אייגענע זעען מיר אינעם שמועס צווישן ר׳ אָשער און רעפאָעל (ז. 160 און ווייטער). ר׳ אָשער, דער שווינדלערישער מעקלער מישט אריין אין זיינע ווערטער אַ היפּש ביסל שפּראַך-טנועס: „עט", „בע", „וואָס, האַ?" „הו-האַ-הו", „טע, טע" און אויך סטאַם רעדנסאַרטן. רעפאָעל, לויט מענדעלעס מיין אַ פּאָזיטיווער פּאַרשוין, באַנוצט אין זיינע רייד גאָר ווייניק פון אָטאָ די שפּראַך-עלעמענטן.

אין די רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע פיגורן אין דער „טאַקסע": אין וועקערס און זאַיקעס, געפינען מיר זייער ווייניק רעדנסאַרטן. פיקהאָלץ, דער „אָנקלאָגער" פון דער געזעלשאַפט באַנוצט זיי דאָרט, ווו ער שילדערט די פאַרדאָרבנקייט פון אָטאָ דער געזעלשאַפט. צום סאָף פון דער טאַקסע, ווו פיקהאָלץ זאָגט זיך מער פּערזענלעך אַרויס, געפינען מיר אין זיינע רייד ווייניק רעדנסאַרטן. דאָס אייגענע באַמערקן מיר באַ רעפּליקעס פון די פּאָזיטיווע פיגורן אינעם „פּריזיוו", רייזעלע און אַלעקסאַנדער.—

אויב אַלטערס דערציילונג (אין פ. ד. ק.) וועגן דעם אומגעלומפּערטן פּרווו צו שאַדכענען צוויי מעכוטאָנים, וואָס האָבן ביידע באָכורים (ז. 25—31), איז אָנגעשפּיקעוועט מיט שפּראַך-פאָלקלאָר — אַזוי פּעלט דערדאָזיקער שפּראַך-עלעמענט אינגאַנצן אין די נאַטור-בילדער (ז. 10, ז. 16—17 א. א. וו.) אָדער דאָרט ווו מענדעלע דערציילט עפּעס „פּאָזיטיווס", לעמאָשל: וועגן דעם גוטן „באַלעבאָס" (און זיין שטוב), וואָס האָט פישקען צו זיך פאַרבעטן ווי אַן אוירעך אַף שאַבעס (ז. 124), אָדער וועגן דעם שפּאַציר-גאַנג פון פישקען מיטן האָרבאַטן מיידל (ז. 125).—

ש. י. אַבראַמאָוויטש קריטיקירט נישט בלויז די שעדלעכע פּאַרשוינען, נייערט אויך די אָפּגעשטאַנענקייט פון זייערע קאָרבאָנעס. דערפאַר רעדן אויך אַמאָל די אונטערדריקטע באַלמעלאָכעס מיט מעשונעדיק אַמעראַצישע ווערטלעך („לב יודע מרת גיטל", „בנפשו יבא לחמו, מיר עסן ווערים" א. א. וו. „טאַקסע"[1], 2 אַקט, 5 סצענע).

אין אָטאָ די טוירעס פון מענדעלעס באַלמעלאָכעס אָדער פון שאָלעם-אַלייכעמס טעוויע דעם מילכיקן זעען מיר אַ מין פּאַראָדיע אַף די העברעיִסטישע גלייכווערטלעך, ציטאַטעס און טייטשן. עס איז דורכויס נישט נייטיק צו באַווייזן, אַז דאָס איז געווײנטלעך געווען דער באַוווסטזיניקער מיין פונעם מעכאַבער. דער איראָניש-קריטישער ווילן האָט, באַוווסטזיניק צי נישט, געפירט צום אָפּלאַכן פון אָטאָ דער גלייכווערטלדיקייט—און מעמיילע אויך דערצו, אַז די שפּראַך זאָל גיוווער זיין אָטאָ די ווילד-געוויקסן.

עטלעכע ביישפּילן, ווי אַזוי מענדעלע פּאַרטיקט זיך אָפּ קריטיש-איראָניש מיט די טכינעדיקע אַלט-יידישע אָדער העברעיִסטישע, טאַנאַכישע, טאַלמודישע א. א. וו. מעליצעס און ווערטער אין דער שפּראַך:

1. „אַלמעכטיקער גאָט!—זאָג איך אַ געבעט אַף טכינע-לאָשן—עפן דיינע אויגן און טו לוגען (אופמערקזאַם קוקן, מהד. luogen—מ. וו.) פון דיין האַרבעריק (השקיפה ממעון קדשך—מ. וו.), דאָס איז דער הימל, ווו דיינע פּאָרכטצומע (יירעס-שאָמאַימדיקע, furchtsame—מ. וו.) יידעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנד געוואָרן ייערט וועגן דעם קאָוועד פון דיין ליבן נאָמענס וועגן, ווייל זיי פּאָרכטן דיין פּאָרכט (יראים יראתך—מ. וו.) זיי אַכפּערן (achtbaren—מ. וו.) דיינע געבאָט, האָפּערדיק (hoffährtig—, אייגנטלעכער באַטייט—שטאָלץ, מיט גאַדלעס—מ. וו.) מיט וואָרהאַפטיקייט. דאַרים ווועלגער אַף אונדז דיין באַרימהאַרציקייט (יתגוללו רחמיך—מ. וו.) און לאָמיר טון געפינען לייטזעליקייט און כיין אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון אַלע מענשן. באַשירעם דיינע האָפּערדיק געליבטע שאָף, דיין ראַכמאָנעס זאָל טון ברומען (יהמו רחמיך—מ. וו.) אויף דיינע פאַרשטענדיקע פּאָרכטער. טו אויך באַגיטיקן מיין מאַזל פּאַר מיין לויבונג און באַשיינונג היינט דיך באַשיינפּערלעך (scheinbarlich, דער יידישער באַטייט=אויסדריקלעך, אָפן, בעפּיירעש—מ. וו.), מיט אַכפּערקייט..." („מאַסאָעס" ז. 15, ביניאָמינס טפילע).

2. (טאַנאַכישע מעליצעס:) „...די פעלד-פייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום ביניאָמינען, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען און שאַלן (schallen, אייגנטלעך טרומייטערן—מ. וו.) און דערפרייען דעם פיינעם פּאַרשוין נעבן ווינטמיל, דאָס איז ביניאָמין אַליין, דאָס איז ביניאָמין דער טונאַיעדעווקער, דער אַלעקסאַנדער מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פאַרלאָזט זיין פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק זיין ווייב און קינדער און גייט אין שליכעס, וווהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער ביניאָמין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט און פרייט זיך ווי אַ גיבער צו לויפן אין וועג מיט זיין פעקל אין דער האַנט! ער איז שטאַרק ווי אַ לעמפּערט, און גרינג ווי אַ

---

1 פּראָטאָטיפּיש פאַר טעוויע דעם מילכיקנס „טוירעס" און ווערטלעך.

אָדלער צו טון דעם ראָצן פון אונדזער פאָטער אין הימל; (קורסיוו אומעטום מײַנער—מ. וו.—די לעצטע מעליצע איז א טאַלמודישע) זינגט, שפּילט : טריללי, טרריל. טריל ! שאַלט, זינגט און דערפרייט זיין האַרץ !...״ (ז. 35, מאַסאָעס).

3. „...איך בין באַלד טאַקע באַהאַרצט אַנטלאָפן זיך, פארבאָרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לוגט אַף זיין פאַרציקונג״ („מאַסאָעס״, דאָרט).

4. „ווי אַ אינד, וואָס געלוסט אַף קוואַלן וואַסער, ווי אַ דורשטיגער אין דער מידבער, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואַסער, וואָס רינט אַראָפּ פון שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מיין געלוסטיקע לייב זיך געטאָן טון דערפרייען אַף סענדערלען, מיין באַשערטן, מיין גע-טרייען געזעלן (Geselle—כאַווער—מ. וו. דאָרט)״.

5. „...מיר האָבן אָנגעגורט אונדזערע לענדן און געשווינד ווי די הירשן געלאָפן פאָרויס מיט אַ געוואַלד...״ (דאָרט).

6. „דען אַז דער לעוויאָסן ווערט אף דער ווענטקע געכאפּט, וואָס-זשע נעבעך זאָלן שוין טון די פלאָטקעס אין דער בלאָטע״ ? (טאַלמודישע מעליצע: „אם לויתן בחכה הועלה מה יעשו דגי רקק״. (מס. מועד קטון, דף כ״ה. ע. ב.)״ מאַסאָעס.

„גיי נעם פולע הויפנס געווירץ פון ביניאָמינס אויצער און מאַך דערפון פּאָטראַוועס צו דיינע ברידער אַזוי ווי זיי האָבן ליב״ מאַסאָעס, ז. 5).—

פאַר אַ באַזונדערע פּראָבלעם שטעלן אונדז מענדעלעס העברעישע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק. דיזעלבע ספּעציפישע טענדענצן, וואָס האָבן אים, אַף דער עלטער, געשטויסן צו „פאַרייביקן״ זיינע יידישע ווערק אַף העברעיש, האָבן אויך פאַרוואַנדלט דעם איראָנישן טאָן בענעגייע די פאַרשיידענע דערנסאַרטן, ווערטלעך און מעליצעס, וועלכן מיר קאָנסטאַטירן אין זיינע יידישע ווערק, אַף אַ פּאָזיטיוו סטיליזירטן נוסעך. ווי מייַסטעריש אָטאָ די איבער-זעצונגען זאָלן נישט זיין, אין וועלכע עס ווערן אַריינגענומען די שפּראַך-פאָלקלאָר-עלעמענטן, קונציק ווי פליגן אין בורשטין און פּאָזיטיוו איבערסטיליזירט—מיר מוזן אָטאָ דעם פּראָצעס באַטראַכטן ווי אַ רעגרעסיוון. דער איראָניש-סאַטירישער מיין ווערט אַף אַזאַ אויפן אָפּגעשוואַכט און אָטאָ די עלעמענטן ווערן „מאָנומענטאַליזירט״ דורך דעם גלי-ווערדיקן פאַטאָס פון העברעיש. זיי האָבן איצט די פונקציע: ערשטנס, אויסצודריקן די רעגרעסיווע פאַרליבטקייט צו פאָלקסטימלעכער שאַפונג און צווייטנס, צו פאַרבייגן די אורשפּרינגלעך סאַטירישע טענדענץ פון די ווערק אַף דער זייט פון פאַטעטיש-נאַציאָנאַליסטישן טראַגיזם.

אָטאָ די פראַגע וואַלט פאַרדינט, מען זאָל זיך גענויער מיט איר באַשעפטיקן.

———

אויספיר:

פון מענדעלעס ווערק (אין דער אָריגינאַל-שפּראַך, אין יידיש) קאָנען מיר אַראָפּנעמען אַזאַ קלאַל: וואָס נעגאַטיווער אַ פיגור איז (אינעם סאָציאַלן אָדער קולטורעלן זינען) אַלץ געדיכטער שיט זי מיט שפּראַך-פאָלקלאָר. וועגן געשעענישן, פאַרשוינען און בילדער, צו וועלכע דער אַווטאָר באַציט זיך פּאָזיטיוו, ווערט דערציילט מיט אַ מי-נימום פון שפּראַך-פאָלקלאָר, וואָס ווערט דאַן באַנוצט אַף אַ „פּאָזיטיוון״ שטייגער, ד. ה. אין דורכויס פאַסיקע ערטער, נישט צוליב גלייכווערטלדיקייט, נאָר קעדיי צו הייבן די פּלאַסטיק פון געשילדערטן. ווו דער מעכאַבער שיל-דערט העסלעכע דערשיינונגען, באַנוצן אַפילע פּאָזיטיווע פיגורן, וואָס דאַרפן וועגן דיראָזיקע דערשיינונגען דערציילן, אַסאַך שפּראַך-פאָלקלאָר אין זייערע רייד. און פאַרקערט, אַפילע נעגאַטיווע פיגורן מיידן אָפטמאָל אויס אין זייערע רייד איבערגעטריבענעם שפּראַך-פאָלקלאָר דאָרט ווו זיי רעדן וועגן פּאָזיטיווע פאַקטן [1].

———

איך האַלט עס פאַר אַן אָנגענעמען כויוו צו דאַנקען דעם כ׳ ג. אויסלענדער פאַר אַ גאַנצע ריי ווערטפולע אָנווייזונגען און אָנרעגונגען, וואָס זיינען מיר זייער נוצלעך געווען פאַר אָטאָ דער אַרבעט.

קיעוו, פעוורואַל 1928.

---

1 זע, לעמאָשל, די געהעריקע רעפליקעס פון סימכע מאַריאַשעס און שפּרינצע („פּריזיוו״).

צום „שפּראַך-פאָלקלאָר״ אין ברייטסטן זינען געהערן אויך די גוזמעדיק באַנוצטע סלאַוויזמען. און אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט י. נוסינאָווס קאָנסטאַטירונג, וואָס איך לייען איצט אין זיין אָפּהאַנדלונג „פון בוך צו בוך״ (צייטשריפט בד. II ז. 434), אַז באַ דער איבעראַרבעטונג פון דער „טאַקסע״ האָט מענדעלע פאַרביטן בלויז אַ טייל סלאַוויזמען אַף יידישע ווערטער האַלטנדיק זיך דערבײַ לויט אַזאַ פּרינציפּ: „בערערעך קלאַל האָט ער באַזייטיקט די רוסישע ווערטער פון די מעכאַברישע רעמאַרקעס, פון די מאָנאָלאָגן באַ די אים סימפּאַטישע פיגורן... ער האָט געלאָזן די רוסישע ווערטער באַ די אים אַנטיפּאַטישע פּערסאָנאַזשן״... אַף ז. 488 אין דערזעלבער אָפּהאַנד-לונג קאָנסטאַטירט נוסינאָוו בענעגייע „מאַסאָעס״ און די איבעראַרבעטונגען פון דעם ווערק, אַז „אַמאָל איז אויך דאָס איינגעהיטע רוסישע וואָרט אַ הומאָר-מיטל״. דאָס אייגעגע וועט מען געפינען באַשטעטיקט בענעגייע גוזמעדיק באַנוצטע העברעיזמען אין איבערגעטריבענער שפּראַך-סטיליזירונג לויט פאַרשיידענע טראַדיציאָנעלע מוסטערן.

א. זאַרעצקי

ניסטערס „און"

(גראַמאַטישע פאָרשונג)

1. דער ערשטער פאַקט אין גראַמאַטישער פאָרשונג איז ריידגלידערונג. אונדזער רייד באַשטייט פון פראַזעס אָדער פון איין פראַזע. פראַזע איז אַ שטיק רייד פון אַן אָפּשטעל (אָדער פון אַן אָנהייב) ביז אַן אָפּשטעל. אָפּשטעל דעפיניר איך דאָ ניט; דאָס איז די אינטאָנאַציע פון אַ פונקט, פראַגע, אויסרוף, אַמאָל פון אַ פּילפּונקט. אַ פראַזע באַשטייט פון באַהעפטן אָדער פון איין באַהעפט. באַהעפט איז אַ גרופּע ווערטער [1], גראַמאַטיש פאַרבונדן (באַהעפט) צווישן זיך. אַ באַהעפט באַשטייט פון ווערטער אָדער פון איין וואָרט. וואָרט איז אַזאַ שטיק רייד, וואָס לאָזט זיך אָפּרייסן פון די אַרומיקע טיילן, אָבער צווישן אירע טיילן קאָן מען קיין אַנדערע ווערטער ניט אַריינשטעלן [2].

באַהעפטן טייל איך אַף אָפּענע באַהעפטן און זאַצן. זאַץ איז אַ באַהעפט, ווו ס'איז פאַראַן אַ פערזאָנוואָרט (ווערבום פיניטום, צייטוואָרט מיט אַ פערזאָנפאָרמע), אָפּענער באַהעפט — אַ באַהעפט אָן אַ פערזאָנוואָרט. געוויינלעך דריקט אַ זאַץ אויס אַ געדאַנק, אַן אָפּענער באַהעפט—אַן אָנרוף.

יעדער באַטייטיק וואָרט, צוזאַמען מיט זיינע באַהילפיקע (הילפוווערב, פרעפּאָזיציע, אַרטיקל), אויב אַזעלכע זיינען פאַראַן, הייסט סינטאַגמע („זאַצגליד") [3].

2. קאָאָרדינירונג הייסט אַ סינטאַקסישע פאָרמע, וואָס איר פאָרמאַלער סימען איז דאָס בינדוואָרט „און" (אָדער אַן אַנדער בינדוואָרט: „אָדער", „סיי—סיי" א. אַנד.) אָדער אַ ספּעציפישע איבערצייל־אינטאָנאַציע (שריפטלעך—דאָס ראָוו אַ קאָמע), און איר פאָרמאַלער באַטייט איז — גלייכאַרטיקייט פון די ווערטער, באַהעפטן, וואָרט־טיילן א. ד. ג., צווישן וועלכע עס קומט דער פאָרמאַלער סימען, ד. ה. זייער אַלציינע ראָליע אין דער פראַזע (אָדער אין באַהעפט, וואָרט), זייער אַלציינע באַציִונג צו אַנדערע עלעמענטן פון דער פראַזע (באַהעפט, וואָרט).

אַ גרופּע ווערטער אָדער באַהעפטן, וואָס זיינען קאָאָרדינירט, הייסט ריי.

ביישפּילן פון קאָאָרדינירונג:

1) פאַרדיגלט און האַרט איז דער שטיין אַפן קוואַל געלעגן.

„פאַרדיגלט" אין אַן אַדווערב, סובאָרדינירט צום ווערב „געלעגן", דאָס אייגענע איז מיט „האַרט"; ביידע אַדווערבן זיינען קאָאָרדינירט דורך „און".

[1] די דעפיניציע פון באַהעפט גרינדעט זיך אַפן באַגריף וואָרט, וועלכער קומט דאָ באַ מיר שפּעטער ווי באַהעפט. אָבער צו קיין לאָגישן פעלער פירט עס ניט. כ'האָב דאָ געוואָלט צעשטעלן די סטאַדיעס פון ריידגלידערונג אין זייער היעראַרכישן סיידער, ניט אין סיידער פון דער דעפינירונג.

[2] די דעפיניציע פון וואָרט אַנטהאַלט אין זיך אַליין דעם טערמין וואָרט. דעם לאָגישן פעלער דערלאָז איך דאָ פון קורצקייט וועגן, וואָרעם די אַלע דעפיניציעס שפּילן דאָ נאָר אַ באַהילפיקע ראָליע.

[3] אויספירלעכער וועגן די אַלע באַגריפן — אין מיין „יידישער גראַמאַטיק".

2) גרויסע האָבן זיך איבערגעצויגן און קליינע האָבן זיך אין די לעכער באַהאַלטן. דאָ זיינען קאָאָרדינירט צוויי זאַצן.

3) איינס און צוויי און גיך און גיכער.

דאָ זיינען קאָאָרדינירט צוויי צאָלווערטער: איינס און צוויי, צוויי אַדווערבן: גיך און גיכער, און צוויי רייען: איינס און צוויי און גיך און גיכער, אַזוי, אַז דער גאַנצער באַהעפט שטעלט פאָר אַ רייען־ריי.

3. קאָאָרדינירונג קומט פאָר אין העכסט פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמעס: ס׳קענען זיך קאָאָרדינירן אַ זאַץ מיט אַ זאַץ, אַן אָפּענער באַהעפט מיט אַן אָפּענעם, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט (גענויער — אַ סינטאַגמע מיט אַ סינטאַגמע), אַ וואָרט-טייל מיט אַ וואָרט־טייל. דאָס זיינען אַלץ פּערספּעקטיווישע קאָאָרדינירונגען. ס׳קומען נאָך פאָר ניט-פּערספּעקטיווישע (קאָאָרדינירונגען מיט פאַרשטערטער פּערספּעקטיוו), ד. ה. קאָאָרדינירונגען פון פאַרשיידענע סטאַדיעס ריידגלידערונג: אַ זאַץ מיט אַ וואָרט א. ד. ג. ווייטער זיינען שאַיעך: קאָאָרדינירונג 1 גראַד, קאָאָרדינירונג 2 גראַד (רייען־ריי) און—טעאָרעטיש— העכערע גראַדן אויך. ווייטער זיינען פאַראַן נאָך פאַרשיידענע אַנאָמאַליעס, וואָס כ׳וועל דערקלערן שפּעטער, אילוסטרירנדיק מיט ביישפּילן.

4. דעם באַהעפט: פאַרריגלט און האַרט איז דער שטיין אַפן קוואַל געלעגן — קען מען „פאַנאַנדערוויקלען״:

פאַרריגלט איז דער שטיין אַפן קוואַל געלעגן און האַרט איז דער שטיין אַפן קוואַל געלעגן.

און פאַרקערט: ניסטערס פראַזע קען מען באַטראַכטן אַלס רעזולטאַט פון צונויפוויקלונג פון אָט דער צווייגלידערדיקער פראַזע.

דידאַקטיקע אָפּעראַציעס — פאַנאַנדערוויקלונג און צונויפוויקלונג — זיינען אַנאַלאָגיש מיט די מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס איינקלאַמערונג און אויסקלאַמערונג:

$$(a+b)\ N = aN + bN$$
$$aN + bN = (a+b)\ N$$

דעריבער איז באַקוועם אָנצונעמען אַזאַ טערמינאָלאָגיע: די קאָאָרדינירטע ווערטער הייסן איינגעקלאַמערטע; דאָס וואָרט, וואָס איז בעשוטפעס סובאָרדינירט צו די איינגעקלאַמערטע אָדער (אָפטער) וואָס צו אים זיינען בעשוטפעס סובאָרדינירט די איינגעקלאַמערטע, הייסט אויסערקלאַמעריקער.

5. אַלס אַ סטאַדיע אין דער פאָרשונג פון קאָאָרדינירונג אין יידיש האָב איך פאָרגענומען די דערלערנונג פון ניסטערס „און״. די טעמע איז ענגער ווי „קאָאָרדינירונג באַ ניסטערן״ — כ׳איגנאָריר דאָ די קאָאָרדינירונג דורך אַנדערע מיטלען (דעהײַנע דורך קאָמע־אינטאָנאַציע).

ניסטערס און איז, ווי באַוווּסט, איינע פון די אייגנטימלעכקייטן פון זיין אָריגינעלן סטיל. מיין אַרבעט שליסט זיך אַלזאָ איין אין דער אַרבעט איבער ניסטערס סטיל ביכלאַל. איך פאַרנעם זיך אָבער אויסשליסלעך מיט דער גראַמאַטישער זייט.

איך האָב דורכגעאַרבעט איינע פון ניסטערס מײַסעס — „צום באַרג״ [1]. דאָ באַגעגנט זיך דאָס קאָאָרדיניר־וואָרט „און״ 1226 מאָל. די אַלע „און׳ען״ קלאַסיפיציר איך לויט געוויסע גראַמאַטישע קריטעריען און איך גיב דאָ די געהעריקע ציפערן, ביישפּילן, און באַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע קאַטעגאָריעס — אַלע פאַלן פון די קאַטעגאָריעס.

1 דער נסתר. „געדאַכט״. ערשטער באַנד. בערלין (1922) ז. 49 ביז 100. אין דער אופלאַגע טרעפן זיך גרייזן אין פונקטואַציע. די, וואָס כ׳האָב געפונען פאַר מעגלעך צו פאַריכטן, ווייז איך אָן אין טעקסט.

6. כ׳הייב אָן פון קאָאָרדינירונג צווישן סינטאַגמעס. דאָ דאַרף מען קוידעמקאָל אונ־טערשיידן סימעטרישע און ניט־סימעטרישע קאָאָרדינירונג. סימעטרישע קאָאָר־דינירונג [1] רוף איך קאָאָרדינירונג פון סינטאַגמעס, וואָס געהערן צו איין גראַמאַטישן קלאַס, ניט־סימעטרישע (אַסימעטרישע) — די קאָאָרדינירונג פון סינטאַגמעס פון פאַרשיידענע קלאַסן. דערביי נעם איך אָן דידאָזיקע גראַמאַטישע קלאַסן:

פערזאָנוואָרט (ווערבום פיניטום)

אימפעראַטיוו

פאַרטיציפּ (בלויז קאָניוגאַטיווער, ד. ה. וואָס בילדעט אַ טייל פון אַ ווערבפאָרמע, אָבער „אָוונטיק און פאַרטראַכט" איז אַ סימעטרישע קאָאָרדינירונג פון צוויי אַדווערבן).

אינפיניטיוו

נאָמינאַטיוו (סובסטאַנטיוו אָדער אַ סובסטאַנטיווירט וואָרט).

אַקוזאַטיוו

דאַטיוו

דאַטיוו מיט אין

דאַטיוו מיט אַף

א. א. וו

(יעדע פּרעפּאָזיציע צוזאַמען מיט אַ סובסטאַנטיוו בילדעט אַ באַזונדער קאַטעגאָריע; פאַר קורצקייט באַנוץ איך אַנשטאָט „דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע"* — פּרעפּאָזיטיוו)

אַדיעקטיוו

אַדווערב (אַזוי רוף איך אַ וואָרט, וואָס האָט די טעמע פון אַן אַדיעקטיוו און האָט ניט קיין אַדיעקטיווישע פלעקסיע, צ. ב. „שטיל", „שווייגנדיק"; אָבער „היינט", „דאָרט" זיינען ניט קיין אַדווערבן, ווייל ניטאָ קיין אַנטשפּרעכיקע אַדיעקטיוון אַ הייַנ־טער, א דאָרטער).

אינוואַריאַנט („אומפאַרענדלעך וואָרט": באַלד, היינט, מער, צוויי א. ד. ג.).

און אייניקע אַנדערע קאַטעגאָריעס (אַדווערב מיט פּרעפּאָזיציע, פּרעפּאָזיטיוו מיט ווי א. א.).

פאַרוואָס נעם איך אָן דאַפּקע אַזעלכע קלאַסן? איך רעכן זיך מיט דער גראַמאַטישער פאָרמע, וועלכע לאָזט ניט, צ. ב., פאַרייניקן פערזאָנוואָרט און פאַרטיציפּ אָדער אַקוזאַטיוו און דאַטיוו אָדער אַדווערב און אינוואַריאַנט אין איין קלאַס. טיילווייז קען מען זיך רעכע־נען מיטן שפּראַך־כוש בענעגייע קאָאָרדינירונג: אין „שטיל און שווייגנדיק" פילן מיר סימעטרישקייט (ביידע קאָאָרדינירטע ווערטער זיינען אַדווערבן), אין „לעסאָף און געפונען" אָדער „געפלויגן לאַנד און לאַנג" פילן מיר ניט־סימעטרישקייט [2] (קאָאָרדינירט אַן אינוואַריאַנט מיט אַ פאַרטיציפּ, אַן אַקוזאַטיוו מיט אַן אַדווערב). אָבער אין „שטיל און ביגנייווע", „אַף הינטן און אַף די זייטן" פיל איך ניט קיין שום אַסימעטריע, כאָטש דאָ זיינען קאָאָרדינירט אַן אַדווערב מיט אַן אינוואַריאַנט, אַן אינוואַריאַנט מיט אַ פּרעפּאָזיטיוו. ווי זאָל מען האַנדלען באַ אַזאַ ווידערשפּרוך צווישן דער גראַמאַטיק און דעם שפּראַך־כוש? אונטערטעניקן דעם שפּראַך־כוש צו דער גראַמאַטיק — דאָס דאַרף מען ניט. אָבער קעדיי זיך רעכענען מיטן שפּראַך־כוש, דאַרף מען אים אַפריער דערלערנען (צ. ב. צי פילט זיך קיינמאָל ניט קיין אַסימעטריע באַ קאָאָרדינירונג פון אַדווערב מיט אינוואַריאַנט?) און קעדיי צו דערלערנען דעם שפּראַך־כוש, דאַרף מען פריער

[1] גענויער: קאָאָרדינירונג מיט אינעווייניקסטער סימעטריע (פאַראַן נאָך באַ קאָאָרדינירונג אויסנווייניקסטע סימעטריע און אויסנווייניקסטע אַסימעטריע, אָבער דאָ וועט זיי ניט אויסקומען צו דערמאָנען).

[2] וואָס מיר נעמען אויף אָדער אַלס גרייז אָדער אַלס סטיליסטיש מיטל. דאָס ווענדט זיך שוין אָפּט אָן אויסערשפּראַכלעכע אומשטאַנדן, צ. ב. אונדזער מיינונג וועגן דעם אַווטאָר פון אַזעלכע קאָאָרדינירונגען.

האָבן אַ סכעמע. אַזאַ סכעמע, אַן אָביעקטיווע און זיכערע, האָבן מיר אין דער גראַמאַטי־שער קלאַסיפיקאַציע פון ווערטער. מעגלעך, אַז די דערלערנונג פון קאָאָרדינירונג גופא, באַם שיין פון געוויינלעכן שפּראַך־כוש, וועט פירן דערצו, די סכעמע זאָל זיך בייטן (צ. ב. אַז אַדווערב און אינוואַריאַנט זאָלן — בענעגייע צו קאָאָרדינירונג — גערעכנט ווערן פאַר איין קלאַס), אָבער דאָס קען ערשט קומען שפּעטער. דערווייל טייל איך די קאָאָרדינירונג אף סימעטרישער און אַסימעטרישער לויט די פאָרמאַלע גראַמאַטישע קלאַסן. (מיט דער דערלערנונג פון שפּראַך־כוש פאַרנעם איך זיך אין דעם אַרטיקל ניט).

פון דער אַנדערער זייט, פילט זיך אַמאָל אַ ניט־סימעטרישקייט באַ קאָאָרדינירונג פון גראַמאַטיש גלייכאַרטיקע סינטאַגמעס, צ. ב.: האָב איך פון דעמאָלט אָן דעם שאַרבן אין דער טאָרבע אַף וועג און אַף פלייצעס געטראָגן.

ווען ניט דער ערנסטער קאָנטעקסט, וואָלט עס אַפילע אופגענומען געוואָרן פאַר אַ וואָרט־שפּיל (ווי „ער עסט פלייש מיט אַפּעטיט און מיט כריין” א. א. באַקאַנטע וואָרט־שפּילן). אָבער קעדיי אַזאַ ניט־סימעטרישקייט אופצודעקן (אָביעקטיוו), דאַרף מען זיך אַריינ־לאָזן אין אויסטייטש פון פּרעפּאָזיציעס, און דערמיט האָב איך זיך דאָ ניט געקענט פאַר־נעמען. דעריבער רעכן איך זיך דאָ אויך ניט מיטן שפּראַך־כוש, וואָס דאַרף נאָך דערלערנט ווערן, נאָר — דערווייל — מיטן אָביעקטיוון גראַמאַטישן קריטערי.

7. סימעטרישע קאָאָרדינירונגען פון סינטאַגמעס — (ז. טאַבעלע 1).

טאַבעלע 1. סימעטרישע קאָאָרדינירונג פון סינטאַגמעס.

	איינגעקלאַמערט (קאָאָרדינירט)	אויסערקלאַמעריק	וויפל מאָל	ביישפּילן	אָנמערקונגען
1	פּרעזאַנווערטער	סוביעקט אָדער גאָרניט	26	ער איז ראָע און וועט גע־פרוווט ווערן. זינגען עס אף אלע מערק די בעטלערס בלינדע און די זעענדיקע וואָרענען.	דעמאָלט, ווען אויסער־קלאַמעריק איז גאָרניט, קאָן מען עס באַטראַכטן אלס קאָאָרדינירונג פון באַהעפטן (ז. דעם ביי־שפּיל צו אימפּעראַטיוו).
2	אימפּעראַטיוון	גאָרניט	4	קוק אַראָפּ און זוך דאָס איי	
3	פּאַרטיציפּן	האָב (האָט), בין (איז)	247 (233)	אין יענער נאַכט בין איך אין געוויסן, גרויסן און ווילדן וואַלד געווען באַ דער באָבע אין איר שטיבעלע אַן אוירעך געזעסן און שטיל און שווייגנדיק איניינעם מיט איר אין אָוונט און אין שטילקייט אף איר אַלטן געוואַרט. געדרייט און געטאָן זיך האָט אין וואַלד. געיאָגט נאָך מיר אַ „ער־האָט זיך און ליבע מיך גע־בעטן. געשטאַנען און געשטאַ־נען...	באַ פּאַרטיציפּן קומט אָפט קאָאָרדינירונג פון מער ווי צוויי סינטאַגמעס. באַ קאָאָרדינירונג פון פּאַרטיציפּן קען דער אויסערקלאַמעריקער הילפווערב בין פאַר־בייטן מיט זיך האָב און פאַרקערט. דאָס ראָוו (206 מאָל) שטייען ביידע פּאַרטיציפּן נאָכן הילפווערב; 16 מאָל פאַרן הילפווערב; 11 מאָל קומט דער הילפ־ווערב (צוזאַמען מיטן סוביעקט) צווישן די פּאַרטיציפּן.
		גאָרניט	(14)		

	איינגעקלאַמערט (קאָאָרדינירט)	אויסערקלאַמעריק	וויפל מאָל	ביישפּילן	אָנמערקונגען
4	אינפיניטיוון	הילפוווערב אָדער באַטייטיקער ווערב אָדער גאָרניט	16	עפּעס זאָגן און צוגעבן געוואָלט מיר אַ פירער זיין און מיך אף די מאַרקן פירן.	
5	סוביעקטן	פּערזאָנוואָרט גאָרניט	31 { 24 / 7	איבערגעלאָזט און פּוסט האָבן די טירן און לאָדן אויסגעזעען. טויט און טויטקייט האָט פון זיין פּאָנים און זיין אויסזען אַראָפּגעקוקט	בא צוויי סוביעקטן אין איינצאָל קומט דאָס פּערזאָנוואָרט 7 מאָל אין איינצאָל, 3 מאָל אין מערצאָל.
6	פּרעדיקאַטיווע נאָמינאַטיוון	פּערזאָנוואָרט	2	ס׳איז נאַרישקייט און אין כויזעק.	
7	אַקוזאַטיוון	דאָסראָוו—ווערב	35	קיין טעג און וואָכן נישט געציילט. אַ הויב און אַ צעשאָט געטאָן.	
8	דאַטיוון (סובסטאַנטיוון אָדער סובסטאַנטיווירטע אַדיעקטיוון, סובסטאַנטיווירטע אינפיניטיוון).	פּרעפּאָזיציע (אַמאָל צוזאַמען מיטן אַרטיקל א. ד. גל.)	4	אף אָדלער און זיין אָנקומען דאָרט וואַרטן גענומען. די באָבע האָט זיך פּאַמעלעך פון איר אָרט און לאַנגן אָוונט-זיצן אופגעהויבן.	
9	אומבאַשטימטע בויגפאַלן	גאָרניט	1	געלאָפן און געיאָגט זיך אַרום און אַרום, אַ רעדל און אַ רעדל.	נאָמינאַטיוו צי אַקוזאַטיוו?
10	פּרעפּאָזיציוון (מיט דערזעלביקער פּרעפּאָזיציע)	דאָס ראָוו—ווערב	112	צו מיר און צו מיין אָרט דאַן צוגעגאַן. האָט זיך דעמאָלט פון דער טיר און פון יענער זייט אַ שאָרכן און זוכן דערהערט.	די אָפּטסטע פּרעפּאָזיציעס: אין (23 מאָל) אף (23), פון (18), מיט (17).
11	אינפיניטיוון מיט „אין איין"	געהאַלטן	2	אין איין שרייען און איין שפּייען געהאַלטן	
12	אַדיעקטיוון	סובסטאַנטיוו (מיט אַ פּרעפּאָזיציע אָדער אָן)	36	אין יענער נאַכט בין איך אין געוויסן, גרויסן און ווילדן וואַלד געוועזן. האָט זיך פון שפּיץ פון טיש פונם אויבן-אָן אַ גרייזער און פון אַלע אויסגענומענער אַלטער אופגעהויבן.	

	איינגעקלאַמערט (קאָאָרדינירט)	אויסערקלאַמעריק	וויפל מאָל	ביישפּילן	אָנמערקונגען
13	אַדווערבן	ווערב	155	שטיל און שווייגנדיק איניינעם מיט איר... געוואַרט. אָנגענומען האָט דער אַלטער דאַן די האַנט מיר אין שטילן, לאַנג און מער נישט ניט גערעדט, זי אין זיינער גע־האַלטן. לאַנג און לענגער אים אין דער שטיל געהאַלטן.	קאָאָרדינירונג פון אַד־ווערב מיט זיין קאָמפּאַ־ראַטיוו איז, דוכט זיך, כאַראַקטעריסטיש פאַר ניסטערן, אָבער אין „צום באַרג” קומט עס פאָר אינגאַנצן 2 מאָל
14	אינוואַריאַנטן	ווערב (אַמאָל פון שכיינישן באַהעפט)	29	מיר דאַרפן זיך באַלד און נאָך היינט אין נאַכט און וועג לאָזן. אַלץ מער און מער (6 מאָל). איינס און צוויי. טיוק און טיוק נאָך זיין הונט אַוועק. דאָס ווילדע און האַרטע גראָז לעבן זיך געקאַליפּעט, אַזוי־זיך און סטאַם-זיך.	

8. אַ גרופּע סינטאַגמעס, וואָס איז סובאָרדינירט צו אַ סינטאַגמע גאַנצערהייט און קען ניט, אין געגעבענעם קאָנטעקסט, צעטיילט ווערן אַף באַזונדערע סינטאַגמעס, הייסט פעסטע גרופּע, צ. ב.:

איינס באַ אַנדערן און איינס נאָכן אַנדערן זיינען וויַט און שורעסווייַז די הויכע בערג אין טאָג און וויַטקייַט געשטאַנען.

דאָ זיינען פעסטע גרופּעס איינס באַ אַנדערן און איינס נאָכן אַנדערן, וואָרעם צום ווערב געשטאַנען קען מען ציען די גאַנצע גרופּע איינס נאָכן אַנ־דערן, אָבער ניט באַזונדערס איינס און ניט באַזונדער נאָכן אַנדערן.

קאָאָרדינירונג פון פעסטע גרופּעס קומט פאָר 4 מאָל. אויסערקלאַמעריק אין 3 פאַלן — ווערב, אין 1 פאַל — גאָרניט.

9. פון ניט־סימעטרישע קאָאָרדינירונגען זיינען די אָפטסטע—פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פון אַדווערבן, אינוואַריאַנטן און פּרעפּאָזיטיוון.

אַדווערב מיט אינוואַריאַנט — 41 מאָל:

ראַנד־אַרום און פון פייער באַלויכטן, האָט אַ פאַרע געשלאָגן (קאָמע נאָך „און” אין טעקסט האַלט איך פאַר אַ דרוק־פעלער); בעסער און אַפּסניי; שטיל און ביגנייווע; אַזוי און דורכדרינגענדיק; אַרום און אַרום און מיט ביי־מער באַוואָקסן (עפּשער גאָר קאָאָרדינירט אַרום און אַרום און מיטביימער?); אַרום און מעשופּע און מיט גראָזן באַדעקט (קאָאָרדינירט אַן אינוואַריאַנטן־ריי מיט אַן אַדווערב); אַזוי און ניט פאַרשטענדלעך; אונטערהאַלטנדיק און איניינעם; שטיל און פאַרנאַכט; גלייך און אים אַקעגן; אַזוי און באַנו־מען; לעסאָף און גאָרנישט דאָרט באַמערקנדיק; פּיצל און באַנומען; (כ׳האַלט, אַז פּיצל איז דאָ דעסובסטאַנטיווירט, געוואָרן אַן אינוואַריאַנט); אַזוי און

קאַליפּענדיק; מאַלפּיש און ביטמימעס; האָט מיך דאָס פאַרזעעניש ביגנייווע און אונטן־אַרומער פאַרן קלייד דאַן אָנגערירט, אַ צי געטון, אַף גיך און געוואָרנט, מיר מיט אַ פינגער אַפּן מויל אָנגעוויזן... (מיר דוכט, אַז געוואָרנט איז דאָ ניט קיין קאָניר־גאַטיווער פאַרטיציפּ); מיטאַמאָל און אומגעריכט; איינס און צוויי און גיך און גיכער (אינוואַריאַנטן־ריי און אַדווערבן־ריי); דערשראָקן און אַף גיך; פאַרלאָזן און אַכער ייעש; אַזוי און איינגעבויגן; פאַמעלעך און מער; אַזוי און מוירע האָבנדיק; אַף גיך און הונגעריק; ווייט און שורעס־ווייז; אַזוי און שווייגנדיק; אַזוי און מענוכעדיק; שטיל און מיט־אַמאָל; מיטאַמאָל און אומגעריכט; אַזוי און פליענדיק; גלייך און אָן שום (אָן שום — אַ קינסטלעך געשאַפענער אינוואַריאַנט); פּלוצים און אומגעריכט; מעוויעש און פאַרשעמט; גלייך און אויבן; אַזוי און קוקנדיק; רויִק און אַזוי; מיטאַמאָל און פריש; שטיל און פאַרנאַכט; שטיל און אַף גיך; אַזוי און אים אַרומרינגלענדיק; אַזוי און שטייענדיק. (פון די 45 פאַלן איז 15 מאָל דער אינוואַריאַנט אַזוי).

אַדווערב מיט פּרעפּאָזיטיוו — 37 מאָל: ווייט און אַף מיט און אַף אונדזער וועג געשטעלט זיך (אַדווערב מיט פּרעפּאָזיטיוון־ריי); געמוזט און אָן ברירע; געניט און מיט מעווינעס; ווייטער און צום וואַלד; שטיל און מיט אָפּשיי; נאָענט און אין זאָקנס אויער; שטיל און אין כורווע אַריין; שטיל און מיט ווונק; מיט ווייס און איבערגעדעקט; מיט אויגן מיט שטומע און קאָשער דערשראָקן; בייז און מיט ביל; איך בין מיר אַזוי אַף דער ערד און פאַרטראַכט געלעגן; לאַנג און מיט האַרכאָווע; רויִק און מיט צייט; נאָענט און באַ דער האַנט באַ מיר (ס'איז מיר שווער אָנצווייזן, מיט וועלכן פּרעפּאָזיטיוו איז קאָאָרדינירט „נאָענט"); מיט די שפּיצן און פאַרקערט; עלנט און אָן נעסט; פלינק און אין איין מינוט; בין איך באַ אים, און געדריקט פון אים, אין די הענט אַזוי געלעגן („געדריקט" קאָאָרדינירט אָדער מיט „באַ אים", אָדער מיט „אין די הענט"); שטיל און פאַר דער ערד; מיט מוירע און שוין פון אָרט אָפּשפּרינגענדיק; ווייט און אַף אַלע בערג; הויך אין הימל און באַ דער זון; שטיל און מיט אַ זייט פון אים און זיין קוק באַגלייט (איך האַלט, אַז שטיל איז קאָאָרדינירט מיט מיט אַ זייט, ניט מיט באַגלייט); ריין און מיט פרימאָרגן; ווייס און אין טונקל־וואַלד; אומעטיק און מיט אָפּשטעל; שטיל און אין וואַלד; לאַנג און איבער דער סטעפּ־שטרעקע; שטיל און אָן ווערטער און ווייט אַזוי; הויך און אַף זיין סאַמע הויכקייט; ווייט און אַף דעם אַלעם; אין טונקלקייט און נאָענט; טיף און אַף דעם באָדן־שטיין; אַף ערטער און באַהאַלטן; שטיל און אין האַלבער נאַכט.

אינוואַריאַנט מיט פּרעפּאָזיטיוו — 17 מאָל: אינדרויסן און אין פינצ־טערניש; מיט בושע, אָן אויגן און פייל־אויס־בויגן (פּרעפּאָזיטיוון־ריי און אינוואַריאַנט); צוריק און צו נעסט; מיט רעשוס און פאַר אַלע און בירשוס און אין נאָמען פון אַלע (קאָאָרדינירט רייען, וואָס באַשטייען פון פּרעפּאָזיטיוון און אַן אינוואַריאַנט); בירשוס און אין נאָמען פון אַלע; אַף הינטן און אַף די זייטן; אַרויף און צום הימל; פון הויך און אַראָפּ; פון דער זון און אַרויס; אַזוי און אין פרימאָרגן; אָט און אין דער שטילקייט; אַליין און אָן האַשגאָכע; פאַרנאַכט און אַף זעלבן אָרט; אַזוי און אין דער נאַכט; אַהער און צו מיין שטיין; באַלד און נאָך אַ קליינעם ייִשעוו; אַזוי און אַף יענעם אָרט.

פּרעפּאָזיטיוו מיט פּרעפּאָזיטיוו, מיט פֿאַרשיידענע פּרעפּאָזיציעס — 21 מאָל: אין וואַלד און צווישן ביימער דאָרט האָט זיך אַ הויכער, לאַנגער יעגער באַוויזן; דו טרעטסט אַריבער אַף איר, אַף מיר און איבער זאָקן; אַף באַרג און באַ ברונען; אַף מיר און הינטער מיר אָנגעוויזן (אָנעמענדיק אַף הינטער פֿאַר אַ פּרעפּאָזיציע); אַף זיינע קני און צום פּאָנים אים אַרויף; פֿון אונטער אים און פֿון טאָרבע דאָרט (אָנעמענדיק פֿון אונטער פֿאַר אַ פּרעפּאָזיציע); אַף דעם שנור און צום פֿעלד זיך אַוועקגעלאָזט; מיט דער דייע אַף טאָג און שוין ביז פֿאַרנאַכט דאָרט אַף אָפּרוען צו בלייבן; אין די וואַרעמע לענדער פֿליענדיק, איבער יאַם און אין שטורעם; האָב אַף ערדן און הינטער הימלען געשפּאַנט; איבער ליכט און צו דער טיר צו געקוקט; מיט רעשוס און פֿאַר אַלע... צו מיר אַזוי געזאָגט; די איידע באַם טיש און אין שושקען זיך געלאָזן; אַף פֿאַר מיר און אונטער מיר זיך אַרומגעקוקט; אַוועקגעגאַן איז דער פֿוקס אין אַ זייט און אין סטעפּ אַריין; איבער אים אין סטעפּ און אונטער לעוואָנע געשטאַנען; אין שיין און פֿאַר לעוואָנע... זיך אַוועקגעשטעלט; האָט זיך דאַן פֿון וואַלד עפּעס אַ שפּיל דערהערט, פֿון דער טיף און פֿאַר וואַלד; אַף אַ בוים און אין בלעטער איז עפּעס אַ פֿויגל אַריין; איז אין אַ זייט באַ מיר, און באַ מיין צוקאָפּנס דאָרט... אַ ווייס און זויבער אייעלע געלעגן (צוליב דער קאָמע נאָך מיר נעם איך אָן די קאָאָרדינירונג „אין אַ זייט“ און „באַ מיין צוקאָפּנס“); האָב איך באַלד באַ דער ליכט און אַף דער גלאַטער זייט אָט די ווערטער איבערגעלייענט.

פֿאַרשיידענע קאָמבינאַציעס מיט פּרעפּאָזיטיווירטע אַדווערבן און אינפֿיניטיוון — 7 מאָל: אַף ווייט און אַף פֿעלד; פֿון ווייט און פֿון דאָרט; אין די נעכט און אין פֿינצטער; פֿון זיצן און פֿון באַרג; אין מויל און אין פֿליען; פֿון הויך און פֿון פֿליען; פֿון ווייט און פֿון ערגעץ.

10. קאָאָרדינירונג פֿון אַקוזאַטיוו אָדער דאַטיוו מיט פּרעפּאָזיטיוו, אַדווערב, אינוואַריאַנט — 6 מאָל: זיין באַרג און אַרום דעם באַרג באַטראַכט (אַקוזאַטיוו מיט פּרעפּאָזיטיוו); נאָכגעקוקט האָב דעם טויט און נאָך זיין פֿינגער (דאַטיוו מיט פּרעפּאָזיטיוו); געפֿלויגן ביז דאַן לאַנד און לאַנג (אַקוזאַטיוו מיט אַדווערב); אַף לעבנלאַנג און ליבע (אַדווערב מיט דאַטיוו); די גאַנצע צייט און בעשאַס מיַיסע, אַף דער ערד, וואָס באַ מיין געלעגער, געקוקט (אַקוזאַטיוו מיט אינוואַריאַנט; [געגאַנגען] אַ כוידעש און מער (דאָס אייגענע).

11. קאָאָרדינירונג פֿון אַ „האַלב־דעקלינירלעכן אַדיעקטיוו“ מיט אַ פּאָסעסיוו („גענעטיוו“) — 1 מאָל: פֿון מיין און אַלטנס קוק באַגלייט.

12. קאָאָרדינירונג פֿון פּרעפּאָזיטיוו, אַדווערב, אינוואַריאַנט מיט פֿאַרגלייך — 16 מאָל.

פּרעפּאָזיטיוו מיט פֿאַרגלייך: פֿון ווייט, פֿון הינטער מיר און ווי פֿון אַ הויך אַראָפּ האָט מיך עפּעס אַ קאָל גערופֿן; איך האָב זיך צום קאָל און ווי צום וואָלקן־מענטש אויסגעדרייט.

אַדווערב מיט פֿאַרגלייך: איינגעבויגן און ווי אַף טאַרע („טהרה“); שטיל און ווי מיט גוטן; רויִק און ווי צו מיין גלייכן; ווייטער און ווי פֿריער; ווי מיד און קרעכצנדיק; באַרוט און ווי זייער שטייגער; ווי אָפּגערעדט און באַשלאָסן; שטיל און ווי בעסאָד; ווייטער און ווי דער שטייגער; רויִק און ווי אָן כיעס.

אינוואַריאַנט מיט פֿאַרגלייך: אַזוי און ווי צו עמעצן; אַזוי און ווי לאַנג באַקאַנטע; מיטאַמאָל און ווי דערמאָנט; לעסאָף און ווי בעיין ברײרע; מיטאַמאָל און ווי ביגנײווע.

13. אַדווערב מיט פעסטער גרופּע — 5 מאָל: שטיל און יעדערער מיט זיך פאַרנומען; גיך און קוים מיטן אויג צו זען; איינגענאָרעט און פון אויבערקלייד דאָס פּאָנים נישט אַרויסגעזען; נישטיק און קוים מיטן אויג צו זען; די הענט אַף דער ברוסט פאַרלייגט און פאַר־טראַכט אַזוי.

14. אַסימעטריע, וואָס האָט איר גרונט אין עליפּסיס — 5 מאָל: מיין וועג און מיין גלייכער (וועג); אין האַלבער שיין און אָפּגעצערטער (שיין); אַף טאָג און אַף גאַנצן (טאָג); נישט באַמערקט פאַר איר, און אַ ווונק (געטון) צו מיר; דעם שטעקן אין האַנט (האַלטנדיק) און קאָפּ אַף שטעקן אָנגעשפּאַרט.

אַהער דאַרף מען צורעכענען אויך די קאָאָרדינירונג פון סובסטאַנטיוו מיט צאָל־וואָרט (9 פאַלן): אַ שאָ און צוויי (2 מאָל); אַ טאָג און צוויי (3 מאָל); אַ ווײַלע און צוויי (3 מאָל); אַ מינוט און צוויי.

15. דאָס איז אַלץ געווען קאָאָרדינירונג פון סינטאַגמעס („ווערטער"). פאַראַן נאָך העכערע קאָאָרדינירונג — פון זאַצן, און נידעריקערע — פון וואָרט־טיילן.

16. קאָאָרדינירונג פון זאַצן קומט פאָר 68 מאָל. אויסערקלאַמעריק איז מערסטנטיילס גאָרניט; אין אייניקע פאַלן איז אויסערקלאַמעריק אַן אומאָפּהענגיקער זאַץ אָדער אַ סובאָרדיניר־בינדוואָרט.

ביישפּילן פון זאַצן־קאָאָרדינירונג: געדרייט און געטון זיך האָט אין וואַלד, עפּעס פאַר דער טיר און באַנאַכט פאַר טיר, און אין שטיבעלע האָט אַ קאַניצל געברענט...; האָב איך געזען: איז דער זאָקן אַף דער ערד געלעגן, זיינען ליכט אים באַ זיין צוקאָפּנס געשטאַנען, און דיין אַלטער אים איבערן קערפּער שטייט... (אויסערקלאַמעריק איז דער זאַץ האָב איך געזען, וואָס איז גראַמאַטיש אומאָפּהענגיק פון די איינגעקלאַמערטע, אָבער באַציט זיך — לויטן אינהאַלט — צו אַלע איינגעקלאַמערטע); אַז ווינטן האָבן אים צעטראָגן, שטורעם־ווינטן האָבן זיין שטויב צעבלאָזן און צייטן און דורעס האָבן אים מיט דער ערד אויסגעגלייכט (אויסערקלאַמעריק דער סובאָרדיניר־בינדוואָרט אַז).

17. 3 מאָל קומט פאָר קאָאָרדינירונג פון האַלב־אָפּענע באַהעפטן (אַזוי רוף איך אַ באַהעפט אָן אַ ווערבום פיניטום, אָבער מיט קאָנסטאַטירונג, מיט עליפּסיס פון ווערבום פיניטום): אַזוי יונג, אַזוי יונג און שוין אין גייערס געגאַנגען (2 מאָל); צו וואַלד נאָך קיין עק און צו פרייען קיין אויסגאַנג.

18. קאָאָרדינירונג אין די גרענעצן פון וואָרט איז שייַעך צוויי סאָרטן:

1) נאָרמאַלע, ווו ס'זיינען קאָאָרדינירט באַשטימטיילן פון צונויפזאַצן און אויסערקלאַמעריק איז זייער הויפּט־טייל.

אַזעלכע קומען פאָר 2 מאָל: מוילוואָרף־און־אָדלער־לאַנד; ערד־און־הימל־ראָד. (דער צווייטער שיידט זיך אונטער פונעם ערשטן דערמיט, וואָס דער הויפּט־טייל קען ניט איינגעקלאַמערט ווערן: מע קען זאָגן מוילוואָרף־לאַנד און אָדלער־לאַנד. אָבער ניט: ערד־ראָד און הימל־ראָד. דער צווייטער שטייט אַפן גרענעץ פון נאָרמאַלער און פעסטער קאָאָרדינירונג).

2) פעסטע קאָאָרדינירונגען, ווו אַ צונויפגעזעצט וואָרט איז געבילדעט מיט דער הילף פון און און אויסערקלאַמעריק איז גאָרנישט. אַזעלכע קומען פאָר 7 מאָל: אַרום און אַרום (4 מאָל), האַק און פּאַק, האַלדז־און־נאַקן (2 מאָל). קלאָר, אַז אַרום און אַרום איז איין וואָרט, דאָסזעלביקע האַק און פּאַק (מע קען ניט זאָגן, אַכוץ קינסטלעך, מיין האַק און מיין פּאַק).

19. דאָס זײַנען אַלץ געווען פּערספּעקטיווישע קאָאָרדינירונגען. די ניט־פּערספּעקטיווישע קאָאָרדינירונגען קען מען אײַנטײלן אַף אַזעלכע קלאַסן:

20. 1) אַפן גרענעץ פון ניט־סימעטרישע (אָבער פּערספּעקטיווישע) און ניט־פּערספּעקטיווישע שטײען די קאָאָרדינירונגען פון אַ פּאַרטיציפּ מיט אַן אַנדער וואָרט[1]. אַזעלכע קומען פאָר 26.

פּאַרטיציפּ מיט אַקוזאַטיוו: אָפּגערוט און אַ פּאָר מינוט.

פּאַרטיציפּ מיט פּרעפּאָזיטיוו: געקוקט און מיט פרייד מיט שטילער; אופגעשפּרונגען און נאָך אים; זיך אַראָפּגעלאָזט און מיט דער דײַע...; מיט מוירע און אַן אָרט פאר מוירע אַף אַנטלויפן זיך געמאַכט.

פּאַרטיציפּ מיט אַדווערב: שטיל און זיך אָנגעקוקט; געקוקט און לאַנג אַזוי; געשוויגן און לענגער נאָך; געצויגן און ווײַטער אַלץ; געגאַנגען און פאַרטראַכט; לאַנג און מיך און מײַן אויסזען באַטראַכט; ווײַט און אָפּגעטראָטן; זיך געדרײט און אופגערעגט; בלינד און אָנגעשמעקט; מיט גרויסע און שטראַלנדיקע אויגן ווײַט פון הינטן און אַרומגעקוקט; שטיל און זיך אונטערגעגעבן.

פּאַרטיציפּ מיט אינוואַריאַנט: מוסקעם און נישט דערווידערט, נישט איבערגעלייגט זיך און געפּאָלגט האָב...; לעסאָף און געפונען; אים אַקעגן און שטײן געבליבן (דער ווערטערסײַדער לאָזט ניט אָנעמען אַקעגן פאַר אַ פּרעפּאָזיציע); אַזוי און נישט אָפּגערוט; פּלוצים און ניט געזען פונוואַנען; אַף גיך און דאָס אויסגעפּראָשעט (אף גיך איז, אומאָפּהענגיק פון דער אָרטאָגראַפיע, איין וואָרט — אַן אינוואַריאַנט); אַזוי און נישט געגלויבט; אַזוי און פון מײַן פעלז דאָרט דאָס בערגישע שווײַגן און טאָג־שווײַגן פאַרנומען; לעסאָף און מיך אַף אים שטײן באַמערקט; אַזוי און שוין אַף דער ערד נישט געקוקט.

2) אָפּענער באַהעפט מיט האַלב־אָפּענעם — 1 מאָל: גלײַך און אויסגעצויגן איז שוין דער זאָקן אַף דער ערד געלעגן, מיט ווײַס און איבערגעדעקט און שוין אופגעהויבן דער קערפּער.

21. 3) פּאַרטיציפּ מיט זאַץ — 6 מאָל: אָפּגעגעסן, און אופגעהויבן האָט זיך דער אַלטער...; אָפּגעזאָגט, און אָפּגעקערעוועט האָט זיך דער אַלטער...; אַ פּאָר מינוט געשוויגן, און — געקערעוועט האָט זיך דערנאָך צו מיר דער בעטלער...; געגאַנגען און געגאַנגען, זײַן יוגנט פאַרגאַנגען, די קויכעס אויסגעגאַנגען, און אָט האָט ער אים אײנמאָל שוין באַ אַ האָריזאָנט דערזען; אָפּגעזאָגט, און אַלע ווי אײנער האָבן אַף מיר די אויגן אָנגעשטעלט; אויסגעוואַרט און אָפּגעטרײסט — און ער האָט מיך פון די הענט אַרויסגעלאָזט.

4) האַלב־אָפּענער באַהעפט מיט זאַץ — 1 מאָל: דאָס רײַכטום פאַר רײַכע, און קלײנע זיך דרײען אומזיסט פאַר די אויגן.

5) זאַץ מיט האַלב־אָפּענעם באַהעפט — 4 מאָל: און אופגײן וועט און וועט ערשט אופגײן — און אונדזער זון פאַרגאַנגען; איך בין נאָך אַלץ אין וואַלד געגאַנגען, פון אָרט צו אָרט... און צו וואַלד נאָך קײן עק...; דער בעטלער האָט די טאָרבע פון איבער זײַנע אַקסל אַראָפּ־

[1] פּאַרטיציפּ מײן איך דאָ נאָר אַזאַ, וואָס אַסאָציִירט זיך אין אונדזער שפּראַכדענקען מיט אַ סיסטעם ווערבאַלע פאָרמעס, ניט מיט אַ סיסטעם אַדיעקטיווישע פאָרמעס (דער צווייטער איז אַ פּאַשעטער אַדווערב און איז באַטראַכט געוואָרן אויבן). פאַר אַ פּראַקטישן סימען קען אָפּטמאָל דינען: אויב מע קען צוגעבן צום פּאַרטיציפּ „האָבנדיק", איז עס אַ פּאַרטיציפּ אין אײגנטלעכן זינען, אויב מע קען צוגעבן „זײַענדיק" — איז עס אַן אַדווערב.

געגומען..., זיך לעבן איר אַראָפּגעלאָזט, און איך אים אַקעגן; ווייל אין קוואַל זײַנען הימלען און הימלען פאַר אויגן (אויסערקלאַמעריק ווײַל).

22. 6) אָפענער באַהעפּט מיט זאַץ—9 מאָל: שטיל, און געהערט האָט זיך שוין דאָס בולבען...; א געגאר נאָך געגאַר, א קלייניקייט נאָך קלייניקייט, פאַמעלעך און באַריסן, אַזוי, און באַנומען, און דערווײַל זאָל זיך פּאַשען; פּלוצים, און דערזען האָב איך...; א מינוט און צוויי, פאַמעלעך און מער—און די זון איז שוין אינגאַנצן פון האָריזאָנט פאַרשוואונדן; אַ טאָג און צוויי—און דער אָדלער איז ניט געקומען; א ווײַלע און צוויי—און די קוקו האָט דאַן דאָס קעפּל פון די צווייגן אַרויסגעשטעקט... (נאָך 3 פאַלן—באַלד).

7) זאַץ מיט אָפענעם באַהעפּט—7 מאָל: אַקוק געטאָן האָט מיר דער יעגער אין די אויגן דעמאָלט, לאַנג און ערנסט אין מיר זיך אײַנגעקוקט, געניט און מיט מעווינעס און ניט אופגעהערט, און אַזוי און דורכדרינגענדיק, ביז ער האָט לעסאָף...; ווײַט און פאַרוקט האָט ער זיך מיט די עקן איבער פעלד אַראָפּגעלאָזט, שטיל און שפּעט זיך דאָרט מיט די האָריזאָנטן פאַרנומען, און אַף נאַכט און גאַנצע נאַכט מיט זײַנס און זײערן; ווײַט און באַלויכטן האָבן איינס אַף אַנדערן און איינס איבער אַנדערן איבער קעפּ זיך געקוקט, און אַזוי און שווײַגנדיק...; הויך אין הימל און באַ דער זון פונויבן איז אַ גרויסער און אַ גוואַלדיקער אָדלער געפלויגן, אין מויל און אין פליען האָט אַ גרויסע שנייווייסע און פּוכיק־צאַפּלטע גאַנדז געטראָגן און אַזוי און פליענדיק, פון הייך און אַראָפּ, פון דער זון און אַרויס, ביז ער איז לעסאָף...; (נאָך 3 פאַלן — באַלד).

אָט זײַנען 3 פאַלן, ווען ס׳זײַנען בישכיינעס קאָאָרדינירט אַ זאַץ, אַן אָפענער באַהעפּט און אַ זאַץ:

אַלט און קרעכצנדיק האָט זיך דאָרטן עפּעס רירן גענומען, לאַנג געפּאָרעט און די טיר געזוכט, און לעסאָף—און אופגעעפנט האָט זיך די טיר...;

געקוקט און לאַנג געשוויגן האָבן אַזוי איינס קעגן אַנדערן די בושלען, געשוויגן און זיך געוואַרט, און דערנאָך—און געקערעוועט האָט זיך דער בושל פון מײַן זײַט...;

איז דער מוילוואָרף אַזוי אַ פּאָר מינוט אַפן בערגל געשטאַנען, בלינד און אָנגעשמעקט און אין די זײַטן געזוכט און לעסאָף—און אויסגעדרייט האָט ער זיך דעמאָלט...

23. 8) זאַץ מיט אָפענעם באַהעפּט פון אַ באַזונדער טיפּ—3 מאָל: זון, און שוואַכע זון, האָט שוין אַף די ביימער און אַף ערד געצאַנקען. איך נעם אָן, אַז שוואַכע זון איז קאָרדינירט ניט מיט זון, נאָר מיטן זאַץ: זון האָט שוין אַף די ביימער און אַף ערד געצאַנקען. איך רעכן זיך דערביי מיט דידאָזיקע פאַקטן: 1) דאָס פערזאָנוואָרט קאָן אין אַזאַ פאַל ניט קומען אין מערצאָל (באַ איינצאָליקן סוביעקט בעייס אין פאַלן פון סוביעקטן־קאָאָרדינירונג קאָן ער קומען אין מערצאָל, אַפילע אויב ניסטער באַנוצט אַן איינצאָל (אנשטאָט: טויט און טויטקייט האָט פון זײַן פּאָנים אַראָפּגעקוקט לאָזט זיך זאָגן: טויט און טויטקייט האָבן פון זײַן פּאָנים אַראָפּגעקוקט). 2) דער צווייטער קאָאָרדינירטער טייל (שוואַכע זון) איז אויסגעטיילט מיט קאָמע־אינטאָנאַציעס פוןביידע זײַטן און לאָזט זיך איבערוקן צום סאָף זאַץ (מע קען זאָגן: זון האָט שוין אַף די ביימער און אַף ערד געצאַנקען—און שוואַכע

זון), 3) שוואַכע זון רופט ניט אָן נאָך קיין סוביעקט, ווי באַ געוויינלעכער קאָאָרדיני־רונג, און אַפילע ניט נאָך קיין נאָמען פונעם זעלבן סוביעקט, ווי זאָל דער ערשטער און דער בעסטער קומען, נאָר אַ צוגאָב־דערקלער צום סוביעקט, אַן ערעך: זון (און דאָס איז געווען שוואַכע זון) האָט שוין אַף דיביימער און אַף ערד געצאַנקען.

נאָך צוויי פאַלן פון דעם טיפ:

אַזוי אין וואַלד, און אין טיפן וואַלד, אין נאַכט אַוועקגעגאַנגען; שאָטנס, און שטילע שאָטנס, האָבן זיך שוין פון מיזרעך אין וואַלד אַריינגערוקט.

פאַראַן צוויי פאַלן מיט אַקוזאַטיוון, אַביסל ענלעך צום פאַנאַנדערגעקליבענעם:

פלעג אַזוי אַף די ווייטע פעלדער פאַרפאַלן ווערן, זיך אַרומדרייען, שאָען און שטילע שאָען אין שטילקייט דאָרט...; האָב איך אין פוסטע סטעפן און מידבאָריעס געוואַנדערט, נעכט און שפעטע נעכט אַף די בערג געקלעטערט...

אָבער זיי שיידן זיך אָפּ מיט דער אינטאָנאַציע (אין שריפט — מיט דער אָפּוועזנהייט פון קאָמעס באַם צווייטן קאָאָרדינירטן טייל). דעריבער האָב איך זיי פאַרעכנט צו סימעט־רישער קאָאָרדינירונג פון אַקוזאַטיוון. (אַגעוו איז דאָ ניט שייַעך דער קריטערי פון פרעדי־קאַט־מיטשטימונג).

24. 9) סינטאַגמע מיט בייזאַץ — 3 מאָל: שטיל און, ווי גאָרניט ניט געווען, רויִק און טאַמעוואַטע מיט אַ פאָדערשט מאַלפּע־הענטל אין נאָז און אין נעזלע־כער צו קאַליפּען גענומען (אַדווערב און בייזאַץ); מיין ענטפער איז מיין לעבן און וואָס ס׳וועט מיך טרעפן (נאָמינאַטיוו און בייזאַץ); ווייט־ווייט, אַקעגן מיר, און ווו די זון האָט זיך געזעצט, האָט זיך עפּעס אַ קליין און דאָרטיק כייַעלע באַוויזן (פּרעפּאָזיטיוו און בייזאַץ).

25. 19 פאַלן טייל איך אויס אין אַ באַזונדער קאַטעגאָריע קאָאָרדינירונג מיט אַנאָמאַלער קלאַמערונג, ד. ה. מיט אַנאָמאַלער באַציִונג צווישן די איינגעקלאַמערטע און אויסערקלאַמעריקע טיילן. אָט זיינען זיי:

א) איך ניט איר און זי ניט מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט.

פאַנאַנדערגעוויקלט וועט עס הייסן: איך ניט איר קיין וואָרט ניט געזאָגט און זי ניט מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט. אין די צוויי זאַצן זיינען די סוביעקטן[1] — איך און זי, און דאַטיוון — איר און מיר; דער ווערב — אַ שוטפעסער. אַז דער ווערב ווערט אויסגעקלאַמערט, באַקומט זיך, אַז אַ טייל איינגעקלאַמערטס איז סובאָרדינירט צום אויסערקלאַמעריקן, און אַ טייל, אַדעראַבע, סובאָרדינירט צו זיך דעם אויסערקלאַמעריקן ווערב:

(איך נישט איר און זי נישט מיר) קיין וואָרט נישט געזאָגט.

די באַזונדערקייטן פון דער קאָאָרדינירונג ווייזט זיך אָנזעעוודיק אַרויס אין דער סכעמע פון די באַהעפטן[2]:

[1] קיין פערזאָנוואָרט האָב איז דאָ ניטאָ, אָבער ער איז פאַרשפּאָרט דורכן פריערדיקן זייגען (זיי־נען מיר אַ צייט איינס קעגן אַנדערן געזעסן, איך ניט איר...) דעריבער נעם איך זיך די רעכט צו רופן איך און זי סוביעקטן.

[2] וועגן סכעמאַטיזירונג פון באַהעפטן — ז. מיין „יידישע גראַמאַטיק“ ז. 143 א. וו.

דער און (+) דאַרף דאָ שטיין ערגעץ אינמיטן סכעמע און פאַרבינדן די פונקטירלינייעס איך — נישט איר און זי — נישט מיר.

ב) אַ צווייג צו אַ צווייג און אַ שפענדל צו אַ שפענדל צוגעלייגט.

ענלעך צום פריערדיקן, נאָר אין די קלאַמערן זיינען דאָ אַקוזאַטיוון און פּרעפּאָזיטיוון, ניט קיין סוביעקטן. סכעמע:



ג) פלאַם באַ פלאַם און צווייג באַ צווייגעלע האָבן זיך אָנגענומען. ענלעך צום באַהעפט א.

ד) כ׳בין אַלט און באַ גאָרניט געבליבן.

די סכעמאַטיזירונג וועט דאָ קיין באַזונדערהייט ניט אַרויסווייזן (די סכעמאַטיזירונג, ווי זי איז באַשריבן אין „גראַמאַטיק״, איז אַ גאַנץ איבערפלעכלעכער אַנאַליזיר־מיטל). אָבער אַז מיר באַטראַכטן די באַציִונג פונעם אויסערקלאַמעריקן „בין״ צו די איינגעקלאַמערטע „אַלט״ און „געבליבן״, זעען מיר, אַז פאַר אַלט איז בין אַ קאָפּולע און פאַר געבליבן אַ קאָניוגאַטיווער הילפווערב. (מיר דוכט, אַז דער פאַקט גופא פון דער קאָאָרדיני־רונג צווינגט אופנעמען בין לעגאַבע געבליבן אויך קימאַט פאַר א קאָפּולע, ד. ה. געבליבן ווערט דאָ קימאַט אַן אַדווערב, אַסאָציִירט זיך מיט אַן אַדיעקטיוו: כ׳בין אַן אַלטער און באַ גאָרניט געבליבענער. אויב ס׳איז אַזוי, ווערט דאָ אופגעלעבט אַן אַלטע פאָרמע (די פאַרגאַנגענהײַט מיט בין שטאַמט פון דער פאַרבינדונג קאָפּולע+אַדווערב) — אַ דערשיינונג, וואָס קומט פאָר באַ ניסטערן אין אַנדערע פאַלן אויך).

ה) צוגעגאַן איז דער אַלטער נאָכן יעגערס אַוועקגיין צו מיר דעמאָלט, אַ שטילער און בעסאָד מיט זיין הויכער פיגור צו מיר צוגעטראָטן...

איינגעקלאַמערט אַ שטילער און בעסאָד, אויסער קלאַמערן צוגעטראָטן. אָבער בעייס בעסאָד איז סובאָרדינירט צום אויסערקלאַמעריקן צוגעטראָטן, איז אַ שטילער סובאָרדינירט איינצייטיק צו צוגעטראָטן און צו דער אַלטער[1].

2) מאָל קומען פאָר קאָאָרדינירונגען פון אַדיעקטיון מיט טאָפּעלער ציִונג: אומעטיקע און עלנטע פלעגן זיך... די וועגן ציען; פון מאָל צו מאָל, פון איין מאָל צום צווייטן, די זון שוין אַ פאַרגאַנגענערע און אַראָפּגעזעצטערע געפונען. אָבער ווייל דאָ האָבן אין יעדן פאַל בײדע איינגעקלאַמערטע אַדיעקטיון אַ טאָפּעלע ציִונג, האָב איך זיי פאַרעכנט צו נאָרמאַלער קאָאָרדינירונג פון אַדיעקטיון).

ו) אָפּגעקערעוועט האָט זיך דער אַלטער פון מעס פון קוקן, ער אַף פריער און איך נאָך אים.

אַנאַלאָגיש מיטן באַהעפט א. מערניט דער ווערב איז דאָ (אין צווייטן באַהעפט) פאַר־שפּאָרט, ווייל ער קומט־פאָר אין ערשטן. (כ׳האַלט די ציטירטע פראַזע פאַר צווײ באַהעפטן, ווייל ניטאָ קיין גראַמאַטישע פאַרבינדונג צווישן אָפּגעקערעוועט האָט זיך און ער).

ז) שטיל און איינעראַליין בין איך דאַן אונטער אַ בוים געלעגן. אַנאַלאָגיש מיט ה.

[1] וועגן טאָפּעלער ציִונג ז. „יידישע גראַמאַטיק״ ז. 116.

ט) האָבן זיי זיך אַזוי געשפּאַנט דער פון דער זײַט און יענער פון דער צווייטער. דער און יענער — אפּאָזיציעס צו זיי. די סכעמע איז:

י) ווײַט און איינע אַליין פלעג [זי] אַזוי אַף ווײַטע פעלדער פאַרפאַלן ווערן. אַנאַלאָגיש מיט ה.

כ) דעם שטעקן אין האַנט און די טאָרבע אַף פּלייצעס גענומען. אַנאַלאָגיש מיט ב.

ל) זיינען מיר ביידע, דער וועכטער פריער און איך נאָך אים, אַף אַ שוועל פון אַ גרויסן און ליכטיקן כיידער שטיין געבליבן. אַנאַלאָגיש מיט ט.

מ) אַ טיש, וואָס איז אין גרויסן און אין מיטן כיידער געשטאַנען.

גאָר אַ צעבראָכענע קלאַמערונג. איינע פון די איינגעקלאַמערטע סינטאַגמעס, אין גרויסן, איז סובאָרדינירט צום אויסערקלאַמעריקן כיידער, די צווייטע — אין מיטן — סובאָרדינירט צו זיך כיידער.

(אין גרויסן + אין מיטן) כיידער.

סכעמאַטיזירן דאָס פאַרשוועריק איך זיך. ס'דאַרף זיין עפּעס ענלעכס צו אַזאַ סכעמע:



(כ'נעם דאָ אָן אין מיטן פאַר אַ פּרעפּאָזיטיוו, וואָס כיידער איז צו אים אַן אַפּאָ־זיציע, ווי אין עק שטאָט א. ד. גל. („גראַמאַטיק" ז. 125). ווען ניט די קאָאָרדינירונג מיט אין גרויסן, וואָלט אין מיטן געווען פּאָשעט אַ פּרעפּאָזיציע, אָבער קאָאָרדינירונג איז, ווייזט אויס, מעסוגל ווי ווײַט מעגלעך אויסצוגלייכן די קאָאָרדינירטע טיילן. קאָאָרדינירונג פון אדיעקטיוו מיט פּרעפּאָזיציע איז נאָך ווייניקער מעגלעך, ווי קאָאָרדינירונג פון סובאָר־דינירטן צו עפּעס מיט סובאָרדינירקן צו עפּעס).

נ) מיט קאָפּ אין וואָלקן און מיט פיס אין אָפּגרונט אָנגעשפּאַרט. אַנאַ־לאָגיש מיט ב.

ס) אַף די ווײַטע און אַף די האָריזאָנט־ליגנדיקע בערג געקוקט.

די פּרעפּאָזיציע ציט זיך ניט צום אדיעקטיוו, נאָר צום סובסטאַנטיוו, און דאָ איז זי איינגעקלאַמערט צוזאַמען מיטן אַדיעקטיוו. באַקומט זיך אַ געבראָכענע קלאַמערונג. סכעמאַ־

טיש אַרויסוויזן קען מען עס, אויב מ׳זאָל אין דער סכעמע שרייבן די פּראָפּאָזיציע באַ־זונדער (ניט, ווי געוויינלעך, מיטן סובסטאַנטיוו):



ע) מיט די אויגן צו דער ערד און מיטן האַלדז־און־נאַקן צום הימל אויסגעדרייט. אַנאַלאָגיש מיט ב.

פּ) האָט אין הימל אַ ווייט און פּיצל שטערנדל געפינטלט.

אַנאַלאָגיש מיט מ. ווייט איז סובאָרדינירט צו שטערנדל, און שטערנדל איז סובאָרדינירט צו פּיצל. די סכעמע דאַרף זיין עפּעס אַזאַ:



פּ, צ) אופגעהויבן און אופגעזעצט האָב זיך אַף מיין אָרט און פון געלעגער דעמאָלט.

אויב אָנעמען, אַז דאָס באַטייט: אופגעהויבן פון געלעגער און אופגעזעצט אף מיין אָרט, באַשטייט דאָ די באַזונדערקייט אין דעם, וואָס באַ צוויי אונ׳ען איז דאָ נאָר איין אויסקלאַמערונג (מער ניט מיט אַן אומנאָרמאַלן ווערטער־סיידער). די סכעמע איז (אויב באַצייכענען קאָאָרדינירונג מיט אַ פּלוס):



אויב די פריערדיקע סכעמעס (א, ב, ל) האָבן אויסגעוויזן צו קאָמפּליצירט, ווייזט־אויס אָט די צו איינפאַך פאַר צוויי „פּלוסן".

ק) אויסגעוואָרט האָבן מיר זיך אַזוי, איך פון דער זייט און יענער פון זיינער. אַנאַלאָגיש מיט ט.

26. קאָאָרדינירונג צווייטע גראַד (רייען־רייען) האָב איך, ביכלאַל, ניט אויסגעטיילט; איניקע זיינען דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע רובריקעס (סימעטרישע און ניט-סימעטרישע). נאָר 2 רייען־רייען, וואָס קענען ניט איינגעשלאָסן ווערן אין אַנדערע רובריקעס, ברענג איך דאָ:

אַזוי און נישט געגלויבט און אַזוי און מוירע־האָבנדיק. יעדע ערשטע ריי איז אַן אַסימעטרישע (אינוואַריאַנט מיט אדווערב), די רייען־ריי — אַ סימעטרישע.

אַזוי און שווייגנדיק, און אַזוי און מענוכעדיק.
דאָסזעלבע.

זַגעוו: באַ ניסטערן איז אַן אָפטע דערשיינונג בינדוואָרטלאָזיקע רייען־ריי, צ. ב. אָונטיק און פאַרטראַכט, צוגעבויגן און אַלטלעך. דאָ דינען די בינדווערטער און צו בילדן צווי ערשטע רייען, און די רייען ווערן קאָאָרדינירט אין אַ רייען־ריי אָן אַ בינדוואָרט, מיט בלויזער אינטאָנאַציע. אָבער דאָס גייט אַרויס פון די רעמלעך פון דער טעמע.

27. אין אַ באַזונדער קלאַס דאַרף מען אויסטיילן און אין אַן אָנהייב פראַזע (נאָך אַן אָפשטעל אָדער אין אָנהייב רייד). צי קען מען זאָגן, אַז אין אַזאַ פאַל דינט און צו קאָאָרדינירן? אויב יאָ — איז וואָס קאָאָרדינירט ער? צי דאַפקע די פראַזע מיט דער פריערדיקער פראַזע? צי עפשער אַ גאַנצן „אָפזאַץ” (אַ גרופע פראַזעס) מיט אַן אָפזאַץ? צי עפשער דאַרף מען דאָ איינזען ניט קאָאָרדינירונג (צי „ניט אַזוי קאָאָרדינירונג”), נאָר עפּעס אַן אַנדער פונקציע? די פראַגעס לאָז איך דערווייל אָפן.

און נאָך אַ פויזע קומט־פאָר 153 מאָל, פון זיי 107 מאָל אין אַווטאָרס רייד און 46 מאָל אין רעפליקעס פון די פערסאָנאַזשן.

ביישפ.: און צום דריטן מאָל האָט די באַבע גערופן... (פריער איז אַ פונקט).

און אויסגעדרייט האָט זיך באַלד צו מיין געלעגער דער אַלטער... דאָ איז נאָכן און אַ פאַר־טיציפ; אַזאַ וועדטערסיידער קומט־פאָר 45 מאָל (פון די 107 פאַלן מיט און אין אַווטאָרס רייד).

און וואָס געבראַכט פון ווינט?; דאָ איז נאָכן און אַ פרעג־פראָנאָם; אַזאַ ווערטער־סיידער קומט־פאָר 27 מאָל (פון די 46 פאַלן מיט און אין אָנהייב רעפליקע).

אין עטלעכע פאַלן איז פאַרן און אַ פילפונקט, וואָס דינט פאַר אַן אָפשטעל (פראַזע־שלוס). אין 2 פאַלן האָב איך און נאָך אַ צווייפונקט באַטראַכט אַלס און אין פראַזע־אָנהייב (און הער מיך אויס: און לערן אים...; און זע און הער: און קער זיך אום...; איך מיין, ווען דאָ וואָלט זיין קאָאָרדינירונג פון זאַצן, וואָלט קיין צווייפונקט ניט געווען). אין 3 פאַלן האָב איך און נאָך אַ קאָמע אָנגענומען פאַר און אין פראַזע־אָנהייב:

— שוין גרייט,—און די באָבע האָט דעם אַלטן אַף דער שיסל און אַפן טיש אָנגעוויזן (עפ־שער פאָשעט אַ דרוק־פעלער? יעדנפאַלס לייגט זיך דאָ ניט אַפן סייכל קיין קאָמע־אינטאָנאַציע);

— גיי געזונט, גייער,—און מיר האָבן זיך צעשיידט (דאָסזעלביקע);

— הער מיך אויס,—און די קוקו האָט אָנגעהויבן... (דאָסזעלביקע).

28. אַ רעזומע — אין טאַבעלע 2.

טאַבעלע 2.

פערספעקטיווישע קאָאָרדינירונג	—	—	1017
זאַצן	—	68	—
האַלב־אָפענע באַהעפטן	—	3	—
סינטאַגמעס (און פעסטע גרופעס)	—	937	—
סימעטרישע קאָאָרדינירונג	747	—	—
אַסימעטרישע קאָאָרדינירונג	165	—	—
אַנאָמאַלע קלאַמערונג	19	—	—
סימעטריש־אַסימעטרישע רייען־ריי	2	—	—
קאָאָרדינירונג אין גרענעץ פון וואָרט	—	9	—
ניט פערספעקטיווישע קאָאָרדינירונג	—	—	60
„און” אין אָנהייב פראַזע	—	—	153
			1226

29. מיר זעען, אַז דער גרעסטער טייל „און׳ען״ ווערט באַנוצט פולשטענדיק נאָרמאַל (סימעטרישע קאָאָרדינירונג פון סינטאַגמעס, זאַצן א. א. וו. — העכער 2/3 פון דער גאַנצער צאָל). דאָס איז פאַרשטאַנדיק: גענוג, באַ 1/3 און׳ען זאָלן באַנוצט ווערן אַנאָמאַל, ס׳זאָל זיך שוין לאָזן שטאַרק פילן.

פון די אַנאָמאַליעס זיינען די אָפטסטע, ווי מיר זעען, פאַרשטערונג פון סימעטריע און „און״ אין אָנהייב פראַזע. ווייניקער קומט פאַרשטערונג פון פערספעקטיוו (דערביי קומט קיין איין מאָל ניט פאָר די געשמאַקלאָזיקע קאָאָרדינירונג פון אַ וואָרט מיט אַ וואָרט-טייל, פונעם טיפ „פאַרטייִשע און קאָמיוג־קעמערלעך״, וואָס איז אַזוי פאַרשפרייט אין דער צייטונג־שפּראַך). נאָך זעלטענער קומט קאָאָרדינירונג מיט קאָמפּליצירטע באַציִונג צווישן די איינגעקלאַמערטע און די אויסערקלאַמעריקע ווערטער.

30. דידאָזיקע דערלערנונג איז אַבסאָלוט ניט גענוג. נאָך שטאַנדפּונקטן פאָדערן אָנגעווענדט צו ווערן. אָט צ. ב. דער באַנוץ פון קאָאָרדינירונג (און) אַנשטאָט סובאָרדינירונג. ניט נאָר צווישן אַסימעטרישע קאָאָרדינירונגען (שטיל און זיך אָנגעקוקט; די גאַנצע צייט און בעשאַס־מיַיסע, אַף דער ערד, וואָס באַ מיין געלעגער געקוקט), נאָר אַפילע צווישן סימעטרישע (שטיל און כליפּענדיק בין איך באַ אים, און גערדריקט פון אים, אין זיינע הענט אַזוי געלעגן), — טרעפן מיר פאַלן, ווען די קאָאָרדינירטע ווערטער וואָלטן אייגנטלעך געזאָלט זיין סובאָרדינירט איינער צום אַנדערן: שטיל זיך אָנגעקוקט; די גאַנצע צייט בעשאַס־מיַיסע... געקוקט; שטיל כליפּענדיק בין איך... ס׳איז אָבער אָפט שווער צו דערווייזן (אָביעקטיוו), אַז די קאָאָרדינירונג פאַרבייט סובאָרדינירונג.

31. ס׳וואָלט, ווייטער, קעדיַי געווען איינצוטיילן די קאָאָרדינירונגען פון סינטאַגמעס אַף צוויי קלאַסן: קאָאָרדינירונג פון סינאָנימען (צ. ב. שטיל און שווייגנדיק) און פון ניט־סינאָנימען (צ. ב. שטיל און וואַרטנדיק). מע וואָלט געדאַרפט באַזונדער אויסטיילן קאָאָרדינירונג פון איין און דעמזעלביקן וואָרט, צ. ב. איך וועל קלאַפּן און קלאַפּן, און די מער פאַרשפּרייטע דערשיינונג־קאָאָרדינירונג, ווו דער צווייטער טייל כאַזערט איבער דעם ערשטן, נאָר מיט אַ צוגאָב: גראָבן און אונטערגראָבן; צייט און צייטן; טעג און גאַנצע טעג; צו מיר און אַף סטעפּ צו מיר; לאַנג און זייער לאַנג.

32. אין מעשעך פון מיין אַרבעט האָבן זיך נאָר אָנגעמערקט אַסאַך קלענערע, ספּעציעלע פראַגעס צו ניסטערס סטיל, צ. ב. די פאַרטיילונג פון דאַטיוון־קאָאָרדינירונג און פּרעפּאָזיטיוון־קאָאָרדינירונג, אַנדערש גערעדט: די איבערכאַזערונג פון דער פּרעפּאָזיציע באַם צווייטן קאָאָרדינירטן סובסטאַנטיוו. פאַראַן: פון איר אָרט און לאַנגן אָוונט־זיצן, אָן איבערגעכאַזערטער פּרעפּאָזיציע, און פאַראַן: פון שטאַמען און פון גראָזן, מיט איבערגעכאַזערטן פון. ווי ס׳איז צו זען פון טאַבעלע 1, קומט־פאָר די איבערכאַזערונג אַ צוויי דריי מאָל אָפטער ווי די פאַרשפּאָרונג. באַ איינצלנע פּרעפּאָזיציעס איז דער אונטערשייד נאָך גרעסער: אין קומט־פאָר 13 מאָל איבערגעכאַזערט און 1 מאָל פאַרשפּאָרט. אָן וואָס ווענדט זיך דער אויסוואַל צווישן די צוויי מעגלעכע קאָנסטרוקציעס? עפּשער אָן ריטם, אייפאָניע, עפּשער אָן סינטאַקסישן בוי אָדער סעמאַנטישער זייט.

אָדער אַזאַ פאַקט: באַ קאָאָרדינירונג פון אַדווערבן איז אָפט איינער פון זיי אַ פאַרטיציפּ: שוואַך און צוגעשלאָגן, אָוונטיק און פאַרטראַכט, צוגעבויגן און אַלטלעך, מיד און אָפּגעשוואַכט. אַמאָל באַנוצט ניסטער אַזאַ פאַרטיציפּ, וואָס געווינלעך קומט ער אַלס אַדווערב ניט פאָר: שטיל און געשלאָפן (= שטיל און שלאָפנדיק) [1].

1 דער טעקסט איז אַזאַ: דערזען האָב איך, ווי שטיל און געשלאָפן, איינגענאָרעט און פון אויבערקלייד דאָס פּאָנים נישט אַרויסגעזען, איז אַ נאַכט-וועכטער באַ דער ראַנד פון הייל אַף אַ שטיין געזעסן... איך מיין, אַז מע קען דאָ ניט האַלטן געשלאָפן פאַר קיין קאָניוגאַטיוון פאַרטיציפּ.

צי אַפילו דער פּאַרגלייך פון די ציפערן: 35 קאָאָרדינירונגען פון אַדיעקטיוון און 155 קאָאָרדינירונגען פון אַדווערבן. דאָס פירט צום געדאַנק, אַז באַ ניסטערן מוז ביכלאל (ניט נאָר באַ קאָאָרדינירונג) זיין מער אַדווערבן ווי אַדיעקטיוון. אויב דאָס זאָל באַשטעטיקט ווערן (דאָס דאַרף מען אויסציילן), הייסט עס, אַז ער האָט ליב מער כאַראַקטעריזירן אַ טוּונג, איידער אַ פּערזאָן אָדער אַ זאַך. צ. ב.: אָוונטיק און פּאַרטראַכט, צוגעבויגן און אַלטלעך האָט די באָבע דאַן אַ צווייג צו אַ צווייג און אַ שפּענדל צו אַ שפּענדל צוגעלייגט. דעם אַטריבוט אַלטלעך וואָלט מען געקענט אָפּטראָגן ניט דאַפקע צו דער טוּונג (צוגעלייגט), נאָר צום סוביעקט (באָבע). קליין און פּאַרלאָזט, אַלט און טויבלעך איז פון אויבן אַ כורווע־שטיבעלע געשטאַנען. קליין, אַלט און אַפילו פּאַרלאָזט און טויבלעך זיינען גיכער אַטריבוטן פונעם שטיבעלע, איידער פון זיין שטיין. איבערוקנדיק די אַטריבוטן פונעם טוער צו דער טוּונג, דערגרייכט ניסטער אַ געוויסן עפעקט, וועלכן מע דאַרף ערשט פאָרמולירן (עפשער וואַקלדיקייט, ניט־פעסטקייט, אַזוי צו זאָגן קאָנטור־לאָזיקייט פון די כאַראַקטעריסטיקעס?).

33. ווו־ניט־ווו האָב איך געגעבן אָנמערקונגען וועגן ווערטער־סיידער, צ. ב. נאָך און אין אָנהייב פראַזע קומט אָפּט דער פּאַרטיציפּ אָדער, אין אַ פראַגע, דער פרעגוואָרט. אָט דעם מאָמענט — ווערטערסיידער — וואָלט אויך קעדיי געווען דערלערנען ספּעציעל און אויספירלעכער.

34. די ריטמישע און די אייפאָנישע זייט פון די קאָאָרדינירונגען, צ. ב. די לענג (צאָל טראַפן), צאָל אַקצענטן פון ביידע קאָאָרדינירטע טיילן — אויך אַ פראַגע, וואָס ציט אופמערקזאַמקייט. אַליטעראַציעס באַ קאָאָרדינירונגען קומען, דוכט זיך, זעלטן פּאָר (געזעצט און געזעטיקט; לאַנד און לאַנג).

35. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דערלערנונג פון ניסטערס און דאַרף זיך ניט באַגרענעצן מיט איין ווערק זיינעם. אַנדערע ווערק קענען אַרויסווייזן נייע טיפּן קאָאָרדינירונגען.

36. לעסאָף, וועגנדיק זיך גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג: מע וואָלט געדאַרפט דערלערנען דעם געגעזיס פון ניסטערס אייגנאַרטיקן און, די שפּראַכלעכע (סטיליסטישע) ווירקונגען. אייניקע אַנאַלאָגיעס בעטן זיך אַליין (און אין אָנהייב פראַזע — אין געוויסע העברעיִשע סטילן; מעגלעך, אַז אויך ניט־סימעטרישע און ניט־פּערספּעקטיווישע קאָאָרדינירונגען האָבן זייער מאָקער אין העברעיִש). מע דאַרף אָבער דורכפירן און דורכקריטיקירן די אַנאַלאָגיעס סיסטעמאַטיש.

כאַרקאָוו, יולי 1927.

נ. שטיף

נייע מאַטעריאַלן צו אליהו הלוי׳ס המבדיל-ליד

I. אַריינפיר

פריער אַ פּאָר באַמערקונגען צום אַריינפיר:

בעיס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין „צייטשריפט" № 1 דעם „המבדיל", האָב איך ניט געוווּסט, אַז כוץ דער באָדלעיאַנער האַנטשריפט (פאַרקירצט: B) פון דעם ליד (וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט), איז פאַראַן אַ צווייטע האַנטשריפט אין דער ביבליאָטעק פון Trinity College אין קעמברידזש (פאַרקירצט: C): דידאָזיקע ביבליאָטעק האָט ניט געהאַט קיין געדרוקטן קאַטאַלאָג פון אירע העברעיִשע האַנטשריפטן.

האַרבסט 1926 האָט מיר ד״ר ווײַנרײַך (ווילנע) צו ווּיסן געגעבן וועגן C· מאַקס עריקן האָב איך צו פאַרדאַנקען די צוגעשיקטע אָפּשריפט פון די ערשטע 26 סטראָפעס; שפּעטער האָב איך געקראָגן אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון גאַנץ C.

דעם פאַרגלײַך פון די צוויי וואַריאַנטן מאַך איך אין דעם „אַריינפיר" אין דעם קאַפּיטל „דער טעקסט, וואַריאַנטן".

דאָ וויל איך בלויז זאָגן וועגן דעם „אַריינפיר" גופא: פון ליטעראַריש־טעכנישע צוועקן וועגן שרייב איך דעם „אַריינפיר" אַזוי, פּונקט ווי דעם לייענער וואָלט שוין געווען באַקאַנט דער טעקסט C. דאָס נייטיקסטע, וואָס מע באַדאַרף האָבן צו קריגן אַ באַגריף וועגן C, גיב איך אין דער ביילאַגע: די סטראָפעס, וואָס זיי פעלן אין B, אָדער זיינען גרינטלעך אַנדערש ווי אין B. קלענערע וואָרט־וואַריאַנטן מוז איך איצט לאָזן פאַלן (איך וועל דאָס באַזאָרגן מיט דער צייט באַ אַ ספּעציעלער אויס־גאַבע). דאָס, וואָס מע וואָלט געקאָנט טון זייער לייכט, קלאָר פאַרן אויג, אין אַ מינימום פּלאַץ אין אַ קריטישן אַפּאַראַט צו B, ווען איך זאָל געווען האָבן ביידע רעצענזיעס מיט־אַמאָל, דאָס וואָלט איצט, ווען B איז שוין געדרוקט, אָנגעקומען אַסאַך שווערער פאַר מיר און פאַר דעם לייענער. איצט איבערדרוקן ווידער C גאַנצערהייט איז ניט קעדײַ.

אין די באַמערקונגען צום ליד־טעקסט (B) האָב איך געזאָגט האַשאָרעס, געבעסערט דעם טעקסט. מיט C אין האַנט לאָזט זיך זאָגן, וואָס דערפון איז ריכטיק און וואָס ניט. דאָס טו איך אין אַ באַמערקונג[1]. דאָ וויל איך זאָגן דאָס וויכטיקסטע: ס׳איז ריכטיק מיין האַשאָרע, אַז „המבדיל" האָט געמוזט האָבן 75 סטראָפעס, מעמיילע פעלן אין B 20 סטראָפעס (באַמערקונג 6 צו סטראָפע 52). דידאָזיקע 20 סטראָפעס האָבן זיך געפונען אין C. גענויער וועגן דעם — אין „אַריינפיר"; זע אויך די „פראַגמענטן".

מאַכמעס דער אויסלייג־סיסטעם, וואָס איז אָנגענומען פאַר דער „צייטשריפט" (דער צייכן „יִ" פאַר i), מאַכמעס מאַנגל אין איינִיקע צייכנס („י" א. אַז. וו.), צומטייל מאַכמעס

פאַרזען אין דער קאָרעקטור (איך האָב די קאָרעקטור ניט געזען),— איז B אַרויס מיט אַסאַך גרייזן. די פאַרבעסערונגען וועט דער לייענער געפינען אין „צייטשריפט" № 2. מע דאַרף זיי שטאַרק אין זינען האָבן צו פאַרשטיין ריכטיק סיי דעם טעקסט B, סיי דאָס, וואָס איך זאָג דאָ ווייטער וועגן דעם אין אייניקע שטעלן אין „אַריינפיר".

דער טעקסט, וואַריאַנטן.

דאָס המבדיל־ליד געפינט זיך אין צוויי וואַריאַנטן: 1) אין דער באָדלעיאַנער זאַמל־האַנטשריפט № 1217 (לויט קאַטאַלאָג נייבויער) פּאָליאָ a203—b206, וואָס איז געשריבן דאָס יאָר 1553.

וועגן דער טעכנישער אויסשטאַטונג פון דעם מאַנוסקריפּט האָב איך שוין דערמאַנט אין מיין אַרטיקל „אַ געשריבענע יידישע ביבליאָטעק" א. אַז. וו. („צייטשריפט" I, ז. 142 א. וו.).

2) אַ צווייטער וואַריאַנט געפינט זיך אין אַ זאַמלהאַנטשריפט אין דער ביבליאָטעק פון Trinity College אין קעמברידזש. דער מאַנוסקריפט האָט אַף זיך דעם ביבליאָטעק־שיפר (C) Add. Ms. 136, האָט 31 בלאַט אין 4⁰. „המבדיל" פאַרנעמט דאָ די פּאָליאָס a4 —b9. מיר איז באַקאַנט פון דעם מאַנוסקריפט די פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון „המבדיל" און פון א צווייט ליד אליהו הלוי׳ס מיט דער אופשריפט „צור משלו אכלנו" א. אַז. וו. (פּאָליאָ a2 —b3),— אַ וואַריאַנט פון דעם ליד: „אויף די שרפה בון ווינידיג", וואָס געפינט זיך אין דער פריער־דערמאָנטער באָדלעיאַנער זאַמלהאַנטשריפט, אויך פּאָליאָ a258 —b261 (באַ מיר אין דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש № 20). קיין שום יעדיעס וועגן דעם אָפשרייבער, וועגן דער דאַטע, וועגן דעם אָרט זיינען ניט פאַראַן.

איך קאָן נאָר מעשאַער זיין, לויט דעם אויסלייג (זע ווייטער), אַז דער שרייבער־קאָפּיסט איז געווען אַ דייטשישער ייד, אָדער אַז געשריבן איז דאָס געווען אין דייטש־לאַנד.

B האָט 55 סטראָפעס, C—68½. איןביידע איז ניטאָ דער גאַנצער אורטעקסט; ס׳פעלט. אין C איז דאָס קלאָר: די סטראָפע LXIX (= B XLVII +) האַקט זיך איבער אַף דעם דריטן פערז באַ די ווערטער „הב דיר דז" גאָר סאָף בלאַט b9 ; ס׳איז איבערגעטראָגן (ד. ה. צוגעשריבן פון אונטן, אויסער דעם טעקסט) פאַר דער נאָענסטער בלאַט דאָס וואָרט „איש". אָבער 10 הייבט זיך אָן מיט אַ מיט פון עפעס אַ פראָזאַישער מײַסע. ניקער, אַז אַ בלאַט פונעם מאַנוסקריפט איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

ס׳איז אָבער ניט שווער צו ווייזן, אַז אין B פעלט אויך, כאָטש לויט דעם אינהאַלט נאָך פילט מען דאָס ניט, די לאָגישע קייט איז אין ערגעץ ניט איבערגעריסן. אַ קלאָר אָנ־צוהערעניש קריגן מיר אין B LII 3, 4:

„דער ריים דער הוט אזו ויל גזיץ
אַז דו איז בגמטריא לילה".

דאָס הייסט די מעטריק („געזעץ") פון דעם ליד באַטרעפט 75,—(דאָסזעלבע, וואָס דער באַטרעף פון די אויסיעס „לילה").

דידאָזיקע צאָל קאָן דאָ ניט אָנגיין ניט אַף דער צאָל פערזן (4×55=220) און ניט אַף דער צאָל טאַקטן, וואָס איז, נאַטירלעך, נאָך גרעסער. בעכיין מוז דאָ געמיינט זיין די צאָל סטראָפעס. האָבן מיר שוין דאָ דעם ענטפער אויך: דער אורטעקסט פון „המבדיל" האָט גע־מוזט האָבן 75 סטראָפעס. קלאָרער זעען מיר דאָס, ווען מיר פאַרגלייכן די טעקסטן B און C.

די סכעמע אַפן ערשטן קוק, ד. ה. אַקעגנגעשטעלט פּאַראַלעל די אַלציינע סטראָפעס, איז אַזאַ (די קלענערע וואָרט־וואַריאַציעס איגנאָריר איך דאָ):

	B	C
1־טע גרופּע	I	I
	II	ניטאָ
	ניטאָ	II
	III	ניטאָ
	ניטאָ	III
	IV	VI
	ניטאָ	IV
	V	V
2־טע גרופּע	ניטאָ	XXV—VII
3־טע גרופּע	XV—VI	XXXV—XXVI
4־טע גרופּע	ניטאָ	XXXVII—XXXVI
5־טע גרופּע	XLVI—XVI	LXVIII—XXXVIII
6־טע גרופּע	XLVII 2,1+½ פון 3	LXIX 2,1+½ פון 3.

דאָס הייסט אַזוי:

1) אין דער ערשטער גרופּע האָבן מיר 5 סטראָפעס B און 6 סטראָפעס C. דערפון גלייכן זיך 3 סטראָפעס (B I, IV, V = C I, VI, V).
B II און B III האָבן ניט זייער גלייכן אין C. C II, C III און C IV האָבן ניט זייער גלייכן אין B.

2) אין דער צווייטער גרופּע, ד. ה. לויט דעם אינהאַלט נאָך צווישן B V און B VI גייט אין C אַ צאָל 19 סטראָפעס (XXV—VII), וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין B.

3) אין דער דריטער גרופּע גייט אַ צאָל 10 סטראָפעס איינע און דיזעלבע אין B (XV—VI) און אין C (XXXV—XXVI), און אין דעמזעלבן לאָגיש־אינהאַלטלעכן סיידער אין ביידע, סטראָפע קעגן סטראָפע.

4) די פערטע גרופּע ווייזט אונדז ווידער אַן איבערייס אין פּאַראַלעליזם: C האָט צוויי סטראָפעס (XXXVII—XXXVI), וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין B. (לויט דעם אינ־האַלט נאָך—שטייען זיי צווישן B XV און B XVI).

5) ווידער אַ גלאַטער פּאַראַלעליזם: 31 סטראָפעס B (XLVI—XVI) זיינען דאָסזעלבע, וואָס 31 סטראָפעס C LXVIII—XXXVIII און אין דעמזעלבן סיידער. סטראָפע קעגן סטראָפע.

6) וועגן דער זעקסטער גרופּע דאַרף געזאָגט ווערן דאָסזעלבע, וואָס וועגן דער 5־ער: דאָס ביסל, $2\frac{1}{2}$ פערזן, וואָס איז געבליבן פון C LXIX איז דאָסזעלבע, וואָס די $2\frac{1}{2}$ פערזן אין B XLVII. ווייטער פעלט אין מאַנוסקריפּט C א בלאַט (זע פריער ז. 149). פון איינפאַכקייט וועגן וועלן מיר ווייטער די גרופּע ניט נעמען אין באַטראַכט.

ווען מיר זאָלן אָנעמען, אַז איז C גייט ווייטער קעשורע דאַסזעלבע, וואָס אין B, וואָלטן מיר געהאַט אַזאַ בילד:

א) B האָט 55 סטראָפעס; C—77 (68 + 9, וואָס פעלן אַקעגן B, ווייל ס'פעלט אַ בלאַט).

ב) B און C האָבן אַלציינע 3+10+31=44 סטראָפעס.

ג) B האָט 2 סטראָפעס, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין C (זע גרופּע 1).

ד) C האָט 3+19+2=24 סטראָפעס, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין B.

איצט לאָמיר זיך צוקוקן צום אינהאַלט, דערווייל נאָך פון אויבנוף. דאָס קלאָרסטע איז דאָ די גרופּעס 3, 5 (איך פאַררייניק זיי אַלס איין זאַך), און די גרופּע 2.

דאָס גאַנצע ליד איז אַ פּאַסקוויל אַף איינעם הילל. די גרופּעס 3, 5, ד. ה. די 41 סטראָפעס, וואָס גלייכן זיך דאָ און דאָרט, דאָס איז אַ געפּעפּערטע באַשרייבונג פון הילל'ס שלימאַזלדיקע שטיק מיט זיינע דריי ווייבער. אין B איז דאָס דער אייגנטלעכער טאָך פון דעם פּאַסקוויל: די 5 סטראָפעס פריער פאַר זיי און די 9 סטראָפעס נאָך זיי, דאָס איז פּאַקטיש אַ שרייבערש פירוואָרט און אַ נאָכוואָרט.

די 2־טע גרופּע, די 19 מיטעלע סטראָפעס אין C, וואָס B האָט זיי ניט, דאָס איז אַ זייטנשטיק צו הילל'ס כאַראַקטעריסטיק, און האָט מיט דער געשיכטע מיט די דריי ווייבער גאָרניט צו טון (דערפון נעמט זיך, וואָס בעיס מע לייענט B, פילט מען ניט, אַז עפּעס פעלט דאָ). דער אַווטאָר „זאָגט דאָ גאָך אַריין" דעמזעלבן הילל'ן: ער קען קוים די „סדרה", ער פירט זיך שלעכט אוף אין דער שול, ער איז אַן אַמאָרעץ אין דיקדוק, ער איז אַ שלעכטער „מלמד" מיט קינדער, נאַרט, באַגאַנוועט די „בעלי־בתּים", ער איז אַ נויעף, אַ מאָסער, אַ געדונגענער יאָר־איידעס.

די ערשטע גרופּע—דאָס איז אַ פירוואָרט צום ליד, אין B—5 סטראָפעס, אין C—6.

מיר האָבן שוין געזעען, אַז מיר האָבן דאָ צו 3 גלייכע סטראָפעס.

קוקט מען זיך צו צו B III, אַזוי־ווערט קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר אַ וואַריאַנט פון B I: די ערשטע 2 פערזן אין B III כאַזערן איבער אַפילע מיט דיזעלבע ווערטער די כאַראַקטעריסטיק, וואָס דער אַווטאָר גיט הילל'ן אין B I, 2, 3: אַ מיעסער, גראָבער מענטש, ער איז וואָס אין דער קאָרט („בובריי"). דאָסזעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן C IV און C V (זע ביילאַגע). C IV איז אַ פאַרברייטערטער וואַריאַנט פון C V 1, 2 (=B 1,2): הילל איז אַ פרעסער (C V, 1); הילל איז אַ פרעסער, זיין מויל רוט אים ניט, און אין פרעסעריי פאַרטוט ער זיין גאַנץ גוטס (C IV).

B II האָט אין זיך עפּעס ענלעכס צו C II: איןביידע דעקט דער אַווטאָר אוף די סיבע פון זיין באַרויגעז אַף הילל'ן; ס'קומט אויס, אַז דער אַווטאָר צאָלט אָפּ הילל'ן פאַר יענעמס אָנפאַל אַף אים. B II רעדט דערפון סטאַם: הילל האָט זיך אַף אים אָנגעזעצט [„גזעצט"]. C II דערציילט אַ קאָנקרעטן פאַקט: הילל האָט ווידער געמאַכט אַף אים אַ „גראַם" [„ריים"; אַ פּאַסקוויל־ליד]. אין B XLVIII רעדט זיך אויך וועגן דעם, אַז הילל מאַכט גראַמען אַף דעם אַווטאָר. מע דאַרף דעריבער רעכענען, אַז אין אור־טעקסט זיינען געשטאַנען ביידע סטראָפעס, מעמיילע פעלט (אַקעגן אורטעקסט) אין B די סטראָפע C II, און אין C די סטראָפע B II.

די נאָענטקייט פון ביידע סטראָפעס דערקלערט אונדז שוין צומטייל, פאַרוואָס מע האָט געקאָנט נעמען בלויז איינע פון זיי.

C III האָט אויך אַ קאָנקרעטן אינהאַלט, און ער כאַזערט זיך נישט איבער ערגעץ אַנדערש ווו: דער אַווטאָר דערציילט, אַז ער האָט שוין איינמאָל געמאַכט אַ „גראַם" אַף הילל'ן בעיס דער מייַסע מיט דער „שרפה". וואָס איז דאָס פאַר אַ „גראַם" און וואָס פאַר אַ „שרפה",—דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. דערווייל איז מיר גענוג פעסטצושטעלן, אַז דאָ האָבן מיר אינהאַלטלעך אַ נייַס. די סטראָפע האָט דעריבער געקאָנט זיין אין אור־טעקסט, מעמיילע פעלט זי אין B.

אין דער פערטער גרופּע האָבן מיר צוויי סטראָפעס אין C, וואָס האָבן קיין גלייכן ניט אין B. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיי פעלן: ס׳איז אין זיי קימאַט קיין שום נייס ניטאָ.

C XXXVI כאַזערט איבער בעעצעם, בלויז מיט אַנדערע ווערטער, דאָסזעלבע, וואָס C XXXV: הילל׳ס צווייט ווייב איז געבליבן אין גרויס נויט. נײַ קאָן מען דאָ רעכענען בלויז דעם ערשטן פערז באַ דער 36-טער סטראָפע: זי איז געפאָרן צו איר מוטער קיין „ווײדן". C XXXVII האָט אַפילע אַזאַ נייס אויך נישט: ס׳איז אַ גראָבער וויץ אַף דער־דאָזיקער פרוי: זי איז געפאָרן, אַריינגעפאַלן אין קויט און „דער טחת" האָט זיך באַ איר אופגעדעקט.

אינטערעסאַנט אזוינע פּראָטים: דער גראָבער כויזעק שטימט לאַכלוטן ניט מיט דעם טאָן אין די פריערדיקע צוויי פערזן און אין אַ שפעטערדיקן, ווו דער אַווטאָר רעדט פון דער פרוי (ווי ביכלאַל פון הילל׳ס ווייבער אין גאָרן ליד) מיט מיטלייד, ווי פון הילל׳ס אַ קאָרבן; דער כויזעק איז דאָ גאָרנישט מאָטיווירט. C XXXVI לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט קיין געלט נישט צו פאָרן קיין „פּורטיגווער". באַלד דערוף הייבט זיך אָן C XXXVII: זי איז יאָ געפאָרן און איז אריין אין קויט. דאָס אַרומפאָרן: 1) קיין „ווײדן", 2) קיין „פּור־טיגווער" (C XXXVI), 3) קיין „פאַרער" (C XXXVIII) איז דאָ נישט מאָטיווירט, ס׳ברענגט קיין זאַך נישט מיט אין ליד. מאָטיווירט איז בלויז דאָס לעצטע פאָרן: אינדערהיים באַם פאָטער אין „פּאַרער" שטאַרבט זי; הילל זיצט קוים אויס „שבעה"; אין „שלושים" זוכט ער שוין אַ דריט ווייב (דאָס איז פאַראַן אין B XV און XVI אויך).

C XXXVI האָט ניט אין דעם פערטן פערז דעם געוויינטלעכן רעפרען, וואָס לאָזט זיך שטענדיק אויס מיט דעם וואָרט „לילה". אַקעגן דער געוויינלעך־געגראַמטער סטראָפע אין דער ליד: a a a + אַ ניטגעגראַמטער רעפרען, האָבן מיר דאָ a a + צוויי ניט געגראַמטע פערזן.

C XXXVII האָט a b b + רעפרען, אָדער a b c (ס׳איז געווענדט אין דעם, צי זאָל מען רעכע־נען, „אז העט מן איר אין דריין גישטעקט כל הלילה" פאַר פערז 3 + רעפרען (כל הלילה), אָדער בלויז פאַר פערז 3. קורץ, מיר האָבן דאָ צוויי מעטריש־דעפעקטע סטראָפעס, די איינציקע צוויי אַזוינע אין גאַנץ C, וואָס איז אין דעם פראַט פארשריבן זייער קאָרעקט.

איך זאָג דעריבער: זיי געהערן נישט צום אורטעקסט, ס׳איז אַן אייגענער אופטו פון דעם „זינגער" (דערפון שפעטער); צום אינהאַלט B פעלן זיי נישט[2].

איצט וועט אונדזער סכעמע אויסזעען אַזוי (אַלס יעסאָד נעם איך אָן דעם אויסקאָמ־בינירטן אורטעקסט):

אורטעקסט	B	C
I	(III +) I	I
II	II	פעלט
III	פעלט	II
IV	פעלט	III
V	V	(IV +) V
VI	IV	VI
XXV — VII	פעלן	XXV — VII
XXXV — XVI	XV — VI	XXXV — XXVI
ניטאָ	ניטאָ	XXXVII—XXXVI (איבעריקע)
LXVI — XXXVI	XLVI — XVI	LXVIII—XXXVIII
LXXV — LXVII	LV — XLVII	פעלט אַ בלאַט

דער קאָמבינירטער אורטעקסט האָט באַ מיר 75 סטראָפעס; דערפון 1) 44, וואָס געפינען זיך סיי אין B סיי אין C (3 פון אַריינפיר, 41 וועגן דער מייַסע מיט הילל'ס דריי ווייבער); 2) 10 פון B, וואָס זיינען אין C ניט פאַראַן (B II, וואָס פעלט אין C אין אריינפיר, 9 פון אויסלאָז, וואָס אין C פעלט דערפאַר אַ בלאַט); 3) 21 פון C, וואָס פעלן אין B (2 פון אַריינפיר, 19 וועגן פאַרשידענע הילל'ס כעסרוינעס). אויסער דעם קאָמבינירטן אורטעקס בלייבן באַ מיר 4 סטראָפעס: 1 סטראָפע פון B (III), 3 סטראָפעס פון C: IV, XXXVI און XXXVII). ס'איז ענטפער וואַריאַנטן אַף פאַראַנענע סטראָפעס, אָדער נייע אופטוען,—ביידע זאַכן אַריינגעשטעלט פון די זינגערס, איבערשרייבער.

קעדיי זיך קלאָר צו מאַכן דעם כאַראַקטער פון די צוויי וואַריאַנטן און ווי אזוי זיי האָבן זיך געגומען, מוז איך זיך אומקערן צום אינהאַלט פון „המבדיל". איך וועל דאָ בלויז קורץ דערמאַנען דאָס, וואָס איז שוין וועגן דעם פריער געזאָגט, און צוגעבן, וואָס ס'פעלט נאָך.

„המבדיל" (לויט דעם קאָמבינירטן אורטעקסט) איז אליהו הלוי'ס אַ פאַסקוויל אַף איינעם הילל כהן (דעם צונאָמען „כהן" קאָן מען זעען אין B LIII). הילל איז אַ מיעסער, גראָבער מענטש, וואָס אין דער קאָרט (I), ער האָט זיך אָנגעזעצט אַף דער אַווטאָר (II), געמאַכט אַף אים אַ „גראַם" (אַ ליד) (III), דער אַווטאָר האָט שוין איינמאָל דערציילט אין ליד וועגן הילל'ס מיעסע שטיק באַ דער סרייפע (IV), ער איז אַ פרעסער און לויפט שטילערהייט צום ברודער צום „גלח" (V); ער איז אַ „גוי גמור", וויל ניט דאַוונען (VI). ער קאָן נישט דורכקריכן די „סדרה" (VII), פירט זיך פאַרשייַט אין שול (VIII), קאָן קיין לעק „דקדוק" נישט, ביכלאַל גאָרנישט (IX, X, XI); ער האָט זיך געוואַלגערט אַ פארלייזיקטער אין העקדעש (XII). ער איז אַ „מלמד" און פאַרשטייט ניט ווי און וואָס צו „קנעלן" מיט די קינדער; זיי לערנען בא אים שלעכטע מידעס (XIII—XVI); זיינע באַלעבאַטים באַשווינדלט ער און באַגאַנוועט ער (XVII). באַנאַכט קומט צו אים אַ „נקבה" (XVIII); ער „מענאַכעמענדלט" (ווי מיר וואָלט איצט געזאָגט) פון פאַרנאָסע וועגן, מאַכט אַמאָל שקעטעלעך, אַמאָל קאָרטן, האָט צוטון מיט „גויים" (XIX). ער האָט אַף זיך פראָצעסן אין אַלע געריכטן (XX); ער איז אַ „מוסר", האָט דערמיט אַסאַך שלעכטס געטאָן (ס'ווערן דערמאָנט קאָנקרעטע פאַלן); ער וועט האָבן דערפאַר אַ מיעסן סאָף (XXI—XXIII). ער איז אַ געדונגענער יאָר-איידעס (XXIV—XXV).

איצט גייט די געוויסע מייַסע מיט די דריי ווייבער. הילל איז אַ באַלטייַוועניק אַן אימפּאָטענט.

די ווייבער האָבן באַ אים שלעכטע טעג און נאָך ערגערע נעכט: ער פּייניקט זיי אין בעט, טוט מיעסע אומגעלומפּערטע שטיק צו מאַסקירן זיין אימפּאָטענץ, ער באַנעמט זיי. זיי וואַרפן אים אַלע אַוועק. איינער מוז ער געבן געט; די צווייטע אַנטלויפט צום פאָטער און שטאַרבט פאַר די איבערגעלעבטע צאָרעס. די דריטע אַנטלויפט, ער לויפט איר נאָך מעשוגענערווייז, ס'העלפט אים אָבער נישט און ער מוז זי אָפּגעטן. ער קריכט צו הינט און קעץ, האַלט באַ זיך אַ הון אין בעט; ער פאַרפירט מינדעריעריקע (XXVI—LXVI).

דערנאָך קומט דאָס נאָכוואָרט. הילל, איך האָב דיר באַצאָלט (LXVII). דו וועסט שוין וויסן ווי צו מאַכן גראַמען אַף מיר, אַז דו קענסט נישט (LXVIII). זע דאָס צעטל אַף דער וואַנט (דעם פּאַסקוויל), — דאָס האָב איך געמאַכט (LXIX). איך וועל מאַכן נאָך איינס אַף „לשון־קודש", נאָך גרעסער און שטאַרקער (LXX — LXXI). פון דעם „גראַם" וועסטו קריצן מיט די ציין. די מאָס פון דעם „גראַם" (איצטיקן) איז אַזוי גרויס ווי דאָס וואָרט „לילה" (LXXII). „לילה" באַטרעפט 75 און „הילל" און „כהן" אויך דאָסזעלבע, און הילל האָט דיזעלבע אויסיעס, וואָס „לילה" (LXXIII). און דאָס יאָר, וואָס מיר גייען איצט דערצו, דאָס איז אויך 75 [3]). גאָט זאָל אונדז אויסלייזן פון אונדזער פּיין און פון דעם „גלות"

(LXXIV). וואָרעם ער העלפט אונדז שטענדיק, ער זאָל אונדז איצט אויך אויסלייזן; דאָס בעט אליהו הלוי דער שרייבער (LXXV).

דעם מאָטיוו פון דעם אַוטאָרס פּאַסקוויל־מאַכן אַף הילל'ן האָבן מיר שוין פריער געזעען. ס'איז איינער און דערזעלבער אין ביידע וואַריאַנטן (B ii און C ii): הילל איז דער ערשטער אַף אים אָנגעפאַלן. צום סאָף ליד כאַזערט זיך דער מאָטיוו איבער (B XLVIII). אָבער אין C iii איז געזאָגט, אַז אין דעם ערשטן „גראַם" האָט דער אַוטאָר שוין דערמאָנט הילל'ן, ווי שיין ער האָט זיך אופגעפירט באַ דער סרייפע (אורטעקסט IV). דערדאָזיקער „ערשטער גראַם" איז געמיינט אליהו הלוי'ס ליד „צור משלו אכלנו" (אָדער „אויף די שריפה בון וונידיג איין ליד בניגון צור משלו אכלנו", ווי דאָס הייסט אין דער באָדלעיאַנער האַנטשריפט). דאָס ליד שטייט אין אונדזער קעמברידזשער מאַנוסקריפּט פריער פאַר „המבדיל" (אין באָדלעיאַנער — שפּעטער; בלאַט 258a — 261b) [4]. דאָסדאָזיקע ליד, ווי איך האָב שוין דערמאַנט אין אַן אַנדער אָרט [5], איז זייער ניט קלאָר אין ביידע וואַריאַנטן. ווי ווייט עפּעס לאָזט זיך דאָרט פאַרשטיין, איז דאָ באַשריבן די סרייפע אין ווענעציע (מיסטאמע געמיינט. י' אדר, דעם 14 מאַרט 1509) [6] און די מיעסע אופירונג פון אייניקע יידן דערביי: מע האָט „געשלעפּט", ווער וואָס ס'האָט געקאָנט. דאָ דערמאַנט דער אַוטאָר הילל'ן אויך: מ'האָט אים אויך געכאַפּט באַ דער האַנט. אַ טייל געגאַנוועטס האָט ער אויסבאַהאַלטן; מע האָט דאָס געפונען באַ אים, האָט ער זיך פאַרופן, אַז דאָס האָט אים אליהו בחור'ס ווייב געשיקט. אַזוי ווייט — וואָס מע קאָן פאַרשטיין דערפון אין באדלעיאַנער וואַריאַנט (סטראָפעס 17—19). אין דער סטראָפע 13 אין באָדלעיאַנער וואַריאַנט איז נאָך פאַראַן אַן אָנצוהערעניש, אַז איבער איינעם מענדין איז אליהו געזעסן אין טפיסע (אַ מע־סירע?). ס'איז אָבער ניט קלאָר. אין קעמברידזשער וואַריאַנט, וואָס איז ביכלאַל שטאַרק קירצער, איז דער פּאַסוס מיט הילל'ן דורכגעלאָזט.

יעדנפאַל איז קלאָר, אַז דער קאָנפליקט צווישן אַוטאָר און הילל'ן ציט זיך פון פריער, פון דער ווענעציאַנער סרייפע אָן. אליהו הלוי האָט אים פאַרנעגלט אין זיין פּאַסקוויל („אויף דער שרפה"); הילל האָט אָפגעענטפערט (B ii, C ii). אליהו הלוי האָט אים ווידער „באַצאָלט".

אַ צווייטער מאָטיוו קאָן דאָ געמאָלט זיין פאַר דעם קאָנפליקט — ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ. הילל איז אַ „מלמד", פאַקטיש איז דאָס אליהו הלוי אויך געווען. ער איז שפּעטער געווען אַ העברעיִש־לערער באַ די קאַרדינאַלן, האָט מיסטאמע פריער צוגעקנעלט אין געהויבענע יידישע הייזער אויך [7].

אליהו הלוי'ס פּאַסקוויל איז געווען צ ו ם ז י נ ג ע ן. יידישע „זינגער", מאַרשאַליקעס, אָנשטעלמאַכער דעמלט אין די יידישע קעהילעס אין אויבער־איטאַליע (און אין דייטשלאַנד אויך [8]) האָבן ניט געפעלט; דער אַוטאָר דערמאנט צוויי אַזוינע באַ די נעמען: קוזי מונ־טייאַנה און שמואל זינגער (B XXII; C XLIV). זיטן, ביפראַט אין איטאַליע, זיינען דע־מלט געווען באַ יידן אַנדערע: מע איז געווען אַסאַך וועלטלעכער [9]. זייער פּאָפּולער, אַשטייגער, איז געווען דעמלט אַזאַ „פאַרשייטע" זאַך, ווי דעמזעלבן אליהו הלוי'ס „בבא־בוך" (געשריבן דאָס יאָר 1507), וואָס איז אויך געווען צום זינגען. דער פּאַסקוויל איז געוואָרן זייער פּאָפּולער איבער דעם אַוטאָר, איבער דעם קיצלדיקן אינהאַלט, עפשער אי־בער דעם געטראָפענעם הילל כהן אויך; אין אַ געוויסן ראַיאָן, ווו די פּערסאָנאַזשן זיינען געווען גוט באַקאַנט, איז דאָס געוואָרן אַ פ אָ ל ק ס ־ ל י ד. שוין דאָס, וואָס פון אַזאַ קליי־ניקייט האָבן זיך פאַרהיט ביז אונדזערע טעג צוויי וואַריאַנטן, בעייס מיר ווייסן, אַז פאַר זאַכן געשריבן אַף יידיש האָט מען יענע צייטן קיין גרויס דערעכערעץ נישט געהאַט, און מע האָט זיי ווייניק וואָס געהיט, געזאַמלט; שוין דאָס ווידער, וואָס דער קאָפּיסט קלונימוס (קלמן) פשקרול האָט דעם פּאַסקוויל אַריינגענומען אין זיין זאַמלהאַנטשריפט (באדלעיאַנער

צווישן „הייליקע זאַכן“, — דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, ווי פּאָפּולער דאָס ליד איז געווען. האָט מיט דעם ליד געטראָפן דאָס, וואָס מיט אַסאַך אַנדערע פאָלקס־לידער: זינגער האָבן אַ טייל פאַרגעסן, אַ טייל צוגעלייגט אייגנס, דובלירט, וואַריִירט, יעדער לויט זיין געשמאַק נאָך. איז זעען מיר, ווי דער זינגער פון B דובלירט אין B III די סטראָפּע B I; דער זינ־גער פון C דובלירט אין C IV אַ טייל פון C V (= B V). B לאָזט דורך די סטראָפּע C III: פאַר אים איז גענוג דער מאָטיוו—סטאַם, אַז הילל האָט זיך „אָנגעזעצט“ אַף דעם אַווטאָר. דאָסזעלבע, און נאָך מיט מער לאָגיק טוט C מיט B II: ער גיט אָן דעם מאָטיוו קאָנקרעט, הילל האָט געמאַכט אַ „גראַם“ אַף דעם אַווטאָר. B דערמאָנט נישט, אַז דער אַווטאָר האָט שוין איינמאָל אָנגערירט הילל׳ן. עפּשער האָט ער דאָס „שרפה“־ליד ניט געהערט, נישט געקענט; יעדנפאַל צום ווייטערדיקן אינהאַלט פעלט דאָס אים ניט, און קיין היסטאָריקער איז ער נישט. דער זינגער פון C האָט זיך צוגעפּאַסט נייע 2 סטראָפּעס C XXXVI און C XXXVII, וואָס אין אורטעקסט זיינען זיי, לויט מיין מיינונג, ניט געווען: ס׳האָט גע-שטימט מיט זיין געשמאַק און ס׳איז געווען זייער אָנגעלייגט בא זיין אוידיטאָריע. קיין קינסטלער איז ער ניט געווען, האָט ער דאָס געמאַכט זייער לעפּיש.

ווי ווייט די וואַריאַציעס נעמען זיך דערפון, וואָס מע האָט געאַרבעט מיטן זיקאָרן (דאָס זינגען), ניט מע האָט געהאַט צו טון מיט אַ פּאַפּירנליטעראַריש ווערק,—דאָס איז צו זען, אַשטיי־גער, פון אַזאַ פּראַט: C II איז נישטאָ אין B, אָבער B IV לאָזט זיך אויס געגנוי מיט דעמ־זעלבן רעפרען, וואָס C II („אז ור בור ניט אויז לעבן די לילה“); די גאַנצע סטראָפּע האָט מען ניט געדענקט, דער לעצטער פערז האָט זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ און מע האָט אים צוגעטשעפּעט ניט אַפן אָרט. אַסאַך מער וואָלט דאָ געווען אַפן אָרט די לעצטע שורע אין דערזעלבער סטראָפּע (C VI) אין C:

„נוך מִנְחָה נוך מַעֲרִיב בַּייא דער לַיְלָה“.

דער וואַריאַנט C איז קלאָר דער גאָר־נאָענסטער צום אורטעקסט: דאָ האָבן מיר די גרעסטע צאָל סטראָפּעס; ער איז קאָרעקטער, גלאַטער ביכלאַל, האָט ניט (כוץ די צוויי „איבעריקע“ סטראָפּעס XXXVI און XXXVII) קיין דעפעקטע סטראָפּעס, קיין דעפעקטע פערזן. עפּשער נעמט זיך דאָס צומטייל דערפון, וואָס C איז פאַרשריבן געווען פריער פאַר B, בעיס דאָס ליד איז נאָך געווען פּאָפּולערער. B איז אָפּגעשריבן אין 40 יאָר אַרום נאָכדעם ווי ס׳איז צום ערשטן מאָל אופגעקלעפּט געווען אַף די ווענט. B איז אַ קיצער פון דעם אורטעקסט, אַ קיצער אויסגעפורעמט מיט אַ געוויסער ס י ס ט ע ם: ס׳איז ניט סטאַם דורכגעלאָזט סטראָפּעס;—ס׳איז גענומען דאָס געדיכטע, דאָס קיצלדיקע, הילל׳ס אַוואַנטיורעס מיט די דריי ווייבער, וואָס איז געבונדן מיט איין פּאָדעם. ס׳איז אָפּגעוואָרפן דאָס צעטל ניט־געקניפּטע „חסרונות“, וואָס ס׳קאָן זיין גרעסער און קלענער, און ס׳פאַר־מאָגט נישט קיין סימען פון דעם קיצלדיקן עפעקט, וואָס די מייַסע מיט די דריי ווייבער. דערצו איז צוגעגעבן דער אַריינפיר מיט אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק (הילל איז וואָס אין דער קאָרט, אַ „גוי גמור“, אַ געשמאַדטער האַלדז) און דער מאָטיוו פונעם אַווטאָרס צאָרן. ס׳לאָזט זיך אויס גאַנץ ברייטלעך: דער אַווטאָר גיט צו דערקענען זיך, די מעטרישע קונץ פון זיין ליד, ווייזט „לומדות“ אין „גמטריאות“ און לאָזט אויס גאַנץ טראַדיציאָנעל יידישלעך: גאָט זאָל אונז אַראָפּשיקן „משיח׳ן“, אַזויווי דער שטייגער איז געווען אין אַלע יידישע שרייבעכצן יענע צייט. B איז ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ט ע ר, מעמיילע עפעקטער. ער האָט באַדאַרפט מאַכן מער איינדרוק אַף דער אוידיטאָריע, וואָס האָט ליב געהאַט אַ שאַרפן וויץ, איידער C (דאָס הייסט, אייגנטלעך,—דער אורטעקסט), וואָס איז צעוואַסערט. אויב מיר זאָלן זיך זאָגן, אַז אין B שטעקט אַן אויסגערעכנטע „רעדאַקטיר“־אַרבעט איבער דעם אורטעקסט,—איז מוז מען אויך זאָגן, אַז דער „רעדאַקטער“ האָט פאַרמאָגט אַ ק י נ ס ט־

לערישן געשמאַק. אין די דעפעקטע פערזן און סטראָפעס איז שולדיק דער אָפּ־שרייבער, קלונימוס: איך האָב שוין אין אַן אַנדער אָרט קלאָר געוויזן, ווי שלעכט ער האָט געטאָן זיין מלאָכע אין דער גאַנצער האַנטשריפט ביכלאַל.

—

צייט און אָרט.

אין B האָבן מיר קלאָר די דאַטע פון דעם ליד: אין LIV B, 1, 2 שטייט (אַף אונדזער היינטיקער שפּראַך): „דאָס יאָר, וואָס מיר גייען אין דעם איצט אַריין, וועט אויך דאָס פינעף און זיבעציקסטע זיין". „אויך" שטייט דאָ דערפאַר, וויל מיט דער צאָל 75 אָפּערירט דער אַווטאָר, ווי שוין דערמאָנט, פריער אויך: „הילל" באַטרעפט 75, „כהן" — ווידער 75, „לילה" — אָבער 75 (לילה איז דיזעלבע אותיות וואָס „הילל" און דער שטענדיקער רעפרען). בעכיין קאָן מען זאָגן, אַז 75 איז דאָ אין דער סטראָפע קיין טאָעס ניט. 75 — דאָס הייסט ע"ה, אַ קיצער פון ר"עה, דאָס הייסט, 1514—1515. העיוים ווי ר"עה דאַרף ערשט קומען, שטייען מיר זיכער מיט דער אייראָפּעיִשער דאַטע: 1514.

דאָס אָרט, וואָס די געשיכטע שפּילט זיך דאָרט אָפּ, מוז זיין וועניציע. דער ערשטער קאָנפליקט באַ אונדזער אַווטאָר מיט הילל'ן איז זיכער פאָרגעקומען אין וועניציע (דאָס „שרפה"-ליד). אָבער די מייַסע מיט הילל'ס דריי וווייבער שפּילט זיך אויך אָפּ אין וועניציע: אין XXXI B (= גענוי LIII C) איז דערציילט, ווי ער בעט דאָס אַנטלאָפענע דריטע ווייב זיך אומקערן צוריק קיין וועניציע. אַנדערע ערטער, וואָס ווערן דערמאָנט אין B (און אין די געהעריקע סטראָפעס אין C אויך): מיינשטרט (Mestre), שיבדעטלן (Cividale אָדער Citadella),— דאָס זיינען ערטער אַרום וועניציע. אין XX C איז אויסגע־רעכנט אַ צאָל געריכט־אינסטיטוציעס און געריכט־פונקציאָנערן, וואָס זיינען באַקאַנט יענע יאָרן אין וועניציע [10].

אָבער דאָ קומט דאָס אָרט אין אַ קאָנפליקט מיט דער דאַטע (1514): אליהו הלוי'ס ביאָגראַפן גיבן אָן, אַז אַרום 1512 איז ער שוין געווען אין רוים [11].

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אליהו הלוי זאָל אין אַ וואָרט־געפעכט אויסשפּילן אין רוים זיין וועניציאַנער קאָנפליקט מיט הילל'ן אין 2 יאָר אַרום נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט וועניציע. מע וואָלט זיך געקאָנט זאָגן, אַז הילל האָט זיך איבערגעצויגן קיין רוים, דאָרט קאָנקורירט אַלס מלמד מיט אונדזער אַווטאָר, און דער האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט דערפאַר און אים דערמאָנט זיינע אַלטע זינד. אָבער ערשטנס איז רוים מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט. אין 1514, ווי ס'זאָגן אליהו'ס ביאָגראַפן, איז שוין אליהו געווען אַף קעסט און דירע באַם קאַרדינאַל עדזשידיא, הילל האָט אים שוין ווייניק וואָס געקאָנט קאָנקורירן. דעריקער אָבער: אויסהענגען אַף די ווענט אין יידישן געטאָ אין רוים אַזאַ פּאַסקוויל האָט געהאַט זייער ווייניק זינען. וואָרעם אַרום און אַרום איז דער פּאַסקוויל אינטים, אויסגערעכנט פאַר אַ היימישע וועניציאַנער סוויווע, וואָס האָט געקענט הילל'ן און די אַנדערע פּערסאָנאַזשן, וואָס ווערן דערמאָנט אין ליד. דאָ איז דאָס געווען אַ נאַשעריי; אין רוים —, ווער איז דאָס אָנגעגאַנגען, ווער וואָלט דאָס פאַרשטאַנען?

איך מוז זיך אָבער האַלטן פעסט סיי באַ דעם אָרט, סיי באַ דער דאַטע: זיי זיינען צו גוט באַגרינדעט אין טעקסט גופא. בלייבט איין זאַך: רעווידירן באַ אליהו הלוי'ס ביאָגראַפן די דאַטע 1512. צי איז ער דעמאָלט בעעמעס שוין געווען אין רוים?

נעמען מיר ד"ר י. לעוויס בוך „Elia Levita u. seine Leistungen als Grammatiker" (ברעסלוי, 1888), וואָס האָט סומירט דאָס, וואָס איז פריער געשריבן געווען וועגן אליהו'ס

ביאָגראַפיע (ש. בובער, ל. גייגער, פערלעס). ז. 9 זאָגט ער, אַז אליהו איז דאָס יאָר 1512 געקומען קיין רוים. פון דער באַמערקונג (3) צו דערדאָזיקער דאַטע איז צו זעען, אַז אין קיין זיכערע אויטענטישע קוועלן איז די דאַטע נ י ט פ אַ ר אַ ן. זי איז א ו י ס ג ע ד ר ו נ ג ע ן, אויסקאָמבינירט פון אַנדערע דאַטעס. די מײַסע איז אַזוי: 1) אין „תשבי" (איזנא, 1541) זאָגט אליהו אין דער פאָרייד, אַז ער האָט פאַרבראַכט 13 יאָר אין רוים באַם קאַרדינאַל עדזשידיאָ; 2) אין דער פאָרייד צום „ס' הזכרונות" זאָגט ער וועגן דעם קאַרדינאַל און וועגן זיין אָנקומען צו אים: „ובשמעי מהללו בקרתיו בהיכלו"; 3) ס'איז באַוווּסט, אַז פאַר־לאָזט האָט אליהו רוים דאָס יאָר 1527 בעיס דעם איבערפאַל אַף דער שטאָט. דערפון מאַכט לעווי אַזאַ כעשבן: דאָס יאָר 1527 גייט נ י ט אַריין אין כעשבן פון די 13 יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט באַם קאַרדינאַל (פאַרוואָס?); הייסט דאָס, אַז די 13 יאָר דאַרף מען אָנהייבן רעכענען פון 1513 אָן. אָבער קיין רוים האָט אליהו געמוזט קומען אַ שטיקל צייט פ ר י ע ר, ד. ה. בערעך 1512, ניט 1513, וואָרעם אין דער פאָרייד צום „ספר הזכרונות" שטייט: „ובשמעי מהללו בקרתיו בהיכלו"; הייסט דאָס, אַז אַ שטיקל צייט איז ער געווען אין רוים, זיך אָנגעהערט וועגן קאַרדינאַל, דערנאָך איז ער ערשט געגאַנגען צו אים און שוין פאַרבליבן באַ אים. אָט דאָס זיינען גאָר אַלע באַווייזן, אַז אליהו איז געקומען קיין רוים דאָס יאָר 1512.

דאָ איז אַלצדינג אָפּגעפרעגט: פאַרוואָס דאַרף מען דאָס יאָר 1527 ניט אַריינעמען אין כעשבן? פאַרוואָס דאַרף מען דאָס דרינגען פון די ווערטער „ובשמעי" א. אַז. וו., אַז אליהו האָט באַדאַרפט אַ יאָר אַף צו דערגיין וועגן קאַרדינאַל?, אַגעוו די מײַסע מיט די גאַנצע 13 יאָר, וואָס אליהו זאָל האָבן פאַרבראַכט באַם קאַרדינאַל, איז נאָך אויך ניט גאַנץ קלאָר. לעווי גופע ברענגט פון אליהו'ס צווייטער פאָרייד צום „מסורת המסורת" די ווער־טער „וכעשר שנים תמידי", ד. ה. אַז ער האָט פאַרבראַכט באַם קאַרדינאַל בלויז 10 יאָר, און פאַרענטפערט: אליהו איז דאָ ניט געווען גענוי, אַזויווי אין אייניקע אַנדערע פאַלן.

קורץ, ס'איז ניטאָ קיין שום פעסטע, איבערצייגנדיקע גרונטן צו זאָגן, אַז אליהו איז געקומען קיין רוים דאָס יאָר 1512 אָדער אַפילע 1513. אויב אַפילע ער האָט פאַרבראַכט באַם קאַרדינאַל 13 יאָר, איז טראָגט זייער גוט דער כעשבן 1514—1527.

אַ טייל יאָר 1514 האָט ער נאָך געקאָנט זיין אין ווענעציע. העיוס אָבער ווי „המבדיל" טראָגט פעסט דעם ווענעציאַנער שטעמפּל, און ניט ווייניקער פעסט איז דאָרט פיקסירט דאָס יאָר 1514, איז מוזן מיר זיך זאָגן, אַז אַ טייל יאָר 1514 איז אליהו טאַקע געווען נאָך אין ווענעציע און נים פריער פאַר 1514 איז ער געקומען קיין רוים. „ה מ ב ד י ל" ט ר אָ ג ט אַ ר יי ן אַ ן א י נ ט ע ר ע ס אַ נ ט ן נ יי ע ם פ ר אַ ט א י ן א ל י ה ו 'ס ב י אָ ג ר אַ פ י ע.

די טעכניק.

די פאַסקוויל־פאָרם יענע צייט איז געווען זייער אָנגענומען. וועגן דעם קריגן מיר אַגעוו צו הערן באַ אונדזער אליהו'ן גופע. אין „תשבי" דערקלערט ער דאָס וואָרט „כתבות" (קאַטאָוועס) און זאָגט אַגעוו אַזוי: אַמאָל פלעגן וויצנמאַכער און מעשאָלים־שרייבער שטי־לערהייט שרייבן זייערע זאַכן אַף די טירן פון רייכע הייזער אָדער אין די רווישיקע גאַסן, מע זאָל ניט וויסן, ווער דאָס האָט געשריבן. אַזוי פירט זיך נאָך היינט אויך אין רוים; אָט די שרייבעכצן רופט מען „כתבות". די כאַראַקטעריסטיק פאַר „כתבות" שטימט זייער מיט פאַסקוויל.

דער „המבדיל" איז געווען אופגעהאַנגען אַף דער וואַנט. דער שרייבער גופע דער־ציילט דאָס אין B וו 2, 3: ער ווענדט זיך צו הילל'ן: „זע דאָס צעטל אַף דער וואַנט, דאָס האָב איך געמאַכט מיט מיין האַנט".

מיר האָבן שוין געזען דעם אינהאַלט פון „המבדיל״. דער קערן איז דאָ די מײַסע פון הילל׳ן מיט זײַנע דריי ווייבער, און דאָס קיצלדיקע — די מיעסע שטיק פון אַן אימפּאָ־טענט — אַ באַלטײַוועניק. דער צוועק איז דאָ אָפּצוכויזעקן דעם קעגנער, מאַכן אים לע־כערלעך. דערצו איז זייער גוט צוגעפּאַסט די טעמע, אָבער די טעמע האָט שוין דיקטירט די פאָרם און די שפּראַכמיטלען.

דאָ האָט מען געמוזט ריידן אָפן, אָנרופן זאַכן באַ די נעמען. האָבן מיר אַ גראָטעסק, אַ פּרימיטיווע פאָלקס־שטיק אין בילדער און אויסדרוק־מיטלען, מיט אַ מעגושעמדיקן, ציניש כויזעק, וואָס אַנטבלויזט אַלצדינג און שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר קיין אויסדרוק. ווי אַזוי די זאַך איז פּאָפּולער געווען, — דאָס איז צומבעסטן צו זען דערפון, וואָס פון „המבדיל״ זיינען אונדז איצט נאָך באַקאַנט צוויי וואַריאַנטן (דאָס הייסט נאָך ניט, אַז די צוויי—דאָס איז אַלץ), דערפון איז שוין פריער דערמאָנט געווען.

סיי דער אינהאַלט, סיי די פאָרם האָט געשטימט מיט אַ געוויסן זשאַנר יענע צייט, אין דער יידישער סוויווע אויך. יידן אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד זיינען נאָך דעמלט גע־ווען אַ סאַך פרייער איידער שפּעטער, האָבן זיך נאָך געקאָנט פאַרגינען צו זאָגן און צו הערן אַ קערנדיק, געפעפּערט וואָרט, וואָס זאָל ווירקן אַף פּרימיטיווע כושים. דאָס זעען מיר, אַשטייגער, אין דעם „שמואל־בוך״, וואָס ווי־ניט־ווי איז ער דאָך געבונדן מיט אַ „הייליקן ספר״ (שמואל א׳ און ב׳).

שוין היפּש געפעפּערט איז דאָ דערציילט די מײַסע וועגן דעם „נאַדן״, וואָס דאָוויד גיט דער קאַלע מיכל („מאה ערלות פלשתים״, שמואל א׳, י״ח, 25—27). דאָוויד פּאַקט צוויי הונדערט פלשתים, שלאָגט זיי אויס „די צִין צווישן די בינן״ (די ציין צווישן די פיס), ברענגט זיי דער קאַלע און זאָגט איר: „דא מיט וויל איך אוייך אנשפּוזן״ (פאַרקנאַסן, שמואל־בוך, אויגסבורג, 1544, a25 וו, v). אין האַמבורגער מאַנוסקריפּט שטייט דאָ אומע־טום „בייהם״ (ביצים) אָנשטאָט „צִין״.

די קנעכט ווילצלען זיך, בעיס אמנון פאַרנאַרט צו זיך טאָמערן, זי זאָל אים באַקן קיכלעך (שמואל ב׳, י״ג, 6—14):

דש ווערדן קִויכלִיך אין בוייאר גיבאכן.

[דאָס ווערדן קיכלעך אין פייער געבאַקן; (דאָרט, a77, vı)].

אָפּענער איז דער האַמבורגער טעקסט (ז. 225, סטר. ווו):

„דארויש דא ווערדן קוכלעכט אין דעם תחת גבאכן״

[דארויס (דערפון) דאָ ווערדן קוכלעכט (קיכלעך) אין דעם טאָכעס געבאַקן].

נאָכדעם ווי דאָוויד דערשטיקט אַוושאָלעמס אופשטאַנד קומט פאַר אַזאַ געשפּרעך צווישן אים און זיינע 10 קעפּסווייבער, וואָס אַוושאָלעם האָט מיט זיי דעמאָנסטרירט אַפן דאַך (שמואל ב׳, ט״ז, 22). די קעפּסווייבער קלאָגן זיך, אַז זיי זיינען ניט שולדיק, מע האָט זיי געניט מיט גוואַלד. דערוף ענטפערט דאָוויד:

. . . . עש אישט ניט וואר
איר טוט עש גאר גערן האבט אוייך איין בויז יאר
איר שרייאט אזו זער אובן אויף דעם זאל

איר שרייאט אלזו זער אלש איין דיב אין איינם שטאל

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויך אישט מיט אוייערן ווילן גאר גוטליך גשעהן

[. . . עס איז ניט וואָר
איר טוט עס גאָר גערן, האָבט (האָט) אייך אַ בייז יאָר
איר שרייט (האָט געשריגן) אַזאָ (אַזוי) זייער אויוון אף דעם זאַל
איר שרייט אַלזאָ זייער, אַלס איין דיב (גאַנעף) אין איינעם שטאַל
— — — — — — — — — — — — —
אייך איז מיט אייער ווילן גאָר גיטלעך (גוט) געשען"]

(שמואל-בוך, אויסבורג, 92b, I, II)

דאָס הייסט: איר מאַכט נאָר דעם אָנשטעל; ס'איז געשען מיט אייער גוטן ווילן. אין העברעיִשן אָריגינאַל (שמואל ב׳, כ׳, 3) איז דער געשפּרעך נישט פאַראַן.

דאָסזעלבע זעען מיר צו אין „ספר מלכים" (אויגסבורג, 1543). דאָוויד נעמט צו זיך אווישאג די שונאמיס, זי זאָל אים וואַרעמען אַף דער עלטער (מלכים א׳, א׳ 1—4). נאָך דער טראַדיציע נאָך האָט זיך דאָוויד צו איר ניט צוגערירט. אווישאג בעט דאָווידן, ער זאָל זי נעמען פאַר אַ ווייב. דאָוויד זאָגט, גאָט האָט דאָס אים פאַרבאָטן; מער פון אַכצן ווייבער טאָר ער ניט האָבן, און אַזויפיל האָט ער שוין, אווישאג שפּעט פון אים:

איר טוט אַזוי ווי דער גאַנעוו, וואָס געפינט ניט וואָס צו גאַנווענען, באַרימט ער זיך פאַר לייטן: בעסער וואָלט איך געוואָלט שטאַרבן איידער גאַנווענען און עמעצן שלעכטס טון.

„אזו טוט איר אויך קויניג זו איר ניט מֵין מוכט

איר זייט ויל צו אלט אונ׳ הט איין פערלימענט דר טרכט.

[אַזאָ טוט איר אויך קיניג, זאָ (ווייל) איר ניט מיין (מער) מאָכט (קענט)
איר זייט פיל צו אַלט און האָט איין פּערלעמענט (אַן אויסרייד) דערטראַכט]

(דאָרט 3a, V)

דאָס הייסט: איר זוכט זיך אַ פאַלשן טערעץ, ווייל איר 'טויגט ניט מער אַ מאַן צו זיין אַף דער עלטער. דאָווידן פאַרדריסט דאָס שטאַרק; ער וועט איר ווייזן, אַז צו איר רירט ער זיך ניט צו בלויז פאַר פרומקייט. ער טוט דערביי אָפּ פאַר אירע אויגן אַ זאַ דע־מאָנסטראַציע מיט באַשעווען:

„ער ליש אים בת שֶבַע רופן אונ׳ בייא אים אינן ווערדן אים חֶדר.

דש ער מיט בת שֶבַע גאב איין רעכטן סֵדֶר

אז איין יונגר בַעַל בַיִת דער ערשט ברויילפט הוט.

[ער ליס (האָט געלאָזט) אים (זיך) בת שבע רופן און באַ אים אינען ווערדן (זי זאָל בלייבן מיט אים) אין כיידער.

דאָס ער מיט בת שבע גאַב (האָט געגעבן, אָפּגעריכט) איין רעכטן סיידער, אַז (אַזוי ווי) איין יונגער באַלעבאָס, דער (וואָס) ערשט ברווילאָפט (כאַ־סענע) האָט].

(דאָרט, a3, VII)

דאָס איז צוויי ספרים, וואָס זיינען געבונדן מיט תנ"ך. די מעגושעמדיקע אָפּנקייט אין אויסדרוק פון דער אַלטער פּאָלקסדראַמע (פּורים-שפּילן) איז שוין לאַנג באַקאַנט.

פאַר אונדזער אליהו'ן איז דידאַזיקע מאַניר קיין נײַס ניט. דער געלערנטער פילאָלאָג, וואָס אויבנוף האָט ער זיך געהאַלטן גאַנץ יידישלעך, האָט שוין איינמאָל געוויזן אַזאַ קונץ אין זײַן „בבא-בוך" — ווערסיע. ער ניצט דאָרט אַפילע דיזעלבע בילדער, וואָס מיר טרעפן אין „שמואל-בוך" און אין „ספר מלכים". לאָמיר דאָ ברענגען איין פאַל: דער פאַסטעך, וואָס טרעפט דרוזיאַנען איינע אַליין, הייבט זיך אָן צו איר צוצושאַרן:

דאר נוך מוטט ער איר אן כך וכך

[דאָרנאָך מוטעט ער איר אָן (לייגט ער איר פאָר) קאַך וועקאַך (אַזוי און אַזוי)]

(מאנוסקריפּט „בבא-בוך" b 47).

דעמזעלבן זאַץ געפינען מיר אין „ספר מלכים": דער אַשמעדײַ, וואָס פאַרוואַרפט שלוימען אין דער ווײַטער ווײַט און באַזעצט זיך אַף שלוימעס שטול, שאַרט זיך צו צו שלוימעס מוטער:

„זיין מוטר בַּת שֶׁבַע מוט ער אויך אן כך וכך"

(זײַן מוטער בת־שבע מוט ער אויך אָן קאַך וועקאַך)

(ספר מלכים, a 21).

אַן אַנדער ענלעכן פאַל וועלן מיר זען שפּעטער; אָבער אליהו האָט אין „בבא־בוך" אופגעטאָן אין דעם פּראַט געגוג אייגנס. בראַדוניא, בבא'ס מוטער, האָט באַם מאַן: „גוטי טעג אונ' בוזי נעכט" (גוטע טעג און בייזע נעכט); איר אלטן מאַן רופט זי „דעם אלטן פערצר" (פאַרצער). זי שעלט די עלטערן, וואָס האָבן זי פאַר אים כאַסענע געמאכט:

גוט געב אין דען הילֶוך אלאןביידן.

[גאָט געב אין (זיי) דען הילך (דאָס לויפעניש, שילשל) אלן (אלע)ביידן].

(מאַנוסקריפּט „בבא-בוך" a 2).

וועגן הערצאָג דודין, וואָס זי שיקט נאָך אים, זאָגט זי

אונ' טג אונ' נאכט וויל איך אן אים הענגן
ווש איך פויר זוימט הון ווילֿ איך איין ברענגן

[און טאָג און נאַכט וויל (וועל) איך אָן (אַף) אים הענגען וואָס איך פאַר זוימט (פאַרזאָמט פאַרשפּעטיקט) האָן (האָב) וועל איך אײַנברענגען (אָניאָגן)].

דאָרט, a 3).

דרוזיאנה, בבא׳ס געליבטע, דערציילט אים דעם טאָג פון איר כאסענע מיט מקברון:

האנט וועו׳ט מן מיך אונ׳ אים צו אננדער ליגן.

[הײַנט ווערט (וועט) מאַן (מען) מיך און אים צו אנאנדער לייגן]

(דאָרט 33 a)

מיר האָבן אַזאַ באַשרייבונג, ווי אַזוי די געליבטע גיבן זיך אָפּ זייער גליסטן:

„בבא דער טעט ווש ער הוט צו שיקאן
דרוזיאנה די שראיי אַז איין דיב אין שטל[12])
אויך דורפט ער זיא אין קַאמפּ ניט פיקאן
ווען זיא ווש אים צו מול ניט אויש ווייכן[13])

[בבא דער טעט (האָט געטאָן) וואָס ער האָט צו שיקן (שיקן, טון).
דרוזיאנה די שרײַ (שרײַט, האָט געשריגן) אז (אזויווי) איין דיב (א גאַנעוו) אין שטאַל.
אויך דורפט (האָט געדאַרפט) ער זי אין קאמף ניט פיקן
ווען (ווייל) זי וואָס (איז געווען) אים צו מאָל ניט אויסווייכן. (זי האָט אים ניט אויסגעווייכט)].

(דאָרט, 34 b).

קורץ, די אָפּענע, מעגושעמדיקע מאַניר האָט שוין געהאַט אַ שטיקל טראַדיציע, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי באַ אליהו׳ן. און מיר דאַרפן זיך ניט וווּנדערן ניט אַף דעם אינהאַלט, ניט אַף דער פאָרם פון „המבדיל".

———

די מעטריק איז דאָ אויך פונקט אַזוי פרימיטיוו ווי די שפּראַך. די סטראָפע האָט 4 פערזן. דריי גראַמען זיך לויט דער סכעמע a a a, דער לעצטער פערז איז ניט געגראַמט, לאָזט זיך אויס מיט דעם רעפרען „לילה", אַמאָל מיט אַ גאַנצן העברעיִשן פאָסעק מיט „לילה" צום סאָף, גענומען פון דעם הבדלה־„המבדיל", אָדער פון אַנדערע פּיזמונים (פּייסעך־האַגאָדע א. ד. גל.).

אַזויווי דאָס יידישע פאָלקסליד, אַזוי איז „המבדיל" אויך געבויט אַף דער צאָל טאַקטן, ניט אַף דער גלייכער צאָל באַטאָנטע און ניט־באַטאָנטע טראַפן. דער פערז האָט פיר טאַקטן:

הילל דו | הושט דיך מיט | מיר גי | טרִיצט

אך ביש | טו איין | גרושר | בַלַע

אין דערדאָזיקע סכעמע זיינען שוין אַריינגעפּרעסט צום זינגען פערזן מיט אַ גרויסער צאָל טראַפן, ביז 5 טראַפן אין אַ טאַקט:

נון דז איך אויך דיא | צייט וויל | רעכט ור | טרייבן

און אויך מיט אַ קלײנער צאָל טראַפּן:

אֵי | אוֹיז | גֵיט דיא | לִילה

דוֹ בישט אלר | בוֹב | רייא זו | בוֹל.

א ו י ס ל י י ג.

אין אויסלייג איז אַ שאַרפער כילעק צווישן C און B .C האָט דעם נאָרמאַליזירטן יידישן אויסלייג פון דער ערשטער העלפט 16 יאָרהונדערט, אַזוי ווי מיר געפינען אים אין די ערשטע באַקאַנטע יידישע דרוק־זאַכן: „ספר מדות״ (איזנא, 1542), יוסף בר יקיר׳ס סידור (איכנהויזן, 1544), אליהו הלוי׳ס „תהלים״ (ווענעציע, 1545) א. ד. גל., אַזוי ווי ער איז פיקסירט אין די ערשטע קלאַלים פון יידישן אויסלייג אין „ספר מדות״. געפינטלט איז דאָ:

1) מיט אַ צײרע דער קאָנסאָנאַנט פאַר דעם „י״, וואָס באַצייכנט דעם לאַנגן e: **מֵין** (מיין, מער, מה״ד mê), **לֵיגיט** (leget), **אֵיר** (Ehre), **ור שטֵין** (verstèhen), א. א. וו. אייניקע מאָל אַפילע ווען אַנשטאָט דעם „י״ שטייט דאָ אַן „ע״: **פּרֵעדיג** (predig), **לֵעדיג** (ledig); 2) מיט אַ שורק — דער קאָנסאָנאַנט פאַר דעם „וי״, וואָס באַטייט דעם נייהויכדייטשן ü: **„שפֻּירן״** (spüren), **„קֻוירצן״** (kürzen), **„בֻוירן״** (führen) א. ד. גל.

אין די צוויי פּראָטים שטימט C מיט די פריער־דערמאָנטע קלאָלים, פון „ספר מדות״ אָבער דאָ געפינען מיר אויך אייניקע מאָל (אָבער ניט שטענדיק) געפינטלט:

3) מיט אַ סעגל דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס פאַר דעם ע, אַמאָל „י״, = קורצער e: **„נֶענן״** (nennen), **„קֶעמֶרלן״** (kämmerlen), **„אַגלשטֶיר״** (Agalaster); אויך דירעקט דער „ע״: **„אַיֶיער״** (eier).

4) אייניקע מאָל האָבן מיר דעם פאַסעך: **נַאר, אַייֶער**; דעם קאָמעץ: **וָאל** (volle); **יָארן** (Jahren); **וָאר** (vor); דעם כוילעם: **נוֹט** (Not), **קוֹט** (kot): דעם כיריק: „**אִי** לענגר אִי וועשטר״ (מהד: ie, נהד je).

5) אַ פּאָר מאָל געפינען מיר געפינטלט גאַנצע ווערטער: **בִיגֵיִיבִירשְט** (begeiferst), **בִישְנֻוידִילשְט** (beschnüdelst), **וֻוידִילשְט** (wüdelst), דערהויפּט פרעמדווערטער: **יֶינטִילוֹמֶר** (gentiluomo).

6) דורכויס געפינטלט זיינען די העברעיִשע ווערטער.

אַנדערש איז דער אויסלייג אין B. ס׳מוז דאָ קוידעם קאָל געזאָגט ווערן: B איז ביכלאַל זייער אומקאָרעקט קאָפּירט, מעמיילע איז שווערער פעסטצושטעלן אַ געוויסע סיסטעם אויסלייג. אָבער דאָך לאָזן זיך דאָ זען געוויסע רעגלמעסיקייטן, וואָס אין דעם נאָרמאַליזירטן יידישן אויסלייג טרעפן מיר זיי נישט.

I. אין וואָקאַליזם.

1) o, אָן איבערקלאַנג, דאָרט ווו אין נייהויכדייטש האָבן מיר ö:

איין „שונן“ (schönen), „צו הורן“ (hören), „בוזר“ (böser), „דר לוזן“ (erlösen) א. אַז. וו.

אויסנאַמוווייז: „בויזן“ (bösen, XL, 1).

2) u, אָן איבערקלאַנג, דאָרט ווו אין נה״ד האָבן מיר ü:

„אובר“ (über), „רורט“ (rührt), „שפורן“ (spüren), „קורצן“ (kürzen), „בורן“ (führen) א. אַז. וו.

אָבער אין XXI, 1: „בוירט“ (führt) און דאָס גראַמט זיך מיט „גיבורט“ (gebührt) אין דעם צווייטן פערז און מיט „בֿורט“ (führt) אין דריטן פערז.

II. אין קאָנסאָנאַנטיזם.

טרעפט זיך (אָבער ניט אַלס קלאַל):

1) „ב“ פאַר „וו“ (w)[14]

„בו“ (wo, III, 4); „ור בור“ (var wohr, IV, 4).

2) „וו“ פאַר „ב“ (b):[15]

„וועשער“ (besser, XLVII, 2).

3) „וו“ פאַר „ו“, „ב“, „פֿ“ (f, v), „וונט“ — (fand, XIX, 1).

4) ביכלאַל שטייט דאָ דער „ב“ (פאַר f, v), „כ“ (ch), „פ“ (f) אָן אַ ראָפע־שטריכל פון אויבן.

III געפינטלט איז דאָ ביכלאַל זייער ווייניק. מיר טרעפן דאָ אייניקע מאָל אין יידישע ווערטער דעם ציירע אונטער דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס פאַר דעם „י“ = e, אָבער אָן אַ סיסטעם; פאַר דעם לאַנגן e ווי פאַר דעם קורצן: אֵי (איידער, מה״ד: ê); מֵין (מיין. מער,

מה״ד: mê), גֵין (gehen), גֵיגן (gegen); אָבער לֵיצט צו לֵיך (letzt, מה״ד: lest, lezzist), „וֵויך״ (קריצן, רייסן, פון מה״ד: wetzen).

זעלטענע ווערטער זײַנען געפינטלט גאַנצערהייט: לַפֵן, קְרֶעצַן, קַנְפוֹאִים, „עֶרגַר״, „וָואלְטָה״ (אייגננאָמען) „קְרוֹפף״.

אַביסל מער זיינען געפינטלט די העברעישע ווערטער, אָבער ניט רעגולער.

IV. דער שטומער — „א״, אָדער צירונג — „א״.

אין די אויסלייג־קלאָלים פון דעם „ספר מדות״ איז וועגן דעם שטומען „א״ געזאָגט: דער אַלעף, וואָס מיר טרעפן אים וואָרט־אויס נאָך אַ „פינטל״ (געמיינט נעקודע אָדער וואָקאַל), — איז נישט מער ווי אַ „צירונג״ דער „געשריפט״; אויסריידן דאַרף מען דעם „אַלעף״ (פאַסעך אָדער קאָמעץ) נישט. אַ ביישפיל איז דאָ געבראַכט: „דיא״ (לייען: „די״).

פון דעמדאָזיקן ביישפיל קאָן מען מיינען, אַז דעם שטומען אַלעף שטעלט מען נאָר נאָך דעם „י״, אָדער „ו״, וואָרט־אויס. בעעמעס אָבער טרעפן מיר דעם שטומען אַלעף אין די ערשטע יידישע דרוקזאַכן אין 16 יאָרהונדערט נאָך קאָנסאָנאַנטן וואָרט־אויס אויך. דערהויפּט נאָך „ב״ און „פ״.

אין די מאַנוסקריפטן קאָן דער שטומער „א״ שטיין נאָך יעדער קאָנסאָנאַנט וואָרט־אויס, אַשטייגער, אין מאַנוסקריפט פון „בבא־בוך״ (פון פאָרגעסעס קאָלעקציע): וואלדא (וואַלד), ביגונדא (בעגונד, האָט אָנגעהויבן); בלדא (באַלד), צומייסטנס נאָך דעם „ד״ (און, פאַרשטייט זיך. נאָך „ב״ און „פ״), זעלטענער נאָך אַנדערע קאָנסאָנאַנטן: שְפְּרָכא (שפּראַך), גידוכֿטא (טראַכט), שַקַאלְקא (בעטאָעס, אָדער אַ ספּעציעלע פאָרם פאַר „שאַלק״ — שווינדלער. אין פּראָגער אויסגאַבע פון בבא־בוך שטייט דאָ: „שלק״), א. ד. גל.

אין B געפינט מען נאָך קאָנסאָנאַנטן דעם שטומען א׳ בלויז נאָך פ׳: „טרופפא״ (X, 2) „שטאנפא״ (LI, 2). אין C, כוץ דעם, נאָך „ב״ הובא — (הויף, XXII, 1), נאָך דעם „ד״ אויך: קינדא (VII, 3) ורײדא (פרייד, XIXX, 3), לאנדא (XL, 2) א. אַז. וו. איינ־מאָל נאָך „ז״: „הויזא״ (XXII, 1). אין די ראַבאָנישע „שאלות ותשובות״ זיינען פאַראַן אינטערעסאַנטע דערקלערונגען פאַר דעמדאָזיקן שטומען א׳, אָבער איך מוז דאָס לאָזן אַף אַן אַנדערס מאָל: ס׳וואָלט מיך דאָ צו ווייט פאַרפירט.

פאָנעטיק.

(איך גיב דאָ בלויז דאָס וויכטיקסטע)

1. סיי אין B סיי אין C איז קלאָר, אַז דעם מה״ד און נה״ד לאַנגן a דאַרף מען דאָ לייענען o. דאָס איז צו זעען פון דער שרייבונג: דו **הושט**, ער **הוט** (פאַר מה״ד און נה״ד: hat, hast), **שלופן** (פאַר מה״ד און נה״ד: schlafen, slâfen) א. אַז. וו. דער „ו״ האָט באַצייכנט אין אַלט־יידיש דעם o און u). נאָך מער זעט מען עס פון דעם גראַם: **יומר — בּרוך שאָמר** (אין C איז דאָס געשריבן יוֹמֶר); **יארן — וארן** (vorn) (אין C: יָארן און וָארן, מיט אַ קאָמעץ). **נוך — גוך** (מה״ד nâch, gâch). בעכיין דאַרף מען לייענען: **טאג** — tog, **אבר** — ober א. אַז. וו.

קיין נייס איז דאָס נישט, אַזוי איז דאָס אין אַלע יידישע שריפטן פון 16, אַפילע פון 15 און 14 יאָרהונדערט, אַזוי איז דאָס געווען און ס׳איז אין די דייטשישע דיאַלעקטן; מ׳דאַרף דאָס אָבער דערמאָנען, וואָרעם פאָרמולירט איז דער קלאַל צום ערשטן מאָל ערשט דאָס יאָר 1592 [16]).

2. פון דער שרייבונג: **„לפַּן״** (מה״ד loufen B, V, 4 = לויפן; אין C XVIII, 1: **לאפן**), **גיקפט, גקפט** (מה״ד: koufen, B X, 3 און XXIII, 2; C XXX, 3: אויך „גיקאפּט״): **אך** (מה״ד, ouch B V, 1 און LIII, 2; אין C XXIV, 3); C XXIV, C XLV, 2: 3: **גלאבן** (גלויבן) — איז צו זען, אַז דעם מה״ד ou האָט מען אַרויסגערעדט ווי a, מיסטאָמע אַ לאנגן a [17]).

3. אין B XI, 3 טרעפן מיר **בלויט**, וואָס מע דאַרף לייענען: Blüt, אָדער עפשער Blit, אָנשטאָט „בלוט״ (Blut). איך האַלט דאָס נישט פאַר קיין שרייב־פעלער, אָדער שרייב־אַרט, כאָטש ס׳איז ניט מער ווי איין פאַל אַזוינער און ביכלאַל איז דער נה״ד u דאָ איבערגעגעבן מיט „ו״. אין אליהו׳ס ווערטער־ביכל „שמות דברים״ טרעפן מיר שוין מער אַזוינע פאַלן: **די זוין** (זון), **קוי** (קו), **צוינג** (צינג), **מויטר** (מוטער), **ברוידר** (ברודער) א. אַז. וו. קיין קאָנסעקווענטע אַרט שרײַבן איז דאָס דאָרט אויך נישט, וואָרעם דערבײַ האָבן מיר: **בוך** (ספר), **בוטר** (פוטער), **בוזים** (חק), **בלוט** (בלוט) **בלום** א. אַז. וו. ס׳טרעפט, אַז איינס און דאָסזעלבע וואָרט איז געשריבן אַמאָל מיט „ו״, אַמאָל מיט „וי״: „זון״ (בן) און „זוין״ [18]).

גראַמאַטישע אייגנטימלעכקייטן.

(איך גיב דאָ אויך בלויז דאָס וויכטיקסטע):

1. פאַרעלטערטע פאָרמעס, וואָס זיינען באַקאַנט פון אַנדערע יידישע שריפטן אויך:

a) **הון** (hon) = האָב; **ווז** אָדער **וואז** — was, אימפּערפעקט פון „וועזן" = ער איז געוועזן; **זייט** (מה"ד seit; נה"ד: sagt); דער פּאַרטיציפּ **געשן** (מה"ד: gezzen; נה"ד: gegesen).

b) דער מה"ד אויסלאָז — ch דאָרט ווו איצט האָבן מיר אין נה"ד h:

זי **זאך** = נה"ד: sah, אימפּערפעקט פון sehen; **גישאך** (geschach=נה"ד: geschah); **זיך** (sich) = נה"ד: sieh, אימפּעראַטיוו פון sehen).

c) די ענדונג „אַן" (an) אין אייניקע אינפיניטיוון און אין פּאַרטיציפּ:

אין C: **זינגאן** (2 ,xxvi, „**ליוועַרן**" (ליפערן, 2 ,Lx) **ור שוויגאן** (פאַרשווייגן) אַגעוו, 3 ,xxxii). **ור שוויגאן** איז דאָ געגראַמט מיט **ליגן**; „**לייעַרן**" מיט **גערן**. אין B האָבן מיר בלויז: **לַפַן** (מיט צוויי פּאַסאַכן, 4 ,v).

די ענדונג an, אָבער צומייסטנס אַרויסגעלאָזט אין רעדן דעם n, טרעפט זיך אין אייניקע מיטלדייטשע דיאַלעקטן.

דאָסזעלבע אין מאַנוסקריפּט פון „בבא־בוך": **זאגאן** (זאָגן), אויך **וועקאן** (אויפוועקן), **מערקאן** (מערקן), **גאנגאן** (פּאַרטיציפּ: געגאַנגען) א. אַז. וו.

2. דאָס אומבאַשטימטע אַרטיקל „איין[19]" פאַר זאָכער און נעקייווע גלייך (אין B און C):

איין גוטי וייל, איין ורייד, איין גאנצי נאכט א. אַז. וו.

אָבער: „בא איינר לילה" [B ,v 1; C ,v 1].

3. פון דעם גראַם: „**בַלַה**" (B ,v 1; **בַלַע** — אין C ,v 1) — **גַלַח**, דאַרף מען אָנעמען, אַז „גלח" (קאַטוילישער גייסטלעכער) האָט מען אַרויסגערעדט: „**גַאלַא**"; דאָס איז די אויסשפּראַך פון די „בני הי"ת", ווי מע רופט זי אין דער ראַבאָנישער ליטעראַטור, די יידן אין רהיין־געגנט, וואָס פלעגן אַרויסרעדן דעם „ח" אַזוי ווי אַ „ה".

II. „המבדיל״ - פראגמענטן.

(מאנוסקריפט אין קעמברידזשער Trinity College*)

.I

הַמַבְדִיל בֵין קוֹדֶשׁ לְחוֹל:
צווישן מיר אונ׳ הִילֵל דען נִבְזֶה קנול:
דער דא איז חֶסרוֹנוֹת אזו וָאל:
כְכוֹכָבִים בַלַיְלָה:

II

ער הוט ווידר איין ריים אויף מיך גימאכֿט:
אבר ניט ויל לוייט[1]) האבן זיין גילאכֿט[2]):
ווען[3]) אייטיל לְויגן הוט ער גיטראַכט:
אזו ור וואר זול ער ניט אויש לעבן די לַיְלָה:

*) איך וועל דאָ דערקלערן צומייסטנס בלויז די ווערטער און אויסדריקן, וואָס זיינען דאָ נײַ, מעמיילע ניט דערקלערט אין באַדלעיאנער וואַריאַנט „המבדיל״ (B), וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין „צייטשריפט״ № 1, ז. 150—158. אין געוויסע פאַלן וועל איך זיך פאַרופן אף די דערקלערונגען אין B, און ציטירן אזוי: אשטייגער: B III, 1, דאָס הייסט: באדלעיאַנער וואריאַנט, די דריטע סטראָפע, מיין באַמערקונג № 1.

II 1) „לוייט״ — leute. לייט, 2) „האָבן זיין גילאכט״ — האָבן געלאכט פון אים, פון דעם גראַם („ריים״, ליד), ניט בא קיין סאַך מענטשן האָט דאָס אויסגענומען. 3) ווייל.

III

אין מיינם עֶרשטן ריים הוט מן וואל גילעזן:
וויא ער אין דער שְׂרֵיפָה הוט גיבָוירט איין וועזן:
וויא ער איין נכבד איז גיוועזן:
הוט מן גיזעהן בו בַּלַיְלָה:

IV

ווען ער מוש האבן ויל געלט אוני ויל גוט[1]):
ער עש אין בְּלִיעוּתֿ[2]) אלש בֿור טוט:
איין גנצן טאג זיין מויל ניט רוט[3]):
וְאַשְׁמוּרָה בַּלַיְלָה:

V

ווען ער איז גאר איין גרושר בַּלַע:
דא מיט איז ער זיך גאנץ מְכַלֶה:
ער הוט איין ברודר דער איז איין גַלַח:
דו ווערט ער נוך צו לויפֿן בייא איינר לַיְלָה:

VI

זיין ארימי זֵיל מאג וואל טרייבן יוֹמֶר:
דש ער איז גאר איין גוֹי גוֹמֶר:
קיין מורגאן אורט[1]) ער ביז אן בָרוּך שֶׁאָמַר:
נוך מִנְחָה נוך מַעֲרִיבֿ בייא דער לַיְלָה:

IV. 1) גוט = gut, גוטס, פאַרמעגן. 2) בליעות = פרעסעריי. דערפון איז נאָך קלאָרער אז „בלע" (אין B, V, 1 בעטאָעס: „בלה") מיינט מען „פרעסער", דערפון שטאַמט אונדזער „בלען" („בעלן" ווי מ'פלעגט שרייבן זע B, V, 2. 3) „זיין מויל ניט רוט" — האלט אין איין עסן, אן אויסדרוק, וואָס איז געבליבן נאָך ביז איצט אין דער פאָלקס־שפּראַך.

IV, 1) „אורט" — דאַוונט. זע B, IV, 3.

VII

און׳ דער שול גאנג[1]) טוט אים ניך ווִי נוך ווינד[2]):
נוייארט ווען ער אין דער סידְרָה איין העקלן וינט[3]):
איין חִילוק דען דו ור שטֵיט איין קינדא:
דא הוט ער אויבר גיטראכֿט איין גאנצי לַיְלָה:

VIII

און׳ קומט אין דיא שול מיט איינם גרושן גישרייא:
און׳ זאגט עש איז אזו בייא אֲבוֹנַיי[1]):
און׳ רעט אזו אין אלר לייא:
אז[2]) דו ער רֵידט בַחֲלוֹם הַלַיְלָה:

IX

און׳ אים דקדוק דוכֿט ער זיך זיין איין מאן:
און׳ דען בִנְיַן הַקַל ער אֲפִילו ניט קאן:
בישטו איין מְדַקְדֵק זא זאג מיר אן:
וויש טוט דיא הֵא הינטן אן לַיְלָה:

X

איז דאך לַיְלָה לשון זָכָר:
זיך [1]) בַלַיְלָה הַהוּא דו גרושר עָכָר[2]):

VII. [1]) „שול גאנג״ — דאָס גיין אין שול אריין (דאוונען). [2]) נוך — נוך = דאָסזעלבע, וואָס אין נה״ד: noch-weder = ניט־ניט. ס׳טוט אים ניט וויי ניט ווינד, ס׳אַרט אים ניט, ס׳גייט אים ווייניק אָן. [3]) „העקלן״ — העקל, דאָ אין זין פון עפּעס א צייכן, א שטריכל אין אלעפּבייז, אין טראָפּ.

VIII. [1]) „אֲבונַיי״ — אנשטאט ה׳ (אֲדאָנוי); אזוי שרייבט אליהו הלוי שטענדיק אין צווייטן פּאסקוויל „צור משלו אכלנו״ אין רעפרען. פאראן אויך אין בבא־מאנוסקריפּט 30,a. דער זין פון די צוויי פערזן: ער קומט מיט געשריי און שווערט זיך בא גאָט, אז אזוי איז דאָס. [2]) „אז״ — אזויווי.

X. [1]) „זיך = זע, אימפּעראטיוו. זע B, IL, 3. ד. ה.: זע, ס׳שטייט געשריבן „בלילה ההוא״, מיט א „ו״, ניט מיט קיין „י״, א סימען, אז „לילה״ איז מענלעך געשלעכט. [2]) „עכר״— פאַרדאַרבער, באַליידיקער, פאַרדארבענער מענטש.

אז דו אום דיין תַּלְמִידִים בּוֹר דינשט דיין שָׂכָר:
אזו זול ער דיר גידייהן[3]) אובר לַיְלָה:

XI

אַי דש דיך בִּישְׁטֵי[1]) דער תְּפוֹל רֶע[2]):
קונשטו דוך נוך פִּי נוך פֶּע[3]):
הון איך דיך דוך גילערנט מענכֿי[4]) שָׁעָה[5]):
דורך גוטש ווילן מענכֿי לַיְלָה:

XII

עש איז ווערליך[1]) וואר ווש איך אויך זאג:
דו ער אין מֹשֶׁה ווערבש הויש אים הֶקְדֵּשׁ[2]) לאג:
דיא לוייז[3]) דיא אשן[4]) אין בייא טאג:
וְקֶרַח בַּלַיְלָה:

XIII

די לוייט דיא אירן לושט האבן וואלן[1]):
דיא הורן אים צו מיט זיינן תַּלְמִידִים קנולן[2]):
גלייך אז איין אוקש איז ער מיט אין פרולן[3]):
עש מוכֿט זיך וואל איינר בּוֹרכֿטן בַּלַיְלָה:

[3]) געדייען — ס׳זאָל דיר באקומען. ד. ה. אזוי ווי דו פאַרדינסט דעם סכאַר־לימעד (רעבע־געלט) פאר די קינדער (איראָניש!), אזוי זאָל דיר וויל באקומען איבער נאַכט.

XI. [1]) „בישטי״ — באַשטיי, ס׳זאָל דיך כאַפּן. [2]) תפול רֶע״ (צום גראַם — אנשאט רע) — מיסטאָמע געמיינט דער „חולי נופל״, „די שלעכטע זאַך״, — די „פּאַליקע״ — אין ליטוויש־יידיש. [3]) „נוך פי נוך פע״ = גאָרנישט. דעמזעלבען אויסדרוק אין דעמזעלבען זין נוצט אליהו אין „בבא־בוך״ (מאַנוסקריפּט פּאָרגעס — הארץ 21a, [4]) איינ̈יקע, א געוויסע צאָל [5]) צום גראַם דארף מען לייענען: „שע״ (s he).

XII. [1]) „ווערליך״ פון „וואר״ — עמעס = בעעמעס; דערזעלבער פערז אין בבא־מאנוסקריפּט, 8b. [2]) „הקדש״ אין דעם זין ווי איצט אין דער פּאָלקסשפּראַך. „הקדש״ פאַראַן אויך אין בבא־מאנוסקריפּט 12a, רעדט זיך דירעקט פון בעטלער. [3]) לייז. [4]) „אשן״ -- assen האָבן געגעסן, אימפּערפעקט פון „עסן״.

XIII. [1]) וואָס וויל זיך אָנטון פאַרגעניגן. [2]) „קנולן״ אונדזער איצטיק מעלאמדיש „קנעלן״. בא Schmeller (בייערישער ווערטערבוך, I ,1350) איז פארצייכנט knellen=פלאצן, שלאָגן. צי שטאַמט ניט אונדזער וואָרט פון דער מעלאמדישער דערציִונג־מעטאָדע (מיטן קאַנטשיק)? [3]) „פרולן״ (פּראָלן) prahlen — ליארעמען, שרייען.

XIV

ער לערנט דורך אננדר קליין אונ׳ גרוש[1]:
איינר לערנט טויטש[2] דער אנדר שלופֿט:
איינר שִׁיר הַשִּׁירִים דער אנדר די לוז[3]:
איינר זאָגט יוֹם דער אנדר זאגט לַיְלָה:

XV

זיא לערנן בּון אים ויל מִדּוֹת רָעוֹת:
דר צו ור דינט ער ניט ויל מָעוֹת:
אונ׳ קנוילט וואל בְּוינף אונ׳ צוונציק שָׁעוֹת:
אין איינם יוֹם אונ׳ אין איינר לַיְלָה:

XVI

ער קלויביט אל דיא אויף[1]) דיא ער קאן אונ׳ מאג:
זיין בַּעֲלֵי בָתִּים דיא האבן איין גרושי קלאג:
ער שטֵיט אויף דרייא שָׁעוֹת אויף דען טאג:
אונ׳ לֵיגט זיך בִּתְחִילַּת הַלַּיְלָה:

XVII

אל דיא בַּעֲלֵי בָתִּים דיא ער איז גיוועזן בייא[1]):
דו איז ער אום גאנגן מיט בויבירייא[2]):

XIV. [1]) ער לערנט מיט קליינע און גרויסע קינדער צוזאמען, אָ ער ער לערנט דורכאַנאַנד קלייניקייטן און גרויסיקייטן, — אָן א סיסטעם. [2]) „טויטש" — מוז דאָ זיין געמיינט יידיש. אן אינטערעסאַנטער פּראַט: אין די כאדאָרים אין די אשקענאזישע קעהילעס אין איטאַליע האָט מען געלערנט יידיש. דאָסזעלבע וייסן מיר פון קראָקע אין 16 יאָרהונדערט פונעם קראָקעווער „פּנקס"). [3]) „דיא לוז = Los, דאָ געמיינט „מגילת אסתר"; אזוי פאַרטייטשט מען דאָס וואָרט אין די אלטע ביבל־איבערזעצונגען, געבויט אף דער אַסאָציאַציע מיט „פּורים" פון „פּור" — גורל.

XVI. [1]) „אויף ציט זיך דא צו „קלויבט", ער קלייבט אוף, קלייבט צונויף די אלע, דאָס ער קאָן, אזויפל, וויפל ס׳לאָזט זיך.

XVII. [1]) „בייא" ציט זיך דאָ צום צווייטן „דיא" = „בייא דיא" = בא וועלכע, ד. ה. אַלע „בעלי־בתים". עלטערן פון די קינדער, וואָס ער איז בא זיי געווען. [2]) „בויבירייי" — שווינדל. זע: B I, 5.

ער הוט בֿור דינט זיין געלט מיט לייכֿירייא[3]:
גְנֻבַת יוֹם אונ׳ גְנֻבַת לַיְלָה:

XVIII

בתחילת הַלַּיְלָה הוב ער אן צו שרייאן ער וואלט
לאפן צו זיינר דיילה[1]:
זיא וואר קומן בֿון מַרְגֶער[2] אויף גימוצט[3]:
דא לֵיגט זיא זיך צו אים אונטר אין[4] וואר איין
גרוש גישטוק[5]:
וְלֹא קָרַב זֶה אֶל זֶה כָּל הַלָּיְלָה:

XIX

דען נֵירט[1] ער זיך דר בייא מיט זיינן ארטן[2]:
אונטר וויילן[3] מכֿט ער שקעטליך[4] אונטר וויילן
קארטן[5]:
דען האט ער גוֹים דיא אויף אין ווארטן:
ביז אין דער זינקדיק[6] לַיְלָה:

---

[3] „לייכירייא״ = מה״ד: leicherîe (Lexer), פרינה״ד leicherei = שווינדל, גנייווע.

XVIII. [1] „דיילה״ = Deinl, ארויסגערעט נאזאלירט: א פאַראַכטלעך וואָרט פאַר פרוי, בעערעך אזויווי אין וואָלין זאָגט מען: „אַ נקבה״. (Schmeller I, 573). [2] „מרגער״ — אן אָרט Malghera, גאָר נאָענט צו ווענעציע: Andree שרייבט דאָס אין זיין אטלאס: Marghera. דידאָזיקע דערקלערונג, אזויווי די דערקלערונגען פון די איטאַליענישע געריכט־אינסטאנצן אין דער סטראָפע XX האָב איך צו פאַרדאַנקן ד״ר א. לאַנדוי, ווין (אין א פריוואַט־בריוו). [3] „אויף גימוצט״ — אויסגעפוצט. [4] „אין״ = זיי; „אונטער אין״ = צווישן זיי. [5] „גישטוק״ פון Stutz אינעם עלטערן באגריף: שטויסעריי. די סטראָפע איז אויסנאמווייז געגראַמט לויט דער סכעמע: a b b a.

XIX. [1] נערט, [2] אַרט, אף זיין שטייגער. [3] „אונטער וויילן״ = אמאָל. [4] „שקעטליך״ — בא Schmeller (II, 482) — Die Scatel פון la scatola — שאַכטלען, קעסטלעך. פאַראַן בא פערעצן: „שקעטעלע״ פאַר טאַבעקע. [5] מיסטאָמע געמיינט: שפיל־קארטן. [6] זינקנדיקער, ביז שפעט אין דער נאַכט אריין. דער זין פון דער גאַנצער סטראָפע איז: פון פאַרנאָסע וועגן טוט אלערליי מלאָכעס, האָט געשעפטן מיט גויים אין דער שפעטער נאַכט; דאָס זאָל דאָס הייסן אזוי גוט ווי כאָשעדיקע געשעפטן.

XX

דען הוט ער צו קריגן[1] בֿור קאווי די שֶׁישְׁטִירֵי[2]:
בֿור לַה וָואגְרִיאַה[3] אונ׳ קוֹרְטֵי פוֹרֶישְׁטִירֵי[4]:
בֿור פִּיוִוִיגֵי[5] אונ׳ קַאטַווִירֵי[6]:
אונ׳ בֿור דען שְׁרִים בֿון דער לַיְלָה[7]:

XXI

דא גיבט ער מְסִירוֹת דש זיא אן איינם קלעבן:
אידרמן ווייש וויא ער מיט מַתִּית[1] הוט גיבֿוירט
איין לעבן:
אונ׳ דיא מְסִירָה דיא ער הוט קַלְמַן טֶערוּוִיז[2] געבן:
דש ער הוט גיהאבט מענכי בוּיזי לַיְלָה:

XXII

ער הוט זיא וואלן קריגן בֿון הוּבֿא[1] אונ׳ בֿון הויזא[2]:
ער מיינט עש ווערט אים שטעץ גֵין לער אויש[3]:

XX. [1]) „קריגן" — לאָדן זיך, פּראָצעסירן. [2]) „קאווי די שישטירי" פון איטעליעניש Capo de Sestiere. Sestiere האָבן געהייסן די 6 שטאָט־טיילן אין ווענעציע. יעדער טייל האָט געהאַט אף זיך דעם Capo de Sestiere, האָט געהאַט צו זאָגן אַגעוו אף יידן, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט קריסטלעכע פרויען און אף פּראָסטיטוציע ביכלאַל. [3]) „לה וואגריאה" — פון איטאליעניש Avvogadria אָדער la Avvogaria אַן אַמט פון אן Avvogadore, א הויכער באַאַמטער, וואָס האָט געהאַט צו שאַפן איבער שטראָפזאכן, שטרייטיקייטן צווישן מאַן און ווייב א. אז. וו. [4]) „קורטי פורישטירי" — פון איטאליעניש Corte del Forestiero, אן אמט, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן אף שטרייטיקייטן צווישן ווענעציאנער און פרעמדע אָדער צווישן פרעמדע. [5]) „פיוויגי" פון איטאל. Piovego אָדער officio del Piovego, Pioveghi, האָבן געהאַט צו זאָגן אף דער קרימענעלער און קאַנאל־פּאָליציי און אף וואָכער־זאכן. [6]) „קאטווירי" — פון איטאליעניש Cataveri, א ספּעציעלע געריכט־אינסטאנץ פאר יידן וועגן וואָכער־געשעפטן, אַרומטרייַבן באַנאַכט אין די גאַסן, פאר באַציִונגען מיט קריסטלעכע פרויען, פאַר ניט טראָגן דאָס רויטע יידנמיצל. [7]) „שריב בון דער ליילה" — איבערגעזעצט דאָס איטאליענישע Nobili אָדער Signori de notte, וואָס האָבן באַדאַרפט אכטונג געבן אף דער רו און זיכערקייט באַנאַכט.

XXI. [1]) א נאָמען. [2]) א בייַנאָמען נאָך א נאָמען פון א שטאָט אין איטאליע.

XXII. [1]) הויף. [2]) ער האָט זיי געוואָלט פארטרייבן פון הויף און הויז, א געוויסע פאָרמול אין דייטשן. [3]) עס וועט אים שטענדיק (שטעץ) אויסגיין ליידיק — ס'וועט אים אָפּלויפן גלאַט.

אוב זיא שון טושן[4]) אז איין מויז:
זיא ווערן אין איין מול דר שנאפן[5]) בייא
איינר לַיְלָה:

XXIII

אונ׳ ווערדן אים געבן זיין רעכֿטן לון:
אונ׳ ווען אין איינר העט הין גיריכֿט[1]) שון:
אין קיינם פאנצר דורפט ער ניט גֵין:
ער מוכֿט ליגן אויף זיין בעט אלי לַיְלָה[2])

XXIV

אונ׳ ווען איינר איין ואלש עֵדוּת וויל האבן:
זו איז ער בירייט בֿור איין עֵדוּת קנאבן[1]):
אַבְרַם ויצן[2]) דעם איז אך וואל צו גלאבן[3]):
אונ׳ קוסִילְיוֹ[4]) דער אים דיניט[5]) יוֹם וָלַיְלָה:

XXV

ווא[1]) ער זיך הוט בֿור טראגן מיט איינם קריכֿן[2]):
אז ור וואר זול ערש אים בעט ור זויכֿן:
מן זאך[3]) וויא זיא זיך מיט אננדר ור שליכֿן[4]):
ויתחרשו עָלָיו כָל הַלַיְלָה:

---

[4]) „טושן״ — tuschen = שווייגן. [5]) פּאַקן, כאפּן, זע XXVI B 6.

XXIII. [1]) „הין גיריכט״ פון hinrichten = מאכן מיט אים א סאָף, אומברענגען.
[2]) ער מעג רויִק שלאָפן, קיינער וועט זיך פאַר הילל׳ן ניט אָנעמען.

XXIV. [1]) אן איידעס־יינגל, אזוי ווי מע וואָלט בּאַ אונדז געזאָגט: א יאָר־איידעס.
[2]) א ביינאָמען ס׳קאָן הייסן: „פיצן״ אָדער „פעצן״. [3]) גלויבן. [4]) א נאָמען; די אלע נעמען זיינען מיסטאָמע גוט באקאנט געווען אין דער יידישער סוויווע אין ווענעציע.
[5]) דינט.

XXV. [1]) עפשער: „וויא״, [2]). א גריך. [3]) אימפּערפעקט פון „זען״: האָט געזען. [4]) מה״ד: slichen, סוידעסדיק אַרומטרייבן.

XXVI [1]

נון דש איך אויך די צייט וויל רעכֿט ור טרייבן...

XXVII [1]

דיא ערשט דיא האט ער איין גוטי וייל:
דש ער מיט איר גינג ניא [2] קיין מייל:
ער זאגט אומידער [3] ער העט ניט דר וייל[4]:
נוך בייא טאג נוך בייא לַיְלָה:

XXXI [1]

אונ׳ שטונדא אויף בֿור טאג איין גאנצי שטונד:
אונ׳ גאב דעם ויש איין גרושי וואונד[2]:
אונ׳ דרוקט אויש בלוט איין גאנץ פפונט:
אונ׳ שמירט מיט[3] דש לייליך בְּכָל יוֹם וְלַיְלָה[4]:

XXVI. [1] דידאָזיקע סטראָפּע און די ווייטערדיקע זיינען שוין דיזעלבע, וואָס B VI און ווייטער, די מײַסע מיט די דריי ווייבער, זע אריינפיר, סכעמע.

XXVII. [1] די געהעריקע סטראָפּע אין B (VII) איז דעפעקט. [2] קיינמאָל. [3] „אומי־דער" — נה"ד immerdar, בא Schmeller (76, I): immeder, immder, = שטענדיק, אלע־מאָל. אין די אלטע יידישע ביבל־איבערזעצונגען שטייט אין אַזאַ פֿאַל: „אלוועגן" (אף דעם העבר. „סלה"). „אימידאָר" האָב איך נאָך געפונען באַ אַקסענפעלדן אין „שטערנ־טיכל": „היינט און אימידאָר" = היינט און אלע מאָל. ד. לייבל האָט מיר געזאָגט (1925), אַז ער האָט דאָס וואָרט געהערט בא יידן אין גאַליציע. [4] ער האָט קיין צייט ניט.

XXXI. [1] אין B XI איז דידאָזיקע סטראָפּע דעפעקט. דער קאָפּיסט האָט דאָ אָנגע־שריבן דאָס ערשטע מאָל „שטונד" און האָט דאָס אָנגענומען פֿאַר דאָס צווייטע מאָל און איז אריבער צו „אונ׳ גאב". אזוינע זאכן טרעפן זיך בא אים אָפט אין באדלעיאנער מאנו־סקריפּט 1217, זע B XI,1, ער האָט דאָס נאָך געקאָנט טון דערפֿאַר, ווייל אָפּגעטיילט זיינען בא אים בלויז די סטראָפּעס, די פערזן שרייבט ער דורכאַנאַנד אין איין גאָס. [2] דאָס־דאָזיקע וואָרט איז אין B דורכגעלאָזט, מיסטאָמע האָט דער קאָפּיסט דאָס ניט געקאָנט אי־בערלייענען. אזוינע זאכן טרעפן זיך בא אים אויך אָפט, ווי איך האָב שוין געוויזן אין מיין ארבעט, „א געשריבענע יִדישע ביבליאָטעק" א. אז. וו. „צייטשריפט" № 1, ז. 144 פונקט 6. [3] „שמירט מיט" = שמירט דערמיט. [4] די ווערטער, „בכל יום ולילה" אויך דורכגעלאָזט אין B.

XXXVI

דר נוך צוך[1]) זיא צו איר מוטר גען[2]) ווײדן[3]):
וויא וואל זיא האט דאש גרוש לײדן:
דיא טרופּפֿין[4]) דיא וואר זער אין גרושר נוֹט:
זיא האט קײן געלט צו ציהן גין[2]) פורטיגווער[5]):

XXXVII

דר נוך צוך זיא אונ׳ ויל מיט דעם וואגן אים קוֹט:
אונ׳ דער טַחַת וואר איר אויף גידעקט[1]):
אז העט מן איר אין דרײן גישטעקט:
כּל הלילה[2]):

XXXVI. 1) „צוך" — אימפּערפעקט פון „ציען", זי האָט געצויגן, געפּאָרן. 2) קיין 3) אן אָרט, 4) די נאַרישע, זע B, X, 2, XV 5 5) אן ארט. וועגן דעם, אז דאָס איז א דעפעקטע סטראָפע, זע אין מיין „אריינפיר" פריער.

XXXVII. 1) דיזעלבע שורע בא אליהו'ן אין „בבא־בוך", 6b, „דען תחת טעטן זיא גע־גאן [= קעגן] אים אויף דיקאן" [= אופדעקן]. 2) דידאָזיקע סטראָפע איז אויך דעפעקט; זע מיין „אריינפיר".

באַמערקונגען

1) ס׳איז ריכטיק, וואָס איך האָב געבעסערט: „בלע“ (פּרעסער) אנשטאָט „בלה“ (סטראָפע V, שורע 1); „קייני“ אנשטאט „דייני“ (VI, 3); ס׳איז איבעריק דער ערשטער „ער“ אין VII, 1, און די גאנצע סטראָפע VII איז דעפעקט. מ׳דאַרף לייענען „יוצט“, ניט „בעט“ (VIII, 2). די סטראָפע XI איז דעפעקט; זע אין די „פראַגמענטן“ .XXXI C. מ׳דארף לייענען „ציטר יוא“ [צעטער יאָ.], ניט צעטערא (XIII, 1). נאָך „בון“ (XV, 1) פעלט א וואָרט (אין C: „איר“), „דר שנאפשט“ ניט „דר שאנפשט“ (XXVI, 4). ס׳איז ריכטיק אויסגעטייטשט דעם זין פון XXXII, 3 (אין .C LIV, 3) שטייט נאָך דאָס וואָרט „ניט“ נאָך „זולשטו“, איז שוין קלאָר). „גריט“ (= גערעט), ניט „גרייט“ אין XXXVII, 1 (אין .LIX C: „גירעט“). ס׳איז איבעריק דאָס ערשטע מאָל „גערן“ אין XXXVIII, 1 (אין .LX C, 1 איז דאָס נישטאָ. (אגעוו, שטייט דאָ דאָס וואָרט „איין“ נאָך „אבר“). „ווען אז“, ניט „ווער אזו“ (XXXIX, 1. אין .LXI C, 1: „ווען אז“): ריכטיק די עטי־מאָלאָגיע „ביטעצלט“ פון betätscheln ‏(XLII, 2, אזוי מיט „טש“ אנשטאָט „צ“, שטייט אין .LXIV C, 2).

ניט ריכטיק איז מיין אויסטייטש פאר „גיפרער“ („געבּרידער“ XVI, 1). ריכטיק האָט דאָס צוגעטראָפן ד״ר א. לאַנדוי (אין אַ פּריוואַטן בריוו צו מיר); ער לייגט פאָר צו לייענען „פארער“ = Fevrara, אן אָרט ניט ווייט פון ווענעציע, וואָס האָט יענע צייטן געהאט א היפּשע יידישע קעהילע. פאראן א צווייט אָרט, א דאָרף Fevrara, אָבער דאָס איז אין לאָמבאַרדיע, צו ווייט פון ווענעציע, און די מײַסע דארף זיך אָפּשפּילן אין און ארום ווענעציע. אין .XXXVIII C שטייט קלאָר: „גין פארער“. ניט ריכטיק, אז „אירן“ אין XLIV, 1 איז איבעריק, „אירן“; דאָרט דארף מען לייענען ehren, (אין .LXVI C: „אֵירן“) ניט ihren, דעמאָלט איז דאָס קלאָר, אָבער אף דעם פּע־לער האָב איך זיך שוין אליין געכאפּט, איידער איך האָב געקראָגן .C און דאָס פארבעסערט (זע די פארבעסערונגען צו B אין „צייטשריפט“ № 2). ניט ריכטיק, זעט אויס, איז מיין האשאָרע, אז עפּשער דארף מען לייענען „מישט“ אנשטאָט „מושב“ (XLIII, 3): אזוי: „מושב“ שטייט אין .C אויך (LXV, 3), אָבער „מושב“ גופע האָט אין אייניקע דיאַלעקטן דאָס באַטייט פון מיסט, אומרייניקייט (פארגלייך דאָס וואָרט „הקדש“); פאַראַן באַ פערעצן.

די סטראָפעס XLVII און LI לאָזן זיך מער ניט בעסערן: אין .C פעלן זיי.

2) וועגן דעם, אז דאָס איז געווען א זינג־ליד, — זע ווייטער.

3) געמיינט ע״ה, א קיצער פון דעם העברעיִשן קליינעם פּראַט: רע״ה 1514—1515, אף דער אייראָפּעיִשער דאַטע. אויספירלעכער דערפון שפּעטער אין טעקסט.

4) דער קעמברידזשער טעקסט איז ק י ר צ ע ר פאר דעם באָדלעיאַנער. דער ערשטער האָט 13 סטראָפעס, דער צווייטער — 25.

5) זע דעם סאָף פון מיין אַרבעט „א געשריבענע יידישע ביבליאָטעק“ א. אז. וו. אין „צייט־שריפט“ № 2. זע אויך, וואָס מאַקס עריק שרייבט וועגן דעם אין „צייטשריפט“ № 1 ז. 177—178.

6) די גענויע דאטע האָב איך צו פארדאנקען כ׳ מ. עריק (אין א פּריוואַט־בריוו). אגעוו, אין דעם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל אין „צייטשריפט“ זאָגט ער, אז דאָס פּאַסקוויל־ליד איז פארפאַסט פּורים (ריכטיקער: צו פּורים) רס״ט — 1509. מיר שיינט, אז ריכטיקער וואָלט געווען די דאַטע 1510, ד. ה. איבעראַיאָר, צום צווייטן פּורים. אין דעם ליד (באָדלעיאַנער טעקסט, סטראָפע 24) איז דערמאנט די „מלחמה“ מיט אירע גרוילן. די מילכאָמע איז אָבער מיסטאַמע געמיינט די, וואָס

עריק דערמאנט מיט דער דאַטע 1510, שוין נישט צו ריידן דערפון, וואָס פאר 4 טאָג, דערצו נאָך אין דער סריפּפּע-בעהאָלע, איז שווערלעך געלעגן אין זינען צו פארפּאַסן דעם פּאַסקוויל, ביפּראַט, אז אין דעם פּאַסקוויל איז נאָך פאראַן אן אָנצוהערעניש, אז אליהו בחור האָט שווער געליטן פון דער סרייפּע: בא הילל׳ן האט מען געפונען געגאנוועטע זאכן, האָט ער זיך פארופן, אז אליהו׳ס ווייב האָט זיי אים געגעבן. סאיז פאראן אפילע אן אָנצוהערעניש (סטראָפּע 13), אז אליהו איז געזעסן אין טורמע (אָבער ניט אָנגעוויזן, צי איבער דידאָזיקע זאַכן, אָדער איבער עפּעס אַנדערש).

7) די דאָזיקע האַשאָרע, דעם קאָנקורענץ-מאָטיוו, האָב איך אויך צומטייל צו פארדאנקען כ׳ מ. עריקן (אין א פּריוואַט-בריוו).

8) זע וועגן דעם די קאַפּיטלען וועגן דער שפּילמאַן-דיכטונג בא מ. עריקן אין דעם אריינפיר צום בוך „וועגן אַלט-יידישן ראָמאן און נאָוועלע״, ווילנע, 1926, ז. 17 א. וו.

9) זע וועגן דעם, אַגעוו, וואָס איך האָב געזאָגט אין דעם ערשטן טייל פון מיין ארטיקל „א געשריבענע יידישע ביבליאָטעק״ א. א. וו. אין צייטשריפט № 1, ז. 146.

10) זע די סטראָפּע 20 אין די „פראַגמענטן„ פון קעמברידזשער וואַריאַנט.

11) זע: D-r J. Lewy „Elia Levita und seine Leistungen als Grammatiker", Breslau 1388.
ז. 9. אף דעם קאָנפליקט צווישן אָרט און צייט האָט מיר אָנגעוויזן ד״ר א. לאנדוי (ווין) אין א פריוואַט-בריוו.

12) זע פריער דערמאנטן אויסדרוק אין „שמואל-בוך״.

13) די אלע ציטאַטעס פון דעם „בבא-בוך״ זיינען גענומען פון א מאַנוסקריפּט, בעערך פון מיטן 16 יאָרהונדערט, וואָס האָט אמאָל געהערט צו פאָרגעסן (לייפּציג), געפינט זיך איצט באם פארלעגער ב. האַרץ אין בערלין.

14) וועגן די אייגנטימלעכקייטן 1, 3 פון יידישן אויסלייג, וואָס מיר טרעפן אין יידישע מאַנוסקריפּטן, געשריבן אין איטאַליע, זע מיין אַרבעט „א געשריבענע יידישע ביבליאָטעק״ א. א. וו. אין „צייטשריפט״ № 1, (1926), באמערקונג 9, ז. 149. דאָ וויל איך בלויז דערמאנען, אז די זעלבע אייגנטימלעכקייטן טרעפן מיר אויך אין מאַנוסקריפּט פון דעם בבא-בוך.

15) „וו״ פאר „ב״ טרעפן מיר אויך אין דערמוזלבן בבא-מאַנוסקריפּט: „ווטעלער״, (בעטלער) „וויז״ (ביז), „וועשר״ (בעסער) א.א.וו. אַגעוו, אין בייערישע מאַנוסקריפּטן פון שפּעט-מיטלהויכ-דייטש טרעפן מיר אָפּט b פאר w און זעלטענער w פאר b.
זע: H Paul, Mittelhochd. Grammatik, X—XI. Aufl. Halle 1918, p. 53

16) געטאָן האָט דאָס עליאַס שאַדע אין זיין: Mysterium das ist geheimniss St. Pauli .. sodann auch ein gewisser Bericht von der teutsch-hebr. schrift, deren sich die Juden gebrauchen, Strassburg 1592. איז דערמאנט בא וויינרייכן „שטאפלען״, ז. 136.

17) אזוי האָט מען דאָס ארויסגערעדט און מ׳רעדט נאָך איצט אין די בייערשע מונדארטן (און אין אייניקע אנדערע), זע: Johann Nep. Schwälb „Die altbayerische Mundart, § 8, 3 אויך: J. A Sehmeller „Bayerisches Wörterbuch", München, 1872 אונטער די געהעריקע ווערטער.
„א״ פאר מ׳ה׳ד׳ ou טרעפן מיר אויך אין מאנוסקריפּט פון „בבא-בוך״: „לאפן״, „קאפן״ (koufen), „גלבן״ א. א. וו. דאָס זעען מיר שפּעטער אין די מעמואַרן גליקל פון האמעלן, זע ד״ר א. לאנדוי Die Sprache der Memoiren Glückels von Hameln אין די Mitteilungen der Gesellsch. f. jüdische Volkskunde, Heft VII, 1901 s. 35 און אין אנדערע יידישע שריפטן.

18) דאָס האָט שוין באמערקט (וועגן „שמות דברים״) מ. וויינרייך, זע „שטאפלען״, ז. 85—86. איך קאָן אָבער ניט באשטיין, אז דאָ האָבן מיר די עוואָליוציע, א מיטלשטאפל אין דעם איבערגאנג פון u צו i אין דער אויסשפּראך פון דעם נ״הד u-קלאנג בא פּויליש-אוקראַינישע יידן. ס׳איז נאָך, ערשטנס, ניט באוויזן, אז דער דאָזיקער ü איז בלויז א זאך פון דער יידישער פאָנעטיק יענע צייט; גיכער נישט. מ׳קאָן נאָך ניט וויסן, ווי אַזוי מ׳האָט דאָס געלייענט: ü אָדער

נעענטער צו i, וואָרעם אזוי (נעענטער צו i) רעדט מען ארויס דעם נה״ד ü, אשטייגער, אין בּייע־רישע דיאַלעקטן; אין XXV C. איז געגראמט „ור זויכן״ מיט „קריכן״, „ור שליכן״. מ׳דארף נאָך ווידער ווייזן, ווי אזוי האָט דידאָזיקע אויסשפּראַך בּא א קליינער גרופּע דייטשישע יידן אין אויבּעראיטאַליע געקאָנט ווירקן אף פּויליש־אוקראַיניש־יידיש. א פאַקט איז, אז אין די יידישע שריפטן פון 15־טן, 16־טן יאָרהונדערט, וואָס שטאַמען פון דייטשלאַנד, ד. ה. פון דאָרט, פון וואַנען ס׳איז געגאַנגען די יידישע עמיגראַציע קיין פּוילן, האָבּן מיר u ניט ü.

19) ארויסגערעדט האָט מען: „אַ״ (אָדער: „ע״) „אַן״ (אָדער: „ען״, ווען דאָס נאָענטסטע וואָרט הייבּט זיך אָן מיט א וואָקאל), אזויווי אין איצטיקן יידיש, אזוי ווי אין די דייטשישע דיאַלעקטן. פון דעם „המבדיל״ לאָזט זיך דאָס ניט באווייזן, אָבּער ס׳ווערט קלאָר, אַשטייגער, פון אַזא פאָרם ווי „איין ליין״ (אליין, allein), וואָס מיר טרעפן אין מאנוּסקריפּט פון „בבא־בוך״. דער קאָפּיסט האָט דאָ פאלש אַנאַלאָגיש אָנגענומען דעם „א״ פון „אליין״ פאַר א „פארקירצטער״ פאָרם פון ארטיקל „איין״ אזוי ווי ער איז דאָס געוווינט געווען צו באַנעמען דאָרט, ווו „א״ איז בּעעמעס געווען דאָס אומבאַשטימטע ארטיקל, און די שריפט־טראַדיציע איז געווען, אז דאָס אומבאַשטימטע ארטיקל „א״ דארף מען שרייבּן: „איין״.

קיעוו, 15/V 1927.

א. גורשטיין

דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די 60-ער יאָרן

(שטריכן)

„מיר ...האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור... אין דער וועסנע-צייט״...

מענדעלע. 1888.

I

דעם 12 (24) נאָיאַבער 1864 האָט זיך אַף די שפּאַלטן פון „קול מבשר״ באַוויזן דער אָנהייב פון אַן אַנאָנימער דערציילונג „דאָס קליינע מענשעלע אָדער איין לעבענסבעשרייבונג פּין יצחק אברהם תקיף״. דערדאָזיקער דאַטע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז באַשערט געווען צו ווערן אויך א פאטאַלע דאַטע אין דער ביאָגראַפיע פונעם יונגן מעכאַבער, פון איינעם אַ בערדיטשעווער מאַסקיל, שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען באַקאַנט אין די מאַסקילישע קרייַזן אַלס אַ העברעישער שריפטשטעלער.

ס'איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור דער יונגער מענדעלע. ער איז געקומען אַהער מיט אַ גרויסער יערושע פון „גרסא דינקותא״, נאָך אַ געוויסן דורכגעמאַכטן וועג... און דער, וואָס וויל באַנעמען דעם יונגן מענדעלע, טאָר בעשום אויפן ניט פאַרבייַגיין דעם „פרע־היסטאָרישן״ מענדעלע, דעם מענדעלע. וואָס האָט „אָפּגעריכט גאָלעס״ אין דעם מאַסקי־לישן לאָשנקוידעשדיקן „עמפּיריי״[1]... מע טאָר ניט פאַרבייגיין דידאָזיקע מענדעלעס „לערן־יאָרן״ דערפאַר, וואָס דאָס איז ניט קיין דעטאַל פון זיין פערזענלעכער ביאָגראַפיע, נאָר אַ וועג פון אַ גאַנצער אינטעליגענטישער שיכט.

נאָר אין אונדזער איצטיקער אַרבעט שטרעבן מיר לאַכלוטן ניט אויסצושעפּן די אַלע פראַגעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פונעם יונגן מענדעלע. באַהאַנדלען דעם גאַנצן סכום פראַגעס, וואָס גרופּירן זיך אַרום דערדאָזיקער פּראָבלעם, איז ביז גאָר אַ גליק־לעכע טעמע פאַר אַ גרויסן און ברייטן שטודיום. מיר ווילן דאָ בלויז אָנצייכענען איינצלנע מאָמענטן, וואָס פאַרבינדן דאָס שאַפן פונעם יונגן מענדעלע מיט דער יידישער ליטעראַטור פון זיין צייט און וואָס באַשטימען זיין אָרט אין איר. דערביי דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן, אַז מענדעלעס שאַפן ווערט דאָ גענומען בלויז אין האָריזאָנטאַלן אַספּעקט פון זיין דיכטערישער יוגנט, אָן דער פּערספּעקטיוו פון דעם קומענדיקן „רייַפן״ מענדעלע. ווייַל אונדז אינטערע־סירט אַצינד דאָס שאַפן פונעם יונגן מענדעלע, אלס אַ רינג אין דער „ליטעראַרישער טראַ־דיציע״ פון יענער צייַט, דאָס שאַפן פונעם יונגן מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די זעכציקער יאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, צו וועלכע עס געהער, און ניט מענדעלעס עוואָליוציע בּיכלאַל באַשעפטיקט אונדז אין דער איצטיקער אַרבעט[2].

1 דער יונגער מענדעלע האָט דאַן נאָך געהייסן „ה א ב ר ך המשכיל שלום אַבראַמאָוויטש״, לויט דער פּאָר־מולירונג פון א מוידאָע אין „המליץ״ (זע י. נוסינאָוו, אָן אָפּגעווישטער פראַט פון מענדעלע-סטיל: „דער עמעס״, 1928, נום. 21).

2 אָט פאַרוואָס מיר באַהאַנדלען ניט אין אונדזער אַרבעט, וועלכע מאָמענטן אינעם שאַפן פונעם יונגן מענדעלע זיינען פאַרבליבן באַם שפּעטערדיקן מענדעלע, און וואָס האָט זיך אין זיי געביטן.

צום אַנאַליז ווערן באַ אונדז צוגעצויגן מענדעלעס בעלעטריסטישע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין די 60־ער יאָרן:

1. „דאָס קליינע מענשעלע" (אָדעסאַ, 1865). דער טעקסט איז דאָ אינגאַנצן אידענטיש מיטן לעכאַטכילעדיקן טעקסט, וואָס איז געדרוקט אין „קול מבשר" (1864—1865).

2. „דאָס ווינטשפינגערל" [וואַרשע, 1866][3]

3. „פישקע דער קרומער" (זיטאָמיר, 1869)[4]

און דאָס ערשטע, וואָס מיר ווילן פעסטשטעלן באַם יונגן מענדעלע, איז עס דאָס „טראַדיציאָנעלע", דאָס „קאַנאָנישע", וואָס לאָזט זיך פילן אַף שריט און טריט אין זיין שאַפן.

II

דאָס „קאַנאָנישע" באַם פרייִקן מענדעלע, דאָס „טראַדיציאָנעלע" לאָזט זיך פריער פאַר אַלץ צו באַצייכענען אין זיין שפּראַך. אין דעם לעקסיקאָן פונעם פרייִקן מענדעלע וואַרפן זיך גלייך אין די אויגן די פּילצאָליקע — אַף אונדזערע איצטיקע מאָסן — „סלאַוויזמען"[5]. וואָס דאַרף עס פאַר אונדז באַטייטן? ס'זיינען, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, ניט גערעכט די, וואָס ווילן האָבן, אַז דערין, אין דערדאָזיקער פילצאָליקייט פון „סלאַוויזמען", איז שולדיק מענדעלע דער מאַסקיל, וואָס „האָט זיך ניט געהיט פאַר קיין רוסיש וואָרט"[6].

3 אַף דער אויסגאַבע איז ניט אָנגעוויזן ניט די שטאָט, ניט דאָס יאָר, ווי אויך עס איז ניטאָ קיין צענזור-דערלויבעניש. די שטאָט איז אָבער גרינג צו באַצייכענען, ווייל עס איז אָנגעוויזן דער נאָמען פון דרוקעריי „בדפוס החדש של ר' יוסף לעבענזאָהן": דאָס איז אַ וואַרשעווער דרוקעריי, ווו מענדעלע האָט געדרוקט אויך זיין העברעיִש ווערק „למדו היטב" (1862). דאָס יאָר אָבער פון דער אויסגאַבע ווערט באַצייכנט פון פאַרשידענע פאָרשער פאַרשידן. דר. מ. וויינרייך, וועלכער האָט געגעבן די ערשטע גענויערע באַשרייבונג פון דער אויסגאַבע (דר. מ. וויינרייך, 60 יאָהר מענדעלע מוכר ספרים: „די צוקונפט", 1924, נומ. 10), דאַטירט זי מיטן יאָר 1865. ז. רייזען (זע זיין „לעקסיקאָן" 2-טע אויסגאַבע, ערשטער באַנד, שפּאַלט 16) ווייזט אָן אַלס דאַטע 1864. י. נוסינאָוו (זע זיין גרעסערע אַרבעט וועגן די מענדעלע-וואַריאַנטן „פון בוך צו בוך" אין דער מינסקער „צייטשריפט", באַנד II—III) ווייזט אָן אַמאָל 1864, אַמאָל 1865. נ. שטיף (זע זיין אַרטיקל „וועגן אייניקע זאַצן-פאַרבינדונגען באַ מענדעלען", „די יידישע שפּראַך", 1927, נומ. 7, שפּאַלט 36) דאַטירט „דאָס ווינטשפינגערל" מיטן יאָר 1865.

מיר האַלטן, אַז דיביידע דאַטירונגען (העך 1864, העך 1865) זיינען ניט ריכטיק. די דאַטע 1864 פאַלט אָפּ באַלד נאָכן ערשטן באַקאַנען זיך מיט דער אויסגאַבע, ווייל אי אַף דעם שאַרבלאַט, אי אין דעם טעקסט גופא פיגורירט דאָ מענדעלע שוין אַלס „דר מחבר פון דעם קליינעם מענטשעלע", ד. ה. דאַטירן „דאָס ווינטשפינגערל" מיט א פריערן יאָר, איידער 1865 (ווען עס איז דערשינען „דאָס קליינע מענשעלע") טאָר מען נישט. אָבער דאָס גענויערע באַקאָנען זיך מיטן טעקסט פרעגט אָפּ אויך דידאָזיקע דאַטע. שוין אַף דער ערשטער זייטל פון „דאָס ווינטשפינגערל" ווערט געזאָגט, אַז די האַנדלונג הייבט זיך אָן „פּ אַ ר א י אָ ה ר ע ן ז ו מ ע ר (תרכ"ה)", הייסט דאָס, אַז די מייַסע איז געשריבן תרכ"ו, און אין דער צווייטער העלפט יאָר (ד. ה. אין 1866), ביפראַט אַז ווייטער (ז. 8) ווערט דערציילט, אַז די לעצטע באַגעגעניש צווישן מענדעלע מויכער-ספאָרים מיטן „דייטשל" איז פאָרגעקומען „אויף היינטיגען חנוכה". אויך אַף דער ז. 11 זאָגט מענדעלע, אַז „רעב לעמעל [געמיינט א. צעדערבוים]... האָט מיר ערסט פּ אַ ר א י אָ ה ר ע ן זעהר מיאוס אָנגעפייפט אין א מעשה אַריין [געמיינט „דאָס קליינע מענשעלע"]".

מיר דאַטירן דעריבער די ערשטע אויסגאַבע פון „דאָס ווינטשפינגערל" מ י ט ן י אָ ר 1866. מיר קאָנען זיין נאָך פּינקטלעכער און זאָגן, אַז „דאָס ווינטשפינגערל" איז דערשינען אין דער ערשטער העלפט 1866, ווייל אין „המליץ", 1866, נומ. 26 (נומ. פון 7/19 יולי), שרייבט א. צעדערבוים וועגן מענדעלען (זע שפּאַלט 403), אַז יענער „הרשה לעצמו לצחק בנו" (האָט דערלויבט זיך אָפּלאַכן פון אונדז), און דאָ מיינט צעדערבוים געוויס מענדעלעס שאַרפע אַרויסטרעטונג קעגן אים אין „דאָס ווינטשפינגערל", ווו מענדעלע האָט אים גאַנץ בוילעט אַרויסגעפירט אין דער פיגור פון דעם פאַרלעגער „רעב לעמעל".

4 „די טאַקסע" שליסן מיר אויס פון אונדזער אַנאַליז צוליב דער ספּעציפישקייט פון איר „דראַמאַטישער" פאָרם, קעדיי צו פאַרבלייבן אין די גרענעצן פון איין זשאַנר.

5 מיר האָבן ניט צו וואָס אין אונדזער אַרבעט דיפערענצירן די באַזונדערע „סלאַוויזמען" באַ מענדעלען לויט זייער אָפּשטאַמונג: רוסישע, אוקראַינישע א. אז. וו. מיר וועלן דעריבער באַנוצן דעם אַלגעמיינעם באַגריף „סלאַוויזמען".

6 י. נוסינאָוו, פון בוך צו בוך (צו דער געשיכטע פון די מענדעלע-וואַריאַנטן): „צייטשריפט", מינסק, 1928, באַנד II—III, זע שפּאַלט 433.

אַדעראַבע, ס׳איז שוין גיכער גערעכט באַל־מאַכשאָוועס, וועלכער זעט גראָד אין מענדעלעס „מאַסקיליזם״ דעם מאָקער פון מענדעלעס באַרימטן „פּײַלן״ די שפּראַך. די סלאַווישע „סטי־כיע״ באַם פּרײַקן מענדעלע קער זיך ניט אָן מיט מענדעלעס מאַסקילישקייט. אַפּן פאָן פון אונדזער דעמלטיקער ליטעראַטור זעען אויס מענדעלעס „סלאַוויזמען״ ווי אַ כאַראַקטע־ריסטישער קען־צייכן פון אונדזער דעמלטיקער „טראַדיציע״, סיי אין דער ליטעראַרישער, סיי אין דער גערעדטער שפּראַך, באַזונדערס אין דעם דאָרעמדיקן דיאַלעקט, באַ די „וואָ־לינער״ [7]. כּוֹץ די ליטעראַרישע ווערק פון מענדעלעס צייט־כאַווײרים, האָבן מיר אין דעמ־דאָזיקן פּראַט אַזאַ אויסגעצייכנטן און באַגלויבטן איידעס, ווי דער מערקווירדיקער לעקסי־קאָגראַף פון יענער צייט י. מ. ליפשיץ, וואָס האָט צוזאַמענגעקליבן אין זײַנע באַקאַנטע ווערטערביכער אַ באַדײַטנדיקן וואָרט־אוֹיצער פון דעמלטיקן פאָלק־יידיש.

דער „סלאַווישער עלעמענט״ אין מענדעלעס לעקסיק אַנטשפּרעכט דער אַלגעמיינער שפּראַכלעכער טענדענץ פון יענער צייט, דער טענדענץ, וואָס האָט געלאָזן (אין דער גע־רעדטער, ווי אין דער ליטעראַרישער שפּראַך) אָפענע טירן פאַר דער סלאַווישער שפּראַך־סטיכיע [8]. אין דעם פּראַט בלײַבט דער פּרײַקער מענדעלע אינגאַנצן טרײַ דעם „טראַדיציאָנעלן״, דעם אָנגענומענעם.

אַריבערגייענדיק איצט פונעם באַזונדערן וואָרט צום גאַנצן זאַץ, זעען מיר, אַז באַם בויען דעם זאַץ קומט דער פּרײַקער מענדעלע אויך אָן צום פאַרטיקן, איינגעפונדעוועטן, קאַנאָניזירטן אויסדרוק און ריידנאַרט. פּונקט ווי עס לאָזט זיך ריידן וועגן „טראַדיציאָנע־לער״ לעקסיק באַם פּרײַקן מענדעלע, לאָזט זיך עס באַצייכענען אויך דאָס „טראַדיציאָ־נעלע״ אין זײַן פּראַזעאָלאָגיע, ווו גאַנצע פּראַזע־שטיקער זיינען גענומען פונעם געוויינלעכן געברויך אין דער אומגאַנג־שפּראַך.

דער פּראַזעאָלאָגישער קאַנאָן אין זײַן גאַנצער ברייט לאָזט זיך בוילעטער פאַר אַלץ שפּירן אין דעם געברויכן דאָס שפּריכוואָרט: [9]

1) פּײַן על חטא ווערט מען נישט פּעט (ק. מ., 34)

2) האָסט דוא געלד, האָסט דוא דיא וועלט אונ יענע וועלט (ק. מ., 37)

3) אַז עס איז ניטאָ קיין מזל העלפט גאָר ניט קיין חכמות (פ. ק., 11)

4) אַז עס איז גוט וויל מען נאָך בעסערס, אַז מען האָט ברויט וויל מען קיי־לעטש (פ. ק., 25)

ניט אומעטום, עמעס, שפּילט דאָס שפּריכוואָרט באַם פּרײַקן מענדעלע דיזעלבע ראָליע: אין „דאָס קליינע מענשעלע״, לעמאָשל, באַנוצט מענדעלע דאָס שפּריכוואָרט פיל אָפטער איידער אין „פישקע דער קרומער״. דער „קאַנאָניזירטער״ אויסדרוק (ריידנאַרט) אָבער איז אַ שטענדיקער באַשטאַנד־טייל אין מענדעלעס פּראַזעאָלאָגיע:

---

7 אין דעם פּראַט איז זייער אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן דיקן (פון די 60-ער יאָרן), פון איין זייט, מיט דעם פּרײַקן מענדעלע און ליגעצקין, פון דער צווייטער. דער אויבנויפיקער פאַרגלייך ברענגט אונדז צום אויספיר, אַז באַ דיקן האָבן מיר ווייניקער „סלאַוויזמען״.

8 מע דאַרף נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז עס האַנדלט זיך באַ אונדז הויפּטזאַכלעך וועגן דאָרעם־יידיש. דער באַגריף „ליטעראַרישע שפּראַך״, אויב מע האָט אין זינען יענע צייט, איז געוויס קוילעל אין זיך סימאָנים פון לאָ־קאַלישקייט: אויסמאָרשן די פאַרהעלטענישן צווישן דער דעמלטיקער ליטעראַרישער און גערעדטער שפּראַך איז זייער אַ דאַנקבאַרע אופגאַבע.

9 די ציטאַטעס, וואָס מיר ברענגען ווייטער אין אונדזער אַרבעט, זיינען בלויז איינצלנע כאַראַקטעריסטישע מוסטערן, וואָס דאַרפן נאָר איליוסטרירן אונדזערע באַהויפּטונגען. מיר שטרעבן דאָ ניט אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

אַלע ציטאַטעס ווערן דאָ געבראַכט אין דער אָרטאָגראַפיע פונעם אָריגינאַל. דערביי וועגדן מיר אָן פאָלגנ־דיקע פאַרקירצונגען: ק. מ.—„דאָס קליינע מענשעלע״ (1865); וו.—„דאָס ווינטשפינגערל״ (1866); פ. ק.—„פישקע דער קרומער״ (1869). די ציפערן נאָך די ציטאַטעס באַצייכענען די זייטלעך.

5) לאָז ער מיך רופען קנאַקניסעל (ק. מ., 36)
6) אויף סים סאָט כפּרות (ק. מ., 43)
7) אין געהאַקטע וואונדען (פּ. ק., 12)
8) ניט געשטויגען ניט געפלויגען (פּ. ק., 21)

דאָסדאָזיקע צעטל קאָן פאַרלענגערט ווערן אָן אַ שיר. אַ באַזונדער גרופּע צווישן די־דאָזיקע „קאַנאָניזירטע" אויסדרוקן באַטרעפן „קאַנאָניזירטע", שטענדיקע צווישן־זאַצן אָדער איינצלנע צווישן־ווערטער[10], וואָס פיקסירן דעם דערציילערס באַציִונג צום איניען:

9) דער אָבמאַנאָוועד דרוקער עליו השלום (פּ. ק.,1)
10) איהר האָט איצט אָהן עין־הרע גאָר דעם גוטען שווייס (פּ. ק., 14)
11) איך בין, ניט היינט געדאַכט געפאַלען (פּ. ק., 15)
12) ר' אַלטיר איז נעביך געבליבען ליגען (פּ. ק., 12)

די אַלע פאַרצייכנטע דערשיינונגען בילדן אינײנעם אַן איינהייטלעכן פּראַזעאָלאָגישן שטראָם, וואָס נערט מענדעלעס זאַץ. אָבער באַגלייך מיט דעמדאָזיקן מעכטיקן שטראָם ריזלט נאָך אַ שטראָם, וואָס איז פיל שוואַכער פאַרן ערשטן, אָבער וואָס שפּילט אַ געוויסע ראָליע אין דער פּראַזעאָלאָגיע פונעם פריִיקן מענדעלע. דאָס איז דער העברעיִשער פּראַזעאָלאָגישער מאַטעריאַל[11].

אַז מיר גייען צו צום העברעיִשן מאַטעריאַל, דאַרפן מיר פריער פאַר אַלץ אויסטיילן דעם „פּאָסעק" (מיר פאַרשטייען דאָ „פּאָסעק" ברייט גענומען, אַלס ציטאַטע ביכלאַל, זאָל עס זיין פון טאַנאַך, געמאָרע, סידער א. אז. וו.). אין העברעיִש פאַרנעמט דער „פּאָסעק" אין פּראַזעאָלאָגישן פּראָט — mutatis mutandis — דעמזעלבן פּלאַץ, וואָס אין יידיש דאָס שפּריכוואָרט. צום „פּאָסעק", אַלס אַזעלכן, קומט אָבער דער פריִיקער מענדעלע אָן זעלטן[12], ער נוצט מערסטנטייל דעם געבראָכענעם „פּאָסעק", ד. ה. באַזונדערע העברעיִשע אויסדרוקן, וואָס אָדער זיי שטאַמען פון דעם „פּאָסעק" אָדער זיי זיינען אים סטיליסטיש נאָכגעמאַכט. אָט זיינען ביישפּילן:

13) ויהי היום (ק. מ., 11)
14) גירסא דינקותא (וו., 24)
15) לא יעלה ולא יבוא (וו., 32)
16) בעוונותינו הרבים (פּ. ק., 3)
17) אומה ולשון (פּ. ק.,7)

אָט פון די צוויי „קאַנאָנען", יידישן און העברעיִשן, שעפּט מענדעלע זיין פּראַזעאָלאָגישן מאַטעריאַל. ס'איז קלאָר, אַז די ביידע „קאַנאָנען" האָבן אַ פאַרשיידענע סאָציאַלע נאַטור: דעם העברעיִשן „קאַנאָן" האָט מענדעלע מיטגעבראַכט פון דער לאַמדאָניש־אינטעליגענטישער סוויווע, פון וועלכער ער איז געקומען. נאָר דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ סימען פון אָפּשטאַמונג, אַ מין מיטגעבראַכטער שפּראַך־אַקצענט, וואָס לאָזט צייטנווייז דערקע־

10 צווישן-זאַצן און צווישן-ווערטער מיינט דאָ вводные предложения און вводные слова.

11 די באַזונדערע העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן („עליו השלום" א. אז. וו.), וואָס גייען אריין אין די פריער-געבראַכטע ביישפּילן, זיינען שוין אינגאַנצן נאַטוראַליזירט אין דער יידישער שפּראַך, און דעריבער ווערן זיי בײַ אונדז ניט אויסגעטיילט באַזונדער פון דעם אַלגעמיינעם יידישן פּראַזעאָלאָגישן שטראָם, וואָס מיר שטעלן דאָ איין.

12 באַזונדער דאַרף געשטעלט ווערן דער „פאַרטייטשטער פּאָסעק", ווי דער „פּאָסעק" ווערט פאַראָדירט. טעוויע דער מילכיקער האָט שפּעטער באַרימט געמאַכט דידאָזיקע „טייטשן", אָבער געוויס איז עס ניט בלויז טעוויעס אייגנשאַפט: דאָס איז אַ פאַרשפּרייטע פאָלקסטימלעכע אייגנשאַפט, וואָס געפינט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין יידישן פאָלקלאָר. דער פריִיקער מענדעלע, ווי אַנדערע זיינע ליטעראַרישע צייט-כאַווירים, נוצט ניט איינמאָל דעם „פאַר-טייטשטן פּאָסעק".

נען אין מענדעלען דעם גער. אין אַלגעמיין ווערט דער „העברעיִשער" עלעמענט פֿאַרזונקען באַ מענדעלען אין דער ברויזנדיקער פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך־סטיכיע. און אין דעם פּראַט איז דער יונגער מענדעלע געווען גלייך צו זיינע ליטעראַרישע צייט־כאַווירים: זייער טריי־קייט דער שפּראַכלעכער „טראַדיציע", זייער נאָענטקייט צו דער גערעדטער שפּראַך איז געווען איינער פֿון די הויפּט־סימאָנים אויך פֿון דער דעמלטיקער ליטעראַרישער „טראַדי־ציע", וואָס האָט זיך אַזוי צעבליט אין די זעכציקער יאָרן פֿון דעם פֿאָריקן יאָרהונדערט, אין דערדאָזיקער „וועסנע־צייט" פֿון דער יידישער ליטעראַטור[13].

III

נאָר עפּשער בוילעטער ווי אומעטום טרעט אַרויס די „טראַדיציאָנעלקייט" פֿונעם פריִיִקן מענדעלע אין די סטיליסטישע מיטלען זיינע, אין דעם עפּיטעט, אין דער מעטאַפֿאָרע, אין דער פֿאַרגלייכונג. פּונקט אַזוי ווי אין פּראַט פֿון לעקסיק, גייט אויך אין סטיליסטיק ביכלאַל די ליטעראַרישע „טראַדיציע" פֿון יענער צייט האַנט באַ האַנט מיט דער שפּראַכלעכער, ד. ה. די סטיליסטישע מיטלען אירע באָרגט די ליטעראַרישע „טראַדיציע" מערסטנטייל פֿון דער שפּראַך גופא.

איז מוזן מיר טאַקע בענעגייע, לעמאָשל, צום עפּיטעט באַם פריִיִקן מענדעלע קאָנ־סטאַטירן, אַז דער פריִיִקער מענדעלע (באַגלייך מיט זיינע ליטעראַרישע צייט־כאַווירים) איז אין אַלגעמיין עפּיטעטלאָז[14]. פֿאַרשטייט זיך, „עפּיטעטלאָז" אין סטיליסטישן באַ־טייט, ווייל זיינע „עפּיטעטן" זיינען מערסטנטייל אָדער בלויז, אַזוי צו זאָגן, „סטאַטיסטי־שע", קאָנסטאַטירנדיקע „עפּיטעטן", וואָס זיינען אייגנטלעך ניט קיין עפּיטעטן, נאָר פֿאָ־שעטע אַטריבוטן:

18) איין אַלטע שקאַפֿע, אַ הויכע אַ דאַרע מיט אַ קרעטציגען אָנגעביסענעם רוקען גאָלע אייטער, מיט גרויסע אויערן און אַ קאָלטענעוואַטע גריווע (פּ. ק., 4—3),

אָדער דער עפּיטעט מענדעלעס איז אַ „טראַדיציאָנעלער", אַן אָנגענומענער אין דער שפּראַך גופא, אַ „שטענדיקער":

19) דיא זיסע ריחות (פּ. ק., 23)

20) אַ שוואַרצע חמארע (פּ. ק., 36—35)

21) אַזאַ גוטע אַזאַ טהייערע נשמה (פּ. ק., 36)

22) אויף מיר ביטערע קאַלעקע (פּ. ק., 38)

---

[13] אַ באַזונדערע ליטעראַרישע „טראַדיציע" האָט קולטיווירט דאָס פֿאַקנטרעגערישע מוסער־און מייַסע־ביכל, אַ טראַדיציע, וואָס האָט אייגנטלעך געשטאַמט נאָך פֿון טייטש־כומעש און מיטלעלטערלעכער מייַסע־ליטעראַטור. וואָס זשע איז שייַעך צו אייזיק־מייער דיקן, דאַרף מען אים אומבאַדינגט באַטראַכטן אַלס רינג אין דער נייער פֿאָלקסטימלעכער טראַדיציע (אין קעגנזאַץ צו דער אַרכאַיִשער פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון דער מוסער־און מייַסע־ליטעראַטור), צו וועלכער עס געהערט דער יונגער מענדעלע אָדער לינעצקי. ז. רייזען (זע זיין „לעקסיקאָן", 2־טע אויסגאַבע, ערשטער באַנד, שפּאַלט 724) איז בעפּיירעש גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אין דיקס „ערשטע ווערק איז אויך זיין שפּראַך אַ ריינע און אַ פֿאָלקסטימלעכע". מיר האַלטן, אַז דיקס „דייטשמעריזמען" (מיר האָבן אין זינען זיינע פריִיִקע ווערק פֿון די 60־ער און אָנהייב 70־ער יאָרן) זיינען בלויז, אַזוי צו זאָגן, גראַפֿישע דייטשמעריזמען: די קאָלערליי „וואַר" און „ווערדע" זיינען אַ מין סטיליסטישע אָרטאָגראַפֿיע, און דער פֿאָשעטער לעזער האָט אָן שוועריקייטן געלייענט עס ווי פּראָסט־יידיש. פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַרכאַיִשע „טראַדיציע", וועגן וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט, איז ניט געגאַנגען גאָר אָפּגעשיידט, און זי האָט זיך אָפּט איבערגעקרייצט מיט דער נייער פֿאָלקסטימלעכער „טראַדיציע", אַפֿילע אין מענדעלעס קונסט אויך.

[14] אַ געוויסע פּאַראַלעל דערצו געפֿינען מיר אין יידישן פֿאָלקלאָר, זע וועגן דעם י. גאָלדבערגס אינטערעסאַנטע אַרבעט „באַמערקונגען וועגן פּאָעטישן שטייגער פֿון יידישן פֿאָלקליד" אין „צייטשריפֿט", מינסק, 1926, בוך I.

אַף וויפל דער עפּיטעט איז דאָ אַ „שטענדיקער“, אַ „צוגעבונדענער“, איז צו זען דער־פון, וואָס אין „דאָס קליינע מענשעלע“ האָט דער רעבע אַ „שוער ביטער האַרץ“ (ק. מ., 12), און אין „פישקע דער קרומער“ האָט „איהר שווער ביטער האַרץ“ סיי דאָס האָרבאַטע מיידל (פ. ק., 41—40), סיי דעם מיידלס מוטער (פ. ק., 33).

מיט די אייגענע שטריכן קאָן מען כאַראַקטעריזירן אויך די פאַרגלייכונג באַם פרײַיקן מענדעלע: ווי דער עפּיטעט, איז אויך די פאַרגלייכונג בא אים מערסטנטייל אַ „שפּראַכלעכע“, גענומען פונעם אַלגעמיינעם געברויך:

23) רויט ויא אַ צוויק (פ. ק., 4)

24) רויט ויא איין אינדיק (ק. מ., 17)

25) קליין ויא אַ פלויה (ק. מ., 27) [15]

איז עס דעריבער נאַטירלעך, וואָס איינע און דיזעלבע פאַרגלייכונג כאזערט זיך אָפּט־מאָל איבער באַם פרײַיקן מענדעלע אין פאַרשיידענע ווערק:

26) צוגעטשעפּעט אַזוי ויא אַ זלידנע (ק. מ., 16)

27) זיך צוטשעפּען ויא אַ זלידנע (פ. ק., 26)

28) זיין פנים איז געוועזען רויט אויס געפּריהעט ויא אַ צימעס (ק. מ., 19)

29) דיא פּענימליך זייערע זענין געוועזען אויס געפּריעט ויא א צימעס (וו., 22).

און אָפטמאָל ווענדעט מענדעלע אָן איינע און דיזעלבע פאַרגלייכונג באַ גאָר פאַרשיי־דענע אומשטענדן. אַזוי:

30) מיין פערדיל... סאָפּעט ויא אַ גאַנז (וו., 2)

און אויך רעב אַלטער—

31) האָט געסאָפּעט ויא אַ גאַנז (פ. ק., 5) [16]

דאָס וואָרט „סאָפּעט“ שלעפּט שוין נאָך זיך מיט די פאַרגלייכונג „ווי אַ גאַנז“. מיר האָבן דאָ פּאָשעט צו טון מיט פּאַרטיקן פראַזעאָלאָגישן מאַטעריאַל. גאָר בולעט זעט זיך אָן דער פראַזעאָלאָגישער כאַראַקטער אין די פאַרגלייכונגען, וואָס שטאַמען פונעם גלייכוואָרטל:

32) איך... ליעג צולעגט..., ויא באַ דעם טאַטען אין ויינהויז (ק. מ., 28)

33) געלעבט ויא גאָט אין פראַנקרײַך (פ. ק., 30)

אי דער עפּיטעט, אי די פאַרגלייכונג זיינען דאָ, ווי מיר זען, אין טאָך אַריין, ניט קיין קינסטלעריש־סטיליסטישע, נאָר שפּראַכלעכע קאַטעגאָריעס. דאָס „מעטאַפאָרישע“, וואָס ס׳איז אין זיי פאַראַן, איז מעטאַפאָריש בלויז געשיכטלעך, אָבער פאַרן לעזערישן באַוווסטזיין איז עס „פאַרגליווערט“ פונעם שטענדיקן געברויך אין פאָלקס מויל. און דאָס איז שוין ניט אָפּ־צושיידן פון דער אַלגעמיינער לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע, וואָס שטאַמט פון איין מעכטיקן קוואַל, פון איין מאָקער, פון דער לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך.

די ברייטערע מעטאַפאָרע האָט דאָ אויך אין אַלגעמיין דיזעלבע סימאָנים פון „טראַדי־ציאָנעלקייט“. דאָס איז אָדער די מיַיסעדיקע „טראַדיציאָנעלקייט“ פון אַזאַ מעטאַ־פאָרע, ווי —

34) אין אַ קליין שטיבעלע וואָס שטעהט אויף היהנערשע פיסליך (פ. ק., 35),

[15] פונקט ווי די „פלויה“, איז דאָ אַ געוויינלעכער אָביעקט צום פאַרגלייכן אויך די „וואַנץ“: „אָט דיא מקבלים... זענין היינט ויא דיא וואַנצען פול אין אַלע הייזער“ (פ. ק., 32). צום פאַרגלייך זע באַ דיקן: „אונ־זערע אידעשע קינדער... האָבין... גילעבט ויא אַוואַנץ אויף דעם וואַנט“ („דיא צווייא אונגלייכע ברידער מאָטקע אונ הערשקע“, ווילנא, 1873, זע ז. 9).

[16] פון דעמזעלבן טיפּ זיינען אויך די פאַרגלייכונגען באַ א. מ. דיקן: „ביטר ווי גאַל“, „זויער ווי עסיג“ („דער גלגול“, 1867, זע ז. 38).

אָדער גאָר די „טראַדיציאָנעלקייט״ פון אַ פאַרגליווערטער שפּראַכלעכער פאָרמולע[17]:

35) אַ ים בראנפין (פ. ק., 13)

36) עססען... מכות מיט יסורים (ק. מ., 12; פ. ק., 33)

37) איהר פיסק, וואָס איז אויף שרויפען (פ. ק., 29)

צו דידאָזיקע פאַרגליווערטע שפּראַכלעכע „מעטאַפאָרעס״ קאָן מען אויך צורעכענען די אָנגענומענע אייפעמיזמען:

38) תחתונים (פ. ק., 14)

39) אויף דעם הייליגען אָרט (פ. ק., 13)

40) איהר קאָפּ איז... בעדעקט... מיט אַ קרוין (פ. ק., 13)[18]

און נאָר אין פּייזאַזש פאַרשווינדט באַם פּרײַקן מענדעלע די שפּראַכלעכע „פאַרגליווערטקייט״ פון טראַדיציאָנעלע „פאָרמולעס״, און ס'לעבט אוף די בעריישעסדיקע מעטאַפאָרישקייט, ס'קומט אַ פרישער עפּיטעט, אַ פרישע פאַרגלייכונג. וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער. אַצינד ווילן מיר פעסטשטעלן בלויז דאָס „טראַדיציאָנעלע״, דאָס „קאַנאָנישע״ באַם יונגן מענדעלע.

און אין דעם פּראַט איז נאָך אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען באַ מענדעלען אייניקע אייפאָנישע דערשיינונגען (גראַם, אַליטעראַציע), וואָס שטאַמען אויך פון דעם טראַדיציאָנעלן געברויך. מיר טרעפן דאָ איינגעוועבט אין דער דערציילערישער שורע אַזוינע, לעמאָשל, טראַדיציאָנעל־געגראַמטע וואָרט־באַהעפטונגען, ווי:

41) דער אַ טאַפּ, דער אַ לאַפּ (ק. מ., 4)

42) אַ שטומע, אַ קרומע (פ. ק., 22—21; אַנאַלאָגיש אויך דאָרט, 28)

43) א קנאה אַ שנאה (פ. ק., 18)[19]

און אָט האָבן מיר אַ מייַסעדיקע געגראַמטע „פאָרמולע״:

44) איך האָב געלייענט וויא איינער איז אַ מאָל געפלויגען רייטענדיג אויף א רוח, איבער וועלדער איבער פעלדער (וו., 20)

דאָס איז זייער אַ פאַרשפּרייטע „פאָרמולע״, באַם פּרײַקן מענדעלע טרעפן מיר זי נאָך צוויי מאָל אין „פישקע דער קרומער״ („אויף דיא פעלדער... אין דיא וועלדער״, זע ז. ז. 2—1 און 23)[20]

אויך זייער אָפט טרעפן מיר באַם פּרײַקן מענדעלע די געוויינלעכע שפּראַכלעכע אַליטעראַציע:[21]

---

[17] אין די ווייטערדיקע זעקס ביישפּילן האָבן מיר, שטרענג גערעדט, ניט בלויז „מעטאַפאָרעס״, נאָר אויך „מעטאָנימיעס״. מיר פאַרייניקן זיי איניינעם, ווייל אונדז אינטערעסירט אין דעם פאַל ניט דער כילעק צווישן זיי, נאָר דאָס, וואָס עס פאַרייניקט זיי, זייער שפּראַכלעכע „פאַרגליווערטקייט״.

[18] באַגלייך אָבער מיטן „אייפעמיזם״ טרעפן מיר באַם פּרײַקן מענדעלע, עמעס, אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס אויך „רוסטיקאַ״. מיר האָבן אָנגעציילט באַם פּרײַקן מענדעלע בלויז צוויי-דריי „ניט-אָנשטענדיקע״ אויסדרוקן.

פון „רוסטיקאַ״ אונטערשיידן מיר „וולגאַריזמען״, וואָס זיי נוצט מענדעלע גאָר אָפט (באַזונדערס אין „פישקע דער קרומער״). אַף צוגעבן אַ געוויסן שפּראַכלעכן קאָלאָריט, קומט מענדעלע אָן אויך צום עמעסדיקן „אַרגאָ״, ווי ער טוט עס אין „פישקע דער קרומער״; נאָך פריער, אין „דאָס ווינטשפינגערל״ ווערט דערמאָנט די „כלי-זמר שפּראַכע״ (זע ז. 8). אויך אין דעם פּראַט איז מענדעלע ניט געווען דער איינציקער אין זיין צייט; באַזונדערע „אַרגאָ״-אויסדרוקן געפינען מיר, לעמאָשל, אין י. קישענעווסקיס דערציילונג „דאָס קיבליטשער זיידינע-קינד״, (אָדעסאַ, תרכ״ז).

[19] „קנאה און שנאה״ טרעפן מיר אויך באַ א. מ. דיקן („דער גלגול״, 1867, זע ז. 43).

[20] מיר טרעפן דיזעלבע „פאָרמולע״ (עטוואָס מאָדיפיצירט) אויך צוויי מאָל אין א. מ. דיקס „דער גלגול״ זע ז.ז. 39 און 40.

[21] ביישפּילן פון אַליטעראַציע באַ א. מ. דיקן: „שטום און שטיל״ („דער גלגול״, ז. 13); „מיאוס און-מאוס״ („דער אונגעבעטענע גאַסט״, ווילנא, 1871, ז. 43).

45) קינד און קייט (ק. מ., 33; פ. ק., 19)
46) וועה און ווינד (פ. ק., 44)
47) שלינג און שלאַנג (וו., 23)
48) צו זינגען און צו זאָגען (ק. מ., 45)
49) פּאַרוויסט און פאַרוואָגילט (ק. מ., 34; אַנאַלאָגיש פּ. ק., 39)

דידאָזיקע שפּראַכלעכע אַליטעראַציע גייט צומאָל באַנאַנד מיטן גראַם:[22]

50) צווייעט און צושפּרייעט (פּ. ק., 31)
51) אָפּ געריסען אָפּ געשליסען (וו., 27)

אויב אַצינד סומירן די באַטראַכטע סטיליסטישע דערשיינונגען, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אַז מיר האָבן דאָ אַ געוויסע איינהייטלעכע „טראַדיציע", און פונקט, ווי דער לעקסיש־פראַזעאָלאָגישער מאַטעריאַל, ווערט דאָ אויך דער סטיליסטישער „אינווענטאַר" אין אַלגעמיין גענומען פון דעמזעלבן מאָקער, וואָס נערט די גערעדטע פאָלק־שפּראַך. די ליטעראַרישע „טראַדיציע" גייט דאָ ווידער באַנאַנד מיט דער לעבעדיקער שפּראַכלעכער „טראַדיציע".

IV

דערמיט אָבער ענדיקט זיך די נאָענטקייט צווישן די ביידע „טראַדיציעס", ליטעראַרישער און שפּראַכלעכער. ס'הייבט זיך אָן דאָס דערציילן, ד. ה. דאָס באַזונדער־ספּעציפישע אין דער ליטעראַטור, און מיר בלייבן שוין בלויז אין רוים פון „ליטעראַרישער טראַדיציע".

נאָר לאָמיר זיך פריער פאַר אַלץ איבערצייגן, אַז מיר האָבן דאָ ביכלאַל אַ געוויסע „טראַדיציע". לאָמיר צעגלידערן דעם דערציילערישן שטאָף באַם פריִיקן מענדעלע אַף די עלעמענטאַרע מאָטיוון, פון וועלכע דעררדאָזיקער שטאָף ווערט קאָנסטרויִרט. דאַן וועלן מיר באַקומען אַ צאָל טעמאַטישע איינסן (טעמאַטישע „רינגען"), וואָס כאַזערן זיך איבער קימאַט באַ אַלע ליטעראַרישע צייט־כאַוויירים פונעם יונגן מענדעלע (מיר וועלן דאָ אָפּערירן בלויז מיט ווערק פון די זעכציקער און סאַמע אָנהייב זיבעציקער יאָרן)[23]. מיר וועלן דאָ אָנרופן אייניקע אַזעלכע „מאָטיוון":

א) דער מאָטיוו (ריכטיקער: די מאָטיוון) פונעם כסידישן רעבעֶ און זיין גאַנצער קנופיע (אין אַ סאַטירישן, אָפּלאַכערישן אַספּעקט) איז איינער פון די פאַרשפּרייטסטע אין דער דעמלטיקער ליטעראַטור: אין די פאַרשיידנסטע מאָדיפיקאַציעס טרעפן מיר אים באַ אַקסנפעלדן („דאָס שטערנטיכל", 1861), באַ לינעצקין, באַ דיקן (זע,

[22] ביישפּילן פון אַזויגע געגראַמטע (פּינקטלעך אָדער ניט־פּינקטלעך) אַליטעראַציעס באַ מענדעלעס צייט־כאַוויירים: באַ דיקן — „גיאָגט און גפלאָגט" („דער גלגול", ז. 39); באַ לינעצקין — „אומזיסט און אומנישט" („דאָס פּוילישע יונגעל", „קול מבשר", 1867, ז. 214); אין אַ אַנאָנימען [י. י. לערנערס] ביכל „אויס רבי!" (אָדעססאַ, 1869) — „צוזעהט און צושפּרייט" (ז. 6).

[23] ווי פריער האָבן מיר אויסגעשלאָסן מענדעלעס „טאַקסע", שליסן מיר אויך דאָ אויס פון אונדזער אַנאַליז אַלע דראַמאַטישע ווערק פון יענער צייט, ווי אויך די ווערק, וואָס זיינען געשריבן אין פּערזן. מיר טוען דאָס, ווי פריער, קעדיי צו בלייבן אין די ראַמען פון איין זשאַנר. מע דאַרף דאָ, עמעס, באַמערקן, אַז דאָס איז עפּשער צו „ריגאָריסטיש" פון אונדזער זייט, ווייל אין טאָך אַריין קאָן מען נאָך צו יענער צייט באַ אונדז ניט ריידן וועגן אַזאַ דיפערענצירונג פון זשאַנרען. יעדנפאַלס בענעגייע צו די „דראַמאַטישע" ווערק פון יענער צייט איז ביז גאָר אי־בערצייגנדיק: י. דאָבּרושין, וועלכער זעט אין דער דעמלטיקער יידישער דראַמאַטורגיע בלויז אָן אייגנאַרטיקע דער־ציילערישע פאָרם (זע י. דאָבּרושינס אינטערעסאַנטע אַרבעט „שאָלעם־אַלייכעמס דראַמאַטורגיע" אין מינסקער „צייט שריפט", באַנד II—III).

לעמאָשל, „דער גלגול", 1867, [24] אָדער „די אורחים אין דוראצעסאָק", 1872) און באַ אַנדערע מעכאַבּרים פון יענער צייט (זע די פילצאָליקע דערציילונגען און סקיצעס אין „קול מבשר"). באַ מענדעלען איז דערדאָזיקער מאָטיוו ניט אַזוי פאַרשאַרפט, נאָר מיר טרעפן אים אין „דאָס קליינע מענשעלע", ווו ס'ווערט דערמאַנט דער גוטער ייד, וואָס גלופּסק געהער צו אים, און נאָך בּוילעטער אין „דאָס ווינטשפינגערל", ווו דער מאָטיוו פונעם רעבן ווערט וואַרייִרט אַף עטלעכע אויפאַנים (זע, לעמאָשל, ז. 16: „דער פּאָריטץ ה..לט דיא קוה פאַר דיא הערנער אונ דער רבי מעלקט").

ב) פאַרשיידענע מאָטיוון פון אָבערגלויבן און קישעף, גענומען אויך אין אַ סאַטירישן אַספּעקט, געפינען מיר ווידער באַ דיקן, באַ לינעצקין (זע „יעקעלע גאָלד־שלעגער", 1868, אָדער „דער אונגעבעטענע גאַסט", ווילנא, 1871, ז. 11) און באַ אַנדערע (צום בּיישפּיל, אין י. קישענעווסקיס „געשיכטע פון דעם הע.ר דאָקטער קיגעלמאַן"..., אָדעסאַ, תרכ"ז); דער פריִיִקער מענדעלע קומט אָן צו דידאָזיקע מאָטיוון אין „דאָס קליינע מענשעלע" און אין „דאָס ווינטשפינגערל".

ג) די מאָטיוון פון קינדער־דערציִונג באַ דיקן („חייציקעל אַליין", 1864), באַ מענדעלען (אין „דאָס קליינע מענשעלע") און באַ לינעצקין („דאָס פּוילישע יונגעל"). איינער פון דידאָזיקע מאָטיוון — דער מעלאַמדישער טײַטש־„מעטאָד" — ווערט דאָ באַ מענדעלען אַנטוויקלט אין אַ גאַנצן עפּיזאָד; מאָדיפיצירט און ניט־אַנטוויקלט ווערט ער געגעבן באַ לינעצקין.

ד) דער מאָטיוו פון שמוציקער, ברודנער מיקווע איז מאַמעש אַ „וואַנדערנדיקער מאָטיוו" אין יענער צייט. באַ לינעצקין לייענען מיר („דאָס פּוילישע יונגעל", „קול מבשר", 1867, ז. 198): „פין דיא מקואות בין איך אַזוי ריין געוואָרען, אַזוי צעכטיג, אַז איך קענן מיך נאָך עד היום ניט אַריִמוואַשען". באַ דיקן („דער גלגול", ז, 10): „איך פלעג זיך אַזוי פיל פּלוסקען אין מקוה דאָס עס האָט פון מיר רעכט געשטונקען". דער פריִיִקער מענדעלע קערט זיך אום צום „מאָטיוו פון מיקווע" אין פאַרשיידענע ווערק: „נישקשה. אונזער מקוה וואַסער איז שטאַרק געדיכט. מען קען זיא שנײַדען מיט אַ מעסער" (וו., 15); „אונזער מקוה וואַסער פיהלט מען, עס האָט עפּיס איין אַנדער טעם. איין אַנדער קאָליער און איז עפּיס געדיכטער וויא אַנדערע וואַסערען, מען פיהלט באַלד אַז עס איז יודעשליך" (פ. ק., 42).

ה) דער מאָטיוו פון „אָדעס", אַלס אַנטיטעזע צום „יידישלעכן". באַ מענדעלען פיגורירט דער מאָטיוו אין דעם קעגנשטעלן די אָדעסער און גלופּסקער באָד (אין „פישקע דער קרומער"); זייער אַנטוויקלט און פאַרקאָמפּליצירט איז דער מאָטיוו אין י. קישענעווסקיס „דאָס קיבּליטשער זיידינע־קינד" (אָדעסא, תרכ"ז), וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן עמעסער אַפּאָלאָגיע פון דער וואַקסנדיקער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט.

ו) דער מאָטיוו פון „שמיסען פּאָטשטען" (לויט לינעצקיס אויסדרוק), פון פאַנטאַסטישע קלויז־און באָד־געשפּרעכן וועגן „פּאָליטיקע" א. אַז. וו. נאָך אַקסנפעלד (אין „דאָס שטערנטיכל") האָט דערציילט, ווי יידן אין בעסמעדרעש „שמיסין פּיִן אַלע משא מתנת, פּיִן פּאָטשטין, אין אַלערליי גערעדעריי" (ציטירט לויט זלמן רייזען, פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, וואַרשע, 1923, ז. 378)... באַ לינעצקין טרעפן מיר דעם מאָטיוו אין „דאָס פּוילישע יונגעל"; די פּאָליטישע פּערסאָנאַזשן, אַרום וועלכע ס'פירן זיך דאָ די הייסע שטרייטן,

[24] דיקס „דער גלגול" איז אייגנטלעך אַן איבערזעצונג (איבעראַרבעטונג) פון ייִצכאָק ערטערס „גלגול נפש", וואָס איז געשריבן מיט אַ יאָר צוואַנציק פריער, איידער עס איז דערשינען דיקס „דער גלגול". דאָס בייט אָבער נישט די סיטואַציע: די אַלע מאָטיוון, וואָס מיר ברענגען דערפון, זיינען געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור נאַטוראַליזירט. אין דעם פּראַט איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויך א. ב. גאָטלאָבער האָט געגעבן אַ פרייע איבעראַרבעטונג פון ערטערס ווערק: „דער גלגול" פון א. ב. גאָטלאָבערן איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין „קול מבשר", 1871, נום. 1 פלג. (באַזונדערע אויסגאַבע — ווארשא, 1896).

זיינען: ישמעל, פראַנצעזישע בת מלכה, קיר״ה. דערדאָזיקער מאָטיוו פון „פּאָטשטעטן״ איז זייער אַ באַליבטער באַם פּרייִקן מענדעלע: ער פיגורירט אי אין „דאָס ווינטשפינגערל״, אי אין „פישקע דער קרומער״. די פּאָליטישע פּערסאָנאַזשן זיינען דאָ אויך: קירע, דער תוגער, אביגדור עמנואל...[25]

ז) דער מאָטיוו פון די שטאָטישע באַל־טויוועס און קאָהאַל־פּאַרזאָרגער, פון די קאָלערליי „שיינע יידן״, וואָס דערדאָזיקער מאָטיוו איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלען, קלינגט דאָ און דאָרט באַ אַקסנפעלדן, באַ לינעצקין, באַ דיקן („ר' טרייטיל—דער קליינשטעטישער נגיד״, 1867, „שעפקע דער יאַנציצער אָרים בחור״..., 1872) און באַ די אַנדערע מעכאַברים פון יענער צייט...

ט) דער מאָטיוו פון אַ פּאָדריאַדטשיק אַ שווינדלער. באַ מענדעלען איז דער מאָטיוו קאָם־קאָם אָנגעצייכנט (אין שלוס־וואָרט צו „דאָס ווינטשפינגערל״), באַ דיקן אין „דער אונגעבעטענע גאַסט״ (ווילנא, 1871) ווערט דער מאָטיוו אַנטוויקלט אין אַ גאַנצער דערציילונג.

י) דער מאָטיוו פון אַ שאַדכן (אין אַ נעגאַטיוון אספעקט), וואָס זיין מינהעג איז „צו נויפפיהרען קאָטשערע מיט לאָפּעטע״ (וו., 26). אַ יידישער „לובאָק״ פון יענער צייט („דער טויטער קאָפּ, איינע שרעקליכע ערציילונג״..., ווילנא, 1867, זע ז. 5)[26] נעמט אויך אויף דעמדאָזיקן מאָטיוו, זאָגנדיק וועגן די שאַדכאָנים, אַז זיי „פלעגין צו זאַמען מאַכין אַזעלכע פּאָר פּאָלגען וואָס פּאַסין גאָר ניט איינער פאַר דעם אַנדערין״. און דער מאָטיוו ווערט דאָ אַנטוויקלט ווייַטער: אַזוינע ניט־פּאַסיקע שידוכים מאַכן אונדזערע קינדער אומגליקלעך...[27]

יא) דער מאָטיוו פון אַ דאָקטער און אַ רופע, וואָס זיי באַנאַרן און באַשווינדלען דעם אוילעם. אַזאַ איז דער דאָקטער שטיינהארץ מיט זיין רופע אין „דאָס קליינע מענשעלע״. מאָדיפיצירט (און איבערגעפּלאָכטן מיטן מאָטיוו פון קישעף) איז דערזעלבער מאָטיוו אין י. קישענעווסקיס ציטירטער „געשיכטע פון דעם הערר דאָקטער קיגעלמאַן״..., אָדעסאַ, תרכ״ז.

יב) דער מאָטיוו פון „דאָקטער און רופע״ איז אין אַ גרויסער מאָס אַ פּאָלקלאָריסטישער מאָטיוו. געוויס פּאָלקלאָריסטיש איז דער מאָטיוו פונעם „ראַנדאַר״ (מיט זיין מישפּאָכע), וואָס איז די טראַדיציאָנעלע פיגור פון פּאָלקלאָריסטישן וויץ און אַנעקדאָט. דעם „ראַנדאַרס״ ווייַב, וואָס לאָזט זיך אַזוי אָפּנאַרן פונעם שניידער, פיגורירט באַ מענדעלען אין „דאָס קליינע מענשעלע״. באַ לינעצקין אין „דאָס פּוילישע יונגעל״ ווערט דערציילט וועגן דעם „קישקיוויצער אַרענדאַר״, אַ גראָבן יונג, וואָס מע קאָן אים אַריינרוקן לעכעריקע עסרויגים פאַר גרויסע געלט...

מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט בלויז איינצלנע ספּעציפישע „מאָטיוון״[28] פון דעם גאַנצן אומגעהייערן סכום (און דערביי האָבן מיר אומישנע צונויפגעפּאָרט מאָטיוון גאַנץ פאַרשיי־

[25] דידאָזיקע היימישע פאַנטאַסטיק פון קאַפּצאַנסקער וועלט-האָסאָגעס האָט שפּעטער געגעבן מענדעלען שטאָף פאַר זיינע „מסעות בנימין השלישי״.

[26] אין סאָף פון דעמדאָזיקן ביכל איז באַצייכנט: נעתק ע״י ערש״ק.

[27] רעב אַלטערס באַקאַנטע דערציילונג וועגן דעם שלימאַזלדיקן שידעך, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירן („פישקע דער קרומער״), באַרירט אונדזער מאָטיוו בלויז מיט איין ברעג און באַאַרבעט אין טאָך אַריין אַן אַנדער מאָטיוו (דעם שלימאַזל) און אין אַן אַנדער (הומאָריסטישן) אַספּעקט.

[28] באַ לינעצקין אין „דאָס פּוילישע יונגעל״ טרעפן מיר נאָך אָפּט עראָטישע מאָטיוון (אָנצוהערענישן און סיטואַציעס). דידאָזיקע מאָטיוון זיינען גאַנץ אָפּטע אויך באַ אַנדערע מעכאַברים יענע צייט (זע, לעמאָשל, י. קישעניעווסקיס פריער-ציטירטע צוויי דערציילונגען). עמעס, מיר האָבן דאָ ניט דעם „ניבל-פע״, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, לעמאָשל, פאַר א. ב. גאָטלאָבערן. מענדעלע מיידט אויס אינגאַנצן דאָס „erotica et rustica": מיר געפינען אַזאַ סיטואַציע בלויז איין מאָל אין „פישקע דער קרומער״, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי עס זיינען זיך מעשאַדעך די „בוידן״-אָרעמעלייט, נאָר דער דערציילער רייסט באַלד איבער דעם סיפּער, ווייל „פון דעם פּאַסט ביט צודערצעהלען״ (פ. ק., ז. 28).

דענע לויט זייער „געוויכט״, אָבער אויך דאָס דערלויבט אונדז צו ריידן וועגן „אַלגעמיינע״, „גאַנגבאַרע״ מאָטיוון פאַר יענער צײַט. די ליטעראַרישע אַטמאָספער איז דאָ אַזוי ווי אָנגעזאַפּט מיט שטאָף, וואָס נערט דעם קינסטלער. נאָר ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די באַזונדערע „מאָטיוון״, די באַזונדערע „טעמאַטישע רינגען״ טרעטן ניט אַרויס באַ יעדן קינסטלער אין איינער און דערזעלבער פּראָפּאָרץ, אין איינעם און דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג. מיר זעען, לעמאָשל, באַם פרײַיקן מענדעלע, ווי די קאָלערליי מאָטיוון פון כסידישן רעבע און כסידים ביכלאַל פאַר־לירן זייער פאַרשאַרפטקייט, ווי זיי ווערן אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און פאַרקערט, ס׳טרעטן אַרויס אַפן פאָדערגרונט די פריער ווייניקער באַטאָנטע מאָטיוון פון קאַפּיטאַלישן שטייגער, פון סאָציאַלע קעגנזאַצן, די מאָטיוון פון „יידישן דאַלעס״ (לויט שאָלעם־אַלייכעמס אויסגע־צייכנטער פאָרמולירונג). דידאָזיקע אַלע מאָטיוון, רינג צו רינג, באַהעפטען זיך לעסאָף אין אַ טעמע, אין אַ ברייטער סאָציאַלער טעמע. אַזוי קומט דער יונגער מענדעלע פון מאָטיוון צו טעמע, און דערנאָך פון טעמע צו סיוזשעט, ד. ה. צו קאָמפּאָזיציאָנעלער לייזונג פון דער טעמאַטישער פּראָבלעם. אין דעם איז באַשטאַנען דער אייגנאַרטיקער קינסטלערישער וועג פונעם יונגן מענדעלע.

V

דער קינסטלערישער וועג פונעם יונגן מענדעלע לאָזט זיך דערקענען שוין דערין, וואָס אַלע זיינע פרײַיקע ווערק וויקלען זיך פאַנאַנדער איינס פונעם צווייטן: שטעלט זיי אויס אין איין ריי, און מיר וועלן זעען, אַז יעדעס ניי ווערק איז דאָ אַ געוויסע פאָרזעצונג, און אַלע אינאיינעם בילדן זיי אַ געוויסע איינהייטלעכע קייט. דידאָזיקע איינהייטלעכ־קייט זייערע לאָזט אונדז אָנמערקן אייניקע וועג־צייכנס אַף מענדעלעס קינסטלערישן וועג.

די פיגור פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, וועלכער טרעט אַרויס פון דער ערשטער רעגע אָן אַלס אַ פאַרמיטלער צווישן דעם מעכאַבער און לייענער, אַלס דעם מעכאַבערס „alter ego“, צייכנט אָן דעם אָנהייב פון מענדעלעס וועג[29]. דאָס האָט שוין באַטייט, אַז מענדעלע (דער מעכאַבער) האָט גענומען אַף זיך אַ שווערן קינסטלערישן ניידער, ווייל דאָס איז ניט געווען קיין אַקט פון „סאָציאַלער מימיקריע״, וואָס זאָל דערלויבן דעם מעכאַ־בער „דורכשמוגלען״ זיינע קאַוואָנעס, נאָר אָנגעשטרענגטער קינסטלערישער טאַט.

מענדעלעס קומען צו דער יידישער ליטעראַטור האָט באַטייט אין דערזעלבער צייט אויך אַוועקגאַנג, איבערבראָך, איבערווינדונג בענעגייע צו יענעם מאַסקילישן „וועלט־באַנעם״, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך מענדעלע, און אַפן וועג צום נייעם „וועלט־באַנעם״ האָט עס מענדעלע דער מויכער־ספאָרים באַדאַרפט ווערן פאַרן קינסטלער אַ מין „בוירער״... מענדעלע דער מויכער־ספאָרים איז געווען ווי אַ שטענדיקע דערמאָנונג פאַרן קינסטלער, אַ דיסציפּלינירנדיקע און אַ מאָנענדיקע דערמאָנונג, וואָס האָט געצוווּנגען דעם קינסטלער צו זיין שטענדיק וואַך און געלערנט אים די קונסט פון מעסטן און פון וואָגן.

די פיגור פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, דעם געטרייעם „קאָנטראַהענט״ פון מענדעלען דעם מעכאַבער, האָט זיך אַנטוויקלט פון ווערק צו ווערק און שוין דערמיט גופע געשאַפן סימאָנים פון איינהייטלעכקייט באַם פרײַיקן מענדעלע. נאָר אינאיינעם מיט מענדעלען

29 עס איז דאָ אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען דעם וועג, וואָס מענדעלע האָט דורכגעמאַכט, ביז ער איז געקומען צו זיין פסעוודאָנים. זיין ערשט ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע״ האָט ער לעכאַטכילע אָפּגעדרוקט (אין „קול מבשר״) אַנאָנים. אַף דער ערשטער באַזונדערער אויסגאַבע פון „דאָס קליינע מענטשעלע״ שטייט: מאת א י ש. אַזוי איז אויך געכאַסמעט „דאָס ווינטשפינגערל״ און ערשט „פישקע דער קרומער״ איז באַצייכנט מיטן נאָמען „מענ־דעלי מוכר ספרים״, אַלס מעכאַבערישן פסעוודאָנים. מיר שטרײַכן אונטער, אַז מיר ריידן דאָ (אין דערדאָזיקער באַ־מערקונג) וועגן „מענדעלע״ אַלס מעכאַבערישן פסעוודאָנים; אַלס ליטעראַרישער פערסאָנאַזש פיגורירט „מענדעלע״ באַ אַבראַמאָוויטשן פון דער ערשטער זיינער יידישער שורע אָן.

דעם מויכער־ספאָרים[30] האָט זיך פון ווערק צו ווערק אויך איבערגעכאַזערט און געהאַט זיין אַנטוויקלונג דער גאַנצער „אַנטוראַזש“. שטעט און מענטשן, מענטשן און זאַכן גייען דאָ אַריבער באַ מענדעלען פון איין ווערק אין דעם אַנדערן און זעצן פאָר זייער לעבן און וואַקסן...

„דאָס קליינע מענשעלע“ הייבט זיך אָן מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימס אַ קורצער זעלבסטכאַראַקטעריסטיק, און עס פיגורירט שוין דאָ זיין באַרימטע פאָרמולע „ניט דאָס בין איך אויסן“, וואָס וואַקסט אויס באַ מענדעלען אין אַ בוילעט קאָמפאָזיציאָנעל מיטל. אין „דאָס קליינע מענשעלע“ איז אָבער מענדעלע מויכער־ספאָרימס ראָליע נאָך גאַנץ באַשיידן, זיין ראָליע ווערט פיל גרעסער און אַקטיווער אין „דאָס ווינטשפינגערל“, ווו די גאַנצע גרויסע האַקדאָמע („אַ מעשה איבער אַ מעשה“) און דאָס נאָכוואָרט זיינען געשריבן אין זיין אייגענעם נאָמען. אין „פישקע דער קרומער“ ווערט בוילעטער מענדעלע מויכער־ספאָרימס ד ע ר צ יי ל ע ר י ש ע נאַטור... אַזוי וואַקסט פון וואָרט צו וואָרט, פון טנוע צו טנוע דידאָזיקע געשטאַלט, וואָס צעמענטירט און סינטעזירט מענדעלעס שאַפן.

באַגלייך מיט מענדעלע מויכער־ספאָרים וואַנדלט אויך באַ מענדעלען פון ווערק צו ווערק דאָס פערדל, וואָס באַלייט דעם באַלעבאָס אין אַלע זיינע וואַנדערונגען. אין „דאָס קליינע מענשעלע“ האָבן „דיא ווייסע חברה... אויסגעריסען (באַם פערדל) כמעט אַללע סטרי־ניס“ (ק. מ., 51), און אין „דאָס ווינטשפינגערל“ איז שוין דאָס פערדל טאַקע אָן „שטרונעס“ (וו., 4). עס גייט נאָך אַדורך עטלעכע יאָר, דאָס פערדל ווערט אַלט און שוואַך, און אין „פישקע דער קרומער“ דערציילט מענדעלע מויכער־ספאָרים מיט אַ ביטערער איראָניע, אַז „בכלל האָט זיך מיין פערדיל גאָר ניט פאַרענדערט“ (פ. ק., 3)...

נאָר ניט בלויז דעם מויכער־ספאָרימס פערדל, אויך די פערסאָנאַזשן האָבן אַ ווייטער־דיקן לעבן און מאַזל אין מענדעלעס ווערק. אין „דאָס ווינטשפינגערל“ ווערט, לעמאָשל, דערציילט, וואָס עס איז געשען מיט גוטמאַנען, וועלכער האָט געוואָלט לויט ייצכאָק־אַווראָהאָמס צאַוואָע (פון „דאָס קליינע מענשעלע“) איינפירן אין גלופסק „גוטע פאָראַדקעס“ (וו., 7)... רעב סענדערל, דער צווייטער מויכער־ספאָרים, וואָס באַווייזט זיך אין „דאָס ווינטשפינגערל“, לעבט שפעטער אויף אין „פישקע דער קרומער“ אין דער געשטאַלט פון רעב אַלטערן; עס איז גענוג נאָר צו פאַרגלייכן זייער ביידנס אויסזען, קעדיי צו דער־קענען באַלד אין רעב אַלטערן דעם פריערדיקן סענדערל. אָט ווי עס שילדערט מענדעלע רעב סענדערלען: „רעב סענדעריל איז אַקורץ, גראָב יודל. אַ געשפיקעוועטער, מיט אַ דיק בייכעל, אַ רויטען פאַרוואַכסענעם פנים. ער איז אַמוכר ספרים וויא איך“ (וו., 3). און אָט ווי עס זעט אויס רעב אַלטער: „אַ יאָדערדיג יודעל מיט אַ דיק בייכעל, רויט וויא אַ צוויק, צוחראַשטעט מיט דעם רויט פאַרוואַקסענעם האַרצען אין דרויסען“ (פ. ק., 4)[31].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז באַם יונגן מענדעלע כאַזערן זיך איבער אין פאַרשיידענע ווערק באַזונדערע „מאָטיוון“, ווי דער מאָטיוו פון פאַנטאַסטישע „פאָליטיקע“־שמועסן אָדער דער מאָטיוו פון „געדיכטער מיקווע־וואַסער“... אַזוי כאַזערן זיך דאָ איבער אויך באַזונדערע סיטואַציעס: די באַגעגעניש פונעם יינגל ייצכאָק־אַווראָהאָם מיט גוטמאַנען (אין „דאָס קליינע מענשעלע“) האָט איר פאַראַלעל אין דער באַגעגעניש פונעם יונגן העלד פון „דאָס ווינטשפינגערל“ מיט דעם אופגעקלערטן ליטוואַק...

דידאָזיקע אַלע „פאַראַלעלן“ אָדער „פאַרזעצונגען“ פון באַזונדערע מאָמענטן באַשטע־טיקן פאַר אונדז די אָנגעשטרענגטע קינסטלערישע זוכענישן פונעם יונגן מענדעלע און, פון

[30] ווו מיר זאָגן „מענדעלע“, מיינען מיר דעם מעכאַבער ש. י. אַבראַמאָוויטש; „מענדעלע מויכער־ספאָרים“ באַטייט באַ אונדז דעם פערסאָנאַזש פון מענדעלעס ווערק.

[31] אַף רעב אַלטערס ענלעכקייט מיט רעב סענדערלען האָט שוין אָנגעוויזן דר. מ. וויינרייך אין זיין ציטירטן אַרטיקל „60 יאָהר מענדעלע מוכר ספרים“.

דער צווייטער זייט, וויקלען פאַנאַנדער זיין פריזיקע שאַפן ווי אַ געוויסע איינהייט, ווי עפּעס אַ וועג צו איין טעמע, צו איין קינסטלערישער אופגאַבע[32].

מע האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן דערויף, אַז מענדעלעס הויפּט־טעמע איז געוואָרן דער „יידישער דאַלעס", און דעם קינסטלערס זוכענישן (און דערגרייכונגען) אַפן וועג צו פאַרקערפּערן דידאָזיקע טעמע זעען זיך עפּשער בוילעטער פאַר אַלץ אָן אין די „גע־שטאַלטן" פון מענדעלעס „שטעט און שטעטלעך", ווו עס האַנדלען און וואַנדלען די העלדן פון זיינע מייסעס... אין „דאָס קליינע מענשעלע" ווערן דידאָזיקע „שטעט און שטעטלעך" ניט געשילדערט, זיי ווערן דאָ נאָר אָנגערופן באַם נאָמען (צביאַטשיץ, גלופּסק, בעזליודע), און דאָס איינציקע שילדערונג־מיטל איז דאָ דערוויל בלויז די „סעמאַנטיק" פון זייערע נעמען. פון דערדאָזיקער אַבסטראַקטער „סעמאַנטיק" קומט דער יונגער מענ־דעלע אין די ווייטערדיקע ווערק צו בוילעטע קאָנטורן, צום בוילעטן סאָציאַלן אינהאַלט פון „גלופּסק" און „קאַפּצאַנסק". קאַפּצאַנסק, „אַ קליין שטעדטעלע, ניט ווייט פון גלופּסק" (וו. 12,), באַוויזט זיך אין „דאָס ווינטשפינגערל", און שוין דאָ וואַקסט קאַפּצאַנסק אויס אין אַן אויסגעצייכנט גראָטעסקירט בילד פון אַ נעסט פון „יידישן דאַלעס"[33]... און אין „פישקע דער קרומער" שפּרייזט שוין אַריבער דער „דאַלעס" אַלע גרענעצן פון שטאָט און שטעטל און שטרעבט צו פאַרפלייצן די גאַנצע ליכטיקע וועלט.

אַזוי איז געגאַנגען דער יונגער מענדעלע, „איבער וועלדער איבער פעלדער" פון טראַדיציאָנעלן שטאָף און וואָרט, צו אַ טעמאַטישער דאָמינאַנטע, צו אַ קאָנדענסירטער טעמאַטישער אופגאַבע, און, דורך ניסיוינעס און דורכפאַלן, אויך געקומען צו זיינע ערשטע קינסטלערישע ניצחוינעס...

VI

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע סימאָנים פון דער „וועסנע־צייט" אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער בוילעטער שרייבערישער באַוווסטזיין בענעגייע צו די לערערישע אופגאַבן פון קונסט. באַ דיקן, וואָס געהער אייגנטלעך צו אַ פריערדיקן שרייבערישן דאָר, האָבן דידאָזיקע „לערערישע אופגאַבן" זיך מערסטנטייל באַגרענעצט בלויז מיט „מוסער", מיט אַבסטראַקטן מאַגידישן „מוסער", וואָס שטרעבט איינצופלאַנצן „מדות טובות"; אַצינד אָבער, אין די זעכציקער יאָרן, באַקומען די לערערישע אופגאַבן פון קונסט אַ בוילעט אויסגעשפּראָכענעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. קיינער האָט דאָס אַזוי שאַרף ניט אויס־געדריקט, ווי דער ליידנשאַפטלעכער קעמפערישער לינעצקי: „אונ איך זאָג אייך אַז דיא בעשרייבונג מאַך איך ניט פין אַ מעשה וועגען, איך מיין טאַקע פשוט טאָמער וועל איך חאָטש קעננען דערמיט העלפען איין פויליש יודעל, ער זאָלל אָוועקוואַרפען זיינע שטותים, אונ זאָלל ווערין אַ מענטש וואָס אַ מענטש הייסט!" („דאָס פוילישע יונגעל", „קול מבשר", 1867, ז. 206)...

---

[32] זאָל עס דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז שוין אין „דאָס ווינטשפינגערל" (ז. 8) זאָגט מענדעלע, אַז ער וועט באַזונדער באַשרייבן די גלופּסקער פיינע בעריעס, וואָס ער האָט דאָס טאַקע אויסגעפירט מיט אַ יאָר דריי שפּעטער אין „דער טאַקסע". אויך אין „דאָס ווינטשפינגערל" דערציילט בעדערעך־אַגעוו דער מויכער־ספאָרים סענדערל וועגן „אספר דן סקאָט. קאָט. אָדער קישאָט", וואָס איינער אַ „דייטשעל" האָט אים „אַ גאַנץ וועג קראַנק געמאַכט דעם קאָפּ" דערמיט (זע וו., 4)... דאָס איז אַ ווייטער-ווייטער רעמעז אַף די קומענדיקע „מסעות בנימין השלישי", דער-דאָזיקער יידישער אינטערפּרעטאַציע פון „דאָן-קיכאָט".

[33] מע דאַרף אַנערקענען, אַז דר. מ. ווייַנרייך, וואָס האָט דער ערשטער געגעבן אַ גענויערע באַשרייבונג פון דעם פריזיקן „ווינטשפינגערל" (אין זיין ציטירטן אַרטיקל „60 יאָהר מענדעלע מוכר ספרים"), האָט בעפייַרעש ניט דערשאַצט דעם קינסטלערישן ווערט פון דעם ווערק (ווי דאָס האָט אויך ניט דערשאַצט ז. רייזען—אין דער צווייטער אויסגאַבע פון זיין „לעקסיקאָן"): שוין ניט גערעדט וועגן אַנדערע באַזונדערע מאָמענטן, דאָס בילד פון קאַפּצאַנסק, וואָס מיר געפינען דאָ, איז עפּשער די ערשטע באַדייטנדיקע מאַניפעסטאַציע פון מענדעלעס קינסטלע-רישער מייַסטערשאַפט.

דאָס שאַפן פונעם יונגן מענדעלע איז געשטעמפּלט מיט דעמזעלבן צייכן פון געזעל־שאַפטלעך־ליטעראַרישן טאַט. עמעס, די „מוסער־האַסקלדיקע" פאָרמולע איז באַ אים אָפּט־מאָל נידעריקער פאַרן טאַט גופע, אָבער דאָס מינערט לאַכלוטן נישט די סאָציאַלע אָנגע־זעטיקטקייט פון זיין שאַפן. אין דער צאַוואָע פון ייצכאָק־אַווראָהאָם טאַקיף איז די „שריי־בערישע קאַוואָנע" פאָרמולירט אינגאַנצן אין דעם סקאַרבאָוון מאַגידישן נוסעך: „לאָז דיא גאַנצע וועלט וויסען, אַז מיט רייכקייט איז מען ניט גליקליך; גליקליך איז מען נאָר מיט אַ גוט האַרץ אונ מיט מעשים טובים" (ק. מ. 50,)... אויך „דאָס ווינטשפינגערל" וואַקסט אַריבער דעם מאַסקילישן מיין פונעם מעכאַבער צו דערוויזן, אַז דאָס בעסטע „ווינטשפינ־גערל" איז „דיא חכמה". עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פאַרלירט דאָ די שרייבערישע מוסער־האַסקלדיקע קאַוואָנע איר זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ, און זי ווערט אַזוי ווי אַריינגעטריבן אינעווייניק אין דעם ליטעראַרישן זשאַנר גופע: מיר באַמערקן באַם יונגן מענדעלע אַ שטרעבונג צום „ריינעם" ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס זאָל פאַרבייטן דעם „היברידן" בעלעטריסטיש־פּובליציסטישן זשאַנר...[34] און אין „פישקע דער קרומער" דערגרייכט דאָס מענדעלע צום ערשטן מאָל. אַזוי קומען מיר צו דער פּראָבלעם פון ליטעראַרישן זשאַנר באַם יונגן מענדעלע, ד. ה. פריער פאַר אַלץ צו דער פּראָבלעם פון קאָמפּאָזיציע, פון סיוזשעט.

VII

סטיליזירנדיק די נאַטוראַליסטישע פּריוואָלישקייט פון דער מיטלעלטערלעכער נאָוועלע האָט באַלזאַק געשריבן אין איינער פון זיינע „Contes drolatiques": „לויט די אַלטע גע־זעצן, דאַרף א דערציילונג שטרעבן גלייך צום איניען, אַזוי ווי אַ בוהאַי אין זיין גרונט־מעלאָכע"...[35]. דידאָזיקע „אַלטע געזעצן" האָבן, אַפּאָנים, ניט אָנגעוואָרן זייער שליטע אויך אין מענדעלעס צייטן; יעדנפאַלס, מענדעלע גופע דערציילט אין „דאָס ווינטשפינגערל", אַז אַ ייד האָט ליב אַ מייַסע, „אַ מעשה דאָס איז סחורה. און אויך ניט קיין לאַנגע. דער יוד וויל טאַקי באַלד וויא ער האָט אָנגעהויבען וויסען דעם סוף" (וו.,6).

פון דער אַנדער זייט אָבער, האָט שוין די „טראַדיציע" פון יידישן „לובאָק" „דער־צויגן" די לעזערישע געדולדיקייט, און אָט וואָס מיר לייענען, לעמאָשל, אין דעם שוין ציטירטן באַ אונדז פאַקנטרעגערישן ביכל „דער טויטער קאָפּ, איינע שרעקליכע ערציילונג"... (ווילנא 1867,):

„ועתה קורא נעים. נון מיין טייערער לעזער אונ לעזערין. איר זייט שוין געוואוינט דאָס דער שרייבער זאָל אייך אויף איין קליין וויילע אָפּ האַלטין אין דעם רעכטין ערציי־לונג מיט איינער זייטיגע זאַך. איך טוא עס יעצט אויך אונ איר וועט עס וויא איך גלויב פאַר גוט אָן נעמען" (ז. 9).

פאַר דעם יונגן מענדעלע איז דידאָזיקע „געוואוינהייט" פונעם יידישן לעזער צו דער „זייטיקער זאַך" געווען ווי אָנגעמאָסטן: פאַר מענדעלען, וואָס איז געקומען אין דער יידי־שער ליטעראַטור אין איר „וועסנע־צייט", איז עפשער דאָס טייערסטע געווען גראָד דידאָ־זיקע „זייטיקע זאַך".

[34] דידאָזיקע באַצייכענונגען „ריינער", „היברידער" ליטעראַרישער זשאַנר זאָל מען נאָר ניט אָננעמען אַלס אָפּשאַצנדיקע. מיר זיינען גאָר ווייט פון אַזוינס; און דידאָזיקע באַצייכענונגען דאַרפן בלויז כאַראַקטעריזירן די אַל־געמיינע „טענדענצן" פונעם זשאַנר.

מענדעלע גופע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפן „ריינעם" ליטעראַרישן זשאַנר, און אין זיין „קליאַטשע" האָט ער געגעבן אַן אויסגעצייכנטן מוסטער דערפון, וואָס הייסט דאָ באַ אונדז „היברידער" זשאַנר.

[35] de Balzac, Le Succube („Les Contes drolatiques")

און פאַרן יונגן מענדעלע איז געשטאַנען צו לייזן אַ וויכטיקע קאָמפּאָזיציאָנעלע אויפ־גאַבע: ווי אַזוי איינצופּאַסן אין דעם דערציילערישן שטאָף די „זייטיקע זאַך", וואָס האָט באַוויגן זיין שרייבערישן געמיט. דער רוסישער ליטעראַטור־היסטאָריקער ב. אייכענבאַום האָט אַנומלטן ריכטיק אָנגעוויזן, אַז נאָר די פּרימיטיווע נאָוועלע ווערט צוזאַמענגעשטעלט בלויז פון מאָטיוון; אין דער מער וויניקער קאָמפּליצירטער נאָוועלע פיגורירט אומבאַדינגט דער עלעמענט פון ד ע ר צ י י ל ן (элемент сказа). דער יונגער מענדעלע האָט זיך אויס־געצייכנט באַנוצט מיטן דערציילערישן עלעמענט פאַר זיינע קאָמפּאָזיציאָנעלע צוועקן.

די דערציילערישע פונקציע פירט דאָ דורך פון דער ערשטער רעגע אָן מענדעלעס ערשטער פּערסאָנאַזש — מענדעלע מויכער־ספרים, און שוין אין „דאָס קליינע מענשעלע" (ווי מיר האָבן שוין איינמאָל דאָס פאַרצייכנט) פיגורירט זיין באַרימטע פאָרמולע „ניט דאָס בין איך אויסן", וואָס ווערט באַ מענדעלען פאַרוואַנדלט אין אַן אויסגעצייכנט קאָמפּאָזי־ציאָנעל מיטל.

ווי באַוווּסט, איז דידאַקטיק „פאָרמולע" באַ מענדעלען קימאַט אַלעמאָל אַ שלוס־פאָר־מולע פאַר זיינע באַליבטע אָ פּ וו י ַ כ ו נ ג ע ן פון דער אַלגעמיינער דערציילערישער ליניע. די מענדעלישע „אָפּווייַכונגען" טראָגן מערסטנטייל א ס אַ ט י ר י ש ן אָדער א י ר אָ נ י ש ן כאַראַקטער, און דאָס „ניט דאָס בין איך אויסן" שטרייכט נאָר אונטער דעם שרייבערישן מיין, דאָס, וואָס דער מעכאַבער איז „אויסן".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף באַצייכנט ווערן די ראָליע פון פ י י ז אַ ז ש באַם פריִ־איקן מענדעלע. ס'איז קלאָר, אַז לעכאַטכילע איז דאָ דער פּייזאַזש ניט אַזוי נאַטור־שילדע־רונג, ווי אַ געוויסע אידעאָלאָגישע קאָנסטרוקציע, ניט אַזוי פּייזאַזש, ווי ליטעראַרישע „אַגיטאַציע" פאַר פּייזאַזש. דאָס איז באַזונדער בולעט צו זען פונעם ע ר ש ט ן פּייזאַזש באַ מענדעלען, אין „דאָס קליינע מענשעלע", ווו די קורצע נאַטור־באַשרייבונג ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „א פּנים אז אין דעם געסיל זענין ניט געזעסען קיין יודען, זיסט וואָלט דאָך דאָרטין ניט געוועזען קיין ביימער אונ אויף דער ערד וואָלט דאָך ניט געוועזן צו זייעס קיין בלעטער" (ק. מ., 20). דאָ האָבן מיר אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש דערויף, אַז „פּייזאַזש" איז ניט קיין „יידישע זאַך", און אויב מענדעלע גיט זיך ניט איינמאָל דערמיט אָפּ, טוט ער דאָס אומישנע, מיט אַ מיין. איז עס דעריבער ניט צו באַוווּנדערן, וואָס די מערהייט פּיי־זאַזשן שליסט דער יונגער מענדעלע מיט דערזעלבער זיינער שלוס־ און שוין־פאָרמולע „ניט דאָס בין איך אויסן".

אָבער וואָס פאַר אַ זייַטיקן מיין מענדעלע זאָל ניט האָבן מיט דעם פּייזאַזש און וואָס ער זאָל דערמיט ניט אויסן זיין, האָבן דאָך זאַכן זייער אייגענע לאָגיק, און דער פּייזאַזש בלייבט פונדעסטוועגן פּייזאַזש, און ער מאָנט זיינע רעכט... זעען מיר טאַקע, אַז גראָד אין פּייזאַזש (ניט געקוקט אַף זיין, אַזוי צו זאָגן, „קאָפּ"־אָפּשטאַמונג און עפּשער גראָד דער־פאַר) זאָגט זיך דער יונגער מענדעלע אָפּ פון דעם טראַדיציאָנעלן, קאַנאָניזירטן עפּיטעט, טראַדיציאָנעלער מעטאַפאָרע, פאַרגלייכונג, און עס לעבט דאָ אויף, עמעס, אַ פּאָשעטע, נאָר דאָך „בעריישעסדיקע" מעטאַפאָרישקייט:

„דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט דיא ש ל אָ פ ע ד י ג ע תבואה, אַלע זאַנגען האָבען זיך אויפגעחאַפּט מיט אַ קול וו י א י ו נ ג ע ק י נ ד ע ר און האָבען זיך צוקישט גאָר פריינד־ליך" (פ. ק., 22). אָדער:

„מען האָט שוין אויף זייא (אַף די וואָלקן) אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט וו י א א ו י ף ט ה י י ע ר ע ג ע ס ט" (פ. ק., 22).

אויב מיר ווען אַצינד אַריבערגיין צו די אַלגעמיינע ק אָ מ פּ אָ ז י צ י אָ נ ע ל ע ליניעס פון דער דערציילונג באַם יונגן מענדעלע, וועלן מיר דאָ פריער פאַר אַלץ דאַרפן פאַרציי־כענען דעם, אַזוי צו זאָגן, אַ ס אָ צ י אַ ט י וו ן כאַראַקטער פון דער דערציילערישער קאָמפּאָ־

זיציע. דאָס באַטייט, אַז די באַזונדערע דערציילערישע מאָמענטן, פאסאַזשן א. אַז. וו. באַהעפטן זיך איינער מיטן צווייטן לויטן פרינציפ פון די אָדער אַנדערע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס; אין דעם פראַט איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין „פישקע דער קרומער" די מאָטיווירונג באַם איבערגיין צו דער דערציילונג וועגן פישקען: רעב אַלטערס מײַסע וועגן זיין ניט־געלונגענעם שאַדכענען האָט מענדעלען „ד ע ר מ אָ ה נ ט אַ סך זאַכען פון יודישע שידוכים" (פ. ק., 12), און מענדעלע הייבט אָן צו דערציילן די מײַסע מיט פישקען. דערדאָזיקער „אַסאָציאַטיווער" פרינציפ טרעט באַזונדער בוילעט אַרויס אין די מענדעלישע „אָפווײַכונגען", ווען עפעס אַ וואָרט, אַ סיטואַציע „דערמאָנט", שטויסט אָן מענדעלען אַף אַ „שכייִנעסדיקער" סיטואַציע, און אַזוי אַנטוויקלט זיך די דערציילערישע ליניע. אַף דעם איז אייגנטלעך געבויט מענדעלעס „א מעשה איבער א מעשה" (אַזוי הייסט מענדעלעס האַקדאָמע צו „דאָס ווינטשפינגערל"), דאָס ברענגט מענדעלען צו אַריינגלידערן אין דערציילערישן שטאָף צומאָל ג אַ נ צ ע זעלבשטענדיקע נ אָ וו ע ל ע ס, ווי רעב אַלטערס אָנגערופענע מײַסע וועגן זיין שלימאַזלדיקן שאַדכענען (אין „פישקע דער קרומער") אָדער נאָך פריער, אין „דאָס ווינטשפינגערל", די מײַסע מיט רעב שמעלקען.

מע איז געוווינט צו פאַרבינדן מענדעלעס קאָמפאָזיציאָנעלע אייגנשאַפטן מיטן סקאַרבאָוון מאַגידישן נוסעך. געוויס האָבן מיר דאָ צו טון מיטן „מאַגידישן", אָבער דאָס „מאַגידישע" איז דאָ מערסטנטייל אַן אָ ב י ע ק ט פאַר סטיליזאַציע און פאַראָדיע, און ניט קיין קאָמפאָזיציאָנעל־בויערישער ס ו ב י ע ק ט. באַם פריִיקן מענדעלע איז דאָס באַזונדער צו זעען פון „דאָס ווינטשפינגערל", ווו פיל שטעלן אין „דער מעשה אַליין", ד. ה. אין הירש ראַטמאַנס דערציילונג, מאַכן נאָך דעם מאַגידישן נוסעך. דאָס זיינען יענע שטעלן, וואָס זיינען ניט דערציילעריש, נאָר באַלערנדיק. דאָ קומט מענדעלע אָן צו פאַראַלעלע העברעיִש־יידישע טעקסטן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן מאַגידישן נוסעך:

„גירסא דינקותא. דאָס הייסט דיא מחשבות פון דער קינדהייט" (וו., 25—24).

„בעשאפפען געוואָרען א יש מאין. דאָס הייסט: א־נ־עפעס פון גאָר נישט" (וו., 25).

„ווערד נאָר יש מיש. דאָס הייסט: עפעס פון עפעס" (וו., 25).

באַגלייך דערמיט פלעכט דאָ מענדעלע אַריין אַ מאָשל, אָדער ער באַרופט זיך אַף כאַכאָמים און גרויסע לייט, ווי „איינער פין דיא חכמי יון, דר באַרימטהער סאָקראַטוס" (וו., 32) א. אַז. וו. דאָס זיינען אַלץ „קונסט"־מיטלען פון מאַגידישער דראָשע, און מענדעלע מאַכט זיי דאָ נאָך. באַ דיקן איז דאָס זייער א פאַרשפרייט מיטל, ווען ער באַרופט זיך, לעמאָשל, אַף עזאָפס פאַבעלן, אָדער: „עש איז מיר ארויף גיקומען אויף דעם זינען דער שפריכוואָרט פון איינעם גריכעשען וועלט ווײַזין" („דער אונגעבעטענע גאַסט", ווילנא, 1871, זע ז. 15). דער כילעק אָבער צווישן דיקן און מענדעלען איז אין דעם פראַט זייער אַ גרויסער: באַ דיקן איז דאָס „מאַגידישע" אַן אָרגאַנישער עלעמענט פון זיין סטיל, דיק איז געטריי דעם „מאַגידישן", באַ מענדעלען איז עס בלויז נאָכגעמאַכט, סטיליזירט. און נאָכמער: די סטיליזאַציע גרענעצט דאָ אַלעמאָל מיט פ אַ ר אָ ד י ע, און אָפטמאָל איז שווער צו געפינען דאָ אַ צווישנשייד צווישן סטיליזאַציע און פאַראָדיע. דאָס זעט זיך אָן באַזונדערס באַם פאַרגלייכן מיט די אַנדערע סטיליזאַטאָריש־פאַראָדירנדיקע מאָמענטן באַם יונגן מענדעלע: אָט פאַראָדירט מענדעלע דעם דייטשמערישן נוסעך אין אָנהייב פון הירש ראַטמאַנס דערציילונג (אין „דאָס ווינטשפינגערל")[36], אָדער ער פאַראָדירט אין „פישקע דער קרומער" דעם צייטונג־לאָשן, וואָס פלעג „פאַרהיימישן" די אייראָפעיִשע נעמען און באַגריפן („אביגדור עמנואל" אָנשטאָט וויקטאָר עמאַנועל, זע פ. ק., 16). אַפילע אין דעם באַרימטן „דייטש", וואָס עס רעדט גוטמאַן, דער העלד פון מענדעלעס ערשטער יידישער דערציילונג „דאָס קליינע מענשעלע", קלינגען אַדורך בעפיירעשע טענער פון פאַראָדיע, ניט געקוקט אַף דעם

36 „איך בעט מיינע טייערע לעזער אום פאַרצייהונג. דאָס הייסט. זיי זאָללען מיר מוחל זיין" א.אז.וו. (וו., 12).

גאַנצן אָפּשיי, וואָס מענדעלע האָט פאַר גוטמאַנען. אַף אַנדערע סטיליזאַטאָריש־פּאַראָדירנדיקע מאָמענטן באַם יונגן מענדעלע (ווי דער שאַרבלאַט אין „דאָס ווינטשפינגערל") האָט ניט לאַנג אָנגעוויזן י. נוסינאָוו אין זיין ציטירטן אַרטיקל „אַן אָפּגעווישטער פראַט פון מענדעלע־סטיל" [37].

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז דער קאָמפּאָזיציאָנעלער געוועב איז באַם יונגן מענדעלע פאַרקאָמפּליצירט דורך אַ גאַנצע ריי „זייַטיקע" דערציילערישע מאָמענטן (סאַטירישע „אָפּווייַכונגען", פּייזאַזש, מאָמענטן פון פּאַראָדיע א. אַז. וו.). אויב מיר ווענדן זיך צום „סיפּער־האַמייַסע" גופע — און דאָס האָט מען שוין ניט איינמאָל פאַרצייכנט — שפּילט ער ניט באַ מענדעלען קיין באַזונדערע ראָליע. אָפּטמאָל איז דאָס ניט מער ווי אַן אַנטוויקלטער ק א ל א מ ב ו ר, וואָרט־שפּיל (אין „דאָס קליינע מענשעלע", אין „דאָס ווינטשפינגערל", ווי די גאַנצע מייַסע איז געבויט אַף דער צ ו ו י י ד י י ט י ק י י ט פון דידאָזיקע באַגריפן). און אין „פישקע דער קרומער" איז דער גאַנצער „סיפּער־האַמייַסע" מיט דער פאַרפאַלענער און געפונענער טאָכטער אַנטליען באַ דער טראַדיציאָנעלער „לובאָק"־סיטואַציע. דער יונגער מענדעלע איז געגאַנגען צום ס י ו ז ש ע ט מיט די פּילצאָליקע זייַטיקע „אומוועגן" פון דער ליטעראַרישער „וועסנע־צייט"...

VIII

די ליטעראַרישע „וועסנע־צייַט" איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין קאַטעגאָריע, וואָס האָט באַשטימטע גרענעצן פון א באַגריף. דידאָזיקע מעטאַפאָרישע באַצייכענונג גיט מערנישט איבער יענעם (אַבסטראַקטן) „ריטם", אָדער „גאַנג", וואָס האָט באַהויכט די עפּאָכע. דער פאָרשער דאַרף פאַרוואַנדלען דידאָזיקע באַצייכענונג אין אַ באַגריף, דאַרף פעסטשטעלן איר סאָציאַל־ליטעראַרישן מעהוס.

דאָס איז זייער א דאַנקבאַרע אופגאַבע פאַר א דויערנדיקער פאָרשערישער אָנשטרענגונג. ניט מיט אונדזערע פראַגמענטאַרישע „שטריכן" איז צו לייזן אַזאַ אופגאַבע. מיר האָבן געזוכט צו באַצייכענען נאָר באַזונדערע (און אָפטמאָל בלויז „אויסערלעכע") סימאָנים פון דער „וועסנע־צייַט" אין אונדזער ליטעראַטור. און דאָ זייַנען מיר געקומען צו אייניקע אויספירן, דער וויכטיקסטער פון זיי איז דאָס פעסטשטעלן פון א קלאָרער, בוילעטער „טראַדיציע" אין אונדזער ליטעראַטור פון די 60־ער יאָרן. דידאָזיקע „טראַדיציע" ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון א צאָל פאַראַלעלע „קאַטעגאָריעס" (וואָרט, זאַץ, מאָטיוו). און אין זייער באַהעפטונג בילדן זיי, דידאָזיקע „קאַטעגאָריעס", אַ שטאַרקן, דורכויסיקן ליטעראַרישן מאַסיוו.

אין גאַנג פון דער יִדישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון אונדזער ליטעראַרישן מיטלאַלטער, איז געוויס צו באַצייכענען אַ גאַנצע ריי „ליטעראַרישע טראַדיציעס", וואָס זייַנען געקומען איינע צו פאַרבייַטן די אַנדערע. אָבער אין גאַנג פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט איז אונדזער ליטעראַטור ערשט אין די זעכציקער יאָרן געקומען צו אַזאַ מעכטיקער אַנטפּלעקונג פון אַן אייגענער „טראַדיציע". דאָס אַליין האָט שוין באַטייַט „וועסנע־צייַט", דער אָנוווקס, די עקספּאַנסיע, דער פאַרנעם.

און די „וועסנע־צייַט" גופע האָט פריער פאַר אַלץ באַטייַט אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ געוויסן מאַסן־אופברויז, פון יוירנדיקע און וואַקסנדיקע סאָציאַלע קויכעס. אין דעם ליטעראַ־

[37] מע דאַרף דאָ אויך פאַרצייכענען, אַז דער יונגער מענדעלע קומט אויך צומאָל אָן צום פ א מ פ ל ע ט י ש ן נוסעך אין זיינע ווערק: פאַרן בוילעטסטן מוסטער אין דעם פראַט קאָן דינען מענדעלעס אָנגריף קעגן צעדערבוימען, וועלכן איז גרינג צו דערקענען אין דער פיגור פון רעב לעמעל (מיט זיינע באַרימטע „העאָרעס") אין „דאָס ווינטשפינגערל" (אין דעם אַריינפיר).

רישן באַוווסטזיַין פון יענער צײַט האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין די קעמפערישע טענדענצן קעגן דעם אַלטן לעבנשטייגער און אין דער שטרעבונג צו בויען, צו בײַטן, צו ענדערן.

מיר וועלן דאָ ניט אָנרופן באַם נאָמען יענע שיכטן, וואָס זײַנען געקומען צום אויסדרוק אין אונדזער ליטעראַטור פון די 60־ער יאָרן. אונדזערע פראַגמענטאַרישע אַכטגעבונגען זײַנען ניט גענוג דערצו, מע זאָל קאָנען דאָ אַפּן אָרט פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָציאַלן קנויל, וואָס איז פאַרקניפּט אין דער דעמלטיקער ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז אָבער קלאָר, אַז אין דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען דאַן געקומען צום וואָרט נײַע, יונגע שיכטן. און אָט אין דידאָזיקע יונגע שיכטן איז עס געווען אײַנגעפלאַנצט אויך דער יונגער מענדעלע. אַ וווּנדערבאַרער מאַזל פון אַ קינסטלער, וואָס האָט געטראָגן אַף זיך די בענטשונג (און דעם אָל) פון אַ דרײַפאַכיקער יוגנט.

די „וועסנע־צײַט“ האָט אָבער געהאַט אין איר אַנטוויקלונג עטלעכע עטאַפּן, און דעם יונגן מענדעלע איז געווען באַשערט דורכצומאַכן זיי ביזן סאָף. אין זײַן ערשטן ווערק, אין „דאָס קליינע מענשעלע“, איז מענדעלע אין אַלגעמיין נאָך אַ געטרײַער שילדערער פונעם אַרומיקן ייִדישן שטייגער. די שטייגער־מאָמענטן ווערן דאָ בלויז ווי באַהעלט מיט סאַטירישע ליכט־פּאַסן. דער באַרוף פון דער „וועסנע־צײַט“ איז אָבער באַשטאַנען אין דעם לערערישן אָפּלייקענען די אומגעלומפּערטע ייִדישעווירקלעכקייט. אין לינעצקיס שאַפן האָט דערדאָזיקער באַרוף געפונען זײַן בוילעטסטע פאַרקערפּערונג. לינעצקי גיט שוין אוטרירטן לעבנשטייגער, ער גיט די סאַטירישע גוזמע.

אין דעם שאַפן פונעם יונגן מענדעלע האָט דידאָזיקע „סאַטירישע גוזמע“ גאָר פרי אָנגענומען אומדערוואַרטע פאָרמעס[38]. זי האָט צעבונדן און פרײַ געמאַכט די פאַרבאָר־גענע מענדעלישע נטיע צו פאַנטאַסטיק[39], צו גראָטעסק. שוין אין „דאָס ווינטשפינ־גערל“ האָבן מיר פאַר זיך דעם גאַנצן שפּיל פון מענדעלעס פאַנטאַסטיק, אָנהייבנדיק פון דעם שיקערן אָרכים־טאַנץ באַ רעב שמעלקען און ענדיקנדיק מיט דער גרויזאַמער דאַלעס־וואַקכאַנאַליע פון קאַפּצאַנסק. אין „פישקע דער קרומער“ דערגרייכט מענדעלעס פאַנטאַסטיק איר גרעסטע אנטוויקלונג. דאָס גראָטעסקישע בליצט דאָ אַדורך אַפילע אין קליינע דע־טאַלן: „דיא אַלטע בלינדע יתומה... זיצט שוין פון גאַנץ לאַנג לעבין דער טויטער שול“ (פ. ק., 19)... דידאָזיקע באַצייכענונג „טויטע שול“ האַרמאָנירט אינגאַנצן מיטן „דאַנס מאַקאַבר“ פון די אַלע דאַלעס־פּערסאָנאַזשן אין „פישקע דער קרומער“, מיט פישקען גופא, מיט די קאָלערליי כאָלערע־כאַסאַנים, מיט דער „מוהמע אָהן א נאָז, וואָס איהר שטייגער איז תמיד אַרויס צוגעהן און צוהעצקען זיך אין מיטען דער גאַס בשעת איהר כליזמרליל סקריפּעט אויף עפּיס אַ מין פידעלע“ (פ. ק., 13—14)... גראָטעסקירט איז דאָ דער גאַנצער אַנטוראַזש, אי רעב אַלטער, אי דאָס פערדל, אַפילע דאָס „שטיל לעבן“ פונעם „נאַטיור־מאָרט“: אין די ספאָרים, וואָס מענדעלע האַנדלט מיט זיי, זיינען „דיא בלעטליך... פון כל־

[38] מיר לאָזן דאָ אינגאַנצן אָן אַ זייט די פּראָבלעם פון אַזויגערופענע „איינפלוסן“ אינעם שאַפן פונעם יונגן מענדעלע. מיר וועלן זיך אומקערן דערצו אין אַן אַנדער אַרבעט, און דאָ ווילן מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז דער יונגער מענדעלע—און וועגן דעם האָט מען שוין געהאַט געשריבן—האָט אין זיך טיף איינגעזאַפּט די שטימונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור (און פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט) פון זיין צייט. ער איז געווען ווי איינגעזונקען אין דער אַרומיקער רוסישער ליטעראַטור־אַטמאָספער, און עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דידאָזיקע רוסישע ליטעראַטור־סוויווע איז געווען פאַר מענדעלען אַ מין „טראַנזיט“־סוויווע אויך פון אייראָפּעישע „איינפלוסן“. מע קאָן בעפיירעש באַצייכענען אינעם שאַפן פונעם יונגן מענדעלע (אין „פישקע דער קרומער“) געוויסע ליטעראַרישע „רעמיניסצענצן“, לעמאָשל, פון וויקטאָר הוגאָ, און אַ דערקלערונג (אַן „אויסערלעכע“) פאַר דערדאָזיקער דערשיינונג קאָן מען געפינען דערין, וואָס הוגאָ איז געווען ביז גאָר פּאָפּולער אין דער רוסישער זשורנאַליסטיק אין די 60-ער יאָרן.

[39] דער ערשטער האָט באַטאָנט דאָס פאַנטאַסטישע באַ מענדעלען (עמעס, אין אַן אַנדער פלאַן) י. דאָבּרושין אין זיין זייער אינטערעסאַנטן, אָבער צום סאָף פאַרקריפּלטן אַרטיקל „מענדעלעס קונסט־פאָרם (צו דער שטעלונג פון דער פראַגע)“ אין „עמעס“, 1928, נומ. 21.

א מיני קאָלירען און ניט פון איין גרויס ...דיא אותיות זענין אַבּיסיל מטושטש און איט־לעכס בלעטיל איז אָפּגעדרוקט מיט אלע מינים שריפט" (פּ. ק.,1).

דער רעאַליזם איז אין מענדעלעס יוגנטלעכן שאַפן געקומען צו זײַן אייגענעם קעגנזאַץ און אָפּלייקענונג, און דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער „ווערסנע־צײַט", וואָס האָט געקעמפט פאַר רעאַליזם, פאַר ווירקלעכקייט. אין נאָמען פון דערדאָזיקער ווירקלעכקייט האָט די קונסט באַדאַרפט באַוווינען די ווירקלעכקייט מיט גראָטעסקישע געשטאַלטן און פאַרוואַנדלען זי אין אַ גרויזאַמער פאַנטאַסמאַגאָריע [40]. דאָס איז געווען דער דיאַלעקטישער וועג פונעם „דבר והפוכו"...

אין דעם איז באַשטאַנען די גרויסע סאָציאַלע שליכעס פון דער „ווערסנע־צײַט" אין אונדזער ליטעראַטור, און דער יונגער מענדעלע האָט דידאָזיקע שליכעס געטון.

---

40 דערמיט האָט זיך מענדעלעס „רעאַליזם" אַזוי אונטערגעשיידט פונעם שפּעטערדיקן פלאַכן רעאַליזם, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער יידישער „פּאָלקיזם" אין די 80־ער יאָרן. ניט אומזיסט האָט י. י. לערנער, איינער פון די אידעאָלאָגן פון דעמראָזיקן „פּאָלקיסטישן" רעאַליזם, ניט געקאָנט אָפּשאַצן די גרויסע באַדייטונג פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער", און ער האָט באַשולדיקט מענדעלען דערין, וואָס זיינע העלדן, אָנשטאָט צו „דערוועקן אין אונזערע הערצער געפיהלע פון רחמנות צו אונזערע געפאַללענע ברידער", רופן זיי אַרויס בלויז עקל (זע דעם אַרטיקל פון צדוק פרומע׳ס „וואָס קרום איז ניט גלייך!" אין דער זאַמלונג „דער קליינער וועקער", אָדעססאַ, 1890).

י. נוסינאָוו

די ערשטע אויסגאַבע פון „ווינשפינגערל"

1

„דאָס ווינשפינגערל" פון 1865 איז אַ קליין ביכל, פאָרמאַט און אויסזען פון די אַלטע פאַקנטרעגערישע מייַסע־ביכלעך, באַשטייט פון 42 זייַטלעך, בעערעך 45,000 צייכנס.

דאָס קליינע ביכעלע האָט דרייַ טיילן. דער ערשטער טייל—די האַקדאָמע „אַ מייַסע איבער אַ מייַסע"—11 זייטלעך. דער צווייטער טייל — גופע „דאָס דייַטשעריש סייפערל", וואָס מענדעלע האָט אָפּגעקויפט באַ ר׳ סענדערלען, עס רופט זיך באַ מענדעלען „אַ מייַסע איבער אַ מייַסע"— 29 זייַטלעך, און די לעצטע אַנדערהאַלבן זייַטלעך — מענדעלעס נאָכוואָרט „זשיד דאַווייַ גראָשי".

די האַקדאָמע „אַ מייַסע איבער אַ מייַסע" און דאָס נאָכוואָרט „זשיד דאַווייַ גראָשי" זייַנען בעערעך ברייט באַשריבן באַ ד"ר מ. וויינרייך. מיר וועלן זיך דערום אַף זיי ניט אָפּשטעלן, מיר וועלן נאָר פאַרצייכענען צוויי איינצלהייטן. ערשטנס, וועגן דער שטעל אין מענדעלעס האַקדאָמע, ווו עס ווערן דערמאַנט די אייזלען, וואָס פיגורירן אין די ווערק באַ לעסינגען און סערוואַנטעסן. אָט דער עפּיזאָד איז דאָ געגעבן געוואָרן בלויז צוליב פאָ־לעמישע אָנצוהערענישן, און דינט פאַר אַ „ניט דאָס בין איך אויסן".

ס׳איז אָבער קעדייַ פעסטשטעלן, אַז מענדעלע האָט שוין אין 1863—64 געוווּסט אָט די ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור, ס׳איז קעדייַ דאָס צו פאַרצייכענען אַף דאָס האָבן אין זינען באַם באַהאַנדלען די פראַגע וועגן ליטעראַטור־טראַדיציעס באַ מענדעלען.

מיר זייַנען גענויגט צו זוכן דערקלערונגען פאַר דער מענדעלע־פאָרם בלויז אין דער מענדעלע־ווירקלעכקייט און אין דער פאַר־מענדעלישער יידישער בוך־און וואָרט־טראַ־דיציע.

בלויז אָט די מענדעלישע יידישע ווירקלעכקייט און די יידישע וואָרט־און בוך־טראַצי־ציע האָט באַשטימט מענדעלעס טעמע און פאָרם.

געוויס האָט די קליאַטשע־פאָרם געקענט שטאַמען פון דער מיטלאַלטערישער לעגענדע וועגן בען־מעלעך, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואלקאלאק.

די באַקאַנטשאַפט מיט לעסינגען און מיט סערוואַנטעסן האָט אָבער פאַר מענדעלען— וועלכער האָט סאָפּקאָלסאָף געקעמפט פאַר פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן און די יידישע קולטור,—געמוזט דינען אַלס באַשטעטיקונג, אַז ס׳איז רעכט אַזוי צו טון, ס׳איז רעכט מאַכן אַ פערדל, אַ קליאַטשע פאַר אַ הויפּט־מאָטיוו פון אַ ווערק.

צווייטנס, וועגן די שטעלן אין דער האַקדאָמע, ווו עס רעדט זיך וועגן „דייַטשן". באַ־קלאָגנדיק זיך אין דער האַקדאָמע, וואָס פאַר אַ טייַך עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון איציק

אַוורָאַמס צאַוואָע („דאָס קליינע מענטשעלע״), מאַכט שוין מענדעלע עטלעכע שאַרפֿע קרי־טישע באַמערקונגען וועגן די „דײַטשן״. אין זײַן אָפּלאַכן פֿון אַ גלופּסקער „דײַטש״, וואָס וויל ניט רעדן קײַן ייִדיש, „בלאָזט אָן די פּיסקעס״, איז „לוי אַלייכעם שטומפּיק אַף דער איוורע״, איז שוין דאָ דער אָנזאָג אַף דער רעוויזיע פֿון מאַסקיליזם, וואָס מענדעלע וועט שפּעטער דורכמאַכן, דאָס איז אַן אויסדרוק, אַז די דיפֿערענציאַציע אין דעם מאַסקיליזם איז שוין אין גאַנג. דער בורזשואַזער־דעמאָקראַטישער מאַסקיליזם הייבט זיך אָן באַפֿרײַען פֿון דער האַשפּאָע פֿון גוויריש־בורזשואַזן. די נייטיקע און גרינטלעכע אויספֿירן וועט מענ־דעלע מאַכן אין דער צײַט פֿון דער „קליאַטשע״, ווען די דיפֿערענציאַציע וועט זיך אויס־קריסטאַליזירן.

איצט באַנוגנט זיך מענדעלע בלויז דערמיט, וואָס אָפּשפּעטנדיק פֿונעם גוויריש־אַמעראַ־צישן דײַטש, פֿאַרווירקלעכט ער זײַן „ווינשפֿינגערל״־אופֿגאַבע מיט דער הילף פֿון אַנ־דערע צוויי דײַטשן: הירש ראַטמאַן, וואָס האָט „דאָס ווינשפֿינגערל״ געשריבן „אין דער דײַטשער שפּראַכע״, און פֿון נאָך איינעם „איין אָרעמאַן אַ דײַטש, וואָס האָט ליב צו זאָגן דעם עמעס״ און וואָס זעצט צוזאַמען מיט מענדעלען איבער „דאָס ווינשפֿינגערל״ אין ייִדיש.

ניט דעם דײַטשס בילדונג טויג ניט. שלעכטע גלופּסקער דײַטשן טויגן ניט. ווײַטער איז נאָך אין 1865 מענדעלעס רעוויזיע ניט געגאַנגען, נאָר פֿונקען פֿאַרן שפּעטערדיקן אויפֿברוך האָט ער שוין געטראָגן אין זיך.

2

„די מײַסע אַליין״ ווערט פֿאָרגעשטעלט אַלס איבערגעזעצטער קסאַוויאַד. ס'האָט זי, הייסט דאָס, אָנגעשריבן אין דײַטש הירש ראַטמאַן.

אויך אין דער צווייטער רעדאַקציע פֿון 1888 ווערט דאָס ווערק פֿאָרגעשטעלט ווי אַ דײַטשער קסאַוויאַד, נאָר דאָרט איז ער שוין אַן איבערגעאַרבעטער און בעדערעך קלאַל איבערדערציילט אין דריטער פּערזאָן. בלויז אַמאָל מאַכט זיך, אַז מענדעלע ברענגט אַ ציִ־טאַט פֿון קסאַוויאַד אין ערשטער פּערזאָן, ווי לעמאָשל:

„אַ נעס — זאָגט הערשעלע אין זײַנע קסאָווים — אַ נעס, וואָס מיטקע האָט ליב געהאַט אַ ייִדיש שטיקל כאַלע. און מיר מיט אונדזערע ייִדישע קעפּלעך פּלעגן אַף אים פֿאָרן רײַטנדיק״[1].

אין דער ערשטער רעדאַקציע איז עס אָבער אַ קלאַל. מענדעלע באַנוגנט זיך בלויז מיטן אַרײַנפֿיר־זאַץ:

„דער מעכאַבער פֿון דעם „ווינשפֿינגערל״ הייבט אָן צו רעדן אין זײַן סייפֿער אַזוי״ (ז. 12).

ווײַטער גייט שוין אַף אַלע 29 זײַטלעך די איבערזעצונג פֿון דעם „דײַטשעריש סייפֿערל״, דערציילט אין ערשטער פּערזאָן. הירש ראַטמאַן רעדט צו זײַן לעזער, און ס'לאָזט זיך אויס, אַז „די מײַסע אַליין״ איז אויך ניט מער ווי אַ האַקדאָמע: הירש ראַטמאַנס אַ האַקדאָמע צו זײַן אייגענעם בוך:

„איך בעט מײַנע טײַערע לעזער אום פֿאַרצײַונג, דאָס הייסט, זיי זאָלן מיר מויכל זײַן, ווען איידער איך מאַך זיי באַקאַנט מיט דעם טויכן, דאָס הייסט מיט דעם אינהאַלט פֿון דעם „ווינשפֿינגערל״ אַליין, האָב איך מיר די פֿרײַהייט גענומען, דאָס הייסט, איך האָב מיר פֿאַזוואָליעט מיך זעלבסט פֿאַר זיי פֿאָרצושטעלן און אינען עטלעכע בלעטער פֿון מײַן לעבנס־געשיכטע צו עפֿענען. איך האָף, אַז די לעזער מיט פֿיל פֿאַרגעניגן דידאָזיקע בלע־

1 ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק, 1-טער באַנד 215—20.

טער לעזן וועלן, און וועלן דערנאָך אַרויסזען, ווי די בלעטער געהערן זיך שטאַרק אָן מיט דעם „ווינשפינגערל” אַליין” (ז. 12).

די גאַנצע „מײַסע אַליין” באַשטייט בלויז אין דעם „זיך זעלבסט פאָרשטעלן” און אין „די עטלעכע בלעטער פון לעבנס־געשיכטע”, וואָס האָבן צו דערציילן, ווי אַזוי הירש ראַט־מאַן איז געקומען צו שרײַבן זײַן סייפער, ווי ער האָט זיך „פאָרגענומען צו באַשרײַבן פראָסט אין אַ גרינגער שפּראַכע די אַלע כאָכמעס און ויסנשאַפטן, וואָס דורך זיי קען איט־לעכער מענטש זויכע זײַן צו דעם עמעס נאַטירלעכן ווינשפינגערל” (ז. 40).

קומט אויס, הייסט דאָס, אַז די עמעסע מײַסע אַליין, „אַ סייפער פון אַלע כאָכמעס און ויסנשאַפטן” איז קיינמאָל ניט אָנגעשריבן געוואָרן. פאַרוואָס—האָבן מיר קלאָר געמאַכט אין אַן אַנדער אָרט (זע „צײַטשריפט” ב. II—III). געבליבן איז פון יענעם סייפער בלויז הירש ראַטמאַנס האַקדאָמע, נאָר גראָד אָט די האַקדאָמע איז דאָס נאַטירלעכע „ווינשפינגערל”. ווײַל אין טאָך גענומען גיבן שוין יענע 29 זײַטלעך פון „דײַטשערישן סייפערל” דעם איקער פונעם גאַנצן שפעטערדיקן „ווינשפינגערל”, אַלנפאַלס, דעם „ווינשפינגערל” פון דער צווייטער רעדאַקציע. ס'איז שוין דאָ פאַראַן דער הויפּט־מאָטיוו פונעם סיפער האמײַסע, אַלע צענ־טראַלע פיגורן, ס'זײַנען שוין אָנגעמערקט די ליניעס פאַר דער גאַנצער האַנדלונג, האַגאַם די עלעמענטן פון שפעטערדיקן ווערק זײַנען ווײַט ניט אַלע גלײַך אנטוויקלט, ווײַל אַ גאַנץ אַנדער קאַוואָנע האָט דאַן געפירט מיטן שרײַבערס פען, און יעדער שורע האָט דערום באַ־קומען אַן אנדער ליכט און באַטייט.

„די מײַסע אַליין” באַשטייט פון פיר ניט גלײַכע עפּיזאָדן:

א) די געשיכטע מיט ר' שמועל שמעלקעס (ז. 12—17),

ב) קאַפּצאַנסק און הערשעלעס פאָרן פון קאַפּצאַנסק קיין גלופּסק (ז. 17—24),

ג) הערשעלע אין גלופּסקער שול (ז. 24—29)

און ד) הערשעלעס באַקאַנטשאַפט מיטן ליטוואַק, וואָס ס'ברענגט אים צו אַלע „ויסנשאַפטן” (ז. 29—40).

דער מאַטעריאַל פון די ערשטע צוויי עפּיזאָדן איז אינגאַנצן קימאַט וואָרט באַ וואָרט אַרײַן אין דער צווייטער רעדאַקציע. דער מאַטעריאַל פון די לעצטע צוויי עפּיזאָדן איז בלויז סיוזשעטיש אויסגענוצט. אַזוי, אַז אַף וויפל ס'איז שײַעך הערשעלעס סוויווע און הערשעלעס ביאָגראַפיע זיינען זיי שוין אין אַלגעמיין געגעבן אין „ווינשפינגערל” 1865. אין פאַרגלײַך מיט די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס איז דאָ אָבער פאַראַן אַ פּרינציפּיעלער אונטערשייד אין מעטאָד.

קעדיי קלאָרער אַרויסצוווײַזן אָט דעם גרונט־אונטערשייד אינעם מעטאָד, וועלן מיר פאַר־גלײַכן דעם טעקסט פון דער ערשטער רעדאַקציע און דריטער, ווײַל עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס בענעגייע זיי איז צווישן דער צווייטער און דריטער רעדאַקציע קײַן אונטערשייד ניטאָ. מיר וועלן דעם מאַטעריאַל צעטיילן אַף צוויי טיילן:

א) ביז הערשעלעס קומען קיין גלופּסק.

ב) פון זײַן קומען קיין גלופּסק.

דער טייל ביזן קומען קיין גלופּסק פאַרנעמט אין „ווינשפינגערל” 1865 — 13 זײַטלעך, 14.000 צייכנס, אין „ווינשפינגערל” 1911—69 זײַטן, 130.000 צייכנס — אַ פאַרגרעסערונג אין איבער 9 מאָל. דער טייל פון הערשעלעס קומען קיין גלופּסק ביזן סאָף פאַרנעמט אין „ווינשפינגערל” 1865—16 זײַטלעך, 17.000 צייכנס און אין „ווינשפינגערל” 1911—358 זײַטן, 680,000 צייכנס — אַ פאַרגרעסערונג אין 40 מאָל.

מיר וועלן דעם פאַרגלײַך פון די טיילן פירן באַזונדער.

3
ביז הערשעלעס קומען קיין גלופּסק

מיר צעטיילן דעם מאַטעריאַל אַזוי, אַז מיר זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט פאַרגלייַכן דעם טעקסט פון דער ערשטער אויסגאַבע מיטן אַנשפּרעכנדיקן טעקסט פון דער דריטער אויסגאַבע.

אויסגאַבע 1865.

1. אַריינפיר. דאָס בעטן אַ דערלויבניש זיך פאָרצושטעלן דעם לעזער (ז. 12). 2. קאַפּצאַנסקער עוויונים (זז. 13. 12). 3. די מייַסע מיט ר׳ שמעלקען (זז. 13. 17). 4. הערשעלעס קינדהייט (ז. 17). 5. קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים (זז. 17—20). 6. הערשעלעס טרוים וועגן אַ ווינשפינגערל (זז. 20—22). 7. הערשעלע פאַרלאָזט קאַפּצאַנסק (ז. 22). 8. די פור און דער וועג (זז. 22—24). 9. דאָס ווינשעניש (ז. 23).

אויסגאַבע 1911.

1. אריינפיר: „איטלעכער קאַפּצאַנסקער איד איז אַ מעטופל מיט אַסאַך קינדערלעך" (ז. 3.). 2. קאַפּצאַנסקער עוויונים (זז. 3—4). 3. הערשעלעס קינדהייט, זייַנע עלטערן, זייַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, זייַנע כאַוויירים און קינדער־שפּילן (זז. 4—33). 4. קינדערשע כיידער־און־בעסמעדרעש־מייַסעס. איינע פון די קינדער־מייַסעס איז די מייַסע מיט רעב שמעלקען (ז. 33—40). 5. קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים (זז. 42—46). 6. הערשעלעס טרוים וועגן אַ ווינשפינגערל (זז. 49—50). 7. דאָס ווינשעניש אין קאַפּצאַנסק (זז. 51. 54). 8. הערשעלע פאַרלאָזט קאַפּצאַנסק (זז. 55—65). 9. די פור און דער וועג (זז. 66—68).

אין יעדן פון די עפּיזאָדן פון דער ערשטער רעדאַקציע איז פאַראַן דער קערן פון די אנטשפּרעכנדיקע עפּיזאָדן אין דער צווייטער רעדאַקציע. דערבייַ איז ביז גאָר, אָפּט ביז איינעם צוויי זאַצן צונויפגעפּרעסט אַלץ, וואָס ס׳איז שייַעך דעם פּראַט, וואָס ס׳איז שייַעך הערשעלעס איבערלעבונגען — אַנדערש געוועדט, די פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן פונעם ווערק — און ס׳איז אַסאַך מער אַנטוויקלט אַלץ, וואָס ס׳איז שייַעך דעם קלאַל, קאַפּצאַנסק — אַנדערש גערעדט, די אידעאָלאָגישע עלעמענטן פון ווערק.

מירן אָנהייבן פון דער געשיכטע מיט רעב שמעלקען. זי איז אין דער צווייטער רעדאַקציע פאַרגרעסערט לעגאַבע דער ערשטער בלויז אין אנדערהאַלבן מאָל, אָבער ווי אַזוי ווערט זי דערציילט? אָט זייַנען עטלעכע בייַשפּילן:

אויסגאַבע 1865

1. „רעב שמעלקע איז געווען אַ בעזדעטניק, אַ פרומער, אַ קאָשערער ייִד פון דעם אַלטנס כסידים" (ז. 13).

אויסגאַבע 1911.

1. „ר׳ מענדלס עלטער זיידע ר׳ שמעלקע, זיכרוינע לעווראָכע, אַ גוטער, אַ פרומער מיט דעם פּינטעלע ייִד, פון דעם אַלטנס כסידים, איז געווען, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַ בעזדעטניק. די אַלע מיטלען, וואָס ער האָט איבערגעטון צו האָבן איין קינד אַ קאַדיש, האָבן ניט געהאָלפן. ער האָט לעסאָף אָוועקגעלייגט דעם באַלשעם, דעם טאַטער מיט דער טאָטערן, לעהאַוודל, און זיך גענומען צו דינען גאָט, וואָס דינען הייסט, מיט אַ ברען, נישט אויסצושפּאַנען זיך אַף אַ רעגע פונעם ייִדישקייַט" (ז. 36).

2. „דער אַלטער רעבע, אָלעוו האַשאָלעם, האָט געזאָגט, אַז די קנופיע אָרכים זײַנען געווען טאַקע גאָר דאָס גוטע פּעקל" (ז. 16).

3. „אין זײַן קסאַוו איז געשטאַנען בּע־פּירעש געשריבּן אַ טנײַ, אַז אַכוץ דעם האָט ער פּראַווע מאַכן די שול פּאַר אַ שענק און שענקען דאָרט אַ גאַנץ יאָר בּראָנפן" (ז. 15).

4. „אַפּילע אַ ליאַדע דינסט־מיידל פון קאַפּצאַנסק נעמט זיך שטאַרק איבּער און איז בּאַ זיך אַ גאַנצער מעיוכעס" (ז. 17).

דער ציטירטער זאַץ ווערט אין דער רעדאַקציע 1865 אַזוי פאָרגעזעצט:

5. „אַז מע פרעגט, לעמאָשל, אַ קאַפּצאַנ־סקער ייִדן פונוואַנען ער איז? גיט ער אַ שמייכל און ענטפערט מיט גײַוועס: ווער, איך? איך פונוואַנען איך בּין? איך? איך בּין פון קאַפּצאַנסק. דעריבּער הייסן אַלע קאַפּצאַנסקער ייִדן מעיוכאָסים אָדער קאַפּ־צאַנסקער בּאַלעגײַוועס" (ז. 17).

2. „דער אַלטער, זיכרוינוי ליוורואָכע, האָט שפּעטער מעגאַלע געווען דעם סאָד זײַנע מעקוראָווים. די מעקוראָווים דערנאָך זייערע מעקוראָווים, און אַזוי איז עס גע־גאַנגען פון איין אויער צו דעם אַנדערן, בּיז דאָס איז בּאַקאַנט געוואָרן דער גאַנצער וועלט. יענע פאַרשוינען זײַנען געווען די גוטע קנופיע, גאָר דאָס גוטע פּעקל" (ז. 39).

3. „אויך איז דאָרט (אין דעם קסאַוו—י. נ.) געשטאַנען אַ פּונקט, אַז נאָר ער אַליין האָט רעכט מאַכן אין קלײַזל אַ מין שענקל און שענקען דאָרט אַ גאַנץ יאָר בּראָנפן. דערבּײַ האַלטן דאָרט אויך צום פאַרבּײַסן רעטשענע קיכלעך, אייער־בּייגל אוכעדוימע אַזעלכע זאַכן, אַף וועלכע מע מאַכט אַ בּראָכע בּוירע מיִנע מעזוינעס און מ'בּאַדאַרף זיך דערצו ניט וואַשן" (ז. 38).

4. אַרויסגעוואָרפן.

5. אין דער געשיכטע מיט רעבּ שמעל־קען איז אויך אָט דער פּאַסאַזש דורכגע־לאָזט. מענדעלע האָט אים אויסגענוצט אין אָנהייבּ ווערק, פאַרענדיקנדיק מיט אים דאָס שילדערן פון קאַפּצאַנסקער פּאַרנאָסעס. דאָרט קומט עס אַזוי אויס: „קאַפּצאַנסק טראַנספּאָר־טירט אירע פאַרשוינען קיין גלופּסק, בּאַגליקט דאָרט מיט זיי די וועלט און איז דערמיט זיך זייער מעיאַכעס. דעריבּער הייסן אַלע קאַפּצאַנסקער ייִדן מעיוכאָסים". (ז. 4).

אין דער ערשטער רעדאַקציע איז בּוילעט די טענדענץ אַרויסרוקן דעם מאַסקילישן מיין און פאַסלענען די עלעמענטן פון פאָלקס־עפּאָס, פון פאָלקס־לעגענדע. אין דער צווייטער איז אָט די טענדענץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָפּגעשוואַכט, אָבּער ניט פאַרשוווּנדן. און אין דער מאָס, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער אידעאָלאָגישער עלעמענט, איז געשטיגן דער פּסיכאָלאָגישער. ס'האָט אָנגעהויבּן וואַקסן דאָס בּילד, אַמאָל אַפן כעשבּן פונעם מיין, אַמאָל גופע קעדיי בּוילעטער מאַכן דעם מיין. דאָס איז צו זען איִנעם ערשטן פון די גע־בּראַכטע בּײַשפּילן. אין דער רעדאַקציע פון 1865 איז דערעך אַגעוו געוואָרפן דאָס וואָרט „בּעזדעטניק". איִן די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס איז שוין דער טראָפּ אַף „בּעזדעטניק". ר' שמעלקעס בּרען צו דינען גאָט קומט פון זײַן גאַרן צו האָבּן אַ קינד.

אָט די טענדענץ פון פאַרבּרייטערן און פּסיכאָלאָגיזירן דאָס בּילד קריגט אַ דערגאַנצונג איִן דעם עפּיזאָד, ווי אַזוי ר' שמעלקע איז געוואָרן אויס „בּעזדעטניק", אַזוי אויך נאָך איִן אַ ריי אַנדערע מאָמענטן פון דער מײַסע מיט ר' שמעלקען.

אויסגאַבע 1865

1. „פערל זײַן ווײַב, וואָס האָט ניט געהאַט קײַן קינדער, האָט אַקוראַט נאָך נײַן כּאַדאָשים, כאַנוקע צום ערשטן ליכטל געהאַט אַ ייִנגל״ (ז. 16).

אויסגאַבע 1911

1. „פערל זײַן דריט ווײַב נאָך גאָר אַ יוגנט, אַ לעבעדיקס, אַ ברענענדיקס, וואָס ער האָט זי גענומען נאָר פּאַר אַ באַלע־באָסטע אין שטוב אַרײַן, האָט טאַקע אין נײַן כּאַדאָשים אַרום נאָך דער מײַסע, וואָס איז געשעען, געהאַט כאַנוקע־צײַט אַ ייִנגל״ (ז. 40).

ס'איז אויסגעוואַקסן דאָס בילד פונעם יונגן ווײַבל און דערבײַ איז דאָס בילד אויסגע־נוצט געוואָרן אַף צו וואַרפן אַ כשאַד אַפן גאַנצן עפּיזאָד.

פון די פילע ענלעכע בײַשפּילן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז נאָך אַף צוויי: די פּאָרטרעטן פון די אָרכים און ווי ר' שמעלקע באַגעגנט זיי.

אויסגאַבע 1865

2. „איינער אין אַ גאַנץ לאַנגן טיזליק פון מאַרע אַנטיק מיט אַ טײַערן ספּאָדיק אַ שפּיצאַסטן״ (ז. 13).

3. „נאָך איינער אין אַ טשומערקע מיט אַ לעדער בײַגאַרטל״ (ז. 14).

אויסגאַבע 1911

2. „איינער עפּעס אין אַ מין כאַלאַט מיט טראָלדן, די באָרד צעקאָשמעט און אַפן קאָפּ אַ הויכער, שפּיצאַסטער ספּאָדיק״ (ז. 36).

3. „נאָך איינער אין אַ מין סוויטקע אָדער אַ טשומערקע, מיט אַ לעדערנעם בײַגאַרטעל, דאָס פּנים באַוואַקסן מיט אַ וואַלד האָר״ (ז. 36).

אין יעדן פון די פּאָרטרעטן איז צוגעגעבן אַן איינצלהײַט, וואָס דאַרף בוילעטער מאַכן דאָס בילד. דאָס זעלבע אין דער סצענע ווי די געסט קומען אַרײַן צו ר' שמעלקען.

6. „בעשאַס זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, האָבן זיי אַ געשריי געטון: גוט יאָנטעוו, ר' שמעלקע״ (ז. 14).

7. „כאָלילע, כאָלילע, האָט רעב שמעל־קע געענטפערט, געלט וועל איך ניט נעמען, אָסער כאַזער. איך וויל מעקאַיעם זײַן מיט אַזעלכע טײַערע אָרכים די מיצוואַס פּורים גאַנץ פריילעך. ווײַן און אַנדערע מאַש־קאָעס האָב איך, דאַנקען גאָט, אין קעלער זייער גענוג״ (ז, 14).

6. „באַם אַרײַנקומען האָבן זיי געקושט די מזוזע מיט אַ געשריי: — אַ גוטן אָוונט! אַ גוט יאָנטעוו, ר' שמעלקע״ (ז. 37).

7. „כאָלילע, ענטפערט רעב שמעלקע, געלט—בעשומויפן ניט. זייער אָנגעלייגטע געסט. כ'לעבן! מײַן לוין וועט שוין זײַן דאָס, וואָס איך וועל מיט אַזעלכע טײַערע אָרכים אָפּריכטן די סודע גאַנץ פריילעך, ייִדישלעך, ווײַן און נאָך אַנדערע מאַשקע, ווישניק, מאַלינִיק, האָב איך גענוג. פּאַר נויט וועט מען קענען נעמען אַ פּאָר פלע־שעלעך פון פּייסעכיקן, און איר, ר' ייִד, טוט ער אַ זאָג צו דעם אין דער טשומערקע, איר זײַט דאָך אַ באַלעגאָלע און וועט זיך מיסטאַמע פון אַ גוטן טרונק בראָנפן ניט אָפּזאָגן. בראָנפן האָב איך גאָר אַן אַנטיק״ (ז. 37).

און ווען דער אוירעך דערפרייט זיך מיטן בראָנפן, גיט ר' שמעלקע צו:

„איר זײַט מיר זייער קענטלעך, זײַט איר נישט יענער ברענענדיקער כאָסיד, מיט וועלכן מיר האָבן אַמאָל אײַניינעם יאָנטעוו געהאַלטען באַם אַלטן, זאָל מאַריך יאָמים זײַן״ (ז. 37—38).

דער טאָך איז אין דער ערשטער רעדאַקציע שוין דאָ. נאָר דאָס צוגעבן אַזאַ שטייגער־איינצלהייַט, ווי „זיי האָבן געקושט די מעזוזע", אָדער „פּאַר נויט וועט מען קאָנען נעמען אַ כּאָר כּלעשלעך פון כּייסעכדיקן", צי גאָר דאָס דערמאָנען זיך, ווי מ'האָט איניינעם פאַר־בראַכט אַ יאָנטעוו באַם רעבן, — אין דעם אַלץ לאָזט זיך שוין וויסן יענער באַוווסטזייַן פון אַ קינסטלער, וואָס מענדעלע האָט עס אויסגעדריקט אין דער שפּעטערדיקער אַנערקענונג, אַז וויכטיק איז ניט נאָר די קניידלעך, נאָר אויך די האַגאָדע[1]. אין 1865 האָט נאָך דער מאַסקיל ניט דערלאָזט, אַז אָט דער באַוווסטזייַן זאָל זיך קלאָר אויספורעמען. מענדעלעס אַלגעמיינע טענדענץ איז דעמלט געווען צאַמען דאָס בילד, האַלטן זיך באַם קלאַל, דער־ציילן דאָס אַלגעמיינע און ניט באַשרייַבן דאָס קאָנקרעטע.

נאָך בוילעטער, ווי אין דער געשיכטע מיט ר' שמעלקען, וואָס האָט זיך קלאַל וויניק געענדערט פון דער ערשטער רעדאַקציע צו די ווייַטערדיקע, איז די אָנגעמערקטע טענדענץ באַם איבערגעבן גופע הערשעלעס לעבן. מיר וועלן עס נאָכשפּירן פון עפּיזאָד צו עפּיזאָד.

הערשעלעס קינדהייַט

אין אויסגאַבע 1865 איז זי געגעבן פאַראַלגעמיינערט און קאָם אין עטלעכע געצייל־טע שורעס:

„מייַן טאַטע איז געווען אַ קאַפּצן מיט אַלע כיין־גריבעלעך. אַ גאַנץ יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען פּוסטע פּאַס, יאָמים־נויראָים פלעגט ער זייַן אַ באַל־טפילע ערגעץ אין אַ גלופּסקער קלייַזל. מייַן מאַמע איז געווען אַ קורעלאַפּניטשקע, זי פלעגט פירן הינער, אייער קייַן גלופּסק" (ז. 17).

אָט די עטלעכע שורעס ווערן אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע פאַרביטן דורך גאַנ־צע 29 זייַטן (4—33), ווו ס'ווערט דערציילט וועגן הערשעלעס געבוירן, טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך און ברידערלעך, זייַנע כאַוויירים און קינדער־שפּילן.

הערשעלע פאַרלאָזט קאַפּצאַנסק

אין דער יובליי־אויסגאַבע (1911 י.) געהער דער עפּיזאָד צו די בעסטע זייַטלעך. ס'איז אים געווידמעט צוויי קאַפּיטלעך. דאָס ערשטע קאַפּיטל פון צווייטן בוך, ווו הערשעלעס אָנהייבן טראָגן אַף זיך דעם לעבנס־יאָך ווערט געגעבן דורך דעם כיידערדיקן אויסטייַטשן פון פּאָסעק: „יששכר חמור גרם רבץ בין המשפתים". און דאָס צווייטע קאַפּיטל—הערשעלעס געזעגענען זיך מיטן בעסמעדרעש, מיט די כאַוויירים און מיט ביילען. אין דער רעדאַקציע פון 1865 איז דאָס געגעבן געוואָרן בלויז דורך איין זאַץ:

„נאָך מייַן באַר־מיצווע פלעגט מיך דער טאַטע נעמען מיט זיך אַף יאָמים־נויראָים קייַן גלופּסק, איך זאָל אים אונטערהאַלטן" (ז. 22).

פּונקט אַזוי האָבן מיר אין דער אויסגאַבע 1865 אַנשטאָט די ווייַטערדיקע קאַפּיטלען וועגן לייזער־יאַנקלס טויט און הערשעלעס פאַרבלייַבן אין גלופּסק בלויז אין היסנאַצלעס:

1 איין פאַל איז דאָ צו פאַרצייכענען, ווען מענדעלע לאָזט אַרויספאַלן אַ פּראַט. ער באַשרייַבט, ווי ר' שמעלקע מיט די אָרכים שיקן זיך שאַלעכמאָנעס און גיט צו: „נאָך דעם האָט מען זיך ווייַטער געזעצט עסן, מעקאַיעם זייַן די סודע און מע האָט געשיקערט אַף וואָס די וועלט שטייט, אַלע האָבן גע־שאָלטן דעם טיזליק" (ז. 15—16). אין דער ווייַטערדיקער אויסגאַבע איז דער זאַץ: „אַלע האָבן געשאָלטן דעם טיזליק" ניטאָ. דער טיזליק איז געווען מאָרדכע. דערדאָזיקער זאַץ איז אַ ווינק אַפן פּאָסעק: „עד שלא ידעו בין ארור המן לברוך מרדכי".

„פון מײַנע איבעריקע נעסיעס וועל איך דאָ ניט דערציילן, איינמאָל, עס וועט צו לאַנג זײַן, צווייטנס, עס איז נישט דאָ דאָס אָרט. איך היפער איבער אַסאַך זאַכן און הייב אָן פון דער צײַט, וואָס איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אַף טאָמיד אין גלופּסק, דאָס הייסט אין אַ גלופּסקער קלײַזל, וואָרעם דער טאַטע האָט מיך איבערגעלאָזט דאָרטן לערנען אונטער דער האַשגאָכע פון אַן אַלטן בעקאָוועדיקן מעקאַבל" (ז. 24).

הערשעלעס טרוים וועגן „ווינשפינגערל"

אין דער יובילײ־אויסגאַבע פאַרנעמט אָט דער עפּיזאָד 4 זײַטן, אין דער ערשטער אויסגאַבע—צוויי קלייגע זײַטלעך. אַלץ, וואָס איז אין אָט די צוויי זײַטלעך געזאָגט, איז אַריבער אין יובילײ־אויסגאַבע, האַגאַם אַקצענטירט איז עס פּאָרט אַנדערש.

אין דער יובילײ־אויסגאַבע באַשטייט דער עפּיזאָד פון 3 עלעמענטן: 1) קאַפּצאַנסקער לעגענדעס, איינע פון זיי די מײַסע וועגן ווינשפינגערל, 2) דער מאָקער פון ווינשפינגערל—דער טאַטע: „דער טאַטע ווייסט", 3) מײַסע־ביכלעך וועגן אַ באַסמאַלקע, הערשעלעס באַסמאַלקע—ביילע דעם גלעזערס.

אין דער ערשטער אויסגאַבע קומט אַנשטאָט דער מײַסע מיט ביילען אין פאַראַלגעמיינערטע פראַזע:

„אַז איך בין עלטער געוואָרן און אָנגעהויבן צו פילן אַנדערע באַדערפניסע, האָב איך אויך געהאַט אַנדערע מינים ווינטשע, דענסטמאָל וואָלט איך מיר געווונשן האָבן באַסמאַלקעס, פרינצעסנס, גאָלד און זילבער אוכעדוימע" (ז. 22). די איבערדערציילונג וועגן די מײַסע־ביכלעך, ווו הערשעלע האָט „באַגעגנט זייער פיל ווונדערלעכע זאַכן, וואָס זײַנען געשעען אַף דער וועלט דורך צויבער, דורך שיימעס און ווינשפינגערלעך", האָט אין יובילײ־אויסגאַבע אַ כאַראַקטער פון אָפּגעלעבטן פאָלקלאָר, ס'איז אַ שטייגער־עלעמענט: אַזוי האָט מען געגלויבט. אין דער ערשטער רעדאַקציע שטעקט אין דיזעלבע שורעס אַ ביטל צו מײַסע־ביכלעך.

דער צווייטער מאָמענט: „אַ טאַטע ווייסט" איז שוין קימאַט אינגאַנצן אין דער ערשטער רעדאַקציע: „דאָס וואָס איז פאַראַנען אַ ווינשפינגערל, דאָס האָב איך הייליק געגלויבט, וואָרעם איך האָב דאָך דאָס געהערט אויך פון מײַן טאַטן, אַ טאַטע ווייסט... סטײַטש, פונוואַנען דען האָב איך געהערט אַלע מײַסעס פון יענער וועלט, פון מאַלאָכים, שיידים און רוכעס, פון קאָל האַזאַכן, וואָס טוט זיך אין גענעם און אין גאַניידן, ווען ניט פון מײַן טאַטן, הײַנט, ווען איך זאָל ניט געוועזן גלויבן אין דעם איקער (פרינציפּ): „אַז אַ טאַטע ווייסט," וואָס־זשע וואָלט געוואָרן כאָלילע פון מײַן ביסל ייִדישקײַט" (ז. 21).

אָט דער זאַץ איז אינגאַנצן אַריבער אין יובילײ־אויסגאַבע (ז. 48) און איז בלויז שפּראַכלעך אָפּגעשלײַפט געוואָרן: „דאָס וואָס אַ ווינשפינגערל איז דאָ, איז דאָך אַ געוויסע זאַך, און ער האָט דערינען הייליק געגלויבט, וואָרעם אַזוינס האָט ער דאָך געהערט אויך פון זײַן טאַטן, אַ טאַטע ווייסט... סטײַטש, פונוואַנען האָט ער דען געהערט יענע אַלע מײַסעס פון יענער וועלט, פון אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך אין גענעם, אין גאַניידן, פון מאַלאָכים, באַלע־שעמס, מעכאַשפים, שיידים און רוכעס, ווען נישט טאַקע פונעם טאַטן, הײַנט ווען ער זאָל נישט געווען גלויבן „אין גרונט" אַרײַן אין דעם אַני מאַמין, אַז אַ טאַטע ווייסט, וואָס זשע וואָלט געוואָרן, כאָלילע, פון זײַן ביסל ייִדישקײַט" (ז. 84).

מענדעלע האָט אין דער ערשטער רעדאַקציע געשטעלט דעם טראָפּ אַף די עלעמענטן, אין וועלכע עס האָט מער געשטעקט דער אופקלערערישער מיין. אָבער אויך אין די עלעמענטן איז שוין געווען פאַרבאָרגן אַזויפיל שטייגער און בעמיילע אַזאַ וואָרט־רײַכקײַט,

אַז ער האָט קימאַט אַלץ, וואָס איז געווען געזאָגט אין דער ערשטער רעדאַקציע, איבער־געטראָגן אין די ווײַטערדיקע, בלויז אַרומשלײַפנדיק עס בעערעך אַזוי, ווי אין דער גע־בראַכטער ציטאַטע.

קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים, די פור און דער וועג

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איז עס שײַך די עפּיזאָדן: קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים, די פור און דער וועג. אין דער ערשטער רעדאַקציע זײַנען די עפּיזאָדן זייער קורץ. זיי זײַנען געגעבן צומאָל אין אַן אַנדער פאַרבינדונג. די שפּראַך איז ווייניקער געשלײַפט, דאָס בילד ווייניקער בוילעט און, פאַרקערט, דער מאַסקילישער מיין מער אונטערגעשטראָכן. זיי האָבן שוין אָבער דעם טאָך פון דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע, אַלע הויפּט־מאָמענטן, און קומען דערום אויס באַם לייענען זייער באַקאַנט, ס׳איז אין זיי ניטאָ קײַן איין זאַך, וואָס זאָל אַן איבערדאַ־גירטער ניט געווען אַרײַן אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע.

מיר וועלן ברענגען פון יעדן פון די עפּיזאָדן צו איינע־צוויי שטעלן און מיר וועלן זיי פאַרגלײַכן מיט די אַנטשפּרעכנדע שטעלן פון דער יובילײ־אויסגאַבע.

קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים

אויסגאַבע 1865

1. „איינער פלעג אויסמאָלן אַ מילכאָמע אַף זײַן אָפענער האַנט. אַף דער דאָלאָניע האָט ער אויסגעשטעלט קירעס כאַיעל, אַף די פינגער דעם טויגער. צווישן זייביידע אַף דעם קאַוו־האַכאַים איז געווען אַ יאַם. נו, האָט זיך דער טו־גער מיט קירעס גע־שלאָגן. בערל מיט זײַן קאָמפּאַניע האָבן גע־האַלטן פאַרן טויגער, לייזער מיט זײַן קאָמפּאַ־ניע פאַר קירען. געוועגדעט אין גאַנצן האָט זיך דאָס אָבער נאָר אָן דעם פאַרשוין פון דער האַנט. בערל מיט לייזערן האָבן זיך צו אים געגויגט מיט אַ ראַכמאָנעס־פּאָנים, איטלע־כער האָט געוואָלט ער זאָל אים צוליב טון, ביז לייזער דער מאַמזער פלעג שטילערהייט ציען דעם פאַרשוין פאַר אַ פאָלע, אָדער אים פאַמעלעך אַ קוועטש טון אַ האַנט, אַ פּוס, און טאַקע באַלד האָט מײַן פאַרשוין צוגעמאַכט די האַנט, איז געוואָרן אַן עק פון דעם טויגער. אַלע טערקן זענען אַרײַנ־געפאַלן אין יאַם" (ז. 18).

אויסגאַבע 1911

1. „די גאַנצע לאַנד־קאַרטע איז באַ זיי אויסגעמאָלט אַף דער האַנט און בעשאַס בערל מיט זײַן קאָמפּאַניע שטעלן אויס אַף דער דאלאָניע קירעס כאַיעל, אַף די פינגער דעם טויגערס, צווישן זיי ביידע, אַף דעם קאַוו־האַכאַים, אַ יאַם, אָדער דער פרוט און עס קערט זיך אַ וועלט, איז לייזער מיט זײַן קאָמפּאַניע שטאַרק באַשעפ־טיקט מיט די סאָרים זייערע דאָרט אין הימל, אויסווײַזנדיק בעפּיירעש פון ראַשע, אַז קיי־נער פון די מעלוכעס האָט ניִשט די מאַפּאָלע דאָ אונטן, ביז עס פאַלט ניט דער סאַר זײַנער דאָרט אויבן. בערל וויל שוין צומאַכן די פינגער אַזוי, אַז דער טויגער זאָל אומ־קומען, אַרײַנפאַלן אין יאַם.

— ניין, בערעלע, שרײַט אים לייזער, אומזיסט דײַן מי, דו אַמאָרעץ איינער! פאַלן מוז גאָר דער סאַר שעל עדוים, אַזוי, גראָבער יונג, שטייט געשריבן, אַז מע ווייסט ניט, באַדאַרף מען שווײַגן און זיך ניט מישן" (זז. 44 — 45).

דיזעלבע נויגונג צו פאַרברייטערטן דאָס בילד, צו ווירקן גופע דורך בילד און שטיי־גער באַמערקן מיר אין צענדליקער אַנדערע פאַלן. אָבער דאָס אַלץ ווערט געטון אין די

וויַטערדיקע אויסגאַבעס מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס ס'איז שוין פאַראַן אין דער ערשטער אויסגאַבע, ווײַל, ווי שוין באַמערקט, איז קימאַט קיין איין שטעל פון דער ערשטער אויסגאַבע ניט באַזײַטיקט געוואָרן, קימאַט אַלץ איז אַריבערגעטראָגן אין אַן איבערגעאַרבעטער פאָרם אין די וויַטערדיקע רעדאַקציעס.

די פור און דער וועג

נאָך איין־צוויי בײַשפּילן פונעם עפּיזאָד — די פור און דער וועג. די געוויינלעכע פּיל־מאָליקע פאַרגאַנגענהײַט „פלעג", מיט וועלכער מענדעלע נוצט זיך בעדערעך קלאַל אין דער רעדאַקציע פון 1865, איז דאָס מאָל אין דער סצענע מיט דער פור פאַרביטן מיט דער א־יינמאָליקער פאַרגאַנגענהײַט אָדער געגנוואַרט. הערשעלע הייבט אַזוי אָן:

„איך געדענק הײַנט אין פריידן מײַן ערשטע נעסיע" (ז. 22).

אנשטאט: „דער טאַטע פלעגט מיך נעמען מיט זיך", קומט די קאָנקרעטע ערשטע נעסיע, און ווײַל ס'האַנדלט זיך אין קאָנקרעטן, איז די באַשרײַבונג פון דער נעסיע גופע באַזונדערס נאָענט צו אָט דער באַשרײַבונג אין די וויַטערדיקע רעדאַקציעס.

אָט זײַנען די עוואָליוציעס פון ערשטן זאַץ:

אויסגאַבע 1865

„די מאַמע האָט אַף אַ לאַנגן וואָגן אינדערהויך אַנידערגעשטעלט אַ שטײַג מיט אויפעס און אַ קאַדקע אייער אין פּאַלאָווע" (ז. 22).

אויסגאַבע 1911

„אַף אַ לאַנגן וואָגן אינדערהויך איז געשטאַנען אַ שטײַג מיט אויפעס און אַ קאָרב מיט אייער אין פּאָלאָווע" (ז. 66).

די פאָרם פונעם צײַטוואָרט איז דאָ געענדערט געוואָרן און דאָס ניט־יידישע וואָרט „קאַדקע" איז פאַרביטן מיטן יידישן „קאָרב".—צוויי מאָמענטן פון מענדעלעס איבעראַרבעטונג, וואָס כאַראַקטעריזירן ביכלאַל די עוואָליוציע פון דער ערשטער רעדאַקציע צו די וויַטערדיקע: מענדעלע מײַדט אויס סלאַוויזמען, אַף וויפל ער גייט איבער פון אַלגעמיינעם צום קאָנקרעטן, פאַרבײַט ער פילמאָליקע פאַרגאַנגענהײַט דורך איינמאָליקער, און ווי מעג־לעך, איינמאָליקע פאַרגאַנגענהײַט דורך געגנוואַרט [1].

אין יובילײ־אויסגאַבע קומט־צו צו די ווערטער „אַ שטײַג" און אַ „קאָרב", דער צוגאָב־זאַץ: „וועלכע די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט דאָרט באַצײַטנס נאָך אינדערפרי" (ז. 66). און אָט דער פּראַט באַלעבט דאָס בילד פון גרייטן זיך אין וועג.

אַ צווייטער בײַשפּיל:

אויסגאַבע 1865

„דער וואָגן איז געווען ענג אָנגעזעצט מיט פאַרשוינען. קימאַט אַ פערטל שטעטל. דאָרט האָבן זיך געפונען מיידלעך, ווײַבלעך, וואָס זײַנען געפאָרן זיך שטעלן

אויסגאַבע 1911

„דער וואָגן איז אָנגעזעצט געווען ענג מיט פאַרשוינען, קימאַט אַ פערטל קאַפּ־צאַנסק. דאָרט האָבן זיך געפונען מיידלעך, ווײַבלעך, וואָס זײַנען געפאָרן זיך שטעלן

---

1 מיר שטעלן זיך דאָ ניט אָפּ אַף אַ גאַנצע ריי אַנדערע סטיליסטישע ענדערונגען, וואָס מענדעלע האָט אַרײַנגעבראַכט אין די וויַטערדיקע וואַריאַנטן פון „ווינשפינגערל". בעדערעך קלאַל, זײַנען די סטיליסטישע ענדערונגען געמאַכט געוואָרן אַף דעמזעלבן אויפן ווי אין די וואַריאַנטן פון אַנדערע ווערק, וועלכע מיר האָבן שוין אַנאַליזירט אין אונדזער אַלגעמיינער אַרבעט וועגן מענדעלעס וואַריאַנטן (צײַטשריפט ב. II — III).

פאַר דינסטן, פאַר אַמען, דאָרט זײַנען גע־וועגן אויסגעזעצט אַלערליי ייִדן, שיינע ייִדן, קאָשערע ייִדן, זײַדענע מענטשן, גילדענע מענטשן, מיט גילדענע־אָדער־ייִדן, גלאַט אַבי אָט ייִדן" (ז. 22)

פאַר דינסטן און אַמען. אויך אַלערליי סאָרטן ייִדן: שיינע ייִדן, קאָשערע ייִדן, מיטן פולן מויל ייִדן, ברענענדיקע ייִדן, צעבראָכענע ייִדן, גילדענע־אָדער־ייִדן, גלאַט ייִדן, אַזוי זיך ייִדן און אויך־מיר ייִדן. ס'איז געווען אַ פאַרמישעניש, אַ פאַרפלאָנטעניש, אַ פאַר־בײַטעניש מיט די פיס און אַ צונויפשטי־קעניש גאָר אומצוקומען" (ז. 66)

דער ערשטער זאַץ קימאַט ניט געביטן, די פאַרברייטערונג פון צווייטן זאַץ פאַרוואַנדלט „אַלערליי ייִדן" אין „אַלערליי סאָרטן ייִדן" און יעדער „סאָרט" ווערט שוין אַ פּסיכאָלאָ־גישער באַגריף.

אין אַלגעמיינעם איז דאָס בילד סײַ פון קאַפּצאַנסקער כאַקראָנים, סײַ דער וועג פון קאַפּצאַנסק ביז גלופּסק שוין געגעבן אין דער ערשטער רעדאַקציע און דאָס נעמט זיך דע־ריקער דערפון, וואָס ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם קלאל — קאַפּצאַנסק און ניט וועגן דעם פּראט — הערשעלעס לעבן, ס'האַנדלט זיך וועגן די עפּיזאָדן, וואָס האָבן געגעבן מער מעג־לעכקײַט אַף אַרויסצוזאָגן דעם מאַסקילישן מיין און דערפאַר טרעפן מיר אין די שפּעטער־דיקע וואַריאַנטן פון דידאַקטיקע בילדער — לעהייפעך דער אַלגעמיינער טענדענץ פון מענדע־לעס אַרבעט אַפן ווינשפּינגערל—פאַרקירצונגען און ניט פאַרברייטערונגען. באַזונדערס איז עס שײַעך דעם מאַסקילישן סאַרקאַזם צו גוטע ייִדן, וואָס מיט זיי האָט זיך מענדעלע בעדרערך קלאל זייער ווייניק אָפּגעגעבן באַזונדערס אין פאַרגלײַך מיט לינעצקין.

אויסגאַבע 1865

1. „אין קאַפּצאַנסקער בעסמעדרעש, וואָס איך פלעג דאָרט קימאַט טאָגן און נעכטיקן האָב איך טאָמיד געהערט וווּנדערשיינע מײַסעס פון די אײַנוווינער, וואָס האָבן דאָרטן אויך קימאַט געטאָגט און גענעכטיקט. דאָרט זײַנען דערציילט געוואָרן מאָפּסים פון ייִדן, מײַסעס פון יענער וועלט, וואָס עס טוט זיך אין גאַניידן און אין גענעם, גלײַך ווי זיי זײַנען ערשט פון דאָרט גע־קומען און האָבן אַלצדינג דאָרט געזעען מיט זייערע אויגן, מײַסעס, וואָס זײַנען פאַרלאָפן אַף דעם הימל, וואָס עס קאָכט זיך אין הימלס קאַבינעט, וועלכער פון די צאַדיקים איז אַ גרעסערער טאַקעף" (ז.18—17)

אויסגאַבע 1911

1. אָט דער ביטלדיקער שטעל צו מאָפּ־סים און גוטע ייִדן איז אינגאַנצן ניטאָ. אַנשטאָט אים—אַ ברייט בילד פון מיטל־אַלטערלעכן מאָשיעך־טרוים, וואָס איז גע־געבן דורך אַ טײַטש־כומעשדיקער איבער־זעצונג פון סייפער „אבקת רוכל": „האָויס האַשוויִ, דער זיבעטער צייכן, האַקאָדעש באָרכוּ וויַיזט דער וועלט אַ מויכעס" א. אַ. וו. (ז. 43).

אויסגאַבע 1865

2. „צדאָקעס איז דאָרט געפאַלן אַף דעם פּוד. איינער האָט געזאָגט: איך, אַשטיי־גער, זאָל זײַן רעבּ יעקל, וואָלט איך אויסגע־מויערט אַ שול אין קאַפּצאַנסק און וואָלט אײַנגעפירט אַ כעוורע טילים און וואָלט, און וואָלט, און וואָלט... יענער האָט גע־

אויסגאַבע 1191

2. „צדאָקעס איז געפאַלן געגוג ווי מיסט, מיט דער פולער האַנט, איינער דעם אַנדערן וויַיזט אַרויס זײַן גרויס פרײַנט־שאַפט, צוזאָגנדיק דעם, יענעם גילדענע בערג, דאָס גוט־ברודערשאַפט צווישן דער קאָמפּאַניע ווערט געשטאַרקט. מע פילט זיך

זאָגט: איך וואָלט דענסטמאָל גאָר אַוועק־געפאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל, אין דעם לאַנד, וואָס ציגן עסן באָקסערן. איך וואָלט אַלע קאַפּצאַנסקער ייִדן געשיקט אומזיסט ערעץ־ייִסראָעל־ערד. ווער שמועסט די גוטע ייִדן, וואָלט איך צעשיקט טאַקע גאַנצע קאָראָבקעס... און וואָלט, און וואָלט, און וואָלט... אַף דעם סאָף איז אַרויס אַ קריג, בערל, לייזערס באַר־פּלוגטע האָט געזאָגט: אַשטייגער, ייִדן, איך זאָל געפינען אַן אויצער, וואָלט איך אַרייַנגעזעצט אין קאַפּצאַנסק דעם דריסקער. לייזער אָבער האָט געזאָגט: ווען ער זאָל, אַשטייגער, געפינען אן אויצער, וואָלט ער בערלען אף צעלאכעס אַרייַנגעזעצט דאָרט דעם שטינסקער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַכלויקעס. לייזער מיט בערלען האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט בא די נעז. אַ טייל האָבן געהאַלטן מיט לייזערן, אַ טייל מיט בערלען. מע האָט געהערט שטינסקער, דריסקער, דריסקער, שטינסקער, אַ געשריי, אַ ליאַרעם, אַ סאמאַטאָכע, אַ געשטופּעריַי, אַ געקוועטשעריַי. דער שרייַט: אוי, מייַנע פּיס, יענער: אוי, מייַן קאָפּ! איינער זוכט דאָס היטל, דער אַנדערער די יאַרמעלקע, מייַן מאַמע האַלט מיט ביידע הענט די קאַדקע מיט אייער, און שרייַט און שעלט, די הינער קרייען, דער באַלעגאָלע שרייַט, פליכט, דער טאַטע נעבעך ליגט איַינגעהויקערט אין צענען אונטער דער שטייַג, האַלט מיט איין האַנט צו דאָס מויל, מיט דער אַנדערער דאָס שטיקל פּיי אַף דעם האַלדז" (ז. 24 — 23).

עפּעס געטרייסט, ניט אַזוי פאַרוואָרפן, פאַרגעסן אין דער וועלט און איינער מיט דעם אַנדערן איז זייער צופרידן" (ז. 68 — 69).

אין דער ערשטער רעדאַקציע ליגט דער אַקצענט אף דעם כויזעק מאַכן פון די גוטע ייִדן און פון די פאַרדאָרבענע זיטן באַ די כסידים. איבער אַ מייַסע מיטן רעבן קומט בא זיי קימאַט ווי צו אַ געשלעג.

אין דער צווייטער רעדאַקציע זייַנען שוין די מייַסעס וועגן די גוטע ייִדן ניטאָ און אַנשטאָט פאַרדאָרבנקייַט קומט נאַיִוער גלויבן, נאַיִווע געמיטלעכקייַט. דער טרוים וועגן שפּעטערדיקע צדאָקעס מאַכט איצט אַלעמען וויכער און פרייַנטלעכער, — ענדערונגען, וואָס זייַנען נאַטירלעך און טיפּיש פאַר דער עוואָליוציע, וואָס מענדעלע האָט פאַר די יאָרן פון דער ערשטער ביז דער צווייטער רעדאַקציע דורכגעמאַכט (אין דער ערשטער רעדאַקציע זייַנען פאַראַן טרעפלעכע בילדער, ווי „דער טאַטע האַלט מיט איין האַנט צו דאָס מויל, מיט דער אַנדערער דאָס שטיקל פּיי אַף דעם האַלדז". די בילדער זייַנען אין דער צווייטער רעדאַקציע געבליבן, נאָר אויסגענוצט זייַנען זיי געוואָרן אין אַלגעמיינער באַשרייַבונג פון וועג און פון דער איינגשאַפּט אין בויד).

פון אָט די צוויי שפּעטערדיקע בילדער: קאַפּצאַנסקער עוויינעס, וואָס פאַרנעמט אין יובילײ־אויסגאַבע 2 זײַטן, און דאָס ווינשעניש, וואָס פאַרנעמט דאָרט גאַנצע פיר זײַטן, איז אין דער ערשטער רעדאַקציע פאַראַן קאָם צו עטלעכע שורעס.

קאַפּצאַנסקער עוויינעס: „קאַפּצאַנסקער אײַנוווינער זײַנען גרויסע עוויינים און האָבן ניט איר זאָלט זאָגן אַ צעבראָכענעם שילינגער. אין קאַפּצאַנסק אַליין איז פאַר זיי ניטאָ קײַן שום פּאַרנאָסע, סײַדן זיי זאָלן איינער צום אַנדערן אַרומגיין אין די הײַזער, די גאַנצע יעניקע זייערע איז פון גלופּסק, אַ טייל ווײַבער פירן פון דאָרט קײַן גלופּסק הינער, אייער, געַנזנשמאַלץ און פּאָדעס, אַ טייל מאַנסבילן פאָרן אַהין צו זײַן מעלאַמדים, באַהעלפערס, מעקאַבלים, שיינע ייִדן און באַטלאָנים. אונטער יאָמים־נויראָים כאַפּן זיך אַנדערע אַרויס קיין גלופּסק פאַרדינגען זיך דאָרט אין די קלײַזלעך פאַר באַלע־טפילעס, הײַנט דינסט־מיידלעך און אַמען גייען פון קאַפּצאַנסק אַרויס גאָר אָן אַ שיר. אַ כאַנוקע, פּורים גייען פון דאָרט אַוועק קימאַט אַלע איינוווינער קײַן גלופּסק אַרומגיין אין די הײַזער" (ז. 12 — 13).

דידאָזיקע עטלעכע שורעס זײַנען דער קיצער פון די ערשטע 2 זײַטלעך פון יובילײ־אויסגאַבע, דאָרט ווערן ווײַטער, ווי אינעם פריערגעבראַכטן בײַשפּיל מיט די ייִדן, וואָס פאָרן אין בויד, „אַלערלײ" פאַרוואַנדלט ווערן אין „אַלערלײ סאָרטן" און פון יעדן „סאָרט" ווערט אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער באַגריף. אין דער איבערעכענונג פון 1865 איז פאַראַן שוין אַן אָנצוהערעניש דערויף. עס איז אַן אָנצוהערעניש, אַז דער גאַנצער ייִדישער קלאַל איז איין טאָרבע, אַז גאַנץ קנעסעס יִסראָעל גייט איבער די הײַזער און הייסט דערום קאַפּ־צאַנסק. די צילאָנשטעלונג פון 1865 לאָזט אָבער מענדעלען ניט אַנטוויקלען אָט דעם גע־דאַנקענגאַנג.

שוין גאָר אינגאַנצן פעלט אין דער אויסגאַבע 1865 דאָס בילד, ווי מע פאַרברענגט אין קאַפּצאַנסק אַ זומער אף דער נאַכט אין זיך ווינשעווען. וועגן אָט דער קאַפּצאַנסקער טעווע זיך ווינשעווען זײַנען פאַראַן נאָר אייניקע באַמערקונגען אין די פאַרשידענע שמועסן וועגן ר' שמעלקען און וועגן ווינשפינגערל.

———————

דער אַנאַליז פון דעם טייל „ביז הערשעלעס קומען קײַן גלופּסק", ווײַזט אונדז אַזוי אַרום, אַז דער באַגריף קאַפּצאַנסק האָט שוין אין דער ערשטער רעדאַקציע באַקומען אַ גאַנץ ברייטע פאָרמולירונג, דאָס בילד איז אין די גרונט־שטריכן געגעבן. בענעגייע דעם טייל האָבן מיר באַשטימט רעכט צו זאָגן, אַז דאָס ווינשפינגערל פון 1865 איז ניט „אַ טאַכלעס־זאַך אין אַ בעלעטריסטישן מאַלבוש", ווי ד״ר מ. ווײַנרײַך דריקט זיך אויס, נאָר ס'איז אַ בעלעטריסטיש ווערק, אַ מענדעלע־בוך. ס'איז פונקט אַזוי אַ קיצער פון די אַנט־שפּרעכנדע טיילן פון ווינשפינגערל 1888, ווי דער ערשטער וואַריאַנט פּישקע דער קרומער איז געווען אַ קיצער פון „פּישקע דעם קרומען" דעם שפּעטערדיקן.

4

פון הערשעלעס קומען קײַן גלופּסק

אויך דער טייל האָט צו טון מיט פיגורן און מיט פאַקטן, וואָס זײַנען אַרײַן אין שפּע־טערדיקן „ווינשפינגערל" און האָבן דאָרט פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעען אָרט. אינגאַנצן גע־נומען אָבער איז אָט דער טייל געבליבן אויסער דעם שפּעטערדיקן „ווינשפינגערל".

ס'זײַנען דאָ פאַראַן דער ליטוואַק (דער שפּעטערדיקער רעפאָעל), דער בעקאָוועדיקער מעקאַבל (דער שפּעטערדיקער ר' אַווראָם), הערשעלעס כאַווער מוישעלע, ברײַנדל די בראָדערן

מיט דער סטאַנציע (די שפּעטערדיקע רייזי, די באַלאַכסאַניטע), און אַפילו די קאָפּצאַנס־קער קעכן, זי דינט דאָסמאָל באַ בריינדעלע דער בראָדערן. אַדאַנק איר האָט הערשעלעס מאַמע „געהאַט אַ דריסאַס האַרעגל באַ בריינדעלען אין הויז, זי פלעג אַהין טראָגן אויפעס און אייער". „איך — דערציילט הערשעלע — פלעג אָפּט אַהינצו אויך גיין מיט דער מאַמע און דורך דעם בין איך געוואָרן דאָרט אין הויז אַ שטיק בען־באַיס". דאָרט טאַקע האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם ליטוואַק, געוואָרן מיט אים „אַ גאַנצער שמעלקע", „דער ליטוואַק — זאָגט הערשעלע — איז געווען פון דער נאַטור אַ גוטער אָן אַ גאַל, אַ שוטניק, אַ שפּאַס־מאַכער" (ז. 30).

וועגן מעקאבל איז געזאָגט בלויז נאָר עטלעכע ווערטער, נאָר ער ווערט כאַראַקטער־ריזירט ווי דער „בעקאָוועדיקער מעקאבל" (ז. 24). און ס'איז וועגן אים קיין איין ביטל־וואָרט ניטאָ, ד. ה. אַז עס ווערט וועגן אים גערעדט ניט אַזוי ווי געוויינטלעך, ווען ס'רעדט זיך אין דער ערשטער רעדאַקציע פון ווינשפּינגערל וועגן בעסמעדרעש־באַטלאָנים, אַפּאָנים, אַז מענדעלע האָט זיך שוין דאַן פאָרגעשטעלט דעם מעקאבל אַלס פּאָזיטיווע פיגור.

דער ליטוואַק פירט אויס דיזעלבע שליכעס, וואָס אין שפּעטערדיקן ווינשפּינגערל. ער ברענגט הערשעלען צו בילדונג. ער פירט אים אַוועק קיין לייפּציק. אין דעם ערשטן וואַריאַנט זעען מיר אָבער ניט קיין לעבנס־עפּיזאָדן, וואָס זאָלן באַלויכטן די באַציִונגען צווישן דעם ליטוואַק און הערשלען, מיר האָבן בלויז די שמועסן צווישן זייביידע.

הערשעלע דערציילט, אַז ער מיט מוישעלען „פלעגן זייער סקוטשאַיען איבער דער געמאָרע, מיר פלעגן זיך מאַכן נאָר פון יויצע וועגן אַז מיר לערנען, און בעעמעס האָבן מיר ניט געלערנט קיין וואָרט" (ז. 26). אַנשטאָט דעם האָבן זיי באַקלאָגט זייער ביטער מאַזל, דאָס מאַזל פון הונגעריקע יעשיווע־באָכערים, האָבן געטרוימט וועגן אַ ווינשפּינגערל און האָבן געטון אַלץ וואָס אין וונדער סייפער „מפעלות אלהים" שטייט געשריבן, קעדיי ווערן אַ „רואה ואינו נראה" (ז. 26).

פון דידאָזיקע האַסאָגעס זייערע איז געוואָר געוואָרן דער ליטוואַק. ער האָט אויס־געשטראָפט הערשעלען פאַר זיין שטרעבן צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה", ווייל דאָס קאָן נאָר נוצן אַף באַשווינדלען יענעם. מיט ערלעכע גענג איז ניטאָ וואָס זיך צו באַהאַלטן.

„סטייטש — האָט דער ליטוואַק מיט אים געטייַנעט — דו האָסט געפּאַסט טאַנייסים, דו האָסט געזאָגט טילים, דו ביסט געגאַנגען אין קאַלטע מיקוועס, וואָס איז? גאָט זאָל דיר, הערשעלע, העלפן דערגיין אַזאַ קונץ, וואָס דאַדורך זאָלסטו זיין אַ גאַנעוו, אַ רויצייעך, אַ לײדיקגייער, אַ הולטיי און אַ באַל־טייווע" (ז. 31) די וועלט וואָלט כאָרעוו געוואָרן פון אַזעלכע זאַכן, ווי אַ „רואה ואינו נראה" אָדער פון ווינשפּינגערלעך.

„אויב יאָ אַזוי, וואָלטן דאָך אַלע געווען נאָר בניי מאַלאָכים און ווו וואָלטן געווען זייערע קנעכט?" „קיינער וואָלט ניט געוואָלט אַרבעטן. מ'וואָלט ניט געאַקערט, ניט געזייט, מ'וואָלט ניט געמאַכט קיין פאַבריקעס... מע וואָלט פּאָשעט געשטאָרבן פאַר הונגער, פאַר קעלט" (ז. 34).

צו קיין וועלט אָן קנעכט קומט נאָך ניט דער ליטוואַק, ער רעדט אַלץ וועגן בורזשו־אַזע באַגריפן פון יושער און לייטישקייט און זאָגט צו הערשעלען, אַז ער וועט קומען דערצו ווי ביכלאל צום גליק דורך דעם ווינשפּינגערל פון בילדונג. ער נעמט צו הערשעלען פון גלופּסקער קלייזל צו זיך אַהיים, לערנט אים „די דייטשע שפּראַכע", פירט אים שפּע־טער אַוועק קיין לייפּציק און לאָזט אים דאָרט „שטודירן די נאַטור־וויסנשאַפטן אין אוני־ווערסיטעט".

די אַלע כקירעס, וואָס הירש ראַטמאַן ברענגט אַרויס בעיס ער וויל זיך פאָרשטעלן פאַר דעם לעזער, ווי אויך די וואָס דער ליטוואַק אַנטוויקלט פאַר הערשעלען, האָט מענדע־לע אין די ווייטערדיקע רעדאַקציעס אַרויסגעוואָרפן.

אַ טייל פון דעם ליטוואַקס „אידייען״ האָט מענדעלע שפּעטער געוואָלט אײַנהיטן, ער האָט עס אין די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס אַרויסגעבראַכט ניט אין דער פאָרם פון כקירעס, נאָר דורך האַנדלונג און איבערלעבונגען, ער האָט אָבער אײַנגעהיט גופא די פּערזאָנען, וואָס ווערן שוין אין דער ערשטער רעדאַקציע דערמאָנט, און וואָס זײַנען שוין לויט יענער ערשטער רעדאַקציע מעסוגל צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם ווערק.

אַזוי אַז אויך בענעגייע צו דעם טייל פון „ווינטשפינגערל״ איז ניט ריכטיק ז. רייזענס באַהויפּטונג, אַז מיר טרעפן אין דער ערשטער רעדאַקציע בלויז די געשיכטע מיט ר׳ שמעלקען און מיט זײַן ווינטשפינגערל, וואָס גייען אַרײַן אויך אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע, און אויך בענעגייע צו דעם טייל דאַרף מאָדיפיצירט ווערן די פאָרמול פון ד״ר מ. ווײַנרײַך: „ניט אַזוי אַ פּראָספּעקט פאַר אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכער פּאָפּוליאַריזאַציע, ווי אַ קינסטלערישער קאָנספּעקט פאַר די אַנטשפּרעכנדע פיגורן און סיטואַציע פון די שפּעטערדיקע רעדאַקציעס״.

פאַרוואָס עס האָט זיך באַקומען נאָר אַ „קאָנספּעקט״ און ניט דאָס גאַנצע קינסטלערישע ווערק, דאָס האָבן מיר קלאָר געמאַכט אין אונדזער אַלגעמיינער אַרבעט וועגן די מענדעלע־וואַריאַנטן („צײַטשריפט״ ב. II—III). דאָס ווערט אונדז נאָך מער פאַרשטענדלעך, ווען מיר טראַכטן זיך איין גופא אין די כקירעס, וואָס פאַרנעמען אַזויפיל אָרט אין דעם טייל פון הערשעלעס קומען קיין גלופּסק ביזן סאָף.

מיר טרעפן זיך דאָ מיט דעם ליטוואַקס כקירעס, וואָס הירש ראַטמאַן דערמאָנט זיי צו גוטן, זיי האָבן מיטגעהאָלפן הערשעלען אַרויסגיין אַפן מאַסקילישן דערעך האַיאָשער. זיי זײַנען הירש ראַטמאַנס אייגענע געדאַנקען, וואָס ער זאָגט אַרויס דערעך אַגעוו, זײַנען אויספירן פון דעם ליטוואַקס פּראָגראַם. און דאָך דריקן דער ליטוואַק און הירש ראַטמאַן אויס צוויי פאַרשידענע טענדענצן אין מענדעלעס אידעיִשן וועג.

הירש ראַטמאַנס געדאַנקען דריקן אויס די נעגאַציע פון מיטלאַלטערלעכן רעזשים און קריטיק בענעגייע קאַפּצאַנסק, יענע קריטיק, וואָס איר איז מענדעלע טרײַ געבליבן זײַן גאַנץ לעבן.

דעם ליטוואַקס כקירעס האָבן אין זיך אויסער דער קריטיק פון קאַפּצאַנסק נאָך די מאַסקילישע פּאָזיטיווע פּראָגראַם, וואָס זי האָט מענדעלע שפּעטער אַזוי גרינטלעך רעווידירט און וואָס זי האָט אין 1865 געצוווּנגען מענדעלען בלײַבן לייסאַטע בלויז באַ אַ קאָנספּעקט פון אַ קונסט־ווערק.

הירש ראַטמאַן קלאָגט זיך אַפן פּשעטלען זיך באַם לערנען און אַף די שאַדכאָנים, ווײַל אַ שידעך באַ ייִדן איז בלויז אַ „קרום פּשעטל״, דעם שאַדכנס אַ „קרום פּשעטל, אַז רוּוונס ייִנגל איז אַ פּאָר מיט שימענס מיידל״. ער קלאָגט זיך אויך דערוף, וואָס אים און מוישעלען קומט אויס זיך וואַלגערן אין קלײַזל. דאָס זײַנען אַלץ עלעמענטן פון יענער קריטיק, וואָס איז געבליבן אַלס אַ הויפּט־מאָטיוו אין אַלע מענדעלעס ווערק. ווען ער דערציילט וועגן זײַן ווינשפינגערל־טרוים, באַהעפט ער אים מיט מיטלאַלטערלעכע מיטאָלאָגיע וועגן אַשמעדײַ און מאַלקע־שוואָ, מיט דעם קאַבאָלע־סייפער „מפעלות אלהים״ מיט זײַן ווּנש צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה״, מיט דעם פאָלקלאָר פון מײַסע־ביכלעך, ווו ער האָט געלייענט, „ווי איינער איז אַמאָל געפלויגן, רײַטנדיק אַף אַ רועך, איבער וועלדער, איבער פעלדער, איבער טאָלן, איבער בערג, ביז ער איז געקומען אַף אַ קעמפּע, וואָס דאָרט איז געשטאַנען אַ ברילִיאַנטענער שלאָס מיט עפּשער הונדערט כאַדאָרים״ (ז. 20).

מענדעלע וועט שפּעטער אויך די אַלע מאָמענטן איבערלאָזן. באַקעמפן דעם קלײַזל וועט מענדעלע שפּעטער האַלטן פאַר זײַן גרונט־אויפגאַבע. שטיצנדיק זיך אַף דעם פאַקט פון הערשעלעס הונגערן אין קלויז, וועט ער באַרעכטיקן דאָס, וואָס הערשעלע פאַרלאָזט ענדלעך די קלויז. מענדעלע וועט שפּעטער זיך טיילווײַז אָפּזאָגן כונעם ביטל צו

פאָלקלאָר, וואָס לאָזט זיך הערן אין די ערשט ציטירטע שורעס. ער וועט שפּעטער אַפילע שטרעבן צו איַינהיטן דעם אַראָמאַט פונעם פאָלקס־מיַיסע־ביכל. (פאַרגליַיך די געבראַכטע ציטאַטע מיט איר גילגל אין יובילײ־אויסגאַבע ז. 48—47).

אַלץ, וואָס ס׳זאָגט און טראַכט וועגן זיַין אייגענעם לעבן הירש ראַטמאַן, שטעלט מיט זיך פאָר אָט יענע פּראָגראַם פון צעשטערן דעם יידישן מיטלאַלטער, וואָס אין איר האָט מענדעלע ביז זיַין לעצטן ווערק געזעען זיַין גרונט־אופגאַבע.

אַנדערש זיַינען די געדאַנקען, וואָס שטאַמען פונעם ליטוואַק, אין זיי איז פאַרקערפּערט יענע בורזשואַזע מאַסקילישע פּראָגראַם, וואָס מענדעלע וועט זיך שפּעטער פון איר אָפּזאָגן און וואָס ליגט אים דערוויַיל אַפן וועג. אַלץ, וואָס דער ליטוואַק רעדט, איז אויסגעשפּראָכענע בורזשואַזע אידעאָלאָגיע לויטן טאָך און סקאַרבאָווער מאַסקיליזם לויט דער פאָרם. פון ביידע זאַכן וועט זיך מענדעלע שפּעטער אָפּזאָגן און ער וועט דערום קיַין זאַך פון דעם ליטוואַקס כקירעס ניט איבערטראָגן אין די שפּעטערדיקע רעדאַקציעס. אין דער ערשטער רעדאַקציע זעען מיר, ווי דער ליטוואַק באַקעמפט הערשעלעס ווונש צו ווערן „אַ רואה ואינו נראה". אָבער דורך וועלכע אַרגומענטן! „אַן עמעס אָרנטלעכער מענטש דאַרף זיַין בסתר כבגלוי, דאָס הייסט ער דאַרף אין פאַרבאָרגעניש זיַין אַזוי ערלעך, ווי עפנטלעך פאַר ליַיטן, אַפילע ווען קיינער זעט ניט. זאָל ער יענעמס אַף אַ האָר ניט זאַטשעפּען, קיינעם ניט אָבידיען. ער דאַרף מיט זיַינע מיַיסים ניט מוירע האָבן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג. ער דאַרף זיך ניט באַהאַלטן. קורץ, אַ בראַוער, ערלעכער מאַן דאַרף ניט וועלן זיַין אַ „רואה ואינו נראה" (ז. 32).

קורץ—אַלעפבייזן פון בורזשואַזער „ליַיטישקיַיט". אין דער „קליאַטשע" וועט מענדעלע בייז אויסלאַכן די בורזשואַזע ליַיטישקיַיט. נאָר דעמלט וועט ער שוין וויסן, אַז בורזשואַזיע איז ניט קיַין באַגריף פון גערעכטיקיַיט. איצט האַלט ער נאָך אַפילע, אַז די צאַרישע רעגירונג היט אָפּ גערעכטיקיַיט. דער ליטוואַק, וואָס ער איז דאָ דער טרעגער פון מענדעלעס אידייען, זאָגט הערשעלען:

„זעסטו, הערשעלע, אַשטייגער דו זאָלסט טון עפּעס אַ פאַרברעכן, אָדער כאָלילע לוי יאַלע ולוי יאָווי מע זאָל דיך וועלן נעמען פאַר אַ רעקרוט, דאָ וואָלסטו דאָך אַוואַדע אָנגעווענדט די קונץ פון אַ „רואה ואינו נראה", וואָלסט געהאַנדלט זייער ניט רעכט פאַר דער פּראַוויטעלסטוואָ און וואָלסט ניט מעקאַיעם געווען איר ראָצן. איינער פון די כאַכמע יאָון, דער באַרימטער סאָקראַטוס, אַז מע האָט אים אַריַינגעזעצט טאָפּוס אין אָסטראָג פאַר אַ בילבל, האָט געזאָגט צו זיַינע טיַיוולאָנים, וואָס האָבן אים געוואָלט אַרויסגאַנווענען, אַז ער וויל בעשומויפן ניט אַנטלויפן, וואָרעם ער האָט נאָך געשוואָרן, ער זאָל טאָמיד מעקאַיעם זיַין דעם ראָצן פון דער פּראַוויטעלסטוואָ. היַינט, אַז ער וועט אַנטלויפן פון אָסטראָג, וואָס די פּראַוויטעלסטוואָ האָט אים דאָרט איַינגעזעצט, וועט ער דאָך אויווער שווע זיַין" (ז. 33—32).

שפּעטער, ווייסן מיר, האָט מענדעלע פאַר אַ צענטראַלן מאָמענט פון „ווינטשפינגערל" געמאַכט דעם גוירל פון דעם, ווען די „פּראַוויטעלסטוואָ וויל נעמען פאַר אַ רעקרוט" — הערשעלען. ער האָט שוין דאָרט ניט גערופן נאָכצופאָלגן סאָקראַטן. איצט האָט דאָס געשטאַמט ניט בלויז פון דעם, אַז אַ „בראַווער און ערלעכער מאַן" דאַרף האַלטן וואָרט, ביפראַט „די שווע פאַר פּראַוויטעלסטוואָ", ס׳האָט געשטאַמט דערפון, וואָס נאָך אַ יאָר דריַי אַרום נאָך דעם, ווי מענדעלע האָט דידאָזיקע שורעס אָנגעשריבן, האָט ער פאַרענדיקט די „טאַקסע" מיט וועקערס מאָנאָלאָג, אַז די רעגירונג וויל גוטס דעם יידישן פאָלק. אַנדערש גערעדט, ס׳האָט געשטאַמט אַלץ פון יענער פּאָזיטיווער מאַסקילישער פּראָגראַם, וואָס צו איר האָט מענדעלע גענומען זיך באַציען אַזוי קריטיש.

מיר האָבן שוין פריער ציטירט, ווי דער ליטוואַק באַשטריַיט דעם געדאַנק פון אַ ווינטשפינגערל, וויַיל „מע וואָלט ניט געזייט, ניט געאַקערט, מע וואָלט ניט געמאַכט קיַין פאַב־

ריקן פון לײַװנט,· פון געװאַנט פון נאָך אַנדערע זאַכן, עס װאָלט ניט געװען קײַן שנײַ־דער. קײַן שוסטער, קײַן קאָװאַל, קײַן סטאָליער, קײַן בעקער".

אויך אַ טיפּיש בורזשואַזער געדאַנק. מענדעלע איז קײנמאָל שפּעטער קײַן סאָציאַליסט ניט געװען, אָבער אַקצענטירן אָט דעם געדאַנק האָט ער שױן אין די װײַטערדיקע רע־דאַקציעס ניט געהאַלטן פאַר נײטיק.

מע באַדאַרף נישט קײַן קונץ פון אַ „רואה ואינו נראה", זי פירט צו שװינדלערײַען און צו כּאָרעװ מאַכן די װעלט, מע דאַרף בילדונג, די „דײַטשע שפּראַכע", דורך איר װעט הערשעלע אױסגעלײזט װערן. דער ליטװאַק גיט הערשעלען אָט די בילדונג, דורך איר איז הערשעלע אױסגעלײזט געװאָרן און ער טראָגט איצט די בילדונג אין קאַפּצאַנסק: ביל־דונג, האַסקאָלע — דאָס איז די פּאָן.

נאָר פאַרװאָס איז בילדונג געװאָרן די פּאָן? פאַרװאָס האָט זיך פאַר אָט דער פּאָן, זאָל זײַן אַפילו אַף אַ צײַט, אָנגעכאַפּט אַ שרײַבער, װאָס איז פון אָנהײב אָן געװען אַן אידעאָלאָג פון קלײנבירגערטום?

דער בורזשואַזיע איז בילדונג, „שפּראַכן" נײטיק געװען פאַר אירע סאָציאַל־עקאָנאָמי־שע פאַרבינדונגען, אָבער װאָס האָט די „דײַטשע שפּראַכע" געקאָנט געבן דעם קאָמעניצער און באַרדיטשעװער יונגן באַלעבעסל, װעלכער האָט אױסבאַהאַלטן אין דער געמאָרע אָלענ־דאָרפן, האַגאַם ס'האָט אים געדראָט דערפאַר אָפּגעגעט צו װערן? אומיטלבאַר עקאָנאָמיש אופגעריכט װערן האָט אים די „דײַטשע שפּראַכע" ניט צוגעזאָגט. פאַר די יונגע אידעאָלאָגן פון קלײנבירגערטום איז שױן אָבער אױך געשטאַנען די פּראָבלעם פון אופרײַסן דעם מיטל־אַלטער, די הערשאַפט פון ראַבאָנים און באַלע־מאָפּסים, און דאָס האָט די „בילדונג" צוגע־זאָגט אָפּטון. אין אוניװערסיטעט איז הערשעלע דערגאַנגען די געזעצמעסיקײַט פון נאַטור, װאָס דערלאָזט ניט קײַן ניסים, װײַל יעדער דערשײַנונג האָט איר סיבע און איז אַ סיבע פון אַ צװײטער דערשײַנונג. זאָלן צוליב אַ װינטשפינגערל קאָנען כּאָרעװ װערן אײנע סי־בעס „װאָלטן שױן דורך דעם געמוזט כּאָרעװ װערן נאָך אַסאַך סיבעס און געזעצע פון אַ גוזמע אַנדערע זאַכן ביז עס װאָלט צעשטערט געװאָרן צוליב אײן קלײניקײַט, צוליב אַן עסרעג גאָטס אַלע מאַכשאָװעס!". „נײן, רופט פּאַטעטיש אױס הירש ראַטמאַן, נאָר אַזעלכע קלײנע מענטשעלעך זײַנען ניט צופרידן מיט גאָטס פירונג, מיט זײַן הײליקער נאַטור און װילן אַלץ עפּעס װונדער, עפּעס ניסים און איבערנאַטירלעכעס, עפּעס װילן זײ, אַז עפּעס אַ מענטש זאָל מאַכן מאָפּסים און זאָל האָבן צו שאַפן איבער גאָט. נאָר אַזעלכע גראָבע אומ־גליקלעכע מענטשן האָבן מאַכמעס גרויס אַגמעס־נעפעש זיך פאַרגעשטעלט אַזוי אַ מענטשן, גאָטס אַן אָפּעקון, װאָס ער פירט אים בײַ דער נאָז און אַזוי אַן איבערנאַטירלעך פינגערל" (ז. 38).

ס'איז קלאָר: מיט דעם װינטשפינגערל איז דאָ געמײנט געװאָרן דער רעבע, דער באַל־מויפעס. קעדײ אים צו באַקעמפן װערט אַנטקעגן ר' שמעלקעס װינטשפינגערל קעגנגע־שטעלט דעם ליטװאַקס װינטשפינגערל — בילדונג.

די האַװטאָכע צו ברענגען „דאָס װינטשפינגערל" פון בילדונג האָט מענדעלע ניט אױס־געפילט, װעגן די סיבעס האָבן מיר גערעדט אין אַן אַנדער אָרט (ז. „צײַטשריפט" ב. II—III). צו דער צװײטער רעדאַקציע פון 1888 איז פאַרן אידעאָלאָג פון קלײנבירגערטום שױן ניט געשטאַנען די אופגאַבע צו קעמפן קעגן רעבן. װי װײַט דאָס איז פאַרן קלײנבירגערטום נײטיק געװען, איז שױן די מאַכט פונעם רעבן געװען באַקעמפט. האָט טאַקע מענדעלע אַרויסגעװאָרפן אָדער ביז גאָר אָפּגעשװאַכט אַלע שטעלן, װאָס זײַנען געװען געװענדט קעגן רעבן. דעם אופקלערער האָט פאַרביטן דער אידעאָלאָגישער קינסטלער. און די קינסטלערישע פאַרװירקלעכונג פון „װינטשפינגערל" האָט, פאַרקערט, באַטײַט, אַז עס װערט צעריסן מיטן דעװויז פון האַסקאָלע—„בילדונג". הירש ראַטמאַן האָט אין דער רעדאַקציע פון 1888 אױסגע־רופן: „ניט קײַן גוטע אײצעס, ברויט דאַרפן די היגע ייִדן!"

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז דעם ליטוואַקס סקאַרבאָווער מאַסקיליזם האָט זיך אויס־געדריקט ניט בלויז אין זײַנע אידייען, נאָך אויך אין דעם אַרט פירן די וויקוכים, אין יענע מאַסקילישע שפּיצלעך און רעטעניש, וואָס ער לייגט פאַר הערשעלען: „וואָס מיינסטו, הערשעלע — זאָגט ער אים — אַ קאַץ האָט אַ פּופּיק? אַ מעס נאָך שלוישים גייט צו כאַלעם? נאָך ווידע, אַז מע ווערט געזונט, מעג מען זופן אַביסל יויך? פאַרוואָס איז פאַראַנען אַ טייל ייִדן, וואָס רעדן—רעדן זיי גאָלע כאָכמעס און שרײַבן—שרײַבן זיי גאָלע נאַרישקײַטן? ווו קומט אַהין די זון, אַז זי פאַרגייט? פאַרוואָס שלאָגט זיך די זון מיט דער לעוואָנע? נעכײַ וואָלטן זיך די צאַדיקים אַרײַנגעלייגט אין שאָלעם אַרײַן?" (ז. 31—30).

עס איז נאַטירלעך, אַז ווען מענדעלע האָט זיך באַפרײַט פון דער אַנטיראַבעיִשער אײַנשטעלונג, וואָס האָט געהערשט אין דער ערשטער רעדאַקציע, האָט ער דידאַזיקע אַלע מאַסקילישע שטאָך־ווערטלעך אַרויסגעוואָרפן און פון זיי קיין סימען ניט געלאָזט אין די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס.

דער ליטוואַק בלײַבט אין ווײַטערדיקן „ווינטשפינגערל", ער איז אויך דאָרט אַ פּאָזיטיווע פיגור, ער פירט אויך דאָרט אויס די גרונט־שליכעס פון דער טקופע—ברענגען הערשעלען פון קלויז צו בילדונג, נאָר קײַן איין וואָרט פון אַלע זײַנע כקירעס היט מענדעלע ניט אײַן אין די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס, פאַרקערט אָבער, דאָס אַלץ, וואָס הירש ראַטמאַן לעבט איבער ביז זײַן באַגעגעניש מיטן ליטוואַק, דאָס אַלץ, וואָס הערשעלע אַליין טראַכט און וואָס פּאַסירט מיט אים אין גלופּסק, איז מענדעלע אין די ווײַטערדיקע רעדאַקציעס פון „ווינטשפינגערל" ניט פאַרבײַגעגאַנגען. מענדעלע האָט עס איבערעדאַגירט, פאַרברייטערט, אַמאָל פון איין שטריך געמאַכט אַ גאַנץ בילד, פון איין זאַץ געמאַכט אַ קאַפּיטל, ער האָט אָבער אײַנגעהיט אַלץ, וואָס ס'איז געגאַנגען פון הערשעלען.

און דאָס אַלץ איז געווען דערפאַר, וואָס הערשעלע איז געווען דער אויסדרוק פון דער נעגאַטיווער צעשטערונג־פּראָגראַם פונעם מאַסקיליזם. באַ איר האָט זיך מענדעלע טאָמיד געהאַלטן, פאַרקערט, דער ליטוואַק איז געווען דער אויסדרוק פון דער פּאָזיטיווער פּראָגראַם פון בורזשואַזן מאַסקיליזם. זי האָט מענדעלע שפּעטער רעווידירט און פון איר האָט ער אין טאָך זיך אָפּגעזאָגט.

אין דער געשטאַלט פונעם ליטוואַק איז געגעבן געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון יענעם פּראָצעס, ווען עס הייבט אָן קומען צום וואָרט די בורזשואַזיע און דער בורזשואַזער מאַסקיליזם. דאָס אָנקומען פון דער בורזשואַזיע האָט מעגלעך געמאַכט, אַז קאַפּצאַנסק און גלופּסק זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַסרילעווקע און יעהופּעץ. דער ליטוואַק איז דערום אַף טאָמיד געבליבן די פּאָזיטיווע פיגור אינעם „ווינטשפינגערל", האַגאַם פון אַ היפּשן טייל פון זײַן פּראָגראַם האָט זיך מענדעלע שפּעטער אָפּגעזאָגט.

הערשעלע איז געווען ביין פון ביין, פלייש פון פלייש פון קאַפּצאַנסק, די פאַרקערפּערונג פון דעם קליינבירגערטום, וואָס אים איז פאַרגעשטאַנען אינגיכן צו דערשפּירן די שרעקן פון בורזשואַזן סאָציאַלן אומרעכט, די צוויעס פון בורזשואַזער בילדונג. צוזאַמען מיט הערשעלען האָט מענדעלע דורכגעמאַכט זײַן וועג פון די דײַטשע איליוזיעס צו דער „קליאַטשע"־דערפאַרונג, פון אים האָט מענדעלע ניט געקאָנט און ניט געהאַט פאַרוואָס זיך אָפּצוזאָגן. און אַלץ, וואָס ס'איז שײַעך הערשעלען, איז פון דער רעדאַקציע 1865 איבערגעגאַנגען אין די ווײַטערדיקע, אַלץ, וואָס הערשעלע דערציילט, טראַכט און דערמאָנט זיך וועגן זײַן קינדהײַט, דאָס איז יענע „מײַסע אַליין", די איינציקע „מײַסע אַליין", אַדאַנק וועלכער דאָס פאַרענדיקט בוך, דאָס „ווינטשפינגערל" איז געוואָרן די קרוין פון מענדעלעס שאַפן.

האָבנדיק פאַר זיך בלויז ד"ר מ. ווײַנרײַכס אָפּהאַנדלונג וועגן דער ערשטער רעדאַקציע פון „ווינטשפינגערל", האָבן מיר אַמאָל געשריבן:

„מיר מיינען ניט, אַז מענדעלע וואָלט אין 1865 געווען פאַרווירקלעכן „דאָס ווינטש־פינגערל" (דאָס מיינט, ווען ער זאָל געווען אָנשרײַבן די ווײַטערדיקע טיילן—י. נ.), וואָלט עס געווען אַ ריין וויסנשאַפטלעכע פּאָפּוליאַריזאַציע, אָט ווי זײַן „תולדות הטבע". זיכער וואָלט דאָרט געווען אַרײַנגעפלאָכטן אַ געוויסער סיפּער האַמײַסע... אָט דאָס „ווינטשפינ־גערל" וואָלט אין דעם בעלעטריסטישן טייל פאָרגעשטעלט אַזאַ קיצער פון איצטיקן „ווינטש־פינגערל", ווי „פישקע דער קרומער" פון 1869 איז געווען אַ קיצער פון „פישקע דער קרו־מער" פון 1888 („צײַטשריפט" II—III ז. 475).

איצט, ווען מיר האָבן פאַר זיך גופא די ערשטע אויסגאַבע, זעען מיר, אַז דאָס וואָס מיר האָבן דאַן געהאַלטן פאַר וואַרשײַנלעך, איז ווירקלעך אַזוי פאָרגעקומען.

ד"ר מ. ווײַנרײַך האָט צו טון געהאַט מיט אויסערלעכע פאַקטן, ניט אײַנטראַכטנדיק זיך אין זייער סאָציאַל־היסטאָרישן זין, און האָט דערום דעם טאָך פאַרזעען.

מענדעלעס עוואָלוציע איז פאַרלאָפן אונטערן צייכן פון יענעם קאַמף, וואָס עס האָט געפירט דאָס קליינבירגערטום, דער ראָוו־מיניען און ראָוו־ביניען פון פאָלק, דער מער דע־מאָקראַטישער טייל פון פאָלק אין די זעכציקסטע און זיבעציקסטע יאָרן — פאַר דעם באַ־פרײַען זיך פון דער בורזשואַזער העגעמאָניע, פאַר דער מעגלעכקײַט אויסצוגעפינען אייגענע באַזונדערע וועגן. דאָס מאָל האָט דאָס באַטײַט — קאַמף קעגן „דײַטשישן" בורזשואַזן מאַס־קיליזם אין נאָמען פון דעם קליינבירגערלעכן מאַסקיליזם, וואָס איז געווען אַן עטאַפּ צום קליינבירגערלעכן כוויועווע־ציאָניזם און פאָלקיזם. דערום האָבן אין מענדעלען געשטריטן צוויי טענדענצן, אויסגעדריקטע אין צוויי געשטאַלטן: אין דער פרעמדער דײַטשישער בור־זשואַזער אופקלערערישער געשטאַלט פונעם ליטוואַק, און אין דער היימישער, קאַפּצאַנסקער קליינבירגערלעכער פאָלקישער, קינסטלערישער געשטאַלט פון הערשעלען.

די ערשטע טענדענץ האָט אים געשטויסן צו אַ בוך איבער נאַטורוויסנשאַפט, צו אַ פּראָספּעקט פון אַן אופקלערערישער פּאָפּוליאַריזאַציע. די צווייטע האָט אים געטריבן שאַפן אַנשטאָט דער פּאָפּוליאַריזאַציע דעם קינסטלערישן בוך דאָס „ווינטשפינגערל".

אין 1865 אין נאָך דער בורזשואַזער מאַסקיליזם געווען צו שטאַרק, מענדעלע זאָל זײַן אייגענעם וועג געפינען. ער האָט דערום געפאָלגט דעם אופקלערער, געוואָלט שרײַבן אַ יידישע „תולדות הטבע", געלעבט האָט אָבער אין אים די שטים פון זײַן אייגענעם קלאַס, וואָס האָט גערופן די קאַפּצאַנסקער אײַנוווינער אידעאָלאָגיש זיך צו באַפרײַען פונעם מיטל־אַלטער, האָט געפאָדערט ניט קיין איבערזעצונג פון דײַטשישער בילדונג, נאָר אַן איבער־דיכטונג פון קאַפּצאַנסקער געשטאַלטן. און קעדיי אויספירן די שליכעס פונעם בורזשואַזן אופקלערער, האָט מענדעלע געגעבן דאָס וואָרט הערשעלען, וועלכער האָט זיך „פרײַהײַט גענומען... מיך זעלבסט פאַר זיי פאָרצושטעלן, און איהנען עטלעכע בלעטער פון מײַן לעבנסגעשיכטע צו עפענען" (ז. 12).

אַף וויפל אָט די בלעטער, דעריקער אין דעם טייל, וואָס איז שײַך הערשעלען (ווי אויך אין אַלע איבעריקע פּראָטים, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן אין בילד און געשטאַלט און ניט אין דער פאָרם פון כקירעס), האָבן זיך אָרגאַניש אײַנגעוועבט אינעם גרויסן געוועב פונעם שפּעטערדיקן „ווינטשפינגערל" — אַזוי, אַז ס'איז קײַן שורע ניט פאַרפאַלן געגאַנגען, איז קלאָר, אַז ס'איז ניט ריכטיק צו זאָגן וועגן ערשטער רעדאַקציע:

„אַ טאַכלעס־זאַך, אָנגעטון אין אַ בעלעטריסטישן מאַלבוש".

דאָס הייסט פאָשעט ניט פילן דעם געוועב פון אַ קונסטווערק. אײַנזען אין אָט דער רעדאַקציע נאָר אַ פּראָספּעקט פאַר אַ בוך וועגן נאַטורוויסנשאַפט, הייסט פאַרזעען דעם איקער.

מענדעלעס באַוווסטזיניקע קאַוואָנע האָט געקענט זײַן אין די ווײַטערדיקע געפּלאַנטע טיילן צו ריידן איבער נאַטורוויסנשאַפט — באַקומען האָט זיך אָבער נאָך אין דער ערשטער

רעדאַקציע אַ גאַנצער — האַגאַם אַן ענגער קאָנצענטרישער קרײַז, וואָס אַרום אים און פון אים איז אויסגעוואָקסן דאָס גרויסע מענדעלע־בוך, דאָס „ווינשפינגערל“.

אין יענעם ענגן קאָנצענטרישן קרײַז איז שוין געווען די סימוואָלישע סאָציאַלע קאַטעגאָריע קאַפּצאַנסק, קאַפּצאַנסק אַלס סאָציאַלער סימוואָל פון דער קנעסעס־ייִסראָעל, אַלס סינאָנים פון דער שפּעטערדיקער „טאָרבע“,— און דאָס איז דער איקער פון יענעם קליינעם ביכעלע.

דער אַנאַליז פון דער ערשטער רעדאַקציע „ווינשפינגערל“ (פון 1865) גיט אונדז רעכט צו זאָגן, אַז שוין דאַן האָבן אין מענדעלעס קינסטלערישער פאַנטאַזיע געלעבט די בילדער און געשטאַלטן און אַפילע אייניקע עפּיזאָדן פון דער האַנדלונג, וואָס פון זיי איז דערנאָך באַשאַפן געוואָרן דאָס שפּעטערדיקע ווערק.

מענדעלע האָט שוין אין 1865 געהאַט אין זײַן רעשוס די ציגל פאַרן ביניען. געוויסע סאָציאַלע סיבעס האָבן אים צו יענער צײַט געשטערט אָט דעם ביניען אויסבויען (מיר האָבן זיך געניויער אַף די סיבעס אָפּגעשטעלט אין אונדזער דערמאָנטער אַרבעט, אין „צײַט־שריפט“). אָבער צו דער צײַט פון דער „טאַקסע“ זײַנען אָט די סיבעס אָפּגעפאַלן. אין דער „קליאַטשע“ האָט מענדעלע שוין אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון בורזשואַזן מאַסקיליזם. מענדעלע האָט איינס נאָך איינס און אַף אַן ענדגילטיקן אויפן געלייזט יענע קינסטלערישע אופגאַבן, וואָס האָבן געשטאַמט פון זײַן ערשטן פּרווו צו שילדערן קאַפּצאַנסק, פון הערשעלען, ביז ער איז געקומען צום טורעם פון זײַן געבײַדע, צו הערשעלען גופע, צום שפּעטערדיקן בוך „ווינשפינגערל“. אָבער אויסגעבויט האָט ער אָט דאָס ווערק לויט די עסקיזן, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן אין 1865. דערום טאָר מען אָט די עסקיזן ניט גרינגשעצן.

1928 10/II

מענדעלע מויכער־ספֿאָרימס בריוו.

מענדעלעס 63 בריוו, וואָס מיר דרוקן דאָ, זיינען גענומען פון אַזוינע קוואַלן (לויט דער אָרדענונג נאָך): די № 1—11 האָבן זיך פאַרהיט אין אָריגינאַל אין מענדעלע־אַרכיוו, איצט אין מוזיי פאַר יידישער קולטור אַף מענדעלע מויכער־ספֿאָרימס נאָמען אין אָדעס. פון דידאָזיקע אָריגינאַלן האָבן די כ״כ א. וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין (וויסנשאַפטלעכער טוער און פאַרוואַלטער פונעם מוזיי) געמאַכט גענויע קאָפּיעס ספּעציעל פאַר די „שריפטן״. פון № 12 איז פאַראַן אין מוזיי מענדעלעס אַן אייגנהאַנטיקע קאָפּיע, פאַרשריבן אין זיין אַן אַלט נאָטיץ־ביכל. אַ קאָפּיע פון דערדאָזיקער קאָפּיע האָבן געמאַכט דיזעלבע. № 13 געפינט זיך אין מוזיי אין אָריגינאַל (די קאָפּיע האָבן באַזאָרגט דיזעלבע). № 14 איז פאַראַן אין מוזיי אין מענדעלעס אַ שמיר־עקזעמפּליאַר (קאָפּירט — דיזעלבע). № 15—17 (№ 16—17—פונעם לינעצקי־אַרכיוו) געפינען זיך אין מוזיי אין אָריגינאַל (קאָפּירט — דיזעלבע). № 18 געפינט זיך אין אָריגינאַל אין דער קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור (צוגעשטעלט פונעם אַדרעסאַטס זון, ד״ר בראָנשטיין, באַרדיטשעוו, דורך כ. זיסקינד, דאָרט; קאָפּירט נ. שטיף). № 19 געפינט זיך אין מענדעלעס אַ שמיר־עקזעמפּליאַר אין מוזיי (קאָפּירט — א. וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין). № 20 געפינט זיך אין מוזיי, נישט קלאָר—אין אָריגינאַל אָדער אין אַ קאָפּיע (קאָפּירט — דיזעלבע). № 21—62 געפינען זיך אין אָריגינאַל אין שאָלעם־אַלייכעם־אַרכיוו באַ ש״אַ׳ס יאָרשים אין ניו־יאָרק. די קאָפּיעס האָט מען צו פאַרדאַנקען י. ד. בערקאָוויטשן (ש״אַ׳ס איידעם); ער האָט זיי באַזאָרגט און אַליין קאָנטראָלירט — פאַר אל. און נאַד. אַבראַמאָוויטש (מענדעלעס טעכטער), מיט דער גענויקייט, ווי ער שרייבט, וואָס איז נייטיק פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע. י. ד. בערקאָוויטש פאַרזיכערט אויך דערביי: „דאָס איז, דוכט זיך, אַלץ, וואָס ס׳איז פאַראַן [פון מענדעלעס בריוו, נ.ש.] אין אונדזער אַרכיוו*. די קאַטעדרע האָט דידאָזיקע קאָפּיעס געקראָגן פון אל. און נאַד. אַבראַמאָוויטש דורך דער פאַרמיטלונג פון קיעווער „געזקולט״. № 63 געפינט זיך אין אַ שמיר־עקז. אין מענדעלע־מוזיי (קאָפּירט — א. וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין).

בעכיין קאָן מען האָבן די זיכערקייט, אַז מיר האָבן דאָ עכטע מענדעלעס טעקסטן. פון דידאָזיקע בריוו איז, ווי ווייט ס׳איז ביז איצט באַוווסט, פאַרעפנטלעכט גאַנצערהייט בלויז — № 42 און 52; די איבעריקע זיינען דאָ פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל. די רעדאַקציע האָט דאָך געהאַלטן פאַר ריכטיקער נישט אויסצושליסן די 2 בריוו פון אַ גאַנצער קאָלעקציע 42 מענדעלעס בריוו צו ש״אַ׳ן, ביפראַט אַז № 52 איז פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען (ניו־יאָרקער „טאָג״, וואַרשעווער „היינט״), וואָס זיינען ברייטערע קרייזן נישט שטענדיק צוטריטלעך. איינצלנע שטעלן זיינען אויך פאַרעפנטלעכט פון אַנדערע בריוו. דאָס איז אין יעדן פאַל אָנגעוויזן אַף אַן אָרט אין די באַמערקונגען.

ווען דעם ווערט פון דידאָזיקע בריוו פאַר דער קענטעניש פון מענדעלעס לעבן און שאַפן, פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור — איז איבעריק צו רעדן. זיי

*) פון י. ד. בערקאָוויטשעס אַ בריוו צו מענדעלעס טעכטער פונעם 25 אָקטיאַבער 1927.

פאַרדינען געוויס אַ באַאַרבעטונג און אַ גרעסערן אַריינגריף. ליידער, האָט זיך די רעדאַקציע דערוויל געמוזט אָפּזאָגן דערפון: צו שפעט זיינען דידאַקטישע בריוו אָנגעקומען צו דער רעדאַקציע; אַף אַן אָרט, ביפראַט אין אַ קורצער צייט, האָט מען נישט געקאָנט האָבן צו דער האַנט אַפילע אַלע נייטיקע הילפקוואַלן פאַר אַזאַ אַרבעט. די רעדאַקציע האָט אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק נישט צו פאַרהאַלטן דאָס פאַרעפנטלעכן די בריוו איבער דעם נאַטיר־לעכן אינטערעס צו מענדעלען גראָד איצט, נאָך די גרויסע מענדעלע־פייערונגען. דאָס איינציקע, וואָס מ'האָט געקאָנט טון אין אַזאַ ענגער סיטואַציע, איז צו פאַרזאָרגן די בריוו מיט דעם מינימום געניטיקע באַמערקונגען צו איינצלנע שטעלן. דידאַקטיקע אַרבעט, ווי ביכלאַל דאָס אויסשטאַטן די בריוו צום דרוק, האָט די רעדאַקציע איבערגעגעבן מיר, דעם אונטערגעשריבענעם. איך מוז זיך אָבער שוין דאָ פאַרענטפערן, אַז איבער די פריער־דער־מאָנטע סיבעס (אַפילע די פיל מאָל ציטירטע קאָלעקציע ש"אַ'ס בריוו האָב איך נישט געהאַט אינגאַנצן), האָב איך אַפילע דידאַקטיקע אַרבעט (די באַמערקונגען) נישט געקאָנט מאַכן אַזוי ווי ס'וואָלט געווען געוווּנטשן און געמוזט לאָזן בלויזן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אויפן פאַרעפנטלעכן די בריוו: די בריוו זיינען דאָ גע־דרוקט אין אַ כראָנאָלאָגישן סיידער, געטריי אַזוי ווי אין די קאָפּיעס, וואָס די רעדאַקציע האָט געקריגן, מיט מענדעלעס אויסלייג, אַפילע מיט די אָרטאָגראַפישע, גראַמאַטישע גרייזן און שרייבפעלער פון די בריוו (דערהויפּט אין די רוסישע). כּוץ אייניקע ענדערונגען איבער טעכנישע סיבעס:

1) פּ (מיט אַ פּינטל, פאַר p) און „פ" (פאַר f) אנשטאט מענדעלעס „פ" און פ̄" (מיט אַ ראָפע־שטריכל);

2) „כ" (פאַר ch), אָן דעם ראָפע־שטריכל;

3) נישט אָפּגעהיט די נעקודעס, וואָס טרעפן זיך אָפּטמאָל באַ מענדעלען.

בלויז אין אייניקע ערטער איז אין קיילעכיקע קלאַמערן אַריינגענומען אַן אָס, צוויי, וואָס ס'איז לויט דעם זין נאָך איבעריק, און אין פירעקיקע, — וואָס ס'פעלט, אָדער אַ דערקלערונג.

צו די רוסישע און העברעישע בריוו זיינען בייגעגעבן יידישע איבערזעצונגען. די איבערזעצונגען האָט געמאַכט דער אונטערגעשריבענער. מ'דאַרף נאָך געדענקען, אַז אַלע דאַטעס זיינען דאָ געגעבן, ווי אין די אָריגינאַלן, לויט דעם אַלטן סטיל. קעדיי צו באַ־שטימען דאָסזעלבע אַפּן נייעם סטיל, מוז מען צוגעבן די ציפער 12, פאַר די לעצטע יאָרן — 13.

לעסאָף דאַרף נאָך דאָ די רעדאַקציע דאַנקען די פריער־אָנגעוויזענע טוער פונעם מענדעלע־מוזיי, כ.כ. א. וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין, פאַר זייער אַקטיווער מיטהילף און דעם קיעווער „געזקולט" פאַר איבערגעבן דער רעדאַקציע די קאָלעקציע מענדעלעס בריוו צו ש"א'ן.

דער אונטערגעשריבענער ביפראַט דאַרף דאָ דאַנקען די כ"כ:

מ. אַבראַמאָוויטש (מענדעלעס זון), פּראָפעסאָר אָגלאָבלין (קיעוו), ד"ר בראָנשטיין (באַר־דיטשעוו), ש. גינזבורג (לענינגראַד), אַקאַדעמיקער וואָבלי (קיעוו), מ. ווינער (קיעוו), כ. זיס־קינד (באַרדיטשעוו), י. פיק (זשיטאָמיר), נ. רובינשטיין (מינסק), ז. רייזען (ווילנע), מ. שאַ־פירע (קיעוו) פאַר אויסהעלפן מיט פאַרשידענע מאַטעריאַלן, מיט געבן אָדער אַרויסקריגן יעדיעס און אָנווייזן א. אַז. וו., וואָס זיינען נייטיק געווען, דערהויפּט באַם צונויפשטעלן די באַמערקונגען. אַ ספּעציעלן דאַנק קומט דעם כ. י. קוויטני, דעם אַספּיראַנט באַ דער פילאָלאָגישער סעקציע פון דער קאַטעדרע (קיעוו), פאַר זיין אַקטיווער מיטהילף באַ דער גאָרער אַרבעט.

נ. שטיף.

קיעוו, 18 יוני 1928.

(1.

[צו דער קאלע פאַווליגע (פעסיע) לעווין, באַרדיטשעוו].

Каменецъ-Подольскъ 22 октября—57 г.

Безподобная Павлина!

13 сего мѣсяца я прибылъ благополучно въ Каменецъ. Чтобы изобразить тебѣ образъ жизни моей въ настоящее время въ сравненіи съ темъ, въ которомъ я такъ счастливо провелъ, бывши съ тобою в кругу любезныхъ твоихъ родителей, въ кругу прекраснаго Бердичевскаго общества—того я не берусь, по многимъ причинамъ: во первыхъ я ненамѣренъ вести съ тобою такую переписку, въ которой бы входили давно вышедшія изъ употребленія романтическія фразы; во вторыхъ потому что это значило бы вспоминать старое, а это можетъ имѣть худое вліяніе, какъ на меня, такъ и на тебя любезная Павлина; и наконецъ еще потому что не владѣя еще теперь хорошо отечественнымъ языкомъ, это могло бы поставить меня въ весьма затруднительномъ положеніи. Принявъ во это во вниманіе я рѣшился писать лаконически, а главное содержаніе всѣх моихъ писемь будеть состоять только въ томъ, чтобы ты, любезная моя Павлина, писала мнѣ какъ можно чаще, и много, это будеть моимъ единственнымъ утѣшеніемъ въ тѣ скучные дни, которые я долженъ провести въ разлукѣ съ тобою, милая моя Павлина. Прошу также не скучать и подобно мнѣ спокойно дожидаться счастливаго времени нашего свиданія. Это доставить невыразимое удовольствіе твоему тебя заочно цѣлующему

Соломону Абрамовичу

P.S. Изъ дому получилъ я письмо въ которомъ было приписка къ тебѣ, они всѣ кланяются тебя.

Твоей любезной маменькѣ прошу засвидѣтельствовать и напоминать ихъ въ вѣрномъ исполненіи просьбы моей...

[איבערזעצונג]

[קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, 22 אָקטיאַבער 1857.

אומפאַרגלײַכלעכע פאַווליגע!

דעם 13־טן הײַנטיקן כוידעש בין איך בעשאָלעם געקומען קיין קאַמענעץ. אָפּמאָלן דיר מײַן אַרט לעבן איצט אַנטקעגן דעם, ווי איך האָב מיט דיר פֿריער גליקלעך פֿאַרבראַכט בײַ דײַנע ליבע עלטערן, אין דער אויסגעצייכנטער באַרדיטשעווער געזעלשאַפֿט, — אַזוינס נעם איך זיך נישט אונטער איבער אַסאַך סיבעס: ערשטנס, האָב איך נישט בעדייע צו פֿירן מיט דיר אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָמאַנ־

טישע פראַזעס, וואָס זיינען שוין לאַנג אַרויס פון געברויך; צווייטנס, דערפאַר, וואָס דאָס וואָלט געהייסן דערמאַנען דאָס אַלטע, און דאָס קאָן שלעכט ווירקן סיי אַף מיר, סיי אַף דיר, ליבע פאַוולינע; און לעסאָף נאָך דערפאַר, וואָס דאָס וואָלט מיך געשטעלט אין זייער אַ שווערער לאַגע, ווייל איך בין נאָך ניט שטאַרק אין דער לאַנדשפראַך. איבער דעם אַלעמען האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן קורץ; דערהויפט אָבער, — דער אינהאַלט פון אַלע מיינע בריוו וועט זיין נאָר, אַז דו, ליבע פאַוולינע, זאָלסט מיר שרייבן וואָס אָפטער און אַסאַך. דאָס וועט זיין מיין איינציקע טרייסט יענע לאַנגווײַליקע טעג, וואָס איך מוז פאַרברענגען צעשיידט מיט דיר, מיין ליבע פאַוולינע. איך בעט דיך אויך נישט לאַנגווײַליקן זיך און, אַזוי ווי איך, רויִק וואַרטן אַף דער גליקלעכער צייט פון אונדזער ווידערזען זיך. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ פאַרגעניגן נישט אויסצודריקן.

קושט דיך אונטער די אויגן דיין

סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש.

P.S. פון דערהיים האָב איך געקריגן אַ בריוו מיט אַ צושריפט צו דיר; זיי לאָזן דיר אַלע גריסן.

דיין ליבער מוטערל בעט איך איבערגעבן [מיין רעספעקט?] און איר דערמאַנען, זי זאָל געטרײַ טון מיין ביט.]

2.

[צו דערזעלבער]

Каменецъ Подольскъ 28 октября – 57 г

Любезная Павлина!

Маленькая приписка твоя въ письмѣ отца отъ 18 сего мѣсяца получилъ я скоро по отправленію къ тебѣ письмо. Приписка твоя я читалъ и даже нѣсколько разъ перечитывалъ. Какою монетою могу я вознаградить тебя за твое хоть маленькое письмецо? Развѣ только нѣсколькими горячими поцѣлуями хоть издали? Поверь мнѣ, дорогая моя Павлина, что восторгъ, въ которомъ я пришелъ при чтеніи твоего письмеца, впечатлѣніе, которое оно произвело на меня, заставляетъ меня прибѣгать къ какимъ нибудь романтическимъ выраженіямъ, чтобы изявить тебѣ мою сердечную благодарность, не смотря на то, что твердо рѣшился не употреблять подобныхъ въ перепискѣ моей съ тобою. Но, не желая продолжать его въ духѣ какого нибудь романиста, а лучше поговорю съ тобою чисто сердечно: каково проживаешь ты въ твоемъ обѣтованномъ Бердичевѣ? Какого ты проводишь время? Что касается до меня, то вкратцѣ скажу тебѣ, что послѣ почти двухъ мѣсяцнаго пребыванія моего въ Бердичевѣ съ тобою и съ твоими любезными родителями, я ужасно скучаю въ неуклюжемъ Каменецѣ, утѣшаюсь только тѣмъ что уже прошло скоро двѣ недѣли со дня моего прибытія въ Каменецѣ и что каждой отходящій часъ приближаетъ насъ къ цѣли и тѣмъ только долженъ покомѣсть довольствоваться твой тебѣ навсегда преданный

Соломон Абрамовичъ

Долженъ ли я упоминать тебя насчетъ длинныхъ писемъ? . . .

Мой сердечный поклонъ твоей дорогой маменькѣ и моей будущей тещѣ.

[איבערזעצונג]

[קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, 28 אָקטיאַבער, 1857]

ליבע פּאַוולינע!

די קליינע צושריפט דיינע אין דעם פּאָטערס בריוו פונעם 18 היינטיקן כוידעש האָב איך געקריגן אינגיכן נאָך דעם ווי איך האָב דיר אָפּגעשיקט דעם בריוו. דיין צושריפט האָב איך געליינט, אַפילע איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. מיט וואָס קאָן איך דיר באַלוינען פאַר דיין, כאָטש קליין, בריוול? סיידן עפּשער מיט עטלעכע הייסע קושן כאָטש פונדערווייטנס. גלויב מיר, מיין טייערע פּאַוולינע, אַז די אַנטציקונג, וואָס דאָס לייענען דיין בריוול האָט מיר פאַרשאַפט, דער איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אַף מיר, צווינגט מיך אָנצוקומען צו עפּעס ראָמאַנטישע אויסדריקן, קעדיי דיר אַרויסצוּווייזן מיין האַרציקן דאַנק, נישט געקוקט, וואָס איך האָב פעסט באַשלאָסן אַזוינס נישט צו ניצן אין מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דיר. אָבער אַזוי ווי איך וויל זי נישט ציען ווייטער אין עפּעס אַ ראָמאַנטישן גייַסט, וועל איך זיך בעסער דורכ־שמוּעסן מיט דיר אָפנהאַרציק: וואָס מאַכסטוּ אין דיין געבענטשטן באַרדיטשעוו? ווי אַזוי פאַרברענגסטו די צייט? וועגן זיך קאָן איך דיר זאָגן קורץ, אַז נאָכן פאַרברענגען קימאַט צוויי כאַדאָשים אין באַרדיטשעוו מיט דיר און מיט דיינע ליבע עלטערן, לאַנגווייליק איך זיך זייער אין דעם לעפּישן קאַמענעץ; איך טרייסט זיך נאָר דער־מיט, וואָס ס'איז שוין באַלד צוויי וואָכן זינט איך בין אין קאַמענעץ און, וואָס יעדער פאַרשווינדנדיקע שאָ דערנעענט אונדז צום ציל. דערמיט מוז זיך דערווייל צופרידנ־שטעלן דיין דיר אייביק איבערגעגעבענער

סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש.

צי דאַרף איך דיר דערמאַנען וועגן לאַנגע בריוו?...

מיין האַרציקן גרוס דיין טייערער מוטערל און מיין קומענדיקער שוויגער.]

3.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, 12 נאָיאַבער 1857]

Дорогая Песя!

Прими, любезная Песя, настоящее мое письмо не какъ удовлетворительный отвѣтъ на твое послѣднее длиное письмо отъ 5-то сего мѣсяца, но какъ доказательство моей акуратности и вмѣстѣ съ тѣм привязенности къ тебѣ. За твое лестное письмо, въ которомъ ты живыми красками описала мнѣ весь образъ твоей настоящей жизни, мнѣ бы слѣдовало заплатить тебѣ подобною монетою, но, къ величайшему моему сожаленію, я теперь страшно занятъ; кромѣ того братъ мой уѣзжаетъ, я долженъ снабдить его всѣмъ нужнымъ на дорогу. Это такъ растроило меня, что я не могу настоящею почтою отправить тебѣ обѣщанные мною журналы. Но будь, любезная, спокойна на счетъ того: я уже приказалъ портному доставить мне журналы послѣдней моды и съ первою почтою я надѣюсь, что просьба твоя будетъ удовлетворена. Прощай моя милая, не забудь что я теперь только и живу твоими письмами, а потому пощади твоего мысленно тебя цѣлующаго

Соломона Абрамовича

P.S. на твои письма къ маменькѣ моей я уже получилъ не только одни поклоны но даже цѣлыя письма, но я думаю, что скоро мы ихъ вмѣстѣ будемъ читать, а потому я ихъ оставляю у себя до этого времени.

Кланяйся моимъ именемъ твоей доброй маменькѣ. Я вполнѣ увѣренъ, что прочитавъ мое маленькое письмецо, ты извинишь меня предъ твоимъ братомъ и женою, что они должны довольствоватся однимъ сухимъ поклономъ в настоящемъ моемъ письмѣ, в слѣдующемъ я напишу имъ особенно.

Каменецъ Подольскъ ноября 12-го дня—57 года

[איבערזעצונג]

[קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, 12 נאָיאַבער 1857.

טייערע פּעסיע!

נעם אויף, ליבע פּעסיע, מײַן איצטיקן בריוו נישט פאַר קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער אַף דיין לעצטן לאַנגן בריוו פונעם 5־טן היינטיקן כוידעש, נאָר פאַר אַ באַווייז פון מיין פּינקטלעכקייט און אויך פון מיין צוגעבונדנקייט צו דיר. פאַר דיין ליבן בריוו, ווו דו האָסט מיר מיט לעבעדיקע פאַרבן באַשריבן די גאַנצע אַרט פון דיין איצטיק לעבן, וואָלט איך דיר באַדאַנקט באַצאָלן מיט דעמזעלבן; אָבער, צו מיין גרעסטן באַדויערן, בין איך איצט שרעקלעך פאַרנומען. כוצדעם, פּאָרט מיין ברודער אָפּ, און איך מוז אים באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן אַפן וועג. דאָס האָט מיך אַזוי צעדרייט, אַז איך קאָן דיר נישט אָפּשיקן מיט דער איצטיקער פּאָטשט די צוגעזאָגטע זשורנאַלן. אָבער זײַ, ליבע, רויִק וועגן דעם: איך האָב שוין געהייסן דעם שניידער מיר צושטעלן די זשורנאַלן פון דער לעצטער מאָדע און מיט דער ערשטער פּאָטשט, פאַרהאָף איך, וועט דיין ביט זיין באַפרידיקט. זײַ געזונט, מיין ליבע, פאַרגעס נישט, אַז איצט לעב איך נאָר מיט דיינע בריוו, דע ריבער האָב ראַכמאָנעס אַף מיר.

קושט דיך אין געדאַנק דיין
סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש.

P.S. אַף דיינע בריוו צו מיין מוטער האָב איך שוין געקריגן נישט בלויז גריסן, נאָר אַפילע גאַנצע בריוו. איך מיין אָבער, אַז אינגיכן וועלן מיר צוזאַמען זיי לייענען. דעריבער לאָז איך זיי באַ זיך ביז דעמלט.

גריס אין מיין נאָמען דיין גוטער מוטערל.

איך בין גאַנץ זיכער, אַז, איבערגעלייענט מיין קליין בריוול, ועסטו מיך פאַרענטפערן פאַר דיין ברודער און [זיין] ווייב, וואָס זיי מוזן זיך צופרידנשטעלן מיט אַ טרוקענעם גרוס אין מיין איצטיקן בריוו; אין קומענדיקן [בריוו] וועל איך זיי שרייבן באַזונדער].

4.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 26 Ноября 1857 года

Любезная Песя!

Съ изумленіемъ прочиталъ я твое послѣднее письмо отъ 19-го сего мѣсяца, въ которомъ я служу такъ сказать достаточнымъ доказательствомъ вѣрности твоего предположенія: что лесть заступала въ нынѣшнее столѣтіе мѣсто правды.

Возможно ли же мнѣ быть спокойнымъ какъ ты того желаешь, услышавъ твои столь рѣзкія слова и упреки которыхъ я совсѣмъ и не заслуживаю?

Милая моя Песя! Не стану оспоривать твоего предположенія да я согласенъ съ тобою что правда ныне [не] по модѣ, а лесть замѣняетъ ее, и играетъ важную роль въ нынѣшнее столѣтіе, но я моя милая, никакъ не могу служить тому доказательствомъ, ты тѣмъ только дала мнѣ поводъ подозрѣвать что ты не внимательно читаешь мои письма, ибо въ противномъ случаѣ, ты бы по смыслу моего письма от 12-го сего мѣсяца, непремѣнно сдѣлала меня исключеніемъ и почла бы меня вѣрнымъ и справедливымъ человѣкомъ. Но сохрани меня господи упрекать тебя моя милая, нѣтъ, умоляю только тебя, удостоивать меня и прочитать хорошенько еще разъ письмо мое, да и не наказать меня * въ будущемъ такъ жестоко твоими упреками, и не быть такимъ строгимъ критикомъ, если даже найдешь въ моихъ письмахъ ошибки, выходящія иногда изъ подъ пера. Представь себѣ только, милая, мое бѣдное положеніе на чужбинѣ, и мою одиноческую жизнь; знай что только одни твои письма составляютъ единственное утѣшеніе въ настоящее мое положеніе; они только облегчаютъ тягости моей души и даютъ мнѣ силу переносить скуку и тоску мою по тебѣ. Но, увы! как они должны увеличиваться, когда въ сладкомъ ожиданіи получить от тебя утѣшительное письмо я вмѣсто того получаю укорительное!— — —

Шубу ты навѣрно уже получила черезъ Г. Крайза. Повторяю тебѣ еще разъ что я ужасно разстроенъ, и останусь такимъ, пока не получу от тебя подробное и обстоятельное письмо обо всемъ, какъ того я просилъ тебя еще в моемъ послѣднемъ письмѣ отъ 19-го сего мѣсяца, и тѣмъ обязишь навсегда твоего тебя искренно любящаго, и безропотно принимающаго всѣ твои упреки

Соломона Абрамовича

Любезной твоей маменькѣ ровно и твоей свекрѣ Ханѣ мой сердечный поклонъ.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ], 26 נאָיאַבער 1857.

ליבע פּעסיע!

מיט גרויס פאַרוווּנדערונג האָב איך געלייענט דײַן לעצטן בריוו פונעם 19 הײַנטיקן כוידעש, ווו איך דין אַזוי צו זאָגן פאַר אַ געװוּנגדיקן באַווײַז פאַר דער ריכטיקײַט פון דײַן האַשאָרע, אַז כניפע האָט אין איצטיקן יאָרהונדערט פאַרנומען דאָס אָרט פון עמעס.

צי קאָן איך בלײַבן רויִק, ווי דו ווילסט דאָס, אַז איך הער אַזוינע שאַרפע רייד און פאָרוווּרפן דײַנע, וואָס איך פאַרדין זיי גאָרנישט?

מײַן ליבע פּעסיע! איך וויל ניט באַשטרײַטן דײַן האַשאָרע; איך בין מאַסקים מיט דיר, אַז עמעס איז הײַנט [נישט] אין דער מאָדע; אַנשטאָט דעם האָבן מיר כניפע, און זי שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין הײַנטיקן יאָרהונדערט; אָבער איך, מײַן ליבע, בין דערוף קיין באַווײַז ניט. דערמיט האָסטו מיר נאָר געגעבן די געלעגנהײַט כוישעד צו זײַן, אַז דו לייענסט ניט אויפמערקזאַם מײַנע בריוו; וואָרעם אַניט וואָלסטו, לויט דעם זין נאָך פון מײַן בריוו, פונעם 12־טן הײַנטיקן כוידעש, מיך דאַפקע געשטעלט פאַר אַן אויסנאַם און וואָלסט מיך געהאַלטן פאַר אַן עמעסן און גערעכטן מענטשן. אָבער באַהיט מיך גאָט דיר צו מאַכן פאָרוווּרפן, מײַן ליבע! ניין! איך

* мне? ניט דײַטלעך, — איבערשרײַבער.

בעט זיך נאָר באַ דיר מיר אָנטון די זכיע נאָכאַמאָל גוט איבֿערלייענען מײַן בֿריוו און אַף ווײַטער מיך ניט שטראָפֿן אַזוי האַרט מיט דײַנע פֿאָרווורפֿן און ניט זײַן אַזאַ שטרענגער קריטיקער, אויבֿ דו וועסט אַפֿילע געפֿינען אין מײַנע בֿריוו פֿעלער, וואָס כאַפּן זיך אַמאָל אַרויס פֿון אונטער דער פֿען. שטעל זיך נאָר פֿאָר, ליבע, מײַן שווערע לאַגע אין דער פֿרעמד און מײַן עלנט לעבן. ווײַס, אַז נאָר דײַנע בֿריוו זײַנען די איינציקע טרייסט אין מײַן איצטיקער לאַגע; בלויז זיי פֿאַרלײַכטערן די לײַדן פֿון מײַן זעל און גיבֿן מיר קראַפֿט איבֿערצוטראָגן לאַנגווײַליקייט און מײַן בענקען נאָך דיר. אָבֿער, אוי ווײַ, ווי נאָך גרעסער דאַרפֿן זיי ווערן, ווען אינעם זיסן אַרויסקוקן אַף דײַן א טרייסט־בֿריוו, קריג איך אנשטאָט דעם אַ פֿאָרווורף־בֿריוו!

דעם פֿעלק האָסטו שוין זיכער געקריגן דורך ג. קרייזן. איך כאַזער דיר איבֿער נאָכאַמאָל, אַז איך בין שרעקלעך צעדרייט און אַזוי וועל איך בלײַבן ביז איך וועל ניט קריגן פֿון דיר קיין אויספֿירלעכן בֿריוו וועגן אַלצדינג, אַזוי ווי איך האָבֿ דיר נאָך געבעטן אין מײַן לעצטן בֿריוו פֿונעם 19 הײַנטיקן כוידעש. דערמיט וועסטו זיך מאַכן פֿאַר אייביק דאַנקבאַר דײַן געטרײַען ליבהאָבער, וואָס הערט אויס אָן טײַנעס אַלע דײַנע פֿאָרווורפֿן

סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש.

דײַן ליבֿ מוטערל אויך דײַן שווערן כאַנע — מײַן האַרציקן גרוס].

5.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 10-го Декабря 1857 года

Милая Песя!

Отъ излишных мыслей и мечтаній толпящихся в моей головѣ, которыхъ невозможно передать мертвыми буквами, принужденъ я сократить мое настоящее письмо. Но если ты истиный другъ мой и сердце твое пытаетъ ко мнѣ хоть сотую часть той любви, которую я пытаю къ тебѣ, то я вполнѣ увѣренъ, что ты почувствуешь мое раздырающееся сердце и даже въ этомъ простомъ, ничего не содержащемъ въ себѣ письмѣ, ты услышишь нѣмой языкъ моей души.

Папенькѣ * я теперь непишу особенное письмо, по той причинѣ, что у меня истощился почти весь запасъ словъ упоминать его на счетъ....

Передай ему отъ меня сердечный поклонъ. Письмо Розенфельда получено мною; не зная адресъ его въ Кіевъ, я влагаю письмо къ нему, которое прошу пересылать ему по адресу.

Прощай, моя душа, прошу впередъ не быть такъ скупа на слова, которыя только одни служатъ еденственнымъ развлеченіемъ в скучномъ положеніи твоего издали тебя цѣлующаго

С. Абрамовича

Маменькѣ и золовкѣ твоей Ханѣ кланяйся от меня.

P. S. Въ ту самую минуту когда я хотѣлъ отправить тебѣ мое письмо то принесли мнѣ письмо отъ брата, на которое я ему и теперь отвѣчаю, прошу оное пересылать къ нему, ибо я не знаю его адресъ.

* דער קאַלעס פֿאָטער, ז. לעווין.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ] 10 דעקאַבער 1857.

ליבע פעסיע!

פון צופיל מאַכשאָוועס און טרוימען, וואָס הויפן זיך באַ מיר אין קאָפּ און וואָס מע קאָן זיי ניט איבערגעבן מיט טויטע אויסיעס, מוז איך קורץ מאַכן מיין איצטיקן בריוו. נאָר אויב דו ביסט מיר אַן עמעסער פריַינט און דיין האַרץ פילט צו מיר כאָטש אַ הונדערטכיילעק פון דער ליבע, וואָס איך פיל צו דיר, בין איך גאַנץ זיכער, אַז דו וועסט דערפילן מיין האַרץ, וואָס צערייַסט זיך, און אַפילע אין דעמדאָזיקן פּאָשעטן בריוו, וואָס האָט אין זיך גאָרניט, וועסטו דערהערן די שטומע שפּראַך פון מיין זעל.

דעם פאָטער וועל איך איצט שרייבן אַ באַזונדער בריוו איבער דעם, וואָס באַ מיר האָט זיך אויסגעשעפּט קימאַט דער גאָרער רעזערוו ווערטער צו דערמאנען אים וועגן.... גיב אים איבער אַ האַרציקן גרוס פון מיר.

ראָזענפעלדס בריוו האָב איך געקריגן. אַזוי ווי איך ווייס ניט זיין קיעווער אַד־רעס, איז לייג איך [דאָ] אַריין אַ בריוו צו אים און איך בעט אים איבערשיקן אַף [זיין] אַדרעס.

זייַ געזונט, נעשאָמע מיינע! איך בעט דיר ווייטער ניט זיין אַזוי קאַרג אַף ווער־טער, וואָס נאָר זיי זיינען מיין איינציקע פאַרוויַילונג אין מיין לאַנגוויַיליקער לאַגע— קושט דיך פון דערווייטנס דיין

סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש

דער מוטערל און דער שוועגערן כאַנע לאָז גריסן פון מיר.

P: S. פונקט די מינוט, ווען איך האָב געוואָלט דיר אָפּשיקן מיין בריוו, האָט מען מיר געבראַכט אַ בריוו פונעם ברודער, וואָס אַף דעם ענטפער איך אים איצט. איך בעט דיר דעם בריוו אים איבערשיקן, וואָרעם איך ווייס ניט זיין אַדרעס].

6.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 24-го Декабря 1857 года

Милая Песя!

Съ усиліемъ я старался удержать потокъ вопросовъ, съ которыми я намѣренъ былъ обратиться къ тебѣ при чтеніи твоего письма. А это я сдѣлал по двумъ причинамъ, во первыхъ потому что ты не в состояніи отвѣчать на нихъ, а потому такіе роды вопросовъ были бы не полезными и наводили бы на тебя огорченіе и уныніе; а во вторыхъ потому что я уже давно рѣшился молчать и дожидаться съ терпѣніемъ исполненіи папинькина договора.*

Дерзаю напоминать тебѣ еще разъ мою просьбу, чтобы ты осчастливила меня твоими длиными письмами. Пиши ко мнѣ впередъ моя милая обо всемъ подробно и тѣм утѣшаешь и обрадуешь твоего скучнаго и тебя любящаго

С. Абрамовича

Папенькѣ и маменькѣ передай мой сердечный поклонъ, да скажи твоей любезной и дорогой маменькѣ, что я не в силах исполнить ея просьбу.

* זע באַמ. 1

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ] 24 דעקאַבער 1857.

ליבע פעסיע!

איך האָב קאָם איינגעהאַלטן דעם שטראָם פראַגעס, וואָס מיט זיי האָב איך זיך געוואָלט ווענדן צו דיר באַם לייענען דיין בריוו. געטון האָב איך דאָס איבער צוויי סיבעס: ערשטנס, איבער דעם, וואָס דו קאָנסט אַף זיי ניט ענטפערן, מעמיילע וואָלטן אַזוינע פראַגעס געווען אומנוצלעך און וואָלטן דיר פאַרשאַפט באַטריבטקייט און אומעט. צווייטנס — איבער דעם, וואָס איך האָב שוין לאַנג באַשלאָסן באַ זיך צו שווייַגן און וואַרטן מיט געדולד, דער פאָטער זאָל אויספירן דעם אָפמאַך.

איך שטעל זיך איַין נאָך אַמאָל צו דערמאָנען מיין ביט, דו זאָלסט מיר גליקלעך מאַכן מיט דיינע לאַנגע בריוו. שרייב מיר ווייטער, מיין ליבע, אויספירלעך וועגן אַלצדינג און דערמיט וועסטו טרייסטן און דערפרייען דיין בענקענדיקן, וואָס האָט דיך ליב,

ס. אַבראַמאָוויטש.

דעם פאָטערל און מוטערל — מיין האַרציקן גרוס. זאָג דיין ליב, טייער מוטערל, אַז איך בין ניט אימשטאַנד אויסצופאָלגן איר ביט].

7.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 4-го февраля 1858 года

Милая Песя!

Хотя твое предположеніе „что обыкновенно увеличиваютъ вещь чѣмъ она въ самомъ дѣлѣ“ столь благоразсудительно и достопохвально сколь и справедливо, но въ отношеніи ко мнѣ, смѣю сказать, что оно совсѣмъ не умѣстно и не заслуживаетъ кромѣ однаго только удивленія остротѣ твоего ума; ибо если ты только желала бы войти въ моемъ положеніи и вообразить себѣ всѣ непріятности моей одиноческой и однообразной жизни, тогда бы ты, моя милая, увѣряла бы что я не увеличиваю мѣръ страданіи моихъ, а напротивъ я уменшаю ихъ.

Какъ бы то небыло я уже рѣшился не писать тебѣ впередъ таковаго рода письма, которыхъ ты называешь ребяческими, а просто пишу тебѣ дабы только выполнить долгъ нашей корреспонденціи.

И такъ моя Песя, я слава Богу здоровъ и... и что еще? право не знаю, да и еще словечко: я и радъ твоимъ утѣшеніемъ скораго нашего свиданія.

Кланяйся отъ меня доброму и достойному брату твоему, и попроси его моимъ именемъ, чтобы онъ старался въ нашемъ дѣлѣ. Прощай моя дорогая Песя, и продолжай до времени нашего свиданія, утѣшать твоими драгоцѣнными письмами твоего искренно тебя на вѣки любящаго и преданнаго

С. Абрамовича

Маменькѣ и Ханѣ передай мой сердечный поклонъ.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ] 4 פעווראַל 1858]

ליבע פעסיע!

כאָטש דיין האַשאָרע, אַז „געוויינטלעך מאַכט מען די זאַך גרעסער, ווי זי איז״, איז אַזוי סייכלדיק און לויבווערטיק ווי גערעכט, נאָר בענעגייע צו מיר, וואַג איך צו זאָגן, איז זי ניט פּאַסיק, און זי פאַרדינט ניט מער ווי דאָס באַוווּנדערן די שאַרפקייט פון דיין סייכל. וואָרעם ווען דו זאָלסט נאָר וועלן אַריינגיין אין מיין לאַגע און זיך פאָרשטעלן אַלע אָנאַנגענעמלעכקייטן פון מיין עלנט, איינזאָמיק לעבן, וואָלסטו פאַרשטאַנען, מיין ליבע, וואָלסט זיכער געווען, אַז איך מאַך ניט גרעסער מיינעליידן;—פאַרקערט, איך מאַך זיי קלענער.

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, האָב איך שוין באַ זיך באַשלאָסן ניט צו שרייבן דיר אַזאַ אַרט בריוו, וואָס דו רופסט זיי קינדערשע. איך שרייב דיר פאָשעט קעדיי צו טון די פליכט פון אונדזער קאָרעספּאָנדענץ.

בעכיין, מיין פעסיע, איך בין דאַנקען גאָט געזונט און... און וואָס נאָך? בעעמעס, איך ווייס ניט. יאָ, נאָך איין וואָרט: איך בין צופרידן פון דיין טרייסטן מיך מיט אונדזער ווידערזען זיך אינגיכן.

גריס פון מיר דיין גוטן און ווערטיקן ברודער און בעט אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל זיך מיען וועגן אונדזער זאַך. זיי געזונט, מיין טייערע פעסיע, און טו ווייטער טרייסטן מיט דיינע טייערע בריוו דיין געטרייען, וואָס האָט דיך אופריכטיק אַף אייביק ליב,

ס. אַבראַמאָוויטש.

דעם מוטערל און כאַנען גיב איבער אַ האַרציקן גרוס.]

8.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 18 февраля 1858 года.

Дорогая Песя!

Письмо моего друга Г. Рабиновича и твое в немъ вложенное письмцо я имѣлъ честь получить. Чувствительно благодарю тебя за твою ко мнѣ взаимную любовь обнаруживающаяся, хотя не въ словахъ, то по крайней мѣрѣ в цвѣтѣ твоего письмца. — Я покорился твоему желанію и написалъ 16 сего мѣсяца къ нашему брату и просилъ его, противъ моей воли, стараться на счетъ нашего дѣла, я уже разъ сказалъ и повторяю тебѣ еще разъ, что только понапрасну думать объ этомъ, по той вѣрной причинѣ которую я писалъ тебѣ в предъидущемъ моемъ письмѣ.

Разумѣется что съ радостію я готовъ послѣдовать совѣту Г. равина и сдѣлаю все то что он совѣтовалъ или лучше сказать, приказывалъ мнѣ.

Не будучи въ состояніи высказать тебѣ душевную мою радость при вспоминаніи что скоро я буду счастливѣйшій всѣх на свѣтѣ увидиться с тобою, то я нашелъ лучшемъ молчать, и с терпѣніемъ удержать въ глубинѣ моего сердца всѣ порывы чувствъ и восторга до дня нашего свиданія, когда сердца наши откроются и разольются одинъ въ другомъ.

Я имѣлъ хорошую оказію послать тебѣ черезъ нее письмо, но боясь что она можетъ быть не успѣетъ быть на суботу в Бердичевѣ такъ ты будешь

между тѣмъ огорчаться, не получая отъ меня въ обыкновенную пору письмо, то я не хотѣлъ пользоваться этою оказіею и пошлю тебѣ какъ всегда по почтѣ. Оказія эта—братъ М. Л. Гросмана.—

Прощай моя дорогая, и прошу до времени нашего свиданія писать мнѣ хотя безцвѣтныя, но длиныхъ письемъ.

Твой С. Абрамовичъ

Папенькѣ и маменькѣ передай мой сердечный поклонъ.
Прошу передать сію шараду папенькѣ.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ], 18 פעווראַל 1858

טייערע פעסיע!

איך האָב געהאַט דעם קאָוועד צו קריגן מיין פריינט, ג. ראַבינאָוויטשעס בריוו און דיין בריוול, וואָס איז געווען אַרײַנגעלייגט אינעווייניק. איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין קעגנזייטיקער ליבע צו מיר, וואָס ווײַזט זיך אַרויס, כאָטש נישט אין ווער־טער, — איז ווייניקסטנס אין דעם קאָליר פון דיין בריוו. איך האָב דיר געפאָלגט און געשריבן דעם 16־טן היינטיקן כוידעש אונדזער ברודער און האָב אים, קעגן מיין ווילן, געבעטן זיך מיען וועגן אונדזער זאַך. איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט און כאַזער דיר איבער נאָכאַמאָל, אַז ס'איז גאָר אומזיסט צו טראַכטן וועגן דעם איבער דער זיכערער סיבע, וואָס וועגן איר האָב איך דיר געשריבן אין מיין פריערדיקן בריוו.

פאַרשטייט זיך, איך בין מיט פרייד גרייט צו פאָלגן דער אייצע פון ג. ראווין * און איך וועל טון אַלצדינג, וואָס ער האָט מיר געראָטן, — ריכטיקער געזאָגט, — געהייסן.

אַזוי ווי איך בין ניט אימשטאַנד דיר אַרויסצוזאָגן מיין האַרצפרייד באַם דער־מאָנען זיך, אַז אינגיכן וועל איך זיין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט צו זען זיך מיט דיר, איז האַלט איך פאַר דאָס בעסטע צו שווייגן און מיט געדולד איינהאַלטן אין דער טיפעניש פון מיין האַרצן אַלע אויסברוכן פון געפילן און אַנטציקונג ביז דעם טאָג פון אונדזער זען זיך, ווען אונדזערע הערצער וועלן זיך עפענען און זיך אַריינגיסן איינס אין דעם אַנדערן.

איך האָב געהאַט אַ גוטע געלעגנהײַט צו שיקן דיר אַ בריוו; נאָר אַזוי ווי איך האָב מוירע געהאַט, אַז דאָס וועט עפשער נישט באַווייזן אַף שאַבעס קיין באַרדי־טשעוו און דערוויל וועסטו צאָרעס האָבן, וואָס דו האָסט פון מיר קיין בריוו נישט צו דער געוויינטלעכער צייט, — דעריבער האָב איך נישט געוואָלט ניצן די געלעגנ־הײַט און שרייב דיר ווי געוויינטלעך מיט דער פאָסט. די געלעגנהייט — דאָס איז מ. ל. גראָסמאַנס ברודער.

זיי געזונט, מיין טייערע, איך בעט דיך ביז אונדזער זען־זיך מיר שרייבן לאַנגע בריוו, זאָל זיין פאַרבלויזע.

דיין ס. אַבראַמאָוויטש.

דעם פאָטערל און מוטערל גיב איבער מיין האַרציקן גרוס.
איך בעט דיך איבערגעבן דידאָזיקע שאַראַדע דעם פאָטערל].

* אין רוסישן טעקסט раввина מיט אַ קליינער „р“, נישט קלאָר, צי מיינט ער דערמיט אַ ראַבינער (ראָוו) אָדער אַ פאַמיליע־נאָמען „ראַווין“.

9.

[צו דערזועלבער]

[קאַמענעץ] 21-го февраля 1858 года.

Дорогая Песя!

Твое зеленное коротенькое письмцо которое я имѣлъ честь получить нынѣ выво[ло] меня такъ изъ терпѣнія, что я не дожидаясь опредѣленного дня въ который я обыкновенно пишу тебѣ, поспѣшно взялся за перо отвѣчать тебѣ. Но видя что всѣ мои моленія въ предъидущихъ моихъ письмахъ и многократные мои просьбы не только не подѣйствовали къ увеличенію твоихъ письмахъ составляющихъ единственное утѣшеніе въ моемъ заточеніи, но напротивъ они способствовали къ ихъ уменшенію, а потому боясь, если я теперь обременю тебя опять моими просьбами, то твои письма могутъ наконецъ равняться самой меншей частичкѣ, или лучше сказать, нулю, я уже не стану больше просить. а только предложу тебѣ слѣдующые вопросы. И так моя милая и дорогая Песя, что значитъ слово твое „приготовляйся? Я самъ не могу объяснить себя, ибо если хорошенько разбирать оное то встрѣчается тьму вопросовъ а именно: куда? и по какому случаю? и по чьму желанію? и проч. и проч. ... а потому если нежелаешь мучить меня сомнѣніями то отвѣчай мнѣ немедленно на всѣ эти вопросы и тѣмъ ты на вѣки обяжешь твоего тебѣ преданного и отъ всей души тебя любящаго.

С. Абрамовича

P. S. Не забудь моя милая, что время коротко а дорога велика, понимаешь?
. . . .

Другу моему Розенфельду передай мой сердечный поклонъ, также всѣмъ нашимъ друзьямъ.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ] 21 פעווראַל 1858.

טייערע פעסיע!

דיין קורץ גרין בריוול, וואָס איך האָב געהאַט דעם קאָוועד היינט צו קריגן, האָט מיך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אַז איך האָב נישט געוואָלט וואַרטן ביזן טאָג, וואָס איך שרייב דיר געוויינטלעך, און האָב זיך איילִיק גענומען פאַר דער פען דיר צו ענטפערן. אָבער אַזוי ווי איך זע, אַז וויפל איך האָב זיך נישט געבעטן אין מיינע פריערדיקע בריוו, זיינען דערפון דיינע בריוו, — די איינציקע טרייסט אין מיין געפאַנגשאַפט, — נישט נאָר גרעסער געוואָרן, — פאַרקערט, — זיי זיינען קלענער געוואָרן, און אַזוי ווי איך האָב מוירע, אַז אויב איך זאָל דיך ווידער באַלעסטיקן מיט מיינע ביטענישן, קאָנען דיינע בריוו לעסאָף ווערן גאָר דאָס קלענסטע אָדער, בעסער געזאָגט, — אַ נול, — דעריבער וועל איך שוין מער נישט בעטן; איך וועל דיר נאָר פאַרגעבן פראַגעס. בעכיין, מיין ליבע און טייערע פעסיע, וואָס באַטייט דיין וואָרט „גרייט זיך"? אַליין קאָן איך זיך דאָס נישט דערקלערן, וואָרעם אויב מ'זאָל דאָס גוט צענעמען, איז שטעלט זיך אָן אַ שיר פראַגעס, נעמלעך: ווּהין? צוליב וואָס? צוליב וועמען? א. אַז. וו. א. אַז. וו.... דעריבער,

אויב דו ווילסט מיך נישט פּײַניקן מיט קיין ספּייקעס, איז ענטפער מיר באַלד אַף די אַלע פראַגעס; דערמיט וועסטו מאַכן פאַר אייביק דאַנקבאַר דיין איבערגעגעבע־נעם, וואָס האָט דיר ליב מיטן גאַנצן האַרצן.

ס. אַבראַמאָוויטש.

P. S. פאַרגעס נישט, מיין ליבע, אַז די צייט איז קורץ און דער וועג איז לאַנג; דו פאַרשטייסט?

[מיין פריינט ראָזענפעלדן גיב איבער מיין האַרציקן גרוס, אויך אַלע אונזערע פריינט]

10.

[צו דערזעלבער]

[קאַמענעץ] 2-го Марта 1858 года.

Дорогая Песя!

Драгоцѣнное твое послѣднее письмо возбудило во мнѣ новую жизнь, повѣрь моя милая, что не радостное твое увѣщаніе на счетъ успѣха моего перемѣщенія и не тысячи тому подобные предметы не въ состояніи производить на меня такое впечатленіе какое произвело твое для меня весьма восхитительное слово „спѣши въ объятіяхъ твоей тебя ожидающей“.

Когда мы оба отправимъ סֵדֶר и сообщимъ другъ друга какъ водится, воспоминаніи о чудесахъ сдѣланныхъ Богомъ нашимъ предкамъ во время ихъ осво[бо]жденія отъ ига Египтанъ и объ тогдашней ихъ радости тогда моя милая, я сообщу тебѣ и мои душевныя радости при моемъ освобожденіемъ отъ шистилѣтняго заточенія въ Г. Камнецѣ, тогда я просторнѣе разскажу тебѣ всѣ мои мысли и пріятныя чувства моего сердца во время избавленія моего отъ каменецкихъ глупихъ факторовъ, с которыми я должно было, по воли Провидѣнія провести шесть лѣтъ, и которые по моему мнѣнію и по мнѣнію всѣхъ благомыслящихъ, въ тысячи разъ злобнѣе и жесточе чѣмъ Египтяне.

Я не могу теперь опредѣлить тебѣ аккуратно день моего выѣзда съ Камнеца, слѣдующей почтой я напишу тебѣ опредѣленно когда именно можешь ожидать твоего тебѣ преданнаго и тебя до могили любящаго

С. Абрамовича

Кланяйся отъ меня любезной нашей маменькѣ и твоей золовкѣ Ханѣ также всѣмъ нашимъ друзьямъ особенно другу нашему Розенфельду.

Ты можешь писать мнѣ еще слѣдующей почтой, — да вотъ что я забылъ сказать тебѣ моя милая, что я совсѣм не такъ писалъ тебѣ какъ ты скажешь: что я противъ воли моей писалъ нашему брату, нѣтъ, я такъ писалъ тебѣ, что противъ воли моей я просилъ брата.

[איבערזעצונג]

[[קאַמענעץ], 2־טן מאַרט 1858.

טייערע פּעסיע!

דיין לעצטער טייערער בריוו האָט אין מיר אַריינגעזעצט אַ נייע נעשאָמע. גלויב מיר, מיין ליבע, אַז נישט דיין דערפרייענדיקע מיטיילונג וועגן דעם דערפאָלג פון מיין אָנקומען אַף אַ נײַ אָרט, נישט טויזנט אַזוינע זאַכן זיינען נישט אימשטאַנד צו מאַכן אַף מיר אַזאַ אײַנדרוק, ווי ס'האָבן געמאַכט אַף מיר דיינע אַנטציקנדיקע ווערטער: „אײַל אין די אָרעמס פון דער, וואָס וואַרט אַף דיר“.

אַז מיר וועלן פּראַווען דעם סיידער און דערציילן, ווי ס'פּירט זיך, זיכרוינעס וועגן די ניסים, וואָס גאָט האָט געטון אונדזערע עלטערן, ווען ער האָט זיי אויסגע-לייזט פונעם יאָך פון מיצראַיִם, און וועגן זייער פרייד דעמלט, — דאַן, מיין ליבע, וועל איך דיר אויך דערציילן מיינע האַרץ־פריידן, וואָס איך בין פריַי געוואָרן פון זעקסיאָריקער געפאַנגשאַפט אין קאַמענעץ. דאַן וועל איך דיר אויספּירלעכער דער־ציילן מיינע מאַכשאָוועס און די פריידיקע האַרץ־געפילן, וואָס איך בין לויז געוואָרן פון קאַמענעצער נאַרישע פאַקטערס, וואָס די האַשגאָכע האָט געוואָלט איך זאָל מיט זיי פאַרברענגען זעקס יאָר, און וואָס זיינען, לויט מיַין מיינונג און לויט דער מיי־נונג פון אַלע ווילדענקענדיקע, טויזנט מאָל ערגער און אומדערבאַרעמדיקער, איידער די מיצרים.

איך קאָן דיר איצט ניט זאָגן פּינקטלעך דעם טאָג, ווען איך וועל אָפּפאָרן פון קאַמענעץ. מיט דער אַנדערער פּאָסט וועל איך דיר שרייבן באַשטימט, ווען קאָנסטו דערוואַרטן דיין איבערגעגעבענעם, וואָס האָט דיך ליב ביז דער גרוב

ס. אַבראַמאָוויטש.

לאָז גריסן פון מיר אונדזער מוטערל און דיין שוועגערן כאַנע, אויך אַלע אונ־דזערע פריינט. דערהויפּט אונדזער פריינט ראָזענפעלד. דו קאָנסט מיר נאָך שרייבן מיט דער נאָענסטער פּאָסט. יאָ, איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, מיין ליבע: איך האָב נישט געשריבן, אַזוי ווי דו זאָגסט, אַז איך האָב, קעגן מיין ווילן, געשריבן אונדזער ברודער. ניין! איך האָב דיר געשריבן, אַז קעגן מיין ווילן האָב איך געבעטן דעם ברודער].

11.

[צו דערזעלבער]

[באַרדיטשעוו, 20 מאַרט 1858]

Милая Песя!

Посылай мнѣ чрезъ подателя сію записку, русскую книгу которую я вчера взялъ у Г. Рабиновича, Ахъ я слабъ и не могу шевилить ногами как ребенокъ. Я хочу ѣхать теперь в баню авось это мнѣ поможетъ, прошу дать мнѣ на мой, или на твой счетъ руб: сереб:

Досвиданія твой С. Абрамовичъ

Марта 20 дня 1858 года
Г. Бердичевъ.

[איבערזעצונג]

[ליבע פעסיע!

שיק מיר דורך דעם, וואָס וועט דיר ברענגען דאָסדאָזיקע צעטל, דאָס רוסישע בוך, וואָס איך האָב נעכטן גענומען באַ ג. ראַבינאָוויטשן. אַך, איך בין שוואַך און קאָן נישט רירן מיט קיין פוס אַזוי ווי אַ קינד. איך וויל איצט פאָרן אין באָד אַריין, עפשער וועט דאָס מיר העלפן. איך בעט דיך מיר געבן אַף מיין כעשבן אָדער אַף דיינעם אַ רובל.

צום ווידערזען, דיין
ס. אבראַמאָוויטש.

באַרדיטשעוו, 20 מאַרט 1858].

12.

[צו א. ב. גאָטלאָבער] [2]

[14 יוני 1861] [3].

אלופי ומיודעי!

עד מתי אלופי אהה, עד מתי יהיו דבריך מעטים ותגרע אלי שיחה במכתביך היקרים? עד מתי תשוב ותחטא חטאת הקצור, הלא ידעת כי האומר אשוב ואחטא אין מוחלין לו, ולכן במדה שאתה חוטא אמדוד לך גם אני ואשיבך אך תשובה קצרה.

אל תדאג למאמרך „להשיב אל מרדכי" [4] כי יצא לאור, הלא כן הודיעו לי מסדרי המליץ, ודע כי כמו שאנכי מתחטא לפעמים לפני כבודך עד שתעשה רצוני, ככה אני מתחטא לפני מליצי ישרון האלה, הן גם הם יאהבוני עד מאד ויתפארו עלי תמיד באגרותיהם, כי לשמי ולזכרי תאות נפשם ויחלו כמטר למאמרי, אשר יחישו להדפיסם, ואני הכיתים בשבט פי לא פעם ולא פעמים והוכחתים על אדות בקרת החכם ג"ב [5] שדבריה כזב והוללות ועל אדות בקרת מו"ח [6] שעיניה [7] טרוטות וכל קוראיה יאמרו כי היא בקרת שארלאטאנית ואזיאטית בת איש בבלי אשר רעיוניו בלולים ומבולבלים, והם הצטדקו לפני בדברים אשר נתקררה רוחי, ובתוך דבריהם גלו אזני לאמר: „בקרב תראה גם את דברי ידידנו המשכיל ה" גאטטלאבער „להשיב אל מרדכי" [8] בדפוס ותבין כי לא נשא פנים".

הבשורה שיש בפי לבשרהו הלא היא: כי מכרתי את החברת הראשונה מספרי „תולדת הטבע" [9] לבן עירי [10] על האופנים האלה: בצאת הספר לאור, אזי מחויב הקונה לתת לי אלף רובל כסף או רבע עקזעמפלארען מהסך שידפיס, היינו חמש מאות מאלפים וזכותי מכור לו רק על משך ארבע שנים [11], ולע"ע נתן לי מאה רובל כסף. וכל זה מקים בספר המקנה ונכתב בספר האקטען ונחתם כדת ודין, ועתה ישמח לב אלופי ויגיל כבודו כי תלמידו עשה עפאכע בישראל, שאנשים סוחרים יבואו לקנות ספרי המחברים החדשים בכסף מלא, ומעולם לא זכה ספר האקטי כי יכתב בו ספר מקנה כזה! אבל עוד לא נעשה כל חפצי ועוד נשאר לי מעט עמל להתאמץ, כי ספרי יקובל בבתי הספר [12] ובהשיגי גם זאת, אז אהיה מאושר בארץ והיה שכרי אתי. המביא לדפוס הולך בעוד שנים שלשה שבועות לייפציגה ושמה ידפיס ספרי כלול בהדרו עם ציורים יקרים (כאשר תקרא כל זאת בקול קורא, שאדפס בהמליץ ובהכרמל ובהמגיד).

בכתבי לך מכתבי הקודם הגיעני אגרת מפינסק, אשר אחד ממשפחת תושביה הגבירים יחלה פני כי אשלח לידו חמשה עשר ספרים מספרי „משפט שלום", באמרו כי דברי יקחו נפשות בני עירו, אבל אין שמה רק ספר אחד שהובא במקרה על ידי איש ארח, והבטיחני עוד כי נכון למלאות בקשתי על דבר ספרי תולדת הטבע, אשר שמע אדותיו במכתבי העתים ויאסוף למענו פרענומעראנטען. האח אלופי! ברא ה' חדשה בארץ איש יהודי יסובב מחבר!...

והנה למען לא יהיו מעתה מכתבי דלים וריקים אמרתי לשום כה נגדך חקר שם משנה שנתחבטו בו כל המפרשים. — מוטב הצאן והבקר, והמשנים ועל הכרים (שמואל א ט"ו, ט) הרד"ק פירש בשם י"מ שהם שניים לבטן ורש"י פירש אין לו דמיון והם הבריאים וכו' על שם שהוא כפול בבשר ובשומן כמו כסף משנה, ותמה אנכי על הבאור שם האומר „והמבארים (בלי ספק מכוון על רש"י) המשנים בהמות שמנים, חלפו משן בשמן" ובאמת לא חלף רש"י רק יבאר משנים שמנים על שם שהמה כפולים בבשר ובשומן. — והיא יושבת בירושלים במשנה (מ"ב, כ"ב, י"ד) פירש רש"י שם: במשנה בבית אולפנא וכ"ו ויש שפותרים במשנה חוץ לחומה בין שתי החומות שהוא משנה לעיר. — קול צעקה משער הדגים ויללה מן המשנה (צפניה א' י') פירש רש"י משער העופות שהוא שני לו, ויפלא בעיני

מ״נל לרש״י זאת? הלא כה סדר השערים בחומת המזרח ששם הוא שער הדגים: א) שער המים. ב) שער הסוסים. ג) שער הצאן. ד) שער הדגים. ה) שער המשנה. (עיין באור נחמיה ב׳ ח׳) ולדעת הראב״ע שם הכוונה מן ארמון משנה למלך, ולמה תפס הנביא את שער הדגים וארמון משנה למלך? הנך רואה כי המפרשים נבוכים המה. ואת אשר אחזה לי אנכי בפירושה של מלה זו זאת היא: בנחמיה (ג, א׳) כתוב: ויבנו את שער הצאן וגומ׳ המה קדשהו. ואתו בנה אלישיב הכהן הגדול ואחיו הכהנים ולכן היה קדש לה׳ ואנשי קדש ישבו שם ואחריו היה שער הדגים (שם ג׳), והנה הטבחים מחלקים את הצאן לכמה מחלקות, למיטב הצאן (זעלעקטא), למשנים (פרימא) לצאן זעקונדא ולטערטייא וכו׳ והנפקא מינה הוא לענין הצמר, כידוע, ובני ישראל שהיו עסוקים בעבודת גדול הצאן וודאי ידעו ממחלקה זו, את הצאן הטובה והבריאה לא זבחו רק גזזו צמרה והצאן שצמרה לא טוב כ״כ שחטו לאכל בשר לכן אמר הנביא (יחזקאל ל״ד ג׳) בתוכחתו: הבריאה תזבחו וכן אמר זכריה (י״א, ט״ז) ובשר הבריאה יאכל. וכוונת הכתוב והמשנים, ר״ל על הצאן השניים במעלה למיטב הצאן, וכן היא יושבת בירושלים במשנה. ר״ל בשער הצאן שבנו אתו הכהנים והקדישהו לד׳ ומקומו אצל שער הדגים ככתוב. והראיה הגדולה ונאמנה היא מנבואת צפניה, כי הוא וחולדה הנביאה שהיו בימי יאשיהו מלך יהודה, נתנבאו בסגנון אחד מה שסתום פה מפורש שם, היא אומרת (מ״ב כ״ב ט״ז) הנני מביא רעה אל המקום הזה (הזה הוא כנוי הרומז, ר״ל על המשנה שישבה שם) והוא אומר ג״כ קול צעקה משער הדגים ויללה מן המשנה הוא שער הצאן שאצל שער הדגים ויובן עתה מפני מה תפס שער הדגים והמשנה כי סמוכים המה ושמה היה צבי תפארת ישראל, כי אדמת המשנה היתה קדש ובעוונם יחללוה עתה זרים והבן.

אם ייטיבו דברי בעניו יודיעני וישמח לבי.

הנני ש״א.

חי תמוז תרכ״א
ברדיטשוב.

[איבערזעצונג]

[מיין האַר און מיין פריינט.

ביז ווי לאַנג, אוי, מיין האַר, ביז ווי לאַנג וועלן דיינע ווערטער זיין ווייניק און דו וועסט קאַרגן צו מיר רייד אין דיינע טייערע בריוו? ביז ווי לאַנג וועסטו דורכאַנאַנד זינדיקן מיט קורצקייט? דו ווייסט דאָך, אַז ווער ס׳זאָגט, איך וועל טשו־ווע טון און ווייטער זינדיקן, איז מען אים נישט מוחל, און דעריבער וועל איך דיר אויך צומעסטן מיט דערזעלבער מאָס, וואָס דו זינדיקסט קעגן מיר, און איך וועל דיר ענטפערן קורץ.

זאָלסט זיך נישט זאָרגן פאַר דיין אַרטיקל „להשיב אל מרדכי״, ער וועט זיין געדרוקט, אַזוי האָבן מיר צו וויסן געגעבן די רעדאַקטערס פון „המליץ״. און ווייס, אַז אַזוי ווי איך באַקלאָג זיך אַמאָל פאַר דיר ביז דו טוסט מיר צוליב, אַזוי באַקלאָג איך זיך פאַר דידאָזיקע יידישע מעליצים. זיי האָבן דאָך אויך מיך שטאַרק ליב און פראַלן שטענדיק אין זייערע בריוו, אַז זיי גלוסטן שטאַרק נאָך מיר און זיי וואַרטן אַזוי אַף רעגן אַף מיינע אַרטיקלען, וואָס זיי וועלן איילן צו דרוקן. איך האָב זיי געשטראָפט ניט איין מאָל, ניט צוויי מאָל וועגן דער קריטיק אַפן געלערנטן ג״ב, וואָס זי (די קריטיק) איז פאַלש און העפקערדיק, און וועגן דער קריטיק פון מו״ח,

וואָס אירע אויגן * זיינען קאַליע, און ווער ס'וועט זי לייענען וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַ שאַרלאַטאַנישע, אַזיאַטישע קריטיק פון איינעם, וואָס זיינע געדאַנקען זיינען צעמישט און פאַרפּלאָנטערט; — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט פאַר מיר מיט רייד, וואָס האָבן מיך באַרויִקט, און אַגעוו האָבן זיי מיר געלאָזט צו הערן: „אינגיכן וועסטו זען געדרוקט אויך די רייד פון אונדזער פריינט, דעם מאַסקיל גאָטלאָבער „להשיב אל מרדכי״, וועסטו פאַרשטיין, אַז מיר זיינען אומפּאַרטייִיש״.

איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בסורע: איך האָב פאַרקויפט דעם ערשטן טייל פון מיין בוך „תלדות הטבע״ [נאַטור־געשיכטע] צו מיין אַ בען־איר אַף אַזוינע באַדינגען: ווי דער בוך וועט אַרויס, מוז דער קויפער מיר געבן 1000 רובל אָדער אַ פערטל פון דער צאָל עקזעמפּליאַרן, וואָס ער וועט אָפּדרוקן, נעמלעך, פינף הונדערט פון צוויי טויזנט; מיין פאַרלאַג־רעכט האָב איך אים פאַרקויפט נאָר אַף פיר יאָר, און דערוויַיל האָט ער מיר געגעבן הונדערט רובל. דאָס אַלץ איז פעסט אָפּגערעדט אין אַן אָבמאַך, פאַרשריבן אין אַקטן־בוך און געכאַסמעט לויט דעם געזעץ נאָך. און אַצינד פריי זיך, מיין האַר, און קוועל אָן, וואָס דיין טאַלמיד האָט געמאַכט אַן עפּאָ־כע בא יידן, אַז סאָכרים זאָלן קויפן ביכער בא נייע מעכאַברים פאַר גוט געלט; קיינמאָל האָט נאָך דער אַקטן־בוך ניט זויכע געוועזן, אַז מע זאָל אין אים פאַרשרייבן אַזאַ אָפּמאַך! אָבער איך האָב גאָך נישט אַלצדינג אויסגעפירט, און ס'איז מיר נאָך געבליבן אַביסל מי צו פּועלן, אַז מיין בוך זאָל אָנגענומען ווערן אין די שולן, אַז איך וועל דאָס אויך דערלאַנגען, — וועל איך זיין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט און וועל האָבן מיין לוין. דער אַרויסגעבער פאָרט אין צוויי דריי וואָכן אַרום קיין לייפּציק און דאָרט וועט ער אָפּדרוקן מיין בוך גלענצנדיק שיין מיט טייערע צייכע־נונגען (ווי דו וועסט דאָס אַלץ לייענען אין דעם אופרוף, וואָס וועט געדרוקט זיין אין „המליץ״, „הכרמל״, „המגיד״).

ווען איך האָב דיר געשריבן דעם פריערדיקן בריוו, איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון פּינסק: איינער פון די דאָרטיקע גווירים בעט מיך, איך זאָל אים שיקן 15 עק־זעמפּליאַרן פון מיין בוך „משפט שלום״. ער זאָגט, אַז מיינע רייד נעמען שטאַרק אויס בא זיינע שטאָטלייַט, אָבער דאָרט איז פאַראַן ניט מער ווי איין עקזעמפּליאַר, וואָס צופעליק האָט אים איינער אַ דורכפאָרער געבראַכט אַהין. ער פאַרזיכערט מיך נאָך, אַז ער איז גרייט אויסצופּאָלגן מיין ביט וועגן מיין בוך „תולדת הטבע״, וואָס ער האָט וועגן דעם געהערט אין די צייַטונגען, און וועט זאַמלען פאַר אים פרענו־מעראַנטן. הוראַ, מיין האַר! גאָט האָט באַשאַפן אַ נייס אַף דער וועלט: אַ ייד זאָל נאָכגיין אַ מעכאַבער!...

און קעדיי מיינע בריוו זאָל פון איצט אָן נישט זיין אָרעם און פוסט, וויל איך דיר דאָ אופקלערן דאָס וואָרט „משנה״, וואָס אַלע אויסטײַטשער האָבן זיך מיט דעם געמאַטערט, [אין דעם פּאָסעק] „מוטב הצאן והבקר והמשנים ועל הכרים (שמואל א׳, ט״ו, ט״)...

...[מענדעלע ברענגט דאָ ווייטער אַ לאַנגע עטימאָלאָגישע כקירע וועגן דעם וואָרט „משנה״, מיר לאָזן עס דורכן].

אויב מיינע רייד וועלן דיר געפעלן, איז גיב מיר צוּוויסן וועל איך זיך פרייען.

פון מיר שי״א.

ח״י טאַמוז תרכ״א, באַרדיטשעוו.

* זע באמערקונג 7.

13.

[צו דער פרוי, באַרדיטשעוו]

יעקאַטערינאָסלאַוו 30 מאַיי 1868

טהייערע פעסיו ! [13]

געסטערן האב איך ערהאַלטען דיין בריעף. איך קאָנן דיר אזוי פיל ניט שרייבען ווי אונרוהיג איך בין פון דעם פאַטערס [14] קרענק, איך זאלל קענען וואלט איך געקומען צופלי־הען אַהיים, איך געה אָהן אַ קאפּ. מיין וויסטער געשעפט ליגט מיר איצט כלל ניט אין זינן [15], היינט דיא דעפּעשע וואס. איך האָב ערהאלטען, אז דוא האסט מיט מזל אַ קינד גע־באָרען, האָט מיך אין גאנצען פערווירט, סטייטש אין אזוי אַ לאַגע דיך זעלבסט צו לאַססען, איך בין פשוט אויס מענש, איך מוז וויא צום שנעללסטען קוממען אַ היים. היינט פאהר איך ארויס פון היער נאך קרעמענטשוג פון דאָרט וועל איך באלד פאהרען נאך קיוב דו זאלסט מיר למעה״ש שרייבען, דעפּעשירין אויף צוקערמאַננס [16] אדרעססע אין קיוב. — מסתמא האַט דיר פריסין [17] געשריבען, אז דעם בעלעט [18] האב איך איבערגעלאזט בייא איהם צו הויזע. ווע־לען מיר טראַכטען וואָס מיר האָבען צו טוהן. גערימסע למעהש אונזער טהיירן פאטער און זאג איהם אז זיין קראנקהייט רירט מיך אן טיעף אין דער זעעלע, דענן אויסער איהם האָב איך ניט קיין פריינד אויף דער גאַנצער וועלט. איך ליעב איהם נאך בעססער וויא מיך אַלליין [19]. גאטט וויים דעם אמת. שרייב מיר וויא צום שנעללסטען ווארום איך געה ארום ממש אהן אַ קאפּ. גערימסע אונזערע קינדערליך, זייא מונטער און פערליער ניט קיין מוטה. גערימסע דער מוטטער רחל און דיא גאנצע פאַמיליע.

דיין דיך ליעבענדער ש״י אַבראַמאָוויץ

14.

[אַדרעסאַט—אומבאַקאַנט]

[צווישן 1865—1872 [20]]

שלום לך מאהבי יקירי!

מיום שובי לביתי ועד עתה זה יותר מחדש ימים לא יכולתי עוד לקחת מועד לכתוב אליך מטעמים וסבות הרבה: ראשית הטרדות הגדולות בעסקי פרנסתי אפפו עלי עד מאד ועלי היה לעשות כפי האפשר סדרים בעניני הרעים שמצאתי בהם עזובה רבה למורת רוחי. והשנית בביאתי לביתי האמנתי להשתקע שם רק זמן מה, כי שני ענינים היו לפני, אשר עליהם תמכתי יתודות תקותי להעתיק משכני לאדעססא: האחד הוא משמרת עבודה נכבדה בבית המסחר הגדול, המתנהג ע״י מאהבי היקר הר״ר היילפּרין [21] אשר בביתו כליתי כל ימי הקיץ העבר בתענוגים ואשר באהבתו הרבה והיתרה הבטיחני להוציאני מן המצר ולהמציא לי בבית מסחרו עבודה טובה שאוכל לחיות בנחת ולא בצער כאשר עד הנה. והשני הוא ענין מ״ע „קול מבשר" אשר רבים העתירו עלי דבריהם שאקבל עלי הנהגתו ונבאו לי, כי שכרי מזה יהיה הרבה מאד, שכר מוסרי וגשמי ביחד, ובתקותי זאת אמרתי אחכה עוד מעט, עד אשר אשיג אחד משני הענינים האלה ואז אשמחך בבשורה טובה אודותי, מדעתי היטב כי האהבה שבינינו היא עזה ונאמנה מאד וכל אחד מאתנו מרגיש בצערו ובשמחתו של רעהו בכח המושך הטבעי המדבק את נפשותינו והעומד בפני כל הרוחות הרעות שבאות ונושבות לפעמים להפריד בין הדבקים. כן הדיחה אותי התקוה מיום ליום עד אשר לפני ימים מעטים הלכה לעולמה ככל תקותי הראשונות שלא האריכו ימים ונפטרו במיתות משונות תיכף כשיצאו לעולם. משני הענינים הנזכרים אחד לא נותר. כי זה האיש משה

היילפרין[21] אשר אמרתי בצלו אחיה נלכד בשחיתות הזמן[22] ועזב את בית מסחרו הנודע וכשל עוזר ונפל עזור! ואלכסנדר צעדערבוים אמר בלבו לכבוש אותי תחת ידו בתנאים לא טובים לפני ולמשול בכיפה בקול מבשר שלו כאלכסנדר מוקדון והשיבותי לאלכסנדר סענדער זה כי ינוח בשלום על נבלת מכתב עתו הנסרחה וכבודי לקול מבשר לא אתן. הרי לפניך בקצרה כל הקורות אותי בימים האלה. כעת הנני שט שנית בעולם ים זועף בלי תורן ומשוט ואינני רואה לפני לע״ע שום מקום לבוא שמה אל המנוחה!

כשעיינתי זה לא כביר בעסקך פה, אשר משעת התחלתו ועד עתה אכל את עתותיך ואת בשרך ונגע גם אותי ביסורים ובענויים קשים כמו שידעת, הנה נודעתי חדשות, כי שלא מדעתי נולד סכסוך ופלוגתא בינך ובין איזה מיני סרסורים חדשים שאמרו להוציאני מכללם ולקפח שכרי בענין שהייתי מן המסייעים בשעת יציאתו לעולם בגלגול הראשון והסבה הראשונה והמיוחדת ליציאתו לעולם בהגלגול השני בסיועת מאהבנו היקר הר״ר בינשטאָק ולבלתי הכאות את רוחך ואת רוחי. בדברים על אודות מיני הסרסורים האלה הנני כובש את כעסי עליהם ואומר יפה דנת, יפה זכית אותי שלא בפני ואם השעה צריכה לכך שלטובת עסקך תכיר אותם לסרסורים על כרחך, הרי דעתי כדעתך ורוחי נוחה מזה, כי טובת העסק היא בעיני העיקר מפני שבהוויתו ובצאתו אל הפועל קשורה טובת הנאה של העמלים בו. טובת עסקך וטובת הנאתנו מתיחסות זו אל זו כסבה ומסובב. לכן יקירי מעתה אל נא יהיה סכסוך בשבילי. הלכה כמותך וכדברך כן יהי, מוטב ניחד לבבנו אל השגת המטרה הנרצה להוציא לאור עסקך.

ע״י ידידנו הר״ר שור[23] ברכתיך בשבוע העבר ונחמתיך מאבלך על אחיך האדם הגדול. יהי חלקך לעתיד ששון תחת אבל שמחה תחת רוח כהה ולא תוסיף לדאבה כל ימיך כחפצך וכחפץ אהבך באמת ובתמים

מוקירך ומכבדך לנצח

[איבערזעצונג

[זיי מיר געגריסט, מיין ליבער, מיין טייערער!

פֿון זינט איך בין צוריקגעקומען אַהיים ביז איצט, שוין אַ כּוידעשׁ צייט, האָב איך זיך קיין צייט נישט געקאָנט געפֿינען דיר צו שרייבן; און דערוף איז געווען אַסאַך סיבעס: ערשטנס, זיינען מיר שטאַרק באַפֿאַלן די גרויסע שוועריקייַטן וועגן מיין פּאַרנאָסע און איך האָב געמוזט, ווי ווייט מעגלעך, מאַכן אָרדענונג אין מיינע שלעכטע געשעפֿטן, וואָס איך האָב זיי, צום פֿאַרדראָס, געטראָפֿן שטאַרק פֿאַרלאָזט. צווייטנס, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געמיינט דאָ צו פֿאַרבלייבן בלויז אַ קליין שטיקל צייט, וואָרעם איך האָב געהאַט פֿאַר זיך צוויי זאַכן, וואָס אַף זיי איז געווען געגרינדעט מיין האָפֿענונג זיך איבערצוציִען קיין אָדעס. דאָס ערשטע איז — אַ בעקאָוועדיקע שטעלע אין גרויסן געשעפֿט באַ מיין געליבטן פֿריינט האַלפּערין, וואָס באַ אים אין הויז האָב איך אין פֿאַרגעניגן פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן פֿאָריקן זו־מער, און וואָס, מיט זיין גרויסער ליבשאַפֿט, האָט ער מיר צוגעזאָגט אַרויסצושלעפּן מיך פֿון דער קלעם און מיר געבן אין זיין געשעפֿט אַ גוטע שטעלע, אַז איך זאָל קאָנען לעבן אין נאַכעס, נישט אין צאַאַר, ווי ביז איצט.

דאָס צווייטע איז — די מייַסע מיט דער צייטונג „קול־מבשר״, וואָס אַסאַך האָבן מיר צוגערעדט, אַז איך זאָל זיך נעמען זי צו פֿירן, און האָבן מיך פֿאַרזיכערט, אַז איך וועל דערפֿון אַסאַך האָבן, סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל.

איבער דערדאָזיקער האָפֿענונג האָב איך זיך געזאָגט: לאָמיך אַביסל צוואַרטן ביז איך וועל האָבן איינס פֿון די צוויי זאַכן; דעמלט וועל איך דיך קאָנען דער־פֿרייען מיט אַ גוטער בסורע וועגן מיר. ווייל איך ווייס וויל, אַז אונדזער ליבשאַפֿט

איז זייער שטאַרק און געטריי, און יעדער פון אונדז פילט מיט דעם אַנדערנס לייד און פרייד, מיט דער נאַטירלעכער צי־קראַפט, וואָס באַהעפט אונדז און וואָס קאָן אויסשטיין קעגן אַלע בייזע ווינטן, וואָס בלאָזן אָפטמאָל צו צעשיידן די באַהעפטע. אַזוי האָט מיר די האָפענונג אָפגעצויגן פון טאָג צו טאָג ביז זי האָט זיך דאָ פאַר עטלעכע טעג געפעלט, אַזוי ווי אַלע פריערדיקע האָפענונגען, וואָס האָבן קיין לאַנגע יאָרן נישט געהאַט און זיינען געשטאָרבן מיט מיסעס מעשונעס באַלד ווי זיי זיינען געבוירן געוואָרן. פון די צוויי דערמאנטע איניאָנים איז קיין איינער נישט געבליבן. וואָרעם מוישע האַלפערין, וואָס איך האָב געמיינט, אַז פון אים וועל איך געהאָלפן ווערן, האָט געטראָפן די שלעכטע צייט און ער האָט פאַרלאָזט זיין באַרימט געשעפט; איז געשטרויכלט געוואָרן דער העלפער, איז אומגעפאַלן דער געהאָלפענער! און אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט מיך געוואָלט אַריינעמען אין די הענט מיט זייער ניט קיין גוטע באַדינגונגען און זיין דער אַליינהערשער אין זיין „קול מבשר” אַזוי ווי אַלעקסאַנדער מוקדן. האָבֿ איך געענטפערט מיין אַלעקסאַנדער—סענדערן, אַז זאָל ער זיך ליגן באַרוט אַף דער פאַרשטונקענער נעווײלע פון זיין צייטונג, און איך וויל זיך מיט דעם „קול מבשר” נישט אָנקערן. דאָס האָסטו אין קורצן וואָס ס׳האָט מיט מיר פאסירט דידאָזיקע צייט. איצט שווים איך ווידער אין אַ שטורעמדיקן יאַם אָן אַ רודער און אָן אַ זעגל־בוים און איך זע דערווייל נישט קיין שום אָרט, ווו איך זאָל קאָנען קומען צו זיך.

אַז איך האָבֿ זיך דאָ נישט לאַנג צוגעקוקט צו דיין אייסעק דאָ, וואָס פונעם אָנהייבֿ אָן ביז איצט האָט ער געפרעסן דיך און דיין צייט און האָט דערלאַנגט מיך אויך מיט שווערער פּייַן, ווי דו ווייסט,—איז בין איך געוואָר געוואָרן נייס: אָן מיין ויסן איז אַרויסגעשפרונגען אַ סיכסעך און אַ קריג צווישן דיר און צווישן עפעס נייע פאַרמיטלער, וואָס האָבן געוואָלט מיך אַרויסוואַרפן פון קאָמפאַניע, איך זאָל אָנווערן מיין פאַרדינסט אין דער זאַך, ווו איך בין געוועזן איינער פון די העלפער בעיס זי איז געבוירן געוואָרן אין איר ערשטן גילגל און דער ערשטער, איינציקער אופטוער אין איר צווייטן גילגל, מיט דער הילף פון אונדזער טייַערן פריינט בינשטאָק. און קעדיי נישט צו באַטריבן דיין און מיין געמיט מיט רייד וועגן יענע מינים פאַרמיטלער, האַלט איך איַין מיין צאָרן אַף זיי און איך זאָג: ריכטיק האָסטו זיך פאנאנדערגעקליבן וועגן מיר הינטער מיינע אויגן, און אויבֿ מע דאַרף דאָס, אַז צוליבֿ דיין אייסעק זאָלסטו זיי קעגן דיין ווילן אויך האַלטן פאַר פאַרמיטלער, איז האַלט איך אַזוי ווי דו און איך בין צופרידן דערפון, וואָרעם דעריקער איז באַ מיר דאָס וויל פון דעם אייסעק, ווייל אָן דעם, אַז דער אייסעק זאָל אויסגעפירט ווערן, איז געווענדט אַ נוצן פאַר אַלע, וואָס טוען באַ אים. דאָס וויל פון דיין אייסעק און אונדזער נוצן געהערן זיך אָן איינס מיטן אַנדערן, אַזוי ווי אַ סיבע און דער סיבע־אופטוער. דעריבער, טייערער מיינער, זאָל פון איצט אָן נישט זיין קיין סיכסעך איבער מיר. דו ביסט גערעכט און זאָל זיין ווי דו זאָגסט. לאָמיר זיך בעסער האַלטן איינס צו דערלאנגען דעם געוואונטשטן ציל, אויסצופירן דיין אייסעק.

דורך אונדזער פריינט שור האָבֿ איך דיר יענע וואָך געלאָזט גריסן און איך האָבֿ דיך געטרייסט וועגן דיין טרויער אַף דיין ברודער, דעם גרויסן מאַן. זאָל דיר אַף ווייטער באַשערט זיין פרייד אנשטאָט טרויער, סימכע אנשטאָט אַ באַטריבט געמיט, און דו זאָלסט שוין מער קיין טרויער נישט האָבן אַלע דיינע יאָרן ווי דו ווינטשסט זיך און ווי עס ווינטשט דיר

דיין עמעסער, אופריכטיקער ליבהאָבער,
וואָס שעצט דיך און אַכט דיך שטענדיק].

15.

[צו דער פרוי]

ברדיטשוב 13 מערץ 1873

טהייערע פעסיו!

דיין בריעף האָב איך ערהאלטען. דוא ביסט אוודאי אין כעס, וואס איך האב דיר ביז איצט נישט געשריעבען, נאר וואס בין איך שולדיג, אז איך האב נישט געהאט וואָס צו שרייבען. דעם פאָהריגען דינסטאג בין איך געקומען לב״ד [24] שטארק מיעד און צובראכען, און האב געטראָפען גאנץ בערדיטשיב איינגעזונקען אין בלאטע. איין עכטע בערדיטשיבער יודישע בלאטע מיט אַלע ריחות און מיני געשמאקאַכצען. עס איז פשוט אוממעגליך געוועזען ארויסצוגעהן אויף דער גאס. ערשט היינטיגן זאנטאג האב איך געמאַכט א פלאַן וויא אזוי מיינע ביכער זאלען פארטהיילט ווערען, אויב עס וועט געלינגען וועל איך קיין חרטה ניט האבען, וואס איך בין געקומען לב״ד. נאר דערוויילע ווייס איך גארנישט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען. — לע״ע ברייננג איך זעהר גוט צו דיא צייט בייא אונזערע פריינדע מאדאם און הר״ר שעהרייא, מען האָט מיך זעהר ראזבאלעוועט. עטליכע וואָכען, מיין איך, וועסט דוא אוודאי באדארפען מיט מיר האבען צוטאָן ביז דו וועסט מיך ווידער מאכען פאַקאָרנע.

למעה״ש אַז טשיגרינצעוו וועט קומען זאלסט דוא מיט איהם זיך אָפרעכענען כפי החשבון. ד. ה׳: זיין קוויטיל האט זיך געענדיגט נאָך פאַר אַ יאָהרען יוני, בעדארף ער חוץ דעם קרן 127.80 נאך צאהלען פ״צ פאר דער גאנצער צייט.

נעכטען איז בייא מיר געוועזען חנה און רחל, הירש איז אין קיוב. מעגליך ער וועט היינט קומען. די מוטטער איז געזונד דיין מתנה האב איך איר אָפגעגעבען. גערייססע אונזערע קינדערליך פון קליין ביז גרויס וויא אויך אונזער אמת טהיירען פריינד שור, און אויך קליינבארד.

פריידעלע איז נאך ניט ענטבונדען געווארען זי גריסט דיר פריינדליך וויא אויך איהר ווערטהער מאנן ה״ר שעהרייא.

דיין ש״י אַבראַמאָוויץ

[אַף דער צווייטער זייט בריוו איז אָנגעשריבן מיט אבראַמאָוויטשעס האַנט:]

להר״ר ש״י אַבראַמאָוויץ
בזיטאמיר
בבית ר׳ משה שחור.
ש״ט [25] 5 קאָפּ״ (חמשה קאָפּ).

16.

[צו י. י. לינעצקי און א. גאָלדפאַדן, לעמבערג]

זיטאָמיר 28 אָקטאבער 1875

להמוציאים לאור מ״ע „ישראליק״ [26] שלום וברכה עד עולם!

הנני לשלם לכם בזה תודות על אשר עלה זכרוני לפניכם לטובה לפקדני במ״ע שלכם אשר כפי תקותי תוציאו מתחת ידכם דבר מתוקן להועיל להמון אחב״י. ולמזכרת תודה הנני שולח לכם למנחה את ספרי „זמירות ישראל״ [27] אשר הוצאתי לאור בימים האלה. מגמתי בספר זה ובשאר ספרים מענין זה, שיודפסו לאחד אחד בהמשך הזמן היא, לטהר תפלות ישראל מסחי ההעתקות המבולבלות שנעשו עליהן עד כה בלשון עברי דייטש, כי

ההעתקות האלה הפעילו לרעה על המון בני עמנו, השחיתו את טעמם וילמדו את בני ישראל לצפצף כעופות ולבטא בפיהם דברים זרים ובלתי מובנים. וראשית חכמה היא הטבת טעם של כל אומה, כמו שהוכחתי הענין הזה באריכות בכמה מקומות. והנה למעתיק ענינים שבקדושה כאלה אינו די להעתיק רק לפי הכוונה, אבל הוא צריך לשמור גם את המלות לבאר אותן בפירושן, ולכן תראו ותבינו את הכבדות הגדולה שהיתה לי בהעתקתי זו, כי עלי היה לצאת ידי חובות הרבה: ידי חובת השיר וחובת המשקל וחובת הבאור והפירוש הנכון וכדומה.

יהי נא מטובכם להדפיס פעם אחת או איזו פעמים את המודעה שלי הכתובה למטה, את הדבר הזה יבקש מאתכם

מוקירכם ומכבדכם החפץ בהצלחתכם

ש״י אַבראַמאָוויץ

מודעה.[28]

זה מקרוב יצא לאור ס׳ זמירות ישראל (שבת׳דיגע זמירות) לליל שבת, ליום שבת ולמוצאי שבת בשירים חרוזיים ושקולים בלשון יהודית מדוברת ועם הערות הרבה בלה״ק. למו״ס הקונים סכום רב בבת אחת המקח האחרון הוא שנים עשר קאפ׳ בעד עקזעמפ׳. עוד נמצא אצלי למכירה מה שנשאר בידי מן הס׳ „דיא קליאטשע״[29] ומס׳ „תולדות הטבע״ חב׳ וחג׳[30], מי ממו״ס הרוצה לקנותם יפנה אלי וישיגם ממני במקח השוה.

ש״י אַבראַמאָוויץ.

האדרעסע אלי:

Соломонъ Моисеевичъ Абрамовичъ въ г. Житомиръ.

S. I. Abramowitcz in Zitomir.

(Russland)

[איבערזעצונג]

[זשיטאָמיר, 28 אָקטיאַבער 1875

צו די ארויסגעבער פון דער צייטונג „ישראליק״

שאָלעם און בראָכע אַף אייביק!

איך וויל אייך דאָ דאַנקען דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אין מיר דערמאנט צום גוטן אופצווזכן מיך מיט אייער צייטונג, וואָס, ווי איך פאַרהאָף, וועט איר אַרויס־ברענגען אַ רעכטע זאַך צום נוצן פון דער מאַסע אונדזערע ברידער יידן. אַלס דאַנק שיק איך אייך אַ מאַטאָנע מיין בוך „זמירות ישראל״, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן די לעצטע טעג. מיין צוועק איז מיט דעמדאָזיקן בוך און מיט אַנדערע ביכער פון דעם מין, וואָס וועלן מיט דער צייט געדרוקט זיין, צו ריייניקן יידישע געבעטן פון דער מיעסקייט פון די צעדרייטע איבערזעצונגען, וואָס מע האָט געמאַכט ביז איצט אַף איוורע־טייטש. וואָרעם דידאָזיקע איבערזעצונגען האָבן שלעכט געווירקט אַף אונדזער פאָלקסמאַסע, האָבן פאַרדאָרבן איר געשמאַק און האָבן געלערנט יידן צו פישטשען אַזוי ווי אויפעס און אַרויסצוברענגען מיט זייער מויל מעשונעדיקע אומ־פאַרשטענדלעכע ווערטער. צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פאַרבעסערן דעם געשמאַק באַ אַ פאָלק, אַזוי ווי איך האָב דאָס געוויזן אויספירלעך אין אייניקע ערטער. דער איבערזעצער פון הייליקע זאַכן קאָן זיך נישט צופרידנשטעלן מיט איבערזעצן בלויז לויט דעם געדאַנק נאָך, — ער מוז זיין געהיט מיט די ווערטער אויך, דערקלערן זיי

לויט זייער טײַטש נאָך. איר וועט דעריבער זען און פאַרשטײן די גרויסע שוועריקייט, וואָס איך האָב געהאַט באַ דערדאָזיקער איבערזעצונג. איך האָב געמוזט יויצע זיין קעגן אַסאַך זאַכן: קעגן דעם שיר, קעגן דעם מעטער, קעגן דער ריכטיקער דער־קלערונג און פאַרטײַטשונג און דעסגלייכן.

זייט אַזוי גוט און דרוקט אָפּ איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל מיין אַנאָנס, וואָס שטייט דאָ אונטן. דאָס בעט באַ אייך

אייער אַכטער און שעצער, וואָס ווינטשט אייך גליק

ש"י אַבראַמאָוויטש

באקאַנטמאַכונג

דאָ נישט לאַנג איז אַרויס אַ בוך „זמירות ישראל" (שבת'דיקע זמירות) אַף פרייטיק צונאַכטס, אַף שאַבעס און מאָצע־שאַבעס אין געגראַמטע, געמאָסטענע פערזן אַף יידיש, מיט אַסאַך באַמערקונגען אַף לאָשן־קוידעש. פאַר בוכהענדלער, וואָס קויפן פאַראַמאָל אַ גרויסע צאָל, איז דער לעצטער פרייז צוועלף קאָפּ. דער עקזעמפּליאַר. איך האָב נאָך צו פאַרקויפן אַ רעשט פון די ביכער „דיא קליאַטשע", „תולדות הטבע", טייל 2 און 3. ווער פון בוכהענדלער ס'וויל דאָס קויפן, זאָל זיך ווענדן צו מיר, וועט ער דאָס קריגן אין גלייכן געלט.

ש"י אַבראַמאָוויטש

מיין אַדרעס:

Соломон Моисеевич Абрамович в г. Житомир

S. I. Abramowitcz in Zitomir

[(Russland).

17.

[צו י. י. לינעצקי, לעמבערג] (31)

זיטאָמיר, 10 נאָוועמבער 1875

ידיד נכבד!

נעתרתי לבקשתך והנני שולח לך בזה מאמר אחד (32). אף אמנם קשה היה עלי הדבר הזה במאד מאד, מפני שטרדותי בימים האלה הרבה מאד ועבודות שונות עמוסות עלי שלא אוכל להתפטר מהן. הנני מצפה כעת לראות מה תתן לי בעד מאמרי זה ואיזה משכרת תקצוב לי על להבא. אם משכורתי תהיה באמת שלמה מאתך כאשר כתבת לי, אז אקדיש עתותי לך וידי תכון עם מכתב־עתך. סלח נא אם אומר כי צחוק עשית לי באמרך: כי „לפי ראות עיניך מאמרי הראשון אליך תדע לקצוב שכרי על להבא" הכי לא נודעתי בה"ש בעולם לכל אחב"י במאמרי ובספרי הרבים? וחוץ לזה איך תוכל לדעת לקצוב שכרי ממאמר אחד. הכי כל מאמרי יהיו שווים בענין אחד ובסגנון אחד? אם אך ידעת את פעלי בספרות העברית, עליך לבטוח בי ולהאמין, כי בטח אדע מה לכתוב ומה טוב לפני בני עמנו. — ואשנה להגיד לך, כי מצפה אנכי לראות מה תתן לי בעד מאמרי זה ואבקשך לשלוח לי משכורתי חיש מהרה. ואם תהיה נאמן בהבטחתך וקיים במאמרך, אז תקבל ממני מאמרים טובים ומועילים ו„ישראליק" יעשה חיל.

בהזהרה חמורה כפולה ומכופלת אזהירך לבלתי תשנה את האָרטהאגראַפהיע ואפילו קוצו של יו״ד במאמרי זה [33]. ואם תעבור על האזהרה הזאת אז טוב טוב כי תשלח לי את מאמרי חזרה ונפור את ברית ההתקשרות עוד בראשיתה. והאזהרה הזאת תהיה לפניך כן במאמרי הזה וכן במאמרי הבאים.

ידידך ומכבדך

ש״י אבראמאוויץ

המאמר הזה יהיה במ״ע „ישראליק״, „פערעדאָוואַיאַ סטאַטיאַ״ [34]

[איבערזעצונג]

[זשיטאָמיר, 10 נאָוועמבער 1875]

געשעצטער פריינט!

איך טו צוליב דיין ביט און שיק דיר דאָ אַן אַרטיקל, כאָטש דאָס איז מיר זייער שווער אָנגעקומען, ווייל איך בין דידאָזיקע צייט שטאַרק פאַרטאָן און איך האָב אַף זיך פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס איך קאָן זיך פון זיי נישט פריי מאַכן. איך קוק איצט אַרויס, וואָס וועסטו מיר געבן פאַר דעמדאָזיקן אַרטיקל מיינעם און וואָס פאַר אַ האָנאָראַר וועסטו מיר באַשטימען אַף ווייטער. אויב דו וועסט מיר בעעמעס צאָלן ווי ס'דאַרף צו זיין, אַזוי ווי דו האָסט מיר געשריבן, וועל איך דיר אָפּגעבן מיין צייט און איך וועל האַלטן מיט דיין צייטונג. האָב מיר קיין פאַריבל נישט, וואָס איך וועל זאָגן, אַז ס'זעט מיר אויס לעכערלעך, ווען דו זאָגסט, אַז דו וועסט זען מיין ערשט אַרטיקל ווערטיקל וועסטו וויסן וואָס מיר צו צאָלן אַף ווייטער. צי קען מען דען מיך נישט, דאַנקען גאָט, אומעטום באַ יידן מיט מיינע פיל ארטיקלען און ביכער? און כוצדעם, ווי אַזוי ווערסטו קענען פון איין אַרטיקל פעסטשטעלן מיין האָנאָראַר? צי דען וועלן מיינע אַרטיקלען זיין אַלע גלייך לויט דער טעמע און פאָרם? אויב דו קענסט נאָר מיינע אופטוען אין דער העברעישער ליטעראַטור, — איז קאָנסטו זיך אַף מיר פאַרלאָזן, אַז איך ווייס, וואָס צו שרייבן און וואָס איז נוצלעך אונדזער פאָלק. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איך קוק אַרויס, וואָס וועסטו מיר געבן פאַר דעם איצטיקן אַרטיקל, און איך בעט דיך מיר אָפּשיקן מיין האָנאָראַר ווי צומגיכסטן. אויב דו וועסט האַלטן וואָרט, ווערסטו קריגן באַ מיר גוטע, נוצלעכע אַרטיקלען, און „ישראליק״ וועט האָבן דערפאָלג.

איך פאַרזאָג דיר און פאַרזאָג דיר, דו זאָלסט נישט ענדערן די אָרטאָגראַפיע אין מיין איצטיקן אַרטיקל, אַפילו נישט דאָס מינדסטע. אויב דו ווערסט נישט אויס־פאָלגן דידאָזיקע וואָרענונג, איז שיק מיר בעסער אָפּ מיין אַרטיקל צוריק, און אויס מיט אונדזער פאַרבאַנד גאָר אין אָנהייב. דידאָזיקע וואָרענונג זאָלסטו אינזינען האָבן סיי באַ מיין איצטיקן אַרטיקל, סיי באַ די קומענדיקע אַרטיקלען.

דיין פריינט און שעצער

ש' אבראַמאָוויטש

דאָסדאָזיקע אַרטיקל זאָל זיין אין „ישראליק״ אַ „פערעדאָוואַיאַ סטאַטיאַ״ [לייט־אַרטיקל]].

18.

[צו מ. ס. בראָנשטיין, אָסטראָזשסק, נאָוואָגראַד־וואָלינער קרייז, וואָלינער גוב.] [35]

זיטאָמיר 30 אויגוסט 1879

מאהבי היקר!

הא לך תודתי מקירות לבי על מכתבך היקר מן 9 ח"ז [36], אשר בו הראיתני לדעת כמה עזה אהבתך לי. שמתני כחותם על לבך, כחותם על זרועך [37] והזכרתני אל ידידנו בינשטאָק אודות הענין הידוע. לע"ע לא נעשה בענין זה דבר. אני הייתי חולה ומטעם זה לא השיבותיך על מכתבך עד כה והיום הזה ירדתי מעל משכבי ותהי ראשית מלאכתי לכתוב לך יקירי. בעוד ימים אחדים אסע איה"ש לפ"ב [38] על זמן מה וגם ידידנו בינשטאָק מתעתד לנסוע שמה, ומפ"ב אכתוב לך מה שיוגמר בדעת ידידנו אודות ענין בארנאוואקי ובטוח אנוכי כי לא תשכחני ותתאמץ [ ] [39] בכל יכלתך להוציאני ממבוכתי. את לוח הסוחרים [40] שלחתי לך עוד בטרם קבלתי מכתבך ובטח הגיע לידך זה כבר. סלח לי יקירי אם דברי לעו ומעטים, כי עוד לא שבתי לאיתני והנני כותב בכבדות.

ואתה שלום וביתך שלום וחיית ורבית ותשכיל

בכל דרכיך כחפצך וכחפץ אהבך בכל לב מוקירך ומכבדך

ש"י אבראמאוויץ

[איבערזעצונג]

[זשיטאָמיר, 30 אווגוסט 1879

מיין טייערער פריינט!

איך דאַנק דיר פון טיפן האַרץ פאַר דיין טײַערן בריוו פונעם 9־טן היינטיקן כוידעש. דו האָסט מיך געזעצט אַזוי ווי אַ זיגל אַף דיין האַרצן, אַזוי ווי אַ זיגל אַף דיין אָרעם און האָסט מיך דערמאָנט צו אונדזער גוטן פריינט בינשטאָק וועגן דער געוויסער זאַך. דערווײַל איז אין דער זאַך נישט געטון גאָרנישט. איך בין געווען קראַנק; דעריבער האָב איך דיר ביז איצט נישט געענטפערט אַף דיין בריוו, היינט בין איך אַראָפּ פון קראַנקנבעט, איז מיין ערשטע אַרבעט געווען דיר צו שרייבן, מיין טייערער. אין עטלעכע טאָג אַרום פאָר איך אימירטשעהאַשעם קיין פּע־טערבורג אַף אַ געוויסער צייט; אונדזער פריינט בינשטאָק קלײַבט זיך אויך צו פאָרן אַהין. פון פּעטערבורג וועל איך דיר שרייבן, וואָס וועלן אונדזערע גוטע פריינט באַ־שליסן וועגן באַראַנאָווקער איניען. איך בין זיכער, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן און דו וועסט זיך באַמיען ווי ווייט דו וועסט קענען אַרויסצונעמען מיך פון מיין פאַרלעגנהייט. דעם „לוח הסוחרים" האָב איך דיר געשיקט נאָך איידער איך האָב געקריגן דיין בריוו; זיכער האָסטו אים שוין לאַנג געקריגן. האָב אַף מיר קיין פאַריבל נישט, מיין טייערער, אויב מיינע רייד זיינען פאַרפּלאָנטערט און ווייניק, וואָ־רעם איך בין נאָך נישט געקומען צו די קרעפטן און ס'איז מיר שווער צו שרייבן.

זיי מיר געגריסט דו און דיין הויזגעזינד, זאָלסט לעבן און ס'זאָל דיר גוט זיין אַף אַלע דיינע וועגן אַזוי ווי דו ווינשט זיך און אַזוי ווי עס ווינשט דיר דער וואָס האָלט דיך טייער און שאַצט דיך

ש"י אַבראַמאָוויטש].

19.

15 יוני [1836][41]

געעהרטער הערר ספעקטאר!

אויף אייער יודישען בריף פון דעם 4 יוני ענטפער איך אצינד אויך יודיש. דאָס וואָס איך האלט אין דער סברא, אז דאָס בעסטע אונ איינציגע מיטעל זיך אויס־צוריידען מיט אונזער פאלק יודען דא אין רוסלאנד קלאהר צו מאכען זייא מיט זייער לאגע אונ דערקלעהרען אלסדינג וואס פאר זייא איז אין תכלית אריין גוט אונ ניטצליך איז נאר טאקי זייער אייגען לשון אויף וועלכס זייא ריידען—דאס זאגען דאכט זיך גאנץ געגוג פאר מיר מיינע ספרים, וואס איך האב נאך מיט א צוואנציג יאהר צוריק ארויסגעגעבען אין דער יודישער שפראכע אונ*) פארשפאר אצינד איבער דעם א ים צובריייען. וואס אבער א יודישע גאזעטע אנבעלאנגט מוז איך אייך זאגען, אז איך טראג מיך שוין ארום מיט דעם געדאנק מכמה וכמה שנים, זעהר פיל גרויסע בכבודיגע לייט, אויך מענשען פון דעם געמיינעם עולם, האבען פונם גאנצען הארץ געווינשען, איך געטאן וואס נאר מעגליך איך זאל אזא גאזעטע ארויסגעבען[42], נאר מעשה שטן איז נישט בעשעהרט געוועזען דיא זאך אויסצופיהרען. טעמים אונ שטנס זענין דא זעהר א סך, וואס איך וויל אצינד פון זיי נישט ריידען. גאר אין דער לעצטער צייט, מוזט איהר וויסען, האב איך אין איינעם מיט מיין פריינד ה׳ לעוו בינשטאק אין זיטאמיר, זיך ווידער אויף־דאס־נייא גענומען וועגען א יודישער גאזעטע אונ איינער פון דיא גאַנץ גרויסע לייט (נישט מאח״בי[43]) האט מבטיח געוועזען אין דער זאך צו טאן, נאר מיר ביידע זענען בעשעפטיגטע מענשען איטליכער פון אונז פארנומען מיט זיינס אונ דיא איז דערוויל געבליבען וויטער היינגען.

דערפון, וואס איך האב ביז אהער אייך געזאגט, קענט איהר ארויסזעהן, אז מיט דעם פלאן אייערן ארויסצוגעבען א יודישע גאזעטע בין איך בכלל פונם גאנצען הארץ מסכים. ס׳איז אבער שטארק נייטיג בעקאנט צו ווערען מיט דיא פרטים מיט איטליכער זאך בעזונ־דער, וואס צו דער גאזעטע, צו איהר לייב אונ לעבען אונ צו איהר נשמה איז נוגע אונ נאכ־דעם, אז איהר אונ דער געוויסער מאן פון וועלכען איהר רעדט בסוד אין אייער בריף וועט מיך קלאהר מאכען גאנץ ריין וועגען דער ריכטונג פון דער גאזעטע וועגען איהרע מיטעל אין דער ערשטער צייט אויך וועגען אייך אליין ה״ר ספעקטאר, מיט וועלכען איך האב ביז אהער די עהרע נישט געהאַט פערזענליך בעקאנט צוזיין אונ וועל דארפען מיט איהם זיך משדך זיין, נאכדעם זאג איך אז דאס אלסדינג וועט בפירוש דערקלעהרט אונ אַרומגערעדט ווערען, וויא אין אזא וויכטיגען ענין געהר צו זיין, איז אוודאי א האפנונג אז די א זאך זאל למזל צושטאנד קומען אונ אונזער זיווג זאל עולה יפה זיין.

דאס האט איהר אייך דערוויל מיין תשובה אויף אייער בריף, אונ וויטער אז איך וועל מקבל זיין פון דעם געוויסען מאן און פון אייך א בריף וועלען מיר אי״ה״ש מעהר שמיעסין מכח דעם ענין אין תוך אריין[44].

בלייבט מיר רעכט געזונט אונ שטארק.

---

*) דאָס וואָרט „איך״ איז אויסגעמעקט.

[צו הערמאַן באראץ קיעוו[45].

אדעססא 21 פעברואר 1883.

ידידי מנעורי ואהבי היקר!

לבקשת מכבדי ומוקירי את חבורי בלשון יהודית המדוברת נעתרתי להדפיס מחדש את כל ספרי בשפה הזאת, אשר כבר ספו תמו ואין להשיגם אפילו במחיר יקר. ובקרבי אל המלאכה הכבדה הזאת הנה החלה רוח ה׳ לפעמי עתה לעת זקנתי כבראשונה וחברתי ספור חדש בשם „פישקע דער קרומער״, אשר בו אפתח את הוצאת־ספרי החדשה.

את פישקע זה, בן־זקונים הנני שולח היום לבקרת אליך ידיד יקר! זכור נא לפישקע ברית אהבתנו בימים הראשונים. שים עיניך עליו לטובה והשיבהו נא לי בשלום במהרה.— אולי יש לקיים דינים ידועים בענין מסירת הספר לבית־הבקרת, כמו לעשות שליח להולכה וכדומה תודיעני נא מהרה במכתבך ואמהר לעשות את כל המוטל עלי. אבל לבי אומר, כי בטובך הגדול תקל מעלי כל המשא הזה ואת הראוי לעשות תעשה בעצמך למעני. בנך היקר הגיד לי בשמך, כי רוחך טובה עלי ונכון אתה לעשות חפצי תמיד בלב שלם ובנפש חפצה, ועל זה אודך מקירות לבי.

ידידנו מ׳ מרגליות[46] דורש שלומך, וזה הדבר אשר יבקש מאתך על ידי. הנה הוא אומר להדפיס בקרוב את שני החלקים האחרונים מספרי המנוח י׳ ראבינאוויץ[47] עם תולדות חייו, ולמלאכתו זו נחוץ לו מכתבו של ראבינאוויץ אליך, אשר בו יש דברים של טעם נגד האשמה של הסופר לעוואנדא באחד מגליוני מה״ע „День“[48] כי ראבינאוויץ התמרמר לעת זקנה לסופרי עמנו הצעירים בספרת הרוסית ולא חזק את רוחם כבימים הראשונים[49]. על־כן שואל מרגליות מאתך כי תשלח לו המכתב הנ״ל עם גלוי דעתך מה להדפיס ממנו ומה להסתיר. ואם אולי לא תשא פניו לדבר הזה, אז בעל־כרחו ישתפק רק בהערה זו להקוראים, כי אצלך נמצא מכתב מה״ר ראבינאוויץ, שיש בו תשובה משפקת לאשמת הסופר לעוואנדא נגד ראבינאוויץ.—השיבני נא מהרה על מכתבי זה, כי לתשובתך נצפה אני ומרגליות בכליון עינים[50]. בברכי בשלום אותך ואת רעיתך וכב״ב אשאר בזה אהבך ומוקירך כאז כעתה.

ש״י אבראמאוויץ

האדרעסע שלי:

Завѣдывающий Одесской Талмуд-торой Базарная ул. д. Черепенникова

[איבערזעצונג]

[אָדעס, 21 פעוראל 1888.

מיין יוגנט־פריינט און מיין טייערער ליבהאָבער!

צוליב דער ביט פון מיינע שעצער און די פאַרערער פון מיינע ווערק אַף יידיש האָב איך מאַסקים געווען איבערצודרוקן פון סניי אַלע מיינע ביכער אַף דערדאָזיקער שפראַך, וואָס זיינען שוין לאַנג נישט געבליבן און מע קען זיי נישט קריגן אַפילע פאַר קיין גרויס געלט. אז איך האָב זיך גענומען פאַר דערדאָזיקער שווערער אַרבעט, האָט זיך אין מיר דער גײַסט ווידער אָנגעהויבן צו דערוועקן איצט אַף דער עלטער, אַזוי ווי אמאָל, און איך האָב פאַרפאַסט א נייע דערציילונג מיט דעם נאָמען „פישקע דער קרומער״, וואָס דערמיט הייב איך אָן די נייע אופלאַגע פון מיינע ביכער.

דעמדאָזיקן פישקען, דעם מיזיניק, שיק איך דיר היינט צו צענזורירן, מיין טייערער פריינט! דערמאָן זיך, און זאָל פישקען ביַישטיין דער בונד פון אונדזער אמאָליקער ליבשאַפט. קוק זיך אום אף אים צום גוטן און קער אים מיר אום גאַנץ אינגיכן. עפשער דאַרף מען אָפטון געוויסע פאַרמעלקייַטן באַם איבערגעבן א בוך אין צענזור, אַשטייגער, עמעצער זאָל אים ספּעציעל איבערגעבן [אין דער צענזור] און דעסגלייכן, איז גיב מיר גיך צו וויסן, וועל איך זיך איַילן צו טון, וואָס מע דאַרף. אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז, מיט דיין גרויס גוטסקייט, וועסטו אַראָפּנעמען פון מיר די גאַנצע לאַסט, און דאָס, וואָס מע דאַרף טון, וועסטו פון מיינעטוועגן אַליין טון. דיין ליבער זון האָט מיר געזאָגט אין דיין נאָמען, אַז דו ביסט גוט צו מיר און דו ביסט שטענדיק גרייט מיר צוליב טון מיטן גאַנצן האַרצן, גערן. איך דאַנק דיר דערפאַר פון טיפסטן האַרצן.

אונדזער פריינט מ. מאַרגוליס לאָזט דיר גריסן און בעט דיך דורך מיר אַזאַ זאַך: ער רעכנט אינגיכן צו דרוקן די לעצטע צוויי טייל פונעם פאַרשטאַרבענעם י. ראַ־בינאָוויטשעס ווערק מיט זיין ביאָגראַפיע. פאַר דערדאָזיקער ארבעט באַדאַרף ער האָבן ראַבינאָוויטשעס א בריוו צו דיר, ווו ער ענטפערט ריכטיק אָפּ אַף דעם שריי־בער לעוואַנדעס באַשולדיקונג אין דער צייטונג "День", אַז ראַבינאָוויטש איז אַף דער עלטער געווען שלעכט צו אונדזערע יונגע רוסיש־יידישע שרייבער און ער האָט זיי נישט געשטאַרקט אזוי ווי די ערשטע יאָרן. מאַרגוליס בעט דיך דעריבער דו זאָלסט אים צושיקן דעמדאָזיקן בריוו מיט דיין מיינונג, וואָס זאָל מען פון דעם בריוו דרוקן און וואָס דורכלאָזן. אויב דו וועסט דאָס אים נישט צוליב טון, וועט ער זיך מוזן צופרידנשטעלן בלויז מיט א באַמערקונג פאַר די לייענער, אַז באַ דיר איז פאַראַן ראַבינאָוויטשעס אַ בריוו מיט א גענוגנדיקן ענטפער אַף לעוואַנדעס באַשול־דיקונג קעגן ראַבינאָוויטשן.—ענטפער מיר גיך אף מיין איצטיקן בריוו, וואָרעם איך און מארגוליס קוקן אף אים שטאַרק ארויס. איך לאָז גריסן דיר און דיין פרוי און דיין הויזגעזינד און פארבלייב דיין ליבהאָבער און דיין שעצער איצט ווי אמאָל

ש"י אבראמאָוויטש

מיין אדרעס:

Заведывающий Одесской Талмуд-торой,

Базарная ул., д. Черепенникова.

21.

[צו שאָלעם־אַלייכעמען, קיעוו]

אדעססא 20 מערץ 1888

„שלום עליכם" עליכם שלום!

אייערעביידע בריף, פונם 3 און פונם 18 מערץ [51], האָב איך מקבל געווען. ווען איהר זאָלט וויסען, וויא אזוי שטאַרק איך בין בעשעפטיגט בייא מיר אין דער שולע [52], אויך אין היימישע און אין כלל־זאַכען; וויא אזוי אונזערע יודישע מחברים פון גאַזעטען און זשור־נאַלען מאכען מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע בקשות אלץ אין איין קול: שרייב, שרייב! זאָגען דערבייא צו גילדענע בערג און בלייבען דערנאָך ליגנער; וויא אַזוי מיאוס איך האָב מיך שוין אין מיין לעבען פיל מאָל פון אַזעלכע אָפּגענאַרט, זיך שטאַרק אָפּגעבריהט, און גאָר חוץ דיא אַלע זאַכען, וויא אזוי שלאַף, צוברעכען איך בין, נישט פאַר אייך געדאכט,

וויפיל געזונט מיך קאָסט עפּיס אָנצושרייבען, אַז איך שרייב איבער מיין אומגליקליך פאָלק טריפט מיר דערבייא דאָס בלוט, לאַך איך קלאָמפערשט, איז דאָס אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערעם, בייא איטלעכען מאַך מיט דער פען ווערד מיר אַ לאַך אין האַרצען אונ שרייבענדיג מיט אַ ברען, ברען איך טאַקי דערווייל אַליין און גיה ביסליכווייס אויס ווי אַ לעכט — ווען איהר זאָלט וויסען, זאָג איך, דאָס אַלסדינג, וואָלט איהר זיך נישט געוואונדערט אונ קיין פּאַראיבעל נישט געהאַט אויף מיר, וואָס איך האָב מיך נישט ווישענדיג געמאַכט, אייך צוענטפערען אויף אייער ערשטען בריף [53].

אַצינד מיין ליבער ר׳ „שלום עליכם” נאָך דעם וואָס איהר שרייבט מיר אין אייער צווייטען בריף און וואָס מיין זעהר געשעצטער אַלטער פריינד הר״ר באַראָץ [54] שרייבט מיר וועגען אייך, קען איך אייך נישט אָפּזאָגען אין גיב אייך מיין וואָרט, וויא ווייט נאָר מעגליך, צודינען אייך מיט דער פען, נאָר ענטפערען מוזט איהר מיר פריהער גאַנץ ריין און שאַרף אויף דיא דאזיגע זאכען: 1) ווי הייסט אייער זשורנאל [55] און וואס איז דיא פּראָגראַממאַ זיינע? 2) ווען הויבט איהר אָן איהם למזל אַרויסצוגעבען? 3) וויפיל דיינקט איהר זאָל איך בייא אייך האָבען פאַר מיין שרייבען, פאַר מיין אַריינטרעטען מיט אַ פוס אין אייער זשורנאל? דען איהר מוזט וויסען, אַז איך בין אַ גרויסער, גרויסער יקרן, בייא מיר איז אַזוי: אָדער גאָרנישט, אָדער גאָר אַ סך, טאַקי וואָס אַ סך הייסט, אַנדערש לוינט מיר נישט זיך אפּרייסען פון מיינע געשעפטען און פון מיין אייגענער ארבייט פאַר מיר אַליין. ווען איהר ווילט, איך זאל מיך ערענסט נעהמען צו אייער זשורנאל און אַרבייטען וויא עס געהער צוזיין, מוזט איהר מיר געבען חשק און מיך גוט בעלוינען. אויך בעדאַרפט איהר וויסען, אַז איך האָב בדעה אליין, אין איינעם מיט מיינע פריינד, געלעהרנטע מענשען, ארויסצוגעבען אַ זשורנאַל אונ ווען איך וועל אַרבייטען פאַר אייך מוז איך מיך פון מיין זשורנאל אָפּזאָגען. פּישקע [56] מיינער האַלט לערך 10 בויגען דרוק־פּאַפּיר. נאָך יום טוב אי״הש טראַכט איך איהם אנהויבען צו דרוקען. —

דאָס האט איהר אייך א קלאָהרע תשובה אויף אייערעביידע בריף. בעטראַכט אַייך אונ ענטפערט מיר באַלד, בכדי איך זאָל וויסען וואָס צו טאַן.

זיינט מיר געזונט און האָט אַ גוטען יום־טוב!

ידידכם דו״ש ש׳ אַבראמאָוויץ.

22.

[צו דעמזועלבן]

אדעססא 27 מערץ 1888

שלום עליכם אייניקעל!

איך וועל אייך דאָ קיין ים נישט ברייען און אייך ענטפערען בקיצור אויף אייער לעצטען בריף פונם 23 מערץ [57]. אין גלות ביי אונזערע אידישע רעדאַקטערס, וויא אַלע אַנדערע „אָרעמע מחברים”, בין איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, קיינמאָל נישט געווען. נישט איך אין זייא האָב מיך אָנגעשלאָגען, נאָר זייא אין מיר. פון געלד איז קיינמאָל די ריידע נישט געווען. נעהם וויפיל דו ווילסט און שרייב. נאָר איך האָב זייא תמיד געוויכען ווי איין עפּוש אונ נישט געוואָלט שמעקען צו זייא דאָרט... דאָרט אין דיא ב ל ע ט ל י ך [58] זייערע, וואו מענשען מאַכען זיך נאַריש, דראַפּען זיך אויף דיא גלייכע ווענט, מאַכען הוויות, בעבען מישטעהנס־געזאָגט, אַזש דיא גרינע גאַל קעהרט זיך איבער. פע, לאָמיר בעסער פון זייא מעהר נישט ריידען. דער אייניקעל פאַרשפּאָרט אויסצולייזען דעם זיידען זיינעם פונם יודישען גלות, אין וועלכען ער איז קיינמאָל נישט געווען.

פאַר אַרטיקלען אָנשרייבען, אַז איהר ביט צוואַנציג גראָשען פון דער שורה [59], זענט איהר אפשר טאַקי אביסיל גערעכט, הגם אייער שורה איז לאַנג וויא דער יודישער גלות, אבער פאר מענדעליס דערצעהלונגען, אז איהר זאָגט אזוינס, האט איהר, נעמט נישט פאַר אומגוט, אַ גרויסען טעות. פאַר אַ דערצעהלונג פון אַ געוויסען מחבר, אַזוי איז שוין אָרמעטום אין דער וועלט אָנגענומען געווארען, צאהלט מען אין טאָג אריין לויט דער ווערטה נאָך, נישט צומעסטען עס אויף דער שורה. עפּיס אַ קאַטאָוועס אנצושרייבען אַ דערצעהלונג — אַ בילד פונם לעבען, וואס איטליכער שטריך בעדאַרף זיין בערעכענט און קאָסט געגוג מיה, שווייס און בלוט! — נאָר האלטענדיג אפילו אין דער סברא, אז איהר בעשטעהט דאַרויף אויך אונ שטעלט זיך פיין, וויא אַ שיינער, רייכער מחותן, מילא בין איך דאך ערשט פאַרטיג מיט איין צד, היינט בעדאַרף מען דאך עפּיס נאך איבערשמיעסען מיט דעם אַנדערען צד אויך, מיט מיין ר׳ מענדעלין אַליין [60]. ר׳ מענדעלי מיינער איז נעביך אַביסיל לא־עליכם׳דיג, שטאַרק פאַרטראָגען שטענדיג אין זיינע געשעפטען אונ ביז וואַנען איך וועל איהם איינבעטען, זיך אַנידערצוזעטצען מיט דער פען ביים טיש אונ זיך פאַרטיפען אין שרייבען, וועל איך ־ישקשה געגוג האָבען צוטאָן. לאָזט־זשע זיך דינען, מיין ליבהאַרציגער אייניקעל, און שיינקט מיר אַ ביסעל צייט. איך מיין דערמיט נישט חלילה זיך פון אייערע הענט אויסצודרעהען, זאָגט נאָר, איך בעט אייך, וואו האָט איהר געזעהען יודען זאָלען האַנדלען אָהן טערמינען? דער יוד נעביך פארקויפט דאָך געוועהנטליך סחורה, איידער זי איז נאָך אויף דער וועלט דאָ אונ רעדט, טהוט אַ שידוך, איידער דאָס קינד איז נאָך געבוירען געוואָרען. זאָגט נאָר, ר׳ יוד, וויא אזוי געהט עס בייא אייך דאָרט אין דעם צוקער־האַנדעל?.., מיין ר׳ מענדעלי זאָגט, אַז ער איז אזוי בעגלויבט וויא דער איבער־אַ־יאָהריגער זומער מיט דיא איבער־אַ־יאָהריגע בּיריקעס [61].

דאַכט זיך, איך האָב שוין אַלסדינג אָפּגעזאָגט אונ „שמיעסין ווידער פאַרקעהרט״ נאָך אַ לאַנגען ברייטען שמיעס, ווי דער שטייגער איז פון יודען, דאָס קען איך נישט. טאָ זייט זשע מיר געזונט און האָט אַייך אַ גוטען תמיד!

אייער גוטער פריינד ש״י אַבּראַמאָוויץ

23.

[צו דעמזעלבן]

אדעססא 15 אַפּריל 1888

אַ גאט העלף הייסער, פאַרשייטער אייניקעל!

איהר פאַרוואַרפט מיך מיט בריף, אלץ אין [איין] אָטהעם: שרייב, שרייב! אונ מאַכט זיך נישט וויסענדיג דאָס וואָס איך האב אייך איינמאל פאר אלע מאל געזאגט, אַז פאַר אַ ספּור־המעשה קען מענדעלי קיין 10 קאפּ׳ פאר א שורה נישט נעהמען, איטליכער ספּור קאסט איהם געזונט אונ לעבען. עס וועט זיין א חסד, אז ער וועט נעהמען צוואנציג קאפּ׳ פון דער שורה. מען האָט שוין געפּריווט צאהלען מענדעלין מעהר דערפון אויך. זעהט, זייט מוחל וואָס הערר סאקאלאוו שרייבט מיר (ר״ח אייר תרמ״ח): חוסה נא על כבוד החלק הספורי בהאסיף ותן לי מן המוכן אתך או הכינה בעדי ושיתה עלי כפר ככל אשר תאוה נפשך, אך אל תטרוף תפלתי הקצרה הזאת בפני״ [62]. איהר זאלט וויסען וויא אונזערע המו״ל פארוואַרפען מיך היינט מיט בקשות, פאַר זייא עפּיס צושרייבען אונ זאָגען מיר צו הרים־וגבעות, וואלט איהר נישט געטענהט. — מיילא דערפון האָט מען מעהר נישט צורײדען... וואס טהוט מען בעסער, וואָס איך בין אַצינד פארט עפּיס נישט געזונט און דאקטוירים האבען מיר פארזאגט, נישט צו זיטצען שפּעט בייא דער נאכט און שרייבען? איך

שרייב דיא לעצטע צייט זעהר געשמאק, אויב נאר דער קאפ וועט מיר זיין פרייא, וועט איהר, דאכט זיך, אין א קורצער צייט ארום בעקומען פון מיר א ספור המעשה מיט איין „אמר מענדעלי״ וואס וועט אנמאכען א שטיקעל רעש צווישען אונזערע יודעליך[63]. לאמיך נאָר זיין געזונט. היינטיגען טאג פיהל איך מיך זעהר שוואך, קוים קוים וואס איך שרייב אייך דעם דאזיגען בריף.—מיין „פישקע דער קרומער״ האט זיך למזל שוין אנגעהויבען צודרוקען. דעריבער, פארשטעהט איהר דאך אליין, אז אייער בקשה איז אוממעגליך צו־דערפילען. האט אביסיל צייט, וועט איהר בעקומען פון מיר איין עקזעמפליאר. מענדעלי דאנקט אייך פאַר אייער גוטען ווילען, אריינצושיקען איהם געלד. נאָך זיין חשבון מעגט איהר דערווייל לכל הפחות שיקען דרייא הונדערט רובעל. עס וועט איה״ש זיין רעכט. מענדעלי וועט שמירען דיא רעדער פון זיין ביידיל, איינשפאנען דאס פערדיל אונ פאהרען. — צו מיר אין שטוב קומען נישט קיין דאנאסשטשיקעס, זאָגטערס, נאָר מעגליך אפשר האט איינער זיך אריינגעשטופט, אדער אפשר האט ער געחאפט ערגיץ עפיס א לעק, אז איהר ווילט אַרויסגעבען א גאזעטע. נוא מילא וואס קען עס אייך אַרען.—א גוטען תמיד!

ידידכם דורש שלומכם

ש״י אבראמאָוויץ.

Мой адресъ:
Завѣдывающему Одесской Талмуд-торой, С. М. А.
Одесса. Базарная, д. № 91.

24.

[צו דעמזועלבן]

אדעססא 10 יוני 1888

ידיד נכבד!

היינט איז בייא מיר דער ערשטער טאג רוה נאך אזוי פיל שווערער ארבייט אין דער צייט פון דיא עקזאמענעס אונ דעם דאזיגען גוטען, רוהיגען, פרעהליכען טאג הויב איך אָן מיט דעם דאָזיגען בריף — שרייבען צו אייך, פארשייטער אייניקעל. אזוי רוף איך אייך, ווייל איהר האט אקעגען דעם זיידען ר׳ מענדעלין אין דער לעצטער צייט זיך נישט אזוי גוט בענומען. ער האט דאך אייך געזאגט גאנץ ריין, קורץ אונ שארף, נאך גאר אין אנהויב, אז ווייניגער פון א פערציגער פאר א שורה קען ער נישט נעהמען אונ דינגען זיך האט ער פיינט. וואס זאל ער נעביך טאן, אז פון אלע זייטען פארוואָרפט מען איהם היינט מיט בריף, אלע אין איין קול: שרייבט, שרייבט! וואו זאל ער נעהמען צייט אונ כח איטליכען צו בעפרידיגען. גלויבט מיר, א טהייל זאגט ער אָפּ אונ וויל זייא נישט קענען, זייא זאלען איהם אפילו אָפּגילטען. ער איז א מענש פאר זיך, האט זיין ביידיל מיט ספרים, וואס גאט גיט אבי בעזונדער אונ וויל מיט אנדערע פארשוינען בקומפאניע אין איין וואגען נישט פאהרען. איהר גראד זענט איהם עפיס געפעלען אונ געוואלט מיט אייך האבען איין עסק. אונ אז איהר זענט אזוי פיין געווען, גאַנץ דיליקאַט איהם צובעטען, ער זאל בייא אייך נעהמען געלד פארויס וויפיל עס וועט איהם קומען פאַר איצטיגער ארבייט און אויף על חשבון פון זיין ארבייט שפעטער, האט ער פון אייך גאר אנגעקוואלען אונ לסוף האט איהר זיך עפיס נישט וויסענדיג געמאַכט און ס׳איז אויסגעקומען אביסיל עפיס יודעשליך... נאר איין עק, א סוף, ער וויל מעהר דערפון נישט ריידען אונ האָפט, אַז איהר וועט פאר־גלעטען אייער פעלער, איהם תיכף־ומיד אריינשיקען דאס געלד אונ ווידער שלום.

אַצינד עטליכע ווערטער וועגען דעם „ווינשפינגעריל״ וואס איך שיק אייך דאָ אריין. אונטער דעם נאָמען פון מיינס אַ גאנץ אַלט, קליין ספר׳ל פון עטליכע בלעטליך[64] האב איך אנגעהויבען צושרייבען פאר אייך אַ ש פ א ג ע ל נ י י ע ם ספר, אין וועלכען איך וויל ארויס-שטעלען דאס יודישע לעבען אונ דיא וויכטיגסטע ענינים, וואס קומען היינט בייא אונז פיר. איך וויל שארף דערקלעהרען דיא יודישע לאגע אונ אנווייזען, וואס מען האט צוטאן דיא יודישע לאַגע צופארבעסערען. דאס „ווינשפינגעריל״ — אזוי האף איך — וועט אנמאכען אין דער ליטעראטור, בכלל, אַ רעש, אַ גרויסען רושם, אפשר נאך מעהר פון דער „קליא־טשע״. לעת־עתה האט איהר אייך דאָ זעקס גרויסע קאפיטעל, וואס וועלען אייך, דאכט זיך, געפעלען. לייענט עס נאר מיט קאפּ אונ שרייבט מיר אייער מיינונג. איהר זענט, וויא עס זעהט אויס, א מבין... דאָס רעכטע געדיכטס וועט קומען איה״ש אין אייער צווייטען טהייל אונ דאָרט וועט זיך עס אין גאַנצען ענדיגען. דאס „ווינשפינגעריל״ איז נישט גלאט אזוי זיך א מעשה׳לע, וויא אנדערע שרייבען זיך היינט. דאס איז אַ ג ע ש י כ ט ע פונ׳ם יודישען לעבען, דאס איז נישט קיין ליאַלקע צום שפּילען זיך, נאָר א לעבעדיג בעשעפעניש מיט בלוט, מיט אַ נשמה מיט מענשליכע געפיהלען אונ מיט א מענשליך פנים. ווייטער וועגען דעם קען איך אייך נישט שרייבען.

אז אייך איז אזוי געפעלען דער „אלטער, קליינער״ פישקע דער קרומער[65], מיט וועל־כען איך שעהם מיך היינט, וואס־זשע וועט איהר שוין זאָגען אויף דעם נייעם גרויסען „פישקע״ וואס דרוקט זיך אצינד. ווארט נאך אביסיל, וועל איך איהם אייך אַריינשיקען. דענסטמאל וועלען מיר הערען און זעהען וויא איהר וועט טאנצען „בואי בשלום״.

איטליכע שורה פון מיין געשריבענעם „ווינשפינגעריל״ וועט האלטען צוויי געדרוקטע שורות, דעריבער איז מיין חשבון צו אייך איין אמת׳ער אונ איך בעט אייך, איהר זאלט אזוי גוט זיין, מיר באלד ארייגשיקען דרייא הונדערט קערבליך. האנדעלט אזוי פיין וויא איהר האָט אנגעהויבען וועט איהר ביי דעם זיידען זיין א גרויסער חשוב, ווארים ר׳ מענדעלי האט ליב האבען צוטאן נאר מיט פיינע, איידעלע מענשען... שרייבט מיר ווען הויבט איהר אָן, אין אַ גוטער מזלדיגער שעה, צודרוקען אייער זשורנאל, ווען, טראכט איהר, וועט ער פארטיג ווערען אונ ווען דיינקט איהר דרוקען דעם צווייטען טהייל. שרייבט מיר דאס אלסדינג, ווייל איך בעדארף עס וויסען. — איך ווארט אויף אייער ענטפער און פאַרהאָף אז איך וועל מיט אייך צופרידען זיין.

ידידכם דורש שלומכם והצלחתכם

ש״י אבראמאָוויץ.

25.

[צו דעמזועלבן]

אדעססא 14 יוני 1888

מיין ליבהארצדיג אייניקעל!

אין אייער בריף, וועלכען איך האב ערשט טאקי ערהאלטען, איז דא עפּיס איין „אָדער״ ראשון, איין „אָדער״ שני אונ אויך — גאָר אַ נייס! — איין „אָדער״ שלישי. עפּיס א דרע־געניש, א בייטעניש מיט דיא יוצרות, פון וועלכס איך קען נישט ארויס. וואס טויג מיר דא דאס דרעהעניש, איך האב ליב תמיד ריין און גלייך. אט האט איהר אייך פון מיר א ריינע, א קלאהרע תשובה: 300 רו׳כ בעט איך אייך זאלט איהר מיר ארייגשיקען באלד, ווייל איך האָב זייא כשר פארדינט אונ בעדאַרף זייא גראד אצינד האבען. איהר אליין זענט דאך א ז ו י א י י ד ע ל מיר זייא פירצוליײגען נאך איידער גאר איך האב מזכיר גע־ווען, וואָס דערפון האב איך אייך דערקענט „בכיסכם״ ובחאַראַקטערכם[63], אז איר זענט א

קלוגער, איידלער מענש און מען מעג מיט אייך האנדלען. מילא האט מען דאך דערפון נישט צוריידען. נעמט, זייט מוחל, און שיקט באלד אַריין. וואס דען־זשע? בלייבט איבער די שאלה וועגען דעם טהיילען. פון מיינט וועגען זאג איך אייך בפירוש מעגט איהר דיא זעקס קאפיטעל טהיילען אין צווייא ביכער, נאר דווקא כסדר וויא זייא געהען איינס נאכן אנדערען, אבער נישט מעשוגענערווייס, שפרינגענדיג, האפענדיג און שעדיגען דערמיט דאס גאנצע ווערק. בתורת עצה אבער קען איך אייך זאגען, פאָלגט דעם זיידען און דרוקט אפ איינגאנצען דיא זעקס קאפיטעל, איהר וועט דערמיט א סך געווינען, אייער זשורנאל וועט א שיין פנים האבען, דער געבילדעטער עולם וועט פון איהם פיל ריידען. זאל אייך נישט אַרען וואס א העלפט. גרויסע וויכטיגע ווערק קומען תמיד געטהיילט אפילו אין דיא בעסטע אייראפייעשע זשורנאלען. עס קען גאר אנדערש ניט זיין. איה״ש אין דעם צווייטען בוך וועט איהר דרוקען דיא צווייטע העלפט. נישקשה, איך וועל מיך בעמיהען ביז צו יע־נער צייט פארטיג צומאכען. איך וועל ערגיץ נישט פאהרען צוברייננגען דעם זומער, וויא איך בין תמיד געוועהנט נאָר זיטצען אין דער היים און געשמאק שרייבען. איך וויל עס טאָן, גלויבט מיר, נישט וועגען דעם פאַרדינסט, — נארעשקייטען! — נאָר צוליב אייך, ווייל איהר געפעלט מיר עפיס. דאַכט זיך, איהר זענט פון מיינע לייט. — נאך אַ מאל, אייי־ניקעל. זייט נישט פארשייט און פאלגט א זיידען, וואס פארשטעהט איין עסק, איבעריגענס, אז איהר ווילט דווקא טהיילען, טהיילט. נאר טהיילט כסדר, נישט היפערען, שפרינגען, פע, יודעשליך! און דיא דרייא הונדערט רובל זאָלט איהר אזוי גוט זיין מיר תיכף אריינשיקען.

איך פארשטעה אסור נישט וואס איהר בעט מיך אלץ דיא 20 קאפ׳ פאר א שורה זאָלען בלייבען בסוד. פאר וועמען בעדארף איך און פאר וועמען בעדארפט איהר מורא האבען? אפשר זענען דא בעלנים אויף צושרייבען ווי איך פאר ווייניגער, אָך, מהיכא־תיתי, געזונטערהייד! מענדעלי זאגט אייך נאך א מאל, אז ער האט ברוך־השם זיין אייגען ביידיל אויף צופאהרען און איהם איז שטארק נישט ניחא צופאהרען אין איין אנגעטאַסעוועטען וואַ־גען, מיט אַלערלייא מינים פארשוינען, זייא מעגען זיך בייא אייך הייסען בעריהמטע. האט נאָר איך בעט אייך קיין מורא נישט, אהן סכנות. אט וועט איהר זעהן, אז בייא אנ־דערע, זייא מעגען מיך אפילו אפגילטען, וועל איך בשום אופן נישט שרייבען. מילא וואס טהוט מען דען מיט דעם אלטען ר׳ מענדעלין. נישקשה אייניקעל, די פארשוינען וועלען אייך חלילה נישט אוועקוואַרפען. מענדעלי נעמט מעהר. הערט נאר אַ מעשה! וואס דען? פאר וואס נישט?

איינער פון מיינע פריינד, וועלכען איך שעטץ און ליב, וויל אין אדעססא אויף ארויס־געבען א זשורנאל. פאר איהם איז מיין קאבינעט אפען. זעהר מעגליך, אז פון איהם איז ענטפלעקט געווארען דער סוד, אז איך שרייב דאס ווינשפינגעריל. מילא, וואס־זשע מאכט עס אויס? ער האט זעהר חשק געהאט צום ווינשפינגעריל, נאר פארפאלען, איך האב עס צוגעזאָגט אייך. נישקשה, ליבער אייניקעל, אָהן שרעק, אָהן סודות, נאר אפען, גלייך ריין און קלאָהר.

אַ גוטע נאכט! איך געה שלאפען ס׳איז אצינד שפעט נאך האלבער נאכט.

ענני במהרה ידידכם דורש שלומכם הקטן[67]

מענדעלי מוכר ספרים.

26.

[צו דעמזועלבן]

אדעססא 20 יוני 1888

מיין ליבהאַרצדיג, פאַרשייט איינקיל!

יודען אז בעקומען (הושענא־רבה) דאס גוטע קוויטיל שמייסען זייא אָפּ דעם שטענדער און איך—וויל גאר אפשמייסען אצינד אייך, ליב איינקיל! יאָ, חלעבין, איהר פאַרדינט עס. הערט א מעשה! אַז איך האב בעקומען פון אייך דאס גוטע קוויטיל אויף 300 קערבליך, בין איך דערמיט געגאַנגען אין גמילות־חסדים שטיבעל[68]. דער נאמן[69] דאָרט ענטפערט מיר עפּיס „קוממיות" דאס הייסט אויף יונית: нѣтъ еще отъ Вас увѣдомленія. קומט, זאגט ער, זייט מוחל, שפעטער. איך האב מוחל געווען און געקומען אין עטליכע שעה שפעטער. דער נאמן געהט איבערשמיעסין מיט דיא גבאים[70] דאָרט און קומט מיט א קלאָהרע תשובה: קוממיות! איך וועל מכה דעם „קלאַפּען" קיין קיוב א דיפּעשע" קומט, זייט מוחל, מאָרגען. אט אזוי האב איך געהאט דאס לויפעניש און וועל נאך בעדארפען מוחל זיין לויפען אויך מארגען! אנקוקענדיג אייך אויפן בילד, ליגט, דאכט זיך, אויף אייך נישט דער „צלם אלקים" נישטאָ אויף אַ האָר יודישקייט, פון „מלמדות" איז גאָר נישטא וואס צורייידען, ווייא איז מיר! און לייענענדיג אייערע בריף זעהט מען אויך, בעשיינפערליך, אז איהר זענט א קלו־גער, נישט פון דיא צעהן פאר א גראשען, און לסוף אָ־וואַ, זאָלט איהר טאָן אַזאַ מעשה! נישט ארײנשיקען, וויא הייסט עס עפּיס בייא זייא דאָרט אויף זייער לשון, אַ Увѣдомленіе אומזיסט, אומנישט מטריח זיין דעם אלטען זיידען ר' מענדעלין ברעכען זיך דיא פיס און שטעהען דארט אָהן א היטעל. אויף אייך איינקעל, דיא עברה, גאט וועט אייך שטראָפען!

אייער בילד איז בייא מיר זעהר אנגעלייגט, איך האב זיא גוט בעטראַכט און געפונען אין אייך דאס וואס איך זוך — א גוטען, קלוגען, עהרליכען מענשען. מיין אויג, מיין הארץ נארען מיך כמעט קיינמאָל נישט אין אַזעלכע זאכען. יישר כח אייך פאר אזא מתנה! אצינד, שלום עליכם, איינקיל! גאָר אויף דאס נייא. וואס מאכט איהר? וויא אזוי געהען עס איי־ערע געשעפטען? זענט איהר א בעווייבטער? וואס טראַכט איהר עפּיס צוטאן אויף ווייטער... איך שמיעס מיט אייך אצינד, זעהט איהר, גאר פּשוט, גאנץ יודעשליך, ר' מענדעלי וועט אייך מיט דער צייט אויך ארײנשיקען זיין בילד. אצינד האט ער עס נישט.

מכח דיא צווייא קאפּיטיל 4 און 5 וואס איהר ווילט זייא דרוקען בעזונדער, פארשטעה איך אסור נישט וויא איז עס מעגליך. בייא מיר זענען דיא אלע קאפיטיל געקייטעלט איינס אין דעם אנדערען און איהר ווילט ארויסרייסען צווייא בעזונדער! עס וועט דאך ארויסקומען עפּיס גאר משונה! הייסט איז דאָך עס נאר א האלבע ארבייט בעדארפט איהר דאך איבער־קלעהרען, אפשר אָהן דיא צווייא קאַפּיטעל וועט נישט אָנהויבען צוגעהען דיא ווייטערדיגע צווייטע העלפט מעשה. מילא משה יאסי[71] נאָך וויא משה יאסי; אבער אהן ר' שמעלקין אין דעם פינפטען קאַפּיטעל[72] איז גאר קיין מעגליכקייט נישט ווייטער צושרייבען דיא אנדערע העלפט. אויף ר' שמעלקין און דורך ר' שמעלקין איז געבויעט אין גאנצען „דאס ווינש־פינגעריל". דא בעקומט עס דעם אנהויב, וויא דאס קינד אין בויך, דערנאך בעקומט עס כסדר גלידער מיט א פנים וויא עס געהער צו זיין. הייסט אַז איהר ווילט ר' שמעלקין מפיל זיין[73], וועט דאך „דאס ווינשפינגעריל" ארויסרינען נאך גאר אין בויך פון וואנען־זשע, זאָלט איהר מיר געזונט זיין, וועט זיך דערנאך נעהמען דיא גאנצע מעשה? ! זאל איך אזוי וויסען פון צרות אויב איך ווייס וויא אזוי מען קען אהן ר' שמעלקין שרייבען ווייטער! ס'איז גלייך וויא איינעם אראפנעהמען דעם קאָפּ און ער זאל נישט שטארבען (פּסיק רישיה ולא ימות!) אצינד, איינקעל, טהוט אדרבה עפּיס. לאמיר זעהן! קיין עקשן בין איך קיינ־מאל נישט, איך האב ליב צוהערען, אָבער נאר דאס וואס איז מעגליך. פארקעהרט, ווייזט

מיר אז צווייא מאל צווייא איז אַ ראַבער קאָטער וועל איך דענסטמאל פונ׳ם גאַנצען האַרצען זאגען אָמן.—זאגט נאר, איך בעט אייך, ליב אייניקיל, איהר האט צוגעלייגט מוח צו פאר־שטעהען גוט, וויא איהר קענט, דעם פשט פון משה־יאָסין? משה־יאסי איז געשריבען על פי קבלה. אין איהם ליגט באמת א גאנצער ספר. זוכט גוט וועט איהר עפּיס געפינען.

אייערע ספרים האָב איך נאך לע״ע נישט מקבל געווען. זייט זיכער, איך וועל זייא לייענען און אייך שרייבען מיין מיינונג. לע״ע האב איך נאר געלייענט אייערס אין דעם „הויזפריינד״ 74) און נישקשה, ס׳איז מיר געפעלען. מען זעהט ערטערוויס, אַז אין דעם אייניקיל רינט דעם זיידענס בלוט. מיט אַ קניפּ אין בעקעלע זאָג איך אַייך: אַ וואויל אייניקעל, נישקשה! אַ האָפנונג צו גאָט, אז דער זיידע וועט פון אייך אויף דער עלטער גרויס נחת האָבען!... אייניקליך האָט דער זיידע זעהר פיל, נאר געראטענע זעהר ווייניג. — אַצינד שמיעסט מיט מיר פונם נייען ענין, וועלכען איר האט, נאר זעהט, איך בעט אייך, האט רחמנות אויף מיין עלטער און לאָז דער נייער ענין אייערער אויף מיר נישט צו שווער זיין. היט אפּ דעם זיידען, אויב איהר האט איהם באמת ליב! דאָס בעט איך אייך פונם גאַנצען האַרצען.

זייט מיר געזונט און דערפרייעט דעם זיידען מיט גוטע בשורות

הקטן מענדעלי מוכר ספרים

P. S. דער „נאמן״ האָט מיר ערשט נישט לאַנג געסילקט המעות 75). זעהר א גוטער מענש חלעבין דער נאמן אייערער, ער איז גרייט, זאָגט ער, תמיד צו געבן, אַבי נאָר אייערע קוויטליך, אַ סימן פון אייך. פונם געלט קויפט ר׳ מענדעלי באַלד סיטשקע פאַרן פערדיל, אויך שמיריכטץ, צו שמירען דעם וואָגען און וויאָ, פאָהרען, ווייטער אין וועג אַריין! זייט געזונט! וואָס זאָגט איהר עפּיס אָן צו דיא יודעליך? זייט רוהיג, נישקשה, איך וועל זייא גריסען גאָר פריינטליך... דיא ערשטע נסיעה מיינע פון „קאַבצאַנסק״ וועט זיין קיין גלופּסק. דארט וועל איך פאר אייך איינהאַנדלען אביסיל סחורה...

הקטן ממ״ס

27.

[צו דעמזועלבן]

אדעססא 28 יוני 1888

מיין ליבהאַרצדיג אייניקל!

וויא איך זעה איז מיט אייך נישט צומאַכען, אייניקיל. טהוט אייך וואס איהר ווילט! נאר וויסען זאלט איהר, אַז דאָס וואָס איהר ווילט טאָן קומט בייא מיר אויס שטאַרק משוגע. ר׳ שמעלקי, זאָג איך אייך שטעהט אויף זיין אָרט. וואָס קענט איהר וויסען וואָס בייא מיר טהוט זיך אין קאָפּ, וואָהין איך וועל מיט מיין ווינשפינגעריל ארויסקומען? איך האָב אין קאָפּ זעהר אַ גרויסען, וויכטיגען פּלאַן. איך וויל אויפדעקען אַ סך זאַכען אין דעם יודישען לעבען און פאַרענטפערען פיל האַרבע, פרישצאַפּעלדיגע שאלות־תשובות מכח ענינים אַזעלכע, וואָס ריהרען היינט איטליכען אָן. דאָס אַלסדינג, וואָס אַייך דאַכט זיך וועגען דעם סוף פונם „ווינשפינגעריל״ איז נישט אזוי — און דעריבער האָט קיין שום ממשות נישט דאָס וואָס איהר לייגט פיר אין אַייער בריף אַיינצוטהיילען דאָס ווינשפינגעריל אין חלקים מיט עפּיס נעמען אַזוינע—גלאַט גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק. געוואַלד, אייניקעל, וועל איך שרייען, וואָס טויג אייך אַזעלכע זאַכען? געוואַלד געהט אויפ׳ן גלייכען וועג און זאָל אייך נישט אַרען וואָס נאראנים וועלען זאָגען. א שיינער משא־ומתן חלעבין וואָלט געווען פאַר

מיר, ווען איך זאָל ביים שרייבען מיך געווען געלאָזט פיהרען בייא דער נאָז פונ׳ם פראָסטען עולם, וואס דער געשמאַק זיינער איז פאַרדאָרבען און ווייסט נישט מישטעהנס געזאָגט, פון זיין חיות. רעדט מיר נישט, איך בעט אייך, פונם עולם, פונם יודישען עולם. איך קען דעם דאזיקן עולם איך קען אויך זיינע שרייבער, וואָס איהם געפעלען.— האָט איהר געהערט אזא עולם, פאַר וועלכען מען מוז וויא דיא עשרת בני המן אין איין אָטהעם אָפּזאָגען א מעשה פונם אָנהויב ביז דעם סוף, נישט איבערצולאָזען דערפון אויף שפּעטער אין דעם צווייטען בוך, וויא דער שטייגער איז אין דער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער! געוואַלד, געוואלד, אייניקעל, איך בעט אייך, פאַרצאַפּט מיר נישט מיין בלוט און רעדט מיר מעהר נישט פונם נאַרעשען, ווילדען עולם!— — איהר ווילט אויך איינטהיילען דיא פיער קאַפּיטעל אין 8, אוי, טהוט אַייך וואָס איהר ווילט! איך האב שוין אַ מאָל געטאן מיט דער האַנד און וויל מיך שוין נישט מישען. נאָר וויינינגסטענס דיא טובה זאלט איהר מיר טאָן נישט אנצורופען דיא 8 קאַפּיטעל מיט דיא נעמען, וועלכע איהר האָט מיר געצייכענט אין אייער בריף. פּע, פּע!— איך בעט אייך, טהייערער אייניקעל, טהוט וואָס איהר ווילט מיט דעם „ווינשפינגעריל״ און רעדט מיט מיר מעהר נישט וועגען איהם.—

אַבי דער כעס וועט מיר אפּגעהען וועל איך מיט גאָטס הילף מיך אַ נעהם טאן צום „ווינשפינגעריל״ און וועל אייך ווייזען וואס מענדעלי איז אזוינס. נישקשה מען וועט חאַפּען פּעטש אז אייביג וועלן זייא ליגען אין טעם. איך בין שוין פארטיג געווען אנצוהויבען שרייבען האָט מיך אייער בריף אַביסיל צוקאכט און צוגענומען בייא מיר דעם חשק.

דיא מעשה פון אייער קטנ׳עם [76]) האָב איך אין דיא אויגען נישט געזעהען, אויב ער האט געלקחענט בייא מיר דיא פּיעשע און קאוואלעריע בין איך איהם מוחל. איך בין שוין געוועהנט צו אזעלכע זאכען [77]). פון ציפּע־סאסיען [78]) איז קיין זכר נישטא אין דעם אלטען ווינשפינגעריל. נאר איך פארשטעה אַז דאס וואס איך האָב געמיינט מיט ציפּע־סאָסיען האט ער ז י כ ע ר נישט געמיינט. עס מוז זיין נאר דאכטען אז עס [איז] גלייך, אָבער אין תוך אריין זענען מיר ז י כ ע ר ווייט כרחוק מזרח ממערב [79]).

אצינד לייען איך אייערע ספרים, פון פיל זאכען האב איך שטאַרק הנאה. ארויסשרייבען אייך מיין מיינונג איז אַצינד אוממעגליך, איך וועל באדארפען אנשרייבען א ספר. אַך, ווען איך זאל קענען מיט אייך ריידען מינדליך וואלט געווען זעהר, זעהר גוט און ניטצליך. בכלל, זאג איך אייך, האָט דער זיידע גרויס תענוג פון זיין אייניקיל. שמר׳ס משפט [80]) איז גוט, נאר דיא פאָרמע פונ׳ם פריסאזשנע סוד געפעלט מיר נישט. ס׳איז יודיש. אהן דעם וואָלט געווען פיל בעסער. שמר׳ס מעשיות האב איך קיינמאל נישט געלייענט און איך וואונדער מיך ער זאָל אזוי שלעכט שרייבען. ער איז דווקא נישט קיין עם־הארץ, וויא איהר זאָגט און שטעהט בייא מיר העכער אין בילדונג אַ סך מעהר פון אַנדערע יודישע שריי־בערליך. וויא איך זעה ארויס פון אייערע בריף איז אייער „קטנ׳ער״ בייא אייך אין די אויגען אַ גארנישט און אין שמר׳ס משפט הייבט איהר איהם אויף דרוקעס! [81]) וויא קומט עס צו אייך מיין טהייער אייניקיל?— אויך האָט איהר שלעכט געטאן וואס אנשטאט מענ־דעלי מוכר ספרים רופט איהר מיך דאָרט אבראמאוויטש און פאָרט מיך מיט אַזעלכע, מיט וועלכע איך קעהר מיך נישט אָן [82]) איך בעט אייך, ליבער אייניקיל, פון היינט אָן, לאז דער זיידע בייא אייך האבען מעהר פנים און נישט אויפרופען איהם עם כל הנערים,— איך וואלט אייך געראטהען קיין ראָמענען נישט צושרייבען. אַייער זשאנער איז גאר עפּיס אנ־דערש. איהר זענט דאך (וויא איהר זאגט אליין) מ יי ן א יי נ י ק י ל. איהר פארשטעהט, וואס דאס הייסט?... פארשטעהט־זשע טאקי און פאלגט דעם זיידען וועט איהר איה״ש זיין א כלי שלמה. איבערהויפּט טויגען אַלע יודישע ראָמאַנען אויף כפּרות. עס גלוסט זיך מיר ברעכען פון זייא. אויב ס׳איז דאָ בייא אונזער פאָלק ראָמאַנען זענען זייא עפּיס גאר אנדערש וויא בייא אלע אנדערע פעלקער. מען מוז עס פארשטעהען און גאר אנדערש שרייבען.— איך

שיק אייך אַ מתנה מיין „פריזיוו“[83] די איבעריגע ספרים וועט איהר מקבל זיין איטליכס מאָל ווען א ספר וועט ארויס פון דער דרוק. מיט דער צייט וועל איך מיך אראפנעהמען און אייך שיקען מיין בילד. זעהט זשע, אייניקיל, וויא ליב איך האָב אייך, זייט זשע, איך בעט אייך נישט פאַרשייט, פאָלגט א זיידען און פייניגט איהם נישט.— זאגט נאר, זענט איהר נישט קיין ליטוואַק? אין אייערע ספרים געפין איך עפיס א מאל פיל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרייזען[84]—למעה״ש צודרוקען מיין ווינשפינגעריל פונקט אַזוי וויא איך לייג אויס, ח ל י ל ה ־ ו ח ס, ג אָ ט ז אָ ל א י י ך ה י ט ע ן צומאכען אַ שטיקעל פאַרענדערונג, עס וועט זיין חושך! איך וואלט געשטארבען ווען איך זאל בייא מיר זעהען א שטייגער זאַך אנשטאט זיך, יונגלאַך אנשטאט יונגליך, וכדומה. זעהט־זשע למעה״ש עס זאָל זיין געדרוקט אקוראט וויא איך לייג אויס אהן א פיטצעל פעהלער.— ווען אַ שטייגער טראכט איהר זאָל אייער סבארניק[85] ארויס פארטיג פון דער דרוק?

גאט זאל אייך געבען פיל גוטס און שטארקען אייער הארץ ליב צוהאבן און צו פאלגען אייער זיידען מענדעלי מוכר ספרים.

יא, פון אייערע „בעסטע יאהרען“[86] האָב איך דערהאלטען נאר 2 און 3 טהייל וואו זענין דיא איבעריגע?— צוקייעט למעה״ש גוט מיין „משה־יאָסין“[87] און זאגט מיר דעם טעם וואָס אין איהם ליגט. איך וויל הערען אויב איהר פאַרשטעהט אים וויא געהעריג.

28.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 12 יולי 1888

אַ גאָט־העלף מיין געטרייא אייניקיל!

דער טעם וואָס איך האָב נישט געענטפערט אויף אייער פריהערדיגען בריף איז, וויל איך בין אַצינד אונטערוועגענס און האָב שטאַרק צוטאָן אין גלופסק[88]. בשעת איך בין אין גלופסק פאַרגעס איך מיך, ווי געוועהנטליך דער שטייגער מיינער איז, אין מיך אַליין און אין דער גאַנצער וועלט, אם־ירצה־השם, אַז מיר וועלען לעבען און געזונט זיין, וועל איך אייך אַרויסשיקען פון גלופסק אַ פריש ביסעל סחורה, טאַקי וואָס סחורה הייסט. דער עיקר איז, השם־יתברך זאָל מיר געבען כח. איך בין נעביך עפיס לא־עליכם׳דיג. אַ קלייניגקייט וויפיל איך האָב מיך אין מיין לעבען אָנגעהאָרוועט און האָב אַצינד אויף דער עלטער אויך קיין רוה נישט! שטענדיג עסקים, שטענדיג אַ דולעניש, אַ קאָפּדרעהעניש. אוי, ליבהאַרצדיג אייניקעל, נישטאָ קיין כח!..

אַי, אַי וואָס ווילען דיא יודישע רעדאַקטאָרס האָבען פון מיין לעבען? איהר זאָלט זעהען וועלכע בריף איך בעקום אַצינד, אַלע אין איין קול: ר׳ מענדעלי גיט אַהער עפּיס סחורה און געלד וויפיל אַייער האַרץ גלוסט! איינעם אָבער מוז איך צוליב טאָן און שרייב אַצינד פאר איהם אַ מעשה—שרעקט זיך נישט—אין לשון קדש[89]. אָבער טאַקי נישט מעהר ווי איינעם. פאַר דיא איבריגע, חוץ אייך, אייניקיל מיינס, איז מענדעלי טויב. דאָס זאָלט איהר האָבען דעם בעסטען סימן וויא ליב איך האָב אַייך. יאָ, חלעבין, איהר געפעלט מיר עפּיס און איך לייען מיט גרויס פאַרגעניגען אייערע בריף וויא פון אַיין אייגענעם, היימישען מענשען. איך פיהל וויא אַזוי איהר זענט מיר געטרייא און צוגעבונדען צו מיר מיט לייב און לעבען. אַז מענדעלי קען איינעם פון זיינע אייניקליך זאָגען אַזעלכע ווערטער, איז אַ בעוויז, אַז דאָס אייניקיל איז איהם שוין טיף אין האַרץ אַריין. זעהט-זשע

למען השם אויף ווייטער צובלייבען אַ גוט, אַ פרום אייניקיל און פאַרשאַפען נחת דעם זיידען !..

געוואַלד, רעדט מיר נישט פון ז״י״א [90] איך וויל פון ז״י״א נישט וויסען. זעהט למעה״ש אויף ווייטער זאָל מיין נאָמען נישט געדאַכט ווערען צווישען זייא.—שוין אַ פּאָר וואָכען אַז איך האָב אַייך געשיקט אַ מתנה מיין „פריזיוו״ און איהר שרייבט מיר נישט אויב איהר האָט איהם מקבל געווען. אייערע ספרים האָב איך אַלע געלייענט. ס׳איז דאָ צווישען זייא פיל זעהר גוטע זאַכען. דאָס „מעסעריל״ און „סענדער בלאַנק״ זענען געוויס בעסער פון אַלע. ווען איך זאָל האָבען צייט וואָלט איך באריכות געשריבען אַ קריטיקע איבער זייא. נאָר וואָס זאָל איך טאָן אַז איך האָב נישט קיין רגע פרייע צייט. איך זאָג אייך נאָר דאָס, אַז איבער אַ ווערק בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף אַרבייטען, פּיילען איטליכס וואָרט. געדיינקט מיין ראָטה.

משה יאָסיע איז געזאָגט געוואָרען פשוט אַקעגען אונזערע בעלי טובות [91]. עס פאַר־שטעהט זיך דאָס קאַפיטיל גלאַט אַליין פאַר זיך איז זעהר אַ שיינע קאַרטינקע, נאָר איך האָב ליב, אַז חוץ דעם שיינעם פנימיל זאָל טאַקי אין מיינער אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און אַ געדאַנק וויא אין אַ לעבעדיגען מענשען. אַ קאַרטינקע בעדאַרף מיך חוץ שיינע מליצה אויך טאַקי לאָזען עפּיס הערען [92].

איך האָב געהערט פון מיין דרוקער דאָ, אַז די דרוק אין ברדיטשוב האָט זיך צוגע־מאַכט [93], ע״כ פרעג איך אייך וואו האָט איהר בדעה אייער זשורנאַל צודרוקען.

זייט מיר געזונט, גאָט זאָל אַייך שטאַרקען דאָס האַרץ, איהר זאָלט בעגעהרען לעהר־נען און זיין אַ מתמיד.

מענדעלי מוכר ספרים.

29.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 12 אויגוסט 1888

מיין טהייער אייניקיל !

בייא מיר איז אַצינד דער יריד פון קינדער אויפנעהמען אין דער שולע און בשעת דעם דאָזיגען יריד איז מיר דער קאָפּ נישט אויף דעם עולם. איך בין שטאַרק געקריינקט און צוטראָגען. פע, מיט אַין דאָס... זיין אויף צעהן ירידין! האָט רחמנות אייניקיל אויף דעם זיידען און בעשולדיגט איהם נישט, וואָס ער שרייבט אייך היינט נישט פינקטליך.— חוץ דעם האָט דער זיידע געמוזט נאָך מאַכען אַ מעשה אויף לשון הקדש פאַר אַ רע־דאַקטאָר, וואָס ער האָט איהם פשוט נישט געלאָזט רוהען [94]. אַז דער קאָפּ וועט מיר אַביסיל פרייא ווערען וועל איך מיך ווייטער אַוועקלאָזען קיין גלופּסק. נישקשה, האָט קיין מורא נישט, איך וועל אייך איה״ש געבען אַזעלכע סחורה, וואָס מען וועט דערפון צופרידען זיין, פאַרלאָזט זיך אויפן זיידען,— אייער נייע מעשה וואָלט איך זעהר גערען געווען צוזעהן, נאָר עס וועט אייך אָבער גאָרנישט אַרויסקומען דערפון וואָס איהר וועט זיא מיר צושיקען. וואָס וועל איך קענען טאָן? [95] בעסערען? דאס איז נאר גוט ווען דער מחבר אַליין איז צוגעגען, קען מען ריידען, עצות געבען. מיט בריווליך אָבער איז אַזוינס זעהר א שווערע זאַך. איבערהויפּט וואָלט פאַר אייער גאַנצען זשורנאַל נישט געווען געשאָדט ווען מיר וואָלטען געקענט פריהער וועגען איהם זיך אויסריידען. און צוריידען איז דאָ זעהר זעהר פיל. אַך! עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען אויסצוריינינגען דיא קופּעס מיסט, וואָס אונ־זערע בהמות האָבען אין דער שטאַל פון דער יודישער ליטעראַטור אָנגעמאַכט. בהמות

אהן עין־הרע זענען דאָ זעהר פיל און קופּעס מיסט קומען וואָס אַ טאָג מעהר צו. נאָך אַ קופּע, נאָך אַ קופּע און וואָס קען דערפון דער תכלית זיין? זעהט, אייניקיל לעב, מיין ווינש־פינגעריל זאָל זיך אָפּדרוקען אָהן גרייזען. אַך, איהר זאָלט מיך קענען דאָרט בייא אייך שטעלען אין אַ בעזונדער שטעלכען, נישט צווישען די בהמות!.. חאָטש אויסוואַשען אויס־רייניגען זייא פריהער, זייא זאָלען אַזוי נישט עפּושין.

דאָס מעלה־גרהן[96] זייערס זאָל זיין חאָטש מיט אַ מאָס, נישט שלאָגען אַזוי צום האַרצען... אַז איהר האָט שוין אויף זיך גענומען זיין אַ פּאַסטוך טהוט זשע חאָטש אייער זאַך בשלמות אונ זייט מקיים דעם עולם'ס ווערטיל: „ווער עס האָט דיא קיה האָט דיא מיה". זייט מיר געזונט און לאָזט נחת האָבען פון אייך אייער זיידע

מענדעלי מוכר ספרים.

30.

[צו דעמזעלבען]

אָדעססאַ 28 אויגוסט 1888

מיין טהייער אייניקיל!

אויף אייער ברכה צו מיר ראש השנה זאָג איך: גם אתם! גם אתם לשנה טובה תכתבו! גאָט זאָל אויף אייך היינטיגס יאָהר גוטס אנשרייבען און איהר זאָלט אויך היינטיגס יאהר פיל גוטס אין דער יודישער ליטעראַטור אָנשרייבען.— איך, לא עליכם, בין אין דער לעצטער צייט נישט געזונט, בשעת איך שרייב אייך אַצינד איז מיר דער גאַנצער קאָפּ ארומגעבונ־דען און איך לייד שרעקליכע וועהטיגען. געדיינקט איהר מיינע ווערטער אין פריהערדיגען בריף וועגן דעם, ווי נייטיג ס'איז פּטור צו ווערען פון אונזערע בהמות וואָס האָבען גע־מאַכט דיא יודישע ליטעראַטור, מ'שטעהנס־געזאָגט, פאַר אַ שטאַל? האָט עס אין זין, למעה"ש איך בעט אייך.

אָנשטאַט דיא בהמות וועל איך אַייך לע"ע רעקאמענדירין צווייא גרויסע מענשען, מיינע פריינד. איינער איז דער וועלט בעריהמטער מ' מרגליות, און דער צווייטער איז דער געוויסער „בן־עמי".ביידע ווילען מיט מיר אין איינעם עפּיס ווירקען פאַר אונזער פאָלק און אויף אונז קוקענדיג וועלען צושטעהען נאָך אַזעלכע גרויסע שרייבער פון אונזער קומ־פּאַניע. פאַרשטעהט איהר, איך וויל מאַכען אייער זשורנאַל אַ בית ועד לחכמים און פון עמי הארצים, בדחנים וכדומה זאָל דאָרט קיין פוס נישט זיין. וועגען דעם איז דאָ זעהר פיל מיט אייך צושמיעסין. אַצינד בין איך קראַנק, בין נישט אין שטאַנד צו שרייבען. לע"ע טהוט דאָס, נעהמט און שרייבט איין בריף צו присяж. повѣренному Михаилу Григорьевичу Маргулису מיט א בקשה ער זאָל פאר אייער זשורנאל שרייבען, דעם צווייטען בריף שרייבט צו בן־עמי אויף מיין אַדרעס, בעט בייא איהם זיין ספור המעשה „חנוכה" וואָס ער האָט אָנגעשריבען. איך האָב זיא געלייענט און איז מיר זעהר געפעלען. איהר מעגט עס איהם שרייבען[97].—ווען געהט אייער זשורנאַל ארויס פון דער דרוק? שרייבט מיר, אויב הר"ר בּאַראַץ[98] איז אצינד דא אין קיוב. זייט מיר געזונט!

זקנכם דו"ש[99] מענדעלי מוכר ספרים.

31.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 13 אָקטאבער 1888

מיין ליבהאַרצדיג איינִיקיל!

שוין מעהר פון צוויי חדשים אז איך בין לא עליכם נישט געזונט און האָב געמוזט מחמת דעם אַוועקלייגען דיא פען, נישט שרייבען קיין וואָרט. דעריבער האָב איך אייך ביז אַצינד נישט געענטפערט אויף אייערע אַלע בריף. עס טהוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס איהר האָט דורך מיר בעקומען צווייא גוטע שרייבער מיט אַ נאָמען אין דער וועלט[100]. איך ווינש אייך זעהר פיל גוטס און מיט דעם גאַנצען האַרצען, אייער ביבליאָטעקע זאָל אַ שיין פנים האָבען. אַודאַי וואָלט געוועןפיל בעסער ווען איהר זאָלט זיך געוועןזעהען מיט מיר לכתחלה בשעת אין זינען־האָבענדיג אַרויסגעבען דעם זשורנאַל, נאָר איך פאַרהאָף אַז וועט איה״ש זיין גוט און אַז איר וועט קומען צו מיר, כפי איהר האָט מיר געשריבען[101], וועלען מיר וועגען אַלסדינג איבערשמיעסין און די זאַך אַני־דערשטעלען וויא עס געהער צוזיין. — איך האב פאר אייך נאך א מעשה, אַ פרישצאַפּלדיגע, נישט קיין לאַנגע. מען זאָגט זי איז גאר אַיין אַנטיק, אַ מעשה פון מעשה־לאַנד טאַקי אגיל ואשמח קאלעכדיג און ש פ י ט צ ע כ ד י ג, אַ יאָ אייך געפעלט וויא פישקע איז שיין אָפּגעדרוקט. ווייסט־זשע טאַקי אַז דער זיידע האָט אַ געשמאַק און פאַרשטעהט ווי מסדר צוזיין א ספר. גוט טהוט איהר וואָס איהר שיקט אייער ראמאן אין מיין דרוק[102], הלוואי וואָלט איהר מיר געוועןצוגעשיקט פריהער אייער גאַנצען זשורנאַל. נאָר דאָס אַליין וואָס אויף דעם שער־בלעטיל וועט שטעהען אָדעססאַ, נישט ברדיטשוב איז שוין אויך דינו. די 8 רובל, אויב איהר ווילט, שיקט מיר דורך דער פּאָסט מהיכא־תיתי, זיי וועלען מיר אַצינד צוניטץ קומען.

זייט מיר געזונט, מיין טהייער איינִיקיל, און דערפרעהט דעם זיידען מיט גוטע בשורות פון אייך און פון אייער פאָלקסביבליאָטיקע.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

זעהט זיך, איך בעט אייך עם ידידי הר״ר באַראַץ[103] און בעט איהם בשמי מען זאָל אַרויסשיקען דעם מדפיס מיינעם פון דער צענזור דעם בילעט אויף אַרויסצולאָזען פון דער דרוק „פישקע דעם קרומען״[104]. הנ״ל.

32.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 30 דעצעמבר 1888

מיין טהייער, געליבט איינִיקיל!

אייער בריעף פון יאַלטאַ האָט מיר געמאַכט גרויס עגמת נפש.

איך פיהל אייער וועהטיג נעביך. נאָר, טהייער איינִיקיל, שטאַרקט זיך, וואָס קען מען טאָן[105]. — איך דאַנק אייך פונם גאַנצען האַרצען פאַר אייער מיה וועגן מיר. נאָר איך בין מסופק אויב פון אייער מיה מיט דעם י ו ד י ש ע ן רעדאַקטאָר ה״ר סאָקאָלאָוו וועט עפּיס אַרויסקומען[106]. — לאָזען ז י י א געהן חלעבין בשם אלהי ישראל...[107] איך האָב לאַנג נאָך פאַרזאָגט און וועל אויף ווייטער פאַרזאָגען אַ צעהנטען, מיט זייא נישט צו האָבען קיין שום געשעפטען. — ווען וועט שוין אייער „ביבליאָטעקע״ אַרויסקריכען פון גלופּסק[108] און זיך ווייזען אין דער וועלט? שוין צייט חלעבין!

איך האָב אַצינד קיין רגע צייט נישט, אַזוי בין איך פאַרוואָרפען מיט אַרבייט פון אַלע זייטען: פון דער שולע, פון דער דרוק, פון שטאָדט זאַכען און נאָך און נאָך. איך האָב פשוט מיט געוואַלד מיר גענומען עטליכע מינוט צייט אָנשרייבען אייך עטליכע ווערטער און ווינ־שען אייך אַ גוט יאָהר מיט פיל מזל און גליק. לשנה טובה תכתבו ותחתמו! — מיר יודען טאַנצען אויףביידע חתונות אויף אונזער און אויף זייער ראש־השנה און פאַרט גאר־נישט... „תכתבו" אַהער „ותחתמו" אַהין — און ס'איז פע. פע... שרייבט למעה"ש אייניקיל און פאַרגעסט נישט אייער אַלטען זיידען, וואָס ווינשט אייך פיל גוטס.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

33.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 17 יענואַר 1889

געזונט און שטאַרק זאָלט איהר מיר זיין, מיין ליבהאַרצידיג אייניקעל לעבען!

זייט נישט ברוגז אויף דעם אַלטען זיידען, וואס האָט אייך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטען אויף זיין תשובה. וואס זאל איך נעביך טאָן, אַז איך געה אין יאָך אונ האָב אין דער לעצטער צייט נישט קיין איין פרייע מינוט פאַר מיר. שטענדיג איז דאָ נאר געשעפטען, קאָפּדולעניש פון אַלע זייטען און מען מוז אַקעגן איטליכען יוצא זיין.

אַי, קוק איך עס אַרויס אויף אייך, איהר זאָלט שוין קומען און קענען מיט אייך אַביסיל גוט צוברייגגען די צייט![109] זאָגט אייניקעל, וואס איז דאס פאַר אַ פלאַן, וועלכען איהר האָט פאַר מיר. זאָגט און ציהט נישט, איך בעט אייך, בייא דער נשמה[110]. אייער „סטעמפעניו" האָב איך ערשט דאָס ערשטע מאָל געלייענט און צו זאָגען איבער איהם האב איך זעהר פיל, אַזוי אַז ווען איך זאל שרייבען וואלט איך בעדאַרפט אַ גאַנץ בוך אָנ־שרייבען און דערצו האב איך נישט קיין צייט. איך זאג אייך דערווייל בקיצור נישט מעהר וויא דאָס: איבערהויפט איז סטעמפעניו אַ געראַטהענע זאַך. עס זענען אין איהם שטעלען אַזעלכע, וואָס ווייזען בעשיינפערליך, אַז גאט האט אייך געבענשט מיט אַ פיהלענד האַרץ אז איר האָט אין אייך דעם ברען, דאָס פינטעלע פּאָעזיע אונ דער פונק פייער אין אייך וועט מיט דער צייט זיך צוברענען, צופלאַקערען. דער זיידע וועט זיך שמעלצען אונ גאָר אָנקוועלען וואס ער האָט מגדל געווען אַזאַ גוט אייניקעל. — נאָר פיל שטעלען אָבער זענען דאָ זעהר אָפּגעבלאַקעוועטע, אַזעלכע וואס מען בעדאַרף זייא גוט אויסבעסערן, אויך אַזעל־כע, וואָס מען בעדאַרף זייא אין גאַנצען ארויסוואַרפען. פיל שטעלען זענען געגייט מיט שבת־שטעך אונ עס זעהט זיך אַרויס אין זייא דיא פאַרסטריגעס, דערינען איז שוין שולדיג דאָס, וואָס איהר זענט פון דיא „אחשתרנים".

אַי, אחשתרנים, אחשתרנים![111] אין צווייטען קאַפּיטעל הייסט עס סטעמפעניו מיט זיין קומפּאַניע קומען צופאָהרען קיין מאַזעפּעווקע, אונ אויסלאָזען לאָזט זיך אויס (ז. 5) והעיר חמעלניצק צהלה ושמחה!! דאָס האָט איהר אַייך איינס, היינט צווייטענס וויא געשיקט זיך עס צו זאָגען, סטעמפעניו קומט צופאָהרען קיין מאַזעפּעווקע אַז באמת וויא איהר שרייבט ווייטער (ז' 52) וואוינט ער טאַקי מיט זיין ווייב אין מאַזעפּעווקע[112]. דער תירוץ איז אָבער טאַקי — אחשתרנים!

פאַלט בייא אייך פונדעסטוועגען דערפון נישט אַראָפּ, איהר האָט אַ טאַלענט אַ גרוי־סען טאַלענט. איך זאָג אַייך נאָך אַמאָל טאַקי בפירוש, ראָמאַנען שרייבען איז נישט פאַר אייך, אייער זשאַנער איז גאָר עפּיס אַנדערש. וואו איהר בעשרייבט דאָס לעבען, איז אַ

פאַרגניגען צולייענען. ס׳איז דאָ וויטץ, הומאָר, אָבער וואו איהר שפּילט אַ ליבע קומט אויס גאָרנישט. מיר וועלען וועגען דעם מינדליך שפּרעכען.—שרייבט מיר אָפּ גיך תשובה ווען קומט איהר, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ „פּלאַן“, אָבער אַלסדינג ריין מיט ווערטער.

מנאי, פון מיר, וואס גלעט דעם אייניקיל, גיט איהם אַ קניפּ אין בעקעלע און האָט פון איהם גרויס נחת הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

P. S. מרגליות [113], עס פאַרשטעהט זיך, איז נישט קיין יודעלע ער זאל מאהנען, איהר בעדאַרפט אַליין פאַרשטעהען איהם צובעהאַנדלען שיין, פיין, בכדי עס זאָהל איהם זיך גלוסטען שרייבען אויך אויף ווייטער. איך פאַרלאָז מיך דרינען שוין אויף אייך. נישקשה איהר פאַרשטעהט בה״ש אַיין עסק. הנ״ל.

34.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 22 פעבר. 1889

טהייער און גוט אייניקיל!

זייט נישט בייז, וואס איך האָב אייך אַזאַ לאנגע צייט נישט געענטפערט אויף אייער בריף מיט דער מתנה „דיא פאָלקס־ביבליאָטעקע“, וואָס איהר האט מיר געשיקט. איך בין חלעבין נישט שולדיג. דער קאָפּ איז מיר אין דער לעצטער צייט געווען שטאַרק פאַרדרעהט. פרעגט נישט, פרעגט נישט, איך האָב געהאַט קאַלט און וואַרם. אַצינד אַבער האב איך מיר מיט געוואלד אָפּגעריסען עטליכע מינוט צייט אייך צושרייבען. — יישר כח אייך פאַר אייער „פ״ב“! בכלל איז דאָס אַ גוט שטיקעל ארבייט, מיט וועלכס איהר מעגט זיך איבערנעהמען. נאָר בפרט, זענין דאָרט דא פיל זאַכען, וואָס טויגען לחלוטין נישט אָדער, וואס בעדארפען אויסגעבעסערט ווערען. בייא אַייער קומען איה״ש וועלען מיר פון אַלסדינג ריידן באריכות 4 [1]) גאָט זאָל אייך געבען געזונט און חשק ווייטער צוארבייטען. העלפערס מיט גאָטס כח וועט איהר האָבען. מיין זוהן איז נעכטען געקומען פון פּעטערבורג אויף אַ פּאָר וואָכען. נוא קענט איהר דאָך פאַרשטעהען וויא בעשעפטיגט איך בין אַצינד נאָר מיט איהם. עס וואָלט בכל האופנים גוט געווען, אַז איהר זאָלט איהם דאָ טרעפען ווען איהר וועט קומען. שונאים אויף צושפּרינגעניש בעדאַרף מען זיך בעמיהען, אַז „די יודישע פ״ב“ זאָל אלץ וואס ווייטער און ווייטער זיין בעסער. טהוט מען עפּיס אַ זאַך—און בפרט נאָך לטובת הכלל — זאל טאַקי זיין געטאָן בשלמות, ווי געהעריג.

ידידך המברכך בשלום ובכל טוב סלה

ש. י. אַבראַמאָוויטש

35.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 19 מאַרט 1889

טהייער ליבהאַרציג אייניקיל!

צוקער פלאַמט, זאָגט איהר אין אַייער בריף, און איהר ברענט [115].—נוא, געלויבט איז גאָט, וואָס איהר זענט חאָטש נישט געוואָרען פאַרברענט. איך האָב שוין געמיינט חלעבין, אַז איהר זענט שוין אויף דער וועלט נישטאָ. מען שרייבט און מען שרייבט און איהר זאָלט זיך עס אָנרופען אַ וואָרט! לויט אייערע פריהערדיגע בריף האָט איהר שוין לאַנג

בעדאַרפט קומען קיין אָדעססאַ[116] און איך האָב טאַקי אויף אייך שטאַרק אַרויסגעקוקט. ס'איז דאָ צורײדן װעגען זעהר װ י כ ט י ג ע זאַכען. טאַקי װ י כ ט י ג ע, װעגען װעלכע מען מוז ריידען און עפּיס טאָן... נאָר אין ברירה, אַז איהר ברענט, מוז איך זיין קאַלט, אַז מיינע אחשתרנים פליהען, לויפען מוז איך מיר זיטצען און וואַרטען, וואַרטען. װאַרשאװער[117] האָט אייך צוגעשיקט אַ בילד פון דער „קליאַטשע", גיט עס, זייט מוחל, איבער דעם צענזאָר און שיקט עס מיר אָפּ באַלד צוריק, וואָרים דיא מאַשין וואָרט און קען אָהן דעם דאָזיגען בילד נישט וייטער דרוקען מיין קליאַטשע, ל מ ע ה ״ ש ד ע ר פ י ל ט מ י י ן ב ק ש ה ו ו י א צ ו ם ג י כ ס ט ע ן. מזל טוב אייך מיט אַייער נייעם ראָמאַן![118] איך האָף, אַז דאָס אייניקעל װעט מיך נישט פארשעהמען. און שונאים װעלען צוזעטצט ווערען. ד ע ר ז י י ד ע א י ז א ו י ך ג ע ל ע ג ע ן ג ע װ ו אָ ר ע ן מ י ט אַ ש י י נ ע ר מ ע ש ה. נישקשה, איהר װעט הנאה האָבען דיא לעזער פון דער „פאָלקסביבליאָטעקע" װעלען לעקען דיא פינגער. — אַי אייניקיל ברען איך אַצינד! איך בין געצווינגען צודרוקען דיא קליאַטשע על חשבוני, און דאָ איז לא עליכם נישטאָ די מעשה — געלט מיין איך. אַך שלעכט, גאר נישט פרעהליך. יקום פורקן מן שמיא[119]! — הערט שוין אויף, איך בעט אייך, צוברענען און שרייבט, שרייבט, מיין ליב, טהייער אייניקיל.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

36.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 22 מאַי 1889

מיין פלאַם־פייערדיג, צוקער־זיס אייניקיל!

איהר קיטצעלט און קיטצעלט מיך אַלץ מיט אַייערע בריװעליך, אַזוי אַז איך מוז לסוף מיך אָנרופען מיט אַ װאָרט. דאָס װאָרט „מוז" זאָג איך דעריבער, װייל די לעטצטע צייט איז מיר דאָס שרייבען נמאס־ומאוס. עס זענין דאָ געװיסע צייטען, װאָס אויף מיר ריקט זיך אָן אַ שטאַרקע מרה־שחורה און דענסטמאָל זיטץ איך מיר פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענשען און שווייג. דענסטמאָל טאָהר קיין טינט־ און־ פען, וויא חמץ אין פסח, זיך אין מיין גבול נישט געפינען. דענסטמאָל שלאָג איך מיך אין האַרצען על־חטא, װאס איך בין אַ יודישער מחבר, בלאָז מיך אויף זיך אַליין, אויף אונזערע יענע קלוגעטשקע אחב״י[120] און װײַך דיא יודישע ליטעראטור מישטעהנס־געזאָגט וויא אַיין עפּוש, פּע, װאַנצען! עס שטינקט דאָרט װאַנצען!

זאָגט נאָר, אייניקיל, אַז איך רעד שוין יאָ, מה־רעש, װאָס איך שרייב אייך נישט? פון מיין זייט איז לחלוטין נישט געװען װאָס צושרייבען. איהר האָט אַלץ געשריבען אט קומט איהר צופאָהרען[121], איבערשמיעסין מיט מיר װעגען װיכטיגע זאַכען. איך בין וויא איין „עגונה" געזעסען, אַרויסנעהמענדיג זיך די אויגען קוקענדיג, אָט עפּענט זיך דיא טהיר און מיינע „אחשתרנים" טהוען טאָן אַריינלויפען, נאָר די אחשתרנים אָבער קריכן וויא די ראַקעס און נישט געקומען ביז היינט. נישט גענוג װאס איך בין נישט ברוגז אויף אַייך זענט איהר נאָך ברוגז אויף מיר! — אי, אַז איהר זאָלט געװען דענסטמאָל, װען מיין זוהן איז בייא מיר געװען, קומען צופאהרען, װאָלט גאר עפּיס אַנדערש געװען! עס איז געװען (און ס'איז דא נאך אַצינד אויך) פון פיל װיכטיגע זאכען צוריידען. וויא איך זעה איז בייא אַייך אַזוי: אָדער לויפען וויא אחשתרנים אָדער גאָר קריכען וויא די ראַקעס.

פאַרװאָס קריכט עס עטץ אַזוי מיט דעם צװייטען טהייל „פאָלקס־ביבליאָטעק"? פּע, חלעבין עס װערד אַזש נישט גוט. — בייא מיר דרוקט זיך אַצינד די קליאַטשע און איך

בין אַריין איבער דעם קאָפּ אין חובות, (מכמה טעמים בין איך געצווינגען געווען אַליין זיין דער הערויסגעבער) איך האָב דערפון קיין גרויס נחת נישט און דער קאָפּ איז מיר נישט רוהיג. פונם ווינשפינגעריל איז דא בייא מיר גרייט אַ 4—5 דרוק־בויגען. דער סוף וועט קומען אין דעם דריטען באַנד „פ״ב״ [122]). מען בעדאַרף נאָך אַביסיל צואַרבייטען. נאר דערצו איז שטאַרק נייטיג צו בעפרייען דעם קאָפּ.—אַ־נוא טהייער אייניקיל, מיין צוקער איז שוין בה״ש דאָ אין דער פאַבריקע בעפרייעט מיר חלעבין דעם קאָפּ מיט עטליכע הונדערט רובל בכדי איך זאָל קענען (און עס זאָל מיר זיך גלוסטען) זיך ווייטער נעהמען צו דער אַרבייט. מעהר וועגען דעם וועל איך מיט אייך נישט רעדען. איר פארשטעהט?

טהוט זשע עפּיס און קריכט נישט.

אייער מענדעלי מוכר ספרים.

37.

[צו דעמזועלבען]

אדעססאַ 12 יוני 1889

מיין צוטראָגען אייניקיל!

אייער בריף דורך בן־עמי האָב איך מקבל געווען שבת, פאַר בן־עמי׳ס אַוועקפאָהרען אַ היים, דיא דרייא בילדער אויך. מיר דאַנקען אַייך און אַייער פרויא פאַר דעם פאַרגניגען, וואָס איהר האט אונז דערמיט געמאַכט. דאָס בילד פון אַייער קליין קאַראַפּוזיקיל איז וואונדער שיין. איך בין אונטער דיא אויגען אין איהר ביז איבער דיא אויערען פאַרליבט. קישט זי פאַר מיר הונדערט מאָל. ערשט היינט בין איך בעפרייעט געוואָרען פון דער אַרבייט אין דער שוהלע, אויך פון דער מרה־שחורה מיינער, וואָס האָט מיך געפייניגט, גענאָגט וויא אַ וואָרם דיא לעצטע צייט און איך בין ברייט מיך ווידער, בלי־נדר, צונעהמען צום „ווינשפינגעריל״. דער קטן־ער [123]) איז בייא מיר געווען, ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסען זיין שווער־ביטער געמיטה, מיך געבעטען איך זאָל פאַר איהם עפּיס שרייבען, ער האָט מיך געריהרט בייא דעם האַרצען, אַזוי אַז איך וואָלט איהם דיא נשמה אַוועקגעגעבען — נאָר שרייבען, האָב איך איהם געזאָגט, אויף קיין פאַל נישט. ער האָט עס נעביך אָנגענומען פאַר ליב, מיך מיט גרויס דרך־ארץ פאַרזיכערט אין זיין הייסער ליבשאַפט צו מיר, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ. אַ רחמנות, חלעבין! —

Филинъ און Сова הייסעןביידע צוגלייך בייא יודען פּראָסט „סאָווע״, אָדער „פוהאַטש״. Ястребъ הייסט אין דער ליטא „שפּארבער״ און דאָ אין אונזער געגענד דער „שוליק״. Соколъ האָט בייא זייא גאָר קיין נאָמען נישט. פרעגט זייא בחרם, וואָס דאָס איז אַזעלכס, נאָך זיי־נאָך מעג עס הייסען אַ מין אָדלער. — מיין גאַנץ הויזגעזינד גריסט אַייך, אַייער פרוי און אַייערע ליבע קינדערליך גאָר פריינטליך. זייט מיר געזונט און שטאַרק.

מענדעלי מו״ס.

38.

[צו דעמזועלבען]

אָדעססאַ, 6 יולי 1889.

מיין געטרייא אייניקיל!

היינט ערשט האָב איך אויסגעגלייכט דעם ריקען נאָך אַזוי פיל טעג און נעכט זיטצען ביים שרייב־טיש איבער דעם „ווינשפינגעריל״. דיא גאַנצע צייט, פון אַייער אַוועקפאָהרען ביז אַצינד [124]), האָב איך באמת נישט אָנגעקוקט די ליכטיגע וועלט און נישט געוואוסט, וואָס אַרום מיר געהעט פיר. איך בין געווען גאָר אין אַיין אַנדער וועלט — אין דער וועלט

פון פּאָעזיע, וואו די שיינע „מוזען" שפּילען זינגען און זאָגען שירה. — חוץ מיין געטריי־
שאַפט צו אַייער „פּאָלקס ביבליאָטעקע", וואָס איך וויל זיא זאָל עושה רושם זיין און וויי־
זען בעשיינפערליך, וואָס מען קען מיט דער יודישער שפּראַכע טאָן פאַר אונזער אָרם
פּאָלק, אויב נאָר מען קען אונ מען וויל — חוץ דעם בין איך געטריבען געוועזן פון דער
נויט צודערווייטערען זיך אויף אַ צייט פון אונזער זינדיגען עולם, וואו איך האָב אין דיא
לעצטע טעג געליטען קריינקונג, יסורים פון מיין „אַרויסגעבער" [125]) אונ צוליב דעם אַריין
אין חובות, אַ שרעק. דיא דאָזיגע פּאָר ווערטער קען אייך שוין דינען פאַר אַיין ענטפער
אויף אַלע אַייערע פראַגען וועגן אַייער נייעם ראָמאַן, וועלכען איהר האָט בדעה דאָ צו
דרוקען צוליב מיין בקשה! טהוט אַייך בעסער ווי פאַר אַייך איז בעסער, געזינטער...
שרייבט מיר גיכער וואָהין זאל איך אייך צושיקען דאָס „ווינשפינגעריל" אויף דעם
אַלטען אָדער אויף אַייער נייעם אַדרעס, שרייבט ריין בכדי איך זאָל ביים אַוועקשיקען רוהיג
זיין. — מיין עצה איז: דרוקט גיכער אייער „פ"ב", מען טאָהר נישט לאָזען דיא זאַך צופיל
אָפּקיהלען, והשנית, וועט עס זיין דער בעסטער ענטפער אונ דער ערגסטער פּאַטש אייערע
שונאים [126]). אַבי איך אַליין בין שוין פרייער וועל איך מיך אַ נעהם טאָן צו אַנדערע —
בעטען, שרייבען וואהין מען בעדאַרף מען זאָל עפּיס געבען אין דער „ביבליאָטעקע". —
„דיא קליאַטשע" ווערד מאָרגען פאַרטיג און 12 עקזעמפּליאַרען ווערען מאָרגען געשיקט אין
צענזורנע קאמיטעט, לכן אָתיתי לחננך להשתדל אצל הר"ר קאַראַסיק [127]) וויא צום
גיכסטען אַרויסשיקען דעם מדפיס אַ בילעט [128]) ויקוים בך עתה באמת מקרא שכתוב
האחשתרנים יצאו מבהלים ודחופים בדבר (אביהם־זקנם) [129]) — אַי, האָט איהר מיר אנגעמאכט
צרות מיט אייער פּאַרבייטען (נאַ, זעהט, אט האָב איך אויך בטעות פּאַרביטען — דיא זייט־
ליך פּאַפּיר) דיא ווייבער! וואס זאל איך אַצינד טאָן מיט קאַראַסיקס אָרמער קרובה? איך
מוז מיך דאך האַלטען בייא מיינס, אז די ערש(ט)ע איז זיין קרובה. אלא נישט וועט מען
מיך אָנקוקען וויא אַ משוגענעם. דער יושר איז חלעבין, איהר זאָלט דער אמת'ר קרובה
צוניפּמאַכען אונ אַריינשיקען מיר עפּיס געלד. האָט רחמנות אונ פיהרט מיך אַרויס פון
דער קלעהם וואהין איהר האָט מיך רב אחשתרנים אַריינגעבראַכט! איך און אויך מיין
גאַנץ הויזגעזינד גריסען אייך, אייער ווייב אונ אייערע ליבע קינדערליך גאָר פריינטליך.
זייט מיר געזונט אונ ענטפערט גיך אייער זיידען

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

39.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 11 יולי 1889

מיין ליבהאַרצדיג איינקיל!

מזל־טוב אייך מיט דער פּאַרענדערונג, וואָס געהט פיר אַצינד אין אייער שרייבען! דאָס איז אַ גוטער סימן אַז דער טאַלאַנט אַייערער וואַקסט אונ געהט אַלץ העכער פון איין טרעפּיל אויפן אַנדערען טרעפּיל פון דעם לאַנגען גרויסען לייטער אין דער ליטעראַטור. פּאַר מיר איז אייער פּערענדערונג נישט קיין נייעס, איך האָב דאַרויף נביאות געזאָגט נאָך פריהער פאַר אַלע אונזערע פריינד דאָ. אויב איהר ווילט קומען צו מיר וועט איהר בייא מיר זיין אַ טהייערער גאַסט. איך בין ברייט מיט אייך זיטצען אונ אַרבייטען טאָג און נאַכט. — נאר אויף איין פּאַרענדערונג, וואס אין אייך איז פירגעגאַנגען טהוט מיר דאָס האַרץ וועה—הוא השנוי בתכונת נפשך ובאהבתך אלי. בשנה העברה אתה פתחת לי בבקשתך

לקבל מאתך שכרי עוד בטרם כליתי מלאכתי בשביל ספרך „פ״ב[130]) ועתה כאשר מלאכתי נגמרה כהלכתה, ואני גליתי את אזנך, כי השעה דוחקת אותי ואין כח בי לשאת עלי משא הדפסת ספרי, הדורשת כסף רב, ומן המצר קראתיך לשלוח לי את שכרי בעבודה הקשה אשר עבדתיך במיעוט חלבי ודמי — הנה מלאת פני קלון להשיבני ריקם מלפניך ! ! האמין לי, כי לולא הברית הכרותה בינינו אם פניתי אליך עוד... רק אהבתי תכסה עתה על פשעך.— בהחלק השני מהווינשפינגעריל כתבתי פרק כ״ח והוא בכמותו פי שנים מהחלק הראשון ואולי עוד יותר, ובאיכותו עוד יעלה עליו. הפרקים החדשים שכתבתי אחרי נסיעתך מאדעסא טובים ויפים עד להפליא, כאשר תראה בעיניך. — בן־עמי איז נעכטען געקומען. ער האָט שוין עפיס אנגעשריבען און שרייבט נאך עפיס[131]). לילענבלום האָט אויך צוגעזאגט באַלד עפיס אנצושרייבען[132]). הכלל נעהמט זיך שוין צו אייער זאַך און עס וועט איה״ש זיין רעכט. וועגען סלאַוויטע איז אַזוי: זאגען זאגט דאס פאָלק סלאווויטע (מיט אַיין ע׳) אונ שרייבען שרייבט מען סלאַוויטאַ (אַזוי שטעהט געדרוקט אויף אַלע סלאַוויטער ספרים)[133]). הנני הרוצה בתשובת״ך השלמה והמבקש לראותך בתור הסופר המעלה ולהתענג על ילדי רוחך[134]).

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

[איבערזעצונג]

[דאָס איז די ענדערונג אין דיין שטימונג און אין דיין ליבשאַפט צו מיר.

פאַראַיאָרן האָסטו דער ערשטער אָנגעהויבן און מיך געבעטן, איך זאָל באַ דיר נעמען האָנאָראַר נאָך איידער איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט פאַר דיין בוך פ״ב, איצט, אַז מיין אַרבעט איז שוין פאַרענדיקט ווי ס׳דאַרף צו זיין און איך האָב דיר מיטגעטיילט, אַז די צייַט איז מיר ענג און איך קאָן נישט אויסהאַלטן די לאַסט פון דרוקן מייַנע ביכער, וואָס דאָס פאָדערט אַסאַך געלט, און פון דער קלעם האָב איך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר שיקן דעם האָנאָראַר פאַר דער שווערער אַרבעט מיט מאַרך און בלוט,— האָסטו מיך פאַרשעמט און ביסט מיך אָפּגעקומען מיט גאָרנישט! גלויב מיר, ווען נישט דער בונד, וואָס מיר האָבן געשלאָסן, וואָלט איך זיך צו דיר מער נישט געווענדעט... אָבער מיין ליבשאַפט דעקט איצט דיין זינד. — אינעם צווייטן טייל ווינשפינגערל האָב איך אָנגעשריבן דאָס קאַפּיטל 28; ער איז צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי דער ערשטער טייל, עפשער נאָך מער, און אין קוואַליטעט וועט ער אים נאָך איבערשטייַגן. די נייַע קאַפּיטלען, וואָס איך האָב אָנגעשריבן נאָך דיין אָפּ־פאָרן פון אָדעס, זיינען גוט און שיין צו באַוואונדערן, ווי דו וועסט זען.] —

40.

[צו דעמזעלבן]

אָדעסאַ 17 יולי 1889

מיין טהייער אייניקיל!

הגבאי מחברת „גמלות חסדים״ פה התנהג עמי הפעם בחסידות וסילק לי תיכף הסך ובזה היתה לי הרוחה פורתא מנושי. שיטת הצמצום שחדשת פתאם בכמות ספורי, המיוחד „להביבליותיקי״, לא לבד שאינה מסכמת לדברי מכתביך הראשונים, שבהם גלית רצונך להדפיסו בספרך עד גמירא בפעם אחת, אלא שאינה מסכמת עוד לתועלת עצמה של הביבליותיקי. בשעה זו שגברה הקטגוריא והני כלבי דחציפין מסיטרא אחרא נובחים ומכרכרים כמה כרכורים לפגוע בה, מפני שמרגישים בנפשם, כי אם תתקיים היא, הם לא יוכלו להתקיים[135])—בשעה זו צריכה הביבליותיקי להופיע בהדר גאון עוזה ולהראות לכל העם את

יפיה ועושר כבודה במאמרים יקרים טובים ומועילים, למען שיבושו ויבהלו מאד כל אויביה ויסכר פיהם כרגע. וזאת היא באמת אחת מהסבות הגדולות שהכריחה אותי להנזר מתענוגי הקיץ הזה והטיול בשדי חמד, הדרושים לבריאות גופי, ולהסגר בביתי ולכתתוב ביגיעת נפש את ההמשך מספורי לשם כבוד הביבליוטיקי. כל כחות גופי ונפשי היו משועבדים אך לה. ואם יש בלבך קצת ספק בדברי עתיד אני להראותך בימים הבאים כי בשיטת הצמצום רב כחי כל כך, עד שלא יהיו ממאמרי אפילו סימן־מה... אמת כי אתה מוקיר ואוהב אותי בכל לבך ודברי מכתביך ישעשעו נפשי, אבל במכתבך האחרון יש איזו דברים קשים המרים לי כלענה ומשפילים את כבודי ויותר טוב היה לשנינו אלמלי לא הוצאתם מפיך. — מתי, ולאן אשלח לך ההמשך מספורי? — הודיעני!

איך שיק היינט מיין טהייער איינִיקיל אַ מתנה — „דיא קליאַטשע". נעהמט אָן פאַר ליב דיא קליינע מתנה, וואָרים איך גיב זיא פונ׳ם גאַנצען האַרצען. נאָך איינע שיק איך אויף אַייער אדרעס פאַר הר״ר קאַראַסיק. וואָס מאכט אַייער נייער ראָמאַן? זענט איהר שוין צופרידען מיט אַייער ארבייט?[136] מיין זוהן האָב איך געשריבען וועגען אייך. לאָמיר זעהען וואָס ער וועט ענטפערען[137]). טאָמיר וואָלט איהר מיר געקענט מיטהעלפען צום פאַר־ברייטען די קליאַטשע אין דער וועלט דורך אייער וואָרט, דורך אייערע מענשען און אַגענ־טען? איהר וואָלט מיר דערמיט געטאָן אַ גרויסע טובה. — אייער זיידע וואָס האט אייך אמת ליב

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

[איבערזעצונג]

[אָדעס, 17 יולי 1889

מיין טייער איינִיקל!

דער גאַבּע פון דער כעוורע „גמלות חסדים" האָט זיך מיט מיר דאָס מאָל אויס־געהאַנדלט לייטיש און האָט מיר באַלד אויסגעצאָלט די סומע; דערמיט איז מיר אַביסל לײַכטער געוואָרן מיט מײַנע מאָנער. די סיסטעם שפּאָרעוודיקייט, וואָס דו האָסט פּלוצים איינגעפירט בענעגייע מיין דערציילונג, וואָס איז באַשטימט פאַר דער „ביבליאָטעק", איז נישט נאָר, וואָס זי שטימט נישט מיט דײַנע רייד אין די ערשטע בריוו, אַז דו וועסט זי [די דערציילונג] דרוקן אין דײַן בוך פּאַראַמאָל ביזן סאָף,— זי שטימט אויך נישט מיט דעם נוצן פון דער ביבליאָטעק גופע. אין אַ צײַט, ווען די אָנפאַלן האָבן זיך אַזוי פאַרשטאַרקט און די פאַרשײַטע הינט פון דער סיטרע־אַכרע בילן און שפּרינגען דורכאַנאַנד זי [די „ביבליאָטעק"] צו שעדיקן, ווײַל זיי פילן, אַז אויב זי וועט זיך האַלטן, וועלן זיי זיך נישט קאָנען האלטן,—אין אַזאַ צייט דאַרף די ביבליאָטעק אַרויס אין איר גאָרער פּראַכט, אַלע זאָלן זען איר שיינקײַט און רײַכן אינהאַלט, מיט גוטע נוצלעכע אַרטיקלען, און אַלע אירע פײַנט זאָלן פאַר־שעמט און דערשראָקן ווערן, און זייער מויל זאָל באַלד פאַרשטאָפּט ווערן! דאָס איז ווירקלעך איינע פון די גרויסע סיבעס, פאַרוואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון זומער־פאַרגעניגן, פון פאַרברייגגען אַף אַ זומער־ווױנונג, וואָס איך דאַרף עס האָבן צום געזונט, צו פאַרשפאַרן זיך אין דער היים און שרייבן מיט גרויס אָנשטרענגונג דעם העמשעך פון מיין דערציילונג פון דער ביבליאָטעק וועגן. אַלע מיינע קערפּער־לעכע און גײַסטיקע קרעפטן האָב איך אָפּגעגעבן נאָר פון אירעט וועגן. אויב דו צווייפלסט כאָטש וויפל ס׳ניט איז אין מיינע רייד, בין איך גרייט דיר צו ווײַזן שפּעטער, אַז אין דער סיסטעם שפּאָרעוודיקייט בין איך אַזוי שטאַרק, אַז פון מיינע

אַרטיקלען וועט אַפילע קיין שפור נישט בלײַבן... עמעס, דו שעצסט מיך און האָסט מיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן און דײַנע בריוו זײַנען פאַר מיר אַ פּאַרגעניגן, אָבער אין דײַן לעצטן בריוו זײַנען פאַראַן אייניקע האַרבע ווערטער, וואָס זײַנען מיר זייער ביטער און דערנידעריקן מיין קאָוועד. בעסער וואָלט געווען פאַר אונדז ביידן, ווען דו וואָלסט זיי נישט געווען אַרויסבּרענגען פון דײַן מויל. —

ווען און ווהין זאָל איך דיר צושיקן דעם העמשעך פון מײַן דערציילונג? — גיב מיר צו־וויסן!]

41.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 9 אַווגוסט 1889

טהייער אייניקיל!

צוגלייך מיט דעם דאָזיגען בריף שיק איך אייך ארויס אויך דעם צווייטען טהייל פונם „ווינשפינגעריל״. איך בעט אייך, וויא באַלד איהר וועט דעם פּאַקעט דערהאַלטען, תיכף טאַקי מיר שרייבען אַ קבלה, בכדי מיך צובערוהיגען. הויבט אָן למזל שוין צודרוקען אונ גאט ברוך־הוא זאל אייך העלפען. עס טהוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס אייער נייער ראָמאַן, איז אייך געראָטהען אונ איז וויא איהר זאָגט: „לא בא כבושם הזה!״[138] הלוואי, אמן, רבונו של עולם! זעהט למעה״ש ולמעה״ש אַז היינטיגער 2 טהייל פון דער „פ״ב״ זאל זיין אַנטיק שבאַנטיק. אויב חלילה עס מאַכט זיך דאָרט עפּיס אַ פעהלער, וועל איך אייך בנאמנות נישט מוחל זיין. היט אייך, אייניקיל, גוט די ביינער. — די לעצטע צייט בין איך, לא עליכם, עפּיס אַלץ נישט געזונט. דיא אַלע שרייבער אייערע וועל איך זאָגען וויא איהר ווילט, נאָר צו מרגליות׳ן מוזט איהר אַליין שרייבען הגם איך וועל איהם אויך זאָגען, ווייל ער איז תמיד זעהר בעשעפטיגט אונ פאַרגעסט. — אייער[ע] ליבע קינדערליך ווינש איך, זייא זאָלן גיך אונ באלד בעקומען אַ רפואה שלמה. — מיין ווינשנפינגעריל, בעט איך, זאָל מען דרוקען שיין, אָהן גרייזען. פון דיא ערטער דאָרט, וואס זענין נישט אַזוי ריין איבערגעשריבען, זאל מיר צוגעשיקט ווערען אַ קאָרעקטור. נאָך אַ מאָל: היט אַייך די ביינער! אַזוי זאָגט אָן דעם פערשייטען אייניקיל זיין געטרייער זיידע

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

42.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 18 אַווגוסט 1889[139]

שלום עליכם טהייער אייניקיל!

אַבי דאָס ווינשפינגעריל איז שוין בייא אייך אין די הענד בין איך שוין רוהיג. ווען נישט אַלע קאָרעקטען זאל מיר חאָטש צוגעשיקט ווערען אַ קאָרעקט פון יענעם שטיקעל וואו מלכה־טויבע רעדט אין קעך מיט דער קעכנע[140], ווייל דאָרט האב איך צוגעשריבען מיט קליינע אותיות׳ליך. — וועגן דעם אויסלייגיכטס זאל אייך גאָט היטען צוקרימען בא מיר עפּיס אַ האָר. אנשטאט „געלט״ שרייבען „געלד״ ווי אויך האַנט — האַנד, וואַנט — וואַנד וכדומה, דאס איז זעהר

ריכטיג און אַזוי מוז זיין (איך שרייב אויך אַזוי) אבער חוץ דעם זאג איך אייך בפירוש: הזהר והזהר! אייער „שאַן" איז ביי מיר שטאַרק מיאוס, אייער „וואָלדעל[141]) טויג ביי מיר אויף כפרות. חלילה וחס איהר זאָלט מיר עפּיס ענדערען. דאַס גאַנצע ווינשפינגעריל וועט מיר ווערען נמאס־ומאוס און איך וועל עס נישט וועלען אָנקוקען אַפילו. אויף מיין אויסלייגעכטס האָב איך תרפ"ץ טעמים. און איהר לעהרענט מיך נישט, איך בעט אייך, חלעבין! (טאַקי, „חלעבין" און נישט „כ׳לעבּען" מיט יודישע חכמה׳ליך, אָדער כ׳לעבּען).

דער צווייטער טהייל „וו"פ" [142]), וויא איר וועט אַרויסזעהען, מוז אָפּגעדרוקט ווערען אין גאַנצען. אונ אויף ווייטער איה"ש וועט איהר נישקשה פארשפּאָרען „זיך שטאַרק איבערצושרעקען אונ אפלייענען קריאת שמע...." (אייערע 4 פינטליך)........ (און דאָס זענען מיינע 8 פינטליך) דעם דאָקטאָר מאַנש [143]) אין לעמבערג האָב איך היינט געשיקט מיינע ספרים וויא איהר שרייבט. — איך האב גרויס פאַרגניגען דערפון וואס אייער סטעמפּעניו איז איבערזעצט אין דער דייטשע שפּראַכע און דרוקט זיך אין איזראַעליט. — איך דאַנק אייך 1000 מאל פאַר אייער גוטסקייט „צוהעלפען אויסברייגגען מיינע ווערק". דאָס דרוקען האט מיך געקאָסט אַ שטיק געלד, איבער מיינע כחות אונ אין דעם ענין פון אויסברייגגען בין איך אַ לא־יוצלח. — אָך, איך בין אַצינד עפּעס נישט געזונד(ט [144]) און זעהר שלעכט געשטימט! זייט האַ, אפשר גאר זייד? — זייט — (сторона, страна, бокъ) מיר געזונד (טאַקע מיט אַ ד׳, וואס געזונד הייסט) וויא עס ווינשט אייך אייער זיידע

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

43.

[צו דעמזעלב]

אָדעססאַ 14 נאָוועמבער 1889

אַ גאָט־העלף, מיין געליבט, טהייער איינקיל!

אַייער בריף [145]) מיט דיא ק"ן קערבליך האָב איך מקבל געווען. אַ שיינעם דאַנק אייך, וואָס איהר האָט זיך דערמאָהנט אין דעם זיידען פונקט אין אַזאַ צייט, וואָס איך בין אין דער קלעהם אונ געניייטיג מיך שטאַרק אין געלד. קיינמאָל איז מיר נאָך נישט אַזוי איינג געווען וויא היינט, ווייל איך האָב אַריינגעלייגט אין מיינע ספרים „דיא קליאַטשע" אונ „פישקע דער קרומער" אַקעגען אַ טויזענט קערבליך אונ וויים נישט וויא דאָס געלד אַרויס־צונעהמען. אַזוי גוט וויא איך קען שרייבען ספרים אַזוי קען איך נישט זייא אויסברייגגען. איך בין דרינען אַ טויגעניכטס, אַ גרויסער עם־הארץ. דערבייא בין איך שטענדיק בעשעפ־טיגט, אויך שוואַך, צעבראָכען לא עליכם. הכלל איך בין אַריין ביז דעם האַלז אין חובות אונ ס׳איז שלים. מיין דרוקער וואַרשאַווער האָט מיר גאָר מיאוס אָנגעפייפט אונ זיך מיט מיר אָפּגערעכענט זעהר נישט שיין, וויא איך האָב עס בייא איהם פערדינט. ס׳איז געגוג דאָ צו דערצעהלען, נאָר וואָס העלפט עס פאַרפאַלען! — טהייער איינקיל, איהר האָט מיר עפּיס אַמאָל געשריבען, אַז איהר האָט בדעה עפּיס צוטאָן וועגן דעם פאַרקויף פון מיינע ספרים. טהוט זשע טאַקי מיט אייער גוט האַרץ וואָס נאָר איהר קענט אונ דערפרייעט אייער אַלטען זיידען. לאָז ער אויף דער עלטער נחת האָבען פון זיין איינקיל! [146]) — — אַך, וויא דערלעב איך שוין זעהען אייער „יאָסעלי סאָלאָווייא" [147]). אַ פנים איהר ווייסט דען וויא איך בעט גאָט, אַז אַייער יאָסעלי זאָל זיין אַ גוט קינד, אַ פיינס אַ גראָטענס. אייערס אַ „קינד"

איז מיר זעהר טהייער, איך וויל עס זאָל אָנטאָן כבוד אייך אונ אויך מיר, אייער זיידען. זיידעס, זאָגט מען, האָבן אַמאָל ליב די אייניקליך נאך בעסער וויא אייגענע קינדער.—אין פעטערבורג האָב איך געשריבען[148], מרגליותן האָב איך אויך געבעטען, נאָר וואָס העלפט עס, אַז איטליכער איז פאַרטראָגען אונ ס׳איז גרינגער צוצוזאָגען וויא צוטאָן... איך האָב אייך געבעטען אַריינצושיקען מיר דיא אָפּגעדרוקטע בלעטער פונם „ווינשפינגעריל״ מהאי טעמא ווייל איך וויל מיך דיא טעג נעהמען צום דריטען באַנד, מוז איך פריהער גוט איבער־לייענען דאָס פריהערדיגע. טהוט זשע מיר די טובה און שיקט. פונם דאָקטאָר מאנש[149] האָב איך צוריק מיט אַ פּאָר חדשים בעקומען אַ בריף אין וועלכען ער האָט זיך צולאָזט מיט אַ לאַנגער קריטיקע איבער מיינע ספרים אונ הייבט מיך אויף דריקעס ביז צום הימעל. ער זאָגט אויף מיר עפּיס אַזעלכע שבחים, וואָס איך שעהם מיך, אַליין זייא אייך איבערצו־געבען. אויך האָט ער אַריינגעשיקט 5 פלאָרין אויף מיינע ווייטערדיגע ספרים.— אוי, גאָט ווייסט אויב איך וועל אין שטאַנד זיין אַליין זייא באַלד הערויסצוגעבען! עס טהוט מיר זעהר לייד, נאָר וואָס קען איך טאָן?— א חרפה, חלעבין, איך האָב איהם נאָך נישט גע־ענטפערט, נאָר דיא טעג וועל איך מיר אָנטאָן אַ כח, זיך נעהמען צייט אונ אים ענטפערען. זייט זשע מיר געזונד, מיין גוט אייניקיל, אונ פאַרגעסט אויף ווייטער נישט דעם זיידען וואָס האָט אייך אמת ליב

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

44.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 27 דעצעמבר 1889

מיין טיף אין האַרצען אַיינגעבאַקען אייניקיל!

היינט האָב איך ערהאַלטען אייער בריוויל אונ אַייל מיך גיכער אָפּצוענטפערען. מיט דער „הקדמה״[150], וואָס איהר פערלאַנגט, זענט איהר מיר אַריינגעקראָכען סאַמע אין דערמיט, ווען איך בין שטאַרק בעשעפטיגט מיט דיא חשבונות אונ דעם „אָטשאָט״ פאר דעם יאָהר 1889 פון דער ת״ת. דער קאָפּ איז מיר פאַרדרעהט אונ דערצו נאָך בין איך, לא עליכם, שטאַרק בעטריבט פון מיינע עגמת־נפש׳ן אונ אַז אויף מיר ריקט זיך אָן אַ מרה־שחורה, דענסטמאָל בין איך אַליין נישט מיינער אונ קיין זאַך געהט מיר נישט אין קאָפּ אַריין. פון דעסטוועגען וועל איך מיך פריווען, אפשר וועל איך אין עטליכע טעג אַרום עפּיס קענען אָנשרייבען. וועגען מיינע ספרים נעהם איך אָן אייער פּלאַן, אדרבה אייניקעל שרייבט זיך סאַקי דורך מיט אַייערע אַגענטען, וויא איהר זאָגט אונ פאַרקויפט זייא במזומנים צו קערבליך אַ פּאָר (נישט ווייניגער[151] פון פינף הונדערט פּאָרליך)[152]. אַ חוץ דעם זאָלט איהר דרוקען מודעות מיט דיא בעקאַנטע מקחים, ווי עס שטעהען געדרוקט אין געוויסע גאַזעטען, נאָר לייגט צו אַביסיל שמאַלץ, אַביסיל זאַלץ וויא איהר פארשטעהט אולי ירחם, הכלל אייניקיל טהוט, לייגט זיך אין דער ברייט און העלפט אַ זיידען. ווער דען זשע, ווען נישט איהר, אַ לייבליך אייניקיל?—גאָט זאָל אייך געבען אַ בייא, גוט יאָהר מיט פיל מזל אונ גליק וויא עס ווינשט אייך פונם גאַנצען האַרצען אַייער געטרייער זיידע

מענדעלי מו״ס.

45.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 5 יענואַר 1890

מיין טהייער אייניקיל!

איך שיק אייך דאָ אַריין אַ הקדמה[153]) וויא איהר האָט געווינשען. לייענט זיא נאָר מיט קאָפּ פון אָנהויב ביז דעם סוף, וואָרים אין איהר איז באמת נישטאָ קיין איבעריג וואָרט. זיא איז וויא אויסגעגאָסען, ענטהאַלט אין זיך דיא אַלע וויכטיגע שאלות, איבער וועלכע מען שפּאַרט זיך היינט בייא אונז; זיא דערלאַנגט אויך הינטען־אַרום, פאָרענט־אַרום אַלע שונאים און קריטיקער אַייערע, וואָס האָבען אַקעגען דעם יודישען לשון און דיא ספרים אין איהם פאַראַיאָרען אַזוי פיל געשריבען[154]). לייענט עס, איך בעט אייך, מיט כוונה און שרייבט מיר באַלד צי זענט איהר צופרידען. דעם טיפּ פונם פעטער שמעריל וועט איהר מסתמא פאַרשטעהען, דאָס איז אַ בילד אי פון א י נ ע ם אַ געוויסען, אויך פון אַסך אַזעלכע בייא אונז אין אונזער צייט.

איך האב נישט קיין צייט, איך בין שטאַרק פאַרנומען און אַייל מיך זעהר. לאָז די הקדמה, וועלכע איך האב געשריבען אַצינד, ווען איך בין אַזוי צוטראָגען, אייך בעווייזען וויא שטאַרק איבערגעבען איך בין אייך און אייער „פאָלקסביבליאָטעק" ותרצני און איהר זאָלט מיך בעוויליגען אמן סלה.— שרייבט!

אַייער אמת געטרייער

מענדעלי מו"ס.

46.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 19 יענואַר 1890

טהייער אייניקיל![155])

וועגען דער הקדמה איז אַזוי: איך האָב מיר געטאָן מיינס—געשריבן דאָס וואָס מען בעדאַרף, וואָס דער אמת איז, וויא דער שטייגער מיינער איז, אַרויסצושטעלען פאַרבאָרגענע מכות, אַ פּיק טאָן, טרעפען אין קאַרב עס זאָל אויסרינען דער אייטער. אַ פּיק טהוט טאַקי וועה, נאָר נישקשה, דערפאַר אָבער היילט זיך דיא מכה אויס גיכער און בעסער וויא מען וואָלט זיך מיט איהר געשטיקט, זיך נישט וויסנדיג געמאַכט. פאַרשטעהט איהר מיך, פון שפּרעכער (פון גלאַט אַזוי מאמרים) האַלט איך נישט. איך ווייס מיר נישט מעהר וויא מיין קליפּערגעצייג און טהוא וואָס מען בעדאַרף און אויב איהר זענט אַ בעל־פּחדן, האָט מורא פאַר אַ פּיק—האַלט־זשע זיך געזונטערהייט מיט מכות און האָט אַייך צוטאָן מיט ש פ ר ע כ ע ר, מיט א ו נ ז ע ר ע ט אָ ט ע ר ס... ריין גערעדט, איהר מעגט אייך גאָר נישט דרוקען מיין הקדמה, אויב אייך קוועטשט עפּיס. איך וועל אויף אייך דערפאַר, אָסור, קיין שום פאַראיבעל נישט האָבען.—און מכח דעם וואָס איהר זאָגט „אַז סובל קענט איר נישט זיין דאָס וואָס ווערד אָנגערופן אַ ל ו ע ג ל ר ש", פאַרשטעה איך כלל נישט, וואָס איהר מיינט דערמיט, וואָס געהער עס זיך אן מיט מיר, מיט מיין הקדמה? — אַ לועג לרש איז אַוודאַי אַ גרויסע עברה, נאָר ווען? אַז דער „רש" איז זיך אַ שטילער קבצן נעביך־

אָבער אַז דער „רש״ איז אַ „דל גא״ שטופּט זיך צווישען דיא רייכע, נאָכטאָן דער מאָדע, אָדער אַז דער נאַר וויל אַלץ אַרויסווייזן זיינע נאַרעשקייט, איז נאָך דערצו אויך אַ גרויסער עזות פּנים און פאַלט אָן אויף קליגערע פון איהם [156])—דענסטמאָל איז אַ גרויסע מצוה אָנצולעהרנען דעם נאַר, דעם קבצן, לאָז ער זיטצען שטיל און זיך נישט שטופּען.—מיין הקדמה איז אַ נוס מיט אַ געזונטען יאָדער. אַייך ווילט זיך—וויא איך זעה פון אייער בריף—אַרויסוואַרפען דעם יאָדער און דער נוס זאָל בלייבן גאַנץ, אַדרבא, אייניקיל, ווייזט! אַזאַ קונץ וויל איך זעהר זעהען. באמת טאַקי, פּריווט מאַכען וויא אייער צווייטער פּלאַן איז: דאָס הייסט, איך זאָל מיך אויף אַייך פאַרלאָזען און איהר וועט מיין צוגעשניטען שטיקעל אַרבייט צונויפנייען. אָך, מהיכא־תיתי, אויב ס׳איז נאָר מעגליך! נאָר שיקט מיר פריהער (פאַרן דרוקען) צו אַייער צונויפגענייעטע אַרבייט (אין־איינעם מיט מיין אַרבייט, דעם אָריגינאַל) איך זאָל זעהען אויב פון מיין צוגעשניטען רעקיל איז בייא אייך פון אונטער דער נאָדעל נישט אַרויס גאָר אַ פּאָר תחתונים אָדער אַ לאַפּענמיטצעל. אַ־נוּא, אייניקיל, פּריוווט זיך, גיט אָפּ פּאַר דעם זיידען עקזאַמען. לאָמיך אַייך פאַרהערען! גלויבּט מיר אַז איר וועט עס מאַכען גוט, וועל איך אייך אַ קניפּ טאָן אין בעקעלע און האָבּען שטאַרק הנאה, וואָס השי״ת האָט מיך בעגליקט אויף דער עלטער מיט אַזאַ תכשיט, אַ כלי־שלמה. — אַ־נוּא, אייניקיל, זאָג איך: „הנו בידך אך את נפשו שמור״ [157]) דאָס הייסט, קנאַקט דעם נוס נאָר ער—דער יאָדער, היט זיך, זאָל בלייבּען גאַנץ.—נישט לאַנג האָבּ איך דערהאַלטען אַ בריף פון מיין זוהן, אין וועלכען ער גריסט אייך גאָר פריינטלעך און פרעגט מיך, אויב איהר, אייניקיל, טהוט עפּעס פּאַר דעם זיידען און העלפט איהם אויסברייגגען זיינע ספרים.—האַ, איהר שווייגט עפּיס! איך וואַרף מיך חלילה אויף אַיַך נישט אָן. ווען איך זאָל וויסען דאָס איז פּאַר אייך אַ טירחא, וואָלט איך נישט געוואָלט מיט אייך גאָר דערפון ריידען, איהר זאָלט מיך אַפילו אָפּגילטען. טובות מיט געוואַלד האָבּ איך פיינט און עס שטעהט מיר גאָר נישט אָן זייא אָנצונעהמען — נאָר איהַר אַליין האָט דאָך עס מיר — וויא אַ גוט קינד — פירגעלייגט; איהר אַליין פּאַר געטריישאַפט צו מיר האָט זיך דאָך אונטערגענומען אַרויסצוהעלפן דעם אַלטען זיידען, וואָס־זשע זענט איהר פלוצלים אַנשוויגען געוואָרען?

שרייבּט מיר, איך בעט אייך, אין גיכען אַ תשובה. ווען וועט שוין לסוף זיך אָפּדרוקען „די ביבּליאָטהעק״? [158]) האַיעט נישט, שוין צייט, לאַנג צייט חלעבּין!

זייט מיר געזונט, בעגעהרט און שרייבּט בהתמדה און בלייבּט אַ גוט עהרליך קינד.

הקטן מענדעלי מוכר ספרים.

47.

[צו דעמזועלבּן]

אָדעססאַ 2 פעבּרואַר 1890

מיין טהייער ליבּ אייניקיל!

טהוט אַזוי וויא איהר שרייבּט אין אייער בּריף מכח מיינע ספרים. איך פערלאָז מיך אויף אייך און השי״ת זאָל געבּען עס זאָל זיין מיט מזל. — זייט רוהיג די „קריטיק״ וואָס איהר האָט מיר צוגעשיקט וועט קיין אויג פון אַ מענטשן נישט אָנקוקען. דיא הקדמה צו איהר איז זעהר גוּט געשריבּען. לייענ(ע)ט אין „המליץ״ דאָס אַרטיקיל „חטאת סופרים״ [159]) און פערגלייכט עס (דעם סוף בעזאָנדערס) צו מיין „הקדמה״ וועט איהר גֿעפינען איינע רייד מיט דעם פעטער שמעריל... דאס איז דאך באמת אַ חידוש נפלא! ס׳איז עפּיס נאָר אַ נבואה! — קוקט, זייט מוחל, מיט אויגן און פאַרשטעהט... בּינשטאָק שרייבּט מיר, ער

האָט אייך צוגעשיקט אַ ספור המעשה אונ בעט מיך, זאָגען דאַרויף מיינע מבינות. מסתמא וועט דאָך עס בקרוב געדרוקט זיין [160]). דינעזאָהן האָט מיר במתנה צוגעשיקט זיין „אבן נגף. אַ שטיין וכו׳ [161]) ער וויינט נעביך דאָרט, גיסט מיט טרעהרען אויף איטליכס בלעטיל אַז „אַ שטיין״ אַפילו קען צוגאָסען ווערען. אַ בעל־בכי איז ער, איינער טאַקי אין דער וועלט, ער וויינט מיט חשק, עס פליסט אין זיין ראָמאַן טייכען טרעהרען — לאקריץ אונ האָניג. אונ ער — פאַרשטעהט איהר — שרייבט מיר אין דער אויפשריפט אויף זיין בוך „הצעיר שבתלמידיו״! [162]) — אַ רחמנות חלעבין. מען בעדאַרף איהם פאָרט ענטפערען. איך וועל איהם שרייבען אַ טרייסט־בריוועל, איהם בעטען, שאַ, שאַ, ער זאָל נעביך נישט אַזוי וויינען! (זאָל דאָס בלייבען צווישען אונז בסוד) זעט־איהר מיט זיין „אבן נגף״ האָט ער אַליין טאַקי פאַרענטפערט די קשיא, וואָס ער האָט אייך געפרעגט מה נשתנה [163]) אַ יודישער ראָמאַן פון דיא גויעשע. ער האָט באמת טאַקי אָנגעשריבען אַ יודישען ראָמאַן. לייענט, זייט מוחל, וועט איר זעהען — נישטאָ קיין צייט. איך אַייל מיך. שרייבט!

זייט מיר געזונט אונ שטאַרק אונ טראַכט טראַכט אַרום אייער ויידען מענדעלי מוכר ספרים.

48.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 5 אַפּריל 1890

מיין פאַרשייט אייניקל!

איך מיט מיין ווייב בעטען אייך זעהר, איר זאָלט האַלטען וואָרט אונ למעה״ש גלייך פאַרפאָהרען צו אונז אויף סטאַנציע, נישט אַנדערש [164]). דעם טעם פאַרוואָס איך האָב אייך ביז אַצינד נישט געשריבען און פאַר וואָס איך שרייב אייך אַצינד ווייניג, נאָר געצעהלטע ווערטער — וועט איר וויסען איה״ש, אַז איהר וועט בייא אונז זיין אונ איך וועל מיך מיט אייך אַביסל איבערשמיעסין. דערווייל זייט געזונד אונ גריסט פון מיר אונ מיין ווייב אייער געשעטצטע פרויא.

הקטן מענדעלי מו״ס.

49.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ, 28 אויגוסט 1898

ליבער, האַרציגער אייניקיל!

באַלד ווי איך האָב בעקומען אייער בריף האב איך אָנגעגורט מיינע לענדען און בין געלאָפען גרינג וויא אַ הירש, שטאַרק וויא אַ לעמפערט צוטאָן אייער ווילען אונ איך בין אַריין מיט אימפעט צו מרגליות׳ין אונ איהם אַ חאַפּ געטאָן אונ איהם געטאָן טאָן אַנידער־זעטצען לעבין טיש אונ ער האָט זיך געקליגט אונ אָנגעשריבען ל. בראָדסקין [165]) אַ בריף אונ איך האָב גענומען און שיק דעם בריף אייך אריין, איהר זאָלט וויסען וואָס צו טאָן. ר׳ אברהם גרינבערג איז נישטאָ אין אדעססאַ. מילא וועט מען זיך מוזען בעגעהען אָהן איהם. מרגליות זאָגט אַז נאָך זיין בריף צו בראָדסקין איז וויינשטיינס בריף אַיין איבעריגע זאַך, ער איז מיט איהם גאָר נישט אַזוי בעקאַנט. לאָז זיין אַזוי, וואָס קען עס מיך אַרען, האַ?!

שולמאַנען[166] האָב איך היינט אויך געשריבען. לאָז מיין חתן צו איהם אַריינגעהן מיט אַ גריס פון מיר אונ אַז ער, שולמאַן, וועט מיט איהם רעדען פון מיין בקשה, לאָז ער, דער חתן מיינער, איהם אויך בעטען, אפשר וועט גאָט חסד טאָן אונ דיא בקשה וועט אָנ־גענומען ווערען. וואָס נאָך? דאַכט זיך מעהר איז נישטאָ וואָס צושרייבען, נאָר אָפּגעבען אייך א שבח והודיה פאַר אַייער מיה, פאַר אַייער פריינדשאפט אונ ווינשען אַייך אז, אז, אז... ווייס איך וואָס? אז אייערע פיס זאָל[ען] אייך דינען, אז אחשתרונים זאָלען טאַקי זיין רצים דחופים ומבוהלים[167] ביז הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר אונ עס זאָל זיין שמחה וששון. טאַקי ליהודים, וואָס ליהודים הייסט. עס געהט דאָך עפּיס אַ נייא יאָהר בייא אונז, יודען, זייט זשע מיר געזונט אונ גליקליך, איהר מיט אייער ווייב אונ קינדערליך, איהר זאָלט אויסבעטען אַ גוט יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה אונ אַל־דאָס גוטס, וויא איהר ווינשט אייך אַליין אונ וויא עס ווינשט אייך אייער אמת'ר פריינד הקטן מענדעלי מוכר ספרים מק"ק קאַבצאַנסק.

50.

[צו דעמזעלבן]

אָדעססאַ 8 מאַרט 1902

שלום עליכם ליבער אייניקעל! אַ לאַנגע צייט טאַקי אַז מען האָט איינער פונם אַנדערן נישט געהאַט קיין תמונת אות. פאַר וואָס, פאַר ווען? טאָמיר ווייסט איהר? — גלאַט אַזוי, יודען זענען תמיד פאַרטראָגען, דער קאָפּ טראָגט, דער גוטער יאָהר ווייסט וואָהין. מילא, עט גאָרנישט, לאָמיר בעסער שמיעסין עסק. הייסט עס אַ־פּנים, איהר מיט נאָך אַ פּאָר חברה־לייט, ווי איהר זאָגט, האָבען איבערזעטצט פינף קאַפּיטליך פונם ווינשפינגעריל, אונ אַ 5—6 פון מסעות בנימין השלישי. פאַר וואָס זשע, רב אחשתרנים, האָט איהר אין יאָגעניש מיר נישט מודיע געוועז וועלכע קאַפּיטליך זענין עס איבערזעטצט געוואָרען? — הלואַי רבונו של עולם איך זאָל צופרידען זיין. לעת־עתה בין איך אין־איינע שרעק. איך ווייס, אַז מיינע נפשות איז זעהר שווער איבערצוגעבען.

דאָ האָט איהר פאַר אייך אַ צעטיל פון בעשרייבונגען איבער מיר און מיינע ווערק אין רוסישען, לויט אייער פאַרלאַנגען. פון יענער צייט, ווען דיא בעשרייבונגען זענין גע־דרוקט, האָב איך געשריבען נאָך פיל אַנדערע ווערק. דאָס וועט איהר שוין מוחל זיין אַליין מוסיף זיין. דיא געצייכענטע בעשרייבונגען וועט איהר בעקומען בייא אייך אין קיוב זעהר גרינג. — בילדער שיק איך צוויי, נעמט וועלכע עס וועט אייך בעסער געפעלען. נאָר דער עיקר איז זייא זאָלען דאָרט גוט געמאַכט ווערען, נישט אַזוי וויא דער „יוד"[168] קבצניש. יאָ, אַ מדובר[169] האָב איך מיט אייך, דיא בילדער זאָל מען מיר דערנאָך צוריקשיקען, וואָ־רים, איך האָב זייא אויסגעבעטען בייא דיא קינדער מיינע מיט דעם תנאי, אַז איך וועל זייא אָפּגעבען צוריק נאָך מיט פּראָצענט, מיט אַ פּאָרטרעט, וואָס דיא רעדאַקציע וועט אַראָפּ־נעהמען. געדיינקט זשע, איהר זאָלט מיך נישט מאַכען חלילה פאַר קיין ליגנער.

מיין הויזגעזינד האָט אייך כלל נישט פאַרגעסען, וויא איהר מיינט. זיא גריסט אייך און אייער הויזגעזינד אינאיינעם מיט מיר גאר פריינדליך.

שרייבט מיר אַביסיל האָטש פון אייך. איך שרייב דעם דאָזיגען בריף בייא נאַכט, שוין שפּעטליך, עס ווילט זיך שלאָפען. האָט זשע מיר אַ גוטע נאַכט!

ענטפערט למעה"ש באַלד אייער אַלטען זיידען וואָס האָט אייך הערצליך ליב
מענדעלי מו"ס.

P. S. Рѣшено было выслать только одну карточку, т. к. другая не хорошая.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 1 אַפּריל 1902

ליבער אייניקעל!

אָט האָט איהר אייך אין־קורצען אַ תשובה אויף אייער בריף פונ׳ם 29 מערץ, כסדר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

וועגען דיא איבערגעזעצטע קאַפּיטליך פון „ווינשפינגעריל״ און „מסעות בנימין״ האָט איהר טאַקי מיר אַלץ נישט געזאָגט וועלכע! אַזוינס טהוען טאַקי טאָן נאָר אחשתרנים. אוי, טהוא איך תפלה צו השי״ת אַז דיא איבערזעטצונג זאָל זיין געראָטען. הלואי, הלואי, רבונו של עולם!

וואָס איז דאָס פאר אַ ווערטער: „פישקע״ איז נישט געווען בייא מיר אונטער דער האַנד״? אַזוי שווער איז דאס אייך געווען צוקריגען? און אַז מען נעהמט זיך אונטער עפּיס אַרבייטען מוז מען אויסקראַטצען אַזוינס, וואָס מען ברויכט, אַפילו פון אונטער דער ערד. און וואס טהוא איך, אַז איך בעדאַרף? דיא גאַזעטע „רוסיא אונ אַזיע״ איז בייא מיר נישטאָ איהר קענט זיא בעקומען אין אייער יהופיץ טאַקי וואו זי האָט זיך געדרוקט.

היינט מכּח אייער בקשה וועגען דער ביאָגראַפיע מיינער, מוז איך פאַר צרות לאַכען. איהר זענט מיך מכבד מיט אַזאַ אַרבייט, וואָס איז היינט איבער מיינע כחות, קאַרג האָב איך אויף מיר אָהן דעם אויך. איך האָב נישט קיין צייט צו עטהמען, דעם שרייב, יענעם שרייב, דאָ פיהר אַ שוהלע, דאָ האַלט דרשות, געה זייא אַ שטאָדט בעל־טובה. אוי, וואו נעהמט מען כחות? פאַרגעסט נישט, איך בין דאָך עפּיס טאַקי אַ זיידע, שוין נישט קיין יונגער מאַן, אונ דערצו נאָך, צווישין אונז גערעדט, עפּיס אַ שטיקל עצל, לא־עליכם, אויך. נישקשה איהר זענט נישט קליין, מיין טהייערער אייניקעל, שרייבען די ביאָגראַפיע אַליין. קוועלען האָב איך אייך געצייכענט גענוג, איהר קענט צורעכענען דערצו מיין אויטאָביאָ־גראַפיע אויף לשון־קודש אין ספר הזכרון (וואַרשויא, נ. סאָקאָלאָוו). לייענט אויך איבער מיין ווידמונג (לכבוד) מ. מרגליות׳ן אין אָנהויב „פישקע״. לייענט אויך מיין „טאַקסע״, מיין „קליאַטשע״ וכ״ו, וכ״ו. לייענט אויך וואָס „שלום־עליכם״ אונ אַנדערע (ראבניצקי, עפּשטיין, פרישמאַן, דר. ש. בערענפעלד, בריינין וכ״ו וכ״ו) האָבען איבער מיר געשריבען, דער־קלעהרט: איבער וואָס אונ צוליב וואָס איך האָב געשריבען. הכלל, לייענט זייט מוחל אונ שרייבט.

ווייטער וואָס איהר בעט, צושיקען אייך דיא אַלע בלעטער אונ ביכליך, סייא די יו־דישע סייא דיא גוישע — דאָס איז ריין אוממעגליך. איהר ווילט אפנים איך זאָל דינגען אַ פערד אונ וועגעלע אונ זייא אייך ברייגגען צופיהרען? דען וויא קען עס זיין אַנדערש. מיין פערדיל איז, לא־עליכם, היינט נישט בקו הבריאה, עס ציהט איהם אַ פוס. וואָס־זשע טהוט מען? געהט מען זיך אַליין צו דיא חכמי יהופיץ און מען נעהמט בייא זייא די אַלע ביכער אין וועלכע מען געגייטיגט זיך. אַזוי, אַזוי אייניקיל מיינער, אַזוי טאַקי טהוט און זאָל אייך השי״ת העלפען.

ווייל איך אייל מיך אַוועקשיקען אייך דעם דאָזיגען בריף דוקא היינט בין איך מקצר און לייג אָפּ די איבעריגע זאַכען, וואָס ס׳איז דאָ צושרייבען אויף ווייטער.

זייט מיר רעכט געזונט איהר מיט אייער ווייב אונ קינדער אונ דערלעבט משיח׳ן וויא עס ווינשט אייך אייער געטרייער

מ ו״ס.

52. [170]

[צו דעמזעלבן]

אָדעססאַ 1 מאַי 1902.

נכדי היקר!

איהר האָט אודאי זיך אַרויסגענומען דיא אויגען ארויסקוקענדיג אויף מיין ענטפער אויף אייער בריף, נאָט אייך דערפאַר אַצינד אַ תשובה מיט פיצינקע אותיותליך אויף אַרויס־צונעהמען זיך די אויגען איבערלייענען זיא. איך האב חלילה נישט צו אייערע אויגען, געזונט און שטארק זאָלן זייא אייך זיין; נאר גלאט אזוי זיך, פייניגען זיי אַביסל שאדט נישט. נישקשה, עס קען אפשר צוניטץ קומען... זייא וועלן דערנאָך קיקען בעסער. — אי־בערגעהען פונם „אחיאסף" צום „תושיה" דערלאָזט מיך נישט מיין געוויסען, וויא שטאַרק איך אַכטע בן־אביגדור און ווינש איהם פיל גוטס, קען איך דאָך נישט אוועקווארפען דעם „אחיאסף", וואָס בעהאַנדעלט מיך זעהר שיין[171]. א־מאל אפשר וועל איך שיקען עפיס אויך דעם „תושיה" אבער נאר א־מאל און נישט אויף בתורת חוב. אט אַזוי האב איך היינט געענטפערט בן־אביגדור'ן אויף זיין בריף. און דאָס דינט פאַר אַ תשובה אויך אייך.

נאך דער דאזיגער תשובה, רייבט זייט מוחל אויס די אויגען און בעטראכט זיך אביסל אויסרוהענדיג זיך אַ קאַפּעלע. פון אַצינד אָן וועט עס שוין געהען מיט גרויסע אותיות. וואס מאכט איהר אייניקעל? איהר האט מיר נישט געענטפערט אויף מיינע פראגען און איך ענטפער אייך דערפאר אויך נישט אויף אייערע בקשות. אָט זאָל זיין אַזוי, מסתמא בע־דאַרף זיין אזוי, און אזוי איז גוט.

וואס טהוט מען, זאגט, וואס אמעריקא דרוקט מיינע ספרים שלא ביושר?[172] אפשר האָט איהר דערצו אַיין עצה? טאמיר וואלט איינער דאָרט אין אמעריקא געקויפט בייא מיר דאס רעכט אויף צו דרוקען מיינע ספרים פאר אמעריקא, וואלטען שוין אנדערע דארט נישט געקענט זייא דרוקען? — האַ, וואָס זאגט איהר? אפשר קענט איהר מיר דרינען בע־הילפיג זיין? פאר וואס זאל עס בייא מיר נישט זיין ווי בייא לייטען? וואס טהוט דען נישט איבער אַיין אייניקעל ביי לייטען פאַר א זיידען? — צעהלט זייט מוחל איבער וויפיל פראַגע־צייכענס איך האב דא געשטעלט. דאכט זיך זיבען. נוא זאָל זיין געגוג. ביז וואנען איז דער שיעור (עס קומט א „?" נאר איך וויל מעהר נישט שטעלען, איהר וועט זיך אנ־שטויסען אהן דער אויך).

זייט מיר געזונט!

זקנכם

מענדעלי.

53.

[צו דעמזעלבן]

[אָן אַ דאַטע; יולי אָדער אַווגוסט 1903][173]

שלום עליכם, אייניקעל!

וואָס פאָרט וועט עס זיין דער סוף? איך האב געשריבען אונ געבעטען געבעטען איהר זאָלט זיך מיט מיר זעהען אונ קען זיך עס נישט דערבעטען! שוין זעקס טעג אז איך בין געקומען אהער נאך אַ לאַנגע רייזע וואס האָט געדויערט כמעט א חודש, איך בין אַצינד שוואַך צעבראָכען, געה נישט אַרויס פון שטוב אונ וואַרט אַלץ וואַרט איהר זאָלט קומען

צו מיר געוואָהר־ווערען אונ מיט אייער קומען מיך אַביסיל אָפּפרישען. איך שרייב אייך נאך אַמאָל אונ פאַרהאָף, אַז מיר וועלען זיך פאָרט איה״ש זעהען בקרוב, במהרה בימינו, אמן!

מ. מו״ס.

Мой адресъ:

Кіевъ, Маріинско-Благовѣщенская ул. д. № 4, кв. 6.

54.

[צו דעמזעלבן]

אָדעססאַ 14 סעפּטעמבער 1903

מיין ליבהאַרצדיג אייניקעל!

אייער טרפה׳ן צווילינגעל: שלשה מכתבים, דרייא בּריווליך, בּכרס־אחד, אין איין קאנווערטיל, האָבּ איך מקבל געווען אונ שטאַרק זיך געפרעהט אויף דער מציאה, וואס איהר האָט געהאַפּט — דרייא פאַר צווייא קאָפּעקעס! אויב יאָ אַזוי, אַז איהר זענט אַזאַ בר־מזל, אַז עס קאסט אייך אַזוי וואָלוועל, וואָלט איהר חלעבּען געמעגט שרייבּען מיר נישט איין מאָל אין יאָהר, נאָר דרייא מאָל. טאַקי אַלע טאָג, — ווי עס זעהעט אויס קענט איהר אפּנים נישט דעם זיידען, וואָס פאַר אַ וואַרם האַרץ ער האָט, אונ וויא שטאַרק ליב ער האָט זיינע פריינד, אַז איהר קענט איהם דאַנקען פאַר אַ גריס, גלייך וויא דאָס איז בּייא אייך עפּיס אַזאַ וואונדער! ווייסט־זשע פון היינט אָן, אַז אייער זיידע האָט אמת ליב אַייך מיט אייער הויזגעזינד און ווינשט אייך פיל גוטס אונ נחת. אויב איך שרייב היינט ווייניג איז דיא שולד ניט אין מיר, נאָר אין די אומשטענדען. איך זאָל שרייבּען היינט דאס וואס איך וויל, און דאס וואָס מען בּעדאַרף, האָבּ איך בּעדאַרפט אינגאַנצען איבּערשטעלען אויף דאָס נייא מיין אַרט לעבּען, אָפּזאָגען זיך פון אַ סך זאַכען, זיין אַ מענש פאַר מיר וכו׳ וכו׳. איהר הייסט מיר לערנען זיך פון ל. טאָלסטאָי. אַ געלעכטער חלעבּין! אַ־נו לאז נאר טאָלסטאָי פּריוועון האָטש אויף עטליכע טעג זיין אַ יוד, דערצו נאָך א „מלמד״ אין אַ תלמוד תורה אונ דערצו נאָך שרייבּען לשן קודש, יודיש (זשארגאן ווי מע רופט עס) פאַר א יודישער פּובליקא אונ דערצו נאָך... נאר גענוג שוין דאָס פריהערדיגע. אַי וואו נעמט [מען] אַ יאַסנאַיאַ פּאָליאַנא אונ נאך אזעלכע גוטע זאַכען אַז מען זאָל קע־נען אַ שפּייא טאָן אויף איטליכען און שרייבּען, שרייבּען! — יאָ, אין מחשבותין, וואָס הערט זיך פונ׳ם זשורנאַל „הילף״?[174] האַ, אפשר איז ער שוין דיא כפרה געוואָרען? אייערע זאַכען לייען איך מיט גרויס פאַרגעניגען מסתמא איז אייער „הבה נתחכמה״ אויך אַ גוטע זאַך. — מיין גאַנץ הויזגעזינד גריסט אייך עם כל בני ביתכם ג״פ, אויב איהר וועט זעהען דעם דאָקטאָר האַרקאַווי בּעט איך אייך איהם געריסען פון מיר. איך פיהל מיך שול־דיג אקעגען איהם, וואָס איך האָב איהם נישט בּעזוכט, בשעת איך בּין געווען אין קיוב. איך אַכטע איהם זעהר שטאַרק.

אייערער מיט׳ן גאַנצען האַרצען

מענדעלי מו״ס.

55.

[צו דעמזעלבן]

אָדעססאַ 7 נאָוועמבער 1903

אַ דאַנק דעם אייניקעל פאַר דעם פארגעניגען, וואס ער האט געמאכט דעם זיידען מיט דיא רוסישע פעליעטאָנען זיינע, וואָס ער האָט אַריינגעשיקט. דיא איבערזעטצונג איז באמת גוט, עס לייענט זיך גרינג. הערר העסעל, זאָגט איהר, וועט איבערזעטצען אויך מיינע זאַכען? מהיכא־תיתי!! נאָר איך בעט, זיך צובעמיהען, די איבערזעטצונג זאָל אַרויס־קומען גוט, וויא ער קאָן, ד. ה. איטליכס וואָרט זאָל עפּיס זאָגען, שטעהען אויף זיין אָרט, נישט גלאַט אַזוי זיך. — יאָ, זיך דערמאָנט! הערר שענקמאַנן אין קיוב האָט איבערזעצט מיין „פישקע״ אונ בעט מיין הסכם אויך צודרוקען עס אין אַ בעזונדער ביכעל. ווי עס זעהט אויס איז הערר שיינקמאַן אַ בראַוער עהרליכער מאַנן. זאגט איהם איך בעט אייך, ער מעג דרוקען די איבערזעטצונג זיינע, און מיט דעם האָנאָראר פאַרלאָז איך מיך אויף איהם. נאָר וויסען זאָל ער, אַז אין דעם זשורנאַל „Еврейская Семейная библіотека" בוך 2—6 איז אָפּגעדרוקט „פישקע״. די איבערזעטצונג דאָרט איז ערטער־ווייז גוט און ערטערווייז זעהער שלעכט. ער מוז עס פריהער גוט איבערלייענען, בכדי זיך אויסהיטען פון דיא פעהלער. אַ־נוא, וועט איהר אויספאָלגען מיין בקשה, טאָן וואָס איך בעט אייך? איך וועל אייך געבען אַ ישר־כח פונם גאַנצען האַרצען. — מסתמא האָט איהר אויך בעקומען אַ בריף פון זיד אַפריקאַ מיט אַ כיבוד צושרייבען אין דער דאָרטיקער גאַ־זעטע „דיא יודישע פרייע פרעסע״ פאַר וואָס מען זאָגט צו געלט גאָר אַ סך. איך האָב נאָך לע״ע גאָרנישט געענטפערט. נאָך אַ מאָל פרעג איך אייך, וואָס הערט זיך מכח דעם סבאָרניק „הילף״ וואָס „תושיה״ קלייבט זיך ארויסצוגעבען לטובת הקישינובער? מען הערט נישט מען זעהט נישט! דאָס אייגענע פרעג איך אַייך אויך מכח גאָרקעס סבאָר־ניק, עפּיס קלייבט ער זיך צופיל טאַקי מעשה יוד. בעהיט זאָל מען ווערען פון אַזאַ „קווע־טשעניש״...[175].

אַי, בין איך אייך מקנא, וואָס איהר האָט געזעהען דעם „אותו האיש״ — מיין אייניקעל מיין איך, וועלכען איך האָב שטאַרק ליב! ער איז אַ טהייער קינד. פון איהם, דאכט זיך, וועט אויסוואַקסען גאָר אַ גרויסער, אַ גרויסער מענש.

מיין ווייב מיט דיא קינדער גריסען אייך און אייער הויזגעזינד גאָר פריינדליך. איך אויך, עס פאַרשטעהט זיך. ענטפערט אויף מיין בריף.

פונם גאַנצען האַרצען אייערער -

מענדעלי מו״ס.

56.

[צו דעמזעלבן]

אָדעססאַ 2 יולי 1904.

שלום עליכם! וואָס מאַכט איהר אייניקעל?

איך ווינש אייך פיל גליק צום נייעם געשעפט. הלואי עס זאל זיין מיט מזל און לאַנגע יאהר, אמן, רבונו של עולם! שוין צייט, לאַנג צייט אַראָפּגעהען פון קעסט בייא דיא גאַזעטציגעס, דיא שיינע-פיינע מחותנים, און זיין אַליין פאַר זיך אַ שטיקעל בעל־הבית. גענוג, חלעבין, געוואַלגערט זיך אין שכנות מיט אַלע מיני שלעק. פע![176]

אַ פירוש אויף דיא עטליכע ווערטער מיינע וועט אייך געבען ראבניצקי. און דאס וואס ער וועט אייך זאָגען וויל איך אז איהר זאָלט עס טאַקי מקיים זיין. נישט אַנדערש. איהר פארשטעהט?

פון מיין זייט בין איך ברייט תמיד אייך מיטצוהעלפען. נעהמט פונ׳ם „ווינשפינגעריל״ גיט עס אַ נאָמען און דרוקט עס וויא איהר פערלאַנגט. איה״ש שפעטער וועל איך פאַר אייך אפשר שרייבען עפיס נייס אַבי זייט נאָר קיין שלימזלניק ניט און טהוט וואס מען בעדאַרף. נאך אַ מאל זאג איך אייך: אויס קעסט! וקבצנו יחד — אונזער ביסעל אָרעמקייט (דאס ביסעל, עטליכע שרייבערס אונזערע) אינאיינעם. פאַר זיך בעזונדער. און למעה״ש ניט רופען דיא יודישע שפראַכע — זשאַרגאָן, איהר הערט זשארגאן איז אַ חרפה. זשארגאן האָב איך פיינט! איהר פארשטעהט?

זייט זשע מיר געזונט און גליקליך וויא עס ווינשט אייך אייער זיידע

מענדעלי מו״ס.

57.

[צו דעמזועלבען, קיין זשענעווו]

Одесса 31 Марта 1908 г.

ליבהאַרצדיגער איינקעל! אַ גרויסען אַ שעהנעם דאַנק אַייך פאַר אַייער בריף און נעמט נישט פאַר אומגוט, וואס איך האב אייך ניט געענטפערט ביז איצט. ווייסט איהר דען ניט, אַז איך בין, לא עליכם, פויל, אוי, שטאַרק פויל אויף בריף־שרייבען? עס קומט מיר אָן שווער ממש כקריעת ים סוף אַיינטונקען די פען, און בפרט נאך אין א טרוקענעם טינטער, ווי עס מאַכט זיך ביי מיר אַ מאָל. וואס זשע מאכט איהר פאָרט און וואס מאכט אייער הויזגעזינד, זענט איהר געזונט און וואס האט איהר בדעה צוטאָן. גאט ברוך־הוא ווייסט דעם אמת, אַז איך ווינש אייך פיל גליק, אַ רוהיג, גוט לעבען, פונ׳ם גאַנצען האַרצען.

גוט יום־טוב אייך! האָט אַ כשר׳ן פסח. מאַכט ביים סדר אַ כוסה און דערמאהנט צו גוטען מיך, אייער פריינד וואס וויל דערלעבען אין אייך פיל נחת

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

מיין ווייב און מיין טאכטער גריסען פריינדליך אייך און אייער הויזגעזינד.

58.

[צו דעמזועלבען]

אָדעססאַ, ערב פסח תרס״ט. [5 אַפריל 1909]

גוט יום־טוב, ליבהאַרציגער איינקעל!

אַ שטיק געזונד האָט איהר, אין אייער בריף פונ׳ם 30/17 מערץ, ביי מיר אַרויסגענר־מען מיט אייער פרעהליכען־קרעכצען און מיט דער גוטער ריהרענדיגער מינע ווי איהר זאָגט, אַז עס פאַרדריסט אייך ניט, איהר זענט ניט ברוגז, נאָר עס וואונדערט אייך אויף מיר, וואָס איך ענטפער אייך ניט שוין אויף צוויי (?) בריף, ווייל איהר זענט דאָך נעביך אַ חולה און דערצו נאָך נע־ונד 177). אוי, אַ קרעכץ מיט אַ ליב שמייכעלע און אַ אָננעהמען פאַר ליב אי אַ פריקרע זאַך, ווי עס קומט־פיר אַמאָל ביי אַ גוט, געליבט קראַנק קינד — אָט דאָס שטעכט ווי אַ מעסער, רייסט אויס אַ שטיק האַרץ! יאָ, טהיירער איינקעל, איך

בין שטאַרק געריהרט פון אייער ליבֿען בריף. איהר זענט נעבֿיך גערעכט, גערעכט, הונדערט מאָל גערעכט. נאר וואס אבֿער האָבֿ איך געקענט טהון, אַז גאט האָט מיך געלייטזעליגט מיט אַ קריינק. צוויי חדשים כּמעט בין איך געווען קראַנק, געלעגען אין בעט, און נאָך אַצינד, הגם איך אַרבּייט שוין, בּין איך נאָך ניט רעכט בּיי די קרעפטען. מיין קראַנקייט איז מיר געקומען פון צופיל אייגענע און זייטיגע אַרבּייט און אלץ מיט'ן קאָפּ. קאָפּ איז נאָך עט, נאָר, אוי, דאָס האַרץ, דאָס האַרץ! דאָס פּיהלען, דאָס ערגערען־זיך און שטענ־דיגע האַרצוועהטיג — אָט וואָס! אַי זענין דאָ בּיי אונז יודען נאַראָנים! אַי, דראַפּעט מען זיך בּיי אונז אין דער ליטעראַטור אויף די גלייכע ווענט! מען לומר'ט עפּיס אַלץ אַזוי הינטען־ארום, מיט אַ דרעה הין־און־צוריק—ארויף און אַראָפּ, העט־העט טיף אין חקירות אַריין, און וואָס?— גאָרנישט! מיר ניכטס דיר ניכטס... גלאַט אַזוי זיך פריש און געזונט און משוגע!— אַ יוד קוועטשט זיך נעבֿיך אין „ביצה״ — מילא, נו, קוועטש־זיך דיר, מהיכא־תיתי, אָבֿער דאָ, אַ קוועטשעניש דאָ — געוואַלד, רב איד, זייט ניט משוגע! האָט רחמנות אויף אַייך, אויף די לעזער, דרעהט ניט, גרייזעלט ניט, לאָזט זיך ניט אַריין אין שטייגער, אין אַ געפּלאָנטער און לאָז מען הערען אַ וואָרט, אַ פּראָסט פּאַרשטענדיג וואָרט! — — —

איך ווייס חלעבֿין ניט, וואָס איך האָבֿ מיך דאָ אַזוי צורעדט. נאָר פאַרפאַלען. לאָמיר בעסער ריידען פון פרעהליכערע זאַכען. זאָגט מיר וואָס מאַכט איר עפּיס, וואָס מאַכט אייער ווייב, אייערע קינדער. פאַר וואָס שרייבט [איהר] מיר קיינמאָל ניט פון זיי? ווייסט איהר דען ניט, אַז איך בין זעהר גוט [צו] אייער פאַמיליע און ווינש אייך אַלע פיל נחת און גליק? און וואָס מאַכט בערקאָוויץ? פאַר וואָס גריסט [ער] מיר קיין מאָל ניט? איהם לאָזט יאָ גריסען פון מיר. אים מיט זיין ווייבֿ און קינד.

איך דאַנק אייך פאַרן „אויסשניטעל״, טהוט עס תמיד אַזוי ווען איהר ווערט עפּיס האָבֿען וועגען מיר. אמעריקא, זאָגט איהר, שעצט מיך — און וואס האָט זי מיר געטאָן? אַפילו יענער (איהר געדענקט?) וואָס האָט געוואָלט עפּעס טהון,— אָפּקויפען בּיי מיר מיינע יודישע ווערק, איז אויך אַנשוויגן געוואָרען. אוי לי פון אונז דאָ, וואוי לי מאמעריקא!

נו, זייט מיר געזונט פריש און שטאַרק ווי עס ווינשט אייך אייער

מ. מוכר ספרים

מיין ווייב און ב״ב גריסען אייך זאמט אייער פאַמיליע גאָר פריינדליך.

59.

(פּאָד בּראָדזע[178]), 14 יולי 1909

שלום־עליכם — עליכם שלום ליבֿער, האַרצדיגער אייניקעל!

אַ דאַנק אַייך פאַר אַייער ליבֿען בריף, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פערגניגען דערמיט, וואָס געהט אייך בּעסער אין געזונד. הלואי גאָט ברוך־הוא זאָל רחמנות האָבֿען אונ אייך שיקען אַ רפואה שלמה, איהר זאָלט פאַרשפּאָרען דאָקטערען זיך, אונ לעבֿען מיט אייער ווייבֿ אונ קינדער אונ קינדס קינדערליך בּיז הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר אין פרייד און פיל נחת, אמן!

אונ נאָך אַמאָל אַ דאַנק אַייך פאַר אַייער פאַרענטפערען מיך, וואָס איך שרייבֿ אייך זעלטען. אָט דאָס הייסט טאַקי אַ אמת גוטער, וואוילער אייניקעל, וואָס רעכענט זיך ניט מיט אַ זיידען חלילה דערפאַר, וואָס ער איז פויל אַבּיסעל אויף דער פען. אַ זיידע מעג! אַי, וואָס אַז בחור־ווייז נאָך בּין איך אויך פויל געווען אַף דער פען?— מילא, ווער איז עס

מחויב צו־וויסען? און ווער פרעגט מיך? שאַ, וואָס געווען איז געווען — און, ווי דער ליט־וואַק זאָגט, און פטור!

פון מיין פריהערדיגען בריף ווייסט איר דאָך, אַז איך מיט מיין ווייב זענין מיר ווינ־טער קראַנק געווען. מיט דעם אויבערשטענס הילף זענין מיר איצט רעכט געזונד און פי־לעווען זיך־צו אַביסעל דאָ אויף אַ דאַטשע אינאיינעם מיט אַלע קינדערליך, אין געדיכטע וועלדער פון פימסענהאָלץ, וואו הדודאים, די פיילכעליך און אַלערליי קרייטעכצער גיבען די שמוכט. ס׳איז דאָ גוט, מחיה, איין חסרון נאָר, וואָס דער רעגען געהט, געהט און וויל ניט אויפהערען.

פון ספעקטאָרען האָב איך דערהאַלטען אַ בריף מיט אַ בקשה, שרייבען אין זיין גאַ־זעטע [179]. לעת־עתה שוויג איך און ענטפער איהם ניט. עס האָט צייט. מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען... זיין „נייע וועלט״ האָב איך פון אָדעססא היינט דערהאַלטען, וואָס איז זי פאַר אַ וועלט ווייס איך נאָך ניט. מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען...

דאָס וואָס איהר האָט מיר אַריינגעשיקט דאָס בלעטיל פון „צוקונפט״ וועגן מיר [180] איז דערפאַר זענט איהר ווערטה אַ קוש, נאָר דערפאַר וואָס איהר קענט לייענען אַזוינס און שוויגען, נישט צולייגען זיי אויף טעלערליך, ווי איהר קענט און ווי אַ געטריי אייניקעל בעדאַרף — דערפאַר זענט איהר ווערטה... וואָס? ניט קיין קוש. הערט אַ מעשה! מענשען לויבען מיך אָפּ אין טאָג אַריין, דערצעהלען מיין מיה, מיין אַרבייט לכבוד די כנסת ישראל ולכבוד איהר ליטעראַטור, און וואָס לאָזט זיך אויס? יודען גיט געלד! מיר גזלנ׳ען זיין מיה, רויבען זיין אַרבייט און דרוקען זיינע שריפטען בגנבה. אַז מענדעלי איז יאָ אַזאַ גוטער שריפטשטעלער, בכן וועלען מיר מאַכען פון זיינע שריפטען אַ גוט געשעפט! געוואַלד, רבונו של עולם! וואָס האָבען זיך יודען אין אַמעריקאַ אויף מיר אָנגעזעצט? וואו איז נאָך אַזוינס דערהערט געוואָרען? יודען פון איין זייט ראַבעווען גזל׳נען מיך און פון דער אַנ־דערער זייט שטעהען יודען און שוויגען. און נאָך ווער? — אייניקלעך, גוטע פריינד, אַלע גוטע עהרליכע לייט [181]!

פאַר מיין אַוועקפאָהרען אַהער האָט מיר אונזער ה״ר לעווינסקי געבראַכט אַ ניי ווערק אָפּגעדרוקט אין אַמעריקאַ מיט דעם נאָמען: „לעצטע שריפטען פון מענדעלע מוכר ספרים״ פון היברו פּאבלישינג קאמפּאני (דיזעלבע גנבים, וואָס האָבען פריהער איבערגעדרוקט אַלע מיינע ווערק). ה״ר לעווינסקי האָט מיך שטאַרק געבעטען, צושיקען איהם אַ בריף פון מיר וועגן דעם, און ער מיט נאָך אַנדערע שריפטשטעלער וועלען מאַכען אַ רעש אין אַלע בלע־טער, מען וועט זעהען טהון אַלע מיטעל, אַזוי און אַזוי, מיך צו־ראַטעווען פון גזלנים׳ס הענד, און איך זאָל בעפרידיגט ווערען. איז דאָך, דאַכט זיך, זעהר גוט. האָב איך געפּאָלגט און איהם אָנגעשריבען דעם בריף, שוין מעהר פון 5—6 וואָכען, און ביז אַצינד איז שאַ! [182] — נו, אַצינד פרעג איך אַייך: בעדאַרף מען שרייבען?... יודען, אַז־אָך־און־וועה, ריידען פון ליטע־ראַטור!! עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ ריידענדיג דערפון. איך מוז אויפהערען אינמיטען־דרינען. איהר, אייניקעל, וועט פילען מיין האַרץ, וועט מיך פאַרשטעהען... זעהט־זשע, רעדט ווערטער! [183]

שרייבט מיר, איך בעט אייך, אומשטענדליך פון אייער שטייגער לעבען אַצינד. גע־פינען זיך נעבין אַייך אַלע אייערע קינדערליך — בערקאָוויטש אויך? און וואָס מאַכט ער, זיין ווייב און זיין קלוגע טאָכטערל, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט? אייער ווייב און אַלע אייערע קינדער גיט אָפּ, זייט מוחל, זעהר הערצליכע גריסען פון מיר פון מיין ווייב און קינדער, וואָס ווינשן אייך אַל־דאָס בעסטע: געזונט און פיל גליק.

אַייערער מיט דעם גאַנצען האַרצען

מ. מוכר ספרים.

60.

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ | ד׳ תשרי, שנת תר״ע.
6 סעפּטעמבער 1909.

ליעבער טהייערער, געטרייער איינִיקעל!

אוי, קוים וואָס איך האָב מיך אַרויסגעריסען פון יודישע הענד און געקומען אַ הייז [ער] יגער, אַ פּאַרדולטער, אַ ניט־אויסגעשלאָפענער אַהיים! [184] שווער, זעהר שווער צו זיין אַ ויידע—דאָס האָב איך געפיהלט, בעשיינפערליך געזעהען אויף מיין רייזע איצט צווישען אַזוי פיל אייניקלעך, אהן עין־הרע. מען האָט מיך שיער ניט דערשטיקט פאַר גרויס ליב־שאַפט. קומענדיג אַהיים ערב ראש השנה האָב איך געטראָפען אייער בריף און נאָך צוויי בריף פון אַמעריקאַ, איינער איז פונם רעדאַקטאָר פון דער „וואַהרהייט״. ער שרייבט: „מיר האָבען געשיקט אַ מענשען חוקר ודורש זיין דעם ענין. די קאָמפּאַניע האָט אונז מבטיח געווען, אַז זי האַלט מיט אייך אין אונטערהאַנדלונגען און אַז זי וועט אייך ניט קריוודען. אַזוי האָט זי אונז געענטפערט. אויב אבער זי וועט מיט אייך ניט דורכקומען, בעטען מיר אייך, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און אונז באַלד לאָזען וויסען, און מיר וועלען דאַן אָפּ־דרוקען אייער בריעף״— דער צווייטער בריעף איז פון דער „העברו פּובלישינג קאָמפּאַניע״. הערט מיט קאָפּ, וואָס זיי שרייבען, אָדער בעסער געזאָגט, ווי זיי טרייבען קאַטאָוועס. אָט וואָס: „מיר האָבען די עהרע אייך מיטצוטהיילען דאס אונז איז געלונגען (!!!) צוזאַמען צונעהמען אַלע אייערע ווערקע, וועלכע זענין ביזהער געווען צושפּרייט ביי פאַרשיעדענע פערלעגער און געבען עס יעצט אַרויס (יעצט! איהר פאַרשטעהט? און טהוען עס פאַר גרויס גוטסקייט) אין 1 פאָלשטענדיגע זאַמלונג אונטער 1 באַנד. אַלזאָ, ביי דיזער געלעגענהייט ווילען מיר אַייך בעפרידיגען מיט די סוממא פון 300 רובל (אַי־אַי־אַי!) אָבער מיר פער־לאַנגען איהר זאָלט פאַר אונז שרייבען איין פאָרוואָרט צור עהרע פון דיזער אויסגאַבע און אויך שיקען אייער בילד מיט אייער אוטאָגראַף (אונטערשריפט) וועלכע זאָל קומען געדרוקט אויף דער פאָדערבלאַטט. די געלד ליגט ביי אונז גרייט (איהר הערט, דריי הונדערט רוב־לעס גרייט. אַ שרעק!) און אַזוי שנעלל ווי מיר בעקומען אייער אַנטוואָרט שיקען מיר אייך אַרויס די 300 רובל זאָפאָרט, אָהנע אויפהאַלט״ [185].

אַזאַ עזות פון אַזעלכע מיאוסע רויבער! עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט שרייבענדיג זייערע ווערטער. געגנוג בלוט האָבען זיי מיר פערצאַפּט אָט די גנבים. זייט איהר, איינִיקעל מיין גואל הדם!

איך דאַנק אייך הערצליך פאַר אייער וואַרמען בריף, וועלכען איך האָב געלעזען אין די צייטונגען מיט פאַרגעניגען [186]. איך קען אייך פאַרזיכערען, אַז אומעטום זענין די איינִיק־לעך שרעקליך אויפגעבראַכט אויף דער קאָמפּאַניע און אַלע זענין בּרייט אָפּצורעכענען זיך מיט איהר. איך פון מיין זייט וועל אויך ניט שווייגען.

היינט בין איך מיד און שוואַך, דאָס שרייבען קאָסט מיך מיה, דעריבער מוז איך מקצר זיין. זייט מיר געזונט און שטאַרק, איהר און אייער געשעצטע ווייב מיט אַלע אייערע ליבע קינדערליך. גאָט ברוך־הוא זאָל אייך העלפען און בענשען מיט פיעל גוטס ווי עס ווינשט אייך פונם האַרצען איך, אייער זיידע, וואָס האָט אייך באמת ליב,

מו״ס.

מיין ווייב און מיינע קינדער גריסען און ווינשען אַל־דאָס־גוטס צום נייעם יאָהר אייך, אייער ווייב און אייער גאַנץ הויזגעזינד.

61.

[צו דעמזועלבן, קיין לוגאַנאָ, איטאַליע]

[28 סענטיאַבער, 1910].

לשנה טובה

אַ געזונט א גליקליך יאָהר ווינשען אייך און אייער הויזגעזינד

אייערע בעסטע פריינד

פעסיע וש. י. אבראמאוויטש.

ווילנא. ח׳ תשרי, תרע״א

62. (187

[צו דעמזועלבן]

אָדעססאַ 12 אָקטאָבער 1911.

אוי, האָט איהר מיך איבערגעשראָקען, ליבער אייניקעל מיינער! שטעלט אייך פאָר, איך ליג קראַנק, פאַרדולט אין בעט, לא עליכם, פלוצלים פאַלט איהר אַריין מיט אַ געשריי, אַ געבעט: געוואַלד, ראַטעוועט! „איך בין אַזוי דערהרגט (פון אַ נאַרעשקייט) אַז איך וויים גאָרניט, ווי אַזוי איך וועל עס איבערטראָגען״. וואָס איז? איינעם, אין אָדעס האָט זיך פאַרגלוסט אַרויסגעבען אַ ניי בלעטיל מיט אַ נאָמען — „שלום עליכם!״ נו. בכן — ראַטעוועט! שיקט איהם רופען! — רופט איהם! שריי איך קרעכצענדיג אין בעט אויף אַ פאַרדומפטען קול פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס. — רופען אַ דאָקטאָר! — ווערד אין שטוב אַ קאָכעניש אַ חאפעניש. — ניין, איהם, קרעכץ איך, יאַנקעלעוויטשען פונם „שלום עליכם״ בלעטעל. גיכער, גיכער, וואָרים „שלום־עליכם״ איז ד ע ר ה ר ג ט! — וואָס ?????!!!!! איהר קענט אייך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ „וואָס״ דאָס איז געווען, כפול־שמונה־שמונה מאָל שמונהדיגער. בקיצער, גאָרנישט. מיר האָבען זיך בערוהיגט און אויסגעשפיגען, דריי מאָל צי זיבען מאָל געדיינק איך שוין ניט. מען לאָזט רופען צו מיר דעם הר״ר יאַנקעלעוויטשען און ער קומט צו מיר מיט נאָך איינעם פון דער רעדאַקציע, הער בעקער, דאַכט זיך. איך הויב אָן אַזוי און אַזוי, בקיצור עס לאָזט זיך אויס יאַנקעלעוויטש איז אַ גאַנץ פיינער מאַן, ער פאַרשפרעכט מיר אין אַ צייט פון צוויי וואָכען אויסוויירקען ביי „נאַטשאַלסטוואָ״ דאָס בלאַט זיינס זאָל הייסען „שלום״ 188) ניט שלום עליכם. איך קען אייך איצט אין זיין נאָמען פאַרזיכערען, אַז מיט דעם נאָמען „שלום עליכם״ איז ער חלילה קיין שום זאַך ניט אויסען געווען. ער שעצט אייך זעהר און זעהר און פערלאַנגט פונ׳ם גאַנצן האַרצען, איר זאָלט אין דעם בלאַט זיינעם מיטאַרבייטען. איהר דאַרפט עס נאָך מיין מיינונג טהאָן, זאָל זיין „שלום״! מיט דער צייט קען דאָס בלאַט וואַקסען, וואַקסען און טראָגען גוטע פתרות.

נו, אַצינד, ליבער אייניקעל. שטעהט אויף תחית המתים און נעהמט זיך צו דער פען. איך האָב שוין דאַנקען גאָט ב״ה אַביסעל געשוויצט און וועל אויך בקרוב קומען צו די קרעפטען, וועל אַראָפּקריכען פונ׳ם בעט און זיך זעטצען ביים שרייב־טיש.

שרייבט, וואָס מאַכט איהר, וואָס מאַכט אייער ווייב און די קינדער. עפּיס שמעקען מיר פון אַ צייט אייערע בריפלעך מיט, מיט, מיט... ווייס איך מיט וואָס? נישט עפיס דאָס וואָס אַ מאָל. האָט קיין פאַריבעל ניט.

איך בין אייערער ווי תמיד פונ׳ם גאַנצען האַרצען

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

63.

[1917 ? י.] [189]

חביבי היקרים ה״ר רבניצקי וביאליק יחיו!

אחרי בקשות הרבה, שהעתיר עלי הד״ר הימעלפאַרב נעתרתי לקרוא בבית־הועד „אוניאן״ אף אמנם קשה עלי הדבר הזה. עתה הנה קראתי „במה״ע „אונזער לעבען״ את הפרוגרמא של „הקריאה״ העתידה בערב יום זה ושמי לא נזכר בין הקוראים, וא״כ [190] הלא אהיה בעיני עדת השומעים כאלו אני מטיל עצמי על הצבור בעל כרחו. ודבר זה המשפיל כבודי לא אוכל לעשות בשום אופן, ומוטב שאכבד ואשב בביתי. — ראיתי להודיעכם הדבר הזה ואתם הואילו נא והודיעו זאת להד״ר הימעלפאַרב.

אהבכם בכל לב

[איבערזעצונג]

[מיינע ליבע און טייערע ראווניצקי און ביאַליק זאָלן לעבן!

נאָך דעם ווי ד״ר הימלפארב האָט מיך אסאַך געבעטן, האָב איך מאַסקים געווען פאָרצולייענען אין קלוב „אוניאָן״, כאָטש דאָס איז מיר שווער. איצט האָב איך געלייענט אין דער צייטונג „אונזער לעבן״ די פראָגראַם פון דער פאָרלעזונג, וואָס דאַרף היינט פאָרקומען, און מיין נאָמען איז צווישן די פאָרלייענער נישט דערמאָנט. בעכיין, וועל איך דאָך אויסקומען באַ די הערער אין די אויגן אַזוי ווי איך וואַרף זיך אָן דעם אוילעם מיט גוואַלד. אַזוי ווי דאָס דערנידעריקט מיך, קאָן איך דאָס פאַר קיין פאַל נישט טון; איז שוין בעסער, איך זאָל בלייבן זיצן אינדערהיים. איך האָב גע־האַלטן פאַר נייטיק אייך דאָס צו וויסן צו געבן, און איר גיט דאָס צו וויסן דעם ד״ר הימלפאַרב.

אייער ליבהאָבער פון גאַנצן האַרצן.]

באַמערקונגען

צו № 11.

1) צו די בריוו № 1—11 האָבן מיר געקריגן אַזאַ דערקלערונג פון די כ״כ א. וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין: „סאָף 1857 (א׳ דר״ח מרחשון תרי״ח) האָבן ש. י. אברמאָוויטש און זאַלמען לעווין געשריבן טנאָים (אָריגינאַל—אין מענדעלע-מוזיי). לעווין האָט זיך מיסכאַיעוו געווען צו געבן דער טאָכטער (פּעסיע) 1000 רובל נאָדן און קעסט. דעם נאָדן האָט ער באַדאַרפט איינלייגן פאַר דער כאַסענע, וואָס איז געווען אָפּגעשטעלט אַף שאַבעס נאָך שוועס 1858. לעווין האָט אָבער נישט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אַלץ געזאָלט קריגן עפּעס אַ באַשטימטע סומע און האָט דעריבער אַלץ אָפּגעלייגט, ניט אַריינגעטראָגן דעם נאָדן. אַבראַמאָוויטש האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון קיין טירוצים [זע בריוו 5.—נ. ש.]. זיינע באַציִונגען מיט לעווינען זיינען געווען אַזוינע, אַז די קאַלע האָט מוירע געהאַט, ער זאָל זיך נישט אָפּזאָגן צו קומען צו גאַסט אַף פּייסעך (מאַרט, 1858). ערשט אין דעקאַבער, 1858 האָט לעווין אַריינגעטראָגן דעם נאַדן. באַלד נאָכדעם האָט געמוזט פאָרקומען די כאַסענע.

ווייטער רעדט זיך אין די בריוו פון דער הישטאַדלעס באַם קוראַטער פון קיעווער לערן-ראַיאָן וועגן אַריבערפירן אַבראַמאָוויטשן פון קאַמענעצער קרוינישער יידישער שול אין דער באַרדיטשעווער [זע בריוו 10.—נ. ש.]. אין דעם פאַל האָט אַבראַמאָוויטש, ווי ס׳זעט אויס, אויך נישט גאָר געטרויט לעווינען: ער האָט, זעט אויס, כוישער געווען לעווינען, אַז ער איז קאַלט צום גאַנצן איניען. דאָס פילט זיך אַפילע אין אַבראַמאָוויטשעס בריוו און, נאָך דייטלעכער, אין פּעסיע לעווינס בריוו, ווייל זי האַלט פאַר נייטיק צו פאַרטיידיקן איר פאָטער און ברודער. די הישטאַדלעס האָט מען דערלאַנגט דעם קוראַטער אָנהייב 1858. דעם 22-טן אַווגוסט 1858 ווערט אַבראַמאָוויטש באַפרייַט פון זיין אַמט „לויט זיין אייגענער ביט״.

צו № 12.

2) דאָס איז קלאָר פונעם אינהאַלט פונעם בריוו, זע ווייטערדיקע באַמערקונגען.

3) דאָס שטימט מיט דער העברעיִשער דאַטע חי [י״ח] תמוז תרכ״א סאָף בריוו.

4) גאָטלאָבערס מאַמער „להשיב אל מרדכי״ איז געווען געדרוקט אין „המליץ״ אין די נומערן 38 און 39, 1861.

5) ד״ר גאָלדענבלום יִצכאָק ארן, מיטרעדאַקטאָר (מיט אַלעקסאַנדער צעדערבוים) פון „המליץ״. ס׳רעדט זיך דאָ וועגן ד״ר גאָלדענבלומס רעצענזיע אַף מענדעלעס ערשט-געדרוקט העברעיִש ווערק „משפט שלום״, ווילנע, תר״כ (1860). אין דעמדאָזיקן ביכל קריטיקירט מענדעלע שאַרף עליעזער צווי צווייפלס ביכל (לידער און אַנד. זאַכן) „מינים ועוגב״ (ווילנע, 1858) פאַר דער ווילדער מעליצע און פאַר אַנדערע פעלער. אין דער רעצענזיע אין „המליץ״, № 7 פונעם 10 נאָיאַבער 1860, האַלט גאָלדענבלום פאַר אומגערעכט מענדעלעס שאַרפע קריטיק קעגן צווייפלען: ער, גאָלדענבלום, האָט „מינים ועוגב״ נישט געלייענט, דאָך איז ער זיכער, אַז די קריטיק איז איבערגעטריבן, וואָרעם צווייפעל האָט שוין אַ גרויסן נאָמען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. יעדנפאַל, אַז מע גיט אַ ווערק אַ נאָמען „משפט שלום״ (אַ וואָרט-שפּיל: „שלום״ דער ערשטער נאָמען מענדעלעס, און „שלום״—פרידן), דאַרף מען נישט אַזוי שאַרף אָנפאַלן אַף יענעמס פעלערן, מע דאַרף רעדן געלאַסן, פריינטלעך.

מע דאַרף זאָגן, אַז, אָפּגעזען פון דער מאָטיווירונג, איז גאָלדענבלומס רעצענזיע ביכלאַל געשריבן קאָרעקט.

6) אַברעוויאַטור פון מרדכי וויסמאַן-חיות, געבוירן אין טאַרנאָוו, גאַליציע, אין 1831, געשטאָרבן נאָך 1910 (?) (זע וועגן דער לעצטער דאַטע: רייזען „לעקסיקאָן״, ו, ווילנע, 1926), אַ גאַליציאַנער לאָמדישער מאַסקיל. דאָ רעדט זיך וועגן זיין אַרטיקל „מאמר מרדכי״ אין די נומערן 24 פונעם 9 מאַרט און 16—25 מאַרט 1861. אין № 25 ברענגט ער רייַעס צו דער פריערדערמאַנטער גאָלדענבלומס רעצענזיע פון דער געמאָרע און אַלערליי אַווטאָריטעטן. אין דעמדאָזיקן מאמער, אין אַ לאָמדיש-מעליצישן סטיל, איז נישט פאַראַן קיין איין זאַכלעך וואָרט בעעצעם וועגן „משפט שלום״; ער האָט דאָס ביכל נישט געזען, אַזויווי ער האָט נישט געזען צווייפלס „מינים ועוגב״. די גאַנצע מאָטיווירונג איז, אַז „שלום״ איז דאָס העכסטע גוטס אַף דער וועלט. ער פאַרלאָזט זיך שוין אַף

באַלדרענבלומען, אַז ער איז גערעכט, און זאָגט מענדעלען מוסער: „לא תהיה תפארת המבקר אשר יאמר עליו כי הוא זה מתכבד בקלון רעהו“ (ס'איז נישט קיין פאַר קיין קריטיקער, וואָס וועגן אים קאָן מען זאָגן, אַז ער דערהויכט זיך מיט יענעמס שאַנד). די אויסיעס מבק רע זיינען געדרוקט מיט אַ פעטערן שריפט, און, ווי גאָטלאָבער דעשיפרירט דאָס אין זיין ענטפער „להשיב אל מרדכי“, זאָל דאָס הייסן „מבקר רע“ (מענדעלע איז אַ שלעכטער קריטיקער). דאָס אַרטיקל לאָזט ער אויס: „ווער ס'פאַרשעמט יענעם עפנטלעך, האָט קיין כיילעק נישט אין דער ליטעראַטור-וועלט“.

7) אַ וואָרט-שפּיל: דער אטריבוט „טרוטות“ (קאַליע, קראַנקע, טריפנדיקע), גייט געוויינטלעך אַף אויגן, מענדעלע שרייבט אָבער „עייניה“ (מיט 2 „י“), נישט „עיניה“ מיט 1 „י“; דאָס איז גענומען פונעם וואָרט „עיין“: קוק אַריין, זע; און דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אַף מ. וויסמאַן-כאַיעסעס מעטאָדע אין זיינע שרייבעכצן אָפּצושיקן דעם לייענער אַף טריט און שריט צו עפּעס אַן אַוטאָריטעט (צומייסטנס, לאָמרישע): זע דאָ, זע דאָרט. אַז אַזוי איז דאָס געמיינט, — דאָס קאָן מען זען פון מענדעלעס אַ בריוו, וואָס גאָטלאָבער ציטירט אין דעם אַרטיקל „להשיב אל מרדכי“ („המליץ“, № 39). מענדעלע וואַרפט דאָרטן אויס העברעיִשע מעכאַברים אַסאַך זינד, אַגעוו, די מאַניר אָפּצושיקן צו אַוטאָריטעטן. מענדעלע רעדט דאָרט וועגן נישט-יידישע שרייבער: זיי שרייבן לאָגיש, מיט אַ סיסטעם, „לא ידבר דברים מקוטעים ברמז וחידות ולצוות להקורא בכל מילה עיין בס' קאָפּוסטאָוו, עיין בס' שטצאעדראוו ובספרי זאַקאסקין, פושקין וכדומה“. אַנטקעגן, אַ העברעיִשער מעכאַבער „יחבר מאמרו ממיני ספרים שונים עד כי על כל מלה אחת שבעה עיינים“ (ווידער די וואָרט-שפּיל: „עין“ אויג און „עיין“ — קוק אַריין, זע).

8) דאָ איז שוין דערמאַנט געוועז (זע באַמערקונג 4) גאָטלאָבערס אַרטיקל „להשיב אל מרדכי“; דאָס איז אַן ענטפער אַף „מאמר מרדכי“ (זע באַמערקונג 6). גאָטלאָבער נעמט זיך דאָ אָן מענדעלעס קריוודע: מענדעלע רעדט אַנשטענדיק וועגן צווייפלען, רופט אים „איש נבון וחכם“. קריטיק איז ביכלאַל נוצלעך. אין № 39 ציטירט ער דעם פריערדערמאַנטן מענדעלעס בריוו, געשריבן „פאַר אַ פּאָר כאַדאָשים“ און זאָגט: מענדעלע האָט מאַמעש נעוויעס געזאָגט אַף אַזוינע מאַמאָרים ווי מ. וויסמאַן-כאַיעסעס.

9) די איבערזעצונג פון ה. אָ. לענצס נאַטורגעשיכטע, ט. I, לייפּציק, 1862.

10) אַף דעם 1-טן טייל „תולדות הטבע“ שטייט: „ויצא לאור על ידי מרדכי יעלין“.

11) פון אַן אַנדער קוואַל קריגן מיר אָבער צו הערן, אַז מענדעלע האָט געדרוקט דעם 1-טן טייל „תולדות הטבע“ אַף זיין אייגענעם כעשבן. אין די ביטבריוו צום בילדונג-מיניסטער פונעם 11 נאָיאַבער 1862 און פונעם 29 מײַ 1863 קלאָגט זיך מענדעלע, אַז „אַף דערמאָזיקן באַנד האָט ער אויסגעבראַכט זיין גאַנץ פאַרמעגן“. אַ גרויסער טייל עקזעמפּליאַרן איז נאָך געבליבן אין אויסלאַנד, ער מוז באַצאָלן 700 רובל, און אויב די רעגירונג וועט אים נישט העלפן, וועט מען די ביכער דאָרט פאַרקויפן אין אויקציאָן.

זאָל דאָס הייסן, אַז דער פאַרלעגער האָט געבראָכן דעם קאָנטראַקט?

12) געמיינט די קרוינישע רוסישע שולן פאַר יידישע קינדער. וועגן מענדעלעס הישטאַדלעס באַם בילדונג-מיניסטער אין דעם פּראַט זע די פריערדערמאַנטע ביטבריוו צום בילדונג-מיניסטער. לויט נ. בוכבינדער (זע דאָרט) האָט די רעגירונג געקויפט באַ מענדעלען 333 עקז. פאַר 500 רובל. אין מענדעלעס אַ בריוו צו דער כעווראַ „מפיצי השכלה“, פּעטערבורג, פון אָקטיאַבער 1864 איז דערמאַנט, אַז די רעגירונג האָט געקויפט באַ מענדעלען 500 עקז. פאַר דערזעלבער סומע. (זע לעאָן ראָזנטאַל „תולדות חברת מרבי השכלה בישראל בארץ רוסיא“, ט. II, פּעטערבורג 1890, ז. 49).

צו № 13.

13) מענדעלעס פרוי.

14) דער שווער, זאַלמען לעווין.

15) געמיינט — דאָס אויסברענגען זיינע ביכער: „משפט שלום“, תולדות הטבע“ 2 טייל, „עין משפט“, „האבות והבנים“. מענדעלע האָט דעמאָלט געמאַכט צו דעם צוועק אַ גרעסערע רייזע. זע באַמערקונג 20.

16) מיסטאַמע דער ראַבינער יעשוע צוקערמאַן אין קיעוו. אַז מענדעלע האָט זיך מיט אים נאָענט געקענט, — דאָס האָט מיר געהאַט אַמאָל מיטגעטיילט דער פאַרשטאָרבענער שרייבער יהל"ל.

17) מיסטאָמע אירגענטיש מיט פריסיאַן, וואָס באַ אים האָט מענדעלע געוווינט, בעיס ער איז אין 1868 געוועזן אין אָדעס, אים איבערגעלאָזט זיינע ביכער צו פאַרקויפן. זע באַמ. 20.

18) עפשער — פּאַס.

19) ווי באַוווּסט, האָט דער שווער אָסאַך געטון פאַר מענדעלען: אין ערשטן באַנד „תולדות הטבע“ איז פאַראַן מענדעלעס אַ ווידמונג דעם שווער; דאָרט דערציילט ער, אַז דער שווער האַלט אים אויס שוין 3 יאָר. אָבער נאָך אין 1868 שרייבט מענדעלע בינשטאָקן, אַז ער מוז נאָך אָנקומען צום שווערס הילף (זע באַמערקונג 20). מענדעלע האָט שוין דעמלט אַביסל פאַרדינט פון זיינע ביכער, אָבער, ניקער, דאָס האָט נאָך נישט געקלעקט אויסצוהאַלטן די פאַמיליע. מענדעלע קלאָגט זיך יענע צייטן דורכאַנאַנד אָף נויט און שווערע זאָרג פאַר ברויט.

20) די דאַטע, ווי דער אַדרעסאַט, איז דאָ ניט אָנגעגעבן. פון אייניקע פּראַטים קאָנען מיר אָבער קריגן אַן אָנצוהערעניש אַף דער דאַטע.

א) מענדעלע שרײַבט, אַז ער האָט געוואָלט נעמען אַף זיך די פירונג (די רעדאַקציע?) פונעם „קול מבשר". בעכיין קאָן דאָס פאָרמעל געמאָלט זײַן צווישן 1862 און 1872.

ב) מענדעלע האָט אָבער די „פירונג" אַף זיך נישט גענומען; פאַרקערט,—ער האָט צעריסן מיט צעדער-בוימען. ער שרײַבט, אַז ער וויל דעם „קול מבשר" ניט קענען. מיר ווייסן אָבער, אַז נאָך אָנהייב 1865 האָט מענדעלע פאַרענדיקט צו דרוקן אין „קול מבשר" (נומ. 6) זײַן ערשט יידיש ווערק („דאָס קליינע מענטשעלע"). כוץ דעם האָט מענדעלע די ערשטע יאָרן פונעם „קול מבשר" (1862—1865) נאָך ניט געהאַט דעם פעסטן אויטאָריטעט אַלס יידיש-שרײַבער, אַז מע זאָל אים פאַרבעטן פאַר אַ פירער אין אַ זשורנאַל. ס'איז נאָך אויך אָפּגעפרעגט, צי האָט דער „קול מבשר" זיך געקענט יענע יאָרן מאַטעריעל פאַרגינען אַ ספּעציעלן פירער אָדער רעדאַקטער. מע דאַרף דאַריבער אָננעמען, אַז די פאַרהאַנדלונגען מיט מענדעלען, ער זאָל ווערן דער פירער פונעם „קול מבשר", האָבן ניט געקענט פאָרקומען פריער פאַר 1865, מעמיילע איז דער בריוו געשריבן ניט פריער פאַר 1865.

ג) אינעם בריוו דערמאָנט מענדעלע, אַז ער איז געקומען אַהיים פון אַ רײַזע און אַז דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט ער פאַרבראַכט אין אָדעס באַ איינעם מוישע האַלפּערין.

אין אָדעס איז מענדעלע געווען, ווי ווײַט איצט איז באַקאַנט:

a) אין 1862. אין אַ מוידאָע אין „קול מבשר" פאַר יענץ יאָר, נומ. 8 (16 דעקאַבער) איז אָנגעגעבן, אַז די ביכער (מענדעלעס) „תולדות הטבע" (1-טער טייל) און „למדו היטב" קאָן מען קריגן באַם אַ וו ט אָ ר די עטלעכע טעג, וואָס ער וועט דאָ נאָך פאַרברענגען, און ס'איז אָנגעוויזן דער אַדרעס (אײַנפאָר-הויז באַ שלוימע רײַכער). אָבער די דאַטע 1862, אָדער, ריכטיקער, 1863, פאַר אונדזער איצטיקן בריוו מוז מען אָפּוואַרפן איבער די מאָטיוון, וואָס איך האָב געבראַכט אין פונקט ב'.

b) אין אָדעס איז נאָך מענדעלע געווען אין 1868. אין עטלעכע נומערן „המליץ" פאַר יענץ יאָר, פונעם נומ. 4 אָן (25-טן יאַנוואַר) ביז נומ. 20 (23-טן מײַ) איז צו טרעפן מוידאָעס און נאָטיצן, אַז מענדעלע איז אין אָדעס און שטייט אײַן באַ איינעם פריסיאַן (מענדעלעס אַ גוטער פרײַנט פון באַרדיטשעוו) אַף פּאָטשט-גאַס, ער אי' געקומען אַהער מיטן 2-טן טייל „תולדות הטבע", האָט דאָ אָפּגעדרוקט זײַן „האבות והבנים". דער אַווטאָר וועט ניט גיין צו קיינעם, און ווער ס'וויל האָבן זײַנע ווערק, זאָל קומען צו אים. מענדעלע האָט דעמלט געמאַכט אַ גרעסערע רײַזע, זעט אויס, מיט דעם צוועק אויסצובורעגנגען זײַנע ביכער (צו די פריער דערמאָנטע קומט נאָך צו: „עין משפט" און „משפט שלום"). כוץ אָדעס, איז ער נאָך געווען אין ניקאָלאַיעוו, ווי ס'איז צו זען פון זײַן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ", 1868, נומ. 19 (פונעם 14-טן מײַ). פונעם בריוו נומ. 13 פונעם 30 מײַ 1868 צו דער פרוי זעט מען, אַז מענדעלע איז דעמלט נאָך געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו און האָט זיך געקליבן קײַן קרעמענטשוג, קיעוו. וועגן מענדעלעס רײַזע יענץ יאָר ווייסן מיר אויך פון זײַנע צוויי בריוו פון אָדעס פונעם 4-טן אַפּריל און פונעם 10-טן מײַ 1868 צו זײַן פרײַנט בינשטאָקן [זע: ש. גינזבורג „מענדעלעס צײַט און מענדעלעס פּערזענלעכקײַט" (לויט מענדעלעס בריוו צו בינשטאָקן) אין „אַלע ווערק פון ממ"ס", ב. XX, וואַרשע 1928, זײַט 17—18 און 25]. פונעם ערשטן בריוו איז צו זען, אַז מענדעלע איז דעמלט געווען אין כערסאָן אויך. אינעם צווייטן בריוו קלאָגט ער זיך אַף זײַן שווערער מאַטעריעלער לאַגע: ער האָט אַ פרוי מיט קינדער און מוז נאָך אַלץ אָנקומען צום שווערס הילף. ער מוז אַרומוואַנדערן, און זײַן אייניציקע האָפענונג איז, עפּשער וועט ער צונויפקלײַבן אַ ביסל געלט [פאַר זײַנע ביכער], ער זאָל קומען אַהיים צום הויז-געזינד.

בעכיין, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די רײַזע, וואָס ער דערמאָנט אָנהייב בריוו, איז די רײַזע פון 1868, און דאָס (דאָס יאָר 1868) איז די דאַטע פון אונדזער בריוו. (אַגעוו, הערן מיר דאָ אויך דאָסזעלבע קלאָגן זיך אַף דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, וואָס אין פריערדערמאָנטן בריוו צו בינשטאָקן).

אָבער פאַר דערדאָזיקער האַשאָרע וואָלט מען באַדאַרפט אָנעמען, אַז מיט אַ יאָר פריער, אין 1867, איז מענדעלע אויך געווען אין אָדעס (פאַרבראַכט דעם זומער באַ מוישע האַלפּערין). וועגן דעם האָבן מיר ניט קײַן שום יעדיעס. אין „המליץ" און „קול מבשר" פאַר 1867 איז וועגן דעם אויך ניט דערמאָנט.

c) מ. אַבראַמאָוויטש (מענדעלעס זון) טיילט מיר מיט (פריוואַט), אַז מענדעלע איז געווען אין אָדעס אין 1871 אויך, און דעמלט האָט ער פאַרבראַכט באַ מוישע האַלפּערין. דאָס יאָר (אָדער אָנהייב 1872) איז ער געווען אין פּעטערבורג אויך און פאַרהאַנדלט, דורך זײַן גוטן באַקאַנטן פון קאַמענעץ, דעם געוויסן אימאַנועל לעווין (אַן אָנגעזעענער פּעטערבורגער געזעלש. טוער אין די בורזשואַזע קרײַזן), מיט פּעטערבורגער טוער וועגן אַרויסגעבן אַ צײַטונג (גיכער פאַר אַלץ אַף העברעיִש).

בעכיין איז מעגלעך, אַז דאָס איז געמיינט די רײַזע, וואָס איז דערמאָנט אָנהייב איצטיקן בריוו, און דער בריוו איז געשריבן אָנהייב 1872. צעדערבוים איז שוין דעמלט געווען אין פּעטערבורג; דעם „קול מבשר" האָט רעדאַקטירט מ. ל. ליליענבלום, שפּעטער מ. בעלינסאָן, און, מעגלעך, אַז צעדערבוים האָט געוואָלט איבערגעבן די רעדאַקציע מענדעלען עטלעכע כאַדאָשים איידער דאָס בלאַט האָט זיך פאַרמאַכט (מיטן 1872).

צו דערדאָזיקער האַשאָרע וואָלטן אויך מער ווייניקער געפּאַסט די אָנצוהערענישן אין בריוו וועגן דעם „געשעפט", וואָס אין דער ע־שטער סטאַדיע איז דאָס אופגעקומען מיט מענדעלעס מיטהילף, אין דער צווייטער

סטאַדיע (מענדעלעס פאַרהאַנדלונגען אין פעטערבורג) בלויז מיט מענדעלעס איניציאַטיוו, און מיט בינשטאָקס מיטהילף. דאָס „געשעפט“ קאָן דאָ געמיינט זייַן די געפּלאַנטע צייַטונג (מענדעלעס שטרעבן אַרויסצוגעבן אַ צייַטונג, — אַ געוויסע צייַט, צוזאַמען מיט בינשטאָקן, — איז גוט באַקאַנט. זע באַמערקונג 42).

שווער פאַר דערדאָזיקער האַשאָרע איז, וואָס ס׳קומט אויס, אַז מענדעלע האָט אין איינער און דערזעלבער צייַט פאַרהאַנדלט וועגן אַן אייגענער צייַטונג און וועגן איבערנעמען די פירונג פונעם „קול מבשר“. פאַר צעדער-בוימען זייַנען מענדעלעס פאַרהאַנדלונגען וועגן אַן אייגענער צייַטונג גיכער פאַר אַלץ קייַן סאָד ניט געווען (צע-דערבוים, ווי באַקאַנט, האָט ניט באַדאַרפט וואַרטן, מע זאָל אים דערציילן אַזוינע זאַכן — ער האָט דאָס שוין גע-קענט „אָנשמעקן“!). ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז צעדערבוים זאָל אַזוי גוט זייַן מיט אַ קינפטיקן קאָנקורענט.

מע קען אויך נישט זאָגן מיט זיכערקייַט, אַז, כוץ 1862, 1868 און 1871 איז מענדעלע אין אָדעס נישט געווען.

פון די אַלע באַטראַכטונגען קאָן מען קומען בעערעך צום אויספיר: דער בריוו איז געשריבן צווישן 1865 און 1872, נעענטער צום סאָף פון דעמדאָזיקן אָפּשניט; מעגלעך, — אַז אָנהייב 1872. אויב מיר זאָלן אָנעמען די לעצטע דאַטע, איז לאָזט זיך אָנעמען מ. אַבראַמאָוויטשעס האַשאָרע, אַז דער אַדרעסאַט איז דער פריערדערמאָנ-טער א. מ. לעווין אין פעטערבורג. ס׳בלייַבט אָבער ניט קלאָר, ווער איז דאָס דער „גרויסער מענטש“, דעם אַדרע-סאַטס פאַרשטאָרבענער ברודער, וואָס איז דערמאָנט סאָף בריוו.

21) מאָיסיי יאַקאָוולעוויטש האַלפּערין, מענדעלעס אַ נאָענטער גוטער פרייַנט. געבוירן אין באַרדיטשעוו, געלערנט אין קיעווער אוניווערסיטעט, אָבער נישט געענדיקט; אין די 60-ער יאָרן געווינט אין באַרדיטשעוו, גע-ווען מענדעלעס אַ באַגייַסטערטער פאַרערער, שפּעטער האָט זיך מ. ה. איבערגעצויגן קייַן אָדעס, אָרגאַניזירט אַ ביר-ברויז, געווען דאָרט דירעקטער, געוואָלט דאָרט געבן מענדעלען אַ שטעל אין דער קאָנטאָר, אָבער דער ברויז האָט געפּלאַצט. שפּעטער האָט ער שטאַרק געשטיצט מענדעלעס קאַנדידאַטור, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט פון אַ פאַרוואַלטער פאַר דער אָדעסער טאַלמוד-טוירע (1881), און האָט זיך ביכלאַל האַרציק פאַרהאַלטן צו מענדעלען און צו זייַן פאַמיליע, געשטאָרבן איז מ. ה. אין אָדעס אַרום 1885—1886 (מ. אַבראַמאָוויטשעס מיטיילונג).

מ. האַלפּערין איז דערמאָנט אין מענדעלעס „בואו חשבון“ (זשיטאָמיר, 1866). צוזאַמען מיט מענדעלען האָט ער דעמלט געהאַט די האַשגאָכע אף א יידישער דערציִונג-אַנשטאַלט אין באַרדיטשעוו.

מ. האַלפּערין איז אויך דערמאָנט אין מענדעלעס אַ בריוו צו פּראָפ. פּ. אַ. בעזסאָנאָוו פונעם יאָר 1885: מ. י. האַלפּערין האָט זיך דעמלט באַטייליקט אין אַ פּאָר זיצונגען פון אַ גרופּע אינטעליגענץ אין אָדעס, וואָס האָט געוואָלט גרינדן אַ יידישע צייטונג מיט מענדעלעס באַטייליקונג (זע באַמערק. 42).

נאָך אַמאָל טרעפן מיר באַ מענדעלען די פאַמיליע האַלפּערין אין אַ בריוו פון אָדעס פונעם 6 יוני 1891 צו בינשטאָקן. מענדעלע דערציילט דאָרט, אַז אַ זון פון זייַן פאַרשטאָרבענעם פרייַנט האַלפּערין האָט זיך די טעג נעבומען דאָס לעבן (זע גינזבורגס אַרטיקל, ז. 28).

22) די ווערטער „נלכד בשחיתות הזמן“ קאָן מען פאַרשטיין, אַז האַלפּערינען האָט געטראָפן דער עקאָנאָמישער קריזיס יענע צייט. אַן עקאָנאָמישער קריזיס אין אייראָפּע איז באַקאַנט סאָף די 60-ער יאָרן, ער האָט זיך געפילט אין רוסלאַנד אויך, ביפראַט אין אַ פּאָרט-שטאָט אָדעס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אייראָפּעיִשן מאַרק [מיטיילונג פון אַקאַדעמיקער ק. וואָבלי, און פּראָפעסער אָגלאָבלין, קיעוו].

23) לויט דער העברעיִשער טראַנסקריפּציע קאָן מען דאָס לייענען „שור“ און „שאָר“. מיט דער פאַמיליע „שור“ זייַנען באַקאַנט אייניקע פּערזאָנען אין זשיטאָמיר, אַגעוו, איינער יאַקאָוו שור, וואָס האָט געענדיקט די זשי-טאָמירער ראַבינער-שול, געהאַט אַ שעם פאַר אַ מאַטעמאַטיקער, געגעבן פּריוואַט-שטונדן, אַ שטיקל צייַט רעפּעטירט, אַגעוו, מיט מענדעלעס זון, מ. אַבראַמאָוויטש, בעת יענער איז געווען אין 3-טן קלאַס זשיטאָמירער גימנאַזיע, גע-האַט באַקאַנטשאַפט אין די אָפיציעלע קרייַזן, געזאָלט איין צייַט מיטאַרבעטן מיט מענדעלען אין אַ געפּלאַנטער שול.

איינער שור איז אויך דערמאָנט אין מענדעלעס בריוו נום. 15 (זע).

ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז דאָ איז געמיינט איינער שאָר, וואָס מענדעלע האָט זיך מיט אים באַפרייַנדעט אין אָדעס אין 1871 (מ. אַבראַמאָוויטשעס מיטיילונג).

צו № 15.

24) באַרדיטשעוו.

25) „שכר-טרחה“ — פאַר אָפּגעבן דעם בריוו.

צו № 16.

26) די געוויסע שרייבער י. י. ליבעצקי און א. גאָלדפאַדן. „ישראליק“. אַ וואָכנבלאַט, איז אַרויסגעגאַנגען אין לעמבערג פון אָקטיאַבער 1875 ביז פעווראַל 1876. דער פּראָבע-נומער (№ 0) איז דאַטירט 23 יוני 1875. לויט ווי ס׳שרייבן די רעדאַקטערס אין זייערע אַוטאָביאָגראַפיעס, איז אַרויס 20 נומערן. דער בריוו איז גענומען פון לי-נעצקיס אַרכיוו.

27) זשיטאָמיר, 1875.

28) דידאַזיקע מוידאָע איז געדרוקט אין „ישראליק״ אין די נומערן 6—10.

29) ווילנע, 1873.

30) חלק ב׳ וחלק ג׳. דער 2-טער טייל איז אַרויס אין זשיטאָמיר 1866; דער דריטער — אין ווילנע, 1872.

צו № 17.

31) דער בריוו איז גענומען פון ליגעצקיס אַרכיוו. זע אויך ווייטערדיקע באַמערקונגען.

32) מענדעלעס אַן אַרטיקל, מיט דעם נאָמען „יודעשע קינדער פון די כתבים פון ישראָליק דעם משוגענעם״, מיט דער אונטערשריפט „איש״, דיזעלבע אונטערשריפט, וואָס אַף די ערשטע אויסגאַבעס פונעם „קליינעם מענטשעלע״ (אָדעס 1865) און „דאָס ווינטשפינגערל״ (וואַרשע 1865, אָדער 1866) איז געדרוקט אין „ישראליק״ № 8 פונעם 20/XI 1875. ס׳איז געשריבן לויטן אינהאַלט און סטיל ווי אַ קאַפּיטל פון דער „קליאַטשע״ ס׳איז אַ שמועס צווישן ישראליקן און זיין מוטער. די מוטער טענעט מיט אים, ער זאָל ווערן אַ „מענטש״, כאַסענע האָבן און אופהערן פאַרזאָרגן אַ וועלט, ניט זיין באַ לייטן אין די מיילער. ישראליק דערקלערט איר די שווערע, ביטערע יידישע לאַגע, די יידישע הינטערשטעליקייט א. ד. גל.

33) וועגן דעם, ווי אַזוי מענדעלע איז געווען אַ מאַקפּעד אַף דעם אויסלייג, זע אויך די בריוו 27, 42.

34) דאָס אַרטיקל איז געדרוקט אין „ישראליק״ אַף דער ערשטער שטעל.

צו № 18.

35) וועגן דעם אַדרעסאַט האָט מיר מיטגעטיילט ד״ר בראָנשטיין, באַרדיטשעוו, דעם אַדרעסאַטס אַ זון. מ. ס. בראָנשטיין, מענדעלעס אַ גוטער פריינט, איז געווען אַ פאַרוואַלטער פון דער פאָרצעליי-פאַבריק באַ די געוויסע זוס-מאַנס, א מאַסקיל, פלעגט שרייבן אין „הכרמל״.

36) „חודש זה״—היינטיקן כוידעש.

37) אַ פּאָסעק פון „שיר השירים״, ח׳, 6.

38 פעטערבורג. אין 1879 האָט מענדעלע פאַרהאַנדלט מיט אָנגעזעענע פעטערבורגער קלאַל-טוער וועגן אַרויס-געבן אַ יידישע צייטונג. אַזוי דערציילט מענדעלע אין אַ בריוו צו פראָפעסאָר בעזסאָנאָוו. דער בריוו איז אָן אַ דאַטע, ער איז געשריבן אינגיכן נאָך מענדעלעס יובילייִ, ז׳. ה. נאָך דעם 20 דעקאַבער 1884 (1 יאַנוואַר 1885). ווי ס׳איז צו זען פון אַ בריוו צו בינשטאָקן פונעם 20/XI 1885, איז דער בריוו געשריבן אין 1885 (זע: גינזבורג, ז. 46). דער זייער אינטערעסאַנטער בריוו צו בעזסאָנאָוו איז פאַרעפנטלעכט (פון א קאָפּיע) גאַנצערהייט אין דעם ביכל זיכרוינעס פון מענדעלעס טעכטער נאַדיעזשדע אַבראַמאָוויטש און אַלעקסאַנדרע דאָברין-אַבראַמאָוויטש „דער זיידע צווישן אייגענע און פרעמדע״, וואַרשע, פאַרלאַג „קולטור-ליגע״, 1928, ז. 22—31, און אין אויסצוגן אין כאַרקאָווער צייטונג „שטערן״, נומערן 295, 296 פאַר דאָס יאָר 1927.

צי איז מענדעלע דעמלט, אין 1879 געפאָרן קיין פעטערבורג,—דאָס בלייבט אומבאַקאַנט. אין אַ פריער-דיקן בריוו צו דעמזעלבן בעזסאָנאָוון דערמאָנט מענדעלע, אַז ער איז געווען אין פעטערבורג אין 1880 (זע: „דער זיידע צווישן אייגענע און פרעמדע״, ז. 20).

39) מעגלעך, אַז דאָ פעלט אַ וואָרט; דער בריוו האָט זיך ביכלאַל שלעכט דערהאַלטן.

40) אַ קאַלענדאַר, וואָס מענדעלע האָט אַרויסגעגעבן,—ווילנע, 1879.

צו № 19.

41) דאָס יאָר איז קלאָר פון דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ מיט ספּעקטאָרן וועגן אַרויסגעבן די צייטונג, וואָס פון איר רעדט זיך אין איצטיקן בריוו. ספּעקטאָרס בריוו וועגן דעם צו מענדעלען זיינען פאַרהיט אין מענדעלע-אַרכיוו,—איצט אין מענדעלע-מוזיי אין אָדעס. די מיטיילונג האָב איך צו פאַרדאַנקען די כ״כ וואָראָבייטשיק און ב. רובשטיין.

42) מענדעלעס באַמיִונגען אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג זיינען באַקאַנט פון 1868 אָן. אין אַ בריוו צו א״א האַרקאַווי פונעם 22/I 1868 שרייַבט י. ל. גאָרדאָן (איך זעץ איבער פון העברעיִש) . „געוויס האָסטו געהערט, אַז אבּ״ג [אַווראָם-בער גאָטלאָבער] און אַבראַמאָוויטש האַלטן באַ אַרויסגעבן אַ נייַע צייַטונג אין זשיטאָמיר מיטן נאָמען „בן עמי״. וואָס וועט דאָס זייַן?״ [„אגרות יל״ג״, ט. ו, וואַרשע, 1894, № 61]. ווייַטער איז אונדז באַקאַנט מענדעלעס אַ פּרווו פון 1871. דאָס יאָר איז ער אַפילע געפאָרן צו דעם צוועק קיין פעטערבורג. דער באַראָן גינצבורג און ביכלאַל די יידישע „פּניי״ אין פעטערבורג, וואָס זיינען גע-ווען שטאַרק אומצופרידן מיטן „קול מבשר״, האָבן געשטיצט מענדעלען; זיי האָבן אָבער קיין דערלויב

ניט געקאָנט אויספֿויעלן. ווייטערדיקע פּרווון אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, ווי דאָס ערשטע מאָל — צוזאַמען מיט בינשטאָקן, זיינען באַקאַנט פֿון די יאָרן 1879 (זע באַמערקונג 38) 1882, 1883, 1884, 1885. פֿונעם יאָר 1884 אָן ביז 1886 איז מענדעלעס פּרווון אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג געבונדן מיט דעם אַרויסקוק אָפּן ליבעראַלן פּראָפֿעסער פּ. א. בעזסאָנאָווס פּראָטעקציע. בעזסאָנאָוו איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער געוויסער פּאָלענישער קאָמי-סיע וועגן דער יידנפֿראַגע. אַבראַמאָוויטש האָט זיך באַקאַנט און באַפֿריינדעט מיט אים. פֿון מענדעלעס אַ בריוו צו בעזסאָנאָוון, געשריבן באַלד נאָך מענדעלעס ערשטן יובֿילײ (ד. ה. נאָכן 20 דעקאַבער 1883,—1 יאַנואַר 1885), דער-ווייסן מיר זיך, אַשטייגער, אַז ב. האָט באַגריסט מענדעלען צום יובֿילײ. („דער זיידע צווישן אייגענע און פֿרעמדע", ז. 18—21). אין אַ צווייטן בריוו צו ב. פֿון 1885 (דאָרט, 22—31), זעען מיר שוין מענדעלעס באַמיִונגען צו געווינען ב. פֿאַר אַ יידישער צייטונג. ניקער, אַז ב. האָט ניט געהאַלטן פֿון דעם פּלאַן און געראָטן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אַף ר ו ס י ש. מענדעלע ענטפֿערט אָפּ דאַרויף, ווייזט אויף, ווי נייטיק ס'איז אַ צייטונג גראָד אַף יידיש, דערציילט אַגעוו באַ דער געלעגנהייט פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען וועגן אַ יידישער צייטונג אין 1879 (זע באַמערקונג 38), אויך וועגן דעם, אַז באַלד נאָכן יובֿילײ האָט אַ גרופּע יידישע אינטעליגענץ (מ. ג. מאַרגוליס, ד"ר אָקון, פֿינקל-שטיין, פּ. טראַכטמאַן, אַדוואָקאַט אָקס, מ. י. האַלפּערין) באַשלאָסן זיך מישטאַדל צו זיין צו קריגן אַ דערלויב אַף אַ יידישער צייטונג, אין זינען געהאַט דערביי מענדעלעס אַקטיווסטע באַטייליקונג, אָדער רעדאַקציע. די קאָרעספּאָנדענץ מיט בעזסאָנאָוון וועגן דער צייטונג האָט זיך געצויגן ביז 1886. אין אַ בריוו צו בינשטאָקן פֿונעם III/21 1886 שרייבט מענדעלע, אַז ער האָט שוין פֿאַרלאָרן יעדע האָפֿענונג. (זע ש. גינזבורגס אַרטיקל, ז. 44—47). אָבער ווי מיר זעען, האָט זיך מענדעלע דאָסזעלבע יאָר גענומען פֿאַר דער זאַך, דאָס מאָל צוזאַמען מיט ספּעקטאָרן. און נאָך אין 1888 שרייבט ער שאָלעם-אַלייכעמען, אַז ער האָט בעדייע אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל (זע ווייטער בריוו 21).

43) „מאחינו בני ישראל",—בעזסאָנאָוו.

44) מענדעלע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פֿון אַ וואָכנבלאַט מיט דעם נאָמען „דער שפּיגל" און אָפּגעשיקט ספּעקטאָרן. וועגן דעם גיט ער צו וויסן בינשטאָקן אין אַ בריוו פֿונעם VIII/20 1886. אָבער שוין אין אַ בריוו פֿונעם X/24 1886 צו דעמזעלבן שרייבט ער, אַז ספּעקטאָר זאָגט זיך אָפּ פֿון דער זאַך, ווייל זי לאָזט זיך ניט פֿאַרווירקלעכן (זע ש. גינזבורגס אַרטיקל, ז. 47); ניקער—איבער דעם, וואָס מע האָט ניט געקאָנט קריגן קיין דערלויב. ווי ס'איז באַקאַנט, האָט די רוסישע רעגירונג ניט דערלאָזט צו גרינדן קיין יידישע צייטונג אין לאַנד ביז 1903 („דער פֿריינד").

צו № 20.

45) אַז דער בריוו איז אַדרעסירט הערמאַן באַראַצן,— דאַרוף זיינען פֿאַראַן אַזוינע ריִיעס: אין בריוו רעדט זיך פֿון צענזורירן (אַזוי דאַרף מען דאָ טײַטשן „לבקרת") מענדעלעס בוך „פֿישקע דער קרומער", וואָס איז דאָס-זעלבע יאָר אַרויס אין אָדעס אין אַ 2-טער איבערגעאַרבעטער אויסגאַבע. דאָס בוך איז פֿאַקטיש צענזורירט געווען אין קיעוו. אָבער צענזער אַף יידישע, העברעיִשע ביכער אין קיעוו איז דעמלט געווען הערמאַן באַראַץ, דער „גע-לערנטער ייד" (עקספּערט פֿאַר יידישע איניאָנים) באַם קיעוו-פּאָדאָל-וואָלינער גענעראַל-גובערנאַטאָר פֿון 1863 אָן. אַז ער איז געווען גוט באַפֿריינדעט מיט באַראַצן, דאָס זעט מען, אַגעוו, פֿון די בריוו נומ. 21, 31, ווו ער רופֿט באַראַצן „מײַן זייער געשעצטער אַלטער פֿרײַנט", „ידידי".

46) דער געוויסער קלאַל-טוער מיכאַיל (מענאַשע) גריגאָריעוויטש מאַרגוליס, אַדוואָקאַט אין אָדעס.

47) געמיינט דעם געוויסן אָסיפּ ראַבינאָוויטש (1817—1869), רוסיש-יידישער בעלעטריסט און רעדאַקטער פֿון דעם ערשטן רוסיש-יידישן וואָכנבלאַט „ראַזסוועט", אָדעס, 1860—1861.

48) אַ רוסיש-יידיש וואָכנבלאַט, אַרויסגעגאַנגען אין אָדעס 1869—1871.

49) אין „דיען" אין № 28 פֿאַר 1869 איז פֿאַראַן איין לעוואַנדעס אַן אַרטיקל Несколько слов об О. А. Рабиновиче (עטלעכע ווערטער וועגן אָ. אַ. ראַבינאָוויטשן), שוין אַ נ ע ק ר אָ ל אָ ג אַף ראַבינאָוויטשן. דאָרט, אַגעוו, איז וועגן אַזאַ באַשולדיקונג קעגן ר. קײַן וואָרט נישטאָ. צי איז דאָ ניט עפּעס אַ טאָעס אין נאָמען פֿון דער צײַטונג ?

50) מ. מאַרגוליס האָט אַרויסגעלאָזט אין 1888 אין אָדעס די בענד II און III פֿון אָ. ראַבינאָוויטשעס ווערק מיט ראַבינאָוויטשעס אַ ביאָגראַפֿיע, אָבער דאָרט איז וועגן דעם אינצידענט נישט דערמאָנט.

צו № 21.

51) די בריוו האָט מען ביז איצט נישט געפֿונען. אין ביידע, זעט אויס, האַנדלט עס זיך פֿון מענדעלעס באַטייליקונג אין ש"אַ'ס „יידישע פֿאָלקסביבליאָטעק". ב. I, קיעוו, 1888.

52) אָדעסער „תלמוד תורה", וווּ מענדעלע איז געווען פֿאַרוואַלטער פֿון 1881 אָן.

53) ביז דערדאָזיקער שטעל איז דער בריוו ציטירט אין „שלום-עליכם-בוך", ניו-יאָרק, 1926, ז. 166.

54) זע באַמ. 45

55) זעט אויס, אַז אין אָנהייב האָט ש״א געמיינט צו גרינדן אַ זשורנאַל. מיסטאָמע איז דאָס אים נישט געראָטן איבער דעם אָפיציעלן דערלויב, איז דערפון געוואָרן די זאַמלביכער „יידישע פאָלקסביבליאָטעק״.

55) מענדעלעס „פישקע דער קרומער״, 2-טע אופלאַגע.

צו № 22.

57) ביז איצט זיך נישט אָפגעזוכט.

58) געמיינט „יידישעס פאָלקסבלאַט״, וואָס איז דערשינען אין פעטערבורג 1881—1889.

59) דער פרייַז, וואָס שאָלעם-אליינעם האָט אָנגעבאָטן פאַר פראָזע אין זייַן „פאָלקסביבליאָטעק״.

60) דער פערסאָנאַזש, וואָס אין זייַן נאָמען פירט מענדעלע-אַבראַמאָוויטש זייַנע דערציילונגען.

61) ש״א האָט דעמלט געפירט גרויסע געשעפטן אַף דער קיעווער בירזשע, אַגעוו מיט צוקער אויך.

צו № 23.

62) „האָב ראַכמאָנעס אַף דעם ליטעראַרישן טייל אין „האסיף״ (יאָר-ביכער, וואָס נ. סאָקאָלאָוו פלעגט אַרויסגעבן אין וואַרשע – נ. ש.) און גיב מיר פון דעם, וואָס דו האָסט גרייט, אָדער גרייט עפּעס צו און לייג אַף מיר אַרוף אויסלייז-געלט וויפל דייַן האַרץ גלוסט, נאָר זאָג מיר נישט אָפּ״.

63) „דאָס ווינשפינגערל״, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק״, ב. ו, וו.

צו № 24.

64) „דאָס ווינטשפינגערל״, מיט דער אַברעוויאַטור „איש״, האָט 42 זייַטלעך פון אַ קליינעם בראָשור-פאָרמאַט, איז אַרויס צוערשט אין וואַרשע (דאָס איז צו זען פון דער דרוק: „בדפוס החדש של ר׳ יוסף לעבנ-זאָן״), נישט אָנגעוויזן דאָס יאָר (1865 אָדער 1866). דער שאַר-בלאַט פונעם ביכעלע איז רעפּראָדוצירט באַ ד״ר וויַינרייַכן אין „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע״ פאַרלאַג „טאָמאָר״, ווילנע, 1928, צווישן די זייַטן 344—345.

65) זשיטאָמיר, 1869, 45 זייַטלעך.

צו № 25.

66) „אין אַייער בייַטל (אין אייער אופירונג אין געלטזאַכן. נ. ש.) און אין אייער כאַראַקטער״.

67) „ענטפער מיר גיך. אַייער גוטער פרייַנט, וואָס לאָזט אַייך גריסן, דער קליינער״ („דער קליינער״, אַ געוויינטלעכע פאָרמול פאַר זעלבסטבאַשיידנקייַט אין ראַבאָנישע און העברעיִשע שריפטן).

צו № 26.

68) מיסטאָמע געמיינט — אַ באַנק.

69) באַנק-באַאַמטער.

70) די פאַרוואַלטערס.

71) מוישע יאָסי, „דער פאַרוואָרלאָזטער יאָכעם״. הערשעלע וויל נאָכטון דעם דאָקטער, וואָס באַווייַזט זיך פלוצים אין קאַפּצאַנסק, מאַכט ער מוישע יאָסין אַ ווונד אין פוס קעדיי אַף אים אויסצופּרוּוון זייַנע רעפּועס. אין דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק״ ב. ו איז דידאָזיקע סצענע באַשריבן אין קאַפּיטל 5.

72) דאָ איז געמיינט די מייַסע, ווי אַזוי ר׳ שמעלקע איז אַמאָל געבליבן איינער אַליין אין קאַפּצאַנסק פּורים (דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אַוועקגעלאָזט קייַן גלופּסק שנאָרן); ס׳באַווייַזן זיך צו אים פאַרשטעלט די אָוועס, מאָרכע, עליאָהו-האַנאָווי א. אַז. וו., ער פאַרברענגט מיט זיי אַ פריילעכן פּורים, און פון דעמלט אָן ווערט ער שטאַרק אופגעריכט. אין דער „ייד. פאָלקסביבליאָטעק״ איז דאָס קאַפּיטל 7.

ניקער, ש״א האָט געהאַלטן ביידע זאַכן (זע פריער באַמ. 71) פאַר זייַטנשטיק אין „ווינשפינגערל״ און האָט זיי געוואָלט אַרויסלאָזן, דרוקן באַזונדער. זע אויך בריוו № 27.

73) אַרויסוואַרפן.

74) די קאָמעדיע „דער געט״ אין „הויזפרייַנד״ (ספּעקטאָרס אויסגאַבע), ב. ו, וואַרשע, 1888.

75) באַצאָלט דאָס געלט.

צו № 27.

76) מ. ספעקטאָר, זע באַמ. 77.

77) דאָ רעדט זיך פון ספעקטאָרס ראָמאַן „עניים ואביונים" (1886). אין דעמדאָזיקן ראָמאַן טיילט ספעקטאָר איין אָרעמעלייט אין דיזעלבע קאַטעגאָריעס, וואָס מענדעלע אין זיין „פישקע דער קרומער": צופּיס- און בויד-אָרע-מעלייט (באַ מענדעלען „פעשע" און „קאַוואַלעריע"); באַ ספעקטאָרן הייסן די לעצטע: „עמיגראַציאָנע אביונים"). אף דעררדאָזיקער ענלעכקייט אין דער איינטיילונג האָט ש"א אָנגעוויזן אין זיין אַרטיקל „דער יידישער דאַלעס אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקס-שריפטשטעלער" אין דער „ביילאַגע צום יידישן פאָלקסבלאַט", № 43, פאַר 1888, ז. 1185—1187. ש"א זאָגט דערביי: „עס קאָן זייער זיין, אַז ספעקטאָר האָט, שרייבנדיק דעם „עניים ואביונים", נאָך גאָר ניט געזעען דאָס ווערק פון אַבראַמאָוויטשן (דאָ האַנדלט זיך נאָך פון דער 1-טער אויסגאַבע, „פישקע", זשיטאָמיר, 1869,—נ. ש.). מיר ווילן נאָר זאָגן דאַמיט, אַז עס טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז צוויי פאַרשיידע-נע חזנים זינגען אף איין שטייגער".

מענדעלע פאַרופט זיך דאָ, ניקער, אַף ש"א׳ס אַ בריוו וועגן דעם, וואָס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען, וועגן ספעקטאָרן („דער קטנ׳ער"), זע אויך בריוו № 37.

78) הערשעלעס אַ שוועסטער; איר טראַגישע געשיכטע איז באַשריבן אין „ווינשפינגערל" אין „ייד, פ"ב", קאַפּיטל 2.

79) מיסטאַמע איז דאָ מענדעלע אויסן דעם פאַרגלייך פון זיין ציפּע-סאָסיע מיט ספעקטאָרס לייע (אין „עניים ואביונים"), אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט נאָך אַ טראַגישערע לעבנסגעשיכטע ווי ציפּע-סאָסיע (מע פאַר-פירט זי).

80) „שמ"ר׳ס משפט, אָדער סוד פריסיאַזשניך אַף אַלע ראָמאַנען פון שמ"ר" א. א. וו., באַרדיטשעוו 1888. דאָס איז ש"א׳ס שאַרפע קריטיק אַף דעם געוויסן שונד-שרייבער שמ"ר (שייקעוויטש) אין דער פאָרמע פון אַ געריכט מיט בייזיצער.

81) אין „שמ"ר׳ס משפט" שרייבט ש"אַ וועגן ספעקטאָרן: „אַזעלכעס („ריכטיק שילדערן דאָס יידישע לעבן",—נ. ש.) האָבן מיר געקאָנט ערוואַרטן פון אַן עמעסן שרייבער, פון אַזאַ פאָלקס-שרייבער, ווי, צום ביישפיל, ספעקטאָר, וועלכער האָט ליב זיך צוקוקן צום יידישן לעבן און מאָלן ריכטיקע בילדער און טיפן, אַף וויפל עס ער-לויבט אים זיין טאַלאַנט" (ז. 44).

82) אין „שמ"ר׳ס משפט" שטעלט ש"אַ מענדעלען צווישן די באַרימטע „זשאַרגאָניסטן" גאָלדפאַדן, לי-נעצקי, דיק.

83) פעטערבורג, 1884.

84) ש"א׳ס זאַכן „סענדער בלאַנק", „קינדער-שפּיל" א. אַנד. זיינען אַרויס פאַר ביילאַגעס צום פעטערבור-גער „יידישן פאָלקסבלאַט". דער פאַרלעגער, דער געוויסער זשאַרגאָן-פרעסער, האַלב-מעשוגענער י. לעווי, אַ ליט-וואַק, פלעגט טון מיט ש"א׳ס, ווי מיט אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געוואָלט: געענדערט, אַריינגעשטעלט זיינס און אַז. וו. זע ש"א׳ס בריוו צו ראַווניצקין № 30, 31, 33 (פאַר דאָס יאָר 1889) פון דער קאָלעקציע 166 ש"א׳ס בריוו, וואָס בערקאָוויטש האָט פאַרעפנטלעכט אין ניו-יאָרקער „טאָג" די יאָרן 1923—1924 (איבערגעדרוקט אין וואַרשע-ווער „היינט").

85) זאַמלבוך „יידישע פאָלקסביבליאָטעק".

86) געדרוקט אין „יידישן פאָלקסבלאַט" 1887, אַרויס אויך באַזונדער.

87) זע באַמערק. 71. אין בריוו נומ. 28 דערקלערט מענדעלע, וואָס ער האָט געמיינט דערמיט.

צו № 28.

88) אַלעגאַריש: ער איז פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון זיינע העלדן (פון „ווינטשפינגערל") אין גלופּסק.

89) עפשער געמיינט פאַר דעם העבר. ליטעראַרישן זאַמלבוך „כורת", אָדעס, 1890, ווו מענדעלע האָט גע-דרוקט „שם ויפת בעגלה". זע אויך בריוו נומ. 29.

90) געמיינט ענטפער געוויסע מיטאַרבעטער פון דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק", אָדער די קעגנערישע גרופּע אָדעסער יידישע שרייבער מיט לינעצקין אויבן-אָן (צומטייל—דיזעלבע, וואָס פריער), וואָס האָבן „רעוואָל-טירט" קעגן „זיידן". אין דער אַרט שרייבונג „זיי"א" (פאַרשטריכלט פון אויבן) קאָן מען איינזען אַן אַברעוויאַטור אָדער עפּעס אַ ספּעציעלן רעמז. עפשער איז מיט דעם ז׳ געמיינט: זאַמאָשטשין, און מיט „יי" יצחק יואל (לינעצקי)?

91) זע באַמ. 71. זע אויך בריוו נומ. 27.

92) די לעצטע פאַר זאַצן פון „איך האָב ליב" ציטירט ש"אַ אין זיין ראָמאַן „סטעמפעניו" (ביילאַגע צו דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק" ב. I), אין דער ווידמונג דעם „זיידן".

93) ש"אַ לייקנט דאָס אָפּ אין דעם ענטפער-בריוו צו מענדעלען פונעם 26 יולי 1888 (זע „צום אָנדענק פון שאָלעם-אַליי כעם", פעטראָגראַד, 1918, ז. 91.)

צו № 29.

94) זע באַמ. 89.

95) אין אַ בריוו פונעם 26 יולי 1888 (זע באַמערקונג 93) דערציילט ש״אַ מענדעלען, אַז ער שרייַבט איצט פאַר דער „ייד. פאָלקסב״. אַ ראָמאַן („סטעמפעניו״), און ער וואָלט געוואָלט, דער „זיידע״ זאָל אים פריער זען און זאָגן זייַן מיינונג, צי קאָן ער עס נעמען אַף איבערצולייענען אַף עטלעכע טעג.

96) עפשער אַן אָנצוהערעניש ספּעציעל אַף לינעצקין. וועגן די „בהמות״ אין דער יידישער ליטעראַטור זע אויך בריוו נומ. 30.

צו № 30.

97) ש״א האָט געפאָלגט. אין ב. ו „ייד. פאָלקב״. איז פאַראַן מ. מאַרגוליסעס „צו מייַנע ליבע יידן״ אוך בען-אמי׳ס „די קינדערשע יאָרן, ו, די ערשטע נאַכט פון כאַנעקע״. זע אויך בריוו 31.

98) דער צענזער אַף יידישע ביכער אין קיעוו, זע באַמ. 45.

99) „דורש שלומכם״, אייַער זיידע, וואָס לאָזט אייַך גריסן.

צו № 31.

100) מ. מאַרגוליס און בען-אַמי, זע באַמ. 97.

101) זע באַמ. 124.

102) „פישקע דער קרומער״ האָט זיך געדרוקט אין דער דרוק באַ וואַרשאַווערן. ש״א האָט דאָרט געלאָזט דרוקן זייַן „סטעמפעניו״, און אַכטונג געגעבן אַף דעם דרוקן האָט י. כ. ראַווניצקי. זע וועגן דעם אויך ש״א-ס בריוו נומ. 24 (פונעם 7/X, 1888) און 25 (12/X, 1888) צו ראַווניצקין פון דער פריערדערמאָנטער קאָלעקציע (זע באַמערק. 84).

103) דער צענזור.

104) לויט די צענזור-טאַקאָנעס איז דער ערשטער צענזור-דערלויב געווען נישט גענוג. נאָכן אָפּדרוקן דאָס בוך האָט דאָס די דרוק באַדאַרפט צושטעלן דעם צענזער אַף רעוויזיע און דעמלט ערשט געקריגן אַ ספּעציעלן „בילעט״ (דערלויב) אַף אַרויסצולאָזן דאָס בוך פון דער דרוק.

צו № 32.

105) דאָס איז אַן ענטפער אַף ש״א׳ס אַ בריוו פון יאַלטע פונעם 15 דעקאַבער 1888 (נומ. 29 אין דער פריער-דערמאָנטער קאָלעקציע). ש״א טיילט מיט מענדעלען, אַז ער איז דאָרט מיט אַ געפערלעך-קראַנקער קרויווע, אַ יונג מיידל, „וועלכע שטאַרבט נעבעך אַלע מינוט, אַלע רעגע״.

106) אין דעמזעלבן בריוו שרייַבט ש״א וועגן זייַן קאָרעספּאָנדענץ מיט סאָקאָלאָוון (רעדאַקטער פון „האסיף״) מיקויעך מענדעלעס ליטעראַרישע געשעפטן. וועגן וואָס דאָ רעדט זיך קאָנקרעט,—דאָס איז אין ש״א׳ס בריוו נישט קלאָר.

107) אין גאָטס נאָמען.

108) די „ייד. פאָלקסב״. האָט זיך געדרוקט באַ שעפּטעלן אין באַרדיטשעוו.

צו № 33.

109) זע באַמערק. 124.

110) מיגלעך, אַז דאָ רעדט זיך פון אויסבערענגען מענדעלעס ווערק, זע ווייַטער בריוו 42, 43 און ש״א׳ס בריוו צו מענדעלען פון דער פריערדערמאָנטער קאָלעקציע נומ. 43 פונעם 1 דעקאַבער 1889.

111) פון „אַחשתרנים״ אין „מגלת אסתר״ ח׳ 10, 14, דאָ—סימוואָליש פאַר אייַלן, יאָגן זיך. אַזוי, „אַחשתרנים״, האָט מענדעלע גערופן ש״א׳ן פאַר זייַן האַסטיקייט. ש״א האָט אופגענומען דעמראָזיקן צונאָמען. אין דער ווידמונג [צו זייַן פרוין] אין „יאָסעלע סאָלאָוויי״ שרייַבט ער מיט היסנאַצלעס וועגן ראָמאַן: „וועהאַשיינים איז מען דאָך, טאַקע, צווישן אונדז ריידנדיק, יונגע לייַט, מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין צייַט ניט, א ח ש ת ר נ י ם, אַלץ געיאָגט, געכאַפּט״...

112) דיראָזיקע סטירע לאָזט זיך עפשער דערקלערן אַזוי: אין קאַפּיטל 2 רעדט נאָך אַלץ ש״א, אַזויווי אין קאַפּיטל 1, פון דעם רווישעם, וואָס סטעמפּעניו מאַכט אַן ביכלאַל, א ו מ ע ט ו ם. אַף ז. 6, סאָף קאַפּיטל 2, שרייַבט ש״א: „אַזוי (די שטאָט איז אוף מיט סטעמפּעניו׳ן.—נ. ש.) איז אין כמעלניצק, אַזוי איז אין גאָנטעיאַרסק,

אַזוי איז אין אַלע שטעטלעך... און אַזוי איז אויך אין מאַזעפּעווקע, וווּ סטעמפּעניוּ האָט זיך באַזעצט אַף טאָמער״. אַז סטעמפּעניו האָט אַמאָל געשפּילט אין כמעלניצק (פֿון וואַנען ראָכעל שטאַמט) אַף כאַסענעס, אַגעוו, באַם „רעבעָן״ אויך (א גרויסע „זכיע״!), און דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק, דאָס קריגן מיר צו הערן אַף ז. 15, 17, 41, דאָס קאַפּיטל 2 הייבט זיך אָן: „דער ראַש, וואָס סטעמפּעניו האָט אָנגעמאַכט, קומענדיק ערגעץ אין א שטעטל מיט זײַן קאַפּעליע״ (ז. 4).

דאָס, וואָס סטעמפּעניו קומט קיין מאַזעפּעווקע אַף דער כאַסענע צו כאַים בענציען גלאָק, כאָטש ער וווינט שוין אין מאַזעפּעווקע—דאָס קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס סטעמפּעניו פּלעגט נאָך אַלץ אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך; איצט איז ער געקומען פון ערגעץ.

113) זע באַמ. 97, דאָ האַנדלט זיך פון מאַרגוליסעס האָנאָראַר.

צו № 34.

114) זע באַמ. 124.

צו № 35.

115) אַן אָנצוהערעניש אַף ש״א׳ס צוקער-געשעפטן. זע באַמ. 61.

116) זע באַמ. 124.

117) דער אָדעסער דרוקער; באַ אים האָט מענדעלע געדרוקט יענץ יאָר „די קליאַטשע״ אין דער 2-טע אויסגאַבע.

118) דער ראָמאַן האָט פריער געזאָלט הייסן „אסתר״, ניקער, אַף דעם נאָמען פון דער העלדן (אסתר) פונעם ראָמאַן („יאָסעלע סאָלאָוויי״), דערפון איז נאָכדעם געוואָרן „יאָסעלע סאָלאָוויי״. אין אַ בריוו פונעם 4 סענטיאַבער 1889 צו ראַווניצקין שרײַבט ש״א: „מײַן ראָמאַן, וואָס איז שוין אַרויס פונעם צענזער, האָב איך צעקײַט און אײַנגעשלונגען און שרײַב א נײַעם״. אין א שפּעטערדיקן בריוו צו מענדעלען, פונעם 10 נאָיאַבער, שרײַבט ער ...„והשנית, מײַן יאָסעלע סאָלאָוויי״; דאָס איז מײַן ראָמאַן, וועלכן איך האָב איבעראַנײַס געמוזט אָנשרײַבן, נאָכדעם אַז איך האָב מײַן פריערדיקן ראָמאַן „אסתר״ פאַרברענט אַפן פײַער״ (זע בריוו 34, 39 פון דער פריערדערמאָנטער ש״א׳ס קאָלעקציע בריוו).

119) די „הילף זאָל קומען פון הימל״, א פּאָסעק פון שאַבעסדיקן דאַווענען.

צו № 36.

120) „אחינו בני ישראל״—יידן.

121) זע באַמ. 124.

122) נישט אַרויס.

צו № 37.

123) ספּעקטאָר, זע באַמ. 76, 77. דאָ האַנדלט זיך ווײַטער פון מענדעלעס אַ ליטעראַרישער זאַך פאַר ספּעקטאָרס אויסגאַבע „הויזפריינד״. וועגן ספּעקטאָרס זײַן דעמלט (אין 1888?) אין אָדעס זע „שאָלעם-אַלייכעם-בוך״, ז. 169, שפּאַלט 1, בערקאָוויטש דערציילט דאָרט וועגן אַ דעמאָנסטראַציע פון מענדעלעס ליטעראַרישע קעגנער קעגן מענדעלען, וואָס צו דעמראָזיקן צוועק האָט מען אויסגענוצט ספּעקטאָרן. עפּשער דאַרוף באַציען זיך מענדעלעס ווערטער ווײַטער: „ער האָט... מיך מיט גרויס דערעכערעץ פאַרזיכערט אין זײַן הייסער ליבשאַפט״.

צו № 38.

124) פון דידאָזיקע ווערטער קאָן אויסקומען,—אַז ש״א איז געווען באַ מענדעלען אין אָדעס צווישן 12 יוני און 6 יולי 1989 (אין נומ. 37, פונעם 12 יוני, איז נאָך וועגן ש״א׳ס זײַן אין אָדעס נישט דערמאָנט). י. כ. ראַווניצקי שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן מענדעלען („צום אָנדענק פון ש״א״, ז. 50—51), אַז ש״א איז דאָס ערשטע מאָל געווען באַ מענדעלען בעשאַס „סטעמפּעניו״ האָט זיך געדרוקט אין אָדעס. דאָס האָט געמוזט זײַן אין 1888, בעערעך אין האַרבסט, וואָרעם גאָר אָנהייב 1889 (אָדער עפּשער נאָך גאָר סאָף 1888) איז שוין דער ערשטער באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, צוזאַמען מיט „סטעמפּעניו״ אַרויס און צעשיקט געווען. דעם 17 יאַנוואַר 1889 פרעגט זיך שוין ש״א אָן אין א בריוו צו ד. פרישמאַנען קיין וואַרשע א מיינונג וועגן „סטעמפּעניו״

(ש״א-בוך״, 192, שפּאַלט 2). דעם 24 יאַנוואַר שרײַבט ש״א ראַווניצקין: „מײַן „סטעמפּעניו״ האָט אָנגעמאַכט אין וואַרשע אַ שטיקל ראַש״, און רעדט מיט אים וועגן די אַרויסגעשיקטע עקזעמפּלאַרן „ייד. פ״ב.״ (נומ. 30 פון דער פריערדערמאָנטער קאָלעקציע ש״א׳ס בריוו). י. ד. בערקאָוויטש דערציילט, (ש״א-בוך״, ז. 168, שפּאַלט 2), אַז ש״א האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט מענדעלען אין אָדעס סאָף 1888. בערקאָוויטש ווײַזט נישט אָן, פון וואַנען ער נעמט דאָס יאָר. מיגלעך, אַז ער האָט דאָס אויסקאָמבינירט, ווי איך פריער, פון ראַווניצקיס רייד. אָבער אַנטקעגן סאָף 1888 שטייען אַזוינע פאַקטן:

דעם 13 אָקטיאַבער 1888 שרײַבט מענדעלע ש״א׳ן: „אוואַדע וואָלט געווען פיל בעסער, ווען איר זאָלט זיך געווען זען מיט מיר גאָר לעכאַטכילע בעשאַס אײַן זינען-האָבנדיג אַרויסגעבן דעם זשורנאַל, נאָר איך פאַרהאָף, אַז עס וועט איה״ש זײַן גוט און אַז איר וועט קומען צו מיר קעפּי איר האָט געשריבן״ (מײַן קורסיוו,— נ. ש., זע בריוו 31). הייסט דאָס, אַז ביז דעמלט איז ש״א באַ מענדעלען נישט געווען. אינעם בריוו פונעם 30 דע-קאַבער 1888 (זע נומ. 32) איז פון ש״א׳ס זײַן אין אָדעס נישט דערמאָנט. אינעם בריוו פונעם 17 יאַנוואַר 1889 צו ש״א׳ן שרײַבט מענדעלע: „אַי, קוק איך עס אַרויס אַף אײַך, איר זאָלט שוין קומען און קענען מיט אײַך אַ ביסל גוט צוברענגען די צײַט״ (זע בריוו 33). ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז ש״א זאָל צווישן 13 אָקטיאַבער און 30 דעקאַבער 1888 געווען זײַן אין אָדעס, און דער געלאַסענער „זיידע״ זאָל דעם 17 יאַנוואַר אַזוי פאַרבענקט שרײַבן, אַז ער וויל זען ש״א׳ן, דערבײַ, אַגעוו, נישט דערמאָנען דאָס פריערדיקע זעעניש. וועגן דעמזעלבן אַרויס-קוק צו זען זיך מיט ש״א׳ן שרײַבט מענדעלע ש״א׳ן דעם 22 פעברואַל (זע בריוו 34), דעם 19 מאַרט (זע בריוו 35) דעם 22 מײַ (זע בריוו 36), ערשט דעם 6 יולי דערמאָנט מענדעלע, ווי מיר האָבן געזען, ש״א׳ס זײַן אין אָדעס.

ס׳איז דעריבער שווער אָנצונעמען, אַז ש״א האָט געמאַכט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט מענדעלען אין 1888; גיכער איז דאָס געווען צווישן 12 יוני און 6 יולי 1889. ראַווניצקי האָט געקאָנט אַ טאָעס האָבן.

125) פון דער „קליאַטשע״.

126) נאָכדעם ווי ס׳איז אַרויס דער ערשטער באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, האָט זיך אין דער העב-רעיִשער פּרעסע אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן „זשאַרגאָן״ און פערזענלעך קעגן ש״א׳ן. אָנגעהויבן האָט א. ל. לעווינסקי (דער געוויסער „רבי קרוב״) אין „המליץ״ (נומ. 58 און 59, 22—24 מאַרט 1889). אַף דער „ייד. פ״ב״ איז מען געווען אופגעבראַכט פאַר אירע מײַלעס: ס׳איז אַ געראָטענע זאַך, מע האָט אין איר די אינטעליגענץ, נישט בלויז דעם „המון״, ס׳באַטייליקן זיך רענאָמירטע העברעיִשע שרײַבער (מענדעלע, שאַצקעס, צווייפל, ווײַסבערג א. אַנד.). דאָס איז אַ קאָנקורענץ קעגן העברעיִש; ש״א, דער מעצענאַט, האָט פּאַשעט אָפּגעקויפט די העברעיִשע שרײַבער. ס׳איז אומזיסט: „זשאַרגאָן״ וועט קיין קיעם נישט האָבן, אָבער דערווײַל מאַכט ער קאַליע.

ש״א און ראַווניצקי האָבן אָפּגעענטפערט („המליץ״ נומ, 80 און 96—98), צומטייל זיך פאַרענטפערט, אַז מע איז נישט אויסן די קריוודע פון העברעיִש, צומטייל זיך אָנגענומען פאַר זשאַרגאָן,—זאָל זײַן אַלס אַ בילדונג-מיטל אַף דערווײַל, ביפראַט אַלס קעגנגיפט קעגן שמ״רס שונד.

לעווינסקי איז אַרויס מיט אַ נײַער סעריע אַרטיקלען („המליץ״ 104—106, 113), אָפּגעענטפערט ש״א׳ן און ראַווניצקין, אַז דאָ (אין דער „פאָלקס-ביבליאָטעק״) שטעקט נישט מער „ווי דער „קויעך פון קאָוועד און געלט״, ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט יהודה לייב גמזו (פאַר דער פ״ב, נומ. 119). ראַווניצקי האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט („המליץ״ 130—131), דאַרויף האָט אים לעווינסקי ווידער אָפּגעענטפערט, און אַזוי האָט דאָס געקאַכט אין „המליץ״ ביזן סאָף יאָר (לעווינסאָן אין נומ. 189, דער געוויסער זשאַרגאָן-פרעסער זאַלמען עפּשטיין אין נומ. 212—216).

א. קאַמינקע (אַ באַרדיטשעווער ייד. וואָס האָט געלערנט אין אַ דײַטשן ראַבינער-סעמינאַר) האָט געפירט נאָך אַ שאַרפערע אַטאַקע קעגן זשאַרגאָן און קעגן דער פ״ב אין „הצפירה״ (נומ. 116, 119—123, 125).

די אַטאַקע האָט זיך געפירט אַפילע אין פעטערבורגער „יידישן פאָלקסבלאַט״, וווּ ש״א האָט מיטגעאַרבעט אין נומ. 16—17 פאַר 1889 האָט איינער ליבצע הערשעלס (עפּשער דער פאַרלעגער י. לעווי?) געמאַכט אַש און רויך פונעם „זשאַרגאָן״, (דאָס לאָשן פון דער „גריינגעוויטשער באָבע-יענטע״), אַגעוו, פון ש״א׳ן און פון זײַן פ״ב („ער שרײַבט נאַרעשקייטן,—לאָז ער שרײַבן״), פון מענדעלען א. אז. וו.

אין די נומ. 18—21 מאַכט איינער Lord Nobody צונישט ש״א׳ן און זײַן דערציילונג „קינדער-שפּיל״.

די איינציקע פרײַנטלעכע רעצענזיע איז געווען פון „קריטיקוס״ (ש. דובנאָוו) אין „וואָסכאָד״ VII, 1889.

127) אַ טעכנישער העלפער אין דער צענזור צו באַראַצן.

128) זע באַמ, 104.

129) „די „אחשתרנים״ זײַנען אַרויס געאײַלט און געיאָגט צוליב זייער זיידן״, זע באַמ. 111.

צו № 39.

130) זע בריוו 25.

131) בען-אַמי האָט געדרוקט אין II באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ אַ דערציילונג: „קלייניקייטן. בער דער שוסטער״.

132) מ. ל. ליליענבלום איז אין װ באַנד נישט פאַרטרעטן. אין אַ בריװ פֿונעם 10 נאָיאַבער 1889 צו מענ־דעלען שרײַבט ש״א,—אַז ער איז געבליבן „אָן אַרטיקלען פֿון אײַער ר׳ מענאַשע מאַרגוליס און אונדזער ליליענ־בלומען״ (נומ. 39 פֿון דער פֿריערדערמאָנטער קאָלעקציע ש״א׳ס בריװ).

133) ש״א, זעט אויס, פֿלעגט אָפּטמאָל אָנפֿרעגן באַ מענדעלען װעגן דעם אויסלייג פֿון געװיסע װערטער. אַזוי פֿרעגט ער אָן, אַשטייגער, װי אַזוי צו שרײַבן די װערטער „יאָסעלע סאָלאָװײ״ (זע בריװ נומ. 40, 41 פֿון דער פֿריערדערמאָנטער קאָלעקציע ש״א׳ס בריװ).

134) „איך קוק ארויס אַף דײַן געניועם ענטפֿער און װיל דיך זען פֿאַר דעם געהויבענעם שרײַבער און זיך פֿרייען מיט דײַנע שאַפֿונגען״.

צו № 40.

135) זע באַמ. 126, אויך בריװ 45.

136) זע באַמ. 118.

137) ש״א האָט געװאָלט עפּעס אַרויסקריגן באַ מענדעלעס זון, דעם רוסישן פּאָעט מ. ס. אַבראַמאָװיטש פֿאַר דער „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״. אין װ באַנד איז געבראַכט זײַן „אַ ליד אָן אַ נאָמען״ איבערגעזעצט פֿון גערוקטס, פֿון ש״א׳ן גופֿא. (זע בריװ 47 פֿון דער פֿריערדערמאָנטער קאָלעקציע ש״א בריװ).

צו № 41.

138) ס׳איז נאָך נישט געװען אַזאַ „פֿיין־געװירץ״, אַזאַ אַנטיק. זע באַמ. 118.

צו № 42.

139) דער בריװ איז שוין געדרוקט אין זשורנאַל „די ייִדישע שפּראַך״ נומ. 7 (מענדעלע־נומער) פֿאַר 1927.

140) אין װ באַנד „ייִד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ איז דאָס אין קאַפּיטל 14.

141) אַזאַ קלאַל האָט ש״א פֿאָרמולירט אין זײַן נאָטיץ „װעגן זשאַרגאָן־אויסלייגן״, פּונקט 5 אין דער „ייִד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״, ב. ו, ז. 475. אַזוי הייסט ער אויך ראַװניצקין לאָזן דרוקן זײַן „יאָסעלע סאָלאָװײ״ „כּוח אַבראַ־מאָװיטשעס סיפּער״ (זע נומ. 37 פֿון ש״א׳ס קאָלעקציע בריװ).

142) „װינשפֿינגערל״.

143) דער באַקאַנטער ייִדיש־פֿריינט און ייִדיש פֿאָרשער ד״ר פֿיליפּ מאַנש אין לעמבערג, װאָס האָט אָפּגע־דרוקט אַ גראַמאַטישע אַרבעט װעגן ייִדיש (דערהויפּט װעגן גאַליציש דיאַלעקט) Der jüdisch-polnische Jargon אין לעמבערגער Der Izraelit די יאָרן 1888—1890. ער האָט אויך איבערגעזעצט אַף דײַטש ש״א׳ס „סטעמפּעניו״. געשטאָרבן איז פּ. מ. דאָס יאָר 1880 (זע ב. באָראָכאָװ „די ביבליאָטעק פֿון דעם ייִד. פֿילאָלאָג״ נומ. 118 אין „פּינקעס״, װילנע 1913). זע אויך בריװ 43.

144) אַזוי: „געזונר(ט)״ שטייט אין אָריגינאַל פֿון מענדעלעס בריװ (דער איבערשרײַבער).

צו № 43.

145) פֿונעם 10 נאָיאַבער 1889. זע נומ. 39 אין ש״א׳ס קאָלעקציע בריװ.

146) אין אַן ענטפֿער־בריװ פֿונעם 17 נאָיאַבער זאָגט ש״א צו זיך צו נעמען דערפֿאַר, װי נאָר ער װעט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט ב. װ „ייִד. פֿאָלקסב.״ (זע נומ. 40 אין ש״א׳ס קאָלעקציע בריװ). זע אויך בריװ 44.

147) אינעם בריװ פֿונעם 10 נאָיאַבער שרײַבט ש״א, אַז ער האָט זײַן ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָװײ״ (פֿריער מיט דעם נאָמען „אסתר״) געמוזט אָנשרײַבן איבעראַנײַס.

148) װעגן מיטאַרבעטער פֿאַר דער „ייִד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״.

149) זע באַמ. 143.

צו № 44.

150) צום ב. װ „ייִד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״. זע אויך בריװ 45, 46 (באַמ. 155), 47.

151) געשטאַנען פֿריער „װינציקער״ און אויסגעמעקט.

152) אַזאַ פּלאַן בעערעך האָט אים ש״א פֿאָרגעלייגט אין די בריװ פֿון 24 נאָיאַבער און 1 דעקאַבער (זע נומ. 42 און 43 אין ש״א׳ס קאָלעקציע בריװ).

צו № 45.

153) זע באַמ. 150 אויך בריוו 46, 47.

154) זע באַמ. 126.

צו № 46.

155) דאָס איז אַן ענטפער אַף ש״א׳ס א בריוו פונעם 14 יאַנוואַר 1890 נאָכדעם ווי ש״א האָט געקריגן מענדעלעס „האַקדאָמע״ צו דער „ייִד. פאָלקסב.״, ב. II. אינעם דאָזיקן בריוו שרײַבט ש״א, אַז אַזוי ווי די האַקדאָמע איז קאָן ער זי נישט דרוקן: דאָרט זײַנען פאַראַן רעמאָזים („או נשיש״, „להקטינין״), וואָס דער גרויסער עוילעם וועט זיי נישט פאַרשטיין; דרוקן די האַקדאָמע וואָלט געהייסן זײַן אַ „לועג לרש״; אים, ש״א׳ן, פּאַסט דאָס נישט. די האַקדאָמע מוז „מען איבערלײַטערן״. ער לייגט פאָר ווײַזן מענדעלען, וואָס מע מוז פון דער האַקדאָמע אַרויסלאָזן, און מענדעלע וועט שוין דאָס איבעריקע אַליין „צונויפסטריגעווען״, אָדער ש״א גופע וועט דאָס מאַכן. (זע בריוו 45 אין ש״א׳ס קאָלעקציע בריוו). אין אַ שפּעטערדיקן בריוו פונעם 23/III (פון דערזעלבער ש״א׳ס קאָלעקציע בריוו) שרײַבט ש״א מענדעלען: פריער האָט ער אליין געוואָלט פאַריכטן די האַקדאָמע, „האָב איך זי קאַליע געמאַכט״; נאָכדעם האָט ער באַשלאָסן, זי זאָל גיין ווי זי איז „קומט מיר פלוצעם אויס אַ מײַסע, וואָס איך דאַרף אָנקומען צום פעטער שמערלען אליין! האָב איך שוין אזוי גראָב נישט געקאָנט זײַן איך האָב מעכילע געבעטן אייער האַקדאָמע צוריק... מאַכמעס דאָס וואָס איך ערוואַרט פון דעם פעטער שמערל איז אַגרויסע טויווע פאַר אונדז אַלעמען; האַלעווײַ עס זאָל נאָר אויסגעפירט ווערן, ווען ניט איז זייער פאַסקודנע״. ער שיקט אָפּ מענדעלען די האַקדאָמע.

156) מיט „להקטינין״ (זע דער „קטנ׳ער״, באַמ. 76, 77 אויך באַמ. 123). „לועג לרש״ און „דל גא״ איז מיסטאַמע געמיינט מ. ספּעקטאָר. עפּשער איז דאָ מענדעלע געווען באַרויגעז, פאַרוואָס ספּעקטאָר האָט דערלאָזט אין „הויזפריינד״, ב. II (וואַרשע, 1888) דינבעזאָנס קריטיק אַף מענדעלעס ייִדיש-שרײַבן (צו ווייניק העברעיִשע עלעמענטן). ש״א איז געווען גוט באַפרײַנדעט מיט ספּעקטאָרן, האָט אים מענדעלעס שאַרפע קריטיק נישט געפּאַסט. זע אויך בריוו 47.

157) א פּאָסעק אין „איוב״, ב׳, 6: „ער איז באַ דיר אין דער האַנט, נאָר זײַן נעפעש (לעבן) פאַרהיט״.

158) ב. II „ייִד. פאָלקס-ביבליאָטעק״, וואָס האָט געזאָלט אַרויס אין 1889, האָט פאַרשפּעטיקט; פאַקטיש איז ער אַרויס אָנהייב 1890. אַפן טיטל-בלאַט שטייט 1889, אָבער דער צענזור-דערלויב האָט 2 דאַטעס: 4 אָקטיאַבער 1889 און 11 פעווראַל 1890. דאָס יאָר 1890 איז אויך אָנגעגעבן אַף דער 2-טער זײַט פונעם טיטל-בלאַט.

צו № 47.

159) א. ל. לעווינסקיס אַרטיקל „חטאת סופרים״ אין „המליץ״ נומ. 24—25 פאַר דאָס יאָר 1890: אין דעמדאָזיקן אַרטיקל טײַנעט ל. קעגן די באַטלאָנישע העברעיִשע פובליציסטן, וואָס זײַנען אָפּגעריסן פונעם פאָלקסלעבן, פונעם רעאַלן לעבן ביכלאַל, באַקן אַלע מאָל נײַע פּראָעקטן, זאָגן ברייטע דייעס גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אָן א רעאַלן באַגריף פאַר דאָס מעגלעכע.

160) ל. בינשטאָקס (מענדעלעס אינטימער פרײַנט) אַ מײַסע „זכות אבות״ איז געדרוקט אין „ייִד. פאָלקס ב.״, ב. II.

161) „אבן נגף, אָדער אַ שטיין אין וועג״, ווילנע, 1890.

162) דער ייִנגסטער צווישן זײַנע שילער.

163) „וואָס איז אַנדערש״.

צו № 48.

164) אין 1890 איז ש״א געווען אין אָדעס, זיך באַטייליקט אינעם צוזאַמענפאָר פון די „חובבי ציון״ (זע „ש״א-בוך״ ז. 169, שפּאַלט 2; 363, שפּאַלט 1).

צו № 49.

165) עפּשער איינער פון די ברידער לעוו און לאַזאַר בראָדסקי, די געוויסע קיעווער גווירים, צוקער-פאַבריקאַנטן.

166) מיסטאַמע דער העברעיִשער שרײַבער עליאָזער שולמאַן.

167) זע באַמ. 129.

צו № 50.

168) וואָכנבלאַט, געדרוקט זיך אין קראָקע, 1899—1902. מענדעלע האָט דאָרט געדרוקט זײַן „שלמה ר׳ חיימ׳ס״, ספר הבהמות״, „ישראליק דער משוגענער״.

169) אַן אָפּרוף, אַן אָפּמאַך.

צו № 52.

170) געדרוקט אין דער פריערדערמאָנטער קאָלעקציע ש״א׳ס בריוו נ. 133.

171) ס׳רעדט זיך דאָ וועגן מענדעלעס באַטייליקונג אינעם וואָכנבלאַט „די יידישע פאָלקסצײַטונג״, וואָס דער פאַרלאַג „תושיה״, וואַרשע, האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין 1902 מיט ספּעקטאָרס און כ. ד. הורוויצעס רעדאַקציע (געדרוקט אין קראָקע). מענדעלע פּלעגט זיך דעמלט דרוקן אין „דער יוד״ פונעם פאַרלאַג „אחיאסף״. ש״אַ איז איבערגעגאַנגען צו „תושיה״ און געוואָלט מיטציען מענדעלען אויך.

172) זע באַמ. 180, 181.

צו № 53.

173) אַזוי באַשטימט די דאַטע י. ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט באַזאָרגט די קאָפּיעס פון מענדעלעס בריוו. זע אויך בריוו 54 צום סאָף („בעת איך בין געווען אין קיוב״).

צו № 54.

174) דער זאַמלבוך „הילף״, וואָס פאַרלאַג „תושיה״ האָט אַרויסגעגעבן פאַר די געליטענע פונעם קעשענע-ווער פּאָגראָם (1903). מענדעלע האָט פאַר דעם זאַמלבוך געגעבן „די ענטדעקונג פון וואָלין״. זע אויך נומ. 55.

צו № 55.

175) אין 1903 האָט זיך גאָרקי געקליבן אַרויסצוגעבן אַף רוסיש אַ זאַמלבוך פון יידישע שרײַבער און האָט פאַרבעטן ש״אַ׳ן צונויפצושטעלן דעם זאַמלבוך. דער ז״ב איז נישט אַרויס.

צו № 56.

176) דאָס מוז זיך באַציען צו ש״א׳ס פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צײַטונג אין אָדעס אָדער ווילנע. ש״אַ איז געווען צוליב דעם צוועק אין אָדעס, פּעטערבורג, ווילנע. יעדיעס וועגן דעם האָבן זיך פאַרהיט אין ש״אַ׳ס בריוו פון שפּעטערדיקע דאַטעס, זע „ש״א-בוך״ ז. 58—60, ז. 203.

צו № 58.

177) ש״אַ איז דעמלט געלעגן קראַנק אין אַ סאַנאַטאָריע אין נערווי (איטאַליע).

צו № 59.

178) מענדעלע האָט זומער 1909 פאַרבראַכט, צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער, וואָס האָט געוווינט אין ווילנע, אַף אַ זומער-וווינונג אין פאָרבראָדזע בײַ ווילנע.

179) „די נײַע וועלט״, זע ווײַטער.

180) אַ טייל פון איצטיקן בריוו ציטירט ש״אַ אין זײַן אופרוף „אויס העפקער״ (זע ווײַטער) אין די יידישע בלעטער יענע צײַט (אַגעוו, אין „אונדזער לעבן״, וואַרשע נומ. 174—175). דאָרט דערקלערט ער, וואָס מיט דעם „בלעטל פון צוקונפט״ איז געמיינט. ער שרײַבט ווי אַ ציטאַט פון מענדעלעס בריוו. „איצט איז מיר צוגעשיקט געוואָרן אַ נײַס, עפּעס אַ מוידאַע פונעם זשורנאַל „צוקונפט״ אין אַמעריקע, וואָס ער זאָגט צו אַלע זײַנע אַבאָנענטן אַ מאַטאָנע אַלע ווערק פון מענדעלע מויכער-ספאָרים״. דידאַזיקע ווערטער האָט ש״אַ, ניקער, אַליין צוגעגעבן, קעדיי די לייענער זאָלן וויסן, פון וואָס דאָ רעדט זיך.

דער זשורנאַל „צוקונפט״ (ניו-יאָרק) האָט צוגעזאָגט זײַנע אַבאָנענטן פאַר דער צווייטער העלפט 1909 אַ פּרעמיע מענדעלעס ווערק אין 1 באַנד בײַ 1000 זײַטן („ווינשפינגערל״, „פישקע״, „די קליאַטשע״, „די אַלטע מײַסע״, „די טאַקסע״, „דאָס קליין מענטשעלע״ א. אַז. וו.). דעמדאָזיקן באַנד האָט דער זשורנאַל געקויפט בײַ דעם פאַרלאַג „היברו פּאַבלישונג קאָמפּ״, וואָס פּלעגט יאָרנלאַנג איבערדרוקן מענדעלעס ווערק אָן זײַן הסכם און אָן

האָנאָראַר. נאָך דעם שטורעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידישער פּרעסע קעגן דער רויבערישער „קאָמפּאַניע“ (זע ווײַטער, באַמ. 182, 183), האָט „צוקונפט“ אין סענטיאַבער-נומער אַרויסגעלאָזט אַ דערקלערונג „אונדזער נײַע פּרעמיע און מענדעלע מויכער ספאָרימס קריוודעס“: זיי זײַנען נישט אויסן געווען קײַן געשעפט. נישט זיי האָבן געקריוודעט מענדעלען: ס'איז די ווערק, וואָס די „היברו פּאבלישונג קאמפּ“ גיט אַרויס שוין יאָרנלאַנג; פונדעסטוועגן האָבן זיי דער קאָמפּאַניע געשטעלט אַ טנאַי, אַז מענדעלע זאָל קריגן פאַר דער פּרעמיע נישט ווייניקער פאַר 300 רובל (זע באַמ. 186). איצט נאָך דעם פּראָטעסט פונעם מעכאַבער און זײַנע פרײַנט האָבן זיי אויסגעווירקט, אַז מענדעלע זאָל קריגן 500 רובל. ס'פירן זיך פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם מיט מענדעלען. דערווײַל שטעלן זיי אָפּ דאָס אַרויסגעבן די פּרעמיע. אין „צוקונפט“ נומ. X, 1909, איז פאַראַן אַן אַנאָנס, אַז די פּרעמיע פון מענדעלעס ווערק איז שוין אַרויס,

181) דאָס דרוקן מענדעלעס ווערק אין אַמעריקע אָן זײַן העסקעם און אָן האָנאָראַר האָט זיך אָנגעהויבן שוין אַסאַך פריער. יעדנפאַל איז שוין פון 1899 באַקאַנט י. ווערבלאָווסקיס אויסגאַבע פון „פישקע“ און אַפן שאַרבלאַט איז אַנאָנסירט „די קליאַטשע“. שפּעטער האָט דאָס דורכאַנאַנד געטון די „היברו פּאָבלישונג קאָמפּאַניע“ אין ניו-יאָרק, ווי ס'איז שוין דערמאָנט פריער. אַף די גנייווישע אויסגאַבעס קלאָגט זיך שוין מענדעלע אין 1902 (זע בריוו 52).

182) דעררדאָזיקער בריוו מיטן קעפּל „טײַערע פרײַנט“, דאַטירט דעם 20 יוני 1909, איז געווען געדרוקט אין די יידישע בלעטער, אַגעוו, אין „אונדזער לעבן“ נומ. 167 פונעם 21 יולי. מענדעלע פּראָטעסטירט שאַרף קעגן דער רויבערײַ; אַגעוו, שרײַבט ער וועגן דעם באַנד „לעצטע שריפטן“ (זע אין טעקסט פריער), אַז די קאָמפּאַניע האָט דאָ אַרײַנגעשטעלט אויך אַזוינע זאַכן ווי „שם ויפת אין וואַגאָן“ (זע באַמערקונג 89), „אין יענער צײַט“, וואָס „זײַנען פון מיר פאַרפאַסט נאָר אין העברעיִש“. ער קלאָגט זיך אַף „דאָס מעשונעדיקע לאָשן“; אויך וואָס מע האָט אים אַרײַנגעשטעלט אַ שטאָט „קאַסרילעווקע“, וואָס דאָס „געהער צו שאָלעם-אַלייכעמען“.

אין דעמזעלבן נומער איז פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן דער קאָמפּאַניע „אַ בריוו אין רעדאַקציע“, אונטערגעשריבן פון א. ל. לעווינסקי, כ. נ. ביאַליק און י. כ. ראַווניצקי.

183) ש"אַ האָט זיך אָנגערופן און פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע,—אַגעוו, אין „אונדזער לעבן“ נומ. 174—175, אַ פּראָטעסט „אויס העפקער“, דאַטירט אַווגוסט 1909 פון דער סאַנאַטאָריע סט. בלאַזיען. ער ציטירט דאָרט, ווי שוין דערמאָנט, אַ טייל פון איצטיקן מענדעלעס בריוו און ווענדט זיך צו די לייענער: „יידן, קויפט ניט קײַן קאָנטראָבאַנד, קײַן טרייפע, גנייווישע סכוירע“. זע אויך בריוו № 60.

צו № 60.

184) מענדעלע האָט יענעם זומער געמאַכט אַ רײַזע איבער אייניקע שטעט, איז געווען אין אַווגוסט אין וואַרשע, לאָדז, בריסק און איז דאָרט אופגענומען געווען מיט גרויס באַגײַסטערונג. ס'איז געווען אַן עמעסע טריִומף-רײַזע.

185) ווי ס'איז צו זען פון באַמערקונג 180, איז די „גוטסקײַט“ פון דער „היברו פּאבלישונג קאָמפּ.“ געווען אַ טנאַי, וואָס „צוקונפט“ האָט זיי געשטעלט.

186) זע באַמ. 183.

צו № 62

187) דאָס איז אַן ענטפער אַף ש"אַ'ס אַ בריוו פונעם 2 אָקטיאַבער 1911 פון מאָנטרע (שווייץ). ש"אַ'ן קרענקט זייער, וואָס אײנער יאַנקעלעוויטש האָט זיך אויסגעקליבן אַ נאָמען „שלום-עליכעם“ פאַר זײַן אַ גאַסן-בלעטל אין אָדעס. ער בעט מענדעלען, ער זאָל טון אין דעם פראַט, מע זאָל אַראָפּנעמען פונעם בלאַט דעם נאָמען „שלום-עליכם“ (זע „ש"אַ-בוך“ ז. 238—239, נומ. 78).

188) די צײַטונג האָט געביטן דעם נאָמען אַף „דער ייד“. דאָס בלאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט אָנהייב 1912.

צו № 63.

189) „אונדזער לעבן“ (זע אין בריוו) האָט זיך נאָכן פאַרבאָט באַנײַט אין אָדעס אין 1916. דאָס איז געווען דעמלט דאָס אײנציקע יידישע בלאַט אין רוסלאַנד נאָך דעם פאַרבאָט אַף דער גאָרער יידישער פּרעסע אין לאַנד בעייס דעם קריג (דעם 5 יולי 1915). גיכער איז צו גלויבן, אַז דער אָוונט, וואָס מענדעלע שרײַבט וועגן אים, איז פאָרגעקומען אין 1917, שוין נאָך דער פעוראַל-רעוואָלוציע. פאַר דער רעוואָלוציע, בעייס די רעדיפעס אַפן יידישן וואָרט, איז זיך שווער פאָרצושטעלן מע זאָל דערלויבן אַזאַ אָוונט. גענוי דאָס פעסטצושטעלן איז מיר נישט געראָטן, נישט געקוקט אַף אַלע באַמיִונגען.

190) „ואם כן“—און אויב אַזוי.

מ. ווײַנגער

לעקסיקאָלאָגישע אַרבעט אין דײַטשלאַנד.

פאַר דער ייִדישער שפּראַכוויסנשאַפט שטייט אַ וויכטיקע און שווערע אופגאַבע צו שאַפן דעם ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך. פאַר יעדן זײַנען קלאָר די שוועריקײַטן פון דערדאָזיקער אַרבעט. די צעוואָרפנקײַט פון וויסנשאַפטלעכע קויבעס, די ניט-קאָנצענטרירטקייט פון די אַנשטאַלטן (און אויך, הייסט עס, מיטלען), וואָס וואָלטן זיך געקענט מיט דער אַרבעט פאַרנעמען, דער גרויסער טעריטאָריאַלער שעטעך,— דערבײַ אין פאַרשיידענע פּאָליטישע גרענעצן,—אַף וועלכן ס׳ווערט גערעדט און געשריבן אַף ייִדיש—דאָס זײַנען די וויכטיקסטע פון די שוועריקײַטן, וואָס האָבן אַסאַך צו זאָגן באַם אָרגאַניזירן די אַרבעט. אַכוץ דעם קומט אָבער אוף אַ ריי שוועריקײַטן באַ דער אַרבעט גופע, פראַגן פון פּרינציפּיעל אַקאַדעמישן כאַראַקטער. בײַצוקומען די שוועריקײַטן קען אַסאַך העלפן די דערפאַרונג פון אַנאַלאָגישער אַרבעט אין אַנדערע שפּראַכן.

אין דעמדאָזיקן אַרטיקל שטעלן מיר זיך דעם ציל צו אינפאָרמירן וועגן דער אַרבעט, וואָס ווערט געטון אין דײַטשלאַנד אַפן געביט פון לעקסיקאָלאָגיע.

באַ איצטיקן מאָמענט ווערט אין פאַרשיידענע ערטער פון דייטשלאַנד געאַרבעט איבער 15 דיאַלעקטאָלאָגישע ווערטערביכער [1]) און איבער איין ווערטערבוך פון דער ליטעראַרישער דײַטשישער שפּראַך—ס׳איז דער אַזויגערופענער גרימס ווערטערבוך. אייניקע פון דידאָזיקע ווערטערביכער ווערן פאַנאַנדערגעאַרבעט שוין צענדליקער יאָר. צו אַזעלכע געהערט דער שווייצאַרישער אידיאָטיקאָן [2]), דער ווערטערבוך פון די דײַטשישע דיאַלעקטן אין שווייץ, דער ערשטער באַנד פון וועלכן ס׳איז אַרויס אין 1881 יאָר. איצט גייט אַרויס דער 9-ער באַנד. אָדער דער שוואַבישער ווערטערבוך, וואָס דאָס ערשטע העפט פון ערשטן באַנד זײַנעם איז אַרויס אין 1904 יאָר. איצט האַלט עס באַם 6-טן באַנד [3]).

אַנדערע הייבן ערשט אָן צו דערשײַנען, צ. ב. דער ווערטערבוך פון דער ריין-פּראָווינץ. די דריטע האָבן נאָך אינגאַנצן ניט אָנגעהויבן צו דערשײַנען און געפינען זיך אין פּעריאָד פון זאַמלען. צווישן אַזעלכע דאַרף מען פאַרצייכענען דעם בײַעריש-עסטרײַכישן ווערטערבוך, וואָס דאַרף אַרומנעמען די דיאַלעקטן פון דעם אַלטגעזעסענעם בײַערן און פון עסטרײַך, וועלכע איז קאָלאָניזירט דורך די בײַערן. דערדאָזיקער ווערטערבוך איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס די זאַמל-אַרבעט פאַר אים ווערט אָנגעפירט פון צוויי פונקטן—פון מינכען און פון ווין. דיביידע צענטרען זײַנען צווישן זיך ענג פאַרבונדן. די אַרבעט ווערט געפירט לויט איין פּלאַן [4]). פּעריאָדיש קומען זיך צונויף די טוער פון ביידע צענטרען, קעדיי אונטערפירן אַ געמיינזאַמען סאַכאַקל פון דער אַרבעט און אָנמערקן די ווײַטערדיקע עטאַפּן אירע.

די אַרבעט איבער אַ ווערטערבוך הייבט זיך אין דײַטשלאַנד אָן פון פּאָפּוליאַריזירן דעם געדאַנק וועגן שאַפן דעם ווערטערבוך, קעדיי צוציען צו דער זאַך די אופמערקזאַמקײַט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און וועקן צו אַקטיוון אָנטייל אין דעם זאַמלען דעם מאַטעריאַל.

---

1) די וויכטיקסטע זײַנען אַזוינע: בײַערישער, שווייצערישער, ריינהעסישער, פּרײַסישער, שוואַבישער, וועסט-פאַלישער, טירינגישער, דאָרעם-העסישער, העסיש-נאַסאַושער, זיבענבירגישער, שלעזוויג-האָלשטיינער, שלעזישער, ריינישער, האַמבורגער.

יאָרלעכע באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון די געהעריקע ווערטערבוך-קאָמיסיעס געפינען זיך אין די באַריכטן פון די אַנטשפּרעכנדיקע אַקאַדעמיעס—פון דער פּרײַסישער, בײַערישער, ווינער. יעדיעס וועגן דער לעקסיקאָלאָגישער אַרבעט ווערן פון צײַט צו צײַט אויך געדרוקט אין דער Zeitschrift für deutsche Mundarten (איצט Theutonista), אָנהייבנדיק פונעם 1915 יאָר.

2) Schweizerisches Idiotikon. Wörterbuch der Schweizerischen Sprache... Begonnen vou F. Staub und L. Tobler. Frauenfeld.

3) Schwäbisches Wörterbuch. Auf Grund der von A. v. Keller begonnenen Sammlung... herausgegeben von Hermann Fischer. Tübingen.

4) Arbeitsplan und Geschäftsordnung für das bayerisch- Österreichische Wörterbuch.

די מעטאָדן פון אָרגאַניזירן דאָס קלײַבן זײַנען פאַרשײדן. ס׳ווערן געדרוקט וועגרונגען, אַרטיקלען אין דער פּרעסע, אין זשורנאַלן, ס׳ווערן אויך אַרויסגעגעבן באַזונדערע בלעטלעך. מע פּראַקטיקירט פאַרטראַגן און ספּעציעלע רײַזעס. ווײַטער ווערן געשאַפן אינסטרוקציעס, וואָס און ווי אַזוי צו קלײַבן און פאַרשרײַבן. ס׳ווערן אויך אויסגעאַרבעט צווייערליי פּרעגבויגנס, קורצע און אויספירלעכע. געווײנלעך אַנטהאַלטן זיי אַ גרעסערע צאָל פראַגן. צ. ב., דער קורצער פּרעגבויגן № 1 פון דעם דאָרעם-העסישן ווערטערבוך (צענטער אין גיסען) אַנטהאַלט 58 פראַגן וועגן דעם געברויך פון אויסדריקן. דאָס איז אַכוץ די זיבן פראַגן, וואָס דאַרפן קלאָר מאַכן די פּערזענלעכקײַט פונעם קלײַבער. אין דערדאָזיקער אַנקעטע איז אויך פאַראַן אָרט פאַר די ענטפערס.

אַ מוסטער פון אַן אויספירלעכער אַנקעטע שטעלט פאָר, צ. ב., דער 76-טער פּרעגבויגן פונעם בײַעריש-עסטרײַכישן ווערטערבוך, וואָס וויל קלאָר מאַכן אַלע ווערטער, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן באַגריף Pferd. דער-דאָזיקער פּרעגבויגן פאַרנעמט פיר זײַטלעך פון קעכיידערדיקן טעקסט, אין וועלכע ס׳געפינען זיך 10 אָפּטיילונגען מיט בעסאַכאַקל 259 פראַגן. ווי אַרבעטספּעיִק און קולטורעל די דײַטשישע לערער זאָלן ניט זײַן, איז שווער צו גלויבן, אַז די אַנקעטע פון 259 פראַגן זאָל אַרויסרופן אַ גרויסע אַקטיווקײַט. פונדעסטוועגן ווערט אינעם באַריכט פונעם בײַעריש-עסטרײַכישן ווערטערבוך פאַרן 1925—26 יאָר אָנגעוויזן, אַז פון 82 אַזוינע אַנקעטעס האָבן אַף 75 געענטפערט פון 10 ביז 15 מאַן. ס׳איז טאַקע צו באַוווּנדערן די דײַטשישע לערער!

קעדיי העלפן דעם קלײַבער ענטפערן אַף אַזוינע אַנקעטעס, גיט די קאַנצעליאַריע פונעם בײַעריש-עסטרײַכישן ווערטערבוך אַ מוסטער-ענטפער אַף איינער פון אַזעלכע אַנקעטעס, און דערדאָזיקער ענטפער האַלט 32 פּעטיט-זײַטן פון גרעסערן פאָרמאַט.

די ווײַטערדיקע אַרבעט-שטופע איז דאָס קלײַבן גופע. דאָ אַנטפּלעקן זיך צוויי גרויסע געביטן—די מינד-לעכע און די שריפטלעכע שפּראַך.

איינע פון די שווערסטע פּראַקטישע אויפגאַבן איז צו קלײַבן דעם אוצער פון דער מינדלעכער שפּראַך—די אומגאַנג-שפּראַך פון דער מאַסע, וואָס איז ניט אַרײַן אין דעם באַשטאַנד פון דער ביכער-שפּראַך, די ספּעציעלע טערמינאָלאָגיע פון דער מאַסע, וואָס איז ניט אַרײַן אין דער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. באַקומען דידאָזיקע מינדלעכע שפּראַך איז מעגלעך בלויז אַף איין וועג—מיט דער הילף פון אַ נעץ קאָרעספּאָנדענטן.

אַזעלכע קאָרעספּאָנדענטן-זאַמלער זײַנען געווײנטלעך לערער, באַאַמטע, ספּעציאַליסטן, וואָס זיצן איבער דער לעקסישער אַרבעט. די אַקטיווקײַט פון די קאָרעספּאָנדענטן איז, לויט די באַריכטן, אַ גאַנץ גרויסע. די מינכענער קאַנ-צעליאַריע פון דעם בײַעריש-עסטרײַכישן ווערטערבוך האָט, צ. ב., אין 1913 יאָר געהאַט 900 פרײַוויליקע העלפער. אַסאַך העלפט מיט דעם דערפאָלג פון זאמלען די ברייט פאַרצווײַגטע נעץ פון קאָנטקענטעניש-געזעלשאַפטן.

אָפט איז די זאַמל-אַרבעט אַן אומזיסטע. אַנדערע ווערטערביכער צאָלן די זאַמלער. גרימס ווערטערבוך, צ. ב. צאָלט צו 4 פעניג פאַר אַ קאַרטל.

אַרום די קאָרעספּאָנדענטן ווערט געפירט אַ באַשטימטע אַרבעט. מיט זיי ווערט קאָרעספּאָנדירט, זיי ווערן אינסטרוקטירט. ס׳ווערן זיי געשיקט בלאַנקן—צעטעלעך, דער קאָרעספּאָנדענט באַקומט דאָס רעכט פון אומזיסטער קאָרעספּאָנדענץ מיטן ווערטערבוך.

אין אייניקע ווערטערבוך-קאַנצעליאַריעס (צ. ב. אין דער בײַעריש-עסטרײַכישער) ווערט אַף ספּעציעלע קאַרט-לעך געפירט דער פּערזענלעכער דיסקאָנט פון די קאָרעספּאָנדענטן, ווו ס׳איז סיסטעמאַטיש רעגיסטרירט די אַרבעט פונעם און מיטן קאָרעספּאָנדענט.

די קאָרעספּאָנדענטן-נעץ ווערט אויסגענוצט אויך פאַר דער באַאַרבעטונג פון דער שריפטלעכער שפּראַך. דאָ שטרעבט די אָנפירונג פון דעם ווערטערבוך ווידער קומען צו הילף דעם מיטאַרבעטער. קעדיי אַ ביסל מעכאַניזירן די אַרבעט, ווערן, צ. ב., אין גרימס ווערטערבוך, באַשטעלט שטעמפּלען מיטן פאַרקירצטן נאָמען פונעם מעכאַבער און טיטל פון ווערק. אַזוי אַרומער ווערט פאַרשפּאָרט איבעריקע האַנטאַרבעט. דער באַנד און די זײַט פון ווערק ווערן צוגעשריבן.

וויכטיק איז די פראַגע ווי אַזוי ווערט קאָנטראָלירט דער איבערשרײַבער אין יענעם פאַל, אויב ער באַקומט אַן אויפגאַבע דעם מאַטעריאַל אַרויסנעמען פון אַ ליטעראַריש ווערק. אין אייניקע פאַלן, ווען דאָס ווערק, פונוואַנען דער מאַטעריאַל ווערט אַרויסגעשריבן, געפינט זיך אין רעשוס פון דעם ווערטערבוך, איז זײַן אייגנטום, ווערט פּראַקטי-קירט דאָס אונטערשטרײַכן די אַרויסגעשריבענע ווערטער פון בוך. אויב די אַרויסגעשריבענע קאַרטלעך דע־וועקן ניט קײַן אומצוטרוי, ווערן זיי ניט קאָנטראָלירטערהייט פאַרנוצט בײַ דער ליטעראַרישער באַאַרבעטונג. אַזוי איז יעדנ-פאַלס אין גרימס ווערטערבוך. אין אַנדערע ווערטערביכער ווערט די באַאַרבעטונג פון דער שריפטלעכער שפּראַך דורכגעפירט אין דער קאַנצעליאַריע פון ווערטערבוך גופע דורך די שטאַט-אָדער שטיק-מיטאַרבעטער.

ווי די ענטפערס פון די קאָרעספּאָנדענטן אַף די אַנקעטעס, אַזוי ווערט אויך די אַרבעט פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער געגעבן אַף באַזונדערע קאַרטלעך אַף גראָבן פּאַפּיר. דער פאָרמאַט פון די קאַרטלעך איז פאַרשיידן. אין גרימס און אין דעם העסיש-נאַסאַוישן (מאַרבורג) ווערטערבוך זײַנען דאָס האַלבע זײַטלעך פון אַ נאָרמאַלן העפט-פאָרמאַט. (דער אינטערנאַציאָנאַלער פאָרמאַט איז $1/_{16}$ פון אַ גרויסן בויגן שרײַב-פּאַפּיר). די קאַרטלעך ווערן געהיט אין קעסטעלעך, ווידער טאַקע פון פאַרשיידענער גרייס און אײַנאָרדענונג.

די זאַמלונגען פונעם רוימאַטעריאַל דערגרייכן צייטנווייַז אַ קאָלאָסאַלע ציפער. די קאַנצעליאַריע פון גרימס ווערטערבוך אין געטינגען פאַרמאָגט צוויי מיליאָן צעטעלעך—ווערטער. עמעס, אַזאַ גרויסע צאָל קאַרטלעך איז צונויפגעקליבן געוואָרן אין פאַרלויף פון העכער 70 יאָר. (דער ערשטער באַנד פון גרימס ווערטערבוך איז אַרויס אין 1854 יאָר). דער העסישער (פרײַסיש העסן,—צענטער מאַרבורג) האָט פאַר 15 יאָר צונויפגעקליבן 200.000 צעטעלעך. דער ריינישער, בײַעריש-עסטרײַכישער האָבן ביז אַ מיליאָן א. א. וו.

ווי ס׳איז צו זעען, ווערט די רײַכקײַט פון מאַטעריאַלן דערגרייכט אין פאַרלויף פון לענגערע יאָרן אַרבעט[5].

אַזאַ גרויסע צאָל צעטעלעך רופט נאַטירלעך אַרויס די פראַגע: שוין-זשע איז אין די דײַטשישע דיאַלעקטן אָדער אין דער דײַטשישער ליטעראַרישער שפּראַך אַזוי פיל ווערטער?

׳סע פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדע פון די צוויי מיליאָן צעטעלעך, וואָס געפינען זיך אין דער קאַנצעליאַריע פון גרימס ווערטערבוך, אַנטהאַלט אַזאַ וואָרט, וואָס אַף אַ צווייט קאַרטל איז דאָס ניטאָ. ס׳איז פאַראַן צווישן זיי זייער אַסאַך אַזוינע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איבערכאַזערונגען. און דערדאָזיקער אומשטאַנד קען ווידער אַרויסרופן די פראַגע: צו וואָס ווערן דערלאָזט איבערכאַזערונגען? אַן ענטפער קען געבן די באַקאַנטשאַפט מיט דער טעכניק פון דער זאַמלערישער אַרבעט באַם צונויפשטעלן אַ גרויסן ווערטערבוך.

דער לעקסישער מאַטעריאַל ווערט גענומען אין גרונט פון דער געשריבענער ליטעראַטור. מיטן אַרויסשרײַבן פאַרנעמען זיך געוויינלעך אַ גאַנצע ריי מיטאַרבעטער. פאַר איין טוער איז אַבסאָליוט אומעגלעך אויסצופירן אַלע אַרבעטן, וואָס דאָס שאַפן פון אַ גרויסן ווערטערבוך פאָדערט, ווען דערדאָזיקער איינער זאָל זיצן אַפילע בלויז אַף דערדאָזיקער אַרבעט. מעמיילע מוזן אַסאַך מיטאַרבעטער קלײַבן דעם מאַטעריאַל פון דער ליטעראַטור. ס׳איז אָבער אומעגלעך צו פאָדערן, אַז איין אַרויסשרײַבער זאָל ניט איבערכאַזערן די ווערטער, וואָס זײַנען שוין אַרויסגעשריבן דורכן צווייטן. ווען אַזאַ פאָדערונג זאָל פאַר אים געשטעלט ווערן, וואָלט ער געמוזט באַ יעדן וואָרט, וועגן וועלכן ס׳איז באַ אים אַ סאָפעק, צי איז דאָס גענומען אָדער ניין, נאָכקוקן אין די מאַטעריאַלן פון די איבעריקע איבערשרײַבער. דאָס וואָלט אָבער אָפּגענומען מער צײַט און ס׳וואָלט געקאָסט מער געלט, איידער דאָס פילמאָליקע אַרייסשרײַבן פון ווערטער.

דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן יענעם פאַל, ווען צו דער אַרבעט טרעט צו אַ נײַער מיטאַרבעטער. קעדיי אַ:אַ מיטאַרבעטער זאָל ניט איבערכאַזערן די אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטון דורך אַנדערע, מוז ער אָדער דורכשטודירן אַלע צונויפגעקליבענע מאַטעריאַלן אַזוי, ער זאָל זיי געדענקען, אָדער באַ יעדן סאָפעקדיקן וואָרט אַרײַנקוקן אין די אַלטע מאַטעריאַלן. דאָס ערשטע איז באַ גרעסערע זאַמלונגען פיזיש אומעגלעך, און דאָס צווייטע, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, לוינט ניט. און נײַע מיטאַרבעטער אין פאַרלויף פון אַסאַך יאָרן, וואָס אַ ווערטערבוך ווערט געאַרבעט, קענען דאָך זײַן זייער אַסאַך. און נאָך אַן אומשטאַנד: דאָס אַרויסשרײַבן קען פאָרקומען ניט בלויז אין דער קאַנצעליאַריע פונעם ווערטערבוך און אַפילע ניט דאַפקע אין יענער שטאָט, ווו די קאַנצעליאַריע געפינט זיך. מאַטעריאַל קען אַרויסגעשריבן ווערן אין פונקטן, וואָס זײַנען דערווײַטערט איינס פון אַנדערן. אין דעם פאַל איז שוין אינגאַנצן אומעגלעך אויסמײַדן דאָס דובלירן דעם מאַטעריאַל.

איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז אויסמײַדן איבערכאַזערונגען איז אומעגלעך באַם קלײַבן די מינדלעכע שפּראַך. די קאָרעספּאָנדענטן, וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידענע עקן לאַנד, ווייסן מערסטנטיילס איינס פונעם צווייטן ניט און מעמיילע זײַנען זיי ניט אימשטאַנד מיטצושטימען זייער אַרבעט.

צי איז אָבער ביכלאַל נייטיק און געווונטשן אויסמײַדן איבערכאַזערונגען? לאָזט זיך אויס, אַז ניט. און אָט פאַרוואָס. וואָס פאַר אַ פײַנעם שפּראַכגעפיל און פילאָלאָגישע צוגרייטונג (ס׳גייט די רייד וועגן לערער, סטודענטן—דער געוויינלעכער טיפּ פונעם אַרויסשרײַבער) די אַרויסשרײַבער זאָלן ניט האָבן, קען מען ניט זײַן זיכער, אַז אַלע שפּראַך-באַזונדערקײַטן אין דעם לעקסיקאָן פון אַ מעכאַבער וועלן באַמערקט און אופגענומען ווערן. דערצו קומען נאָך צו די ניט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײַטן פונעם זיקאָרן, אַדאַנק וועלכע אַ וואָרט קען ניט אַרויסגעשריבן ווערט צוליב דעם, וואָס דעם אַרויסשרײַבער ווײַזט זיך אויס, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט האָט ער שוין. און אַזאַ איליוזיע שפּאָרן אים שוין איין אַרײַנקוקן אין די פאַראַנענע קאַרטלעך קעדיי פעסטשטעלן צי האָט ער דאָס וואָרט אינעמעסן. די בלויז באַ איין אַרויסשרײַבער ווערן אין אַזעלכע פאַלן פאַרפולט דורך דער אַרבעט פון אַנדערע.

דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט.

פאַראַן אָבער אויך טיפע פּרינציפּיעלע סיבעס, צוליב וועלכע די אומויסמײַדלעכקײַט פון איבערכאַזערונגען דאַרף ניט אַרויסרופן קײַן אומרויִקײַט באַ דעם לעקסיקאָלאָג.

באַ אַ באַשיידענעם פאַרמעסט, ווען מע וויל האָבן בלויז דאָס וואָרט מיט זײַנע באַטײַטן, איז, פאַרשטייט זיך, יעדער דובלעט, וואָס גיט ניט קײַן נײַעם וואָרט אָדער באַטײַט, אַן איבעריקע זאַך. אויב מע טראָגט אָבער אַריין

[5] איינער פון די ייגגסטע דיאלעקטישע ווערטערביכער, דער ריינישער, רעכנט זיין זאמלערישע ארבעט דורכפירן אין 15 יאָר. דעמדאָזיקן טערמין באגרינדעט דער פירער פונעם ווערטערבוך מיט דער דערפארונג פון אַנדערע ווערטערביכער: פונעם שווייצאַרישן, שוואבישן א. א. וו. (וועגן דעם און אויך אנדערע יעריעס וועגן דער אַרבעט איבער א גרויסן דיאלעקטישן ווערטערבוך זע J. Franck. Das Wörterbuch der rheinischen Mundarten. Westdeutsche Zeitschrift für Geschichte und Kunst. Jahrgang XXVIII. heft I. Trier 190[illegible]).

אינעם אַרבעט-פּלאַן פון אַ ווערטערבוך דעם היסטאָרישן און דעם געאָגראַפישן מעטאָד, דעמלט קען ביכלאַל קימאַט ניט זיין קיין רייד וועגן דער איבעריקייט פון איבערכאַזערונגען.

מיטן היסטאָרישן פּרינציפּ מיינט מען פעסטשטעלן, ווען איז אַ באַשטימט וואָרט—מעג דאָס זיין אַן אַנט-לייונג, אָדער אַ נייבילדונג—אויפגעקומען. צי ווערט דאָס אומיבערגעריסן געברויכט אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן געגעבענעם פּעריאָד, אָדער ס׳מערקט זיך אַ פּעריאָד, ווען דאָס וואָרט גייט אַרויס ציטווייליק פון געברויך אָדער סע ווערט ווייניקער געברויכט. ווען ווערט עס ענדלעך אינגאַנצן פאַרלאָרן, אויב אַזאַ מאָמענט קומט פאַר אַ באַ-שטימטן וואָרט.

דער היסטאָרישער מעטאָד קען אָנגעווענדט ווערן אין די ראַמען פון אַ באַליביקן פּעריאָד—אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן, אַן עלטערן אָדער אַ ייִנגערן.

ס׳איז קלאָר, אַז די אָנווענדונג פון דעמדאָזיקן מעטאָד פאָדערט, אַז דער לעקסיקאָן פון יעדן באַשטימטן פּעריאָד זאָל באַשטעטיקט ווערן דורכן ווערטער-געברויך פון אַ געוויסן מעכאַבער. צוליב דעם מוז דער לעקסיקאָן פון יעדן מעכאַבער, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ געוויסע טקופע, אַרויסגעשריבן ווערן זייער פּינקטלעך.

דער געאָגראַפישער מעטאָד האָט אין זינען פעסטשטעלן די טעריטאָריע, אַף וועלכער ס׳איז פאַרשפּרייט אַ געוויסער וואָרט 6).

מע וויל וויסן ניט בלויז, אַז דאָס באַשטימטע וואָרט עקזיסטירט אין דער שפּראַך, דיאַלעקט, אַז ס׳האָט די און די באַטייטן, אַז סע שטאַמט פון אַזאַ און אַזאַ מאָקער, אַז ס׳איז אויפגעקומען אין אַ באַשטימטן מאָמענט און אָפּגעהיט געוואָרן ביז אַ באַשטימטער צייט. לעצטנס איז נאָך אויפגעקומען דער אינטערעס צום געדאַנק וועגן דער טע-ריטאָריע, אַף וועלכער דאָס געגעבענע וואָרט איז פאַרשפּרייט און מיט וועלכע סינאָנימען ווערט דאָס געגעבענע וואָרט פאַרביטן אַף אַנדערע שטעטכן פון דעמזעלבן דיאַלעקט אָדער ביכלאַל אין אַנדערע דיאַלעקטן.

אין וואָלין אָדער פּאָדאָליע (איך נעם אַ ביישפּיל פון ייִדישע לעקסיק) קען אַ וואָרט געברויכט ווערן און אין ווייסרוסלאַנד קען דאָס אינגאַנצן אומבאַקאַנט זיין. אַפילע שכיינעסדיקע קרייזן קענען פאַרמאָגן אַזוינע ווער-טער, וואָס ווערן געברויכט בלויז אין איינעם פון זיי. און ווידער איז קלאָר, אַז דער געאָגראַפישער מעטאָד פאָ-דערט אַ גענויע לעקסישע אויספאָרשונג פון די מעכאַברים, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָדער יענער געגנט.

בלויז אַף אַזאַ אויפן קען מען באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ מאָס אַ באַשטימט וואָרט איז אַ פּראָווינציאַליזם.

דורך דער אָנווענדונג פוןביידע מעטאָדן דערקלערט זיך די גרויסע צאָל פון צעטעלעך, וואָס זיינען אָנגע-זאַמלט אין די קאַנצעליאַריעס פון פאַרשיידענע ווערטערביכער.

די וואָרט-געאָגראַפיע ווערט געשילדערט אַף געאָגראַפישע קאַרטעכ 7) און די לעקסיקאָלאָגישע קאַרטאָגראַ-פיע הייבט אָן פאַרנעמען אַ בעפיירעשן אָרט אין די מאָדערנע ווערטערביכער.

דער ווערט פון דער וואָרט-געאָגראַפיע ווערט גוט און קלאָר געשילדערט באַ אַ. היבנער 8). נאָר די וואָרט-געאָגראַפיע גיט די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון ווערטער. זי דערציילט אונדז ניט בלויז די אויסערלעכע זייט, אַז אַ וואָרט פאַרמאָגט אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע פאַרשפּרייטע טעריטאָריע, זי אַנט-פּלעקט אויך, מיט וואָס פאַר אַ וואָרט מיר האָבן דאָ צו טון: מיט אַזאַ וואָרט, וואָס שטאַרבט אָפּ, אָדער וואָס הייבט אָן פאַרשווינדן אָדער וואָס פאַרגרעסערט זיין הערשאַפט. זי העלפט אַרויסווייזן דעם וועג, דעם טעמפּ פון דער פאַרשפּרייטונג פון וואָרט. זי שאַפט אויך דעם באָדן פאַרן ענטפער אַף דער פראַגע, פאַרוואָס אַ וואָרט שטאַרבט אָפּ און ווערט פאַרביטן דורך אַן אַנדערן פון דעמזעלבן באַטייט, פאַרוואָס אַ וואָרט קלייבט אויס אַ באַשטימטן וועג פון פאַרשפּרייטונג און זעצט זיך אָפּ אין אַ באַשטימטן פּונקט אָפּן וועג פון זיין פאַרשפּרייטונג; פאַרוואָס איין וואָרט קומט אוף און לעבט אין אַ געשלאָסענעם געביט, און אַ צווייט וואָרט איז פאַרשפּרייט אַף אַ ברייטערן שטעטך.

אין אַלע דידאָזיקע פאַלן פירט די וואָרט-געאָגראַפיע צו פאַרשיידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן—צום עקאָנאָמישן, פּאָליטישן פאַקטאָר, צו די פאַרקער-מעגלעכקייטן—ווי צו סיבעס פון טויט און לעבן פון ווערטער. דער גרעסטער פאַרדינסט פון דער וואָרט-געאָגראַפיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי העלפט פאַרבינדן די שפּראַכגע-שיכטע מיט דער געשיכטע פון עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער באַציונגען 9).

---

6) אַ מוסטער פון אַ וואָרט-געאָגראַפישער אויספאָרשונג גיט P. Kretschmer. Wortgeographie der Hochdeutschen Umgangssprache Göttingen, 1918.

7) זע, צ. ב. די קאַרטע א 8 אין דער 1 העפט פון דייטשישן שפּראַכאַטלאַס, וואָס שילדערט די געאָגראַפיע און סינאָנימיק פון די ווערטער Pferd און Bein. Deutscher Sprachatlas auf grund des von Georg Wenker begründeten Sprachatlas des deutschen Reichs... unter Leitung von Ferdinand Wrede. I. Lieferung. Marburg 1926. וואָרט-געאָגראַפישע קאַרטעס ווערן אויך געגעבן אין דער דיאַלעקטאָלאָגישער ציטשריפט Theutenista, herausgegeben von H. Teuchert. דער העסישער ווערטערבוך (מאַרבורג), וואָס דערשיינט איצט, וועט אויך האָבן וואָרט-געאָגראַפישע קאַרטעס.

8) Artur Hübner. Die Mundart der Heimat. Breslau. 1924. S. 81.

9) א גוטע איליוסטראַציע פון דעם געאָגראַפישן מעטאָד איז דאָס בוך H. Aubin, Th. Frings, I. Müller. Kulturströmungen und Kulturpowinzen in den Rheinlanden, Bonn 1926,

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואָרט-געאָגראַפיע געפינט זיך די סינאָנימיק.

אַ גרויסע צאָל ווערטער פאַר איין און דעמזעלבן באַגריף דערקלערט זיך מיט טיפע געזעלשאַפטלעכע סיבעס און קען דינען פאַר אַ רײַכער איליוסטראַציע צו געוויסע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען. דער פאַקט, צ. ב., וואָס באַ יידן איז פאַראַן אַזויפיל ווערטער פאַר פאַרשיידענע מאַדרייגעס פון אַן אָרעמען (אָרעמאַן, קאַפּצן, דאַלפן, אָני וועעוויען און אַנד.) פון איין זײַט, און פאַרן באַגריף „רײַכער", פון דער צווייטער (רײַכער, גוויר, אוישער, נאָגיד, מיליאָנשטשיק און אַנד.), איז דען ניט קײַן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער מאַסע? די פאַרשיידענע סינאָנימען פאַרן באַגריף пол (פאָל, פּאָדלעגע, פּאָדלאָגע, דיל, בריק) אָדער потолок (פאַטאַלאָק, סטעלי, סופיט, באַלקן) איליוסטרירן די קולטור-אײַנפלוסן, וועלכע ס׳איז אונטערגעוואָרפן די יידישע שפּראַך און אירע טראָגער.

דער עטנאָגראַפישער, ריכטיקער, פאָלקלאָרישער מעטאָד, פּרוּווט אויך פאַרנעמען אַ געוויסן אָרט אין די דיאַלעקט-ווערטערביכער [10]. ס׳איז אַ געוויינלעכע זאַך פאַר ווערטערביכער, אַז דער געברויך און דער באַטײַט פון וואָרט ווערט באַשטעטיקט דורך דער פאָלקשאַפונג—שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, לידער א. אַנד. די לעצטע יאָרן ווערט דער ווערטערבוך-פאָרם באַ אייניקע געלערנטע אויסגענוצט פאַר עטנאָגראַפישן אינהאַלט. צו אַזעלכע אַרבעטן געהערן יאָזעף מילערס שטודיע וועגן וואָרט עפּל [11]. דאָ ווערן אָנגעוויזן די פאָלק-עפּיטעטן פון וואָרט עפּל, דאָס פאָרקומען פון וואָרט עפּל אין שפּריכווערטער, דער עפּל אינעם אַבערגלויבן, דער עפּל אין קונסט-לעבן. אין דעמזעלבן גײַסט זײַנען געשריבן די שטודיעס וועגן בעבל [12] און נוס [13].

באַ דער ליטעראַרישער באַאַרבעטונג פון די מאַטעריאַלן, אַף וויפל מיר האָבן זיי אין די שוין פאַראַנענע בענדער פון פאַרשיידענע ווערטערביכער, איז ווערט אָפּצושטעלן זיך אַף פאָלגנדיקע מאָמענטן.

אין דער דײַטשישער לעקסיקאָלאָגיע ביכלאַל ווערט באַהאַנדלט באַזונדער יעדער היסטאָרישער פעריאָד פון דער דײַטשישער שפּראַך. ס׳זײַנען פאַראַן באַזונדערע ווערטערביכער פון דעם אלטדײַטשן, מיטלדײַטשן און נײַדײַטשן פעריאָד פון דער דײַטשישער שפּראַך. באַ דער לעקסיקאָלאָגישער באַאַרבעטונג פון דער דײַטשישער שפּראַך ווערן ניט צונויפגעמישט אין איין ווערטערבוך די פאַרשיידענע פעריאָדן אירע, אָבער די באַהאַנדלונג פון דעם געגעבענעם פעריאָד קען זײַן אַ צווייפאַכע: ס׳קען דורכגעפירט ווערן דער היסטאָרישער מעטאָד און ס׳קען גענומען ווערן בלויז אַזוי צו זאָגן די סטאַטיק פון דער שפּראַך.

אין ערשטן פאַל ווערט געגעבן די געשיכטע פון וואָרט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צײַט, וואָס אַ דיאַלעקט עקזיסטירט. צו אַזאַ באַאַרבעטונג שטרעבט יעדער סאָלידערער דיאַלעקטאָלאָגישער דײַטשישער ווערטערבוך. אַזוי זײַנען באַאַרבעט אַזעלכע ווערטערביכער ווי דער שווייצאַרישער אידיאָטיקאָן, דער שוואַבישער ווערטערבוך, דערצו שטרעבן דער בײַעריש-עסטרײַכישער, די ביידע העסישע און אַנדערע. באַ אַזאַ מין באַאַרבעטונג ווערט אויסגעשעפּט די גאַנצע געשריבענע ליטעראַטור זייט יענעם מאָמענט, ווען זי הייבט אָן אַרויסווײַזן שפּורן פון דעם געגעבענעם דיאַלעקט. אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן אַ באַשטימטן וואָרט ווערן געגעבן ציטאַטן, וואָס באַשטעטיקן דעם געברויך פון וואָרט אין פאַרשיידענע צײַטן—פון דער עלטסטער ביזן הײַנטיקן מאָמענט.

אין די ווערטערביכער פון צווייטן מין ווערט פאַרפאָלגט דער ציל צו געבן דאָס וואָרט בלויז אין דער געשטאַלט, ווי עס עקזיסטירט הײַנט: צו אַזעלכע געהערט מאַרטין און ליגהאַרדטס ווערטערבוך פון די עלזאַסישע דיאַלעקטן [14], דער זיבנבירגיש-זאַקסישער [15]. אין דער עלטערער דײַטשישער לעקסיקאָגראַפיע איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל פון אַזעלכע ווערטערביכער, אָנהייבנדיק פון שמעלערס בײַערישן ווערטערבוך [16].

אַזוי ווי די ליטעראַרישע באַאַרבעטונג פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען צעטעלעך קען ניט דורכגעפירט ווערן דורך איין מענטשן, ווען ער זאָל זיך אָפּגעבן אַפילע בלויז מיט דערדאָזיקער אַרבעט, זײַנען די גרעסערע מאָנומענטאַלע ווערטערביכער—קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען. אַזאַ קאָלעקטיווע ווערק אין דער שווייצאַרישער אידיאָטיקאָן. אַ קאָלעקטיווע אַרבעט איז גרימס ווערטערבוך (בלויז די ערשטע פיר בענדער זײַנען צוגעגרייט פון די ברידער גרים. אַכוץ זיי האָט אין דער צוגרייטונג פון די ווײַטערדיקע בענדער אָנטייל גענומען אַ ריי אַנדערע געלערנטע). געוויינטלעך ווערט די אַרבעט פאַרטיילט לויט געוויסע בוכשטאַבן.

10) וועגן א פּרוּוו פון אַ ווערטערבוך פון רוסישער עטנאָגראַפישער דיאלעקטאָלאָגיע אינפאָרמירט:

С. Еремин. Проект словаря русской этнографической диалектологии. Язык и литература. т. 1 2)—52. Научно-исследовательский институт сравнительного изучения литератур и языков запада и востока при Ленинградском Государственном Университете.

11) Josef Müller. Der Apfel in Spiegel rheinischer Mundart (Zeitschrift für deutsche Mundarten. 1914.)]

12) Die Bohne in rheinischer Sprache und Sitte. Elberfeld, 1914.

13) Die Nuss in rheinischer Sprashe und Sitte. (Zeitschrift des Vereins für Rheinische und Westfälische Volkskunde. I, II heft. Elberfeld 1917.)

14) Wörterbuch der elsässischen Mundarten, bearbeitet von E. Martin und H. Lienhardt. Strassburg K. I. Trübner. B. I 1899.

15) Siebenbürgisch-sächsisches Wörterbuch von Adolf Schullerus. Strassburg. B. I. 1908.

16) A. Schmeller. Bayerisches Wörterbuch 2 Ausgabe, bearbeitet von K. Fromman. Münchenu 1872

דער מאַטעריאַל, די צעטעלעך ווערן געשיקט צום באַשטימטן ספּעציאַליסט, און ניט אָפּריַיסנדיק זיך פון זיַין גרונט-באַשעפטיקונג, באַאַרבעט ער אין אַ באַשטימטן פעריאָד זיַין טייל מאַטעריאַלן. עמעס, די אַרבעט באַוועגט זיך אָפּט גאַנץ לאַנגזאַם. באַדער האָט, צ. ב., זיַין דריַיצנטן באַנד פון גרימס ווערטערבוך געשריבן צוואַנציק יאָר.

ס'איז נאָך ווערט צו פאַרציַיכענען, אַז אין גרימס ווערטערבוך איז די פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט פאַר דער וויסנשאַפטלעכער זיַיט אַרופגעלייגט אַפן ספּעציאַליסט-פילאָלאָג. די קאָלעגיע, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון דער קאָמיסיע (Zentralsammellstelle für das deutsche Wörterbuch, Göttingen), האָט צו טון בלויז מיט דער טעכנישער זיַיט: האָנאָראַר, אָרט, וואָס קען פאַרנומען ווערן דורך דער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אָדער יענעם וואָרט, קאָרעקטור, איבערשיקן און באַקומען דעם מאַטעריאַל א. א. וו.

אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע שטייט פאַר אַ דיאַלעקטאָלאָגישן דיַיטשישן ווערטערבוך, וואָס נעמט אַרום אַ דיאַלעקט-געביט, וועלכער באַשטייט פון עטלעכע אונטער-דיאַלעקטן. די שוועריקיַיט באַשטייט אין דעם, וואָס דער וואָקאַליזם פון דידאָזיקע אונטער-דיאַלעקטן איז אַ פאַרשיידענער און אַ וואָרט קען קלינגען ניט גליַיך אין פאַרשיידענע אונטער-דיאַלעקטן. צ. ב. sagen און haus, hus, sogen א. א. וו. אין אַזעלכע פאַלן ווערט דער סיידער פון די ווערטער באַשטימט ניט דורכן וואָקאַליזם, נאָר דורכן קאָנסאָנאַנטיזם. אַזוי איז צ. ב. אינעם שווייצאַרישן אידיאָטיקאָן.

בענעגייע דער פראַגע וועגן אַריַינעמען אייגננעמען אין די ווערטערביכער, הערשט ביכלאַל די מיינונג, אַז די נעמען-לערע דאָס איז אַ ספּעציעלער פילאָלאָגישער געביט, וואָס האָט אַ גרויסע באַדיַיטונג פאַר דער אַלגעמיינער געשיכטע און פאַר דער שפּראַכוויסנשאַפט, אָבער אין די ווערטערביכער דאַרפן אייגננעמען ניט אַריַינגיין. אַזוי האַלט אויך גרים (פאָרעדע צום ערשטן באַנד). אין איינעם פון די נײַע דיאַלעקטאָלאָגישע ווערטערביכער געפינען מיר אָבער אַ גאַנץ סיסטעמאַטישע פאַרציַיכענונג פון די אייגננעמען. דאָס איז דער שוואַבישער ווערטערבוך פון הערמאַן פישער.

י. קוויטני
(אַספּיראַנט באַ דער פילאָלאָ-
גישער סעקציע פון דער קאַטעדרע
פאַר יידישער קולטור, קיעוו)

רעדנסאַרטן מיט „האַנט“ און אירע טיילן

די זאַמלונג רעדנסאַרטן מיט „האַנט“ און אירע טיילן, וואָס איך ברענג דאָ, זײַנען גענומען פון פאָלקסמויל, דערהויפּט אין מינסקער גוב. (רײַסן), אַ טייל האָב איך געהערט אין גראָדנער גוב. (איצטער פוילן) און אין אוקראַינע (מערער אין קיעווער גוב.).

איך האָב דאָ ניט פאַרצייכנט קײַן שפּריכווערטער מיט „האַנט“, ווײַל, ערשטנס, זײַנען שפּריכווערטער באַ אונדז אַסאַך בעסער געזאַמלט, סיסטעמאַטיזירט און פאַרעפנטלעכט, איידער רעדנסאַרטן; צווייטנס, איז די וואָג פון „האַנט“ אין דעם פּסיכאָלאָגישן עפעקט פון דעם שפּריכוואָרט אָפּטמאָל אַסאַך שוואַכער ווי אין אַ רעדנסאַרט. איבער דעמזעלבן מאָטיוו האָב איך ניט אַרײַנגענומען אַזוינע אויסדריקן, ווו דאָס וואָרט „האַנט“ איז ניט פעסט סטאַביל, מע קען דאָס פאַרבײַטן, און מע פאַרבײַט דאָס פאַקטיש, אַף אַן אַנדער וואָרט (אויך אַ מענטשלעכער אייווער), און דער זין פון דעם אויסדרוק ענדערט זיך ניט דערבײַ, אַשטייגער: „איך פיל נישט קײַן הענט“, ד. ה. שטאַרק אָנגעהאָרעוועט, מע זאָגט אויך: „איך פיל ניט קײַן אייווער“, „קײַן לײַב און לעבן“ א. ד. גל.

די געבראַכטע רעדנסארטן האָב איך זיך געמיט, ווי ווײַט מעגלעך, צו איליוסטרירן מיט מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַטור, דערהויפּט פון שאָלעם אַלייכעמען, מענדעלען, פּערעצן, אין אייניקע פאַלן מיט שפּריכווערטער, איך האָב אויך אָנגעגעבן, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט, דיזעלבע אָדער ענלעכע רעדנסארטן פון רוסיש און אוקראַיניש, ווי ווײַט איך האָב געקענט קריגן די געהעריקע קוואַלן.

דעם אויסטײַטש פון די רעדנסארטן, ווי ביכלאַל אַלץ, וואָס איך גיב אָן פון זיך, ברענג איך אין עקיקע קלאַמערן.

I. „האַנט“

אַבי.

1. מאַכן אַבי פון האַנט.

[מאַנרעט].

פר״גל: „На скорую руку—как ни попало. зря“. [Даль, III, 1735]. „С рук сбыть—спустить, сжить“. [Михельсон, II,—С, 1062].

אַוועקמאַכן.

2. אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

[מעוואַטל מאַכן, מינערן דעם ווערט].

אַ ראַקיטנער ייִנגל און דעם ראָווס אַ זון— מ י ט ד ע ר ה אַ נ ט קען מען אים ניט אַ וו ע ק מ אַ כ ן“. [ש״אַ, XXVI, 46].

אויבער.

3. האָבן די אויבערהאַנט.

[זיין דער ערשטער אין קאָן].

אויסגעשריבן.

4. אַן אויסגעשריבענע האַנט.

(אַ שיין קסאַוו. זע נומ. 95, 163).

פרגל: „Рука—почерк письма человека“ [Даль, III, 1734].

4a. אַן אויסגעשריבענע האַנט.

[איראָניש אַף אַ פלינקן מאַכער, אַ גאַנעוו].

— „פון וואַנען, זאָגט ער, נעמט איר דאָס?“

— פון די יאָדאַים, זאָג איך, ער מאַכט מיר, זאָג איך, צו געשווינד מיט די יאָדאַים. איך האָב מוירע, זאָג איך, אַז ס׳איז באַ אים צו אַן אויסגעשריבענע האַנט״. [ש״אַ, XVI, 173].

אויסדרייען זיך.

5. אויסדרייען זיך פון די הענט.

[זיך פריַי מאַכן פון עמעצן].

„מוישעלע האָט זיך קאָם אַ לעבעדיקער פון זייערע הענט אַרויסגעדרייט און זיך אַרייַנגעכאַפּט אין שטוב אַריַין״. [ממו״ס, VII, 139; זע נומ. 27, 28 45].

אויסלייזן זיך.

6. אויסלייזן זיך פון די הענט.

[פּאָטער ווערן]

„לאַנג לעבן זאָל די באַבע גיטל!״—טראַכט זיך דער אויסגעלייזטער פונעם זיידנס הענט״. [ש״אַ, XXVI, 242].

a6. אויסלייזן זיך פון פּאָניעס הענט.

[פריַי ווערן פונעם „פּריזיוו״].

אויסציען.

7. אויסציען די הענט.

[בעטן עפּעס].

„... דערזעען פאַר זיך אַ פרישן פּאַרשוין, האָט דער הויכער ייִד מיט די לאַנגע פּיס זיך אַ לאָז געטון צו מיר, אויסגעצויגן צו מירביידע הענט, ווי אַ מענטש, וואָס בעט אַ ראַטונעק״. [ש״אַ, XVI, 217].

אויסשטרעקן (אויסשטעקן).

8. אויסשטרעקן אַ האַנט.

[בעטן אַ נעדאָווע].

„... זאָג: גאָט העלף! שטרעק אויס דיַין האַנט, באַקומסטו דיר דיַין נעדאָווע״. [ממו״ס, XI, 153; זע נומ. 16]. „Протягивать руку—просить милостыню“. [Михельсон, II,—II, 1209].

אונטער.

9. האָבן אונטער דער האַנט.

[נאָענט לעבן זיך].

10. ניט ווערן אונטער די הענט.

[אומגעריכט פאַרפאַלן ווערן, באַסטאמסקי, 1593, זע נומ. 11].

11. ניט סטייַען אונטער די הענט.

„בעייס איך בין גליַיך מיט אים אַרויסגעגאַנגען פון דער שוויצבאָד... האָט ער עפּעס אונטער די הענט ניט געסטייַעט און דאָס האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אַף אַ הינטער-טירל״. [לינעצקי, 116 זע נומ 10].

אונטערכאַפּן זיך.

12. אונטערכאַפּן זיך אונטער דער האַנט.

[אונטערקומען צו דער צייַט].

„זי קנייַפּט זיי, רייַסט זיי אויס שטיקער פלייש, זי קלייַבט נישט איבער: ווער עס כאַפּט זיך אונטער אונטער דער האַנט, דער באַקומט אַ זעץ, אַ טראַסק, אַ בוכענצי אין זייַט אַריַין״. [ש״אַ, IX, 42].

אונטערלייגן.

13. אונטערלייגן די הענט.

מע קען די הענט ניט אונטערלייגן, [מע קען גאָר ניט באַוואָרענען, העלפן. זע נומ. 14].

„Підкласти руку кому, під кого—помогать, помочь кому с усердием.

Не туди він дивиться, щоб нам руки підкладати, а щоб нас у лобетах своїх держати“. [Грінченко. 1276].

אונטערשטעלן.

14. אונטערשטעלן די הענט.

[זע נומ. 13].

„אַז אַ קינד פאַלט, שטעלט דער מאַלאָך די הענט אונטער״. [בערנשטיין, 3272].

אופבינדן.

15. אופבינדן די הענט.

[באַפריַיען].

„... האַנדל, וויַיל ס׳איז אַ גרויסע, וויכטיקע זאַך: עס בינדט אויף מענטשן די הענט צו אַרבעטן שיינע, גוטע, נוצלעכע מעלאָכעס אַלערלייי״. [ממו״ס, VII, 172].

„Развязать кому руки—дать полную свободу действия“. [Даль. III, 1491].

„Розв'язувати руки—развести с мужем.

„Ой піду я до попа, поговору стиха: розв'яжи мі, попе, руки без біди, без лиха“. [Грінченко, 1652].

אופשטעלן.

16. אופשטעלן אַ האַנט.

[זע נומ. 8].

„שיינע ייִדן רוקן זיך צו אים אָפּשטעקן אַ „שאָ-לעם-אַלייכעם״, מעקאַבּלים שטעלן אויף אַ האַנט צו נעמען בּאַ אים אַ נעדראָווע״. [ממו״ס, VIII, 250].

איבּערגיין.

17. איבּערגיין אַף עמעצנס הענט.

[איבערגיין אַף עמעצנס האַשגאָכע, אין עמעצנס רעשוס].

„נאָר גאָר נישט, איך בּין נישט קיין „קופּץ בּהאָך״, ווי זאָגט איר, לאָזן זיי איבּערגיין אַף אַנדערע הענט״ [ש״אַ, XVI, 33].

„Ет, пусти його! нехай він переходить на инші руки". [Номис, 3869].

איבּערגעבּן.

18. איבּערגעבּן גלײַך אין די הענט אַרײַן.

[אָפּגעבּן עמעצן דירעקט].

„אַרויסגענומען און איבּערגעציילט דאָס בּיסל אָרעמקײַט, רעכט אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און איבּערגעגעבּן דאָס דעם גוויר גלײַך אין די הענט אַרײַן״. [ש״אַ, XXI, 144].

אייגענע.

19. מיט די אייגענע הענט.

[אליין].

„זי אַליין איז שולדיק, אַליין מיט אירע אייגענע הענט פירט זיי איבּער די קינדער״. [קיפּניס, 38].

20. לעבּן פון אייגענע הענט.

[פון דער אייגענער פּראַצע].

„זי איז געליימט אַף די פיס שוין צען יאָר, און דאָך לעבּט זי פון אירע אייגענע הענט: זי פליקט פעדערן״. [ש״אַ XXI, 60].

„Живем своими руками—Содержать себя, добывать пропитание, кормиться". [Даль, I, 1354]

אייזערנע.

21. אַן אײַזערנע האַנט.

[אַ שטאַרקער מענטש].

„און דער בּאַלעבּאָס פון הויז, אַ ייִד מיט אײַזערנע הענט, האָט אים גענומען מיטן גע-לעגער און געטראָגן אין קלויז אַרײַן״. [פּערעץ, XV, 221].

„Железные руки—сильные но грубые и неуклюжие". פר״גל. [Даль, I, 1324].

איין.

22. עס איז בּאַ זיי איין האַנט.

[אַ יאַדאַכעס. כראַפּקאָווסקי, 129, ליפשיץ, 82].

אײַנשטיין (בּאַ).

23. אײַנשטיין בּאַ עמעצן אין די הענט.

[געפינען זיך אין רעשוס].

„בּאַ אַנדערע אין די הענט אַזעלכע זאָלן אײַנשטיין, וואָלטן זיי אַ גליק געמאַכט״. [ממו״ס, XI, 85].

אַליין.

24. אַליין מיט די הענט.

„אַז בּעסאַכאַקל האָבּ איך גאָר מוירע זיך צוצו-רירן צו אַ מעס, און האָבּ אַליין מיט מײַנע הענט געהאָלפן אַרויסטראָגן און אַרופלייגן אַפן שליטן״. [ש״אַ, XVI, 219].

אָן.

25. אָן דעם בּין איך ווי אָן הענט.

[מע קען ניט אויסקומען; כראַפּקאָווסקי, 126].

„טאָמער מאַכט איר מיר טרייף דאָס טעפּל, בּין איך געבּליבּן אָן אַ טעפּל, און אָן אַ טעפּל בּין איך ווי אָן אַ האַנט, בּין איך. [ש״אַ, XXI, 24].

„Без денег, что без рук". [Даль, I, 194].

„Без грошей, як без рук". [Номис, 1380].

אָנטאַפּן.

26. אָנטאַפּן מיט די הענט.

[געננוי דערגיין, וויסן, וואָס אַ זאַך איז].

„הײַנט האָט עס נאָך אַ מײַלע: עס איז אַ זאַך, וואָס מע קען עס זען, אָנטאַפּן מיט די הענט, נישט אַזוי ווי „לאָנדאָן״, וואָס עס איז נאָר אַ דימיען, אַ כאָלעם״. [ש״אַ, X, 46].

אַנטלויפן.

27. אַנטלויפן פון עמעצנס הענט.

[זע: נומ. 5, 28, 45].

אַנטרונען ווערן.

23. אַנטרונען ווערן פון עמעצנס הענט.

[זע נומ. 5, 27, 45].

„... אָדער עפשער גאָר וועט איר געשעען אַ נעס פון זייערע הענט שטילערהייט אַנטרונען צו ווערן" [ממר"ס, VII, 270].

אָנכאַפּן זיך.

29. אָנכאַפּן זיך מיט ביידע הענט.

[גערן צו עפּעס מוסקעם ווערן].

— „מיטן גרעסטן קאָוועד! — האָט זיך ליפּשיץ אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט". [ש"אַ, XXVV, 81].

אָנעמען זיך.

30. מע קען זיך קיין הענט ניט אָנעמען.

[מע קען ניט געניג דערלאַנגען, זייער אַסאַך פידיען].

אָנשפּייַען.

31. ער זאָל דאָס דיר כאָטש אָנשפּייַען אַף דער האַנט.

[באַלוינען מיט עפּעס].

„Як до чужих, то і на увесь день, а: פר"גל до мене—і в хату не наплювала—и на минутку не заглянет, не зайдет". [Грінченко, 1046],

אָפּגעבן.

32. אָפּגעבן דעם שליסל דעם גאַנעוו אין האַנט אַרייַן.

[שטעלן דעם גאַנעוו פאַר אַ ניסאָיען].

33. אָפּגעבן מיט ביידע הענט.

[זייער גערן].

אָפּגענומען.

34. ווי מיט די הענט אָפּגענומען.

[עס האָט זיך געפּעלט; אַ ריכטיקע סגולע].

„Как рукой сняло — внезапно не стало чего-либо, прекратилось. Были нет, как рукой сняло". [Даль IV, 220; Михельсон, I.—К, 116].

אָפּוואַשן.

35. ער וויל זיך פון דעם די הענט אָפּוואַשן.

[ניט מישן זיך, אַראָפּנעמען די פאַראַנטוואָרטונג פון זיך. עטינגער, II, 407, זע נומ. 36].

„Умываю руки — отказываюсь от ответственности". [Михельсон, II, У 165].

„Вмивати руки від чого — отказываться от чего". [Грінченко, 1252].

אָפּטרייסלען.

36. אָפּטרייסלען די הענט.

[זיך אָפּזאָגן פון אַ וואָסער ס'איז ניט איז זאַך. זע נומ. 35].

אָפּלאָזן.

37. אָפּלאָזן די הענט.

[אַרייַנפאַלן אין ייִעש. זע נומ. 40].

„Опустить руки — отчаиваться". [Даль, II 1736].

אַן אָפּענע.

38. אַן אָפּענע האַנט.

[אַ מילדער. זע נומ. 61, 137, 157].

„ער איז אַ באָכער—אַף מיר אַזאַ יאָר! אַ פייַנער באָכער, און אַ לייַטישער באָכער, אַן אָפּענע האַנט, און אַ גוט הארץ און אַן איידלמאַן ביז גאָר". [ש"אַ, XXV, 67].

אָפּשלאָגן.

39. אָפּשלאָגן פון די הענט.

[אָפּנעמען, אַרויסראַטעווען].

„... ביז צום סאָף שלאָגן זיי אָפּ ברייַנדעלען פון זייערע הענט". [ווייַסנבערג, I, 53].

אַראָפּגעלאָזט.

40. די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט.

[זע נומ. 37].

„באַ די מוטיקסטע רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזט, און פיל פון זיי האָבן געמוזט אויסוואַנדערן". [רייזען, געקליבענע, 20].

אַראָפּנעמען.

41. אַראָפּנעמען די האַנט פון עמעצן.

[אופהערן קוקן, אַכטונג געבן].

42. אַראָפּנעמען מיט דער רעכטער האַנט.

[אַ טאַליע קאָרטן נעמט מען אַראָפּ מיט דער רעכטער האַנט,—אַ סגולע אַף אויסשפּילן].

אַראָפּנעמען.

43. אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן.

[פויעלן באַ זיך, מאַפקיר זײַן. זע נומ. 143].

אַרבעטן (פון).

44. אַרבעטן פון יענעמס האַנט.

[אַף יענעמס אופטראָג]

„... און איצט אַרבעט ער פונעם רײַכן ספּעקו-ליאַנטס האַנט“. [קיפּניס, 45].

אַרויסגליטשן זיך.

45. אַרויסגליטשן זיך פון די הענט.

[זע נומ. 5, 27, 28].

„מײַן טרײַנע מיכל גליטשט זיך אַרויס פון אונטער די הענט“. [פּערעץ, XV, 131].

„Вислизнути кому з рук—выскользнуть“ [Грінченко, 228].

אַרויסלאָזן

46. אַרויסלאָזן די לייצן [לייצעס] פון האַנט.

[אָפּלאָזן די פּירונג, די מאַכט. זע נומ. 121].

„דער מאַנהיג האַדאָר, וואָס האָט גאָר קײַן כּיי-שעק ניט אַרויסצולאָזן די לייצן פון האַנט“. [פּערעץ, V, 195].

47. אַרויסלאָזן פון האַנט.

[אָנווערן אַ זאַך, וואָס זעט אויס צו זײַן דערגרייכלעך].

אַרויסלאָזן אַזאַ מעציע פון האַנט.

„אַצינד נעמט בירנבוימען... ער האָט דאָך טאַקע נעבעך אַרויסגעלאָזט די פינף און זיבעציק טויזנט מאַמעש פון די הענט“. [ש״אַ, XVI, 101].

48. ער גיט און לאָזט פון האַנט ניט אַרויס.

[מאַכן אַן אָנשטעל].

אַרויסרײַסן (פון).

49. אַרויסרײַסן פון די הענט.

[אַרויסקריגן מיט שוועריקײַטן, אַשטייגער, אַ שלעכטן כויוון].

מע קען גאָר ־פון זײַנע הענט ניט אַרויסרײַסן ווי פון הינטישע ציין.

אַרײַנטאָן (טון).

50. ניט טון קײַן האַנט אין קאַלט וואַסער.

[נישט טון גאָרנישט, ליפּשיץ, 82].

„וואָרעם ער זאָל אַפילע אַכצן יאָר אָפּפוילן אין אַסטראָג וואָלט דען עמעצער פון זײַנע לײַט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער געטון פון זײַנטוועגן?“ [לינעצקי, 256].

פר״גל : „За холодну воду не візмется — бездельничать“. [Грінченко, 2024].

אַרײַנלייגן.

51. אַרײַנלייגן די הענט אין עפּעס.

[מישן זיך].

„וואָס ער עסט און ווי אַזוי ער עסט—וויל איך גאָר אַזוי ווײַט די הענט ניט אַרײַנלייגן“. [ש״אַ, XXI, 59].

52. אַרײַנלייגן די הענט אין די קעשענעס.

[גאָר ניט טון, אומגיין ליידיק. זע נומ. 5a].

„... זיך קויפן אַ פערד-און-וועגעלע מיט גומילאַ-סטיקענע רעדעלעך מיט אַ שיין פּעלצל, אַרײַנ-לייגן די הענט אין די קעשענעס און ווערן אַ שיינער באַלעבאָס אין יעהופּעץ“ [ש״אַ, XVI, ז. 175].

„Положить руки в карман—бездействовать“. [Михельсон, II, П, 628].

אַרײַנעמען.

53. אַרײַנעמען אין די הענט אַרײַן.

[קריגן מאַכט איבער עפּעס, איבער עמעצן, האַלטן אין דער מוירע. זע נומ. 55, 80].

„פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס נאָך דער כופּע, האָט זי אים גענומען אין די הענט אַרײַן און נישט אַרויסגעלאָזט אים... און אַמאָל, אונטער פיר אויגן... פלעגט זי אים אָפּשטעקן אַ פּאַטש אויך“. [ש״אַ, XVI, 11].

„Прибрать что к рукам—захватить, завладеть“. [Даль, III, 1734].

„До рук—в руки. Забрав нас до рук“. [Грінченко, 1701].

אַרײַנפאַלן.

54. אַרײַנפאַלן אין די הענט.

[אַרונטערפאַלן אונטער יענעמס מאַכט. ז. נומ. 130, 131].

אַרײַנפאַלן צו פאָניען אין די הענט.

[צוגענומען ווערן פאַר אַ סאָלדאַט, אַרײַנפאַלן אין טפיסע].

„ווײַל ער איז נאָר פון אַ גוט-אויג געכאַפּט גע-וואָרן אַף די ראַגלאַיִם, און מע האָט מיט אים גאָר-נישט געקאָנט מאַכן, איז ער אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט אַרײַן און ער לערנט מיט אים פון דעמלט באַלאָק“. [ש״א, XXVI, 127].

„Попалася в лихі руки невірній дружині“. [Грінченко, 1429].

„Попасть кому в руки—под власть“. [Даль, III, 771].

אַרײַנקריגן.

55. אַרײַנקריגן אין די הענט.

[זע נומ. 53, 80].

„און די פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס מיט דעם פּראָיעקט צו איבעראָרגאַניזירן די ס. ב. א., אַרײַנקריגן אין די הענט די באַן-ליניע“. [אַש, 9].

אַרײַנרוקן.

56. אַרײַנרוקן אין האַנט אַרײַן.

[אונטערקויפן, געבן כאַבאַר. זע נומ. 57, 58, 59, 75, 136, 155].

„די מאַמע דעקט אוף דאָס טישטעכל און לייגט-צו צו יענער מאטבייע נאָך אַ מאַטבייע און אויך דאָס מיידל רוקט זי אַרײַן עפּעס אין האַנט אַרײַן. [ש״אַ, XXIII, 196].

אַרײַנשטופּן.

57. אַרײַנשטופּן אין האַנט (אין יאַד) אַרײַן.

[זע נומ. 56, 58, 59, 75, 136, 155].

„נאַט אײַך, זאָג איך, און שטופּ דעם שאַ-מעש אין דער האַנט, נעמט, זײַט מויכל, און דערבאַרעמט זיך אַף אונדז“. [ממו״ס, XI, 123].

אַרײַנשטעקן.

58. אַרײַנשטעקן אין האַנט.

[זע נומ. 56, 57, 59, 75, 136, 155].

אַרײַנשפּאַרן.

59. אַרײַנשפּאַרן אין האַנט אַרײַן.

[זע נומ. 56, 57, 58, 75, 136, 155].

בלײַבן.

60. מע קען בלײַבן אונטער די הענט.

[עקן זיך, צעריבן ווערן].

ברייטע.

61. אַ ברייטע האַנט.

[זע נומ. 38, 137, 157].

„... אַז ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער פאַ-רופן געסט, געמאַכט אַ סודע פון דער ברייטער האַנט—כײַ געלעבט!“ [ש״אַ, XXVI, 97].

„Тчивая [щедрая], чивая рука“. [Даль, II, 880],

ברעכן.

62. ברעכן די הענט.

[אויסדרוק פון צאַר].

„האָט זי אָנגעהויבן צו ברעכן די הענט, שלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט, וויינען, יאָמערן און קלאָגן מיט דעם נוסעך ווי מע באַוויינט אַ טויטן“. [ש״אַ, XVI, 63].

„Ломать руки—сильно горевать, отчаиваться“. [Михельсон, II—Р, 339].

ברענגען.

63. ברענגען אין די הענט אַרײַן.

„מע וועט נאָך דערצו פאַרשפּאָרן גאַנווענען און דער פּאָטשטער וועט עס נאָך אַליין ברענגען צו אײַך אין די הענט אַרײַן“. [לינעצקי, 230].

ברענען.

64. עס ברענט באַ אים אונטער די הענט.

[פלינק געטון].

„אַ יונג מיידל, אַ הויכע, אַ פרישע, פיס לאַנגע, בויגיקע, און, אַז זי פלעגט אָנזאָטלען אַ פערד, האָט עס געברענט אונטער אירע הענט. [אַפּאַ-טאָשו, XI, 73].

„У работающего в руках дело огнем горит“ [Даль, I, 949].

גאָלדענע (גילדענע).

65. ער האָט גאָלדענע הענט.

[אַ גוטער טוער, טויג צו אַלץ].

„און הענט האָט אים גאָט געגעבן גאָל-דענע, אַז ער זעצט זיך אַוועק שרײַבן, קען ער אײַך שרײַבן און שרײַבן... אָן אַן אויסלאָז און אָן אַן אופהער“. [ש״א, XVI, 201].

פר״גל: „Руки золотые, да рыло поганое“. [Даль, I, 1024].

„Золоті руки, а вражий писок (митець на все та ледащо“). [Номис, № 2961].

גויִשע.

66. איבערגעבן אין גויִשע הענט.

[מאַסערן].

„און צו דער מויד האָט מען זיך געמומען מיט גוטע רייד, אז איבערגעבן זי אין גויִשע הענט וועט מען ניט בעשומויפן" [ש"א, xxvi, 82].

גיין.

67. גיין אונטער די הענט.

[געאָרעמט].

„Под руку итти с кем“ [Даль, III, 514].

68. גיין פון האַנט.

[אויסגעבן, פארשווענדן].

„הערט איר, איך זאָג מיר מײַנס, אַ קאָשערער גראָשן גייט ניט גרינג פון דער האנט [שאַצקעס. 22].

פר"גל: „З рук йдеть, а не в руки“. [Номис, № 1775].

69. גיין פון האַנט צו האַנט.

[פון איינעם צום אַנדערן].

„אַזוי פלעגן די טיטן—רולאָנען האָט מען זיי גע-רופן—גיין פון האַנט צו האַנט, אומגעציילט". [פערעץ, xv, 50].

און אומגעגאַנגען בין איך פון האַנט צו האַנט, פון הויז צו הויז, און—געטרונקען פיל". [פערעץ. xv, 161].

פר"גל: „Передать что из рук в руки“. [Даль, III, 1735].

געבן.

70. געבן אַ האַנט.

[אָרעוו זיין. זע נ. 72].

Дать за кого руку—ручаться. [Даль, III. 1735]

71. געבן אַ האַנט.

[העלפן].

„זאָל איינער כאָטש קומען מיט ליבע אנטקעגן, זאָל איינער כאָטש געבן אַ האַנט. [רייזען, לי-דער, 83].

„Взиває тебе ціла Україна, діво царице, надеждо єдина, абись подала єй руку в пригоді“. [Грівченко, 1731]

72. געבן אַ האַנט טקיעס קאַף.

[זע נ. 70].

„ביז שימען עלי האָט איר צוגעזאָגט, און גע-געבן אַ האַנט טקיעס קאַף, אַז זי מעג שלאָפן רויִק, עס וועט שוין זיין מיט גאָטס הילף אַ ציג". [ש"א, xvi, 13].

73. געבן אַ מעלאָכע אין האַנט.

[אויסלערנען אַ מעלאָכע].

74. געבן אַ פּאַרנאָסע אין האַנט.

75. געבן אין האַנט אַרײַן.

[זע: נ. נ. 56, 57, 58, 59, 136, 155].

„און געלט נעמט ער אויך ווי אַ דאָקטער, דאָס הייסט, אַז מע גיט אים אין האַנט אַרײַן אַ מאַטבייע, נעמט ער צו די מאַטבייע, קלוימערשט ווי איבערגעוואלד". [ש"א, xxvi, 206].

געבענטשטע.

76. געבענטשטע הענט.

[קען אַלצדינג טון].

„פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן קיין זאַך נישט געלערנט און קענען אַלצדינג, אין ערגעץ ניט געווען און ווייסן אַלצדינג... געבענטשטע הענט—אַזוי רופט מען זיי". [ש"א, ix, 137].

אַ גרינגע.

77. אַ גרינגע האַנט.

[טוט לײַכט, געשיקט].

„Легок на руку, у него рука легка—удачно делает операции, не больно дерется, либо счастлив на почин“. [Даль II, 623].

דורכגיין (דורך).

78. דורכגיין דורכן האַנט.

„ער איז אַ פּראָמילניק, אַ מעקלער פון געלט, פון האַלוואָעס, פון וועקסלען, דורך זײַנע הענט גייט געלט—טויזנטער און טויזנטער". [ש"א, xxviii, 145].

79. עס איז שוין דורכגעגאַנגען צען הענט.

[באַלעבאַטים].

„Лошадь эта уж в десятых руках—у десятого хозяина“. [Даль. III, 1735].

דערטאַפּן.

80. דערטאַפּן אין די הענט אַרײַן.

[זע נ. 53, 55].

„נאָר ווי אַזוי אָבער קומט מען צו אים? ווי אַזוי דערטאַפּט מען אים אין די הענט אַרײַן? [ממו"ס, xvi, 20].

דערלאַנגען.

81. מע קען עס מיט דער האַנט דער־לאַנגען.

[זייער נאָענט].

„Из омута в ад—рукой подать". [Михельсон II, - Р, № 355].

האָבן.

82. האָבן יענעם אין האַנט.

[זע נומ. 84 ,98, 108].

83. האָבן אַ מעלאָכע אין האַנט.

[קענען אַ מעלאָכע].

„די מאַמע האָט דאַפקע אַ מעלאָכע אין האַנט: זי קען מאַכן פּאַרוקן". [קיפּניס, 30].

האַלטן.

84. האַלטן יענעם אין די הענט.

[זע נומ. 82, 98, 108].

„זי טײַנעט מיט מיר קעסיידער, אַז אַ מאַן טאָר מען נישט נאָכגעבן די שמאַד, אַז מע באַדאַרף אַ מאַן האַלטן אין די הענט, אַזוי, אַז ער זאָל פילן". [ש"א, X, 41].

„Его надо держать в руках, или держать стороже". [Даль, I, 1068].

85. האַלטן די הענט פּאָדבאָקאָם.

a85. האַלטן די הענט אין די קעשענעס.

[זע נומ. 52].

אַ האַנט.

86.

[אַ קערן, אַ זאַך].

עס איז פאַר אים אַלץ אַ האַנט.

[אַף אַלץ קוואַפּעט ער זיך].

„Это дело мне рука, не рука—идет кстати или нет". [Даль, III, 1736].

„Коли тобі рука се брати, то і бери, а мені не рука—удобно не удобно кому". [Грінченко, 1701].

87. האָבן אַ האַנט (אַ יאַד) (אין).

[האָבן אַ כײלעק, זײַן פאַרמישט אין עפּעס].

„גלײַך איז אַרויס אַן אוקאַז פון שאַך, דאָס אַף וועמען מע וועט דערגיין, דאָס ער האָט אַ יאַד אין דעם — וועט ער האָבן האָמאָנס מאַפּאָלע. [גאָלאָמב, 14].

88. זײַן אַ האַנט באַ יענעם.

[דינען באַ יענעם].

„און ווידער, זאָגט ער, זײַן אַ „האַנט" באַ יענעם, דאָס הייסט גיין דינען — איז שוין ניט די יאָרן". [ש"א, XIX, 87].

הענט.

[לוין-ארבעטער].

„און צווייטנס וואַרפט ער אַליין דעם פּרײַז, ווײַל ער אַרבעט מיט פּרעמדע, אומזיסטע, אָדער ווייניקסטנס מיט ביליקע הענט". [פּערעץ, XV, 33].

האַנט בא האַנט.

89. שטיין האַנט באַ האַנט.

[פריינטלעך, מיט איין דייע].

„זײַנען זיי זיך ביידע געשטאַנען אַזוי האַנט־באַ־האַנט און געקוקט זיך אין די אויגן אַרײַן" [ווײַסענבערג, II, 180].

„Рука об руку итти—согласно, дружно". [Михельсон, II—Р, № 335].

האָרעווען.

90. האָרעווען מיט די אייגענע הענט.

„איז דאָס באַ דיר, זאָגט זי, אַ כיסאָרן, אַז אַ מענטש האָרעוועט מיט זײַנע אייגענע הענט?" [ש"א, V, 125].

הוילע.

91. הוילע הענט.

[נישט באַוואָרגט, נישט באַוואָפנט].

„און אויך געווערט האָט ער זיך שוין ניט מיט הוילע הענט דעמלט. נאָר האָט שוין שטיינער, דרוקעס, און דראָנגעס אויסגענוצט". [דער ניסטער, 1, 11].

„Голыми руками ничего не сделаешь—без снаряда, без оружия". [Даль, I, 916].

הייבן.

92. עס הייבט זיך ניט קײַן האַנט.

[עס נעמט ניט, זע ג. 118].

און יעצט איז שוין, דאַנקען דעם וואָס לעבט וויג... אָוועקגעגאַנגען נאָך פּורים עטלעכע טעג און עס הייבט זיך מיר גאָרניט די הענט. [שאַצקעס, 122].

93. הייבן אַ האַנט אַף עמעצן.

[זיך פּאַרמעסטן שלאָגן].

„Поднять на кого руки—посягнуть на побои, на убийство". [Даль, III, 481].

הענט.

94.

[קוילעטשן מיט פינגער, וואָס מע באַקט אַף ראָשע-שאָנע, הוישאַינע ראַבע].

הענטל.

95. אַ פּיַין הענטל.

[זע: נומ. 4, 163].

„אָט דער קליינער—האָט ער אַ ווייַז געגעבן אַפן באַלטאַנאַך—האָט ער אַ הענטל—אַ קאַסווע ראַבע!" [ש"א, XXVI, 155].

וואַקסן.

96. ס'וואַקסט באַ אים אונטער די הענט.

[אַ מענטש אַ קריכער, וויפל ער טוט און די אַרבעט וואַקסט].

ווי.

97. ווי אַף דער האַנט.

[דײַטלעך].

„און מע האָט פון גאַנעקל אַלץ געזעען ווי אַף דער האַנט—די בערגלעך פון מיזרעך-זיַיט, דעם טיַיך פון מיַירעוו". [פּערעץ, V, 181].

זיַין.

98. זיַין אין די הענט.

[זע נומ. 82, 84, 108].

נאָר איך האַלט מיך איַין מיט אַלע קויכעס, וואָרעם איך בין דאָך באַ זיי אין די הענט" [ש"א, XVI, 235].

„В руках быть—Зависеть, находиться во власти другого". [Михельсон, I,—В, 616].

99. עס איז באַ זיך אין די הענט.

[מע קען דאָס אויספירן, דערוויַיזן].

„Дело у нас в руках—От нас зависит". [Даль, III, 1784].

זיַין פריַי.

100. זיַין פריַי אַף דער האַנט.

[ניט קאַרגן קיַין קלאַפּ].

„... (מעלאַמדים) וואָס מיט זייער בייזקיַיט, מיט זייער פריַי זיַין אַף דער האַנט זיַינען זיי ווי געוווּנטשען צוגעפּאַסט צו זייערע איצטיקע שטעלעס". [ממו"ס, VIII, 364].

טראָגן.

101. טראָגן אַף די הענט.

[שטאַרק אָפּגעבן קאָווער עמעצן, באַסטאָמסקי, 1752].

„ווען אַזאַ גדאַליע-הערש זאָל געווען אָנשפּאַרן אין פּאַריזש, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד, געטראָגן וואָלט מען אים אַף די הענט". ממו"ס, VII, 7].

„Носить на руках—Обращаться с ангельскою добротою, холить, лелеять". [Михельсон, II—Н № 1071].

טרויען.

102. ניט געטרויען פון האַנט.

[ניט גלויבן פונדאַנען אַהין. באַסטאָמסקי, 1760].

כאַפּן.

103. כאַפּן אַ פאַרדינסטל מיַיאַד לעיאַד.

104. כאַפּן פון די הענט.

[אַ גאַנגבאַרע סכוירע. ז. נומ. 158].

105. כאַפּן באַ (פאַר) דער האַנט.

[כאַפּן בעייס טון עפּעס].

„ניט איין הון איז פאַרפאַלן געוואָרן... ווייסט מען קלים מיט קלימעכן, מ'האָט זיי געכאַפּט פאַר דער האַנט". [קיפּניס, 48].

„Не кажис злодій, „поки за руку" не хватив". [Номис, № 11118].

לאַנגע.

106. ער האָט לאַנגע הענט.

[אַף אַ גאַנעוו].

„אַ גאַנעוו האָט לאַנגע הענט און קירצע קעשענעס" [בערנשטיין נ. 822].

„У него руки или пальцы долги—он не чист на руку". [Даль, I, 1143]

„Довги руки мати—брать чужое, воровать", [Гринченко, 1701].

אַ לאַפּע.

107. אַ לאַפּע וועאַלכאַמאַסי.

[פּאַראַדיש: „על אפי ועל חמתי"].

ליגן.

108. ליגן אין דער האַנט.

[זע נומ. 82, 84, 98].

עס ליגט באַ מיר אין דער האַנט.

[עס ווענדט זיך אָן מיר].

„באַם שפּילן זיך איז ער מיט זײַן גראָבן קאָפּ געלעגן באַ אונדז אין די הענט... און זיי... פלעגן אַף אים פאָרן רײַטנדיק... און פירן אים באַ דער נאָז". [ממו"ס, VII, 188].

ליידיקע.

109. ליידיקע הענט.

[אַ ליידיקגייער].

110. קומען מיט ליידיקע הענט.

[אָן אַ געשאַנק].

„סוסע איז דאָך אָבער אַ ייִר אַ קאַפּצן: מיט ליידיקע הענט קאָן מען אים ניט שיקן — גיט יעקע די הויצאָעס האַדערעך און זיך מיסכאַיעוו..." [לעווונער, I, 6].

„Проситель с голыми руками—без приносу, гостинцы. [Даль, I, 916].

ליימענע.

111. ליימענע הענט.

[אַ טויגעניכטס].

לינקע.

112. לינקע האַנט.

[לינקע זײַט. זע נומ. 160].

„עס ליגן שיין, פײַן אויסגעלייגט ווי געהעריק, די זרויע אין דער רעכטער האַנט, אונטן כּאַרויסעס, דאָס איי אין דער לינקער האַנט, אונטן קאַר-פּאַס"... [מ"מוס. VII, 20].

„Рука—бок, сторона, [Даль, III, 1734].
„Ліворуч—налево". [Грінченко, 903].

לעפּקע (ליפּקע).

113. ער האָט לעפּקע הענט.

[אַף אַ גאַנעוו].

„זאָל איך מיר רעכטן, אַז זי וועט מיר אַרײַנ-דרייען הינערשע פּעדערן פאַר גענדזענע? וואָר-זשע קען דען ניט די פּריסיאַטקעוואַטע יי-דענע מיט די לעפּקע הענט? ווער שמועסט נאָך איר מאַן יאָסעל-כאַים נאָסינעכעס איז דאָך פערווע פערד-גאַנעוו". [זאַהיק, 27].

אַ מאַך טון.

114. אַ מאַך טון מיט דער האַנט.

[זיך אָפּזאָגן פון עפּעס, זיך מעיאָעש זײַן].

„און איטלעכעס מאָל, וואָס איך האָב מיט אים גערוואָלט מאַכן אַ שמועס פון זײַנע שוועסטער—פלעגט ער נאָר אַ מאַך טון מיט דער האַנט, זיך נעמען צום לאַנגן ציבעק און פאַרשלאָגן די רייד". [ש"א, XVI, 184].

„Махнуть рукой—бросить дело, отступиться от него" [Даль, II, 804].

מאַצל זײַן.

115. מאַצל זײַן פון די הענט.

„ריבוינע שעל אוילעם, צי עס איז אַ באַסאָרוואָדאָס, צי אַ רוצך, צי ווייס איך וואָס, זײַ מיך מאַצל פון אירע הענט". [פּערעץ, I, 32].

נעמען.

116. נעמען די אויגן אין די הענט.

[גוט צוקוקן זיך].

„און עס פאַלט צו די נאַכט—כאַטש נעם די אויגן אין די הענט און זוך אַ וועג: קיין לע-וואָנע, קיין שטערן". [פּערעץ, I, 47].

„Возьми глаза в руки (в зубы)—открой хорошенько глаза". [Михельсон, I—В, № 231].

117. נעמען אַ האַנט.

[אַ פאַרטנער אין קאָרטנשפּילן].

„Быть в руке—карточ. на очереди, : פר"גל первый по ряду" [Даль, III, 1734].

118. עס נעמען ניט די הענט.

[זע נומ. 92].

„נעמען זיך גאָר ניט די הענט עפּעס וואָס צו טון" [מאַני לייב, 18].

119. נעמען זיך אין די הענט.

[זיך באַהערשן].

„Взять себя в руки—сделать усилие над собою" [Михельсон, I, В № 129].

120. איך נעם דאָס אַף מײַנע הענט.

[אַף מײַן אַכראַיעס].

„Взять что на свои руки—на свой ответ и заботу" [Даль, III, 1734].

121. נעמען די לייצן [לייצעס] אין די הענט.

[זע נומ. 46].

„נאָר לאָז ער זיך זעצן אַף זײַן קיסע-האַקאָווער, זאָל ער נאָר נעמען די לייצן אין האַנט אַרײַן..." [פּערעץ, XV, 05].

פר״גל: „Кому кнут да возжи в руках, кому хомут на шею“. [Даль, I, 549].

122. מע טאָר עס אין האַנט ניט נעמען.

[ס׳איז לעצט שלעכט].

„מיר פּרוּוון זיך אויסבייַטן דידאָזיקע מאַטבייעס באַ דער מאַמען, באַם טאַטן, באַ ברייַנע די קעכן — עס גייט נישט: קיינער וויל זיי ניט נעמען אין האַנט אַרייַן“. [ש״אַ, XI, 49].

ערשטע.

123. ערשטע האַנט.

[אין קאָרטן-שפּיל, דער וואָס שיקט דער ערשטער אַ קאָרט, זע נומ 126].

„מע וואַרפט אויס קאָרטן, דער טאַטע איז ערשטע האַנט, דער זון צווייטע האַנט...“ [ש״אַ, XXVII, 164].

124. ערשטע האַנט.

[ערשטער מאָקער].

„איך ווייס נאָר די מייַסע אַליין, נאָר פאַר דאָס פון דער ערשטער האַנט“. [פּערעץ, XV, 57].

„Из первых рук—Из первого источника“. [Даль, III, 1735].

עיסעווס (עשו׳ס).

125. עיסעווס הענט.

[גראָבע, מעגושעמדיקע הענט].

„והידים ידי עשו — עיסעווס הענט“.. [ש״אַ, XXV, 228].

פאָדער.

126. פאָדער־האַנט.

[זע נומ. 123].

פאַטשקען.

127. פאַטשקען די הענט.

[אָנהייבן זיך, האָבן צו טון].

„דייַן גליק, וואָס איך וויל מיר די הענט ניט פאַטשקען.

„Руки поганити—браться за дело, не стоющее того“ [Грінченко, 1071].

פאַלן.

128. עס פאַלט פון די הענט.

[ס׳טוט זיך אָן כיישעק].

„З рук падає все: так часом не хочеться ні за що принятися“. [Номис, 11022].

„עפּעס אַ מעשונעדיקע בריע, אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרכאָלעמטע, אַלץ פאַלט איר פון די הענט“. [פּערעץ, I, 51].

129. עס פאַלט פון די הענט.

[פון צעקראָכנקייַט, פון אופגערעגטקייַט, פאַרצווייפלונג].

פּאָפּאַדיען זיך.

130. פּאָפּאַדיען זיך אין (אונטער) די הענט.

[זע נומ. 54, 131].

„וואָס׳עס וועט זיך מיר פּאָפּאַדיען אונטערן האַנט. [וואָס עס וועט זיך מאַכן].

„האַ — זאָגט דער מאַלעך, האָסט זיך פּאָפּאַדיעט צו מיר אין די הענט“. [גאָלדפאַדען, 70].

פאַקן זיך.

131. פאַקן זיך אין די הענט.

[זע: נ. 54, 130].

פאַרבונדן.

132. פאַרבונדן די הענט.

[ניט פרייַ זייַן].

„Связать кому руки—стеснить, отнять власть, средства“. [Даль, IV, 91]:

„Руки зв'язани, ходімо до церкви—Зв'яжемо руки“. [Грінченко, 1701].

פאַרזוכן.

133. פאַרזוכן אַ האַנט.

[כאַפּן אַ קלאַפּ].

„אַז זיי האָבן פאַרזוכט איין מאָל מאָשקעס הענט, האָבן זיי פאַרזאָגט דעם צענטן, מע זאָל זיך מיט דעמראָזיקן יידן ניט זאַטשעפּען“. [ש״אַ, מאָשקעלע, ז. 10].

פאַרלייגט.

134. זיצן פאַרלייגט די הענט.

[גאָר נישט טון]:

„לאָזן זיך קוויקן יענע, וואָס זיצן פאַרלייגט די הענט און ווייסן אַליין נישט, וואָס עס גייט זיי אָפּ. [ממר״ס, VI, 104].

אַ פאַרמאַכטע.

135. אַ פאַרמאַכטע האַנט.

[אַ קאַרגער].

פאַרסקאָבען.

136. פאַרסקאָבען אַ האַנט.

[זע נום. 56, 57, 58, 59, 75, 155].

פולע.

137. אַלץ פון דער פולער האַנט.

[מילד. זע נ. 38, 61, 157].

„...(דער מאַלעך פון פאַרנאַסע), וואָס גיט מיט דער פולער האַנט קאָוועד די נעגידים און כאַכמע יענע, וואָס מיט ברייטע פולע קעשענעס". [ממו"ס, VII, 359].

אַ פען.

138. ער האָט אַ פען אין האַנט.

[קאָן גוט שרײַבן].

139. האַלטן אַ פען אין האַנט.

[האָבן צו זאָגן].

„דער וואָס האַלט די פען אין האַנט, שרײַבט זיך אָן אַ גוט יאָר". [בערנשטיין, № 2828].

פרעמדע.

140. פרעמדע הענט.

„מיט פרעמדע הענט איז גוט פײַער צו שאַרן" [בערנשטיין № 1061].

„Чужими руками жар загребает". [Даль, III 1737"].

„Чужими руками добре жар загрібати [Номис, № 9655].

141. (נישט) צו דער האַנט.

[באַקוועם אָדער ניט באַקוועם].

„לייגט איר זיך אַוועק, זײַט מויכל, אָט דאָ אַף דער באַנק, איך וועל מיך לייגן, הייסט עס, אַף יענער באַנק — דאָ איז מיר נישט צו דער האַנט" [ש"א, XXVIII, 129].

צולייגן.

142. צולייגן אַ האַנט.

[טון].

„זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זײַן האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן די וואַנט",
[רייזען, לידער, 65].

„Приложить к чему руки—взяться за дело [Даль, III, 1107].

„Руки доложити до чого — поработать над чем". [Грінченко, 1701].

צונעמען.

143. צונעמען די האַנט פון האַרצן.

[זע נום. 43].

„אַבי איך וועל נאָר צונעמען די האַנט פון האַרצן, וועל איך דיך מעוואַיעש זײַן" [זאַהיק, 50].

צושלאָגן.

144. צושלאָגן אַ האַנט.

[שליסן אַן אָפּמאַך].

„וואָס באַדאַרפן מיר, רעב טעוויע, די ציגײַנערשע שטיק, בעריען זיך, כאַכמען זיך? אָמער נעמט מען און מע שלאָגט צו אַ האַנט איינס-צוויי-דרײַ, איר פאַרשטייט, צי ניין?"...

[ש"א, V, 72].

„Ударить по рукам—Сойтись в сделке". [Даль, IV, 951]

צענעמען (מיט).

145. צענעמען מיט די הענט.

[אַ סימען פון פאַרלעגנהײַט].

עס האָט גערירט אַפילע דעם דאָקטער קאָזאַטשקעווסקי, ער האָט צענומען מיט די הענט: וואָס וועט ער טאָן? ער טוט אַלצדינג, וואָס ער קען". [ש"א, XXVI, 208].

„Разводить руками — ахать, охать, не знать что делать, как быть". [Даль, III, 1481; Михельсон. II—Р, № 43].

צעפירן (פאַנאַנדערפירן).

146. ס'איז ניטאָ מיט וואָס די הענט צו צעפירן.

[אָנהייבן, אָדער אַנטוויקלען עפּעס, געשעפטלעך].

„נישקאָשע, די מישפּאָכע מעג זיך נייען אַ בײַטל — באַ מײַן ברודער הענעך וועט מען צעפירן די הענט, ער איז אַ רעכטער נאַדוען, מײַן הענער, זאָל געזונט זײַן. [ש"א, XVI, 107].

צעקריכן.

147. עס צעקריכט אונטער די הענט.

[אַף אַ שלעכטער מאַנופאַקטור-סכוירע].

קאָשערע.

148. ער מיט זײַנע קאָשערע הענט.

[איראָניש].

„יאָ, יאָ אַ פײַנטשיקער סויכער! ער קויפט זיך אַלץ מיט זײַנע קאָשערע הענטלעך, גיט׳ס אים נאָר אַהער, דעם באָכער [עס רעדט זיך וועגן אַ גאַ-נעוו; עטינגער II, 440].

קומען.

149. קומען אין האַנט אַרײַן.

[צופעליק, אָן מי].

פרג״ל:—„Повернуться под руку — случайно— попасться". [Даль, III, 137?].

150. קומען צו דער האַנט.

[טרעפן זיך].

„... אָדער כאַסענע מאַכן אָן אָרעמע יעסוימע און טאַנצן מיט די אָרעמע מעכוטאָנים אַ גאַנצע נאַכט— דאָס איז דאָך אַוואַדע אַ גרויסע מיצווע, וואָס ניט אָפט קומט עס צו דער האַנט" [ש״א, XXVI, 86].

קוקן.

151. קוקן יענעם אין האַנט אַרײַן.

[אַרויסקוקן מע זאָל עפּעס געבן].

„... איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפן ניט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט אים אין דער האַנט אַרײַן, און שאַצט אײַך די קעשענע". [וואַר-שאַווסקי—ש״א׳ס האַקדאָמע צום בוך].

„Приказный в руку глядить, что дадут" [Даль, II, 17?5].

קורצע.

152. באַ אים זײַנען קורצע הענט.

[ער וועט ניט קענען קיין בייז טון].

„Долгие, короткие руки—много, мало власти" [Даль, III, 1735].

קריגן.

153. קריגן אַף דער האַנט.

[מיט מעזומאָנים].

„כעוורע האָבן געקריגן די צען רובל אַף דער האַנט" [ווײַסנבערג, 179].

154. קריגן אַ מאַטנאַס־יאַד.

[אַ קלאַפּ, באַסטאָמסקי. 2151].

155. קריגן אין יאַד אַרײַן.

[זע נ״נ 56, 57, 58, 59, 75, 136].

קריכן.

156. קריכן מיט די הענט.

[אָנרירן, טאַפּן].

פרג״ל: „Рукам воли не давай" [Даль, III, 1737].

רײַכע.

157. אַלץ פון דער רײַכער האַנט.

[ניט געקאַרגט; זע נומ. 38, 61, 137]

און האָט מיט זײַן רײַכער האַנט געשטעלט פאַר זיי די טײַערסטע ווײַנען". [שמ״ר, ז. 11].

רײַסן.

158. מע רײַסט פון די הענט.

[זע נומ. 104].

„Рвать что и с рук, у кого — хватать" [Даль, III, 16?2].

רעכטע.

159. רעכטע הענט.

נישקאָשע, ער איז אַרײַנגעפאַלן אין רעכטע הענט.

160. רעכטע האַנט.

[רעכטע זײַט, זע נומ. 112].

„ווען דער טעמנעפּאָלער רעבע איז הי געוועזן פּאַראַיאָרן איז דאָך רעב בינױאָמל באַ אים געזעסן נעבן דער רעכטער האַנט". [זאַהיק, ז. 46].

„По правую руку—сторону" [Даль, III, 992].

Праворуч—направ [Гринченко 1509].

161. ער איז באַ אים די רעכטע האַנט.

[דער טיכטיקסטער העלפער, ראָטגעבער].

„זי איז באַ אים געוועזן אַ באַס-יעכידע, דאָס אויג פון קאָפּ און די רעכטע האַנט". [מאַלקאָוויטש, 67].

„Он моя правая рука — главный помощник". Даль, III, 1734].

„Правою рукою бути у кого". [Гринченко. 1701],

שאָדן.

162. עס שאָדט אַ האַנט.

[מע קאָן קאַליע מאַכן; עפּעס צונעמען].

שווערע.

163. אַ שווערע האַנט.*

[אַ שלעכטער קסאַוו. זע נומ. 4, 95].

„יעראַכמיעל: ווײַל דו האָסט אַ—אַ ביסל אַ—אַ שוועררע האַנט... אָ—אָ—וואַ! כ׳לעבן אַ קינצלעך כסעוול, סאַמע לאָפּעטעס און פּאָמאַלקעס״. [עטינגער, 351].

164. אַ שווערע האַנט.

[טוט שוועך; ניט קיין פּאַכמאַן].

שטראָפן.

165. שטראָפן מיט דער האַנט.

„איז דאָך אָבער פאַראַן אַ גרויסער גאָט, ווי זאָגט איר, וואָס מיט איין האַנט שטראָפט ער און מיט דער אַנדערער היילט ער״. [ש״א, XVI, 99].

שלאָגן.

166. שלאָגן איבער די הענט.

„אַז מע נעמט, שלאָגט מען איבער די הענט״. [בערנ-שטיין, 2560].

שלעכטע.

167. אַרײַנפאַלן אין שלעכטע הענט.

„וואָס האָסטו צו מיר געהאַט? און וואָס האָסטו מיר אין אַזעלכע שלעכטע הענט איבער-געגעבן״. [שמ״ר, 25].

II. „הענט און פיס״

אויסדרייען.

168. איך וועל דיר אויסדרייען הענט אין פיס.

[אַן אָנשרעקעניש].

אײַנשפּאַרן זיך (מיט).

169. אײַנשפּאַרן זיך מיט די הענט און מיט די פיס.

[שטאַרק פאַראַקשענען זיך, באָסטאָמסקי, 598].

„Руками и ногами упираться— всеми силами, ни за что не согласиться“. [Даль iв, 1431].

אָפּהאַקן.

170. מע דאַרף אים אָפּהאַקן הענט און פיס.

[אַז איינער טוט עפּעס שלעכט].

אָפּוואַרפן זיך (מיט).

171. אָפּוואַרפן זיך מיט הענט און פיס.

[אַ:טשלאָסן אָפּזאָגן זיך פון עפּעס].

„Отбиваться от чего руками и ногами“. [Даль. II, 1431).

אָפּנעמען.

172. אָפּנעמען זאָלן דיר הענט און פיס.

[אַ קלאָלע].

„Отнимись рука—нога!“ (божба). [Даль, II, 1919].

אָפּריידן.

173. ער וועט מיר נישט אָפּריידן אַ האַנט אָדער אַ פוס.

[ווען עמעצער האָט אָנגערעדט שלעכטס].

אַרײַנוואַרפן זיך (מיט).

174. אַרײַנוואַרפן זיך מיט הענט און פיס.

[אַרײַנטאָן זיך אין אַ זאַך גאַנצערהייט, מיט לײַב און לעבן].

טרייסלען זיך.

175. עס טרייסלען זיך מיר הענט און פיס.

[פון אופרעגונג, דערשרעק; זע נום. 178].

ליגן.

176. ליגן מיט הענט און פיס.

[אײַנגאַנצן, דורך און דורך].

„און די שטענדיקע גראָבקייט, די ווילדע פּראָסט-קײַט, וואָס ליגט מיט הענט און פיס אַף זײַן גראָבער צורע״. [לעווונער, 23].

נעמען.

177. נעמען די פיס אין די הענט.

[אַנטלויפן, אַוועקגיין. באָסטאָמסקי, 2553]

ציטערן.

178. עס ציטערן מיר הענט און פיס.

[זע נומ. 175].

„בעקיצער, וואָס טויג אײַך, עס האָבן אָנגעהויבן צו פליען אָפן טיש פינפערלעך, און דרײַערלעך און איינערלעך — הענט און פיס האָבן מיר גע-ציטערט, איך האב געמיינט, איך פאַל און פאַל אין כאַלאָשעס". [ש"א, V, 33].

צעברעכן.

179. צעברעכן הענט און פיס.

[קאָליעטשען זיך, שלעכט אַרײַנפאַלן].

„דאָ איז שוין פינצטערניש, דאָ וועט מען שוין הענט און פיס צעברעכן"... [פּערעץ XV, ז. 108].

קושן.

180. קושן הענט און פיס.

[שטאַרק דאַנקען].

„שטייט אוף פון דער ערד און דאַנקט, קושט דעמ-דאָזיקן יונגנמאַן אין די הענט אַרײַן, אין די פיס אַרײַן". [ש"א, XVI, ז. 219].

III. „פינגער", „נעגל"

אָנרירן.

181. אָנרירן יענעם מיט אַ פינגער.

[דאָס מינדסטע].

„...איז ער באַלד אָפּהענטיק געוואָרן און עס האָט אים נישט דערלאָזט דאָס האַרץ אָנצורירן אים מיט אַ פינגער" [ממו"ס, ב. VII, ז. 100].

„Я его пальцем не тронул. [Даль, III, 29; Михельсон, II – II, 20].

אַרײַנלייגן.

182. מע דאַרף אים ניט אַרײַנלייגן קיין פינגער אין מויל.

„אַ קלוגן באַדאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן, ער פאַרשטייט אָפן ווונק". [ממו"ס, ב. VII, 176].*)

דורכשטופּן.

183. מע קען קיין פינגער ניט דורכשטופּן.

[זייער ענג].

טיטשען.

184. טיטשען מיט די פינגער.

[אָנווײַזן, זע נומ. 185].

„איינער טוט אַ נעם דעם באַקאַנטן ספר „אבקת רוכל", טיטשעט מיט דעם פינגער און לייענט הויך פאַר אַלע דעם זיבעטן צייכן דאָרט". [ממו"ס, VII, 43].

„Не тычь пальцем, обломишь". [Даль, IV, 883]

טײַטלען.

185. טײַטלען מיט די פינגער.

[זע נומ. 184].

„באַ זײַטן טײַטלען מיט די פינגער היגע יידן: שאָלעם פעפער גייט מיט זײַן פּאָעט". [פעפער, 49].

„Не указывай на людей пальцем, не указали бы на тебя всей рукой". [Даль, III, 19].

לעבן (פון).

186. לעבן פון די פינף פינגער.

[פון דער אייגענער מי. זע נומ. 188, 189].

לעקן.

187. לעקן די פינגער.

[שטאַרק געפעלן].

„באַ יענער איז דער אַרבעס צעקאָכט געווען ווייך ווי מאַרך, אַז מע האָט געלעקט די פינ-גער". [ממו"ס, VII, 52].

„Хоть пальчики облизать—вкусно". [Даль, III, 79].

*) אין רוסיש דאָסזעלבע אין אַן אַנדער זינען:
Не клади ему пальца в рот (откусит) — не доверяйся [Даль, III, 20].

פאַרדינען (מיט).

188. פאַרדינען מיט די פינף פינגער.

[זע נומ. 186, 189. באַסטאָמסקי, 2457]

צען.

189. פאַרדינען מיט די צען פינגער.

[זע נומ. 186, 188].

„ווײַל וואָס אַ מענטש פאַרדינט מיט זײַנע צען פינגער, דאָס איז זײַנס". [פּערעץ, I, 40].

קאָסטן.

190. ס׳קאָסט פינף פינגער מיט אַ כאַפּ.

[אַ זאַך, וואָס איז אָנגעקומען אָן איבעריקער מי, פאַר אַ שיבעש. באַסטאמסקי, 2796].

צונויפרעכענען.

191. מע קען עס אַף די פינגער צונויפ־רעכענען.

[ס׳איז ווייניק].

„По пальцам перечесть—О не большом числе". [Михельсон, II,—701].

שנײַדן.

192. שנײַדן זיך די פינגער פאַר יענעם.

[מאַפקיר זײַן זיך, זײַן איבערגעגעבן].

„נאַפּשיקלאַר באַ די כסידים לאָזט זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע אַ פינגער אָפּשנײַדן און באַ יעדנס יאָכידס אַ נויט שטייט דער גאַנצער קלאַל צו הילף מיט מאָמען, דאָמים און מעסירעס נעפעש!"... [לינעצקי 325].

193. אונטערן.

וויסן וואָס עס טוט זיך באַ יענעם אונ־טערן נאָגל

[וויסן פון יעדער קלייניקייט. באַסטאָמסקי, 2133].

בײַסן.

194. בײַסן די נעגל.

[פון פאַרדראָס, אומבאַהאָלפנקייט, צעטראָגנקייט].

„ער בײַסט זיך די נעגל פאַר קרענקונג". [ווײַסנ-בערג, 40].

„Кусать ногти—досадовать бессильно; быть в нерешительноси, в трудном положении". [Даль, II, 579].

קאַפּאָרע זײַן.

195. זאָל ער קאַפּאָרע זײַן פאַר דיין מינדסטן נאָגל.

„וואָס זאָגסטו עפּעס, עליאָהו, אַף קאָלומבוסן? מעג ניט זײַן פאָני די קאַפּאָרע פאַר זײַן מינדסטן נאָגל!" [ש״א, XIX, 82].

„Мизинця (ногтя) не стоит—Малейшей части кого—по сравнению с ним". [Михельсон, I, М.—204].

קריכן.

196. קריכן אונטער די נעגל.

[ווועלן שטאַרק צוליב טון, באַסטאָמסקי, 2132].

„(גלופּסקער וואַנצן) נעמען זייער גערן אויף אָר-כים מיט אַלע קאָוועדן: האַלדזן זיי, קלעפּן אין זיי און קריכן זיי אונטער די נעגל". [ממו״ס, VII, 71].

שטעלן זיך קאַפּויר.

197. עס שטעלן זיך קאַפּויר האָר און נעגל.

[צושטאַנד פון שרעק, אופרעגונג, איבעראַשונג].

„האָר און נעגל האָבן זיך קאַפּויר געשטעלט. [פּע-רעץ, I, 29].

קירצונגען

1) אָ פּ אָ ט אָ ש ו = אפּאטאשו, י.
„אויף זייטיקע וועגן", נאָוועלן. געזאַמלטע ווערק, ב. XI, ווילנע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. 1926.

2) אַ ש = אַש, ש.
„טויט-אורטייל", וואַרשע, „קולטור-ליגע", 1921.

3) ב אָ ס ט אָ מ ס ק י = באסטאמסקי, ש.
„ביים קוואַל", ווילנע, פאַרלאַג „די נייַע יידישע שול", 1920.

4) ב לאָ ש ט יי ן = בלאָשטיין, ע.
„די רעטאָנדע", ווילנע, 1893.

5) ב ע ר נ ש ט יי ן = בערענשטיין, א.
„יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען", וואַרשוי, 1908.

6) ג אָ ל אָ מ ב = גאָלאָמב.
„חד גדיא אונ אַ שרעקעניס פאַר הונדערט רענדליך, ווילנא, 1894.

7) ג אָ ל ד פ אַ ד ן = גאָלדפאדען, א.
„דאָס יודעלע", וואַרשע, 1903.

8) וו אַ ר ש אַ וו ס ק י = ווארשאווסקי.
יודישע פאָלקסליעדער, אודיסע, פערלאג „מוריה", 1919.

9) ווייסנבערג = ווייסענבערג, י. מ.
געקליבענע ווערק, ווילנע, בוכהאַנדלונג שלמה שרעבערג, 1926.

10) ז אַ ה י ק = זאַהיק, דוד.
„דיא ראָזע ציווישען דיא דערנער". פּעט-ריקאָוו, 1884.

11) כ ר א פּ ק א וו ס ק י = „פון ז. כראפּ־קאווסקיס פאָלקלאָר־זאַמלונגען".
צייטשריפט, בוך I, מינסק, „אינווייסקולט". 1926.

12) ל י נ ע צ ק י = לינעצקי, י. י.
„דאָס פּוילישע יונגעל", ווין, פארלאג „דער קוואַל", 1921.

13) ל י פּ ש י ץ = ליפשיץ, י. מ.
„יודיש-רוסישער ווערטערביך", זשיטאָ-מיר, 1876.

14) ל ע וו נ ע ר I = לעוונער, ג.
„איס ראמאן", ווילנא, 1897.

15) ל ע וו נ ע ר II = לעוונער, ג.
„דיא פאלשע חתן כלה, אָדער דער אונ-געריכטער באגעגעניש", ווילנא, 1897.

16) מ א נ י ל יי ב = מאני לייב.
„יודישע און סלאווישע מאטיוועז", ניו-יאָרק, פערלאג „אינזעל", 1918.

17) מ מ ו "ס = מענדעלע מוכר ספרים.
אַלע ווערק [20 בענד] וואַרשע, פערלאַג „מענדעלע", 1924.

18) ד ע ר נ י ס ט ע ר = דער נסתּר.
„געדאכט" ב. II, בערלין, „איד. ליט, פארלאג", 1923.

19) ע ט י נ ג ע ר = אַלע כתבים, II, ב. ווילנע פארלאג פון ב. קלעצקין, 1925.

20) פ א ל ק א וו י ט ש = [...
„ר. ח יי מ ל ד ע ר-ק צ י ן" איין טהעאַטער אין 4 אַקטען בעארבייטעט נאָך... K. אדעסא, 1867.

21) פּ ע פּ ע ר = פּעפּער, י.
„וועגן זיך און אַזוינע ווי איך", קיעוו, אוקראַינישער מעלוכע-פאַרלאַג, 1924.

22) פּ ע ר ע ץ = פּרץ, י. ל.
אַלע ווערק [15 בענד], ווילנע, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1925.

23) ק י פּ נ י ס = קיפּניס, י.
„כאַדאָשים און טעג", קיעוו, קאָאָפּ. פאר-לאג „קולטור-ליגע", 1926,

24) ר יי ז ע ן, I = רייזען, א.
„די איבערגעבליבענע", ווילנע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925.

25) ר י י ז ע ן, װ = רייזען, א.
„ליעדער״, ניו-יאָרק, פארלאג „אידיש״ 1917.

26) ש ״א. = שלום־עליכם.
אַלע װערק [28 בענד] װילנע—װאַרשע, װילנער פארלאג פון ב. קלעצקין. 1925,— 1926.

27) ש״א, מ אָ ש ק ע ל ע=שלום־אלייכעם.
„מאָשקעלע גאַנעװ״. קיעװ, קאָאָפּ. פארל. „קולטור-ליגע״, 1926.

28) ש אַ צ ק ע ס = זעליקאָװיטש.
„דער יודישער פּאַר פּסח, אָדער מנהג ישראל״. װארשא, 1896.

29) ש מ ״ ר = שמ״ר.
„די גן-עדן פויגעלע״, װילנע, 1895.

30) Грінченко = Грінченко, Б, Д.
„Словарь украинского языка“, Берлин— Ельзендрук, ДВУ, 1925.

31) Номис = Номис, М.
Українські приказки, прислівя и таке инше“, СПБ. 1864.

32) Даль = Даль, Владиміръ.
„Толковый словарь живого великорусского языка“ [4 тома] СПБ. издание т-ва М. О. Вольфа. 1912.

33) Михельсон = Михельсонъ, М. И.
„Русская мысль и рѣчь... Опыт русской фразеологіи (2 тома) СПБ. (S d.)

ש. ביילין

פאַרגלײַכענישן

1. **אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט** ווי אַ דערניק.
2. ווי אַ סוכאָטניק.
3. **אויסגעהאָרעוועט** ווי אַן אַלטער ניקאָלאַיעווסקער יאָוון. [שטאַרק אויסגעמאַטערט, צעבראָכן, נאָך 25 יאָר שווערע דינסט].
4. ווי אַן אַלט פערד.
5. ווי אַן אַלטע קליאַטשע.
6. **אויסגעמאָגערט** ווי אַ פייגער.
7. **אויסגעסאָכנעט** ווי אַ שפּאָן.
8. **אויסגעפּוצט** ווי אַ באַסמאַלקע.
9. ווי אַ כאָסן.
10. ווי אַ פּרינצעסן.
11. ווי אַ קאַלע.
12. **אויסגעקנאָטן** ווי טייג.
13. **אויסדינען** (וואַר: דינען) אַלע אַווידע - זאָרעס ווי ייִסרע.
14. **זיך** ווי אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט.
15. **אויסדרייען** (וואַר: אויסקוועטשן) ווי אַ נאַסן טוך.
16. **אויסהונגערן זיך** ווי אַ הונט. (וואַר: ווי צען הינט).
17. **אויסוויַיכן** [עמעצן] ווי אַ מעשוגענעם הונט.
18. ווי פון אַ כאָליערע.
19. ווי פון אַ פּעסט.
20. **אויסזויגן** ווי אַ פּיאַווקע.
21. ווי דער שפּין די פליג.
22. **אויסזידלען** ווי דעם פּאָסליערנעם.
23. **אויסזיצן** ווי אַ הון [הינרעלעך].
24. **אויסזען** ווי אַ האָן נאָך טאַשמיש.
25. **אויסזען** ווי אַ האָן אָן אַ קאַם.
26. ווי אַ הונט אָן אַ עק.
27. קעמעלעך ביגרוד, ווי אַ הונט אין קראָפּעווע [איראָניש].
28. ווי אַ כאַסענע אָן קלעזמער.
29. ווי אַ שטילע כאַסענע.
30. ווי אַ מאַלווע בעריבּיס (וואַר: פּראָצענטניק).
31. ווי אַ געפּייגערטע מויז.
32. ווי אַ מויז אין סמעטענע.
33. ווי אַ געפּייגערטע קאַץ.
34. ווי אַ קלויסטער אָן אַ גלאָק.
35. ווי אַ ראָוו אָן אַ שטאָט.
36. ווי אַ שטוב אָן אַ דאַך.
37. **אויסטון** [עמעצן] אַ הוילן, אַ נאַקעטן ווי פון דער מאַמעס בויך
38. ווי די מוטער האָט אים געבוירן.
39. **אויסטיַיטלען** ווי מיט דעם טיַיטל [פּינקטלעך].
40. **אויסלאַכן** [עמעצן] ווי אַ מעשוגענעם.
41. **אויסליידיקן** ווי אַ פּוסטע פּאַס.
42. **אויסליַיטערן זיך** ווי אַן עמעסער צאַדיק.
43. **אויסלעקן** [דעם טעלער שפּיַיז] ווי אַ קאַץ.
44. **אויסלערנען** (וואר: לערנען) ווי אַ בער טאַנצן [וועגן אַן אומפּעיִקן].
45. **אויספּיקן זיך** ווי הינרעלעך.
46. **אויסציִען זיך** (וואַר: אַנידערפאַלן) ווי אַ פלאַכע. [אַ לאַנגער שייט-האָלץ].
47. **אויסקוועטשן** [עפּעס] ווי אַ ציטרין.
48. **אויסקערן** [עפּעס] ווי מיסט.
49. **אומגיין** ווי אין ה־נערפלעט [צעטומלט].
50. **אימלויפן** ווי ניט קיַין דערקוילעטער.

51. אומלויפן גאַנצענע טעג ווי אַ הונט.

52. ווי אין אַ כאַבאַרניצע.

53. ווי אין אַ כזיראַרניע.

54. ווי אַ מעשוגענער.

55. אופירן זיך ווי אַ באַד-גוי.

56. ווי אַ באַד-יונג.

57. ווי אַ באַנדיט.

58. ווי אַ שאַרלאַטאַן.

59. ווי אַ שייגעץ.

60. איבערזינגען (וואַר: אויסזינגען) אַלע ניגונים ווי דער שענסטער זינגער.

61. ווי דער בעסטער כאַזן.

62. איידל ווי אַ קנײדל, ג ר אָ ב ווי אַ כאַזער. [אַ גראָבער מענטש, וואָס וויל זיך אויסווייַזן פאַר אַן איידלמאַן].

63. אײַנגלויבן זיך [אין עמעצן] ווי אין גאָט אַליין.

64. אײַנגעזונקען ווערן ווי קוירעך.

65. אײַנגעשפּאַרט ווי אַן אייזל.

66. ווי אַן אָקס.

67. ווי אַ פערד.

68. אײַנעסן זיך ווי אַ גנידע. [„גנידע"—אַן איי פון אַ לויז. ווערגן אַן אומדערטערעגלעכן מענטשן].

69. אײַנשלעפערן [עמעצן] ווי אַ קליין קינד. [פאַרעדן די ציין]

70. איפּעשן ווי פון אַן אָפּטרעט.

71. אָנברעכן (וואַר: אויסבייקערן) די ביינער ווי אַ הונט.

72. אָנגורטן די לענדן ווי אַ גיבער.

73. אָנגעבלאָזן ווי אַן עמעסער כאָסן.

74. ווי אַ פּענכער.

75. אָנגעוואָרפן ווי אין אַלטן העקרעש.

76. ווי אין אַ שטאַל.

77. אָנגעטאָן ווי אַ גראַפינע.

78. ווי אַ טעקעלע.

79. אָנגעלייגט ווי אַפן הונט.

80. ווי אַפן כאַזער. [אומראַנקבאַרע, אומפּרוכ-טיקע מין].

81. אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע.

82. אָנגעשטאָפּט מיט געלט (וואַר: מיט קאָלטווו) ווי אַ גוי.

83. אָנזעצן זיך [אַף עמעצן] ווי אַ גאַזלען.

84. אַנטלויפן ווי פון אַ כאַליערע.

85. אָנטרינקען זיך ווי אַ פּויק.

86. ווי אַ פאַס.

87. ווי אַ פערד.

88. אָנטשעפּען (וואַר: אָנהענגען) ווי אַף דער סוויענטע מאַריע. [שטאַרק אויסגעצירט].

89. אָנכאַפּן זיך ווי אָן אַ שאַרפן מעסער.

90. ווי אָן דעם שאַרף פון אַ מעסער.

91. ווי אָן אַ הייסן שטיין. [פון איין אומגליק צום צווייטן].

92. אָנפאַלן ווי גאַזלאָנים.

93. ווי הייִשעריקן. (וואַר: הונגעריקע היי-שעריקן).

94. אָנפאָרן זיך ווי אַף אַ יאַריד.

95. ווי צו אַ גוטן יידן.

96. אָנשטאָפּן ווי אין אַ זאַק.

97. באַגיין זיך [מיט עמעצן] ווי מיט אַן אַרעס-טאַנט [גראָב, שלעכט].

98. באַטערכען זיך ווי אַ קליין קינד. [באַשמוצן זיך].

99. באַלבען ווי אַן אַלטע יידענע.

100. באַלעקן זיך ווי אַ קאַץ.

101. באַקלאָגן (וואַר: באַוויינען) ווי אַ טויטן.

102. באַקן (וואַר: בעקעלעך) ווי אַן אָנגעגאָסן עפּעלע.

103. ווי אַ רויט עפּעלע.

104. ווי פּאַמפּושקעס. [דיקע, רויטע].

105. ס׳בורטשעט [באַ עמעצן] ווי אַ קילע. (וואַר: ער בורטשעט ווי אַ קילע).

106. ביטער ווי דער יידישער גאָלעס.

107. ווי כריין.

108. בייז ווי אַ יאַשטשעריצע.

109. בײַסן זיך ווי אַ בין.

110. ווי אַ הונט.

111. ווי אַ וואַנץ.

112. בילן ווי אַ הונט אָן ציין. [וואַר: מ. וו. 7: בילן ווי אַ הונט].

113. ווי אַ צויג.

114. בלאָזן זיך ווי אַ בלאָזאַק. [אַ באַלגײַוו, אויך אַ בייזער].

115. בלאַטיק (וואַר: שמוציק, אָנגעמאַכט) ווי אין אַ כאַזער-שטאַל.

116. בלאַנקען ווי אַ ברילִיאַנט.

117. ווי אַ גאָלמעסער.

118. בעטן זיך ווי באַ אַ גאַזלען.

119. בעקען ווי אַ גאַלעך. [זינגען ניט נאַטירלעך].

120. **בראָקן** ווי לאָקשן. (וואַר: ווי אין לאָקשן).
121. **ברומען** ווי אַ בער.
122. **ברייט** ווי אַ פעלד.
123. **בריקען זיך** ווי אַ פערד.
124. **ברעדזשען** ווי פון היץ.
125. **ברענען** ווי אין גענעם.
126. ווי אַ ליכט.
127. ווי פּריסעק.
128. ווי אַ פּײַער (וואַר: אַ העליש פּײַער).
129. **ברעקלען זיך** ווי אַ פּאַרך.
[לאָזן זיך לאַנג בעטן, מאַכן דעם גרויסן אָנשטעל].
130. **אַ גוואַר** ווי שימשן האַגיבער.
131. **גוט** ווי באַ דער מאַמען אין בויך.
132. ווי באַ גאָט אַליין.
133. ווי דעם גאַלעכס ווײַב.
[ווײַל, אַז זי שטאַרבט, טאָר ער נאָכ-אַמאָל ניט כאַסענע האָבן — היט ער שטאַרק אָפּ איר געזונט].
134. ווי דעם קסיאָנדז.
135. **אַ גיבער** ווי שימשן.
1'6. **גיין** ווי דער אָקס אין סאָכע.
[האָרעווען שווער און איבערגעוואַלד].
137. ווי דער אָקס צו דער שכיטע.
138. ווי אַף אַ גלייכן וועג. [זיכער, פעסטן].
139. ווי אַ פּאַווע. [שטאָלץ].
140. **ס'גייט** ווי אַ פּיזמען.
141. **גינציק** ווי אַן ערשט ווײַב.
142. ווי אַ מוטער.
143. **ס'גיסט זיך** בלוט ווי וואַסער.
144. **גיפטיק** ווי אַ שלאַנג.
145. **גלאַנצן** ווי אַן אויסגעפּוצטער שטיוול.
146. **גלײַך** ווי אַ טאָפּאָל.
147. טאַקע ווי אַ קרומער לייטער.
[איראָניש].
148. ווי אַ סאָסנע.
149. ווי צוגעמאָסטן.
150. ווי צוגעפּאַסט.
151. **אַ גלייכונג** ווי צו אַ טאָרבע פלעקער.
[ס'איז קיין שום גלײַכונג ניט].
152. **גלעטן** [עמעצן] ווי אַ געשוויר [נאָכגעבן].
153. **געבן** ווי מיט אַ דובינע איבערן מויער.
(וואר: איבערן קאָפּ).
154. **געזונט** ווי אַ דעמב.
155. ווי אַ כאַזער.
156. **געטרײַ** ווי אַ הונט.
157. ווי אַן אייגן קינד.
158. **געל** ווי די געלע טויז.
159. **געראָטן** ווי אַ מאַמזער.
160. **געשוואָלן** ווי אַ בולעווע.
161. **געשווינד** ווי אַ אינד.
162. ווי אַ הירש.
163. ווי אַ ווינט.
164. ווי אַ פײַל פון בויגן.
165. **גראָב** ווי יוכט.
166. ווי אַ מויער.
167. ווי אַ קלאָץ.
168. **גרוים** ווי אין אַ פּאַלאַץ.
169. ווי אַ פעלד.
170. **גרויס** ווי אָג מעלעך האַבאָשן.
171. באַ זיך ווי האַמען.
172. ווי די וועלט.
173. ווי דער ליוויאָסן.
174. ווי אַ פּאַלאַץ.
175. **גריזשען** די ביינער ווי אַ הונט.
176. ווי אַ מויז.
177. **גרין** ווי די גרינע טויז [קרענקלעך].
178. **גרינג** ווי אופצועסן אַ בייגל.
179. ווי אַ האָר.
[וואַר. באָסטאָמסקי : ווי אַ האָר פון מילך].
180. ווי אַ פּוך.
181. **דאַר** ווי אַ הונט.
182. ווי אַ פליאָנדערקע.
183. **דוויקען זיך** ווי אַ כסידישער רעבע.
184. ווי אַ כאַבאַרניק.
185. **דורכקריכן** ווי אַ מויז.
[אַף אַ קריכער, אַ שמוגלער].
186. **דין** ווי זײַד.
187. ווי פלאַקס.
1ǝ8. **דישען** ווי אַ גאַנדז [אָטעמען שווער].
189. **דערעסן** ווי אַ גריל.
190. ווי אַ דראָץ (טראָץ).
191. **דרייען זיך** [אַפן קאָרעק] ווי אַ וואָרעם.
192. ווי אַ טענצער.
193. **דרעליעווען** (וואַר: טאַטשען). ווי אַ דרעל.
194. **האַלטן זיך** ווי אַן אָנעטשע.
195. ווי צען הינט.
196. ווי אַ טריאַפּקע.

197. **האַלטן זיך** ווי אַ פער [פּאָר].

198. **האַרט** ווי אײַזן.

199. ווי יוכט.

200. **אַ האַרץ** ווי באַ אַ גאַזלען.

201. **ס׳הודזשעט** ווי אין אַ בינשטאָק.
[מ׳לערנט, מ׳אַרבעט פלייסיק].

202. **הויך** ווי אַ סאָסנע.

203. **הויל** ווי פון דער מוטערס בויך.
[וואר. באסטאָמסקי: ווי די מאַמע האָט
אים געהאַט].

204. ווי אַ פיסטויל.

205. **הונגעריק** ווי צען הינט.
[וואר. מ. וו.: ווי א הונט. באסטאמ-
סקי: ווי אַ הונט אין די נײַן טעג].

206. ווי נאָך אַ טאָנעס.

207. **היטן זיך** ווי פון אַ בייז אויג.
(וואר: ווי פון אַ שלעכט אויג).

208. ווי פאַר אַ גאַנעוו.

209. ווי פאַר אַ מעשוגענעם הונט.

210. **הייליק** ווי די טוירע.

211. ווי אַ כיידער.

212. **הייס** ווי אין טאַמעז.

213. ווי פײַער.

214. **הילכן** ווי אַ טרובע.

215. ווי אַ פוסטע פאַס.

216. ווי אַ שויפער.

217. **הירזשען** ווי אַ זשערעבעץ.

218. **העל** ווי אין רעכטן טאָג. (וואר. ווי אין
גרויסן טאָג).

219. ווי די זון.

220. **הענט** ווי באַ אַ בורלאַק.

221. ווי באַ אַ שמיד.

222. **הערן** [עמעצן] ווי דעם ראָוו.

223. ווי דעם הונט.

224. ווי יורקעס הונט.
[יורקע — אַ קלאַל-נאָמען פאַר דעם אָרע-
מען דערשלאָגענעם פויער].

225. **וואַלגערן זיך** ווי אַ הונט.

226. **וואַקסן** גלייך (וואר: הויך, שיין) ווי אַ טאָפּאָל.

227. **וואַרפן זיך** [אַף מענטשן] ווי אַ הונט.

228. [מיט עמעצן] ווי מיט אַ מאַמזער.

229. **אַ וואָרף טון** זיך ווי אַן אָפגעריסענער
[ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך
אָפגעריסן פון קייט].

230. **ס׳וואַרפט** [אים] ווי אין אַ ניכפע.
(וואר: ווי די ניכפע).

231. **ווײַזן** ווי אַ זייגער.

232. **ווײַט** ווי פון הימל ביז צו דער ערד.

233. ווי פון טאָג צו נאַכט.

234. ווי פון מיזרעך ביז מײַרעוו.

235. **ווייך** ווי סאַמעט.

236. ווי אַ פלוים.

237. **וויינען** ווי אַ קליין קינד.
[אין אַ שווערער לאַגע. אומבאַהאָלפן].

238. [נאָך עמעצן] ווי נאָך אַ געשטאָר-
בענעם. (וואר. ווי נאָך אַ טויטן).

239. **ווײַס** ווי זילבער.

240. ווי אַ טויב.

241. **ווערטער** ווי אַ הונט האָט געבילט.

242. **זאָגן** איוורע ווי אַ וואַסער. [געשווינד, גרינג].
[וואר: באַסטאָמסקי: זאָגן ווי אַ וואַסער].

243. **זויבער** ווי גאָלד.

244. **זויגן** ווי אַ פּאַטשאָלאָק. [אַ קליין קעלבל].

245. ווי אַ פּיאַווקע.
(וואר. [עמעצנס] בלוט ווי אַ פּיאַווקע).

246. **זידלען זיך** ווי אַ שיקערער גוי.

247. ווי אַ שיקערער יאָוון.

248. **זינגען** ווי אַ דראָנג.
[וועגן אַ כאַזן אָן טאַלענט, אָן אַ
שטים].

249. **זיס** ווי לאַקריצע.

250. ווי לעקעך.

251. **זיצן** ווי אַ באַגראָבענער.

252. ווי אַ באַטערכעטער.
[ווי אַ פּאַרנאַרישטער, ווי אַן אומבאַ-
האָלפענער].

253. פּאַרטראַכט ווי אַ גוילעם.

254. ווי אַ הון אַף די אייער.

255. ווי אַן אַלטער טערעך. [נאַר].

256. **זשוזשען** (וואר: זשומען) ווי אַ בין.

257. **אַ טאַם** ווי פון דער פּאָרע-אַדומע.
[אָן אַ טאַם].

258. **טאָטשען** ווי אַ גריל.

259. **טאַנצן** ווי אַ בער.

260. אַף די הינטערשטע פיסלעך ווי אַ
הינטל.

261. **טײַער** ווי אַ בעניאָכיד.

262. ווי ברילִיאַנטן.

263. ווי גינגאָלד. [וואר. באַסטאָמסקי: ווי
גאָלד).

264. ווי די טוירע.

265. **טעמפּ** (וואר: גראָב) ווי האָלץ.

266. **טעמפּ** (וואר: גראָב) ווי אַ פּלאָקן [אומפעיִק].

267. **טראָגן זיך** ווי אַ הון מיט אַן איי. [נערוועז, אופגערעגט].

268. **טרוקן** ווי אַ פּאָדעשווע. [אַ טרוקענע נעשאָמע].

269. **טריפן** ווי האָניק.

270. **טרייסלען** [עמעצן] ווי אַ בוים.

271. זיך ווי אַ בלאַט.

272. זיך [איבער עמעצן] ווי איבער אַ בעניאָכיר.

273. זיך ווי אַ האָז.

274. **ס׳טרייסלט** ווי אין אַ פיבער.

275. **טרייף** ווי אַ יעוואָנישע (וואר: ביילעוונע) ליכט.

276. **טרינקען** ווי אַ פערד [אַסאַך].

277. **טרעטן** מיט די פיס ווי אַן אָנעטשע.

278. ווי אַ וואָרעם.

279. **יושען** ווי אַ כאַזער.

280. **אַ כאָכעם** (וואר: קלוג) ווי שלוימע האַמיי-לעך.

281. **אַ כאַפּ טון** ווי דער טײַוול.

282. **כיטרע** ווי דער טײַוול.

283. ווי אַ יעשיוועבאָכער.

284. ווי אַ כאָכאַל.

285. ווי אַ מוזשיק.

286. **אַ כסאַר־דייע** ווי אַן עמעסער מעשוגענער.

287. **לאַנג** ווי אַ דראָנג.

288. **לאַנגע פיס** ווי באַ אַ בוטשאַן.

289. **לויכטן** ווי די זון.

290. ווי די שטערן.

291. **לויפן** ווי אַ ווינט.

292. ווי נאָך מאַצע-וואַסער.

293. ווי אַ פאַרסאַמטע מויז.

294. [וואר. באַסטאָמסקי: ווי אַ פאַרסאַמ-טער].

295. ווי פון פאָזשאַר (וואר: סרייפע).

296. ווי פון פײַער.

297. **ליב** ווי דאָס לעבן.

298. ווי פעפער אין נאָז [איראָניש].

299. **ליגן** ווי אין הינערפלעט.

300. אַפן סמעטניק ווי דער הונט.

301. ווי אַ הונט אין קראָפּעווע.

302. ווי אַ פייגער (וואר. ווי אַפּעגירע). [נישט טון גאָרניט].

303. **ליגן** [אויסגעצויגן] ווי אַ פלאַכע. [אומעכטיק הילפלאָז, פויל].

304. **ליכטיק** ווי אין העלן טאָג. [וואר. מ. וו. 83: ווי דער טאָג].

305. **לעבן** ווי אין אָדעס. (וואר. אַ גוטן טאָג ווי אין אָדעס).

306. ווי אין גאַניידן.

307. ווי אַ גראַף.

308. ווי אַ גראַפינע.

309. ווי אַ הונט.

310. ווי די טײַבעלעך.

311. ווי אַ כאַזער. (וואר. ווי אַ דאָוואָראַ-כער).

312. ווי אַ לעקעך.

313. ווי אַ נאָגיד.

314. ווי אַ פּאָרעץ.

315. ווי אַ פערד.

316. **לעכצן** נאָך וואַסער ווי אַ אינר.

317. **מאַכן האַוואַיעס** ווי אַן אָבעזיאַנע.

318. **מאָלן** ווי אַ מיל. [רעדן אַסאַך].

319. **אַ מאַמאָשעס** ווי דער גויִישער גאָט.

320. **מאָנען** ווי אַ כויוו.

321. ווי אַ פּראָצענטניק.

322. **מאַנצלען** (וואר. אויסמאַנצלען) ווי אַ בעט-לער.

323. ווי אַן אַלטער זשעבראַק.

324. ווי אַ ציגײַנער.

325. **מאַרשירן** ווי אַן עמעסער יאָוון.

326. **אַ מויל** ווי אַף שרײַפּעלעך.

327. **מיעס** (וואר. האַדקע) ווי אַ פּאַצוק.

328. **מעלקן** [עמעצן] ווי די בעהיימע. [שטאַרק עקספּלואַטירן].

329. **מעשוגע** ווי אין רעכטן טאַמעז.

330. **נאָכמאַכן** (וואר. נאָכטון) ווי אַן אָבעזיאַנע.

331. **נאָכשלעפּן זיך** ווי אַ קו אַ קאַלב.

332. **נאַקעט** ווי פון דער מוטערס בויך.

333. **אַ נאַשערקע** ווי אַ קאַץ. [וואר. מ. וו. 88: נאַשט ווי אַ קאַץ].

334. **נויקעם זײַן זיך** ווי אָן האָמענען.

335. ווי אָנעם גרעסטן סוינע.

336. **ס׳נעמט** ווי אַ גאָלמעסער.

337. **סלוזשען** אַף די הינטערשטע פיסלעך ווי אַ הינטל.

338. **ענלעך** ווי אַ טראָפּן וואַסער.

339. **עסן און זויפן** ווי אַ זוילעל-וועסויווע.
340. **אַ פּאָנים** ווי באַ אַ גאַזלען.
341. ווי אַ טאָכעס. (וואר. אַ יעוואָני-שער טאָכעס).
342. ווי אַ רויט עפּעלע.
343. **פּאָשעט** ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר.
344. **פייגערן** ווי אַ הונט.
345. פון הונגער, ווי אַ הונט.
346. **פּילעווען** ווי דאָס אויג אין קאָפּ.
347. **פּעשטשען זיך** ווי איינער פון זיבן געבליבן.
348. ווי אַ כאַזן אַף דער עלטער.
349. **פּלאַצן** ווי אַ פּענכער.
350. **פּלוידערן** ווי אַ שיקערער גוי.
351. ווי אַ שיקערער יאָוון.
352. **פריקרע** ווי לאַקריצע.
353. **פאַרברענט** ווי קויל.
354. **פאַרגיסן בלוט** ווי וואַסער.
355. **פאַרגרעבט** ווי אַ יישוווניק.
356. ווי אַ יעשיוועבאָכער.
357. **אַ פאַרזעעניש** ווי אַן עמעסע מאַלפּע.
358. **פאַרצערטלט** ווי אַ באַס-יעכירקע.
359. **פאַרשטיין** ווי אַ האָן אין בניי-אָדאָם.
360. **פויל** ווי אַ הונט.
361. **פינצטער** ווי אין אַ טיורמע.
362. ווי אין האַלבע נאַכט.
363. ווי אין קייווער.
364. **פּירן זיך** ווי אַן אויסברענגער.
365. ווי אַן אָנזעצער.
366. ווי אַן אָשוסט.
367. ווי אַ שאַרלאַטאַן.
368. ווי אַ שוליער.
369. **פלאַך** ווי אַ פליאָנדערקע.
370. **פלייסיק** ווי אַ בין.
371. **פליען** ווי דער ווינט.
372. ווי אַף אַ יאַריד.
373. **פעט** ווי אַ כאַזער.
374. **פרום** ווי גאָט אַליין.
375. **פריי** ווי אַ פויגל.
376. **פריילעך** ווי אין סימכעסטוירע.
377. ווי אין פּורים.
378. **פרעסן** ווי אַ שוויין (וואר. ווי אַ כאַזער).
379. ווי אַ וויעפּער.
380. **צאָלן** ווי אַ טאַטע [כאָטש ניט ווילנדיק].

381. **צאַראַפּען זיך** ווי אַ קאַץ. [וואר. מ. וו. 40: דראַפּען זיך ווי אַ קאַץ].
382. **צוגעזאָגט** ווי אַ הונט האָט דאָס געבילט.
383. **צוטשעפּען זיך** ווי אַ נעגע-צאַראַס.
384. ווי אַ מין פּריטשעפּע.
3 5. ווי אַ קלעק.
386. ווי אַ קרענק.
387. **אַ צוירער האַיעהודים** ווי האָמאָן האָראָשע.
388. **ס'ציט זיך** ווי דער יידישער גאָלעס.
389. **ציען** [עמעצנס] בלוט ווי אַ פּאַטשאָלאָק.
390. **ציטערן** ווי אַ בלאַט.
391. ווי אַ האָז.
392. **צעגיין** ווי וואַקס.
393. ווי פּוטער.
394. **צעטרעטן** [עפּעס] ווי אַ וואָרעם.
395. **צעלאָזן** (וואר: צעפּעשטשעט) ווי אַ בעניאָכיד.
396. **צעלויפן זיך** ווי די מייַז.
397. **צעלעכערן** ווי אַ זיפּ. (וואר. ווי אַ רעשעטע).
398. **צעפלאָכטן** ווי אַ לאָקש. [וועגן אַ צעטומלטן].
399. **אַ קאָל** ווי פון אַ זויערן אוגעראָק. [הייזעריק].
400. **ס'קאָכט** ווי אין אַ בינשטאָק.
401. ווי אַף דער בירזשע.
402. ווי אין אַ גורדעגאַרדיע [קאָרדע-גאַרדיע].
403. ווי אין אַ גענעם.
404. ווי אַף אַ יאַריד.
405. ווי אין אַ כאַבאַדניצע.
406. ווי אין אַ כסידאַרניע.
407. ווי אין אַ קעסלגרוב.
408. **קאַלט** ווי אַ זשאַבע [אַ מענטש אָן היספּייַלעס].
409. **קאַראַנט** ווי גאָלד.
410. **קאַרג** ווי אַ הונט.
411. **קומען** ווי דער באַלעגאָלע מיט דער בייַטש. [אומגליקלעך, אָן די פערד, וואָס זייַנען געפייגערט אָדער מ'האָט זיי אַוועקגעגאַנוועט].
412. ווי דער פּאַסטעך מיטן פייַפל.
413. **קוואָקטשען** (וואַר: קוואַכטשען) ווי אַ הון.
414. **קוועטשן זיך** ווי אַ גוטער ייד. (וואַר. אין קרישמע).
415. **קוקן** ווי אַ גוילעם.

416. **קוּקן** ווי דער האָן אין בניי-אָדאָם.
[ניט פאַרשטיין].
417. **קיַילעכדיק** ווי אַ ראָד.
418. **קינדערלעך** ווי באָב.
419. **קלאָגן** ווי אַ הוגט אין די ניַין טעג.
420. ווי אַף כורבן בייס-האַמיקדעש.
[וואַר: באַסטאָמסקי: ווי אַפן כורבן].
421. ווי קינדער אָן אַ מאַמען.
422. (וואַר: יאָמערן) ווי אַ קלאָגמוטער.
423. ווי אַ שטוב אָן אַ באַלעבאָס.
424. **קלאָפּן** ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ.
425. **קלאָר** [אין עפּעס] ווי אַ וואַסער.
426. ווי די זון.
427. ווי דער טאָג.
428. **קלוּג** ווי דער טיַיוול אַליין.
429. **קליין** ווי אַ מויז.
430. ווי אַ מוראַשקע.
431. **קלינגען** ווי אַ גלאָק.
432. **קענען** [עפּעס] ווי די פינף פינגער.
[זייער גוט].
433. **אַ קער** ווי פון אַ בער.
434. **קראַצן זיך** אָן וואַנט, ווי אַ כאַזער.
435. **קריכן** ווי אַ וואַנץ.
436. אין אַ בלאָטע ווי אַ כאַזער.
437. ווי אַ לויז [לאַנגזאַם].
438. ווי אַ מויז.
439. **קרימען זיך** און לאָמען זיך ווי אַן אָבעזיאַנע
440. ווי אַ מאַלפּע.
441. ווי אַ מעשוגענער.
442. **ראַיעל** ווי גאָלד.
443. **ראָיען זיך** (וואַר: גראָבן) ווי אַ כאזער.
444. **אַ ראָשע** ווי האָמאָן.
445. **ריַיבן זיך** אָן וואַנט ווי אַ כאַזער.
446. **ריַיך** ווי אַ גוי.
447. ווי א כאַזער.
448. **ריין** ווי גינגאָלד.
[וואַר באַסטאָמסקי. ווי גאָלד].
449. ווי קריסטאָל.
450. **ריַיסן זיך** פאַר די נעזער ווי העגער.
451. **רירט זיך** ניט פון אָרט ווי אַ ליימענער גוילעם.
452. **רעדן** ווי אַ אידיאָט.
453. ווי אַן אַמאָרעץ.
454. ווי אַן אַרעסטאַנט [גראָב, ציניש].
455. ווי אַ באַרדאַאַס.
456. **רעדן** ווי אַ בור-דעריַיסע.
457. ווי אַ גוי יידיש.
458. ווי פון היץ.
459. ווי אַ מענוּוול.
460. ווי אַ פויער.
461. ווי אַ פערע-אָדאָם.
462. ווי פון פייער.
463. ווי אַ שויטע-גאָמור.
464. **שאַרף** ווי אַ מעסער.
465. **שוואַך** ווי אַ מוק.
466. **שוואַרץ** ווי אַ מורין.
467. ווי סאַזשע.
468. ווי אין אַ קוימען.
469. **שוויַיגן** (וואַר: שטומען) ווי יורקעס הונט.
470. ווי די וואַנט.
471. **שווער** קיקריאַס יאַמסוף.
472. ווי ריַיסן באַקציינער.
473. **שטאַרק** ווי איַיזן.
474. ווי אַ גוי.
475. ווי אַ דעמב.
476. ווי אַ מויער.
477. ווי אַ פערד.
478. **שטיין** ווי אַן אָרעמאַן.
479. אַף איין פוס ווי אַ בושעל.
480. ווי אַ דעמב.
481. ווי אַ לעמעך.
482. ווי אַ לעמעשקע.
483. ווי אַ נאַר.
484. **שטיל** ווי אין אויער.
485. ווי די וואַנט.
486. ווי אַ טויב.
487. ווי אַ קעצעלע.
488. **ס׳שטינקט** ווי אַ וואַנץ.
489. (וואַר: ס׳טראָגט) ווי פון אַ נעווייילע.
490. ווי אַ שעשקע.
491. **שטעכן זיך** ווי אַ בין.
492. **שטשירען** די ציינער ווי אַ הונט.
493. **שיטן** מיט טוירע ווי אַ ציג מיט באָבקעס.
[וועגן ניט קיין גרויסן לאָמדן].
[וואַר. באַסטאָמסקי: עס שיט זיך פון
אים כאָכמעס ווי פון אַ ציג באָבקעס].
494. **שיין** ווי די זון.
[וואַר. בערנשטיין: ווי די זון אום
טאַמעז].

495. **שיין** ווי דער טאָג.
496. ווי אַ קאַראַפּירער עסרעג.
497. **שײַנען** ווי בריליאַנטן.
498. ווי די שטערן.
499. **שיקער** ווי אַ יאָוון.
500. ווי לאָט.
501. ווי אַ מוזשיק.
502. **שלאָגן** ווי האָמאָנען.
503. **שלאָפן** ווי נאָך אַ כאַסענע.
504. **שלעכט** ווי דעם אַלטן רעבן.
[וואָס איז געזעסן אין פעסטונג].
505. **שלעפן זיך** ווי אַ ליאַרווע [פויל, אָפּגעלאָזן].
506. **שמוציק** ווי אין אַלטן העקדעש.
507. **ס'שמעקט** ווי עסרעג.
508. **ס'שמעקט** ווי אַ רויז.
509. **שפּילן** אין קאָרטן ווי אַן אָשוסט.
510. ווי אַ שוליער.
511. **שפּרינגען** אין די אויגן ווי אַ זשאַבע.
512. ווי אַ ליידיקע פּאַס.
513. ווי אַ פלוי.
514. **שרײַען** ווי אַ אינד.
515. ווי אַ געקוילעטער.
516. ווי אַ געשטאָכענער כאַזער.
517. **שרעקלעך** ווי דער טויט.
518. ווי דער טײַוול.
519. ווי דער מאַלכאַמאָוועס.
520. ווי דער מאַלעכדוימע.
521. **אַ שרעקעדיקער** ווי אַ זאַיעץ.

קירצונגען.

באַסטאָמסקי = ש. באַסטאָמסקי. „באַם קוואַל. שפּריכווערטער, ווערטלעך... פאַרגלײַכענישן" א. א. וו. ווילנע, 1920.

בערנשטיין = איגנאַץ בערנשטיין. „יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן". וואַרשע, 1908.

מ. וו. = מ. וו. „פון די לעקסיקאָלאָגישע זאַמלונגען פון ווילנער לערער-סעמינאַר". אין שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ב. ו, ווילנע, 1926.

וואַר. = וואַריאַנט.

באַמערקונג: אין עקיקע קלאַמערן זײַנען אָנגעגעבן: דערגאַנצונגען, דערקלערונגען, וואַריאַנטן פון אַנדערע קוואַלן.

א. יודיצקי

װעגן אינהאַלט פון װאָלף קאַמראַש׳ס פּיעסע „קאָהאָל אין שטעטל“

די לעצטע פּאָר יאָר איז אין אייניקע ייִדישע צײַטשריפטן עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט געוואָרן דער נאָמען פון אַ פאַרגעסענעם ייִדישן דראַמאַטורג, װ אָ ל ף ק אַ מ ר א ש און פון זײַנער אַ ניט־געדרוקטער פּיעסע „קאָהאָל אין שטעטל“, װעלכע איז אינמיטן די 50־ער יאָרן פון פאָריקן י״ה אָנגעשריבן געוואָרן און עפּשער אַפילו געשפּילט געוואָרן אין זשיטאָמיר און באַרדיטשעװ.

באַ הײַנטיקן טאָג קאָנען מיר שוין מאַכן אַ שטיקל סאַכאַקל פון די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען ביז אַהער פאַרעפנטלעכט געוואָרן װעגן דעם איניען־קאַמראַש.

אויב מיר װעלן די מאַטעריאַלן אויסשטעלן אין אַ געוויסן כראָנאָלאָגישן סיידער, װעלן מיר באַקומען אַזאַ בילד: דער עלטסטער פון זיי איז ב. נאַטאַנזאָנס [1] אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ“ 1878, נומ. 15, װעגן די ערשטע שריט פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער אין בוקאַרעסט [2], אין װעלכער ס׳װערט דערמאָנט קאַמראַש׳ס אַ פּיעסע אונטערן נאָמען „דאָס קאָהאָל־שטיבל אָדער ר׳ מענדעלע פּאָלנימאַך“. נאַטאַנזאָן רעדט פון קאַמראַשן, װי פון אַ באַרימטן שרײַבער („הסופר הנפלא“) און פאַרגלײַכט אים מיט אַזאַ דעמלט שוין פּאָפּולערן שרײַבער, װי אַקסנפעלד [3], פון וואָס ס׳איז צו דרינגען, אַז קאַמראַש איז צו יענער צײַט, ד. ה. סאָף 70־קער יאָרן, געװען נאָך גאַנץ פּאָפּולער אין די מאַסקילישע קרײַזן. װעגן דער עצעם פּיעסע דערציילט נאַטאַנזאָן, אַז „זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רוישעם אַף אַלע, וואָס האָבן זי געזעען אין זשיטאָמיר און באַרדיטשעװ“.

װעגן אַ ייִדישער פּיעסע, וואָס האָט געשילדערט דאָס לעבן פון קאָהאָל און װעלכע איז געשטעלט געוואָרן אין באַרדיטשעװ זומער 1854, —דערציילט אויך דער געוויסער האַסקאָלע־טוער מענאַשע מאַרגוליס אין זײַנע זיכרוינעס, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „װאָסכאָד“ אין 1896 יאָר [4]. מאַרגוליס גיט ניט אָן דעם נאָמען פון דער פּיעסע. אַלס מעכאַברים פון דער פּיעסע רופט ער אָן די איניציאַלן פון צוויי טאַלמידים פון ראַבינערשול. ער דערציילט, אַז דער ייִדישער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג און

---

1 דער אַרויסגעבער פון ייִצכאָק־בער לעווינזאָנס ווערק.

2 ציטירט באַ ניעפּאָמנישצין אין זײַן נאָטיץ „גאָלדפאַדן אין בוקאַרעסט“, „צײַטשריפט“, ב. II—III.

3 נאַטאַנזאָן שרײַבט „...הסופר ברוח ההמון הנפלא ר׳ ישראל אקסנפלד ז״ל ודומים לו אך למצער, כמו הסופר הנפלא ה׳ קאמראש הנודע לרבים מבני עמנו במחזה שעשועיו שיצא מתחת עטו הנקרא בשם „דאָס קהל שטיבל אָדער ר׳ מענדעלע פּאָלנימאַך“. (אין ייִדישער איבערזעצונג:... דער װוּנדערלעכער שריפטשטעלער, וואָס שרײַבט אין גײַסט פונעם האַמוין, ר׳ ייִסראָעל אַקסנפעלד ז״ל, וואָס זײַנס גלײַכן איז זעלטן צו טרעפן, װי לעמאָשל, דער װוּנדערלעכער שרייבער קאַמראַש, וואָס אַסאַך פון אונדזער פאָלק װייסן װעגן אים צוליב דער קאָמעדיע, וואָס איז אַרויס פון זײַן פּען מיטן נאָמען „דאָס קאָהאָל־שטיבל אָדער ר׳ מענדעלע פּאָלנימאַך“).

4 ז.ז. 175—180, מײַ—יוני, 1896 ,Восход .„Из моих воспоминаний“

איז געשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל[5]. ער דערציילט דערביי, אַז סע פלעגן דאָרט געשפּילט ווערן אויך פּיעסעס אַף רוסיש און אוקראַיִניש.

אויך באַ לעאָ ווינערן אין זײַן „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור[6], וואָס איז אַרויס פון דרוק 1899, ווערט קאַמראַש באַצייכנט, אַלס מעכאַבער פון א פּיעסע, וואָס האָט געשילדערט דאָס לעבן פון דעם ייִדישן סאָלדאַט און פון דער קעהילע. לויט ווינערס דערציילונג האָבן די טאַלמידים פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול (קאַמראַש איז אויך געווען דעמלט א טאַלמיד פון ראַבינער־שול) געשפּילט דידאָזיקע פּיעסע אין 1855 י. לעקאָוועד דער קרוינונג פון אַלעקסאַנדער דעם II.

אין 1916־טן יאָר האָט אויך ד״ר וויַיסנבערג[7] אין נאָמען פון זײַן שוויגער, פּרוי זאַק, איבערגעגעבן אייניקע פּראָטים וועגן א ייִדישן ספּעקטאַקל אין באַרדיטשעוו, אַף וועלכן זי איז אַליין ביַיגעווען. די פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן, האָט לויט אירע ווערטער געהייסן: „די אַלמאָנע״[8] און איר מעכאַבער איז געווען דער שילער פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול כ. בראָמבערג, וועלכער האָט טאַקע געשפּילט די ראָליע פון דער אַלמאָנע.

וויַיסנבערג ברענגט אַפילע א פראַגמענט, וואָס האָט זיך איַינגעהיט אין זיקאָרן פון זײַן שוויגער,—פון א דיאַלאָג (אין פּערזן) צווישן ראָש־האַקאָהאָל מיט דער אַלמאָנע.

פון די פיר קוואַלן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, רעדט זיך, ווי מיר זעען, קלאָר וועגן קאַמראשן בלויז באַ צוויי (נאַטאַנזאָנען און ווינערן).

[5] די גרינגשעצונג, מיט וועלכער מאַרגוליס דערציילט וועגן „עפּעס א מעלאָדראַמע מיט געזאַנג אף זשאַרגאָן״ ווי אויך דאָס, וואָס ער פאַרשוויַיגט די מײַסע מיט קאַמראַש׳ס פּיעסע „קאָהאָל אין שטעטל״, וועגן וועלכער ער, אַלס טאַלמיד פון ראַבינער-שול אין יענע יאָרן, האָט ניט געקאָנט ניט וויסן—איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָזיקן רוסיפיקאַטאָרישן מאַסקיל, דעם אָנפירער פון אָדעסער „מעפיצי האַסקאָלע״ מיט זײַן ביטלדיקער באַציִונג צו דער „זשאַרגאָנישער ליטעראַטור״.

צו וואָס פאַר א מאַדרייגע ס׳האָט דערגרייכט די גרינגשעצונג און ניט-באַקאַנטשאַפט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור באַ א געוויסן מין העברעיִש-רוסיפיקאַטאָרישע מאַסקילים—קאָן מען זען באַ א צווייטן געוועזענעם טאַלמיד פון זשיטאָמירער ראַבינער-שול (אין די 60-ער יאָרן) און אָנגעזעענעם העברעיִשן שריפטשטעלער, א. י. פאַפּערנען אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דער ערשטער „סערקעלע״-פאָרשטעלונג אין זשיטאָמיר אין 1862 („פּנקס״, ווילנא, 1913). לויט פאַפּערנען האָבן „מעכאַבערים און פּאָעטן אין ייִדיש זיך באַוויזן ערשט אין די 40-טע יאָרן (!)—א. מ. דיק, מיכל גאָרדאָן, א. ב. גאָטלאָבער״. וועגן אַזעלכע פּאָרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די 30-ער יאָרן, ווי אַקסנפעלד, עטינגער, רי״בל—ווערט באַ פאַפּערנען אינגאַנצן ניט דערמאָנט, אַזוי אַז די רעדאַקציע פון „פּינקעס״ איז אַפילע געצוווּנגען זיך אָנעמען זייער קריוודע. איז זיך טאַקע ניטאָ וואָס צו כידעשן, וואָס פאַפּערנע פאַרשוויַיגט קאַמראַש׳ס פּיעסע, אויב ער האָט אַפילע געוווּסט פון איר.

[6] ציטירט באַ ד״ר י. שאַצקי אין זײַן אַרטיקל „צושטייער צו דער געשיכטע פונעם פאַרגאָלדפאַרעניַשן ייִדישן טעאַטער״, אין זשורנאַל „ייִדיש טעאַטער״, 1927, בוך 4—3.

[7] ציטירט באַ שאַצקין אין „К истории зарождения еврейского театра“. Еврейская неделя 1916 № 29. דערמאָנטן אַרטיקל.

[8] ד״ר שאַצקי וויל אין זײַן דערמאָנטן אַרטיקל דרינגען, אַז פּרוי זאַק מיינט דאָ קאַמראַש׳ס פּיעסע און אַז ס׳איז דערזעלביקער ספּעקטאַקל פון 9-טן אָקטיאַבער 1854 יאָר, פאַר וועלכן די 9 שילער, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט, האָבן לויט די אַרכיוו-דאָקומענטן באַקומען א אָפיציעלן דאַנק פון נאַטשאַלסטווע. (זע וויַיטערדיקע באַמערקונגען). דידאָזיקע האַשאָרע איז א ריזיקאַלישע. וואָדעם אויב מיר זאָלן אַפילע מאַסקים זיין מיט שאַצקין, אַז פאַר אַזאַ לאַנגער צייט האָט פּרוי זאַק געקאָנט פאַרגעסן דעם נאָמען פון פּיעסע און זיך טויע זיין אין איר אַוטאָרשאַפט, בלייבט אָבער איבער אַן אַנדער פראַט, זייער א וויכטיקער אין פּרוי זאַקס דערציילונג, וואָס וואַרפט א שיַין אפן איניען. דאָס איז בענעגייע צום אַקטיאָרן-באַשטאַנד פונעם ספּעקטאַקל. זי רופט אָן 5 נעמען (בראָמבערג, פּרוסיאַן, באָגוסלאַווסקי, פּעסיס און מאַרגוליס). די ערשטע דרײַ פיגורירן אויך אינעם צעטל פון די 9 שילער פונעם ספּעקטאַקל פון 9-טן אָקטיאַבער. די לעצטע צוויי זיינען נייע. איינער פון די לעצטע צוויי (מאַרגוליס) איז אַפילע געווען א לערער און אָכטער אַריינגייער באַ די זאַקס אין שטוב. אַזוי, אַז אין דעם פראַט קאָן מען זיך פאַרלאָזן אַף פּרוי זאַקס זיקאָרן. דאָס אויכפעלן פון קאַמראַש׳ס נאָמען (דעם מעכאַבער פון פּיעסע און איינציַיטיק אויך אַקטיאָר) און דאָס, וואָס ס׳פיגורירן צוויי נייַע נעמען, וועלכע פעלן אינגאַנצן אויס אינעם צעטל פונעם ספּעקטאַקל פון 9-טן אָקטיאַבער, פירט אַרויף אַפן געדאַנק, אַז: 1) די פּיעסע „די אַלמאָנע״ און קאַמראַש׳ס „קאָהאָל אין שטעטל״ זיַינען צוויי באַזונדערע זאַכן און 2) דער ספּעקטאַקל, וועגן וועלכן ס׳דערציילט פּרוי זאַק, איז ניט דערזעלביקער פון 9-טן אָקטיאַבער.

צו דידאָזיקע מאַטעריאַלן קומען צו אייניקע אָפיציעלע אַרכיוו־דאָקומענטן פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וואָס דער כ׳ נ. שטיף האָט פאַרעפנטלעכט אין זײַן אַרטיקל „וואָלף קאַמראַש און דער ערשטער יידישער כּפּעקטאַקל אין רוסלאַנד״ [9]. פון די דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך אייניקע נייע פּראָטים וועגן קאַמראַש׳ס פּיעסע. ערשטנס, אַז זי איז באַשטאַנען פון 3 אַקטן און אַז זי האָט געהייסן „קאָהאָל אין שטעטל״ און ניט „דאס קאהאל־שטיבל, אָדער ר׳ מענדעלע פּאלנימאץ״, ווי נאַטאַנזאָן גיט אָן. פון די אַרכיוו־דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך אויך, אַז קאַמראַש [10] האָט דורכן דירעקטאָר פון ראַבינער־שול אנהייב יאַנוואַר 1855 צוגעשטעלט זיין פּיעסע צום קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר נאָך אַ דער־לויבעניש צו שפּילן זי אין זשיטאָמירער טעאַטער [11]. פון גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיך אָבער באַקומען אן אָפּזאָג מיט א בייגעלייגטער קאָפּיע פון א רעצענזיע וועגן דער שעד־לעכקייַט פון דער פּיעסע, וואָס ס׳האָט געגעבן דער דעמלטיקער קיעווער צענזאָר איבער יידישע ספאָרים וולאַדימיר פיאָדאָראָוו [12].

[9] „טעאַטער-בוך״, זאַמלונג צום פופציק-יאָריקן יובילײ פונעם יידישן טעאַטער (1876—1926), קיעוו. קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור ליגע״, 1927. דאָס ערשטע קאַפּיטל געדרוקט פריער אין „טעאַליט״, ניו-יאָרק 1924, № 5.

[10] באַ דער געלעגנהייט וויל איך שוין פאַריכטן א ניט-פּינקטלעכקייַט באַם כ׳ שטיף בענוגייע צו קאַמראַש׳ס עלטער, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין פּיעסע. אינעם אַקט № 189 פונעם קיעווער גענ. גובערנאַטאָרס אַרכיוו (צווייטער טיש) פאַרן 1856 י., וואָס כ׳ שטיף ציטירט, איז צו קאַמראַש׳ס ביט-בריוו וועגן באַשטימען אים פאַר א „געלערנטן ייד״ צוגעלייגט א קאָפּיע פון זיין אַטעסטאַט, אין וועלכן ס׳איז בעפיירעש אָנגעשריבן מיט ווערטער (ניט מיט ציפער), אַז ער, קאַמראַש, איז אַלט 24 יאָר. אויך אינעם פאָרמוליאַר-אַקט פון ראַבינער-שול פאַר 1856 י. וועגן די שילער, וואָס ענדיקן דעם קורס (אַקט № 21) איז קאמראש פאַרשריבן 24 יאָר אַלט. אין 1855 י., ווען ער האָט אָנגעשריבן די פּיעסע, איז ער, הייסט עס, אַלט געווען ניט 32 יאָר, ווי כ׳ שטיף גיט אָן, נאָר 23.

אַגעוו, ווי מיר דערוויסן זיך פונעם אַקט № 33 פאַר די יאָרן 1855—1856 איז קאמראש אינעם זעלביקן 1856 י. באַשטימט געוואָרן פאַר א לערער אין ראָוונער יידישער קרוין-שול.

[11] כ׳ שטיפס באַהויפּטונג, אַז קאַמראַש׳ס פּיעסע איז שוין פריער געשפּילט געוואָרן אין באַרדיטשעוו אָפן ספּעקטאַקל פון 9-טן אָקטיאַבער לעטויוועס די מילכאָמע-פאַרוונדעטע און אַז די 9 שילער, וואָס האָבן אַנטייל גע-נומען אינעם דאָזיקן ספּעקטאַקל (צווישן זיי אויך קאַמראַש), האָבן דאָס באַקומען א אָפיציעלן דאַנק פון העכערער נאַטשאַלסטווע גראָד טאַקע פאַר דערדאָזיקער פּיעסע—איז ניט באַגרינדעט. די אַרכיוו-דאָקומענטן רעדן קעגן אַזאַ באַהויפּטונג. אינעם בריוו פונעם דירעקטאָר פון ראַבינער-שול פון 15 נאָיאַבער, אין וועלכן ער רעכנט אויס די נעמען פון די 9 שילער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם ספּעקטאַקל פון 9-טן אָקטיאַבער, ווערט קאַמראַש (דער מעכאַבער, לויט כ׳ שטיפן, פון דער געשפּילטער פּיעסע, און איינציַיטיק אויך אַקטיאָר) מיט גאָרניט ניט אויסגע-טיילט פון די איבעריקע אנטיילנעמער. ער שטייט אַפילע ניט אַפן ערשטן אָרט (דער ערשטער אין צעטל איז ביניאָמין ראַבינאָוויטש. באַם כ׳ שטיף איז קאַמראַש, מאַשמאָעס, אַלפּי טאָעס פאַרשריבן דער ערשטער).

וואָס איז שאַיעך דעם דירעקטאָרס בריוו פון 4 יאַנוואַר 1855 י. וועגן דער דערלויבעניש אַף קאַמראַש׳ס פּיעסע, איז דער גאַנצער טאָן פונעם בריוו אַזאַ, אַז ס׳רעדט זיך וועגן א נייער, נאָר-וואָס אָנגעשריבענער פּיעסע, וואָס איז נאָך אינערגעץ ניט געשפּילט געוואָרן. ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א שוין געשפּילטער פּיעסע, פאַר וועלכער דער זעלביקער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט נאָר וואָס איבערגעשיקט זיַינעם א אָפיציעלן דאַנק—ווי אַזוי וואָלט עס דער דירעקטאָר ניט דערמאָנט אין זיַין ביט-בריוו?

דערצו, אויב מיר זאָלן מאַסקים זיַין מיט שטיפס באַהויפּטונג—בליַיבט אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי איז די באַרדיטשעווער אַדמיניסטראַציע ארויס פון דער גאַנצער מייַסע אָן א אויסרייד אַפילע, וואָס זי האָט דערלויבט צו שטעלן אַזאַ „געפערלעכע״ „קראַמאָלע״ פּיעסע, וועלכע איז פאַרבאָטן „אַפילע צום לייענען אין א היימישער סוויווע״. וואָלט אַזאַ אויסרייד געווען—וואָלט דאָס דערמאַנט געוואָרן אין דער העפט אַקטן וועגן דאָזיקן איניען.

[12] א געוועזענער ייד, א מאַסקיל, לויט דער יידישער פאַמיליע—גרינבוים, וואָס האָט זיך געשמאַדט סאָף 40-ער יאָרן, קעדיי אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט. פון 1852 יאָר—צענזאָר איבער יידישע ספאָרים און שפּעטער (1859)—באַאַמטער מיט ספּעציעלע שליכעסן איבער יידישע איניאָנים באַם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. אַלס צענזאָר און אָפיציעלער באַאַמטער האָט פיאָדאָראָוו געוויינלעך כּרייַ אויסגעפילט זיַין רעאַקציאָנערע שליכעס. ער איז אָבער אין דער אייגענער צייַט געבליבן אין דער גרעסטער גוטפרייַנטשאַפט מיט די מאַסקילים פון זיַין דאָר, ווי לעווינזאָן, גאָטלאָבער, קולישער, אייכנבוים, סלאָנימסקי א. א. און האָט זיי געהאָלפן אין זייער האַסקאָלע-אַרבעט. זע פיאָדאָראָווס בריוו צו קולישערן אין קולישערס: „Итоги, надежды и ожидания русских евреев за последние 50 лет“, Киев, 1896, זיַיטן 36—37, 50, 65.

פון די פריערגעבראַכטע נאַטאַנזאָנס קאָרעספּאָנדענץ און לעאָ ווינערס מיטיילונג האָבן מיר שוין געזעען, אַז נאָך צום סאָף פון די 70־קער יאָרן און אַפילו שפּעטער איז קאַמראש'ס פּיעסע געווען א ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע דערשייַנונג, פון וועלכער מ'האָט גערעדט אין אייניקע מאַסקילישע קרייַזן. דער פולער טעקסט פון דערדאָזיקער פּיעסע וואָלט געוויס געהאַט א באַטייַט פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען באַ דער מאַסקילישער אינטעליגענץ פון די 50־קער יאָרן און אויך פאַר דער דערלערנונג פון דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער ירושע, וואָס די שרייַבער פון די 60־קער יאָרן און שפּעטער האָבן באַקומען פון זייערע פאָרגייער. באַם איצטיקן צושטאַנד אָבער, ווען דער עצעם טעקסט פעלט אויס, איז פאַר אונדז א קערן, א געווינס יעטווידער נייַער דאָקומענט, וואָס דעקט עפּעס אויף א נייַעם שטריך און וואַרפט א שייַן אַפן אינהאַלט פון דערדאָזיקער פּיעסע. פּיאַדאָראָווס רעצענזיע־ראַפּאָרט איז פונעם דאָזיקן שטאַנדפונקט דעריבער פאַר אונדז טאַקע א גאַנץ וויכטיקער דאָקומענט. ווי כ' שטיף שרייַבט האָט ער אין די אַקטן פון ראַבינער־שול און אין צענזור־אַרכיוו ניט געפונען ניט די קאָפּיע און ניט דעם אָריגינאַל פון פּיאַדאָראָווס ראַפּאָרט. מיר האָט זיך אייַנגעגעבן צו געפינען דעמדאָזיקן ראַפּאָרט אינעם צווייטן טיש פונעם קוראַטאָר פון קיעווער לערן־ראַיאָן (אַקט № 41 פאַר 1855 י.).

אין פּיאַדאָראָווס ראַפּאָרט האָבן מיר ניט קיין גענויע איבערדערציילונג פון דער פּיעסע. ס'זייַנען אָבער דאָרט דאָ א ריי אָנצוהערענישן און אָנווייַזונגען אַף איינצלנע סצענעס פון דעם אָדער יענעם אַקט, אַף וועלכע פּיאַדאָראָוו איז זיך סוימעך אין זייַן אַרגומענטאַציע, פון דידאָזיקע אָנצוהערענישן באַקומען מיר אין אַלגעמיינע שטריכן א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער פּיעסע.

צוליב דער היסטאָרישער וויכטיקייַט פונעם דאָקומענט גיבן מיר אים אין רוסישן אָריגינאַל (אין דער אַלטער אָרטאָגראַפיע) מיט א יידישער איבערזעצונג.

Въ Канцелярію Господина Попечителя Кіевскаго учебного округа.

Драма на еврейско-нѣмецкомъ языкѣ подъ заглавіемъ „Кагалъ въ мѣстечкѣ“ имѣетъ главной внутренней цѣлью указать со сцены кагалъ и полномочныхъ отъ еврейскихъ обществъ въ противозаконной отдачѣ въ рекруты дѣтей бѣдныхъ родителей и сиротъ, безъ всякаго соблюденія установленной очереди, единственно изъ видовъ покровительства евреевъ, имѣющихъ вѣсъ въ обществѣ по своему богатству, происхожденію или по занимаемымъ ими обощественнымъ должностямъ.

Принимая во вниманіе:

1, что кагалъ и полномочные для успѣшного выполненія возложенныхъ на нихъ правительствомъ обязанностей, должны, хотя въ извѣстной степени, пользоваться довѣріемъ евреевъ, и что выставлять частное, случайное, быть можетъ, злоупотребленіе того или другого кагала общимъ и кореннымъ правиломъ дѣятельности всякаго „кагала въ мѣстечкѣ“—значило бы всецѣло подрыть кредитъ этого учрежденія въ глазахъ общества, набрасывая въ тоже время тѣнь неискренности и недоброжелательства къ евреямъ на самые распоряженія правительства, отъ котораго кагалъ и полномочные облекаются властью;

2, что отбытіе рекрутской повинности и вступленіе въ военную службу во всемъ ходѣ пьесы является величайшимъ несчастьемъ для евреевъ даже в смыслѣ религіозномъ (дѣйствіе 3, явл. 7), такъ что отдаваемый въ рекруты еврей именуется „овцой ведомой на закланіе“ (дѣйствіе 2, явл. 2);

3, что безутѣшныя слезы, отчаянные вопли и продолжительные обмороки матери, прощающейся съ сыномъ рекрутомъ (тамъ-же) могутъ очень неблагопріятно дѣйствовать на зрителей евреевъ, весьма недостаточно сознающихъ необходимость сей общественной повинности; и

4, что авторъ, считая деньги могущественнѣйшимъ двигателемъ въ современномъ обществѣ (тамъ-же, явл. 5), прямо клевещетъ в лицѣ полномочнаго на мѣстное начальство, которое забывъ свой долгъ, не усомнится будто принести какую угодно жертву сему идолу злата и корысти (тамъ-же, явл. 2), я полагаю, что драма „Кагалъ въ мѣстечкѣ" ни въ коемъ случаѣ не можетъ быть дозволена для сцены и представленная рукопись должна быть изъята изъ обращенія между евреями для устраненія чтенія ея въ домашнихъ собраніяхъ.

Исправляющий должность цензора
Вл. Федоровъ

16 января 1855 г.
№ 2

איבערזעצונג:

אין קאַנצעליאַריע פֿונעם קוראַטאָר פֿון קיִעווער לערן־ראַיאָן.[13]

דער הויפּט־און אינערלעכער צוועק פֿון דער דראַמע אַף ייִדיש־דייטש אונטערן נאָמען „קאָהאָל אין שטעטל" איז צו ווײַזן פֿון דער סצענע אַראָפּ דעם קאָהאָל און די באַ־פֿולמעכטיקטע פֿון די ייִדישע געזעלשאַפֿטן, אַז זיי גיבן אומגעזעצלעך אָפּ פֿאַר רעקרוטן קינדער פֿון אָרעמע עלטערן און יעסוימים און היטן דערבײַ ניט אָפּ די אײַנגעשטעלטע ריי און דאָס אַלץ מיט דער קאַוואָנע צו באַשיצן יענע ייִדן, וועלכע האָבן א וואָג אין דער געזעל־שאַפֿט לויט זייער רײַכקײַט, אָפּשטאַם, אָדער לויט די געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס, וואָס זיי פֿאַרנעמען.

גענומען אין באַטראַכט אַז:

1) קעדיי מיט דערפֿאָלג אויסצופֿילן די פֿליכטן, וואָס די רעגירונג האָט אַף זיי אַרופֿגע־לייגט, דאַרפֿן דער קאָהאָל און די באַפֿולמעכטיקטע כאָטש ביז א געוויסן גראַד געווינען דעם צוטרוי פֿון ייִדן. אַרויסשטעלן א איינצלנעם, צופֿעליקן, עפּשער, מיסברויך פֿון דעם אָדער יענעם קאָהאָל, אַלס אַלגעמיינעם און גרונט־קלאַל פֿאַר דער טעטיקײַט פֿון יעטווידער „קאָהאָל אין שטעטל"—וואָלט געהייסן אַרונטערײַסן דעם קרעדיט פֿונעם דאָזיקן אַנשטאַלט אין די אויגן פֿון דער געזעלשאַפֿט און אינדערזעלבער צײַט אַרופֿוואַרפֿן א שאָטן פֿון ניט־אופֿריכטיקײַט

---

[13] אינעם אינהאַלט פֿון קאַמראַש׳ס פּיעסע, לויט ווי ער ווערט פֿאָרמולירט בײַ פּיאָדראָוון, ציען־צו זיך אונדזער אויפֿמערקזאַמקײַט צוויי וויכטיקע מאָמענטן. דאָס איז, ערשטנס, די עצעם באַציִונג צו רעקרוטשינע, וועלכע איז א בלויז נעגאַטיווע („אינעם גאַנצן גאַנג פֿון דער פּיעסע ווערט די רעקרוטן-פֿליכט פֿאָרגעשטעלט ווי דער גרעסטער אומגליק פֿאַר ייִדן") און אונטערשיידט זיך פֿון דער צווייענדיקער, האַלב-נעגאַטיווער און האַלב-פּאָזיטיווער באַציִונג צו רעקרוטשינע, וואָס מיר באַגעגענען בײַ די מאַסקילים פֿון פֿאָריקן דאָר, בײַ אַקסנפֿעלדן („דער ערשטער ייִדישער רעקרוט"), עטינגערן („שמאַטעס") א. א. צווייטנס, דאָס איז די דעמאַסקירנדיקע באַציִונג פֿונעם אַווטאָר ניט בלויז צו קאָהאָל, נאָר אויך צו אָרטיקער נאַטשאַלסטווע, ווי צו א כאַבאַר-נעמערן, וועלכע העלפֿט מיט דעם קאָהאָל אין זײַנע שווינדלערײַען און „שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר קיינשום קאָרבן צו ברענגען דעם אָפּגאָט פֿון געלט און אייגננוץ".

אינעם דאָזיקן פֿראַט האָט דער יונגער דראַמאַטורג געקאָנט האָבן פֿאַר זיך א פֿאַרטיקן מוסטער אין גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר", וואָס איז גראָד דידאָזיקע יאָרן זייער אָפֿט געשפּילט געוואָרן אַף דער סצענע, ווי אויך אין דער איבעריקער רוסישער סאַטירישער ליטעראַטור, אין וועלכער די אָרטיקע פּאָמפּאַדורן זײַנען אַזוי גאַליק און גיפֿטיק אָפּגעשפּאָט און דעמאַסקירט געוואָרן.

און פון ניט־ווילגעוויגטקײַט צו ייִדן — אַף די עצעס פּאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג, אַף וועלכע ס׳באַזירט זיך די מאַכט פונעם קאָהאָל און פון זײַנע באַפולמעכטיקטע;

2) אַז אינעם גאַנצן גאַנג פון דער פּיעסע ווערט די רעקרוטן־פּליכט און מיליטער־דינסט פּאָרגעשטעלט ווי דער גרעסטער אומגליק פאַר ייִדן אַפילע אין רעליגיעזן זין (3 אַקט, 7 סצענע). ס׳דערגייט דערצו, אַז א ייִד, וועלכן מ׳גיט אָפּ פאַר א רעקרוט, ווערט אָנגערופן ניט אַנדערש ווי „א שאָף, וואָס מע פירט צו דער שכיטע" (2 אַקט, 7 סצענע);

3) אַז די גאַנצע געזעגעניש פון דער מוטער מיטן זון — רעקרוט, מיטן כאַלאָשעס־פאַלן, יאָמערלעכע געשרייען און ביטערע טרערן (דאָרטן)—קאָנען זייער ניט גינסטיק ווירקן אַף די ייִדישע צושויער, וועלכע באַגרייפן ניט גענוג די נייטיקײַט פון דערדאָזיקער געזעלשאַפטלעכער פליכט; און,

4) אַז דער אַווטאָר קוקט אַף געלט, ווי אַף דער מעכטיקסטער טרײַב־קראַפט אין הײַנטיקער געזעלשאַפט (דאָרט, 5 סצענע). אין דער פּערזאָן פונעם באַפולמעכטיקטן טראַכט ער פּאָשעט אויס א בילבל אַף דער אָרטיקער נאַטשאַלסטווע, אַז זי פאַרגעסט אירע פליכטן און שטעלט זיך קלוימערשט ניט אָפּ פאַר קיינשום קאָרבן צו ברענגען דעמדאָזיקן אָפּגאָט פון גאָלד און אייגננוץ (דאָרטן, 4 סצענע);

גענומען דאָס אַלץ אין באַטראַכט, רעכן איך, אַז די דראַמע „קאָהאָל אין שטעטל" קאָן בעשום אויפן ניט דערלויבט ווערן פאַר דער סצענע. ס׳דאַרף אַפילע פאַרווערט ווערן צו לייענען דעם צוגעשטעלטן מאַנוסקריפּט אין היימישע פאַרזאַמלונגען.

צענזאָר

וו ל. פּ י אָ ד אָ ר אָ ו.

16 יאַנוואַר 1855 יאָר

.№ 2

י. רימיניק

צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע״

.1

וועגן גאָלדפאַדנס ערשטער פּיעסע „די מומע סאָסיע״ האָבן מיר זייער קנאַפּע ידיעות. אָט דאָס ווערק, וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אַלס גאָלדפאַדנס ערשטע פּיעסע, איז בײַ הײַנטיקן טאָג אַ ביבליאָגראַפישע יקר-המציאות. ס׳האָבן דאָס פאַרהיט נאָר געציילטע עטלעכע ביבליאָטעקן. „די מומע סאָסיע״ איז אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1869-טן יאָר צוזאַמען מיט אַ ציקל לידער, וואָס זײַנען אַלע פאַרייניקט אונטער איין נאָמען „דיא יודענע״. אין 1872 יאָר איז „די מומע סאָסיע״ דערשינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

דאָסדראַמאַזיקע ווערק האָט מען ביז אַהער אין אונדזער ליטעראַטור פאַרשידן אָפּגעשאַצט. אין דער צײַט, ווען אייניקע מאַכן צונישט די ווערט פון דער פּיעסע, קומען אַנדערע און שטעלן זי אין דער שפּיץ פון גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגישער טעטיקײַט. פּונקט אַזוי ווײַזט מען אָן פאַרשידן אויך די מעקוירים, פון וואַנען גאָלדפאַדן האָט גע-זאָלט נעמען די פאַבול פאַר זײַן ערשט טעאַטער-ווערק. ד״ר שאַצקי ווײַזט אָן דערעכאַגעוו אין זײַן אַרטיקל „אברהם גאָלדפאַדען״, אַז „די מומע סאָסיע״ איז אַ פאַריִדישונג פון אַ פראַנצויזישן וואָדעוויל, וועלכן מע האָט צו יענער צײַט געשפּילט״ 1. גאָרין געפינט, אַז גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע״, וואָס איז אַפילו גאַנץ לעבעדיק גע-שילדערט „ווײַזט דײַטלעך און בוילעט דעם אײַנפלוס פון „סערקעלע״ ד״ר עטינגערס אַף גאָלדפאַדענען״. ער שטעלט נאָכדעם פעסט, אַז „די בילדער (פון „מומע סאָסיע״) זײַנען אַזוי לעבעדיק געשילדערט, אַז דערדראַזיקער פאַרס איז אַסאַך בעסער פון די אַלע אַנדערע פון דעם מין, וואָס גאָלדפאַדן האָט נאָכדעם געשריבן״ 2. אורי פינקעל פּרוּווט זיך געבן אין זײַן אַרבעט „די סאָציאַלע פיגורן פון גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק״ אַ גענויעם אַנאַליז פון דער פּיעסע. אין גרונט לייגט ער אַוועק גאָרינס געדאַנק וועגן דער האַשפּאָע פון „סערקעלע״ אַף גאָלדפאַדע-נען. ער ווײַזט אָן גענויער די ענלעכע שטריכן פון די ביידע ווערק און באַשליסט, אַז גאָלדפאַדן האָט אין זײַן ערשטן דראַמאַטישן פּרוּוו „ניט געקאָנט נאָך גריווער זײַן די אייגענע אומבאַהילפיקײַט״ 3.

אין דער צײַט, ווען ס׳הערשט אַזאַ פּלאָנטער אין די פאַרשידענע אָפּט קעגנזעצלעכע מיינונגען וועגן דער „מומע סאָסיע״, באַקומען אַ געוויסע באַדײַטונג די ידיעות, וואָס דער מעכאַבער פון די שורעס האָט גענומען בײַ גאָלדפאַדנס פרײַנט אין אָדעס.

ס׳איז שוין אַמאָל אָנגעוויזן געוואָרן 4 אַף א. יאַמפּאָלסקיס „זיכרוינעס וועגן אָרשאַנסקי״, ווו ס׳ווערט דערציילט, אַז די געשטאַלטן פון דער „מומע סאָסיע״ זײַגען גענומען געוואָרן פונעם אָדעסער לעבן. איצט קענען מיר שוין גענוי פעסטשטעלן, וואָס די באַהויפּטונג פון א. יאַמפּאָלסקי האָט באַטײַט. ווי עס ווײַזט זיך אַרויס האָט גאָלדפאַדןווירקלעך גענומען זײַנע העלדן פאַר דער „מומע סאָסיע״ פון דעם לעבעדיקן אַרום 5.

קומענדיק קײַן אָדעס, נאָך זײַן אַוועקפאָרן פון סימפעראָפּאָל, האָט גאָלדפאַדן געטראָפן צו זײַן פעטער ייִדל קעסלמאַן. ייִדל קעסלמאַן איז געווען כאַיִם ליפּע גאָלדפאַדנס אַן אייגענער ברודער. זײַן פאַמיליע איז פאַרביטן געוואָרן נאָך גאָר אין דער יוגנט; דער פאָטער האָט אים צוליב פּריזיוו-איניאָנים צו-

1 טעאַליט, ניויאָרק, 1923, נומ, 2, ז. 3. אַגעוו, ריזיקאַליש פונדעסטוועגן אַרויסצוזאָגן אַזאַ געדאַנק, ניט באַגרינדנדיק אים קאָנקרעט. שאַצקיס באַהויפּטונג פאַרכידעשט נאָכמער דערפאַר, ווײַל ער האָט דאָס ווערק ניט געזען. זע שאַצקיס אינטערעסאַנטע ביבליאָגראַפישע רעשימע פון גאָלדפאַדנס ווערק (גאָלדפאַדן-בוך, ניויאָרק, 1926), ווו ס׳ווערט אָנגעוויזן, אַז „די מומע סאָסיע״ איז ניט געדרוקט געוואָרן.—

2 ב. גאָרין, די געשיכטע פונעם אידישען טהעאַטער, ערשטער באַנד ז. 151.

3 צײַטשריפט, מינסק, 1926, ז.ז. 93—92.

4 נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „א. גאָלדפאַדן״ ז. 21.

5 פאַרשטייט זיך: דער פאַקט שליסט ניט אויס די מעגלעכקײַט, אַז אין גאָלדפאַדנס ווערק זענען פאַראַן האַשפּאָעס פון עטינגערס „סערקעלע״. די רעד.

געשריבן צו אַ קינדערלאָזן איינעם אַ קעסלמאַן. ווי כּאַים ליפּע — אַווראָם גאָלדפאַדנס פּאָטער —, איז יידל אויך געווען אַ זייגערמאַכער. צו דער צײַט, וואָס אַווראָם איז געקומען, האָט יידל קעסלמאַן שוין געהאַלטן אין אָרעס אַן אַנגראָ-געשעפט פון זייגערס און צירונג. דאָ, אין דער קלייט, האָבן אַלע גאָלדפאַדנס ברידער דורכגעמאַכט זייער זייגערמאַכערישע שול. אַליין בעטעווע אַ שוואַכער כאַראַקטער, האָט יידל קעסלמאַן אין אַלעמען זיך אונטערגעוואָרפן אונטער דעם ווײַבס שליטע. זי, דאָס ווײַב, רייזע, איז געווען, פאַרקערט, אַ יידענע, וואָס האָט ליב געהאַט צו זײַן די גאַנצע דייע-זאָגערן, ווי אין מישפּאָכע-איניאָנים, אַזוי אויך אין מיסכער. אָט פון דער סוויווע האָט גאָלדפאַדן גענומען די פערזאָנען פאַר זײַן ערשטן טעאַטער-ווערק.

געשעען איז עס, ווי מע גיט איבער, אַזוי.

דאָ, באַ קעסלמאַנען, האָט גאָלדפאַדן געטראָפן זײַן מומעס אַ שוועסטער, זעלדע, און זײַן אַ שוועסטערקינד מיצאַד דעם טאַטנס אַ שוועסטער—העניע, וועלכע דער פעטער יידל האָט אריבערגענומען צו זיך נאָך איר פאָטערס טויט. העניעס פאַמיליע לויט איר פאָטער איז געווען האַלפּערין. געקומען איז זי פונעם שטעטל ראַדזיווילעוו — וואָלין, ווו איר פאָטער איז געשטאָרבן. זעלדע איז געווען אַ גאַנץ שיין, פּראָסט מיידל, פון דער נאַטור ניט קיין איבערגעשפּיצטע. קאָנטיק, אַז זי האָט אַ לענגערע צײַט ניט געקענט צוקלײַבן קיין שידעך פאַר זיך. די געקומענע העניע האַלפּערין, וואָס איז געווען, ווײַזט אויס, גערעטענער פון זעלדען, האָט מער נויסעכיין געווען אין די אויגן פון די אַרומיקע, און דאָס איז גאַנץ גענוג געווען אַף אַרײַנברענגען סיכסוכים אין די מישפּאָכע-באַציִונגען. דער מומען האָט זיך געדראַכט, אַז דעם מאַנס פלימעניצע איז שולדיק אין דעם, וואָס איר שוועסטער קאָן זיך ניט צוקלײַבן קיין שידעך, און די יעסוימע איז אויסגעפאַלן אַ קאָרבן פון אירע רעדיפעס. די לאַגע איז באַזונדערס פאַרשאַרפט געוואָרן דעמלט, ווען יאַקאָוו בלייכמאַן — רייזע קעסלמאַנס ברודער—האָט זיך פאַרליבט אין דער יעסוימע און האָט באַשלאָסן פאַר איר כאַסענע האָבן.

פונקט אין דער צײַט קומט אָן גאָלדפאַדן קיין אָדעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם פעטער דעם נאָגיד, באַ וועמען ער האָט געזאָלט באַקימען אַ מאַטעריעלע שטיצע. די ערשטע צײַט איז גאָלדפאַדן געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. שטענדיק אַן אופגעלייגטער און פריילעכער, איז גאָלדפאַדן געווען דער ליבלינג אין דער מישפּאָכע. באַזונדערס וואַרעם האָבן אים אופגענומען קעסלמאַנס קינדער. איינער פון זיי, יאָסעף, איז געווען אַ גוטער פּיאַניסט. ווי סע ווערט דערציילט, האָט ער אַסאַך מיטגעהאָלפן גאָלדפאַדענען באַם צוקלײַבן מעלאָדיעס פאַר זײַנע לידער. נאָר אויב די קינדער האָבן שטאַרק ליב געקריגן גאָלדפאַדענען, האָבן אָבער דער פעטער מיט דער מומען אינגיכן אָנגעהויבן ווערן אומצופרידן. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז גאָלדפאַדן וועט זײַן באַ זיי נאָר אַ קורץ שטיקל צייט ביזן איינאָרדענען זיך. דער אָנגעלייגטער גאַסט איז אינגיכן באַ דער אומצופרידענער מומע געוואָרן אַן אָנגעוואָרפן קעסטקינד. דערצו נאָך איז גאָלדפאַדן געווען אַ מעטש מיט גרויסע האַסאָגעס און פאָדערונגען פונעם לעבן.

האָבנדיק דעם פעטער באַ דער זײַט, האָט גאָלדפאַדן געקענט בעעמעס אַ לעב טון פרײַ און זאָרגלאָז, ווי ער האָט ליב געהאַט. אָט זײַנען אייניקע אינטערעסאַנטע פּראָטים פון גאָלדפאַדנס לעבן אין יענער צייט, ווי עס גיט זיי איבער גאָלדפאַדנס אַ באַקאַנטע, די, וואָס ווערט גערעכנט פאַר דעם לעבעדיקן פּראָטאָטיפּ פון כאַנצע-געגענדל (פון דער „מומע סאָסיע").

„פאַר דער צייט, וואָס גאָלדפאַדן איז געווען, פלעג די גאַנצע שטוב גיין כאָדאָראָם. זײַן אויסטאַנצן און זיין אויסזינגען האָט גאָר קיין שיר ניט געהאַט. זיין גרעסטער כיסאָרן איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ וויטראָפּאָל. יידל האָט מיט אים דערפאַר טאַקע אָפט געהאַט צו טון, פאַרוואָס ער טראַכט ניט וועגן אַ טאַכלעס. ווי דער טאָג פלעג זיין גרויס — פלעג ער איבערליגן מיט ליגעצקין און בערנשטיינען אין סטעפּ און שרייבן לידלעך. די נעכט פלעג ער אויסזײַן ווו אַ טעאַטער. ער האָט זיך געקענט פאַרגינען קומען באַנאַכט 3—2 אַזייגער אַף אַ איזוואָשטשיק און אופהייבן אַזאַ גערודער, אַז די גאַנצע שטוב איז געגאַנגען כאָדאָראָם: „אַנו, פעטער, צעשנירעוועט נאָר דעם בײַטל — איך דאַרף באַצאָלן דעם איזוואָזשטשיק", און יידל פלעג זיך לאָזן מעלקן — אַן אַנדער ברייִרע האָט ער געהאַט?!"

ס'איז קלאָר, אַז באַ דעם פעטער מיט דער מומען האָט זיך געדאַרפט שאַפן אַ אומצופרידנקײַט. יידל קעסלמאַן איז אָבער געווען בעטעווע אַ ווילער מענטש — האָט זיך דאָס לעכאַטכילע ניט באַמערקט. רייזע האָט אינגיכן גענומען אַן אנדער טאָן. איר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז אין דער געשטאַלט פון גאָלדפאַדענען האָט זי אַ פאַרטיקן באַשערטן פאַר איר שוועסטער זעלדען. גאָלדפאַדן, וואָס איז בעטעווע געווען אַ לעבנסלוסטיקער, האָט ניט געקאַרגט, אינאָנהייב, קיין שמייכל פאַר דער מומעס שוועסטער. די מומע האָט אָנגענומען גאָלדפאַדנס לײַכטזין פאַר אַן עמעסער מאַטבייע און האָט פירגעגעבן יידלען איר פּלאַן. יידל האָט פאַרשטאַנען, ווי קרום עס איז. אין דער צענטער סצענע פונעם דריטן אַקט געפינען מיר פאָלגנדיקן דיאַלאָג צווישן דאָדיען און סאָסיען, ווען די לעצטע איז צוגעשטאַנען צו אים וועגן אַ האַסקאָמע אַפן שידעך מיטן פלימעניק:

דאָדיע: וואָס האָב איך צו באַשטעהען? מע דאַרף פריער אים פרעגען צי וויל ער.

סאָסיע: דאָס זאָל שוין זיין די לעצטע דאגה, נאַראַניאַ, ער שטאַרבט נאָך איהר טריט.

דאָדיע: געה, נאַראַניא, ער נאַרט דיך, וואָס אַרט אים — ער זעהט אַ מערעל.

סאָסיע: נאַ נאַ, בייא דיר איז דאָך אַלץ אַן איבערגעקעהרטער מוח — אָט אַ פּנים דו ווייסט עפּעס וואָס מיט דיר טהוט זיך? פרעג מיך! — נאַ, דאָדיע, וואָס זאָגסטו?

דאָדיע: ווייס איך? וועדליג מיין קליינער מוח פערשטעהט איז דאָס קרום — און וויַיטער ווי דוא ווילסט דיר, איך וועל דיר קיין דעה ניט זאָגען — ווייס איך נאָך מיַין דעה נאָך איז אַנדערש. עס וואָלט אַסאַך גלייַכער געווען, אַז זיא זאָלל נעמען דעם ליטוואַק דעם זייגערמאַכער אָדע־וואָלף שנייַדער׳ס זוהן, וואָס האָט זיַין אייגענע קלייט. — דיא זענען פּראָסטע מענטשען פּערדינערס, פאר זייא פּאַסט אַזאַ ווייב אזא פּראָסטע, אזוינער וועט איהר קענען גיבן ברויט אונז זיא וועט גליקלעך לעבען פאר אזוינעם — וואָס טויג דיר קריכן וויַיט און אייַנרעדען זיך פּוסטע חלומות?

ווען פאַר דער מ׳מען איז קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט זיך ווירקלעך איַינגערעדט פוסטע כאַלוימעס, איז פאַרשאַרפט געוואָרן די אומצופרידנקייט מיטן פלימעניק, באַזונדערס ווען גאָלדפאַדן האָט געפאָדערט אַ קערבל אין קעשענע אַריין, און פאָדערן האָט ער, לויט דער גוויעס-איידעס פון זיין שוועסטערקינד מ. ל. קעסלמאַן, אָנגעהויבן גאַנץ אָפט. און אַ שיינעם פרימאָרגן האָט די מומע דערקלערט דעם פלימעניק, אַז מער קיין געלט האָט זי אים ניט צו געבן. דעמלט האָט זיך גאָלדפאַדן דערפילט באַליידיקט און ער האָט גלייַך פאַרלאָזט דעם פעטערס שטוב.

אין יענער צייט האָט גאָלדפאַדן שוין געזאָלט זיין אָן אָפּטער בעגבאַיס באַ ווערבעלן. דער אַלטער יעכיעל-מאָרדכע ווערבעל איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מאַסקילים אין אָדעס. אַליין אַ מעכאַבער[1] — איז זיַין שטוב געווען אַ מין „בית ועד לחכמים“. דער יונגער גאָלדפאַדן, וואָס האָט ערשט מיט דרייַ יאָר צוריק דעביוטירט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מיט זיַין „ציצים ופרחים“, איז, אַפּאָנים, דאָ אָפּגענומען געוואָרן גאַנץ וואַרעם[2]. באַזונדערס וואַרעם האָבן אים אופגענומען ווערבעלס בנייבאַיס, וואָס האָבן געזען אין גאָלדפאַדענען אַ פריילעכן כאַוור[3]. אין יענער צייַט האָט גאָלדפאַדן שוין געזאָלט אָנקומען אַלס לערער אין דער קאַזיאָנער שול. מעגלעך, אַז די שטעלע האָט ער באַקומען מיט ווערבעלס הילף, העיויס ווערבעל איז געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער שול. דאָ, באַ ווערבעלען אין שטוב האָט זיך גלייַך אָנגעהויבן צו וועבן דער ראָמאַן צווישן גאָלדפאַדענען און ווערבעלס טאָכטער. גאָלדפאַדן דער מאַסקיל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט כאַלוימעס צו געפינען אַ קאַלע, וואָס זאָל, לויטן פעטערס אויסדרוק, „שפּילן פּיאַנאָ און קענען שפּראַכן“, האָט דאָ געפונען וואָס ער האָט געזוכט. פאַלינע ווערבעל האָט גוט געקענט שפּראַכן. איר פאַרגעניגן איז געווען ריידן פראַנצויזיש, אַוראָם פישואָן ווייַזט אָן אין זיַינע זיכרוינעס, אַז אָט די נויגונג פון דער שפעטערדיקער פרוי גאָלדפאַדן צום פראַנצויזיש האָט אָפט אַרייַנגעבראַכט סיכסוכים אין דער טרופּע[4].

אין ד״ר צייַט פאַרטראַכט גאָלדפאַדן אָנשרייַבן אַ בייַסנדיק ווערק, אין וועלכן ער זאָל אויסלאַכן דאָס גאַנצע פעטערס הויזגעזינד. שטאָף האָט גאָלדפאַדן פאַר זיך געהאַט. די ניט-לאַנג פאָרגעקומענע אומגעלומפערטע געשיכטע מיט העניען איז נאָך געווען באַ אַלעמען פריש אין זיקאָרן. די מומע רייזע האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט פאַרדראָס און סינע צו איר ברודער יאַקאָוון, וואָס האָט איר אָפּגעטון אַ שפיצל און כאַסענע געהאַט פאַר העניען, איז געווען די בעסטע זאַך ארויספירן אָט די גאַנצע געשיכטע. עס האָט טאַקע ניט געדויערט קייַן סאַך צייַט, און באַ גאָלדפאַדענען איז פאַרטיק געוואָרן צום דרוק „דיא מומע סאָסיע“.

---

1 ער האָט אָנגעשריבן „שפתי רננות“ און „עדים נאמנים“.

2 ס׳איז, אַגעוו, קעדייַ דאָ צו פאַרצייכענען, אַז י. מ. ווערבעל האָט, קענטיק, געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום „זשאַרגאָן“. אין אַ גאַנצער ריי נומערן פונעם וואָכנבלאַט „ישראליק“, וועלכן לינעצקי מיט גאָלדפאַדענען האָבן אַרויסגעגעבן אין רומעניע, אין 1875 יאָר, געפינען מיר מעלדונגען וועגן דעם, אַז י. מ. ווערבעל איז דער איינציקער אַגענט אָף פארשפרייטן דעם זשורנאַל אין אָדעס. מע דארף זיך פאָרשטעלן, אז באַ א פייַנטלעכער באַציִונג צו יידיש וואָלט דאָס ווערבעל ניט גענומען אָף זיך.

3 די יעדיע וועגן דעם, אַז ווערבעלס קינדער זייַנען געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען צו גאָלדפאַדענען, האָב איך באַקומען באַ אַ גאַנצע ריי אָדעסער טוישווים (אַקיווע לעמבערסקי, ראַכיל בערגער און אַנע רושאַנסקע). פרוי קלאָרפעלד (ווערבעלס טאָכטער) און לעאָן ווערבעל (ווערבעלס זון) זייַנען שפּעטער געשטאַנען גאַנץ נאָענט צום טעאַטער. אָף קלאָרפעלדס נאָמען פלעגן זיך אַפילע באַקומען צענזורקעס פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאָנים. לעאָן איז געווען אַ שטיק צייַט קאַזנאַטשיי באַ גאָלדפאַדענען. ווי מע גיט איבער, האָט זיך באַ לעאָנען פאַרהיט אַסאַך גאָלדפאַדנס צענזורקעס, אַפישן, נאָטן און אַפילע מאַנוסקריפּטן. נאָך זיַין טויט זייַנען די זאַכן צוזאַמען מיט זיַין גאַנצן פאַרמעגן איבערגעגאַן צום יינגערן ברודער יאַקאָוון. אין דער צייַט פון בירגערקריג איז אונטערגעגאַן דער וויכטיקער אויצער, וואָס איז געבליבן פון גאָלדפאַדענען אין אָדעס. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָט זיך איַינגעגעבן אָפּראַטעווען, איז אַ אינטערעסאַנט בילד מיט אַ פאַקסימיליע פון גאָלדפאַדענען, וועלכע כ׳האָב באַקומען שוין פון דער פּערטער האַנט באַ יאַקאָוו ווערבעלס איידעמס אַ ברודער — באָריס לערנער.

Библиотека театра—1913 А. Фишзон „Записки еврейского антрепренера“ 4

.2

וועמען-זשע פון די אַרומיקע פאַרשוינען האָט גאָלדפאַדן אויסגענוצט פאַר זײַן ערשט טעאַטער-ווערק און ווי אַזוי האָט ער זיי אופגעפאַסט?

אינטערעסאַנט איז פריער פון אַלץ אָנצוּווײַזן, אַז דער מעכאַבער האָט זיך אַליין אויך אַרײַנגעפלאָכטן אין דער קאָמעדיע.

הינטער דער געשטאַלט פון אײַזיק זילבערזײַד — דעם סטודענט, וואָס לערנט אין דער „וואָרסטעט" אַף דאָקטער, האָבן מיר פאַר זיך דעם מעכאַבער, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיקט די ראַבינער-שול. דער מעכאַבער האָט נאָר פאַרביטן זײַן עמעסן נאָמען און פאַמיליע מיט אַן אַסאָציִירנדיקן נאָמען. פון אַווראָם גאָלדפאַדן (גאָלדענפאָדים) איז געוואָרן איזאַק זילבערזײַד; — עס איז קלאָר, אַז דאָ איז גענומען געוואָרן אין אכט דער וואָרט-טײַטש. און איצט אָט ווי עס דאַרף דעשיפרירט ווערן, לויט דער געוויסע-איידעס פון גאָלדפאַדנס פרײַנט (געניי וועגן זיי — ווײַטער), דאָס איבעריקע צעטל נעמען פון די העלדן אין דער „מומע סאָסיע".

דאָדיע לעמעשקע — יידל קעסלמאַן.	דער נאָמען לעמעשקע האָט אים געגילט אַף כאַראַקטעריזירן דעם מענטשן אָן ווילן. דאָדיע האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן, קענטיק, צוליב קרויווגשאַפט מיטן העברעיִשן „דודי" (פעטער).
סאָסיע — רייזע קעסלמאַן.	יידלס ווײַב.
כאַנציע גנענדל — זעלדע בלייכמאַן.	איצטיקע פרוי דאַווידזאָן — רייזעס שוועסטער (לעבט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אין אָדעס).
מוישע קופערשטיק — יאַקאָוו בלייכמאַן.	רייזעס ברודער. אַגעוו, דאָ זײַנען אײך פאַרהיט שפורן פון דער עמעסער פאַמיליע; בלייכמאַן—קופערשטיק.
איספּאַנסקי שלוימע — כלאווע אגליצקי.	איספאַנסקי צוליב אנגליסקי (אגליצקי).
כינקע—העניע האַלפערין.	יידלס פלימעניצע מיצאַד זײַן שוועסטער לייע.
פײַטל דאוויד — דאַווידזאָן.	זעלדע בלייכמאַנס ווירקלעכער מאַן.
יודקע פײַפער — קאַץ.	אינדערעמעסן אַ מעקלער אַן עקספּעדיטאָר אַף דער טאַמאָ-זשנע, אַ שטענדיקער בענבאַיִס באַ יידל קעסלמאַנען, בעטעווע געוועזן אַ פּרעסער.
ר' כאַזקל — מאָסטינסקי.	ווירקלעך געווען אונטערכאַזן אין דער בראָדער שול, ווו יידל קעסלמאַן פלעג דאַוונען.

אַף אַזאַ אויפן קומט אויס, אַז אַלע פערסאָנאַזשן פון דער פּיעסע, ווי אויך די סיטואַציע איז, ווערליק מע גיט אונדז איבער, גענומען געוואָרן פון דער לעבעדיקער סוויווע.

ווי אַזוי-זשע האָט גאָלדפאַדן אופגעפאַסט זײַנע „העלדן"? וואָס האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו ענדערן אין די באַאָבאַכטעטע געשטאַלטן?

באַהאַנדלענדיק אָט די פראַגע אַפן סמאַך פון דער „מומע סאָסיע", לויט די געגעבענע יעדיעס, האָבן מיר אַ מעגלעכקײַט נאָכצופאָלגן דעם מעכאַבער אין זײַן אַרבעט.

פאַר אַלעמען וועגן סיוזשעט.

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אַף אַסאַך ערטער, אַז דער סיוזשעט פון דער „מומע סאָסיע" איז צו אַ פאַרפלאָנטערטער.

ס'איז אָבער קעדײַ צו פאַרצייכענען, ווי אַזוי גאָלדפאַדן איז דערצו געקומען. ער האָט גענומען די פאַר-פלאָנטערטע ווירקלעכע סיטואַציע, וועלכע ער האָט געטראָפן באַם פעטער אין שטוב, און ער האָט צו דעם נאָך צו-געגעבן אַ טייל וואָדעווילאַרטיקע דעטאַלן. ס'איז צוגעטראַכט געוואָרן דער לעצטער אַקט — דאָס צונויפפאָרן כינ-קעס כאַסענע מיט כאַנציע-גנענדלס טנאָיִם, די גאַנצע סצענע מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי (פײַטל דאַווידס ווײַב), וועלכע גאָלדפאַדן האָט געוויס אַראָפּגעבראַכט צום מאָמענט פון די טנאָיִם צוליבן איבעראַשנדיקן פינאַל. פאַקטיש איז טאַקע דעמלט, ווי מע גיט איבער, געשלאָסן געוואָרן דער שידעך מיט דאַווידזאָנען. ער איז געווען אַן אַר-בעטער אַ גראַוער און בעפּירעש ניט קײַן ליטוואַק; פאַר אַ ליטוואַק האָט אים גאָלדפאַדן געמאַכט צוליב דעם פינאַל מיט דער איבערגעלאָזטער פרוי. ס'איז באַוווסט, אַז אין פאָלק גייען אום אַסאַך מײַסעס וועגן דער אייגנ-שאַפט פון די ליטוואַקעס צו האָבן אַ סאַך ווײַבער. דאָס אַרײַנפירן דעם ליטוואַק האָט אויך געגילט גאָלדפאַדענען אַף צו פאַרשטאַרקן דעם קאָמישן מאָמענט דורכן ליטווישן אויסשפּראַך. מע דאַרף, עמעס, אינזינען האָבן, אַז גאָלד-פאַדן האָט אין דעם היגזיכט געהאַט פון וועמען באַיינפלוסט צו ווערן (פון עטינגערס „סערקעלע").

דאָסזעלבע, וואָס גאָלדפאַדן האָט געטון מיט דער פאבול, האָט ער געפּרוווט טון אויך בנוגע די באַרשוינען פון דער קאָמעדיע. יודקע פייַפער—אַ טיפּ פון אַ שאַ־כן אַ טעלער־לעקער—אָט דער טיפּ, וואָס איז, עמעס, איבערגעזאָלצן לויט דער פאָדערונג פונעם וואָדעוויל-כאַראַקטער פון דער קאָמעדיע, איז, אייגנטלעך, ניט געווען קיין שאַדכן. לויט זייַן פּאַקטישער פּראָפעסיע איז ער, ווי מע גיט איבער, געווען אַ מעקלער און עקספּעדיטאָר אַף דער טאַמאָזשנע. ער איז געווען אַ גאַנץ אָפטער אייַנגייער באַ קעסלמאַנען. גאָלדפאַדן האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די ראָליע פון אַ מעקלער אָדער עקספּעדיטאָר וואָלט געווען צו אַ צופעליקע אין דער פּיעסע און זי וואָלט ניט געווען פאַרבונדן מיט דער עצם-פאַבולע. פאַר אים איז וויכטיקער געווען צוגעבן אַ שאַדכן—אַ קאָמישע פיגור, וואָס זאָל שטייענדיק אינדערמיט פון אָט דער לעבנס-קאָמעדיע, נאָך בוילעטער פאַרשאַרפן די אומגעלומפּערטקייַט פון דעם בינטל נאַראָנים. האָבנדיק פאַר זיך די געשטאַלט פון אָט דעם טיפּישן מעקלער, האָט גאָלדפאַדן זי אויסגענוצט און, צוגעבנדיק איר אייניקע דעטאַלן, געשאַפן אַ שאַדכן-פיגור, וואָס בלייַבט איינע פון די געלונגען-שאַרזשירטע פיגורן פון דער פּיעסע. ריכטיק ווייַזט אָן פינקעל, אַז אָט דער שאַדכן-טיפּ האָט געגעבן גאָלדפאַדענען אַסאַך שטאָף פאַר זייַנע שפּעטערדיקע שאַדכאָנים-פיגורן.

די אינטערעסאַנטסטע פיגור אין דער פּיעסע בלייַבט פאַר אונדז איזאַק זילבערזייַד. אינטערעסאַנט איז זי דערפאַר, ווייַל אין איר האָט גאָלדפאַדן פאַרקערפּערט אייניקע אַוטאָביאָגראַפישע שטריכן, האַגאַם דיראָזיקע שטריכן, מוז מען זאָגן, זייַנען געצייכנט גאַנץ אויבנויפיק.

ס'האָט שוין אָנגעוויזן אורי פינקעל אין זייַן דערמאָנטער אַרבעט וועגן דעם, אַז זילבערזייַד—דער סטודענט פון דער „מומע כאַסיע"—שפּילט די ראָליע פונעם לוסטיקן פאַרשוין, אין דער צייַט, ווען ערליך—דער סטודענט פון „סערקעלע"—בלייַבט די פאַרקערפּערונג פון גוטס אין דער פּיעסע. און ווירקלעך האָבן מיר אין דער געשטאַלט פון זילבערזייַדן ניט קיין רעזאָנער, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַף מוסער לערנען,—האַגאַם אַ פּאָר אַזעלכע שטעלן זייַנען פאַראַן—נאָר אַ פּאַקטישן אָנטיילנעמער פון דער גאַנצער לעבנס-קאָמעדיע. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס גאָלדפאַדן—דער יונגער ראַבינער פיגורירט דאָ אין דער פּיעסע, ווי אַ סטודענט, וואָס לערנט אין דער „וואַרסטעט" אַף דאָקטער. מיר ווייסן, אַז גאָלדפאַדן האָט זיך געלאָזט קייַן מינכען מיט אַ כאָלעם אָנצוקומען אַפן מעדיצינישן פאַקולטעט. דערבייַ טרעט פאַר אונדז אַרויס אויך די געשטאַלט פון גאָלדפאַדענען דעם מאַסקיל. ווען זילבערזייַד הייבט אָן זייַן פּרוביר-שמועס מיט כאַנציע-גענענדלען לעכאַטכילע אַף פראַנצויזיש („ע קאָמאַן ווא פּאַרטעי מאַדאמואַזעל"?); דערנאָך אַף דייַטש („האַבען זי ניכט איין באַנדכען סאפיר?") ביז ער קומט צו דער פראַגע: „טשטאָ סלישנאָה זדיעס נאַסשטאָט ציוויליזאַציִי?"—זעען מיר פאַר זיך ניט נאָר דעם לעץ, וואָס וויל כויזעק מאַכן פונעם פּוסטן מיידל, וואָס קאָן ניט קייַן שפּראַכן און ווייסט ניט ווי פּאַנאַנדערקלייַבן זיך אין האַרבע פראַגן פון „אַציעס" און „מיזמען",—דאָ טרעט אויך אַרויס פאַר אונדז גאָלדפאַדן דער מאַסקיל, וועלכער איז גרייט פאַר יעדן זיך צעפּאַקעווען מיטן באַגאַזש פון זייַנע יעדיעס און קענטעונישן. אייגנטלעך, דערוועקט באַ אונדז די פראַגע פון זילבערזיידן: „טשטאָ סלישנאָה זדיעס נאַסשטשאָט ציוויליזאַציִי?" ניט ווייניקער שמייכל, ווי דער קוידעריש-ענטפער פון כאַנצע-גענענדלען: „דעם סטשאָט פון די ציבעלעס ווייס איך ניט אַקוראַט".

גאָלדפאַדן איז ווירקלעך געווען אָט דער טיפּישער מאַסקיל, פאַר וועמען דאָס ריידן אַף „זשאַרגאָן" אין די הויכע פענצטער איז געווען אַ קנאַפּע ערע[1].

לעבעדיקער און נאַטידלעכער פון אַלעמען איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער פּיעסע די מומע סאָסיע. דאָ שפּילט ניט דער מעכאַבער מיט אַזעלכע וואָדעווילאַרטיק איבערגעזאָלצענע פראַזן, ווי באַ דאָריען און כאַנצע-גענענדלען. דער מעכאַבער האָט זיך דאָ פירגענומען אַ שווערע אופגאַבע. אין דער געשטאַלט פון דער מומען האָט גאָלדפאַדן זיך געבעריעט צו געבן ניט קייַן נאַר אין געוויינלעכן זינען פון וואָרט. פון צווישן די שורעס קוקט אַרויס די יידענע דער „בר-דעת", וואָס ווייסט „ווי אייַן און ווי אויס". פאַר איר שלעכט באַהאַנדלען די יעסוימע ווערט אָבער אָט די יידענע מיטן מאַנסבילשן קאָפּ לויטן אורטייל פונעם מעכאַבער ג ע ש ט ע ל ט צום נאַר. און גאָלדפאַדן פאַרופט דעם גרעסטן טייל פון זייַנע פערסאָנאַזשן קומען און אָפּלאַכן פון דער מומען. איספּאַנסקי, זילבערזייַד, מוישע קופּערשטיק, יודקע פייַפער און אַפילע דער אונטערכאַזן דער ניכנע—אַלע אַלע זייַנען זיי פאַרופן געוואָרן דורכן מעכאַבער אַף מאַכן „לייַטישן געלעכטער" פון דער מומען. און וויכטיק איז דאָ גאַנץ אָפּט ניט אַזוי דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט, וויפל די שילדערונג גופע, וואָס שפּרודלט מיט עמעסן, ניט געקינצלטן קאָמיזם. —

ווי אַזוי-זשע איז „דיא מומע סאָסיע" אופגענומען געוואָרן?

---

1 לויט די פאַראַנענע יעדיעס האָט גאָלדפאַדן זיך געקעכלט דערמלט באַזונדערס אין דייַטש. דער מעכאַבער פון די שורעס האָט געלייענט אַ ווינטש-קאַרטל, וואָס גאָלדפאַדן האָט אָנגעשריבן צו זייַנעם אַ באַקאַנטן פון רוסלאַנד, איינעם ווייַסמאַן, מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער. דאָס האָט געזאָלט זייַן 30 דעקאַבער 1878 יאָר. די אופשריפט איז אַ גאַנץ געוויינלעכע און האָט ניט קייַן באַזונדערן אינטערעס פאַר אונדז. וואָס סע בלייַבט יאָ אינטערעסאַנט, איז דאָס, וואָס די אופשריפט איז געמאַכט געוואָרן אין דייַטש. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דאָס ווינטש-קאַרטל איז געשריבן צום מעכאַבערס אַ גוטן באַקאַנטן, מיט וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען דעם וועג צווישן „שמענדריקס" און „קונעלעמלעך", וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן די קוריאָזישקייַט פון דער דייַטשישער אופשו־יפט.

ס'איז באַוווּסט, אַז אין „קול מבשר״ נומ׳ 22 פאַרן 1869 יאָר איז געלייגט געוואָרן אָן אָנהייב צו אַ ביבליאָגראַפישער אָפּטיילונג, וועלכע האָט פאַרגאַטירט און קריטיקירט די בעסטע קלאַסישע ווערק פון אַקסנפעלדן, מענדעלען און פון אַנדערע. דאָס ערשטע ווערק, מיט וועלכן די אָפּטיילונג הייבט זיך אָן—איז „דיא מומע סאָסיע״. אין דער קורצער נאָטיץ ווערט דאָס טעאַטער-שטיק געלויבט.

ס'איז אויך באַוווּסט, אַז אין 1872 יאָר איז אין אָדעס דערשינען אַ צווייטע אויפלאַגע פון דער „מומע סאָסיע״. ס'וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן דער פאַקט, אַז גאָלדפאַדן האָט קיינמאָל ניט אויפגעפירט די „מומע סאָסיע״ אין אָדעס 1.

ווייַזט אויס, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויפירן אין אָדעס „דיא מומע סאָסיע״ וואָלט ווידער געהייסן אַרייַנברענגען סיכסוכים אין דער מישפּאָכע—אַ זאַך, פון וועלכער גאָלדפאַדן איז געווען וויַיט. ווער שמועסט נאָך דעמלט, ווען ער איז געקומען איַינאָרדענען דעם ייִדישן טעאַטער. דאָ אין אָדעס האָט דער טעאַטער איבערגעלעבט פאַרשיידענע ציַיטן. אין שאַסהאַרכאַק פלעג גאָלדפאַדן אָנקומען צום פעטער. דאָ פלעג ער אויך פון ציַיט צו ציַיט אונטערהאַלטן דעם אוילעם 2.

דער פעטער, וואָס האָט שוין פון דעמלט אָן געהאַלטן שאָלעם מיטן פלימעניק, האָט אָבער ביזן טויט אַריַין געפירט אַ מילכאָמע מיטן פאַרשפּרייטן ווערק, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַסאַך אַגמעס-נעפעש 3. לויט דער גוויעס אײדעס פון זיַין זון פלעג קעסלמאַן אויפקויפן ווי נאָר ער האָט געטראָפן אַן עקזעמפּליאַר פון דער „מומע סאָסיע״ און אים פאַרברענען. —

צום שלוס נאָך עטלעכע ווערטער וועגן די פּערזאָנען, באַ וועמען איך האָב באַקומען די ידיעס וועגן גאָלדפאַדנס „אָדעסער יאָרן״ און ספּעציעל וועגן דער „מומע סאָסיע״.

די ערשטע ידיעס וועגן דער „מומע סאָסיע״ האָב איך באַקומען באַ אַן אַלטן אָדעסער טוישעוו, וויַיסמאַן. וויַיסמאַן איז אין דער ציַיט פון דער רוסיש-טערקישער מילכאָמע געווען אין בוקאַרעסט, ווו ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט גאָלדפאַדענען און איז בײַגעווען באַ די ערשטע טריט פונעם ייִדישן טעאַטער. די באַקאַנטשאַפט פון וויַיסמאַנען מיט גאָלדפאַדענען ווערט ווירקלעך באַשטעטיקט דורך דעם שוין דערמאָנטן ווינטשקאַרטל.

אַדאַנק וויַיסמאַנס אָנווייַזונג האָט זיך מיר איַינגעגעבן טריט נאָך טריט דערשלאָגן זיך צו אַלע גאָלדפאַדנס קרויווים אין אָדעס און צו סטאַם באַקאַנטע זיַינע פון יענעם פעריאָד, צו וועלכן עס געהערט די „מומע סאָסיע״. דאָס זיַינען: ייִדל קעסלמאַנס (דאָריע לעמעשקעס) זון—מוישע-לייב, זעלדע בלייכמאַן (כאַנצע-גענענדל) און הענע האַלפערינס (כינקעס) פלימעניק—פינכעס פאָלישטשוק. אָט באַ די פּערזאָנען האָב איך באַקומען די אַלע ידיעס, וועלכע האָבן אַ שייַכעס צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס קאָמעדיע „די מומע סאָסיע״. די ידיעס זיַינען ווי וויַיט מעגלעך

1 גארין ברענגט אין זיַין „געשיכטע פונעם אידישען טהעאטער״ באַנד ז. 172, אַז „דיא מומע סאָסיע״ איז ניט אויפגעפירט געוואָרן אין רומעניע איבערן באַגרענעצטן פּערסאָנאַל פון דער טרופּע. אויב אָט דער טערעץ איז גילטיק געווען פאַר רומעניען, איז ער אָבער פאַר אָדעס בעשום אויפן ניט באַרעכטיקט. אין 1879 י. האָט גאָלדפאַדנס טרופּע געציילט אין אָדעס 27 אַקטיאָרן (19 מענער און 8 פרויען). די ידיעה ברענג איך פונעם באַריכט פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק אין דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פאַר דרוק-איניאָנים—אַרכיוו פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאַראָרדענונגס-טיש, איניען נומ. 27 פאַרן 1879 יאָר. О разного рода предметах, касающихся Главного Управления по делам печати בלאַט 93

2 ייִדל קעסלמאַנס זון מוישע-לייב דערציילט, לעמאָשל, אַזאַ פאַקט. אין איינעם פון די אָנהייב אַכציקער יאָרן האָט קעסלמאַן געפראַוועט דעם געבורטאָג פון זיַין טאָכטער עסטער. גאָלדפאַדן האָט צו דעם פאַרוויַילונג-אָוונט צוגעגרייט אַ וואָדעוויל, וועלכן ס'האָבן געשטעלט קעסלמאַנס קינדער און אויך זייערע כאַוויירים און מעקוראָווים. דעם וואָדעוויל האָט ער אַ נאָמען געגעבן „דער לעבעדיקער מת״. דער אינהאַלט איז געווען בערערך אַזעלכער:

אַן אָרעמען סטודענט האָט זיך פאַרוואָלט פיַיערן זיַין געבורטאָג. ניט האָבנדיק קיין מיטלען דערצו, האָט ער צונויפגערופן זיַינע כאַווירים און אָפּגעהאַלטן מיט זיי אַן אייצע. איז געבליבן, אַז מ'דאַרף זעען אַרויסנאַרן געלט דערוף באַם ריַיכן פעטער. אַזוי ווי דער פעטער איז אָבער געווען אַ קאַרגער און אַ האַרטער פאַרשוין צום געבן, איז כעוורע געפאַלן אַף אַזאַ סייכל: דער סטודענט וועט זיך מאַכן פאַר אַ געשטאָרבענעם. דעמלט וועט דער פעטער ווערן מילדער און וועט זיך געוויס לאָזן קאָסטן אַף די הויצאָעס-האַלוויַיע. גערעדט און געטון. מ'האָט, פאַרשטייט זיך, דורכגעמאַכט דערביַי די גאַנצע פּראָצעדור: מ'האָט אָוועקגעלייגט דעם „מעס״ אַף דער ערד, אים איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, אָנגעצונדן ליכט צוקאָפּנס און געבראַכט דעם פעטער אַ דערשראָקענעם. דער פעטער קומט אַריַין, זיפצט אָפּ. לעסאָף צעשנורעוועט ער דעם ביַיטל און גיט די כאַוויירים געלט, זיי זאָלן זיך מיסאַסעק זיַין מיט דער לעוואָיע. דעמלט שפּרינגט דער מעס אוף אַ לעבעדיקער. כעוורע שיסן אויס אַ געלעכטער און דער פעטער בליַיבט אַ צעמישטער. מיטאַמאָל וואַקסט אויס אַ קערמעשל מיט טענץ, מיט שפּילן און געזאַנג. דער פעטער בעט זיך איבער: „שקאָצים—טאַינעט ער—ס'קאָסט מיך אַזויפיל געלט, לאָמיך כאָטש אויך עפּעס פאַרזוכן״. כעוורע נעמען אַריַין דעם פעטער אין קאָן אַריַין און מע הוליעט אייניינעם.

3 לויט דער גוויעס-אײדעס פין אַלע גאָלדפאַדנס קרויווים, ווי אויך פון אַ גאַנצער ריי עלטערע טוישעווים פון אָדעס, האָט מען ייִדל קעסלמאַנען שוין ביזן טויט אַריַין גערופן „לעמעשקע״.

קאָנטראָלירט און באַשטעטיקט פון עטלעכע מענטשן. ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַלע אָנגעוויזענע פּערזאָנען געדענקען ניט נאָר די פאַקטישע פאַרשוינען, וואָס גאָלדפאַדן האָט אויסגענוצט אין דער „מומע סאָסיע", זיי ווייסן אויך די מער כאַראַקטעריסטישע אָפּלאַכערישע שטעלן און געדענקען די גאַנצע מישפּאָכע גאָלדפאַדנס, זײַנע ברידער, שוועסטער און אויך די עלטערן. מיר פאַרצייכענען דאָ אייניקע פּראָטים.

כאַים-ליפּע גאָלדפאַדן איז געבוירן געוואָרן אין ווישניוועץ, וואָלינער גובערניע. צו 15 יאָר איז ער איבערגעפאָרן קײַן אַלטקאָנסטאַנטין, ווו ער האָט געאַרבעט באַ אַ זייגערמאַכער און כאַסענע געהאַט פאַר זײַנס אַ מיידל—כאַנע-ריווען—די שפּעטערדיקע מוטער גאָלדפאַדנס. שפּעטער איז ער באַוווּסט געוואָרן ווי דער בעסטער באַלמעלאָכע אין שטאָט און ער איז אינגיכן געקומען צו אַ באַלעבאַטישן ווילשטאַנד. די ליבע צו זײַן פאַך האָט ער אויך איבערגעגעבן בירושע צו זײַנע קינדער, וועלכע ער פלעג איבערשיקן קײַן אָדעס, וויבאַלד זיי האָבן זיך געשטעלט אָף די פיס. די ייִנגלעך האָבן זיך געלערנט פון קינדוויַיז אָן זייגערמאַכעריי און זײַנען געווען גוטע פאַכלײַט. אַלע כאַים-ליפּעס קינדער אויסער אַווּרעמלען האָבן געהאַט זייער אַ קנאַפּע בילדונג, זיי זײַנען אָבער פון דער נאַטור געווען קלוגע און ווערטלזאָגער. כאַים-ליפּע איז שוין גאָר אין די יונגע יאָרן געווען קנאַפּ רעליגיעז. ער איז געווען אַ מאַסקיל, פלעג אָפט אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג. די שטאָט האָט געקוקט אָף אים, ווי אָף אַ „קל שבקל" און זיך געהאַלטן פונוויַיטן פון אים.

נאָכדעם ווי כאַים-ליפּע האָט אויסגעגעבן אַלע קינדער, האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס. דאָס איז געווען שוין סאָף אַכציקער יאָרן. דאָ, אין אָדעס, האָט געוווינט כאַים-ליפּעס טאָכטער פערל, וואָס האָט כאַסענע געהאַט פאַרן באַקאַנטן כויוועוציעניק ז. פעלדבערג (געשריבן אַסאַך אין „המליץ", זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים—שדה-הררי). כאַים-ליפּע האָט געוווינט אין איין דירע מיט זעלדע דאַווידזאָנס איידעם זיסלין, וואָס באַשטעטיקט אויך די אַלע יעדיעס וועגן דער „מומע סאָסיע". לעסאָף וועלן מיר צוגעבן, אַז דאָ אין אָדעס לעבט אַ זייגערמאַכער פײַנמאַן, וואָס האָט געאַרבעט באַ כאַים-ליפּען אין אָדעס. פײַנמאַן באַשטעטיקט אויך, אַז ייִדל קעסלמאַן איז געווען כאַים-ליפּע גאָלדפאַדנס אַן אייגענער ברורער. לויט די יעדיעס, וואָס זיסלין גיט איבער, פלעג כאַים-ליפּע גאַנץ אָפט באַקומען פון אַווראָמען, וואָס האָט געוווינט אין יענער צײַט אין אויסלאַנד, בריוו און אויסצוגן פון צײַטונגען. כאַים-ליפּע פלעג אָפט שטאָלצירן מיט זײַן אַווראָמען. איינמאָל האָט ער אין אַ שמועס דערציילט זיסלינען, וויאַזוי אַווראָם האָט עס אין דער יוגנט באַשריבן דעם פעטער ייִדלס הויזגעזינד. די מײַסע איז שוין דעמלט געווען א פאַרגעסענע. כאַים-ליפּען, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן גוט מיט זיסלינען, האָט עס אים דערציילט בעסאָד, ווײַל דעמלט האָבן נאָך געלעבט אַלע פּערזאָנען, וועלכע גאָלדפאַדן האָט אויסגענוצט פאַר דער „מומע סאָסיע".

מיר דערמאַנען דאָ, אַגעוו, אַז לויט דער גוויעס איידעס פון זיסלינען, וואָס דערציילט עס אין כאַים-ליפּעס נאָמען, האָט אַווראָם גאָלדפאַדן אויך אין סימפּעראָפּאָל אויסגענוצט פאַר זײַנעם אַ ווערק לעבעדיקע פאַרשוינען פון דער מישפּאָכע, באַ וועלכער ער האָט געוווינט.ליידער איז דערפון קײַן שפּור ניט פאַרבליבן.

אָדעס, 1927

אינהאַלט

זײַט

פון דער רעדאַקציע 3

נ. אויסלענדער — דער יונגער שאָלעם־אַליכעם און זײַן ראָמאַן „סטעמפעניו" 5

מ. ווינער — די ראָל פון שפּראַך־פאָלקלאָר אין דער יידישער ליטעראַטור 73

א. זאַרעצקי — ניסטערס „און" 130

נ. שטיף — נײַע מאַטעריאַלן צו אליהו הלוי׳ס המבדיל־ליד 148

א. גורשטיין — דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די 60־ער יאָרן 180

י. נוסינאָוו — די ערשטע אויסגאַבע פון „ווינשפינגערל" 199

מענדעלע מויכער־ספאָרימס בריוו (מיט אַן אַרײַנפיר און באַמערקונגען פון נ. שטיף) 219

מ. ווײַנגער — לעקסיקאָלאָגישע אַרבעט אין דײַטשלאַנד 299

י. קוויטני — רעדנסאַרטן מיט „האַנט" און אירע טײלן 205

ש. בײלין — פאַרגלײַכענישן 323

א. יודיצקי — וועגן אינהאַלט פון וואָלף קאַמראַשס פּיעסע „קאָהאָל אין שטעטל" 331

י. רימיניק — צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע" . . . 337